UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 09 15 20 10 020 1

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

BRIEF
HD
0013454

$35.00

ג. גרשוני
1923

רויטער פנקס

צו דער געשיכטע
פון דער יידישער ארבעטער-באוועגונג
און סאציאליסטישע שטרעמונגען ביי יידן.

ערשטער זאמלבוך.

פארלאג
קולטור-ליגע
ווארשע
.1921

איִבערדרוקן און איִבערזעצן
אַרטיִקלען אָן דער ערלויִבניִש
פֿונם פֿאַרלאַג איִז פֿאַרבאָטן.

LIBRARY
SEP
20
19
UNIVERSITY OF TORONTO

געדרוקט איִן 3500 עקז.

Roter Pinkos

Wyd. „Kultur-Lige“, Warszawa.

Składano w Druk. „Di Welt“, Warszawa, Nowolipie 7. Odbito
w Druk. Sikora i Milner, Warszawa, Nowolipki 6.

אינהאלט:

ז. ז.

א. ליטוואק — די „זשארגאָנישע קאָמיטעטן" — — — — — — 5
ב. מיכאלעוויטש — ערב „בונד" — — — — — — — 31
פּ. אנ—מאן — ביאַליסטאָקער פּעריאָד אין לעבן
פון צ. ק. פון „בונד" — — — 45
ד. זאסלאווסקי — צו דער געשיכטע פון „בונד" אין קיעוו — 70
בראניסלאוו גראסער — אויטאָביאָגראַפיע — — — — 80
נ. מייזיל — לייזער צוקערמאַן — — — — — — — 92
מ. זילבערפארב — די גרופּע „וואזראזשדעניע" — — — 113
זרבבל — דער גרינדונגס־פּעריאָד פון י. ס. ד. אַ. פּ. פּועלי־ציון — 131
מ. גוטמאן — צו דער פאָרגעשיכטע פון ס. ס. — — — — 152
י. ברעגמאן. — די ערשטע יאָרן פונם פּראָלעטאַרישן ציוניזם — 174
נ. מ. — ערשטער יידישער סאָציאַליסטישער פאַראיין — — — 195

די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן“.

אויף ימים טובים תרנ״ד (1893) בין איך געקומען אין ווילנע פונם ישיבֿ, וואו איך בין געווען אַ לערער דעם זומער־זמן. דער קרייז, אין וועלכן איך האָב זיך געדרייט איז באַשטאַנען פון געוועזענע וואָלאָזשינער ישיבה־לייט און איישישקער פרושים, וואָס האָבן געוואָרפן דעם תלמוד און האָבן זיך „געגרייט“ צו פאַרשיידענע עקזאַמענס. מיינע נאָענטסטע חברים זיינען דעמאָלט געווען: אַן עקסטערן באָבראָוו, אַ זון פון רייכע בעלי־בתים אין ליצין, אַ לערער פון אַלע למודים, לעווינסקי פון אָסטראָליענקאָ און אַ זון פון אַ רייכן ווילנער וואַלד סוחר — אַ שיין אויסגעפוצט בחורל, וואָס האָט אַ ביסל געאַרבעט ביים פאָטער אין געשעפט און אַ ביסל געזוברעוועט לאַטיין, ב. קלעצקין. מיר האָבן אַלע געוואוסט, אַז אין ווילנע טוט זיך עפּעס בסוד־סודות צווישן אַרבעטער און יונגע אינטעליגענטן: מען לייענט פאַרבאָטענע ביכלעך, מען וויל איבערקערן די וועלט; אָבער קלאָר, וואָס דאָס איז אַזוינס, האָבן מיר ניט געוואוסט. אונז אַלעמען האָט געצויגן צו דעם, וואָס איז פאַרבאָרגן. יעדער איינער האָט חושד געווען דעם אַנדערן אַז אים האָט מען שוין „אַריינגענומען“, נאָר ער טאָר עס ניט אויסזאָגן. וועמען נעמט מען אַריין און וואו נעמט מען אַריין, דאָס איז געווען דער זיסער און גרוילעכער סוד. איך און לעווינסקי האָבן געהאַט עטליכע באַקאַנטע אַרבעטער, קרובים און שכנים. דאָס זיינען געווען פשוטע מענשן, מיט זעהר אַ קליינער אַנטוויקלונג, אָבער אַ פּאָר פון זיי האָבן זיך געלערנט „גראַמאָטע“, לייענען און שרייבן רוסיש און פון זייער האַלטן זיך, פון זייער באַזונדער מין שמייכל און איבערקוקעניש האָבן מיר געמערקט, אַז זיי ווייסן פונם סוד, האָט אונז געצויגן צו די אַרבעטער, ווי צו אויסדערוויילטע, און מיר האָבן געזוכט צו ווערן מיט זיי נאָענט.

מיר אַלע פיר חברים זיינען געווען גרויסע ליבהאָבער פון יודישע ביכלעך, איבערהויפּט איך און לעווינסקי. איך האָב געהאַט מיין אייגנס אַ צענדליק ערציילונגען פון מענדעלי, ספּעקטאָר און אַנדערע, די זאַמעלביכער „הויז־פריינד“ און די „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“. באַקאַנטע אַרבעטער פלעגן אַ מאָל נעמען ביי מיר אַ יידיש ביכל אויף שבת. איך האָב ליב געהאַט פאָרצולייענען פאַר זיי יהלל'ס „ווער קויפט עולם הבא?“ (יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק 1) און זיי פלעגט עס שטאַרק געפעלן ווערן. איז מיר איינגעפאַלן צו עפענען אַ יידישע ביבליאָטעק פאַר אַרבעטער.

אין ווילנע זיינען דעמאָלט געווען עטליכע העברעאישע ביבליאָטעקן. ביי דעם העברעאישן לערער און שרייבער ניסן גאָלאָמב, ביי דעם בלינדן זייגער־מייסטער ניסן גרעקנזאָן. דער לעצטער איז געווען אַן אַגענט פון העברעאישע צייטונגען. זיין דירה איז געווען אַ מין קלוב, וואו עס פלעגן זיך צונויפקומען העברעאישע לערער, מענשן וואָס האָבן אַמאָל געדרוקט אַ מאמר, צי אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ“ אָדער „הצפירה“, און גלאַט זיידענע יונגע לייט, וואָס האָבן געלייענט אַ בלאַט, זיך איבערגעשמועסט וועגן ראָטשילדס פּאַלעסטינע און דעם באַראָן הירשס אַרגענטינע. שפּעטער האָט גרעקנזאָן צוליב פּרנסה אָנגעהויבן האַלטן יידישע ביכער אויך, און די געזעלשאַפט אין זיין קלוב איז געוואָרן וואָכעדיקער. צו יענער צייט, פון וועלכער איך הויב אָן מיינע

זכרונות, איז נאָך זיין ביבליאָטעק, ווי זיין דירה, געווען דורכאויס פאַרנעם אין לשון־קודשדיק. אין סטראַשונס ביבליאָטעק זיינען געווען יידישע ביכער און אַלטע יידישע ציימונגען. אָבער אויף וויפיל איך געדענק איז דעמאָלט די ביבליאָטעק ניט געווען אָפן פאַר אַלעמען, זי האָט זיך געפונען אויף אַ פריוואַטער דירה ביי אַ קרוב פונעם פאַרשטאָרבענעם מתתיהו שטראַשון, און צולאָזן אַהין פלעגט מען נאָר יחידי סגולה, ניט אזוי אויף לייענען, ווי אויף אַרבעטן. יחידי סגולה פלעגן אויך קריגן העברע־אישע ביכער ביי חיים לייב מאַרקאָן, שמואל יוסף פינס אַ יינגערער חבר און אַ מיטרעדאַקטאָר פון „הכרמל".

יידישע ביכער פלעגט מען נעמען אויף פראָקאַט ביי די פאַקן־טרעגער און אין די בוכהאַנדלונגען פון יצחק פונק, קאַצענעלענבויגן און נאַפּטאַלין; מער ווי אַלץ ביי פונקן. פרייטאָג פאַרנאַכט פלעגט זיך ביי אים אין קראָם ביי די יאַטקעס צונויפקלייבן אַ היפש ביסל מענשן, אַרבעטער, דינסט־מיידלעך, הויז־פרויען, משרתים פון קלייטן. זיי פלעגן נעמען א ביכל אויף שבת. דער משכון איז געווען פון 50 קאָפּיקעס ביז אַ רובל. אַמאָל אַ חומש, צי אַ מחזור. פראָקאַט 5 קאָפּיקעס פון ביכל. ווען אַ בוך איז געווען אין עטליכע טיילן האָט מען פאַר יעדער טייל געצאָלט צו 5 קאָפּיקעס. שטייענדיק אין קראָם, פלעגט דער עולם שליסן באַקאַנטשאַפט, זיך דורכרעדן. איינער פרעגט ביים אַנדערן, צי לוינט נעמען דאָס בוך, וואָס יענער האָט איצט אָפּגעבראַכט, צי איז ער גענוג אינטערעסאַנט; מען בייט זיך מיט איינדרוקן; מען פרעגט ביי פונקן, צי איז ניטאָ עפּעס אַ נייס פון שמ"ר אָדער בלאָשטיין. שמ"ר און בלאָשטיין זיינען דעמאָלט געווען די באַליבסטע שרייבער, הגם מען האָט שוין אָנגעהויבן לייענען די גרויסע פילבענדיקע אַמעריקאַנער ראָמאַנען, ווי טענענבוימס „שטומער בעטלער" און „שוואַרצע דימענטן". איבערהויפּט האָט מען זיך געיאָגט נאָך איינעם אַן אַמעריקאַנער ראָמאַן אין 18 טיילן, „אויף אַ האַלב יאָהר שבתים", ווי פונק פלעגט זאָגן. יעדערער האָט זיך געאיילט צו פאַרענדיקן זיין טייל פונקט אין אַ וואָך, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז מען וואַרט שוין אויף אים, און טאָמער האָט איינער אָפּגעבראַכט דעם דריטן טייל און דער ערשטער האָט זיך פאַרהאַלטן נאָך אויף אַ וואָך, האָט ער געהאַט גרויס עגמת נפש דערפון, וואָס ער דאַרף איבעררייסן דעם ראָמאַן „פונקט אויף דעם שפּאַנענדיקסטן אָרט".

בעת מיר איז איינגעפאַלען צו מאכען א ביבליאטעק, האָב איך דער עיקר גע־האט אין זינען צו ראַטעווען דעם לעזער פון שמר"ן, וואָס איך האָב שוין דעמאָלט אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ שמאַטע, הגם איך האָב אים נאָך גאַנץ געשמאַק גע־לייענט. אונזערע פיר חברים, האָבן צונויפגעלייגט די יידישע ביכער, וואָס מיר האָבן אַליין פאַרמאָגט, סך הכל אַ שטיק 25; צווישן באַקאַנטע האָבן מיר צונויפגעקליבן 15 רובל און געקויפט ביי פונקן עטליכע צענדליק געניצטע ביכער, און די ביבליאָ־טעק איז געווען פאַרטיק. דאָס געלט האָבן מיר געקראָגן מיט צרות. מיר האָבן עס געדאַרפט „צונויפמאַכען פאַר אַ קראנקן"; זאָגן, אַז מיר קלייבן אויף אַ „זשאַרגאָנישע" ביבליאָטעק, האָבן מיר זיך געשעמט, און מען וואלט אונז טאקע אויסגעלאכט אויך.

די ביבליאטעק האבן מיר אוועקגעשטעלט ביי אַ באַקאַנטער פריילין לאנדאן. איר פאטער האט געהאלטן אַ שפּייז־קראם אויף גרויס סטעפאַן־גאַס, און צו זיי פלעגן אריינ־קומען יונגע לייט, לערער און עקסטערניקעס, קאנדידאטן אויף חתנים. די ביבליאטעק איז דארטן געשטאנען העכער א האלב יאר. ביכער פלעגט מען ארויסגעבן צוויי מאל א וואך, דינסטאג און פרייטאג. מיט דעם האט זיך פארנומען עמיצער פון אונזערע פיר חברים, די פריילין לאנדאן און אירער אַ נאנטער באקאנטער טויבקין. די לעזער

זיינען געווען עטליכע סטאליערעס, אַ פּאר קאנווערטן־מאַכערקעס און זאקנשטריקערקעס. איין שניידער און איין שניצער, סך־הכל א מענשן 12—15. זיי האבן כמעט אלע געלערנט גראמאַטע, ביי וועמען, האבן זיי ניט אויסגעזאגט. זיי פלעגן באַקומען רוסישע ביכער פון עפעס אַ קוואַל, וועלכן זיי פלעגן ניט אנרופן, אבער זיי איז געווען שווער צו לייענען רוסיש; פלעגן מיר ביי זיי די רוסישע ביכער אפט אנטלייען פאר זיך. איינער א סטאליער פלעגט נעמען דריי יידישע ביכלעך מיט אמאל. „פאַר זיך, האט ער געזאגט, דארף איך עס ניט, איך קאן שוין, ברוך השם, רוסיש. אבער ביי אונז אין ווארשטאש זיינען פאראן אזעלכע, וואס קאנען קיין גראמאטע ניט, נעם איך עס פאַר זיי". איך האָב געבעטן איינע פון די קאנווערטענמאַכערקעס, זי זאל אויך נעמען עטליכע ביכלעך פאַר אַנדערע מיידלעך ביי זיי אין פאבריק. האט זי מיר געענטפערט: „ביי אונז איז ניטא פאַר וועמען. א פאר בעסערע מיידלעך לייענען רוסיש. די איבעריקע קאנען קיין זשארגאן אויך ניט. חוץ דעם האבן זיי קיין צייט ניט. זיי לערנען זיך טאַנצען"...

אויף וויפיל איך קאן מיך איצט דערמאנען, איז דער באשטאנד פון דער ביבליאטעק געווען אַזוי:

בעלעטריסטיק: מענדעלי מו"ס — דאס קליין מענשעלי, מסעות בנימן השלישי, די קליאטשע; לינעצקי — דאס פולישע יינגעל, די בלוטיקע נקמה אדער יעקב טיראדא, לוח אין כסף; מאניע דלוגאטש — די וועלט מסירה; דינעזאן — הנאהבים והנעימים אדער דער שווארצער יונגער מאן, אבן נגף אָדער דער שטיין אין וועג; א. מ. דיק — שמעיה דער גוט יום טוב ביטער, חייציקל אליין, דער שאצמייסטער, די שקלאַפעריי (איבערגעמאכט פון ביסשער סטאו „דעם פעטער טאמס הייזל"), דער שבעים מאלציית, דער פארטעפיאַניסט; יעווגעניע אדער די געהיימניסע פון פראנצויזישען הויף — אַ ראמאן אין פיר טיילן איבערגעזעצט פון באַרן־המרמ"ז (שאַצקעס) — דער אידישער ערב פסח; י. טרובניקאוו „די אומגליקליכע מרים" א היסטארישער ראמאן איבערגעזעצט פון א. ש. פרידבערגס „עמק הארזים"; טויבע סעגאַל־גאלדעטשקע אונזער ליבע מלוהטע, אַ נאכמאכונג פון טשערנישעווסקיס „טשטאָ דיעלאַט"; מרדכי ספעקטאר — דער שטומער גוטער יוד, א ראמאן אן א נאמען, דער יודישער מוזשיק, העניים והאביונים, רבי טרייטל, די יודישע טעכטער; שלום עליכם — די וועלט־רייזע, דאס מעסערל, קינדער שפיל, סענדער בלאַנק, א בינטל בלומען, נאטאשע, העכער־נידעריקער, סטעמפעניו און יוסעלע סאלאוויי. אזוי ווי דאָס איז געווען ווייניק, און די לעזער האבן אפט געפאדערט „גיט עפעס לעבעדיקס, אינטערעסאנטס". האבן מיר געפונען פאר נויטיק צו האלטן ביי א צענדליק ראמאנען פון שמ"ר און בלאָשטיין. שמר"ס — די וואָס האָבן געהאט א היסטארישן סיוזשעט, ווי „דער יידישער מיניסטער" (ר' יהודה הלוי און אברהם אבן עזרא), בלאשטיינס ראמאנען מיט א געזעלשאַפטליכער טענדענץ, ווי „די גוואלד־שדוכים, „דער בעל טובה". געווען נאך זאביעזשענסקיס אַ פאַרפלאָנטערער ראמאן פון דער צייט פון די ערשטע פאגראמען „די שווערע צייטן". ער איז געווען נאך ערגער פון שמר"ס שמאַטעס, אבער די פאָגראַמען האבן אים געכשרט.

פאעזיע: מיכל גארדאן — לידער; י. ל. גארדאן — שיחת חולין; ש. י. אבראמאוויטש יודעל; אברהם גאלדפאדן־יודעלע; אליקום צונזער — 10 לידער (די סאכע, דער ניינצענטער יארהונדערט א אז. וו.).

זאמלביכער: ספעקטאָרס — 1־טער און 2־טער הויז־פריינד, פאמיליען פריינד, שלום עליכמס 1־טע און 2־טע יודישע פאָלקס־ביבליאטעק. פרצס יודישע ביבליאטעק.

„דער יודישער וועקער“ א פאליטישער זאמלבוך רעד. פון מ. ל. לילענבלום, א פאלעסטינאפילישער זאמלבוך „דאס הייליקע לאנד“, ארויסגעגעבן פון בערטע פלעקסער, אַ שוועסטער פון דעם רוסישן קריטיקער וואלינסקי און עטליכע קאלענדארן פון מענדעלי מוכר ספרים, לינעצקי און עפלבערג. פון יידישער געשיכטע האבן מיר געהאט נאר איין באנד גרעץ (פאלקסטימליכע געשיכטע), איבערגעזעצט פון י. לינעצקי.

דראמען: מענדעלי מוכר ספרים—די טאקסע, דער פריזיוו און לעסינגס „נתן החכם“, איבערגעזעצט פון לינעצקי. גוצקאוו – אוריאל אקאסטע, איבערגעזעצט פון י. לערנער, מ. ל. לילענבלום–זרובבל. איבער קריטיק איין ביכל — „סוד פריסאזשניך אדער שמו"ס משפט“ פון שלום עליכם. איבער נאטור־וויסענשאַפט איין בוך — דער סוף פון דער וועלט אדער דער „קאמעט“ פון מיכל וועבער, א פרייע באארבעטונג פון פלאַמאריאנס פאפולערע אסטראנאמיע. איבער געזעלשאַפטליכע פראגן געדענק איך נאר 2 בראשורן פון איינעם מינדלין פון אדעס: „ארטעלן“ און „אם אין אני לי, מי לי“, – ביידע איבער פראָדוקטיוו־קאאפעראַטיוון. דאס איז געווען כמעט אַלץ, וואס א יידישע ביבליאטעק, וועלכע האט געוואלט אויסקומען אָן שמר און בלאָשטיין, האט דעמאלט געקאנט האָבן. און נאך לאַנגע יאָרן שפעטער איז ניט געווען קיין מאטעריאל, פון וואס צונויפשטעלן א יודישע ביבליאטעק.

חול המועד סוכות דעם זעלבן יאר בין איך באקאנט געווארן מיט איינעם א בחור יצחק גוידא, דוכט זיך פון לידע. איןווארשע איז דעמאלט ארויסגעגאנגען בן אביגדורס בעלעטריסטישע ביבליאטעק „ספרי אגורה“, קליינע ביכלעך אין פעטיט, צו 5 קאפיקעס אַ ביכל. גוידא האט מיר ביי דער עשטער באגעגעניש גלייך דערציילט, אז אין בן אביגדורס ביבליאָטעק איז אפגעדרוקט זיינע אן ערציילונג אין 2 טיילן, אונטערן נאמען „הנגר הנאור“ (דער אויפגעקלערטער סטאליער), אונטערגעשריבן י. ג–א.. דאָרטן שילדערט ער אַ ישיבה בחור אן עלוי, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן דעם תלמוד און האָט זיך אויסגעלערנט סטאָלעריי. איצט לעבט ער פון אַרבעט און זוכט אויפצוקלערן זיינע חברים, די פשוטע סטאָליערעס. צווישן די ישיבה־בחרים, וואָס זיינען געווארן משכילים, איז עס דעמאָלט געווען אַ גאַנגבאַרע אידייע. און איך אַליין האָב געהאַט נאָענטע חברים ווי ישראל מיכל קאָפלינסקי, יעקב ווײַנער, פסח דאמסקי און אַנדערע, וואָס נאָכדעם, ווי זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן דעם תלמוד האָבן זיי זיך גענומען ניט פאַר לאטיין און גריכיש, נאָר פאַרן האַמער און נאָדל. גוידאַ האָט מיר געזאָגט, אַז פאַרן העלד פון זיין ערציילונג האָט ער גענומען אונזער געמיינזאַמען באַקאַנטן אברהם וואָלט (דעם איצטיקן דיכטער א. ליעסין), אַ בחור אן עלוי, וואָס דרייט זיך צווישן אַרבעטער און אַליין קלייבט ער זיך צו ווערן אַן אַרבעטער.

ער האָט מיר אויך פאַרטרויט, אז עס זיינען פאַראנען אינטעליגענטן, לערער און סטודענטן, וואָס זוכן באַקאַנט צו ווערן מיט אַזעלכע יונגע לייט, וועלכע קאָנען זשאַרגאָן. כאַפּן זיי אַזאַ יונגען מאַן, (זיי רופן אים האַלבער אינטעליגענט), ווערן זיי מיט אים נאָענט, גיבן אים ביכער צום לייענען, רעדן מיט אים, פאַרגיבן טעמעס, וועגן וואָס צו שרייבן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער גופא טראָגט זיך איצט אַרום מיט אַ געדאנק צו שאַפן אין זשאַרגאָן אַזאַ ביבליאָטעק פון פינף קאָפיקענע ערציילונגען, ווי בן אביגדורס העברעאישע. ער האָט שוין אפילו אַ פאַרלעגער אויך, דאס איז יוסף שריפטזעטצער, דער פאַרוואַלטער פון דער יידישער דרוקעריי פון „ראזענקאַנץ און שריפטזעטצער“. יענע דרוקעריי גיט סיי ווי אַרויס קליינע זשאַרגאָנישע ביכלעך, אויף וועלכע עס שטייט אויפגעשריבן „האַרצרייסנדער ראָמאַן“, מיט

קליינע אותיותלעך „אַזוי ווי די ראָמאַנען“ און מיט גרויסע אותיות „פון שמר“. אַזאַ ביכל האָט איין דרוק=בויגן. דער פאַרפאַסער נעמט פאַר אים דריי רובל און פאַרקויפט דעם זכות אויף אייביק – לצמיתות. דאָס ביכל ווערט געדרוקט אין 10 טויזענט עקזעמפּליאַרען און ווערט פארשפרייט דורך פאַקנטרעגער, וועלכע צאָלן צו איינע אָדער אַנדערהאַלבן קאָפּיקעס און פאַרקויפן צו דריי קאָפּיקעס אַ שטיק. וויל איצט שריפטזעטצער, אַ מענש אַ הייגטיקער, אויף דעם זעלביקן אופן אַרויסגעבן בעסערע ביכלעך, וועלכע ער וועט אויך פאַרשפרייטן דורך פאַקנטרעגער, נאָר דער פאַרפאַסער וועט נעמען פאַר אַזאַ ביכל 10 רובל און אין איינצעלפאַרקויף וועט עס קאָסטן 5 קאָפּיקעס.

יענעם ווינטער 1893–1894 פלעג איך זיך מיט גוידאַן אָפט באַגעגענען. זיין ביבליאָטעק האָט טאַקע אָנגעהייבן אַרויסצוגיין און אין משך פונם ווינטער און זומער זיינען אַרויס פּאָלגנדיקע נומערן: 1) גוידא – פון זאַוואָד אין באָד. א מעשה מיט אַן אַרבעטער, וואָס פאַרלירט די האַנט ביי אַ מאַשין פון סאָדע=וואַסער, און אַז ער גייט אַרויס פון שפּיטאָל האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט, ווי צו ווערן א היטער פון די קליידער אין באָד. אַלע פרייטאָג גיט אים. יעדער ייד, וואָס גייט אין באָד, אַ קאָפּיקע פאַר היטן די זאַכן, און דער בעל=הבית פון זעלצער=זאַוואָד, וואו ער האָט די האַנט פאַרלאָרן, גיט אים גאַנצע 2 קאָפּיקעס. 2–3) גוידא – די נייע ליבע. אַ מעשה מיט אַ הייגטיקע פאָר=פאָלק פון דער בעל=הבתישער וועלט, וועלכע האָבן אין דער יוגנט אַ סך גערעדט וועגן בילדונג און נייעם גייסט, און אַז זיי האָבן חתונה געהאַט, זיינען זיי ביסלאַכווייז, פאַר זיך אַליין ניט באַמערקט, געוואָרן פּראָצענטניקעס מיט אַלע פּישטשעווקעס, ווי זייערע טאַטעס. 4) גוידא – דער פאַרפאַלענער סאָוויעסט. שטשעדרינס באַקאַנטע סאַטירע, צוגעפּאַסט צו דעם יידישען לעבן. 5) ד. פּינסקי – דער גרויסער מענשן פריינד, פריער געדרוקט אין דריטן באַנד „הויז פריינד“. 6) י. ל. פּרץ – „יוסל ישיבה בחור“ און „דער קראַנקער יינגל.“

ווינטער 1893—1894 האָט זיך בכלל אנגעהויבן א שטיקל אויפלעבונג אין דער יידישער ליטעראַטור. אין וואַרשע איז נאָך א הפסקה פון עטליכע יאָר ארויס דער דריטער באַנד „הויז פריינד“. אויסער דעם ערשטן קאַפּיטל פון מענדעלעס „פישקע דער קרומער“, וועלכער איז געווען אַ בשורה פאַר דער יידישער שיינער ליטעראַטור, איז דאָרטן געווען דוד פּינסקיס „דער גרויסער מענשן=פריינט“ – א סאַטירע אויף אונזערע ליבעראַלע כלל=טוער, און זיינער אַ פעליעטאָן „אויף מלחמה מיט הינטער=פיסלעך=טאַנץ“, א שאַרפע ארויסטרעטונג קעגן חיבת=ציון און קעגן דער רעאַקציע אין דער העבראישער ליטעראַטור פון יענער צייט. אין עפּלבערגס האַנדלס=קאַלענדאַר איז געווען געדרוקט פּינסקיס „אַראָפּ דער יאָך“, וואו עס האָט צום ערשטן מאָל אין דער יידישער ליטעראַטור געקלונגען דער פּראָטעסטירענדער קול פונם יידישן אַרבעטער. זומער 1894 איז אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ אַרויס פּינסקיס „רבי שלמה“, – אַ מעשה מיט אַ שיינעם יידישן בעל=הבית, אַ למדן און אַ יחסן, וואָס אויף דער עלטער ווערט ער נאָענט מיט פּשוטע בעלי מלאָכות און אַרבעטער און גיט זיי אָפּ דעם לעצטען יאָר פון זיין לעבן.

פאַר פּסח איז אין ווילנע אַרויס אַ ביכל פון איינעם בן אריה (קרייער, – אַ לערער אין ווילנער תלמוד=תורה). דאָס ביכל האָט געהאַלטן 4–5 דרוק=בויגן און האָט געהייסן „אַ וועלט מיט וועלטעלעך“. דאָס איז געווען אַ האַלב=בעלעטריסטישע פּאָפּולאַריזאַציע פון די ערשטע באַגריפן אין אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטישער געאָגראַפיע,

נאָכגעמאַכט א רוסישן ביכל פון איוואַנאָוו (ראַסקאַזי אָ זעמליע אי נעבע), אָבער איינגעפאַסט אין אַ יידישער מעשה מיט משלים פונם יידישן לעבן. דאָס ביכל האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג און האָט אויסגעהאַלטן 5–6 אויסגאַבן. בן אריה האָט געקראָגן אַ שטיקל נאָמען. אַ סימן האָט איר, אַז דער בוכהענדלער און פאַרלעגער מ. קאַצענעלבויגן האָט אין אַ האַלב יאָר אַרום באַשטעלט ביי דעם זעלביקן בן אריה אַ ביכל, וואָס זאָל הייסן „א מענש מיט מענשעלעך". שרייבט, — האָט ער געזאָגט, — וואָס איר ווילט, אַבי דער נאָמען זאָל פאַרכאַפּן. דער עיקר איז דער נאָמען. פאַר וואָס, מיינט איר, איז אי ער ערשטער ביכל געגאַנגען? אז אַ ייד זעט אין פענסטער אַ „וועלט מיט וועלטעלעך" דערלאַנגט עס אים אַ שלעפּ און ער מוז אריינגיין קויפן*)

אויף פסח 1894 איז אין ווילנע אָנגעקומען דאָס ערשטע יום-טוב בלעטל פון פרץ-ספעטקאָר „לכבוד פסח". די סאָציאַליסטישע טענדענץ האָט זיך נאָך אין יענעם בלעטל כמעט ניט אַרויסגעזען. מען האָט נאָר באַמערקט, אַז דאָס בלעטל ווערט פאַרשפּרייט ניט ווי געוויינליך דורך פאַקנטרעגער און בוכהענדלער, נאָר דורך עפּעס יונגע לייט, וועלכע האָבן מיט דעם ספרים האַנדל גאָר ניט צו טון. אינם ערשטן בלעטל איז געווען אָפּגעדרוקט פרצס „די רויז", אַ זאַך, וועלכע קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, און יעדערער האָט אין איר אריינגעלייגט זיין אייגענע כונה. שוין פון דעמאָלט אָן זיינען מיר געוויינט געוואָרן צו ברעכן דעם קאָפּ איבער אַ שטיקל פרץ, ווי איבער אַ שווערער סוגיא אין גמרא, אָדער ווי איבער אַ האַרבן אָפּזאַץ פון מאַרקס. פרישמאַן האָט שפּעטער אין זיין פאַמפלעט געמאַכט חוזק, אַז צוויי ענגלישע לאָרדן האָבן זיך פאַרוועט איבער דעם פשט פון פרצס „רויז". איך בין ניט פויל געווען אויפן פען און האָב אין אַ פּאָסטקאַרטל אָנגעפרעגט פרצן אליין, וואָס האָט ער געמיינט מיט זיין „רויז". פרץ האָט מיר געענטפערט אין העבראיש. אין די יאָרן 1894 – 95 האָב איך פרצן עטליכע מאָל געשריבן, און יעדער מאָל האָט זיך איבערגעחזרט דאָס אייגענע: איך שרייב יידיש, און ער ענטפערט העבראיש. פרץ האָט מיר אין זיין ערשטן פּאָסטקאַרטל געשריבן: „השושנה היא עלמה נופלת תחת עול החיים" (די רויז איז אַ מיידל, וואָס פאַלט אונטערן יאָך פון לעבן). מיט דעם דאָזיקן קליינעם שליסל האָב איך גענומען שטודירן „די רויז" שורה נאָך שורה — פאַרשטאַנען האָב איך זי אַלץ ניט, אָבער איך בין געווען גרויס ביי זיך, וואָס איך האָב געהאַט די זכיה צו באַקומען אַ פּאָסט-קאַרטל פון אַן אמתן שרייבער.

*) דער דאָזיקער קאַצענעלבויגן האָט אַרויסגעגעבן בלאָשטיינס ראָמאַנען און י. ל. גאָרדאָנס בריוו. ער איז געווען דער פאַרלעגער פון פרץ סמאָלענסקיס געזאַמעלטע ווערק און דער איינציקער אַגענט פאַר גאַנץ רוסלאַנד פון די אַמעריקאַנער גרויסע ראָמאַנען. אָבער מער ווי אַלץ האָט ער געהאַלטן פון אויסטערלישע צמצן אין פאַרפלאָנטערטע טעמעס. ער האָט אַמאָל באַשטעלט ביי בן אריהן אַ ראָמאַן אין איין דרוק-בויגן, וואָס די טעמע זאָל זיין — צוויי ווייבער אין איין קאָרסעט. „איר וועט זען" — האָט ער געטענהט, — דאָס גאַנצע יידישע פאָלק וועט זיך האַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער. עס וועט גיין מער, ווי „ווילנע דוואָשע פאָרט אין אַמעריקע"... בן אריה האָט די באַשטעלונג ניט אָנגענומען, אָבער קאַצענעלבויגן האָט דערוויל ברייט צעקלונגען צווישן אַלע באַקאַנטע, אַז פאַר אים שרייבט זיך „אַזאַ צאַצקע". האָט גענומען דער דרוקער מ"ק און שטילערהייט אַוועקגעשריבן א בריוול צו עוזר בלאָשטיין אין דווינסק, יענער זאָל אים וואָס גיכער אָנשרייבן אַ ראָמאַן אין אַ דרוק-בויגן אויף דער טעמע: „צוויי ווייבער אין איין קאָרסעט". בלאָשטיין איז דעמאָלט געווען שטאַרק באַרימט; אַנדערע האָבן געהאַלטן פון אים אַפילו מער ווי פון שמרן. פאַר דער עקסטרע שטיקל אַרבעט האָט ער גענומען גאַנצע 25 רובל — אַ גוואַלדיקער האָנאָראַר פאַר יענער צייט. — אין אַ חודש אַרום איז ביי מ"צן פון דרוק אַרויס אַ פּאַרטיקער „קאָרסעט". אַזאַ רושם ווי „ווילנע דוואָשע" האָט דער „קאָרסעט" ניט געמאַכט, אָבער קאַצענעלבויגן איז געווען מוראדיק אין כעס: „אָט אַ זשוליק דער מ"ק, ער זאָל מיר אַרויסנעמען טויזנט רובל פון קעשענע, וואָלט מיר ניט אַזוי פאַרדראָסן. אַוועקגעגנבעט אַזאַ גאָלדענע אידייע"...

אין צווייטן בלעטל „פייל און בויגן“ אויף ל״ג בעומר איז שוין דער סאָציאַלי־סטישער כאַראַקטער געווען בולטער. דאָס בלעטל איז אַרויס פון פרצן אליין אָן סעפּקטאָרן. צווישן מיינע נאָענטע באַקאַנטע האָט מען עס אויסגעטייטשט: ספּעקטאָר האָט זיך דערשראָקן. אין ל״ג־בעומר בלעטל איז געווען אָפּגעדרוקט פרצס ליד, „די נאַכט וועכטער, אַ פּרום רבניש לידל“. דאָס איז געווען אַ איבערזעצונג פון שאמיסאס "יעזואיטן", נאָר אין בלעטל איז עס ניט אָנגעוויזן. דאָס ליד איז שטארק געפעלן גע־וואָרן די אַרבעטער, און זיי פלעגן עס מיט חשק דעקלאַמירן:

„אַ נאַכט אַ מחיה; דאָס בעכטל איז טייער,
נאָר היט אייך פאַר פייער, היט אייך פאַר פייער!
נאָר נישט געקאָכט און געזאָטן!
פאַרשליסט נאָר די פענסטער און טירן און טוירן!
פאַרמאַכט אויך די אויגן, פאַרשטאָפּט אויך די אויערן,
און כראָפּעט, ווי גאָט האָט געבאָטן!
פאַרשאָלטן זאָל ווערן, ווער ס׳רירט זיך און גייט
און צינדט אָן אַ פייער, צי רירט דעם טראָמפּייט
צום בלאָזן, צום וועקן ביי נאַכט!
מען וועט אין גיהנם די לייבער זיי דרעשן
און דאָ וועלן מיר לעשן און לעשן, און לעשן,
געטריי וועלן מיר דינען דער נאַכט!“

אויפן שבועות־בלעטל האָבן מיר שוין געוואַרט, ווי אויף אַ טייערן גאַסט. די „עשרת הדברות פון אַ קליינעם בעל־הביתל“ האָבן אויף אונז געמאַכט אַ רושם: „ער איז אינגאַנצן אונזערער“... אין דעם פעליעטאָן „אין עולם התהו“ האָבן מיר זיך געגריבלט און געלערנט פשט. אויף שבעה עשר בתמוז איז אַרויס „דער תענית“. אונז זיינען גע־פעלן געוואָרן די אַפאָריזמען וועגן תעניתים, אין ראַדיקאַלן גייסט. אין זעלביקן בלעטל איז געווען פרצס ערשטע חסידישע זאַך „די מקובלים“. דאָס רוב פון מיינע באַקאַנטע האָבן עס אפילו ניט באַמערקט. מיר איז די זאַך שטאַרק געפעלן, אָבער זי האָט מיך פאַרחידושט: וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט דעם איבעריקן? מיט דריטהאַלבן יאָר שפּעטער האָב איך זיך אין ווילנער פּאָליטישער טורמע (פערצנטער נומער) צוזאַמענ־געטראָפן מיט דעם פאַרשטאָרבענעם אַמסטערדאַם. עס רעדט זיך נאָר אַזוי צוזאַמענגע־טראָפן,—געזען האָבן מיר זיך ניט. מיר זיינען געזעסן פארשלאָסן אין צוויי נאָענטע קאַמערן; נאָר אין דער וואַנט, וואָס האָט אונז צעטיילט, איז אונטן נעָבן דיל געווען אַ לעכל, געמאַכט פון מייז און פאַרברייטערט פון אונז—פלעגן מיר אין די אָוונטן ליגן אויסגעצויגן אויפן דיל, יעדערער פון זיין זייט, צוגעשפאַרט מויל און אויער צום לעכל און זיך איבערשמועסן. געווען יאָרן... וויפיל מענשן האָב איך דורך אַזעלכע לעכלעך קענען געלערנט, וויפיל הייסע וכוחים געפירט, וויפיל אינטימע סודות אויסגעהערט... איז אין איינעם פון אַזעלכע לעכל־שמועסן געקומען צו רייד וועגן פרצן, און אַמסטער־דאַם האָט מיר געזאָגט: „נאָר דאָ אין טורמע, וואו עס איז פאַראַנען אַזוי פיל צייט אויף טראַכטן, האָב איך געכאַפּט דעם טיפן זינען פון פרצס „מקובלים“. דער הונגער ברענגט מענשן און פעלקער צו האַלוצינאַציעס, צו חזיונות, צו נבואה. פון יכורים ווערט מען אַ מקובל. אַז עס איז ניטאָ די וועלט, שאַפט מען זיך אַ שיינע יענע וועלט.

אין די זומער־בלעטלעך זיינען געווען פרצס פעליעטאָנען קעגן די רבנים און

דעם מנהג פון חליצה—אַ פאַרשפּיל צום „שטריימל״; קעגן די העברעאיסטן און חובבי־ציון, וואָס ווערן פאַרציטערטע יעדער מאָל, ווען אינטעליגענטע מענטשן הויבן אָן שרייבן גוטע זאַכן אין זשאַרגאָן; קעגן די דאָזיקע ירושלימער אַדעליגע, וואָס האָבן מורא, דער פּשוטער המין זאָל זיך ניט צופיל דערוויסן, ניט ווערן צופיל אויפגעקלערט. די פעליעטאָנען האָבן אונז צוגעטראָפן: אָט דאָס דאַרף מען טאַקע! שוין לאַנג צייט געווען... אָבער דעם גרעסטן רושם האָט אויף אונז געמאַכט דער פעליעטאָן „וואָס זאָל איך ווערן״, אין סוכות־בלעטל. ער איז געווען זעהר שיין געשריבן אין מאַניר פון היינע, און די קאַמפּס־שטימונג און די בולטע רעוואָלוציאָנערע טענדענץ האָבן אויף אונז געמאַכט דעם טיפסטן איינדרוק.

מען האָט געלייענט און איבערגעלייענט דעם אָפּזאַץ וועגן שלום, און מען האָט באַזונדערס באַטאָנט די פאָלגנדיקע שורות:

„פאַר שלום האָב איך מורא, פאַר שטילקייט ציטער איך אימת־מות!

שלום איז צווישן גנבים, ווען זיי גרייטן זיך צו דער פינגער־מלאכה... זיי מאַכן שלום מיט דער פינסטערער נאַכט און צינדן קיין שטריי־כהעלצל ניט אָן... שלום מאַכן זיי מיט יעדן וואָלקן, וואָס ציט איבער דער לבנה... שלום מאַכן זיי אפילו מיטן בריטאַן אויפן הויף און וואַרפן אים צו אַ שטיק „לא יחרץ״ פלייש, צו פאַרשטאָפּן דאָס מויל...

נאָר פּריוו און וויל שטילערהייט און בשלום פאַריאָגן די אומגעבעטענע געסט? מוזטו ליכט אָנצינדן, הויז־לייט וועקן, קולות מאַכן...

שלום און שטיל איז אויפן בית־הקברות... אָן געוויש פרעסן זיך די ווערם אַריין אין די מתימס לייבער, שטיל האַלזט אַרום דער מעך די אַלטע מצבה און ציט זי אין דער ערד אַריין... שטיל רוישט דאָס אָרימע בוימל, וואָס ציט אַריין אין זיך דעם קברים־זאַפט... נאָר פּריוו גיב תחית המתים!... מוזטו פריער בלאָזן אויפן שופר של משיח!

שטיל איז נאַכט און טויט״!

אָבער זיך מיט אונזער גאַנצער שטימונג האָבן מיר מער ווי אַלץ געפונען אין די לעצטע שורות פון פעליעטאָן. נאָכדעם ווי פרץ האָט איבערגעקליבן אַלע בקשות, מיט וועלכע ער וואָלט געקאָנט זיך ווענדן צום רבונו של עולם אין האַלבער נאַכט פון הושענא רבה, -אין דער קורצער רגע, ווען דער הימל שפּאַלט זיך, און יעדעס וואָרט, מיט וועלכן אַ מענש כאַפּט זיך דעמאָלט אַרויס, ווערט מקוים. איבערגעקליבן אַלע און זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף קיין איינציקער, ענדיקט ער:

„איך האָב נאָך אַנדערע, אפשר בעסערע און וויכטיקערע בקשות, און זיי וואָלטן זיך דיקא געלאָזט איינפּאַסן אין איין וואָרט, אין איין איינציק וואָרט,—שאַרף ווי דער בליץ, שטאַרק, ווי דער דונער... נאָר צום הימל איז ווייט, מען מוז שרייען הויך, און שטיוול האָבן אויערן, אָקסן־לאַנגע צונגען און איך—איך האָב שטאַרק, שטאַרק מורא...״

ווען איך האָב עס פאָרגעלייענט פאַר אַרבעטער, האָב אין זיי ניט געדאַרפט פאַרטייטשן, וואָס מיינט פרץ. ביי אַלעמען האָבן זיך באַוויזן פייערלעך אין די אויגן. און איינער האָט מיט אַ באַגייסטערטן שמייכל באַמערקט:

—אַ מענש, וואָס דערוועגט זיך אַזוי צו שרייבן—האָט שוין גאָר קיין מורא ניט..

די הויפּט־שרייבער אין די בלעטלעך זיינען געווען פרץ און פינסקי. און אויב ער פלעגן אַריינפּאַסן אַנדערע אויך, האָבן מיר זיי ניט באַמערקט. פרץ האָט געשריבן פעליעטאָנען, ערציילונגען, לידער, אפילו פאָפּולער־וויסנשאַפטליכע אַרטיקלען. און טאָמער איז אין איינעם פון די בלעטלעך געווען אָפּגעדרוקט אַן איבערזעצונג פון קנוט האַמסון, האָבן מיר, האַלבע אינטעליגענטן, אין אונזער נאַאיווקייט עס איך אָנגענומען פאַר

פּרצס אַ פּסעוואָדנים. פּינסקי האָט געגעבן זיינע אַרבעטער=ערציילונגען, וועלכע האָבן געאָטעמט מיט לעבנס=פרייד, געשפּריצט מיט באַהאַלטענעם כח,—די ערשטע אַרבעטער=ערציילונגען אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס ערשטע מאָל, ווען דער נייער פּראָלעטאַריער האָט פאַרביטן מענדעלים אַלטן קבצן. די יום=טוב בלעטלעך האָבן זיך פאַרשפּרייט אין ווילנע אין אַן עקזעמפּלאַרן 200, אָבער געלייענט געוואָרן זיינען זיי אַ סך מער. זיי זיינען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. מען האָט זיי געלייענט און פאַרטייטשט אין אַרבעטער=קרייזלעך, געלייענט מער צווישן די שורות, ווי אין די שורות. זיי זיינען געוואָרן אַ מאַטעריאַל פאַר פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע.

איך ווייס ניט, ווי עס האָבן אויף דעם געקוקט די עלטערע, די אינטעליגענטן, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט פּרצן אין פאַרבינדונג און האָבן אים באַאיינפלוסט. ביי זיי איז עס מסתמא געווען איינער פון די מיטלען, וועלכע זיי האָבן אויסגענוצט פאַר זייער גרויסן ציל. ביי אונז יונגע האַלב=אינטעליגענטן, דורכגעווייקטע אין יידישקייט, זיינען די נעמען פּרץ און פּינסקי געווען הייליק; די יום=טוב=בלעטלעך זיינען געווען „אונזערע בלעטלעך“, צעגליאַנע 1.——אונזער גייסטיקער צענטר... פאַרשפּרייטן די בלעטלעך איז געווען אונזער שמחה, באַקומען אַ בריוו פון פּרצן—אונזער גליק. און דאָס איז געווען ניט אין ווילנע אַליין.

אין אלול 1894 איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ טאָג צייט אין דעווענישאָק, ווילנער גובערניע, האָב איך זיך דאָרטן געטראָפן מיט אַ פּאָר חברים פון דער ישיבה און מיט זייערע שוועסטער, שוין „היינטיקע“. האָבן זיי מיר פאַרטרויט, אַז ביי זיי איז פאַראַנען אַ קליינער קרייזל, וואָס שרייבט אויס און פאַרשפּרייט די בלעטלעך. דער פירער איז אַ יונגער לערער, אַ אידעאַלער מענש. „איר ווייסט? ער שרייבט זיך איבער מיט פּרצן אַליין.——נאָך דעם שבת=נחמו בלעטל האָט ער אים געשריבן: קאָך, יל״פ, (פּרץ פלעגט זיך אַמאָל אַזוי חתמענען) דיין געקעכטס קרעפּטיקט! ווי געפעלט עס אייך?“

און אַ בלעטל האָט דעם ערשטן יאָר איינגאַנצן געהאַלטן נאָר איין דרוק=בויגן, און פון איין בלעטל ביזן אַנדערן פלעגט דאָס רוב אויסקומען וואַרטן אַ חודש און מער.

דער קלאַנג וועגן די בלעטלעך איז דערגאַנגען צו דעם ווילנער שטאָט=מגיד, רבי הירש ראַבינאָוויטש, אַ זון פונם קאָוונער רבי יצחק אלחנן. אין איינער פון זיינע דרשות, אין דער גרויסער שול איז ער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די געפערליכע נייע טרייף=פּסולן, וואָס פירן אַראָפּ יידישע יונגע=לייט פונם גלייכן וועג. דאָס, וואָס פּרץ האָט אָנגעפירט דעם חיבת=ציון, און בכלל זיין קעגלען דעם זשאַרגאָן האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די העברעאישע פאַרלעגערישע חברה „אַחיאסף“. האָט זי געלאָזן פּרישמאַנען, שוין דעמאָלט פּרצס אַ שאַרפער געגנער, אָפּדרוקן אָן די נעמען פון מחבר און פאַרלעגער 2 פאַמפלעטן „לאָקשן“ און „פלוי אויף תשעה באב“. די פאַמפלעטן זיינען געווען אַ גראָבע אומגעלומפּערטע אַטאַקע אויף פּרצן, פול מיט מיאוסע, אַפילו ניט דרוקבאַרע אויסדרוקן; העכער 20 יאָר פלעגט דער עכטער פּרישמאַן שטענדיק פאַרלירן דעם פיינעם געשמאַק, ווי נאָר עס האָט זיך געהאַנדלט אום פּרצן. אונז האָבן די פאַמפלעטן גוואַלדיק אויפגערעגט. פון גרעקנזאָנס קלוב האָבן מיר זיך דערוואוסט, ווער זייער מחבר איז, און אונזער שנאה צו פּרישמאַנס „ציניזם“ הויבט זיך אָן נאָך פון יענע יאָרן, ווען ער האָט אַזוי טאַקטלאָז באַשפּיגן אונזער הייליגקייט.

ווינטער 1895 איז אַרויס דאָס זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן“, וואו עס זיינען געווען געדרוקט פּרצס „דאָס שטריימל“ און „באַנציע שוויג“ און פּינסקיס „חיים משרת“,

וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די נייע יידישע אַרבעטער און האָבן שטאַרק געהאָלפן צו פאַרשפרייטן סאָציאַליסטישע שטימונגען.

אַ ביסל פריער איז אַרויס פרצס אַ קליינער זאַמלבוך אין העברעאיש, „החץ“. אונזערע האַלבע אינטעליגענטן זיינען אַלע געווען שאַרפע קעגנער פון העברעאיש, דאָך האָבן מיר נאָך געלייענט אַלץ, וואָס פלעגט אין יענער שפראַך אַרויס גיין. אויף פרצס „החץ“ האָבן מיר זיך געוויס אַרויפגעוואָרפן, געווען דאָרטן אַ שאַרפער אַרטיקל קעגן דעם פּאַלעסטינישן געדאַנק, אונטערן נאָמען „יוצרי תוהו“, געחתמעט אמיתי. אין גרעקנזאָנס קלוב האָט מען געזאָגט, אַז דער אַרטיקל איז געשריבן פון נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער איז נאָך דעמאָלט קיין ציוניסט ניט געווען און פלעגט אין „הצפירה“ און אין „האסיף“ אָפט געבן דעם חיבת־ציון אַ שטילן שטאָך, הגם אויף קיין אָפענער אַטאַקע האָט ער קיין מוט ניט געהאַט. שפּעטער האָט מען מיר געזאָגט, אַז דער אַרטיקל איז געשריבן פון פרצן אַליין. פונם טעמפּעראַמענט, וואָס שפּריצט אַרויס פון יעדער שורה, איז קאָנטיק, אַז דאָס איז אַזוי. ווי דאָס איז, דער אַרטיקל האָט אונז געגעבן אַ שאַרף געווער קעגן חיבת־ציון. אינם זעלביקן זאַמל־ביכל זיינען געווען פרצס צוויי שיינע רעוואָלוציאָנערע מעשהלעך „המחשבה והכנור“. אַ סך שפּעטער האָט מ. פרומקין פון לאָנדאָן זיי איבערגעזעצט אין יידיש, אונטערן נאָמען „דער געדאַנק און די האַרפע“ און אָפּגעדרוקט אין אַ זאַמלונג איבערזעצונגען פון פרצן: „די אַכטע אָפּטיילונג אין גיהנם“. כמעט אַלץ, וואָס איז געווען אין יענער זאַמלונג, האָט פרץ שפּעטער אַליין איבערגעשאַפן אין יידיש. די צוויי שיינע מעשהלעך זיינען ליידער ביי אונז געבליבן נאָר אין פרומקינס הילצערנער איבערזעצונג. איך פלעג זיי מיט אייגענע ווערטער דערציילן אין אַרבעטער־קרייזלעך און זיי האָבן שטענדיק געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג.

איך האָב דערמאָנט מיין באַציהונג צו די אַרבעטער־קרייזלעך און מוז מיך אומקערן אַ ביסל צוריק. אין פרילינג 1894 בין איך „אַריינגענומען“ געוואָרן אין קרייז פון די סאָציאַליסטען (ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, האָב איך באַשריבן אין „מיין ערשטער פּראָקלאַמאַציע“, וואָכנבלאַט „צייט“, פּסח־נומער 1913) און איין מאָל אַ פאַרנאַכט האָט מיך אַ באַקאַנטער האַלבער אינטעליגענט צעמאַכאָוויטש געפירט באַקאַנט מאַכן מיטן „לערער“ (גאָזשאַנסקי, לנו). ער האָט דעמאָלט געוואוינט אויפן האָלץ־מאַרק, ראָג נאָוויגאָראָד און די וועגנגרעס, אין יאַנאָווסקיס הויז אויף אַ סאַלקע. ביים ראָג איז צעמאַכאָוויטש אַוועק אַ ביסל גיכער פאָראויס. איך בין אים נאָכגעגאַנגען פון ווייטן, כדי ניט אַריינצוגיין אין טויער זאַלבאַצווייט. ביים „לערער“ אין פאָדער־צימער האָבן מיר זיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן. פון אַ צווייטן צימער האָבן מיר געהערט שטיל רעדן, אָבער אונז האָט מען אַהין ניט אַריינגעלאָזן. צעמאַכאָוויטש האָט אָנגעקלאַפּט. די טיר האָט זיך עטוואָס אָפּגעעפנט אַזוי, אַז סע האָט זיך באַוויזן נאָר אַ קליין שפּעלטעלע, וואוהין צעמאַכאָוויטש האָט עפּעס אַריינגערעדט. דאָס שפּעלטעלע האָט זיך באַלד ווידער פאַרמאַכט, און צעמאַכאָוויטש האָט מיר איינגערוימט אַ סוד, אַז ביים „לערער“ קומט איצט פאָר אַ „קרוזשאָק“, דאַרפן מיר ניט זען יענע, און יענע דאַרפן אונז ניט זען. ווען דער קרוזשאָק וועט זיך ענדיקן, וועלן זיי אַרויס דורך אַן אַנדער טיר אין קיך און אונז וועט מען אַריינלאָזן דורך דער פאָדערשטער טיר. איך פלעג שפּעטער אָפט אַריינקומען צום „לערער“. פאַקטיש האָב איך געקענט כמעט אַלע זיינע באַזוכער, און זיי האָבן כמעט אַלע מיך געקענט. אָבער ביי אים אין שטוב האָט מען שטענדיק אָפּגעהיט די אויבנבאַשריבענע פּראָצעדור, און דאָרטן האָב איך זיך קיינמאָל ניט געטראָפן פנים אל פנים ניט מיט די, וואָס זיינען געקומען פאַר מיר, ניט מיט די, וואָס

האָבן געוואַרט אויף מיין אַוועקגיין. אין אַ פּאָר מינוט נאָך מיין ערשטן אַריבערטרעטן דעם סודותדיקן שוועל, איז צעמאַכאַוויטש פּאַרשוואונדן דורך דער קיך־טיר און איך בין געבליבן אַליין מיטן „לערער". וואָס וועט איצטער זיין? האָב איך אַ טראַכט געטאָן מיט אַ זיסער האַרצקלאַפּעניש. אָבער דער „לערער" האָט גלייך גענומען אַ טרוקענעם טאָן און האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַרבעט. ער האָט מיר דערקלערט, אַז כדי סאָציאַליסטיש צו באַנעמען די געשיכטע פון דער נייער צייט, מוז מען גוט פאַרשטיין דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן אונטערשלאַק פון דער עפּאָכע, ווען דער היינטיקער קאַפּיטאַליזם איז געבוירן געוואָרן, איבערהויפּט דעם 16־טן יאָרהונדערט. פאַר אַ סאָציאַליסט, האָט ער געזאָגט, איז עס פונקט אַזוי נויטיק, ווי די געשיכטע פון דעם פאַרצייטיקן מענשן, אפשר נאָך נויטיקער. אין די רייד האָט ער אַרויסגענומען פון אַלמער דריי ביכער פונם רוסישן זשורנאַל „סיעווערני וועסטניק" און האָט מיר דאָרטן אָנגעוויזן אויף קאַרל קאַאוטסקיס אַ גרויסן אַרטיקל: (ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז עס געווען דער ארייננפיר צו זיין בוך „טאָמאַס מאָר") „וויעק גומאַניזמאַ אי רעפאָרמאַציאי" („די עפּאָכע פון הומאַניזם און רעפאָרמאַציע"), איבערגעזעצט אין רוסיש פון לוואָוו. דער „לערער" האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל לייענען דעם דאָזיקן אַרטיקל אין זיינעם אַן אַרבעטער־קרייזל: „איך האָב געהערט, אַז איר קענט זשאַרגאָן, וועט איר עס איבערזעצן פאַר מיר אַלע וואָך 4—5 זייטן: קומט אַלע דינסטאָג. ברענגט מיט די איבערזעצונג, וועלן מיר צוזאַמען איבערלייענען, און איך וועל אייך אנווייזן, וויפיל איך דאַרף האָבן פּאָר מיין קרייזל אויף דעם קומענדיקן מאָל". דער „לערער" האָט ניט געפרעגט, צי געפעלט מיר די אַרבעט, צי האָב איך צייט, ער האָט געהייסן — און גענוג. מיר איז אַפילו ניט איינגעפאַלן זיך 'אָפּצוזאָגן. ער האט מיר אָנגעוויזן וויפל איך דאַרף איבערזעצן אויפן ערשטן מאָל, און די אודיענץ איז געווען גענדיקט. איך האָב נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן, הערן, רעדן; אָבער איך האָב געפילט, אַז איך טאָר דאָ מער איין מינוט ניט בלייבן, און ווי געטריבן האָב איך געגעבן דעם „לערער" די האַנט און בין אַרויס דורך דער קיך־טיר. איך בין געווען ניט אין גאַנצן צופרידן; איך האָב געוואַרט אויף עפּעס אַ סוד, וואָס זאָל מיך אין גאַנצן פאַרכאַפּן. אָבער איך בין שטאָלץ, וואָס מען גיט מיר אַרבעט, וואָס אָן מיר וואָלט דער „לערער" אַליין ניט געקאָנט אויסקומען אין זיין „קרוזשאָק".

די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. פאַר וויסנשאַפטליכע טעמעס איז נאָך דעמאָלט אין יידיש ניט געווען ניט קיין טערמינאָלאָגיע, ניט קיין אויסגעאַרבעטע פּראָזע. מיר איז אויסגעקומען נעמען צו הילף אַ רוסיש־דייטשישן ווערטער־בוך. דעם אמת מוז איך זאָגן, איך האָב נאָך דעמאָלט ביידע שפּראַכן געקאָנט זעהר שוואַך: דעם טייטש פון אַסך געוויינליכע ווערטער האָב איך געוואוסט נאָר אומגעפער, ניט גענוי, אָבער איך פלעג מיך שוין ווי עס איז אנשטויסן. די געשיכטע פון דער עפּאָכע האָב איך אויך ניט גוט געוואוסט. איך פלעג אָפט דאַרפן דורכלייענען צענדליקער זייטן געשיכטע, איידער איך האָב געקאָנט ווי געהעריק פאַרשטיין און איבערזעצן איין זייטל פון קאַאוטסקי. די אַרבעט האָט ביי מיר געדויערט בערך אַ האַלב יאָר צייט. צי האָט זי עפּעס געגעבן דעם „לערערס" קרייז, ווייס איך ניט. מיר האָט זי אַ סך געגעבן. אויסער דעם, וואָס איך בין מער באַקאַנט געוואָרן מיט דער געשיכטע פון דער עפּאָכע, האָב איך זיך אויסגעלערנט אַ ביסל שרייבן יידיש וועגן העכערע ענינים. אין יענער צייט, און לאַנג נאָכדעם, האָט יעדער איבערזעצונג, וואָס מיר איז אויסגעקומען מאַכן, געווירקט צו פאַרבעסערן מיין אייגענע שפּראַך.

אַמאָל קעגן סוכּות האָט מיר דער „לערער“ געזאָגט: עס וואָלט געווען גוט אויך וואַרגאָן זאָלן זיין גרעסערע בעלעטריסטישע ביכער פון אַרבעטער־לעבן. אַ ראָמאַן איז אַ גוטע שטיקל אַגיטאַציע. אוודאי וואָלט גוט געווען אַן אָריגינעלע זאַך. אָבער אַן איבערזעצונג מאַכט אויך ניט אויס. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין אַן אַלטן יאָרגאַנג „וואָסכאָד“ (דוכט זיך, 1886) האָב איך געלייענט אַ גרויסע ערציילונג „די געשיכטע פון אַ פאַמיליע“. אונטערגעשריבן „פּסעוודאָדים“. ווער דער פּסעוודאָנים איז, האָב איך ניט געוואוסט, נאָר די ערציילונג איז געווען פונם לעבן פון דער יידישער מאַסע און האָט באַרירט די פראַגע וועגן אַרבעט און קאַפּיטאַל. עס איז אפילו געווען געשריבן שטאַרק סאַנטימענטאַל, אָבער די פאַבולע איז געווען אינטערעסאַנט :ון אין דער גאַנצער זאַך האָט זיך געפילט עפּעס אַ נייער גייסט. די סאַנטימענטאַליטעט האָט נאָך אויסגעזען צו זיין אַ מעלה: דאָס האָט געמאַכט די ערציילונג צוטריטליכער פאַר די לעזער פון שמ״ר און בלאַשטיין. דער „לערער“ האָט איבערגעלייענט די ערציילונג און ער האָט מסכּים געווען, איך זאָל זי איבערזעצן. ווינטער 1894-95 בין איך געווען אַ לערער אויף אַ ישוב, און די לאַנגע ווינטער־אָוונטן נאָכן לערנען מיט דעם ישובניקס קינדער פלעג איך אָפּזיצן איבער דער איבערזעצונג.

אָבער מיין נאָמען אין דרוק האָב איך נאָך פריער זוכה געווען צו זען. נאָכדעם ווי ספּעקטאָר איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט פּרצן, האָט ער פאָרגענומען אַליין אַרויסצוגעבן בלעטלעך. אויף וויפיל איך געדענק, זיינען פון ספּעקטאָרס בלעטלעך אַרויס נאָר צוויי, דאָס ערשטע האָט געהייסן „לאַמטערן“. זי איז געווען די זעלביקע גרויס, ווי פּרצס, און איז אויך באַשטאַנען פון ערציילונגען, לידער און קליינע אַרטיקלען. אָבער קיין שום נייער גייסט איז דאָרטן ניט געווען, קיין צענטראַלע אידייע, פּשוט אַ זאַמלונג פון מיטעלע און שלעכטע זאַכן, לייען־שטאָף און גענוג. אין „לאַמטערן“ זומער 1894 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיין ערשטע זאַך, אַ לעגענדע וועגן אברהם אבינו און אַ געצן־דינער, וועמען ער האָט מכניס אורח געווען,—באַאַרבעט נאָכן מדרש. איך האָב עס אַ נאָמען געגעבן „טאָלעראַנץ“. ספּעקטאָר האָט איבערגעמאַכט דאָס קעפּל אויף „הערט און ווייסט“. אויסערן נאָמען האָט ער גאָר ניט איבערגעביטן, ניט אין דער שפּראַך, ניט אינם אינהאַלט. ער האָט נאָר צוגעגעבן, פאַר אַ מאטאָ, דאָס פאָלקס־ווערטל: „זיי ניט גאָטס סטראַפּטשע, ער קאָן אַליין זיין שטעטל באַשטיין“.

פאַרוואָס האָב איך ניט געשיקט מיין ערשטע זאַך צו פּרצן? ווייל איך האָב זי געהאַלטן פאַר צו שוואַך, און פּרצס בלעטלעך פאַר צו וויכטיק, מען זאָל אַהין קאָנען קומען מיט אבי וואָס. אויב ניט רעכענען אַ פּאָר איבערזעצונגען, געמאַכט פון א. הורוויטש, געדענק איך בכלל ניט, אין די בלעטלעך זאָל זיין וואָס געדרוקט פון עמיצן פון ווילנע אָדער מינסק, די ערטער, וואו זיי האָבן זיך מער, ווי אומעטום, פאַרשפּרייט. כמעט אַלץ, וואָס דאָרטן איז געווען געדרוקט, איז געווען געשריבן פון פוילישע יידן, איבערהויפּט פון וואַרשעווער.

דער „לאַמטערן“ האָט זיך אין ווילנע כמעט ניט פאַרשפּרייט. מיר האָט עס פאַרדראָסן: דאָרטן איז דאָך צום ערשטן מאָל געווען געדרוקט מיין נאָמען. און אין דער זעלביקער צייט האָט עס מיר הנאה געטאָן: זאָלן באַקאַנטע ניט וויסן, אַז אין אַ צייט, ווען עס גייען אַרויס פּרצס בלעטלעך, דרוק איך זיך גאָר ביי ספּעקטאָרן. כדי צו רעאַביליטירן זיך אין מיינע אייגענע אויגן, האָב איך דעם פעליעטאָן, וואָס איך האָב גלייך נאָך דעם אָנגעשריבן, אַוועקגעשיקט פּרצן. עס האָט געטראָגן דעם נאָמען „דריי מעשהלעך“ און האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי: עסן ווילט איר, קינדערלעך, ברויט—דאָס

האָב איך פאַר אייך ניט. אָט אַ מעשה, אויב איר ווילט, קאָן איך אייך יאָ דערציילן. הערט אויס: אַמאָל איז געווען אַ רב מיט אַ רביצין... דערנאָך איז געגאַנגען: אַמאָל איז געווען אַ פּריץ מיט אַ פּריצטע, און צום כוף: אַמאָל איז געווען אַ גביר מיט אַ גבירטע. דער לעזער שטויסט זיך שוין אָן, אַז די דריי מעשהלעך זיינען געווען קעגן רעליגיע, פעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם. געענדיקט האָט זיך דער פעליעטאָן אומגעפּער אַזוי: וואָס, קינדערלעך, איר זייט ניט צופרידן מיט מיינע מעשהלעך? איר ווילט שענערע, אינטערעסאַנטערע... פון שדים, און ניט דאָ דערמאַניקע? נאַרישע קינדער, איך האָב דאָך אייך דערציילט פון שדים... איר ווילט בכלל קיין מעשהלעך ניט? זיי קריכן אייך אין קאָפּ ניט? ברויט ווילט איר... עסן... אומגליקליכע קינדער, צוליב אָט די שדים האָט איר דאָך קיין ברויט ניט... זיי רייסן דאָך אייך דעם ביסן פון מויל ארויס...

אין אַ וואָך אַרום האָב איך באַקומען פון פּרצן א העבראַעישן בריוו, וואו ער שרייבט מיר: „אייערע מעשהלעך (ריכטיקער פעליעטאָן) זיינען זעהר גוט. ליידער, קאָן עס ניט געדרוקט ווערן איבער צענזור". איך בין געווען אויפן זיבעטן הימל פאַר שמחה, מער ווי אַלץ האָט מיך געפרייט דאָס, וואָס מיין פעליעטאָן קאָן ניט אויסהאַלטן די צענזור. ערשטענס, איז עס דאָך אַ סימן, אַז ער איז שאַרף רעוואָלוציאָנער. צווייטנס, האָט עס מיך געמאַכט פאר א שטיקל מארטירער, פאַר אַ קרבן... איך האָב פּרצס בריוו געוויזן אַלע באַקאַנטע און האָב מיט אים שטאָלצירט ניט דער ערך מער, ווי מיט מיין געדרוקטן נאָמען אין ספּעקטאָרס „לאַמטערן". פאַר פסח 1895 האָב איך פּרצן אַוועקגעשיקט אַ פעליעטאָן „וועגן חמץ ומצה", אַ שטיקל אַגיטאַציע. דעם אינהאַלט האָב איך שוין אינגאַנצן פאַרגעסן. אויף דעם האָב איך באַקומען א קורצן בריוול אין רוסיש, געחתמט פון דוד פּינסקי: „דער פעליעטאָן קאָן ניט געדרוקט ווערן איבער זיין שוואַכקייט". מסתמא, איז ער געווען גערעכט. מער האָב איך אין די יום־טוב בלעטלעך קיין זאַך ניט געשיקט.

אויף פסח 1895 בין איך געקומען פון ישוב קיין ווילנע און האָב מיטגעבראַכט מיין איבערזעצונג, וועגן וועלכער איך האָב שוין פריער דערמאָנט. איך האָב זי געוויזן דעם „לערער", און ער האָט מיר געזאָגט: „איך אַליין בין אַ קנאַפּער מבין. טראָגט עס אַוועק צו קרייערן (בן־אריה). זאָל ער עס איבערלייענען און, אויב מען דאַרף, פאַרריכטן". איך האָב זיך געזען מיט קרייערן. ער האָט איבערגעקוקט די איבערזעצונג און האָט צוגעזאָגט זי אויסצובעסערן און פאַרקויפן אַ פאַרלעגער — דערביי האָט ער געשטעלט צוויי תנאים: ערשטנס — אַ העלפט פונם האָנאָראַר קומט אים; צווייטנס — מיין נאָמען זאָל אויף דער איבערזעצונג נישט דערמאָנט ווערן, עס זאָל נאָר שטיין: איבערגעזעצט אונטער דער רעדאַקציע פון בן־אריה. איך בין געווען אַן אָנפאַנגער, האָב ניט געהאַט קיינע פאַרבינדונגען מיט פאַרלעגער. בן־אריה ווידער איז דעמאָלט געווען חשוב און אָנגענומען ביי זיי איבער זיין „וועלט מיט וועלטעלעך". האָב איך קיין ברירה ניט געהאַט און האָב מסכים געווען אויף זיינע תנאים. מיט זיינע אויסבעסערונגען בין איך ניט שטענדיק געווען צופרידן. מיר האָט זיך אָפט געדוכט, אַז ער מאַכט ערגער, ניט בעסער. אָבער ער האָט געטענעט, אַז ער ווייסט שוין, ווי מען דאַרף שרייבן פאַר דער יידישער מאַסע, והראיה — זיין „וועלט מיט וועלטעלעך". דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיטן פאַרקויפן. אין יענער צייט איז אַ קליין ביכל פון איין דרוקבויגן געווען אַ סך לייכטער צו פאַרקויפן, ווי אַ בוך פון 5—6 בויגן. אַ קליין ביכל האָט ניט געפאָדערט פון פאַרלעגער קיין גרויסע הוצאות. פאַרשפּרייטן עס איז אויך געווען לייכט. אַ בוך פון 5—6 בויגן פאָדערט שוין קאַפּיטאַל, און עס קאָן אַמאָל אָפּליגן יאָרן

לאַנג אויף די פאָליצעס. דאָס איז שוין אַ ריזיקע. און פאַר אַ גרעסערן ראָמאַן, וואָס אויף אים איז ניט געשטאַנען דער נאָמען שמר אָדער בלאָשטיין, איז געווען שווער צו קריגן אַ פאַרלעגער. אויב פאַר אַ מעשה-ביכל פון איין בויגן האָט דער מחבר גענומען ווייניקער פון 3 רובל, פלעגט מען פאַר אַ ראָמאַן פון 10 בויגן נעמען ניט מער ווי 10–15 רובל האָנאָראַר; דער מחבר איז געווען צופרידן אָפּצוגעבן זיין בוך אומזיסט, אַבי זען עס אין דרוק. מיינער אַ באַקאַנטער, דוד גילדענבלאַט, איז געקומען פון ליבאַוויטש קיין ווילנע מיט אַ גאַנצן פּאַק קליינע ערציילונגען און מיט אַ גרויסן ראָמאַן „ביי דעם שטן אין האַנט". די ערציילונגען (אברהמל בעל עגלה און אַנדערע) האָט ער אין אַ האַלב יאָר צייט פאַרקויפט ווילנער יידישע דרוקער. יענע האָבן זיי אָפּגעדרוקט און באַשטעלט ביים מחבר נייע בויגנדיקע אַנטיקן. דער ראָמאַן אָבער איז ביי אים אָפּגעלעגן גאַנצע צוויי יאָר. צום סוף האָט ער אים פאַרקויפט אויף אייביק פאַר 10 רובל.

צו מיין גליק האָט יוסף שריפטזעצער זומער 1895 אויפגעהערט אַרויסצוגעבן גוידאס פינף-קאָפּיקענע ביבליאָטעק און האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן גרעסערע איבערגעזעצטע ראָמאַנען, אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „פאַרלאַג בן חיים". אין דעם דאָזיקן פאַרלאַג זיינען אַרויס 4 ביכער, צו 10–15 דרוקבויגן: 1) קאַרל עמיל פראַנצאָז – יהודית טראַכטענבערג, איבערגעזעצט פון מישאל. 2) פאַרן גלויבן און פאַרן פאָטערלאַנד – אַ ראָמאַן אין דריי טיילן פון דער צייט פון חורבן בית שני, איבערגעזעצט פון מישאל. 3) דוד בן דוד (די ערשטע העלפט פון ט. דיקענס דוד קאָפּערפילד, איבערגעזעצט פון גוידא.*) דער פערטער נומער איז געווען מיין איבערזעצונג, אונטערן נאָמען „די מלחמה פאַרן לעבן". געהאָלפן פאַרקויפן האָט עס מיר מער גוידא, ווי קרייער. אָבער איך האָב געהאַלטן וואָרט און האָב אָפּגעגעבן קרייערן אַ העלפט פונם האָנאָראַר, גאַנצע 25 רובל. שריפטזעצער האָט פאַר די גרעסערע זאַכן אויך באַצאָלט טייערער, ווי די איבעריקע פאַרלעגער. מ"ך אָדער קאַצענעלנבויגן וואָלט פאַר דער „מלחמה" מער ווי אַ צענערל ניט געגעבן.

די „מלחמה פאַרן לעבן" איז אַרויס אָנהויב ווינטער 1895. שפּעטער איז זי עטליכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן און איז געווען שטאַרק פּאָפּולער ביי די אַרבעטער-לעזער פון יענער צייט. די ערשטע העלפט פון דער ערציילונג האָט ישראל מיכל קאַפּלינסקי (דער, וואָס איז דערנאָך געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטאָר) איבערגעמאַכט אין אַ דראַמע, וועלכע איז אומלעגאַל געשטעלט געוואָרן אין איינציקע שטעט פון ליטע און פוילן. איינער אַזאַ אומלעגאַלער ספּעקטאַקל אין ווילנער פאָרשטאָט „רוזעלע" איז אום פּסח 1897 דורכגעפאַלען. אַלע אנטיילנעמער און צושויער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. צום גליק, האט עס די ווילנער זשאַנדאַרמעריע אָנגענומען פאַר אַ פּשוטן יידישן טעאַטער אָן אַן ערלויבעניש, און אַלע אַרעסטירטע זיינען אין דריי טאָג אַרום באַפרייט געוואָרן.

איך האב שוין געזאגט, אז אין יענע יארן האב איך קיין שום באַגריף ניט געהאַט וועגן דעם מחבר פון דער ערציילונג, וואס איך האב איבערגעזעצט. ווינטער 1909 איז מיר אויסגעקומען זיך צונויפצוטרעפן מיט ש. אנ-סקי, אין ריגע. מיר האבן זיך צערעדט וועגן די ערשטע טריט פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר אַרבעטער, און איך

*) דוד בן דוד איז געווען גוידאס לעצטע אַרבעט אין רוסלאַנד. אין האַרבסט 1895 איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ער וואוינט עד היום אין ניו-יאָרק, וואו ער שרייבט סקיצן, דראַמעס, טעאַטער-רעצענזיעס און אַרטיקלען איבער דער געשיכטע פונם יידישן טעאַטער. זיין ליטעראַרישער נאָמען אין אַמעריקע איז ב. גאָרין.

האָב אים דערציילט וועגן דער „מלחמה פֿאַרן לעבן“. אַנ—סקי האָט זיך צעלאַכט: „גזלן, זאָגט ער, דאָס איז דאָך מיין אייגנס. איך האָב די ערציילונג לכתחילה אָנגעשריבן אין יידיש, נאָר ווייל איך האָב זי ניט געהאַט, וואו צו דרוקן, האָב איך זי איבערגעזעצט אין רוסיש פֿאַרן „וואסכאד“. שוין אַ מעשה פֿון העכער 20 יאָר. איצט דערוויס איך זיך, אַז איר האט זיך אויף מיין „געשיכטע“ מרחם געווען און האט זי אומגעקערט צום יידישן מקור. אַ גלגול פֿון אַ יידישער דערציילונג“...

אויף פסח 1895 האָט פרץ אָנגעהויבן ארויסגעבן דעם צווייטן יאָרגאַנג יום=טוב=בלעטלעך. די בלעטלעך זיינען געוואָרן גרעסער און רייכער אין אינהאלט. ער האָט געפּלאַנעוועט אַרויסגעבן אַ ריי גרעסערע ביכער אין יידיש, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע. אָבער קיין געלט איז ניט געווען; די יום=טוב=בלעטלעך האָבן געגעבן אַ דעפיציט. האָט ער געשיקט דוד פינסקין קיין ווילנע און מינסק, כדי זיך נענטער צונויפצובינדן מיט דאָרטיקע יידישע סאָציאַליסטן, איינשטעלן פעסטער די פֿאַרשפרייטונג פֿון זיינע אויסגאַבן און, דער עיקר, באַקומען געלט.

דוד פינסקי איז געקומען אין ווילנע אַרום תשעה באב. אין אַ פּאָר אינטעליגענטע הייזער האָט ער געמאַכט אומלעגאַלע פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער יונגער אינטעליגענץ און אינטעליגענטע אַרבעטער. אויף די דאָזיקע פֿאַרזאַמלונגען האָט פינסקי אַליין און אייניקע אָרטיקע יידישע סאָציאַליסטן גערעדט מכּח דעם ציל פֿון זיין קומען קיין ווילנע, אויסער דעם, האָט ער פֿאָרגעלייענט זיינע און פרצס שריפטן. געלט האָבן די פֿאַרזאַמלונגען געגעבן ניט פיל, אָבער אַ מאָראַלישן ערפֿאָלג האָבן זיי געהאַט אַ גרויסן. דאָס איז געווען די ערשטע דעמאָנסטראַציע פֿאַר דער נאָר וואָס געבוירענער נייער יידישער ליטעראַטור. דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט אין מינסק. דער אייגנטליכער ציל פֿון זיין נסיעה האָט זיך פינסקין ניט איינגעגעבן. קיין פעסטן מאַטעריעלן באָדן פֿאַר פרצס אויסגאַבן האָט ער ניט געשאַפֿן. די באַוועגונג איז שוין דעמאָלט לפי ערך געוואַקסן. ווילנע איז פּאַקטיש געוואָרן אַ צענטער, און די פירער פֿון דער דאָרטיקער באַוועגונג, די פּיאָנערן פֿון בונד, האָבן געפֿונען פֿאַר נויטיק צו נעמען די גאַנצע זאַך אין זייערע אייגענע הענט; וואָרום סוף כּל סוף האָבן זיי אויף פרצן ניט געקוקט ווי אויף אין גאַנצן אַן אייגענעם. זיין סאָציאַליזם איז פֿאַר זיי געווען ניט גענוג קלאָר, צו בעלעטריסטיש. אויף דער לעצטער פֿאַרזאַמלונג, וואָס איז צוליב פינסקיס קומען געמאַכט געוואָרן אין ווילנע, איז געגרינדעט געוואָרן אַ „זשאַרגאָנישער קאָמיטעט“. זיין ציל איז געווען — פֿאַרשפרייטן גוטע ליטעראַטור צווישן יידישע אַרבעטער, גרינדן יידישע אַרבעטער=ביבליאָטעקן אין דער פּראָווינץ און אַרויסגעבן פּאָפּולער=וויסנשאַפטליכע און בעלעטריסטישע ביכער אין יידיש.

אויב פֿאַר די פירער, וועלכע האָבן נאָך דעמאָלט דאָס רוב געקוקט אויף יידישע שרייבער, ווי אויף האַלבע אינטעליגענטן, ישיבה=בחורים, איז פינסקיס אַראָפּקומען אין ווילנע געווען אַ „נויטיקע אַרבעט“, איז זי פֿאַר אונז, האַלבע=אינטעליגענטן, געווען אַ יום=טוב. אָבער מען מוז זאָגן דעם אמת: אונזער יום=טוב איז אַרויסגעקומען ניט שטאַרק יום=טובדיק. פֿון נאָענטן, אין פּערזענליכע באַגעגענישן, האָט אויף אונז פינסקי געמאַכט גאָר ניט דעם איינדרוק, וואָס פֿון ווייטן, בעת מיר האָבן אים נאָר געקענט נאָר פֿון לייענען. בפרט, אַז אונז האָט אויסגעוויזן, אַז ער האַלט זיך מיט אונז, ווי אַ שעקספּיר מיט גימנאַזיסטלעך, פֿון „פּריגאָטאָוויטעלני“ קלאַס. ווען ער האָט פֿאַרגעסן, אַז ער איז פינסקי, און פלעגט אָנהויבן דערציילן פֿונם לעבן אין וואַרשע און אין ווין, פֿון פרץ, ספּעקטאָר, ברייגין, איז אונז געווען אינטערעסאַנט, און מיר האָבן זיך געפֿילט מיט אים

גאַנץ גוט. אָבער באַלד פלעגט ער זיך דערמאָנען, אַז ער איז אַ שרייבער מיט אַ נאָ=
מען, און פלעגט אָנהויבן אין אַ מאָן פון אויבן אַראָפּ זאָגן תורה וועגן עטישן כאַציאַ=
ליזם, וועגן דער הויכער קונסט, און אונזער יום=טוב איז פאַרשטערט געוואָרן. און טאָ=
מער האָט עמיצער געהאַט אַ העזה ניט מסכים צו זיין מיט אים, צו דערווידערן, פלעגט
פינסקי ווערן שטאַרק אויפגערעגט. איך געדענק, איך בין געווען ניט פּאָרזיכטיק און
האָב אַרויסגעזאָגט עטליכע קריטישע באַמערקונגען וועגן זיין „רב שלמה"; האָט ער מיך
אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן פון קאָפּ ביז די פיס און האָט אַרויסגעזייט טרוקן צווישן
די ציין: „בעת שעקספּיר האָט אָנגעשריבן זיין האַמלעט, האָט מען אים אויך ניט פאַר=
שטאַנען". אין מינסק איז אפילו געקומען צו אַ שאַרפן קאָנפליקט צווישן פינסקי מיט
א. וואַלט און זיינע חסידים. גרייליך מעגליך, אַז אין דעם אַלעמען איז געווען שולדיק
ניט פינסקי, נאָר מיר אַליין: אונזער יונגע נאַאיווע היץ, וואָס האָט אַרומגערינגלט די
קעפּ פון אונזערע באַליבטע שרייבער מיט אַ צו שטאַרקן שטראַלן=קראַנץ, אונזער קרענק=
ליכע אייגנליבע. פינסקי איז נאָך דעמאָלט געווען אַזוי יונג און מיר זיינען נאָך
יינגער געווען.

דער ווילנער „זשאַרגאָנישער" קאָמיטעט האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין מינסק, ביאַ=
ליסטאָק און אין אייניקע קלענערע שטעט. ער האָט עקסיסטירט ביז 1898. בראש פונם קאָ=
מיטעט זיינען געשטאַנען פּ. ראָזנטאַל (שפּעטער פּ. אַנמאַן, פּ. ראל), חנה העלער (שפּע=
טער פרוי ראָזנטאַל), צילאַ קליס (שפּעטער פרוי גאזשאַנסקא), צמח קאָפּלזאָן (טימאָפּיי),
באָריס לעווינזאָן און זיין שוועסטער בערטע (איצט פרוי סטאָן). (די לעצטע דריי זיינען
איצט אין ניו=יאָרק). מיט זיי זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג די פירער פון דער
דעמאָלטיקער באַוועגונג: אַלכּסנדר קרעמער (אַרקאַדי), י. אייזנשטאַט (יודין) און ליובע
לעווינזאָן. טימאָפּיי האָט אויך געהערט צו די פירער. אויסער א. ראָזנבערג און איי=
ניקע אַנדערע אַזוי גערופענע האַלבע=אינטעליגענטן (וואָס האָבן ניט באַקומען קיין סיס=
טעמאַטישע שול=בילדונג, געוועזענע ישיבה=בחורים), זיינען אַלע טוער געווען אַסימילירט,
האָבן שלעכט גערעדט און כמעט ניט געקענט לייענען אויף יידיש. אייניקע פון זיי
האָבן זיך שטאַרק געמיט אויסצולערנען יידיש, אָבער דאָס איז זיי אָנגעקומען שווער.
ליובע לעווינזאָן האָט געשריבן פראָפּאַגאַנדע=בראָשורן פאַר אַרבעטער-קרייזלעך, אָבער
איר שפּראַך איז געווען מער דייטש, ווי יידיש. איינע פון אירע געשריבענע בראָשורן,
וואָס איז מיר געבליבן אין זכרון, האָט געהייסן „די אַנטשטעהונג דער מאָדערנער בור=
זשואַזי". א. קרעמער, אַ זון פון אַ מלמד אַ משכיל, פון נאַטור אַ פאָלקס=מענש, האָט זיך
באַמיט צו רעדן יידיש, ווי „דאָס פאָלק רעדט"; אָבער ער האָט געמיינט, אַז דאָס הייסט
איבערשיטן די רייד מיט זידל=ווערטער און קללות. ביי אונזער ערשטער באַגעגעניש
האָט ער מיר מקבל פנים געווען אין רוסיש בזה הלשון: „איר זייט אַ זשאַרגאָניסט?
איך קען שוין אויך רעדן זשאַרגאָן. איך וועל אייך באַלד זאָגן אַן אמתע זשאַרגאָנישע
פראַזע". און ער האָט מיר געזאָגט אויפן אויער: „פּגרן זאָלסטו מיט אַ חזיר אין איין
טאָג..." אין דעם וואָרט זשאַרגאָן, אין דעם נאָמען זשאַרגאָנישער קאָמיטעט איז
דעמאָלט ניט געלעגן קיין באַוואוסטזיניקע פאַראַכטונג. פשוט קיינעם פון אונז איז נאָך
דעמאָלט ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס, וואָס די יידישע מאַסע רעדט, איז אַ שפּראַך. יידיש
האָט עס דעמאָלט גערופן נאָר דאָס פאָלק. ווער ס'האָט פאַרמאָגט אַ שיין פון בילדונג,
האָט עס גערופן זשאַרגאָן.

די טוער פונם „זשאַרגאָנישן קאָמיטעט" האָבן געקוקט אויף דער נייער יידישער
ליטעראַטור נאָר ווי אויף אַ מיטל פאַר אַגיטאַציע; קיין ווערט אַליין פאַר זיך האָבן זיי

איר ניט צוגעגעבן. און עס איז קיין חידוש ניט אויף די דאָזיקע העכער האַלב אַסימילירטע יונגע לייט. מיר ווייסן דאָך, אַז כמעט אַזוי האַט געקוקט אויף יידיש פרץ אין דעם ערשטן באַנד פון זיין „יידישע ביבליאָטעק“. אַזוי האָבן געקוקט די יידישע אַרבעטער אַליין. די יידישע ביבליאָטעק, וואָס איך מיט מיינע חברים האָבן געגרינדעט אין הערבסט 1893, האָט זיך שוואַך אַנטוויקלט. ניט געווען קיין געלט. האָב איך מיט אַ יאָר שפּעטער, אין האַרבסט 1894, פאָרגעלייגט די פירער פון דער רוסישער אַרבעטער-ביבליאָטעק, זיי זאָלן צונעמען אונזערע ביכער און גרינדן ביי זיך אַ יידישע אָפּטיילונג. די רוסישע אַרבעטער-ביבליאָטעק האָט אויך עקסיסטירט אומלעגאַל, נאָר מיט איר האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט די אינטעליגענטע יוגנט, און זי האָט געהאַט גענוג געלט-מיטלען. דאָס איז געווען די צייט פון אברהם גאָרדאָנס (אברהם ריעזשטשיק) אָפּאָזיציע, בעת די יונגע אַרבעטער-רייען האָבן זיך געטיילט אויף אָנהענגער פון אַנטוויקלונג פאַר איינצלנע אויסדערוויילטע יידישע אַרבעטער אויף רוסיש און אויף אָנהענגער פון אַגיטאַציע פאַר די ברייטערע יידישע מאַסן אין יידיש. ביידע צדדים האָבן געפירט אַ שאַרפן קאַמף פאַר דער אַרבעטער-ביבליאָטעק. פאַר דער אָפּאָזיציע איז די ביבליאָטעק געווען וויכטיק, ווייל דאָס איז דאָך אַנטוויקלונג, און אין רוסיש. די אָנהענגער פון אַגיטאַציע ווידער האָבן זיך געיאָגט נאָך דער ביבליאָטעק, ווייל זי איז געווען אַ פעסטע אינסטיטוציע, וואָס האָט צוגעצויגן די בעסערע אַרבעטער, פון וועמען מען האָט געהאָפט אויסצובילדן אַגיטאַטאָרן. חוץ דעם, האָבן זיי נאָך אַליין געקוקט מיט אַ באַזונדערן דרך ארץ אויף אַ רוסישן בוך. די אָנהענגער פון אַגיטאַציע האָבן זיך באַצויגן צו מיין פאָרשלאַג גאַנץ קאַלט, די אָפּאָזיציע — שאַרף געגנעריש, און איך בין שוין געווען זיכער, אַז מיין פאָרשלאַג וועט דורכפאַלן. פלוצלינג האָט אַלטער דער קאַמאַשן-מאַכער, פון דער אָפּאָזיציע, אַן אינטעליגענטער אַרבעטער פון די ערשט צוגעצויגענע, זיך אָנגערופן: „איך פאַרשטיי ניט, ווי קאָן מען זיין קעגן אַ יידישער ביבליאָטעק... דאָס איז דאָך אַנטוויקלונג. זאָל דער יידישער אַרבעטער דערפילן דעם טעם פון אַנטוויקלונג אין זשאַרגאָן, וועט ער באַלד איינזען, אַז ער קאָן דאָרטן ווייניק געפינען, און ער וועט נאָך שטאַרקער פאָדערן רוסיש“. אַלטערס וואָרט האָט געווירקט, און מיין פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. איך מוז דאָ נאָך באַמערקן, אַז אויף יענער זיצונג פון דער ביבליאָטעק-קאָמיסיע האָבן אַלע אנטיילנעמער גערעדט רוסיש.

די געלט-מיטלען פון די זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן זיינען לפי ערך געווען קליין. זיי זיינען באַשטאַנען פון מיטגלידס-אָפּצאָלונגען און פון הכנסות פון אָוונטן. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין מאַכן פאָרלעזונג-אָוונטן, אויף וועלכע מען האָט געלייענט פרצן און פינסקין. דער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט פלעגט מאַכן זיינע פאָרלעזונגען פאַר דער אינטעליגענטער יוגנט. אָבער אין דער זעלביקער צייט פלעגן פרצס און פינסקיס זאַכן פאָרגעלייענט ווערן אויך פאַר אַגיטאַטאָרן-אַרבעטער און מען פלעגט זיי דערביי דערקלערן, ווי זיי זאָלן די דאָזיקע זאַכן אויסטייטשן פאַר ברייטע אַרבעטער-קרייזן לשם אַגיטאַציע. ביי אַ טייל פון דער יונגער אינטעליגענץ איז איין צייט געוואָרן אַ שטיקל מאָדע צו גיין אויף יידישע פאָרלעזונגען. אויף די פאָרלעזונגען פונם קאָמיטעט פלעגן אַמאָל פאַרבלאָנזשען אפילו יונגע חובבי ציון. דער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט פלעגט צונויפשטעלן קליינע יידישע ביבליאָטעקן פאַר אַזעלכע קלענערע שטעט, ווי אָשמינע, סמאָרגאָן, לידע, וואו די אַרבעטער-באַוועגונג האָט ערשט אָנגעהויבן צו שפּראָצן. אָבער די הויפּט-אויפמערקזאַמקייט האָט מען געווענדט אויף פאַרלעגערישער אַרבעט. דער קאָמיטעט האָט אין ווילנע איבערגעדרוקט אין באַזונדערע ביכלעך פרצס „שטריימל“ און

פינסקיס „חיים משרת“, און האָט זיי פאַרקויפט דורך פאַקנטרעגער צו 3 קאָפּיקעס „באָנציע שווייג“ האָט די ווילנער צענזור ניט דורכגעלאָזן. פרצס „יום-טוב-בלעטלעך“ האָבן סוף 1895 אויפגעהערט אַרויסצוגיין. ערשטנס, איז ניט געווען קיין געלט, צווייטנס, האָט די צענזור אָנגעהויבן קוקן מיט צו שאַרפע אויגן, אַזוי, אַז עס איז געוואָרן אוממעגליך איינצוהאַלטן זייער פריערדיקן כאַראַקטער.

דער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט האָט גענומען זוכן אַן אַנדער פאַרלאַג, מיט וועמען זיך צו פאַרבינדן. אין 1895 האָבן א. קאָטיק און א. ברעסלער געעפנט אין וואַרשע אַ פאַרלאַג פון פּאָפּולער-וויסנשאַפטליכע ביכלעך. די ערשטע צוויי ביכלעך, וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזן, זיינען געווען: פאַוולאָוויטש „ווי האָבן מענשן געלעבט מיט איינציקע טויזנט יאָר צוריק“ און קאַראָפּטשעווסקי „ערציילונגען וועגן ווילדע מענשן“, ביידע איבערגעזעצטע. בכלל האָט מען דעמאָלט געהאַלטן, אַז אָנהויבן אַנטוויקלען אַן אַרבעטער דאַרף מען ניט אַנדערש ווי פון ששת ימי בראשית; די ערשטע פאָרלעזונגען דאַרפן זיין וועגן פאָרהיסטאָרישן מענטשן. אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט האָט מען, פאַרשטייט זיך, געלייגט אויף דעם פאָרהיסטאָרישן קאָמוניזם. די ערשטע צוויי ביכלעך פון דעם נייעם פאַרלאַג זיינען געווען שלעכט אויסגעקליבן און נאָך ערגער איבערגעזעצט. אָבער די כונה איז געווען אַ גוטע. א. קאָטיק איז געווען איינער פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין וואַרשע, פון די פּיאָנערן, ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט טימאָפייען (צ. קאָפּלזאָן). און ווען דער ווילנער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן זיין פאַרלעגערישע טעטיגקייט, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט קאָטיקן (א. ברעסלער איז באַלד אינגאַנצן אָפּגעשטאַנען פונם פאַרלאַג) אויף פאָלגנדיקע תנאים: ביכלעך ווערן באַשטעלט און רעדאַקטירט אין ווילנע; זיי ווערן געדרוקט אין וואַרשע אונטער דער פירמע „א. קאָטיקס אויסגאַבן“. פאַר די דריי יאָר, וואָס דער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט האָט עקסיסטירט, האָט ער אין קאָטיקס פאַרלאַג אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקע ביכלעך: 1) סווידערסקי, אַרבעט און קאַפּיטאַל, אַ פּאָפּולערע פּאָליטישע עקאָנאָמיע, איבערגעזעצט פון פּויליש. 2) חיה זעלדעס, -ווינטער-אָוונטן, פּאָפּולער-וויסנשאַפטליכע שמועסן איבער דעם צוזאַמענשטעל פון שטאָף, ערשטער אָוונט. 3) קודריאַווסקי – אדם הראשונס דורות אָדער די פאָרהיסטאָרישע צייט פון מענשן (מיט 14 צייכענונגען). 4) סיפּאָווסקי – סאָקראַטעס דער גריכישער פילאָזאָף. 5) יאַנושעווסקי – וועגן לופט. 6) קוראַטשקין – פלאַנצנלעבן. 7) רובאַקין – דער זיידע צייט און 8) חיה זעלדעס – ווינטער-אָוונטן, צווייטער און דריטער אָוונט (די נומערן 3–7 זיינען איבערגעזעצט פון רוסיש). די איבערזעצונגען, וואָס דער זשאַרגאָנ. קאָמ. האָט אָפּגעדרוקט, זיינען געווען ניט אַן ערך בעסער פאַר די ערשטע צוויי, וואָס קאָטיק און ברעסלער האָבן פריער אָפּגעדרוקט. אונטערן פסעוודאָנים חיה זעלדעס האָט זיך באַהאַלטן דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות. (חיה האָט געזאָלט מאַכן ח. י. העלפאַנד און זעלדע האָט מען גערופן מיין מאַמע. אין מיין ערשטן פסעוודאָנים איז נאָך געלעגן אַ שטיק ישיבה-בחורישע בטלנות) געווען דעמאָלט אין רוסיש זעהר אַ פּאָפּולער ביכל „פּראָסטאָיע סלאָוואָ אָ מודריאָנאָי נאַאוקע“, שמועסן וועגן כעמיע אין אַ האַלב בעלעטריסטישער פאָרם מיט ביישפּילן פונם פּויערשן לעבן. דער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט האָט באַשטימט, אָנשרייבן אויף דער זעלביקער טעמע און אויך אין אַ האַלב בעלעטריסטישער פאָרם אַ ביכל אין יידיש. ווינטער 1895–1896 בין איך ווידער געווען אַ לערער אויף אַ ישוב ביי אַ רייכן מילנער. איך האָב מיטגענומען מיט זיך אַ צענדליק ביכער וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון שטאָף און האָב דאָרטן אויפן מיל אָנגעשריבן דאָס ערשטע ביכל „ווינטער אָוונטן“, אומגעפער 2 אַ האַלב דרוק-בויגן.

דאָס 2־טע ביכל (אומגעפער 4 אַ האַלב בויגן) איז אָנגעשריבן געוואָרן אין ווילנער פּאָליטישער טורמע, וואו איך בין געזעסן פון יוני 1896 ביז סוף מאַי 1897.ביידע ביכלעך זיינען אַרויס אין איין צייט, זומער 1897. בעת איך האָב געשריבן די „ווינטער־אָוונטן“, איז מיין אַמביציע געווען: אָנשרייבן אַ זאַך, וואָס זאָל שטיין ניט נידעריקער פון בן אריהס „אַ וועלט מיט וועלטעלעך“. און שפּעטער, בעת דאָס ביכל איז אַרויס, האָט מען מיר די גרעסטע שמחה פאַרשאַפט, ווען מען האָט געזאָגט: אייערע „ווינטער־אָוונטן“ זיינען אַ צווייטע „וועלט מיט וועלטעלעך“. בעת דער מאַנוסקריפּט פונם ערשטן ביכל איז געווען ביי קאָטיקן, האָב איך באַקומען אַ גרויסן בריוו פון פּרצן, אין רוסיש. ער האָט געלויבט מיין ביכל, ער האָט מיר אָבער געראָטן איבערצומאַכן איין אָרט. אינם ערשטן קאַפּיטל, וואו דער לערער גורסקי באַווייזט זיינע צוהערער די גרויסע באַדייטונג פון וויסנשאַפט, זאָגט אַ יידישער קאַראַביינִיק מיט שפּאָט: „וואָס פאַר אַ נייעס קאָן זי אויפטון, אייער וויסנשאַפט? שלמה המלך האָט דאָך שוין לאַנג געזאָגט: „אין כל חדש תחת השמש“ – ניטאָ קיין נייעס אויף דער וועלט“. דער לערער גורסקי ענטפערט מיט אַ לאַנגער רעדע, וואָס איר קורצער אינהאַלט איז: „בעת מען דערווייזט אייך עפּעס מיט שכל, מיט לאָגיק, זאָלט איר ניט פרעגן קיין קשיות פון פּסוקים און גמרות. די פּסוקים און גמרות זיינען אויך אָפט סותר איינע די אַנדערע. און מען קאָן ניט אָפּפרעגן דעם שכל פון היינט מיטן שכל, וואָס מענשן האָבן געהאַט מיט טויזנטער יאָרן צוריק“. פּרץ האָט געפאָדערט, איך זאָל דערקלערן דעם „פּסוק אין כל חדש תחת השמש“ אין פילאָזאָפישן זינען. דאָס הייסט, די אייביגקייט פון שטאָף און ענערגיע. ווי גרויס מיין אַכטונג צו פּרצן איז ניט געווען, האָב איך זיך דאָך דערפון אָפּגעזאָגט. ערשטנס, האָב איך געפונען, אַז איך קאָן ניט שוין אין ערשטן קאַפּיטל געבן דעם לעזער אַזאַ האַרבן באַגריף, וואָס ער וועט אים אפשר קאָנען באַנעמען ערשט נאָך דעם, ווי ער וועט דורכלייענען דעם גאַנצן ביכל. צווייטנס האָב איך געהאַלטן פאַר אוממעגליך אַריינצולייגן אינם פּסוק פון קהלת אַזאַ מאָדערנעם אינהאַלט, וואָס דער אַלטער פאַרצייטיקער מחבר האָט בשום אופן ניט געקאָנט מיינען. איך האָב ניט געוואָלט, ביים לעזער זאָל בלייבן דער פאַלשער איינדרוק, אַז אַלץ, וואָס די וויסנשאַפט האָט דערגרייכט אין אַ משך פון טויזנטער יאָרן, ליגט שוין פאַרבאָרגן אין אונזער אַלטער תורה. אויף אַזוי פיל בין איך שוין דעמאָלט פון די משכילישע וויקעלעך אַרויס.

וועגן די ווינטער־אָוונטן איז געווען דערמאָנט אין אַ לייט־אַרטיקל אין „המליץ“, געשריבן פונם רעדאַקטאָר איש יהודי (לעאָן ראַבינאָוויטש) אַליין. ער האָט געהאַט שטאַרקע טענות צו די נייע זשאַרגאָנישע שרייבער בכלל און צו מיר בפרט, פאַרוואָס מיר גיבן די דינסט־מיידלעך דאָס, וואָס זיי דאַרפן ניט. וויל מען צו נוץ קומען אַ יידיש דינסט־מיידל, האָט ער געשריבן, דאַרף מען איר לערנען, אַז אויב זי קאָכט מיטאָג און זי וויל האָבן אַ גוטע קרעפטיקע פליישיקע זופּ, דאַרף זי אַריינלייגן דאָס פלייש אין טאָפּ, גלייך ווי זי שטעלט אים צום פייער, בעת דאָס וואַסער איז נאָך קאַלט. וועט דאָס פלייש זיך ביסלעכווייז קאָכן מיטן וואַסער צוזאַמען און וועט אַרויסגעבן אַלע זיינע זאַפטן. אויב ווידער זי איז אויסן ניט קיין קרעפטיקע זופּ, נאָר געשמאַקע זאַפטיקע פלייש, דאַרף זי אַפריער אויפּידן דאָס וואַסער און ערשט נאָכדעם אַריינלייגן דאָס פלייש. פון דעם זודיקן וואַסער ווערט אַרום דעם פלייש אַ מין שטייפער שאָלאַכץ, און כמעט נאָר די זאַפטן בלייבן אינעווייניק. אָט דאָס וועט דער דינסט־מיידל צו־נוץ קומען; אָבער צי וואָס דאַרף זי וויסן וועגן אַטאָמען און מאָלעקולן? ווי קומט זי צו פיזיקע און כעמיע?

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַזוי לאַנג אויף מיינע „ווינטער־אָוונטן“, ניט ווייל דאָס ביכל איז עס ווערט, נאָר ווייל מיר דוכט, אַז דאָס, וואָס איך האָב דערציילט, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט.

האָנאָראַר האָב איך באַקומען 60 רובל. שפּעטער, בעת אַלע קאָטיקס אויסגאַבן זיינען געוואָרן דאָס אייגנס פון לידסקיס „פּראָגרעס“, האָט לידסקי עטליכע מאָל איבערגעדרוקט מיין ביכל (דוכט זיך, 6 מאָל), אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געהאַלטן פאַר נויטיק ניט זיך מישב צו זיין זיך מיט מיר וועגן איבערמאַכן און באַנייען דאָס ביכל, ניט צו באַצאָלן מיר האָנאָראַר פאַר די שפּעטערדיקע אויסגאַבן. דאָס ביכל איז שוין איצט שטאַרק פאַרעלטערט; מעגליך, אַז עס איז לכתחילה געווען שלעכט, נאָר ווייל קיין אַנדער ביכל פון דעם מין איז אין יידיש ניט געווען, פלעגט מען די „ווינטער־אָוונטן“ באַנוצן אין אָוונט־שולן פאַר אַרבעטער נאָך ביזן אָנהויב פונם וועלט־קריג.

אין זשאַרגאָנישן קאָמיטעט איז די אַרבעט די ערשטע צייט געווען איינגעטיילט אַזוי: מיט דער פאַרלעגערישער און אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט איז געווען פאַרנומען דער עיקר פ. ראָזנטאַל, מיט פאַרשפּרייטן—צילא קליס און א. ראָזנבערג. זומער 1896 זיינען קיין ווילנע געקומען פון וויטעבסק ראובן אַמסטערדאַם און חאַצקל אוסישקין. אַמסטערדאַם איז געווען זייער פּאָפּולער ביי דער יוגנט פון וויטעבסקער און מאָהילעווער גובערניע. ער האָט אָנגעהויבן אַלס משכיל, איז שפּעטער געוואָרן אַ חובב ציון, דערנאָך אַ אחד־העמיסט; אין מיטן די ניינציקער יאָרן איז ער געוואָרן אַ סאָציאַליסט. זיין וועלט־אָנשויאונג איז געווען אַ געמיש פון השכלה, חיבת ציון און סאָציאַליזם, אַ געמיש, וואָס האָט זיך נאָך ניט אָפּגעשטאַנען, ניט סינטעזירט. די, וואָס האָבן אַמסטערדאַמען געקענט נאָענט, האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן אידעאַליסט, פאַר אַן אויפריכטיקער נשמה. מער ווי אַלץ, איז ער געווען, אַן „אַנטוויקלער“, אַ רודין. וואו ער איז געגאַנגען און וואו ער איז געשטאַנען, האָט ער עפּעס געפּרעדיקט, פאַר עפּעס אַגיטירט. אין ווילנע האָט ער צווישן די יידישע סאָציאַליסטן די ערשטע צייט קיין גרויסע ראָלע ניט געקאָנט שפּילן: דאָרטן זיינען שוין געווען אַזעלכע מענשן, ווי אַלכּסנדר קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי. און דאָך איז אַמסטערדאַמס קומען געווען קענטיק. ניט האָבנדיק קיין קלאָרע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, אפילו ניט פאָרפילנדיק זי, האָט דאָך אַמסטערדאַם אַריינגעטראָגן אין די ווילנער יידישע סאָציאַליסטישע קרייזן אַ סך יידישע שטימונגען. מיט אַ באַזונדער ענערגיע האָט ער זיך אָפּגעגעבן דעם זשאַרגאָנישן קאָמיטעט, ווייל דאָ האָט ער זיך געפילט, ווי אין דער היים. זיין ראָלע איז אָבער דאָ אויך געווען מער אַ אידייאישע, ווי אַן אַקטיוו־פּראַקטישע. אַנדערש איז געווען אוסישקין. דאָס איז געווען אַ ענערגישע נאַטור. בעת ער איז געוואָרן אַ חובב ציון, האָט אויף זיך גענומען גיין צו פוס קיין פּאַלעסטינע. כדי זיך צוצוגעוויינען צו דער לאַנגער נסיעה, פלעגט ער איין צייט גיין צופוס פון וויטעבסק אין די נאָענטע שטעטלעך, און ער האָט עס געבראַכט אַזוי ווייט, אַז ער האָט געקאָנט גיין 40 ווערסט אַ טאָג. געוואָרן אַ סאָציאַליסט, האָט ער באַלד זיך אָנגעהויבן לערנען אַ מלאכה, „אַריין אין פעל פונם אַרבעטער“. אין ווילנע ווערט ער אַ מיטגליד פונם זשאַרגאָנישן קאָמיטעט און נעמט אויף זיך צו פאַרשפּרייטן די נייע ביכלעך אויפן אַלטן שטייגער. ער ווערט אַ פּאַקן־טרעגער, טראָגט אַרום פאַרקויפן די נייע יידישע ביכלעך אויפן ווילנער שול־הויף און איבער די וואַרשטאַטן. שפּעטער פּרובט ער גיין מיט אַ קאָרב ביכער איבער די קליינע שטעטלעך, וואָס אַרום ווילנע. זיין אויפטו האָט פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון דער אינטעליגענטער יוגנט, און דער „קניגאָנאָשאַ“ איז ביי זיי געוואָרן אַ מין לעגענדע.

פאַרשפּרייטן יידישע ביכלעך איז אין פלוג געווען אַ גאַנץ לעגאַלע זאַך; אָבער אַזוי ווי דאָס האָבן געטאָן סאָציאַליסטן, האָט עס שוין אין יענער צייט ממילא באַקומען אַן אומלעגאַלן כאַראַקטער. די אַרבעט איז ניט געווען אָפּגעגרעניצט פון דער אומלעגאַלער טעטיגקייט, וואָס די זעלביקע מענשן האָבן געטאָן. ווען פון דער פּראָווינץ איז עמיצער געקומען קיין ווילנע נאָך אומלעגאַלער ליטעראַטור אָדער נאָך אָנווייזונגען פון צענטער, פלעגט ער שוין פאַר איין גאַנג אַריינגייען אין זשאַרגאָנישן קאָמיטעט נאָך לעגאַלע ביכלעך. אויב נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען אַ שפּיאָן, האָט יענער צונויפגעמישט די דירות און די מענשן אין איין חשד. אָפט פלעגט מען בייד׳ע סאָרטן ליטעראַטור אָפּשיקן אויף די זעלביקע אַדרעסן. עס האָט אפילו געטראָפן, אַז מען האָט זיי אָפּגעשיקט אין איין פּעקל. חוץ דעם, האָבן זיך אין יענער צייט שוין אָנגעהויבן הויז=זוכונגען און אַרעסטן, און די זשאַנדאַרמעריע האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דעם, וואָס ביי די יידישע פאַרדעכטיקע אַרבעטער געפינט מען כמעט שטענדיק לעגאַלע יידישע ביכלעך פון אַ געוויסן מין. דאָס אַלץ האָט סוף כל סוף געמוזט ברענגען צו אַ דורכפאַל.

אין דעצעמבער 1896 איז געקומען פון וויטעבסק קיין ווילנע נאָך יידישע ביכלעך איינער מענדעלעוויטש. ער איז פאַרפאָרן אין אַ האָטעל. און אין איין ווינטער פאַרנאַכט, ווען ביי אים אין צימער זיינען געזעסן זיינע לאַנדסלייט און די חברים אַמסטערדאַם און אוסישקין, איז פּלוצלינג אָנגעקומען די זשאַנדאַרמעריע און זיי אַלעמען אַרעסטירט. גראָד אין יענעם מאָמענט איז אין האָטעל געקומען מיט אַ פּעקל ביכלעך פאַר וויטעבסק א. ראָזנבערג, איז ער אויך אַריינגעפאַלן. די זעלביקע נאַכט איז אַרעסטירט געוואָרן ביי זיך אין וואוינונג צילאַ קליס, און ביי איר האָט מען געפונען באַשטעלונגען, געלט=חשבונות און אַ ריי אַדרעסן פון דער פּראָווינץ. מענדעלעוויטש איז געזעסן נאָר אַ האַלב יאָר. די איבעריקע אַרעסטירטע האָט די זשאַנדאַרמעריע אָנגענומען פאַר וויכטיקע פאַרברעכער און האָט זיי געהאַלטן אונטערן שלאָס אנדערטהאַלבן יאָר. דערנאָך האָט מען זיי אַרויסגעשיקט אויף דריי יאָר אין קליינע שטעטלעך פון מאָהילעווער און וויטעבסקער גובערניע אונטער פּאָליציי=אויפזיכט. אויף אַמסטערדאַמען האָט די טורמע זעהר שלעכט געווירקט. ער איז געוואָרן טויבליך, נערוועז. אינם קליינעם שטעטל, וואו מען האָט אים פאַרשיקט, איז ער דערטרונקען געוואָרן בעתן באָדן זיך. אוסישקין און קליס האָבן שפּעטער געאַרבעט אין בונד.

נאָך דעם אַרעסט האָט זיך די אַרבעט פונם זשאַרגאָנישן קאָמיטעט ניט אָפּגעשטעלט. עס איז געוואָקסן די אומלעגאַלע אַרבעטער=באַוועגונג און צוזאַמען מיט איר איז געוואַקסן די נויט אין אַ לעגאַלן יידישן בוך. אין יאָר 1897 האָט דער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט געפונען פאַר נויטיק צו עפענען אין ווילנע אַן אייגענע בוך=קראָם. דאָס איז אָנגעקומען שווער. מען האָט געדאַרפט געפינען אַ מענשן, וואָס זאָל געבן זיין כשרן נאָמען אויף אַ האַלב טריפה זאַך. אויף ווילנער שול=הויף אונטער דער קברנישער שול, נעבן שבעה קרואים, האָט איינער אַן עלטערער ייד סוועניציאַנער געהאַלטן אַ קליין ספרים=קרעמל, וואו ער האָט פאַרקויפט מזוזות, לוחות, ציצית און סידורים. סוועניציאַנערס טאָכטער האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט די סאָציאַליסטן, האָט מען פאַר געלט געהאַלטן די ביכער פונם זשאַרגאָנישן קאָמיטעט ביי דעם סוועניציאַנערן און פאַר איין גאַנג שוין ביי אים אין שטוב אויך. אין סוועניציאַנערס קרעמל גופא האָט מען ווייניק פאַרקויפט. קונים פלעגן אַהין קומען נאָך אַ מזוזה, ניט נאָך אַ ביכל. אָבער דאָס איז געוואָרן אַ כשרער צענטער, וואו מען האָט זיך געקאָנט טרעפן מיט אַ מענשן פון פּראָווינץ: פון דאָרטן האָט מען געקאָנט פאַנאַנדערשיקן פּעקלעך. אַמאָל פלעגט אַהין אַריינקומען אַ געוויינלי-

בער פּאַקן=טרעגער, וועלכער האָט שוין געוואוסט, אַז אויף דער נייער סחורה געפינען
זיך בעלנים און מען קאָן פון דעם אַמאָל פאַרדינען ניט ערגער, ווי פון די אַלטע
מעשה=ביכלעך.

אין די יאָרן 1895–98 איז אין בערלין געווען אַ קרייז יידישע סטודענטן פון
רוסלאַנד. געווען צווישן זיי ציוניסטן=דעמאָקראַטן, וואָס האָבן געהאַלטן פון יידיש, למשל,
אי. עליאַשעוו (איצט בעל מחשבות); געווען צווישן זיי אויך סאָציאַליסטן. אויף אייניקע
פון דעם דאָזיקן קרייז האָט געהאַט אַן איינפלוס י. אייזנשטאַט, בעת ער האָט אין 1895
יאָר געוואוינט אין בערלין. סוף 1895 האָט זיך אין בערלין באַזעצט דוד פינסקי און
ער איז געווען נאָענט פאַרבונדן מיט דער דאָרטיקער רוסיש=יידישער סטודענטנשאַפט.
אין דעם קרייז איז אַריין י. דאַווידסאָן, שפּעטער אַן איסקראָוועץ, אַן אַסימילאַטאָר, צו
יענער צייט אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט זיך נאָך ניט אין גאַנצן באַפרייט פון חיבת=ציון=
שטימונגען. ער איז געווען פאַרבונדן מיט די ווילנער יידישע סאָציאַליסטן בכלל און
מיט דעם זשאַרגאָנישן קאָמיטעט בפרט. אין יאָר 1898 האָבן דאַווידסאָן, פינסקי און
נאָך אייניגע סטודענטן פון דעם בערלינער קרייז געגרינדעט אַ יידישע פאַרלעגערישע
גרופּע „צייט=גייסט“.

פערזענליך בין איך מיט דער גרופּע „צייט=גייסט“ ניט געווען פאַרבונדן. איך בין
שוין דעמאָלט געווען אַרויסגעשיקט קיין קאַטערינאָסלאַוו אונטער פּאָליציי-אויפזיכט און
פלעג קומען קיין ווילנע זעלטן. אויף וויפיל איך ווייס, האָט די גרופּע „צייט=גייסט“
געהאַט אַ קאָנפערענץ מיט די זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן אין ליטע. פאָרמעל זיינען די
פאָרשטייער פון די זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן געוואָרן אַגענטן פון דער פאַרלעגערישער
פירמע „צייט=גייסט“. יעדער אַגענט האָט באַקומען אַ קוויטאַריוס מיט טאַלאָנען אויפצו=
נעמען באַשטעלונגען און האַנט=געלט. דאָס האָט געזאָלט כשרן די פאָרשטייער פון די
קאָמיטעטן אין די אויגן פון דער רוסישער פּאָליציי. צי האָט די סגולה עפּעס געהאָלפן,
ווייס איך ניט. אין פאַרלאַג „צייט=גייסט“ זיינען אַרויס פאָלגנדיקע ביכלעך (דעם סדר
געדיינט איך ניט אַקוראַט): די לערע פון לעבן (פיזיאָלאָגיע) באַאַרבעט נאָך לונקעוויטש
און אַנדערע דורך ד. מארדפיין (פסעוודאָנים פון דוד פינסקי) ערשטער שיעור: דאָס
בלוט איז דאָס האַרץ. י. דאַווידזאָן – „די אייביקע מלחמה אין דער נאַטור“, אַ פּאָפּו=
לאַריזאַציע פון דאַרווינס שיטה וועגן קאַמף פאַרן לעבן; דער זעלבער מחבר האָט
אָנגעשריבן נאָך אַ ביכל: „די נאַטור איז די בעסטע שדכנטע“ (אַ פּאָפּולאַריזאַציע פון
דאַרווינס געשלעכטליכן אפּקלייב). איך ווייס ניט, פאַרוואָס יענס ביכל איז ניט גע=
דרוקט געוואָרן. ד. פולס (פסעוודאָנים פון ד. פינסקי)—די אָפּן, באַאַרבעט נאָך ברעם.
ד. פינסקי—דראַבקין און ערב יום=כפור, צוויי ערציילונגען. די לערע פון לעבן: צוויי=
טער שיעור, דאָס עסן=פאַרדייען. די לערע פון לעבן, דריטער שיעור: דאָס עטעמען.
יעדער ביכל האָט געהאַלטן פון 40 ביז 80 זייטן און האָט געקאָסט פון 10 ביז 20
קאָפּיקעס. די ביכלעך האָבן זיך געדרוקט אין בערלין, נאָר כדי מען זאָל זיי מעגן
פאַרשפּרייטן אין רוסלאַנד, האָט מען זיי אַפריער דורכגעפירט דורך ווילנער צענזור.

אין 1898 איז די גאַנצע אַרבעט פונם ווילנער זשאַרגאָנישן קאָמיטעט איבער=
געגאַנגען צו קלמן קראַפּיווניקאָוו געבוירן ביי אָרימע עלטערן, פרי אַ יתום געוואָרן,
געלערנט אין ווילנער ישיבות, געהונגערט, אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן, האָט ער צו 15
יאָר געשריבן העברעאישע שירים, און די ווילנער חובבי ציון האָבן זיך מיט אים גע=
צאַצקעט, ווי מיט אַ צוקונפטיקן העברעאישן פּאָעט. זיי האָבן אים געשטיצט, און דער=
פאַר האָבן זיי געפאָדערט דאַנקבאַרקייט און „אָנשטענדיקע אויפפירונג“. קלמן איז גע=

זוען אַ ייִנגל אַן עקשן, מיט אַ קראַנקער אייגנליבע. די באַציהונג פון זיינע בעלי טובות האָט אים טיף באַליידיקט, און ער פלעגט אָפט זיין מיט זיי גראָב, צערייצט, ווי אַ קליינע חיה. צו 16 יאָר איז ער געוואָרן אַ סאָציאַליסט. ער האָט אָנגעהויבן זיך דרייען צווישן אַרבעטער—איז אויך געווען אַ לערער אויף אַ ישוב, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ פאַפּיראָסן־מאַכער. אָבער ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די פאַבריק, ווייל ער איז געווען זעהר שטאַרק קורצזיכטיק. ער האָט געשריבן יידישע לידער, און די אַרבעטער האָבן אים גערופן דער פּאָעטיק. זיינע לידער זיינען קיין מאָל ניט געדרוקט געוואָרן. זיי פלעגן גיין געשריבענע פון האַנט צו האַנט. קיין גרויכן ווערט האָבן זיי ניט געהאַט. ביי מיר אין זכרון האָבן זיך אָפּגעשטעלט נאָר פאָלגנדיקע 4 שורות:

איך גלויב ניט אין גאָט, אין מלאכי השלום,
איך גלויב ניט, איך גלויב ניט אין קיינעם אויף דער וועלט.
איך גלויב נאָר אין שדים, איך גלויב אין טייוואָלים,
איך גלויב נאָר אין רוחות איך גלויב נאָר אין געלט.

די שנאה צו זיינע אַמאָליקע בעלי־טובהניקעס, די חובבי־ציון, האָט אין קלמנען איינגעפלאַנצט אַ שטאַרקן האַס צו העברעאיש. ער ווערט אַ חסיד פון פרצס בלעטלעך און הויבט אָן זיי ענערגיש צו פאַרשפּרייטן.

קלמן איז געווען זעהר אַן אַקטיווע נאַטור, אַ הייסער טעמפּעראַמענט מיט דעספאָטישע נייגונגען. זיין ענערגיע איז געווען ניט קיין גלייכמעסיקע, נאָר אַ טומלדיקע, אַ שפּרינגענדיקע. אַרבעטן קאָלעגיאַל איז פאַר אים געווען כמעט אוממעגליך. ער האט אַ סך אויפגעטאָן; אין אַלץ, צו וואס ער האט זיך גענומען, האט ער אַריינגעטראָגן אַ סך איניציאַטיוו, אבער אויך אַ סך צעוואָרפנקייט און דעזאָרגאַניזאַציע. די חברים האבן פון אים שטאַרק געהאַלטן, אבער זיי האבן אים ניט ליב געהאַט און געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם, און זיין אַרט ארבעטן האט מען אין ווילנע אַ נאמען געגעבן קלמניזם. די באַציהונג, פון די חברים האט אים שטאַרק געקרענקט, און ער האט זיך געפילט גליקליך, ווען ער האט געזען, אַז ער איז זיי נויטיק, אַז זיי קאָנען אָן אים ניט אויסקומען. סוכות 1899 בין איך געווען אין ווילנע. קלמן האט זיך מיט מיר פאַנאַנדערגערעדט וועגן זיין ראָלע אין דער באַוועגונג; „איר ווייסט, ווער קלמן איז איצט? דער ווילנער קאָמיטעט פון בונד טוט קיין זאַך ניט אָן קלמנען. קלמן איז דער פירער פון די ווילנער פריקאַזטשיקעס. קלמן פאַרשפּרייט די נייע יידישע ביכער איבער גאַנץ ליטע. קומט עמיצער פון פּראָווינץ, צו וועמען גייט ער אַריין? צו קלמנען. וואַרט, קלמן וועט נאָך ווערן דער פירער פון ווילנער קאָמיטעט פון בונד; איר וועט באַלד הערן פון אים, ווי פון אַ גרויסן אָראַטאָר. איר ווייסט דען, וואס קלמן איז?" איך האב געענטפערט: „אויב קלמן רעדט אפט אין אַזאַ טאָן, פאַרשטיי איך, פאַרוואס מ'האט קלמנען ניט ליב". ער איז אין כעס געוואָרן.

אין דעם ענין פון פאַרשפּרייטן יידישע ביכער האט קלמן אויך אַריינגעטראָגן אַ סך טעמפּעראַמענט און ברייטקייט. אים האט זיך איינגעגעבן צו עפענען אויף הקדש־געלט אַ יידישע בוך־קראָם אויף נאָמען פון אברהם גאַסעלניק. גאַסעלניק איז געווען אַן אָנגעזעענער בוכהאַלטער, מיט אַ רעפּוטאַציע פון אַ כשרן לייטישן מענטשן, הגם אין דער אמתן איז ער געווען אַ בונדיסט און איז שטענדיק גרייט געווען צו דינען דער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט וואָס ער האט נאָר געקאָנט. גאַסעלניקס קראָם איז געוואָרן אַ צענטער פונם נייעם יידישן בוך. פון דאָרטן האט זיך פאַרשפּרייט אַלץ מער אדער ווייניקער אינטערעסאַנטס, וואס איז אַרויס אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע. איין צייט

איז גאָסעלניקס ביכער-געשעפט געוואַקסן און האָט זיך ניט שלעכט אַנטוויקלט. אָבער די אַרבעטער-באַוועגונג איז שטאַרק געוואַקסן. איבער די אָפטע אַרעסטן זיינען די רייען פון אינטעליגענטע טוער געוואָרן שיטער. און די וואָס זיינען געבליבן, זיינען אין גאַנצן אַוועק אין דער אונטערערדישער אַרבעט, אויף שאַפן און פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, אויף אָרגאַניזירן דעם עקאָנאָמישן קאַמף א. ד. גל. קלמן גופא האָט אָרגאַניזירט אין ווילנע אַן אומלעגאַלען פאַראיין פון יידישע האַנדלס-אָנגעשטעלטע, און דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער אָפּגעגעבן דעם גרעסטן טייל פון זיין ענערגיע. ווינטער 1900–1901 האָט דער פאַראיין פון האַנדלס-אָנגעשטעלטע, לויט קלמנס איניציאַטיוו, געעפנט אין ווילנע אויף רודניצקער גאַס אַן אייגענע גאַר-קיך, וועלכע איז פאַקטיש גלייך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סאָציאַליסטישן קלוב. קלמן פלעגט פאָרן אין אַנדערע שטעט פון ליטע דאָרטן אויך צו גרינדן פאַראיינען פון האַנדלס-אָנגעשטעלטע. ער האָט געהאָלפן צונויפרופן אין דווינסק אַ קאָנפערענץ פון די דאָזיקע פאַראיינען. אויף דער קאָנפערענץ איז געלייגט געוואָרן אַ גרונד-שטיין פאַר אַ פאַרבאַנד פון יידישע האַנדלס-אָנגעשטעלטע, לויט דעם מוסטער פון דעם בערשטער-בונד. קלמן איז אַוועק מיטן קאָפּ, לייב און לעבן אין דער אומלעגאַלער באַוועגונג. אין אים האָט זיך אַנטדעקט אַ באַטייטנדיקער רעדנער-טאַלאַנט און ער האָט ווינטער 1900—1901 אָרגאַניזירט עטליכע דיספּוטן מיט די דעמאָלטיקע פּיאָנערן פון דעם פּועלי-ציוניזם: האַלפּערין, בערגער און סראָלאָוו. די אַרבעט אין בוך-געשעפט האָט ער פאַרלאָזן. קיין זשאַרגאָנישער קאָמיטעט איז שוין לאַנג ניט געווען. די אַלטע מיטגלידער זיינען זיך צעפאָרן, אָדער מען האָט זיי אַרעסטירט און פאַרשיקט. קיין נייע זיינען ניט צוגעקומען. גאָסעלניקס געשעפט האָט זיך געהאַלטן אויף זיך אַליין. צו ביסלעך האָבן געאַרבעט שמואל פּערסאָן, ד. לעווין און א. גאָסעלניקס יינגערער ברודער. אָבער זיי האָבן קיין גרויסע אַקטיוויקייט ניט אַרויסגעוויזן. חוץ דעם, האָבן די ערשטע צוויי אָפּגעגעבן אַ סך צייט דער אומלעגאַלער באַוועגונג, און דער דריטער איז נאָך געווען צו יונג. דער געשעפט האָט ניט געלעבט, ער האָט זיך געשלעפּט. אין פרילינג 1901 איז געקומען זובאַטאָוו און האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין לאַנגער גסיסה.

ווי אַמאָל דער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט, אַזוי איז שפּעטער גאָסעלניקס בוך-געשעפט געוואָרן אַ צענטער פאַר אומלעגאַלער אַרבעט. דאָס איז דאָך געווען אַ כשרער אָרט, פלעגט מען דאָרטן אָפּשטעלן צוזאַמענטרעפעניש. דאָס איז געווען אַ כשרער אַדרעס, פלעגט מען אַהין צושיקן בריוו וועגן אָרגאַניזאַציע-ענינים. אַהין פלעגן קומען חברים פון דער פּראָווינץ זיך דערוויסן, וואו און ווען מען קאָן זען דעם אָדער יענעם בויטיקן מענשן. זיי פלעגן אָפּט פון וואָקזאַל אַראָפּגיין צו גאָסעלניקן אין קראָם. און דער כשרער אָרט איז טריף געוואָרן. ער איז געוואָרן אַ צענטער פון שפּיאָנאַזש. אין פרילינג 1901 האָט זובאַטאָוו געמאַכט גרויסע אַרעסטן אין גאַנצן ראַיאָן פון בונד, און מער ווי אומעטום אין ווילנע. דעמאָלט זיינען אַרעסטירט געוואָרן קראַפּיוניקאָוו און פּערסאָן. לעווין איז נאָך פריער אַרעסטירט געוואָרן אין דאַווידהאָראַדאָק, מינסקער גובערניע. גאָסעלניקס בוך-געשעפט איז פאַרמאַכט געוואָרן.

קלמן קראַפּיוניקאָוו איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין מאָסקווער טורמע, וואו ער איז געזעסן אומגעפער אַ יאָר. נאָך דעם ווי ער ווערט באַפרייט, אַרבעט ער אַ קורצע צייט אומלעגאַל אין וואַרשע און אין זשיטאָמיר און ער ווערט ווידער אַרעסטירט. דאָס מאָל ווערט ער פאַרשיקט אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע. זיין לעבעדיקע נאַטור האָט ניט אויס דאָס ליידיק זיצן. ער ווערט נערוועז, פאַלט אַריין אין יאוש, פאַרלירט דעם

גלויבן אין זיך. עס הויבט אים אן ציען צו זעלבסטמארד. דערצו ווירקן נאך מיט פערזענליכע סיבות פון אינטימען כאראַקטער. אין האַרבסט 1904 באַווייזט זיך אַ מעגליכקייט צו אַנטלויפן, זיך אומצוקערן צו דער „אַרבעט“. קלמן איז ווידער געוואָרן מוטיק, לעבעדיק, אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן טויט. אבער דאס אנטלויפן איז ניט צושטאַנד געקומען, ניט געווען קיין מעגליכקייט. און אין דעצעמבר 1904 האט זיך קלמן אויפגעהאַנגען. אַ פאַרשיקטע חברטע, וואס האט געוואוינט אין איין דארף מיט אים, מ. ש., האט שפעטער באַשריבן קלמנס לעצטע טעג אין אַ סקיצע „אויפן ווייטן צפון“, אפגעדרוקט אַפריער אין דער בונדישער „פאלקס-צייטונג“ אין יאר 1906, אַרויס דערנאך אין אַ באַזונדערע אויסגאַבע אין יידיש און רוסיש.

די אַרבעט, וואס די זשאַרגאנישע קאמיטעטן האבן אנגעהויבן, איז איבערגעריסן געוואָרן. די פאפולער-וויסנשאפטליכע ביכלעך, וואס לידסקיס פארלאג „פראגרעס“ האט אַרויסגעגעבן אין די ערשטע יארן פונם נייעם יארהונדערט, זיינען געווען איבערגעדרוקט פון קאטיקס אדער פון אמעריקאַנער אויסגאַבן. חוץ דעם, איז דער פאַרלאג „פראגרעס“ געווען אַ ריין קאמערציעלע אונטערנעמונג, אָן אַ אידייאישן אונטערשלאַק. אין יאר 1903 האט א. קאטיק געפרובט מאכן אויפלעבן זיין פאַרלאַג אין ביאליסטאק, וואו ער האט דעמאלט געוואוינט. אבער דערפון איז גאר ניט ארויסגעקומען. מער קיין פראבעס פון לעגאלע אויסגאבן האבן די סאציאליסטן אין יענע יארן ניט געמאכט, ניט געווען אין רוסלאנד קיין פרייע קרעפטן פאר דער דאזיקער ארבעט. און אין אויסלאנד זיינען שוין דעמאלט געווען אַ היפש ביסל בונדיסטן, סטודענטן און פאליטישע עמיגראנטן. דער אויסלענדישער קאמיטעט פון בונד האט אנטוויקלט אַ גרויסע ליטעראריש-פאַרלעגערישע טעטיגקייט. צוזאמען מיט צייטשריפטן און בראשורן, וואס האבן דירעקט באדינט די באוועגונג, האט ער ארויסגעגעבן אַ סך ביכלעך פאר סאציאליסטישער אויפקלערונג, פאפולער-וויסנשאפטליכע ביכלעך אויף געזעלשאפטליכע טעמעס, וואס וואלטן אין רוסלאנד ניט דורכגעגאנגען דורך דער צענזור, וועלכע איז צו אַ יידישן ביכל געווען נאך שטרענגער, ווי א צו א רוסישן. ער האט אויך ארוסגעגעבן איינ-קע בעלעטריסטישע זאַכן, ווי פינסקיס באַוואוסטע דראַמע „די פאַמיליע צבי“, וועלכע האט אין רוסלאנד דעמאלט בשום אופן ניט געקאנט געדרוקט ווערן. די לאנדאנער און זשענעווער אויסגאַבן האבן זיך אפט מער פארשפרייט אין רוסלאנד, ווי לעגאלע ביכלעך, געדרוקטע אין ווילנע אדער וואַרשע. די אַרבעטער-באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן ניט בלויז אין צאל, נאר אויך אין באַוואוסטזיין, און רעדן וועגן אַ געזעלשאַפטליכער פראַגע מיטן האַלבן מויל האט מען שוין ניט געקאנט.

די איבערגעריסענע טעטיגקייט פון די זשאַרגאנישע קאמיטעטן איז ווידער אויפגענומען געוואָרן ערשט אין זומער 1905. אונטערן דרוק פון דער רעוואלוציע איז די צענזור צו יענער צייט געוואָרן אַ סך ווייכער.

סוף 1905 איז אין וואַרשע ביים וואַרשעווער קאמיטעט פון „בונד“ געגרינדעט געוואָרן אַ פארלאג אונטערן נאמען „אַרבעטער-שטימע“, וואס האט ארויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי פאפולער-וויסנשאַפטליכע בראשורן, ווי קאַוטסקיס „ערפורטער פראגראם“, „אויף מארגן נאך דער סאציאַלער רעוואלוציע“, א. אַ. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז די באַוואוסטע בראשור פון וו. ליבקנעכט—„שפינען און פליגען“ איז פאַרקויפט געוואָרן אויף די גאַסן פון ווארשא אין 10,000 עקזעמפלאַרען, צו 1 קאפ אַ שטיק.

דעם 12-טן דעצעמבער 1905 איז פאליציי באַפאַלן דעם סקלאַד פון פאַרלאַג (נאוואליפיע 17) און האט קאנפיסקירט אַלץ, וואס זי האט געטראפן אויפן אָרט. די

געבליבענע ביכער האט זיך דעם צ. ק. פון „בונד“ איינגעגעבן איבערצוטראַנספּאַרטירן אין ווילנע, וואו עס איז אנהויב 1906 געגרינדעט געוואָרן דער באַייאוסטער פאַרלאַג „די וועלט“. די אפּגעראַטעוועטע ביכער, שוין אונטער׳ן נאמען „די וועלט“, האבן געלייגט דעם גרונדשטיין פון דעם דאזיגן פאַרלאַג, וואָס האט געטאָן אין אַ גרעסערן מאסשטאַב די אַרבעט, וואס די „זשאַרגאָנישע קאמיטעטן“ האבן אנגעהויבן מיט 11 יאר פריער.

און אינטערעסאַנט איז: דער פארמעלער אייגנטימער פונם פאַרלאַג „די וועלט“ איז ווידער געווען א. גאַסעלניק.

א. ליטוואַק.

ערב „בונד״.

I.

פראָפּאַגאַנדע.

ווילנע ווערט גערעכנט פאַרן אָרט, וואו ס׳איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג; ווילנע פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט אין דער געשיכטע פון דער דאָזיקער באַוועגונג. דאָס ערשטע אָרט — נישט בלויז כראָניקאַליש, ווייל דאָרט האָט זיך צום ערשטן אָנגעהויבן די פּראַקטישע אַרבעט, נאָר אויך אין אינטעלעקטועלן זין, ווייל דאָרטן איז אויך צום ערשטן אויפגעקומען דער געדאַנק, די טעאָריע פון דער באַוועגונג; דאָרטן זיינען צום ערשטן אויסגעאַרבעט געוואָרן די טאַקטישע פּרינציפּן און צילן פון דער דאָזיקער באַוועגונג, אויפגעדעקט געוואָרן איר יידישער תּוך, דאָרט איז דעבאַטירט געוואָרן איבער אירע פאָרמען און אָרגאַניזאַציאָנעלן אויסזען, ביז זיי האָבן באַקומען זייער פאַרענדיקטן אויסדרוק אין אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער אָרגאַניזאַציע, — אינם „בונד״.

און נישט אַזוי לייכט איז דאָס צוגעגאַנגען, ווי ס׳קאָן זיך איצט אויסדאַכטן.

ווילנע איז געווען אַ גרויסער צענטר פון יידישן גייסטיקן לעבן אין ליטע. די העגעמאָניע אָבער אין יידישן גייסטיקן לעבן ביז די 90=טע יאָרן האָט געהאַט דער יידישער בעל=הבית, די בורזשואַזע אינטעליגענץ, דער ליבעראַלער און ראַדיקאַלער געדאַנק פון די בירגערליכע קלאַסן. דער יידישער אַרבעטער האָט נאָך אידעאָלאָגיש נישט עקזיסטירט אַלס זעלבסטשטענדיקער געזעלשאַפטליכער שיכט און איז אויך אָרגאַניזאַציאָנעל געווען אַ צעשטויבטע מאַסע, צעשפּרייטע גלידער אָן אַ ווילן, אָן אַ באַוואוסטזיין.

איין קליינער, אומבאַדייטנדער טייל נאָר פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט לחלוטין איבערגעריסן מיט דער יידישער סביבה און יידישער קולטור, האָט אין זיך איינגעזאַפּט די נייע אידעען פון דעם „4=טן שטאַנד״, פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, פון וויסנשאַפטליכן סאָציאַליזם.

דאָס איז געווען דער יונגער מאַרקסיזם, וועלכער האָט צוגעצויגן צו זיך איינצלנע אינטעלעקטועלע יידישע כחות, הויפּטזעכליך פון דער שטודירנדער יוגנט, אַזוי ווי די פריערדיקע „נאַראָדניטשעסטוואָ״ האָט פאַרמאָגט אין אירע רייען אייניקע יידישע ענערגישע אַדעפּטן. אָבער אַזוי ווי די פריערדיקע „נאַראָדניקעס״, זיינען אויך די ערשטע יידישע „סאָציאַל=דעמאָקראַטן״ געווען אָפּגעריסן פון אָרגאַנישן יידישן לעבן, האַבן זיך נישט פאַרטראַכט איבער זיין אייגנאַרטיקייט און ספּעציפישע באַדינגונגען און

זיינען געווען זעהר ווייט פון וועלכע עס איז אייגנטליכע „נאַציאָנאַלע״ פאָרמען פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

האָבן די דאָזיקע אינטעליגענטן געלעבט אין פעטערבורג, אָדעס, אָדער קיעוו האָבן זיי זייער „אַרבעט״ געפירט צווישן די רוסישע אַרבעטער. האָט זיי דער גורל פאַרוואָרפן אויף אַ צייט קיין ווילנע, האָבן זיי דאָס זעלבע געטאָן אויך צווישן די ייִדישע בעלי־מלאכות, די ייִדישע אַרבעטער. נישט צוליב אַ ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר בכלל, כדי צו שאַפן אַ גרעסערן קאָנטיגענט אויפגעקלערטע, „פּראָפּאַגאַנדירטע״ פּראָלעטאַריער.

און פונקט ווי די פריערדיקע „נאַראָדניקעס״ האָבן בכלל געקוקט אויף די שטאָטישע אַרבעטער, צווישן וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו פירן זייער פּראָפּאַגאַנדע, ווי אויף שפּעטערדיקע טוער אין דאָרף, צווישן דער פּויערן־מאַסע, אַזוי האָבן די ערשטע ייִדישע אינטעליגענטן „מאַרקסיסטן״ געקוקט אויף די „פּראָפּאַגאַנדירטע״ ייִדישע בעלי־מלאכות ווי אויף קומענדיקע טוער אין דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג און אויף זייער גאַנצער אַרבעט אין ייִדישן תחום בכלל, ווי אויף אַן איבערגאַנגס־סטופּע צו דער אַלגעמיינער, רוסישער באַוועגונג.

און געפירט איז געוואָרן די אַרבעט דורך די ערשטע „מאַרקסיסטן״ לויט אַן אויסגעאַרבעטן קרייזל־שאַבלאָן. מען האָט צונויפגענומען עטליכע, אָדער אַ צענדליק אַרבעטער אין איין קרייז, צו זיי פלעגט אַראָפּקומען אַן אינטעליגענט און פלעגט מיט זיי לערנען פּאָליטישע עקאָנאָמיע, לעזן בעלטאָוון, אָדער דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״ און דערביי פירן שמועסן בכלל וועגן וויסנשאַפטליכן סאָציאַליזם און זיין שיטה.

אָבער אין דער ייִדישער סביבה האָט זיך דער פּראָפּאַגאַנדיסט באַלד אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן, פון וועלכע ער האָט פריער נישט געוואוסט. אין אַ רוסיש קרייזל פלעגט זיין געגנוג ער זאָל ברענגען מיט זיך זאָבאָוס געשפּרעכן וועגן נאַטור־וויסנשאַפט, קאַרישעוו וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אָדער אַ ניי ביכל פון דער גרופּע „צו באַפרייען די אַרבעט״ און ער זאָל שוין קאָנען „פּראָפּאַגאַנדירן״. דאָ צָבער האָט דער פּראָפּאַגאַנדיסט זיך באַגעגנט מיט אַ נייער ערשיינונג: די אָנגעקומענע תלמידים קאָנען נישט אַלע גוט די רוסישע שפּראַך. זיי האָבן נישט די מעגליכקייט אַליין צו לעזן און צו פאַרפולקאָמענען זייערע ידיעות. זיי פאַרשטייען צייטנווייז שווער אפילו דעם פּראָפּאַגאַנדיסט גופא.

און דאָס פּראָגראַם פון דער פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך געמוזט פאַרברייטן אַזש ביז לערנען מיט די פּראָפּאַגאַנדירטע די רוסישע שפּראַך, לעזן און שרייבן. מען האָט פּשוט גענומען קנעלן מיט די אָנגעקומענע, ווי אין אַ רעכטער שול, מען האָט זיי אָנגעהויבן געבן עלעמענטאַרע ידיעות פון אַלע וויסנשאַפטס־געביטן. די מער פעיִקערע און פלייסיקערע פלעגן זיך איבערגעבן די למודים מיט לייב און זעל, פאַר זיי האָט זיך גאָר געעפנט אַנייע וועלט, וועלכע איז פריער געווען פאַר זיי פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער און זיי האָבן אָנגעהויבן צו לעבן מיטן נייעם, מיט דעם אַנטפּלעקטן.

זיי האָבן פיינט באַקומען זייער אַרבעט, וועלכע נעמט אָפּ ביי זיי זייער גאַנצע צייט און מאַכט זיי בלויז פאַר שקלאַפן; זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַראַכטן די אַרבעטער־מאַסע, וועלכע לעבט אַזוי בלינד און אומוויסנד און זיי האָבן זיך געריסן צו אַ נייעם אַרט לעבן, צו נייע באַשעפטיקונגען. די, וועלכע ס׳איז געלונגען, זיינען געלאָפן פון ווערקשטוב, פון מאַשין; די אַרבעטערקעס האָבן זיך געלאָזן אויף אַקושערן־און פעלדשער־קורסן, און די אַרבעטער האָבן געטרוימט וועגן אינטעליגענטע פּראָפעסיעס.

אָנשטאָט רעוואָלוציאָנערן אַקטיוויזם האָט זיך ביי זיי אויסגעאַרבעט אַ פּאַסיוו-פּעסימיסטישע באַציאונג צו דער ווירקליכקייט, אַ פאַרלאַנג זי אויסצומיידן; אָנשטאָט אַקלאַסן-אידעאָלאָגיע האָט זיך באַקומען אַן אַריסטאָקראַטישער בליק אויף די אַרבעטער-מאַסן און אומגלויבן אין זייער קאַמפּס-פעיִקייט.

אויב יעדער איינציקער אַרבעטער וועט דערגיין צו זייער מדרגה, וועט ווערן אויפגעקלערט און געבילדעט, דאַמאָלס וועט מען קאָנען רעדן וועגן אַרבעטער-קאַמף, ביז יענער צייט אָבער איז נישטאָ וועגן דעם וואָס צו טראַכטן. די „אינטעליגענטן" דאַרפן דערפאַר געבן נאָך מער וויסן, נאָך מער „פּראָפּאַגאַנדע", מען דאַרף זיך נישט באַשעפטיקן מיט קיין זייטיקע זאַכן, וואָס „פאַרבלענדן" נאָר די אַרבעטער, פאַרפירן זיי און גיבן זיי גאָר נישט. וואָס מער קרייזלעך, וואָס מער אויפקלערונג, וואָס מער „בילדונג", אַלץ מער — „באַוואוסטזיניקע" אַרבעטער, אַלץ גרעסער די מחנה פון די „סאָציאַליסטן".

אין אַזאַ צושטאַנד האָט זיך געפונען די „באַוועגונג" אָנפאַנגס 90-טע יאָרן פון פאָריקן יאָר. הונדערט. ביז אַ הונדערט אַרבעטער האָבן זיך געפונען אין קרייזלעך, מיט וועלכע ס'האָבן אָנגעפירט קרוב אַ צוויי צענדליק אינטעליגענטן און „האַלבע" אינטעליגענטן. אַזוי האָט מען גערופן די נישט דיפּלאָמירטע „עקסטערנער", אָדער סתם יונגע-לייט, וועלכע זיינען נישט געווען קיין אַרבעטער און האָבן נישט גענאָסן פון קיין סיסטעמאַטישער בילדונג.

די צוהערער פאַר די קרייזלעך האָט מען ווערבירט פון די פאַכאָוועס „קאַסעס" וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן ביי דער אָדער יענער פּראָפעסיע. די דאָזיקע „קאַסעס" זיינען נישט געווען קיין קאַמפּס-אָרגאַניזאַציעס מיט קלאָר אויסגעשפּראָכענע פּראָפעסיאָנעלע צילן. דאָס איז געווען אַ לויזער פאַרבאַנד צווישן די אַרבעטער פון דער פּראָפעסיע, מערסטנטייל איינגעשטעלט פּראָוויזאָריש, פאַר אַ באַשטימטער באַדערפעניש. די „באַוואוסטזיניקע" האָבן געקוקט אויף די „קאַסעס", ווי אויף אַ מיטל צו באַקומען פון דאָרטן די פעיִקע אַרבעטער און זיי איבערפירן אין די קרייזן. קיין אַנדער באַדייטונג האָט מען די דאָזיקע אינסטיטוציעס נישט צוגעגעבן.

די ערשטע קאַסע אין ווילנע האָט זיך איינגעשטעלט ביי די זאָקן-מאַכערקעס נאָך אין יאָר 1888. דער דאָזיקער פאַך איז געווען צו יענער צייט אַנטוויקלט אין ווילנע אַלס הויז-אינדוסטריע. סוחרים פלעגן אַרויסגעבן אַ היים די אַרבעטערינס רוי-שטאָף און זיי פלעגן דאָס שוין אויסאַרבעטן אויף די אייגענע מאַשינען. די עקספּלואַטאַציע איז געווען זעהר גרויס און די זאָקנמאַכערקעס האָבן זיך געמוזט באַקענען איינע מיט דער צווייטער און זיך צונויפרעדן וועגן אַ מינימאַלן לוין פאַר זייער אַרבעט.

שפּעטער האָבן זיך געשאַפן אַזעלכע קאַסעס אויך ביי די שניידער און אַנדערע פאַכן. ס'פלעגט אויסברעכן אַמאָל אַ שטרייק פאַר דער אָדער יענער פאָדערונג. אין אַזאַ מאָמענט פלעגט מען צונויפרופן די גאַנצע מאַסע פון פאַך, זי אויפקלערן וועגן דער „אַקציע" (ווי מען רופט דאָס היינט), אָבער באַלד די מאַסע ווידער פאַנאַנדערלאָזן. מען האָט נישט געהאַט וועגן וואָס מיט איר צו ריידן, מען האָט נישט געהאַט מיט איר וואָס צו טאָן.

ביסלעכווייז אָבער הויבט אָן אַרבעטן דער געדאַנק אין אַן אַנדער ריכטונג. וואָס וועט בלייבן פון אַזאַ קרייזל-אַרבעט? וואָס פאַר אַ ממשות האָט דאָס פאַר אַ באַוועגונג און צי וועט מען דען מיט דעם ביסל עולם זיך קאָנען לאָזן אין אַ קאַמף? און ביי דער אינטעליגענץ און אייניקע „אַגיטאַטאָרן" שאַפט זיך אַ געדאַנק אַריינצוציען

די ברייטע אַרבעטער־מאַסע אין דער אַרבעט. אמת, מיט איר קאָן מען נישט רעדן גלייך וועגן סאָציאַליזם און פּאָליטישן קאַמף, קאָן מען זי אָבער פֿאַראינטערעסירן מיט איר עקאָנאָמישער לאַגע.

די ערפאַרונגען מיט די איינציקע שטרייקן האָבן באַוויזן, אַז קוים רעדט מען צו דער מאַסע וועגן אַ פראַגע, וואָס איז איר נאָנט, רופט זי זיך גערן אָפּ, הערט זיך גוט צו צום רעדנער. פאַרוואָס זאָל מען נישט אויסנוצן די גאַנצע איבערעקספּלואַטאַציע, אין וועלכער ס׳געפונען זיך די יידישע אַרבעטער, בכדי זיי אַריינצוציען אין קאַמף, לכתחילה מיט זייערע בעלי־בתים און נאָכדעם שוין אים אַלץ מער פאַרברייטערן און פאַרטיפן. דאָס לעבן אַליין וועט ווייזן די אַרבעטער ווי נויטיק ס׳זיינען פאַר זייער עקאָנאָמישן קאַמף די פּאָליטישע פרייהייטן: פרייהייט פון שטרייקן, פון פאַרזאַמלונגען, פאַריינען א. א. וו.

נייע, ברייטע פּערספּעקטיוון האָבן זיך געעפנט פאַר די „סאָציאַל־דעמאָקראַטן“, אינטעליגענטן. ס׳איז דאָ אַ מעגליכקייט איבערצוטראָגן דעם סאָציאַליזם אין דער ברייט, צו טויזנטער אַרבעטער. אמת, דאָ וועט מען שוין מיט דער רוסישער שפּראַך נישט קאָנען אויסקומען. די „אַגיטאַטאָרן“ וועלן דאַרפן רעדן צו דער מאַסע אויף יידיש און אויף אַ פאַרשטענדליכן אופן. די גאַנצע אַרבעט וועט דעמאָלט באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען.

דער דאָזיקער געדאַנק, געוואָרפן צווישן די „אַגיטאַטאָרן“, האָט אָנפאַנגס נישט געפונען דאָרט קיין אָפּקלאַנג. דאָס רוב האָט זיך באַצויגן גאַנץ נעגאַטיוו צו אַזעלכע נייע וועגן אין דער באַוועגונג.

אין יאָר 1892 האָט מען אין ווילנע צום ערשטן מאָל געפייערט דעם 1־טן מאַי. ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע אַגיטאַטאָרן און „קאַנדידאַטן“ ביז אַ מאַן הונדערט. דאָרט האָבן אויך פיר אַרבעטער געהאַלטן רעדעס וועגן טאַקטיק. נאָר איין אַרבעטערין פּאַניע רעזניק, אַ שניידערין, האָט פאָרמולירט די וויטערדיקע אַרבעט אין אַזעלכע ווערטער:

„מיר דאַרפן קעמפן מיט אונזערע שונאים. אָבער יעדער מענטש דאַרף אויסרעכענען זיינע כחות: מיר ווייסן גוט, אַז מיט אַמאָל קאָן מען נישט אַלץ איבערמאַכן, דערפאַר דאַרפן מיר דערווייל קעמפן מיט אונזערע נאָנטסטע פיינט, מיט אונזערע בעלי־בתים. מיר דאַרפן איינאָרדנען אָפטע צוזאַמענקונפטן, אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען. מיר דאַרפן זיך באַמיען צו גרינדן קאַסעס און זיי פאַרשפּרייטן. מיר דאַרפן אַרויסרופן שטרייקן“.

אָבער נישט אַלע רעדנער האָבן מסכים געווען מיט די דאָזיקע „נייע“ ווערטער. איינער פון זיי, דאַכט זיך מיכאַיל דער יובעליר, האָט זיך גאָר אַנדערש אויסגעדריקט:

„אויף וויפיל ס׳איז נאָר מעגליך דאַרף זיך יעדער אַליין און אויך אַנדערע לערנען און מיטהעלפן אויף אַזאַ אופן צו שאַפן לכל הפחות קליינע קרייזן. די דאָזיקע קרייזן וועלן אונז געבן אַ פולע מעגליכקייט זיך פאַראייניקן און ווערן מיטגלידער פון דער גרויסער אַלוועלטליכער קעמפנדער פאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע וועט, ביי איינמוטיקער אַרבעט, זיך דערשלאָגן מענטשליכע רעכט“.

אין דער דאָזיקער רעדע האָט זיך אויסגעדריקט דער „אָפיציעלער“ בליק פון „פּראָפּאַגאַנדע“־פּעריאָד אויף די נאָענטע אויפגאַבן און מעגליכקייטן און איז יעדנפאַלס געווען דער אני־מאמין פון דער גרעסטער מערהייט פון די פּראָפּאַגאַנדירטע אַרבעטער.

אַ פּאַר ווערטער נאָר וועגן דער אַרבעטערין פּאַניע. דאָס איז געווען אַן אמתע

„אינטעליגענטין” הן לויט איר בילדונג, הן לויט איר אויסערליכן אויסזען. זי האָט חתונה געהאַט פאַר דעם לערער עקיבא רעזניק און איז אָפגעפאָרן מיט אים קיין בריסק, וואו ער האָט באַקומען אַ שטעלע אַ/ס רעגירונגס־לערער. זיי ביידע האָבן פאָרגעשטעלט אַ העכסט סימפאַטישע פאָר, וועלכע מען באַגעגנט זעלטן. זיי האָבן זיך אָפגעגעבן אויך אין דער נייער שטאָט דער אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטער. זי האָט אָבער געהאַט אַ קראַנקן אָרגאַניזם. נאָכן געבוירן אַ קינד האָט זי אָנגעהויבן קרענקען און איז אין יאָר 1896 געשטאָרבן. עקיבא רעזניק האָט געלעבט נאָך איר נאָך אייניקע יאָר און איז אויך אויסגעגאַנגען פון שווינדזוכט.

„די רעדעס פון די פיר ייִדישע אַרבעטער” זיינען נאָכדעם אָפגעדרוקט געוואָרן אין אויסלאַנד (דורך דעם פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן) און זיינען באַגלייט געוואָרן מיט אַ פאָררעדע פון געאָרגי פלעכאַנאָוו, וועלכער האָט זיך זעהר גוט זועגן דעם אָפגערופן.

.II

פיאנערן.

פון די „אינטעליגענטן”־פיאָנערן, וועלכע האָבן דעמאָלט געוואוינט אין ווילנע, דאַרפן דערמאָנט ווערן: יולי צעדערבוים־מאַרטאָוו (מען האָט אים דעמאָלט גערופן אַלעקסיי דער הינקענדיקער), אַרקאַדי קרעמער (אַלעקסאַנדער), פאַטי סרעדניצקאַ (שפּעטער חתונה געהאַט פאַר קרעמערן), פאָליע גאָרדאָן, שמואל גאָזשאַנסקי (לנו), צמח קאָפּעלזאָן (טימאָפּיי), ליובאַ לעווינסאָן (חתונה געהאַט פאַר איסאַי אייזנשטאַט־יודין) שמואל פּיעסקין און יוסף מיל (דזשאָן). שפעטער זיינען צוגעקומען לעווינסאָן (וולאַדימיר קאָסאָווסקי) און אברהם מוטניק (גליעב). אויסער אַ גאַנץ גרויסן קרייז אַזוי גערופענע האַלב־אינטעליגענץ.

פון דער דאָזיקער גרופּע איז אַרויס אין יאָר 1893 דער געדאַנק — איבערצוגיין פון קרייזל־פּראָפּאַגאַנדע צו דער נייער טאַקטיק, צו דער „אַגיטאַציע”. פון די דערמאָנטע פּערזאָנען האָבן זיך באַזונדערס אויסגעטיילט אין יענעם פּעריאָד יולי צעדערבוים־מאַרטאָוו, אַרקאַדי קרעמער און שמואל גאָזשאַנסקי.

יולי אָסיפּאָוויטש צעדערבוים (אַן אייניקל פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ” און „פאָלקסבלאַט”) איז דעמאָלט געוועזן אַ סטודענט, אַרויסגעשיקט צוליב עפּעס אַ חטא פון פּעטערבורג. ער איז געוועזן איינער פון די ערשטע און די גלענצנדסטע פאָרשטייער פון יונגן מאַרקסיזם אין רוסלאַנד. אַ מענטש מיט אַ שטאַרקער חריפות און גרויסע פעיִקייטן האָט ער דער ערשטער דעם אַלגעמיינעם מאַרקסיסטישן מעטאָד אָנגעהויבן אָנצוווענדן צו דער רוסישער פּאָליטיק, און שאַפן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טאַקטיק פאַר רוסלאַנד בכלל. שפּעטער, אין אויסלאַנד האָט ער צוזאַמען מיט לענינען געגרינדעט די „איסקראַ”, אַן אָרגאַן פאַר דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן געדאַנק און פּראַקטיק.

ער האָט פאַרנומען די גאַנצע צייט איינע פון די אָנגעזעענסטע ערטער אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און איז עד היום פאַרבליבן דער לידער און טעאָרעטיקער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי (מענשעוויקעס). ער האָט שוין צו יענער צייט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן טעאָרעטישן פאַרשטאַנד, ער איז געוועזן דער הויפּט „טעאָ־

רעטיקער״ פון דער גרופּע און איז געווען שטאַרק אָנגענומען, ווי אין די אינטעליגענטע־קרייזן, אַזוי אויך צווישן די אַגיטאַטאָרן.

אַרקאַדי קרעמער איז געווען אַ שילער פון ריגער פּאָליטעכניקום, אויסגעשלאָסן פון דאָרטן פאַר „אומרוען״. ער האָט פאַרמאָגט אַן אייזערנעם ווילן, אַ גרויסע אַקטיוויטעט און שטאַרקע אָרגאַניזאַציע־פעיִקייטן. אויף פאַרזאַמלונגען, אין גרעסערע קרייזן פלעגט ער קומען אין פאַרלעגנהייט, פלעגט ווערן רויט ווי אַ כלה־מיידל און קיין וואָרט נישט קאָנען אַרויסברענגען.

שוין מיט יאָרן שפּעטער, ווען אַרקאַדי קרעמער (סאָלאָמאָן) איז געווען דער פאָרשטייער פון צ. ק. פון „בונד״, פלעגט ער אויף גרעסערע צוזאַמענקונפטן שטענדיק שווייגן. איינמאָל איז אים אַמטליך אויסגעקומען צו נעמען דאָס ערשטע וואָרט אויף אַ קאָנפערענץ פון „בונד״, ער האָט אַלס אָפיציעלער פאָרשטייער געמוזט זי עפענען. אַלעקסאַנדער איז געוואָרן רויט ביז די אויערן, האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן די ווי־פילטע קאָנפערענץ זי איז לויטן צאָל און האָט גלייך איבערגעריסן.

דערפאַר אָבער איז ער געווען נישט אָפּצושאַצן אויף ענגערע זיצונגען, אין געשפּרעכן מיט איינציקע פּערזאָנען, אין זיין פּראַקטישער אַרבעט. דאַמאָלסט פלעגט פון אים ממש שפּרודלען מיט ענערגיע, איניציאַטיוו און טיפן פּראַקטישן חוש.

אין די 90־טע יאָרן איז ער געווען דער ענערגישסטער אָרגאַניזאַטאָר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע אין ווילנע און דער הייסעסטער אָנהענגער פון דער „נייער״ טאַקטיק. ער האָט דאַמאָלסט אָנגעשריבן אויף רוסיש אַ ביכל „וועגן אַגיטאַציע״, וואָס איז שפּעטער אַרויס אין אויסלאַנד. דאָס איז זיין איינציק ווערק, וואָס ער האָט געשריבן אין זיין לעבן. די דאָזיקע בראָשור האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טאַקטיק אין גאַנץ רוסלאַנד. אין יענער בראָשור ווערט די פראַגע וועגן דער באַדייטונג דער אַגיטאַציע פאַר דער אויסבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס באַלויכטן פון פּאָליטישן און סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט און ס׳ווערט אויפגעקלערט, ווי אַזוי דער אַגיטאַטאָר דאַרף צוגיין צו דער מאַסע, ווי אַזוי ער קאָן געווינען איר אויפמערקזאַמקייט און סימפּאַטיע.

דאָרט ווערן אויך צעטיילט די אויפקלערונגס־מאָמענטן צווישן די אַרבעטער אויף פאַזיסן. פריער גייט דער עקאָנאָמישער פאַזיס, דערנאָך קומט דער פּראָפעסיאָנעל־פּאָליטישער, נאָכדעם ערשט דער סאָציאַליסטישער. דאָס איז געווען אַ פּרימיטיווער בליק אויף דער אַגיטאַציע, ביי וועלכן ס׳האָבן זיך געהאַלטן דאָס רוב סאָציאַליסטן פון יענעם פּעריאָד. שפּעטער (אין 1901) האָט פּלעכאַנאָוו אין „זאַריאַ״ קריטיקירט די בראָשור טאַקע צוליב דעם דערמאָנטן פּעלער. נאָר אַזוי ווי פּלעכאַנאָוו האָט געוואוסט, ווער דער מחבר פון דעם בראָשור איז (ער האָט זיך באַצויגן, ווי אַלע איבעריקע סאָציאַליסטן פון יענער צייט, צו קרעמערן מיט גרויס אַכטונג), האָט ער זיך אָפּגערופן וועגן איר זעהר מילד און ס׳איז דאָרט נישט געווען צו באַמערקן יענעם גיפטיקן סאַרקאַסטישן טאָן, מיט וועלכן ס׳פלעגן זיך בכלל אויסצייכענען זיינע קריטישע אָפּהאַנדלונגען.

אַרקאַדי קרעמער איז די גאַנצע צייט, ביז דער „בונד״ האָט זיך געגרינדעט, געשטאַנען אין שפּיץ פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ווילנער גרופּע, און שפּעטער געוואָרן — דער טעטיקסטער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד און רעדאַקציע „אַרבעטער־שטימע״. ער ווערט אַרעסטירט דורך זובאַטאָוון, בעתן ערשטן בונדישן אַרעכט.

זיצט אָפּ אַ לענגערע צייט אין בוטירקי און עמיגרירט שפּעטער קיין לאָנדאָן, נאָכדעם קיין זשענעוו. דאָרטן ווערט איינגעשטעלט אַ בונדישע דרוקעריי, וואו ס'דרוקן זיך בונ=דישע בראָשורן, „דער יידישער אַרבעטער" (אָרגאַן פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד") און די „לעצטע נאַכריכטן" (רוסיש און יידיש). די פינאַנציעלע קוועלן פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען זעהר קנאַפּע, קרעמער אַליין זעצט די אַרטיקלען און שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיינע מניעות. אין 1904 קומט ער צוריק קיין רוסלאַנד, ווערט פאָרשטייער פון צ. ק. און אַרבעט אַקטיוו, ביז די יאָרן 1908—1909. שפּעטער פאָרט ער אָפּ קיין פראַנקרייך, ענדיקט דעם פּאָליטעכניקום אין באָרדאָ און איז שוין אין פראַנקרייך פאַרבליבן אַלס אינזשעניער.

באַזונדערס אויסגעצייכנט אין יענער צייט האָט זיך אויך שמואל גאָזשאַנסקי. ער איז געווען דער איינציקער פון דער גאַנצער גרופּע, וואָס האָט געקענט גוט די יידישע שפּראַך, און האָט געקאָנט זיך איינפּאַסן אין די נייע אופנים פון אַרבעט צווישן די מאַסן. ער האָט געענדיקט דעם לערער=אינסטיטוט אין ווילנע אין יאָר 1888; האָט אַליין געשטאַמט פון אַ יידיש=בעל=הביתישער פאַמיליע אין גראָדנע און איז געווען אויסגעצייכנט באַקאַנט מיטן יידישן לעבן. ער איז דאָס טאַקע דער מחבר פון די אָריגינעלע יידישע בראָשורן, וואָס זיינען אין יאָר 1895—1896 אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער גרופּע (וועגן שכירות, דער שטאָט=מגיד, אַ רעדע אויף פּורים). ער האָט אויך אָנגעשריבן „אַ בריוו צו די אַגיטאַטאָרן", וואו די אַלגעמיינע געדאַנקען פון אַרקאַדי קרעמער וועגן אַגיטאַציע זיינען צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער קאָנקרעטער ווילנער סביבה, און וואו ס'ווערט פּאָלעמיזירט מיט די יעניקע „אַגיטאַטאָרן", וועלכע האָבן נישט געוואָלט איינגיין אויף דער נייער „טאַקטיק" און האָבן אין דעם געזען אַ פאַרשמעלערונג פון זייערע רעכט אויף בילדונג, אַ פאַרפלאַ=כונג פון דער גאַנצער אַרבעט בכלל.

גאָזשאַנסקי האָט פאַרמאָגט אַ היציקן טעמפּעראַמענט, גוטע רעדנער=פעיקייטן און אַ שיינע פּעדער. ער האָט נישט געלייגט קיין גרויס אַכט אויף עקאָנאָמיש=טעאָרע=טישע פּראָבלעמען און איז נישט געווען קיין גרויסער „איבערקלייבער" בכלל אין דער טעאָריע. פאַר אים איז וויכטיקער ווי אַלץ געווען די אַקציע, דער פאַקט, רעוואָלו=ציאָנערע אַרבעט. ער פלעגט שטאַרק ווירקן אויף די אַרומיקע מיט זיין שטענדיקער התלהבות און ליידנשאַפטליכער באַנעמונג פון פראַגן.

III

די נייע טאַקטיק.

אַ גרויסע אומצופרידנקייט האָט אַרויסגערופן די נייע טאַקטיק ביי די פּראָפּאַגאַנ=דירטע אַגיטאַטאָרן. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז מען ציט בלויז בלינדערהייט אַריין די מאַסע אין אַ פרעמדע אַרבעט, אַז דאָס וועט זיי נישט ברענגען קיין שום נוצן נאָר אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון ערנסטער, טיפער אויפקלערונג. ס'איז דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז נאָך דעם געלונגענעם שטרייק ביי די שניידער אין יאָר 1893, ווען פּאָליציי האָט זיך אַריינגעמישט און האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די בעלי=בתים, האָבן די פירער אליין אָנגענומען מיטלען די קאַסע זאָל צופאַלן בכדי דורך איר נישט צו פאַרנאַרן די אַרבעטער.

די לאַגע איז געוואָרן ערנסט און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן דורכפירן אַ דיסקוסיע מיט די אָנגעזעענסטע אַרבעטער-אַגיטאַטאָרן. זיי זיינען שוין געווען אין אַ גענוגנדער צאָל און האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך כמעט אַלע פאַכן אין ווילנע. די אָנגעזעענסטע פון זיי זיינען געווען: לעאָן גאָלדמאַן-לעאָנטיעוו (שפּעטער מיטגליד פון צ. ק. פון דער רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער-פאַרטיי), נאַום ליפּשיץ און גרישע לחם, — אַלע דריי שלאָסער, געענדיקט די האַנדווערקער-שול אין ווילנע; מענדל שניידער, מאַריע זשעלודסקא, אַדעלע, גוסטאַווע און שיינע רייזל, שניידערקעס; טביה, גרישע, ירמיה, אַלטער—בערשטער; סאַלאָמאָן מנקד, יאַקוב ווייגער, צביה הורוויץ און העלענע — זעמשער, מיכאַיל און אַבראַם סקאַפּאַווקער, יובעלירער, אברהם גאָרדאָן—גראַווירער, פייגע און יאָכע (די רביצין, דעם קאַמעניצער רבס טאָכטער)—זאָקנמאַכערקעס, אהרן זאַלקינד—מעטאַל-אַרבעטער, יאַקוב גערשאָווסקי—אַ שטעפּער.

די אַלע אָנגערופענע זיינען געווען זעהר אַנטוויקלטע אַרבעטער, וועלכע זיינען אין זייער אינטעליגענץ נישט אָפּגעשטאַנען פון אַסך האַלבע און אַנדערע גאַנצע אינטעליגענטן. נאָך אַ רייע דיסקוסיעס און פאַרזאַמלונגען איז „אַלעקסיי דער הינקענדיקער" (צעדערבוים-מאַרטאָוו) זיך צונויפגעקומען אויף אַ קאָמיסיע מיט אַ דעלעגאַציע פון די אַגיטאַטאָרן און אויסגעאַרבעט מיט זיי די אופנים פון דער נייער טאַקטיק. ס׳איז פאַרבליבן, דאָס די קרייזן וועלן נישט פאַנאַנדער געלאָזן ווערן, די מער אַנטוויקלטע אַרבעטער וועלן ווערן אויסגעטיילט און צוגעגרייט פאַר אַגיטאַטאָרן-אַרבעט; יענע אָבער דאַרף ווערן געפירט אין דער ברייט פון דער מאַסע; אין יעדן פאַך דאַרפן ווערן אָרגאַניזירט קאַמפּס-קאַסעס פאַר שטיצן די שטרייקנדיקע; ס׳דאַרף ווערן געפירט אַ קאַמף כאַר אויסבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער און זיי ביסלעכווייז אַריינציען אויך אין פּאָליטישער אַגיטאַציע.

צווישן די דעלעגאַטן האָט זיך געפונען איינער, וועלכער האָט געמאָלדן, דאָס ער באַטייליקט זיך נישט אין די אונטערהאַנדלונגען, ווייל ער איז נישט מסכים מיט די פּרינציפּן פון דער נייער טאַקטיק. דאָס איז געווען אברהם גאָרדאָן, דער גראַווירער (רעזשיק). ער האָט ווירקליך איבערגעריסן יעדע פאַרבינדונג מיט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער גרופּע און האָט געבילדעט די אַזוי גערופענע „אָפּאָזיציע". אויסער גאָרדאָנען זיינען אין איר שפּיץ געשטאַנען אברהם סקאָפּאָווקער אַ יובעליר, דרעזעל אַ שניידערקע, ראובן פרידמאַן אַ פּאַפּיראָסן-מאַכער און נאָך אייניקע.

אברהם גאָרדאָן איז די גאַנצע צייט פאַרבליבן אַ געגנער פון פּאָליטישן קאַמף. אין די יאָרן 1906-1907 האָט ער זיך באַוויזן אין וואַרשע, האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צייטונג (אויף רוסיש), וואו ער איז אַרויסגעטרעטן געגן דער באַטייליקונג פון די אַרבעטער אין פּאָליטיק, געגן דער אינטעליגענץ און בכלל געגן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן. די שנאה צו פּאָליטיק און אינטעליגענץ איז ביי אים פאַרבליבן די אידעפיקס פון זיין גאַנץ לעבן. איצט געפינט ער זיך אין ווילנע, איז שוין אַ באַיאָרטער מענטש, אַ פאָטער פון דערוואַקסענע קינדער, האָט אַנ׳אייגענעם ווערקשטאַט און האָט נאָך זיין גייסטיקן אינטערעס פאַר די אַרבעטער-ענינים נישט איבערגעריסן. אָבער עד היום איז ער פאַרבליבן ביי זיין געגנערשאַפט צו דער פּאָליטיק.

אייניקע פון די אָפּאָזיציאָנערן, ווי מיכאַיל און מאָיסיי לוריע (דער לעצטער איז געשטאָרבן אין יאָר 1912 אַלס עמיגראַנט אין דער שווייץ), ראובן פרידמאַן און דרעזעל זיינען שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק און צוזאַמען מיט אַנ׳אינטעליגענטן גרופּע פון גראָדנע האָבן זיי געבילדעט אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע „די אַרבעטער-

פּאָן״, וועלכע האָט אויך אַזוי מטושטש געררעדט וועגן דער דאָמינירנדער ראָל פון דער פּראָפּאַגאַנדע. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז אין דער זעלבער צייט געשטאַנען אין אַ נאָענטער שייכות מיט דער פּ. פּ. ס. אין פּוילן.

דער פירער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז געווען דער גראָדנער סטודענט פּיאָטר סאָמאָוו (אין די יידישע קרייזן האָט מען אים גערופן פסח, פּרץ). מען האָט אים אייגנטליך פון צייט צו צייט געקאָנט טרעפן אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון אַלע נייע גרופן: גראָדנער פּ. פּ. ס., ליטווישע סאָצ.-דעמאָקראַטיע און ענליכע. ליקווידירט איז די גרופּע אין יידישן געגנט געוואָרן אין יאָר 1898, ווען מען האָט אַרעסטירט אין ביאַליסטאָק איר דרוקעריי, וואו ס׳האָט געאַרבעט ראובן פרידמאַן און מיכאַיל לוריע.

די קליינע „אָפּאָזיציע״ אָבער האָט שוין נישט געשפּילט קיין באַדייטנדיקע ראָל אין ווילנע. דאָס רוב אַגיטאַטאָרן האָט אָנגענומען די פּרינציפּן און פּונקטן פון דער נייער טאַקטיק און אין ווילנע איז אַוועק אַ קאָכיק, רוישיק לעבן. מען האָט אויפגעזוכט ערגעץ אַ געזעץ פון יעקאַטערינאַס צייטן וועגן אַ צען-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג און מען האָט אים אָנגעהויבן דורכפירן אין אַלע פּאַכן אין לעבן. לכתחילה האָט מען צונויפגענומען אַלע אַרבעטער פון דער פּראָפעסיע און זיי אַלע האָבן זיך אונטערגעשריבן אויף אַביטע צום אינספּעקטאָר און גובערנאַטאָר, מען זאָל אָפּהיטן דעם געזעץ. נישט געוואַרט אויף קיין תשובה, האָט מען אים אָנגעהויבן אַליין פאַרווירקליכן, מען פלעגט וואַרפן די אַרבעט צו דער באַשטימטער שעה. אויף דעם באָדן פלעגן זיך אָנהויבן שטרייקן, פלעגט דאָס אַריינציען די גאַנצע מאַסע. פּאָליציי פלעגט זיך אַריינמישן און שטעלן זיך אויפן צד פון די בעלי-בתים, ס׳פלעגן זיך אָנהויבן אַרעסטן, די אַגיטאַציע פלעגט איבערגיין אויף דער פּאָליטישער זייט און די עקאָנאָמישע פאַרזאַמלונגען פלעגן פאַרוואַנדלט ווערן אין פּאָליטיק.

פאַרשטייט זיך, אַז מען איז שוין נישט אויסגעקומען מיט דער רוסישער שפּראַך. די גאַנצע אַגיטאַציע איז געפירט געוואָרן אויף יידיש. מען האָט געמוזט האָבן יידישע ליטעראַטור. מען האָט זי אָנגעהויבן אויסשרייבן פון אַמעריקע (די „צוקונפט״ און אַנדערע), אָבער דאָס האָט נישט באַפרידיקט. מען האָט געמוזט האָבן אַ ליטעראַטור אויף אייגענע, אַקטועלע טעמעס. און די ווילנער גרופּע סאָציאַל-דעמאָקראַטן לאָזט אַרויס, פריער געשריבענע און העקטאָגראַפירטע, שפּעטער אויך געדרוקטע (אין אויסלאַנד) איינציקע שוין דערמאָנטע בראָשורן.

ס׳גייט אַוועק אַלעבעדיקע אַרבעט, באַזונדערס האָט שטאַרק אויפגערודערט די שטאָט דער שטרייק פון עטליכע הונדערט אַרבעטערינס אויף עדלשטיינס פּאַפּיראָסן-פאַבריק. עדלשטיין האָט אויסגעשריבן אויף זייער אָרט קריסטליכע אַרבעטערינס און האָט געוואָלט דערמיט ברעכן דעם שטרייק. די פּאָליציי איז געווען דורך אים אונטערגעקויפט און אויך דער שטאָט-מגיד האָט זיך געקליבן רעדן אין בית-מדרש געגן די „בונטן״. חברה האָט זיך פון דעם דערוואוסט, מען האָט גערופן אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין בית-המדרש אַריין. ווען דער מגיד האָט אָנגעהויבן צו רעדן געגן די „סטאַטשעטשניקעס״, האָט איין אַרבעטער אויסגעשריגן: „רבי, איר רעדט פאַר געלד!״ און די אַרבעטער האָבן דעם מגיד אויסגעפייפט. אין בית-המדרש איז געוואָרן אַ טומל, אַ געשלעג, די דרשה איז איבערגעריסן געוואָרן און אין שטאָט האָט מען לאַנג נאָך גערעדט וועגן אַזאַ אומערהערטן צופאַל, וואָס איז פאַרלאָפן אין אַ מקום-קדוש. די ווילנער ס. ד.-גרופּע האָט וועגן דעם געשעעניש אַרויסגעלאָזן אַ בראָשור „דער ווילנער שטאָט-מגיד״, וואו עס ווערט קאָנסטאַטירט דער קלאַסן-קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן

אויף דער ייִדישער גאַס, און אויפגעקלערט זיינע ווייטערדיקע פּאָלגן.

מיט פּאָליציי איז זיך אויסגעקומען אָפּטער צו באַגעגענען אין פאַרשיידענע שטרייקן, און די מאַסע האָט זיך שוין אָנגעהויבן צוגעוואוינען צום געדאַנק פון פּאָליטישן קאַמף. אין דעם זעלבן יאָר (1895) זיינען שוין געווען אין ווילנע פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע ביז 500 אַרבעטער. אין דער פייערונג פון 1־טן מאַי האָבן זיך שוין באַטייליקט ביז 250 מאַן. מען האָט נאָך אַלץ נישט געוואַגט אַרויסצושטעלן אויסגעשפּראָכענע פּאָליטישע לאָזונגען: אויף די פאָנען זיינען געווען אַזעלכע אויפשריפטן (אויף ייִדיש): „מיר קעמפן פאַר אַ 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, פאַר העכערע שכירות, פאַר אַ בעסערע באַהאַנדלונג". אָבער אין די רעדעס איז מען שוין נישט געווען אַזוי פאָרזיכטיק און מען האָט שוין גערעדט אָפן וועגן פּאָליטישן קאַמף, וואָס מען מוז פירן מיטן צאַריזם אי אַלס אַרבעטער, אי אַלס ייִדן. די דאָזיקע פּאָליטישע רעדע האָט אויסגענומען מער ווי אַלע איבעריקע עקאָנאָמישע רעדעס און האָט איבערצייגט די אַגיטאַטאָרן, אַז די „מאַסע" איז גאָרנישט אַזוי הינטערשטעליק, אַזוי נידערגעשלאָגן, מען זאָל דאַרפן מורא האָבן רעדן פאַר איר אָפענע דבורים.

אויפן צווייטן יאָר (1896) פייערן שוין דעם 1־טן מאַי 540 מענטשן (אין אייניקע ערטער) און אויף די פאָנען זיינען שוין געווען אויפשריפטן: „מיר קעמפן פאַר פריי־הייט פון שטרייקן, פאַרזאַמלונגען, פון וואָרט און דרוק־זאַכן". די פּאָליטישע אַרבעט איז שוין פאַרטיפט געוואָרן, זי איז געוואָרן פאַרבונדן אויך מיט דער ייִדן־לאַגע און צום ערשטן פאָרמולירט די אויפגאַבע צו קעמפן פאַר פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג פון די ייִדן. די פּאָליטישע אַגיטאַציע האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די מאַסן און מען האָט זיך שוין מער פאַר איר נישט געשראָקן.

דאָ איז כּדאַי צו דערמאָנען אויך אַ קוריאָז, וואָס איז פאָרגעקומען אויף אַ זומער־וואוינונג אין רוזשעלע (הינטער ווילנע) אין יאָר 1895. מען האָט באַשלאָסן אויפפירן פאַר אַ גרעסערער צאָל מיטגלידער די פּיעסע פון גערהאַרד הויפּטמאַן „די וועבער". ס׳האָט זיך פאַרזאַמלט אין אַ גרויסער שטוב אַ היפּשער עולם. דער „פּאַטרול", וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן צו פאַרהיטן פון אַ דורכפאַל, האָט געזען דורכגיין די וואַלד־וועכטער, וועלכע האָבן גאָר נישט חושד געווען. יענער האָט געגעבן צו וויסן, אַז די פאָרשטעלונג איז דורכגעפאַלן און איינער פון די אָרדנער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: „ראַטעווע זיך ווער עס קאָן!" מען האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען דורך די פענסטער, טירן און צו לויפן און ערשט איצט האָבן די וועכטער געקלאַפּט טרעוואָגע. ס׳איז אָנגע־קומען פּאָליציי. מען האָט שוין קיינעם אויפן אָרט נישט געטראָפן. דערפאַר אָבער האָט מען אַוועקגעפירט אין שטאָט אַ וואָגן טראָפייען: פרויען־היטלעך און מענער־קאַפּעלושן, מאַנטעלעך, שירעמס און שטעקלעך. דאָס איז געווען דער ערשטער פּאָליטישער „דורכפאַל"...

נאָכן ערשטן מאַי 1895 האָט מאַרטאָוו געלעזן אַ רעפעראַט פאַר 40 אַגיטאַטאָרן אויף שניפּעשאָק. די דאָזיקע רעדע איז נאָכדעם ערשינען אין אַ בראָשור אויף רוסיש און ייִדיש אונטערן נאָמען: דער ווענדע־פונקט (אויף ייִדיש: די נייע עפּאָכע) אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג". דאָרט זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן פאָלגענדע ענדערונגען אין דער באַוועגונג. ערשטנס איז זי געוואָרן מער דעמאָקראַטי־שער, זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו די מאַסן. צווייטנס אַ מער מאַטעריאַליסטישע. מע זעט שוין נישט אין דער באַוועגונג נאָר אידעאָלאָגישע אויפקלערונגס־מאָמענטן, נאָר זי איז ענג פאַרבונדן מיטן עקאָנאָמישן לעבן. דריטנס איז זי געוואָרן מער ייִדישער

פון דער יידישער בורזשואַזיע, פון אירע אינטעליגענטן, זאָגט דאָרט מאַרטאָוו: האָבן מיר געירשנט אַ פּאָליטישע נאַאיוויטעט, אַ נישט־גלויבן אין די אייגענע כּחות. מיר האָבן אויף אַלץ נאָר געוואַרט פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג און אויף זיך האָבן מיר געקוקט ווי אויף אַ ביילאַגע צו איר. אָבער קוים האָבן מיר געשטעלט אין צענטר פון אונזער פּראָגראַם אַ מאַסן־באַוועגונג, דאַרפן מיר שוין אונזער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צופּאַסן צו דער מאַסע, דאָס הייסט זיי דאַרפן ווערן מער יידיש. דער קלאַס איז נישט ווערט די פרייהייט, וועלכער ער קאָן זי אַליין נישט אויסקעמפן. דערפאַר דאַרף זיין אונזער ציל — שאַפן אַ ספּעציעל יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אָנפירן און ערציען דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף פאַר עקאָנאָמישע, בירגערליכע און פּאָליטישע באַפרייונג.

מאַרטאָוו שרעקט זיך נישט פאַר דעם, וואָס דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט וועט אויסקומען צו קעמפן פאַר בירגערליכע גלייכבאַרעכטיקונג פון יידישן פאָלק. דער יעניקער אַרבעטער־קלאַס, זאָגט זיך דאָרט: וועלכער איז צופרידן מיטן גורל פון אַ נידעריקסטן פאָלק, אַזאַ אַרבעטער־קלאַס וועט אויך נישט אַרויסטרעטן געגן דעם גורל פון אַ נידעריקסטן קלאַס. דערפאַר מוז ביים יידישן אַרבעטער גיין די נאַציאָנאַלע און קלאַסן־ערוואַכונג האַנט ביי האַנט. ביי יידן איז נישטאָ קיין סכּנה, אַז דאָס קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג, ווייל דאָרט איז נישטאָ קיין בורזשואַזער רעוואָלוציאָנערער קלאַס און דער פּראָלעטאַריאַט וועט דאַרום אויך דעם נאַציאָנאַלן קאַמף פירן אין הסכּם מיטן קלאַסן־קאַמף און דאַרום רעכנט מאַרטאָוו אַלס דריטן טעאָרעטישן נצחון פון דער נייער טאַקטיק דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס איז שוין דערגאַנגען צו די אידעען פון „בונד“, וועלכער האָט זיך ווירקליך בעגרינדעט מיט 2 יאָר שפּעטער — אין סעפּטעמבער פון יאָר 1897.

IV

אַרעסטן.

די גאַנצע קרייזל־אַרבעט פלעגט נישט אַרויסגיין פון דער יידישער גאַס און זי איז גאָר צו די זשאַנדאַרמען נישט דערגאַנגען. נאָר ביי דעם אָדער יענעם גרעסערן שטרייק פלעגט זיך פּאָליציי אַריינמישן און אַרעסטירן אויף אַ קורצן טערמין די פירער נישט אַלס ערנסטע פּאָליטישע פאַרברעכער נאָר פּשוט אַלס איינפאַכע „רו־שטערער“, „אונטער־העצער“. נאָר אין איין פאַל איז אין יאָר 1894 פאָרגעקומען אַן ערנסטער אַרעסט בעת אַ שטרייק פון די קוימענקערער, צוליב עקאָנאָמישן טעראָר. איין יונגער אַרבעטער איז אפילו צוליב דעם אַרויסגעשיקט געוואָרן אַדמיניסטראַטיוו קיין סיביר.

בכּלל האָט נאָך די פּאָליטישע פּאָליציי נישט געלייגט קיין גרויס אַכט אויף דער נייער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג און האָט זי ערנסט נישט גענומען. זי האָט נאָך אַלץ געלעבט מיטן שרעק פאַר דער אַלטער נאַראָדנאָוואָלטשיסקער, טעראָריסטישער באַוועגונג און האָט גאָר נישט געזען די נייע סכּנה, וואָס וואַקסט אויס פאַרן צאַריזם אין געשטאַלט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, בפרט נאָך, אַז זי האָט זיך געפירט אין צפון־מערבדיקן קאַנט צווישן די פאַרשלאָגענע יידן.

צוויי אַרעסטן אין דעם דאָזיקן קאַנט האָבן אין יענער צייט אויפגערודערט דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט; זיי האָבן זיך פאַרענדיקט מיט ערנסטע פאָלגן פאַר די דורכ־

געבאַלענע און האָבן אויפגעעפנט די אויגן פון די אָרדנונגס־היטער אויף אַ נייע געפאַר, וואָס שפּראָצט אַרויס פאַר זיי גאָר אומגעריכט דוקא פון יידישן תחום. דאָס איז געוועז דער אַרעסט פון י. פּאָרטנאָי און אַנדערע אין קאָוונע (אָנפאַנגס 1896) און דער דורכפאַל פון גאָזשאַנסקי און חברים אין ביאַליסטאָק אין זעלבן יאָר.

י. פּאָרטנאָי (נח) האָט געענדיקט דעם ווילנער לערער־אינסטיטוט אין יאָר 1892. ער באַקומט אין זעלבן יאָר אַ רעגירונגס־שטעלע אין קאָוונע און פאָרט אָפּ אַהין. פון ווילנע באַקומט ער פאַרבינדונגען צו די אָרטיקע טוער. דאָס זיינען געווען אַ באַרפאָלק אַלטער דער בערשטער און ליזע (אַ שניידערין). זייער דירה האָט געדינט אַלס אַ טרעף־פונקט נאָך אַלענגערע צייט אויך שפּעטער (אין סעפּטעמבער 1898, בעת דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון „בונד״, האָט מען נאָך זייער וואוינונג אויסגענוצט). זיי פאַרבונדן נחן מיט אַ קרייז אַגיטאַטאָרן, וואו ס׳ווערט געלערנט פּאָליטישע עקאָנאָמיע און געפירט פּאָליטישע געשפּרעכן.

אויסער די יידישע אַרבעטער שליסט אויך פּאָרטנאָי קאַנטשאַפט מיט די קריסטליכע אַרבעטער. אין קאָוונע האָבן זיך געפונען עטליכע גרעסערע מעטאַל־פאַבריקן און די ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון ווילנע האָבן איבערגעגעבן פּאָרטנאָיען זייערע פאַרבינדונגען. דאָס זיינען געווען צוויי ברידער שוסטער — ציאַלקאָוויטש. זיי האָבן געבילדעט אַ קרייז פון די מעטאַל־אַרבעטער פּאָליאַקן און פּאָרטנאָי פלעגט מיט אים אָנפירן.

צו יענער צייט זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין קאָוונע אונטער פּאָליציי־אויפזיכט איניקע פּאָליאַקן, וועלכע מען האָט באַשולדיקט אין געהערן צום אַזוי גערופענעם צווייטן „פּראָלעטאַריאַט״. דער פּוילישער היסטאָריקער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קולטשיצקי און די ברידער זעלצער (צווישן די באַשולדיקטע אין אויך געווען דער איצטיקער „אַקטיוויסט״ סטודניצקי). דער קרייז סאָציאַל־דעמאָקראַטן ווערט פאַרגרעסערט. מען אַרבעט אַלע צוזאַמען. אין אים באַטייליקט זיך אַ רוסישער סטודענט איוואַנאָוו, דער ייד פיינקינד. פון צייט צו צייט קומט אויך צופאָרן קיין קאָוונע צו קולטשיצקין דער איצטיקער מלוכה־שעף פון פּוילן יוזעף פּילסודסקי. דאָס זיינען געווען די ערשטע יאָרן, ווען די פּ. פּ. ס. האָט זיך געגרינדעט, פּילסודסקי האָט אַוועקגעשטעלט דעם פּאַרטיי־אָרגאַן „ראָבאָטניק״. הגם קולטשיצקי אַלס „פּראָלעטאַרטשיק״ האָט נישט מסכים געווען מיטן נאַציאָנאַליזם פון פּ. פּ. ס., האָט דאָס אים דאָך נישט געשטערט צו באַטייליקן זיך ליטעראַריש אין „ראָבאָטניק״.

אָנפאַנגס 1896־טן יאָר זיינען דורך אַ צופאַל אַרעסטירט געוואָרן 5 פּוילישע אַרבעטער. איינער פון זיי (אַ מעטאַליסט קאַראַוויי) האָט די זשאַנדאַרמען ז׳ערציילט וועגן דעם אַרבעטער־קרייז און אינטעליגענטן, וועלכע קומען אַהין. אַזוי זיינען די זשאַנדאַרמען געפאַלן אויפן שפּור פון י. פּאָרטנאָי, קולטשיצקין און אַנטאָן זעלצער. די ערשטע צוויי זיינען אַרעסטירט געוואָרן און דעם לעצטן האָט זיך איינגעגעבן אָפּצופאָרן בשלום. אויך דעם בעל־הבית, וואו דער קרייז פלעגט פאָרקומען (זלמן מלמד־זינגער, אַ בערשטער, שפּעטער אַ טעכניק ביים צ. ק. פון „בונד״), איז געלונגען צו אַנטלויפן.

די אַרעסטירטע אַרבעטער זיינען אָפּגעקומען מיט אַ קלייניקייט: זיי זיינען בלויז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון קאָוונע. דערפאַר אָבער האָט זיך דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט נוקם געווען אָן די „אינטעליגענטן״. פּאָרטנאָי און קולטשיצקי זיינען לויטן „אַלערהעכסטן באַפעל״ פאַראורטיילט געוואָרן אָפּזיצן 2 יאָר געפענגעניש אין פּעטערבורגער „קרעסטי״ און אַרויסגעשיקט צו ווערן אין מזרח־סיביר אויף 5 יאָר.

אָפּגעזעסן זיין טערמין אין פּעטערבורגער תּפיסה, איז פּאַרטנאָי אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אילומסק (קירענסקער געגנט), נאָכדעם איבערגעפירט געוואָרן קיין באַלאַגאַנסק, וואו ער איז אָפּגעווען 2 יאָר צייט און איז פון דאָרטן געלאָפן. אויף אַ פרעמדן פּאַספּאָרט איז ער געקומען אין יאָר 1900 קיין וואַרשע און האָט גלייך זיך געשטעלט אין דינסט פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, אַלס פאָרשטייער פון צ. ק. פון „בונד".

נאָך ערנסטער איז געווען דער דורכפאַל אין סעפּטעמבער 1896 אין ביאַליסטאָק.

מיט אַ יאָר צוריק איז דאָרט פאָרגעקומען אַ גרויסער גאַנץ-נעדלייק פון 26 טויזנט וועבער מיט דער פאָדערונג אָפּצושאַפן די פאַבריק-ביכלעך, וועלכע מען האָט אָנגעהויבן די אַרבעטער אַרויסצוגעבן. די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע גרופּע אין ווילנע האָט בכלל געהאַט אַנ'אויג אויף דער דאָזיקער שטאָט, וואו ס'האָט זיך געפונען אַ גרויסע יידישע פאַבריק-מאַסע. אַהין זיינען דאַרום אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך איר אויף אָוועקצושטעלן די אַרבעט, פון די אינטעליגענטן: ש. גאָזשאַנסקי, אַלבערט זאַלקינד, אַ געוועזענער סטודענט פון טאָמסקער אוניווערזיטעט, און זיין פרוי מינע, ליובע לעווינסאָן-אייזנשטאַט; פון די אַרבעטער: נאַום ליפּשיץ, צילע וואָלק (אַ שניידערין) און אהרן זאַלקינד (מעטאַליסט). מען האָט אָנגעהויבן דאָרט אַרבעטן לויט דער נייער טאַקטיק. גאָזשאַנסקי און ליובע האָבן געפירט די אַרבעטער-קרייזן צווישן די אַגיטאַטאָרן, יענע האָבן זיך געלאָזן אין דער מאַסע און אַנטוויקלט אַ ברייטע אַגיטאַציע.

די פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעט איז פאָרגעקומען על פּי רוב ביי די באַוויבטע וועבער און זי פלעגט דאַרום דורכגיין בשלום. באַזונדערס איז שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן אַ נידריק רויט שטיבל אין סאָלדאַטן-געסל, נישט ווייט פון וואַלד. דאָרט האָט געוואוינט אַלטער דער הויכער, (אַ וועבער) זיין שוועסטער רייזל (אַ פּאַפּיראָסן-מאַכערין) מיט אַן אַלטער מוטער. די אַלטיטשקע האָט שטאַרק ליב געהאַט אירע קינדער און ביי זיי אין שטוב פלעגן פאָרקומען די „טריפסטע" קרייזן. די מוטער פלעגט זיך צו אַלץ צוהערן און פלעגט פון אַלץ וויסן. פון גרויס ליבע צום זון פלעגט זי ביינאַכט פאַרן שלאָף פאַרבאַהאַלטן ביי זיך אין בוזעם די טריפע ביכלעך, וואָס פלעגן זיך געפונען ביי זיי אין שטוב. זי פלעגט זיי האַלטן ביי זיך אין קרבן-מנחה-סדור און אפילו מיטנעמען מיט זיך אין בית-מדרש. פון דער זייט איז די אַרבעט אָוועקגעשטעלט געוואָרן גאַנץ זיכער.

מען האָט אָבער געדאַרפט האָבן ליטעראַטור פאַר די אַגיטירטע מאַסן. און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אָוועקשטעלן אין ביאַליסטאָק אַ העקטאָגראַף. מען האָט געדונגען אַ באַזונדער שטיבל ערגעץ אויף אַלעקסאַנדער-גאַס, ווייט פון די יידישע גאַסן, אויף אַ קריסטליכן הויף. נאַום ליפּשיץ האָט זיך דאָרט באַזעצט און האָט פיגורירט אַלס ווירט פון דער דירה. אין אָוונט פלעגט צו אים קומען אין געהיים ש. גאָזשאַנסקי, פלעגט ברענגען מיט זיך מאַנוסקריפּטן און בלעטלעך צו העקטאָגראַפירן.

דאָס אָפּגעזונדערט-משונהדיק לעבן פון זייער יידישן שכן מיט לאַנגע האָר האָט אַרויסגערופן אַ חשד ביי די קריסטליכע איינוואוינער פון הויף. ער זיצט שטענדיק אין שטוב, די לאָדנס זיינען ביי אים אָפט פאַרמאַכט, מען ווייסט נישט מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך. צי מאַכט ער אַמאָל גאָר נישט קיין פאַלש געלט? דעם דאָזיקן חשד דערוועקט מען אין דאָרטיקן פּאָסטן-פּאָליציסט און ער קלאַפט אין איין ווינטער-פרימאָרגן אָן אין דער געהיימניספולער וואוינונג. ער טרעפט דאָרט שטיין אַ העקטאָגראַף מיט אָפּגעצויגענע בלעטלעך. צייטן זיינען נאָך דאַמאָלס געווען רויקע, דער פּאָליציסט איז נאָך געווען אַ פריץ אין אַזעלכע זאַכן און מיט אַ דריי רובלדיקן מתנת-יד וואָלט נאַום, מן הסתם, פּטור געוואָרן פון דעם דאָזיקן נישט געבעטענעם גאַסט. נאַום אַליין

אָבער איז אויך געווען ווייניק ערפאַרן אין אַזעלכע זאַכן און ער האָט זיך פאַרלאָרן.

דער פּאָליציסט האָט מודיע געווען זיין העכערער „נאַטשאַלסטווע" וועגן זיין אַנטדעקונג. יענע האָבן דערזען פאַר זיך אַזאַ אומערוואַרטע מציאה. ליפשיצן האָט מען באַלד אַרעסטירט און מען האָט אַוועקגעזעצט אַ וואַך, אָפּצוּוואַרטן דעם פאַרנאַכטיקן גאַסט. צו דער באַשטימטער צייט איז טאַקע גאזשאַנסקי אָנגעקומען מיט אַ כתב־יד אין קעשענע. ער קלאַפּט אָן לויטן אָפּגערעדטן סימן אין טיר און אים כאַפּן אָן אַפּאָר געזונטע זשאַנדאַרמען־אָרעמס. ער פּרובירט לכתחילה זיך בייזערן. ער איז אויף אַ רע־גירונגס־שטעלע, ער האָט פאַרבלאָנדזעט נישט אויף דער דירה, וואו ער האָט געדאַרפט, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. מען האָט אים באַזוכט און געפונען אַ מאַנוסקריפּט. איצט האָבן די זשאַנדאַרמען פון זייער זייט זיך גענומען בייזערן: איר עסט דעם קייזערס ברויט און איר בונטעוועט נאָך דעם עולם!

אין זעלבן אָוונט האָט מען אַרעסטירט ליובע אייזנשטאַט, די זאַלקינדס, צילע וואָלק, צוליב דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס מען האָט געפונען ביי די אַרעסטירטע, זיינען פּאָרגע־אומען אויך אַרעסטן אין אַנדערע שטעט, אין ווילנע, לאָדז און וואַרשע. מען האָט אונויפגענומען ביז 15 מאַן. די זשאַנדאַרמען האָבן געוואָלט פאַרפירן אַ פּראָצעס געגן איין פאַרצווייגטער אָרגאַניזאַציע, ס'האָט זיך זיי אָבער נישט איינגעגעבן. גאָזשאַנסקי צון ליובע אייזנשטאַט האָבן אַלץ גענומען אויף זיך. זיי זיינען פאַראורטיילט געוואָרן אויף 5 יאָר סיביר. נאַום ליפשיץ און דער סטאָלאַר סעגאַל (ביי וועלכן מען האָט געפונען אַ פרעמדן מאַנוסקריפּט און ער האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן ווער דער אוי־טאָר איז) — אויף 3 יאָר סיביר, די איבעריקע איינציקע יאָר פּאָליציי־אויפזיכט.

גאָזשאַנסקי איז אָפּגעווען זיין טערמין אין ווערכאָיאַנסק, און ליובע אין ווילויסק פון יאַקוטסקער געגנט. דאָרטן איז גאָזשאַנסקי איין צייט געשטאַנען אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פון סינדיקאַליסט מאַכייסקי (אַ פּאָליאַק, אַנטי־מאַרקסיסט און אַ שטאַרקער געגנער פון אינטעליגענץ און „קוואַליפיצירטע" אַרבעטער). אָבער נאָך אין 1902 איז גאָזשאַנסקי נאָך זיין צוריקקומען פון סיביר, אַריינגעטרעטן אין „בונד" און זיך אַקטיוו באַטייליקט אין זיין טעטיקייט ביז 1908. איצט אַרבעט ער אין רוסלאַנד ביי דער ראַטן־מאַכט.

ליובע אייזנשטאַט איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט געוויילט ביי אירע קרובים און האָט אין יאָר 1903 זיך דערטרונקען אין אַ וואַנע, אין וועלכע זי האָט זיך געבאָדן.

נאַום ליפשיץ האָט זיך באַזעצט נאָך זיין טערמין אין קישינעוו און איז דאָרט גאָר גיך געשטאָרבן פון שווינדזוכט, וועלכע ער האָט באַקומען אין די רוסישע טורמעס.

דער ביאַליסטאָקער אַרעסט איז געווען דער ערשטער ערנסטער דורכפאַל אין יענעם פּעריאָד, און ווען די ווילנער אַרבעטער האָבן זיך דערוואוסט, דאָס דעם 21־טן יוני אין 1897־טן יאָר וועט מען די „ביאַליסטאָקער" דורכפירן דורך ווילנע קיין סיביר, האָבן זיך אויפן באַן־הויף פאַרזאַמלט עטליכע הונדערט אַרבעטער זיי צו באַגלייטן מיט אַ דעמאָנסטראַציע. די זשאַנדאַרמען זיינען אָנפאַנגס מבולבל געוואָרן, בעת זיי האָבן דערזען דעם המון, די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אויסרופן אָבער האָבן זיי גאָר אַרויס־געבראַכט פון די כלים; מען האָט אָנגעהויבן שלאָגן די פאַרזאַמלטע מיט די בלאַנקע שווערדן, צעטרייבן און אָפּצורייניקן דעם וואָקזאַל. די אַרויסגעשיקטע אָבער האָבן גע־הערט די מוטיקע באַגלייטונגס־ווערטער פון די הונדערטער יידישע אַרבעטער און האָבן מיט זייערע אויגן געזען די פרוכטן פון זייער אַרבעט.

אין דריי חדשים אַרום האָט זיך געגרינדעט דער „בונד".

ב. מיכאלעוויטש

דער ביאליסטאקער פעריאד אין לעבן פֿון צענטראל-קאמיטעט פֿון „בונד“.

(1902—1900)

1.

די ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד“ אין יאָר 1899.

דער אינהאַלט פון דעם דאָזיקן אַרטיקל איז, פון איין זייט, ברייטער פונם קעפּל, וואָס מיר האָבן אים געגעבן, פֿון דער צווייטער זייט—שמעלער ברייטער דערפאַר, וואָס ער כאַפּט אַרום לויט דער צייט דעם גאַנצן פעריאָד, וואָס איך האָב געוואוינט אין ביאַליסטאָק, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן עטוואָס פריער און שליסט אַיין אין זיך אונזער אַרבעט אין דער אָרטיקער אַרבעטער-באַוועגונג ד. ה. אין דער ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאציע פון בונד. פֿון דער צווייטער זייט, בין איך געצוואונגן צו זיין קורץ; דעריבער שטעל איך זיך אָפּ, דער עיקר, אויף אויסערליכע שטריכן, טעכנישע פרטים, נעמען, דאטעס, כדי צו פאַרפיקסירן אויפֿן פּאַפּיר דאָס, וואָס פאַרשווינדט אַזוי לייכט פון זכרון. דאָס שטיקל צייט, וואָס ווערט דאָ באַשריבן, האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אין לעבן פון בונד. גראָד אין יענע יאָרן זיינען אנטשטאַנען און האָבן באַקומען אַ באַשטימטע ריכטונג אַ סך זעהר וויכטיקע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע שטרעמונגען, האָבן זיך באַוויזן אסך פּראָגראַמטישע, טאַקטישע און אַרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן אין צוזאַמענהאַנג מיטן וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין גאַנץ רוסלאַנד בכלל און אין בונד בפרט. אינם ווייטערדיקן דערציילן וועט זיך עס ארויסווייזן גענוג קלאָר, נאָר מחמת מאַנגל אין פּלאַץ, וועל איך זיך נאָר אין דער מינימאַלסטער מאָס אָפּשטעלן אויף דער טעאָרעטישער באַלויכטונג פֿון די פראַגן, אויף קלאָר צו מאַכן די קעגנזייטיקע פּאָליטישע, פּאַרטייאישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציהונגען, אויף די ליטעראַרישע ערשיינונגען, אויף דער אנטשטייאונג און דעם מהות פֿון די מיינונגס-פאַרשידענהייטן, אויף דעם אינהאַלט פון די דעבאַטען. אַסך פון דעם איז פאַראַן אין דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור *); צו פיל זייטן וועט מען זיך קענען אומקערן שפּעטער.

קיין ביאַליסטאָק בין איך געקומען אין האַרבסט פון יאָר 1899. איך בין געווען אַ דאָקטאָר, און מיין מעדיצינישע פּראָפעסיע האָט מיר געגעבן די באַקוועמליכקייט, וואָס מיר האָבן געמוזט דינגען אַ זעלבשטענדיקע בעל-הבתישע דירה, וואו מ'האָט גע-

*) צווישן אַנדערע רעקאָמענדירן מיר די ביכער, וואָס זיינען אין די יאָרן 7—1906 אַרויסגעגעבן געוואָרן אין רוסיש: „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער ארבעטער-באַוועגונג“ העפט 1 און 2 און „פּאַר 2 יאָר“ 1 ב., אַ זאַמלונג ארטיקלען פֿון „איסקרא“.

קאָנט טאָן, וואָס מ׳האָט געוואָלט און וואו מ׳האָט געקאָנט אריינקומען אין יעדער צייט,
ביי טאָג און ביי נאַכט, ניט ז׳ערוועקענדיק קיין חשד ביי די שכנים און ביי דער
פּאָליציי; אין מיין פּראָפעסיע איז אָבער אויך געווען אַ הסרון: די „געזעלשאַפטליכע
לאַגע״, וואָס איך האָב פאַרנומען אלס דאָקטאָר, און דאָס, וואָס מיינע טירן האָבן גע־
מוזט זיין אָפן פאַרן עולם—האָט פאַר אונז שווער געמאַכט צו באַזוכן אַרבעטער־
דירות, און כדי ניט דורכצופאַלן, האָבן מיר זיך ניט געקאָנט באַווייזן אויף זאַכן-
פאַרזאַמלונגען. ביי די לעבנס־באַדינגונגען פון ניט קיין גרויסער פּראָווינציעלער שטאָט,
האָב איך געקאָנט גיין אין אַרבעטער־דירות נאָר אין אָוונט, און דערביי האָב איך
נאָך געדאַרפט זיך זעהר שטאַרק היטן. צו דער צייט, ווען איך בין איבערגעפאָרן קיין
ביאַליסטאָק האָט די אָרטיקע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איבערגעלעבט זעהר אַ שווער
שטיקל צייט. גאָר ניט לאַנג פאַר דעם, זומער, האָבן די פּאָליטישע רעפּרעסיעס צו־
גענומען אַסך קרבנות און האָבן אַריינגעטראָגן אן איבערגעשראָקנקייט אין די מאַסן.
די צאָל אָרגאַניזירטע מיטגלידער איז שטאַרק געפאַלן. אָנגעזעענע מער זיינען
געבליבן ווייניק. דער פאַרנעם פון דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע איז קלענער גע־
וואָרן, די באַוועגונג האָט קוים געאָטעמט. נאָך חוץ דעם, האָט גראָד אין דער צייט
געווילדעוועט אַ שרעקליכער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער האָט אויפגעטרייסעלט די
אינדוסטריע ניט בלויז אין דעם דאָזיקן צענטער פון טעקסטיל־פאַבריקן, ניט בלויז אין
גאַנץ רוסלאַנד, נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט. די וועבערייען, שפּינערייען און מאַ־
נופאַקטור־פאַבריקן פון ביאַליסטאָקער ראיאָן זיינען געשטאַנען, אָדער זיי האָבן געאַר־
בעט מיט א שוואַכן טעמפּ. די שכירות פון אַ וועבער איז געפאַלן אויף 1—2 ק.
פון קלעצל („מאָטאָק״), עס איז געוואָרן שווער איינצוהאַלטען דעם 10־שעהדיקן אַר־
בעטס־טאָג, וועלכן מ׳האָט אויסגעקעמפט דורך שווערע שטרייקן. די לוינקעטניקעריי, דאָס
אַרבעטן אויף האַנט־שטולן אין קליינע ווערקשטאַטן, וואו די הויפּט־ראָלע שפּילן די
פאַרמיטלער, האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דער קריזיס האָט זיך אָפּ־
גערופן אויפן גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן פון שטאָט, אויף די מלאכה־אַרבעטער, אויף
די האַנדלס־אָנגעשטעלטע און אַ. וו. די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע האָט געמאַכט אַ שטאַרק
טיפן איינדרוק אויף די ביאַליסטאָקער אַרבעטער, איבערהויפּט אויף די וועבער, און
האָט זיי טיף פאַראינטערעסירט אויך מיט דער טעאָרעטישער זייט; זיי האָבן פּשוט גע־
גאַרט צו פאַרשטיין, וואָס איז די סיבה פון דעם קריזיס. און אין דער אמתן, קיין
עכטע עקאָנאָמישע קריזיסן זיינען שוין ניט געווען אין משך פון עטליכע צענדליק יאָרן.
ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען שוין אַדורגעמאַכטע שטופע, אַזוי ווי די פּאָליטישע
רעוואָלוציעס אין מערב־אייראָפּע. אַ סך עקאָנאָמיסטן האָבן טאַקע אַזוי געקוקט אויף זיי,
ווי אויף אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, און פּלוצים איז ער ווידער געקומען, דער
סודות־פולער עקאָנאָמישער קריזיס, געקומען אין מיטן העלן טאָג, אומגעריכט, מ׳ווייסט
ניט פון וואַנען, מ׳ווייסט ניט פאַרוואָס.

די ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע איז דעמאָלט באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע איינ־
ריכטונגען: די סכאָדקעס, די אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג און דער קאָמיטעט; אַחוץ דעם,
האָבן צוליב פּראָפּאַגאַנדע עקסיסטירט פאַרשיידענע אינטעליגענטישע און אַרבעטער־
קרייזלעך, פלעגן פאָרקומען פּעריאָדישע „דיסקוסיעס״ און ניט־פּעריאָדישע מאַסן־און
ניט־מאַסן־פאַרזאַמלונגען. אַלע איינריכטונגען האָט מען צונויפגעשטעלט פון אויבן. דערן
קאָמיטעט פלעגט אויסקלייבן די בעסטע, זיכערסטע און באַוואוסטזיניקסטע עלעמענטן
פון דער אַרבעטער־מאַסע און פון דער אינטעליגענץ און פון זיי צונויפשטעלן די

„אַגיטאַטאָרן=פאַרזאַמלונג“. איין מאָל געבילדעט, פלעגט די אַגיטאַטאָרן=פאַרזאַמלונג שוין דערנאָך זיך אַליין פאַרברייטערן דורך קאָאָפּטאַציע. די דאָזיקע אַגיטאַטאָרן=פאַרזאַמלונג, וואו ס׳זיינען אַריינגעגאַנגען אַרבעטער פון די וויכטיקסטע פאַכן, האָט אָרגאַניזירט אין יעדן פאַך גרופּעס, קעמערלעך פון די מער אַנטוויקלטע אַרבעטער: אָט די קעמערלעך האָבן זיך גערופן „סכאָדקעס“. די „סכאָדקעס“ האָבן ניט געוואוסט וועגן דער עקסיסטענץ פון דער „אַגיטאַטאָרן=פאַרזאַמלונג“. די לעצטע האָט ניט געוואוסט דעם באַשטאַנד פון קאָמיטעט. די קאָמיטעטן האָבן ניט געוואוסט דעם באַשטאַנד פון צענטראַל=קאָמיטעט. פון אויבן ביז אונטן איז אַלץ געווען פאַרקאָנספּירירט. די איניציאַטיוו, סיי די פּאָליטישע סיי די עקאָנאָמישע, האָט זיך איבערגעגעבן פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף דורך יענע מיטגלידער פון דער אַגיטאַטאָרן=פאַרזאַמלונג, וועלכע זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער געהעריקער סכאָדקע און האָבן זיך גערעכנט פאַר די פאָרשטייער פון „קאָמיטעט“. דער קאָמיטעט פלעגט געוויינלעך אין פולן באַשטאַנד אַריינגיין אין דער אַגיטאַטאָרן=פאַרזאַמלונג. אָבער די לעצטע האָט זיך געקאָנט בלויז אָנשטויסן, ווער ס׳גייט אַריין אין קאָמיטעט. אָפיציעל האָט פאַר איר עקסיסטירט נאָר דער פאָרשטייער פון קאָמיטעט, וועלכער איז אָפּן אַרויסגעטראָטן, ווי אַזעלכער.

אין די פונקציעס פון קאָמיטעט איז אַריינגעגאַנגען: די אַלגעמיינע אָנפירונג פון דער באַוועגונג, איינהאַלטן פאַרבינדונגען מיטן צ. ק., דעלעגירן פאָרשטייער אויף צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן, אַרויסגעבן פּראָקלאַמאַציעס, פלוג=בלעטלעך, די אָרטיקע צייטונג און א. וו. בעת מיר זיינען נאָך געווען אין ביאַליסטאָק, איז דער קאָמיטעט שוין געוואָרן אַ געוויילטער. די וויילער=קאָלעגיע איז געווען די אַגיטאַטאָרן=פאַרזאַמלונג. לאָגיש האָט זיך באַקומען אַ פאַרכישופטער קרייז. די קאָלעגיע ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון קאָמיטעט, דער קאָמיטעט ווידער ווערט געקליבן פון דער קאָלעגיע. אין דער אמתן אָבער איז די זאַך געווען אַזוי: איז די אַגיטאַטאָרן=פאַרזאַמלונג איין מאָל צונויפגעשטעלט געוואָרן, האָט זי שוין ווייטער געלעבט מיט איר זעלבשטענדיק אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן, אויסער די זעלטענע פאַלן, ווען מ׳האָט דאָרט חושד געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר. דעמאָלט פלעגט זי דער קאָמיטעט פונאַנדערלאָזן און צונויפשטעלן אַ נייע אַגיטאַטאָרן=פאַרזאַמלוגג פון ענטגילטיק דורכגעפילטרירטע מיטגלידער. אַזוינע פאַלן זיינען, למשל, פאָרגעקומען אין וואַרשע. אָדער אין פאַל, ווען די גאַנצע אַגיטאַטאָרן=פאַרזאַמלונג פלעגט דורכפאַלן דורך דער זשאַנדאַרמעריע, און ווען עס פלעגן לויטן פולמאַכט פון צ. ק. קומען נייע טוער און פאָרמירן אַ נייע אַגיטאַטאָרן=פאַרזאַמלונג.

מיר זיינען אַריין אין דער ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“ פון אויבן. צו דער צייט פון אונזער אָנקומען איז דער קאָמיטעט באַשטאַנען פון דריי מאַן: פון אברהמן, וועלכן מ׳האָט שפּעטער מיט ליבע גערופן „דער טאַטע“, בענצע דעם וועבער (זיין פאַמיליע=נאָמען איז געווען לעווין) און האצי מונוועס, אויך אַ וועבער. פון די דריי מאַן איז האצי שפּעטער געוואָרן אַ „אינטעליגענט“, אַ ציין=דאָקטאָר, בענצי איז בעת דער וועלט=מלחמה, נאָך דער עוואַקואַציע פון ביאַליסטאָק, אַריבער קיין דווינסק, וואו ער איז געוואָרן אַ זעמסקער אָנגעשטעלטער, און אברהם דער טאַטע איז אין יאָר 1908 אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. דעמאָלט איז ער געווען אַן אמתער „פּראָפעסיאָנאַל“ *), מיט לייב און זעל, אינגאַנצן זיך אָפּגעגעבן דער באַוועגונג, און מ׳האָט ניט געוואוסט,

*) ער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנאַל נאָך לאַנג פאַר דעם, ווי אַזאַ קאַטעגאָריע האָט זיך אָפיציעל באַוויזן אין „בונד“. נאָר אַ פּראָפעסיאָנאַל אָן געהאַלט, מחמת געמען פון דער אָרגאַניזאַציע אויפן לעבן האָט ער געוועלט עפּעס ניט פיין. ער האָט זיך ווי עס איז דורכגעלעבט פון קליינע צופעליקע שטונדן.

פון וואָס ער לעבט און וואו ער וואוינט. זיין איבערגעגעבענקייט דער אַרבעט, זיין זעלבסטאָפּפערונג און עניוות האָבן ניט געהאַט קיין גרעניץ. איין מאָל אין אָוונט איז אננא (מיין ווייב) געקומען אַהיים צוזאַמען מיט חאַציען. חאַציע האָט שפּעטער אַ ביסל אַריינגעבראַכט בענצין, אברהמען, און אויף אַזאַ אופן איז דורכגעפירט געוואָרן די פּראָצעדורע פון אונזער אַריינטרעטן אין קאָמיטעט. פון דעמאָלט אָן איז דער קאָמיטעט באַשטאַנען פון 5 מיטגלידער. מיך האָט מען אַ נאָמען געגעבן נתן, אַננאַן—יהודית, אַלע נעמען, וועלכע זיינען ווייטער פון אונזער ביאַליסטאָקער וועלטעלע ניט פאַרשפּרייט געוואָרן.

II.

די אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג.

תיכף נאָך דעם זיינען מיר אַריינגעטראָטן אין דער אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג. געוועזן איז זי ניט קיין גרויסע. בסך הכל איז זי באַשטאַנען פון אַ 12—15 מאַן. אויסער אונז 5, זיינען דאָרט געווען נאָך: 6) רחמיאל—אַ שניידער, אַ קליינינקער, אַ לעבעדיקער און אַ טיכטיקער, 7) דוד—אַ וועבער, אַ מאָגערער, אַ פאַרשלאָפענער, אָן אַ קאַמפס־טעמפּעראַמענט, 8) מרדכי—אַ גאַרבער, פּיזיש אַ שטאַרקער, געזונטער, אַן איבערגעגעבענער דער אַרבעט; שפּעטער האָט אים זיין בעל־הבתישע ווייב, וועלכע האָט ניט קיין אָנטייל גענומען אין דער באַוועגונג, געשטערט אין דער אַרבעט; 9) עלקע—אַ שפּולערין, אַ פּעהיק מיידל, וועלכע האָט זיך שפּעטער אַרויסגערוקט, ווי אַן אַקטיווע אָנגעזעענע טוערין; 10) בענדעט—אַ גאַרבער, אַ יונגער, אַ טיכטיקער; 11) יוסל—אַ וועבער, אַ הויכער, לאַנגזאַמער, באַטראַכטער מענש, וועלכער האָט אַ ביסל דערמאָנט אָן „לאַנגזאַמען". ס'זיינען געווען עטליכע מענשן, אָן וועלכע איך קאָן זיך איצט ניט דערמאָנען. שפּעטער איז אַהין אויך אַריין אָליע, אָדער חנה (אַננאַ ראָזענפעלד, שפּעטער אַבראַם גינזבורגס פרוי), וועלכע איז אויף אַ צייט געקומען פון וויטעבסק קיין ביאַליסטאָק. שפּעטער האָט מען אויך קאָאָפּטירט אסתר ריסקינד, וועלכע איז אין 1905 טראַגיש אומגעקומען דורכן אויפרייס פון אַ באָמבע, וואָס די ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטן האָבן געוואָרפן אויפן גאַס אין די פּאָליציי־לייט. אַ צייטווייליקער מיטגליד פון דער אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג איז אויך געווען משה־מאיר, זעהר אַן אָנגעזעענער בונדישער טוער—אַ וועבער, וועלכער איז געקומען אויף אַ צייט פון לאָדז. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אין דער פאַרזאַמלונג (און אין קאָמיטעט) איז אויך אַריין ביינוש (איזביצקי), וועלכער איז סוף פון יאָר 1900 געקומען קיין ביאַליסטאָק פון פּאָלטאַווע, וואו מען האָט אים פאַרשיקט און פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן. איידער דער טערמין האָט זיך געענדיקט. דאָ האָט מען אים אָנגערופען „לייזער". ס'איז אויך אַריין די שפּעטער אָנגעקומענע שניידערקע עטקע און איינִיגע אַנדערע.

די אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג פלעגט געווינליך האָבן זיצונגען איין מאָל אין וואָך, אין עקסטרא־פאַלן אָפטער. די זיצונגען פלעגן פאָרקומען אין איינער פון די אַרבעטער־דירות אינם לאַבירינט פון געסלעך און הילצערנע הייזלעך פון די „כאַנייקעס", אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון שטאָט, אָפטער ווי אומעטום—אין דוד דעם וועבערס צימער. זומער פלעגט מען זיי אַריבערטראָגן אין ביאַליסטאָקער גרויסן וואַלד נעבן דעם ערשט אויסגעברוקירטן באַראַנאָוויטשער שאָסיי. די זיצונגען זיינען געווען זעהר לעבעדיקע. פראַגן זיינען געווען אַ סך, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות אי צום עקאָנאָמישן קאַמף, אי צו־

דער פּאָליטישער טאַקטיק, אי צום אָרגאַניזאַציאָנעלען לעבן. די הויפּט־פּאַכן, וואָס אי־
בער זייער לעבן פלעגט מען דאָ אָפּגעבן באַריכטן און פירן דעבאַטן, זיינען געווען:
1) וועבער, 2) שפּינער, 3) נופּערקער, 4) שערערקעס, 5) שפּוליאַרקעס, 6) גאַרבער,
7) וואַלקער, 8) שניידער, 9) פּאַפּיראָסן־מאַכערינס, 10) האַנדלס־אָנגעשטעלטע.

III.

דיסקוסיעס.

די אַלע פערזאָנען זיינען אַריינגעגאַנגען אויך אין באַשטאַנד פון אַן אַנדער אָר־
גאַן, וואָס איז זעהר וויכטיק געווען פאַר דער אַנטוויקלונג פונם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן
באַוואוסטזיין, אין דער „דיסקוסיע“, וועלכע האָט אויפגעלעבט מיט אונזער אָנקומען
און האָט זיך אויך זעהר רעגולער פאַרזאַמלט, געוויינליך אַלע פרייטאָג צו נאַכטס. נאָר
אַהין זיינען שוין אַריין אויך אַנדערע, ווייניקער אָנגעזעענע מיטגלידער פון דער אָרגאַ־
ניזאַציע, לויטן אויסוואַל פון דער אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג: סכאָדאַטשניקעס, האַלב־אינ־
טעליגענטן, אייניקע מיטגלידער פון אינטעליגענטן־קרייזל. די דאָזיקע נייע פערזאָנען
פלעגן אָנגעמערקט ווערן אַפריער, דערנאָך פלעגט מען פאָרלייגן דער „דיסקוסיע“
גופא, זי זאָל זיי אויפנעמען, און זיי פלעגן דאָרטן, פאַרשטייט זיך, דורכגיין. אויסער
די פריער אָנגערופענע מיטגלידער פון אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג, וועלן מיר נאָך אָנרופן
די האַלב־אינטעליגענטן חיים און בערל, וואָס אונטער די אויגן פלעגט מען זיי רופן
יאָלדן, נאָך איינעם באָמשטיין, אַ געוועזענעם סאָלדאַט פון אָסאָוועץ, און העלענע הע־
ער. ס'זיינען געווען עטליכע אַרבעטערינס־נופּערקעס און שערערקעס, וואָס זייערע נע־
מען קאָן איך זיך ניט דערמאָנען. אין אַלגעמיין, איז די צאָל מיטגלידער פון דער
דיסקוסיע לכתחילה געווען 15–19. מער האָט מען טאַקע ניט געקאָנט צונויפקלייבן אי־
בער די באַדינגונגען פון דער דירה. זומער פלעגט די דיסקוסיע אויך פאָרקומען אין
וואַלד, געוויינליך שבת, און אָפט פלעגט זי פאָרקומען פאַר אָדער נאָך דער אַגיטאַטאָרן־
פאַרזאַמלונג. ניט די און ניט יענע זיינען קיין איין מאָל פאַר אונזער צייט ניט אַרעס־
טירט געוואָרן. שפּעטער איז די „דיסקוסיע“ צעטיילט געוואָרן אויף צוויי גרופּעס. פון
די פראַגן, וואָס מ'האָט דעבאַטירט אויף די דיסקוסיעס, געדענק איך אַזוינע: וועגן
פּראָטעקציאָניזם, וועגן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף, וועגן שטרייקן, וועגן אָרימ־
קייט, וועגן דעמאָנסטראַציעס, וועגן פּאָליטישן טעראָר, וועגן עקאָנאָמישן טעראָר, וועגן
די דריי פאָרמען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן דעם, ווי זיך צו האַלטן
בעתן פאַרהער (דאָפּראָס), וועגן זובאַטאָוושטשינע און די „אומאָפּהייגיקע“, וועגן
דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועגן ציוניזם, וועגן פּ. פּ. ס., וועגן איטעליגענץ, וועגן
זעלבסט־אַנטוויקלונג.

די אַלע פראַגן האָבן דעמאָלט געטראָגן דעם אַקטועלסטן, ברענענדיקסטן כאַראַק־
טער און זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך די דעמאָלטיקע באַדינגונגען פון אינערליכן
לעבן אין דער אָרגאַניזאַציע און פון דער אויסערליכער מער אָדער ווייניקער ברייטע־
רער און ווייטערער סביבה. און די רייכקייט פון די פראַגן, וואָס דאָס רוב פון זיי
איז דעמאָלט צום ערשטן מאָל אַנטשטאַנען, זאָגט עדות, אַז דאָס פּאָליטישע לעבן און
די פּאַרטייאישע און אויסערפּאַרטייאישע באַציהונגען זיינען געוואָרן אַלץ מער קאָמפּלי־
צירט און פאַרוויקלט. די ערשטע טעג זיינען די טעמעס, פאַרשטייט זיך, געווען אין
איינגן צוזאַמענבונד מיטן עקאָנאָמישן קריזיס. די באַדייטונג פון פּראָטעקציאָניזם, זײַ

באַהאַנדלט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ראָלע פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל (אַ
בראָגע, וואָס איז דעמאָלט ברייט באַהאַנדלט געוואָרן אין דער לעגאַלער פרעסע), וועל=
כער פירט אַרויס די אינדוסטריעל=אָפּגעשטאַנענע מלוכה פון דעם טעמפּן ווינקל, אין
וועלכן ס׳ברענגט זי אַריין די סיסטעם פון פּראָטעקציאָניזם. די קעגנזייטיקע באַציהונ=
גען צווישן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף זיינען געווען אַ באַליבטע טעמע אין יענ=
נעם כעריאָד, ווען ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט=כוואַליע קעגן עקאָנאמיזם און
„שטרייקיזם", ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ליידנשאַפטליכע פּאָלעמיק אין דער שווייץ,
צווישן פּלעכאַנאָווס גרופּע און דעם „פאַרבאַנד פון רוסישע סאָציאַל=דעמאָקראַטן אין
אויסלאַנד", און ס׳איז געבוירן געוואָרן די „איסקרא". אין הסכם מיט דעם, האָט מען
דיסקוטירט און איבערגעקוקט די באַדייטונג פון שטרייקן. דער באָיקאָט, ווי אַ פאָרם
פון עקאָנאָמישן קאַמף, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף באַהאַנדלונג אין צוזאַמענהאַנג
מיט אַן אַרטיקל, וואָס איז דעמאָלט געדרוקט געוואָרן אויף דער טעמע אין פּוילישן
„ראָבאָטניק". די דעבאַטן וועגן דעם האָבן איבערגעלאָזט אַזאַ רושם ביי די מיטגלידער
פון דער אָרגאַניזאַציע, אַז ביים ערשטן פּאַסיקן פאַל האָט מען אָנגעהויבן אויסצונוצן
דעם עקאָנאָמישן באָיקאָט. דאָס איז פאָרגעקומען בנוגע צום ביאַליסטאָקער טאַבאַק=פאַב=
ריקאַנט יאַנאָווסקי, ביי וועלכן ס׳האָבן געאַרבעט קרוב צו 300 יידישע אַרבעטערינס.
ער האָט אָפּגעזאָגט עטליכע צענדליק יידישע פּאַפּיראָסן=מאַכערינס און האָט זיי פאַרביטן
דורך פּוילישע מיידלעך, רעכענדיק, אַז יענע וועלן זיין מער נאָכגעביק. אָנשטאָט אַ
שטרייק, וועלכער וואָלט געקאָסט צו טייער און וואָלט אפשר געבראַכט דערצו, אַז די
יידישע אַרבעטערינס וואָלטן אין גאַנצן אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון פאַבריק, האָט די
אָרגאַניזאַציע דערקלערט אַ באָיקאָט פאַר אַלע אויסאַרבייטונגען פון זיין פאַבריק; מ׳האָט
וועגן דעם אַרויסגעלאָזט עטליכע געדרוקטע פּראָקלאַמאַציעס. מ׳האָט געפירט אַ שטאַרקע
מינדליכע אַגיטאַציע אין שטאָט און אין די אַרומיקע שטעטלעך. מ׳האָט געגעבן צו
וויסן אין אַלע שכנישע שטעט, וואו זיינע פּאַפּיראָסן פלעגן זיך פאַרקויפן. דער באָי=
קאָט האָט געהאַט דעם פולן ערפאָלג. דער אַגיטאַציע האָט, בלי ספק, מיטגעהאָלפן
דער נאַציאָנאַלער אונטערשלאַק פון דעם קאָנפליקט, און מחמת דעם האָט אויך די
יידישע קליין=בורזשואַזיע גערן געקויפט שערעשעווסקיס פּאַפּיראָסן (גראָדנער פאַבריק)
אָנשטאָט יאַנאָווסקיס. יאַנאָווסקי איז געגאַנגען אויף הנחות. ער האָט צוריק צוגענומען
די יידישע פּאַפּיראָסן=מאַכערינס. די אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעלאָזט אַ בלעטל וועגן
נצחון און וועגן אָפּשטעלן דעם באָיקאָט. ווי אַ קוריאָז מערק איך אָן, אַז מיט דעם
לעצטן בלעטל זיינען אייניקע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע ניט געווען צופרידן.
זיי האָבן געטענעט: מ׳האָט ניט געדאַרפט ריזיקירן צו דרוקן און פאַרשפּרייטן אַ בלעטל,
וואָס האָט דעם ציל צו העלפן יאַנאָווסקין פאַרקויפן זיינע פּאַפּיראָסן.

דעמאָנסטראַציעס האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן ווערן אַ געוויינליכער אויסדרוק פון
דער אָנוואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער שטימונג. אין ביאַליסטאָק איז עס צום ערשטן
מאָל פאָרגעקומען דעם 2=טן מאַרט 1901, צוליבן טויט פון אַ דורכשניטליכן טוער אין
דער באַוועגונג—אייזע טונקעטשין. מיט אַן אויסערגעוויינליכער גיכקייט איז צונויפגערופן
געוואָרן די אַרבעטער=מאַסע, און נאָך דעם טרויער=וואָגן פון דורכאויס אַן אומבאַקאַנטן
אַרבעטער האָט זיך געלאָזט גיין אַ צוויטויזנטקעפּיקער עולם. די שטאָט האָט מיט פאַר=
וואונדערונג אָנגעקוקט דאָס דאָזיקע קיין מאָל ניט געזעענע בילד. און גראָד אויף
מאָרגן איז אין פּעטערבורג אויפן קאַזאַנער פּלאַץ פאָרגעקומען די באַרימטע סטודענ=
טישע דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס מ׳האָט די דעמאָנ=

סטראַנטן אכזריותדיק געשלאָגן. נאָך ביאַליסטאָק און פעטערבורג זיינען אַוועק דעמאָנסטראַציעס אין אַנדערע שטעט. צופעליק און אומאָפּהיינגיק האָט זיך ביאַליסטאָק איינגעשלאָסן אין דער גרויסער כוואַליע פון דעמאָנסטראַציעס, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן לאַנד. אין ביאַליסטאָק איז די דעמאָנסטראַציע דורכגעגאַנגען רוהיק. אין פּעטערבורג איז, ווי אַ נקמה פאַר די פּאָליטישע אכזריות און אָפּגעבן די סטודענטן פאַר סאָלדאַטן, געקומען קאַרפּאָוויטשעס שאָס, וואָס האָט געהרגעט דעם בילדונגס-מיניסטער באָגאָלעפּאָוו. דער פּאָליטישער טעראָר האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און אויף דער אַרענע פון פּאָליטישן לעבן האָט די ניי-אויפגעקומענע פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן געמאַכט אויפלעבן די טראַדיציעס פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ”. דעריבער איז דער פּאָליטישער טעראָר, ווי אַ סיסטעם פון קאַמף, געוועזן אַ טעמע פאַר דיסקוסיעס און זעהר אַ הייסע טעמע.

דער עקאָנאָמישער טעראָר האָט אויך אַרויסגערופן הייסע דעבאַטן, מחמת אין ביאַליסטאָק האָבן אים די אַרבעטער נאָך פריער אָפט אָנגעווענדט צו די לוינקעטניקעס און שטרייק-ברעכער, צו וועלכע ס'איז אים גרינג אָנצווענדן. די געוויינלעכע פאָרמען פון אַזאַ טעראָר פלעגן זיין קלעפּ, ברעכן שויבן און באַגיסן מיט אַלעם. אפילו זעהר באַוואוסטזיניקע אַרבעטער האָבן אין אַזוינע מיטלען ניט געזען קיין שום ניט דערלאָזבאַרס. זיי פלעגן טענען, אַז אָן זיי קאָן מען ניט דערגרייכן קיין ערפאָלג. ניט אומזיסט האָט זיך אין דעם זעלבן ביאַליסטאָק אַזוי רייך פאַנאַנדערגעבליט דער אַנאַרכיזם, ווען דער פּאָליטישער קאַמף האָט אין די יאָרן 1904–1906 דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה. די לעצטע חדשים פון אונזער לעבן אין ביאַליסטאָק האָט זיך אַהין אומגעקערט פון פאַרשיקונג אַ ווילנער אַרבעטער, אַ יונגער בחור יאָסקע, אַן אויסערגעוויינליך היציקער, ניט קיין איינגעהאַלטענער, וואָס איז גרייט געווען יעדע מינוט אַריינשטעכן דעם געגנער זיין קינזשאַל, מיט וועלכן ער פלעגט זיך ניט צעשיידן. גלייך ווי ער איז געקומען, האָט ער זיך געפונען אַ קאָמפּאַניע און האָט זיך גענומען פירן אַן אַגיטאַציע פון אַנאַרכיזם פון זעהר אַ נידעריקער פּראָבע: די אַגיטאַציע האָט אין אייניקע קרייזן געפונען אַן אָפּקלאַנג. דער דאָזיקער גראָבער, חיהשער „אַנאַרכיזם”, וועלכער איז זעהר געפעלן געוואָרן דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון די „זשוליקעס”, האָט שפּעטער געבראַכט אַ סך שאָדן דער ביאַליסטאָקער באַוועגונג. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פון די זשוליקעס איז געווען אַ פעסט-געשלאָסענע. אייניקע אירע פאָרשטייער זיינען באַקאַנט געווען אונזערע אַרבעטער. איין מאָל איז קיין ביאַליסטאָק געקומען אַן אַרבעטאָרין, דאַכט זיך, עטקע די שניידערקע, און דעם זעלבן טאָג האָט מען ביי איר אויף ליפּאָווע גאַס אַרויסגענומען דאָס בייטעלע מיט איר גאַנצן פאַרמעגן — זיבן רובל. וועגן דעם צופאַל האָט מען געגעבן צו וויסן דעם אָנפירער פון דער גנבים-חברה, און דאָס בייטעלע האָט מען תיכף אומגעקערט מיט אַן אַנטשולדיקונג.

אין דער שטורעם-עפּאָכע פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע האָט דער אַנאַרכיזם זיך רייך פאַנאַנדערגעבליט אין דער פּעריאָד פון די „עקספּראָפּריאַטאָרס” און „קאָמבינאַטאָרס”. ער איז דעריבער געווען אַ טעמע פאַר די דיסקוסיעס.

דאָס באַהאַנדלען די פראַגע וועגן זובאַטאָווששינע און „אומאָפּהיינגיקע” איז פאַרשטענדליך, ווען מ'דערמאָנט זיך, אַז גראָד אין יענע יאָרן איז די דאָזיקע זובאַטאָוו-פּאָליציייאישע שטרעמונג אנטשטאַנען און אין יענע יאָרן האָט זי זיך אויסגעלעבט. אין ביאַליסטאָק האָט זי זיך אינגאַנצן ניט איינגעפלאַנצט, אהין איז אַפילו די אַגיטאַציע

פון די „אומאָפהייניגיקע“ ניט צוגעקומען, זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גראָדנע. דערפאַר האָט אונזער קאָמיטעט-מיטגליד, חאַצי מונוועס, וועלכער איז אויף א שטיקל צייט געווען אוועקגעפאָרן קיין מינסק, זיך פון דאָרטן אומגעקערט שטאַרק אנגעשטעקט מיטן סם פון זובאַטאָווטשטשינע.

די פראַגע וועגן „זעלבסטאַנטוויקלונג“ איז אַרויסגערוקט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַגיטאַציע פון די יידן-פּ. ס.-אָווצעס, וואָס זייער הויפּט-פעסטונג איז געווען גראָדנע, פון וואַנען זיי האָבן זיך געפּרובט ווירקן אויף די ביאַליסטאָקער אַרבעטער. די נשמה פון דער דאָזיקער אַגיטאַציע איז געווען פּיאַטר איוואַנאָוויטש שומאַוו, אַ געוועזענער סטודענט און מיטגליד פון דער פּעטערבורגער ס“ד פּאַרטיי. אין פלוג קומט אויס זעהר לעכערליך אַזאַ סמיכות הפּרשות: יידישע אַרבעטער פון דער ליטווישער שטאָט גראָדנע, אונטער דער אָנפירונג פון אַ רוסישן אינטעליגענט, וועלכע האַלטן זיך פאַר אָנהייבגער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי! דער קוריאָז איז געווען נאָך שטאַרקער דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען קעגן אינטעליגענץ.

דאָס איז אין תוך געווען די אַלטע ווילנער „אָפּאָזיציע“ פון אַבראַם גאָרדאָן (דער רעזשטשיק), וועלכע האָט באַשולדיקט די אינטעליגענץ אין דער שטרעבונג אויסצונוצן דעם אַרבעטער-קלאַס פאַר אירע אינטעליגענטישע, פּאָליטישע צילן. די אַרבעטער, האָט ער געזאָגט, דאַרפן פריער פאַר אַלץ זיך לערנען און אַנטוויקלען. זיי נויטיקן זיך אין קרייזלעך פון זעלבסטאַנטוויקלונג און ניט אין פּאָליטישן קאַמף און אין שטרייקן. אין דעם לעצטן פּונקט האָבן זיי זיך אונטערגעשיידט פון די מינסקער „אומאָפהייניגיקע“, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דער אינטעליגענץ און קעגן פּאָליטיק, אויך פאַר זעלבסטאַנטוויקלונג, נאָר אין דער זעלבער צייט אָבער פאַרן עקאָנאָמישן קאַמף אונטערן שוץ פון זשאַנדאַרמען. די אַגיטאַציע פון די יידישע פּ. פּ. ס.-אָווצעס האָט געהאַט אַ געוויסן, אמת זעהר אַ קליינעם, ערפאָלג ביי אַ טייל אַרבעטער, וועלכע האָבן אויפן עקאָנאָמישן געביט, לויט זייער מיינונג, דערגרייכט דעם מאַקסימום, האָבן מורא געהאַט פאַר פּאָליטישע רדיפות און האָבן געוואָלט נאָר רוהיק לייענען און אַנטוויקלען זיך. ווי אויף א קוריאָז, דאַרף מען אָנווייזן, אַז אייניקע אַרבעטער האָבן אין פּ. פּ. ס. געשעצט דאָס, וואָס דאָרט זיינען פאַראַן אייניקע נומערן פון אַן ערנסטן אַמעריקאַנישן זשורנאַל, וואָס אונזער אָרגאַניזאַציע האָט זיי ניט געהאַט. די מעלות פון דעם ניויאָרקער סאָציאַליסטישן חודש-זשורנאַל „צוקונפט“ האָבן צו זיי צוגעצויגן אָנהייבגער. אין „צוקונפט“ זיינען געווען אַ סך אַרטיקלען אויף אַלגעמיינע בילדונגס-טעמעס.

אויב מיר ווילן זיך, ווייטער, דערמאָנען, אַז גראָד אין יענער עפּאָכע איז אַנטשטאַנען דער פּאָליטישער ציוניזם, וועלכער האָט פון זיך שפּעטער אויסגעטיילט דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע ריכטונגען, אַז גראָד דעמאָלט האָט זיך אין די טיפענישן פון בונד גופא געשטעלט די נאַציאָנאַלע פראַגע, וועלן מיר פאַרשטיין, פאַרוואָס אויך די פראַגן זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אויף די דיסקוסיעס. שפּעטער וועלן מיר זיך צו זיי אומקערן אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער 3-טן און 4-טן צוזאַמענפאָר, וואו מ'האָט בכלל באַהאַנדלט כמעט אַלע אויבן אויסגערעכנטע פראַגן. ענדליך, די פראַגע וועגן דעם, ווי זיך צו האַלטן אויף די „דאָפּראָסן“, איז געווען גאָר וויכטיק, ווייל זובאַטאָוו האָט געהאַט אַריינגעטראָגן אַזאַ פּאָליטישע פאַרדאַרבנקייט צווישן פּאָליטישע אַרעסטירטע, אַז מ'האָט געמוזט קלאָר מאַכן, ווי שעדליך ס'איז צו געבן וועלכע ניט איז ענטפערן אויף די „דאָפּראָסן“. פּונקט אין דער צייט איז אַרויסגעגאַנגען אין פאַרלאַג פון „פאַרבאַנד פון רוסישע סאָצ. אין אויסלאַנד“ באַכאַרעווס ביכל, וואָס האָט

פּאַרטיידיגט די נויטיגקייט ניט צו ענטפערן אויף „דאָפּראָסן“, דאָך איז אונזערע אַרבעטער אויף די דיסקוסיעס שווער געווען צו פאַרשטיין די נויטיגקייט פון אַזאַ טאַקטיק. זיי האָבן געהאַלטן, אַז זי גיט גלייך די מעגליכקייט די אָכראַנקעס אויסצוטיילן די באַוואוסטזיניקע טוער פון דער אַלגעמיינער גרויסער מאַסע אַרעסטירטע. מיר האָבן איבערגעאַנדערשט די דאָזיקע טאַקטיק און דערלאָזט, אנשטאט דעם אָפּזאָג צו געבן וועלכע ניט איז ענטפערן, איינגאַנצן אָפּלייקענען די באשולדיגונגען, באקאנטשאפן און א. וו.

IV.

דער דריטער צוזאַמענפאָר פון „בונד“.

אין דעצעמבער 1899 האָט דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון „בונד“ באַקומען אַן איינלאַדונג צו שיקן פאָרשטייער אויפן דריטן צוזאַמענפאר. ווי באוואוסט, איז דער ערשטער גרינדונגס-צוזאמענפאר געווען אין סעפטעמבער 1897, דער צווייטער צוזאַמענפאָר אין סעפטעמבער 1898, אין עטליכע חדשים אַרום נאָכן מינסקער דורכפאַל, וואו ס'איז אַרעסטירט געוואָרען דער גאַנצער צ. ק.

דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט האָט דעלעגירט אויפן דריטען צוזאַמענפאָר בעצען און מיך. אויסער דעם, איז פון ביאַליסטאָק געפאָרן אויך אבראם, ווי א פארשטייער פון גאַרבער-פאַראיין, וועלכער האט זיך נאָר וואָס באוויזן. דער צוזאמענפאר איז פארגעקומען אין קאָוונע, אויף א ספּעציעל געדונגענער דירה. דאָס איז געווען אין סוף דעצעמבער צוליב קאָנספּיראַציע, כדי די אכראנקע זאל ניט קאנען פאלן אויפן שפּור פון די אנטיילנעמער, איז אין דעם אָפיציעלן ביולעטען אָנגעוויזן געוואָרן, אז דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען סוף יאַנואר 1900 יאר. ער האָט געדויערט 3 טעג. געווען זיינען אויף אים א מאַן 15. אלע אנטיילנעמער געדענק איך ניט. כ'וועל אָנרופן נאָר איינציקע. דעם צענטראַל-קאָמיטעט האבן פארטראטן טאראס (דוד כץ), דעם אויסלענדישן קאָמיטעט—„דזשאָן“ (מיל), וועלכער איז ספּעציעל געקומען צו פארן פון זשענעוו. פון מינסק איז געווען אלבערט זאַלקינד, פון די בערשטער, אויב איך האָב קיין טעות ניט, זלמן (זינגער), פון לאָדז אָדער וואַרשע צביה—גורוויטש. די דעבאַטן זיינען געווען זעהר לעבעדיקע, דער עיקר וועגן דער נאציאנאלער פראגע, וועלכע איז דאס ערשטע מאָל געשטעלט געוואָרן אויף באהאנדלונג. א פארטרעגער אין דער פראגע איז געווען דזשאָן, וועלכער האָט פארטיידיקט דעם געדאַנק, אַז עס איז נויטיק און עס איז די רעכטע צייט ארויסצושטעלן די ספּעציעלע נאַציאנאלע פאָדערונגען פון יידישן פּראָלעטאַריאט, אז עס איז נויטיג צו פארשטעלן די פאָדערונג פון נאַציאַנאלער גלייכבערעכטיגונג. די גרעסטע מערהייט האָט זיך אָבער באַצויגן קאלט צו דעם פאָרשלאג וועגן בייטן דעם אינהאַלט פון דער אַגיטאַציע. דאָך איז אנגענומען געוואָרן א באַשלוס, אז כדי וויטער קלאר צו מאכן די פראגע, זאל מען עפענען אַ דיסקוסיע אויף די זייטן פון „יידישן ארבעטער“, וועלכער איז ארויסגעגאַנגען אין אויסלאַנד. מ'האָט אויך באַשלאָסן צו עפענען אין דער „ארבעטער-שטימע“ א דיסקוסיע וועגן דער אומאפהענגיגקייט פון פוילן.

אין אַלגעמיין האָט דער צוזאַמענפאָר אויף מיר ניט געמאַכט קיין באַפרידיגנדיקן איינדרוק. מ'האָט ניט געזען קיין צוגרייטונגס-אַרבעט פאַר זיין צוזאַמענרופן. די פראַגן פון טאָג-אָרדענונג האָט מען ניט גענוג באַטראַכט אויף די ערטער. מ'האָט ניט צוגעגרייט קיין שום פּראַיעקטן פון רעזאָלוציעס. אויפן צוזאַמענפאר גופא, ביי די באַדינ=

גונגען פון דרינגנדיקער אומלעגאַלער באַדאַנדלונג, איז אוממעגליך געווען צונויפצו=
שטעלן אויף וויפיל ניט איז דורגעטראַכטע רעזאָלוציעס, וועלכע זאָלן געבן די גלייכ=
געוויכט=ליניע פון די דעבאַטן. דעריבער האָבן, למשל, די דעבאַטן וועגן עקאָנאָמישן
קאַמף געגעבן אַזאַ מין רעזולטאַט: מ'האָט אויכגעהערט אַ ריי ניט געלונגענע רעזאָלו=
ציעס, וועלכע מ'האָט דאָ אויפן אָרט געשאַפן, דערנאָך איז אָנגענומען געוואָרן די
אינהאַלט=אָרימע פאָרמל, וואָס טאַראַס האָט פאָרגעלייגט, אַז „דער עקאָנאָמישער קאַמף
איז איינער פון די מיטלען צו אַנטוויקלען דעם פּאָליטישן און קלאַסן=באַוואוסטזיין אין
די אַרבעטער=מאַסן”. נאָך פּרוטאָקאָלזער זיינען געווען די דעבאַטן וועגן די שטרייק=
קאַסעס. די רעזאָלוציע האָט געזאָגט, אַז מ'קאָן ניט אָננעמען קיין שום אַלגעמיינעם
באַשלוס פאַר אַלע פאַכן און פאַר אַלע שטעט.

V.

ביאַליסטאָק — די רעזידענץ פון צ.=ק. פון „בונד”.

אין האַרבסט 1900 איז ביאַליסטאָק געוואָרן די קאָנספּיראַטיווע הויפּט=שטאָט פון
„בונד”. פאָרגעקומען איז עס אויף אַזאַ אופן.

די ערשטע טעג פון מאַי איז צו מיר אויף דער דירה געקומען טאַראַס צוזאַמען
מיט איינעם אַ מענשן, וועלכן מיר האָבן ביז דעמאָלט ניט געקאָנט. יענער איז געווען
אַ הויכער, אַ רוהיקער, אַ לאַנגזאַמער און אַ באַטראַכטער. טאַראַס איז נאָך געווען לפּי
ערך אַ יונגער בונדישער טוער. זיין פּאָליטישע דערציהונג האָט ער, פאַרשטייט זיך,
באַקומען אין בונדישן ירושלים — אין ווילנע. דאָרט האָט ער זיך אויסגעצייכנט, ווי אַ
גוטער קאָנספּיראַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר און איז אַריין אין אָרטיקן קאָמיטעט. נאָכן
דורכפאַל פון צ.=ק., זומער 1898, איז טאַראַס געבליבן דער יורש פון זיין קאָמפּעטענץ
און ער אָט מיט אַ מערקווירדיקער גיכקייט אָרגאַניזירט דעם צווייטן צוזאַמענפאָר, וואו
מ'האָט אים אויסגעקליבן פאַר אַ מיטגליד פון צ.=ק. בשעת מעשה זיינען אַלע אַלטע
אנגעזעענע טוער געווען אין טורמע, פאַרשיקט אָדער עמיגרירט קיין אויסלאַנד. איסאַי
און ליובאַ אייזנשטאַט זיינען געווען אין ווילויסק, ווייט אין יאַקוטער געגנט, אַרקאַדי
קרעמער און „וואָלאַדימיר” (נחום לעווינסאָן, דער ליטעראַרישער פּסעוודאָנים קאָסאָווסקי),
גלעב (אַבראַם מוטניק) און אַנד. זיינען געזעסן אין מאָסקווער טאַגאַנקע, און שפּעטער,
ווען מ'האָט זיי אַרויסגעלאָזט פון טורמע זיינען זיי אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. „דער
לערער” (לנו, גאָזשאַנסקי) איז געווען אין ווערכאָיאַנסק, יאַקוטער געגנט, „דזשאָן”
(מיל), „טימאפיי” (קאָפּעלזאָן) זיינען געווען אין דער שווייץ, „ביינוש” („מיכאל”, בן
ברית, דער אמתער נאָמען יוסף איזביצקי) איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין פּאָלטאַווע,
משה דושקאַן איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, דער לערער פּאָרטנוי,
וועלכער האָט געאַרבעט אין קאָוונע, איז געווען פאַרשיקט אין אילימסק, דערנאָך — באַ=
לאַגאַנסק (סיביר) א. אַז. וו.

דער אומבאַקאַנטער הויכער מענש האָט געהייסן „נח” און איז געווען דער קאָוו=
נער לערער פּאָרטנוי, וועלכער איז נאָר וואָס בשלום געקומען צו פאָרן פון באַלאַ=
גאַנסק (סיביר). גוטע פריינט האָבן אים געהאָלפן אַנטלויפן, טאַראַס האָט אים קאָאָפּטירט אין
צ.=ק.; איצט זיינען זיי ביידע געפאָרן קיין וואַרשע און אונטערוועגס זיינען זיי אַראָפּ=
געפאָרן צו אונז. נח האָט מיר פאָרגעלייגט צו אַרבעטן אין „אַרבעטער שטימע” און
צווישן אַנדערע זאַכן, נעמען אויף זיך די אָפּטיילונג פון פּאָליטישער אַגיטאַציע און

צונויפשטעלן ווי אויפן גרונט פון פאַקטן, וואָס כאראַקטעריזירן די פינסטערע זייטן פון דער רוסלענדער זעלבסטהערשונג. איך האָב דער אָפּטיילונג געגעבן דאָס קעפּל „די פינסטערע וועלט“. די פאַקטן האָב איך, אגב, געקאָנט מיט דער ברייטער האַנט שעפּן פון דער אָפּאָזיציאָנעלער צייטונג „סעווערני קוריער“, וועלכע דער פירשט באריאטינסקי האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע צייטונג האָט קיין אריכת ימים ניט געהאַט. מיינע אַרטיקלען פאַר דער „אַרבעטער־שטימע“ פלעג איך שיקן קיין וואַרשע, וואו ס'איז געווען די בונדישע דרוקעריי און וואו ס'האָט געוואוינט נח. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן פון נום. 19, וועלכער איז אַרויס אין האַרבסט 1900, אומגעפער אין סעפטעבר. אין יענער צייט איז נח ווידער געקומען צו פאָרן צו אונז. ער האָט מיר מיטגעטיילט, אַז מ'האָט מיך קאָאָפּטירט אין צ.־ק., וועלכער באַשטייט אויף אַזאַ אופן פון 3 מאַן. טאראס וועט פאַרוואַלטן מיט דער טעכניק און וועט אַרומפאָרן איבער די ערטער, און מיר אין צווייען וועלן וואוינען אין ביאַליסטאָק.

פון דעם מאָמענט אָן איז ביאַליסטאָק אין משך פון אנדערטהאַלבן יאָר געווען די רעזידענץ פון צ.־ק., און אונזער דירה ווערט דער צענטער פון דער רעזידענץ.

נח האָט זיך געפונען אַ צימער אין איינער פון די פאַרפאָרפענע גאַסן אין שטאָט. דאס איז געווען אַ צימער אָן אַ בעל־הבית, אָן אַ דינסט. אַ קליין מיידעל'ע, דעם כטרוזשס טאכטער, פלעגט אים געבען אַ סאַמאוואַר און אויפראמען דעם צימער. קיין איין מענש, אויסער 1—2, וואס מ'האט זיי פאַרטרויט, האבן ניט געוואוסט זיין אַדרעס. איך בין ביי אים פאַר דער גאַנצער צייט געווען, דאַכט זיך, ניט מער, ווי איין מאל. דערפאַר פלעגט ער אַלע טאג זיין ביי אונז, אפט אפילו 2–3 מאל אַ טאג. אין צווייען פלעגן מיר ערלעדיקן אַלע פראַגן, און הגם ביי אַזאַ קאלעגיע פון 2 מאַן האט מען די באַשלוסן געמוזט אננעמען איינשטימיק, דאך זיינען ביי אונז ניט געווען קיין ניט געלייזמע שטרייט־פראַגן: נאָר וועגן דער נאַציאנאַלער פראַגע זיינען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען, אבער אין דער פראַקטיק פלעגן מיר קומען צו אַ קאמפּראמיס. דאס איז געווען זעהר אַן אינטערעסאַנטע צייט. די רעוואלוציאנערע באַוועגונג האט זיך אנגעהויבן אויפכאַפּן פון שלאף, אין וועלכן זי איז אריינגעפאַלן איבער די מאַסן־דורכפאַלן פון יאר 1898 אין צוזאַמענהאַנג מיטן ערשטן צוזאַמענפאר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. די סטודענטישע באַוועגונג, וועלכע האט זיך אנגעהויבן אין יאר 1899, האט אויפגערודערט גאַנץ רוסלאַנד. אין כאַרקאוו איז דעם 1־טן מאַי פאָרגעקומען אַ גרויסע דעמאנסטראַציע. די רעוואָלוציאנערע שטימונג איז אפן געוואַקסן. ס'האט זיך געקליבן אנהויבן אַרויסגיין די „איסקראַ“, וואָס פון איר האט, לויטן רעיון פון אירע ארגאַניזאַטארן לענין, מארטאוו און פּאָטרעסאוו, „געדאַרפט זיך צעפלאַקערן אַ פייער“.

גראד אין דער צייט איז אין צ.־ק. אנגעקומען אַ בריוו פון מאַרטאָוון פון כאלטאַווע. דער בריוו איז געווען געשריבן מיט כעמישן טינט צווישן די שורות פון א געוויינליכן טעקסט. מאַרטאוו האט קריטיקירט די אַרבעט פון „בונד“ פאַר דער לעצטער צייט, דאס, וואס מ'האט זיך צו פיל אפגעגעבן דעם עקאנאמישן קאַמף, מ'האט פארנאכלעסיקט די פאליטיק און אפט אויך די סאציאַליסטישע אַגיטאַציע; דאס, וואס מ'האַט זיך איינגעשלאסן אין אַן איינגן קרייז, אנשטאט צו אַרבעטן אין אַלרוסלענדישן מאַסשטאב. ער האט קריטיקירט די „הויז־אינדוסטריע“—„קוסטאַרניטשעסטווא“, וואס האט זיך, צווישן אַנדערן, אויסגעדריקט אין דעם, וואס דער „בונד“ שפילט זיך אין אַרויסלאזן אַ ים ארטיגע צייטונגען. אינגיכן נאך דעם זיינען לענין, מאַרטאוו און פאטרעסאוו אַרויסגעפארן קיין אויסלאנד, און אין דעצעמבער איז אַרויס דער ערשטער נומער

„איסקרא". נח און דער אויסלענדישער קאמיטעט האבן זיך באצויגן מיט גרויס פארזיכטיגקייט צום נייעם ארגאן. זיי האבן מורא געהאט פאר דער פאזיציע, וואס ער וועט פארנעמען בנוגע צום בונד, און די ווירקליכקייט האט אין א גרויסער מאס באַרעכטיגט זייער מורא.

VI.

ליטעראטור און דרוקערייען.

איך האב שוין דערמאנט, אז די בונדישע דרוקעריי איז דעמאלט געווען אין ווארשע. זי האט פארמאגט נאר יידישן זאץ, און דארט פלעגן זיך דרוקן די „ארבעטער-שטימע", בלעטלעך און די ארטיקע ארגאנען. דער ווילנער קאמיטעט האט איין צייט אויך געהאט אן אייגענע דרוקעריי, וואו ער האט געדרוקט זיין „קלאסנקאמף". נאר, פון איין זייט, האט די ווארשאווער דרוקעריי אין קיין פאל ניט געקענט אפטון די גאנצע ארבעט. דאס דרוקן בלעטלעך פארן צ. ק. און פאר די ארטיקע קאמיטעטן פלעגט ביי איר אפנעמען א סך צייט און האט זי נאכאנאנד אפגעריסן פון דער „ארבעטער-שטימע" וועלכע פלעגט דעריבער ארויסגיין זעהר זעלטן, און די לעצטע נומערן פון „ארבעטער-שטימע" זיינען נאך דערצו געווען זעהר גרויס, ווארום דאס לעבן האט ארויסגערוקט א סך פראגן. פון דער אנדערער זייט, איז אנגעוואקסן א שטארקע נויטיגקייט אין א רוסישער דרוקעריי פאר דער אגיטאציע צווישן דער אינטעליגענץ און פאר דער ארבעט אין דרום-רוסלאנד. דער ווילנער קאמיטעט האט איינגיכן געשטעלט ביי זיך א רוסישע דרוקעריי, וואו מ'האט אין הארבסט 1901 אפגעדרוקט א רוסיש בלעטל, אנגעשריבן פון גורעוויטשן (מאטוויי) און געווידמעט דער טעטיגקייט פון נייעם ווילנער גובערנאטאר פאן-וואל, וועלכער האט שפעטער געוואונען א טרויעריקע בארימטקייט א דאנק דעם, וואס ער האט געשמיסן יידישע ארבעטער, און הירש לעקערט האט אויף אים געמאכט אן אטענטאט. דער צ.-ק. פלעגט אמאל באנוצן די ווילנער דרוקעריי, און מיר איז אויסגעקומען דארטן צו זיין; פארשטייט זיך, אז איך האב אנגענומען אלע נויטיקע פארזיכטס-מיטלען. דאס איז געווען שפעט אין אוונט, און איך האב זי געפינען אין גאנצן פארפאקט. געארבעט האט דארטן שלום, א זעצער מיט זיין פרוי (שלום לעווין, איצט אין ניו-יארק). דער פרעס, זאץ און די קאסטענס זיינען געווען קונציק באהאלטן אין א קאמאד, און פון דרויסן האט מען ניט באמערקט קיין שום סימנים, ביי דער ארבעט פלעגט מען די שופלאדן ארויסרוקן, אין איין רגע האט מען זיי געקענט אריינרוקן צוריק. געפונען האט זיך די דרוקעריי אויף פאלטאוואר גאס, ניט ווייט פון דער עטאפ-טורמע (פערעסילנע). דארטן איז אפגעדרוקט געווארן נחס א בלעטל, אן אויפרוף צו דער יידישער געזעלשאפט מכח די בילדונגס-באגרענצונגען פאר יידן. דארט האבן זיך געדרוקט די מינסקער בלעטלעך קעגן די אומאפהענגיקע א. א. וו.

מיר האבן אבער איינגיכן באקומען א מעגליכקייט אין עקסטרא-פאלן אויסצונוצן נאך א רוסישע דרוקעריי. דער פעטערבורגער קאמפס-פארבאנד („כאיוז באָרבי"), וועלכער האט ארויסגעגעבן די „ראבאטשאיא מיסל", האט באשטימט אוועקצושטעלן א נייע רוסישע דרוקעריי, כדי צו דרוקן בראשורן. איינארדענען זי האט זיך אונטערגענומען סערגיי (זעלדאוו-נעמאנסקי), וועלכער האט דעמאלט געוואוינט אין פעטערבורג און איז געווען א מיטגליד פון פארבאנד. ער האט באשלאסן אוועקצושטעלן זי וואס ווייטער פון פעטערבורג, אין ווארשע, כדי צו פארזיכערן זיך פון א דורכפאל. דעם פרעס האט געמאכט ישראל-מיכל קאפלינסקי אין זיין דווינסקער שלאסער-ווארשטאט. דעמאלט האט

קיינער אפילו אין חלום ניט געקלערט, אז די הענט, וואָס גרייטן צו דרוק-מאשינעס פאַר אומלעגאַלע אָרגאַני׳זאַציעס, זאלן באקומען געלט פון זובאַטאָוון. פאר א גוט=געמאַכטן פרעס פלעגט ער נעמען 75 רובל. אין דער ווארשאווער דרוקעריי איז מיר אויך אויסגעקומען צו זיין, דאס מאל שוין אין מיטן העלן טאג: איך האב זי געטראפן אין פולן גאנג. אין מיטן שטוב אויף אַ טיש איז געשטאנען א קליינע פרעס=מאשין, אן ערך 10 ווערשאָק די לייננג און 6 ווערשאק די ברייט. יעדע שטויס=באוועגונג מיט די הענט פלעגט אָפּדרוקן איין עקזעמפּלאר (איין זייטל); נאך דעם פלעגט דער „וואליק״ אנגעזאפט מיט דרוק=פארב, באנעצן דעם זאץ. די דרוקעריי האט זיך געפונען אויף גרזשיבאָווסקע גאס, נומער 11 אין הויף, אונטערן שילד פון א בוכבינדעריי.*)

לויט אן אָפּמאך מיטן פעטערבורגער „קאמפּס=בונד״ האבן מיר געהאט דאס רעכט צו באנוצן דעם רוסישן זאץ פאר זיך. דארטן האבן מיר פריער פאר אלץ אפגעדרוקט דעם „אויפרוף צו דער רוסישער אינטעליגענץ״, וואס איך האב אנגעשריבן. דאס איז געווען א גאנץ גרויסע בראשור און איז ארויס פונקט צום 4=טן צוזאמענפאר. מ׳האט זי דערנאך עטליכע מאל איבערגעדרוקט אין אויסלאנד, אויף רוסיש און פויליש. אין די רעזאלוציעס פון 4=טן צוזאמענפאר, אין 18=טן פונקט פון טאג=ארדנונג וועגן די מיטלען, ווי צוצוציען די סימפּאטיעס פון דער געזעלשאפט, איז אנגעוויזן, ווי איינער פון די מיטלען, די אויסגאַבע פון אזא בראשור. נאר דאס איז געמאכט געווארן דערפאר, ווייל משום קאנספּיראציע איז אין באריכט אנגעוויזן, אז דער צוזאמענפאר איז פארגעקומען סוף אפריל, בעת אין דער אמתן איז ער פארגעקומען אין די לעצטע טעג פון מאַי. אין יענער דרוקעריי האבן מיר אויך אפגעדרוקט, ווי א בראָשור, דעם באַריכט פון 4=טן צוזאמענפאר, וועלכן מ׳האט דערנאך א סך מאל איבערגעדרוקט אין רוסיש, יידיש און פויליש און וועלכער איז אין 1906 אָפּגעדרוקט אין ערשטן העפט פון די „מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער=באוועגונג״ (רוסיש).

כדי גיכער צו דרוקן „די ארבעטער=שטימע״, האבן מיר באַשלאסן אוועקצושטעלן א צווייטע יידישע דרוקעריי. טאראס האט פארגעלייגט שטעלן זי אין קישינעוו און ער איז צוליב דעם אוועקגעפארן אהין אויף ארבעט. די דרוקעריי איז איינגעאָרדענט געווארן. אין איר האט אויך געארבעט ליזע אמסטערדאם, די אלמנה פון באַוואוסטן וויטעבסקער טוער, וועלכער איז דערטרונקען געווארן אין דנעפּר, בעת ער איז געווען פארשיקט אין ארשע. די דאזיקע דרוקעריי האט, צווישן אנדערע, אָפּגעדרוקט די פּראָקלאמאציע פון צ.=ק. צום ערשטן מאי 1901. מיט דער פּראָקלאמאציע איז אַרויסגעקומען א גרויסער פלאנטער א דאנק דער צעטראגנקייט, וואס טאראס האט, צו אונזער גרויס וואונדער, ארויסגעוויזן אין אַזאַ פאראנטווארטליכן מאמענט. א טייל עקזעמפּלארן זיינען דורכגעפאלן, און זי איז קוים=קוים אַרויס צו דער צייט, מ׳זאל זי קאנען פארשפּרייטן. אננא איז ארויסגעפארן קיין בריסק, וואו זי האט זיך באגעגנט מיט טאראסן, און האט אפגעפירט א טייל פּראקלאמאציעס קיין ווארשע. קיין מינסק האב איך זיי אוועקגעפירט.

גאר א כך מי האבן מיר אוועקגעלייגט אויף דער אויסגאבע פון נום. 25 „אַרבעטער=שטימע״, וועלכער האט לויטן באשלוס פון 4=טן צוזאמענפאר, געדארפט ארויס, ווי אַ יובל=נומער. ער האָט זיך געזאָלט דרוקן ביי אונז אויף יודיש, און אין אויסלאנד אויף רוסיש און פויליש. דער נומער האט געהאט א יום=טובדיקן כאראקטער, האט געהאלטן א גאנצע ריי איבערזיכטן און, אויף א באזונדער בלאט, וואס איז אפגעדרוקט געווארן אין אויסלאנד, זיינען געווען פארטרעטן פון די פירער פון סאציאליזם אין

*) די דרוקעריי איז ניט געווען ספּעציעל איינגעאָרדענט פאַרן „פאַרבאַנד״. די דרוקעריי פון „בונד״ האָט זיך באַזאָרגט מיט רוסישן זאץ און פלעגט דרוקן ליטעראטור פאַר פּעטערבורג.

מערב=אייראָפּע. נאָר די הויכט=צירונג פון נומער איז געווען אים מיט באַגריסונגען פון אויסלענדישע סאָציאַליסטישע פירער און פון רוסישע אָרגאַניזאַציעס. ס'זיינען געווען באַגריסונגען פון גערן, וואָליאַנען, קאַאוטסקי, בעבעלן און אַנדערע. פון די אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען: פון „פאַרבאַנד פון רוסישע ס"ד אין אויסלאַנד“, פון „איסקרא“, פון „יוזשני ראַבאָטשי“, פון דער פּוילישער ס"ד=יע און ז. נ. ד. די דאָזיקע באַגריסונגען האָבן מיר זעהר געשעצט, און אַ דאַנק זיי האָט דער יובל=נומער באַנומען אַן אינטערנאַציאָנאַלן פייערליכן כאַראַקטער. די יידישע אויסגאַבע האָט אָבער געהאַט זעהר אַ ביטערן מזל. זי האָט זיך געדרוקט אין וואַרשע, מחמת די קישינעווער דרוקעריי האָבן מיר דעמאָלט שוין געהאַט ליקווידירט, וואָרום נאָך איר האָט מען אָנגעהויבן נאָכצושפּירן. אַ גרויסן טייל פון די אָפּגעדרוקטע עקזעמפּלאַרן האָט מען צוועקגעשיקט אויפן וואַקזאַל, כדי אָפּצוגעבן אין באַגאַזש. אָפּגעשיקט האָט זיי חיים זאַקאָן („דניאל“). דער טאַמאָזשנער באַאַמטער האָט אים אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן, וואָס איז אין קאָרב. ער האָט געענטפערט „לעדער“. מ'האָט געפאָדערט, ער זאָל עפענען דעם קאָרב. זאַקאָן איז אוועק נאָכן שליסל און האָט זיך שוין מער ניט באַוויזן. די קאָרב „ליטעראַטור“ איז אויף אַזאַ אופן פאַרפאַלן געוואָרן. מ'האָט דערציילט, אַז חיים איז געווען שרעקליך צערודערט פון דעם אומגליק און ער האָט געוויינט, ווי אַ קליין קינד. איבעריגנס, איז אויך מעגליך, אַז אין קאָרב איז גאָר געווען ליטעראַטור, וואָס מ'האָט טראַנספּאָרטירט פון אויסלאַנד, און דער יובל=נומער איז אַרעסטירט געוואָרן גאָר אין דער טראַנספּאָרט=קאַנטאָר „נאַדעזשדא“. די פאַקטן גופא געדענק איך גוט. שפּעט ביינאַכט האָבן מיר ביי אונז אין דירה דערהערט אַ קלונג. דאָס איז געווען ליזע אַמסטערדאַם, וואָס האָט געהאַט שרעקליכע יסורים, געקומען צו לויפן פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק אונז מודיע זיין וועגן דער געשיכטע. מ'האָט געמוזט עס אָננעמען פאַר ליב. די פאַרבליבענע עקזעמפּלאַרן האָט מען פונאַנדערגעשיקט איבער די ערטער מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט אין טשעמאָדאַנעס מיט אַ טאָפּעלן דעק, און די אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַנוגנט מיט אַ טייל פון דעם, וואָס זיי האָבן געדאַרפט באַקומען.

VII

דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד“.

אין אַ יאָר אַרום נאָכן 3=טן צוזאַמענפאָר האָבן מיר מיט נחן געפונען פאַר נויטיק צונויפצורופן אַ נייעם צוזאַמענפאָר. דאָס לעבן איז געגאַנגען גיך, ס'האָבן זיך געשטעלט נייע פראַגן, וועלכע מ'האָט געדאַרפט איבערקוקן און לייזן. מיר האָבן געפונען, אַז בעסער פאַר אַלץ וועט זיין, אַז מיר וועלן אים צונויפרופן אין ביאַליסטאָק, וואו אונטער אונזער דירעקטער השגחה וועט מען אים אָרגאַניזירן מיט מער ערפאָלג. מיר האָבן צוליב דעם באַצייטנס געדונגען אַ דירה אין איינעם פון די געסלעך אויף כאַנייקעס. דער בעל=הבית פון דירה איז געווען, אויב איך האָב קיין טעות ניט, דוד דער וועבער. ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָט זיך דער צוזאַמענפאָר געעפנט אין די 20=ער טעג פון מאַי. די צייט האָבן מיר געהאַלטן פאַר דער בעסטער, מחמת די מאַי=פּורעניות האָבן זיך שוין אומעטום פאַרענדיקט, און די אויפמערקזאַמקייט פון דער זשאַנדאַרמעריע האָט געמוזט שוואַכער ווערן. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אין סוף אַפּריל—ווי מיר האָבן שפּעטער געשריבן אין באַריכט, כדי צו פאַרבלענדן די אויגן—האָט קיין שום צוזאַמענפאָר ניט געקאָנט דורכגיין בשלום, וואָרום אין דער צייט

זיינען אַלע כּוחות פון די אָכראַניקעס געווען אויף דער וואַך, צוליב דעם ערשטן מײַי. דעלעגאַטן אויפן צוזאַמענפאָר זיינען געווען 24. פון ביאַליסטאָקער קאָמיטעט זיינען דעלעגירט געוואָרן בענצי און אַננא. אַבראַם האָט דאָס מאָל אויך פאַרטראָטן די אינטערעסן פון צוקונפטיקן גאַרבער־פאַראיין. משום קאָנספּיראַציע האָט מען אין באַריכט וועגן דעם פאַראיין, וואָס האָט זיך נאָך ניט אין גאַנצן פאָרמירט, ניט דערמאָנט, ס'האָט זיך גערעדט בלויז וועגן נאָך איינער אַ פראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע. די צווייטע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע—דער בערשטער־בונד איז געווען פאַרטראָטן דורך זלמנען. פון ווילנע איז געווען אהרן ווײנשטיין (שפּעטער „ירחמיאל“), וועלכער האָט זיך ניט לאַנג צוריק אומגעקערט פון אויסלאַנד. פון האָמעל זיינען געווען 2 דעלעגאַטן, איינער פון זיי אַבעסהויז. פון דווינסק—ישראַל־מיכל קאַפּלינסקי. פון לאָדז איז געווען מישא, ד. ה. מיכל גאָלדמאַן, דער קומענדיקער ליבער, וועלכער האָט זיך ניט לאַנג צוריק געהאַט אומגעקערט פון אויסלאַנד. פון וואַרשע—חיים זאַקאָן. פון בערדיטשעוו—אַלטער דער גאַרבער (אַלטער דער הויכער), און פון זשיטאָמיר—איסאַק מיצקון („קאַרל“). מחמת קאָנספּיראַציע זיינען די לעצטע צוויי שטעט ניט אָנגערופן געוואָרן אין באַריכט, און ס'האָט זיך גערעדט בלויז וועגן צוויי שטעט אין דרום. פון גראָדנע איז געווען דער פרייוויליקער סאָלדאַט באָטווינניק, פון קאָוונע—פייוול דער שוסטער, פון צ.־ק:—נח און איך. אויפן צוזאַמענפאָר איז אויך געווען סערגיי נעמאַנסקי. ס'זיינען נאָך געווען פאַרשטייער פון וויטעבסק און מינסק, איך קאָן אָבער ניט אָנרופן מיט זיכערקייט זייערע נעמען. דער צוזאַמענפאָר האָט געדויערט 5 טאָג, נאָר אַזוי ווי עטליכע דעלעגאַטן האָבן געמוזט אַוועקפאָרן, איז דער לעצטער טאָג פון צוזאַמענפאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנפערענץ *), וואָס אירע באַשלוסן זיינען פונדעסטוועגן געווען אַזוי אָבליגאַטאָריש, ווי די רעזאָלוציעס פון צוזאַמענפאָר.

אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט די ערפאַרונג פון קאָוונער צוזאַמענפאָר, האָבן מיר צו דעם צוזאַמענפאָר שוין געפונען פאַר נויטיק צוצוגרייטן פּראָיעקטן פון איייניקע רעזאָלוציעס. אויסגעאַרבעט האָבן מיר זיי מיט נחן אין צווייען. איין מאָל האָט אין דער באַהאַנדלונג פון די פּראָיעקטן אַנטייל גענומען נעמאַנסקי, וועלכער איז געקומען פון פעטערבורג. צווישן אַנדערע, האָבן מיר צוגעגרייט רעזאָלוציעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועגן דער באַציהונג פון בונד צו דער ר. ס. ד. א. פּ. און וועגן ציוניזם. די דאָזיקע רעזאָלוציעס האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אין גאַנצן. מ'מוז אָנמערקן, אַז די דיסקוסיע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס דער דריטער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן צו עפענען אויף די שפּאַלטן פון „יידישן אַרבעטער“, האָט שטאַרק פאַרשפּעטיקט. די ערשטע אַרטיקלען אין נומ. 11 זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן שוין נאָכן צוזאַמענפאָר, פאַר אַ באַזיס ביים צונויפשטעלן די רעזאָלוציעס האָבן אונז געדינט די דעבאַטן אויפן ברינער פּאַרטיי־טאָג פון דער עסטרייכישער ס"ד־יע.

אַזוי ווי דער באַריכט וועגן 4־טן צוזאַמענפאָר גיט אַ ריכטיק און גאַנץ גענוי בילד פון דעם, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען **), וועל איך זיך ניט אָפּשטעלן אויף די אָנגענומענע רעזאָלוציעס. דאָס וואָלט אָפּגענומען צופיל אָרט. איך וועל זיך אָפּשטעלן נאָר אויף דער רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. לויט די פאָדערונגען פון

---

*) דאָס רעכנט זיך די 4־טע קאָנפערענץ פון בונד. די פריקע, די דריטע, אויף וועלכער איך בין אויך געווען, איז פאָרגעקומען אין וואַרשע פרילינג 1900.

**) די דערקלערונגען צו די רעזאָלוציעס וועגן עקאָנאָמישן טעראָר, וועגן די מיטלען קעגן די געוואַלט־מעשים פון דער פּאָליציי און וועגן דעמאָנסטראַציעס האָט אָנגעשריבן נח, די איבעריקע — איך.

קאנספיראַציע זיינען אין באַריכט ניט אנגערופֿן קיינע נעמען. ס׳זיינען געווען דריי ריכטונגען. די ערשטע ריכטונג איז געווען פאַרטראטן נאר דורך איין רעדנער — X. די צווייטע קעגנזעצליכע ריכטונג איז אין באַריכט אנגערופֿן די גרופּע A און ענדליך די מיטלסטע איז באַצייכנט מיט B. אַזוי ווי די געוויינליכע איינטיילונג אויף רעכטע און לינקע פּאַסט דא ניט, וועלן מיר זיי אנרופֿן „בונדיסטישע“ און „בונדישע“, און צווישן זיי דער צענטר, די בונדיסטישע שטרעבונג האט פארגעשטעלט נאר איין דעלעגאַט — ליבער. בראש פון צענטר איז געשטאַנען נח, נאר צו אים האבן אויך געהערט אהרן וויינשטיין, חיים זאקאן א. אַנ״. די „בונדישע“ ריכטונג האבן פאַרטראטן איך, אַננא, בענצי, אַבראַם א. אַנד.

די רעזאלוציע, וואס מיר האבן פארגעלייגט און וואס איך מיט נחן האבן זי צוזאַמען אויסגעאַרבעט, איז געווען אַ פּשרה צווישן צענטר און דער „בונדישער“ ריכטונג. די פּשרה איז באַשטאַנען אט אין וואס: די רעזאלוציע האט אַנטהאַלטן צוויי טיילן: איינעם אַ פראגראַמאַטישן, און דעם צווייטן אַ פּראקטישן, אן אקטועלן. דער דריטער צוזאמענפאר האט מיט א גרויסער מערהייט אפגעווארפן דזשאנס פארשלאג ארויסצוטרעטן גלייך מיט דער פאדערונג פון נאציאנאלער גלייכבארעכטיגונג. די זעלבע פאזיציע איז אינגאנצן געבליבן אין דער רעזאלוציע פון פערטן צוזאַמענפאר. נאציאנאלע גלייכבארעכטיגונג ווערט דא אויך ניט ארויסגעשטעלט, ווי אן אקטועלע פאדערונג. אבער אין דער זעלביקער צייט פרובט זיך די רעזאלוציע אין דעם ערשטען טייל געבן א פראגראם־ענטפער אויף דער נאציאנאלער פראגע ניט אין זינען פון נאציאנאל־טעריטאריאלער אווטאנאמיע, נאר פון פערסאנאלער, קולטורעלער. די דאזיקע אויסגלייכונג האט באפרידיקטביידע ריכטונגען, זי האט אבער, פארשטייט זיך, ניט באפרידיקט ליבערן, וועלכער האט געפאדערט, מ׳זאל גלייך ארויסשטעלן די נאציאנאלע פאדערונג.

פאַרשטייט זיך, דאָס וואָס דער פערטער צוזאַמענפאָר האָט געהאַלטן פאַר ניט צייטמעסיק, האָט געקענט געפינען פאַר פולקום צייטמעסיק וועלכער ניט איז פון די נאָנטסטע צוזאַמענפאָרן. אַזוי איז דאָס טאַקע פאָרגעקומען איבער דער אומפאַרמיידליכער לאָגיק פון די פאַקטן. אין דעם האָבן, איבריגנס, אין זעהר אַ גרויסער מאָס, מיטגעהאָלפן די ליידנשאַפטליכע און גאָר ניט גערעכטע אָנפאַלן אויף די רעזאָלוציעס פון 4־טן צוזאַמענפאָר, וועלכע מ׳האָט אָנגעהויבן דרוקן אין „איסקראַ“. די נויטיגקייט צו ענטפערן אויף די באַשולדיגונגען האָט צוגעצויגן צו דער פראַגע מער אויפמערקזאַמקייט, ווי דאָס וואָלט געווען ביי אַנדערע באַדינגונגען. איינער פון אַזוינע ענטפערן איז געווען קאָסאָווסקיס בראָשור „וועגן נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע און וועגן פעדעראַטיוון בוי פון דער פאַרטיי“, וועלכע איז אונז איבערגעשיקט געוואָרען אין כתב־יד קיין ביאַליסטאָק און איז דאָ איבערגעאַרבעט געוואָרן.

איך וועל זיך מער ניט אָפּשטעלן אויף די רעזאָלוציעס פון 4־טן צוזאַמענפאָר, כ׳וועל נאָר דעשיפרירן יענע פּינטעלעך, וואָס זיינען פאַרקאָנספּירירט אין באַריכט, די פראַגן און באַשלוסן, וואָס איך געדענק. אין איינער פון אַזוינע דריי פראַגן האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער נויטיגקייט צו אַרבעטן צווישן די קריסטליכע אַרבעטער, ווייל זייער אָפּגעשטאַנענקייט האָט אויפן שטאַרקסטן אופן געשטערט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דער רעזאָלוציע וועגן דער אַרבעט פון בונד אין דרום־רוסלאַנד האָט דער פאַרשוויגענער פונקט ב) גערעדט וועגן די

נויטיגקייט צו מאַכן אַ רייזע איבער די דרום־שטעט, כדי אויסצופאָרשן זיי און איינשטעלן פאַרבינדונגען.

אויפן צוזאַמענפאָר האָט מען אויך אויסגעקליבן אַ נייעם צענטראַל־קאָמיטעט. די וואַלן זיינען פאָרגעקומען ניט פשוט געהיים, נאָר דרייפאַך געהיים. ניט נאָר געהיים פֿון דער פּאָליציי און בכלל פון דער גאַנצער וועלט, אויסער די פאַרזאַמעלטע, ניט נאָר דורך אַ געהיימער אָפּשטימונג, נאָר דער רעזולטאַט גופא פון די וואַלן איז געבליבן אַ סוד פאַר די וויילער. אַלע צעטלען האָט מען אָפּגעגעבן נחן. איינער אַליין האָט ער זיי צונויפגעציילט און דערנאָך בסוד מודיע געווען די אויסגעוויילטע. ס׳קאָן זיין, אַז מחמת אַזאַ סיסטעם פֿון וואַלן, זיינען ביי מיר אין זכרון ניט געבליבן קיין שום נעמען און קיינע ציפערן וועגן דער איינטיילונג פון די שטימען. איך וויים נאָר, אַז נאָכן צוזאַמענפאָר איז אַלץ געבליבן ווי פריער. איך מיט נחן זיינען ביידע געווען אין ביאַליסטאָק און האָבן אָנגעפירט מיט דעם בונד.

נאָכן צוזאַמענפאָר האָבן זיך אַלע אנטיילנעמער, אַחוץ עטליכע, וואָס זיינען זיך צעפאָרן, צונויפגעקליבן אין אָוונט ביי אונז אין דירה. דער כאַמאָוואַר האָט געזאָדן, מ׳האָט געטרונקען טיי, פאַרביסן און פריילין געשמועסט. קיינמאָל האָט זיך ניט געפילט אַזאַ מוטיגקייט, אַזאַ גייסטיקע געהויבנקייט, ווי דעמאָלט. דער צוזאַמענפאָר איז פֿון פאָליטישער זייט דורכגעגאַנגען געלונגען, הגם ישראל־מיכל איז אויך געווען אַן אנטיילנעמער און ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרבראַכט ביי מיר דעם אָפּשיידס־אָוונט, און הגם זובאַטאָוו, ווי דאָס איז צו זען פון מאַני ווילבושעוויטשעס בריוו, וועלכע זיינען אָפּגעדרוקט אין „בילאָיע״, האָט פון איר געוואוסט, אַז אין ביאַליסטאָק איז די „חתונה״, און ער האָט תיכף דורכן טעלעגראַף צונויפגערופן אַהין זיינע שפּיקעס. מ׳מוז זאָגן צוזאַמען מיט האַמלעטן: „אויף דער וועלט זיינען פאַראַן אַ סך זאַכן, פריינט האָראַציאָ, וואָס מ׳קאָן זיי ניט פאַרשטיין״. דעמאָלט האָבן מיר אָבער ניט חושד געווען אפילו די געהיימע סכנות, וואָס זיינען געהאַנגען איבער אונז. די גרעסטע באַפרידיגונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער צוזאַמענפאָר איז אינערלין דורכגעגאַנגען אויסגעצייכנט, וואָס די פיל פראַגן זיינען בשלום געלייזט געוואָרן, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ באַדייטנדיקער שריט פאָראויס אין פאַרגלייך מיטן פאָריקן צוזאַמענפאָר. די אָנטיילנעמער זיינען זיך פונאַנדערגעפאָרן, כדי מיט נייעם מוט צו פירן די אַרבעטער־באַוועגונג צו דער קומענדיקער רעוואָלוציע.

VIII.

פאַרבינדונגען, קאָרעספּאָנדענץ, שריפֿטן, טראַנספּאָרט.

די פאַרבינדונגען מיט די שטעט און שטעטלעך פלעגן פאָרקומען אויף פאַרשיידענע אופנים. אָפט פלעגן קומען צו פאָרן צו אונז קיין ביאַליסטאָק אָנגעזעענע טוער פון די ערטער, זיך באַראַטן מכח אַן ענין, צונויפשטעלן אָדער ברענגען צום דרוקן אַ בלעטל, באַקומען אַ „באַשטימונג״ א. ד. גל. ס׳איז געקומען באָריס פרומקין פֿון וויטעבסק, אַלבערט זאַלקינד און יאַשאַ קאַפּלאַן פון מינסק, קאָיגען (שפּעטער יאָנאָוו) און אָפּטער זיין פרוי פון גראָדנע, וואו זיי האָבן זיך באַזעצט נאָכן אומקערן זיך פון סיביר. ס׳פלעגן אונז באַזוכן י. מיצקון, מישא גאָלדמאַן (ליבער). פון אויסלאַנד איז עטליכע מאָל געקומען פראַנץ (בלומין, שטיין). אין אונזער דירה זיינען אויך געווען די, וואָס זיינען געקומען אויפן צוזאַמענפאָר פון אויסלאַנד — אַרקאַדי קרעמער פון לאָנדאָן און פיאָדער גורוויטש (דאַן) פון דער שווייץ און מיכאַיל קאָגאַן (גרינעוויטש).

פון די פֿאָרשטייער פֿון פרעמדע פּאַרטייען וועל איך דערמאָנען נאָר ג. גערשוני און טרוסעוויטשן. דער ערשטער איז געקומען צו אונז קיין ביאַליסטאָק סוף 1901, כדי זיך דורכצושמועסן וועגן קאָאָרדינירן די טעטיגקייט און וועגן אַן איינהייטליכן רעוואָלוציאָנערן פראָנט. דעמאָלט האָט זיך פאָרמירט די פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, און גערשוני איז געווען די נשמה פון דער פּאַרטיי. נאָכן אַרומפאָרן איבער די שטעט, איז ער געקומען צו אונז דאָס צווייטע מאָל אין דעצעמבער. ער האָט געמאַכט דער איינדרוק פון אַן אָפענעם, זעהר אַ גוטמוטיקן מענשן, וואָס אים זיינען פרעמד טעאָרעטישע חקירות און פּאַרטייאישע פּאָליטיק-טרייבעריי. צו קיין אויסגלייך איז, פערשטייט זיך, ניט געקומען. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט צו פאַרברענגען ביי אונז זעהר אַ גוטן אָוונט ביי פריינטליכע שמועסן און ויכוחים וועגן פֿייערן דעם יובל פון די דעקאַבריסטן. ער איז געווען איבעררַאשט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, ווי קליין ס'איז דער ביודזשעט פון בונד. ער האָט זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז מיט אַזוינע קליינע מיטלען פֿון עטליכע טויזנט רובל אַ יאָר, זאָל מען קענען אַנטוויקלען אַזאַ לפי ערך גרויסע אַרבעט. ער האָט געפֿונען, אַז דער בונד איז אַן „אָרימע אָרגאַניזאַציע", נאָר דערנאָך האָט ער זיך פאַרריכט און געזאָגט: דער בונד איז אַן אָרימע, אָבער אַ פרייליכע אָרגאַניזאַציע.

טרוסעוויטש (סטאַניסלאַוו) איז דעמאָלט געווען דער אַלף און דער תיו פון דער פוילישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דער בונד איז געווען מיט איר אין פֿריינטליכע באַציהונגען און האָט איר געהאָלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. דער יידישער פראָלעטאַריאַט איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון באַוואוסטזיין ביי די רוסישע און פוילישע אַרבעטער. נאָר טרוסעוויטשעס פּאַרטיי איז דעמאָלט געווען זעהר שוואַך. ער האָט כמעט געקאָנט זאָגן: די פּאַרטיי דאָס בין איך. ער פֿלעג אָפט קומען קיין ביאַליסטאָק, אַריינקומען צו אונז אין דירה, אָפט ראַטעווענדיק זיך פון די שפּיאָנעס. מיט זיינע מעשיות וועגן דעם, ווי מ'שפּירט נאָך אים אָן אויפהער, האָט ער אָפט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אומנאָרמאַלן מענשן. ער פלעג אָפט איבערפאַרבן זיינע וואָנצעס און די האָר אויפן קאָפּ. איינמאָל, באַהאַלטנדיק זיך פון שפּיאָנעס, האָט ער זיך ביי אונז אויפגעהאַלטן אַ גאַנצע וואָך. איינמאָל האָב איך אים געדאַרפט אָפּזוכן, כדי זיך דורכצושמועסן וועגן אַן ענין פון גאַרבער-פֿאַראיין. איך האָב אָנגעטראָפן גלייך אויפן צוזאַמענפאָר פון דער פוילישער ס"ד-יע, וועלכע האָט שוין דעם צווייטן טאָג אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען. דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז באַשטאַנען סך הכל פון 3 מאַן, צווישן זיי אויך טרוסעוויטש. אַ צווייטער איז געווען אַ שווינדזיכטיקער אַרבעטער, וועלכער איז אינגיכן אַריין אינם פעדעראַטיוון גאַרבער-פֿאַראיין.

אַ סך אָפטער און רעגולערער זיינען פאָרגעקומען די באַציהונגען מיט די שטעט דורך קאָרעספּאָנדענץ. געפירט האָט זי געוויינליך נח, געווען איז זי אַ שיפרירטע, געשריבן האָט מען צווישן די שורות מיט כעמישן טינט, געוויינליך מיט שוואַכן אַלעם. בעת נח פלעגט צוליב אַן ענין אַוועקפאָרן, פֿלעג איך פֿירן די קאָרעספּאָנדענץ. אַדרעסן אויף באַקומען בריוו פלעגן אונז געבן די אָרטיקע אַרבעטער און די אינטעליגענטן-גרופּע. דוד, רחמיאל, מרדכי און אַנד. האָבן אונז געגעבן אַדרעסן אין אַ גענוגער צאָל, זיי טאַקע פלעגן אונז ברענגען די אָנגעקומענע בריוו און האָבן ניט געהאַט די מינדסטע פאָרשטעלונג, אַז דאָס איז פאַרן צ.-ק., מחמת קיינער אין ביאַליסטאָק האָט ניט געוואוסט, אַז דאָ איז דער צענטער פון בונד. אויף דעם געביט איז איינמאָל פאָרגעקומען אַ קאָמישער אינצידענט. איך האָב שוין געזאָגט, אַז דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פלעגט

צונויפגעשטעלט ווערן פון אויבן. דאָס האָט נישט געקאָנט געפעלן דער אָרגאַניזאַציע, און די גאַנצע צייט איז געגאַנגען אַן אַגיטאַציע, אַז דער קאָמיטעט זאָל ווערן אַן אויסגעקליבענער. מ׳האָט געמוזט נאָכגעבן און לאָזן דער אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג קלייבן אַ קאָמיטעט. די וואַלן האָבן געגעבן אַ פולקום געוואונשענעם באַשטאַנד, ס׳זיינען דורכגעגאַנגען די, פאַר וועלכע מיר אַליין האָבן געשטימט, אַ חוץ די פריערדיקע (בענצי, אַבראַם, אַנאַ און איך), זיינען אין קאָמיטעט אַריין רחמיאל, דוד און מרדכי. דאָך נאָך דער ערשטער אָדער צווייטער זיצונג האָבן אַלע דריי אויפגעהערט צו קומען. דאָס איז געווען אויף אַזוי פיל אומגעוויינליך, אַז מיר האָבן גלייך חושד געווען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. ס׳איז געווען אַ פאָרמעלער שטרייק. אינגיכן האָט זיך איינגעגעבן קלאָר צו מאַכן, אום וואָס דאָ גייט. די נייע מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן באַמערקט, אַז וועגן די אָנגעקומענע בריוו פלעגט מען ניט דערציילן, און אַז בכלל די פראַגן פון „הויכער פּאָליטיק" פלעגט מען ניט שטעלן אויף באַהאַנדלונג: פון דעם האָבן זיי געמאַכט דעם אויספיר, אַז די וואַלן זיינען געווען בלויז אַ קאָמעדיע, אַז דער דאָזיקער קאָמיטעט איז כלומרשט נאָר אַ שירמע, אַז הינטער זיין רוקן ווירקט דער פריערדיקער אָן זיי. האָבן זיי באַשלאָסן אונז באָיקאָטירן. ס׳איז דעמאָלט ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה; מיר האָבן זיי געמוזט דערציילן, אַז דער צ.־ק. פון בונד „אַליין" געפינט זיך אין ביאַליסטאָק, און דעמאָלט האָבן זיך די וואָלקענס צעשטרייט, און די גוטע באַציהונגען האָבן זיך ווידער איינגעשטעלט.

דער געוויינליכער שיפר, וואָס מ׳פלעגט דעמאָלט געברויכן, איז געווען דער קוואַדראַטישער. מ׳פלעגט אָנצייכנען אַ קוואַדראַט, צעווירן אים מיט צען ליניעס אין דער ברייט און צען אין דער לייִנג אויף 100 קעסטעלעך. דאָס אָפּגערעדטע וואָרט, פון 10 אותיות, למשל אַלעקסאַנדער האָט מען געשריבן פון אונטן אַרויף אין די 10 קעסטעלעך פון דעם ערשטן שפּאַלט, און אין די פאָלגנדיקע קעסטעלעך פון דער זעלבער האָריזאָנטאַלער ליניע האָט מען געשריבן כסדר די ווייטערדיקע אותיות פון אַלף־בית, און אויב דער אַלף־בית ענדיקט זיך, און די 10 קעסטעלעך זיינען נאָך ניט פול, האָט מען אָנגעהויבן דעם אַלף־בית צוריק פון אָנהויב. אויף אַזאַ אופן האָט די דריטע ריי געהאַט אַזאַ אויסזען: ע, ס, פ, צ, ק, ר, ש, ת, א, ב.

אין אַזאַ דריטער ריי וועט דער פינפטער אות זיין ק, און ער וועט באַצייכנט ווערן דורך דער צאָל 35, ד. ה. ריי נומ. 3, אות נומ. 5. געוויינליך פלעגט מען נעמען רוסישע ווערטער און דעם רוסישן אַלף־בית. די דאָזיקע סיסטעם האָט מען געקענט מאַכן קאָמפּליצירטער אין פאַרשיידענע ריכטונגען. מ׳פלעגט געברויכן אויך אַנדערע סיסטעמען, מער אָדער ווייניקער שאַרפזיניקע. מיט פאַרשיידענע שטעט זיינען געווען פאַרשיידענע שליסלען, וואָס איך האָב זיי אין אַלגעמיין געקענט. פון צייט צו צייט, אָדער בעת נח פלעגט ניט זיין, פלעגן אָנקומען בריוו, אָנגעשריבענע מיט אַ שליסל, וואָס איז מיר געווען אומבאַקאַנט, אָדער דערפאַר, וואָס נח האָט מיר פאַרגעסן איבערצוגעבן דעם שיפר, אָדער פשוט דער קאָרעספּאָנדענט האָט פאַרפלאָנטערט דעם שליסל אָדער די סיסטעם; אין אַזוינע פאַלן פלעג איך שטענדיק פרובן דעשיפרירן דעם בריוו אָן אַ שליסל, דורך אַ גענויעם מיזאַמען אַנאַליז, דורך פרובן טו עפן, און צו מיין גרויסן וואונדער, פלעגט עס זיך מיר שטענדיק איינגעבן. דאָ האָב איך זיך איבערצייגט, ווי מיר האָבן זיך אַליין אָפּגענאַרט מיט אונזער שיפרירטער קאָרעספּאָנדענץ, מיט וועלכער מיר האָבן געגלויבט צו זיין אַזוי זיכער. שפּעטער, בעת איך בין געזעסן אין טורמע, האָב איך, כדי צו פאַרברענגען די צייט אָנגעשריבן אַ מין טראַקטאַט וועגן שיפרירטער

קאָרעספּאָנדענץ; ער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1904 י. אין זשענעווו אונטער דעם פּסעוודאָנים א. בונדאָוועץ. איין מאָל האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט מיט נחן און באַשלאָסן רעפאָרמירן אונזער קאָרעספּאָנדענץ און איינפירן אַ נייעם אייגנאַרטיקן שיפר, וועלכער זאָל זיין איינפאַך און אין דער זעלבער צייט שווער צום טרעפן. מיר האָבן גענומען די ווערטער לאַברהם ויצחק, וואָס אַנטהאַלטן 11 פאַרשיידענע אותיות, ד. ה. אַ העלפט פון יידישן אַלף-בית. אונטער זיי האָבן מיר אָנגעשריבן כסדר די 11 איבעריקע אותיות. און עס האָבן זיך באַקומען אַזעלכע 2 שורות:

ל א ב ר ה מ ו י צ ח ק,

ג ד ז ט כ נ ס ע פּ ש ת.

די פּרינציפּן זיינען געוו'ען פאָלגענדיקע: 1) יעדער אות פון דער אויבערשטער שורה ווערט פאַרביטן דורך דעם אות, וואָס געפינט זיך אונטער אים און פאַרקערט. 2) אָנשטאָט דעם אות שרייבט זיך אויף צוריק די צאָל, וואָס שטימט מיט זיין באַטייט אין אלף-בית. אויף אַזאַ אופן שרייבט מען אָנשטאָט ל—3 (ג) און אנשטאָט ג—03 (ל). אָנשטאָט ו—06 (ס) און אָנשטאָט ס—6 (ו). דעם צאָל-באַטייט פון די אותיות ק, ר, ש, ת, פלעגט מען אָנשטאָט 100, 200, 300, 400, שרייבן: 0,1; 0,2; 0,3; 0,4; מ'האָט אָבער אויך באַנוצט דערגאַנצונגס-צייכנס: 0,5; 0,6—כדי צו באַצייהענען אַ: 0,7, פאַר ע; 0,8 און 0,9 פאַר י, 00 און 0,0 פאַר אָ. חוץ דעם, זיינען אויך געווען אייניקע אַנדערע אָפּגערעדטע צייכנס. למשל 09 פאַר פּ און 0'9 פאַר פֿ. און א. וו. למשל דאָס וואָרט פּעטערבורג האָט מען געצייכנט אויף אַזאַ אופן: 79706903 ,20 09010. אויף אַזאַ אופן האָט מען מיט דער מעטאָדע געקאָנט שרייבן אי רוסיש אי יידיש און בייטן די שפּראַך. אויסלערנען אים איז נאָך געווען זעהר גרינג דערפאַר, וואָס געשריבן האָט מען מיט אים, ווי מיט געוויינליכן שריפט. באַלד האָבן אים אַלע אין בונד אָנגעהויבן באַנוצן; און ער האָט זיך געהאַלטן ביז דער רעוואָלוציע. מ'דערציילט, אַז איינער אַ צעטל פון אַדרעסן, וואָס איז געווען פאַרשיפרירט לויט דער דאָזיקער סיסטעם און וואָס מ'האָט געפונען אין ווילנע בעת אַ הויז-זוכונג, איז אַריינגעפאַלן אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. איך בין אָבער מסופק, צי מ'האָט אים צונטדעקט. מ'דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז ישראל-מיכל קאַפּלינסקי האָט זעהר גוט געקענט דעם דאָזיקן בונדישן שיפר. זיצנדיק אין טורמע, בעת איך האָב געאַרבייט אויף די שיפרען, האָב איך דערזען, אַז אויך דער שיפר, וואָס מיר האָבן אויסגעקלערט, ווי שאַרפזיניק ער איז ניט געווען, איז בשום אופן ניט פון דעם מין, וואָס מ'קאָן ניט טרעפן. ער האָט סוף כל סוף אַנטהאַלטן בלויז אַ פּאָר צענדליק צייכנס, ד. ה. כמעט אַזוי פיל, וויפיל אותיות אין אלף-בית. און אַזאַ סיסטעם קאָן מען אין קיין פאַל ניט האַלטן פאַר פאַרפאַנצערט. טרעפן אים איז געווען שווער נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ געמיש פון רוסיש און יידיש.

כ'וועל דאָ זאָגן נאָך עטליכע ווערטער וועגן טראַנספּאָרט פון ליטעראַטור איבער דער גרעניץ. איין צייט איז ער געווען גוט אָרגאַניזירט דורך די בערשטער, וואָס זייער ראַיאָן ליגט ביי דער גרעניץ. שפּעטער אָבער איז דער וועג דורכגעפאַלן. ס'איז געווען אַ שטיקל צייט, ווען אויף דער גרעניץ זיינען פאָרגעקומען סיסטעמאַטישע דורכפאַלן. פון דער צווייטער העלפט 1901 האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט אָנגעהויבן צו שיקן ליטעראַטור אין טשעמאָדאַנעס מיט אַ טאָפּעלער באַנייהונג. אין מאַרט 1902, ווען אַ סך אויסלענדישע סטודענטן און סטודענטקעס האָבן זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד אויף פּסח, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע וואַקכאַנאַליע מיטן שיקן אַזוינע טשעמאָדאַנעס. דאָס אַלץ האָט מען געשיקט קיין ביאַליסטאָק, און ס'פלעגט כמעט אינגאַנצן אַריינפאַלן אין אונ-

זער דירה. יעדער פֿלעגט קומען געוויינליך מיט 2 טשעמאָדאַנעס, וואָס אין זיינע טאָ=
פעלע וועגטלעך פלעגט זיין 20 פונט ליטעראַטור. כמעט אַלע יובל=נומערן פון „אַרבע=
טער=שטימע" זיינען אָנגעקומען אויף אַזאַ אופן. אויסער דעם, נאָך אַנדערע אויסגאַבן
פון אויסלענדישן קאָמיטעט און אַ סך פּראָפּאַגאַנדיסטישע ליטעראַטור אין יידיש, רוסיש
און פּויליש; מ'האָט איבערגעשיקט אַפילו אַ פּאַרטיע דייטשע בראָשורן.

IX

דער וואוקס פֿון דער אַרבעטער=באַוועגונג אין ביאַליסטאָק.

פאַר דער צייט האָבן זיך אין ביאַליסטאָק די ערפאָלגן פון דער אַגיטאַציע און
פּראָפּאַגאַנדע מיט יעדן טאָג אָנגעהויבן באַמערקן אַלץ מער און מער. די צאָל אָרגאַ=
ניזירטע אַרבעטער איז אין האַרבסט פון 1899 געווען ניט מער פון 200. אין צוויי
יאָר אַרום פלעגן שוין אויף פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען זיין ניט ווייניקער פון 700
מיטגלידער. ווען דער קאָמיטעט האָט אין אָנהויב 1900 אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע
צו די האַנדעלס=אָנגעשטעלטע מיט אַ רוף צו אָרגאַניזאַציע, האָט דאָס שרעקליך אויפֿ=
געבראַכט די אַגיטאַטאָרען=פאַרזאַמלונג; דאָס ערשטע מאָל האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע
וועגן דער פולמאַכט פון קאָמיטעט אַרויסצולאָזן זעלבשטענדיק בלעטלעך. די סיבה פון
דעם טומל איז געווען דאָס, וואָס אין די לעצטע שורות פון בלעטל האָט מען דער=
מאָנט וועגן סאָציאַליזם. די אַרבעטער האָבן געהאַלטן, אַז דערמיט שרעקט מען אָפּ די
מאַסע, אַז אויפהויבן זי קאָן מען, ווען מ'אַפּעלירט צו אירע טאָג=טעגליכע עלעמענ=
טאַרסטע אינטערעסן—העכערן די שכירות, פאַרקירצן דעם אַרבעטס=טאָג און א. וו. ס'איז
קלאָר געווען, אַז דאָס איז אַ ירושה פון דער טעאָריע פון „סטאַדיעס" אין דער אַרבע=
טער=באַוועגונג. אין גיכן האָט זיך אַלץ געענדערט. די אַגיטאַציע האָט אָנגענומען אַלץ
מער אַ סאָציאַליסטישן און פּאָליטישן כאַראַקטער, און די מאסע האָט זיך אויף איר
אַלץ מער אָפּגערופן. אויסער ווירקן מיט ליטעראַטור, פלעגט מען אָפּט מאַכן פאַרזאַמ=
לונגען, דער עיקר אין יענער צייט פון יאָר, ווען מ'האָט געקאָנט אויטנוצן דעם וואַלד.
מ'פלעגט איינאָרדענען מאַי=פאַרזאַמלונגען, פייערן דעם יובילעי פון בונד, פון „אַרבעטער=
שטימע", פֿון די דעקאַבריסטן; איבערהויפּט זיינען גוט דורכגעגאַנגען די מארט=פאַרזאַמ=
לונגען פון יאָר 1901, ווען מ'האָט גלייכצייטיק געפייערט דעם 30=טן יאָרצייט פון דער
פאַריזער קאָמונע, דעם יובילעי פון דער רעוואָלוציע פון 1848 און דעם יארצייט פון
ק. מאַרקס טויט. פאַר דער צייט האָט זיך אין ביאַליסטאָק געבילדעט אַ נייער פּראָפעסי=
אָנעלער פאַראיין פֿון גאַרבער, וועלכן איך האָב שוין עטליכע מאָל דערמאָנט. די
איינטיילונג פון דער לעדער=פּראָדוקציע האָט אין אַ געוויסער מאָס דערמאָנט די בער=
שטער=פּראָדוקציע. זי האָט זיך גרופּירט אין עטליכע שטעט און שטעטלעך. אַזוינע
צענטרען פאַר דער יידישער פּראָדוקציע זיינען געווען ווילנע, סמאָרגאָן, אשמיאַן, קרי=
נעק, זאַבלידאווא, שווישלאוויטש, סקידל א. א. דעריבער איז אין גיכן ביי די גאַרבער
געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק צו פאַראייניקן זיך, אַזוי ווי די בערשטער, אין איין פאַר=
איין. די נשמה פון די דאזיקע שטרעבונגען איז געווען אַבראַם דער מאַטע. ביי אים
זיינען זיך צונויפגעגאַנגען די פעדים, וואָס פאַרבינדן מיט אַלע פונקטן. אין „אַרבעטער=
שטימע" איז שוין געווען אַ שטענדיקע באַזונדערע אָפּטיילונג פֿון קאָרעספּאָנדענצן
אונטערן קעפּל „וואָס הערט זיך ביי די גאַרבער". ווינטער 1900 איז געבילדעט געוואָר=
אַ מין אָרגאַניזאַציאָנס=קאָמיסיע אויסצואַרבעטן די קאָנסטיטוציע פון קומענדיקן פאַראיין;

און צוצוגרייטן זיין אָפענע אַרויסטרעטונג. אין איר זיינען אַריין אַ חוץ אַבראַם דעם טאַטע, די גאַרבער מרדכי און בענדעט, אָליאַ (חנקע, אַננאַ ראָזענפעלד), לייזער (ביינעש, איזביצקי) און אויך. מיר האָבן באַשלאָסן דאָ צום ערשטן מאָל אָנצווענדן דעם פעדעראַטיוון פּרינציפּ, מחמת דער פאַראיין האָט געדאַרפט אַרומכאַפּן די אַרבעטער פון אַלע דריי נאַציעס–יידישע, פּוילישע און רוסישע. נאָכדעם ווי דער פערטער צוזאַמענפאָר האָט אין אַ ספּעציעלער רעזאָלוציע וועגן די גאַרבער באַוויליקט אַזאַ קאָנסטיטוציע, האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַן אויספירליכן סטאַטוט, און לויטן אויפטראָג פון דער קאָמיסיע האָב איך אָנגעשריבן דעם „מאַניפעסט פונם אַלגעמיינעם פעדעראַטיוון גאַרבער-פאַראיין“. ער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַלע שפּראַכן; ער איז אינגאַנצן איבערגעדרוקט געווען אין „איסקרא“. ס׳איז ציקאַווע, וואָס „איסקראַ“ האָט ניט געמאַכט צו אים קיין שום ברוגזע אָנמערקונג מכח דעם פעדעראַטיוון בוי פון דעם פאַראיין, הגם די פּאָלעמיק קעגן דער רעזאָליוציע פון פערטן צוזאַמענפאָר וועגן דעם פעדעראַטיוון פּרינציפּ פון דער פּאַרטיי-בויאונג האָט זי געפירט מיט גרויס פאַרביטערונג. פּונקט ווי די בערשטער, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן זייער אָרגאַן „דעם וועקער“, האָט דער גאַרבער-פאַראיין אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיינעם אַן אָרגאַן „דעם קעמפּער“. מ׳האָט גערעכנט, אַז יעדער נאַציאָנאַלע סעקציע זאָל אים אַרויסלאָזן אויף איר שפּראַך. דער הויפּט-רעדאַקטאָר פון „קעמפּער“ איז געווען ביינוש.

X.

דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ.

(די ביאַליסטאָקער קאָנפערענץ).

מיט דעם לעצטן עפּיזאָד פון אונזער לעבן אין ביאַליסטאָק וועל איך פאַרענדיקן מיין אַרטיקל, וואָס האָט זיך שוין פאַרצויגן. דערביי וועל איך זיך אָפּשטעלן נאָר אויף איייניקע שטריכן. וועגן דעם פּרוב אויפצושטעלן די פּאַרטיי וועל איך אפשר אָנשרייבן אויספירליך אַן אַנדער מאָל. דער ערפאָלג פון פערטן צוזאַמענפאָר פון בונד האָט אונז באַגייסטערט, און מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן זיין בכח צונויפצורופן דעם צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פּאַרטיי, צונויפקלייבן די צעשאָטענע חורבות פון דער דאָזיקער אַלרוסלענדער ס״ד-ישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז פאַרשוואונדן, גלייך נאָכדעם, ווי זי איז געבוירן געוואָרן, און איז געבליבן עקסיסטירן, ווי אייניקע האָבן זיך איראָניש אויסגעדריקט, בלויז אויף די חורבות פון די ס״ד-ישע אויסגאַבן. אונז האָט זיך געדוכט, אַז אויב אונז וועט זיך איינגעבן אָפּצוטון די אַרבעט, וועלכע האָט זיך ביז אַהער קיינעם ניט איינגעגעבן, ניט געקוקט אויף אַלע פּרובן, אויב דער צוזאַמענפאָר וועט בשלום דורכגיין, און ס׳וועט אויסגעקליבן ווערן אַ פאַראייניגנדיקער אָנפירנדיקער צענטער–אַן אַווטאָריטעטער צ.-ק.–וועט זיך אפשר איינגעבן צו שאַפן אַן איינהייטליכן ס״ד-ישן פראָנט, ס׳וועט אַריינגעטראָגן ווערן שלום צווישן די פיינטליכע שטרעמונגען, און די אַטמאָספער פון צווישנפראַקציאָנערע רייסערייען וועט זיך אָפּרייניקן. איין פּרוב אַזאַ צונויפצורופן אַ צוזאַמענפאָר האָט אין יאָר 1900 געמאַכט דער „פאַרבאַנד פון רוסישע ס״ד אין אויסלאַנד“ און ער האָט צוליב דעם ציל געשיקט קיין רוסלאַנד מאַכן אַ רייזע איבער די אָרגאַניזאַציעס זיינע מיטגלידער טימאָפיי (קאָפּעלזאָן) און פּ. טעפּלאָוו. דער אָרגאַניזאַטאָר אין רוסלאַנד גופא איז געווען דער פאַרשטייער פון „יוזשני ראַבאָטשי“, „שלמהקע“ (אַנדריי, אַבראַם גינזבורג). דער צוזאַמענ=

פֿאָר האָט געדאַרפֿט פאָרקומען אין סמאָלענסק, נאָר פון דעם פרוב איז גאָרניט אַרויס=
געקומען. צוליב דעם זעלבן ציל האָט דער פֿאָרשטייער פון אויסלענדישן קאָמיטעט
מיכאיל קאַגאַן (גרינעוויטש) אין יאָר 1901 נאָך אַ מאָל געמאַכט אַ רייזע איבער די
קאָמיטעטן, נאָר ער האָט זיך אומעטום אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די
„איסקראַ"=אָרגאַניזאַציעס. די אויפֿגאַבע איז געווען זעהר אַ שווערע, וואָרום ס'איז ניט
געווען קיין ספק, אַז אונזער פרוב וועט אויך באַגעגענען אַזאַ ווידערשטאַנד. מיר האָבן
געמאַכט אַ באַראַטונג מיט סערגייען (נעמאַנסקין), וועלכער איז געקומען פון פעטערבורג,
און האָבן צווישן זיך פונאַנדערגעטיילט די פונקציעס אויף אַזאַ שטייגער: נח וועט אויף
זיך נעמען די רייזע איבער די קאָמיטעטן פון דרום, סערגיי וועט זיך פאַרבינדן מיט
די צפון=אָרגאַניזאַציעס. איך וועל נעמען אויף זיך די טעכנישע צוגרייטונג פֿון צוזאַ=
מענפאָר. די געלט=מיטלען האָט סערגיי אין נאָמען פֿון צפונדיקן קאַמף=פֿאַרבאַנד צוגע=
זאָגט קריגן אין דער נויטיקער מאָס. מיר האָבן באַשלאָסן צונויפֿצורופֿן דעם צוזאַמענ=
פאָר אַלץ אינם זעלבן ביאַליסטאָק. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ פולן חשבון אין דעם,
אין וואָס פאַר אַ סכנה מיר שטעלן דערמיט אונזער רעזידענץ, מחמת מיר האָבן גע=
דענקט דעם בונדישן דורכפאַל איןְ יאָר 1898, אין צוזאַמענהאַנג מיטן ערשטן צוזאַמענ=
פאָר פון דער רוסלענדער פאַרטיי אין מינסק. מיר זיינען בכלל געווען איבערצייגט,
אַז יעדער אַזאַ גרויסע באַגעגעניש מיט די רוסלענדער אָרגאַניזאַציעס, וואו ס'זיינען
פאַראַן ניט ווייניק פראָוואָקאַטאָרן, וועט אונז טייער קאָסטן. דאָך האָט מען זיך גע=
מוזט אָפּשטעלן אויף ביאַליסטאָק, מחמת נאָר דאָ, אונטער אונזער פערזענליכער השגחה,
וועט מען קענען אָננעמען אַלע נויטיקע פאָרזיכטס=מיטלען, און אויב נאָר די מיטגלי=
דער פון צוזאַמענפֿאָר וועלן ניט אָנברענגען מיט זיך צו פיל פיליאָרן, וועט דער צו=
זאַמענפֿאָר פון דער אויסערליכער זייט דורכגיין כשורה. נח האָט זיך געלאָזט אין זיין
רייזע אין יאַנוואַר 1902. די מיסיע האָט ער פאַראייניגט מיט דער אויספאָרשונג פֿון
די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין דרום אין הסכם מיט דער קאָנספּיראַטיווער רעזאָלוציע
פֿון פערטן צוזאַמענפֿאָר. די דאָזיקע מיסיע האָט איינער פון די דעמאָלסדיקע טוער פון
„יוזשני ראַבאָטשי" ניט לאַנג אין אַ שמועס מיט מיר אָנגערופן אַן „אימפעריאַליסטישע",
וואָרום זי האָט געהאַט דעם ציל „איינצונעמען דעם דרום". איך האָב זיך גענומען
איינצואָרדענען די דירה פאַרן צוזאַמענפאָר. צום באַדויערן, זיינען די געלט=מיטלען,
וואָס פעטערבורג האָט געגעבן, געווען אַ סך קלענער, ווי ס'איז צוגעזאָגט געוואָרן. דע=
ריבער האָט מען געמוזט דינגען אַ סך אַן אָר:מערע דירה און אָרימער זי מעבלירן.
אַ לטער דער גאַרבער פון בערדיטשעוו און עטקע די שניידערקע, ווי זיינס אַ ווייב,
האָבן נאָך געוויסע קווינקלענישן מסכים געווען צו זיין די בעלי בתים פֿון דער דירה.
דערהויפּט אומאָנגענעם איז געווען דאָס, וואָס מ'האָט געדאַרפֿט אויף 1–2 חדשים זיך
אָפּזאָגן פון אָרטיקער אַרבעט און ניט אויפנעמען קיין געסט, כדי קיינער זאָל ניט
וויסן וועגן דער דירה און כדי צו באַשיצן זי פון שפּיאָנעס. זיי האָבן אָפּגעזוכט אַ
מער=ווייניקער צוגעפּאַסטע דירה פון 3 צימערן אויף איינער פון די זייטיקע גאַסן,
אויסער די יידישע קוואַרטאַלן. מיר מיט אַננען האָבן, ווי אַלטערס קרובים, זי באַ=
טראַכט און געפונען, אַז זי פּאַסט, האַלטנדיק, אַז מער פון 15–16 דעלעגאַטן וועלן
מסתמא ניט קומען. געלט איז געווען קאַרג, אויסלייגן אייגן געלט איז געווען אוממעג=
ליך,—דער בונד איז טאַקע געווען אַ פרייליכע, אָבער דאָך אַן אָרימע אָרגאַניזאַציע.
מ'האָט זיך געמוזט באַגרעניצן מיט זעהר באַשיידענעם מעבל פון עטליכע טישן, בעטן,
שאַפעס און ד. גל. דאָס אַלץ איז געווען ווייניק פאַר אַ „בעל=הבתישן" פאָרפאָלק, וואָס

דינגט אַן „אָנשטענדיקע“ דירה פון 3 צימערן מי׳ט אַ קיך, און עטקע האָט זיך געפילט זעהר אומגליקליך אין דעם מאָמענט, ווען זי איז מיט אַזאַ אָרימער בעל-הבתישקייט אַריינגעפאָרן אין הויף פאַר די אויגן פון הויז-בעל-הבית און פון די שכנים. דער דרך ארץ צו איר מצד דעם בעל-הבית איז דעמאָלט געווים געפאַלן אויף דריי פערטל, און זי האָט זיך לאַנג ניט געקאָנט באַרוהיקן.

ביז דער לעצטער מעגליכקייט האָט מען קיינעם ניט איבערגעגעבן ניט דעם טערמין פון צוזאַמענפאָר, ניט די שטאָט, ניט די „יאַווקע“. אין אָנהויב מאַרט בין איך אַרויסגעפאָרן קיין פעטערבורג, כדי קלאָר צו מאַכן, וואו האַלט עס. דעמאָלט איז מיר טאַקע אויסגעקומען צו זיין אויף דער דעמאָנסטראַציע, אויף קאַזאַנער פלאַץ, זען די ווילדע סצענעס, ווי מ׳האָט געשלאָגן די סטודענטן (מ׳האָט געשלאָגן אין האַלז און נאַקן); איך האָב גלייך אַוועקגעשיקט אַ באַשרייבונג פון דער דעמאָנסטראַציע קיין לאָנדאָן. אין אונזער אויסלענדישע דרוקעריי פון די „פאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ“.

נח האָט זיך בשלום אומגעקערט פון זיין רייזע. צו דער באַשטימטער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצופאָרן די דעלעגאַטן. אַרום 22 מאַרט איז צו אונז געקומען פון לאָנדאָן אַרקאַדי קרעמער פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד, און מיר האָבן אים אָפגעפירט אויף דער דירה פון צוזאַמענפאָר. לויט די אָנגעוויזענע יאַווקעס זיינען געקומען אויך אַנדערע דעלעגאַטן. שבת דעם 24 מאַרט, איז געקומען צו אונז אין דירה מיכאל קאָהאן, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט פון „פאַרבאַנד פון רוסישע ס״ד אין אויסלאַנד“; ער האָט געהאט אַ האָלענדישן פאַס. פון וואָקזאַל איז ער אַריין לויט דער יאַווקע, וואָס מ׳האָט אים געגעבן, צו דער אַקושערין סאָניע לייבאָוויטש; ער האָט זי אָבער ניט געטראָפן אין דער היים און איז אַוועק צו אונז. שוין אין אַ שעה אַרום האָבן מיר דערזען, אַז ביי אונזער טויער שטייט אַ שפיק. דאָס איז געווען אַ שלעכטער סימפטאָם.

בעת אַננאַ האָט אַוועקגעפירט דעם ניזשני-נאָווגאָראָדער דעלעגאַט פון דער יאַווקע אויף דער דירה פון צוזאַמענפאָר, איז נאָך זיי נאָכגעגאַנגען אַ שפיאָן. פון וועלכן זי האָט זיך מיט גרויס מי באַפרייט. אין גאַנצן זיינען געווען 10 דעלעגאַטן: פון פעטערבורגער קאַמפּס-פאַרבאַנד—סערגיי און דר. קראַסנוכאַ, פון „יוזשני ראַבאָטשי“—אָסיפ קאָגאַן (יערמאַנסקי), פון יעקאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט—פיאָדאָר שיפולינסקי, פון ניזשני-נאָווגאָראָד—אַ חבר, וואָס זיין פאַמיליע ווייס איך ניט, פון „איסקראַ“—פיאָדאָר גורעוויטש (דאַן), פון פאַרבאַנד פון רוסישע ס״ד-טן אין אויסלאַנד—מיכאל קאהאן, פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד—אַרקאַדי קרעמער און פון צ. ק. פון בונד—נח און איך. *)

פאַר די רוסלענדער באַדינגונגען און פאַר יענעם מאָמענט (אין פעוראַל זיינען אומעטום געווען גרויסע אַרעסטן) איז דאָס געווען זעהר אַ סאָלידע פאַרזאַמלונג; דאָך איז דאָס געווען ווייניק פאַר אַ צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פאַרטיי. דעריבער האָבן מיר אָן גרויסע טענות מסכים געווען אויף דאַנס פאָרשלאַג אָנצורופן זיך קאָנפערענץ (אַזאַ מאַנדאַט האָט אים געגעבן די „איסקראַ“). וועגן דעם, ווי ס׳איז געגאַנגען די אַרבעט פון דער קאָנפערענץ, וועל איך דערציילן אַן אַנדערש מאָל.

די קאָנפערענץ איז אינערליך דורכגעגאַנגען זעהר גוט. די פראַגן האָט מען באַ-

*) כ׳נוץ אויס די געלעגנהייט צו פאַרריכטן דעם גרייז אין מאַרטאָוו׳ס בוך „די געשיכטע פון דער רוסישער ס״ד—יע“ (אַרויס אין 1918 יאָר אין פעטערבורג). ער רופט אָן נאָר 6 דעלעגאַטן, און דערמאָנט ניט קרעמערן, נחן, שיפולינסקין און דעם דעלעגאַט פון ניזשני-נאָווגאָראָד. סערגיי זעלדאָוון, האַלט ער על פי טעות פאַר אַ דעלעגאַט פון צ. ק. פון בונד.

טראַכט פרידליך און זאַכליך. מ׳האָט אָנגענומען דער טעקסט פֿון דער מאַי־פּראָקלאַמאַציע, וואָס די „איסקראַ“ האָט פֿאָרגעלייגט, און אַריינגעטראָגן אין אים אַ ריי אויסבעסערונגען. מ׳האָט אויסגעקליבן אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט אויף צונויפצורופן דעם 2־טן צוזאַמענפֿאָר; אין אים זיינען אַריין: דאַן, יערמאַנסקי און נח. דאָנערשטאָג איז מיכאל קאָהאן אַוועקגעפֿאָרן, און גלייך אויפן וואָקזאַל האָט מען אים אַרעסטירט. מיר האָבן זיך וועגן דעם דערוואוסט שבת צו נאַכט דעם 31־טן מאַרט. נח, וואָס איז דעמאָלט געווען ביי אונז, איז איילִיק אַוועקגעגאַנגען און צוגענומען די וויכטיקע פּאַפּירן, וואָס זיינען געווען ביי אונז, צווישן זיי אויך דעם פֿאַרריכטן טעקסט פֿון דער מאַי־פּראָקלאָמאַציע, וואָס די קאָנפֿערענץ האָט אָנגענומען.

די זעלבע נאַכט האָט מען אַרעסטירט מיך מיט אַננען און אַוועקגעשיקט אין דער גראָדנער טורמע. אין דער זעלביקער צייט האָט מען אין ביאַליסטאָק אַרעסטירט אייניקע פון די יאַווקעס: צילי בעלאָך, סאָני לייבאָוויטש און אויך צופעליק חאַצי מונוועסמיטן בעל הבית פון זיין דירה. די דירה, וואו די קאָנפערענץ איז געזעסן, איז געבליבן ניט אויסגעשפּירט, און די אָכראַנקע האָט וועגן איר ניט געוואוסט. פון די אַנדערע דעלעגאַטן האָט מען יערמאַנסקין אַרעסטירט ערגיץ אין דרום, דאַכט זיך, אין ראָסטאָוו, דאַנען־אין מאָסקווע, זעלדאָוון־ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום אין פּעטערבורג. נח, אַ־קאַדי, קראַסנוכאַ, שיפּולינסקי און דער ניזשני־נאָווגאָראָדער דעלעגאַט האָבן גליקליך אויסגעמיטן אונזער גורל. אַזוי האָט זיך אונזער יום־טוב געענדיקט מיט אַ צרה.

אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט דער ביאַליסטאָקער פּעריאָד פֿון מיין לעבן און צוזאַמען מיט דעם דער ביאַליסטאָקער פּעריאָד פֿון דער אַרבעט פון צ. ק. פון בונד. נח האָט אין גיכן נאָך דעם פֿאַרלאָזט די שטאָט.

פּ. אַנ—מאַן.

צו דער געשיכטע פון „בונד" אין קיעוו.

אין מיטן פון די נײַנציקער יאָרן האָבן שוין אין קיִעוו, אפנים, עקסיסטירט סאָציאַליסטישע קרײַזלעך צווישן די יידישע אַרבעטער. די ערשטע אַדעפטן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָפּאַגאַנדע זײַנען געווען דער עיקר יידישע אַרבעטער. אין יאָר 1897 האָט מען אין באַרדיטשעוו פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס אויף רוסיש און יידיש. די ערשטע שטרייקן, וואָס האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי, זײַנען פאָרגעקומען אין די שנײַדער־וואַרשטאַטן, דאָס הייסט, צווישן יידישע אַרבעטער. דאָך איז אָבער נאָך ניט געווען קיין יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, קיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער האָט די באַוועגונג נישט געטראָגן. דעם בונדס ווירקונג האָט זיך געפילט אין באַרדיטשעוו, אין אַנדערע שטעט פון אוקראַינע; נאָר אין קיעוו האָט מען פון איב גאָרנישט געוואוסט. צווישן דער גרויסער מאַסע ליטעראַטור, וואָס מ'פלעגט געפינען ביי די אַרעסטירטע, זײַנען ניטאָ קיין סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס אויף יידיש. וועגן דער בראָשור „וועגן אַגיטאַציע", וואָס איז געווען זעהר פּאָפּולער אין יענע צייטן, האָט דער גענעראַל נאָוויצקי, פאַרוואַלטער פון קיעווער זשאַנדאַרמען־אָפּטיילונג, גאָרניט געוואוסט. אין יאָר 1898 האָט זיך גענעראַל נאָוויצקי באקענט מיט איר אויף אַן אונטערזוכונג און האָט וועגן איר אָנגעפרעגט אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. מ'האָט אים געענטפערט אין אַ מוסר־טאָן, אַז די דאָזיקע בראָשור איז אַרויס נאָך אין 1896 י. און איז גוט באַקאַנט דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. אָנגעשריבן פון אַלעקסאַנדרן (סאָלאָמאָן קרעמער), האָט די דאָזיקע בראָשור אויסגעדריקט דעם אידייאישן צוזאַמענבונד צווישן דער יידישער (צפון־מערבדיקער) און רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג. איינצעלנע סטודענטן־יידן האָבן געהאַט עפּעס אַ שייכות צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן: איינציקע פון זיי האָבן זיך שפּעטער אַרויסגערוקט, ווי טוער פון „בונד". בעת דער מאַסן־„ליקווידאַציע" אין יאָר 1898, זײַנען צווישן די כמעט 200 אַרעסטירטע געווען אַ סך יידישע סטודענטן. קיין זאַך ווייזט נישט אָן אויף זייער אינטערעס צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אָדער צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. צווישן אנדערע זײַנען אַרעסטירט געוואָרן הייליקמאַן און קאַפּלאַן (יאקאָוו מאַרקאָוויטש). די זשאַנדאַרמען־אויספאָרשונג ווייזט אָן אויף זייער פאַרבינדונג און באַקאַנטשאַפט מיט מעדעמען, וועלכער איז אַנטלאָפן און פלעגט „באַזוכן די סכאָדקעס". בלויז קאַפּלאַן ווערט באַשולדיקט אין אָנגעהעריקייט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. הייליקמאַנען און מעדעמען האָט די זשאַנדאַרמען־פּאָליציי געקענט נאָר פאַר מיטגלידער פון אומלעגאַלע סטודענטישע קרײַזלעך.

סאָציאַליסטישע שטימונגען זײַנען געווען ביי דער גאַנצער יידישער סטודענטנשאַפט. נאָר דאָס זײַנען געווען בלויז שטימונגען, נעפּלדיקע און אומבאַשטימטע. אין אוניווערסיטעט האָבן די סטודענטן זיך גרופּירט נישט לויט פּאַרטייען, נאָר לויט לאַנדסמאַנשאַפטן. דער שטרייט צווישן די מאַרקסיסטן און נאַראָדניקעס האָט שוין אנגעהויבן

צו פארלאפן די סטודענטנשאפט, דאָס איז נאָך אָבער אלץ געווען „ליטעראטור“. די סטודענטן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די סאָציאל־דעמאָקראטישע קרייזלעך, האָבן זיך געהאלטן אָן דער זייט פון דער סטודענטישער רעוואָלוציאָנערער כביבה. דאָרט האָט געהערשט דער פאָפולערער „פארבאנדס־ראט“, אן אומפארטייאישע רעוואָלוציאָנער־סטודענטישע איינריכטונג מיט גוואלדיקע זאפאסן פאליטישן ראדיקאליזם, נאָר מיט זעהר אומבאשטימטע סאָציאליסטישע סימפאטיעס. דער „פארבאַנדס־ראט“ האט געהאלטן „קאָנ־טאקט“ מיט די האלב־אינטעליגענטישע סאָציאל־דעמאָקראטישע קרייזלעך.

די פיאָנערן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין קיעוו זיינען געווען די ציוניסטן. די האַלב־לעגאַלע פאַרזאַמלונגען פון די ציוניסטן אין די בתי־מדרשים און אין פריוואַטע דירות פלעגן צוציען די אויפמערקזאַמקייט צו דער יידישער פראַגע. צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט האָבן זיך געבילדעט ציוניסטישע קרייזלעך. מאַלאָוועך, ראָזענגאַרט, פרידלאנד זיינען געווען די ערשטע הייסע פראָפּאַגאַנדיסטן פון ציוניזם; קיין קיעוו פלעגן אָנפאָרן ל. מאָצקין און י. בוכמיל. ביי דאָקטאָר מאַנדעלשטאַמען פלעגן פאָרקומען לעבהאַפטע שמועסן און דיסקוסיעס. דער סאָציאַליסטישער טייל פון דער יידי־שער סטודענטנשאַפט האָט זיך באַצויגן צום ציוניזם ניט אַזוי פיינטליך, ווי גלייכגיל־טיק. ער איז געלעגן אויסערן קרייז פון אירע אינטערעסן. אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט איבער איר געהערשט אומבאַגרעניצט דער קאָסמאָפּאָליטיזם אין זיין אור־אַלטער פאָרם,—דער „נאַאיווער“, לויט דער פאָרמולירונג פון אָטאָ בויער. אַזוי, אפנים, איז געווען אויך די שטימונג פון די סאָציאַליסטן־אַרבייטער. אויף די ציוניסטישע פאַר־זאַמלונגען אין די בתי־מדרשים פלעגן זיין אויך אַרבעטער. נאָר אין די יידישע סאָציאַ־ליסטישע אַרבעטער־קרייזלעך האָט מען זיך מיטן ציוניזם ניט אינטערעסירט. איבעריגנס, קיין „ריינע“ יידישע אַרבעטער־קרייזלעך זיינען ניט געווען. ס'זיינען געווען פשוט סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזלעך; זיי האָבן אָבער געהאַט זעהר אַ יידיש אויסזען.

אויף בוכמילס רעפעראַטן און אויף אַנדערע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען פלעגן אַרויסטרעטן, ווי אָפּאָנענטן, סאָציאַליסטן־מאַרקסיסטן. ווען איך בין נאָך געווען אַ גימ־נאַזיסט, בין איך אַרויסגעטראָטן צו ענטפערן בוכמילן. איך געדענק די שאַרפע אַנטי־ציוניסטישע רעדעס פון דיקשטיינען, הענקינען. זיי האָבן אויסגענומען ביים עולם, וואָס אים איז ניט געווען צום האַרצן דער נאַציאָנאַליסטישער טאָן פון די ציוניסטן. אין די דאָזיקע רעדעס האָט מען אָפּגעלייקנט די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע פון די ציוניסטן; קיין אייגענע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע האָט מען ניט אַקעגנגעשטעלט, אַזאַ אידעאָלאָ־גיע איז גאָר ניט געווען. מ'האָט בכלל אָפּגעוואָרפן די נאַציאנאַלע אידעאָלאָגיע, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז פיינטליך דעם סאָציאַליזם און שטערט דער דערנענטערונג פון די נאַציעס. נאָר מ'האָט, דאַכט זיך, ניט אַרגומענטירט מיטן פּאָליטישן אינדיפערענטיזם פון ציוניזם, ווי עס איז שפּעטער געוואָרן פּאָפּולער.

דער ציוניזם האָט געשפּילט אַ באַשטימטע און גאַנץ גרויסע ראָלע אין דער אַנט־וויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג צווישן די יידישע סטודענטן. אמת, ער האָט צו זיך ניט צוגעצויגן קייך סך נאָכגייער. די מער אַקטיווע קרייזן זיינען אים געבליבן פרעמד. ער האָט אָבער געמאַכט אַן איינבראָך אין דער ביז דעמאָלט גאַנצער קאָסמאָ־פּאָליטישער וועלט־אנשויאונג. דער נאַציאָנאַלער ראַדיקאַליזם האָט אָפּגעשטויסן פון זיך יענע, וואָס זיינען דעמאָלט געגאַנגען אין דער ריכטונג פון פּאָליטישן ראַדיקאַליזם, צו די סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען. נאָר דוקא דאָס, וואָס די נאַציאָנאַלע פראַגע איז אין ציוניזם ראַדיקאַל געשטעלט געוואָרן, האָט געהאַט די מעלה, וואָס עס האָט געוועקט

דעם געדאַנק. מיר זיינען ניט קיין ציוניסטן—דאָס איז פאַר אונז געווען קלאָר. נאָר אויך די אַסימילאַציאָנס־אידעאָלאָגיע, וואָס איז אין תוך אַ ניהיליסטישע, האָט אונז ניט געקאָנט באַפרידיקן. מיר זיינען יידן—דאָס האָבן מיר פאַרשטאַנען זעהר קלאָר. ווער זשע זיינען מיר?—אויף דער קשיא האָבן מיר זיך ניט געקאָנט געבן קיין תשובה. מיר האָבן זיך באַמיט צונויפצופאָרן אונזער פאָליטישן ראַדיקאַליזם, אונזערע סאָציאַליסטישע שטרעבונגען מיט דעם דאָזיקן נעפלדיקן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. און אין דער זעלבער צייט האָט אַ טייל פון דער סטודענטנשאַפט, וואָס איז געווען פאַרכאַפט פון ציוניזם, נאָר וואָס האָט אין אים ניט געפונען קיין תשובה אויף זיינע פאָליטישע און סאָציאַלע באַשטרעבונגען, זיך באַמיט צונויפצופאָרן דעם ציוניזם מיטן סאָציאַליזם.

דער ציוניזם איז אָבער געווען בלויז אַן אידעאָלאָגישער שטויס. אַ סך מער האָבן זיך געלאָזט פילן מאָטיוון פון אַן אַנדער מין. אין סוף פון די ניינציקער יאָרן פאַרשטאַרקט זיך דער אַנטיסעמיטיזם אין דער רעגירונגס־פאָליטיק; בפרט און דער עיקר האָט זיך פאַרשטאַרקט דער דרוק אויף דער מיטעלער און העכערער בילדונג פאַר יידן. די פראָצענט־נאָרמע איז פאַרקלענערט געוואָרן ביזן לעצטן גראַד. די סטודענטן זיינען צוגעשריבן געוואָרן צו די לערן־קרייזן, און פאַרן קיעווער אוניווערסיטעט, אין צענטער פון תחום, האָט מען געפלאַנט אַ נאָרמע פון צוויי פראָצענט. דאָס האָט געהייסן, אַז פאַקטיש הערט מען כמעט אינגאַנצן אויף אָנצונעמען יידן אין אוניווערסיטעט.

און גראָד אין יענער צייט האָט זיך די יוגנט פון דער קליין־בורזשואַזיע אָנגעהויבן שטאַרק ציען צום דיפלאָם, און נאָך דער יידישער שטאָט האָט זיך אויך דאָס יידישע שטעטל אָנגעהויבן ציען צום אוניווערסיטעט. אינם באַקומען דעם־ דיפלאָם איז געלעגן דער קלאַסן־אינטערעס פון דער יידישער אינטעליגענץ, די איינציקע מעגליכקייט פאַר איר אַרויפצושלאָגן זיך אויף אַ וועג, זיך שטעלן אויף די פיס. די אויפגעבראַכטקייט פון דער יידישער יוגנט האָט, נאַטירליך, אָנגענומען אַ רעוואָלוציאָנערע באַפאַרבונג, די רוסישע סטודענטנשאַפט האָט אין איר בעסטן טייל מיטגעפילט, זי איז גרייט געווען צו פּראָטעסטירן, אין אירע פּראָקלאַמאַציעס האָט זי דערמאָנט וועגן דער פּראָצענט־נאָרמע. נאָר פאַר דער רוסישער סטודענטנשאַפט איז דאָס ניט געווען קיין אייגענע, קיין בלוטיקע באַליידיגונג; איינער פון די אויסדרוקן פונם פאַהאַסטן רעזשים,—און אפילו ניט דער בולטסטער; אַ פרט אין דער אַלגעמיינער סיסטעם. די יידישע סטודענטן אָבער האָבן דאָס געפילט, אָפּט—קרענקליך. דער ציוניזם האָט זיך געכטאַרעט צו פאַרשאַרפן, פאַנאַנדערצובלאָזן דעם דאָזיקן געפיל פון ניט־באַפרידיקטקייט. די יידישע סאָציאַליסטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז די סיבה שטעקט אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פון דער רעגירונגס־פאָליטיק; זיי האָבן אָבער אויך פאַרשטאַנען, אַז בלויז אַלגעמיינע ווערטער, בלויז אַלגעמיינע מעטאָדן פון קאַמף פאַר פאָליטישער פרייהייט זיינען ניט גענוג; אַז יידן נויטיקן זיך ביים לעזן די יידישע פראַגע אין עפּעס באַזונדערע און אייגענע ווערטער, אין באַזונדערע און אייגענע קרעפטן. דער געדאַנק האָט געאַרבעט אין דער ריכטונג; טאַפּענדיק האָט ער געזוכט אַן ענטפער.

אין האַרבסט 1899 איז אַנטשטאַנען די יידישע סטודענטישע אָרגאַניזאַציע. אירע גרינדער זיינען געווען פיינבערג, פרומין, ערליכמאַן, אַנשעלעס, פיינשטיין, דיקשטיין; פון זיי האָט איין פיינשטיין פאַרמאָגט קלאָרע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָנשויאונגען. אַנשעלעס איז געווען נאָענט צו די ס"רן, ערליכמאַן איז געווען אַ ציוניסט. די איבעריקע האָבן, דאַכט זיך, ניט געהאַט קיין באַשטימטע פאָליטישע סימפּאַטיעס. די אָרגאַניזאַציע איז געווען אַן אומפּאַרטייאישע. ציוניסטן זיינען דאָרט געווען אין אַ היפּשער

צאָל, נאָר די אָנפירנדיקע ראָלע איז געווען ניט בײַ זײ. איר אויפגאַבע האָט די אָרגאַניזאַציע געזען אין פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער יידישער סטודענטנשאַפט.

דער „פאַרבאַנדס־ראַט“ האָט זי אַריינגענומען אין זיין באַשטאַנד ניט אָן מניעות, ווי שאַרפע קעגנער זיינען אַרויסגעטראָטן די יידישע סטודענטן פון די אמתע אַסימיליאַטאָרן; די אַרגומענטאַציע פון די פאָרשטייער פון דער יידישער אָרגאַניזאַציע האָט דערמאָנט אָן דער שפּעטערדיקער ארגומענטאַציע פון „בונד“, ווען ער האָט פאַרטיידיקט זיין פאָליטישע זעלבשטענדיקייט. דער „פאַרבאַנדס־ראַט“ אָבער האָט ניט פאַרמאָגט די גראַדליניקייט פון די „איסקראָווצעס“. ער האָט שוין געהאַט אין זיין באַשטאַנד פאַרטרעטער פון דער אוקראַינישער סטודענטישער הראמאדע און פון פוילישן סטודענטישן קאָלאָ.

בראש פון דער יידישער אָרגאַניזאַציע זיינען געשטאַנען סטודענטן מיט נעמען, וואָס האָבן געהאַט אַ וואָג אין דער סטודענטישער סביבה, פיינבערג און דיקשטיין. זיי האָבן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אויך אין „פאַרבאַנדס־ראַט“. ניט געקוקט אויף די טענות פון ס. ב. ראַטנער און י. ריבאַקאָוו, איז די אָרגאַניזאַציע איינגעשלאָסן געוואָרן אין „פאַרבאַנדס־ראַט“. איר ערשטער פאָרשטייער,—דער „חבר־ייד“, לויט דער אָפיציעלער טערמינאָלאָגיע,—איז געווען פיינבערג, דער צווייטער—זאַסלאַווסקי; פאַר אַ פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע איז אויסגעקליבן געוואָרן דיקשטיין. זי האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג צווישן די יידישע סטודענטן אין קיעוו און האָט שוין אין דער ערשטער צייט צוגעצויגן ביז 50 מיטגלידער,—פאַר יענער צייט אַן אומגעהייער גרויסע צאָל. דער פאָרשטייער אין „פאַרבאַנדס־ראַט“ פלעגט אויסגעקליבן ווערן דורך אַ געהיימער אָפּשטימונג, און די רעזולטאַטן פון די וואַלן האָט מען דער פאַרזאַמלונג ניט ערקלערט. זיין נאָמען פלעגט וויסן נאָר דער פאָרזיצער, און מ׳האָט געהאַלטן פאַר דער גרעסטער ניט באַשיידנקייט, און אפילו פאַר אַ פאַרברעך צו אינטערעסירן זיך מיטן נאָמען פונם אויסגעקליבענעם.

אויף די דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען האָט די יידישע אָרגאַניזאַציע אויסגעאַרבעט די יסודות פון איר נאַציאָנאַלער וועלט־אָנשויאונג. וועגן איינִיקייט האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד. אַלץ שאַרפער האָבן זיך אָנגעמערקט די חלוקי־דעות צווישן די ציוניסטן און פּאָליטיקער־רעוואָלוציאָנערן; מ׳האָט זיך אָבער אויך אַלץ שאַרפער אָפּגעגרעניצט פון די יידישע אַסימילאַטאָרישע קרייזן. איינעם פון די פאָרטראָגן האָט איבערגעלייענט דער פאַרשטאָרבענער לאָזינסקי, ד״ר מאַנדעלשטאַמס סעקרעטאַר. אין לאָזינסקיס דירה פלעגן אָפט פאָרקומען אונזערע פאַרזאַמלונגען. אין הענקינס און אַנשעלעס רעדעס האָט זיך שוין אין אַ פולער מאָס אָנגעמערקט יענע אידעאָלאָגיע, וואָס מ׳קען זי האַלטן פאַר אַן איבערגאַנגס־מדרגה צום בונדיזם. כדי אויסצוקעמפן די גלייכבאַרעכטיגונג, דאַרפן יידן, ווי אַ פאָלק, אויסטיילן אָדער בילדן אַ זעלבשטענדיקע רעוואָלוציאָנערע קראַפט. מ׳דאַרף מאַכן אַ סוף צו דער פריערדיקער יידישער פּאַסיווקייט. דערשלאָגן זיך די באַפרייאונג קענען יידן נאָר, ווען זיי וועלן נעמען אַן אָנטייל אין אַלגעמיינעם פּאָליטישן קאַמף. זיי זיינען אָבער אַ נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט און זיי האָבן זייערע אייגענע אינטערעסן, און נאָר דעמאָלט וועלן זייערע פאָדערונגען באַפרידיקט ווערן, ווען הינטער זיי וועט שטיין אַ באַזונדער קראַפט. די ציוניסטן האָבן אָקעגנגעשטעלט זייער פעסימיזם.

אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען האָבן נאָוואַקאָווסקי, זאָלאָטאַראָוו און אַנד. געפּרובט צו געבן אין זייערע רעדעס אַן אַנאַליז פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן אין גייסט פון שפּעטערדיקן ציוניסטישן סאָציאַליזם. ווען אין דער יידישער סטו־

דענטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן אָנצומערקן דער נצחון פון אַנטיציוניסטישן
טייל, האָבן אָנגעהויבן צו עקסיסטירן נעבן איר, אָפּגעזונדערט פון איר, סטודענטישע
ציוניסטישע קרייזלעך, וואָס זיינען געווען ניט באַפרידיקט מיט דער בעל־הבתישקייט
און פּאָליטישן אָפּאָרטוניזם פון די ציוניסטישע אָפיציעלע קרייזן. דאָרט האָבן געאַרבעט
נ. שטיף, י. נאָוואַקאָווסקי און אַנדערע. דאָרט האָט מען געאַרבעט איבער די יסודות
פון פּראָגראַם פון „וואָזראָזשדעניע", אין די דאָזיקע קרייזלעך האָבן אָנטייל גענומען
אויך אייניקע שפּעטערדיקע טוער פון „בונד"—גינזבורג (גיסער), זאָלאָטאַריאָוו. דאָס איז
געווען אַ צייט פון אינטעסיווער גייסטיקער אַרבעט. אין הייסע, ליידנשאַפטליכע וכּוחים
זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די יסודות פון דער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע, וואָס מיט
איר האָבן זיך געשפּייזט די טוער פונם שפּעטערדיקן שטורמישן יאָר־צענדליק. אין דער
פּאָליטישער שול פון דער צייט האָבן דורכגעמאַכט זייער טעאָרעטישע צוגרייטונג אַ
סך אָנגעזעענע טוער פון „בונד" און פון די ציוניסטישע שטרעמונגען אין סאָציאַליזם.
אין דער יידישער סטודענטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויסגעטיילט אַן אַקטי=
ווער גרונט־קערן, וואָס האָט אָנגעהויבן לעבן מיט זיין אייגענעם זעלבשטענדיקן לעבן.
אויף די חברשע באַגעגענישן פון דעם קרייזל, אין הייסע וכּוחים האָט זיך באַשטימט
זיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אין אין דער זעלבער צייט אויך זיין נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָ=
מיע. די מיטגלידער פון קרייזל זיינען געווען פיינבערג, אַנשעלעס, כהן־שאַבשיי, היי=
ליקמאַן, הענקין, זאַסלאַווסקי. אייניקע פון זיי: פיינשטיין, הייליקמאַן, כהן, זיינען שוין
געווען באַקאַנט מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן אָנטייל גענומען אין די
סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזלעך אין ליטע. אין פרילינג 1900 האָט פיינשטיין אין
דער דירה פון סטודענט באַרסקי, אויף וולאַדימירער גאַס, איבערגעלייענט אַ פּאָרטראָג
וועגן „בונד". באַלד נאָכדעם זיינען קיין קיעוו דערגאַנגען די בונדישע בראָשורן אויף
רוסיש—„דער באַריכט צום אַמסטערדאַמער קאָנגרעס", „אַן אויפרוף צו דער יידישער
אינטעליגענץ".
פיינשטיינס פּאָרטראָג האָט געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין דער געשיכטע
פון דער יידישער סטודענטישער אָרגאַניזאַציע. יענער טייל אירער, וואָס האָט נאָך די
דיסקוסיעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע געזוכט אַן אויסגאַנג פאַר זיין רעוואָלוציאָ=
נערער אַקטיוויטעט, האָט אין אים געפונען די פּאָליטישע אַנטוויקלונג. ביז דעמאָלט
זיינען די ווערטער וועגן אַ רעוואָלוציאָנערער קראַפט אין יידישן פאָלק געבליבן אַ
פוסטער קלאַנג. ניט לאַנג פאַרן רעפעראַט וועגן „בונד", האָט דער אַקטיווער קרייז פון
דער יידישער סטודענטישער אָרגאַניזאַציע אַרויסגעלאָזט אַ גרויסע העקטאָגראַפירטע
פּראָקלאַמאַציע—די ערשטע רעוואָלוציאָנער־יידישע פּראָקלאַמאַציע אין קיעוו. זי איז גע=
ווען געחתמעט „אַ גרופּע אינטעליגענטן־יידן", אָנגעשריבן האָט זי אַנשעלעס: גאַנץ רייך
אין רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, איז זי געווען אָרים לויטן אינהאַלט. ס'איז אָנגע=
וויזן געוואָרן אויף דער נויטיקייט פון נייע וועגן אין קאַמף פאַר דער יידישער גלייכ=
באַרעכטיגונג; די וועגן אַליין אָבער האָט מען ניט אָנגעוויזן, זיי זיינען פאַר די אַוו=
טאָרן גופא פון דער פּראָקלאַמאַציע געווען פאַרבאָרגן אין פינסטערניש. ניט געקוקט
אויף דער סאָציאַליסטישער פראַזעאָלאָגיע, איז די פּראָקלאַמאַציע געווען אָנגעשריבן אין
רעוואָלוציאָנערן נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישן גייסט. און שוין אין איר צווייטער פּראָקלאַ=
מאַציע ווייזט די „גרופּע אינטעליגענטן־יידן" אָן דירעקט און קאַטעגאָריש אויפן „בונד",
ווי אויף דער קראַפט, וואָס וועט צוזאַמען מיט דער רוסישער סאָציאַליסטישער אַרבע=
טער־באַוועגונג אויסקעמפן די גלייכבאַרעכטיגונג פאַר יידן. ווייטער ווי פון גלייכבאַ=

~

רעכטיגונג האָט מען ניט גערעדט. די פּראַגע וועגן נאַציאָנאַלע רעכט האָט זיך ניט אויפגעהויבן אין אונזער סביבה. די נאַציאָנאַלע אַוטאָנאָמיע איז נאָך געווען אַן אומבאַקאַנטער באַגריף.

דער „בונד" האָט גלייך אויסגעפּירעמט די אומבאַשטימטע נאַציאָנאַלע זיכענישן. דער אַקטיווער סאָציאַליסטישער קרייזל האָט געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. ס'איז געגעבן געוואָרן אַ גלייכצייטיקער און קאָאָרדינירטער ענטפער אויף די סאָציאַליסטישע און נאַציאָנאַלע פראַגן.

די יידישע סטודענטישע אָרגאַניזאַציע האָט אָפּגעשפּילט איר ראָלע און האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערצופאַלן. די ציוניסטן זיינען נאָך פריער אַוועק פון איר.

וועגן בונד האָט מען געוואוסט ווייניק; ריכטיקער, מ'האָט גאָרניט געוואוסט. אַ צוויי דריי בראָשורן, אַ צופעליקער נומער פון די „כּאָסלעדניאַ איזוויעסטיאַ"—דאָס איז דער גאַנצער קוואַל, וואָס די „גרופּע אינטעליגענטן-יידן" האָט געהאַט אין איר רשות אויף צו שעפּן פון איר ידיעות וועגן „בונד". און טאַקע מחמת דעם איז די שיין צרום „בונד" געווען נאָך העלער. אַ נייע וועלט האָט זיך געעפנט פאַר אונזערע אויגן. אין דער ווייטער ליטע האָבן יידישע אַרבעטער, וואָס רעדן ניט רוסיש, העלדיש פאַרווירקליכט דאָס, וועגן וואָס מיר, אינטעליגענטן, האָבן בלויז געטרוימט, בלויז געשמועסט. די קראַפט פון דער אָרגאַניזאַציע, איר צעצווייגטקייט, דאָס וואָס מ'קען זי ניט כאַפּן, דאָס אַלץ האָט שטאַרק אימפּאָנירט. אין אונזער פאָרשטעלונג וועגן „בונד" איז געווען אַן אָפּשיין פון מיסטיק. מיר האָבן ניט פשוט געהאַט דרך-ארץ פאַר אים; מיר האָבן געגלויבט אין אים. און וואַרטענדיק אויף זיין קומען, האָבן מיר זיך באַמיט אים צו געפינען. מיר האָבן געזוכט דעם „בונד, דער „בונד" האָט דעמאָלט אויך אונז געזוכט.

אין זומער 1900 האָט זיך די אַקטיווע אַרבעט פון דער גרופּע אינטעליגענטן אָפּגעשטעלט. נאָר די מיטגלידער פון קרייזל זיינען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן אויף וואַקאַציעס מיטן פעסטן באַשלוס צוצוטרעטן צו פּראַקטישער אַרבעט, פאַרבונדן זיך מיטן „בונד", אָנהויבן אָרגאַניזירן קרייזן צווישן די קיעווער יידישע אַרבעטער. דעם זומער איז געשטאָרבן אַנשעלעס, וועלכער האָט געשפּילט די אָנפירנדיקע ראָלע אין קרייזל. דער „בונד" האָט אין אים פאַרלאָרן אַ קומענדיקן ווערטפולן טוער. ער איז געווען עלטער פון אַנדערע, געבילדעטער פון אַנדערע. צו אים האָט צוגעצויגן זיין נשמה-ריינקייט, זיין אויפריכטיקייט, די פעהיקייט אָפּצוגעבן זיך דער אַרבעט.

אין זיין דירה אויף פּאָדאָל פלעגן מיר זיך אָפט פאַרזיצן און בויען צוקונפטספּלענער. בעת אונזערע וכּוחים פלעגט אַ שווייגנדיקער סטודענט, וואָס האָט געוואוינט ביי אַנשעלעס ביי זיין און פלעגט דאָרשטיק איינשלינגען די פאַר אים נייע אידייען און ווערטער. דאָס איז געווען נאָוואָמייסקי; אונטערן פסעוודאָנים אָלגין איז ער איצט באַקאַנט אַלע יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד און אַמעריקע.

די קלאַנגען וועגן דער יידישער סטודענטישער אָרגאַניזאַציע און וועגן דער גרופּע „אינטעליגענטן-יידן" זיינען דערגאַנגען צום „בונד". דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט זיך מיט זיי פאַראינטערעסירט. נחן (פּאָרטנאָי) איז געגעבן געוואָרן די שליחות אָפּצוזוכן די גרופּע און אַריינטרעטן אין פאַרבינדונגען מיט איר. דאָס צו טון איז, אַ פּנים, געווען ניט שווער. אין באַרדיטשעוו האָט זיך שוין דעמאָלט געפירט אַ בונדישע אַרבעט. אין הארבסט 1900 האָט זיך נח אין קיעוו באַגעגענט מיט העוקינען, כּהנען און זאַסלאַווסקין. ער האָט זיך פּערזענלעך באַקאַנט מיט דער גרופּע, און אים האָט, אַ פּנים,

ניט באַפרידיקט די אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטישע אומבאַשטימטקייט פון דער גרופּע. די אָנפירער זיינען געווען בונדיסטן, ניט זייענדיק נאָך גוט באַקאַנט מיטן „בונד“, און די דורכשניטליכע מיטגלידער זיינען געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקער געמיש פון פּאָליטישע שאַטירונגען. פאָרמעל האָט נאָך עקסיסטירט און האָט זיך נאָך אָנגערופן אומפּאַרטייאיש די יידישע סטודענטישע אָרגאַניזאַציע.

עטוואָס שפּעטער, ווינטער 1900—1901, האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרבונדונגען מיט די יידישע אַרבעטער אין קיעוו. די מיטגלידער פון דער „גרופּע“ האָבן צוזאַמען מיט אַנדערע פּערזאָנען נאָך פון פאַבריקן יאָר געפירט אַ קולטורעלע אַרבעט אין די פאָרשטעט. זי האָט זיך אָנגעהויבן פון לעקציעס איבער פיזיק, וואָס כהן האָט מיט גרויס ערפאָלג געלייענט אין איינער פון די שולן אויף פּאָדאָל: געהערט האָבן אים אַרבעטער; געלייענט האָט ער אויף רוסיש. אַן אויסגעצייכנטער רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר, האָט כהן אַרומגעקליבן אַרום זיך אַ קליינע גרופּע; מ׳האָט געקויפט אַ כשוף־לאַמטערן, און באַלד איז די „לאַמטערן־קאָמיסיע“ געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער. זי האָט עקסיסטירט אָן דער ערלויבעניש פון דער מאַכט, אָן תקנות. דאָס געלט אויף הוצאות פלעגט מען קריגן פון אָוונטן, פון מיטפּילנדיקע. די פאַרוואַלטונגען פון די בתי־מדרשים אויף סאָלאָמענקע, דעמיעווקע, פּאָדאָל האָבן גערן צוגעלאָזט די לעקטאָרן. די פּראָגראַם פון די לעקציעס האָט זיך אינגיכן פאַרברייטערט. פון נאַטור־וויסנשאַפט האָט מען אָנגעהויבן איבערגיין צו קולטור־געשיכטע. נאָך אַ וויסנשאַפטליכער לעקציע פלעגט מען געווינליך לייענען ניט קיין גרויסע בעלעטריסטישע ווערק. זייער רוסישער אויסוואַל איז געווען ניט איינגעגעבן; מ׳האָט אָנגעהויבן איבערצוגיין אויף יידיש.

אַז ס׳איז אַוועק דאָס יאָר, האָט מען אויפגעהויבן די פראַגע וועגן לייענען אין יידיש אויך אַלגעמיין־וויסנשאַפטליכע קורסן. צוהערער פלעגן זיין אויף אַ לעקציע העכער 100, כמעט דורכאויס אַרבעטער. אַלס לעקטאָרן פלעגן אַרויסטרעטן כהן, הענקין, זאַסלאַווסקי—אויף רוסיש, פיינשטיין, הייליקמאַן—אויף יידיש. אויף די שמועסן מכוח די לעקציעס האָבן זיך פאַרבונדן באַקאַנטשאַפטן מיט דעם מער אַקטיוון טייל פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט, און די זאַקנמאַכערין ווערע האָט אין גיכן אַריינגעטראָגן אַ קאָנקרעטן פאָרשלאַג צו בילדן אַ קרייזל יידישע אַרבעטער, כדי צו פירן לימודים וועגן סאָציאַליזם און פּאָליטישער עקאָנאָמיע; מ׳האָט גערעדט וועגן אַ בונדישן קרייזל.

פּאַראַלעל מיט דעם האָט זיך אַרויסגערוקט אַ צווייטע אַרבעט: צושטעלן בונדישע ליטעראַטור. פון צייט צו צייט פלעגט קומען צו פאָרן נח, פלעגט זאַמלען געלט, באַקענען מיט דעם, וואָס ס׳טוט זיך אין „בונד“; אויף אָפּגערעדטע אַדרעסן פלעגט אָנקומען אומלעגאַלע ליטעראַטור. די „גרופּע אינטעליגענטן יידן“ האָט אויך ווייטער אַרויסגעלאָזט העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציעס, וואו זי האָט זיך אָפּגערופן אויף פאַרשיידענע טאָג־פראַגן, זי איז אפילו צוגעטראָטן צום אַרויסגעבן אומלעגאַלע בראָשורן. די מיטגלידער פון דער גרופּע האָבן גענומען אַ טיכטיקן, אפילו אַן אָנפירנדיקן אָנטייל אין אַקטיוון פּאָליטישן לעבן; זיי האָבן געפירט אַן ענערגישן קאַמף מיט די קרייזלעך פון „יונגע ציוניסטן“, קדימה׳אָוועצעס און אַנד.

די אַרבעט האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט. מ׳האָט אָנגעמערקט צו רעאָרגאַניזירן די „גרופּע אינטעליגענטן־יידן“ אין אַ גרופּע מיטפילער פון „בונד“. די געשעענישן האָבן אָבער איבערגעריסן די דאָזיקע אַרבעט. די סטודענטישע אומרוען, דאָס אָפּגעבן סטודענטן פאַר סאָלדאַטן, די דעמאָנסטראַציעס און אַרעסטן האָבן רואינירט די אָרגאַניזאַציע. אַ טייל אַקטיווע טוער פון דער ייד. סטודענטישער אָרגאַניזאַציע,—צווישן זיי נאַ=

וואָמייסקי, גוראָוויטש,—האָט מען אָפּגעגעבען פאַר סאָלדאַטן; זאַסלאַווסקין האָט מען אויסגעשלאָסן פון אוניווערסיטעט און אַרויסגעשיקט אויף צוויי יאָר: הענקין האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט און איז אַוועקגעפאָרן; כהן איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. די „לאַמטערן-קאָמיסיע“ איז זיך צעפאַלן, די פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן זיך איינשטעלן זיינען פאַרלוירן געגאַנגען.

אין דעם נייעם יאָר האָט די גרופּע ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן. די יידישע סטודענטישע אָרגאַניזאַציע איז ענדגילטיק ליקווידירט געוואָרן, די פּאָליטישע דיפערענצירונג האָט שוין ניט דערלאָזט קיין איבערגאַנגס-שאַטירונגען. די, וואָס ביי זיי האָט די נאַציאָנאַלע שטימונג דאָמינירט איבער דער סאָציאַליסטישער, ווער ס'האָט ניט געקענט פאַראייניקן אין איין סינטעז די צוויי הנחות-זיינען געגאַנגען צו די „וואָזראָזשדעניע“ קרייזן. דערפאַר זיינען פון דאָרט צום „בונד“ איבערגעגאַנגען די, וואָס זיי האָט אָפּגעשטויסן דער נאַציאָנאַליזם פון די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע אידייען. ש. גינזבורג (גיסער), א. זאָלאָטאַריעוו זיינען צוגעשטאַנען צו די בונדיסטן. די גרופּע האָט אָנגענומען דעם נאָמען „פּרייהייט“, אַ גרופּע פון מיטהעלפן דעם „בונד“. זי איז נאָך אַלץ אַן אינטעליגענטישע אָרגאַניזאַציע, דער עיקר אַ סטודענטישע. זי האָט זיך אָבער געשטעלט אויפגאַבן פון אַקטיווער אַרבעט,—די ערשטע צייט צווישן דער אינטעליגענץ, דער שטודירנדיקער יוגנט. אין די „פּאָסל. איזוועסטיע“ איז געווען אָפּגעדרוקט אירע אַ באַגריסונג דעם „בונד“.

ס'הויבט זיך אָן פאַרשטאַרקן דער יידישער קולטור-עלעמעט אין לעבן פון דער גרופּע. די גרינדער פון דער „גרופּע אינטעליגענטן-יידן“ האָבן ניט גערעדט אויף יידיש און זיינען ניט געווען באַקאַנט ניט מיט דער יידישער ליטעראַטור, ניט מיטן יידישן לעבן. נאָר אין דער גרופּע איז שוין געגאַנגען יענע יוגנט, וועלכע איז געקומען פון דער יידישער סביבה, איז פון איר אַרויסגעוואַקסן און האָט זיך מיט איר צוזויפגעוואַקסן; ניט נאָר גערעדט, נאָר אויך געשריבן און געדענקט אויף יידיש. אין די יאָרן 1902—1903 ווערן מ. נאָוואָמייסקי צוזאַמען מיט ט. הייליקמאַנען, א. גוראָוויטשן און אנד. די אָנפירער פון דער גרופּע. מ'אָרדנט איין רעפעראַטן אויף טעמעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ס'הויבן זיך אָן ויכוחים וועגן נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע. ס'איז פאַראַן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיטן צ. ק., וואָס פון אים פאָרט אַן פון צייט צו צייט יונה (קאָיגען). פאַר אַ ברייטערן עולם לייענט מ. ליבער זיין ערשטן פאָרטראָג אין קיעוו.

די דאָזיקע ריין-אינטעליגענטישע אַרבעט באַפרידיקט ניט די גרופּע. אָבער ניט לויט איר באַשטאַנד, ניט לויט דער פערזענליכער ערפאַרונג איז זי ניט ביכולת צו באַפרידיקן די פאָדערונגען, וואָס גייען פון די אַרבעטער. אין קיעוו ווייסט מען שוין פון „בונד“ די אַרבעטער ווענדן זיך צו דער גרופּע, זי האָט אָבער ניט קיין אָרגאַניזאַטאָרן און אַגיטאַטאָרן, וואָס זאָלן האָבן דורכגעגאַנגען אַ בונדישע שול.

אין יאָר 1903 רעאָרגאַניזירט זיך די גרופּע „פּרייהייט“ אין דער „קיעווער גרופּע פון בונד“. דאָס יאָר קען מען רעכענען פאַרן אָנהויב פון דער אַרבעט פון קיעווער בונדישער אָרגאַניזאַציע. דער צענטר. קאָמיטעט שיקט צו אַ ספּעציעלן אָרגאַניזאַטאָר פאַר אַרבעטער דעם ח' איסאַק (צביהס ברודער), אַ פעהיקן, אָבער ניט גענוג ענערגישן טוער. ס'ווערט אָרגאַניזירט אַ „סכאָדקע“, וואָס אין איר גייען דערווייל אַריין מער אינטעליגענטן. צוליב דער אַרבעט צווישן דער אינטעליגענץ ווערט אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, איבער דער סכאָדקע אַ געהיימער קאָמיטעט, וואָס וועגן זיין עקסיסטענץ

שטויסט זיך די „סכאָדקע“ אָן, זי האָט אָבער קיין רעכט ניט אָפיציעל וועגן איס צו וויסן. פאַר איר עקסיסטירט נאָר אַ „פאָרשטייער“, וועלכער האָט באַציהונגען מיטן צ.-ק. אין ערשטן קאָמיטעט פֿון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע זיינען אַריינגעגאַנגען: נאָוואָמייסקי. ראָזע רייכינשטיין, ד. זאַסלאַווסקי און איסאַק. אויסער זיי, זיינען געווען אַקטיווע מיטגלידער פֿון דער גרופּע: היילִיקמאַן, גוראָוויטש, האָפּניק, גינזבורג, אייזנבערג און אַנד.

ס'האָט זיך גלייך אַנטוויקלט אַ ברייטע און לעבעדיקע אַרבעט. צווישן די אַרבעטער האָט די גרופּע געהאַט גרויס ערפֿאָלג. אויף קאָנסטאַנטינאָווער גאַס אויף פּאָדאָל האָט מען אָרגאַניזירט אַ „בערזע“—גאָר אַ נייס פֿאַר קיעוו. מ'האָט פֿאַרבונדן פֿעסטע באַציהונגען מיט פֿאַרשיידענע פֿאַכן, מ'האָט אָרגאַניזירט פֿאַך-קאָמיסיעס: נאָוואָמייסקי האָט זיך אָפּגעגעבן דער פּראָפּאָגאַנדע צווישן אַרבעטער און איז אין גיכן געוואָרן זעהר פּאָפּולער. ער האָט גיך געמאַכט זיין בונדישע קאַריערע, און צום נייעם יאָר האָט מען אים איבערגעפירט קיין ווילנע אַלס אַ מיטגליד פֿון קאָמיטעט. דאָרט טאַקע האָט מען אים אַרעסטירט ערב דעם ערשטן מאַי.

ווי אַן אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, האָט די קיעווער אָרגאַניזאַציע ניט געקענט האָבן קיין באַטייט אין „בונד“. די צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָט ניט דערגרייכט אפילו ביז הונדערט. יעדע פּאָליציייִשע „אָבלאַווע“ אויף רעכטלאָזע יידן פֿלעגט אַראָפּשווינקען די אָרגאַניזאַציע און אַוועקנעמען אירע מיטגלידער נאָר ווי אַן אינטעליגענטישע גרופּע אין אַ גרויסער שטאָט, האָט זיך די קיעווער אָרגאַניזאַציע אויסגעטיילט אין „בונד“ האָט אַנטוויקלט אַ גרויסע ליטעראַרישע טעטיקייט, האָט אַרויסגעלאָזט אַ רייע פּראָקלאַמאַציעס, פֿלעגט באַדינען אַ היפּשן ראַיאָן. איר הויפּט-באַטייט איז אָבער געווען אין עפּעס אַנדערש.

דאָס איז געווען אַ צייט, ווען אין „בונד“ האָט זיך באַשטימט זיין נאַציאָנאַלע פּראָגראַם,—די פּראָגראַם, וואָס פֿאַר איר האָט ער געפירט אַזאַ עקשנותדיקן קאַמף.

טאַפּענדיק זיינען די אָנפירנדיקע בונדישע קרייזן געגאַנגען צו דער קולטור-נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע. „אויסלאַנד“ איז געווען דרייסטער. דאָרט האָט מען לויט די מוסטערן פֿון ברינער פּאַרטיי-טאָג צונויפגעשטעלט אַ באַקוועמע סכעמע, וועלכע האָט אונטערגעקויפט מיט איר לאָגישער איינפאַכקייט און גאַנצקייט די „צעקיסטן“-פּראַקטיקער אין רוסלאַנד זיינען פּאָרזיכטיק און מיט אומצוטרוי צוגעגאַנגען צו דער סכעמע. די נייע אידייען האָבן זיך אָבער דורכגעבראָכן אַ וועג.

אין ערשטן נומער פֿון זשורנאַל „דער בונד“ האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל, וואָס האָט נאָך ניט אַנטשיידן, אומבאַשטימט, מיט האַלבע רמזים גערעדט וועגן די באַזונדערע אינטערעסן פֿון דער יידישער נאַציע, וואָס פֿאָדערן אַ באַזונדערן רעכטליכן שוץ, גאַראַנטיעס א. א. וו. ווענן די דאָזיקע פֿראַגן האָבן זיך דעמאָלט געפירט לעבעדיקע ויכּוחים אין די בונדישע „דיסקוסיעס“ און „סכאָדקעס“. די קיעווער גרופּע האָט אַריינגעטראָגן איר באַזונדערע „דרומדיקע“ נאָטע אין די ויכּוחים. פֿון איר איז אַרויס די אָפּאָזיציע צו די צו ווייט גייענדיקע אַנשויאונגען אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. אויף דעם אַרטיקל אין ערשטן נומער „בונד“ האָט זיך די גרופּע אָפּגערופֿן מיט אַ רעזאָלוציע, וואו זי איז שאַרף מתרה קעגן נאַציאָנאַליזם.

דעם ערשטן מאַי (18 אַפּריל) 1904 איז איינגעאָרדנט געוואָרן די ערשטע בונדישע מאַסאָווקע אין וואַלד. דאָס איז געווען אַ גרויס געשעעניש אין לעבן פֿון דער קיעווער אָרגאַניזאַציע, איר ערשטער אַרויספֿאָר אין דער וועלט. די פֿאַרזאַמלונג איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין וואַלד אין „פּושטשע-וואָדיצע“ – אַ זומער-וואוינונג אַרום קיעוו, —

לויט אַלע כּללים פֿון איינאָרדענען אַזוינע פֿאַרזאַמלונגען. אויפֿן גאַנצן וועג פֿון דער שטאָטישער סטאַנציע ביזן וואַלד האָט מען צעשטעלט וואַכלייט; ס׳איז געווען אַן אָפּגערעטע סיגנאַליזאַציע. ס׳האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַ מאַן 70—80 אַרבעטער, גאָלע יוגנט. ד. זאַסלאַווסקי האָט געהאַלטן אַ רעדע (אויף רוסיש) וועגן יום־טוב פֿון ערשטן מאַי, אויף דער זעלבער טעמע האָט גערעדט אייזנבערג אויף יידיש. דערנאָך האָט יאַקאָב,— אַן אָרגאַניזאַטאָר. צוגעשיקט פֿון צענטער, וואָס האָט פֿאַרביטן איסאַקן — גערעדט וועגן די אויפֿגאַבן פֿון דער אָרגאַניזאַציע.

פֿרילינג 1904 האָט מען זאַסלאַווסקין איבערגעפֿירט קיין ווילנע — אויפֿן אָרט פֿון נאָוואָמייסקין, וועלכער איז דורכגעפֿאַלן. אין אַ צוויי־דריי חדשים אַרום איז ער אויך דורכגעפֿאַלן. אין ווילנער טורמע, אויף לוקישקעס, האָבן זיי זיך ביידע באַגעגנט אין איין קאַמער.

אין יאָר 1904 הויבט זיך אָן דאָס היסטאָרישע לעבן פֿון קיעווער אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד“. אין יאָר 1905 קומט פֿאָר איר ערשטער מאַסן־דורכפֿאַל.

פֿון דער צייט אָן קאָן מען טיילווייז אויפֿשטעלן די געשיכטע פֿון דער קיעווער אָרגאַניזאַציע ניט נאָר לויט די זכרונות פֿון אירע אנטיילנעמער, נאָר אויך לויט דאָקומענטן פֿון קיעווער אָכראַנקע און פֿון דער גובערניאַלער זשאַנדאַרמען־פֿאַרוואַלטונג.

קיעוו. ד. זאַסלאַווסקי.

בראָניסלאַוו גראָסערס אויטאָביאָגראַפיע.*)

אין אַ געוויסן מאָמענט פון מיין לעבן האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין: דו וועסט אַרבעטן אין דער יידישער אָרגאַניזאַציע.

ווי אַזוי איז דאָס געשען? פאַרוואָס איז דאָס געשען? וואָס האָט מיך דערצו באַוואויגן און צוליב וואָס האָב איך דאָס געטאָן?

ס׳פאַרשטייט זיך, די ערקלערונג, וועלכע איך גיב דאָ, איז אַ שפּעטערדיקע, נאָכדעם ווי ס׳איז אַריבער אַ ריי יאָרן. ס׳קאָן זיין, איצט געדענק איך שוין ניט אַזוי ענוי: סיי די אויסערליכע אומשטאַנדן, סיי מיינע אייגענע איבערלעבונגען. ס׳קאָן זיין, אייניקע אָנשויאונגען און געפילן, וועלכע איך שפּיר אין זיך שוין לאַנג, זיינען ביי מיר אַנטשטאַנען שפּעטער, איידער מיר דוכט זיך איצט. קורץ, די געוויינליכע שוועריקייטן פון יעדער היסטאָרישער באַטראַכטונג. פון איין זייט, „פליט מינערוואס סאָווע אַרויס נאָר ביינאַכט" **), מ׳מוז זיך דערווייטערן אויף אַ געוויסן מהלך, כדי צו זען אַלע טיילן פונם בילד. אָבער פון דער אַנדער זייט, ווען די צייט פאַרגייט, מעקט זיך זעהר פיל אויס. קודם כל איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז דאָס, וואָס זעט היינט אויס קלאָר און איינפאַך, האָט נעכטן געמאַכט אַן איינדרוק פון פאַרפּלאָנטערט און ניט קלאָר. דעריבער נעמען מיר געדאַנקען און איבערלעבונגען, וואָס זיינען געוועזן שפּעטער, און טראָגן זיי אַריבער אין אַ פריערדיקער צייט. אין אַ געשיכטע פון אַלטן גריכלאַנד מוז אַ געוויסער טייל פון דער באַפאַרבונג, באַלייכטונג דערקלערט ווערן דורך דער שטימונג פונם היינטיקן פראַנצויז אָדער ענגלענדער, וואָס האָט די דאָזיקע געשיכטע געשריבן. דאָס זעלבע, נאָר נאָך בולטער און שאַרפער, קומט פאָר אויך, בשעת מ׳באַטראַכט די געשיכטע פונם אייגענעם לעבן. דעריבער מוז מען דערביי באַזונדערס אויפמערקזאַם היטן, אַז די פאַקטן זאָלן וואָס גענויער איבערגעגעבן ווערן.

איך בין געבוירן געוואָרן אין מיעכאָוו, אַ קליין שטעטל פון קעלצער גובערניע,

---

*) די אויטאָביאָגראַפיע איז געשריבן אין יאָר 1911, אַ יאָר פאַר גראָסערס טויט, נאָכדעם, ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון וואַרשעווער טורמע און איז אַ קראַנקער אַריבערגעפאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט עס געשריבן אין פויליש פאַר זיין טאָכטער, דאַמאָלט נאָך אַ קינד פון פיר יאָר.

מיר דרוקן דאָ דעם טייל, וואָס זיין פרוי, ח׳ וויאַטשיסלאַווע גראָסער, האָט געפונען פאַר נויטיק צו פאַרעפנטליכן.

אין די העכערע קלאַסן גימנאַזיע, וואו גראָסער האָט געשפּילט אַ ראָלע אין די גימנאַזיסטן־קרייזלעך, איז ער געווען אין די יאָרן 1901—1903. רעד.

**) מינערוואַ—די אַלט־רוימישע געטין פון חכמה און וויסנשאַפט. לויט דער מיטאָלאָגיע פלעגט זי ערשיינען מיט אַ נאַכט־פויגל, אַ סאָווע. דער דאָזיקער פויגל איז דעריבער אַ סימבאָל פון וויסנשאַפט. דאָס שפּריכוואָרט האָט צו זאָגן: באַטראַכטן און אָפּשאַצן אַלזייטיק אַ געוויסע ערשיינונג קאָן מען נאָר, ווען זי איז שוין פאַרענדיקט. רעד.

אויף דעם קראַקויער טראַקט. מיינע עלטערן האָבן דאָרט פיל יאָרן געוואוינט און זיינען פון דאָרט אַוועקגעפאָרן, ווען איך בין, דוכט זיך, אַלט געווען 5 יאָר. דאָס הויז פון מיינע עלטערן איז געווען אינגאַנצן פאַרפּוילישט. זיי האָבן געהערט צו די אינטעליגענטע קרייזן און האָבן ניט געהאַט קיין שום שייכות צו אמונה־פראַגן. דעריבער האָב איך אין די ערשטע יאָרן פון קינדהייט ניט באַמערקט אין דער וועלט, וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט, קיין שום זאַך, וואָס זאָל דערמאָנען וואָסער ניט איז שייכות צו יידן...

... מיין פּאָטער איז געווען דער פּאָפּולערסטער אַדוואָקאַט אין יענער געגנט, פלעגט פיל פאַרדינען, איז געווען געשעצט אין שטעטל, האָט געהאַט אַ מגע ומשא נאָר מיט קריסטן. אינם הויז פון מיינע עלטערן פלעגט פאַרקערן די גאַנצע אָרטיקע „סמעטענע", די קסיאָנדזן אויך. איך דערמאָן מיך, ווי איך פלעג זיך שפּילן אינם שטאָט־גערטלביים קלויסטער, פלעג מיך גריסן מיט די קסיאָנדזן, ווי מיט גוטע באַקאַנטע, פלעג גיין מיט דער דינסט אין קלויסטער, (ס'איז מסתמא געווען איר אייגענער אויפטו) און האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איך האָב אַ שייכות צו יידן. אגב, האָב איך וועגן דעם ניט געוואוסט שפּעטער אויך, אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט, נאָך פיל יאָרן אין וואַרשע. איך געדענק איין בולטן פאַקט: איך האב דעמאלט געקענט אַלט זיין אַ יאָר 8. איך בין געפאָרן מיט מיין מוטער און מיט דער שוועסטער בעלאַ אין טראַמוואַי, אויף לעשנא. אויף דעם בענקל, וואו מיר זיינען געזעסן, האָט זיך געזעצט עפּעס אַ ייד. איך האָב אַ וואָרט ניט געזאָגט, בין אויפגעשטאַנען און האָב זיך געזעצט אויף אַן אַנדער באַנק. איך האָב דאָס געטאָן עפּעס, ווי פון אַ מין עקל, דעמאָנסטראַטיוו. פאַרוואָס איז דאָס געבליבן אין מיין זכרון? אפשר האָט זיך איינגעפרעסט אין אים דאָס עגמת נפש פון מיין מוטער, וואָס האָט מיך דעמאָלט געוואונדערט און געגנויט צו געדענקען עס; ווי איך פאַרשטיי היינט, האָט מיין מוטער זיך מצער געווען, נאָר מחמת איר דעמאָקראַטישן אינסטינקט. אפשר איז מיין מאַרך דורכגענומען געוואָרן דורך דעם אויסדרוק פון דעם דאָזיקן יידנס אויגן, זיין אומענדליך טרויעריקן בליק. איצט טראַכט איך אַמאָל: צי האָט ער טאַקע אַזוי אַ קוק געטאָן, אָדער דאָס דוכט זיך מיר נאָר איצט. דערויף קען איך באַשטימט ניט ענטפערן. אָבער דער פאַקט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין דעמאָלדיקער שטימונג, איך רעכן ניט, די יידישע אָפּשטאַמונג פון מיין שכן איז דאָ געווען די סיבה. מיך האָט גיכער אָפּגעשטויסן דער שמוץ. אָבער פריערים האָבן מיך ניט אָפּגעשטויסן, פון זיי וואָלט איך מיך ניט אָפּגערוקט. דאָ האָט געשפּילט אַ ראָלע דאָס באַוואוסטזיין פון פולקומער פרעמדקייט.

עס איז מיר גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז צווישן מיר און אָט דעם מענטשן איז פאַראַן, אָדער עס קען זיין עפּעס אַ שייכות. דוכט זיך, איך בין דערפון געוואָר געוואָרן פאַר די עקזאַמענס אין „פּריגאָטאָוויטעלנעם" קלאַס גימנאַזיע. איך האָב געזאָלט האַלטן אַ „קאָנקורס־עקזאַמען". צום ערשטן מאָל האָב איך דערהערט, אַז פאַר מיר זיינען דאָ עפּעס באַזונדערע רעכט, ווייל איך בין אַ ייד. איך געדענק מיין אומבאַשרייבליך דערשטוינען, בעת איך האָב זיך וועגן דעם דערוואוסט. מער וועגן יענער צייט געדענק איך ניט.

דאָס אָנקומען אין גימנאַזיע האָט בכלל באַשאַפן אין מיין לעבן אַ גאַנצע עפּאָכע. דאָס איז געווען אַ קריטישער מאָמענט אויך אויפן געביט פון די געפילן, וועלכע איך באַשרייב דאָ. פון דער ערשטער רגע אָן האָב איך זיך דערוואוסט און האָב דערפילט, אַז איך בין אַ ייד. איך בין ניט געגאַנגען אויף די שטונדן פון קאַטוילישער רעליגיע,

איך האָב געלערנט יידישע רעליגיע. פאַקטיש איז דאָס געווען דער איינציקער אונטערשייד צווישן מיר און מיינע חברים. אָבער אַחוץ מיר זיינען אין קלאַס געווען נאָך אַנדערע יידן. אין דער דריטער גימנאַזיע, וועלכע איך האָב געענדיקט, זיינען קיין רוסן ניט געווען. ס'זיינען געווען צוויי קאַטעגאָריעס, פּאָליאַקן און יידן. איך האָב באַלד דערפילט, אַז דאָס זיינען צוויי קאַטעגאָריעס: דאָס הייפל חברים יידן האָבן זיך געהאַלטן אַזוי ווי צוזאַמען און אַ ביסל אָפּגעזונדערט. איבעריגנס, איינהייטליך איז דאָס הייפל ניט געווען. פון איין זייט איז געשטאַנען, אויב איך האָט ניט קיין טעות, אַ רוסישער ייד—איזגור. דעם צענטר האָבן געבילדעט ענדעלמאַן, דאַטינער, האַלפּערן און אַנדערע. פון דער אַנדער זייט האָבן זיך געפונען איך און קאַזימיר נאַטאַנזאָנס זון, יוליאַן. מיר ביידע האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון דער יידישער גרופּקע, האָבן געלעבט נאָר מיט די פּאָליאַקן. אין וואָס האָט זיך אויסגעדריקט די אָפּגעזונדערטקייט פון דער יידישער גרופּקע? אפשר אין דעם, וואָס זיי האָבן מער געקלעפּט צו אַנאַנד. אָבער גראָד די דאָזיקע אָפּגעזונדערקייט פלעגט זיך אַרויסווייזן, ווען ס'פלעגן קומען שטורמישע מינוטן. בעת ס'פלעגט זיך צווישן די יינגלעך טרעפן אַ סכסוך, אַ קריג, אַ געשלעג,—פלעגט זיך אַרויסווייזן די אָפּגעזונדערטקייט פון דער יידישער גרופּקע. אינם שטרייט, אינם צאָרן, אין דער אויפרעגונג פלעגט זיך אין די קינדערשע נשמות אַנטפּלעקן דער איינגעוואָרצלטער קוק אויף יידן, ווי אויף עפּעס אַ באַזונדערס, אַן ערגערס, מינדערווערטיקס. די ווערטער ייד ווי אַ זידלוואָרט, עפּטער „זשיד“ „שייגעץ“— פלעגט זיך גאַנץ אָפט לאָזן הערן אין קלאַס. דאָס איז אפשר געווען די ערשטע ערפאַרונג, וועלכע האָט מיר אַריינגעגעבן דעם געדאַנק, אַז איך געהער צו אַ באַזונדער קלאַס מענשן, ניט נאָר פון שטאַנדפּונקט פונם עלענטן געזעץ, נאָר אויך לויט די אנשויאונגען פון די, וואָס רינגלען מיך אַרום. איבעריגנס, האָט אין מיר אַזאַ געפיל געקענט אַנשטיין נאָר אומדירעקט. דירעקט האָט מען מיך געשוינט.

אויף מיין וועג האָט זיך דעמאָלט צום ערשטן מאָל געשטעלט די פּאָרמל, וועלכע איך האָב שפּעטער אַזוי פיל מאָל געהערט: „דו ביסט אייגנטליך ניט קיין ייד, דו ביסט אַן אַנדערער“,—די פּאָרמל, וועלכע מ'זאָגט אַרויס מיט דעם בעסטן מיין און וועלכע האָט אין זיך אַזוי פיל באַליידיקנדיקס, די פּאָרמל, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך ספּעציפיש שאַרף אָפּ די טראַגעדיע פון דער יידישער אָפּשטאַמונג. און אפשר האָט זי מיר דעמאָלט געגעבן אַ געוויסע באַפרידיגונג. ניט נאָר אַ באַפרידיגונג. מיר דוכט זיך, איך האָב שוין דעמאָלט געפילט, ווי ביטער עס איז צו געהערן צו אַ גרופּע מענשן, וואָס האַלטן זיך אָפּגעזונדערט פון איר רעכנט מען פאַר אַ בעלה;—נאָר פונדעסטוועגן בין איך צופרידן געווען דערמיט, וואָס איך בין פאָרט „אַן אַנדערער“, „אַ באַזונדערער“, „אַן אויסגענומענער“. איך געדענק, ווי איך האָב אַמאָל געשמועסט מיט נאַטאַנסאָנען וועגן דעם, אין וואָס באַטייט אונזער „יידישקייט“. און מיר האָבן ניט געקאָנט געפינען קיין ענטפער. „ביי אונז אין הויז איז אַלץ אַזוי, ווי אין אַנדערע הייזער“. מיר פלעגן דערציילן איינער דעם צווייטן: „איך זאָג „פאָטער-אונזער“—פלעגט מיט אַ שטיקל באַרימעריי זאָגן נאַטאַנסאָן. „איך דאַוון ניט—האָב איך געענטפערט, אָבער איך קאָן נאָר די דאָזיקע תפלה“. מיר זיינען דאַמאָלט געווען אין ערשטן קלאַס, אויב דער זכרון נאַרט מיך ניט.

און אַז איך בין געווען אין צווייטן קלאַס, איז מיט מיר געשען אַ מעשה, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן טומל, און וועלכע מיינע „פּאָליטישע“ געגנער האָבן נאָך פאַראַיאָרן דערציילט אויף עפנטליכע פאַרזאַמלונגען. נאַטירליך, איז אין גימנאַזיע געווען

פאַרבאָטן צו רעדן אויף פויליש. דערפאַר האָט געקומט שטרענגע שטראָף. און נאַטירליך האָבן מיר גערעדט נאָר אויף פויליש. אַנדערש האָט ניט געקאָנט זיין. דער פאַרבאָט האָט געהאַט נאַר איין רעזולטאַט. מיר האָבן זיך באַמיט צו טון דאָס בשתיקה, דער פאַרבאָט האָט מיטגעבראַכט, אַז מיר זיינען זיך געוואָרן באַוואוסט, אַז מיר רעדן אויף פויליש. די שטראָפן פלעגן דערוועקן פליכט־געפיל, סאָלידאַריטעט, עקשנות און דאָרשט נאָך נקמה. אויף פויליש האָבן גערעדט אַלע, דאָס הייסט רוסישע יידן אויך. נאַטירליך האָב איך אויך גערעדט אויף פויליש. און איין מאָל האָט מיך ביי דעם „פאַרברעך" געכאַפט דער אינספעקטאָר און מאַטעמאַטיק־לערער יורקעוויטש. ער האָט מיך געכאַפט בשעת זיין לעקציע און האָט פאַרפירט מיט מיר אַ ויכוח. די פרטים געדענק איך שוין ניט, אָבער דער מאָראַלער זינען איז באַשטאַנען דערין, אַז ס'איז נאָך סוף כל סוף מוחל צו זיין, ווען אויף פויליש רעדן פאָליאַקן, אָבער איך, אַ ייד, קאָן אפילו ניט פאַרענטפערן זיך מיט מיין געפיל, מיט דער געוויינהייט. איך האָב זיך געפילט טיף באַליידיקט. איך האָב ערקלערט, אַז איך בין אַ פאָליאַק, אַזאַ ווי אַלע אַנדערע, איך האָב די זעלבע רעכט און פליכטן. נאָך אַ שעה געשפרעך מיטן אינספעקטאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ צווייטס, מיטן קלאַסן־אויפזעער, דעם שכור און פאַרדאַרבער פון דער יוגנט, כאָדיראָוו. דאָס געשפרעך האָט געדויערט אַ שעה. פון די פרטים געדענק איך נאָך דעם אָנהויב. „ווער בין איך?" האָט מיך געפרעגט כאָדיראָוו. אַ פאַרוואונדערטער, האָב איך אָנגערופען זיין נאָמען. „ניין, איך פרעג, צו וועלכער נאַציע געהער איך?"—„אַ רוס?"—„ניין, איך ביך אַ רוסישער אינדיאַנער".—„דאָס קען ניט זיין".—„אָט אַזוי קען מען ניט זיין קיין „פוילישער ייד". „און אַ פראַוואָסלאַוונער אינדיאַנער קען זיין?"—האָב איך געפרעגט.—„אודאי"—„אָט אַזוי קען מען זיין אַ פאָליאַק־אַ ייד".

די פראָבלעם—רעליגיע אָדער נאַציאָנאַליטעט—האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם דיאַלאָג. ס'פאַרשטייט זיך, דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן קריטיש באַטראַכטן די געדאַנקען פון אַן עלפיאָריק יינגל. דער פאַקט אַליין איז דאָך געווען סימפטאָמאַטיש פאַר דער אַטמאָספער, אין וועלכער איך בין אויסגעוואַקסן. דאָס געשפרעך האָט זיך געפירט פאַרן גאַנצן קלאַס. די חברים האָבן זיך מיט מיר סאָלידאַריזירט. די שילער פון די עלטערע קלאַסן פלעגן קומען אויף מיר אַ קוק געבן, דער לערער פון פויליש לאַניעווסקי האָט בשתיקה פון דער נאַטשאַלסטווע געהאַלטן מיט טרערן אין די אויגן אַ רעדע צום גאַנצן קלאַס און צו מיר. די געשיכטע איז געוואָרן באַקאַנט אין שטאָט. זי האָט געהאַט אויף מיר אַ גרויסע ווירקונג. אפשר האָב איך דעמאָלט צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז אויף מיר, ווי אַ יידן אַ פאָליאַק, ליגן עפּעס באַזונדערע פליכטן. איבעריגנס, האָב איך זיי פאַרשטאַנען אין עקסט־אַסימילאַטאָרישן גייסט. פון דער דאָזיקער געשיכטע אָן האָט מען אין קלאַס אָנגעהויבן צו אָנערקענען מיין אויטאָריטעט.

דרייסטע איבערצייגונגען, אָפן אַרויסגעזאָגט פאַר דער נאַטשאַלסטווע,—דאָס איז אַ גרויסע מעלה אין די אויגן פון יינגלעך. די פאָליאַקן האָבן מיך אָנגעהויבן צו באַטראַכטן גאָר אינגאַנצן ווי זייערן. די יידן האָבן מיך ניט געטאַדלט, זיי האָבן גערן געזען אין מיר אַ בריק, וואָס קאָן זיי פאַרבינדן מיט דער סביבה. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז אפשר געווען דאָס, וואָס מיין געדאַנק, פון נאַטור לאָגיש, האָט זיך ניט געקענט באַנוגענען מיט אַ טריאומף אויף אַ וויילע. די יידישע פראַגע האָט צוגעצויגן צו זיך מיין אויפמערקזאַמקייט, איך האָב וועגן איר אָנגעהויבן טראַכטן, איינגעשפאַרט און אינטעסיוו. און אפשר פון דעם מאָמענט אָן האָב איך קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו אינטערעסירן זיך מיט איר.

איך בין געווען אין פערטן קלאַס, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען העברע־איש מיט מיין פאַרשטאָרבענעם פעטער לעאָן גראָסליק. דאָס איז געווען איינער פון די מענשן, וועלכע זיינען אַליין אַרויסגעקומען פון דער יידישער מאַסע. ביז אַ יאָר 20 האָט ער געטראָגן לאַנגע קליידער. אויפן שטערן האָט ער געהאַט אַ קאַרב פון אַ שטיין, וואָס מ'האָט אין אים געוואָרפן בעת אַ פּאָגראָם אין די אַכציקער יאָרן. אין דער צייט, ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, איז גראָסליק געווען פון קאָפּ ביז די פיס אַן אייראָ־פּייער. ער האָט געהאַט אַ סך קענטעניש, וואָס ער האָט זיך אָנגעשאַפט, ווי אַן אויטאָ־דידאַקט. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער יידישער גמינע אין וואַרשע און האָט פּאַקטיש געפירט אירע ענינים. פון אַנדערע אַסימילירטע יידן האָט ער זיך פּרינ־ציפּיעל אונטערשיידט דערמיט, וואָס ער האָט סיי אויסערליך, סיי אינערליך ניט געריסן די בענדער, וואָס האָבן אים פאַראייניגט מיטן יידנטום. געווען אַן אַסימילאַטאָר לויט זיינע איבערצייגונגען, זיכער, אַז יידן קענען גראַטעוועט ווערן נאָר אויף דעם וועג. אָבער די יידישע מאַסע האָט ער טיף געליבט, האָט אָן אויפהער עפּעס געטאָן פאַר איר, האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס האָט זיך געטאָן צווישן יידן, האָט גע־לעבט מיט זייער לעבן. ווי אַזוי האָט זיך דאָס געטראָפן, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען ביי אים העברעאיש, קען איך מיך שוין איצט ניט דערמאָנען. אַלנפאַלס איז דאָס אַ באַשטימטער באַווייז, אַז דאָס יידנטום האָט אָנגעהויבן צו עקסיסטירן פאַר מיר און האָט מיך אַלץ מער אינטערעסירט. דאָס האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעוויזן אויך אויף אַ באַזונדער אופן.

בשעת איך בין געווען אין פינפטן קלאַס, האָט גראָסליק געפייערט דעם פינף־און־צוואַנציק־יאָריקן יובליי פון זיין טעטיקייט אין דער גמינע. אינם טאָג פון דעם יו־בליי האָב איך אים געגעבן אַ מתנה. דאָס איז געווען די געשיכטע פון יידן אין פּוילן, געשריבן אין פיר העפטן. איך האָב אין איר אַריינגעלייגט אַן ערך אַ האַלב יאָר אַרבעט. איך האָב איבערגעלייענט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דעם ענין, אַלץ, וואָס איך האָב ביי יענע באַדינגונגען געקענט קריגן. איין עקזעמפּלאַר, איבערגעשריבן אויף אַ מאַשין, האָב איך דורך סציפּיאָן געשיקט אויף עפּעס אַ קאָנקורס און מער האָב איך אים שוין ניט געזען. די העפטן האָבן זיך אויך ערגיץ פאַרוואַלגערט, און איך האָב ניט דאָס איינציקע „וויסנשאַפטליכע ווערק״, וואָס איך האָב אין מיין לעבן באַ־שאַפן. איך דערמאָן מיך נאָך גענוי, אַז די לעצטע זייטן זיינען געווען אַן אַפּאָלאָגיע פון סאָציאַליזם, וועלכער וועט „אַלץ לייזן״, צווישן אַנדערע זאַכן אויך די „יידישע פראַגע״, נאַטירליך דורך אַסימילאַציע. דערפון מאַך איך דעם אויספיר, אַז, אַריבערגיי־ענדיק אין זעקסטן קלאַס, בין איך שוין לויט מיינע איבערצייגונגען געווען אַ פול־שטענדיק באַשטימטער סאָציאַליסט, אַז איך האָב אפשר מער געפילט, איידער קלאָר פאַרשטאַנען די פאַרבינדונג צווישן דער יידישער און דער סאָציאַלער פראַגע, אַז איך האָב מיך זעהר אינטערעסירט מיט יידן, און אַז איך האָב פונדעסטוועגן דעם אויסוועג געזען נאָר אין אַסימילאַציע.

פון דעמאָלט אָן הויבט זיך ביי מיר אָן אַ גאַנץ גיכע אַנטוויקלונג אויף דעם געביט. איך בין געווען איינער פון די טעטיקסטע מיטגלידער אין די קרייזלעך פון דער גימנאַזיע־יוגנט. די דאָזיקע קרייזלעך זיינען עד היום ניט גענוג באַשריבן. אפשר וועל איך דיר ווען עס איז אויספירליכער דערציילן. דערווייל נאָר אַ פּאָר ווערטער אַלס ערקלערונג. דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע פאַר זעלבסטבילדונג. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט שילער־פונם פינפטן קלאַס אָן. אין דער אָרגאַניזאַציע פלעגט מען

אויסקלייבן און צולאָזן נאָר זעהר אָנשטענדיקע און אַנטוויקעלטע יינגלעך. נאַטירליך, איז די אָרגאַניזאַציע געווען אַ געהיימע און אַ צענטראַליזירטע. מיר האָבן דאָרט שטודירט זאַכן, וואָס מ'האָט ניט געלערנט אין דער שולע, אָבער קודם כּל האָבן מיר זיך געלערנט צו זיין סאָלידאַריש און קאָנספּיראַטיוו. אין אָנהויב האָט זיך דער אונטערשייד אין די מיינונגען וויניק געלאָזט פילן. בשעת איך בין אַריינגעטראָטן אין דער אָרגאַניזאַציע, זיינען דאָ געווען אַלע, לאָמיר זאָגן, אויף וועלכע מ'האָט זיך פּאָליצייאיש געקענט פאַרלאָזן. אַז איך האָב געהאַלטן ביי ענדיקן די גימנאַזיע, האָבן שוין עקסיסטירט צוויי אָרגאַניזאַציעס—אַ נ. ד.-קישע און אַ „פּראָגרעסיווע". אויף אַזאַ אויפן איז בשעת מיין שטודיום אין גימנאַזיע פֿאָרגעקומען אַן אינערליכער קאַמף, אַ דיפֿערענצירונג און צעשפּאַלטונג. עס איז ניט קיין ספק: „מאַגנאַ פאַרס פואי*"). איך בין געווען פעאיק, רעדנעריש באַגאַבט, ענערגיש, ניט געלאָזט זיך בויגן. איך האָב באַלד פאַרנומען איינעם פון די ערשטע פּלעצער אין דער יוגנט-באַוועגונג. פאַרשטייט זיך, איך האָב געהערט צו דער לינקסטער גרופּע. אינם פּראָצעס פון דעם דאָזיקן קאַמף האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט מיינע סאָציאַליסטישע מיינונגען, איך האָב אָנגעהויבן בעסער צו אָריענטירן זיך אין דער יידן-פראַגע. אַ דעקלעראַציע וועגן דעם האָב איך געמאַכט פּלוצלונג, אַ ביסל אומגעריכט פאַר זיך אַליין—ביי פאָלגענדיקע אומשטאַנדן.

ביי דעם שוין איצט פאַרשטאָרבענעם שפּיצבאַרט איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון דעם אַזוי אָנגערופענעם צענטראַלן יוגנט-קרייז. די פאַרזאַמלונג איז געווען זעהר אַ שטורמישע. די מערהייט איז נאָך דעמאָלט געווען ביי אונז, ביי די „פּראָגרעסיסטן",— אָבער די קרעפטן פון ביידע טיילן זיינען שוין געווען כּמעט גלייך. מ'האָט געהאַלטן ביי איינשטעלן אַ נאָרמאַל-פּראָגראַם פאַר די קרייזן. די נאַראָדאָווע ז'עמאָקראַטן זיינען באַשטאַנען דערויף, אַז די הויפּט-אויפמערקזאַמקייט זאָל געווענדט ווערן אויף די „פּוילישע" לימודים—און מיר האָבן געפאָדערט גלייכבאַרעכטיגונג פאַר די סאָציאַלע וויסנשאַפטן. עמיצער פון די נ. ד.-קישע „לידערס" האָט מאָטיווירט זייער פאָדערונג אַן ערך אַזוי: די מיטגלידער פון די קרייזן זיינען פּאָליאַקן, אַלזאָ, דאַרף מען די אויפמערקזאַמקייט ווענדן דער עיקר אויף פּוילישע לימודים. אין די קרייזלעך זיינען דאָ ניט בלויז פּאָליאַקן, האָט עמיצער פון אונזערע געענטפערט: דאָרט זיינען פאַראַן אויך ליטווינער, רוסן, אוקראַינער, יידן. דאָס קען ניט זיין—האָבן ערקלערט די נ. ד., ניט-פּאָליאַקן דאַרף מען אויסשליסן. ס'איז געקומען מיין צייט צו רעדן. איך האָב געוואוסט, אַז מ'האָט פאַר מיר מורא און דרך ארץ, איך בין געווען דער רעדאַקטאָר פונם צענטראַל-אָרגאַן „רוך" (באַוועגונג), די צענטראַל-פיגור פון די ראַדיקאַלסטע. איך בין אין אַ געוויסער מאָס געווען דער עצה-געבער ביים פאָרזיצער פונם קרייז, וואַצעק וו., געווען אַ נאָענטער פריינט סציפּיאָנס, וועמען אַלע האָבן געשעצט. איך האָב באַשלאָסן צו וואַרפן מיין אייגענע פערזענליכקייט אויף דער וואָגשאָל פון דער שטרייט-פראַגע. „אויב אַזוי, שליסט אויס מיך, האָב איך ערקלערט, ווייל איך בין ניט קיין פּאָליאַק, איך בין אַ ייד". אַלע זיינען דערשטוינט, צעמישט. פאַר די פּראָגרעסיסטן, וואָס האָבן זיך געוואַקלט, האָט מיין דעקלאַראַציע קלאָר געמאַכט די פראַגע. אויב די נ. ד.-שע טעאָריע האָט פּראַקטיש געפירט צום אויסשליסן מיך, איז קלאָר, אַז די טעאָריע האָט געמוזט זיין פאַלש. די נ. ד. האָבן פאַרשטאַנען, אַז זייער לאַגע איז אַן אומבאַקוועמע. ס'איז געבליבן צו ערקלערן, אַז איך ווער ניט אויסגעשלאָסן. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי גענומען

*) „איך בין געווען אַ גרויסער טייל", ד. ה. אַזוי פיל ווי: איך האָב דאָ געשפּילט ניט די לעצטע ראָלע.
רעד.

מעלדן, אַז איך מעג נאַטירליך זאָגן, וואָס איך וויל, אָבער זיי האַלטן מיך פאַר אַ פּאָליאַק, צו מיר האָט דאָס אַלץ קיין שייכות ניט. עס האָט זיך באַשאַפן, ווי איך זע איצט, אַ קוריאָזע לאַגע. די נ. ד. זיינען באַשטאַנען אויף מיין „פּוילישקייט", איך האָב עקשנותדיק געטענעט, אַז איך בין ניט קיין פּאָליאַק. סוף כּל סוף האָט מען דעם ענין וועגן אויסשליסן די ניט-פּאָליאַקן געשטעלט אויף אַלגעמיינער אָפּשטימונג מיט אַזאַ מין פּירוש: „גראָסערס ענין". דער נאָמען האָט געטאָן דאָס זייניקע. די דריטע גימנאַזיע, מיין דירעקטע אָרגאַניזאַציע, האָט ערקלערט: מ'קען שטעלן די פראַגע נאָר וועגן אויסשליסן פון דער צענטראַל-פאַראייניגונג די גאַנצע דריטע גימנאַזיע, זיי וועלן מיך ניט אויסשליסן. די מערהייט אָרגאַניזירטע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אונזער פּלאַטפאָרמע. אָבער די ליידנשאַפטן האָבן זיך צעפלאַקערט, די אָפּשטימונג, דאָס ציילן די שטימען האָבן אַרויסגערופן אַ ריי מעלדונגען, צוזאַמען אַרבעטן האָט מען שוין ניט געקענט. עס איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג.

ביי אַזאַ לאַגע האָב איך צום ערשטן מאָל אין לעבן עפנטליך ערקלערט, אַז איך בין אַ ייד. איך בין דעמאָלט געווען. אויב איך האָב ניט קיין טעות, אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע. איך האָב געמאַכט די דאָזיקע ערקלערונג ביי אַן אייגנטימליכער סיטואַציע, און זי האָט געבראַכט צו אייגנטימליכע רעזולטאַטן, דאָס איז ניט געווען קיין דעקלאַראַציע וועגן דער יידן-פראַגע; קודם כּל האָט זי אַנגערירט מיך אַליין. ס'איז ניט געווען קיין רייד וועגן דעם, אַז יידן דאַרפן באַקומען אַזעלכע און אַזעלכע רעכט, אָבער ס'איז אַנטשטאַנען די פראַגע, צי בין איך אַ ייד. ס'האָט זיך באַשאַפן אַ סיטואַציע, וועלכע מ'וואָלט פאַראַדאָקסאַל געקענט פאָרמולירן אַזוי: ניט איך געניס די רעכט, וואָס געהערן צו יידן, יידן דאַרפן געניסן די רעכט, וואָס געהערן מיר. פון דער פראַגע וועגן מיינע פערזענליכע איבערלעבונגען איז אַנשטאַנען אַן אָביעקט פון שטרייט.

בכלל האָבן מענטשן אַ טבע צו אַרגומענטירן מיט פערזענליכע טעמים, צוצוגעבן אַלע פראַגן אַ פערזענליכן, אַ פּריוואַטן כאַראַקטער. אין דעם פאַל האָב איך אַליין געגעבן זיי אַ געוויסן גרונט דערצו. ביז היינטיקן טאָג פיל איך נאָך די רעזולטאַטן דערפון. יעדער פילט זיך באַרעכטיקט, אַנשטאָט צו רעדן וועגן דער יידן-פראַגע, עפנטליך צו באַהאַנדלען מיינע פערזענליכע ענינים. פון דער אַנדער זייט האָט די דאָזיקע דעקלאַראַציע אויך מיך געבונדן. איך בין געוואָרן אַזוי ווי אַ פאַרקערפּערטע דעמאָנסטראַציע. מיין אָפּזונדערונג האָט מען צוגעגעבן אַן אַלגעמיינע באַדייטונג, איך האָב ניט געקענט זיך ניט רעכענען דערמיט, איך קאָן דאָס איצט אויך ניט.

אַלגעמיינע כּללים זיינען איינפאַכער, איידער פערזענליכע איבערלעבונגען. איך האָב געמוזט קינסטליך אַריינגיסן מיינע איבערלעבונגען אין אַזאַ איינפאַכער פאָרם, אַז זי זאָל קענען דינען פאַר אַ ביישפּיל פאַר אַלגעמיינע כּללים. די אינערליכע איבערלעבונגען האָבן זיך דערפון, נאַטירליך, ניט איבערגעביטן. עס איז געבליבן, עס האָט געמוזט בלייבן אַ דיסאָנאַנס צווישן די אינערליכע איבערלעבונגען און אויסערליכן אויסדרוק, צווישן דעםווירקליכן אינהאַלט און דער פאָרם, אין וועלכער דער דאָזיקער אינהאַלט פלעגט אַרויסטרעטן. פון דער אַנדער זייט, און אפשר דווקא דערפאַר, איז זיך די יידן-פראַגע אַזוי שטאַרק צונויפגעוואַקסן מיט מיין פערזענליכן לעבן. איך בין שוין לאַנג אַרויסגעגאַנגען פונם איינגן קרייז פון די שילער-פאַרהעלטנישן אויף דער אַרענע פון געזעלשאַפטליכן לעבן, אויף וועלכער עס ווערן אָפּגעמעקט אינדיווידועלע אינטערעסן און ס'טרעפן זיך מענטשליכע מאַסן,—באַדייטן איינצעלנע פערזענליכקייטן ווייניק. מיין פערזענליכקייט האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו ווירקן אויף דעם צושטאַנד פון

די יידיש־פוילישע באציהונגען. אָבער די לאגע האָט זיך געביטן פונקט פארקערט. אין מיר, ווי אין א פערקערפערטער דעמאָנסטראציע, האָט אָנגעהויבן פערזענליך און דירעקט אָפּצושפּיגלען זיך דער צושטאנד פון די יידיש־פוילישע באציהונגען. אלץ, וואָס איז געווען געווענדעט אנטקעגן יידן, איז דורכגעגאנגען דורך מיין „איך“. וואָס איז דער וואונדער, אַז דאס דאזיקע פראבלעם איז געווארן פאַר מיר איינע פון די וויכטיקסטע, גאר אינטימע, פערזענליכע איבערלעבונגען?

. . . .

די דאזיקע יוגנטליכע דעקלאַראַציע איז קודם כל געווען אַ דעמאנכטראַציע. נאַטירליך האט זיך די דאזיקע דעמאנסטראַציע געצייטיקט אין מיין נשמה; דאס פריערדיקע געפיל פון פרעמדקייט צו יידן האט געמוזט זעהר אפגעשוואַכט ווערן, די אינטערעסן פון יידן, די נגישות, וואס מען פלעגט זיי אנטון, האבן מיך געמוזט שטאַרק אנגיין,—אויב איך האב זיך אנטשלאָסן אויף דער דאזיקער דעמאנסטראציע. אבער זי האט פונדעסטוועגן ניט געשטימט מיט דעם ווירקליכן צושטאנד. אַ באַווייז—אַ ריי קליינע, אָבער באַדייטונג־פולע פאַקטן. די טעטיגקייט צווישן דער יוגנט האט מיך שוין מער ניט באַפרידיקט. ניט געהערנדיק צו קיין שום פּאַרטיי, ניט זוכנדיק קיין וועגן, האב איך אויף אייגענער אחריות צוזאמען מיט עטליכע יונגע לייט פארבונדן זיך מיט אַרבעטער, אנגעהויבן ארגאניזירן פראפאגאַנדיסטישע קרייזן, לייענען לעקציעס. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז איך האב געארבעט צווישן פוילישע ארבעטער, און אויב איך האב קיין טעות נישט, איז מיר אפילו ניט איינגעפאַלן צו זוכן יידישע ארבעטער. צווישן די יידישע שילער האט זיך געהאַט געגרינדעט א הילפס־קאסע, מיטן ציל צו שטיצן חברים, וואס האבן מחמת די באגרענצונגען ניט געקענט אנקומען אין אוניווערסיטעט און געמוזט פארן קיין אויסלאנד. איך בין געווען דער ערשטער פארזיצער פון דער דאזיקער קאסע. און דאך האט זיך צווישן מיר און צווישן דער מערהייט ארגאניזירטע אין גיכן ארויסגעוויזן אַן אונטערשייד אין איבערלעבונגען און מיינונגען.

איך געדענק שוין ניט, ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען, נאָר אין גיכן האָבן זיך געבילדעט צוויי קאַסעס. איינע—מיט דער פריערדיקער קאָמפּעטענץ, בראש פון דער צווייטער בין איך געשטאַנען, און זי האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שטיצן ניט נאָר יידן, נאָר אויך פּרויען, „ווייל ס׳האַנדעלט זיך ניט נאָר וועגן דער יידישער פראַגע ספּעציעל, ס׳גייט דאָ אום געזעלשאַפטליכער אומגערעכטיקייט“. ניט דאָס איז וויכטיק, וואָסער קאָנצעפּציע איז געווען ריכטיקער און וועמענס טעטיגקייט ס׳איז געווען מער צוועקמעסיק,—וויכטיק איז, אַז נאָך מיר איז געגאַנגען על פי רוב די אַסימילירטע יוגנט; די מער יידישע עלעמענטן זיינען געבליבן אין דער אַלטער קאַסע, און צווישן זיי אַ סך פון מיינע קומענדיקע חברים.

מיין קוק אויף דער יידן־פראַגע איז געווען זעהר נעפּלהאַפטיק, איך האָב געהאַלטן יידן פאַר עפּעס באַזונדערס, איך האָב מיך אַליין צוגערעכנט צו דער דאָזיקער באַזונדערער גרופּע; דאָס געפיל פון גערעכטיקייט, פון פערזענליכער ווערדע האָבן מיר באַפוילן צו פאָדערן פאַר דער גרופּע אַלזייטיקע גלייכבאַרעכטיגונג,—אָבער, דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך מיר קלאָר ניט פאָרגעשטעלט, וואָס פאַר אַ רעאַלע רעכט דאָס דאַרפן זיין. דאָס אַלץ האָט אויסגעזען אַ ביסל מעטאַפיזיש.

נאָך דעם, ווי איך בין אַריבער אין זיבעטן קלאַס, האָב איך פאַרבראַכט אין קאַזימערזש. דאָרט בין איך באַקאַנט און נאָענט געוואָרן מיט איינעם פ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער יידן־פראַגע האָבן מיר ביידע גלייכע געדאַנקען און געפילן. מיר האָבן

באַשלאָסן צו פאַרנעמען זיך מיט אָרגאַניזירן די יידישע סאָציאַליסטישע יוגנט. איך געדענק: מיט דעם ציל זיינען מיר ביידע געפאָרן קיין פלאָצק. דאָרט זיינען מיר געווען ביי ג. איך בין באַקענט געוואָרן מיט א. און י. ג.

איך דערמאָן מיך גענוי, ווי איך האָב פאַר זיי אַנטוויקלט מיינע אָנשויאונגען אויף דער יידן־פראַגע. אַ ביסל נעפּלהאַפטע, אַזוי ווי מיסטישע אָנשויאונגען. דער הויפּט־געדאַנק איז געווען: אמת, יידן בילדן אַ באַזונדער גרופּע, אָבער די דאָזיקע באַזונדערהייט קאָן זיך אויסדריקן נאָר אין דעם, וואָס דינענדיק דער אידייע, שפּילן זיי צווישן די אַנדערע די ראָלע פון זייער באַוואוסטזיין. ספּעציפיש־יידישער פּאַטריאָטיזם, עפּעס אַ גלויבן אין דער ראָלע פונם „אויסדערוויילטן פאָלק“ האָט זיך אין דער קאָנצעפּציע פאַראייניקט מיט דער אוממעגליכקייט צו באַהאַנדלען דאָס יידנטום רעאַל, ווי אַ נאַציע, וואָס עקסיסטירט נעבן אַנדערע נאַציעס.

אין אַלגעמיין איז מיין סקעפּטישער און ניכטערער שכל ניט געוויינט געווען צו נערן זיך און צו פאַרנעפּלן זיך מיט מיסטישע אָנשויאונגען. בלויז אין דעם איינציקן געביט האָב איך איבערגעלעבט אַזאַ מין פּעריאָד. איך רעכן, אַז מ׳קאָן דאָס דערקלערן אויף אַזאַ אופן: אַליין בין איך געוויינט געוואָרן צו באַציהען די יידישע פראַגע קודם כל אויף מיר, אַזוי צו זאָגן, מעסטן זי אויף מיר. איך האָב געקאָנט אָננעמען נאָר אַזאַ קאָנצעפּציע פון יידנטום, וועלכע זאָל, ניט איגנאָרירנדיק דאָס שוין באַוואוסט געוואָרענע געפיל פון באַזונדערהייט, פונדעסטוועגן ניט צווינגען מיך אַרויסצוגיין פון די גרעניצן פונם פּוילישן לעבן. און איך האָב געזוכט אַזאַ קאָנצעפּציע דורך מיסטיש באַפאַרבטע קלערענישן וועגן דער ראָלע פון יידנטום. איך געדענק, אַז נאָכדעם ווי א. ג. האָט מיך אויסגעהערט, האָט ער געזאָגט: „ווען איך הער אייך, טראַכט איך, אז אייגנטליך שטייט איר אויפן שטאַנדפּונקט פון בונד, נאָר איר פלאָנטערט זיך אַליין. איר גיט צו עפּעס פּאָעזיע, מיסטיק, עפּעס אַזאַ מין זאַך“. איך האָב מיך פאַרטראַכט און האָב גאָרניט געענפערט.

איך האָב געוואוסט וועגן דער עקסיסטענץ פון בונד. אָבער די אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן זיינען דעמאָלט געווען אומבאַדייטנד, שוואַך. אינם פּוילישן לעבן האָבן זיי זיך ניט געלאָזט הערן. קיין פאַרבינדונגען האָב איך מיט זיי קיינמאָל ניט געהאַט, אַ השגה וועגן דעם, וואָס דער בונד וויל, האָב איך געהאַט אַ שוואַכע. אגב, האָט דער דעמאָלטיקער בונד אַליין רעכט ניט געוואוסט, וואָס ער וויל אויפן געביט פון דער יידן־פראַגע. און דאָך האָט ג.־ס פראַזע מיך איבערראַשט, זי האָט אַזוי ווי אויפגעוועקט אין מיר עפּעס א סטרונע; אַזוי ווי דערמאָנט וועגן עטוואָס וויכטיקס, וואָס מ׳מוז פאַרשטיין און באַשליסן.

אָט אַזוי האָט זיך פאַר מיר, אויף מיין אייגענעם לעבנסוועג, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געשטעלט דער געדאַנק וועגן בונד. אויף מיינע פּראַקטישע פּלענער האָט דאָס אָבער ניט געווירקט. מיט מיין גאָר נאָענטן אָנטייל איז אנטשטאַנען דער „פאַרבאַנד פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער יוגנט“, וועלכער האָט ארומגענומען יונגע לייט אָן אונטערשייד פון נאַציע.

איך בין געווען אַ מיטגליד אינם פאָרשטאַנד פונם פאַרבאַנד. כדי צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער ער האָט געטראָגן, דאַרף מען דערמאָנען וועגן אַ צווייטן פאַרבאַנד, וועלכער איז אַנטשטאַנען אַ ביסל פריער, — „פאַרבאַנד פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער יוגנט“. די נשמה פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען דער פאַרשטאָרבענער באָהדאַן ברעשעל, עלטער פאַר מיר מיט עטליכע יאָר.

די דיפערענצירונג צווישן דער יוגנט איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער. מ׳האָט זיך שוין ניט באַפרידיקט מיט דער אַלגעמיין־פּראָגרעסיווער אָרגאַניזאַציע, מ׳ן

בילדונגס־צוועקן, וועלכע האָט אַרומגענומען אַלץ ברייטערע קרייזן. דער קאַמף מיט דער שול־נאַטשאַלסטווע האָט זיך פאַ־שאַרפט, מ׳האָט געמוזט אָנפירן מיט אים; ס׳האָט זיך געוואָלט אַרבעטן צווישן די אַרבעטער; ס׳האָט געצויגן צו פארבינדן זיך מיט די פּאַרטייען. עס האָבן זיך געבילדעט קאַדרען פון באַוואוסטזיניקע סאָציאַליסטישע יונגע לייט, וועלכע האָבן שוין געוואָלט ארבעטן, אָדער געוואוסט, אז זיי גרייטן זיך צו דער סאָציאַליסטישער ארבעט. דאָס שפּיל איז שוין געווען א סך געפערליכער, די אָרגאַניזאַציע—קאָנספּיראַטיווער. ברעשעל און אנדערע האָבן שוין געהאַט ריין פּאַרטייאישע, באַשטימטע סימפּאַטיעס, זיי זיינען געווען אָנהענגער פון דער פּאָר־רעוואָלוציאָנערער פּ. פּ. ס. אונטער דער אָנפירונג פון פּ. פּ. ס. האָבן זיי באַשאַפן א יוגנט־פאַרבאַנד, וועלכער האָט געזאָלט צוגרייטן צוקונפטיקע טוער פאַר דער פּאַרטיי. מיר האָט מען ניט פאָרגעלייגט אריינצוגיין אין דעם פאַרבאַנד. טיילווייז דערפאַר, ווייל איך האָב ניט געהאַלטן בסוד, אַז איך גלויב ניט אין דעם „סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם“. די אינערליכע סתירות אינם אַלטן פּראָגראַם פון דער פּ. פּ. ס. האָבן זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן. אָבער ס׳איז געווען נאָך אַ טעם: זיי האָבן פאַראייניקט די „פּוילישע“ יוגנט. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָבן יונגע לייט, חברים, אפילו נאָענטע פריינט, ניט צוגערעכנט מיך צו דער „פּויל־שער“ יוגנט. איך האָב באשאפן א פּאַראַלעלע אָרגאַניזאַציע. להיפוך צום „פּוילישן“ פאַרבאַנד האָט אונזערער זיך ניט באַגרענ־צט מיט וואָסער עס איז נאַציע. להיפך צום פּאַרטייאישן כאַראַקטער פון יענעם „פאַרבאַנד“ איז אונזערער געווען אומפּאַרטייאיש „אומאָפּהענגיק“. אָבער די אָנגעזעענסטע פּ.פּ.ס. צווישן דער יוגנט זיינען געגאַנגען אַהין; ביי אונז האָבן זיך נאַטירליך פאַראייניקט די געגנער פון „סאָציאַל־פּאַטריאָטן“ סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין דער אָרגאַניזאַציע זיינען אויסגעוואַקסן פיל צוקונפטיקע טוער פון דער ס. ד. פון פּוילן און ליטע, פון „בונד“, פון „פּראָלעטאַריאַט“. קורץ וועל איך נאָך באַמערקן, אַז ברעשעל איז אין גיכן אַוועק, אין אַ יאָר אַרום האָבן זיך בײדע אָרגאַניזאַציעס פאַראייניקט, פאַר אַ פּלאַטפאָרמע האָבן זיי גענומען „אומפּאַרטייאישקייט“. איך בין געווען ביי דער פאַראייניגונג, דערנאָך בין איך אַוועקגעפאָרן.

גיך האָט זיך געענדיקט די צייט פון צוגרייטן זיך, עס האָבן זיך אָנגעהויבן הייסע צייטן, דער פאַרבאַנד האָט געגעבן די פּאַרטייען אַ סך פעהיקע מענשן. אַ געוויסער טייל איז אומגעקומען בשעת דער רעוואָלוציע, אַ טייל איז גאָר פאַרדאָרבן געוואָרן (ביאַלאָסטאָצקי, קענסיציקי, רודאָמינאַ). אַנדערע אַרבעטן עד היום אין פאַרשיידענע פּאַרטייען. דער פאַרבאַנד האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו עקסיסטירן. אין אָנהויב פון דער עקסיסטענץ פון „פאַרבאַנד“ האָט זיך מיט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט די ס. ד. פון פּוילן און ליטע. אין „פשעגליאָנד ס. ר.“ האָט מען וועגן אים געדרוקט לויב־אַרטיקלען, קריטיקירענדיק בלויז זיין אומפּאַרטייאישקייט, אין דער זעלבער צייט האָט מען זיך פאַראינטערעסירט מיט מיר. איך בין געווען דער איינפלוס־רייכסטער מענש אין דער אָרגאַניזאַציע. סיי צוליב מיר אַליין, סיי צוליב מיין איינפלוס האָט מען מיך געוואָלט אָנווערבן. איך האָב זיך געהאַלטן נעגאַטיוו. מיין פאָרמעלער ענטפער איז געווען, אַז איך וויל נאָך ניט אַרבעטן אין דער פּאַרטיי. אָבער אין פּריוואַטע געשפּרעכן מיט זיי, און נאָך מער מיט זיך אַליין, האָב איך מיר געשטעלט די פראַגע: צי איז ניט מיין פליכט—צו גיין אַרבעטן צווישן יידן? אַלנפאַלס האָב איך מיך באַמיט צו דינען אויך זיי, אויף וויפיל דאָס איז געווען אומאָפּהענגיק פון פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט. איך האָב זיך געקווינקלט, געשלאָגן זיך מיט דער דעה.

אין יענער צייט זיינען ג. געקומען קיין וואַרשע. זיי זיינען אַריין אין „פאַרבאַנד“, פלעגן זיך אָפט טרעפן מיט מיר, און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי ביידע אָנגעהויבן צו ארבעטן אין דער אַ־טיקער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“. ניט דערציילנדיג וועגן זיך, האָב איך

מיך נאָכגעפרעגט, וואָס ווערט געטאָן, ווי אַזוי; איך האָב מיך געזוכט צו אָריענטירן אין די פֿאַרהעלטענישן.

איין מאָל אין אָוונט האָט מיר ג. סודות־פֿול געזאָגט: „איך וואָלט דיך ווען באַקאַנט מאַכן מיט איינער אַ חברטע". איך האָב מסכּים געווען, מיר זיינען געגאַנגען צו אַ. אַ. איז ליידנשאַפֿטליך אָנגעפֿאַלן אויף מיר. סטייטש, איר זיינט אַ ייד, לויט די איבערצייגונגען אַ בונדיסט, און ווילט פֿאַר אונז גאָר נישט ניט טון. איך האָב ערקלערט, אַז איך קען מיך נאָך אַליין ניט אַנטשליסן. אין דער זעלבער צייט בין איך באַלד מרוצה געוואָרן אויף אָר־גאַניזירן אינם פֿאַרבאַנד אַ ריי דיסקוסיע־אָוונטן. זיי זיינען פֿאָרגעקומען. די נאַציאָנאַלע פֿראַגע האָט מען באַרירט. איצט האָבן זיך מיט מיר פֿאַראינטערעסירט אָנגעזעענע בונדיסטן. איך בין בכּח געווען צו געבן זיי מיט אַמאָל אַן אוידיטאָריע, באַשאַפֿן אַ קאָנטאַקט מיט דער אָרטיקער יוגנט, בין געווען פֿעהיק, רעדנעריש באַגאַבט, געווען איינפֿלוסרייך, האָב געקאָנט דינען פֿאַר אַ פֿאַרבינדונג צווישן בונד און דעם אָרטיקן פּויליש־יידישן לעבן.

איין מאָל האָב איך צוליב די געשעפֿטן פֿונם פֿאַרבאַנד געדאַרפֿט פֿאָרן קיין לאָדז. עס האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך ל. ער האָט געבעטן איבערגעבן אַ בריוו דער איצט שוין פֿאַרשטאָרבענער עזאַ ליפּשיץ. אַגב, האָט ער געפּרובט אַגיטירן מיך. דעם בריוו האָב איך גענומען, די פּרובן פֿון אַגיטאַציע אָפּגעווענדט, מיר האָבן זיך צעשיידט קאַלט. אין לאָדז בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט עזאַ ל. און מיט אַנדערע אָרטיקע טוער, געווען מיט זיי אויף אַן אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונג אין וואַלד און האָב צום ערשטן מאָל דערזען אַ יידישע אַרבעטער־מאַסע, דערהערט די „שבֿועה". איך האָב מיך נאָך אַלץ געקווייקלט, אָבער דער כאַראַקטער פֿון מײַנע ספֿקות האָט זיך איבערגעביטן. איך האָב זיך געזאָגט: א. איז גערעכט, איך מוז אַרבעטן צווישן יידן. אויב איך וועל דאָס ניט טון, איך, די פֿאַרקערפּער־טע דעמאָנסטראַציע פֿון „יידישקייט" צווישן דער וואַרשעווער יוגנט, טאָ ווער־זשע וועט דאָס טון? וועט זיך צווישן דעם יידישן און פּוילישן אַרבעטער שטעלן דער רוסיש־יידישער אינטעליגענט, וועט דאָס שווער מאַכן, זיי זאָלן זיך אײַנער דעם אַנדערן פֿאַרשטיין? איך וועל אַרבעטן צווישן יידן, ווײַל איך בין אַ פּוילישער ייד, און וויל די דאָזיקע פּאָזיציע ניט אָפּטרעטן אַנדערע.

איך האָב אָבער געצווייפֿלט אין דער מעגליכקײַט אָנצונעמען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַווטאָנאָמיע, וואָס וועגן דעם האָט דער בונד דעמאָלט זעהר ניט דרייסט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אויף זײַן פּערטן צוזאַמענפֿאָר. דער פֿאַרבאַנד האָט אָרגאַניזירט וועגן דער פֿראַגע אַ ריי דיסקוסיע־פֿאַרזאַמלונגען. די רעזאָלוציע פֿון פּערטן צוזאַמענפֿאָר האָט רעפֿערירט ר. איך געדענק, פֿון די ציוניסטן איז דאַמאָלט אַרויסגעטראָטן לעשצינסקי: ענטפֿערנדיק אים, האָב איך צום ערשטן מאָל אין לעבן באַנוצט די ווענדונג—„מיר, יידישע ס. ד." ר׳ס ער־קלערונגען, פּירושים, זײַן התפּעלות האָבן צעזייט מײַנע ספֿקות. דער באָדן איז שוין געווען פֿאַרטיק. נאָך דער לעצטער דיסקוסיע, בין איך צוגעגאַנגען צו אים און האָב ערקלערט: איך בין אײַערער.

אַזוי בין איך אַרײַן אין בונד. דורך אַ לאַנגן אומוועג בין איך צו אים געקומען. פֿון פֿולקומענעם פֿרעמד זײַן מיט יידן—צום אַרײַנטרעטן אין די רייען פֿון אַ יידישער פּאַרטיי. און עקסט־אַסימילאַטאָרישע מיינונגען—צו נאַציאָנאַלע יידישע פֿאָדערונגען.

אַרײַנטרעטנדיק אין בונד, האָב איך גערעכנט, אַז איך האָב ערפֿילט מײַן פֿליכט בנוגע צו דער יידישער מאַסע. איך בין אַ סאָציאַליסט, אַ ייד, וואו זשע זאָל איך אַרבעטן? אין דער זעלבער צײַט האָב איך געגלויבט, אַז דורך דעם וועג דין איך דעם לאַנד, ווײַל

איך האָב געגלויבט, אַז איך וועל פאַרבינדן יידן מיט פוילן. שוין ניט אַסימילירן, נאָר אַריינפירן ווי בירגער.

מיין אויפגאַבע האָט געזאָלט זיין—פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער אין פוילן און פאַרטיידיקן די אינטערעסן פונם לאַנד אין די נשמות פון די יידישע אַרבעטער. מיט דעם ציל און צוליב דעם בין איך אַריינגעטראָטן אין בונד.

עטליכע חדשים שפּעטער האָב איך גערעדט מיט די פירער פון דער ס. ד. פון פוילן און ליטע. זיי האָבן געזאָגט: הגם זיי אַכטן מיינע אנשויאונגען, אָבער זייַ רעכענען, אַז איך וואָלט געווען נוצליכער ביי זיי: „איר קענט ניט די שפראַך, איר קענט ניט די יידישע מאַסן“. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. . . . .

. . . .

אַזוי ווי איך האָב געמוזט אויסקלייבן אָדער די יידישע, אָדער די פוילישע פאַרטיי (קיין געמיינזאַמע, פאַראייניקטע איז ניט געווען און ס׳איז איצט אויך ניטאָ), האָב איך אויסגעקליבן די, וועלכע האָט זיך אין מיר מער גענויטיקט. דעם יידישן אַרבעטער בין איך געווען נויטיקער, ווייל ווייניקער מענשן האָבן געפילט זייער פליכט בנוגע צו אים. אָבער איך בין געגאַנגען אַרבעטן און האָב געאַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער מיטן געדאַנק וועגן זייער גליק, וועגן דעם גליק פונם לאַנד.

ווי אַזוי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט דאָס גליק, ווי אַזוי האָב איך געוואָלט עס דערגרייכן,—דאָס איז געווען אַן אויספיר פון מיינע טעאָרעטישע אָנשויאונגען...

לייזער צוקערמאַן.

(פון דער סעריע:—„יידן־רעוואלוציאנערן“).

אין די 70־ער יארן פון פאריקן יארהונדערט האט די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין רוסלאנד פאַרכאפט דער עיקר איינִיקע אויבערשטע גרופעס פון דער געבילדעטער און שטודירנדיקער יוגנט, און אויף אזא אופן איז די באוועגונג קאנצענטרירט געווען אין די קרוין־שטעט און אין די אוניווערסיטעט־שטעט. אויך ביי יידן האט דער רעוואלוציאנערער געדאנק אין דער ערשטער ריי געפונען אנהענגער און חסידים דערהויפט צווישן דעם געבילדעטן און אסימילירטן טייל פון דער יידישער באפעלקערונג, צווישן די טיילן, וואס זיינען דערצויגן געווארן אין דער רוסישער מיטל־און הויך־שול און האבן זיך אנטוויקלט אויף דער רוסישער ליטעראטור. די יידן רעוואלוציאנערן זיינען אריינגעטראטן גלייך אין דער אלגעמיינער רעוואלוציאנערער באוועגונג, געטריבן פון איין און דעם זעלבן דראנג, וואס האט דאן פאַרכאפט געוויסע קרייזן פון דער פארגעשריטענער רוסישער אינטעליגענץ, געטריבן פון איין און דער זעלבער אומצופרידנקייט, וואס האט דאַן באהערשט געוויסע טיילן פון דער אלגעמיינער שטודירנדיקער יוגנט.

די יידישע רעוואלוציאנערן האבן באוואוסטזיניק געוואלט פאַרשוויגן די יידישע פראגע. אין אלגעמיינעם רעוואלוציאנערן דראנג זייערן האבן זיי זיך כלל נישט געפרובט אריינצוטראכטן אין דער ספעציפיש־יידישער לאגע און זיך פאַנאנדערקלייבן אין דעם אייגנארטיקן סאציאַל־עקאנאמישן געבוי פונם יידישן לעבן. און אויך די יעניקע, וואס זיינען מער אדער ווייניקער געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער ווירקליכקייט, די יעניקע, וואס שטאמען פון סאמע געדיכטעניש פון יידישן לעבן, זיי זיינען אויך פון זייער ערשטער בארירונג מיט דער אלגעמיינער רעוואלוציאנערער טעטיגקייט גלייך אריינגעצויגן געווארן אינם אלגעמיינעם רעוואלוציאנערן קעסל, און ביים הייליקן פייער פון דעם רעוואלוציאנערן אימפעט זיינען זיי גלייך צעשמאלצן געווארן און האבן אנגעווארן וואסערע ס'איז אייגנארטיקע סימנים. גענוג צו דערמאנען די נעמען פון די אנגעזעענע און באוואוסטע יידן אין דער רוסישער רעוואלוציאנערער באַוועגונג: אהרן זונדעלעוויטש, דר. י. אפטעקמאן, דר. א. כאטינסקי, לעא דייטש, גר. גאלדענבערג, העסי העלפמאן, דעם שליסלבורגער אייזיק אהרנטשיק, ל. זאק, מאיר גייליס, ל. לעווענטאל, א. זיידנער און אנד.

וואו איז די סיבה דערפון?

„די ראלע, וואס יידן האבן געשפילט אינם אלגעמיינעם עקאנאמישן לעבן פון לאנד— שרייבט א פארשער פון דער יידישער רעוואלוציאנערער באוועגונג ב. פרומקין 1)— האט דערוויטערט די דעמאלטיקע יידישע רעוואלוציאנערן פון זייער פאלק. צושטייענדיג

1) ב. פרומקין — פון דער געשיכטע פון דער רעוואל. באוועגונג ביי יידן אין די 70־טע יאָרן „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ“ 1911, ז. 224 (רוסיש).

צו דער „פאלקיסטישער" (נאראדניטשעסקע) אידעאלאגיע פון די 70־טער יארן, האט די יידישע רעוואלוציאנערע אינטעליגענץ נישט געפונען אין דער היימישער סביבה קיין פאסיקן באדן, וואו פראקטיש אנצווענדן אט די אידעאלאגיע... דער באשלוס צו „גיין אין פאלק", ד. ה. צום פויערטום, האט געהייסן ביים ייד־רעוואלוציאנער פריער פון אלץ — אויסגיין פון יידן. און נישט אריינטראכטנדיק זיך פיל, האט דער רעוואלוציאנער גלייך אפגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב פון דער יידישער געטא, צוזאמען מיט איר דער־שלאגנקייט, יאמער און קלאג, נויט און אומוויסנקייט. דער יידישער ארבעטער פונם קליינעם מלאכה־ווארקשטאט איז נאך דאן, הן אין זיין עקאנאמישער לאגע, הן אין זיין באוואוסט־זיין, אויך אזוי פיל נישט געווען אפגעטיילט פון זיין בעל־הבית, אז ביידע אט די „קלאסן" זיינען געווען צונויפגעמישט און האבן פארן סאציאליסט נישט פארגעשטעלט קיין שום אינטערעס".

לעא דייטש, איינער פון די אנגעזעענסטע יידן־רעוואלוציאנערן, באמערקט אין זיינע זכרונות 1): „אונז איז נישט נאר געווען פרעמד און ווילד אלץ, וואס עס פארבינדט די יידישע מאסע אין איין פאלק, נאר זייענדיק אפנהארציק מוז איך זאגן, אז אלץ וואס עס שמעקט מיט יידיש, האט ביי פיל פון אונז ארויסגערופן א געפיל פון פאראכטונג, אויב נישט מער... מיט איין ווארט: זייענדיק פולשטענדיק אסימילירט מיט דער קריסט־ליכער באפעלקערונג, האט זיך אונז געוואלט, אז אויך די יידישע מאסע זאל זיך וואס שנעלער אסימילירן".

כמעט מיט די זעלביקע ווערטער כאראקטעריזירט די באציהונג פון די דעמאלטיקע יידן־רעוואלוציאנערן צו יידן און צו דער יידן־פראגע דער באוואוסטער רעוואלוציאנער טוער אהרן זונדעלעוויטש, וואס האט אנגעהויבן זיין רעוואלוציאנערע טעטיקייט אין דער יידישער ווילנע און האט דערנאך געשפילט א באדייטנדיקע ראלע אין דער אלגעמיינער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין רוסלאנד.

אין א בריוו צו ב. פרומקינען שרייבט ער: „פאר אונז אלעמען (עס רעדט זיך וועגן דעם ווילנער קרייזל פון 1872 י.) האט דאס יידנטום, ווי א נאציאנאלער ארגא־ניזם, נישט פארגעשטעלט קיין ערשיינונג, וואס זאל פארדינען אונטערשטיצונג. די יידי־שע נאציאנאליטעט האט פאר אונז נישט געהאט קיין זכות הקיום... אונז האט געדוכט, אז ביי יידן זיינען נישטא קיין אלגעמיינע נאציאנאלע אינטערעסן. פאראן נאר פיל איינצלנע מענשן מיט איינע און די זעלביקע אינטערעסן: מענשן, וואס בילדן דעם יידישן קיבוץ, און אינטערעסן, וואס ליגן אינם שטח פון באקומען גלייכבארעכטיגונג און באשטייען אין דערשלאגן זיך א וועג צו אייראפיאישער בילדונג און אין דער ארבעט צוזאמען מיט די איבעריקע, וואס בילדן די באפעלקערונג אין רוסלאנד, צו פארבייטן די געזעלשאפטליכע ארדנונג לטובת די אלמענשליכע אידעאלן פון גוטס און גערעכטיקייט 2)."

אינטערעסאנט איז אין דעם פרט דער בריוו, וואס איז דורכגעלייענט געווארן אויפן ווינער פראצעס פון אהרן ליבערמאן (אין נאיאבער 1878). דער בריוו איז געשריבן פון א ייד א רעוואלוציאנער, און מיט זיין פשטות און אפנהארציקייט שפיגלט ער אין א געוויסער מאס אפ דעם דעמאלטיקן געדאנקען־גאנג פון דעם דורכשניטליכן יידישן רעוואלוציאנער, וואס ווערט אריינגעצויגן אין דער אלגעמיינער רעוואלוציאנערער אר־בעט. „אליין בין איך א ייד, נאר יידישע ארבעטער האב איך ווייניק געזען. די רוסי־

1) לעא דייטש — „צוקונפט", 1916, אווגוסט ז. 677.

2) ב. פרומקין — יעווּר. סטארינא 1911, ז. 221 (רוסיש).

ע׳ע יידן זאָרגן נאָר וועגן פאַרדינסט, און פאַר געלט זיינען זיי גרייט צו פאַרקויפן אַלץ, אַפילו זייער כבוד. עס לוינט נישט צו פטרן אויף זיי קיין כחות. אין דייטשלאַנד קאָנען יידן נעמען אַ אָנטייל אין וואַל־קאַמף, למשל. אין רוסלאַנד אָבער, וואו ס׳קומט אויס מקריב צו זיין דאָס לעבן,—דאָרט קאָנען יידן נישט זיין נוצליך. אויף איין זאַך, קאָן זיין, טויגן זיי נאָך אפשר — אויף טראַנספּאָרטירן אומלעגאַלע ליטעראַטור, אויף קריגן פאַספּאָרטן און געהיימע קוואַרטירן — דאָס קאָנען זיי טון, און אויך נאָר דאַן, ווען מען באַצאָלט זיי דערפאַר במזומנים״ 1).

אָט דאָס איז אין אַלגעמיין געווען די באַציהונג פון די דעמאָלטיקע יידן־רעוואָלוציאָנערן צו יידן און צו דער יידן־פראַגע.

עס זיינען אויך געווען אייניקע אויסנאַמען צווישן די דעמאָלטיקע יידן־רעוואָלוציאָנערן. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען אָרגאַניש געווען פאַרבונדן מיט דעם יידישן לעבן און אינסטינקטיוו האָבן זיי געזוכט וועגן און מעטאָדן, ווי אזוי צוצופאַסן זייער רעוואָלוציאָנערן דראַנג צו דער יידישער ווירקליכקייט. דער באָדן אָבער און די אָביעקטיווע באַדינגונגען זיינען געווען כלל נישט קיין גינסטיקע.

דאָס יידישע לעבן בכלל איז געווען זעהר אָפּגעשטאַנען, די יידישע געזעלשאַפטליכקייט האָט נאָך פאָרגעשטעלט גאָר נישט קיין צעגלידערטע קערפערשאַפט. עס האָבן זיך נאָך נישט געבילדעט קיין אמתע אַרבעטער־גרופּעס, ביי וועלכע דער רעוואָלוציאָנערער גייסט זאָל קאָגען פאַרקערפּערט ווערן אין רעאַלע מעשים, און די אַבסטראַקטע סאָציאַליסטישע אידייען זאָלן אָנהויבן פאַרווירקליכט ווערן דורך ממשותדיקע אויפטוען. און דערום האָט דער רעוואָלוציאָנערער ווילן פון די געציילטע יידישע רעוואָלוציאנערן, וואס האבן געהאט די אינערליכע פאַרבינדונג מיט דעם יידישן לעבן, זיך נישט אויסגעגאסן אין קאנקרעטע פאַרענדיקטע פארמען פון יידישן רעוואלוציאנערן געדאַנק, און די געציילטע יידישע רעוואלוציאנערן איז אויסגעקומען „טאפּן אין דער פינסטער״, זיך ווארפן פון איין ארבעט צו דער צווייטער, און אין הייסן ווילן צו געפונען דעם ריכטיקן וועג, ווי צו באפרידיקן דעם אינערליכן דראנג, האבן זיי אלץ אויף זיך גענומען און מיט אמתער סכנת־נפשות אויסגעפילט אלע פאראנטווארטליכע שליחותן און התחיבותן, וואס די ארבעט האט פון זיי געפאדערט, און אזוי ארום פאַרשטילט די אינערליכע פראגן און פראבלעמען, וואס די יידישע ווירקליכקייט האט ארויסגעשטעלט.

אן אינטערעסאנטע און ביז גאר כאראקטעריסטישע פיגור אין דער רוסישער רעוואלוציאנערער באוועגונג פון די 70־ער יארן איז געווען לייזער צוקערמאן. זיין לעבן און רעוואלוציאנערע טעטיגקייט פונם אנהויב ביזן סוף איז א מערקווירדיק און אינטערעסאנט בלעטל אין דער געשיכטע פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין רוסלאנד. ער שטאמט פון א פרומער יידישער שטוב, דערצויגן אין יידישן חדר און אפילו אין די יארן, ווען ער האט זיך איבערגעגעבן דער אלגעמיינער רעוואלוציאנערער ארבעט, איז ער פארבליבן אין גאנצן א ייד, אן אויסגעוויקלטער ייד. און מערקווירדיק איז, ווי אט דער „יידישער ייד״ רייסט זיך אן אויפהער צו יידישער ארבעט און ווערט דאך דורך אביעקטיווע סיבות ארייגעצויגן אינם אלגעמיינעם רעוואלוציאנערן קעסל, און ווער ווייסט, וואס דער טאלאנט־פולער צוקערמאן וואלט געקאנט געבן ביי גינסטיגערע באדינגונגען.

אַלע זיינע אַמאָליקע חברים און פריינט, יידן און נישט־יידן, רופן זיך אָפּ וועגן

1) ל. דייטש — ציקונפט 1916 ז. 678.

אים מיט באַזונדער ליבע און האַרציגקייט; ביז אַלעמען איז ער פֿאַרבליבן אין זכּרון ווי אַן אויסערגעוויינליך איבערגעגעבענער רעוואָלוציאָנער, אַ האַרציקער חבר, אַ טיף־פּאַטעטישע נאַטור און אַ זעלטן ערלעכער און געטרייער, וואָס האָט מיט ליב און לעבן געדינט דער רעוואָלוציע, און שטיל, מיט טיפער איבערגעגעבנקייט געטאָן אַלץ, און שיין און גרינג איבערגעטראָגן די שווערסטע אומשטאַנדן, אין וועלכע ער האָט זיך געפונען פאַר זיין קורצן און ביז גאָר טראַגישן לעבן.

„מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן—אַזוי הויבט אָן זיינע זכרונות וועגן ל. צוקערמאַנען ל. דייטש 1) — נעם איך זיך צו פאַרצייכענען מיינע ערינערונגען וועגן דעם מערקווירדיקן מענשן. איך האָב געקענט, ווען ניט אַלע ביז איינעם, דאָך די גרעסטע מערהייט פון די טיילנעמער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די 70־ער און 80־ער יאָרן — קריסטן אַזוי ווי יידן. צווישן זיי זיינען געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס זיינען געשטאַנען העכער פון דורכשניט מיט זייערע גייסטיקע און מאָראַלישע מעלות, מיט זייער אָפּפערוויליגקייט, מיט זייער גרייט זיין אויף מסירת נפש יעדער רגע. לייזער צוקערמאַן איז פאַרבליבן אין מיין זכרון אַלס דער גלענצענדסטער פאַרשטייער פון אָט דעם קלאַס־מענשן, איבערגעגעבענע צו דער הייליקער זאַך מיט ליב און לעבן".

„אַ טאַלאַנטפולער שרייבער און דיכטער אין העברעיש און אין יידיש—שרייבט זיין יוגנט־חבר ג. גורעוויטש-ער איז געווען מסוגל באַאיינפלוסט צו ווערן פון איינדרוקן און האָט געהאַט אַ שטאַרקע נטיה צו מעלאַנכאָליע. שטאַמענדיק פון אַ פאַטריאַרכאַלער, שטרענג־רעליגיעזער און בורזשואַזער משפחה, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון זיין סביבה. און דאָס, וואָס ער האָט צעריסן מיט זיין פאַמיליע און דער עיקר מיט זיין קלוגן, שטרענגן און אַסקעטיש־רעליגיעזן פאָטער, האָט אים פאַרשאַפט שרעקליכע אינערליכע ליידן... עס דערמאָנט זיך, ווי איין מאָל אויף אַ הוליאַנקע, אויסגעטרונקן אַ ביסל, האָט ער געטענהט: „איך האָב געזייט ביי אָן פאַרגניגן!" ווי אין זיין פּאָעזיע, אַזוי איז אויך אין זיין נאַטור געווען פיל פון בייראָנען, פון לערמאָנטאָוון, און זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט אָן אַ שיעור האַרצנס־ליידן". 2)

לייזער צוקערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1852 אין מאָהילעוו אויפן דניעפּר אין אַ פאַרמעגליכער און מיוחסדיקער משפחה. זיין פאָטער איז געווען אַ מענש מיט שטרענג־יידישע מדות, ער האָט געשמט פאַר אַ למדן, געווען אַ גרויסער בעל־צדקה און ביז גאָר אַ פרומער. לייזער האָט געלערנט אין חדר. ער איז געווען אַ לעבעדיקער, שטיפערישער יינגל, אָבער ווי אַ קינד פון מיוחסדיקע עלטערן, האָט ער באַדאַרפט האַלטן שטאַט, פירן זיך ווי אַ גרויסער און זיין שטענדיק צוגעבונדן צו אַ ספר. פאַר זיין שטיפעריי איז אים נישט איין מאָל אויסגעקומען באַשטראָפט צו ווערן. איין מאָל האָט ער אָנגעשריבן אַ בייז לידעלע אויף זיין רבין, און דערפאַר האָט ער באַקומען שטאַרקע שמיץ. אויס נקמה האָט ער גענומען שרייבן לידער אין יידיש אויף זיין טאַטן און אויף זיין רבין.

ווען ער איז אַלט געוואָרן 14 יאָר, האָט ער זיך באַקאַנט מיט פנחס (פּאַוועל)

---

1) ל. דייטש — „צוקונפט" 1916, מאַרט ז. 240.

2) ג. — דער ערשטער פּראָצעס פון די „ניהיליסטן" אין בערלין. „בילאָיע" 1907, IX ז. 80 (רוסיש).

אַקסעלראָד, וועלכער איז געקומען צו גיין צופוס פון שקלאָוו קיין מאָהילעוו (אַ מהלך פון 30 ווערסט), צוזאַמען מיט אַ גרופּע בחורים, וואָס האָבן „געדאָרשט" נאָך בילדונג. אַקסעלראָד האָט פאַר די געקומענע בחורים באַשטעלט „טעג" אין די פאַרמעגליכע משכּילישע הייזער און אַליין האָט ער געוואוינט אין הויז פון די גורעוויטשעס. ווען לייזער האָט זיך דערנענטערט צו אַקסעלראָדן, איז שוין אַקסעלראָד געווען אַ שילער פון לעצטן קלאַס גימנאַזיע. אַקסעלראָד „איז דאַן נאָך נישט געווען קיין סאָציאַליסט, נאָר אַ משׂכּיל אויפן רוסישן שניט", ער האָט געפּרעדיקט „אויפקלערונג און פּראָגרעס קעגן פינסטעריש און אַבערגלויבן, אָבער מיט אַ היפּשער מאָס „ניהיליזם", וואָס איז געוואָרן די מאָדע פון די פּראָגרעסיטענע רוסן אין די 60-ער יאָרן פונם 19-טן יאָרהונדערט" [1]. אַקסעלראָדס איינפלוס אויף זיינע יונגע חברים איז געווען זעהר גרויס, און באַזונדערס גרויס איז געווען זיין איינפלוס אויף דעם לעבעדיקן, פעהיקן לייזער, וועלכער איז געווען מיט אַ דריי-פיר יאָר ייִנגער פון אים. לייזער האָט זיך גיך אויסגעלערנט לייענען רוסיש און אָנגעהויבן שלינגען רוסישע ביכער. ער איז שוין דאַן פון חדר אַוועק און האָט שוין געלערנט פאַר זיך אין זיין פעטערס שול, אין „שמערל צוקערמאַנס שול".

די סכּנה צו לייענען רוסישע ביכער אין דער היים איז געווען זעהר גרויס, פלעגט ער מיטנעמען די ביכער אין שול און, אייגעבויגן איבער דער גמרא, פלעגט ער אַזוי אָפּשטיין גאַנצע טעג און לייענען איין בוך נאָכן צווייטן. „האָט געטראָפן, אַז איין מאָל איז מיין פאָטער דורכגעגאַנגען פאַרביי דער שול, און אים האָט זיך פאַרוואָלט אַ קוק טון אויף זיין געראָטענעם לייזערן". לייזער איז אַזוי געווען פאַרטיפט אין דעם פאַרבאָטענעם בוך, אַז ער האָט נישט באַמערקט, ווי זיין פאָטער איז אַריינגעקומען. „דער טאַטע ווידער האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון זיין זונס התמדה, און ער האָט זיך גענומען צוגנבענען מיט שטילע טריט, כּדי איבער זיין פּלייצע אַ קוק צו טון, אין וואָס פאַר אַ שווערן ענין זיין זון איז פאַרטיפט... און שטעלט זיך פאָר זיין גרויל, ווען אויף די הייליקע בלעטער פון דער גמרא האָט ער דערזען ליגן אַ טריף-פּסול!"... ווען לייזער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט ער פאַר זיך דערזען דעם פאָטער, זיין פּנים איז געווען, ווי ביי אַ מת. „גרויסע טראָפּנס טרערן זיינען אים גערונען". אט די סצענע האָט לייזער לאַנג-לאַנג נישט געקאָנט פאַרגעסן. מען האָט אים דערפאַר „אויף אַ גאַנצער נאַכט אַ שטייענדיקן צוגעבונדן צום בעט. דעם טריף-פּסול האָט מען פאַרברענט. סך-הכּל איז דאָס געווען אַ דראַמע פון שילערן, ווען עס איז געוויס נישט איינגעפאַלן, אַז פאַר לייענען זיינע טיף-מענשליכע ווערק זאָל מען עמיצן אַזוי האַרט באַשטראָפן" [2].

ווי ש. ל. ציטראָן גיט איבער, האָט צוקערמאַן דאַן געקראָגן אַ ביכעל פון פּ. סמאָלענסקינס „השחר", וועלכן ער האָט געלייענט מיט גרויס חשק און סמאָלענסקי איז געוואָרן ביי אים „אַ נביא און אַ וועג-ווייזער". אַ שטאַרקן איינדרוק האָבן אויף דעם יונגען צוקערמאַן געמאַכט י. ל. גאָרדאָנס שירים, וועלכע ער פלעגט לייענען מיט גרויס התפּעלות. „יעדער נייער שיר, וואָס האָט זיך געדרוקט אין „השחר", האָט אָנגעצינדן אַ פייער אין זיין נשמה און פאַרבאָרגנהייט האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן שירים" [3].

די עלטערן האָבן אָנגעהויבן שטרענג אַכטונג צו געבן אויפן זון, נישט אַראָפּגע-

---

1) ל. דייטש — „צוקונפט" 1916 ז. 240.
2) ל. דייטש — „צוקונפט" 1916 ז. 242.
3) ש. ל. ציטראָן — דריי ליטעראַרישע דורות, ווילנע 1921, II ז. 50.

נומען פֿון אים קיין אויג און נישט אָפּגעלאָזן אויף אַ טריט. זיין „פאַרפירער“ אַקסעל=
ראָדן האָט מען געטריבן פֿאַר אַ מייל פון זייער הויז. דער רייכער תּעטער שמערל צו=
קערמאַן האָט זיך גענומען אינגאַנצן פאַריאָגן אים פון שטאָט. אָבער קיין זאַך האָט נישט
געהאָלפן. לייזערס האַרץ האָט געצויגן צו דער ברייטער, פרייער וועלט און צוריק
איינשליסן אים אין די פאַרעליזערטע בית=המדרש=ווענט אויף די פאַרצייטיקע, אָפּגעלעבטע
ספרים איז שוין געווען אוממעגליך. און ווען ער ליידט פון דער שטרענגער אויפזיכט,
וואָס די פרומע עלטערן האָבן אויף אים אויפגעשטעלט, נעמט ער פּלאַנעווען צוזאַמען
מיט זיינע נאָענטע חברים צו אַנטלויפן שטודירן. דער אידעאַל איז געווען אַוועקצופאָרן
קיין זשיטאָמיר און אָנקומען דאָרט אין ראַבינער=שול.

„עס איז אַ מערקווירדיקער פאַקט-שרייבט אין זיינע זכרונות ש. ל. ציטראָן 1) —
אַז אין אַזאַ עקכט פאַנאַטישע און אין קולטורעלן זין זעהר אָפּגעשטאַנענע שטאָט ווי
מאָהילעוו, וועלכע איז נאָך דערצו ביז דאָ גאָר ניט לאַנג געווען אָפּגעריסן פון אַ באַן
און אַזוי אָרום אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט, איז נאָך כמעט פריער ווי אומע=
טום אַריינגעדרונגען ביי יידן נישט בלויז די אַזוי גערופענע „קאַזיאָנע“ השכלה, נאָר
אַפילו דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם אין זיינע פאַרשיידענע שטרעמונגען.

צווישן דער יידישער יוגנט אין מאָהילעוו האָט דעמאָלט אויסגעבראָכן אַ מין
עפּידעמיע פון אַנטלויפן. יונגע בחורים און מיידלעך פלעגן נעמען זעקל און פעקל,
אַמאָל אויך ווי מ'שטייט און גייט און אַנטלויפן פון די עלטערן אין אַנדערע שטעדט
צו לערנען זיך דאָרטן, כדי צו קאָנען ווערן זעלבסשטענדיק און איבעראַנדערשן דאָס
לעבן לויט די נייע, מאָדערנע אידייען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעזאַפּט פאַרבאָר=
גענהייט פון די רוסישע סאָציאַליסטישע ביכלעך, וואָס זיינען אויף פאַרשיידענע וועגן
איבערגעשמוגלט געוואָרן קיין מאָהילעוו, דאָס רוב פון קיעוו“... און צווישן דער מאָהי=
לעווער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיך דאַן געפונען אַ דריי=פיר גבירישע אינטעלי=
גענטישע הייזער, וואו מ'האָט די דאָזיקע אַנטלויפעניש פון דער יוגנט אונטערגעשטיצט
מיט אַלע קרעפטן. אין די דאָזיקע הייזער האָט מען די בחורים און די מיידלעך, די
קאַנדידאַטן צום אַנטלויפן, באַזאָרגט מיט אַלץ, וואָס זיי איז נויטיק געווען אויפן וועג:
מיט וועש, מיט דאָקומענטן וכדומה“. דער דאָזיקער לויפעניש האָט אונטערשטיצט אויך
די געבילדעטע טייל פון דער קריסטליכער באַפעלקערונג און אַפילו אויך די אָרטיקע
אַדמיניסטראַציע. אין די „מאָהילעווער גובערניאַלע נאַכריכטן“ („מאָגילעווסקיאַ גו=
בערנסקיאַ וויעדאָמאָסטי“) איז אַפילו געווען איבערגעזעצט אַ פעליעטאָן פון „המליץ“,
וואָס שפּאָט אָפּ פון דעם געטומל, וואָס איינער אַן אַנטלויפן האָט אָנגעמאַכט ביי די
עלטערן 2).

און אָט דער געדאַנק באַפרייט צו ווערן פון די עלטערנס אויג און ווערן אַ
פרייער האָט פאַרכאַפּט אינגאַנצן דעם יונגען לייזער. אים איז שוין געוואָרן שווער צו
לעבן אין דער שטיקנדיקער אַטמאָספער פון דער פרומער שטוב און ער מיט זיין חבר
מ. אַראָנסאָן הויבן זיך אָן צו גרייטן לויפן קיין זשיטאָמיר, אין דער ראַבינער-שול.
דער קאָפּ פון דער פאַרשווערונג איז, נאַטירליך, געווען פנחס אַקסעלראָד. ער האָט
געקראָגן פאַר זיי געלט און געמאַכט פאַר זיי די נויטיקע הכנות. זיי האָבן דאַן גע=
וואוינט אין דאַשקאָווקע ביי מאָהילעוו. זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צופוס קיין אַלט=

1) ש. ל. ציטראָן — דריי ליטעראַרישע דורות 1910 I ז. 63.

2) מאַרקוס כהן — צו דער געשיכטע פון דער נאַצ. זעלבסטבאַוו. ביי דער רוסיש=יידישער געזעלשאַפט=
בפרעזיטאָיע“ III ז. 136—137 (רוסיש).

ביכאָוו און פון דאָרטן גענומען פּאָסט־פערד און געפאָרן ווייטער. לכתחילה איז אַלץ געגאַנגען גוט און וואויל. די צוויי נאָך בילדונג דאָרשטיקע בחורים האָבן, פון קיינעם ניט באַמערקט, פאַרלאָזט זייער היים. אָבער אויף אַ סטאַנציע האָט זיי איינער אַ היי־מישער דערקענט און גלייך טעלעגראַפירט זייערע עלטערן. מען האָט זיך שוין געהאַט געכאַפּט, מען האָט זיך גלייך אַוועקגעלאָזט נאָך זיי און אין וועג האט מען זיי אָנגעיאָגט.

גענומען צוריק אַהיים, איז לייזער אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער מרה־שחורה. זיין לאַגע איז געוואָרן אַ שווערע. אַ פאַרצווייפלטער און פאַרביטערטער האָט ער נישט איין מאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן אַן אויסוועג דורך זעלבסטמאָרד. דאָס איינציקע, וואָס האָט אים דערפון אָפּגעהאַלטן—ווי ס'גיט איבער ל. דייטש, אויפן סמך פון די נאָטיצן פון צו־קערמאַנס יוגנט־פריינט—איז געווען די געוויינהייט פון קינדהייט אָן אויסצוגיסן זיינע איבערלעבונגען אין לידער. ער האָט זיך מיט אַ באַזונדער חשק גענומען דערפאַר און זיינע לידער—אין מאַנוסקריפּט—האָבן זיך פאַרשפרייט צווישן דער מאָהילעווער יידישער יוגנט און פלעגן שטאַרק אויסנעמען" 1).

איינער פון ל. צוקערמאַנס חברים, זיין בן־עיר, וואָס איז אינאיינעם מיט אים געוואַקסן אין מאָהילעוו, גיט איבער פאָלגנדיקע שטריכן וועגן די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אין יענער צייט צווישן דער מאָהילעווער יוגנט. „מפּוס ספרים, דער „המליץ", „השחר" האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירקונג אויף דער יוגנט און געצוואונגען זי צו זוכן דעם וועג, ווי אַרויסצוגיין פון איר ענגן לעבנס־קרייז. אָבער שווער איז געווען דער יוגנט צו געפינען דעם ריכטיקן וועג. עס איז אַנטשטאַנען אַ דור פון „משכילים", אָבער זייער אַנטוויקלונג איז געווען נישט קיין נאַטירלעכע און נישט קיין בהדרגהדיקע. פאַרלאָזט דעם תלמוד און דעם פּלפּול, האָבן זיי אָנגעהויבן צו עלינגען די השכלה־ביכער אָן אַ סדר, און דער פועל־יוצא איז געווען, אַז זיי האָבן פיל גע־לייענט, און זייער נשמה איז דאָך פאַרבליבן שטענדיק הונגעריק. זיי האָבן שטענדיק עפּעס־וואָס געזוכט און שטענדיק האָבן זיי געפילט, אַז זייער נשמה איז נישט באַ־פרידיקט. און די נייע לערער, די „משכילים", האָבן געגעבן זייערע תלמידים צו ליי־ענען ספרים כלל נישט צוגעפּאַסט צו זייער גייסטיקן צושטאַנד. ווי נאָר דער יידישער „משכיל" האָט אָנגעהויבן צו לייענען דייטש—לייענט ער שוין פּויסט, שפּינאָזע און קאַנט; ווי נאָר ער לערנט זיך אויס לייענען רוסיש—דערלאַנגט אים דער לערער גלייך פּיסאַרעוון און בעלינסקין און מילס פּאָליטישע עקאָנאָמיע. אים גיט זיך נאָך נישט איין צו פאַרדייען די דאָזיקע ספרים—לייענט ער שוין „וואָס טוט מען" טשערנישעווסקיס. קיין סיסטעמאַטיש־וויסנשאַפטלעכן לימוד האָבן מיר נישט געלערנט, דאָס לעבן האָבן מיר ניט געקענט, און קיין קלאָרער ציל איז פאַר אונז נישט געווען. און נאָר אָפּגע־ריסענע געדאַנקען, נאָר הויכע און באַפליגלטע פראַזן, וואָס זייער אינהאַלט האָבן מיר נישט אינגאַנצן באַנומען, זיינען שטענדיק געווען אויף אונזערע ליפּן". 2)

און אַזוי ווי דער קרייז איז באַשטאַנען דער עיקר פון שילער פון גימנאַזיע, קינדער פון יידישע געבילדעטע הייזער, איז דאָ די דאָמינירנדיקע שפּראַך און ליטע־ראַטור געווען די רוסישע און אויך די דייטשע. אינם קרייזל זיינען אַריין פּ. אקסעל־ראָד, די ברידער לעווענטאַל, די ברידער גורעוויטש, מ. אהראָנסאָן, און צו זיי איז צוגעשטאַנען דער מער יידישער לייזער צוקערמאַן.

און איינצייטיק מיט דעם האָט אַ טייל פון דער יוגנט זיך פאַרנומען מיט אָרטי־

1) ל. דייטש — „צוקונפט" 1916 ז. 241.

2) מ. ק. — ניהיליסטים עבריים בשנות השבעים, „השלח" כרך י"ז, 257.

קער אויפקלערונגס-אַרבעט און גענומען צו פאַרשפרייטן צווישן די יידישע מאַסן בילדונג און וויסן. אייניקע פון דער אויפגעקלערטער יוגנט האָבן זיך גענומען מיט אַ באַזונדער איבערגעגעבנקייט צו דערציען די קינדער פון דער מאַסע און „צוליב דעם צוועק זיינען זיי געוואָרן פריוויליקע און אומזיסטע לערער אין דער שטאָטישער תלמוד-תורה, וואו ס'האָבן זיך געלערנט הונדערטער קינדער פון די אָרימע פאָלקס-שיכטן. אין דעם דאָזיקן פינסטערן נעסט האָבן זיי אַריינגעבראַכט ליכט". און ניט בלויז לערער זיינען זיי געווען פאַר די קינדער, נאָר זיי אויך באַזאָרגט מיט עסן, טרינקען און נאַכטלעגער. און ניט אַזוי גרינג איז זיי דאָס אָנגעקומען. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין זעהר אַ ביטערן קאַמף מיט דער מאָהילעווער קהלה, וועלכע האָט בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן אריינפירן אין תלמוד-תורה וואָסערע ס'איז נייע אָרדענונגען. צווישן די יונגע לייט, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין תלמוד-תורה און האָבן געהאַט אויסצושטיין דעם שווערן קאַמף מיט די אָרטיקע פינסטערע כחות, איז אויך געווען יעקב דינעזאָן, דער לערער פון תנ"ך און העברעאיש. לויט זיין איניציאַטיוו איז ביי דער תלמוד-תורה אַיינגעאָרדנט געוואָרן אַ קיך, פון וועלכער מ'האָט די תלמידים געגעבן מיטאָגן, אנשטאט אַרומצוגיין איבער די הייזער עסן „טעג". צו די לערער, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט אין תלמוד-תורה האָבן געהערט דער איצט-באַקאַנטער העברעאישער שריפטשטעלער מרדכי בן הלל הכהן און אויך ל. צוקערמאַן.

שפעטער האָט ל. צוקערמאַן מיט אַ באַזונדער ליבע און באַהאַרציגקייט איבערגעגעבן די שטימונג פון דער דאָזיקער אַרבעט אין זיין דערציילונג „עולם הפוך", וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין סמאָלענסקינס „השחר".

דערווייל האָט פ. אקסעלראד געענדיקט די גימנאַזיע און איז אָנגעקומען אין קיעווער אוניווערסיטעט. דאָרט איז ער צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָט זיך באַקאַנט נענטער מיט דער סאָציאַליסטישער שיטה. געקומען אויף וואקאַציעס קיין מאָהילעוו, האָט ער שוין פראפאגאנדירט צווישן דער דאָרטיקער יוגנט נישט גלאַט אויפקלערונג, נאָר סאָציאַליזם. און גאָר גיך האָט זיך אים איינגעגעבן צו גרינדן אַ סאָציאַליסטישן קרייזל, אין וועלכן צוקערמאַן איז אויך אַריינגעטראָטן. ווען אקסעלראד איז אָפּגעפאָרן פון מאָהילעוו, „איז צוקערמאַן געוואָרן דער קאָפּ און די נשמה פון קרייזל. מיטן גאַנצן פייער פון זיין נשמה האָט ער זיך אָפּגעגעבן דער נייער סאָציאַליסטישער תורה. אַ אידעאַליסט און אַן ענטוזיאַסט פון נאַטור, וועלכער איז נאָך דערצו אַליין פיל אויסגעשטאַנען פון דעם שוידערליכן דרוק פון די פינסטערע כחות, האָט ער אין סאָציאַליזם דערזען אַ תורה פון פערזענליכער אויסלייזונג". ער האָט ליידנשאַפטליך פראפאגאנדירט דעם סאָציאַליזם, און „זיין פראפאגאַנדע האָט געהאַט אומגעהויערן ערפאָלג". און דאָ טרעפט זיך ביי אים אַ צופאַל, וואָס האָט אים פאַרשאַפט פיל אינערליכע ליידן און ווידער אַ מאָל אַרויפגעבראַכט דעם געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד. „ער האָט ליב באַקומען אַ מיידל פון זייער קרייזל, ער האָט אָבער קיין קעגנליבע ניט געפונען". עס האָט אויף אים זעהר שטאַרק געווירקט און געבראַכט אים צו גרויס פאַרצווייפלונג. אָבער דאס מאָל האט אים געראַטעוועט זיין איבערגעגעבנקייט צום סאָציאַליזם. „זיין לעבן—האָט ער געטענעט—געהערט ניט אים, נאָר אַנדערע".

עס זיינען אַריבער אייניקע חדשים פון אינערליכן ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין און ער קומט-ווידער צו זיך און ער באַשליסט ווידער צו פאַרלאָזן מאָהילעוו און ערגיץ-וואו אין אַן אַנדערער גרעסערער שטאָט זיך נעמען מיט נייע כחות צו רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. אָבער ווי פירט מען עס אויס? ער האָט ביי זיך נישט קיין פאַס, נישט

קיין געלט. און אים פעלט איין אויסצונוצען דערצו די שידוכים, וואס מ׳רעדט אים. ער שטימט איין חתונה צו האבן. די עלטערן זיינען פון דער הסכמה שטארק גליקליך און גאר אין גיכן מאכט מען אין וויטעבסק די חתונה. דער פאטער האט געגעבן לייזערן 3 טויזנט רובל, דער כלה׳ס עלטערן—5 אדער 6 טויזנט רובל. דאס געלט אבער לייגט מען איין ביי א שליש. לייזער באקומט נאר אויפן האנט די מתנות און א ביסל געלט אויף הוצאות. אין גיכן נאך דער חתונה גנבעט זיך לייזער ארויס און לאזט זיך אוועק קיין אויסלאנד.

די נסיעה זיינע האט געדויערט עטליכע חדשים. א ביסל איז ער אונטערגעפארן און פיל געגאנגען צופוס. מחמת מאנגל אין געלט איז אים אויסגעקומען אין יעדער שטאט און שטעטל זיך אויסרוען און נעכטיקן אין די בתי־מדרשים. אויף דער גרעניץ פאדוואלאטשיסק איז ער שיער נישט אריינגעפאלן אין די הענט פון דער זשאנדארמעריע. דורך א נס איז ער ניצול געווארן און איז אריבער די גרעניץ. און אויפן זעלביקן שטייגער האט זיך צוקערמאן געלאזן גיין אין גאליציע.

עטליכע חדשים האט ער אזוי געוואנדערט, ביז ער האט זיך דערשלעפט ביז ווין, און איז אוועק גלייך צו סמאלענסקינען. ס׳איז שוין געווען שפעט ביינאכט און ביי סמאלענסקינען איז מען שוין לאנג געשלאפן. איז ער אזוי מיטן פעקל געבליבן זיצן אויף די טרעפ ביז אין דער פרי.

„מיר אלע—דערציילט אין אירע נאטיצן זיין יוגנט־פריינט אמאליע ראטנער 1)—האבן געוואוסט וועגן דעם פלאן. די גאנצע שפיל מיט דער פאלשער חתונה איז אונז פארגעקומען זעהר קאמיש. אבער דעם ארימען לייזער איז זעהר שווער אנגעקומען זיין ראלע. ניט איין מאל האט ער מיט ווייטאג גערעדט מיט אונז, אז עס איז אים אומדערטרעגליך צו נארן זיינע עלטערן און פארשטעלן זיך פאר א געהארכזאמען זונדל״. 2)

דערנאך האט צוקערמאן ארויסגעשיקט זיין פרוי א גט.
פון ווין איז צוקערמאן אריבערגעפארן קיין בערלין.
עס איז געווען אין יאר 1875, און דארט הויבט זיך אן פאר אים גאר א ניי לעבן.

צו יענער צייט זיינען שוין אין בערלין געווען זיינע מאהילעווער חברים, וואס זיינען אנטלאפן פון קיעוו. דער רעוואלוציאנערער קרייזל, וואס איז געווען אין קיעוו, איז צעשטערט געווארן, ווייל די קיעווער זשאנדארמען האבן אויף אים געווארפן אן אויג. אין בערלין זיינען געווען: די ברידער לעווענטאל, די בר. גורעוויטש, מ. אהראנסאן, עפראן, סאשע שור און נאך אייניקע. זיי האבן געוואוינט אלע אינאיינעם, אין א מין קאמונע, און דער קערן פון דער גרופע זיינען געווען די מאהילעווער 3). די קאמונע האט זיך געפונען אויף ציאנס־קירכפלאץ. איין צייט האט דער קרייזל גע-

---

1) „צוקונפט״ 1916 מארט 242.

2) ש. ל. ציטראן אין זיינע זכרונות „דריי ליטעראַרישע דורות״ II ז. 54—57 גיט איבער אן אנדער נוסח פון ל. צוקערמאנס אנטלויפן. אין דעם מאמענט איז שווער פעסטצושטעלן, וועלכער איז דער ריכטיקער.

3) ג. גורעוויטש. (גרשון באדאנעס) — דער ערשטער פראצעס פון די יידישע סאציאליסטן אין בערלין. יעווריייסקאיא סטארינא, 1919, זייט 152 (רוסיש).

אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון אהרן זונדעלעוויטש און גענומען אָנטייל אין אַ=
בערפידן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור איבער דער רוסישער גרעניץ. אין גיכן פאַר=
בינדט זיך דער קרייזל מיט דעם באַוואוסטן יידישן סאָציאַליסט, וואָס האָט זיך אַרומ=
געטראָגן מיט דער אידייע צו גרינדן יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און שפּע-
טער — דער גרינדער פון לאָנדאָנער ערשטן „יידישן סאָציאַליסטישן פאַראיין" און רע=
דאַקטאָר פון יידישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל אין העברעאיש „האמת" — אהרן לי=
בערמאַן. 1)

אין אַ בריוו, וואָס ג. גורעוויטש האָט געשיקט פון בערלין דעם 3=טן מאַרט 1876
צו אהרן ליבערמאַן קיין ווין, זיינען פאַראַן אייניקע פּרטים וועגן דער אַרבעט און דעם
כאַראַקטער פון דער גרופּע. דער בריוו טראָגט אַ כאַראַקטער פון אַ באַריכט און איז
איבערפולט מיט יראת=הכבוד צו א. ליבערמאַן, ווי צו אַ רבין. דעם בערלינער קרייזל
רופט ג. גורעוויטש „סעקציע" און זיך — סעקרעטאַר פון דער „סעקציע" (עס איז גע=
ווען נאָך איידער אַ. ליבערמאַן האָט געגרינדעט אין לאָנדאָן דעם „יידישן סאָציאַליס=
טישן פאַראיין"). ער רעכנט אויס אַלע מיטגלידער און רעקאָמענדירט יעדן באַזונדער.
„אָט דאָס איז אונזער סעקציע. מיר אַלע נעמען אַ געוויסן אנטייל אין דער היגער
(דייטשער) באַוועגונג. וועגן אונזער באַציהונג צו דער יידישער שפּראַך (עס איז נישט
קלאָר, צו וועלכער — צו העברעאיש אָדער צו יידיש — נ. מ.) האָט אייך איבערגע=
געבן אַראָנסאָן. מיר קלייבן זיך צונויף אַלע וואָך, אין אויסשליסלעכע פאַלן — עפטער.
איך בין דער סעקרעטאַר און לייען דורך די באַקומענע בריוו. יעדער איינציקער זאָגט
זיך אַרויס וועגן די פראַגן, וואָס שטייען אויפן סדר=היום. מיר פאָרמולירן אונזערע
וואונשן און באַשלוסן, און מיין אַרבעט איז צו באַקענען מיט זיי אונזערע קאָרעספּאָנ=
דענטן. מיר האָבן דאָ פיל פריינט און באַקענטע, נאָר מיר האַלטן נישט פאַר מעגליך
דערווייל אַריינצונעמען זיי אין דער סעקציע, הגם מיר האָפן דאָס רוב פון זיי אַרויפ=
צופירן אויפן וועג פון נוצליכער טעטיגקייט". 2)

אין דעם זעלבן בריוו ווערט דערמאָנט ליבערמאַנס מיינונג, אַז „די אויסלענדישע
סעקציעס דאַרפן באַשטיין פון רוסיש=יידישע עמיגראַנטן, וואָס וואוינען צייטווייליק אין
אויסלאַנד". קלאָר איז, אַז ליבערמאַן האָט געהאַט בדעה בילדן אומעטום „סעקציעס"
און אָרגאַניזירן די רוסיש=יידישע אינטעליגענץ אין אויסלאַנד.

אין אַ בריוו צו ב. פרומקינען שרייבט דר. אַראָנסאָן וועגן דער בערלינער גרופּע
און איר באַציהונג צו א. ליבערמאַנען פאָלגנדיקס: „א. ליבערמאַן האָט זיך אַרומגעטראָגן
מיטן געדאַנק אַרויסצוגעבן אַן אָרגאַן און בראָשורן אין העברעאיש... נאָר ער האָט
נישט געהאַט דערצו נישט קיין געלט, נישט קיין פּובליקום, נישט קיין מיטאַרבעטער,
נישט קיין אָרט און נישט די איבעריקע פּאַסיקע באַדינגונגען. און באַקענענדיק זיך מיט
די בערלינער, האָט ער זיך געמיט צו שאַפן דעם ערשטן קאַדר אין בערלין. זייענדיק
אין לאָנדאָן, האָט ער אָנגערופן זיינע נייע פריינט „יידישע סעקציע פונם אינטערנאַ=
נאַציאָנאַל". 3)

אין די „ערינערונגען פון זיין לעבן" גיט אַראָנסאָן אַזוי איבער די געשיכטע
פון די „סעקציעס": „דורכפאָרנדיק פון ווילנע קיין לאָנדאָן האָט ליבערמאַן געוואוינט

1) ג. גורעוויטש. (גרשון באַדאַנעס) — דער ערשטער פּראָצעס פון די יידישע סאָציאַליסטן אין בערלין,
יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ, 191, זייט 152 און ווייטער (רוסיש).

2) ב. פרומקין. פון דער געשיכטע פון דער רעוואָל. באַוו. פון די 70=טע יאָרן. יעוור. סטאַרינאַ 1913 י.
זייט 521 (רוסיש).

3) ב. פרומקין — „יעוור. סטאַרינאַ" 1911 י. ז. 521=2 (רוסיש).

אַ קורצע צייט אין בערלין, וואו ער האָט זיך דורך גורעוויטשן פֿאַרבונדן מיט דעם יידישן סטודענטישן קרייז און דער קאָמונע. ער האָט געפֿונען ביי זיי מיטגעפֿיל אַרויס־צוגעבן אַ סאָציאַליסטישן אָרגאַן אין העברעאיש, און איינציקע פֿון זיי האָבן צוגעזאָגט צו שטיצן אים מיט געלט און אויך מיטצואַרבעטן".

ווי ס'ווייזט אויס, האָט זיך דאַן צוקערמאַן נענטער באַקאַנט מיט א. ליבערמאַן מסתמא אויך דערפֿאַר, וואָס צווישן די אַלע חברים פֿון קרייז איז צוקערמאַן געווען מער באַהאַוונט אין העברעאיש און האָט שוין דאַן אפילו געהאַט אָפּגעדרוקט איינציקע קלענערע זאַכן אין „השחר" און אַן ערציילונג אין „המליץ".

דאָס אויסערע לעבן פֿון דער קאָמונע איז געווען אַ גאַנץ אייגנאַרטיקס און איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די שטימונגען, וואָס האָבן דאַן געהערשט צווישן דער ניהיליסטיש־געשטימטער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. „איינציקע פֿון די אַנטלאָפֿענע סטודענטן — דערציילט מ. ק. אין זיינע זכרונות — האָבן געאַרבעט אין די בערלינער פֿאַבריקן, ווי פּשוטע טאָג־אַרבעטער. זיי האָבן געוואָלט אַליין זיך באַקענען מיט דער לאַגע פֿון די אַרבעטער און אויך געוואָלט זיך צוגעוויינען צו פּשוטער אַרבעט, כדי דערנאָך אומ־צוקערן זיך קיין רוסלאַנד און קאָנען אַריינדרינגען גלייך צווישן אַרבעטער און אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרשפּרייטן דאָרט דעם סאָציאַליזם. די אַלע סטודענטן און מיטגלידער פֿון דער קאָמונע זיינען געגאַנגען אין לייוונטענע העמדלעך, און זייער אויסזען איז געווען אַ שרעקליכער: לאַנגע, צעשויבערטע האָר, צעריסענע, פֿאַרלאַטעטע שיך, מיט „פּלעדן" אויף די אַקסלען, די הענט און פּנימער אויסגעשמירט פֿון דער אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג זיינען זיי געווען אין פֿאַבריק און פֿאַרנאַכט פֿלעגן זיי זיך אומקערן אין דער קאָמונע מידע, פֿלעגן לייענען, שרייבן, הערן פֿרישע נייס פֿון רוסלאַנד, פֿון די, וואָס קומען אַהער טאָג־טעגלעך פֿון דאָרטן צו לויפֿן".[1]

אויך צוקערמאַן, ווען ער איז געקומען קיין בערלין, קומט אָן לויט דער עצה פֿון זיינע חברים אין אַ צייך־פֿאַבריק, ווייל די מלאכה איז גרינג געווען אויסצולערנען. און ווירקליך, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט ער די מלאכה שוין געקאָנט. און לייזער, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אין וואוילטאָג, האָט זיך געמוזט פֿאַרנעמען מיט שווערער און שמו־ציקער אַרבעט. ער איז לכתחילה געווען צופֿרידן מיט דער אַרבעט און זיך געטרייסט, וואָס דערמיט „דינט ער דעם פֿאָלק". גיך אָבער ווערט אים די שווערע אַרבעט נמאס, און ער הויבט זיך אָן רייסן צוריק קיין רוסלאַנד, וואו ער זאָל קאָנען פֿירן די רע־וואָלוציאָנערע טעטיקייט. די נאָענטע חברים האַלטן אים אָפּ פֿון דער נסיעה איבער זיין צו־יידישן אויסזען און איבער זיין צו־שלעכטן רוסיש־רעדן. און זיין שטימונג הויבט אָן פֿאַלן, און עס באַהערשט אים אַ פֿאַרצווייפֿלונג. נאָך דעם טאָג אַרבעט פֿלעגט ער אַזוי פֿאַרמאַטערט ווערן, אַז ער האָט נישט געקאָנט נישט לייענען, נישט טראַכטן, נישט רעדן. ער האָט געפֿילט, ווי ער גייט אונטער הן גייסטיק, הן פֿיזיש. ער האָט שלעכט אויסגעזען — הויט און ביינער, ער האָט אויסגעזען פֿיל עלטער פֿון זיינע אמתע יאָרן.

און אויך דאָ איז אים געקומען צו הילף זיין חבר פּ. אַקסעלראָד. ער האָט אים געראַטן זיך אויסלערנען זעצעריי. צוקערמאַן האָט זיך גענומען פֿלייסיק לערנען און נאָך אַ יאָר שווערער אַרבעט אויף דער צייך־פֿאַבריק, קומט ער אָן אין אַ דרוקעריי. „לייכטערע באַדינגונגען און בעסער באַצאָלט. דאָך דער געדאַנק וועגן רוסלאַנד האָט אים נישט געלאָזט רוען. עפּעס נאָך אַ גרויסן אויפֿטו פֿאַר דער מענשהייט האָט זיין

1) מ. ק. „השלח" כרך יז, ז. 260

האַרץ געבענקט". די חברים האַלטן אים ווידער אָפּ. און איין מאָל לאָזט ער זיך אַוועק מיט זיין קלימיק אויף די פּלייצעס, מיט זיין פּאַרטיי־מיטגליד־ביכל אין בוזים־קעשענע וואַנדערן צו פוס, אים טרייבט דער ווילן צו באַקענען זיך מיטן לעבן פון אייראָפּע.

זומער 1876 קומט צוקערמאַן קיין ווין און באַזעצט זיך אויף אויגארטן־גאַס, ביי זיין חבר מ. קאַמיאָנסקי, וואָס האָט דאַן געלערנט אין אַ קאָמערץ־שול און איינציי־טיק זיך אויך געלערנט בוך־בינדעריי. מיט גרויס פליייסיגקייט לייענט צוקערמאַן דאַן לאַווראָווס „ווּפּעריאָד", וואָס האָט דאַן ערשיינט אין לאָנדאָן. צוקערמאַן טרעט באַלד אַריין פאַר אַ זע־צער צו ברעגן אין דרוקעריי, וואו עס האָט זיך געדרוקט פּרץ סמאָלענסקינס „השחר".

אין זעלביקן יאָר האָט ל. צוקערמאַן אָפּגעדרוקט אין „השחר" צוויי זאַכן: „עולם הפוך"[1] („אַן איבערגעקערטע וועלט") און „רעיון מעולם הזה ומעולם הבא"[2]

די ערציילונגען האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. פּ. סמאָלענסקין האָט מקרב געווען צוקערמאַנען, און לכתחילה האָט ער גאָרנישט חושד געווען, אַז די זאַכן גייען זיך אינגאַנצן פאַנאַנדער מיט דער שטימונג און ריכטונג פון זיין ענג־נאַציאָנאַ־ליסטישן „השחר", פּונקט ווי ער האָט פאַרזען און דורכגעלאָזט אין „השחר" די סאָציאַליס־טישע אַרטיקלען פון א. ליבערמאַן.

„עולם הפוך" איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ טאָג־בוך פון איינעם אַ יונגער־מאַן. עס הויבט זיך אָן מיט צוויי מאָטאָס פון „מגדל עוז" און פון „בבא בתרא"[3] און מיט אַ קורצער הקדמה: „מיין ערציילונג איז אַ קורצע, און וועגן דעם אינהאַלט זאָל משפּטן דער לעזער. איך גיב דאָ אַ קליין בילדל פונם יידישן לעבן אין אַ קליין שטעטל אין רוסלאַנד. עס איז נישט קיין אויסנאַם אין דעם געוויינלעכן לעבן, און די טיפּן, וואָס ווערן געשילדערט אין דער ערציילונג, זיינען אויך גאָר פּשוטע מענשן, אָבער צווישן אָט די פּשוטע מענשן לעבן מיר און ווילנדיק נישט ווילנדיק געפינען מיר זיך צווישן זיי און מיר דאַרפן וויסן: ווער זיינען זיי? און זאָל דער לעזער זיך צו־קוקן צו זיי און זאָל ער זיי קענען". און עס ווערט דערציילט אַ מעשה פון אַ יידישער טאָכטער רוחמה, וואָס האָט קעגן איר ווילן געמוזט חתונה האָבן פאַר אַ גבירס אַ זון נבל. להיפוך צו דעם ווילדן פאַנאַטיזם פון דעם אכזריותדיקן פאָטער נחור און צו דער גאַנצער פאַלשקייט פון די „פרייליכע" תנאים און הכנות צו דער התונה, וואָס פאַרשאַפן ליידן און יסורים דער אומגליקליכער רוחמה, גייט אין דער דערציילונג דורך אַן אמתע ליבע צווישן שלומען און חנהן, ביי וועלכע עס הערשן גוטע נאַטירליכע ליבע־באַציהונגען.

די מעשה איז אָנגעשריבן אין אַ שיינער העברעאישער שפּראַך און רירט מיט איר באַזונדערער, ביז־גאָר נאַאיווער אופריכטיגקייט און עלעמענטאַרער, באמת־פּראָ־ווינציעלער ראָמאַנטישקייט. און צוזאַמען מיט דער רירנדיקער אַנטציקונג פאַר דער מיל־דער, שוואַכער רוחמה לאָזן זיך הערן ליידנשאַפטליכע פּראָטעסט־געפילן, קאָוף־אויס־רופן און באַפרייאונג־לאָזונגען, ביז גאָר נאַאיווע, אָבער גאַנץ כאַראַקטעריסטישע פאַר דער צייט און פאַר די שטימונגען, אין וועלכע עס האָט געלעבט ל. צוקערמאַן.

אין דער צווייטער זאַך, אין „רעיון מעולם הזה ומעולם הבא", וואָס ווערט אויך

1) „השחר" תרל"ו שנה שביעית 81—94.

2) „השחר" תרל"ו שנה שביעית 574—577. די זאַך איז אָפּגעדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים „עזרי בן־יוספאל". זע ש. ל. ציטראָן — חג חשבועות בחברת סמולנסקין, „הד הזמן" 1911, נומ. 118 און 120.

3) „כמה ברחם — רחמים ישחיתו, כי רחמיהם רק לאכזר סלה" (מגדל עז) „עולם הפוך" ראיתי, עליונים למטה ותחתונים למטה, (בבא בתרא י').

באַגלייט מיט צוויי מאָטאָס — פֿון מדרש און תּלמוד 1), גיט צוקערמאַן איבער אין אַ פֿאַנטאַסטישן דיאַלאָג די ראשי-פּרקים פון דער סאָציאַליסטישער תּורה. עס הויבט זיך אָן אַזוי: „ווען איך גיי אַרויף אויף מיין געלעגער, הויב איך אָן פֿירן אַ חשבון אין די וועלט-חשבונות. עס ווערן געבוירן פֿיל פראַגן און פיל ענטפערן. איך וואַרף אום וועלטן און שטעל אויף וועלטן, צעוואַרף ווידער און בוי ווידער אויף... פאַרוואָס זיינען אַזוי פיל אומגליקליכע פֿאַראַן אויף דער וועלט? — האָב איך נעכטן געטראַכט און געטראַכט, ביז ס'איז אָנגעפאַלן אויף מיר אַ שווערער שלאָף... און איך האָב דערזען אַ הויכן באַרג". אויפן שפּיץ באַרג שטייט אַ געזונטער, קרעפטיקער און פֿעטער מאַן, אָנגעטאָן אין גאָלד און בריליאַנטן, און פון אונטן שטייט אַ מאָגערער, אויסגעמאַטערטער מענש מיט צעריסענע קליידער און מיט אַ שווערער משא אויף די פּלייצעס. און אָט די צוויי פירן אַ שמועס, אין וועלכן עס ווערט אויסגעדריקט דער תּהום, וואָס ליגט צווישן דעם קאַפּיטאַליסט און דעם אַרבעטער. אין מויל פונם אַרבעטער לייגט צוקערמאַן אַריין די רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, וואָס האָט אָנגעפילט די מוחות און הערצער פון דער דעמאָלטיקער יוגנט. „די נאַטור — טענעט דער אַרבעטער פון אונטן צום קאַפּיטאַליסט פֿון אויבן — פאַרמאָגט גענוג רייכטימער צו באַזאָרגן די נאַטירליכע הצטרכותן פֿון יעדן איינציקן, און ס'זיינען פֿאַראַן גענוג מענשן צו באַאַרבעטן די ערד... אויף דער וועלט אָבער זיינען די אומנאַטירליכע הצטרכותן פיל מער, איידער די נאַטירליכע; די צאָל פון די, וואָס אַרבעטן אויף די אומנאַטירליכע הצטרכותן, איז זעהר גרויס, דעריבער פעלן אויס הענט צוליב די נאַטירליכע באַדערפֿנישן; און דעריבער פעלן זיי אויס ביי פיל מענשן, און אָט די מענשן זיינען עס די אומגליקליכע".

„דו קענסט דען פאַרשטיין — טענעט ווייטער דער אויסגעמאַטערטער, — אַז דאָס רוב אַרבעט, וואָס פאַרנעמט דעם מענש, איז נישט נאָר *לחלוטין איבעריק*, נאָר *עס טויט אויך דעם גייסט און געפיל* פון מענש?" און אין אַ דרייסטן טאָן, פול מיט טענות און מיט גלויבן, פירט זיין געשפרעך דער שוואַכער מיטן געזונטן.

דער פעטער טענעט: „דו באַמערקסט נישט דעם פּראָגרעס, וואָס די וויסנשאַפֿט מאַכט פֿון טאָג צו טאָג". אויף דעם ענטפערט דער מאָגערער:

— „יאָ, איך זע אייער פּראָגרעס אויף שריט און טריט; איך זע אייער פּראָגרעס אין „חכמת המשפט", דאָרטן פאַרמשפּטן *זאַטע* ריכטער די *הונגעריקע* צו זיצן אין תּפיסה; איך זע אייער פּראָגרעס אין מעדיצין, וואו די דאָקטוירים שרייבן צו „רפואות", אַנשטאָט צו פאַרשרייבן ברויט און קליידער; איך זע אייער פּראָגרעס אין אַרכיטעקטור: אַלע הייזער פון די אָרימע לייט האָבן נישט די לופט, וואָס איז נויטיק פֿאַר אַ מענשן, און דאָס רוב וואַרשטאַטן און פאַבריקן, וואו עס האָרעווען די אַרבעטער מיט זייער בלוטיקן שווייס, זיינען אַזוי געבויט, אַז זיי ברענגען אַלערליי שלאַפֿקייטן; איך זע אייער פּראָגרעס אין דער טעכניק, וואו איין נייע מאַשין שליידערט אַרויס פיל אַרבעטער, און זיי ווערן געצוואונגען צו עמיגרירן כדי זוכן אַ שטיקל ברויט און געפינען נישט"...

דער דיאַלאָג ענדיגט זיך מיט דעם דרייסטן אויסגעשריי פונם שוואַכן:

— „אייל, אייל אַראָפּ פונם באַרג, אייל אַראָפּ אין פינסטערן תּהום, און איך, איך

1) סחורה אני ונאוה, שחורה בעולם הזה ונאוה בעולם הבא (מ"ר שה"ש). לא כחלוקה של עוה"ז חלוקה של עוה"ב (ב"ב קפ"ב).

וועל זיך פאַמעליך שלעפּן און ציִען דורך מיין אַרבעט אַרויף אַ באַרג, ביז כ׳וועל דערגרייכן צום שפּיץ און קומען צום לעבן פון י ע נ ע ר וועלט״.

פּ. סמאָלענסקין האָט געלייגט האָפענונגען אויף דעם יונגען ל. צוקערמאַן פאַר זיין שיין העברעאיש. צוקערמאַנען אָבער האָט זיין שיין העברעאיש אַליין ווייניק באַפרידיקט, אים האָט געצויגן אין אַן אַנדער וועלט. ער האָט געטרוימט וועגן רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און געזוכט די מעגליכקייט צו ברענגען נוצן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

לסוף, האָבן זיך צווישן צוקערמאַנען און סמאָלענסקינען איינגעשטעלט נישט קיין איבעריק־פריינטליכע באַציהונגען. צוקערמאַן איז אויך נישט באַפרידיקט מיט די שכירות, וואָס ער באַקומט פון סמאָלענסקינען, און ער באַשולדיקט אים, אז ער באַרויבט די אַרבעטער. בכלל איז ער דאַן פיינטליך געשטימט געווען קעגן די מענשן, וואָס זיינען אויסגעפּוצט און האלטן זיך צו „בעל־הבתיש״. ער פלעגט שוין דאַן זעלטן ווען אַריינקומען צו סמאָלענסקינען אין שטוב.

צוקערמאַן האָט דעמאָלט געשריבן ניט בלויז העברעאיש, נאָר אויך י י ד י ש. „איך געדענק—דערציילט ש. ל. ציטראָן 1) – אַז אַמאָל האָט צוקערמאַן פאר דעם קרייזל איבערגעלייעגט זיינע אַ יידישע פּאָעמע, וועלכע האָט געהייסן „מ אָ ט ל ד ע ר ש ו ס ט ע ר״. כ׳האָב מיר ביי אים דאַמאָלסט די דאָזיקע פּאָעמע אָפּגעשריבן. ביי היינטיקן טאָג איז מיר פאַרבליבן אין מיין זכרון בלויז די פאָלגנדיקע שורות:

„ניט קיין מיוחס איז מיין העלד, ניט קיין בעל־הבית קיין יוסטער,
נאָר אַ געמיינער ייד: מאָטל דער שוסטער.
געהאָרעוועט כל ימיו, ווי אַן אָקס אין דער סאָכע,
דאָס שטיקל ברויט צו פאַרדינען פאַר זיין משפחה.
אַכט קינדערלעך מיט אַ ווייב אַ חלושה,
אַ טשאַכאטניצע — פון דער מאַמען בירושה.
געוואוינט האָט ער אין שכנות ביי יודל דעם שמש,
אין אַ דירהלע אַ קליינס פון ד׳ אמות,
אויפן בוידים־שטיבל אין דער הויך;
תמיד פול מיט טשאַד און רויך,
וואו ווינטער האָט געגאָסן פון די ווענט
און זומער האָט געסמאַליעט און געברענט.
בקיצור: אַ פאלאַץ, אַ פּראַכט.
דאָרט פון גאַנץ פרי ביז אַ שטיק אין דער נאַכט
איז מאָטל צוגעשמידט צום שוסטער־שטול
געזעסן איינגעבויגן אין דרייען איבערן קאָפּול״.

אַ צווייטן מאָל האָט צוקערמאַן אָנגעשריבן אַ שיר אונטערן נאָמען „ד י ו ו ע ל ט מ וז א י ב ע ר ג ע ש אַ פ ן ו ו ע ר ן נ אָ כ אַ מ אָ ל״. אויך פון דעם שיר געדענק איך נאָר דעם ערשטן בית:

„איך פרעג:
וואָרום

1) זע: „דרײַ ליטעראַרישע דורות״ II ז. 59—60.

איז אַזוי קרום
גענוּיט די וועלט?
פאַרוואָס דער בעל־מלאכה
מיט זיין גאַנצע משפחה
ליידט הונגער און קעלט?
און דער ליידיגגייער, דער פּושטשאַק,
דער הולטאַי, דער ליידאַק,
וואָס שלעפּט זיך אַרום אין גאַס
פּוסט און פּאַס
האָט ריינקייט, כבוד און גדולה?
פאַרוואָס האָט דער גאָרנישט, און יענער אַ פולע?
וואו איז די גערעכטיגקייט? וואו איז דער יושר?
דער אָרימאַן זאָל האָרעווען און שפּייזן דעם עושר?
שרייען דאַרף מען אָן אַן אויפהער אויפן קול:
„די וועלט מוז איבערגעשאַפן ווערן נאָכאַמאָל!"

מיט אָט די לעצטע צוויי שורות האָט זיך פאַרענדיקט יעדער בית פונם שיר. און נאָך פון צוקערמאַנס אַ יידישן שיר, פון וועלכן איך האָב שוין פאַרגעסן דעם נאָמען, זיינען ביי מיר פאַרבליבן אין זכרון די פאָלגנדיקע שורות:

„אַלץ דאַרף ווערן צעבראָכן, צעשטויסן,
און פון קאסמאס דעם גרויסן
דאַרף אַרויס אַ נייער בנין.
ניטאָ קיין קבצן, קיין גביר;
כ'ווייס ניט: וואו דער אויבנאָן, וואו די טיר.
ניטאָ קיין פּריצים, קיין שררות,
יחוס איז אויפן בית־הקברות;
ניטאָ מיין, דיין, קיין אייביקער קנין.
נאָר אין פאַבריק, אין זאַוואָד,
ביי דער מאַשין, ביי דער ראָד,
פון דעם קוימען, פון דעם רויך
לעבט
און שוועבט
אין דער הויך" — — —

אין גיכן קומט צו פאָרן קיין ווין אהרן ליבערמאַן, נאָכדעם ווי ער טרעט ארויס פון דעם „יידישן כאציאַליסטישן פאַראיין", וואָס ער האָט געגרינדעט אין לאָנדאָן. און צוזאַמען מיט ל. צוקערמאַנען הויבן זיי אָן אַרויסצוגעבן דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אָרגאַן אין העברעאיש, דעם „האמת". צוקערמאַן האָט אַליין אויסגעזעצט דעם „האמת", פון וועלכן עס זיינען אַרויס דריי נומערן. (לויט אַנדערע ידיעות זיינען ערשינען 4 נומערן). אין „האמת" האָבן זיך די אַרטיקלען געדרוקט אָן דער אונטערשריפט פון די מחברים, דעריבער איז איצט שווער פעסטצושטעלן, וואָס צוקערמאַן האָט געדרוקט אין „האמת" אוז בכלל, ווי ווייט עס איז געווען זיין אידייאישע ווירקונג אויף דעם

„האמת“. ג. גורעוויטש ווייזט אָן, אַז דער „האמת“ איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון א. ליבערמאַן און ל. צוקערמאַן [1].

ווי ש. ל. ציטראָן פאַרזיכערט, האָט צוקערמאַן קיין איין זעלבסשטענדיקן אַרטיקל אין „האמת“ נישט געשריבן. די סבה איז געווען די גרויסע מיינונגס-פאַרשידנהייט בנוגע דאָס פּראָגראַם פונם זשורנאַל. צוקערמאַן איז געווען לויט זיינע אָנשויאונגען אַ סך עקסטרעמער פון ליבערמאַנען. און ער האָט פאַרלאַנגט, אַז די דאָזיקע עקסטרעמיטעט זאָל זיך אָפּשפּיגלען אין „האמת“, און ליבערמאַן האָט עס נאָך געהאַלטן פאַר פריצייטיק“.

די דריי נומערן פון חודש-זשורנאַל „האמת“ זיינען אַרויס אין משך פון עטלעכע חדשים. דער ערשטער נומער אין מאַי 1877, דער צווייטער אין יולי, דער דריטער אין סעפּטעמבער. דער „האמת“ איז באַשטימט געווען פאַר דעם ברייטן עולם און דער פרייז פאַר אַ יאָר איז באַשטימט געוואָרן איין רובל. אין די „ענטפערן פון דער רעדאַקציע“ צו אַן אָנפרעגער ווערט, אגב, געמאָלדן, אַז „קיין פּריוואַטע אַנאָנסן וועט זי פאַר קיין געלט נישט דרוקן; אַנאָנסן אָבער, וואָס ברענגען געזעלשאַפטלעכע נוצן, וועלן זיך דרוקן אָן געלט, ווייל דער „האמת“ האָט אויסשליסלעך אין זינען די נוצן פון דער געזעלשאַפט“.

אין די דריי ערשיינטע נומערן זיינען אָפּגעדרוקט אַ גאַנצע רייע אינטערעסאַנטע אַרטיקלען, נאָטיצן און בעלעטריסטיק, דאָס רוב פון זיי אָנהויבן, אַריינפירן פון גרעסערע אַרבעטן. די אַרטיקלען רירן אָן פיל פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן, און זיינען געשריבן מיט פייערלעכער באַגייסטערונג און מיט געהויבענער שטימונג. עס איז דערקלערט געוואָרן אַ דרייסטער קאַמף דער יידישער בורזשואַזיע, מיט שטאַרקע און האַרבע ווערטער טרעטן זיי אַרויס קעגן דעם גביר און הענדלער, קעגן די סוחרישע אייגנשאַפטן פון יידישן פאָלק און קעגן דער קאַריעריסטישער יוגנט. זיי טרייסלען זיך אָפּ פון די ענג-נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען און געדאַנקען, וואָס האָבן פאַרכאַפּט אַ טייל פון די יידישע שרייבער מיט פּ. סמאָלענסקין בראש. און אין דעם ווילן אָפּצוגרעניצן זיך פון דער נאַציאָנאַליסטישער פראַזע גייען זיי אָפּטמאָל אַוועק צו ווייט און לייקענען אָפּ די אייגנאַרטיקע קולטורעלע אוצרות פון יידישן פאָלק. און דערביי ווערן זיי אָפּט געשטרויכלט: אין זשורנאַל באַמערקן זיך אין דעם פרט פיל אינערלעכע סתירות און ווידערשפּרוכן.

דער „האמת“ שטעלט פאָר אַ וויכטיקן מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק און פאַר דער פאָרשונג פון דעם אידעאישן און גייסטיקן איבערבראָך, וואָס עס האָט איבערגעלעבט די יידישע אינטעליגענץ אין די 70-טע יאָרן, אין דער תקופה, ווען זי איז אַוועק פון דער השכלה צום סאָציאַליזם, אין דער תקופה, ווען זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט פונם נאַציאָנאַליסטישן „השחר“ און זיך דורכגעשלאָגן נייע וועגן אין דעם סאָציאַליסטישן „האמת“ [2].

---

1) בכלל, אין די אַלע זכרונות, וואָס צוקערמאַנס פריינט און חברים דערציילן, ווערט איבערגעגעבן, אַז צוקערמאַן איז געווען אַ טאַלאַנטפולער דיכטער און פובליציסט, און אַז ער האָט געדרוקט ערציילונגען אין לידער אין פאַרשיידענע העברעאישע און יידישע אויסגאַבן. אין דעם מאָמענט איז עס שווער פעסטצושטעלן. אויסער די אויבנדערמאָנטע צוויי זאַכן פון „השחר“, האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו געפינען אייניקע קורצע געגראַמטע אַפאָריזמען זיינע אין „השחר“ תרל״א, צווייטער יאָרגאַנג, און פון תרל״ו, זיבעטער יאָרגאַנג. אָט די אַפאָריזמען (מכתמים) זיינען גאַנץ כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט: אַ מענש מיט רייסעדיקן איבערצובויען די וועלט, און דאָך קאָן ער זיך נישט באַפרייען פון דער דאַמאָלטיקער בטלנישער מליצה פון קליינשטעטלדיקן משכיל.

2) אויספירליך וועגן דעם „האמת“, וואָס איז איצט ביז גאָר אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנהייט, זע: ב, פרומקין — יעוור. סטאַרינאַ 1911 זייט 530—535; י. צינבערג — די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַנען „פּערעזשיטאיע“ 190 באַנד 1 (רוסיש).

דער ערשטער יידיש=סאָציאַליסטישער זשורנאַל האָט געהאַט גרויסן ערפאָלג און
יז באַגעגנט געוואָרן צווישן דער יידישער יוגנט מיט גרויס ענטוזיאַזם און באַגייסטע=
ונג. ער האָט אויפגעמונטערט דעם געדאַנק און צוגעצויגן יונגע הערצער צום רע=
אָלוציאָנערן קאַמף.

דער „האמת" האָט אַרייגגעגאָסן שטראָמען לעבן אין דער פאַרגליווערטער, אָפגע=
טאַנענער יידישער ליטעראַריש=פובליציסטישער וועלט, וואו עס האָט ביז אַהער גע=
עלטיקט די נאַציאָנאַליסטישע פראַזע. ער האָט געשאַפן איבערגעגעבענע אָנהענגער
ון חסידים פון דער סאָציאַליסטישער תורה.

און אינטערעסאַנט איז, ווי עס האָט באַגעגנט דעם „האמת" פ. סמאָלענסקינס
השחר": „די צילן פון אָט דעם זשורנאַל וועלן קלאָר ווערן פאַרן לעזער, ווי נאָר
ר ווערט אים נעמען אין האַנט. ער האָט קיין שייכות נישט מיט די איבעריקע יידישע
שורנאַלן, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט יידן, ווי אַזעלכע. ער זאָגט קלאָר, אַז ער
אָט קיין שייכות נישט צו דער פאַרגאַנגענהייט פונם יידישן פאָלק, אַז נישט רעליגיע
ון נישט די ליבע צום פאָלק פירט אים... די, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט ליב צו
אָבן זייער פאָלק און האָבן נישט צעריסן מיט דער רעליגיע, די וועלן זיך נישט צו=
ערן צו די ווערטער פונם נייעם זשורנאַל; די אָבער, וועלכע באַציען זיך צו רעליגיע
ון צו דער ליבע צו זייער פאָלק, ווי די אַרויסגעבער פון „האמת", וועלן זיין שפראַך
ישט פאַרשטיין. האָט ער נישט אפשר בדעה צו שאַפן אַ נייעם לעזער, אַ לעזער, וואָס
'האָט אים ביז איצט נישט געזען?" 2)

דער „האמת" האָט קיין אריכת=ימים נישט געהאַט. דער לעצטער נומער איז
אָנפיסקירט געוואָרן אויף דער רוסישער גרעניץ, און די ווינער פאָליציי האָט געמאַכט ביי
יבערמאַנען אַ הויז=זוכונג און אים אַרעסטירט.

צו יענער צייט פאָרט צוקערמאַן אַרי בער קיין זשענעוו און אָרדנט זיך איין
אַר אַ זעצער אין דער דרוקעריי פון דער „אָבשטינע"—דעם זשורנאַל פון רוסישע
נאַרכיסטן, וואָס איינער פון זיינע רעדאַקטאָרן איז געווען אַקסעלראָד. די אַרויסגע=
ער האָבן קיין געלט נישט געהאַט, און די זעצער האָבן קיינמאָל זייערע שכירות צו
ער צייט נישט באַקומען. צוקערמאַן האָט מיט איבערגעגעבנקייט געאַרבעט און קיין
ימן פון אומצופרידנהייט נישט אַרויסגעוויזן. ער פלעגט זיך נאָך טיילן מיט יעדן
מיגראַנט מיטן לעצטן סאַנטים. ער פלעגט, משמעות, גאַנץ שטאַרק אונטערהונגערן,
ועגן דעם האָט עדות געזאָגט זיין שרעקליכער אויסזען.

„סוף 1878—דערציילט ל. דייטש—האָב איך נאָכן אַנטלויפן פון קיעווער געפענקעניש,
מיגרירט קיין זשענעוו.—באַלד איז אַהין אָנגעקומען צוקערמאַן. איך האָב זיך באַקאַנט
יט אים ביי אַקסעלראָדן. מיר האָבן זיך גיך באַפריינדעט. ער האָט מיך תיכף צוגע=
ויגן צו זיך מיט זיין וואַרימקייט, אָפנהאַרציגקייט. אָבער מער ווי מיט אַלץ פלעגט
ר געווינען הערצער מיט זיין גוטמוטיקן ווייכן יידישן הומאָר. ער האָט בוכשטעבלין
עשאָטן מיט וויצן, גלייכווערטלעך און אַנעקדאָטן. ער האָט געהאַט אַ מערקווירדיק אויג
און חוש. ער פלעגט באַלד כאַפן, וואו איז אַן אמת און וואו נאָר אַ פראַזע". 2)

סוף כל סוף ווערט דערפילט צוקערמאַנס פאַרלאַנג זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד.
צו לעבעדיקער אַקטיווער אַרבייט. אין האַרבסט 1879 פאַרלאָזט ער אויסלאַנד און צו=
אַמען מיט אהרן זונדעלעוויטש קומט ער קיין פעטערבורג ספּעציעל צו אַרבעטן אין

1) „השחר", 1878 י. צענטעס בוך.
2) ל. דייטש. — „צוקונפט" 1916 ז. 243—244.

דער ערשטער געהיימער דרוקעריי פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“. גלייך פון וואָקזאַל פאָלט צוקערמאַן אַריין אין דער דרוקעריי (אין אַ דירה אויף סאַפּיאָרנעם געסל), וואו צוזאַ־מען מיט די איבעריקע חברים פירט ער אַ פאַרשפאַרט אמת־תּפיסה לעבן. דערצו איז ער נישט געווען איינגעמאָלדן, און צוליב פאָרזיכטיגקייט פלעגט ער זיך ניט באַווייזן אויף דער ליכטיקער שיין.

רעדנדיק וועגן די זעצער אין די געהיימע דרוקערייען, שרייבט סטעפּניאַק־קראַווטשינסקי: „אַ טיפער טרויער כאַפּט מיך אַרום, ווען איך זע אָט די מענשן. ניט ווילנדיק פאַרגלייך איך זייער שרעקליך לעבן מיט אונזערן, און איך פיל זיך פאַרשעמט. אונזער גאַנצע טעטיגקייט גייט אַדורך אויף דער ליכטיקער שיין, אין אַ סביבה, וואָס דערוועקט קאַמף־ווילן, אין קרייז פון חברים און פריינט—איז דען אַזאַ טעטיגקייט ניט קיין יום-טוב אין פאַרגלייך מיט דעם אמת־קאַטאָרגע־לעבן, אויף וועלכן עס האָבן זיך אַליין פאַרמשפּט אָט די מענשן אין זייער אומעטיקער לאָך?“

דאָס לעבן אין אָט דער געהיימער דרוקעריי איז טאַקע געווען אַ משונהדיקס. מענשן האָבן געלעבט אָפּגעריסן פון גאָר דער וועלט. נאָר איין מאָל אין צוויי וואָכן, אין טאָג, ווען ס'האָבן באַדאַרפט קומען די דיל־פּוצער, זיינען די צוויי ניט געמאָלדענע חברים צוקערמאַן און אַבראַם (לובקין) אַוועקגעגאַנגען פון דער היים אויף אַ גאַנצן טאָג און האָבן ניט געטאָרט זיך ווייזן אין דער דירה. מען האָט ניט געהאַט צו טון מיט קיינעם פון דער אויסערער וועלט. „איך געדענק—דערציילט ל. דייטש—אַז אומקערנדיק זיך אין הארבסט אין פעטערבורג האָב איך געוואָלט זען „צוקערן“—ווי מיר פלעגן צוקערמאַנען רופן. אָבער דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אוממעגליך און אַזוי האָב איך אָפּגעלעבט מיט אים אין איין שטאָט איניקע חדשים און אים ניט געזען“.

„אַזאַ מין לאַנגווייליק, איינאַרטיק לעבן—שרייבט איינע פון די אַנטייל־נעמער אין דער דרוקעריי, די „בעל־הביתטע“,—האָבן די דרוקער געפירט פון טאָג צו טאָג, ניט גע־וואוסט פון ימים־טובים, ניט געוואוסט פון קיין אָפּרו, פון קיין שום פאַרגעניגן. אין אמתן גערעדט, רעכן איך, אַז דעם ערפאָלג פון דער זאַך האָט פיל מיטגעהאָלפן דאָס, וואָס אַהער זיינען אַריינגעפאַלן איינזאַמע, פאַרשלאָסענע און ווייניק געזעליקע מענשן. אַנדערש וואָלט זיי צו שווער געווען איבערצוטראָגן אַזאַ מין לעבן... צום גליק האָט דאָס מזל צוגעשיקט דער שווייגנדיקער קאָמפּאַניע לייזער צוקערמאַנען, אָט דעם לעבעדיקן פריינטליכן און אָן אַ שיעור גוטמוטיקן מענשן. ער איז ניט געווען קיין פּלאַפּלער, ער האָט זיך ניט אָנגעבונדן מיט רייד, נאָר זיצן און שווייגן אין דער געזעלשאַפט פון זיינע נאָנטע מענשן האָט ער ניט געקענט. אויב אים האָט זיך ניט איינגעגעבן צווינ־גען זיינע חברים זיי זאָלן רעדן, האָט ער זיי געצוואונגען בעת דער אַרבעט צו זינגען און דערביי האָט ער שטענדיק אָנגעהויבן דער ערשטער. קיינער פון אונז האָט פריער ניט געקענט צוקערמאַנען, ער איז אָבער גלייך באַפריינדעט געוואָרן מיט אונז אַלעמען, און זיין אָנוועזנהייט האָט דערפרישט אונזער געזעלשאַפט. ער איז געווען עלטער פון זיינע חברים (ער איז דאַן אַלט געווען 27 יאָר), נאָר ער האָט פאַרמאָגט אַ קינדיש ריין האַרץ און זיך געהאַלטן אַזוי איינפאַך, אַז יעדן האָט זיך געדוכט, אַז ער קען שוין לייזערן פון לאַנג אָן... זיין צעהרגעטע רוסישע שפּראַך און זיין אומבאַקאַנטשאַפט מיט דעם רוסישן לעבן, דערהויפּט מיטן פעטערבורגער, האָט געבראַכט צו קוריאָזן. אין די טעג, וואָס מ'פלעגט אים אַרויסלאָזן אויף אַלע פיר זייטן, פלעגט ער באַזוכן אַמאָל זיינע פּאָר באַקאַנטע, ער פלעגט אַרומבלאָנדזשען איבער דער שטאָט און באַזוכן די עפנטליכע ביבליאָטעק. אַהיים פלעגט ער מיט זיך מיטברענגען פיל מעשיות וועגן די

פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך מיט אים געטראָפֿן, און אַ גאַנצן אָוונט פֿלעגט ער שפּעטער משמח זיין דעם עולם. נאָך דער אַרבעט פֿלעגט ער פֿלייסיק לייענען צייטונגען און ערנסט זיך אינטערעסירן מיט פּאָליטיק, דערנאָך פֿלעגט ער פֿאַרפֿירן שמועסן אויף דער זעלבער טעמע און געמיט זיך אַריינצוציען אינם שמועס די שווייגנדיקע חברים. זיין פֿאַנטאַזיע פֿלעגט זיך שטאַרק צעשפּילן און ער האָט דרייסט באַשטימט דעם צוקונפֿטיקן גורל פֿון די אייראָפּעאישע מלוכות". 1)

צוקערמאַן האָט זיך זעהר גוט געפֿילט אין דער נייער סביבה. דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער איז נוצליך דער באַוועגונג, האָט אים געשטעלט צופֿרידן. זיין גוטסקייט און רירנדיקע אויפֿמערקזאַמקייט צו אַלע אַרומיקע האָבן אים געשאַפֿן איבערגעגעבענע פֿריינט.

אָט וואָס עס דערציילט וועגן צוקערמאַנען די באַוואוסטע רעוואָלוציאָנערן א. ליובאַטאָ-וויטש, וועמען עס איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט ניק. מאָראָזאָוון אויסצובאַהאַלטן זיך אין דער געהיימער דרוקעריי אַ קורצע צייט:

„אויף דער נאַכט, ווען די אַרבעט ווערט פֿאַרענדיקט, און אַלע קלייבן זיך צונויף אין דעם גאַנץ גראָמען הינטערשטן צימער ביים אָוונט-ברויט און סאַמאָוואַר, פֿלעגט לייזער טרייבן קאַטאָוועס און לאַכן, און אָפֿט פֿלעגט ער פֿאָרשטעלן סצענעס פֿונם לעבן פֿון פּשוטע יידן און דורכוואַרפֿן דערביי רוסישע פֿראַזן מיט יידישע... און אָפֿטמאָל אין פֿרייע מינוטן, ביים פֿאַלצירן די אָפּגעדרוקטע בויגנס (אויסער דעם דריטן נומער „נאַ-ראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט מען דאָ געדרוקט נעקראַסאָווס פֿאַרווערט ווערק „פֿיר נאַ וועס מיר"), פֿלעגט צוקערמאַן שטילערהייט זינגען און באַקאָנען מיך מיט די אַלטע, טרויעריק-וויינענדיקע יידישע נגונים, וועלכע איך האָב זיך געמיט נאָכצוזינגען, און דאָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן. ער פֿלעגט אויך דערציילן פֿאַרשיידענע עפּיזאָדן פֿונם לעבן פֿון יעזוס און מאַריאַ, ווי עס ווערט געשילדערט אין תלמוד".

„זיין אויסערליכקייט — באַמערקט ווייטער א. ליובאַטאָוויטש — די מאַניר, ווי ער האָט זיך געהאַלטן, האָבן ניט געגעבן די מעגליכקייט ביי דער אויבנאויפֿיקער באַקאַנט-שאַפֿט אָפּצושאַצן אים מיט אַמאָל, ווי געהעריק. און דאָך האָט אונטער דער ווייניק אימפּאָנירנדיקער אויסערליכקייט געלעבט אַ פּראַכטפֿולע, פֿילבאַרע און פּאָעטישע נשמה, גרייט אויף אמתער מסירת-נפֿש". 2)

און אָט די גרייטקייט אויף מסירת-נפֿש האָט צוקערמאַן גאָר אין גיכן אַרויס-באַוויזן. נישט געקוקט אויף אַלע מיטלען, וואָס די דערפֿאַרענע רעוואָלוציאָנערע טוער האָבן אָנגענומען כדי אָפּצוהיטן די געהיימע דרוקעריי, האָט די פּאָליציי צופֿעליק זי אויסגעפֿונען. בעת אַ הויז-זוכונג ביי איינעם פֿון די מיטגלידער פֿון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט מען געפֿונען אַ קאָפּיע פֿון אַ פֿאַלשן פּאַס, אויף וועלכן עס האָט געוואוינט איי-נער פֿון די דרוקער און אַזוי אַרום איז מען דערגאַנגען צו דער דרוקעריי.

דאָס האָט געטראָפֿן אין יאַנואַר 1880. אין מיטן נאַכט זיינען אַלע אין דרוקעריי אויפֿגעוועקט געוואָרן פֿון אַ שטאַרקער קלינגעריי. אַלע האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט. אייניקע האָבן זיך גענומען פֿאַרניכטן פּאַפּירן, בריוו, דאָקומענטן און אייניקע האָבן געשאָסן. די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן ברעכן די טירן און גלייכצייטיק געשיקט נאָך הילף צו די זשאַנדאַרן-קאַזאַרמעס. די שיסער האָבן דערווייל געפּטרט אַלע פּאַטראָנען.

„ווען די פּאָליציי האָט זיך צולעצט אַריינגעריסן אין דער דירה — דערציילט ס

1) סאָפֿיא איוואַנאָוונאַ-באָרישאַ — „ביליע" 1906 יאָר XI ז. 1—13.

2) א. ליובאַטאָוויטש-דזשאַבאַדאַרי — „ביליע" 1906. VI ז. 10—11.

איוואַנאָווע־באָריישאַ – האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אַלע אינאיינעם אינם דריטן צימער, און קיינער האָט שוין נישט געשאָסן, די רעוואָלווערן זיינען געבליבן אָן פּאַטראָנעס. די טיר פון אונזער צימער איז געווען נאָר צוגעמאַכט, און נישט געקוקט אויף דעם, האָט מען אין איר געקלאַפּט מיט העק, אָנשטאָט פשוט אויפצועפענען זי. פון אונזערע האָט עמיץ אַ געשריי געטאָן: „מיר גיבן זיך אונטער!" נאָר פון יענער זייט טיר האָט מען געהאַלטן אין איין גראָב זידלען זיך און אַלץ געהאַקט די טיר. צולעצט האָט מען איין האַלבע טיר געעפענט, נאָר קיינער פון די פּאָליציאַנטן האָט נישט געוואָלט אַריין דער ערשטער אין טיר, רעכענדיק אַלץ, אַז מיר וועלן נאָך שיסן. אויסער דעם, האָבן זיי נישט געגלויבט זייערע אייגענע אויגן און זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז מיר זיינען נישט מער ווי פיר מענשן. דער פינפטער, אַבראַם, איז אין דעם מאָמענט אַוועקגעגאַנגען פון דעם צימער. בעתן ברעכן די טיר, האָט ער גיך און אויפגערעגט זיך געזעגנט מיט אונז. ער האָט יעדן אַרומגענומען, געקושט יעדן באַזונדער און זיך געזעגנט. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז ער גרייט זיך נעמען דאָס לעבן. זיין פאַרשוואונדן פונם צימער בעתן אַלגעמיינעם טומל איז דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט. מען האָט אונז אַנידערגעשליידערט אויף דער ערד און אַלעמען געבונדן. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך נישט באַרוהיקט און אַלץ געזוכט די „איבעריקע". מיט געשרייען און זידלערייען האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אין לעצטן צימער און דאָרט האָבן זיי געטראָפן דעם טויטן קערפּער פון אונזער אָרימען חבר, וואָס איז געשוואומען אין בלוט. מען האָט אונז אַלעמען צעזעצט אויף ביינקלעך מיט פאַרשנורעוועטע הענט און צו יעדן צוגעשטעלט צו צוויי שומרים. די שטריק זיינען אַזוי שטייף געווען פאַרצויגן, אַז די הענט זיינען אַזש בלוי געוואָרן" 1). אַזוי איז מען אָפּגעזעסן אַ פּאָר שעה, ביז מ'האָט אַלעמען אָפּגעפירט אין פּעטראָפּאַוולער פעסטונג.

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין פרילינג 1880 אין פּעטערבורג, און אויסער די אַרעסטירטע פון דרוקעריי זיינען צום פּראָצעס צוגעצויגן געוואָרן נאָך רעוואָלוציאָנערע טוער און צום משפט זיינען געשטאַנען 16 רעוואָלוציאָנערן. אויף דעם פּראָצעס האָט צוקערמאַן אַרויסגעוויזן נישט נאָר מוט, נאָר אויך אַן אויסערגעוויינלעכן געפיל פון חברשער איבערגעגעבנהייט. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז שיסן האָט געקאָנט נאָר איינער, האָט צוקערמאַן, כדי צו ראַטעווען די חברים, גענומען אויף זיך די שולד פאַרן שיסן, הגם פאַר אַלעמען אין געריכט איז קלאָר געוואָרן, אַז נישט ער איז געווען דער שיסער. אַזוי ווי דער פּראָצעס איז געווען אין דער צייט פון לאָריס־מעליקאָווס „ליבעראַלע" שטימונגען, האָט מען זיך באַצויגן צו די באַשולדיקטע אַ ביסל „מילדער", און צוקערמאַן איז אָפּגעקומען מיט 8 יאָר קאַטאָרגע. ער איז פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַרא אין סיביר און עטליכע יאָר האָט ער זיך אויסגעוואַלגערט אין פאַרשיידענע טורמעס.

„איך האָב זיך נאָך איין מאָל — דערציילט ל. דייטש — געטראָפן מיט צוקערמאַנען, און ביי זעהר אָריגינעלע אומשטאַנדן. דאָס איז געווען ווינטער 1885, ווען מען האָט מיך מיטן עטאַפּ געטריבן אויף קאַטאָרגע. נאָך אַ האַלב יאָר גיין זיינען מיר אין אַ קאַלטן דעצעמבער־אָוונט אָנגעקומען אין נערטשינסטער געפענקעניש. דאָ האָב איך אים באַגעגנט. ער איז געגאַנגען פון קאַטאָרגע אויף „פּאָסעלעניע" אין דער ווייטער יאַקוטער געגנט. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט, אָפּגערעדט אַ גאַנצע נאַכט, דערמאָנט

1) זע — ס. איוואַנאָווא־באָרײשאַ — „בילאָיע" 1906 IX ז. 10-11.

זיך אַמאָליקע יאָרן און אויסדערציילט אַלץ, וואס מיט יעדן פון אונז איז פארגעקומען פאַר דער צייט".

אויך אויף קאַטארגע האט צוקערמאַן געוואונען אַלעמענס סימפאַטיע מיט זיין גוטמוטיגקייט, חברשער איבערגעגעבנקייט און מונטערקייט. מיט זיינע גלייכווערטלעך און הומאר האט ער געצוואונגען די חברים צו פאַרגעסן דאס שווער ביטער-לעבן און די צרות און פלאג, וואס זיי איז אויסגעקומען אויסצושטיין. ער איז פאַרבליבן ביז גאר אַ גוטער און שטענדיק גרייט געווען אַלץ צו טון פאַרן צווייטן, להלוטין נישט טראַכ-טנדיק וועגן זיך. 1)

ווי ש. ל. ציטראן דערציילט, האט צוקערמאַן אין דער קאַטארגע נישט אַרויס-געלאזט דעם תנ"ך פון די הענט. אין די שווערע מינוטן פון דעם איינזאַם-פאַרווארפן לעבן האט ער געפונען אַ טרייסט אין די בלעטלעך פון דער אַלטער און אייביק פרי-שער יידישער ביבל.

„און אויך ביי דער באַגעגעניש — ענדיגט זיינע ערינערונגען וועגן ל. צוקער-מאַנען ל. דייטש — האט ער מיך דורכגענומען ביז טרערן מיט זיין פאַנטאַסטיש-קאמי-שער באַשרייבונג, ווי וואויל ער וועט זיך איינארדנען אין די אולוסן 2) פון יאַקוטער געגענט".

דער ארימער יונג האט נישט פאַראויסגעזען, וואס אים ערוואַרט. געווייִנט צו אַלע צרות, האט דער שטענדיק פריילכער צוקערמאַן נישט אוסגעהאַלטן די איינזאַמ-קייט און די שרעקליכע באַדינגונגען אויף דער „פריי". 3)

אַ פאַרצווייפעלטער און גייסטיק דערשלאָגענער, האט ער, אין יאר 1887 זיך גענו-מען דאס לעבן. ער האט זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך אמגא, און דארט, אין דער ווייטער פרעמד, אין די וועלן פון דעם פרעמדן טייך, האט ער געפונען זיין פריצייטיקן קבר און זיין אייביקע רו. 4)

אַזוי האט געלעבט און אזוי טראַגיש איז אומגעקומען איינער פון די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערן. און אין דער נישט איינגעגעבנקייט פון זיין לעבן און אין דער טראַגישקייט פון זיין טויט איז געוויס שולדיק דאס, וואס ער איז א ביסל צו פרי געקומען אויף דער וועלט.

פריער נישט מער, ווי אויף אַ פופצן-צוואַנציק יאר. 5)

נחמן מייזיל.

קיעוו 1920.

---

1) זע ל. דייטש — 16 יאר אין סיביר ז. 181, 413. (רוסיש).

2) א גרופע היזלעך-געצעלטן, וואָס בילדן אַן אדמיניסטראַטיון צענטער ביי די האלב-ווילדע יאַקוטן.

3) ל. דייטש.—„צוקונפט", 1916 ז. 245.

4) ווי ח' וו. שולמאַן האָט מיר דערציילט, איז ער אָנהויב פרילינג 1905 מיט אַ גרופע חברים געגאַנגען ביים ברעג טייך אַמגאַ (וואָס פאַלט אַריין אין אַלדאַן און דער אַלדאַן אין לענא) און דאָרט האָט ער זיך אָנגע-שטויסן אויף אַ שטיין, מיט אַן אויפשריפט אויף רוסיש „לאזאר צוקערמאַן". די דאַטע איז געווען אָפגעריבן. אין האָט זיך, צום באַדויערן, נישט איינגעגעבן דערגיין וואָסערע ס'איז פרטים וועגן לעבן און טויט פון צוקערמאַנען.

5) אויסער די מקורים, וואָס זיינען אויסגערעכנט, האָב איך באַנוצט אייניקע דאָקומענטן און פערזענ-ליכע ערינערונגען פון צוקערמאַנס חבר ה' מ. קאַמינסקי. איך דריק אים אויס מיין דאַנק פאַר זיין פריינטליכן טיילן זיך מיט מיר מיט זיינע זכרונות.

די גרופּע „וואזראזשדעניע“.

(ווי זי איז אַנטשטאַנען און זיך אַנטוויקלט)

I.

די ראָוונער באַראַטונג.

אין 1903 יאָר בין איך געקומען אויף פרילינג־וואַקאַציעס פון בערלין, וואו איך האָב דעמאָלט געשטודירט, אין מיין היים־שטאָט ראָוונע (וואָל. גוב.). דאָ האָב איך געטראָפן אַ באַראַטונג פון ציוניסטישער שטודירענדיקער יוגנט, וועלכע איז פארגעקומען חוה"מ פסח אין ראוונע. אין דער באַראַטונג האבן זיך באַטייליקט — נחום שטיף (סטודענט פון קיעווער פאליטעכנישן אינסטיטוט), פנחס דאַשעווסקי (סטודענט פון דעמזעלבן אינסטיטוט), בעניע פרידלאַנד (סטודענט פון קיעווער אוניווערסיטעט), *) אברהם קונין פון ווילנע (אַ מיטאַרבייטער פון „פריינד“), שמואל וויינצווייג פון ראָוונע (אַן עקסטערן) און זלמן מייזנער פון וואַרשע (אַ שטודירענדער).

אויב מיין זכרון פאַרפירט מיך נישט, האָבן זיך אין דער באַראַטונג אויך באַטייליקט ל. א. טשעסקיס (איצט אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס אין רוסלאַנד) און נאָך אַ פערזאָן פון דווינסק (דעם נאָמען קאָן איך זיך נישט דערמאָנען). יעדנפאַלס זיינען די לעצטע צוויי פערזאָנען אָפּגעפאָרן פאַרן שלוס פון דער באַראַטונג. איך אָבער, פאַרקערט, האָב זיך באַטייליקט נאָר אין איר לעצטער זיצונג.

פאַר מיר איז די באַראַטונג בכלל געווען אומגעריכט, פונקט אַזוי ווי איך בין געווען אַן אומגעריכטער גאַסט אויף דער באַראַטונג.

אין די יאָרן 1898־1902, ווען דער ציוניזם האָט אָנגעהויבן זיך ברייט צו פאַרשפרייטן און הערשן איבער די מוחות, בין איך געשטאַנען אָן אַ זייט פון די ציוניסטישע קרייזן. אדרבה, אַלס אַ איבערצייגטער מאַרקסיסט בין איך אַ פּאָר מאָל דאָרט אַרויסגעטראָטן קעגן אייניקע אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ (שטיף, וויינצווייג), באַווייזנדיק, אַז דער ציוניזם איז נישט מער, ווי אַ רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע.

אין דערזעלבער צייט האָט מיך נישט געלאָזט רוען די נאַציאָנאַלע פראַגע בכלל, און די יידישע בפרט. פון דער מאַרקסיסטישער דאָקטרינע כמעט ווי איגנאָרירט, פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור אינגאַנצן פאַרשוויגן, האָט זיך די נאַציאָנאַלע פראַגע אין יענע צייטן דאָך שאַרף אַוועקגעשטעלט ביי אייניקע סאָציאַל־דעמאקראַטישע פאַרטייען; די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט פאַרן ברונער און נאָכן בדזינער

*) די אַלע דריי קיעווער סטודענטן זיינען געווען מיטגלידער פון דער קיעווער געוויסער ציוניסטישער סטודענטן גרופּע „קדימה“, צו וועלכער ס'האָבן, אין יענע יאָרן צווישן אַנדערע געהערט, ש. גינצבורג (יעווגעני ניסבר), א. זאָלאָטאראָוו,—שפּעטער אָנגעזעענע טוער אין „בינד“. ווילענסקי (שוביז). שפּעטער באַקאַנטער רוסישער זשורנאַליסט א. א.

פאַרטיי טאָג (1897) זיך אָנגעהויבן ערנסט צו פאַרנעמען מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די פוילישע סאָציאַליסטן פון פויזן און בערלין האָבן ז׳ אַוועקגעשטעלט פאַר דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און, ענדליך, איז זי אַרויסגערוקט געוואָרן פונם „בונד״, וועלכער האָט אויך געגעבן אויף איר זיין פאַרטייאישן ענפער אויפן 4־טן צוזאַמענפאָר (1901).

די בונדישע שטעלונג און לעזונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט מיך נישט באַפרידיקט, און ביי מיר אין קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבן אויסצופּיקן דער געדאַנק, אַז די טעריטאָריאַלע לעזונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע איז בעצם גאָר נישט סותר דעם סאָציאַליזם, נישט אין ענד־ציל, נישט אין דער באַוועגונג, און אויב ס׳איז יאָ אַזוי, פאַר וואָס זאָל דער קאַמף פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן פאַר זייער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג זיך נישט לאָזן סינטעזירן אין פּראָגראַם און אין טאַט. דער דאָזיקער געדאַנק האָט זיך בולטער אָנגעהויבן ביי מיר אויסצוקריסטאַליזירן, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אויסבילדן ציוניסטישע אַרבעטער־גרופּן אונטערן נאָמען „פּועלי־ציון״, וועלכע האָבן שוין דאַמאָלט אַרויסגעוויזן די טענדענץ צו באַקעמפן די רעאַקציאָנער־בעל־הבתישע פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג.

מיט אַזאַ שטימונג בין איך אין האַרבסט 1902 אַראָפּגעקומען קיין בערלין, וואו איך האָב מיך באַגעגנט מיט ד״ר נחמן סירקין. יענער האָט נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פריער פאַרעפענטליכט אַ בראָשור אויף דייטש (אונטערן פּסעוודאָנים „בן אליעזר״), אין וועלכער ער באַמיט זיך צו באַרעכטיקן דעם ציוניזם פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, און מערקט אָן די גרונדליניען, אויף וועלכע ס׳דאַרף גיין די אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ד״ר נ. סירקין קאָן מיט רעכט אָנגערופן ווערן דער פאָטער — איך וואָלט אפילו זיך דערלויבט צו זאָגן דער אַפּאָסטאָל — פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַ מענש מיט אַ היציקן טעמפּעראַמענט, מיט אַן אמת רעוואָלוציאָנערער נשמה, אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט און אין דערזעלבער צייט אַ הייסער נאַציאָנאַליסט און ציוניסט, האָט זיך סירקין יאָרנלאַנג איינזאַם אַרומגעטראָגן אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס מיט זיינע אייגנאַרטיקע אידייען, באַגעגענדיק אַליבהאַרציק־ברחמנותדיק שמייכעלע אין די יידיש־סאָציאַליסטישע קרייזן און פאַרביסנקייט אין די ציוניסטישע. ערשט אין 1901—1902 האָט סירקין געקאָנט געפונען אָנהענגער פון זיין שיטה צווישן די פּריש־אָנגעקומענע סטודענטן פון רוסלאַנד און דאַן איז ער צוגעטראָטן צו גרינדן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש גרופּע „חירות״, וועלכע באַזונדער רייך אין צאָל איז זי אפילו אין די גליקליכסטע יאָרן נישט געווען. [1]

איך בין אויך צוגעשטאַנען צו דער גרופּע „חירות״, וועלכע האָט זיך דער עיקר פאַרנומען מיט טעאָרעטישער באַהאַנדלונג פון פראַגן פון ציונ.־סאָציאַליסטישער פּראָגראַם און טאַקטיק. [2] איך בין אָבער באַלד אין אַ סך עיקרים זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט דער גרופּע. באַזונדערס האָב איך נישט געקאָנט מסכים זיין מיט סירקינס שטאַנד־

---

[1]) די בערלינער גרופּע „חירות״, וועלכע איז געווען די שטאַרקסטע, האָט געציילט אַ מענשן 10. די איבעריקע גרופּעס צוזאַמען אויך אַזוי פיל. אין דער בערלינער גרופּע זיינען צווישן אַנדערע אַריינגעגאַנגען — ה. לאַצקי (בערטאָלדי), ז. קאַלמאַנאָוויטש, י. גאָלדע. צו דער ציוריכער גרופּע האָבן געהערט — א. פּערלמאַן. פּאַרבמאַן (צבי אַבראַמי), נ. סירקין. אַן אָנגעהעריקער פון דער גרופּע האָט זיך אויך גערעכנט אַ שטיקל צייט בעל־מחשבות.

[2]) מיט דער שטעלונג פון דער גרופּע צו די דאָזיקע פראַגן קאָן מען זיך גענויער באַקענען פונם זאַמלבוך „המון״ (בערלין 1903), וואָס די גרופּע האָט אַרויסגעגעבן.

פונקט, וועלכער איז געוואָרן דער הערשנדיקער אין דער גרופּע, אַז דער רעוואָלוציאָנער־טאָציאַליסטישער קאַמף פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין די לענדער, וואו זיי לעבן, ליגט נישט אויף דער ליניע פון זייער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג — זי ליגט גאָר אין אַ באַזונדער פּלאַן און איז נישט צוזאַמענגעבונדן מיט דער לעצטער נישט אָרגאַניש, נישט אפילו אָרגאַניזאַציאָנעל. וועגן דער דאָזיקער אַזוי גערופענער „טעאָריע פון צוויי פּלאַנען" וועט מיר נאָך ווייטער אויסקומען צו רעדן. איצט וויל איך נאָר דרך־אגב דערמאָנען, אַז סירקין איז נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער געבליבן דער אָנהענגער פון דער דאָזיקער שיטה, אפילו דאַן, ווען אַלע האָבן זיך שוין פון איר אָפּגעשאָקלט.

קיין גרויס התלהבות האָט אויך ביי מיר נישט אַרויסגערופן דער קאַמף מיט דער געזעלשאַפט „יק"א", מיט וועלכן ס'האָט געזאָלט אָנפירן די גרופּע „חירות", איינאָרדענדיק אין אַלע גרויסע אייראָפּעאישע צענטרן מאַסן־דעמאָנסטראַציעס קעגן דער דאָזיקער געזעלשאַפט, כדי צו ווירקן אויף איר, זי זאָל אפּגעבן אירע קאַפּיטאַלן פאַר ציוניסטישע צוועקן. איך האָב געהאַלטן דעם דאָזיקן אומגעלומפּערטן קאַמף פאַר אַ אומזין, סירקין אָבער — האָט אים הייס פאַרטיידיקט, האַלטנדיק, אַז דער קאַמף מיט יק"א וועט זיין די ערשטע action directe פון די מאַסן פאַר דער פאַרווירקליכונג פונם ציוניזם.

מיט אַ צעבראָכן געמיט האָב איך זיך אומגעקערט פון בערלין קיין ראָוונע, און זעהר אַן אָנגענעמענער סורפּריז איז געווען פאַר מיר, ווען צערעדנדיק זיך מיט שטיפן און וויינצוויגן — מיינע אַלטע פריינד און געוועזענע פּאָליטישע געגנער — האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָ, אין ראָוונע, קומט פאָר אַ באַראַטונג, וואָס האָט באַשלאָסן צו גרייטן און צונויפרופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע אָנגעזעענסטע פועלי־ציוניסטישע טוער, כדי צו באַהאַנדלען די ווי‍כטיקסטע פראַגן פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּראָגראַם און טאַקטיק. פון זיי האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט די נעמען פון איינעקע פועלי־ציוניסטישע טוער, וועלכע זיינען מיר געווען ביז דאַמאָלט גאַנץ אומבאַקאַנט. ווי, למשל, שמעון דאָבין, יעקב לעשצינסקי, משה ליטוואַקאָוו, שמואל כוסידאָוו. זיי אַלע האָט מען באַשלאָסן איינלאַדן אויף דער קאָנפערענץ. אויך איך האָב באַקומען אַן איינלאַדונג און לויט מיין פאָרשלאַג איז פון דער בערלינער גרופּע גערופן געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ ד"ר נ. סירקין און וו. לאַצקי. אויסער די אויסגערעכנטע פּערזאָנען האָבן זיך אין דער קאָנפערענץ געזאָלט באַטייליקן אַלע מיטגלידער פון דער ראָוונער באַראַטונג און פאָרשטייער פון די גרעסערע פועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס (דווינסק, יעקאַטערינאָסלאַוו און נאָך איינעקע, וועלכע איך קאָן איצט נישט פעסטשטעלן).

די ראָוונער באַראַטונג האָט אָנגעמערקט אַן ערך פאָלגענדיקן סדר־היום פון דער קאָנפערענץ: 1) דער ציוניזם פונם סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט (וועגן דעם דאָזיקן פונקט האָט די קאָנפערענץ געזאָלט אויסהערן עטליכע פּאָרטראַגן, וועלכע האָבן באַדאַרפט באַלייכטן די צונויפבינדונג פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין דער טעאָריע און פּראַקטיק. אַלס איינער פון די רעפערענטן איז אָנגעמערקט געוואָרן סירקין. די איבעריקע האָט די באַראַטונג נישט אָנגעמערקט, ווייל מ'האָט באַשלאָסן אָפּוואַרטן ביז מ'וועט זיך צו אַמענרעדן מיט די איבעריקע הברים, וועלכע האָבן באַדאַרפט קומען אויף דער קאָנפערענץ און איינעם פון זיי פאָרלעגן צו קאָרעפערירן איבערן ערשטן פונקט פונם סדר־היום); 2) די שטעלונג צום „בונד" און צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (רעפערענט נ. שטיף), 3) די

שטעלונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און די יידישע בפרט ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (אַלס רעפערענט בין איך אָנגעמערקט געוואָרן), 4) אָרגאַניזאַציע־פראַגן. ס'איז באַשטימט געוואָרן צונויפצורופן די קאָנפערענץ אין אַ האַלב־יאָר אַרום. דאָס אָרט פון דער קאָנפערענץ האָט געזאָלט באַשטימען די אָרגאַניזיר־ביוראָ, וואָס איז אויסגעקליבן פון דער באַראַטונג. זי האָט אויך געהאַט די אויפגאַבע טעכניש צוגרייטן די קאָנפערענץ.

II.

די קאָנפֿערענץ „וואָזראָזשדעניע".

צווישן דער ראָוונער באַראַטונג און דער קאָנפֿערענץ האָבן פּאַסירט צוויי געשעענישן, וואָס האָבן פאַרגיכערט דעם פראָצעס פון פּאָליטישער זעלבסטבאַשטימונג פֿון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע קרייזן. דאָס זיינען געווען — דער קעשענעווער פּאָגראָם און די אוגאַנדע־פראַגע.

דער קעשיענעווער פּאָגראָם (1903), וואָס איז געווען ווי אַ דונער אין אַ הייסן טאָג, האָט אַ סך פון אונז אויפגעעפענט, איך וואָלט געזאָגט: אויפגעריסן, די אויגן און געצוואונגען זיך אַרומקוקן, וואו ס'האַלט אין דער וועלט. די פון אונז, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די פּועלי־ציון טאָרן ניט אָננעמען דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג, כדי ס'זאָל ניט פאַרשווענדן גיין די נאַציאָנאַלע ענערגיע, וועלכע דאַרף געזאַמלט און קאָנסערווירט ווערן צוליב דער פאַרווירקליכונג פונם נאַציאָנאַלן אידעאַל, האָבן דורכן קעשנעווער פּאָגראָם באַקומען אַ לעקציע, אַז נאַציאָנאַלע ענערגיע ווערט בשום אופן ניט „געזאַמלט און קאָנסערווירט" דורכדעם, וואָס אַ פאָלק נעמט צו מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן די בלוטיקע קלעפּ פונם פּאָגראָם־רעזשים.

און אָט הויבט זיך אויף איינער פֿון אונזערע חברים פנחס דאַשעווסקי, אַ מענש, וואָס איז אַליין געווען קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די פּועלי־ציוניסטישע גרופּן, נעמט אַ פינישן מעסער אין דער האַנט און אין מיטן העלן טאָג פאַלט ער אָן אויפן באַוואוסטן קעשענעווער אַנטיסעמיט און פּאָגראָם־אידעאָלאָג פּ. קרושעוואַן און פאַרוואונדעט איב אין האַלז. דאַשעווסקיס אָנפאַל מאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף אַלע שיכטן פֿון דער יידישער געזעלשאַפט, אָבער צוליב דעם, וואָס דער אָנפאַל איז אונטערגענומען געוואָרן פון אַ יחיד און אויף זיין אייגענער אחריות, און טאַקע מהאי טעמא איז ער געווען שלעכט אָרגאַניזירט אין אַלע הינזיכטן, ברענגט דערצו, אַז גראָד אין די אַקטיווע אַרבעטער־קרייזן, האָט ער ניט אַרויסגערופן דעם געוואונשטן פּאָליטישן רעזאנאנס. דאָס ווידער האָט געפירט דערצו, וואָס מ'איז סוף־כל־סוף געקומען צום געדאַנק, אַז אונזער רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישער קאַמף דאַרף געפירט ווערן ניט דורך אינדיווידועלע אַקטן פון נקמה אָדער פּראָטעסט, נאָר אין דער פאָרם פון מאַסן־אַרויסטרעטונגען. „וואָס פאַר אַ מוסר דאַרפן מיר זיך אַראָפּנעמען פֿון פנחס דאַשעווסקיס אַטענטאַט?" — שטעלט נ. שטיף די פראגע אין אַ בראָשור, וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרן זומער 1903 *) און קומט צום איינציק־מעגליכן אויספיר, אַז מיר מוזן זיך שטעלן אויפן רע־

*) די בראָשור (אין רוסיש) האָט געטראָגן דעם נאָמען „טשעמו אוטשיט נאַס פּאָקושעניע פינכאָסאַ דאַשעווסקאַוואַ?" און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן נישט פֿונם אָרגאַניזיר־ביוראָ פֿון דער קאָנפערענץ, וועלכע האָט דערויף קיין פּאָלמאַכט נישט געהאַט, נאָר פֿון שטיפן און פרידלאַנדן פערזענליך מיט אונזער וויסן. אויפן שער־בלעטל איז געווען אָנגעוויזן, אַז זי ווערט אַרויסגעגעבן פֿון אַ גרופּע „מאָלאָדאַי איזראַעל" — אַ נאָמען, וואָס איז דעמאָלט זיך, ad hoc צוגעטראַכט געוואָרן.

וואָלוציאָנערן וועג אין קאַמף מיטן צאַרישן רעזשים. די בראָשור האָט ניט אַלעמען פון אונז אינגאַנצן באַפרידיקט. אויף וויפיל איך קאָן איצט געדענקן, איז איר פרינציפּיעלער פעלער געווען, וואָס זי האָט זיך דער עיקר אָפּגעשטעלט אויף די נאַציאָנאַלע אימפּולסן פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די יידישע אַרבעטס־מאַסן, לאָזנדיק אָן אַ זייט די סאָציאַל־פּאָליטישע מאָמענטן. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז שוין דער פאַקט אַליין, וואָס די בראָשור איז אַרויסגעגאַנגען און אָנגענומען געוואָרן פון אַזעלכע קרייזן, וועלכע האָבן מיט אַ שטיקל צייט פריער ניט געוואָלט הערן וועגן רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

דער תהום צווישן אונז און דעם אָפיציעלן ציוניזם ווערט אַלץ טיפער. הגם מיר זיינען נאָך פאַראייניקט דורך דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער אַלץ שטאַרקער דריקט אונז דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די מעשים פון די ציוניסטישע פירער. באַזונדערס בולט האָט זיך עס אַרויסגעוויזן, ווען הערצל איז געקומען קיין רוסלאַנד צו פלעווען (דעם דעמאָלדיקן מיניסטער פון אינערן און דעם אָנפירער פון דער רוסישער רעאַקציע) און געפירט מיט אים אונטערהאַנדלונגען מכח דער יידן־פראַגע. דער ציוניסטישער בעל־הבית האָט זיך געפילט גדולדיק דערמיט, וואָס פלעווע, וועלכער האָט געהאַלטן אין אימה דאָס גאַנצע לאַנד, האָט געשמועסט מיט הערצלען און אפילו אים עפּעס מבטיח געווען. ביי אונז אָבער האָט געפלאַמט דאָס פּנים פון בושה, וואָס דער אָנפירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך גענומען לעזן די יידן־פראַגע צוזאַמען מיטן באַוואוסטן פּאָגראָמטשיק, ביי וועלכן ס'האָט נאָך אויף די הענט ניט אויסגעטריקנט דאָס בלוט פון די קעשענעווער הרוגים. שפּעטער מיט אַ פּאָר חדשים, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער 6־טער ציוניסטישער קאָנגרעס (אין אויגוסט 1903) האָבן אַ גרופּע „לינקע“ דעלעגאַטן מיט ד״ר נ. סירקין בראש געפאָדערט פון הערצלען, ער זאָל לכל הפחות וועגן זיין וויזיט צו פלעווען אין זיין עפענונג־רעדע ניט דערמאָנען. הערצלס מקורבים האָבן עס צוגעזאָגט, קיין וואָרט האָט מען אָבער ניט געהאַלטן. הערצל האָט דווקא יאָ גערעדט אויפן קאָנגרעס וועגן דעם וויזיט און דערביי מוסיף געווען, אַז פלעווע האָט אים צוגעזאָגט שטיצן דעם ציוניזם, אויב נאָר די ציוניסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד וועט זיך האַלטן „רוהיק און געזעצליך“. אַלס ענטפער פון די „לינקע“ אויף דער דאָזיקער שטעלע פון הערצלס רעדע, איז געווען אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע (אָנגעשריבן פון יעקב לעשצינסקי), וועלכע איז אויפן צווייטן טאָג פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די דעלעגאַטן מיט אַן איבערקעפּל „ניט רוהיק און ניט געזעצליך“. די פּראָקלאַמאַציע גיט אַ פּאָליטישע אָפּשאַצונג פון הערצלס וויזיט צו פלעווען און ערקלערט אין נאָמען פון די „לינקע“, אַז זיי האָבן גאָר ניט בדעה צו רעכענען זיך מיט פלעוועס פאַרלאַנגען וועגן „רוהיגקייט און געזעצליכקייט“. *)

אויפן 6־טן ציוניסטן־קאָנגרעס איז אויך אַרויסגעשוואומען דער אוגאַנדע־פּראָיעקט. די ענגלישע רעגירונג האָט פאָרגעלעגט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איינע פון אירע קאָלאָניעס אין מזרח־אַפריקע — אין אוגאַנדע. די פראַגע האָט אַרויסגערופן הייסע און ליידנשאַפטליכע וכוחים אין ציוניסטישן לאַגער, סיי אויפן קאָנגרעס גופא, סיי נאָכן קאָנגרעס. פונם גאַנצן טומל, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן אַרום דער אוגאַנדע־פראַגע, באַזונדערס פון דער באַרימטער רעדע, וואָס הערצל האָט געהאַלטן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די „יאָ־זאָגער“ (אָנהענגער פונם אוגאַנדע־פּראָיעקט), אין וועלכער ער האָט מגלה געווען די סודות פון דער בהדרי־חדרימדיקער ציוניסטישער דיפּלאָמאַטיע, איז געוואָרן

*) וועגן שמועס, וואָס הערצל האָט געפירט מיט ח. זשיטלאָווסקי מכח דעם אָנטייל פון די יידן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, וועט אפשר דער לעצטער אַליין דערציילן אַמאָל ביי אַ געלעגנהייט.

קלאָר, אַז דאָס שאַפן פון אַ „עפֿענטליך־רעכטליך געזיכערטער היים“ אין פּאַלעסטינע איז אין בעסטן פאַל אַ מעשה פון דער ווייטער נעבלהאַפטער צוקונפט, אַז אין די נאָענסטע יאָרן קאָן פּאַלעסטינע אפילו ניט ווערן צוליב עקאָנאָמישע און פּאָליטישע טעמים דאָס איינוואַנדערונג־לאַנד פאַר די יידישע עמיגראַנטן־מאַסן. די דאָזיקע „צַנדע־קונג“ האָט ביי אַ סך געלייטערט די מוחות און אויף די יעניקע, וועלכע האָבן ניט געקאָנט אָננעמען דעם קאַמף לטובת דער פאַרבעסערונג פון דער סאָציאַלער און נאַ־ציאָנאַלער לאַגע פון די יידישע מאַסן אין די „גלות־לענדער“, ווייל פסיכאָלאָגיש האָט מען זיך געפילט, אַזוי ווי מ'וואָלט שטיין מיט איין פוס אויף דער פור, האָט זי געהאַט די פעולה, אַז מ'האָט אָנגעהויבן זיך אַוועקשטעלן מיט ביידע פיס אויף דער ערד. ביי אייניקע איז דער דאָזיקער פּראָצעס פון איבערשאַצונג פון אַלטע ווערטן צוגעגאַנגען מיט שווערע חבלי־לידה און מאָראַלישע יסורים. איך געדענק ווי איצט: איך בין באַלד נאָכן 6־טן קאָנגרעס געקומען קיין קיעוו, כדי צוזאַמען מיט די קיעווער חברים (שטיף און פרידלאַנד) ענטגילטיק צו באַשטימען די צייט, אָרט און דעם סדר־היום פון דער קאָנפע־רענץ, האָב איך זיי ביידע געטראָפֿן אין אַ דערשלאָגענער שטימונג. זיי ביידע זיינען נאָך אויף דער גימנאַזיסטן־באַנק געוואָרן פאַרברענטע ציוניסטן און מיט דער גאַנצער קראַפט, וואָס אַ יוגנט־פאַנטאַזיע פאַרמאָגט, האָבן זיי יאָרן־לאַנג געחלומט וועגן זייער לעבן און אַרבעט אין ארץ־ישראל.—„איך האָב געזען דעם ציוניסטישן אידעאַל אויף דער וואָר“, האָט מיר אין אַ מאָמענט פון השתפכות־הנפש אַ זאָג געטון פרידלאַנד, און פלוצים ווערט אַן איבערבראָך אין דער נשמה, און די זיסע יוגנט־חלומות גייען אַוועק, ווי מיטן רויך...

די קאָנפערענץ האָט געזאָלט נאָך שטאַרקער פאַרטיפן דעם איבערבראָך. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז שטיף דאַרף זיך אין זיין פאָרטראַג אָפּשטעלן ניט נאָר אויף דער טאַקטישער פראַגע וועגן די באַציאונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר קודם כל אויף דער פּרינציפּיעלער פראַגע, וועגן דער באַציאונג צום עצם ציוניזם, צו דער ציוני־סטישער אידעע.

דער פאָרטראַג „סאָציאַליזם און ציוניזם“ איז איבערגעגעבן געוואָרן א. ראָזינען (בן־אדיר), וועלכער איז געווען אַ הייסער פאַרטיידיקער פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

איך בין אָבער פאַרלאָפן אַביסל צו ווייט, איך האָב פאַרגעסן צו דערציילן, ווי עס זיינען געקומען צו אונז בן־אדיר און אַנדערע חברים (ראטנער, מאַנדעלבערג, פאַב־ריקאַנט), וועלכע די ראָוונער באַראַטונג האָט גאָר ניט אַריינגעשטעלט אין צעטל פון די איינגעלאַדענע.

פון בן־אדירן און פאַבריקאַנטן 1) האָבן מיר אויף דער ראָוונער באַראַטונג קיין זַנונג ניט געהאַט. ביידע זיינען זיי געזעסן אין יענער צייט אין כאַרקאָוו—בן־אדיר אַלס עקסטערן, פאַבריקאַנט-אַלס סטודענט פונם כאַרקאָווער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אומלעגאַל אַ פּראָקלאַמאַציע (אויף רוסיש), וועלכע האָט גערופן צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די פּראָקלאַמאַציע איז געווען אונ־טערגעשריבן „גרופּא מלאַדאַ איזראַיל“ (די גרופּע „יונג־ישראל“). אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערוויסן זיי זיך, אַז אין קיעוו האָט זיך אויך באַוויזן אַ גרופּע „מאָלאָדאַי איזראַיל“, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט די בראָשור „וואָס לערנט אונז פנחס דאַשעווסקיס אַטענטאַט“ און שטייט כמעט אויף דערזעלבער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם, וואָס די כאַרקאָווער גרופּע.

1) פאַבריקאַנט האָט געשריבן אין די זאַמעלביכער „חאָזראָזשדיעניע“ און „סערפּ“ אונטערן פסעוודאָנים „דאַלמאַן“ (אויך „סטאַלבערג“), זיין קאָנספּיראַטיווער צונאָמען איז געווען „גרשון“.

לאָזן זיי זיך ביידע אוועק קיין קיעוו, זיך באַקענען און זיך צוזאַמענרעדן. דאָ טרעפן זיי זיך מיט שטיפן און פרידלאַנדן, דערוויסן זיך וועגן דער פאָרשטעענדיקער קאָנפערענץ, ווערן באַקאַנט מיט אירע אויפגאַבן און בלייבן שוין אין קיעוו, כדי צוזאַמען מיט די קיעווער חברים צוגרייטן די קאָנפערענץ.

ד"ר לעוו מאַנדעלבערג און מאַרק באָריסאָוויטש ראַטנער האָבן געהערט צו גאָר אַן אַנדערן געזעלשאַפטליכן טיפ, ווי מיר אַלע, יונגע סטודענטן און עקסטערנס,—צעבראָכענע יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געטראָגן אויף זייערע איינגעהויקערטע פּלייצעס אַ גאַנץ פּעקל פאַרפּלאָנטערטע יידישע פּראָבלעמען. דער ערשטער איז שוין דעמאָלט געווען אַן אָנגעזעענער קיעווער כלל=טוער, ער האָט געהערט צו אַסימילירטע קרייזן, הגם אידעאָלאָגיש איז ער זיי געבליבן פרעמד. ראַטנער פאַרקערט איז געווען אינערליך און גייסטיק דורכגעדרונגען מיט דער אַסימילאַציע=אידעע. אַ מענש מיט אַ רייכן רעוואָלוציאָנערן עבר, מיט אַ גרונטליכער ערודיציע אין עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פראַגן, אַן אָנגעזעענער מיטאַרבעטער פונם באַוואוסטן זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ", איז ער אין יענער צייט געווען ראשו ורובו אַריינגעטון אין די פראַגן פונם רוסישן געזעלשאַפטליך=פּאָליטישן לעבן און קאַמף, און איז געשטאַנען גאַנץ ווייט פון די פּראָבלעמען פון יידישער ווירקליכקייט.[1] ביידע—מאַנדעלבערג און ראַטנער—האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט אונזער גרופּע ערשט אין די לעצטע חדשים און זיינען צוגעשטאַנען צו איר מיט אַ פּאָר וואָכן פאַר דער קאָנפערענץ, אין וועלכער זיי האָבן זיך אויך באַטייליקט.

מיט אַ באַזונדער אינטערעס האָט זיך באַצויגן צו דער קאָנפערענץ מ. ב. ראַטנער, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר איר פּאָרזיצער.

אַזוי אַרום האָט זיך דער פאַקטישער באַשטאַנד פון דער קאָנפערענץ אונטערשיידט פונם פּראָעקטירטן. אַ סך פון די איינגעלאַדענע חברים (יעקב לעשצינסקי, מ. ליטוואַקאָוו, ש. חוסידאָוו, נ. סירקין, ז. מייזנער) זיינען צוליב פערזענליכע סיבות אויף דער קאָנפערענץ ניט געקומען, איינעקע פון זיי האָבן אפשר די קאָנפערענץ ניט ערנסט גענומען. א. קונין איז שוין, דוכט זיך, דעמאָלט אַריבער אין „בונד"; פנחס דאַשעווסקי איז אָפּגעקומען צוואַנגס-אַרבעט פאַר זיין אַטענטאַט אויף קרושעוואַנען; יוסף ברעגמאַן, וואָס האָט זיך אויך געזאָלט באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ, איז מיט צוויי טעג פאַר איר עפענונג אַרעסטירט געוואָרן. אויף אַזאַ אופן האָבן אין דער קאָנפערענץ „וואָזראָזשדעניע" אָנטייל גענומען פאָלגענדיקע פערזאָנען. 1) אַבראַמסאָן זלמן (שפּעטער באַוואוסט אין דער ס"ס'ישער פּאַרטיי אַלס זלמן דער דווינסקער), 2) דאבין שמעון, 3) וויינצווייג שמואל[2], 4) זילבערפאַרב משה, 5) יפה אַלטער (שפּעטער מיטגליד פון צ. ק. פון ס"ס) 6) לאצקי וואָלף, 7) מאַנדעלבערג לעוו, 8) פאַבריקאַנט וולאַדימיר, 9) פרידלאַנד בעניע, 10) ראַטנער מאַרק, 11) ראַזין אברהם 12) שטיף נחום און 13) זלמן (אַ דווינסקער אַרבעטער, פאַמיליע=נאָמען געדענק איך ניט.)—

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין קיעוו חול=המועד=סוכות 1903. איך האָב ניט

---

1) וועגן מ. ב. ראַטנערס פערזענליכקייט בכלל און זיין באַציאונג צו דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע" בפרט קאָן דער פאַראינטערעסירטער לעזער געפינען אויספירליכע ידיעות אין זאַמעלבוך „צום אָנדענק פון מ. ב. ראַטנער" קיעוו „קיעווער פאַרלאַג" 1919.

2) שמואל וויינצווייג, אַ מענש מיט אַ שאַרפן מוח און טיפער לאָגיק, איז וויניק באַקאַנט געווען אין די ברייטע קרייזן. צוליב זיין כראָנישער קראַנקהייט האָט ער ניט געגעבן דער באַוועגונג דאָס, וואָס זי האָט געקאָנט פון אים ערוואַרטן. אַרעסטירט אין 1907 יאָר און פאַרשיקט קיין סיביר. איז ער פון דאָרטן געלאָפן קיין ווין, וואו ער איז אין 1908 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

בדעה צו געבן אַן אויספירליכן באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ, [1]) איך וויל דאָ נאָר אָנמערקן אַ פּאָר אַלגעמיינע שטריכן פון איר אַרבעט, וועלכע האָבן געהאַט די אַנטשיידענסטע באַדייטונג פאַר דעם אויסבילדונג פון דער פּאָליטישער פיזיאָנאָמיע פון דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע“ און אויף איר שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באוועגונג.

אַרום צוויי גרונד־פראַגן האָבן זיך דער עיקר געדרייט די וכוחים אויף דער קאָנפערענץ—אַרום דער באגרינדונג פונם טעריטאָריאַליזם פונם סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט און אַרום דער פראַגע וועגן רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישן קאַמף.

דער אָפיציעלער ציוניזם האָט קיין באַגרינדונג ניט באַדאַרפט און ניט געזוכט. אַלע נאָרמאַל־לעבנדיקע פעלקער האָבן זייער טעריטאָריע און מלוכה־אָרגאַניזאַציע, בכן דאַרף דאָס יידישע פאָלק כדי צו קומען צו אַ נאָרמאַל לעבן שאַפן פאַר זיך אַ „עפנטליך־רעכטליך געזיכערטע היים אין פּאַלעסטינע“, — דאָס איז געווען דער תמצית פונם באַזעלער ציוניזם. ער איז געווען אויפגעבויט אויף ריין־לאָגישע, אבסאָלוט אָבער ניט סאָציאָלאָגישע, הנחות. מ׳האָט זיך ניט באַמיט אָנצווייזן אויף די היסטאָרישע פּערספּעקטיוון און סאָציאַלע כחות, וואָס דאַרפן פירן צו דער פאַרווירקליכונג פונם ציוניסטישן אידעאַל. אין בעסטן פאַל האָט מען זיך געשטיצט אויף מאָראַלישע סברות, מ׳האָט זיך פאַרלאָזט אויף פעלקער־גערעכטיקייט, אויפן יושר פון דער וועלט און... אויף די פּלאָמאַטישע קינצן. אַזאַ „געשיכטספילאָסאָפיע“ האָט ניט געקאָנט באַפרידיקן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע טוער, וואָס זיינען שוין מער־ווייניק געווען באַקאַנט מיט די עיקרים פון מאַרקסיזם און דער מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון דער געשיכטע.

„דער ציוניזם איז די אידעאָלאָגיע פון די יידישע עמיגרירנדיקע מאַסן, וואָס שטרעבן צו אַ קאָנצענטרירטן ישוב. אין פּראָצעס פון דער עמיגראַציע גופא אַנטוויקלען זיך די כחות, וואָס פירן מיט דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט צו איר קאָנצענטראַציע“ — אָט די דאָזיקע „מאַרקסיסטישע“, אַזוי צו זאָגן, באַגרינדונג פונם ציוניזם, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די גרונד־פּרינציפּן פון דער ס״ס׳ישער קאָנצעפּציע, האָב איך געהערט נאָך אין 1902. דערביי האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז די דאָזיקע שיטה האָט פאָרמולירט דער ערשטער — ל. א. טשעסקיס ערגעץ אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פּועלי־ציוניסטישע טוער; אַנדערע האָבן געהאַלטן פאַרן אויטאָר פון דער שיטה סירקינען, וועלכער האָט שפּעטער אין 1903 אַנטוויקלט ענליכע געדאַנקען אין „המון“, אַנדערע ווידער האָבן זי צוגעשריבן נ. שטיפן. אויף דער קאָנפערענץ יעדנפאַלס האָט שטיף זי ניט פאַרטיידיקט, דאָ האָט ער זיך געשטעלט אויף אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, אַז די אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּאָליטישער ווירקליכקייט פירט צו אַ קאַמף פאַר קולטורעלער אַווטאָנאָמיע אין די לענדער, וואו די יידן בילדן אַ באַדייטנדיקע נאַציאָנאַלע מינדערהייט און גלייכצייטיק צו אַ טעריטאָריאַלע אַווטאָנאָמיע אין אַ לאַנד (פּאַלעסטינא צי אַן אַנדערע), וואו זיי דאַרפן בילדן אַ נאַציאָנאַלע מערהייט. סיי ווי סיי — האָט שטיף געטענעט — קאָן די טעריטאָריאַלע אַווטאָנאָמיע ניט אויסשעפּן און ניט לעזן די יידן־פראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם. אין בעסטן פאַל וועט די טעריטאָריאַלע אַווטאָנאָמיע אָפּציִען פון דער דיאַספּאָרע אַ געוויסע צאָל יידן, דער גרעסטער צאָל אָבער וועט בלייבן אויף די אַלטאיינגעזעסענע ערטער. ובכן מוז גלייכצייטיק געפירט ווערן דער קאַמף פאַר

---

1) די וואָס ווילן זיך גענויער באַקענען מיט דער אַרבעט פון דער קאָנפערענץ שיק איך אָפּ צו דער בראָשור „באַריכט פון דער קאָנפערענץ וואָזראָזשדעניע“ (רוסיש) לאָנדאָן 1904. אויספירליכע אויסצוגן פון דער בראָשור קאָן מען געפינען אין זאַמעלבוך „סערפּ“ № 2 פעטערבורג, 1907 אונטערן קעפּל „מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג“.

קולטורעלער אַוטאָנאָמיע. שטיף האָט געמיינט אַזוי אַרום צו קומען צו אַ סינטעז פון דער בונדישער נאַציאָנאַלער פראָגראַם מיט דער ציוניסטישער, ער האָט אָבער פאַרזען, אַז פאַרן סינטעז פעלט דער עיקר, ער האָט ניט אויפגעוויזן, ווי ווערן די דאָזיקע צוויי פראָצעסן — דער קאַמף אויף די ערטער פאַר קולטורעלער אַווטאָנאָמיע און דאָס שטרעבן צו אַ טעריטאָריאַלער אַווטאָנאָמיע — היסטאָריש צוזאַמענגעבונדן און פאָליטיש קאָאָרדינירט. דאָס איז ניט קיין סינטעז — האָט מען שטיפן אָנגעוויזן אויף דער קאָנפערענץ, נאָר אַ פשוטער חבור פון 10 בונדישע אַווטאָנאָמיעס פליוס 1 „עפנטליך־רעכטליך געזיכערטע היים".

פאַרטיידיקן די עמיגראַציע־טעאָריע, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אויסדרינגען דעם טעריטאָריאַליזם פון דעם עמיגראַציע־פראָצעס, האָבן אויף דער קאָנפערענץ געפרווט לאַצקי און די דווינסקער חברים, אָבער אָן ערפאָלג. די מערהייט פון דער קאָנפערענץ האָט זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפונקט, וועלכן ס'האָבן פאַרטיידיקט אין זייערע פאָרטראַגן דער־עיקר בן־אדיר און טיילוויז איך. די יידן־פראַגע — האָבן מיר דערוויזן — איז ניט קיין עמיגראַציע־פראַגע און ניט קיין אויסשליסליכער ענין פון די יידישע עמיגראַנטן, נאָר אַ נאַציאָנאַלע פראַגע, וואָס איז נוגע מיט קליינע אויסנאַמען דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן קיבוץ מיט אַלע זיינע קלאַסן און שיכטן. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיך נאָכשלעפן אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג נאָך די בעל־הביתישע רעדל־פירער, אדרבה ער דאַרף אָפהיטן זיינע קלאַסן אינטערעסן, אַריינטרעטן אין דער באַוועגונג מיט זיין אידעאָלאָגיע און זיינע צילן. דער סאָציאַליזם קאָן זיך ניט באַציען גלייכגילטיק צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון די אונטערדריקטע פעלקער. אַלס אַ אידעע פון אוניווערסאַלע באַפרייאונג און פעלקער־ברידערשאַפטליכקייט מוז דער ריכטיק־פאַרשטאַנענער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם גלייכצייטיק שטיצן סיי די קלאַסן, סיי די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אַרבעטער־מאַסן.

מ'דאַרף זיך אַריבערטראָגן צו יענער צייט, צו דער אידעען־אַטמאָספער, אין וועלכער ס'האָט זיך אַנטוויקלט דער יונגער יידישער סאָציאַליסטישער געדאַנק, כדי צו באַגרייפן, ווי ווילד און אפיקורסיש ס'האָבן דעמאָלט געקלונגען די דאָזיקע פשוטע געדאַנקען. די באַציאונג פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט פון רוסלאַנד, ובפרט פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער וועלט, צו דער נאַציאָנאַלער אידעע, איז אין יענע צייטן געווען אַן אַבסאָלוט־נעגאַטיווע. דעם אינטערנאַציאָנאַליזם האָט מען אויסגעטייטשט פשוט און פלאַטשיק, ווי קאָסמאָפאָליטיזם, און פינם באַוואוסטן זאַץ פונם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", אַז „דער פראָלעטאַריאַט האָט ניט קיין פאָטערלאַנד", פלעגט מען אויסדרינגען, אַז יעדע שטרעבונג פונם פראָלעטאַריאַט צו באַפרייען זיך פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און צו שאַפן באַדינגונגען פאַר אַ פרייען נאַציאָנאַלן לעבן, איז אַ שעדליכער חלום און אַ פאַרבלענדעניש פאַרן אַרבעטער־קלאַס, אַן עולה און אַן עברה קעגן זיין סאָציאַליסטישער פאָליטיק. „פאַרן פראָלעטאַריאַט איז קיין עסק ניט צו פאַרנעמען זיך מיט די פראַגן פון אַווטאָנאָמיע און פעדעראַציע", וועלכע האָבן צו אים קיין שייכות ניט, האָט דעמאָלט געפריידיקט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער זשורנאַל „איסקראַ", וואָס האָט בשעתו געהאַט די גרעסטע שליטה אויף די מחות פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ פון רוסלאַנד. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, וואָס פאַר אַ רדיפות מצד דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אויסגעקומען אויסצושטיין דעם „בונד", הגם ער האָט נאָך דעמאָלט אפילו ניט געוואַגט זיך איינצושטעלן פאַר זיין „נייטראַליזם" אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע האָט ער נאָך

אַלץ געפֿונען „פאַר פריִצייטיִק“ אַרוסצושטעלן. אַזוי טיִף איִז די תורה פֿון „איִסקראַ“ געווען איינגעבאַקן איִן די מחות. נאָך שפעטער, איִן די יאָרן 1905—1906, האָבן די ס"ס, שטייענדיִק שטאָל און אייזן פאַר זייער עמיִגראַציע=קאָלאָניִזאַציע טעאָריע, געהאַלטן פאַר אַ באַזונדער מעלה פֿון זייער באַגריִנדונג פֿונם טעריִטאָריאַליִזם, וואָס זי איִז אַבסאָלוט פֿריי פֿון יעדן חשש פֿון נאַציאָנאַליִזם.

און צווייטנס, האָבן מיִר געטענעט, דער טעריִטאָריאַליִזם איִז דער ענטפער אויף דער יידיִשער נאַציאָנאַלער פראַגע. אָבער ניִשט מיִטן פאַרוויִרקליִכן פֿונם טעריִטאָריאַליִזם, ניִט מיִט דער קאָלאָניִזאַציע פֿון דער „געכּוונענער“ טעריִטאָריע הויבט זיִך אָן די באַוועגונג צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, נאָר מיִט איִר ענדיִגט זי זיִך. דער טעריִטאָריאַליִזם קומט צום סוף פֿון אַ דויערנדיִקן, דורות=לאַנגן פראָצעס פֿון קאַמף פֿון די יידיִשע מאַסן פֿאַר זייערע נאַציאָנאַלע רעכט איִן די לענדער, וואו זיי וואוינען, צוזאַמען מיִט די אַנדערע אונטערדריִקטע נאַציאָנאַלע מיִנדערהייטן. אויף אַזאַ אופן לאָזט זיִך ביי איִצטיִקן מאָמענט ניִט באַשטיִמען די צייט און דאָס אָרט פֿון דער פאַרוויִרקליִכונג פֿונם טעריִטאָריאַליִזם. „דער טעריִטאָריאַליִזם וועט פֿאַרוויִרקליִכט ווערן דאַן און דאָרט, וואו און ווען ס׳וועלן רייף ווערן די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַדיִנגונגען“, — איִבער דעם דאָזיִקן זאַץ איִנם לייטאַרטיִקל פֿונם ערשטן נומער „וואָזראָזשדעניע“ האָט מען זיִך בשעתו זעהר שטאַרק געוויִצלט, און מ׳מוז מודה זיין, אַז קיין איִבעריִקע קלאָרקייט און באַשטיִמטקייט פאַרמאָגט ער בשום אופֿן ניִט. אָבער דער דאָזיִקער עקליִך און אָפּנהאַרציִק פֿאָרמוליִרטער אַגנאסטיִזם – דער אינו=יודע שטאַנדפּונקט איִן דער פראַגע פֿון דער פאַרוויִרקליִכונג פֿונם טעריִטאָריאַליִזם–האָט געראַטעוועט די „וואָזראָזשדענצעס“ פֿון אַ סך פעלער פֿון טעריִטאָריאַליִסטיִשער שטערנזעעריי און לאַנדסזוכעריי.

די צווייטע וויִכטיִקסטע פראַגע, וואָס האָט באַשעפֿטיִקט די קאָנפערענץ, איִז געווען, ווי געזאָגט, די פֿראַגע וועגן רעוואָלוציאָנער=פאָליִטיִשן קאַמף. די פראַגע איִז באַשטאַנען דעריִן, ווי אַזוי אַרום דאַרף און קאָן צונויפגעבונדן ווערן — איִדעאָלאָגיש און אָרגאַניִזאַציאָנעל דער אַלטעגליִכער עקאָנאָמיִשער און פאָליִטיִשער קאַמף פֿון די יידיִשע אַרבעטער=מאַסן מיִט דער באַוועגונג צום טעריִטאָריאַליִסטיִשן ענדציִל. די ציוניִסטיִשע תורה האָט איִן יענע צייטן געלערנט, אַז דאָ, „איִן פיִנסטערן גלות“ איִז ניִטאָ וואָס אויפֿצוטאָן, אַז יעדע טעטיִגקייט, וואָס איִז געריִכטעט אויף צו פאַרבעסערן די פּאָליִטיִשע און עקאָנאָמיִשע לאַגע פֿונם פֿאָלק דאָ, איִן „גלות“, איִז אַרויסגעוואָרפֿענע טרחה, אַ ברכה=לבטלה, אַ פֿאַרשווענדונג פֿון כּחות, וועלכע מ׳דאַרף זאַמלען און אָפּשפּאָרן, ביִז ס׳וועט קומען די גוטע שעה, ווען מ׳וועט דאַרפן צוטרעטן צו פאַרוויִרקליִכן דעם ציוניִסטיִשן איִדעאַל. די ציוניִסטיִש=סאָציאַליִסטיִשע קרייזן, וואָס האָבן זיִך שוין דעמאָלט איִן אַ סך פּרטים באַפרייט פֿון דער באַזעלער איִדעאָלאָגיע, זיינען נאָך געבליִבן אונטער דער השפעה פֿון דער ציוניִסטיִשער טעאָריע וועגן „גלות“. אדרבה די טעאָריע וועגן דעם, אַז די יידיִשע אַרבעטנדיִקע מאַסן קאָנען זיִך דאָ ניִשט פּראָלעטאַריִזיִרן און מוזן עמיִגריִרן, און אַז דוקא די עמיִגראַציע וועט ברענגען צום טעריִטאָריאַליִזם, האָט געזאָלט באַפעסטיִקן די ציוניִסטיִשע שיטה, צוגעבן איִר אַ וויִסנשאַפטליִכן, אַ כּמו=מאַרקסיִסטיִשן, פונדאַמענט. עד כּאן טעאָריע. דער געזונטער פּראַקטיִשער חוש און דער וואַכנדיִקער רעוואָלוציאָנערער געפֿיִל האָבן אָבער ניִט דערלאָזט, מ׳זאָל אָפּציִען אַרבעטער=אָרגאַניִזאַציעס פֿונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וועלכער האָט זיִך דוקא איִן יענער צייט אָנגעהויבן ברייט צו פֿאַנאַנדערוויִקלען, אַרויסרייסנדיק זיִך פֿון אונטער דער ערד אויף

גער אָפענער פּאָליטישער אַרענע. האָט מען אַביסל פאַרקנייטשט די טעאָריע און מ׳איז געפאַלן אויף אַן המצאה וועגן „צוויי פלאַכן“ — דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף ליגט אין אַ באַזונדער פלאַך און איז ניט פאַרבונדן מיט דער פאַרווירקליכונג פונם טעריטאָריאַליזם (סירקינס טעאָריע). אָדער מ׳האָט זיך געמאַכט אַזאַ מין היתר: מיר באַטייליקן זיך יאָ אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף, מיר שטעלן זיך אָבער אין קאַמף קיין שום פּאָזיטיווע אויפגאַבן, וועלכע זיינען „כידוע“ אוממעגליך, מיר שטעלן ניט אַרויס קיין שום פּאָליטישע פּאָדערונגען, ניט מער מיר רעאַגירן נאָר, מיר ענטפערן אָפּ מיט אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף אויף די רדיפות פונם צאַרישן רעזשים (די שיטה פון די מינסקער און אַנדערע פּועלי־ציון). געוויינליך האָט דער דאָזיקער „ויש לישב בדוחק“ קיינעם נישט באַפרידיקט, וואָרום פירן אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף, נישט האָבנדיק פאַר זיך קיין שום פּערספּעקטיוון, איז אַן אומזין,— און אויף דער טעאָריע איז מען דאָך פּאָרט עובר...

די קאָנפערענץ האָט זיך גענומען אויפפלאָנטערן דעם קנויל פון פּסיכאָלאָגישע און לאָגישע סתירות, וואָס האָבן זיך פאַרוויקלט אַרום דער פראַגע וועגן „גלות־אַרבעט“. די מערהייט פון דער קאָנפערענץ האָט גאָר אָפּגעפרעגט די גאַנצע מעשה וועגן ביטול־הגלות, אָנווייזנדיק אַז פאַר די אַרבעטער־מאַסן שטייען גראָד אין „וויסטן גלות“ גרויסע און וויכטיקסטע לעבענס אויפגאַבן. דערמיט וואָס די מערהייט פון דער קאָנפערענץ האָט אָפּגערוקט די פאַרווירקליכונג פונם טעריטאָריאַליזם צום סוף פון אַ לאַנג־דויערדיקן קאַמף און אַנטשידן אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק, אַז דער טעריטאָריאַליזם דאַרף ווערן אַ „גיכע הילף“ פאַר די יידישע מאַסן, וואָס קאָנען זיך נישט פּראָלעטאַריזירן און האַלטן ביי סאָציאַלער גסיסה, האָט די קאָנפערענץ צוריק אַוועקגעשטעלט די גאַנצע אויפפאַסונג וועגן נאַציאָנאַלער באַפרייאונג מיטן קאָפּ אַרויף. זי האָט פאָרמולירט דעם קלאָרן און פשוטן געדאַנק, אַז נאַציאָנאַלע באַפרייאונג קאָן נישט דערגרייכט ווערן מיט פאַרלייגטע הענט, דורכדעם, וואָס מ׳וועט „זאַמלען די כוחות“ אין אַ פושקעלע און זיי אויסבאַהאַלטן עד ביאת הגואל, אַז, פאַרקערט, געזעלשאַפטליכע כוחות וואַקסן און אַנטוויקלען זיך אין קאַמף און דורכן קאַמף, און די נאַציאָנאַלע אויפלעבונג קאָן קומען דוקא דערפון, וואָס די אַרבעטער מאַסן וועלן אין טאָגטעגליכן קאַמף אַנטוויקלען זייערע פּאָליטישע און קולטורעלע קלאַסן־כוחות און וועלן זיך דערשלאָגן צו נאַציאָנאַלע רעכט אין די לענדער, וואו זיי לעבן מאַסנווייז. —

אָט דאָס זיינען געווען די צוויי גרונט פראַגן, אויף וועלכע ס׳האָט זיך קאָנצענטרירט די גאַנצע אַרבעט פון דער קאָנפערענץ. די אָרגאַניזאַציע־פראַגע האָט קיין סך צייט ביי דער קאָנפערענץ נישט אָפּגענומען. די איניציאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ האָבן לכתחילה נישט געהאַט בדעה צונויפשלאָגן אויף גיך אַ פּאַרטיי. צו פאַרפלאָנטערט און צו ניי זיינען געווען די פּראָבלעמען, וואָס זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר דער קאָנפערענץ, אַז מ׳זאָל קאָנען האָפן, אַז ביי דער ערשטער באַהאַנדלונג וועט אַלץ קלאָר ווערן, און מ׳וועט זיך צעפאָרן אַהיים מיט גרייטע ענפערן אויף אַלע האַרבע פראַגן פון דער יידישער ווירקליכקייט. און דער אמת האָט באַוויזן, אַז איינציקע פראַגן, וואָס זיינען אויפגעהויבן געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ, האָבן זיך פונם אָרט נישט אַ ריר געטון, ווי, למשל, די פראַגע וועגן דעם טרעגער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — צי קאָן עס זיין נאָר דער לוין־אַרבעטער, אָדער, אַ דאַנק די ספּעציפישע קלאַסן־דיפערענצירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַ ברייטערער שיכט פון אַרבעטנדיקע מאַסן. די פראַגע, ווי געזאָגט, איז נאָר באַרירט געוואָרן, אָבער ווייטער

דערפון איז מען נישט געקומען. די פרינציפן, וועלכע דער קאָנפערענץ האָט זיך יאָ איינגעגעבן מער אָדער ווייניקער זיכער, פעסטצושטעלן, זיינען געווען נאָר אָנגעמערקט אין ראשי-פרקים, זיי האָבן ערשט באַדאַרפט, ווי געעריק, באַגרינדעט און באַלויכטעט ווערן, און דער עיקר, געבראַכט ווערן אין אַ סיסטעם פין סאָציאַל-פּאָליטישע אַנשויאונגען און פּראָגראַמאַטישע פאָדערונגען. ס'איז געווען קלאָר, אַז די נאָענטסטע אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ איז צו שאַפן אַ טעאָרעטישן זשורנאַל — געוויינליך אַן אומלעגאַלן — און דאָס האָט זי טאָקע באַשלאָסן. דער זשורנאַל האָט, לויט דער באַשטימונג פון דער קאָנפערענץ, באַדאַרפט אַרויסגיין אין רוסישן מיטן נאָמען „וואָזראָזשדעניע" און אין יידישן — „דאָס נייע לעבן", מיט אַ אונטער קעפּל „אָרגאַן פונם יידישן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק". אין רעדאַקציע-קאָלעגיע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן — מ. ראַטנער, בן-אדיר און פאַבריקאַנט. די רעדאַקציע האָט באַדאַרפט בלייבן אין קיעוו, איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס איר פאָרשטייער אין אויסלאַנד.

III.

די גרופּע „וואָזראָזשדעניע" און איר טעטיגקייט.

דאָס ערשטע (דאָפּעלטע) העפט פונם זשורנאַל „וואָזראָזשדעניע" איז געווען פאַרטיק צום דרוק אין אַ פּאָר חדשים אַרום נאָך דער קאָנפערענץ. נאָר איבער אונזער נישט געניטקייט אין ענין פון אַרויסגעבן אומלעגאַלע ליטעראַטור, האָט זיך דאָס אַרויסלאָזן פונם ערשטן העפט פאַרצויגן, און ס'איז ערשינען ערשט אין מערץ 1904 אין בערלין *). (פריער מיט אַ חודש איז ערשינען דער אויבנדערמאָנטער „באַריכט פון דער קאָנפערענץ וואָזראָזשדעניע"). מיר האָבן געהאַט גרונד זיין צופרידן מיטן רושם, וואָס דאָס ערשטע העפט האָט געמאַכט. פריינט און פיינט האָבן עס באַטראַכט אַלס אַן ערנסטע ערשיינונג. די „איסקראַ" האָט אונז באַלד אויסגעזידלט, אַלס ציוניסטן און שאָוויניסטן. אָבער ערפאַרענע מענשן האָבן געהאַלטן, אַז דאָס אַליין איז שוין אַ „כבוד", וואָס „איסקראַ" בכבודה ובעצמה האָט אונז באַלד באַמערקט. דער „בונד" איז אַרויס קעגן אונז מיט אַן אַרטיקל (אין אויסלענדישן „וועסטניק בונדא") „דער ס"ר'יזם אויפן יידישן באָדן" („סאָציאַל-רעוואָליוציאָניזם נאַ יעווריייסקאָי פּאָטשוויע"). דער דאָזיקער אַרטיקל פון „בונד" האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע קרייזן, וועלכע זיינען בכלל געווען נישט שטאַרק באַפרידיקט מיטן זשורנאַל „וואָזראָזשדעניע" דערפאַר, וואָס דער טעריטאָריאַליזם איז דאָרט געוועזן אויפגעפּאַסט און פאָרמולירט נישט לויט זייער שיטה, און וואָס דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז אָפּגעגעבן געוואָרן צופיל אויפמערקזאַמקייט. דער חשד אין ס"ר'יזם, וואָס דער „בונד" האָט אויף אונז געוואָרפן, האָט זיי נאָך מער אָפּגעקילט און דערווייטערט פון אונז — זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר שטרענגע קאָנסעקווענטע מאַרקסיסטן. די דיפערענצירונג צווישן אונז און די קינפטיגע ס"ס (זיי האָבן דעמאָלט נאָך אַלץ געטראָגן דעם אַלגעמיינעם נאָמען „פּועלי-ציון") האָט זיך אין יענער צייט שוין אָנגעהויבן, אָבער זי האָט נאָך דעמאָלט נישט דערגרייכט צו דער מדרגה פון אויסגעשפּראָכענער פּאַרטייאישער קעגנערשאַפט. אַדרבה מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן, ווי נאָענטע חברים, וואָס טוען אַ געמיינזאַמע אַרבעט. פון אידעאָלאָגישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער צונויפבינדונג פון די פּועלי-ציוניסטישע גרופּן. און

*) אויפן שער-בלעטל איז משום קאָנספּיראַטיווע טעמים אָנגעוויזן דאָס דרוק-אָרט „לאָנדאָן". די אַרטיקלען פונם ערשטן העפט זיינען געשריבן פון מ. ראַטנער (דאָס לייט-אַרטיקל), בן-אדיר, פאַבריקאַנט (פּסעוודאָנים סטאָלבערג) און מיר (פּסעוודאָנימען — באַזין, דינין).

ס'איז דעריבער פאַרשטענדליך, וואָס ניִשט געקוקט אויף די פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות צווישן אונז און די קינפטיגע ס"ס, האָבן די לעצטע אונז אַקטיוו מיטגעהאָלפן ביים טראַנספּאָרטירן און פאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל „וואָזראָזשדעניע". אויך שפּעטער נאָך, אין עטליכע חדשים אַרום, ווען ס'איז לויט דער איניציאַטיוו פון די פּועלי־ציוניסטישע אָנפירער באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ קאָנפערענץ, זיינען מיר, די „וואָזראָזשדענצעס", ניִשט נאָר איינגעלאַדן געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ, נאָר אויך באַשימט געוואָרן אַלס רעפערענטן (אָדער קאָררעפערענטן) פאַר די וויכטיקסטע פראַגן פון פּראָגראַם און טאַקטיק.

דערווייל זיינען אָבער פאָרגעקומען באַדייטענדיקע ענדערונגען אין פּערזענליכן באַשטאַנד פון אונזער גרופּע. מ. ראַטנער האָט זיך אין יענער צייט אַזוי פיל אַריינגעטון אין זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטליכער אַרבעט, אַלס פּאָליטישער פּאַרטיידיקער, זשורנאַליסט און איינער פון די אָנפירער פונם אַדוואָקאַטן־פאַראיין, אַז פון אונז האָט ער זיך ביסלעכווייז דערווייטערט, און זיין אָנטייל אין דער טעטיגקייט פון אונזער גרופּע איז געוואָרן, וואס ווייטער אַלץ שוואכער און מינדערווערטיקער. ב. שטיף, האט צוליב אַנדערע טעמים, וואס זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיינע פּערזענליכע און אידעאישע איבערלעבונגען, זיך אויך אויף אַ שטיקל צייט אַוועקגעשטעלט אן אַ זייט. ס'איז דעריבער באַשלאסן געווארן צו קאאפּטירן מיך אין רעדאַקציע־קאָלעגיע אנשטאט ראַטנערן, און אַז די גאַנצע קאָלעגיע זאָל אַריבער פאַרן קיין אויסלאנד. אין אויסלאַנד, פאַרקערט, איז דער איינפלוס פון אונזער גרופּע געווארן שטאַרקער. צו אונז האט זיך אנגעהויבן דערנענטערן ח. זשיטלאווסקי, ביי וועלכן דער זשורנאַל „וואזראזשדעניע" האט זעהר אויסגענומען, אויסער דער טעריטאריאַליסטישער קאנצעפּציע, פון וועלכער ער האט ניִשט געהאלטן. אין יענער צייט איז ער געווען אַן אויסגעשפּראכענער קעגנער פון יעטוועדן טעריטאריאַליזם און טאַקע צוליב דעם האט ער ניִשט געקאנט אינגאַנצן צושטיין צו אונזער גרופּע. נאך לאַנגע שמועסן און וכוחים האט ער דאך מסכים געווען מיטצואַרבייטן אין אונזער זשורנאַל, און דאס אַליין איז שוין פאַר אונז געווען אַ גרויס פּאליטיש געווינס, נעמענדיק אין אַכט די פּאפּולאַריטעט פון ח. זשיטלאווסקין אין די רעוואָליוציאָנער־סאציאַליסטישע קרייזן.

אויך אין די אויסלענדישע סטודענטישע קרייזן האָבן די אידעען פון „וואזראזשדעניע" באַגעגנט אַן אפּקלאַנג. אין שליחות פון אונזער גרופּע האב איך זומער און האַרבסט 1904 באַזוכט בערן, מינכן, דאַרמשטאַט און היידלבערג, וואו ס'זיינען געבילדעט געוואָרן סטודענטישע „גרופּעס סימפּאַטיקער פון וואָזראָזשדעניע" (גרופּי סאָדייסטוויאַ „וואָזראָזשדעניע"). אַ דאַנק דער מאַטעריעלער שטיצע פון די דאָזיקע גרופּעס— אָבער אויך אַ דאַנק אונזער אָפּשפּאָרונג פון די פּערזענליכע הוצאות, וועלכע מיר האָבן באַוויזן צו דערפירן ביז אַ הונגער־מינימום *) — האָט זיך אונז איינגעגעבן מיט גרויס מאַטערניש אַרויסצולאָזן דאָס צווייטע דאָפּלט־העפט 3 = 4 פונם זשורנאַל „וואָזראָזשדעניע", וועלכעס איז ערשינען אין פאַריז סוף 1904 **).

פאַר אונז איז אָבער וויכטיקער געווען וואָס גיכער אַרויסצוגעבן דאָס דריטע

*) פון רוסלאנד, וואו ס'זיינען געבליבן נאָר צוויי אקטיווע מיטגלידער פון אונזער גרופּע — פרידלאַנד און ברעגמאַן — האָבן מיר אויף קיין געלט ניִשט געקאָנט האָפן. —

**) א חוץ ב ארטיקל פון ח. זשיטלאָווסקי „סאָציאַליזם און די נאציאָנאַלע פראַגע" און צוויי קליינע אַרטיקלען פון מ. ליטוואַקאָוו (פּסעוודאָנים — סימענזאָן). זיינען אַלע איבעריקע ארטיקלען פונם צווייטן העפט געשריבן פון בן־אדיר, פאבריקאַנט און מיר.

העפט, אין וועלכן מיר האָבן געזאָלט ברענגען אין אַ סיסטעם די פּרינציפּן פון אונזער אויפפאַסונג פון דער יידישער ווירקליכקייט און די עיקרים פון אונזער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם, באַגרינדעט פונם שטאַנדפּונקט פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. די דאָזיקע פּראָגראַם, וועלכע איז שפּעטער באַקאַנט געווען אין דער יידישער סאָציאַליסטישער וועלט אונטערן פאַרקירצטן נאָמען „סיימיזם", איז בכּבוד ראש באַקלערט און באַטראַכט געוואָרן פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע, וועלכע האָט דערויף אָפּגעגעבן ניט איין אוונט, און איצט האָט זי געזאָלט ענטגילטיק פאָרמולירט און פאַרעפענטליכט ווערן. ס'האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז מיר האָבן געמוזט די זאַך אָפּלעגן.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז אין רוסלאַנד האָט געזאָלט פאָרקומען אַ קאָנפערענץ פון ציוניסטישע־סאָציאַליסטישע טוער, אויף וועלכע מיר זיינען געווען איינגעלאַדן. אַזוי ווי אָבער מיר האָבן נישט געקאָנט אַלע דריי קומען קיין רוסלאַנד אויפן לעגאַלן אופן, האָבן מיר זיך געווענדט צו די חברים פון רוסלאַנד מיט אַ ביטע, מ'זאָל די קאָנפערענץ אָפּלעגן אויף אַ וואָך־צוויי, כּדי מיר זאָלן קאָנען אַלע זיין צו דער צייט. וואַרטנדיק אויף אַ תּשובה אויף אונזער ווענדונג, האָבן מיר אומגעריכט באַקומען אַ ידיעה פון רוסלאַנד, אַז די קאָנפערענץ איז זיך צונויפגעקומען אין אָדעס (יאַנואַר 1905), זי איז אָבער דורכגעפאַלן אויף איינע פון די ערשטע זיצונגען, און אַלע טיילנעמער זיינען אַרעסטירט. מיר האָבן נישט געפונען פאַר מעגליך ווייטער צו בלייבן אין אויסלאַנד, בעת אַלע אָנגעזעענסטע חברים זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון דער אַרבעט, און מיר האָבן באַשלאָסן זיך צואיילן מיט אונזער נסיעה קיין רוסלאַנד.

געקומען קיין רוסלאַנד, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אַלע אַרעסטירטע חברים זיינען נאָך פאַר אונזער קומען באַפרייט געוואָרן, זיי האָבן באַוויזן נאָך דער באַפרייאונג אָפּהאַלטן אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן די פּאַרטיי ס"ס (ציוניסטן־סאָציאַליסטן) *)

אין צ. ק. פון דער ניי־געגרינדעטער פּאַרטיי איז אויסגעקליבן געוואָרן אויך דער „וואָזראָזשדעניעץ" פרידלאַנד. ס'איז פאָרגעלעגט געוואָרן די „וואָזראָזשדענציעס" נאָך אַן אָרט אין צ. ק., אויב מיר ווילן מסכּים זיין צו אַרבעטן אין דער פּאַרטיי ס"ס. אָבער פון די אונטערהאַנדלונגען מיט די לעצטע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן אונז און זיי עקסיסטירן אַזעלכע ערנסטע און גרונטליכע חלוקי־דעות, וועלכע מ'קאָן נישט און מ'טאָר נישט פאַרלייקענען אָדער פאַרבויגן. אונזער תּנאי, וועלכן מיר האָבן אַרויסגעשטעלט דעם צ. ק. פון ס"ס, איז געווען, אַז די פראַגע וועגן „סיימיזם" זאָל בלייבן אָפן פאַר אַ פרייער דיסקוסיע ביזן ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. דער צ. ק. האָט אונזער תּנאי אָפּגעוואָרפן, מיר האָבן דאַן אָפּגערופן פרידלאַנדן פון צ. ק. אָבער וואָס טוט מען ווייטער? וואָס האָט געקאָנט טון אַ גרופּע פון 5 מענשן, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז זיי האָבן צו זאָגן זייער וואָרט די יידישע אַרבעטער־מאַסן, אָבער זיי זיינען געבליבן שטיין מחוץ למחנה, אויסער די עקסיסטירנדיקע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דער וועג צו דער יידישער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט איז געווען פאַר אונז פאַרשפּאַרט דורך די עקסיסטירענדיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, די מעגליכקייט פאַר מינדליכער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע איז געווען באַגרענעצט ביז גאָר. געבליבן פאַר אונז איז איין אויסוועג — אָנהויבן פירן אַ שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע זאָל דורכשלאָגן אַ וועג פאַר אונזערע אידעען. מיר האָבן באַשלאָסן קודם כּל

*) וועגן דער אָדעסער קאָנפערענץ זע ווייטער די אַרטיקלען פון י. ברעגמאַן און מ. גוטמאַן.

צוגרייטן וואָס גיכער צום דרוק דאָס דריטע העפט „וואָזראָזשדעניע“. די דאָזיקע אַר־בעט האָט אָפּגענומען ביי אונז אַ חדשים 3. (דאָס דריטע העפט „וואָזראָזשדעניע“ איז געווען אַ סך רייכער אין אינהאַלט און אויך באַדייטנד גרעסער, לויט דער צאָל זייטן, ווי די ערשטע צוויי העפטן) *)

פאַר דערזעלבער צייט האָט זיך אונזער גרופּע פאַרגרעסערט אין צאָל און גע־וויכט. נאָכדעם ווי דער צ. ק. פון ס״ס האָט מיט אַ מערהייט שטימען באַשלאָסן נישט דערלאָזן אַ פרייע דיסקוסיע אין דער פּאַרטיי וועגן „סיימיזם“, זיינען צוויי מיטגלידער פון צ. ק. ש. דאביו און י. נאָוואַקאָווסקי אַרויסגעטראָטן פון צ. ק. און פון דער פּאַרטיי און האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט אונז, און ס׳איז אַבריק צו זאָגן, וואָס פאַר אַ גרויסער פּאָליטיש געווינס ס׳איז געווען פאַר אונז, וואָס אַזעלכע צוויי אָנגעזעענע טוער, פון וועלכע דאָבינען האָט מען געהאַלטן פאַרן טאַטן פונם פּראָלעטאַרישן ציוניזם. זיינען אַוועק פון ס״ס דוקא צוליב דער „סיימיזם“־פראַגע און זיינען געקומען צו אונז. נאָוואַקאָווסקי נאָך אין אָנהויב זומער 1905, דאבין אַ ביסל שפּעטער. (דער לעצטער איז נישט אינגאַנצן מסכים געווען מיט אונזער שטעלונג צו דער טעריטאָריאַליזם־פּראַ־גע און דעריבער האָט ער געוואָלט זיין באַשעפטיקט ביי אונז נאָר מיט פּאַרטיי־ליטע־ראַרישער אַרבעט). פון די אויסלענדישע „גרופּעס סימפּאַטיקער פון „וואָזראָזשדעניע“ זיינען געקומען אויף אונזער רוף י. יעפרויקין און ז. קאַלמאַנאָוויטש, וועלכע האָבן זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַלס פעהיקע טוער. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט מ. ראַסקין, וועלכער איז געקומען פון מאָסקווע און נאָך אַ קורצער וואַקלעניש צווישן אונז און ס״ס איז ער געוואָרן אַ אונזעריקער. יעפרויקין מיט ראַסקינען האָבן באַקומען אַ דאַנק דער מיטווירקונג פון נאָוואַקאָווסקין די מעגליכקייט אָנצופירן אין דער מינסקער און באָבּרויסקער אָרגאַניזאַציעס פון ס״ס אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן „סיימיזם“, צו וועל־כער די מאַסן האָבן זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. הכלל מיט אונזער ביסל אָרימקייט האָבן מיר שוין געקאָנט עפּעס אָנהויבן צו בויען.

אין סעפּטעמבער 1905 איז זיך צונויפגעקומען די 2־טע קאָנפערענץ „וואָזראָזש־דעניע“ (אין קרוטשי, מאָהל. גוב.) אין וועלכער ס׳האָבן אָנטייל גענומען: 1) י. ברעג־מאַן, 2) מ. זילבערפאַרב, 3) י. יעפרויקין, 4) י. נאָוואַקאָווסקי, 5) וו. פאַבריקאַנט, 6) ב. פרידלאַנד, 7) ז. קאַלמאַנאָוויטש, 8) קאַצנעלסאָן (אַ פריש צוגעקומענער חבר פון באָבּרויסק), 9) א. ראָזין און 10) מ. ראַסקין. צוויי יאָר האָבן אָפּגעטיילט די צווייטע קאָנפערענץ פון דער ערשטער, און ווי גרויס איז געווען דער חילוק אין דער אַרבעט און אין דער פּאָליטישער שטימונג פון ביידע קאָנפערענצן: אויף דער ערשטער קאָנפערענץ זיינען זיך צונויפגעקומען בלאָנזשענדיקע מענשן, וואָס האָבן קוים־קוים בלינדערהייט אָנגעטאַפּט דעם וועג, אויף וועלכן זיי האָבן זיך געוואָלט שטעלן. די דיסקוסיעס האָבן געטראָגן אַ ריין־טעאָרעטישן כאַראַקטער און האָבן אָפּגעשפּיגלט אַ פיל פאַרביקע פאַר־שידנהייט פון שיטות, מיינונגען, אַנשויאונגען, שטימונגען. די צווייטע קאָנפערענץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט שוין אַ פעסט־געשלאָסענע, גוט צוזאַמענגעזוגענע פּאָליטישע

---

*) דאָס דריטע העפט „וואָזראָזשדעניע“ איז אין אַ בוך־פאָרם ערשינען אין דעצעמבער 1905 מיט פאָלגענ־דיקן אינהאַלט: 1) דאָס סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע וועזן („סאָציאַלנאָיע אי נאַציאָנאַלנאָיע“), 2) די סטאַטיק פון דער יידישער ווירקליכקייט, 3) די דינאַמיק פון דער יידישער ווירקליכקייט, 4) דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, 5) נאַציאָנאַלע און טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע און די אינטערעסן פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט, 6) די ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע בורזשואַזיע 7) וועגן ציוניזם (געגן דעם נאָמען פונם דאָזיקן אַרטיקל געדענק איך נישט.) די ערשטע דריי אַרטיקלען געהערן בן־אדירן, די פאָלגענדיקע צוויי — מיר, די לעצטע צוויי — פאַבריקאַנטן.

גרופּע, וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן גלויבן אין איר סאָציאַל־פּאָליטישן אני־מאמין, פאַר וועלכן זי איז גרייט מוטיק זיך שטעלן אין קאַמף. קיין טעאָרעטישע דיסקוסיעס זיינען, אויף ווי פיל איך געדענק, כמעט ווי נישט געפירט געוואָרן אויף דער צווייטער קאָנפערענץ, וועלכער האָט זיך דער עיקר פאַרנומען מיט דער פאָרמולירונג אין דייטליכע און קלאָרע טעזיסן פון די כּאָציאַל־פּאָליטישע פאָדערונגען און פון דער טאַקטישע ליניע פון דער גרופּע. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו בילדן אַ פאַרבאַנד פון יידישע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. די מיינונג וואָס איז אַרויסגעזאגט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ פון איינציקע חברים, אַז דער טעריטאָריאַליזם דאַרף נישט פיגורירען אינם נאָמען פונם פאַרבאַנד, אַז דאָס איז נישט אונזער סימן מובהק, האָט נישט באַגעגנט קיין מיטגעפיל פון דער קאָנפערענץ.

לויט דער באַשטימונג פון דער קאָנפערענץ, האָבן מיר זיך אַלע געזאָלט פאַנאַנדערפאָרן אין די גרעסערע יידישע אַרבעטער־צענטרן, וואו מיר האבן גערעכנט דורך אַ ברייטע פראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אָפּציען צו זיך פון די ס"ס'ישע און אויך פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס גרעסערע צי קלענערע גרופּעס. אָבער באַלד נאָך דער קאָנפערענץ האָבן זיך אומגעריכט געביטן די אויסזיכטן און פּערספּעקטיוון פון אונזער אַרבעט און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָבן מיר געמוזט ראַדיקאַל ענדערן די אָרגאַניזאַציע־באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ אַזוי, אַז דעם פאַרבאַנד גופא איז אַלס אַזעלכן נישט אויסגעקומען אַריינצוטרעטן אין לעבן. געשעהן איז עס אַזוי: —

די פאַרטיי ס"ס האָט אַרומגענומען נישט אַלע פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אויסער דער פאַרטיי זיינען געבליבן יענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געווען קעגן יעטוועדע טעריטאָריאַליסטישע אונטערנעמונגען אין אוגאַנדע אָדער אַנדערע לענדער, אויסער פּאַלעסטינע, בעת די ס"ס זיינען פאַרקערט אין פּרינציפּ געווען פאַר אַזעלכע אונטערנעמונגען, אדרבה פּאַלעסטינאַ האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַמווייניקסטן פּאַסענדיקע טעריטאָריע פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

די אויסבילדונג פון דער פאַרטיי ס"ס האָט געצוואונגען אויסער איר געבליבענע פּו"צ'יסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט הויפּטזאַכליך אין יעקאַטערינאָסלאַווער, וויטעבסקער און באַרדיטשעווער ראַיאָנען, פאַרבונדן זיך אָרגאַניזאַציאָנעל און אידעאָלאָגיש און צו באַשטימען זייער שטעלונג צו אַז"ע פראַגן פונם יידישן אַרבעטער־לעבן. צוליב דעם דאָזיקן צוועק האָבן זיי באַשטימט צונויפרופן אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער זיי האָבן איינגעלאַדן אויך נאָוואַקאָווסקין. נאָוואַקאָווסקי איז אין דער פּאַלעסטינע־פראַגע נישט מוסכם געווען מיט דער שטעלונג פון דער ס"ס'ישער פאַרטיי, און זיי האָבן געהאַט אַ געוויסן גרונט צו רעכענען אים פאַר זייערן אַ חבר בפרט, אַז זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז ער איז צוליב איינציקע פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות אַרויס פון דער פאַרטיי. פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט קיין רעדע נישט געקאָנט זיין, אַז נאָוואַקאָווסקי זאָל אָננעמען די איינלאַדונג אויף דער פּועלי־ציוניסטישער קאָנפערענץ, מיר האָבן דאָך געפונען פאַר נויטיק, אַז נאָוואַקאָווסקי זאָל פאַר דער קאָנפערענץ צופאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, וואו ס'האָט זיך געפונען דאָס אָרגאַניזיר־ביוראָ פון דער קאָנפערענץ, כדי צו אינפאָרמירן זיך, וואו זיי האַלטן אין דער וועלט און אויף וועלכער סאָציאַל־פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער פּלאַטפאָרם רעכענען זיי זיך צו קאָנסטיטואירן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין באַשטימטע פּלאַטפאָרם האָבן זיי נישט, אַז אין זייער סאָציאַל־פּאָליטישער אָריענטאַציע הערשט דער פריערדיקער כאַאָס פון די יאָרן 1902 — 1903, דעריבער טאַקע לייגט פאַר די אָרגאַניזיר־ביוראָ די „וואָזראָזשדענציעס", זיי זאָלן

קומען אויף דער קאָנפערענץ, לכתחילה, אַלס געכט, און איר ערקלערן זייער קאָנצעפּציע און פּלאַטפאָרם. זאָל די קאָנפערענץ געפונען די פּלאַטפאָרם פון „וואָזראָזשדעניע" פאַר אָננעמבאַר פאַר זיך, וועלן דאַן די „וואָזראָזשדענצעס" בלייבן אויף דער קאָנפערענץ אַלס גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער און צוזאַמען באַהאַנדלען די ווייטערדיקע פראַגן פונם סדר-היום. אין פאַרקערטן פאַל, וועלן די „וואָזראָזשדענצעס" פאַרלאָזן די קאָנפערענץ, וועלכע וועט זיך אַליין ווייטער פירן איר אַרבעט.

מיר האָבן זיך לאַנג געקווינקלט, איידער מיר האָבן אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פונם אָרגאַניזיר-ביוראָ. אָפּגעהאַלטן האָט אונז הויפּטזאַכליך דאָס, וואָס די פּועלי-ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען צוליב זייער שטעלונג אין דער פּאַלעסטינע-פראַגע נאָך געווען פּסיכאָלאָגיש און אידעאָלאָגיש גאַנץ ענג פאַרבונדען מיט דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. נאָך אין אַוגוסט 1905 האָבן זיי זיך באַטייליקט אין 7-טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין וועלכן ס'האָבן אויך אָנטייל גענומען די ט"ס. די לעצטע זיינען דאָך אַרויס פונם קאָנגרעס (נאָך דער באַשליסונג פון דער אוגאַנדע-פראַגע), די פּועלי-ציון זיינען דאָרטן פאַרבליבן. מיר אָבער האָבן נאָך פריער אָפּגעטרייסלט פון די פיס דעם שטויב פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מיר האָבן לכתחילה באַשלאָסן זיך נישט באַטייליקן נישט אין ציוניסטישן קאָנגרעס, נישט בכלל אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָבן מיר געוואוסט, אַז, נישט געקוקט אויפן אידעאישן פּלאָנטער אין זייער סאָציאַל-פּאָליטישער אָריענטאַציע, האָבן די דערמאָנטע פּועלי-ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס (באַזונדער אין יעקאַטערינאָסלאַווער ראַיאָן) אַקטיוו זיך באַטייליקט אין רעוואָלוציאָנער-פּאָליטישן קאַמף און האָבן געשפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָלע אין רעוואָלוציאָנערן לעבן פון דער אָרטיקער יידישער אַרבעטערשאַפט. אונז איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז צוליב זייער שטעלונג אין דער פּאַלעסטינע-פראַגע מוזן זיי זיך אַנטשיידן אָפּזאָגן פון יעטוועדער טעריטאָריאַליסטישער לאַנדזוכעריי און טעריטאָריאַליסטישער „גיכער הילף", דאָס אָבער איז זיי לאָגיש און פּסיכאָלאָגיש מחייב אָנצונעמען דעם קאַמף פאַר די פּאָליטישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע רעכט פון די יידישע אַרבעטער-מאַסן אַלס אָרגאַנישן באַשטאַנדטייל פון זייער טעטיקייט, נישט אַלס נאָכשלעפּעניש פון „אַן אַנדער פלאַך".

די דאָזיקע השערות האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס ריכטיקע. נאָך הייסע דעבאַטן, וואָס האָבן זיך געצויגן 3 טעג, האָט די יעקאַטערינאָסלאַווער קאָנפערענץ *) אָנגענומען פולשטענדיק די קאָנצעפּציע און פּלאַטפאָרם פון דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע" און במילא אויך באַשלאָסן איבערצורייסן די באַציאונגען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיטן דאָזיקן שריט האָט זיך די קאָנפערענץ געשטעלט אויף אַ נייעם וועג, און ס'איז קלאָר געווען, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין פולמאַכט אין אַזאַ ראַדיקאַלער מאָס צו ענדערן די פּרינציפּיעלע און טאַקטישע פּאָזיציעס פון די פּועלי-ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, און אַ פּשיטא שוין, אַז ס'האָט ביי אַזעלכע באַדינגונגען נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן גרינדן אַ פּאַרטיי. מ'האָט באַדאַרפט קודם-כל דורכפירן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע אין די אָרגאַניזאַציעס גופא און זיי געבן דאָס וואָרט וועגן דער נייער פּראָגראַם און טאַקטיק.

*) די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין סוף סעפּטעמבער 1905 אין יעקאַטערינאָסלאַוו. באַטייליקט זיך איך איר האָבן: פון די „וואָזראָזשדענצעס" — בן-אדיר; נאָוואַקאָווסקי, פאַבריקאַנט און איך; פון די פּוע"צ — מ. לעווינסאָן, מ. לעווקאָווסקי, פּ. מאַנזאָן, א. עפּעלבוים, ח' שלמה פון יעקאַטערינאָסלאַוו, ח' חיים-ברוך פון וויטעבסק, ח' אלהר פון וואַרשאַ און נאָך אַ פּאָר חברים, וועמעס נעמען איך קאָן זיך איצט נישט דערמאָנען.

די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע=אַרבעט האָט אָפּגענומען דעם גאַנצן ווינטער 1905 — 1906. פֿאַר דער דאָזיקער צייט האָט מען באַוויזן דורכפֿירן דיסקוסיע=פֿאַרזאַמלונגען אין אַלע אָרגאַניזאַציעס פֿון יעקאַטאָרינאָסלאַווער, וויטעבסקער און טיילווייז אין באַרדיטשעווער ראַיאָנען. ס׳זיינען אויך פֿאָרגעקומען ראַיאָן=קאָנפֿערענצן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, ווילנע, באַרדיטשעוו. די ערשטע צוויי ראַיאָן=קאָנפערענצן האָבן זיך איינשטימיק אַרויסגעזאָגט פֿאַר דער נייער פּראָגראַם, די באַרדיטשעווער קאָנפערענץ האָט זיך געשפּאָלטן — אַ באַדייטנדיקער טייל האָט זיך אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ב. באָראָכאָוו אַנטשידן אַרויסגעזאָגט פֿאַר דער קאָלאָניזאַציע=אַרבעט אין פּאַלעסטינע און קעגן דעם איבעררייסן די באַציאונגען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ציוניסטישע קאָנגרעסן.

ענדליך איז אין אַפּריל 1906 פֿאָרגעקומען (אין קיעוו) דער גרינדונג=צוזאַמענפֿאָר, אין וועלכן ס׳האָט זיך קאָנסטיטואירט די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער=פּאַרטיי (באַקאַנט אונטערן פֿאַרקירצטן נאָמען „י. ס.׳אָווצעס“ „סיימאָווצעס“).

די גרופּע „וואָזראָזשדעניע“ האָט זיך דאַן ערקלערט אַלס פֿאַנאַנדערגעלאָזן מיטן פֿולן באַוואוסטזיין, אַז זי האָט, אַלס גרופּע, איר פּאָליטישע אויפֿגאַבע ערפֿילט.

מ. זילבערפֿאַרב (באַזין).

וואַרשע, מאַי 1921.

דער גרינדונגס־פּעריאָד פון דער י. ס. ד. א. פּ. פּועלי־ציון אין רוסלאַנד.

אין פעברואַר 1906 איז אין פּאָלטאַווע פאָרגעקומען דער ערשטער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי „פּועלי־ציון“ אין רוסלאַנד.

די פּועלי ציון באַוועגונג איז פיל עלטער, אפילו אין רוסלאַנד גופא. די פּועלי ציון פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער האָבן זיך אויך אַ סאַך פריער קאָנסטיטואירט. דאָך איז גראַדע דער גרינדונגס־טאָג פון די רוסישע פּועלי ציון אַלס פּאַרטיי די היסטאָרישע דאַטע פאַר דער גאַנצער פּועלי ציון; באַוועגונג פון גאָר דער וועלט.

ביז 1906 זיינען ס׳רוב פּועלי ציון גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד, בפרט אין אַנדערע לענדער, געווען אין תוך בלויז „אַרבעטער פראַקציעס“ פונם אַלגעמיינעם ציוניזם. אַזוי האָבן זיי זיך אַליין באַטראַכט, אַזוי האָבן אַנדערע אויף זיי געקוקט. זיי זיינען אין אַ געוויסן זין געווען דער המשך, אין בעסטן פאַל, אַ פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע“. מע האָט שוין, אמת, גערעדט וועגן אַרבעטער־אינטערעסן אינם ציוניזם, אָבער נאָך נישט פאַרמאָגט די פּראָלעטאַרישע אויפפאַסונג פונם ציוניזם. ס׳האָט נאָך ביי זיי געפעלט דער קלאַסן־שטאַנדפּונקט אויף דער פאָלקס־באַוועגונג. באַשטייענדיק אומעטום אין אַ גרויסער צאָל פון אַרבעטער און באַטייליגנדיק זיך אַלס אַזעלכע אינם טאָג־טעגליכן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף, האָבן זיי אין ציוניזם דערבליקט בלויז די היסטאָרישע ישועה פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, אין וואָס די אַרבעטער זיינען גרייליך אַם שטאַרקסטן פאַראינטערעסירט. צו יענער צייט האָבן זיי אָבער נאָך נישט אַלע געזען די שייכות צווישן זייער „געוויינליכן“ קאַמף דאָ, אין גלות, און יענעם „אומגעוויינליכן“ „חלום אויפן וואָר“, וואָס וועט מקוים ווערן אין ארץ־ישראל.

דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם איז געווען אַ תורה שבעל פה. יעדער טעאָרעטיקער האָט זיך געהאַט זיין שיטה; יעדע שטאָט האָט פאַרמאָגט איר אייגענעם טעאָרעטיקער. מ׳האָט ערשט געדאַרפט זאַמלען די צעשטויבטע געדאַנקען, צונויפברענגען זיי אין איין סיסטעם, אונטערפירן איין וויסנשאַפטליכן יסוד אונטער דער גאַנצער טעאָרעטישער געביידע, אַרויסזיפן די קערנדיקע אמתן און זאַפטיקע און אָפּוואַרפן די פּסולת. די דאָזיקע אויפגאַבע האָט געהאַט פאַר זיך דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר און אין דעם פרט איז די רוסישע פּועלי ציון פּאַרטיי געוואָרן די מוטער־פּאַרטיי פונם אַלוועלטליכן פּועלי ציון פאַרבאַנד. פון איר האָבן אַלע לאַנד־פּאַרטייען געשעפּט גייסטיקע יניקה, זי האָט זיי אַלע געשפּייזט מיט טוער און ערשט מיט איר אויפטריט ווערט דער פּועלי ציוניזם אַן אָרגאַנישער טייל פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ פאַקטאָר אינם

וואוקס פון יידישען סאָציאַליזם און אין דער קריסטאַליזירונג פון זיינע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען.

מיט אַ פּאָר בלעטלעך פון דער דאָזיקער גרינדונגס־תקופה אינם פועלי ציוניזם, בפרט מיט יענע מאָמענטן, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות צום „פּאָלטאַווער״ פּעריאָד, וויל איך דאָ, ווי ווייט ס'דינט מיר מיין זכרון, באַקענען די לעזער פון „פנקס״.

דער דיפערענצירונגס־פּראָצעס ביי די פועלי ציון גרופּעס אין רוסלאַנד האָט אָנגענומען אַ שאַרפן כאַראַקטער ערשט סוף 1904 אין פאַרבינדונג מיטן אויפגעשוואומענעם אוגאַנדע־פּראָעקט. ביז דאַן האָבן געלעבט בשלום אונטער איין דאַך פאַרשיידענע ריכטונגען און שטרעמונגען, אָפט בפירוש קעגנזעצליכע אין אַ סאַך פּרטים פון סאָציאַליסטישער פּראַקטיק און פּאָליטישן געדאַנק. ס'האָט זיי פאַראייניגט, אין קעגנערשאַפט צום „בונד״, דער אַנאַליז פון דער אייגנאַרטיקער יידישער ווירטשאַפטליכער סטרוקטור, די אָנערקענונג פון צווישן־מלוכהשן כאַראַקטער פון דער יידישער פּראָבלעם און דער טעריטאָריאַליסטישער פּראגנאז פון די עמיגראַציע־ און קאָלאָניזאַציע־פּראָצעסן אין יידישן לעבן. ווייטער אָבער האָט מען שוין געקאָנט טרעפן אויסגעשפּראָכענע אָנהענגער פון דער אידעאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג צוזאַמען מיט אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן, וואָס האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף אַ קוצו של יוד פונם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם: אָנהענגער פון פּאָליטישן פּאָזיטיוון קאַמף אויף די ערטער און פאַרצווייפלטע פּעסימיסטן בנוגע דעם „גלות״, פאַרברענטע העבּרעאיסטן און פּראַקטישע אָנהענגער פון „זשאַרגאָן״.

דער אוגאַנדע־פּראָעקט האָט אויפגערודערט די בשלומדיקע היימישע סביבה. תחילת אַ פלוגתא וועגן דער קאָנקרעטער טעריטאָריע, אוגאַנדע, איז זיך גיך פאַנאַנדערגעוואַקסן דער קריג צווישן טעריטאָריאַליזם בכלל אַלס פּאָליטישע שיטה אין קעגנזאַץ צום אַגרעסיוון ציוני־ציוניזם, אַלס וועלט־אַנשויאונג, וואָס פּרעטענדירט אויף אַליינהערשאַפט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

צום VII־טן ציוניסטן קאָנגרעס (1905) אין באַזעל זיינען שוין געקומען צוויי באַזונדערע פאַרטרעטונגען פון פועלי ציון פּאַלעסטינצעס און ציוניסטן סאָציאַליסטן (ס. ס.). די לעצטע האָבן זיך אָנהויב 1905 קאָנסטיטואירט אַלס זעלבסשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי.

די פועלי ציוניסטישע דעלעגאַטן אויך אויפן קאָנגרעס זיינען נישט געווען אָרגאַניזירט און צונויפגעבונדן צווישן זיך. יעדער איינער האָט געטראָגן זעלבשטענדיק די אחריות פאַר זיך און ס'זיינען געווען אפילו עטליכע דעלעגאַטן, וואָס האָבן נישט אָנגעהערט צו דער פּ. צ. פּראַקציע, וועלכע האָט זיך געבילדעט אויפן קאָנגרעס גופא.

בעתן קאָנגרעס איז אין פרייבורג פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די פועלי ציוניסטישע דעלעגאַטן און ס'איז געוויילט געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אויף צונויפרופן און צוגרייטן דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי פועלי ציון אין רוסלאַנד. אויף דער קאָנפערענץ האָבן זיך אָנגעמערקט די חילוקי־דעות צווישן צוויי הויפּט־גרופּעס. בראש פון איינער איז געשטאַנען דער „באַטקאָ״ מאַטעס לעוואָווסקי פון יעקאַטערינאָסלאַוו מיט אויסגעשפּראָכענע סימפּאַטיעס צו „וואָזראָזשדעניע״, וואָס איז צו יענער צייט שטאַרק פּאָפּולער געווען, דערהויפּט אין דרום־רוסלאַנד; די צווייטע גרופּע פון אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן־פועלי־ציון איז בייסטיק געפירט געוואָרן פון דעם יונגן בער באָראָכאָוו פון פּאָלטאַווע.

די גרעסטע צאָל „באָראָכאָוויסטן״ איז אַ געוויסע צייט נאָכן קאָנגרעס פאַרבליבן

אין אויסלאַנד, בערלין, וואו זי האָט ברייט פּראָפּאַגאַנדירט די אידעען פון פּועלי=ציוניזם. די מיטגלידער פון א. ק. ווידער זיינען אַריבער קיין רוסלאַנד, אויפגענומען דעם ערשט פאָרמולירטן „סיימיזם" און אין דער ריכטונג אָנגעהויבן אַן אָפּענסיווע אויף די פּועלי ציון אָרגאַניזאַציעס, אויסנוצנדיק דערביי די אָרגאַניזאַציע פאַרבינדונגען און דעם מאָראַלישן פּרעסטיזש פון א. ק.

ס'האָבן זיך אָנגערוקט די אָקטאָבער=טעג. אַ רגע האָט אויפגעשיינט די זון פון פּאָליטישער פרייהייט און באַלד האָט אַ פּלייץ געטאָן די פּאָגראָם=כוואַליע איבער שטעט און שטעטלעך. די יידישע שטודירנדיקע יוגנט, בפרט די פּאַרטייאישע, האָט זיך אַ לאָז געגעבן פון אויסלאַנד „אַהיים", צו הילף דער פאַרוואָרלאָזטער און מערטירערישער יידישער גאַס. באָראָכאָוו און זיינע נאָענטע חברים קומען אויך קיין רוסלאַנד. דאָ טרעפט זיי דער סיימיסטישער „אָנגריף". באַלד קאָנסטיטואירט זיך אַן אָרגאַניזאַציאָנס=ביוראָ, מיט דער אויפגאַבע צו ראַטעווען די פּועלי=ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פונם פאַרראַט פון א. ק.

ווי ווייט איך געדענק, זיינען אין אָ. ב. אַריין די חברים: באָראָכאָוו, בארוכסאָן (באַקאַנט שפּעטער אונטער די נעמען וויטעבסקי, אלכסנדר כאַשין) און מאַטעס (פון וויטעבסק). די גרעסטע פּועלי ציון אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך דאַן געפונען אין יעקאַטערינאָסלאַוו און אין וויטעבסק. אין אָט די ערטער האָט זיך טאַקי פאַנאַנדערגעפלאַקערט דער ברודער=קאַמף אינוויינִיק אין די אָרגאַניזאַציעס. צו דער צייט זיינען שוין געווען אָרגאַניזירט אַלס זעלבשטענדיקע אַווטאָנאָמע קערפּערשאַפטן דער פּוילישער פאַרבאַנד און דער קרימער פאַרבאַנד. די „סיימיסטן" האָבן זיך געוועסט אַ רוק געטון קיין פּוילן. אַהער האָבן זיי אַראָפּגעשיקט ירמיהון (יהודה נאָוואַקאָווסקין). די חברים פון פאַרבאַנד=קאָמיטעט האָבן זיך תיכף אַנטשלאָסן, אים געגעבן אויף הוצאות=הדרך און ער איז צוריקגעפאָרן מיט גאָרנישט. אין קרים האָט דער קאַמף געדויערט לאַנג, דאָ זיינען די פּאָזיציעס אויסגעקעמפט געוואָרן שטאָט נאָך שטאָט און ענדליך איז דער פאַרבאַנד אויסשליסנדיק אַ פּאָר חברים פאַר זייער „דיסציפּלין=ברוך" אַריבערגעגאַנגען אינגאַנצן אויף דער זייט פונם „אָרטאָדאָקסאַלן" פּועלי=ציוניזם. אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן האָבן זיי „אַטאַקירט" ביאַליסטאָק, גראָדנע, בריסק — אָן ערפאָלג.

אָבער דעם שטאַרקסטן אָנשפּאַר האָט דער א. ב. געפונען אין דעם פּאָלטאַווער ראַיאָן, וואו די „סיימיסטן" האָבן לחלוטין קיין דריסת=הרגל נישט געהאַט. דעם דאָזיקן ראַיאָן איז אויך אויסגעקומען צו שפּילן אַ צענטראַלע ראָל אין דער גרינדונג פון דער פּאַרטיי. לוינט זיך דאָ אַביסל אָפּצושטעלן.

די פּאָלטאַווער אָרגאַניזאַציע פּועלי=ציון איז אַנטשטאַנען בערך סוף 1904 יאָר. די גרינדער זיינען געווען עטליכע גימנאַזיסטן פון די העכערע קלאַסן: יצחק שימשעלעוויטש (שפּעטער עובדיה, אבנר, איצט בן=צבי אין ארץ=ישראל), אַראָן אַרשאַווסקי (אדאָלף, א. אַראָנאָוו) אַ פּאָר לערער: אליעזר גרינשפּון (פלטיאל) און ש. קאַפּעליאַנסקי (רפאל) און עטליכע אַרבעטער, צווישן זיי אַ שוסטער ליאָווקע כאַזאַצקי (פון ליבאַווע) און עטוואָס שפּעטער–איך.

ביז די פּועלי=ציון האָט אין פּאָלטאַווע נישט עקסיסטירט קיין זעלבשטענדיקע יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, הגם אונזער שטאָט האָט פאַרמאָגט גרייליך אַ גרויסע יידישע סאָציאַליסטישע יוגנט. איז אָבער די יוגנט געווען אָרגאַניזירט אין די „אַלגעמיינע" פּאַרטייען, ווי „איסקרא", סאָציאַליסטן=רעוואָלוציאָנערן. אַ פּאָר יידן האָבן אפילו געשפּילט אַן אנפירנדיקע ראָל אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון

גאַנצן געגנט. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט דער „פּאָלטאַווער בעבעל" („טאָוואַרישטש אַנטאָן", ניל, איצט אַ באַקאַנטער קאָאָפּעראַטאָר אין רוסלאַנד, אונטער זיין אמתן נאָמען סאַנדאָמירסקי). פּאָלטאַווע האָט געהאַט דאָס גליק צו ווערן אַ מקום־מקלט פאַר אַ סאַך סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע טוער. אַהער האָט די צאַרישע מאַכט אַרויסגעשיקט אויף „אָפּרו" אַזעלכע מענשן, ווי קאָראָ־לענקאָ, מאַרטאָוו און אַנד. דאָ האָט זיך געפונען דער באַקאַנטער „איסקראָוועץ" ברוך סטאָלפּנער (עמדין). איז די שטילע באַחנטע אוקראַאינישע שטאָט, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין פאַבריקן מיט אַ רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און נישט קיין אוניווערסיטעטן מיט דער שטורמדיקער לערן־יוגנט, געבענטשט געוואָרן מיט פּאָליטישע, רעוואָלוציאָנערע „עמי־גראַנטן", וואָס האָבן געהאַט אַז אומגעהויערע השפעה אויף דער גייסטיקער אַנטוויק־לונג פון דער אָרטיקער געזעלשאַפט.

ס'פלעגן כסדר איינגעאָרדנט ווערן רעפעראַטן פאַר די אָרטיקע און אָנגעפאָרענע און גאַנצע אויפדערנאַכטן פלעגן אַוועקגיין אויף הייסע, ליידנשאַפטליכע דיסקוסיעס. אין די רייכע הייזער פון דער פּאָלטאַווער ליבעראַלער אינטעליגענץ, ייִדן און קריסטן, איז אָנגעגאַנגען דער גייסטיקער טורניר און דאָ זיינען דערצויגן געוואָרען אַ סאַך פון שפּעטער אָנגעזעענע טוער אויף פאַרשיידענע געביטן פון וויסנשאַפט און פּאָליטיק. אין די דאָזיקע דיסקוסיעס האָט זיך אַרויסגערוקט דער יונגער גימנאַזיסט באָראָכאָוו, וועל־כער איז גיך געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור ביי דער אָרטיקער שטודירנדיקער יוגנט, צוליב זיינע גאונישע פעהיגקייטן און אַלס אומדערשראָקענער צעשטערער פון איינגע־זעסענע אָבער אָפּגעלעבטע אידעאָלאָגישע געטשקעס. דאָ האָט זיך געשליפן דער שכל פון וואָלאַדימיר פאַבריקאַנט (לכתחילה אַ ציוניסט, שפּעטער אַ סיימאָוויעץ וו. דאַלמאַן און צום סוף דער פערזענליכער סעקרעטאַר פון קערענסקי). דאָ זיינען אויך דערצויגן געוואָרן אליהו טשעריקאָווער (רוסיש־ייִדישער זשורנאַליסט), דער יונג־אומגעקומענער טאַ־לאַנטפולער וויקטאָר זעלענסקי (געפאַלן אַלס פראַנצויזישער וואָלאַנטער אָנהויב מלחמה), י. בן־צבי (י. שימשעלעוויץ) און פיל אַנדערע.

פּאָלטאַווע איז אויך געווען אַ וויכטיקער צענטער פון חובבי־ציון און שפּעטער פּאָ־ליטישע ציוניסטן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם באַקאַנטן דעמאָקראַטישן העברעאישן שריפטשטעלער אלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש (איצט אין ארץ־ישראל), דעם באַוואוסטן העברעאישן פּעדאַגאָג מרדכי קריטשעווסקי (ארץ־ישראל), מ. ב. באָראָכאָוו (אַ העברעאישער לערער, דער פאָטער פון בער באָראָכאָוו) און די יונגערע נתן וואַסי־לעווסקי (סטודענט, דעלעגאַט צום ערשטן ציון. קאָנגרעס, אַ זעהר באַגאַבטע נאַטור, שפּעטער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין אָדעס) און יאָן מ. רובינאָוו (אַ רוסיש־ייִדישער בעלעטריסט און טעמפּעראַמענטפולער ציוניסטישער מטיף).

אין שייכות צו דער ייִדנפראַגע פלעגט אויף די רעפעראַטן פאָרקומען דער קאַמף צווישן „ציוניזם" און „איסקראַ". דער בונדיזם האָט דאָ נישט געשפּילט קיין ראָל. בלויז אַ פּאָר מאָל זיינען אויפגעטראָטן אָנגעפאָרענע בונדישע אָפּאָנענטן. אויפן אָרט גופא זיינען געווען ווינציקע סימפּאַטיקער פון „בונד". מ'האָט אָבער געוואוסט, אַז אין ליטע און פּוילן איז דער „בונד" דער „איינציקער פּאָרשטייער", און וואָס ווייטער איז זיין אידעאָלאָגיע געוואָרן אויך אַ ציל־ברעט פאַר דער פּאָלעמיק פון ביידע הויפּט־צדדים.

די ערשטע פּועלי־ציון גרופּע אין פּאָלטאַווע איז געבוירן געוואָרן אינם טעאָרע־טישן קאַמף צווישן ציוניזם און „איסקראַ". באָראָכאָוו איז נאָך דאָ אויפגעטראָטן ביז

צום 1905 אַלס אַלגעמיינער ציוניסט. אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט ער שוין באַוויזן צו אַרבעטן אַלס מיטגליד פון דער אַלגעמיינער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע צווישן דעם גרויס-אינדוסטריעלן פאַבריק-פּראָלעטאַריאַט. ער האָט זיך אָבער געפילט אומבאַפרידיקט. בפרט נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם זיינען פאַר אים אויפגעשטאַנען די ברענענדיקע טאָג-פראַגן פון יידישן לעבן. „איסקראַ" האָט דערויף קיין ענטפער נישט געהאַט. זי האָט זיך בכלל באַצויגן מיט ביטול צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. באָראָכאָוו איז אַריבער צום אַלגעמיינעם ציוניזם, אָפּהיטנדיק זיין אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע וועלט-אָנשויאונג. ער האָט אָבער געזוכט איר אָנווענדונג אויף די קאָנקרעטע ערשיינונגען פון יידישן לעבן. אַלס שליח פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאָרט ער ארום איבער פאַרשיידענע יידישע שטעט און שטעטלעך. צו דער צייט געהערן זיינע ערשטע אַרבעטן איבער יידישע פראַגן. (געדרוקט אין דער ציוניסטישער „יעווריעסקאַיאַ זשיזן" פאַר פעברואַר און פאַר די חדשים יוני, יולי, אווגוסט, סעפּטעמבער, און אָקטאָבער 1905). ס'האָט זיך פונקט אונטערגערוקט דער אוגאַנדע-פּראָעקט און ער שטעלט זיך די אויפגאַבע צו געבן אַ ברייטע אומפאַסנדיקע באַגרינדונג פונם פּאַלעסטיניזם. אַ גרויסער טייל פון זיין דאַמאָלסטיקער פּאַלעסטינע-פאָרשונג איז דערנאָך אַריין אויך אין זיין פּועלי-ציוניסטישער אַגיטאַציע. אַלס ציוניסט, באַציט ער זיך אָבער די ערשטע צייט פּעסימיסטיש צום גלות און רעדט וועגן דעם „איסכאָד", גלויבט ווינציק אין דער ווירקונג פונם „פּראָגרעס" אויף דער פאַרענטפערונג פון דער יידנפראַגע. דאָס דויערט נאָר אַזוי לאַנג, ווי ער זעט נישט פאַר זיך דעם יידישן אַרבעטער אין זיינע קאָמפּאַקטע מאַסן און דערשפּירט נישט דעם אָטעם פון זייער קאַמף.

אויף זיינע נסיעות איבערן תחום טרעפט ער אָן די גרויסע יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן, דאָ באַגעגנט ער זיך אויך סיי מיטן „בונד" און סיי מיט די טעאָרעטיקער און טוער פון „פּועלי ציון". ס'קומט ביי אים פאָר אַ לאַנגע, דויערנדיקע איבערשאַצונג פון אַלע ווערטן, ביז עס אַרבייט זיך ביי אים אויס זיין קאָנצעפּציע פון פּועלי-ציוניזם, וואָס אין איר יסוד איז אַוועקגעלייגט די נייע סאָציאַליסטישע אויפפאַסונג פונם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. דאָס לעצטע באַאַרבעט ער און פאַרעפנטליכט אין יאָר 1905 אין זיין אַרטיקל „די קלאַסן מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע" (יעווריסקאַיאַ זשיזן, דעצעמבער 1905).

זיינע ערשטע פּועלי-ציוניסטישע אַרויסטרעטונגען מאַכט ער אין ליטע. אין זיין היים-שטאָט, פּאָלטאַווע, אַנטוויקלט זיך די אָרגאַניזאַציע זעלבשטענדיק. איך בין צו איר צוגעשטאַנען שוין נאָך דעם, ווי זי האָט עקזיסטירט אַ פּאָר חדשים. מיר איז שווער געווען ביי זיך צו פּועלן צוצושטיין צו דער נייער גרופּע. אַליין אַן אַרבעטער, אַ סטאָלער, דורכגעמאַכט גאַנצע 4 יאָר אין דער לער, שפּעטער געאַרבעט ביי פאַרשיידענע בעלי-בתּים האָב איך שוין פון דער פּערזענליכער פּראַקטיק אַרויסגעבראַכט דעם גרונט-געדאַנק פון קלאַסן-קאַמף און ס'איז פאַר מיר נאַטירליך געווען די נויטיקייט פון אַ זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע. די אַגיטאַציע פון מיינע חברים „איסקראָווצעס" האָט מיך אָבער נישט איבערצייגט. אַ קינד פון אַן עכט-יידישער חסידישער הויז, בין איך פון קליינוויז אָן געווען אַריינגעוואַקסן אין דער יידישער קולטור-אַטמאָספער. פריער משניות, עין-יעקב און זוהר, שפּעטער מעשיות פון אר"י הקדוש, שבחי בעש"ט און ענדליך מענדעלי, שלום עליכם און פּרץ — זיי האָבן דורך טויזנטער אינטימע אומזיכטבאַרע פעדים מיך פאַרבונדן מיט דער יידישער גאַס און כ'האָב געמוזט האָבן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל מיך נעמען אַלס אַזאַ, ווי איך בין.

אַלס יידישן אַרבעטער. דער ציוניזם האָט מיך באַצויבערט מיט זיין אידעאַל פֿון יידישער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג. ער האָט מיך אָבער איגנאָרירט אַלס אַרבעטער מיט מיינע טאָג־טעגליכע נויטן. „איסקראַ“ האָט געווירקט אויף מיר מיטן רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט און קאַמפּס־אינהאַלט, זי האָט אָבער פֿאַרלייקנט מיין „איך“ אַלס ייד.

די פּועל־ציוניסטישע אַגיטאַציע איז מיר יאָ געפֿעלן. ס'האָט אָבער גענומען אַ געוויסע צייט, ביז איך האָב מיר קלאָר געמאַכט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן קאַמף „דאָ“ און דער אַרבייט „דאָרט“.

די טעטיקייט אונזערע איז באַשטאַנען קודם כּל אין אַגיטאַציע. דאָס איז געווען זעהר שווער, ווייל מיר האָבן לחלוטין קיין שום ליטעראַטור נישט פֿאַרמאָגט. פּלעגט מען דער עיקר לייענען באָגדאַנאָווס פּאָליטישע עקאָנאָמיע. פֿאַר די פּראָפּאָגאַנדיסטישע קרייזן האָט מען באַנוצט זשעלעזנאָוון און קאַרישאָוון. ספּעציעל אָבער האָט מען געשוויצט אויף דער הקדמה צו מאַרקס ביך „צו דער קריטיק פֿון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“. אין דער דאָזיקער הקדמה איז קאָנצענטרירט אין ווינציקע פּסוקים דער תּמצית פֿון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטע־אויפֿפֿאַסונג, האָט מען געוואָלט וואָס גיכער אַריינקומען אין „פּרדס“, בפֿרט יענע, וואָס האָבן געוואָלט שוין באַטייליקן זיך אינם פּאָליטישן קאַמף מיט די קעגנער. אַביסל האָט מען זיך באַשעפֿטיקט מיט פּראָפֿעסיאָנעלער אַרבעט, געזוכט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין פֿאַרשיידענע פֿאַראיינען לויט זייערע פֿאַכן. צוליבן דערמאָנטן ליאָוועקע כאַזאַצקי האָבן מיר געהאַט אַ ווירקונג ביי די שוסטער; אונזער איינפֿלוס האָט אויך אַרומגענומען די זעצער, איינבינדער, סטאָלערס און אָנגעשטעלטע. מיר האָבן געהאַט גוט אָרגאַניזירטע גרופּעס צווישן די שילער. פֿון זיי האָבן מיר דערנאָך געהאַט עטליכע טוער: מאַניע עפּשטיין (די פֿרוי פֿון ה. אווערבוך), סאָניע קאַלוזשסקי (לעצטנס אין פּאַלעסטינע) און בפֿרט נ ח ב אַ ר ו (אַן אָנגעזעענער פֿירער פֿון י. ס. ד. פּועלי ציון אין רוסלאַנד).

די וויכטיקסטע אַרבעט איז אָבער ביי אונז צו יענער צייט געווען די אָרגאַניזירונג פֿון דער זעלבסטשוץ און פֿון אַן אייגענער דרוקעריי.

מיר האָבן שוין געהאַט די ערפֿאַרונג פֿון קעשענעוו, און דער געדאַנק וועגן זעלבסטשוץ איז געווען זעהר פּאָפּולער. אַ גרויסע השפּעה אויף די געמיטער האָט געהאַט די אומלעגאַלע אויסגאַבע פֿון דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע“, דער אָרגאַן פֿון דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק. ס'האָט געווייט מיט אַן אומגעוויינליכער מוטערקייט און קאַמפּס־שטימונג. ס'איז געווען אַזוי ניי, פֿריש און אינטים, אַז ס'האָט געווירקט אי אויפֿן מח, אי אויפֿן האַרץ. דאָסגלייכן האָט אַ גרויסן רושם ביי אונז געמאַכט די רוסישע איבערזעצונג פֿון ביאַליקס „משא נמירוב“ מיט זשאַבאָטינסקיס הקדמה, וואָס איז געווען אַ שטאַרקער רוף צו זעלבסטשוץ. ס'איז נאָך נישט געווען געדרוקט און אומגעגאַנגען אַלס כּתב־יד...

אין דעם פּרט האָט די פּאָלטאַווער אָרגאַניזאַציע אויפֿגעטון אַ סך. מיר האָבן פֿאַרמאָגט אַ סך געווער, אפֿילו דינאַמיט און צוגעגרייטע באָמבעס. עטליכע מאָל זיינען אין פּאָלטאַווע געווען פּרובן אָנצוהויבן אַ פּאָגראָם, מ'האָט עס אָפּגעווענדט. אין ערשטער שורה אַ דאַנק דער אומדערמידליכער, אָפּפֿערווילקער אַרבעט פֿון וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, וואָס איז געגאַנגען פּערזענליך צווישן די פֿויערים פֿון גרופּע צו גרופּע, פֿון מאַן צו מאַן און זיי אַגיטירט. דאָס נעמליכע האָט מען געוואוסט, אַז די „וואָקזאַלצעס“ (די אייזנבאַנער), וואָס זיינען אָרגאַניזירט ביי ר. ס. ד. וועלן גלייך קומען אין שטאָט קעגן די כוליגאַנעס. ס'האָט אָבער אויך נישט ווייניקער געווירקט די

זעלבסטשוץ, וואָס נאָך מער, ווי זי האָט פאַרמאָגט, האָט מען גערעדט וועגן איר אין שטאָט. ביי דער אַרבעט זיינען געווען באַזונדערס אַקטיוו אַלס „טעכניקער" עובדיה, אלי ראַבינאָוויטש (אַ זון פונם שריפטשטעלער), יעקב פלאָטקין (אַ סוחר, שפעטער געהרגעט אין סעדזשעראַ, אין פּאַלעסטינע) און עזריאל קובריק (אַן אַרטילעריסט, איצט אַרבעט ער אין פּאַלעסטינע). מיר האָבן אונזער עולם געלערנט שיסן, איינציקע־אויך צו וואַרפן באָמבעס.

די דרוקעריי האָבן מיר געוואָלט איינשטעלן, כדי פון צייט צו צייט זיין בכח אַרויסגעבן אַן אייגן בלעטל און טאַקי אויך אַן אָרגאַן. עטליכע חברים זעצער האָבן מיר געהאַט, האָט מען אָנגעהויבן ביסלאַכווייז זאַמלען שריפט, באַשטעלט אַ ספּעציעלע קאַסע, וואָס האָט אויסערליך אויסגעזען, ווי אַ טיש, צוגעגרייט די „טעכניק", דעם „וואַליק" אָפּצוציען די בלעטלעך און געזוכט אַ פּאַסיקע דירה.

מ׳האָט געמוזט אויסגעפינען אַ וואָס מער כשרע דירה, ביי חשובע אָנגעזעענע מענשן, וואָס ס׳זאָל נישט דערוועקן קיין חשד ביי פּאָליציי. דער גורל איז געפאַלן אויף מיר און כ׳האָב געדונגען אַ צימער ביי איינעם שור. תחילת איז זיי אפילו אויסגעקומען פריקרע, וואָס איך, אַ היגער־צי זיך עפּיס פּלוצים אַרויס פון דער היים. איך האָב זיי דערקלערט, אַז כ׳וויל זיך האַלבע טעג לערנען, „צוגרייטן" אלס עקסטערן—און מיר זיינען מושוה געוואָרן. ביסלאַכווייז האבן מיר די „טעכניק" אַריבערגעשלעפּט צו מיר און יעדן טאָג פלעגט קומען דער חבר מאטקע געצאָוויטש (אַ זעצער) און אַרבעטן. איז אָבער נישט באַשערט געווען. טרעפט זיך אַ מעשה און בעת כ׳בין נישט געווען אין דער היים, איז אַריין די דינסט צוקלויבן און אָפּוואַשן די פּאָדלאָגע. נעמט זי מיין טשעמאָדאַן פון אונטערן טיש און וויל אים אַריבערשטעלן אויף אַן אַנדער אָרט, כדי דאָ אָפּוואַשן. ס׳איז אבער נישט פאַר אירע כחות. זי קאן דעם טשעמאָדאַן נישט רירן פון אָרט. איז איר די זאַך געוואָרן פאַרדעכטיק. האט זי אַריינגערופן דעם בעל־הבית; משמעות, איז ער אויך נישט געווען קיין גבר און האָט נישט בייגעקומען דעם טשעמאדאן, וואס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט שריפט. ערשט איצט האָט מען זיך גענומען אַרומקוקן אין צימער בכלל, האט מען שוין פאַר איין וועג דערזען, אז דער טיש איז עפּיס אויך שלא כדרך הטבע און נאָך קליינינקייטן. הקיצור, מען האט צו מיר געשיקט שליחים און כ׳האָב זיך געמוזט תיכף אַרויסציען. מען האָט מיך נאָך געמוסרט: סטייטש, איר, ר׳ אפרים אהרן דעם מלמדס אַ זון, זאלט אונז אַזוי אָפּטון, באשר מיר האבן אייך געטרויט און אייך נישט נאכגעקוקט...

אַזוי האבן מיר פון דער ערשטער אומגעלונגענער דרוקעריי קיין נחת נישט דערלעבט, און די ערשטע מאַי־בלעטלעך האָבן מיר געמוזט אַרויסגעבן העקטאָגראַפירט.

די פּאָלטאַווער אָרגאַניזאציע האט זיך געפילט מחויב צו זארגן פאר דער אָרגאַניזירונג פון ראיאן. מיט איינציקע ערטער האָבן מיר אנגעקניפּט באַציאונגען דורך די חברים, וואס האבן געלערנט אין פּאלטאווע און אויף יום־טוב געפאָרן אַהיים. אין אַ פּאָר ערטער האבן מיר אַראָפּגעשיקט רעדנער ספּעציעל און אין אַ פּאָר חדשים אַרום האבן מיר שוין געהאט אָרגאַניזאציעס אין אַ גאנצער ריי פונקטן ווי קרעמענטשוק, פּרילוקי, קאנסטאנטינאגראד, מירגאראד, לובען, ראמען, כאראל, פּיריאטין, קאבעליאקי, אלעקסאנדריע און אנד. אין קאבעליאקי איז, אגב, געווען מיין ערשטער אויפטריט אלס פּועלי־ציוניסטישער אגיטאטאר. כ׳האב עפּיס נישט געהאט די העזה מיט אמאָל צו אַרויסטרעטן אין פּאלטאווע. זיינען מיר אין צווייען מיט ח׳ אסארקאן אראפּגעפאָרן קיין קאבעליאקי, וואו מ׳האט פאַר אונז בייגאַכט ארגאניזירט אין וואַלד אַ „מאַסאָווקע". זאסארקאן האט

גערעדט וועגן פאליטישן מאמענט און איך האב געהאלטן אן אגיטאציע־רעדע וועגן פועלי־ציוניזם. זעענדיק, אז אונזערע רעדעס האבן „אויסגענומען", זיינען מיר שוין שפעטער אויפגעטראטן אויך אין פאלטאווע צו דער גרויסער פארוואונדערונג פֿון אַלע באקאנטע.

יאָ, נאך אַ קליינקייט. צוגרייטנדיק זיך צו קאנספּיראטיווער אַרבעט האבן מיר אַ מאָל אויף א קאמיטעט־זיצונג זיך צונויפגערעדט וועגן פארטייאישע פסעוודאָנימען, כּדי מ'זאל נישט אזוי שנעל „דורכפאלן". אין דעם זעלבן אויפדערנאכט ביים ח' שימשעלעוויטש אין צימער זיינען אנטשטאנען די פסעוודאנימען עובדיה (שימשעלעוויטש), פּלטיאל (גרינשפון), דניאל (אסארקאן), רפאל (קאפעליאַנסקי) און זרבבל. כּאראקטעריסטיש איז געווען, וואס אלע האבן זיך אויסגעקליבן יידישע, ריכטיקער העבּרעאישע פסעוודאנימען, מיט א געוויסן היסטארישן ניואנס. בלויז איינער איז געווען אַ יוצא מן הכּלל און האט זיך אַ נאָמען געגעבן אַדאָלף (א. ארשאווסקי). פון די אלע איז ביי זיין דענסטמאל אנגענומענעם פסעוודאנים געבליבן נאך 16 יאר ארבעט בלויז דער מחבר פון די שורות.

צו אונז זיינען געקומען בּאראכאוו און בּארוכסאן שוין אלס פארשטייער פון א. בּ. און די פאלטאווער חברים האבן זיך גלייך דערקלערט קאמפס־פארטיק. ס'איז באשלאסן געוואָרן צונויפרופן וואס גיכער אַ ראיאן־קאנפערענץ, כּדי אַזוי אַרום צו פארפעסטיקן זיך אינם גאנצן ראַיאָן.

אָנהויב דעצעמבער 1905 איז אין פּאָלטאַווע פֿארגעקומען די ערשטע פאלטאַווער ראַיאָן־קאָנפערענץ. אין נאָמען פון א. בּ. האָט זיך אין איר באַטייליקט אויך בּאָראָכאָוו. די אינטערעסאַנטסטע און ליידנשאַפטליכסטע ויכּוחים האָט ארויסגערופן בּאראכאווס פּאָרטראַג איבער דער נאַציאָנאלער פראַגע און די אויפגאַבן פון יידישן פראָלעטאַריאַט.

אָט די זעלבע כּללים, וואָס ער האָט פעסטגעשטעלט אין זיין אַרבעט וועגן די „קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאציאָנאַלער פראַגע" בּכלל, האָט ער געפּרובט איצט אָנצווענדן אויף דער יידישערווירקליכקייט און אַזוי אַרום אַרויסדרינגען די קאַמפס־ליניע פון יידישן פּראָלעטאַריאט בּנוגע דער ־לייזונג פון זיין נאַציאָנאלער פּראָבלעם. די רעזאָלוציע, וואָס איז נאָכן רעפעראט אָנגענומען איינשטימיק, שטעלט מיט זיך פאָר דעם קאטעכיזם פון פּועל־ציוניזם און איך וועל קיינמאל נישט פאַרגעסן די באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם, וואס האט געהערשט אויף דער קאָנפערענץ בעת דעם דערמאָנטן פּאָרטראג און די ויכּוחים אַרום אים. ס'איז באמת געווען, ווי אַ מין גלוי־שכינה פאַר אונז. ווי ווייט מיר איז באקאנט, איז דאָס געווען דער ערשטער פּרוב צו פאָרמולירן דעם פּועל־ציוניסטישן בּליק אויף דער נאציאנאַלער פּראגע, אויף די אנאמאליען פון יידישן לעבן און דעם טעריטאריאליסטישן פּראָגנאָז פֿון זיין ווייטערדיקער אנטוויקלונג. דאָרט איז דאס ערשטע מאל אַרויסגעבּראַכט געוואָרן דער געדאַנק וועגן דער סטראַטעגישער באזע, וואָס האט שפּעטער פאַרנומען אַזאַ וויכטיקן פּלאץ אין דער פּועל־ציוניסטישער אַגיטאציע. דאסגלייכן איז דארטן צום ערשטן מאל געגעבן געוואָרן די דעפיניציע פֿון דער ערשיינונג פון נאציאָנאלער קאָנקורענץ און איר שייכות צום קאַמף פֿון פּראלעטאריאט.

דער נאציאָנאלער קאמף ווערט תּמיד געפֿירט צוליב די מאטעריעלע קנינים, וואס זיינען צונויפגענומען און קאנצענטרירט אין דער טעריטאריע. אפּהענגיק פון זייער ראָל און אנטייל אין דעם אופן פון דער פּראדוקציע, האָט יעדער געזעלשאפטליכער קלאַס אַן אנדער אינטערעס אין דער טעריטאריע, ס'הייסט, אין די מאַטעריעלע באַדינגונגען

פון דער פּראָדוקציע זיינען, בכן, אויך זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן אַנדערע, ווי ביי די איבעריקע קלאַסן. לגבי דעם גרויס=אַגראַריער איז עס דער שטיץ=פּונקט פאַר פּאָליטישער מאַכט און אַ קוואַל פון ערד=רענטע. פאַר דער קליינער בורזשואַזיע איז עס דער געברויך=מאַרק. פאַרן גרויסן קאַפּיטאַל איז די טעריטאָריע נאָר אַ שטיץ=פּונקט צו פאַרכאַפּן דעם וועלט=מאַרק. איז ער, אגב, טאַקע נישט נאַציאָנאַל, נאָר אימפּעריאַליסטיש. פאַר די מאַסן, וואָס האַלטן זיך אין פּראָלעטאַריזירן, איז עס דער אינטערעס צו אַן אַרבעט=פּלאַץ. די נאַציאָנאַלע פראַגע איז אייגנטליך אַן עמיגראַציע=פראַגע, ווי אַזוי צו געפינען אַרבעט. פאַרן פּראָלעטאַריאַט אָבער קריגט דער אַרבעט=פּלאַץ נאָך אַ באַדייטונג — פון אַ סטראַטעגישער באַזע אין זיין אָרגאַניזירטן קאַמף מיטן קאַפּיטאַל.

דער נאַציאָנאַלער קאַמף דריקט זיך אויס אין די ערשיינונגען פון נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ. די דאָזיקע קאָנקורענץ איז אויך פאַראַן ביים אַרבעטער, כל זמן ער איז נישט באַוואָרנט מיט אַרבעט. צוויי אַרבעטער אַלס יחידים, וואָס פּרעטענדירן אויף דעם זעלבן אַרבעטס=פּלאַץ, קאָנקורירן צווישן זיך. זיינען זיי אָבער ביי דער אַרבעט, הערט=אויף צווישן זיי די קאָנקורענץ, קומט דער קלאַסן=באַוואוסטזיין, טרעט=אויף די באַדערפעניש פון קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא. די אַרבעט=זוכעניש צעשיידט די אַרבעטער, דער קאַמף ביי דער אַרבעט סאָלידאַריזירט זיי. דער פּראָלעטאַריאַט, אַלס קלאַס, ווייס נישט פון קיין קאָנקורענץ און פירט נישט דעריבער קיין נאַציאָנאַלן קאַמף. דער קאַמף אָבער קעגן קאַפּיטאַל איז נאַציאָנאַל באַפאַרבט. דער קלאַסן=קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פון אונטערדריקטע נאַציעס פירט מיט היסטאָרישער אומפאַרמיידליכקייט דערצו, אַז אין זיין פּראָגראַם זאָלן אַריינגענומען ווערן פּונקטן, וואָס זיינען שייך צו זיין נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, וואָס אין סך הכל מיינט עס די פאַרבעסערונג פון זיין סטראַטעגישער באַזע.

בנוגע „איסקראַ“ און „בונד“ ווערט שוין אויף דער קאָנפערענץ אָנגעוויזן, אַז אין דער יידישערווירקליכקייט וואַקסט כסדר דער „קאָנפליקט צווישן דער באַדערפעניש און דער אוממעגליכקייט זי צו באַפרידיקן.—תחילת איז סיי מצד דעם פּראָלעטאַריאַט, סיי מצד די נאָענטע צו אים פּראָלעטאַריער-מאַסן, פאַראַן דער פּרוב צו באַפרידיקן די באַדערפעניש אין די זעלבע באַדינגונגען, אין וועלכע זי איז אַנטשטאַנען. דאָס איז דער פּרימיטיווער רעפלעקס, די איינפאַכע רעאַגירונג. אויף דעם יסוד אַנטשטייען די אַסימילאַטאָרישע און האַלב=אַסימילאַטאָרישע ריכטונגען. מיטן וואוקס פונם קאָנפליקט ווערט אַלץ רייפער די באַדערפעניש איבערצוטראָגן סיי דעם אַרבעטס=פּלאַץ און סיי די סטראַטעגישע באַזע אין גאַר נייע קאָמפּלעקסן פון באַדינגונגען. דאָס איז דער ראַדיקאַלער רעוואָלוציאָנערער וועג.

אַזוי ווי דאָס „אינטענסיווע“ און „אַלזייטיקע“ אַרויסשטופּן גרייפט אָן די יידן אויף אַלץ אַ גרעסערן שטח פון ערד=קוגל, ווערט רייפער די טענדענץ „צו שאַפן נאָרמאַלע באַדינגונגען פאַר פרייער אַנטוויקלונג אויף אַן אייגענער טעריטאָריע, וועלכע דאַרף דינען פאַר דער בורזשואַזיע — אַלס מאַרק, פאַר די זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע מאַסן — אַלס אַרבעט=פּלאַץ, און פאַרן פּראָלעטאַריאַט—אַלס סטראַטעגישער פּלאַץ.

ס'ווערט אונטערגעשטראָכן די קאָנסאָלידירונג פון די יידישע פראַגן אין איין אַלוועלטליכער יידנפראַגע, סיי לגבי די יידן גופא, סיי לגבי די אַרומיקע פעלקער. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאָלגנדיקער געדאַנק בנוגע דער רעאַליזירונג פונם טעריטאָריאַליזם. אַלס אַוואַנגאַרד ווערט געשטעלט דער באַוואוסטזיניקער אָרגאַניזירטער יידישער פּראָ=

לעטאריאט. אָבער „די באוועגונג ווערט פארווירקליכט ביי דער מיטהילף פון אלע באוואוסטזיניקע עלעמענטן פון דער קאפּיטאליסטישער וועלט, ווי פון דער בורזשואַזיע, אַזוי אויך בפרט פונם פּראלעטאריאט פון די אַרומיקע פעלקער. דער יידישער פּראלעטאריאט אין די אינטערעסן פון זיין באַפרייאונג נוצט אויס, לויט דער מעגליכקייט, אויך די כחות און אינטערעסן, וואָס ווערן רייף ביי אנדערע קלאַסן און גרופּעס סיי פון זיין אייגן פאלק, סיי ביי די נישט-יידן, אויף וויפיל די דאזיקע כחות און אינטערעסן העלפן-מיט דעם איבערטראָגן פון דער פּראלעטארישער-יידישער-סטראטעגישער באזע אויף אַ באזונדער טעריטאָריע מיט אַן אווטאנאמען יידישן ישוב“.

די ויכוחים זיינען געווען באזונדערס אינטערעסאַנט דערמיט, וואס אין דער פּאלעמיק מיט די „וואָזראָזשדענצעס“ איז מען געווען געצוואונגען צו פאַרטראכטן זיך אויף אַ גאנצן סכום ערשיינונגען, וועלכע מ'האט פריער נישט געזען אָדער באוואוסטזיניק איגנארירט. מען האט געמוזט געבן די חברים אַ געווער אין קאַמף קעגן די סיימיסטן און א דאנק דעם האט מען זיך געמוזט נאך מער פאַרטיפן אין די טעאָרעטישע ענינים.

צוליבן זעלבן טעם האָט אויף יענער ערשטער פּאלטאַווער ראַיאָן-קאנפערענץ פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ די פראגע וועגן אונזערע נאַציאנאל פּאליטישע פאדערונגען אין גלות. אין קעגנזאַץ צום ס. ס.-ישן גלות-פּעסימיזם זיינען די „וואזראזשדענצעס“ אויפגעטראטן מיט א גוזמאדיקן גלות-אפּטימיזם, וואס האט ווייט אריבערגעשטייגט אפילו דעם בפירוש גלותיסטישן „בונד“. אויב די ס. ס. האבן געמאלט לגמרי שוואַרץ, ציוניסטיש, דעם גלות און געזען דאָ בלויז גסיסה, אנטארטונג, אויב דער בונד האט שוין יאָ דאַן פּראקלאמירט דעם לאזונג פון נאַצ.-קולטורעלער אווטאנאמיע, איז די נייע גרופּע געקומען מיטן לאזונג פון אַ יידישן נאציאנאלן „ס יי ם“, מיט ברייטע נאציאָנאל-פּאליטישע פונקציעס און קאָמפּעטענצן. מיטן דאָזיקן לאָזונג האט זי אויך פארבונדן אָרגאניש דעם לאזונג פון טעריטאריאַליזם. זי האָט ביי זיך אויך ווייטער פּאראייניקט סתם טעריטאריאליסטן און קאנקרעטע פּאַלעסטינצעס (אַלס אזעלכער האט זיך דאן אנגעגעבן שמעוני (שמעון דאָבין). זי האט אבער געזאגט, אַז היינט צו טאג איז דער טעריטאריאליזם נאך נישט רייף צו דער פאַרווירקליכנדיקער אַקציע. מען מוז צונויפזאמלען, מאביליזירן די נאציאנאלע כחות און דערנאך וועט מען זיי קאנען פארווענדן „דארט און דאַן, וואו און ווען“ ס'וועט זיך אַרויסווייזן די מעגליכקייט דערצו.

באַראָכאָוו און די איבעריקע חברים האָבן בשעת דער פּאָלעמיק מיט די „סיימיסטן“ זיך איבערצייגט, אַז דער לאָזונג פון סיים, פאַר זיך גענומען, איז אַ פּראָדוקטיווער, אַנטשפּרעכט די באַדערפנישן פון פּראָלעטאַריאַט און ביי אַ געוויסער פּאָליטישער קאָניונקטור קאָן ער אויך רעאַליזירט ווערן. דער חסרון איז נאָר, וואָס מ'וויל דערפון מאַכן אָפּהענגיק די רעאַליזירונג פון ציוניזם. אויב דאָס איז נאָך מעגליך לגבי די סתם טעריטאָריאַליסטן, ווייל סיי ווי סיי איז די אַבסטראַקטע אידעע צו גאָרנישט פּראַקטיש מחייב, איז עס אָבער לחלוטין אוממעגליך בנוגע די פּאַלעסטינצעס. קאָנקרעטער פּאַלעסטיניזם מיינט טאַקי אויך באַלדיקע ממשותדיקע אַרבעט אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע. דאָס לעבן דריקט זיך נישט אויס אין צוויי באַזונדערע, גאַנץ פאַרענדיקטע פּראָצעסן פון פריער בלויז אָנזאַמלען און שפּעטער דורכאויס פאַרווענדן ענערגיע. די ענערגיע ווערט כסדר געזאַמלט און גלייכצייטיק פאַרווענדט. די זעלבע פאַרהעלטניש דאַרף, בכן, עקסיסטירן אויך צווישן דעם גלות און דער טעריטאָריע. אין ביידע ערטער ווערט געזאַמלט נאַציאָנאַלע ענערגיע, אין ביידע ערטער—פאַרווענדט. מען קאָן נישט באַ-

שטימען קיין טערמין, קיין דאַטע פאַרן פראָצעס, ווען ער זאָל זיך אָנהויבן און ווען
ער זאָל זיך אויסלאָזן.

אין רעזולטאַט האָט די פּאָלטאַווער ראַיאָן=קאָנפערענץ פאַקטיש אָנגענומען דעם
לאָזונג פון נאַציאָנאַל=פּאָליטישער אַווטאָנאָמיע אין דער אָנגעוויזענער באַלויכטונג פון
זיין שייכות צום טעריטאָריאַליזם, לויט וועלכער ס'קומט אויס, אַז ס'קאָן זיך גרייליך
מאַכן, אַז די טעריטעריאַלע אַווטאָנאָמיע זאָל גאָר רעאַליזירט ווערן פריער, ווי די נאַצ.
פּאָליטישע, איז, הייסט עס, צווישן זיי פאַראַן אַ קעגנזייטיקע באַאיינפלוסונג, אָבער
בשום אופן נישט קיין אָפּהענגיקייט. אָפיציעל אָבער האָט מען צוליב טאַקטישע טעמים,
געלאָזט די פראַגע אַלס דיסקוסיע=פראַגע ביז צום אַלרוסלענדישן פאַרטיי=צוזאַמענפאָר.

די קאָנפערענץ האָט געדויערט עטליכע טעג. זי האָט זיך געמוזט פאַרענדיקן, ווען
מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז אין באַרדיטשעוו רופט צונויף דער א. ק. אַ דרום=מעריבדיקע
קאָנפערענץ מיט באַשטימטע פון אויבן דעלעגאַטן, כדי אויף אַזאַ אופן אָנצושליסן די
אָרגאַניזאַציעס צו די „סיימיסטן". די פּאָלטאַווער קאָנפערענץ האָט תיכף באַשלאָסען שיקן
אַהין צוויי דעלעגאַטן מיט איר מאַנדאַט אויפן פאַל, אויב מ'וועט נישט צולאָזן די
פאָרשטייער פון א. ב.

האָט מען נישט באַוויזן צו באַטראַכטן ברייט דעם פונקט וועגן פּאַלעסטינע. ס'איז
אָבער נישט נויטיק געווען, ווייל דער ברען=פונקט איז דאָס מאָל געווען דער „סיימיזם"
און די אויספּאַסונג פונם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

מכח פּאַלעסטינע האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען בלויז אַ קורצע דעקלאַראַציע בזה
הלשון: „דער צוזאַמענפאָר אָנערקענט פּאַלעסטינע אַלס די איינציקע טעריטאָריע, וואו
דורכן קלאַסן=קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט קאָן ערוואָרבן ווערן די טעריטאָריאַלע
אַווטאָנאָמיע פאַרן יידישן פאָלק און פאָדערט פון דעם אַלגעמיינעם ציוניסטישן קאָנגרעס
תיכפדיקע רעאַלע אַרבעט אין פּאַלעסטינע".

מ'האָט נאָך באַטראַכט פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציע=פראַגן, באַשלאָסן אַרויסצוגעבן
אַ ראַיאָן=אָרגאַן מיטן נאָמען „יעווריסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ" און אויסגעקליבן אַ
ראַיאָן=קאָמיטעט.

כאַראַקטעריסטיש, וואָס אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ זיינען די רעפעראַטן און
די ויכוחים געפירט געווען אין רוסיש. באָראָכאָוו האָט יידיש לחלוטין נישט געקענט און
אידעאָלאָגיש געווען פאַר העברעאיש. יידיש איז, דאַכט מיר, כמעט ווי גאָרנישט גע=
רעדט געוואָרן. אַודאי איז נישט געשטאַנען אויפן סדר היום קיין פראַגע וועגן קולטור=
אַרבעט אין יידיש. ס'איז געווען זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די שריפטליכע, ווי די
מינדליכע אַגיטאַציע דאַרף געפירט ווערן אין רוסיש, די שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט
און פאַרשטאַנען דורך די יידישע אַרבעטער אין דרום.

אויף דער באַרדיטשעווער קאָנפערענץ (אין מיטן דעצעמבער 1905) איז פאָרגעקומען
די גענעראַל=שלאַכט צווישן דעם „סיימיזם" און אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיסטישן פּועלי=ציו=
ניזם. בערך צוויי וואָכן האָט זי געדויערט. פון די פּועלי ציון זיינען אַחוץ די פּאָל=
טאַווער דעלעגאַטן, באָראָכאָוו און עובדיה, נאָך געווען ניסן (וול. לוריע, שפּעטער אַ
פאַראייניקטער, איצט אין קיעוו), גאָלדע (שפּעטער באַקאַנט אַלס חברטע רחל, איצט
אַלס רחל ינאית אין ארץ=ישראל), פּאַוועל פּאַלעסטיניעץ (טראַצעוויצקי, איצט אין
ראָסטאָוו אויפן דאָן), פּיניע קאַהאַנאָוויטש (דער נסתר), נאָסין (גרינבערג), דוד (ראַפּאָ=
פּאָרט) און נאָך איינציקע.

מ'האָט דורכגעלופּטערט אַלע פּראָבלעמען און פראַגן, אַלע באַגריפן און דעפיני=

ציעס און אויך די קעגנער האָבן געמוזט צוגעבן, אַז באָראָכאָוו (פון דעם צד האָט ער פּאַקטיש געטראָגן די גאַנצע משא פון קאַמף אויף זיינע פּלייצעס) האָט אויפגעטאָן אַ ריזיקע אַרבעט, אָפּשלאָגנדיק נאָכאַנאַנד די קלעפּ פון די קעגנער אין די נאָך שוואַכע ווענט פונם יונגן פּועל-ציוניזם און זייענדיק געצוואונגען אויפן אָרט, תּוך כּדי דבור, אויפצושטעלן נייע פעסטערע יסודות פאַר זיין בנין.

פּאַקטיש איז דאָ, אין באַרדיטשעוו, פאָרגעקומען די ווירקלעכע צעשיידונג פון „סיימיסטן“ און „פּועלי ציון“. אויף דער קאָנפערענץ האָבן די לעצטע געהאַט די מערהייט און דאָך האָבן זיי אָרגאַניזאַציאָנעל געליטן אַ מפּלה, ווייל די קאָמיטעטן זיי-נען געווען „געכאַפּט“. זיי האָבן געוואונען בלויז דאָס, וואָס אַ דאַנק דער קאָנפערענץ האָט זיך זיי איינגעגעבן צו פאַרענדיקן די אַרבעטן פון דער פּאָלטאַווער קאָנפערענץ בנוגע די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער יידישער אַרבעטער-פּאָליטיק.

ערשט איצט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין איר גאַנצער דרינגלעכקייט די פראַגע וועגן צונויפרופן אַ קאָנסטיטואירענדיקן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר. דאָס אָרג. ביוראָ מיט דער הילף פון פּאָלטאַווער ראַיאָן-קאָמיטעט שטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט די פאַר-שיידענסטע פונקטן און געגנטן, ס'ווערן ענערגישער געפירט די אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון פּוילישן פאַרבאַנד, וועלכע פאָדערן פאַר זיך אַ געוויסע אַוטאָ-נאָמיע אין דער איינהייטלעכער פּאַרטיי.

הויפּטזאַכלעך שטאַמט עס דערפון, וואָס דער פּוילישער פאַרבאַנד אָנערקענט דעם פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם אין קעגנזאַץ צו די „באָראָכאָוויסטן“, וואָס האַלטן זיך פאַר „פּראָגנאָסטישע“ פּאַלעסטינצעס. ס'הייסט, ביי זיי איז דווקא פּאַלעסטינע נישט צוליב פּרינ-ציפּיעלע אידעאָלאָגישע טעמים, און נישט אויך בלויז צוליב פּראַקטישע טעמים, נאָר דערפאַר, וואָס דער פּראָגנאָז פון דער ווייטערער אַנטוויקלונג ווייזט אָן אויף דער קאָנ-צענטרירטער יידישער עמיגראַציע אין פּאַלעסטינע, וועלכע וועט פאָרקומען סטיכיש, צו-ליב באַשטימטע אָביעקטיווע באַדינגונגען.

די אונטערהאַנדלונגען ווערן מצד דעם פּוילישן פאַרבאַנד געפירט דורך שמעון „פייגעלע“ (פּרושיצקי פון טשענסטאָכאָוו), וועלכער מאַכט אויף אונז אַלעמען אַן איינ-דרוק פון אַן אויסגעצייכנטן געשיקטן און קלוגן פּאָליטיקער.

אין דער זעלבער צייט ווערן אויך אין גאַנץ דרום-רוסלאַנד און אין קרים אָר-גאַניזירט גרופּעס פון נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערער יוגנט אונטערן נאָמען „מאָלאָדאַיאַ יודעאַ“ („יונג יהודה“). אייניקע חברים אונזערע, סטודענטן, האָבן אַ גרויסע השפּעה אויף די דאָזיקע קרייזן און זוכן די גאַנצע אָרגאַניזאַציע צו געווינען פאַרן פּועל-ציוניזם.

אין דעם אָרגאַן פון אָט דער אָרגאַניזאַציע (מיטן זעלבן נאָמען), וואָס איז אַ לענגערע צייט ערשינען אין קרים איז אויך געדרוקט געווען אַן אַרטיקל פון ח' אַדאָלף (א. ארשאַווסקי) „די פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם“, געחתמעט א. אַראָנאָוו. דער דער דאָזיקער אַרטיקל איז נאָכדעם ערשינען אַלס באַזונדערע בראָשור און אויך איבער-געזעצט אין יידיש אין פאַרלאַג „האַמער“ ווילנע, האָט זיך זעהר גוט. פאַרשפּרייט און אויסגעהאַלטן עטליכע אויפלאַגעס.

מ'האָט באַשטימט, אַז דער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר, זאָל פאָרקומען וואָס גיכער און אַלס פּאַסיקע צייט איז אויסגעפונען געוואָרן די וואָך פון פורים, פעברואַר 1906. מען האָט געוואָלט האָבן צייט זיך צוגרייטן ווי געעריק צום 1-טן מאַי, און די נייע פּאַרטיי זאָל שוין דאַן קאָנען אויפטרעטן עפענטלעך.

אַלס אָרט האָט מען באַשטימט פּ אָ ל ט אַ ו ו ע. קודם כּל, ווייל דאָ האָט מען גע-

האט אַ גוטע אָרגאַניזאַציע און אַ גרויסע צאָל טוער, וואָס מוזן זיין אויפן צוזאַמענפאָר. מען האָט זיך אויך געדעכנט דערמיט, וואָס דער „אָכראַנקע" וועט נישט איינפאַלן, מען זאָל אין פּאָלטאַווע גאָר אָפּהאַלטען אַ יידישן אַרבעטער-צוזאַמענפאָר, בעת, ס'איז באַקאַנט, אַז די יידישע אַרבעטער-צענטרען געפינען זיך אין ליטע און אין פּוילן.

ס'איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע אַרבעט און ביי אונז אין פּאָלטאַווע איז געוואָרן לעבעדיק. ס'האָבן אונז אָפּטער באַזוכט חברים פון ליטע. דאַן איז ביי אונז צום ערשטן מאָל געווען ח' קיווין (פון וויטעבסק). אַ הויכער, שלאַנקער, אויסגעפּוצטער, האָט ער ביי אונז געמאַכט אַן איינדרוק, ספּעציעל, אַלס דער ערשטער רעדנער אין יידיש. אַ שטאַרקע געמבע, אַ הייסער טעמפּעראַמענט מיט אַ פעסטער זשעסטיקולאַציע האָט ער „געגנומען" דעם עולם. כ'דערמאָן זיך אפילו, אַז זיין יידיש איז כּלל נישט געווען דאַן אזאַ גלענצענדיקער און מ'האָט אָפּט געקאָנט אָנטרעפן אויף רוסיציזמען, ווי „אבשצעסטווענאָיע ראַזוויטיע", „איסטאָריטשעסקי" מאַטעריאַליזם. ער האָט אויך ליב געהאַט צו באַפּוצן זיין רעדע מיט „הויכע" אויסרופן: „וואָלענס נאָלענס", „האָריבילע דיקטום", „פּערפּעטום מאָבילע", „מעמענטא מאָררי",— פלעגן די אַרבעטער אויפשטעלן מויל און אויערן: אַזאַ רעדנער, אַזאַ רעדנער!

אין „יעווריייסקאַיאַ זשיזן" האָבן זיך דאַן באַוויזן אַרטיקלען, אונטערגעשריבן פון איינעם ז אַ ר וועגן דער „סטאַטיק און דינאַמיק פון יידישן פּראָלעטאַריאַט". די שפּראַך און הסברה אפילו אַ שווערע, אָבער מ'האָט געזען, אַז מ'האָט דאָ צו טון מיט אַ מענש, וואָס דענקט זעלבשטענדיק, אָריגינעל און טיף. פון די ערשטע אַרטיקלען האָט מען שוין געקאָנט אַרויסדרינגען, אַז דער מחבר איז א פּועלי-ציוניסט. מ'האָט זיך פאַראינטערעסירט און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ חבר, וואָס אַרבעט אין מינסק, זעליק אַבּראַמאָוויטש ראַבינאָוויטש (פון דאַנען—דער ראשי תיבות „ז.א.ר."). דאָס אָרג. ביוראָ האָט זיך תּיכף געשטעלט מיט אים אין פאַרבינדונג און מ'האָט זיך אמתדיק דערפרייט, וואָס עס קומט-צו נאָך אַ וויכטיקע טעאָרעטישע קראַפט.

ד ע ר ו ו י י ל האָט מען זיך דער עיקר געשטיצט אויף דעם איין באָראָכאָוו. מ'האָט זעהר שטאַרק געהאַלטן פון ניסן און באָרוכסאָן, מ'האָט געלעגט אַ סאַך האָפענונגען אויף זובדיהן און אַדאָלפן. בעת דער פּאָלטאַווער ראַיאָן-קאָנפערענץ האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיין אריגינעלן דענקען און באַדייטנדיקער ערודיציע אַ חבר פון קרעמענטשוג, באָריס ריאַבטשינסקי (מ'האט אים גערופן „דער קליינער באריאַ, אין אונטערשייד פון „גרויסן" באָריאַ באראכאוו). ס'זיינען נאך אביער כמעט אַלע געווען מענשען אָן אַ נאמען, וואָס האבן נישט אימפּאנירט דער דרויסנדיקער וועלט. פאַרקערט ביי די „סיימיסטן" זיינען אַלץ געווען קאַרפן-קעפּ, ועל כּולם דער באַקאַנטער מארק באָריסאָוויטש ראַטנער און ד"ר ח. זשיטלאָווסקי. אויך ביי די ס. ס. זיינען חוץ סירקינען שוין געווען פּאפּולער לעשצינסקיס, ליטוואַקאוו, שמואל טשאַרני (ש. ניגער), בערטאלדי.

מ'האט ביי אונז אַ געוויסע צייט געשמועסט, אַז צו אונז וועלן צושטיין צבי אברהמי (מ. פאַרבמאַן) און שמעון דאבין (שמעוני). דערפון האט זיך אבער גאָרנישט אויסגעלאזן.

די אינטענסיווע ארגאַניזאַטארישע און פּראפּאגאנדע אַרבעט אין משך פון אַ פּאר חדשים האט געבראַכט רעזולטאַטן, וואס האבן איבערגעשטיגן די דערוואַרטונגען. צום צוזאַמענפאר זיינען געקומען העכער 20 דעלעגאַטן, צווישן זיי: באראכאוו, בארוכסאן (כאשין), מאַטעס, עובדיה (בן-צבי), ניסן (וול. לוריע), גאלדע און פּאווּל (פון קיעוו און דעמיעווקע), נתן (אַ סטודענט פון כאַרקאוו), גרשון (אַ שוסטער, שוין אַן עלטערער

מענש מיט אַן אייגענער פּועל־ציוניסטישער קאנצעפּציע, געקומען אַ שטיק צו פוס פון אָדעס), ברוך טשיזשיק (אַ לאַנדאַרבעטער פון סאָראָקי, איצט אין ארץ־ישראל. ג׳ים האָט מען אַ נאָמען געגעבן קאַוטסקי, ווייל יעדעס מאָל, ווען באָראָכאָוו פלעגט עפּיס זאָגן, האָט ברוך געפונען פאַר נויטיק צו האַלטן אַ דרשה און פּאָפּולאַריזירן פאַר אונז, וואָס „באריא האָט געמיינט צו זאָגן“), לייב חייט (ווילנא איצט דאָקטאָר), משה בעסאַראַבער (אַ סטו־דענט פון אָדעס), שמעון „פייגעלע“, פּנחס און שלמה שולמאַן פון לאָדז (אַלע דריי פון פוילישן פאַרבאַנד), פעליקס מענטשיקאָווסקי (וו. אַדים פון קרימער פאַרבאַנד), אַדאָלף (א. אַראָנאָוו), קיווין (ס. קאפעליוש), יענקל יאַנאָווסקי (פון ביאַליסטאָק) און דער מחבר פון די שורות.

די פייערליכע ערעפנונג פון צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אַ שבת צו נאַכטס אין דער „אומזיסטער יידישער מיידל־שולע“ אויף קאַבעליאַקער גאַס, נעבן יידישן שפּיטאָל, וואו אַלס פאַרוואַלטערין האָט געאַרבעט אונזער חברטע וויערע האָלעמבאָ. דער שיי־נער גרויסער ליכטיקער און ריינער צימער האָט צוגעגעבן אַ סאַך צו דער אמת יום־טובדי־קער שטימונג פון די דעלעגאַטן.

די אייגנטליכע אַרבעט פון צוזאַמענפאָר האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אויף מאָרגן אין אַ געדונגענער הויז ביי אַ בייגל־בעקער אין דעם ווייטן אָפּגעלעגענעם געגנט פון שטאָט־צענטר, „קאָביעשצאַני“. אַ האַלב איינגעפאַלענע מאַלאָראָסישע כאַטע איז דאָס גע־ווען, וואו די הויך־וואוקסיקע חברים פלעגן זיך ממש אין דרייען איינבויגן כדי אַריינ־צוקומען אין טיר. פאַר די זיצונגן האָבן מיר פאַרמאָגט איין גרעסערן צימער, וואו מיר זענען אויך געווען ענג צונויפגעדריקט אַרום דעם טיש. אַ צווייטער שמאָלער צי־מער, דער שלאָף־צימער, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ בעט, אַ זעקל מעל, האָט אונז געדינט אַלס „קולואַרען“ און אַרבעטס־אָרט פאַר די קאָמיסיעס. ענדליך איז אויך געווען דער גרויסער קיך־צימער, וואו מ׳האָט געבאַקן די בייגל. וועגן באַקוועמליכקייט איז נישט געווען צו רעדן. דערפאַר אָבער איז עס געווען אַן איינזאַם הויז, אין הויף אָן שכנים אויף אַ שטיל זייטיק געסל און קוים האָט מען זיך שוין אַהער אריינגעפּאַקט, איז שווער געווען דורכצופאַלען. זיינען מיר טאַקי געלעגן אין הויז אַ קאַרגע וואָך, כמעט ווי נישט אַרויס, חוץ די אָרטיקע, וואָס האָבן אונז באַדאַרפט באַזאָרגן ברויט, וואורשט און אייער צום עסן. אמת הנאה געהאַט האָבן מיר אויך פון די פרישע בייגל און פון די געבאַקטע קאַרטאָפל אין פעלצלעך, וואָס מיר פלעגן זיך אָפּט פאַרגינען.

די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען געשמאַק. פון די באַריכטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונזערע אָרגאַניזאַציעס געפינען זיך אין די וויכטיקסטע יידישע אַרבעטער־צענטרען און אז אין די מערסטע ערטער האָט זיך איינגעגעבן זיי אַרויסצוראַטעווען פון דער סיי־מיסטישער „מגפה“. פולשטענדיק זיינען געווען „אונזערע“ דער פוילישער פאַרבאַנד, פּאָלטאַווער ראיאָן, דרום־ליטווישער ראיאָן מיט ביאַליכטאָק אין דער שפּיץ, דער ליט־וויש־ווייסרוסישער געגנט מיט מינסק אין צענטר, אין דרום־מערב האָבן מיר געהאַט אַ גוטע אָרגאַניזאַציע אין דעמייעווקע ביי קיעוו. אין באַרדיטשעוו זיינען, שיינט מיר, דאַן אויך געווען נאַסין (גרינבערג) און דוד (ראפאפארט). אין טשערקאס און אין סמילע האָט נאך געדאַרפט פאָרקומען די אַנטשיידונג. אין צענטראַל־רוסלאַנד זיינען נאָך גע־ווען צוזאַמען פּועלי־ציון פּאַלעסטינצעס און ציוניסטן־סאָציאַליסטן. קיין סכנה מצדן „סיים“ איז אָבער נישט געווען. מיטן קרימער פאַרבאַנד זיינען מיר געווען זיכער, אין בעסאַראַביען זיינען די וויכטיקסטע צענטרען, ווי קעשענעוו, קאַלאַראַש געווען אויף אונזער זייט. דאָרטן האָבן געאַרבעט צוויי טעאיקע חברים אַפּאַלאַן (זיין אמתן נאָמען

געדענק איך נִישט) און שלום (ע. גאָלדעלמאַן, שפּעטערדִיקער אָנגעזעענער טוער בײַ די פּועלי=ציון אִין אוקראַינע). אִין יעקאַטערִינאָסלאַווער געגנט האָבּן מִיר געהאַט גוטע גרופּעס אִין בערדיאַנסק, טאַגאַנראָג, ראָסטאָוו. אִין ווִיטעבּסק זיינען אויך געווען גוט־אָרגאַנִיזִירטע גרופּעס אַרום זאַקהיימען און באָרוכסאָן. מִיט קאַווקאַז (סטאַווראָפּאָל, באַקו, טעמִיר כאַן=שורא) זיינען מִיר שוין אויך געווען פאַרבּונדן. דער צוזאַמענפאָר האָט פּאַקטִיש רעפּרעזענטִירט די גרעסטע צאָל אָרגאַנִיזִירטע פּועלי=ציון אִין רוסלאַנד און זִיך געפִילט באַרעכטִיקט צו קאָנסטִיטואִירן די פּאַרטיי.

די ווִיכטִיקסטע אַרבּעט אִיז אָבּער נאַטִירלִיך געווען די טעאָרעטִישע. רעפעראַטן זיינען געווען לאַנגע, אויספירלִיכע, אומפאַסנדִיקע, די ויכּוחים — אומבּאַגרענִיצטע. אַלס רעפערענטן זיינען הויפּטזאַכלִיך אויפגעטראָטן באָראָכאָוו און נ י ס ן (וועגן די נאַצ.=פּאָלִיטִישע פאָדערונגען), אִין די דעבּאַטן האָבּן זִיך באַזונדערס אַקטִיוו באַטייליקט עובדיה, אדאלף, גאָלדע, פּאַוועל און פעלִיקס.

אַלס יסוד פאַר די רעפעראַטן זיינען גענומען געוואָרן די גרונט=געדאַנקן פון דער פּאָלטאַווער ראַיאָן=קאָנפערענץ און די פּרִינצִיפּן, וואָס מ'האָט מחדש געווען בעת דער באַרדִיטשעווער קאָנפערענץ. דאָ אִיז ענטגִילטִיק פאָרמולִירט געוואָרן דער פּועל=ציוניזם אַלס זעלבּשטענדִיקע קלאַסן=באַוועגונג פון יידִישן פּראָלעטאַריאַט. אַלס אויסגאַנגס=פּונקט זיינען גענומען די קלאַסן=אִינטערעסן פון יידִישן אַרבּעטער=קלאַס. דאָ אִיז אויך אַרויסגעבּראַכט געוואָרן דורך באָראָכאָוון דער געדאַנק וועגן ס ט י כ י ש ן פּ ר אָ צ ע ס. נאָך בִּיז היינטִיקן טאָג זיינען פאַראַן אַ סך באָראָכאָווס געגנער, וואָס טייטשן=אויס די דאָזיקע „אִידעע“ זיינע (וועגן סטִיכִישן פּראָצעס, וואָס פִירט צו דער פאַרווִירקלִיכונג פון ציוניזם) אַלס אַ ריין מעכאַנִישע באַציאונג צו דער רעאַלִיזאַציע פונם אִידעאַל. דאָס אִיז אָבּער לחלוטין פאַלש. נִישט נאָר שפּעטער אִין זיינע אַרויסטרעטונגען און אִין „אונזער פּלאַטפאָרם“, נאָר שוין אויפן צוזאַמענפאָר גופא האָט באָראָכאָוו גאַנץ אויספִירלִיך גערעדט וועגן דעם אָ ר ג אַ נ י ש ן רעאַלִיזִירונגס=פּראָצעס. מִיט דער „סטִיכִישקייט“ האָט ער געוואָלט באַזונדערס אונטערשטרייכן די אָבּיעקטִיווע אומפאַרמיידלִיכקייט, די היסטאָרִישע אומבּאַדִינגטקייט פון דעם פּראָצעס. דאָס האָט אָבּער בשום אופן נִישט געמיינט, אַז אַלץ וועט קומען פון זִיך אַליין, ממילא, אָן אונזער באַוואוסטזִינִיקער אַריינמִישונג און באַטייליקונג. אַדרבּא, באָראָכאָוו האָט שוין דענסטמאָל אָנגעווִיזן אויף די באַזונדערע ראָלן פון דער בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט אִין דעם פּראָדוקציע=פּראָצעס פון דער אִיצטִיקער קאַפִּיטאַלִיסטִישער תקופה. די בורזשואַזיע דערפִילט די ראָלע פון אָ ר ג אַ נ י ז אַ ט אָ ר. בעת דער פּראָלעטאַריאַט האָט די אויפגאַבּע צו באַפרייען די פּראָדוקטִיווע כּחות פון די פאַר זיי ענגע פּראָדוקציע=פאַרהעלטנִישן. די בורזשואַזיע רעגולִירט די אָרגאַנִיזִירנדִיקע מאָמענטן, דער פּראָלעטאַריאַט — די באַפרייענדִיקע. אִינם פּראָצעס פון רעאַלִיזִירן דעם ציוניזם פִירט דער פּראָלעטאַריאַט דעם קאַמף צו באַפרייען די יידִישע פּראָדוקטִיוו=כּחות סיי דורכן רעגולִירן די עמִיגראַציע, סיי דורכן אָרגאַנִיזִירן די אַרבּעטער אִין פּאַלעסטִינע גופא. פון דעם שטאַנדפּונקט האָט ער דענסטמאָל אויך באַגרִינדעט דעם אַנטייל אִין ציוניסטן=קאָנגרעס, כּדי צו קעמפן פאַר דער דעמאָקראַטִיזִירונג פון דער ציוניסטִישער אַרבּעט אִין פּאַלעסטִינע.

די „סטִיכייאִישקייט“ אִיז ווייט נִישט אַלץ, זי אִיז בלויז דער אָ בּ י ע ק ט י ו ו ע ר יסוד פאַר דער ס ו בּ י ע ק ט י ו ו ע ר אַקטִיוויטעט. זי גִיט אונז די גאַראַנטיע, אַז אונזערע אָנשטרענגונגען וועלן נִישט זיין אומזיסט, נאָר וועלן ברענגען דעם געוואונטשענעם רעזולטאַט.

מיט אָט דער „סטיכייאישקייט" און „אָרגאַנישקייט" פונם רעאַליזירונגס־פּראָצעס האָט מען אויפן צוזאַמענפאָר אויך פאַרענטפערט די פראַגע וועגן דער בריק צווישן „דאָ" און „דאָרט", צווישן גלות און פּאַלעסטינע. ס'איז איין פּראָצעס, וואָס ציט זיך אויס אויף פאַרשיידענע געאָגראַפישע שטחים. איז ניטאָ קיין שאלה פון „דאָ" און „דאָרט", פון „ווער איז בילכער" – דער גלות צי ארץ־ישראל. ביידע זיינען בילכער. דער קאַמף ווערט געפירט גלייכצייטיק אומעטום און דער ערפאָלג אין איין אָרט רופט זיך תיכף אָפּ צום גוטן אויפן גאַנג פון קאַמף אין צווייטן אָרט.

די נשמה פון צוזאַמענפאָר, איר פרישער באַפרוכטענדיקער גייסט איז געווען באָראָכאָוו. אינגאַנצן אַ 26־יאָריקער בחור האָט ער שוין צו יענער צייט באַזעסן אַ גוואַלדיקע ערודיציע אין פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, זיך גוט אויסגעקענט אין 8–9 עלטערע און מאָדערנע שפּראַכן ועל כולם – פאַרמאָגט אַ פענאָמענאַלע אַרבעטסזאַמקייט. די הויפּט־רעפעראַטן האָט ער געלייענט. צוליב עניוות און כדי צוצוגעבן מער גלאַנץ און אָנזען דעם צוזאַמענפאָר, האָט ער געצוואונגען אויך אַנדערע חברים צו רעפערירן. ער פלעגט אָבער נעמען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע, און די ווייטערדיקע ויכוחים פלעגן שוין אַוועקגיין אויף זיין ליניע. כסדר איז ער געווען אויף זיין פּאָסטן, נישט דערלאָזן קיין פאַלשן געדאַנק, קיין שעדליכן פאָרשלאַג. אויף די פּלענאַר־זיצונגען און אין די קאָמיסיעס, בעת די רעפעראַטן און ביים צונויפשטעלן רעזאָלוציעס איז ער געווען דער אַקטיווסטער און וואַכנדיקסטער גייסט. ער האָט גערעדט כסדר אין זיין מוטער־שפּראַך – רוסיש, לאַנג, אָבער טרעפליך, שאַרף, קלאָר און כסדר באַלערנדיק. אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, ס'ציטערן נערוועז די מוסקולן פון אויג. די שטימע – הייזעריק, און דער גאַנצער צוזאַמענפאָר שלינגט ממש זיין „תורה". ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט די אָרגאַניזאַציאָנעלע, ריין „פּראַקטישע" ענינים און אַ סך באַאיינפלוסט דעם אָרגאַניזאַציע־אויסבוי פון דער פּאַרטיי.

באָרוכסאָן איז געווען בערך אין איינע יאָרן מיט באָראָכאָוו. להיפוך צום לעצטן, וואָס איז אין עצם נאָך דאַן ווייט געווען פון יידישן לעבן און קולטור, איז באָרוכסאָן געקומען פון דער עכטער יידישער גאַס אין ליטע, מיטגעבראַכט אַ סך באַקאַנטשאַפט און פאַרשטענדניש פאַר יידישער קולטור, חריפות פון אַן עילוי, אַ רייכע זאַפטיקע יידישע שפּראַך און שאַרפן געפעפערטן פּאָלעמישן וויץ. ער איז אין תוך געווען אַ דילעטאַנט אין די אַלע פילאָזאָפישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראַגן. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ קלאָרן קאָפּ, אַ גראַדן שכל און אַ געזונטע לאָגיק. פלעגט ער גיך תופס זיין דעם ענין און אין אַ רגע אַרום, אַז ער האָט גענומען דאָס וואָרט, האָט ער שוין באַוויזן אַריינצוברענגען אין אים עפּיס אייגנס, צוגעבן עפּיס אַ נייעם שטריך, אַ ניואַנס. זיין כח־הסברה איז זעהר צונוץ געקומען אויפן צוזאַמענפאָר און האָט אים שפּעטער אויך פּאָפּולער געמאַכט ביי די חברים. ער איז, אגב, געווען פון די איינציקע, גלענצענדיקע יידישע רעדנער אויפן צוזאַמענפאָר, ווי בכלל אין דער פּאַרטיי.

ניסן האָט שוין יאָ פאַרמאָגט אַ רייכע ערודיציע. ער האָט כסדר געגראָבן אין דער טיף. ס'איז שווער געווען נאָכצופאָלגן זיין געדאַנק און אים אַליין איז שווער געווען אויסצודריקן קלאָר, וואָס ער וויל. האָט ער אָבער נאָר צייט געהאַט אַרומצורעדן די זאַך אויספירליך פון אַלע זייטן, פלעגט ער זיין בכח צו איבערצייגן דעם געגנער. דאָך איז זיין כח באַשטאַנען מער אין שטעלן קשיות, ווי אין געבן תשובות. דערפאַר האָט ער זיך אויסגעצייכנט געוויינליך אַלס אָפּאָנענט.

עובדיה איז נאָך דאַן געווען יונג, עטליכע און צוואַנציק יאָר, ערשט אנגעקו־

מען אין קיעווער אוניווערזיטעט. אַ זון פון אַ פאַרמעגליכער משכיליש-חובב-ציוניסטישער הויז, איז ער געווען גוט באַהאַוונט אין דער העברעאישער ליטעראַטור, געהאַט אַ באַזונדערן אינטערעס צו יידישער געשיכטע. צו יענער צייט שוין געהאַט באַזוכט, אַלס טוריסט, ארץ-ישראל און אָפּגעדרוקט אַ פּאָר קאָרעספּאָנדענציעס אין „הצופה“, אונטערן פּסעוודאָנים יצחק השמשי (שימשעלעוויטש). פון דער יוגנט אָן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גראדליניקייט, ערנסטקייט און ערליכקייט. ער פלעגט אַן ענין נישט אַזוי שנעל און לייכט באַנעמען, דער מוח האָט זיך באַוואויגן לאַנגזאַם און שווער. דערנאָך פלעגט ער שוין זיך האַלטן ביים ערוואָרבענעם מיט אַ געוויסן קאָנסערוואַטיזם. ער איז נישט געווען קיין רעדנער, פלעגט זוכן ווערטער, אויסדרוקן, איבערחזרען זיך, דאָך האָט ער געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויף זיינע צוהערער. ס׳האָט געווירקט זיין אינערליכע איבערצייגונגס-קראַפט, די פשטות און נישטגעקינצלטקייט פון זיין אופן רעדן, זיין מאָראַלע פערזענליכקייט. ער האָט זיך פון תמיד אָן באַשעפטיקט אויך מיט „טעכנישער“ אַרבעט. אפילו געהאַט דערצו אַ געוויסע ליבע. ביי דער אָרגאַניזירונג פון זעלבסשוץ, ביים אויפשטעלן אַ דרוקעריי, ביים דורכפירן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען און פאַרשפרייטן פּראָקלאָמאַציעס, איז ער כסדר געווען פון די איניציאַטאָרן, אָנפירער און אויספירער גלייכצייטיק. זיין אָנטייל אין צוזאַמענפאָר איז געווען זעהר אָנזעעוודיק הן אין טעאָרעטישן און הן אין פּראַקטישע ענינים.

ג אָ ל ד ע איז געווען די איינציקע חברטע דעלעגאַטקע. ס׳איז געווען אַ זעהר אינטערעסאַנטער, סימפּאַטישער טיפּ פון אַ פּאַרטיי-טוערין. אַ הייסער, אַ ביסל עקזאַלטירטער טעמפּעראַמענט און אין דערזעלבער צייט אַ גריבלערישע ערנסטע נאַטור, אַ היבש ביסל באַלעזן. מיט אַ סך אינטערעס פאַר געוויינליכער אינערליכער פּאַרטייאישער אַרבעט. זי איז נאָך געווען יונג, אָבער מיט אַ היפּשער פּאַרטיי-ערפאַרונג, און פּיעטיזם פאַר דער אָרגאַניזאַציע. זי האָט שווער געקענט קאָנצענטרירן אירע געדאַנקען און מיר האָבן זי אפילו, אין חברשער גוטמוטיקייט, באַשולדיקט אין „צעשויבערטע שטימונגען“.

פ ע ל י ק ס איז געווען אַן עכטער דרום-טיפּ: געזונט, גוטמוטיק און אַביסל פלעגמאַטיש. ער פלעגט זיך שנעל אויפקאָכן, צעהיצן, און טאַקי באַלד זיך באַרוהיקן. אַ מענש מיט העכערער בילדונג, מיט אַ סך געבוירענער אינטעליגענץ און אַ פּאָעטיש-סענטימענטאַלער נאַטור, איז אים אפילו תחילת שווער געווען איינצוהיימישן זיך אין אונזער סביבה. באָראָכאָוו האָט אָבער אויף אים געהאַט אַ גרויסן איינפלוס און ער האָט אַ סך בייגעטראָגן אין דער טעאָרעטישער אַרבעט.

אויפן פינפטן אָדער זעקסטן טאָג איז דאָך אונזער דירה דורכגעפאַלן און מען האָט זיך געמוזט שנעל אַריבערציען אין אַן אַנדער אָרט. מ׳האָט ניט צוגעגרייט לכתחילה, ווייל מען איז געווען זיכער אין דער פולשטענדיקער קאָנספּיראַציע פון דעם בייגל בעקערס הויז. בלית ברירה האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ געוואַגטן פאָרשלאַג. אויפן ראָג קאָבעליאַקער און קליין-פּראָטאָפּאָפּאָווסקע אין סאַמע צענטר שטאָט, אַ פּאָר שריט פון דער הויפּט פּאָליציי-פאַרוואַלטונג איז געווען דער האָטעל, וואו ס׳האָבן געוואוינט באָראָכאָוו מיט דער פרוי און עטליכע אָנגעפאָרענע דעלעגאַטן. אַזוי ווי קיין אַנדערע געסט זיינען דאַן כמעט ניט געווען, האָט מען אָפּגעדונגען ביים אייגנטימער אַ גרעסערן צימער, וואו מיר האָבן פאָרגעזעצט די אַרבעט, רעכענענדיק, אַז די פּאָליציי וועט ניט חושד זיין, דאָס האַרט ביי איר אונטערן נאָז, באַגייט מען צוזאַ „אַנטי-מלוכהשע“ זאַך.

אָפּגעארבייט אַ טאָג-נִישקשה. האָט מען אונז אָבער ווידער אויסגעשפּירט. אַ פּניבֿ׳ אין שטאָט האָט מען שוין גערעדט וועגן צוזאַמענפֿאָר. קומט פלוצים פּאָליציי מיט אַ רעוויזיע צו באָראָכאָוון. באָראָכאָוו איז צו זיי אַרויס, און מיר אַלע האָבן זיך פֿון אינעזוועניק פאַרשלאָסן, זיצן שטיל, איינגעהאַלטן דעם אָטעם און וואַרטן. די רעוויזיע און אויספרעגן האָט גאָרניט געגעבן און זיי זיינען שוין געווען גרייט אַוועקצוגיין ערשט זיי באַמערקן אַ פּאָר קאַלאָשן מיט בוכשטאַבן מ. ג. זיי פרעגן זיך ביי באָראָכאָוון, וועמענס זייגען די קאַלאָשן, ער הויבט אָן אויסצוזוכן תירוצים און זיי געבן זיך אַלאָז אין די אַנדערע צימערן. צוגעקומען צו אונזער טיר, גענומען קלאַפּן, מיר — שפּרינגען דורך די פענסטער. אַלע זיינען צולאָפן. אָבער דעם שלימזלדיקן אייגענטימער פֿון די קאַלאָשן דעם חבר משה פֿון אָדעס, האָט מען פאַרהאַלטן צוזאַמען מיט באָראָכאָוון.

באָראָכאָוון האָט מען אין אַ פּאָר טעג אַרום באַפרייט, משהן און נאָך אַ פּאָר שפּעטער אַרעסטירטע דעלעגאַטן האָט מען אָפּגעשיקט „מיטן עטאַפּ״. דער צוזאַמענפאָר איז דורכגעפאַלן. מיר האָבן באַוויזן אויסצוויילן אַ צענטראַל-קאָמיטעט און אָנצונעמען די וויכטיקסטע פּאָליטישע און טעאָרעטישע רעזאָלוציעס. די טעאָרעטישע אַרבעט האָט מען געדאַרפט פאַרענדיקן, איז טאַקע גלייך באַשטימט געוואָרן אַ טעאָרעטישע קאָמיסיע, וועלכע האָט געאַרבעט אין קאָנסטאַנטינאָגראַד (פּאָלטאַווער גובערניע) און נאָכן דורכפאַל אַריבער קיין סימפעראָפּאָל (קרים). די דאָזיקע טעאָרעטישע קאָנפערענץ, וואו ס׳האָבן זיך דער עיקר באַטייליקט באָראָכאָוו, באָרוכסאָן, ניסן, עובדיה, אַדאָלף און פעליקס, האָט אויספירליך און ברייט אַרומגערעדט די פאַרשידענע פּראָבלעמען פֿון פּועל-ציוניסטישן פּראָגראַם. אויפן יסוד פֿון איר אַרבעט און אין איר אויפטראָג האָט שפּעטער באָראָכאָוו געשריבן „אונזער פּלאַטפאָרם״. גלייך ערשיינט אַ בלעטל פֿון צ. ק., געדרוקט אין פּאָלטאַווע, וועגן דער גרינדונג פֿון דער פּאַרטיי. אין די לעגאַלע צייטונגען איז ערשינען אַ גרויסער אויסצוג פֿון אים אין איינעם פֿון די נומ. „כראָניקאַ יעווריעיסקאָי זשיזני״ אין פּעטערבורג. ס׳ערשיינט אויך אַ מאַי-בלעטל, וואָס ווערט שוין פאַרשפּרייט אין אַ פּאָר צענדליק טויזנט עקזעמפּלאַרן.

דער פּוילישער פאַרבאַנד, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין צוזאַמענפאָר ב״ויז מיט באַראַטונגס רעכט נעמט-אָן די פּלאַטפאָרם, וואָס איז פאָרגעלעגט דורכן צ. ק. און דערקלערט אָפיציעל זיין אָנשלוס אָן דער נייער פּאַרטיי.

פֿון אומעטום פאַרלאַנגט מען מענשן און ליטעראַטור. דער צוזאַמענפֿאָר האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן צוויי צענטראַלע אָרגאַנען אין יידיש און רוסיש. דאָרט זיינען שוין געווען פאַרטרעטער פֿון די גרויסע יידישע אַרבעטער צענטרען, האָט מען שוין גערעדט אַ סך יידיש און ס׳איז אויך נאַטירליך געווען דער באַשלוס, אַריבערצופירן דעם פּאַרטיי-צענטער אין האַרץ פֿון יידישן תחום, אין ווילנע, און אַז דער רוסישער אָרגאַן קאָן דערשיינען ערשט נאָכדעם, ווי ס׳וועט דערשיינען דער יידישער.

דער אַריבערפאָר קיין ליטע איז ניט אַזוי לייכט. ס׳פעלן קודם כל געלט-מיטלען. פֿינף טויזנט רובל (דאַן אַ „מטמון״!), וואָס אַמעריקאַנער חברים האָבן צוגעשיקט אויף לעווקאָווסקיס אַדרעס פאַר פּועלי ציון, זיינען אַריינגעפֿאַלן צו די סיימיסטן און אַ לאַנגע צייט האָט זיך געצויגן דער סקאַנדאַל אַרום דעם. פֿאַר ווילנע מוז מען אויך קאָנצענטרירן אַ גאַנצע גרופּע טוער אויף איין אָרט און וואַרטן טאָר מען ניט. מוז מען שוין אָנהויבן אַרויסגעבן ליטעראַטור אין פּאָלטאַווע. אָבער דאָ איז מעגליך נור אין רוסיש. וואָס זשע טוט מען מיטן באַשלוס פֿון צוזאַמענפאָר, אַז פֿריער מוז ערשיינען

דער אָרגאַן אין ייִדיש? שלעפּט מען אַרויס פֿון אַרכיוו דעם באַשלוס פֿון פּאָלטאַווער ראַיאָן־קאָנפֿערענץ און מ׳טרעט־צו אַרויסצוגעבן די „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ“, אַלס אָרגאַן פֿון פּאָלטאַווער ראַיאָן־קאָמיטעט. מ׳האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי דער נאָמען זאָגט, אַז ס׳וועט זיין אַ באַשיידענער אָרגאַן אָן פּרעטענזיעס אויף אַ לייטנדיקע צענטראַלער ראָלע. די אַנומעלטן אויסגעווײלטע רעדאַקציע־קאָלעגיע איז געווען אויפֿן אָרט: באָראָכאָוו, עובדיה, פּלטיאל, אַדאָלף און איך. אָבער פֿון די אַלע איז געווען בלויז איינער, באָראָכאָוו, וואָס זיין מיטאַרבעטערשאַפֿט איז געווען קוראַנט, האָט ער טאַקי געשריבן: דעם לייט־אַרטיקל, פּאָפּולערע שמועסן אונטערן נאָמען ריאַדאָוואָי, כראָניק, באַריכטן פֿון דער דרום־מערבדיקער קאָנפֿערענץ און דער עיקר—„אונזער פּלאַטפֿאָרם“, אונטערן פּסעוודאָנים פּאָסטאָיאַני (שפּעטער פֿלעגט ער אָפֿט חתמענען מ. שטענדיקער).

לכתחילה האָט עס געזאָלט זיין אַ קורצער פּראָגראַמאַטישער מאמר. די אַרבעט האָט זיך אָבער פֿאַרגרעסערט אין פּראָצעס פֿון שאַפֿן. אַ נויטיקייט צו ארומרעדן אַלע פֿראַגן איז געווען, דער דרוקער האָט געאײַלט, מ׳האָט געמוזט געבן איינצעלנע בלעטלעך, ניט אָנקוקנדיק אפילו דאָס גאַנצע. האָט זיך דער מאמר צעצויגן, זיינען די עמודים געוואַקסן אין דער „סוף קומט“ איז אָפּגעלייגט און איבערגעטראָגן געוואָרן פֿון נומער צו נומער, שפּעטער פֿון זשורנאַל צו זשורנאַל. די ערשטע טיילן געדרוקט אין „יעוור ראַב. כראָניקאַ“ אין פּאָלטאַווע, אַ צווייטער טייל (וואָס אין די ביז איצטיקע אויסגאַבן פֿון דער „פּלאַטפֿאָרם“ אין אָדעס דורכן פֿאַרלאַג „נייע לעבען“ און אין אַמעריקע אין ערשטן באַנד באָראָכאָווס שריפֿטן אין פּועלי ציון־פֿאַרלאַג, ווערט ער אָנגעגעבן, על פּי טעות, אַלס דער סוף) אין סימפֿעראָפּאָל אין „מאָלאָט“ (אָרגאַן פֿון קרימער פֿאַרבאַנד) און דער אייגענטליכער סוף אונטערן קעפּל „די ראָל פֿון אַרבעטער קלאַס אין דער רעאַליזירונג פֿון טעריטאָריאַליזם“, אָנגעשריבן אַ סך שפּעטער נאָך זיין אַרבעט אין פּאָלטאַווער טורמע, געדרוקט בלויז אין דער ייִדישער איבערזעצונג אין „פּראָלעטאַרישער געדאַנק“ נומ. 3 און „פֿאָרווערטס“ נומ. 1, אין ווילנע.

דאָס איז געווען זיכער די בלי־צייט פֿון באָראָכאָווס שאַפֿן. יעדער עמוד איז פֿאַר די חברים גופֿא געווען אַן אַנטפּלעקונג פֿון פּראָלעטאַרישן שאַפֿונגס־גייסט. ס׳איז אַן איבעראַשונג פֿון דעם גאונישן דענק־אַפּאַראַט און פֿון דער מערקווירדיקער אַנאַליטישער חריפֿות. אין דערזעלבער צייט איז פֿאַר אונז דאַן דער גאַנצער מאמר, צוליב זיין פֿאַרנעמישן טאָן, אָנגעזאַפּט מיטן טוי פֿון טאָג־טעגליכקייט און מיר האָבן געפֿילט אין אים דעם צאַפּל פֿונעם לעבעדיקן לעבן. פֿאַר אונז איז ער געווען ניט קיין אַבסטראַקטע קאַבינעט־פֿאָרשונג, נאָר אַ ייִדיש־פּראָלעטאַרישער קאַמפּס־מאַניפֿעסט, וואו עס ווערן וויסנשאַפֿטליך פֿעסטגעשטעלט די אַנטוויקלונגס־געזעצן פֿון דער ייִדישער ווירקליכקייט, אויפֿגעוויזן די היסטאָרישע אומפֿאַרמיידליכקייט פֿון די איבערבוי־פּראָצעסן אינם לעבן פֿון די ייִדישע מאַסן און אָנגעצייכנט מאַרקסיסטיש די קאַמפּס־ליניע פֿאַרן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט.

דער אָרגאַן איז ערשינען לעגאַל פֿאַר אַפּריל־מאַי־יוני 1906 און האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע פֿאַרשפּרייטונג. ער האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין לויפֿנדיקן מאַטעריאַל, ווייל ער פֿלעגט ערשיינען מיט גרויסע הפֿסקות. ס׳איז אין עיקר געווען דערפֿאַר, וואָס אַלע מיטאַרבעטער, בפֿרט באָראָכאָוו אַליין, פֿלעגן כסדר מוזן אַרומפֿאָרן אויף אַגיטאַציע־נסיעות, האָט מען געוואַרט אויף מאַטעריאַל. פֿאַר דער גאַנצער צייט זיינען ערשינען בלויז 3 נומערן.

ס׳איז געקומען די צייט פֿון ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, די לופֿט אין גאַנצן תחום איז

געווען פול מיט פּאָגראָם־ערוואַרטונג. אויך אין פּאָלטאַווע האָט מען זיך געריכט. תיכף נאָכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָב איך באַקומען מיין ערשטע פּאַרטיי־שליחות צו ברענגען געווער. צוזאַמען מיטן חבר משה אומאַנסקי (איצט אין טשיקאַגאָ) זיינען מיר געפאָרן אין ליבאַווע, די היים פון ליאָווקע כאַזאַצקי, און אַ דאַנק דעם לעצטנס פאַרבינדונגען האָבן מיר איינגעהאַנדלט פון אויסלאַנד 40 בראַונינגען. פון אויסלאַנד האָט די פירמע צו־געשטעלט די סחורה ביז צו אַ גרענעץ־שטעטל, פון דאָרט האָט אַ „שוואַרצער" זי אַוי־בערגעפעקלט קיין ליבאַווע. פון דאַנען האָבן מיר עס אין צוויי קוישן געבראַכט קיין פּאָלטאַווע. ווי פריער דערמאָנט, האָבן מיר ביי אונזער זעלבסטשוץ פאַרמאָגט אויך באָמבעס און דינאַמיט.

מ'האָט אונז לאַנג נאָכגעשפּירט דורך אַן עלטערער קריסטליכער דינסט און פונקט אין טאָג, ווען אין שטאָט איז געגאַנגען אַ גרויסע קריסטליכע פּראָצעסיע און מ'האָט זיך געריכט אויף אַ פּאָגראָם, האָט פּאָליציי געמאַכט אַן אָבלאַווע פון גרויסן שניט אויף עובדיהס וואוינונג. די זעלבסטשוץ „מגינים" זיינען געווען אָנגעגרייט אויף די קאָנספּיראַטיווע דירות און ווי אַ דונער האָט זיי געטראָפן די ידיעה, אַז די גאַנצע „ברעטענסקאַיאַ" איז באַלאַגערט. די פּאָליציי איז גלייך אַריין אין האָלץ־קאַמער אויפן הויף און אויסגעגראָבן דעם באַהאַלטענעם דינאַמיט. מ'האָט אַרעסטירט די עלטערן. עובדיהן גופא האָבן מיר פאַרבאָרגן ביי קריסטן אַ וואָך צייט, פאַרגרימירט אים מיט אַ בערדל און טראַנספּאָרטירט פון פּאָלטאַווע.

ער איז גלייך אָפּגעפאָרן אַלס חבר א ב נ ר קיין מינסק, וואו ס'איז פאָרגעקומען די ווילנע־מינסקער ראַיאָן־קאָנפערענץ. באָראָכאָוו האָט זיך דאָן באַטייליקט אין וואָראָ־נעזש, אַלס חבר ג ר ש ו ן אינם צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס פון צענט־ראַל־רוסלאַנד.

איך און גאָלדע האָבן זיך באַזעצט אַ געוויסע צייט אין טשערקאַס און אין סמי־לע, וואו די אָרגאַניזאַציע איז נאָך ניט געווען געשפּאָלטן, וואו אָבער די אָנפירענדיקע חברים, חוץ די חברים אברהם אפרתי און ראובן טשערקאסקי זיינען שוין געווען אויפן צד פון די סיימיסטן. שפּעטער איז אַהין געקומען אויך באָראָכאָוו (אַלס נחמיה), גע־האַלטן אַ שורה רעפעראַטן און די אָרגאַניזאַציעס זיינען געבליבן ביי אונז.

אין ביאַליסטאָק איז אין אַפּריל פאָרגעקומען די ראַיאָן־קאָנפערענץ מיטן אנטייל פון ביאַליסטאָק, גראָדנע, בריסק, גרויסליטאָווסק, גראַיעוו, וואָלקאָוו, האָראָדאָק און אַנד. און איינשטימיק איז דורכגעגאַנגען דער אָנשלוס אין דער פּאַרטיי.

סוף מאַי איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון קרימער פאַרבאַנד, וואָס האָט אויך אָפיציעל דורכגעפירט דעם אָנשלוס אין דער פּאַרטיי.

אין פּאָלטאַווע זיינען דערווייל די פּאָליצייאישע רדיפות געוואָרן אַלס שווערער און אָפּטער. אין פאַרבינדונג מיטן געפונענעם דינאַמיט האָט מען קעגן אונז אויפגעשטעלט די גאַנצע אָכראַנקע און זשאַנדאַרמעריע. מ'האָט זיך געמוזט צוויילן מיטן אַריבערפאָר קיין ווילנע. צו דער צייט איז פונקט אָנגעקומען אַ נייע סומע געלט פון אַמעריקע, די־רעקט צו אונז. דאָך האָבן מיר אָפּגעצויגן דעם טערמין פון אָפּפאָר.

האָבן זיך אַריינגעמישט די פּאָליטישע געשעענישן פון לאַנד און אונז צוגע־טריבן, אין דער נאַכט פון דריטן יוני, גלייך ווי ס'האָט זיך באַקומען די טעלעגראַמע וועגן פאַנאַנדערטרייבן די מלוכה־דומע זיינען די אַרעסט הייזער און תפיסות אָנגעפילט געוואָרן מיט פּאָליטישע קרבנות. דעם זעלבן אָוונט האָט מען פאַרחתמעט די רע־דאַקציע, אַרעסטירט באָראָכאָוון און דעם סעקרעטאַר־ריאַבטשינסקי.

בדרך נס בין איך נישט אַרעסטירט געוואָרן און בין אויפֿן אָרט געבליבן דער איינציקער מיטגליד פון צ. ק. בעת די רעוויזיעס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אַ פּאָר פּאַפּירן און דאָקומענטן. באָראָכאָוו האָט אַרויסגעשיקט אַ קוויטל, איך זאָל תיכף אָפּציִען. לענגער וואַרטן האָט מען ניט געטאָרט. נאָך דעם זעלבן אויפדערנאַכט בין איך מיט אונזער ביסל געלט אָפּגעפאָרן פון פּאָלטאַווע. די קאָרעקטורן פון שוין אויסגעזעצטן טייל „פּלאַטפאָרם" האָב איך אָפּגעשיקט צו פעליקסן (וו. אדים) פאַרן „מאָלאָט". איך בין אָפּגעטראָטן אין קיִעוו צו פאַרשטענדיקן זיך מיטן ח' ניסן און מיט די קאַנדידאַטן צום צ. ק. גאָלדע און פּאַוול און ס'איז געבליבן, איך זאָל זיך באַזעצן אין ווילנע, אָרגאַניזירן דעם פּאַרטיי=סעקרעטאַריאַט און גרינדן דעם יידישן פאַרלאַג.

פון קיִעוו בין איך פאַרפאָרן קיין לאָדז, וואוהין ס'איז אויך געקומען קאָנספּיראַטיוו א ב נ ר. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די פאַרבאַנדס=חברים אריה און מוליע. אבנר איז אַוועק קיין אויסלאַנד, וואו דעם 15 יולי איז פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די אויסלענדישע פועלי ציוניסטישע סטודענטן=גרופּעס און איך האָב זיך באַזעצט אין ווילנע, אין דעם וויכטיקסטן צענטר פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, וואו ס'האָט באַלד אָנגעהויבן פונקציאָנירן דער פאַרלאַג „האַמער" (זיין ערשטע בראָשור איז געווען די יידישע איבערזעצונג פון באָראָכאָווס „קלאַסן אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע") און ס'איז ערשינען דער ערשטער יידישער צענטראַל=אָרגאַן פון דער פּאַרטיי: „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק". דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער „פּאָלטאַווער" פעריאָד, דער אייגנטליכער ג ר י נ ד ו נ ג ס=פעריאָד (סיי טעאָרעטיש, סיי אָרגאַניזאַציאָנעל) פון דער י. ס. ד. א. פּ. פועלי ציון אין רוסלאַנד.

ס'הויבט זיך אָן דער צווייטער, י י ד י ש ע ר, „ווילנער" פעריאָד.

צו דער פאַרגעשיכטע פון „ס. ס.“

די ייִדישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער=פּאַרטיי „פאַראייניקטע“ איז אַנטשטאַנען, ווי ס'איז באַוואוסט, פון דער פאַראייניקונג פון צוויי פּאַרטייען: 1) פון דער „ציוניסטיש=סאָציאַליסטישער אַרבעטער=פּאַרטיי (ס. ס.)“ און 2) פון דער „ייִדישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער=פּאַרטיי (י. ס.)“ אָדער „סיימיסטן“ אָדער „סערפּ“. אין פּוילן איז אַפילו די דאָזיקע פאַראייניקונג פּאַקטיש נ י ט פאָרגעקומען, ווייל דאָ זיינען קיין סיימיסטישע אָרגאַניזאַציעס ניט געווען. אָבער די „ס. ס.“ אין פּוילן האָבן איבערגענומען סיי דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם סיי דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי „פאַראייניקטע“ אין רוסלאַנד — אוקראַינע.

פון די ביידע באַשטאַנד=טיילן פון די „פאַראייניקטע“ איז די גרעסערע און עלטערע פּאַרטיי געווען „ס. ס.“: זי איז געגרינדעט געוואָרן אין אָנהויב פון 1905=טן יאָר, „סערפּ“ אין אָנהויב 1906.

די „י. ס.“ האָבן נאָך פיל=ווייניק געזאָרגט פאַר זייער געשיכטע=שרייבער. אין די זאַמלביכער „סערפּ“ (רוסיש), למשל, געפינען מיר כאָטש אַ קורצן איבערבליק איבער דער געשיכטע און פאָרגעשיכטע פון י. ס.

די געשיכטע אָבער פון ס. ס. איז נאָך אינגאַנצן אַ מין „טעראַ אינקאָגניטאַ“. עס זיינען ביז איצט נאָך ניט געווען קיין פּרוּוון צו געבן אַן א ל ג ע מ יי נ ע ם איבערבליק איבערן אַנטשטיין און אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי, עס זיינען אַפילו ניטאָ קיין מאָנאָגראַפיעס און מעמואַרן וועגן איינצלנע פּעריאָדן פון איר געשיכטע.

נאָר אויב די א יי ג נ ט ל י כ ע ג ע ש י כ ט ע פון דער פּאַרטיי, אָנהויבנדיק פון 1906=טן יאָר, קאָן מען זיך דערוויסן מער אָדער ווייניקער פון אירע פּרעסע=אָרגאַנען — די וואָכנבלעטער „דער נייער וועג“ (1906 אין ווילנע“), „דאָס וואָרט“, „אונזער וועג“ (1907 ווילנע), א. אַנד., איז אָבער דער, אַזוי צו זאָגן, „פּאָרהיסטאָרישער“ פּעריאָד אַזוי אָרעם אין „תורה שבכתב“, אַז דער געשיכטע=שרייבער וועט דאָ כמעט קיין שום אָנהאַלט=פּונקט ניט האָבן.

זאָל מיר דעריבער דאָ זיין דערלויבט זיך צו טיילן מיט די לעזער מיט אייניקע ידיעות און זכרונות וועגן דער דאָזיקער פאָרגעשיכטע.

די אַנטשטייאונג פונם אַרבעטער=ציוניזם.

די ערשטע שפּראָצונגען, פון וועלכע עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן די לפּי=ערך ברייט פאַרצווייגטע פּאַרטיי „ס. ס.“, האָבן זיך באַוויזן מיט 20 יאָר צוריק, אין 1901=טן

יאָר. עס איז שווער געווען פעסטצושטעלן וועלכער שטאָט אָדער אַפילו וועלכן ראַיאָן געהערט די כראָנאָלאָגישע בכורה. וואָרים קיין יידישע לעגאַלע פּרעסע איז דאַן נאָך אין רוסלאַנד ניט געווען (דער „פריינד" האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין ערשט אין 1902=טן יאָר); און אַז זי איז שוין יאָ אַנטשטאַנען, האָט זי אונטער פּלעווע פּאָליציייאישן רעזשים זיך ניט דערוועגט צו געבן ידיעות וועגן דער אַרבעטער=באַוועגונג. קיין אומ=לעגאַלע רעגולערע פּרעסע ווידער זיינען די צעוואָרפענע אַרבעטער=ציוניסטישע קרייז=לעך, נאַטירליך, נישט געווען בכוח אַרויסצוגעבן.

די גרופּעס זיינען געבאָרן געוואָרן און געוואַקסן איזאָלירט איינע פון דער אַנ=דערער, און בלויז בעת אַ באַראַטונג אָדער אַ צופעליקער צוזאַמענטרעפעניש פלעגט מען זיך דערוויסן, אַז דאָ און דאָרטן געפינען זיך מיינונגס=חברים.

די ווייט=גרעסטע מערהייט פון די „אַרבעטער=ציוניסטן" (אָדער „פּועלי=ציון" ווי זיי האָבן זיך די ערשטע צייט גערופן) זיינען לכתחילה געווען פשוטע אַלגעמיינע ציוניסטן.

אָבער נישט קוקנדיק דאַרויף, וואָס דער קלאַסן=באַוואוסטזיין איז ביי זיי געווען זעהר שוואַך אַנטוויקלט, האָט זיי אָבער זייער קלאַסן=אינסטינקט נישט דערלאָזט זיך לאַנג איינצוהאַלטן צוזאַמען מיט די באַלעבאַטישע ציוניסטן „אונטער איין דאַך". אמת, זיי האָבן ביזן סאַמע 7=טן קאָנגרעס (אויגוסט 1905) נאָך פאָרמעל געהערט צו דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער פון די אָרטיקע אַלגעמיינ=ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי זיך געגומען אויסטיילן נאָך אין 1901=טן יאָר.

צוויי כוחות האָבן מיטגעווירקט אינם דיפערענצירונגס=פּראָצעס אין די ציוניסטישע רייען און אינם אויסקריסטאַליזירן זיך פון ספּעציעל=פּראָלעטאַרישע ציוניסטישע אָרגאַ=ניזאַציעס. פון איין זייט איז שוין געווען אַריבער די „גילדענע וואָך" פונם ציוניזם, ווען דעם ברייטן עולם האָט זיך געדאַכט, אַז אָט=אָט ברענגט הערצל פונם „אילדיז=קיאָסק" (טערקישן סולטאַנישן פּאַלאַץ) דעם „טשאַרטער" אויף פּאַלעסטינע — און די „גאולה" איז פאַרטיק. עס זיינען שוין אַריבער זינט דעם ערשטן באַזעלער קאָנגרעס לאַנגע פיר וואַרט=און האָף=יאָרן — און דער „טשאַרטער" איז אַ=ך נישט געקומען. דאָס האָט אביסל אָפּגעריסן דעם עולם פון די וואָלקנס און געצוואונגען אַרומצוקוקן זיך, וואָס עס טוט זיך אויף דער זינדיקער ערד. פריער, אין דעם האָפענונג=פולן פעריאָד פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן האָט מען אינגאַנצן איגנאָרירט די אַזוי גערופע=נע אויף „קאָנגרעס=לשון", „געגנוואַרטס=אַרבעט", ד. ה. די פאַרבעסערונג פון דער לאַגע דאָ אין גלות — וואָרים אויב אָט באַלד קומט די ראַדיקאַלע אויסלייזונג, איז דאָך שוין נישט כדאי זיך אָפּצוגעבן מיט „לייגן לאַטעס אויפן גלות=בגד"! איצט אָבער האָט מען שוין געמוזט ניט ווילנדיק אַטראַכט טאָן וועגן דעם „טאָג=טעגליכן ברויט". אויפן טאָג=אָרדנונג זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגן וועגן עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַרבעט, שפּעטער אויך וועגן פּאָליטישן קאַמף.

אויב ביי פראַגן פון „צוקונפטס=מוזיק", ביי די רוחניותדיקע ציון=שטרעבונגען, האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז עס איז מעגליך אַהאַרמאָניע צווישן די געזעלשאַפטליכע קלאַסן, אַז „כל ישראל חברים", איז אָבער ביי די גשמיותדיקע פראַגן פון אַלטעגליכן קאַמף האָבן זיך באַלד גענומען אַרויסווייזן אַלץ שאַרפערע חילוקי=דעות צווישן די פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּעס.

אַן אָנזאָג דערויף איז שוין געווען (אויפן 5-טן ציוניסטישן קאָנגרעס זומער 1901) די אויסבילדונג פון דער באַרימטער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" (חיים ווייצמאַן, לעאָ מאָצקין, בערטאָלד פייוול, מאַרטין בובער, א. אידלסאָן, י. וואָרטסמאַן, אַבערסאָן, בוכמיל, אוריסאָן א. אנד.). נאָר איר „קאַמף" קעגן דער אָפיציעלער ציוניסטישער אָנפירונג, קעגן הערצלס זעלבסטהערשערישע גענג א. ד. גל. האָט ניט געהאַט קיין ערנסטן פרינציפיעלן כאַראַקטער. די „פראַקציע" אַלס גאַנצע איז דעריבער אין קורצן פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער געזעלשאַפטליכער אַרענע און אירע מיטגלידער האָבן זיך ביסלעכווייז אַסימילירט אין די אַלגעמיין-ציוניסטישע רייען.

אַנדערש איז געווען מיט דער ציוניסטיש-געשטימטער אַרבעטערשאַפט. זי האָט באַלד דערפילט דעם היפוך צווישן אירע אינטערעסן און די אינטערעסן פון די ציוניסטישע באַלעבאַטים אויף אַלע געביטן פון דער „געגנוואַרט-אַרבעט". קוים האָט דער אַרבעטער-ציוניסט אָנגעהויבן עקאָנאָמיש קעמפן מיט זיין באַלעבאָס — אָפט אויך אַ ציוניסט — צוליב בעסערע אַרבעט-באַדינגונגען, זיינען צווישן זיי שוין געוואָרן אָנגעשטרענגטע באַציאונגען, און דעם עקספלואַטירטן איז שוין געוואָרן אוממעגליך ריין-פסיכאָלאָגיש — אַפילו ווען ער איז נאָך קיין סאָציאַליסט נישט געווען און ער האָט עס פרינציפיעל נאָך נישט געקאָנט באַגרינדן — צו זיצן ביי איין טיש מיט זיין עקספלואַטאָר, אפילו ווען ביים טיש האָט מען גערעדט בלויז וועגן ציון. נאָך שווערער איז געוואָרן דאָס צוציען נייע אַרבעטער צו אַזאַ מין סאָציאַל-שעטנזדיקער אָרגאַניזאַציע. דער געדאַנק וועגן „צעשיידונג" האָט געמוזט אויפקומען פון זיך אַליין.

אָבער אין דער זעלביקער ריכטונג האָט געשטויסן די אַרבעטער-ציוניסטן אַ צווייטער פאַקטאָר, אַן אויסנווייניקסטער — די רוסלענדישע אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס האָט זיך צו יענער צייט שוין שטאַרק געלאָזט פילן אין גאַנצן לאַנד, און אויך אין יידישן תחום. די אַגיטאַציע פון „בונד", וואָס האָט שוין דאַן געעקזיסטירט דעם 4-טן יאָר און מיט ערפאָלג געפירט אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע, די עקאָנאָמישע שטרייקן, וואָס זיינען געוואָרן אַלץ אָפטערע דערשיינונגען — דאָס אַלץ האָט, נאַטירליך, געווירקט אויך אויף די ציוניסטישע אַרבעטער, האָט געוועקט זייער געוויסן און ניט געלאָזן זיי זיך באַרואיקן אין שויס פון דער בירגערליך-ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

גיין צום „בונד" האָבן זיי נישט געוואָלט צוליב זיין נאָך האַלב-אַסימיליאַטאָרישן כאַראַקטער. דער 4-טער בונדישער צוזאמענפאָר (1901) האָט נאָך דעמאָלט קוים ביי זיך געפועלט צו „אָנערקענען" יידן אַלס אַ באַזונדער נאַציע, גלייכצייטיק דערקלערנדיק, אַז נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, וואָס איז גוט פאַר אנדערע מינדערהייטן, איז פאַר יידן נאָך אַ „פריצייטיקע" זאַך.

די אַרבעטער-ציוניסטן האָבן דעריבער, אַחוץ זייער ציוניזם, געהאַט אויך אַנדערע טעמים צו בילדן באַזונדערע ציוניסטיש-פראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס.

ביי די בורזשואַזע ציוניסטן איז די באַציאונג צום „סעפּאַראַטיזם" פון „זייערע" אַרבעטער געווען נישט קיין איינהייטליכע.

איינע האָבן דאָס געהאַלטן פאַר געוואונטשן, פאַרשטייענדיק, אַז אַ ריין-פראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע וועט גיכער צוציען די אַרבעטער-מאַסן צום ציוניזם איידער אַ „קאָמפּראָמעטירטע" דורך דעם באַלעבאַטישן אָנטייל. זיי פלעגן דעריבער פון צייט צו צייט קומען אויף די פועלי-ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען אַלס „פריינטליכע געסט", באַגריסן בעת אַ יום-טוב, געבן אַ געלט-שטיצע, העלפן אָפּשלאָגן די בונדישע אַטאַקעס א. ד. גל. איך געדענק, למשל, אין ווילנע, ווי דער בירגערליך-ציוניסטישער פירער, אַדוואָקאַט

ש. ראָזנבוים, פלעגט אַרויסטרעטן (אין 1902 יאָר) אויף פועלי־ציוניסטישע פאַרזאַמ־לונגען אַלס רעפערענט. איין מאָל האָב איך בייגעוואוינט אַ פועלי־ציוניסטיש־בונדיסטישע דיסקוסיע, וואו פון דער בונדישער זייט זיינען אַרויסגעטראָטן מ. ראַפעס און קלמן קראַפּיוואָניקאָוו (דער לעצטער האָט זיך געגומען דאָס לעבן אין פאַרשיקונג) און פון דער פועלי־ציונישער זייט... ש. ראָזנבוים. איך דערמאָן מיך אויך ווי באָריס גאָלדבערג, איינע פון די צענטראַלע ציוניסטישע פיגורן אין רוסלאַנד, איז אַרויס־געטראָטן מיט אַ חנוכה־רעדע אויף אַ פועלי־ציוניסטישער פאַרזאַמלונג.

פון דער אַנדער זייט האָבן אַסך ציוניסטן געמאַכט אַ פיינטליכן קבלת־פנים דעם אַרבעטער־ציוניזם. זייער קלאַסן־חוש האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז „אַ שלעכטע התחלה", אַז אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע וועט סוף כל סוף מוזן קומען צום סאָציאַליזם און צום קלאַסן־קאַמף. אַזוי האָט, למשל, דער פאַרשטאָרבענער מ. ל. ליליענבלום אויף דער ווענדונג פון דער רעדאַקציע פונם „אַרבעטער־ציוניסט" (מינסק) וועגן מיטאַר־בעטן — געענטפערט מיט אַ בייזן בריוו, וואו ער האָט שאַרף געטאַדלט די „פועלי־ציון" פאַר זייער אפזונדערונג. (דער בריוו איז געווען אָפּגעדרוקט אין איינעם פון די ערשטע נומערן פונם פעטערבורגער „פריינד" אין 1902 יאָר).

די „מינסקער" ריכטונג.

בעת איך בין אַריינגעטראָטן אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע „פועלי־ציון" (קיין אַלגעמיינער־ציוניסט בין איך קיינמאָל נישט געווען), ד. ה. זומער 1902, [1] האָט שוין העכער אַ האַלב יאָר צייט פאָרמעל עקזיסטירט אַ „צענטר" פון די פועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט זיך געפונען אין מינסק. אין „צענטר" זיינען אַריין: יצחק בערגער (היינט איינער פון די בירגערליך־ציוניסטישע אָנפירער אין מינסק), אַברהם רובענטשיק (איצט אין אַמעריקע), אברהם לאַפידעס (איצט אין ראַטן־רוסלאַנד), אברהם גרינהויז, דאַכט זיך אויך יאָסל גאָלדבערג (היינט אַ מיטגליד פון דער פאָלקס־פּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד) און חייקע קאַן (איצט אַ מיטגליד פון די „פועלי־ציון" אין אַמעריקע).

פאַקטיש אָבער האָט דער „צענטר" אַזוי גוט ווי גאָר נישט געטאָן. קיין פאַרבינ־דונג מיט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס האָט ער נישט אונטערגעהאַלטן; ער האָט פון זיי גאָר נישט ניט געפאָדערט און זיי כמעט גאָר נישט געגעבן. איך געדענק, מיט וואָס פאַר אַ פאַרביטערונג און ליידנשאַפט בערגער איז אַטאַקירט געוואָרן אויף אַ זיצונג פון ווילנער קאָמיטעט פאַר דער פולשטענדיקער אומטעטיקייט פון „צענטר".

דאָס איינציקע, וואָס דער „צענטר" האָט יאָ געטאָן, איז געווען דאָס אַרויסגעבן דעם ליטאָגראַפירטן זשורנאַל „דער אַרבעטער־ציוניסט", וועלכער האָט קוים דערלעבט ביזן 2־טן נומער.

דער ווירקונג־קרייז פון מינסקער „צענטר" איז דאַן געווען, אַ חוץ מינסק: באָבּ־רויסק, גראָדנע, ביאַליסטאָק, באָריסאָוו און טיילווייז ווילנע. מיט די דרום־ווייסרוסלענ־דישע שטעט און אַפשיטא שוין מיט פוילן און אוקראינע האָט ער קיין מגע־ומשא ניט געהאַט.

---

1) די ווילנער אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1901־טן יאָר און האָט די ערשטע צייט עקזיס־טירט אונטערן נאָמען „בני־משה"; אין אָנהויב 1902 האָט זי זיך אַ נאָמען געגעבן „פועלי־ציון".

דער געדאַנקען־גאַנג פון דער „מינסקער" ריכטונג איז געווען אַזאַ: דער ציוניזם איז אַ נאַציאָנאַלער אידעאַל, וואָס איז גלייך נוגע אַלע קלאַסן פונם ייִדישן פאָלק; ער וועט פאַרענטפערן ראַדיקאַל די ייִדן־פראַגע, שאַפנדיק אַ ייִדישע מלוכה, וואוהין עס וועט עמיגרירן די ווייט־גרעסטע מערהייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון דער גאַנצער וועלט. אין די גלות־לענדער האָבן ייִדן קיין שום צוקונפט ניט. די ייִדישע באַטייליקונג אין דער רעוואָלוציע קאָמפּראָמעטירט נאָר די לעצטע, אַרויסשטעלנדיק איר אין די אויגן פון דער ניט־ייִדישער באַפעלקערונג אַלס אַ „זשידאָווסקע אינטריגע". די ייִדישע אַרבעטער האָבן גאָר נישט וואָס צו וואַרטן פון דער רעוואָלוציע: די גרעס־טע דעמאָקראַטיזאַציע פון רוסלאַנד וועט עקאָנאָמיש ניט פאַרבעסערן די ייִדישע לאַגע. ווען „פּראַוועס" וועלן שוין דערגרייכט ווערן, וועלן זיי בלייבן בלויז אויפן פּאַפּיר. סאָציאַליזם איז טאַקע אַ שיינער אידעאַל; אָבער די ייִדישע אַרבעטער וועלן זיך קאָנען מיט סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע פאַרנעמען ערשט אויף דער ייִדישער טעריטאָריע. ביי ייִדן זיינען אין גלות די קלאַסן נישט שאַרף דיפערענצירט; דעריבער איז אוממעגליך צו פירן אַ קלאַסן־קאַמף אין ברייטן זינען פון וואָרט. עס דאַרפן געפירט ווערן בלויז עקאָנאָמישע שטרייקן אויף צו פאַרבעסערן די אַרבעטער־לאַגע.

דער דאָזיגער אַפּאָליטיזם, די טיפע גלייכגילטיקייט צום סאָציאַל־פּאָליטישן קאַמף איז ביי דער „מינסקער" ריכטונג געווען געמיינזאַם מיט די אַזוי גערופענע „ניעזאַ־וויסימצעס" (אָדער „לעגאַליזאַטאָרן" אָדער „זובאַטאָווצעס" 1) ווי מע האָט זיי גערופן אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן).

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז גראָד די ערשטע פועלי־ציוניסטישע פאַרזאַמלונג, אין וועלכער איך האָב זיך באַטייליקט (אַלס פּאַסיווער צוהערער), איז געווען געווידמעט דער דיסקוסיע וועגן „ניעזאַוויסימסטוואָ". אַלס רעפערענט איז אַרויסגעטראָטן יודע וואָלין, וועלכער איז ספּעציעל צוליב דעם געקומען קיין ווילנע צוזאַמען מיט דער געוועזענער בונדיסטקע מאַניע וווילבושעוויטש (היינט אַ ציוניסטקע אין פּאַלעסטינע). אָבער אין ווילנע האָבן זיי געהאַט אַ קנאַפּן ערפאָלג. פון די באַטייליקטע אין דער דיסקוסיע האָט בלויז איין פּסח סראָעלאָוו (אַ ליטאָגראַפיסט; איצט אַ ציוניסט) פאַר־גומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו וואָלינס „טעזיסן", אויסדריקנדיק זיך, אַז די באַ־וועגונג פון די „ניעזאַוויסימצעס" איז אַן אתחלתא דגאולה. די איבעריקע רעדנער האָבן אָדער זיך געהאַלטן אין רעזערוו, אָדער זיך אַרויסגעזאָגט גאַנץ נעגאַטיוו. די שפּעטער־דיקע דיסקוסיעס האָבן די שאַנסן פון די „אומאָפּהענגיקע" נאָך פאַרקלענערט. אַגב האָבן זיי זיך בכלל ווייניק געהאַלטן אויף דער פּאָליטישער אַרענע.

דעם לעצטן קלאַפּ, דעם טויט־קלאַפּ, האָט זיי דערלאַנגט דער קישענעווער פּאָג־ראָם, וואָס האָט בולט באַוויזן דעם מערדערישן פּנים פונם צאַריזם. די „אומאָפּהענגיקע" האָבן געהאַט דעם מוט זיך אַליין אָנצוטאָן אַ פּאָליטישע מיתה: נישט לאַנג נאָכן קי־שענעווער פּאָגראָם האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע, וואו זיי האָבן מודה געווען, אַז זיי זיינען געגאַנגען אויף אַ פאַלשן וועג און דערפאַר ליקווידירן זיי זייער „פּאַרטיי".

1) „ניעזאַוויסימצעס" — נעמט זיך פון רוסישן נאָמען פון זער פּאַרטיי: „ניעזאַוויסימאַיאַ ראַ־באָטשאַיאַ פּאַרטיאַ" (אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי). „לעגאַליזאַטאָרן" — שטאַמט דערפון, וואָס זייער לאָזונג איז געווען צו לעגאַליזירן ביי דער פּאָליציי זייערע אָרגאַניזאַציעס, די שטרייקן, די קאַסעס. „זובאַטאָוו־צעס" האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבן צוליב זייער חשדפולער נאָענטקייט צום מאָ.קווער זשאַנדאַרמען־שעף פּול־קאָווניק זובאַטאָוו.

אָבער אפילו נאָך זייער טויט האָבן זיך נאָך אַ לאַנגע צייט געלאָזט פילן אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס די טרויעריקע פאָלגן פון זייער אַרבעט. זיי האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזן אַ פּסיכאָלאָגישע ירושה; זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דער ווירקונג פון די מינסקער פועלי־ציון, ביי וועלכע דער אַפּאָליטיזם האָט זיך געהאַלטן גאַנץ לאַנג אַ דאַנק דער אידעישער „באַגרינדונג". עס איז געווען נויטיק 4 יאָר אָנגעשטרענגטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף (1903—1907), מע האָט געמוזט זען מיט די אויגן דעם — זאָל זיין קורצוויייליקן — נצחון פון דער רעוואָלוציע אין אָקטאָבער 1905, כדי עס זאָל ענד־גילטיק אויסגעוועבט ווערן די אַפּאָליטישע שטימונג אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. (ערשט אין 1907 האָט, ווי באַוואוסט, די „יידישע טעריטאָריאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי" אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן קאַמף און אַריינגעטראָטן אין ס. ס.).

ערשטע פּרווון פון קאָנצענטראַציע.

אַ געוויסע באַדייטונג פאַרן אויפקלייבן די צעוואָרפענע כחות פון דער אַרבעטער־ציוניסטישער באַוועגונג האָט געהאַט דער אַלרוסלענדישער ציוניסטישער צוזאַמענפאָר אין מינסק אין אויגוסט 1902. אין פלעווע'ס צייטן איז אַ לעגאַלער יידישער צוזאַמענ־פאָר געווען אַן אויסערגעוויינליכע דערשיינונג, וואָס האָט צוגעצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. אויפן צוזאַמענפאָר זיינען געקומען אַ היפּש ביסל דעלעגאַטן אַרבע־טער־ציוניסטן 1); אַ סך פון זיי האָבן זיך ערשט דאָ דערוואוסט, אַז אויך אַנדערש וואו זיינען דאָ „פועלי־ציון". קיין איין איינהייטליכע אָרגאַניזאַציע איז דאָ נאָך נישט גע־שאַפן געוואָרן; אָבער דער געדאַנק וועגן שאַפן אַזאַ מין פאַראייניקונג איז שוין פון דאַנען פאַנאַנדערגעטראָגן געוואָרן אין אַלע עקן רוסלאַנד.

די ערשטע פּרווון צונויפצוזאַמלען די צעוואָרפענע פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע כוחות זיינען געמאַכט געוואָרן אין 1903־טן יאָר.

כראָנאָלאָגיש איז די ערשטע געווען די ר אָ װ נ ע ר באַראַטונג, אָנהויב פרילינג 1903, נאָך פאַרן קישענעווער פּאָגראָם. נאָר מיר אין ליטע און ווייסרוסלאַנד האָבן, — אַחוץ אַ פּאָר איינצלנע פּערזאָנען — וועגן איר קיין אַנונג נישט געהאַט.

פאַר אונז האָט אַ צייט מיט יאָרן געגאָלטן אַלס ע ר ש ט ע באַראַטונג — די, וועלכע איז פאָרגעקומען אין ווילנע, אין יוני 1903.

די ווילנער באַראַטונג.

דאָס איז געווען ניט לאַנג נאָכן קישענעווער פּאָגראָם, וועלכער האָט געמאַכט אַזאַ געוואַלטיקן איינדרוק אויף דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט. פון איין זייט האָט ער, ווי יעדער פּאָגראָם, בולט אונטערגעשטראָכן די אומנאָרמאַלע לאַגע פון יידישן פאָלק, אַלס אַ צעזייטע און צעשפּרייטע מינדערהייט, און האָט אויף אַזאַ אופן פאַרשטאַרקט די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע.

1) דאָרטן זיינען געווען נחום ש ט י ף (איצט אַ פּאָלקיסט), בן־אַדיר (איצט אַ רעכטער „פאַראייניקטער"), טשעסקעס (שפּעטער אַ בונדיסט), שמעון דאָבין (איצט אַ רעכטער בונדיסט), אברהם קונין (איצט אומפּאַרטייאיש), יעקב לעשצינסקי, יודע נאָוואַקאָווסקי („ירמיה"), בערגער, רובענטשיק, לאַפּידעס, חייקע קאַן א. אנד.

פון דער אַנדער זייט האָט אָבער דער פאַקט, וואָס די דירעקטע אָרגאַניזאַטאָרן פון כּאָגראָם זיינען געווען אַגענטן פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, אַרויסגערופן אַ שרעקליכן האַס און נקמה-געפיל בנוגע דעם צאַריזם.

אויבּ פריער זיינען בלויז די אוקראַינישע און טיילווייז די פּוילישע פּועלי-ציון געווען רעוואָלוציאָנער-געשטימט, האָט איצט דער געדאַנק וועגן דער נויטיקייט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף געגומען ביסלעכווייז אַריינדרינגען אויך צווישן די מער אָדער ווייניקער אַפּאָליטישע פּועלי-ציון פון ליטע, ווייסרוסלאַנד און לאָטוויע.

די דאָזיקע נייע שטימונג האָט אויך געפונען אַ געוויסן אויסדרוק אויף דער ווילנער באַראַטונג.

אין איר האָבּן זיך באַטייליקט: פון ווילנע: אברהם קונין, ברוך יצחק טאָנטאַק (שפּעטערדיקער זיץ-רעדאַקטאָר פון צענטראַל-אָרגאַן פון „ס. ס.“ „דאָס וואָרט“ איצט אין אַמעריקע), מאַרקל אַראָנאָוויטש (שפּעטער אַריבער אין בונד), חיים מערקין (היינט נאָך טעטיק אַלס „פּאַראייניקטער“), מענדל קאַנטאָר (איצט אומפּאַרטייאיש), פּסח סראָעלאָוו (איצט אַ ציוניסט) און איך; פון מינסק: רובענטשיק, בערגער, לאַפּידעס. פון דווינסק: אַלטער יאָפּע (פּסעוודאָנים „פּיניע“; איצט אין אַמעריקע אַ מיטגליד פון דער סאָצ. פעדעראַציע) און זלמן אַבראַמסאָן (איצט אומפּאַרטייאיש). פון וואַרשע: יעקב לעשצינסקי און שלמה זוסמאַן. פון באָברויסק — דאַווידזאָן; פון האָמלע — אַלטער מאַכנאָוויטש; פון מאָהילעוו — סלאַווין און יודע פּינעס; פון קרעסלאַווקע — שמואל גאָלדבערג (איצט אַ סימפּאַטיקער פון ציוניזם); פון קאָוונע — לאה (דעם פאַמיליע-נאָמען געדענק איך נישט, איצט אין אַמעריקע); פון גראָדנע — נח באַס (היינט אַ ציוניסט), פון לידע — פאַניע גינצבורג.

פון קאַטערינאָסלאַוו און וויטעבסק זיינען קיין דעלעגאַטן אין גאַנצן נישט געווען. פון קיעוו איז צו דער צייט פון דער באַראַטונג געקומען קיין ווילנע בעניע פרידלאַנד, איינער פון די ערשטע „וואָזראָזשדענצעס“, שפּעטער איינער פון די הויפּטטוער פון דער ייִד. סאָצ. אַרב.-פּאַרטיי (י. ס.). ער האָט זיך אין דער באַראַטונג גופא נישט באַטייליקט; ער איז אָבער די גאַנצע צייט געווען, אַזוי צו זאָגן, אין די „קולואַרן“, אַגיטירנדיק פאַרן פּאָליטישן קאַמף און פאַר באַוואָפנטער זעלבסטשוץ.

אויף דער באַראַטונג האָבּן צווישן זיך געקעמפּט גאַנצע 3 ריכטונגען. די הערשנדיקע ריכטונג, פאַרטיידיקט דורך רובענטשיקן, איז געווען די „מינסקער“, וועלכע מיר האָבּן שוין אויבּן כאַראַקטעריזירט. אַחוץ די מינסקער דעלעגאַטן גופא האָט זי געהאַט אָנהענגער ביי אַ מינדערהייט ווילנער, ביי די מאָהילעווער, דעם באָברויסקער, דעם גראָדנער און, דאַכט זיך, אויך ביי דעם לידער.

די 2-טע ריכטונג איז געווען די „דווינסקער“, רעפּערירט דורך אַלטער יאָפּען דעם מחבר פון דער פריער אין דווינסק שוין דערשינענער (ליטאָגראַפירטער) בראָשור „די עיקרים פון ציוניזם פאַר ייִדישע אַרבעטער“. די דאָזיקע ריכטונג איז שוין געווען אַן אויסגעשפּראָכן-סאָציאַליסטישע, האָט אָנערקענט ביי ייִדן אַ קלאַסן-צעטיילונג מיט קעגנזייטיקע קלאַסן-אינטערעסן, האָט געפירט אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע; זי האָט אָבער פאַרנומען אַ וואַקלדיקע פּאָזיציע בנוגע דער פראַגע פון פּאָליטישן קאַמף. סימפּאַטיזירנדיק שטאַרק מיט דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט זי אָבער געהאַלטן, אַז דער נוצן, וואָס די רוסלענדישע רעוואָלוציע וועט ברענגען דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, איז ניט אַזוי גרויס, אַז ער זאָל מיט דער גאַנצער אַקטיוו-

קייט זיך וואַרפן אין קאַמף. די מאָס פון דער רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויקייט דאַרף דעריבער אין יעדן איינציקן פאַל זיין אָפּהענגיק פון דעם נוצן, וואָס דער אַקט ברענגט דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט.

צו דער דווינסקער — אָדער „ציוניסטיש=סאָציאַליסטישער” — ריכטונג האָבן געהערט אַחוץ די דווינסקער דעלעגאַטן אויך אַ טייל ווילנער, דער קאָוונער, קרעסלאַווקער און אויף וויפיל איך געדענק, אויך דער האָמלער דעלעגאַט.[1]

די דריטע, די לינקסטע ריכטונג האָט נישט געהאַט קיין „טעריטאָריאַלן” נאָמען. זי האָט געהייסן די „פּע=קאַ=ישע”, ד. ה. די ריכטונג, וואָס פּרעדיקט פּאָליטישן קאַמף („פּ. ק.”).

די הויפּט=דיסקוסיע איז פאָרגעקומען צווישן ביידע עקסטע פליגלען — דעם „מינסקער” און פּע=קאַ=ישן.

נישט ביי ייִדן דאַרף מען פּרעדיקן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, — געדענק איך, האָט זיך געבייזערט רובענטשיק — וואָרים וואָסער ייִד איז דאָס נישט קיין רעוואָלוציאָנער? אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער ייִדישער רעוואָלוציאָנערער קאַמף, בעת אַז ייִדן זיינען אַ מינדערהייט און ייִדישע אַרבעטער אַרבעטן בלויז אין דער קליין=פּראָדוקציע? איצט מוז מען קאָנצענטרירן אַלע כחות פונם ייִדישן פאָלק אויף איין אויפגאַבע — פאַרווירקליכן דעם ציוניזם. ערשט דערנאָך וועלן מיר זיך קאָנען נעמען צום קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, צו דער אמתער ייִדישער רעוואָלוציע.

אויף קונינס טענות, אַז מע טאָר ניט בלייבן קיין גלייכגילטיקער צוקוקער, בעת עס גייט אַ קאַמף צווישן דעם צאַריזם און פּראָלעטאַריאַט, האָט ער געענטפערט: אין אַנטשיידענעם מאָמענט, בעת אויף די גאַסן וועלן שוין שטיין באַריקאַדעס, עס וועט שוין גיין דער אוממיטלבאַרער קאַמף פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפובליק, וועט מיין אָרט זיין בלתי=ספק אויף דער באַריקאַדע, אָבער ביז דאַן וועט נאָך אַוועקגיין ניט איין צענדליק יאָר. און אָנשטאָט אַזאַ לאַנגע צייט צו פאַרנעמען זיך מיט דער אומפּרוכטבאַרער ביי ייִדן — רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע דאַרפן מיר בעסער אָפּגעבן די כחות פאַרן ציוניזם.

ניט קוקנדיק אויף דער גאַנצער אַגיטאַציע פון די פּע=קאַ=יסטן, האָבן זיי מער ווי 3 שטימען (קונין, לעשצינסקי, זוסמאַן) נישט געקאָנט אויפקלייבן. דער גרעסטער מערהייט דעלעגאַטן האָט פּסיכאָלאָגיש געשטערט אָנצונעמען דעם פּאָליטישן קאַמף... דער בונד. זיי האָבן געטענהט: אויב מיר זאָלן אָננעמען דעם אַקטיוון פּאָליטישן קאַמף, איז וואָס פאַר אַ חילוק וועט בלייבן צווישן אונז און דעם „בונד”?

די רעזאָלוציעס פון דער ווילנער באַראַטונג האָבן נישט דערלעבט צו זען די ליכטיקע שיין. ביים אָפּפאָרן פון ווילנע זיינען רובענטשיק און בערגער, וועלכע האָבן ביי זיך געהאַט די רעזאָלוציעס, געוואָרן אויפן וואָקזאַל אַרעסטירט; און הגם מע האָט זיי באַלד באַפרייט, אָבער די מאַטעריאַלן פון דער באַראַטונג האָט מען זיי, נאַטירליך,

1) איך פּערזענליך האָב שוין אַ היפּשע צייט פאַר דער באַראַטונג געפּרעדיקט אין ווילנע די „דווינסקער” פּרינציפּן. דער ערפאָלג פון דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע האָט אָפּגעשטויסן פון פּועלי־ציוניזם דעם איצט באַוואוסטן דראַמאַטורג פּרץ הירשביין; ער האָט איינגעפונען, אַז דער סאָציאַליזם, וועלכער שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין בלוטיקער איבערקערעניש, איז נישט קיין מאָראַלישע אידעע. זייענדיק פריער אַ טעטיקער מיטגליד פון ווילנער אָרגאַניזאַציע „פּועלי־ציון” אין משך פון 1902 און אָנהויב 1903, איז ער צוליב אונזער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע אַרויסגעטראָטן פון דער באַוועגונג.

נישט אומגעקערט. עס איז בלויז באַרייכערט געוואָרן דער אַרכיוו פון דער ווילנער זשאַנדאַרמישער פאַרוואַלטונג.

די ווילנער באַראַטונג האָט קיין דירעקטע רעזולטאַטן נישט געגעבן. אמת, פאַר־מעל איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ צענטער, וואָס האָט פרעטענדירט אויף אַלרוסלענדיש־קייט, אָבער אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ מערהייט פון דער רעכטסטער „מינסקער" ריכ־טונג (און דערצו נאָך איז זיין זיץ־אָרט טאַקע אויך געווען אין מינסק) האָט ער ניט אַרויסגערופן קיין צוטרוי ביי די איבעריקע 2 ריכטונגען (די „פּע־קאַ־עניקעס" זיינען, אגב, שוין לכתחילה ניט אַריין אינם מינסקער צענטראַל־ביוראָ).

דער אויסגעקליבענער אויספיר־אָרגאַן איז דעריבער פאַקטיש פאַרבליבן אַ ריין־פראַקציאָנערער צענטער, וואָס האָט גרופירט בלויז די רעכטע אָרגאַניזאַציעס (פון מינסק, באָברויסק, באָריסאָוו, גראָדנע, ביאַליסטאָק), וועלכע האָבן שפּעטער געבילדעט די „ייִדישע טעריטאָריאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי" („יִטאַפּיסטן" אָדער „מינסקער פּועלי־ציון").

די לינקערע אָרגאַניזאַציעס — די „דווינסקער" און די „פּע־קאַ־יִסטישע" האָבן זיך איבערצייגט, אַז מיט די „מינסקער" וועלן זיי זיך נישט צונויפריידן, און האָבן דע־ריבער אָנגעהויבן זוכן מיטלען, ווי אַזוי צונויפצוזאַמלען בלויז די לינקע אַרבעטער־ציוניסטישע עלעמענטן.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז ניט קיין גרינגע זאַך. די קאָנסאָלי־דאַציע האָט זיך אָנגעטראָפן מיט אַן אומגעריכטער פּראָגראַמאַטישער מניעה.

דער קירצליך פאָרגעקומענער 6־טער ציוניסטישער קאָנגרעס (באַזעל, אויגוסט 1903) האָט געבראַכט מיט זיך אַ נייַ פּראָבלעם, וואָס האָט צעטיילט דעם פּראָלעטאַרישן (פּונקט ווי דעם בירגערליכן) ציוניזם אויף גאָר אַ נייער שטרייט־ליניע.

די אוגאַנדע־פּראַגע.

ביזן 6־טן קאָנגרעס האָט זיך כמעט קיין ציוניסט — אַלץ איינס פון וואָסער קאָליר — גאָרנישט געשטעלט די פראַגע: וואָס איז דער פּשט „ציוניזם"? צי הייסט דאָס: שטרעבן צו אַ ייִדישן טעריטאָריאַלן צענטער בכלל (ווי עס האָט למשל געהאַלטן דר' הערצל, בעת ער האָט געשריבן זיין ביכל „די ייִדישע מלוכה", אָדער נאָך פריער דר' פּינסקער אין זיין „אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע") אָדער מע מיינט עס טאַקע פּשוטו כמשמעו — שטרעבן צו „ציון", צו פּאַלעסטינע?

די ראָל פון אַ רעאַקטיוו, וואָס האָט אויפגעדעקט דעם כאַראַקטער פון יעדערנס ציוניסטישן אַני־מאמין, האָט געשפּילט די אוגאַנדע־פּראַגע.

צו דער צייט פונם 6־טן ציוניסטישן קאָנגרעס איז שוין פון איין זייט געוואָרן קלאָר, אַז דר' הערצלס גאַנצער דיפּלאָמאַטישער טאַלענט איז דאָך נישט בכח אַרויס־צובאַקומען פונם טערקישן סולטאַן פּאַלעסטינע פאַר ייִדן; הערצל אַליין האָט אויפן קאָנגרעס מיט אַ געבראָכענעם געמיט דערקלערט, אַז „די הויכע פּאָרטע" איז פאַר אונז פאַרמאַכט".

פון דער אַנדערער זייט האָט דער קישענעווער פּאָגראָם אין אַ גרויסער מאָס

פאַרשטאַרקט די ייִדישע עמיגראַציע — און פאַר דער ייִדישער געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואוהין זאָל די פאַרגרעסערטע עמיגראַציע גיין? צי איז ניט מעגליך צו געפינען כאָטש אַ דערווייליקן מקום=מנוחה אין אַן אַנדער לאַנד „ביז וואַנען מיר וועלן קריגן פאַלעסטינע"?

דאָ איז צו דער רעכטער צייט געקומען דער פאָרשלאַג פון דער ענגלישער רעגירונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (אַלס צו דער גרעסטער אַלוועלטליכער ייִדישער חברה) צו קאָלאָניזירן איר מזרח=אַפריקאַנישע קאָלאָניע אוגאַנדע. דערביי האָט זי צוגעזאָגט צו געבן די ייִדישע קאָלאָניסטן אַ געוויסע אויטאָנאָמיע.

ווען הערצל מיט נאָרדויען זיינען געקומען צום 6=טן קאָנגרעס מיטן דאָזיקן פאָרשלאַג און האָבן פאָרגעלייגט אַוועקצושיקן קיין אוגאַנדע אַן אויספאָרש=עקספעדיציע, וואָס זאָל זיך באַקענען מיט דער צוגעפאַסטקייט פון לאַנד פאַר אַ ייִדישער קאָלאָניזאַציע, האָט זיך דער קאָנגרעס צעטיילט אויף 2 מחנות, אויף „יאָ=זאָגער" און „ניין=זאָגער". אונטערן דרוק פון הערצלען, נאָרדוין און אייניקע אַנדערע ציוניסטישע פירער און אַ דאַנק דעם, וואָס דער פאָרשלאַג איז געקומען פאַר די „ניין=זאָגער" אינגאַנצן אומגעריכט, האָט זיך די מערהייט פון קאָנגרעס אַרויסגעזאָגט פאַר שיקן אַן עקספעדיציע קיין אוגאַנדע. אָבער די — גאַנץ היפשע — מינדערהייט (דאָס רוב אַלטע חובבי ציון) האָט אין דעם איינגעזען אַ „פאַרראַט פונם ציוניסטישן אידעאַל". שוין אויפן קאָנגרעס האָבן זיך אָפגעשפילט גענוג היסטערישע סצענעס. נאָר דער הויפט=קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָכן קאָנגרעס. די גאַנצע ציוניסטישע מאַסע האָט זיך צעשפאָלטן אויף 2 לאַגערן — „אוגאַנדיסטן" און „ציוני=ציון".

דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אין די פראָלעטאַריש=ציוניסטישע רייען. אויב ביי די בירגערליכע ציוניסטן זיינען פרינציפיעלע טעריטאָריאַליסטן געווען זייער ווייניק, און די גרעסטע מערהייט האָט, בלייבנדיק „פרינציפיעל פאַלעסטיניש", געהאַלטן אוגאַנדע בלויז פאַר אַ מין דערווייליקע אכסניה (אַ נאַכט=אַזיל, ווי נאָרדוי האָט עס אַ נאָמען געגעבן,) — זיינען די פראָלעטאַרישע „יאָ=זאָגער" כמעט אַלע אַרויסגעגאַנגען פון אַ פרינציפיעל=טעריטאָריאַליסטישער פאָזיציע. „נישט קיין הייליק לאַנד, נאָר אַ פריי לאַנד" איז געווען זייער דעוויז.

אין דער רעאַליסטיש=מתנגדישער ליטע און ווייסרוסלאַנד, וואו די פראָלעטאַרישע ציוניסטן האָבן אַלע מאָל מער אָדער ווייניקער מאַטעריאַליסטיש באַגרינדעט זייער נאַציאָנאַלן אידעאַל, איז דער אַריבערגאַנג פון פאַלעסטיניזם צום טעריטאָריאַליזם אָנגעקומען גאַנץ גרינג (בלויז אין ווילנע און אין וויטעבסק האָט זיך די דיסקוסיע לאַנג געצויגן) — פאַרקערט אין דער חסידיש=ראָמאַנטישער אוקראַינע האָט די אוגאַנדע=פראַגע אַרויסגערופן אויך אין די פועלי=ציוניסטישע קרייזן אַ שווערן קריזיס. איינע זיינען אין גאַנצן אַוועק פון ציוניזם; אַנדערע האָבן גענומען אָפרוקן דעם ציוניזם (טעריטאָריאַליזם) אין דער גאָר ווייטער צוקונפט, אַרויסשטעלנדיק דערפאַר אַ ברייט נאַציאָנאַל=אויטאָנאָמיסטיש פראָגראַם (די שפעטערדיקע „סיימיסטן"); די דריטע זיינען געוואָרן אַקטיווע אוגאַנדיסטן=טעריטאָריאַליסטן, האַלטנדיק פאַר מעגליך, צוליבן וויכטיקן ציל פון באַקעמפן די רעאַקציאָנער=ראָמאַנטישע „ציוני=ציון" (מיט אוסישקינען בראש), צו פירן אַ געמיינזאַמע טעריטאָריאַליסטישע טעטיקייט מיט די בירגערליכע טעריטאָריאַליסטן (אַ טייל פון די שפעטערדיקע ס. ס.); די פערטע האָבן געזוכט מיט „פראָלעטאַרישע" מאָטיוון צו באַגרינדן זייער „דוקא=פאַלעסטינע" (שפעטערדיקע „סאָציאַל=דעמאָקראַטישע פועלי=ציון") א. אז. וו.

רעוואָלוציאָניזירונג.

אָבער די אוגאַנדע־דיסקוסיע האָט ביי איר גאַנצער ליידנשאַפטליכקייט דאָן אפילו אויף אַ האָר נישט אָפּגעשוואַכט די אַלטע דיסקוסיע וועגן פּאָליטישן קאַמף. אדרבא! דער שטרייט אַרום דער לעצטער פראַגע האָט זיך נאָך באַדייטנדיק פאַרשאַרפט. און דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירליך.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז אין לאַנד שנעל געוואַקסן. עס זיינען פאַרגעקומען — דער עיקר אין צענטראַל־רוסלאַנד און אין אוקראַינע — גראַנדיעזע אַרבעטער־שטרייקן; איבער אַ טייל אוקראַינע איז אַריבער אַ שטורמדיקע כוואַליע פון פּויערים־בונטן; כמעט אין אַלע אוניווערסיטעטן זיינען אויסגעבראָכן סטודענטישע „אומרועןˮ; און וואָס מער פלעוועס אייזערנע האַנט האָט געשטיקט דאָס לאַנד, אַלץ מער איז געוואַקסן די אומצופרידנקייט, וואָס האָט געשטויסן די אינטעליגענץ אין די רייען פון קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום. עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי (וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך אין 1898־טן יאָר); עס האָט זיך ענדגילטיק אָרגאַניזירט די פּראָלעטאַריש־פּויערישע פּאַרטיי פון „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערןˮ; עס איז אויסגעוואַקסן אַ בורזשואַזי־ליבעראַלע אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונג, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום סטרוּוועס אומלעגאַלן אָרגאַן „אָסוואָבאָזשדעניעˮ, (אַרויסגעגאַנגען אין שטוטגאַרט) און וואָס האָט באַקומען אַ ווירקונג אין די זעמסטוועס און אין די שטאָט־דומעס א. א. וו.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט געמוזט געפינען אַלץ מער אָפּקלאַנג אויך אויף דער יידישער גאַס, וואָס אויף איר האָט זיך דאָך אויסגעגאָסן די גרעסטע תוכחה פון די צאַרישע מערדערייען. די רעפּרעסיעס האָבן געשטויסן אין אָפּאָזיציאָנעלן לאַגער אפילו די יידישע בורזשואַזיע און איר אינטעליגענץ; אַ פּשיטא שוין די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געליטן פון דער זעלבסטהערשונג אי אַלס עקספּלואַטירטער קלאַס אי אַלס גערודפט פאָלק.

דער אַקטיווער אָנטייל פון דער רעגירונג אינם קישענעווער פּאָגראָם האָט די רעוואָלוציאָנערע שטימונג אומגעהויער פאַרשטאַרקט און געשטויסן אין לאַגער פון דער רעוואָלוציע אַלע אַקטיווערע און ענערגישערע עלעמענטן פון דער יידישער יוגנט.

אַ געוויסע ווירקונג אויף די אַרבעטער־ציוניסטן האָט דערביי געהאַט אויך די בונדישע אַגיטאַציע. צווישן די פּראָלעטאַרישע ציוניסטן און בונדיסטן פלעגן פאָרקומען אומאויפהערליכע ליידנשאַפטליכע דיסקוסיעס. אויב פון איין זייט האָבן די ויכוחים מיטגעהאָלפן צום אויסקריסטאַליזירן ביים „בונדˮ אַ באַשטימט נאַציאָנאַל פּראָגראַם 1), האָבן זיי פון דער אַנדער זייט מיטגעווירקט צום שאַפן ביי די אַרבעטער־ציוניסטן אַ רעוואָלוציאָנער פּראָגראַם.

צו אונז, אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, זיינען די ערשטע רעוואָלוציאָנערע שוואלבן געקומען צופליען פון דרום. איך געדענק נאָך דעם רושם, וואָס עס האָט אויף אונז געמאַכט דער אויפרוף פון דער קיעווער גרופּע „מאָלאָדוי איזראַילˮ (יונג־

---

1) וועגן דעם דערציילט אונז אָפנהאַרציק דער בונדישער געשיכטעשרייבער אַליין אין די „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונגˮ (רוסיש), אַרויסגעגעבן דורכן בונדישן רוסישן פאַרלאַג „טריבונאˮ.

ישראל) און איר בראָשור: „וואָס לערנט אונז דאַשעווסקיס אָנפאַל?" (רוסיש), וועלכע זיינען געווען פון איין זייט דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקע נאַציאָנאַלע שטימונג און גלייכצייטיק מיט אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם.

די רעוואָלוציאָנערע שטימונג איז באַזונדערס שטאַרק געווען אין יענע ראַיאָנען, וואו די ניט־יִדישע אַרבעטער און פויערים האָבן שוין גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן קאַמף, אין אוקראַינע, פּוילן, לאַטוויע און אין די מיט זיי זיך גרענעצנדיקע שטעט. די ערשטע פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויפן רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט, זיינען דעריבער געווען: קיעוו, קאַטערינאָסלאַוו, האָמלע פון איין זייט, און וואַרשע פון דער אַנדער זייט; שפּעטער ריגע און דווינסק.

פאַרקערט, אין יענע קאַנטן, וואו קיין ניט־יִדישע אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך דאַן כמעט ווי ניט געווען (ווייסרוסלאַנד), אָדער וואו זי איז נאָך געווען אין די ווינקעלעך (ליטע), איז די רעוואָלוציאָנערע שטימונג ביי די פּראָלעטאַרישע ציוניסטן געוואַקסן גאַנץ לאַנזאַם. אַזוי זיינען די רעכטסטע פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס געווען, ווי געזאָגט, מינסק, באָברויסק, באָריסאָוו, גראָדנע, ביאַליסטאָק.

אַ מיטעלע פּאָזיציע האָט פאַרנומען ווילנע, וואו די דיסקוסיע וועגן פּאָליטישן קאַמף האָט זיך צונויפגעמישט מיטן וויכוח „פּאַלעסטיניזם־טעריטאָריאַליזם" און וואו ערשט דאָס אַוועקגיין פון די פּאַלעסטיניסטן האָט געמאַכט מעגליך פאַר דער אָרגאַניזאַציע אָנצונעמען אַ רעוואָלוציאָנער פּראָגראַם.

חילוקי־דעות.

אָבער מיטן פאַרענטפערן די דערמאָנטע צוויי פראַגן — ריינער טעריטאָריאַליזם און פּאָליטישער קאַמף — זיינען נאָך די חילוקי־דעות אינם פּראָלעטאַרישן ציוניזם ניט אינגאַנצן אויסגעגלייכט געוואָרן. אין משך פון דער דיסקוסיע זיינען אַנטשטאַנען נייע שטרייט־פראַגן הן טעאָרעטישע, הן פּאָליטישע.

טעאָרעטיש איז דער וויכוח געגאַנגען, ערשטנס, אַרום דער פראַגע — „איין פּלאַן אָדער צוויי?" דער פשט דערפון איז געווען: צי איז דאָס „געגנוואַרטס־פּראָגראַם", — דאָס הייסט דער פּאָליטישער קאַמף פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק אין רוסלאַנד, די פּראָפעסיאָנעלע, קולטורעלע א. אַ. טעטיקייט — צי איז דאָס אַלץ אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן ציוניזם, אַזוי אַז אָן דעם דאָזיקן קאַמף איז דער אידעאַל ניט רעאַליזירבאַר און דער דאָזיקער קאַמף מוז פירן צום ציוניזם („איין פּלאַן"), אָדער — דער קאַמף אויפן אָרט און די אַרבעט פאַרן ציוניזם זיינען צוויי פּאַראַלעלע טעטיקייטן, וואָס באַפרידיקן פאַרשיידענע באַדערפענישן פון יִדישן פּראָלעטאַריאַט און זיינען איינע פון דער אַנדערער ניט אָפּהענגיק („צוויי פּלאַכן").

די ערשטע מיינונג האָט געהאַט אָנהענגער דער עיקר אין וואַרשע. די צווייטע מיינונג האָט געשטאַמט פון דר' נחמן סירקין און איז פאַרטיידיקט געווען דורך דער „דווינסקער" ריכטונג.

נאָך גרעסערע דיסקוסיעס האָט אַרויסגערופן די פראַגע וועגן דער רעאַליזירונג פון טעריטאָריאַליזם — צי דאַרף די קאָלאָניזאַציע פון דער יִדישער טעריטאָריע זיין אַ פּריוואַטע, צי אַ קאָאָפּעראַטיווע צי אַ סאָציאַליסטישע? צי איז פאַר אַ פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי דערלאָזבאַר צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט בורזשואַזע רעגירונגען וועגן אַ טעריטאָריע פאַר יִדן? וואו וועט מען נעמען די קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען נויטיק דורכצופירן אַ קאָנצענטרירטע קאָלאָניזאַציע? א. אַז. וו.

צווישן די פּאָליטישע חילוקי־דעות דאַרף מען פאַרצייכענען די פראַגע מכּוח דער דערלאָזבאַרקייט פון „נאַציאָנאַלן טעראָר“. האַלטנדיק זיך בנוגע דעם אַלגעמיין־פּאָליטישן פּראָגראַם אָן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ריכטונג, איז ביי די אַרבעטער־ציוניסטן קיין ספק ניט געווען, אַז דער טעראָר אַלס פּאָליטיש קאַמף־מיטל בכלל (ווי עס האָט געהאַלטן די „פּאַרטיי פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן“) איז ני.ש.ט דערלאָזבאַר. אָבער אונטער דער ווירקונג פונם פּאָגראָמען־יאוש איז אַנטשטאַנען ביי אַ טייל חברים אַ מיינונג, וואָס האָט בנוגע פּאָגראָם־אָרגאַניזאַטאָרן דעם טעראָר זיך מתּיר געמאַכט.

באַזונדערס האָט זיך פאַנאַנדערגעבערענט די דיסקוסיע נאָך דעם אַטענטאַט, וואָס עס האָט געמאַכט אין פּעטערבורג אויפן אָרגאַניזאַטאָר פון קישענעווער פּאָגראָם, דעם בעסעראַביער שוואַרץ־מאַהניק פּאַוואָלאַקי־קרושעוואַן — דער יונגער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנער, סימפּאַטיקער פון „וואָזראָזשדעניע“ פּנחס דאַשעווסקי (אויגוסט 1903). 1)

„וואָזראָזשדעניע“.

די קאָנפערענץ פון דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע“ (אָקטאָבער 1903 אין קיעוו), וואו עס האָבן זיך אויך באַטייליקט אייניקע פון די שפּעטערדיקע גרינדער פון ס. ס. (ווילהעלם בערטאָלדי־לאַצקי, אַלטער יאָפע, זלמן אבראַמסאָן, זלמן דווינסקער־אָדעסער, שמעון דאָבין) האָט די חילוקי־דעות נישט אָפּגעשאַפט.

אדרבא, זי האָט אַריינגעבראַכט נאָך נייע שטרייט־פּונקטן. למשל, פריער האָט זיך ביי אַלע ציוניסטן־סאָציאַליסטן דער מאַרקסיזם געערעכנט פאַר אַ זעלבסטפאַרשטענדיקע זאַך. אין אַלגעמיין־פּאָליטישע פראַגן פלעגט מען זיך אָריענטירן אויסשליסליך אויף דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. די „וואָזראָזשדעניע“־קאָנפערענץ, וואו די הויפּט־טאָן־געבער זיינען געווען „סוביעקטיווע אידעאַליסטן“, פון לאַווראָוו־מיכאַילאָווסקיס שולע, האָט אַריינגעטראָגן אַנייע פּאָליטישע אָריענטאַציע — אין דער ריכטונג פון דער „פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן“.

אָדער, למשל, פריער האָט זיך גערעכנט ביי די אַרבעטער־ציוניסטן אַלס אַן אַקסיאָמע, אַז די ייִדישע מאַסע קאָן זיך אין די גלות־לענדער נישט פּראָלעטאַריזירן; נישט אין דעם זינען, אַז די קליינבירגער קאָנען ניט פאַרלירן זייער אייגנטום. אַדרבא! זיי ווערן שנעל אנטאייגנט סיי צוליבן דראַנג פון דער גרויס־אינדוסטריע, סיי צוליב דער קאָנקורענץ פון די נישט־ייִדישע קליינבירגער. אָבער אין דער צייט, ווען ביי אַנדערע פעלקער ווערן די אַנטאייגנטע פויערים און שטאָטיקע קליינבירגער אַריינגעצויגן אין דער גרויס־אינדוסטריע אַלס געדונגענע פּראָלעטאַריער, זיינען פאַר די ייִדישע פּראָלעטאַריער די פאַבריק־טויערן פאַרמאַכט; אָנשטאָט צו ווערן „נאָרמאַלע“ פּראָלעטאַריער, ד. ה. פאַבריק־אַרבעטער, ווערן זיי פאַופּעריזירט, פאַרוואַנדלט אין „לומפּן־פּראָלעטאַריער“, וועלכע מוזן אָדער אונטערגיין אָדער עמיגרירן.

---

1) ער איז דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן אויף 5 יאָר אַרעסטאַנטן־ראָטע, נאָך די רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר האָט אים באַפרייט.

אַלס די סיבות פון דער „ניט=פּראָלעטאַריזירונג“ זיינען דעמאָלט אָנגעגעבן געוואָרן: ערשטנס די פיזישע שוואַכקייט פון די ייִדישע אַרבעטער, וואָס לאָזט זיי ניט באַהייבן די אַרבעט אין דער „שווערער אינדוסטריע“; צווייטנס, די גרעסערע מדרגה פון קולטורעלקייט און רעוואָלוציאָנערישקייט און די גרעסערע פּאָדערונגען, וואָס זיי שטעלן אַרויס די באַלעבאַטים, אין פאַרגלייך מיט די פון=דאָרף=געקומענע ניט=ייִדישע אַרבעטער.

אין דער ליטעראַטור איז די דאָזיקע טעאָריע געווען דאָס ערשטע מאָל פאָרמולירט — ווי דאָס זאָל ניט אויסזען ווילד... אין דער בונדישער „אַרבעטער=שטימע“ (№ 33)! (אין די פּועלי=ציוניסטישע קרייזן פלעגט מען זיך טאַקע וויצלען, אַז די גרעסטע פאַרדינסטן אין פּרט פון פּאָפּוליאַריזירן די טעאָריע פונם פּראָלעטאַרישן ציוניזם האָט די בונדישע פּרעסע). דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די „פּועלי=ציון“, זייענדיק נישט אָרגאַניזירט אין לאַנד=פאַרנעם, זיינען נישט געווען אַ לאַנגע צייט בכּוח אַרויסצוגעבן קיין אייגענע (נאַטירליך, אומלעגאַלע!) פּרעסע, וועלכע האָט געפּאָדערט קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען.

די ערשטע גרונט=געדאַנקען וועגן דער ניט=פּראָלעטאַריזירונג זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך דעם עקאָנאָמיסט ח. ד. הורוויטש; ל. טשעסקעס און יעקב לעשצינסקי האָבן די דאָזיקע טעאָריע פאַרטיפט און סטאַטיסטיש באַגרינדעט.

מיר, ווילנער, האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל מיט איר באַקענט פון נחום שטיפס געשריבענעם רעפעראַט, וועלכן אברהם קונין האָט פון ערגעץ געבראַכט און פאָרגעלייענט אין ווילנע אויף אַלע קרייזלעך פון דער פּועלי=ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער רעפעראַט (אויף רוסיש) איז געווען אַ פּאָלעמישער — אַן ענטפער אויף י. מ. ביקערמאַנס אַנטיציוניסטישן אַרטיקל אין רוסישן ס. ר.=יש געשטימטן חודש=זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“ (סוף 1902), וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די ציוניסטישע קרייזן.

די „ניט=פּראָלעטאַריזאַציע“ האָט זיך, ווי געזאָגט, גערעכנט אין די אַרבעטער=ציוניסטישע קרייזן פאַר אַן אומבאַשטרייטבאַרן אמת. אָבער אויף דער „וואָזראָזשדעניע“=קאָנפערענץ איז אויך דער דאָזיקער אמת געשטעלט געוואָרן אונטער אַ פראַגע=צייכן.

איך געדענק נאָך ווי היינט דעם שווערן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף די ווילנער פּועלי=ציון געמאַכט, בעת דער זעלביקער נ. שטיף, וואָס טאַקע פון זיין אייגענעם רעפעראַט האָבן מיר זיך גאָר נישט לאַנג דערוואוסט וועגן דער „ניט=פּראָלעטאַריזירונגס=טעאָריע“, האָט אין זיין רעדע אין ווילנע באַלד נאָך דער „וואָזראָזשדעניע“=קאָנפערענץ זיך אויסגעדריקט, אַז „די ניט=פּראָלעטאַריזאַציע איז אַן אויסגעטראַכטע באָבע=מעשה“.

„חירות“.

קיין סך קלאָרקייט אין די מוחות איז אויך נישט אַריינגעטראָגן געוואָרן, בעת עס האָבן זיך באַקומען פון בערלין די זשורנאַלן „דער המון“ (ייִדיש) און „השחר“ (העברעיש), אַרויסגעגעבן דורך דער גרופּע „חירות“ (פרייהייט). אין שפּיץ פון דער דאָזיקער קליינער אויסלענדישער ריין=אינטעליגענטישער גרופּע איז געשטאַנען דער איצטיקער רעכטער פּועלי=ציוניסט, ד"ר נחמן סירקין, וועלכער האָט שוין געהאַט פריער אַרויסגעגעבן אַ דייטשישע בראָשור אונטערן נאָמען „די ייִדישע מלוכה און די סאָציאַליסטישע צוקונפט=מלוכה“ און וועלכער איז געווען דער רעדאַקטאָר און כּמעט דער איינציקער מיטאַרבעטער פון די ביידע דערמאָנטע זשורנאַלן.

די אידעאָלאָגיע און פּראָגראַם פון „חירות״ זיינען געווען העכסט מטושטש. די⸗
חירותיסטן זיינען געווען ציוניסטן, סאָציאַליסטן, רעוואָלוציאָנערן, אָבער גלייכצייטיק
האָבן זיי אויסגעלאַכט דעם מאַרקסיזם, געמאַכט חוזק פון קלאַסן⸗קאַמף, האָבן זיך אַליין
אָנגערופן „ייִדישע נאַראָדניקעס״ (פאָלקסטימלער); אָנשטאָט דעם פּראָלעטאַריאַט האָבן
זיי געזוכט זיך אָנצושפּאַרן אויפן „המון״, ד. ה. אויף דער אָרעמער פאָלק⸗מאַסע בכלל
(קליינבירגער און אַרבעטער אָן אונטערשייד); זיי זיינען געווען העברעיסטן, אַרויסגעגעבן
אַ זשורנאַל אַ העברעיִשן (השחר), איינעם אַ ייִדישן (דער המון) און אַן אויפ⸗
רוף צו דער ייִדישער יוגנט אויף רוסיש; גלייכצייטיק האָבן זיי זיך געשטעלט פאַר אַ
ציל צו באַקעמפן די רעליגיע (דער „השחר״ האָט אין זיין פּראָגראַם⸗אַרטיקל צוגעזאָגט
„צו פאַרשווערכן די ייִדישע הייליקייטן...״); זיינען פון איין זייט געשטאַנען אין אַ
שאַרפער אָפּאָזיציע צום ד״ר הערצל און פון דער אַנדער זייט האָבן זיי פּאַקטיש אַגי⸗
טירט פאַר זיינע לאָזונגען: האָבן געזונגען אָן אַשיר שבחים זיין אידעע פון „נאַציאָ⸗
נאַל⸗פאָנד״, וואָס האָט צוגעזאָגט צו נאַציאָנאַליזירן די ערד אין פּאַלעסטינע; האָבן
געשטיצט זיין פּלאַן אַרויסצובאַקומען ביי דער גביריש⸗פילאַנטראָפּישער יק״א די הונ⸗
דערטער⸗מיליאָניקע פאָנדן, וואָס דער באַראָן הירש האָט איר איבערגעלאָזן
בירושה א. אז. וו.

דער סכום פון די דאָזיקע אידעען איז געווען צו כאַאָטיש, כּדי צו קאָנען באַ⸗
שאַפן אַשיטה און אַ באַוועגונג; ער איז אָבער געווען איבערגענוג, כּדי נאָך מער צו
פאַרפלאָנטערן די דיסקוסיע ביי די אַרבעטער⸗ציוניסטן און צו פאַרגרעסערן זייער אי⸗
דעאָלאָגישע צעשוואומענקייט.

פּרעסע.

די אומאויפהערליכע דיסקוסיעס און די אַלץ נייע שטרייט⸗פראַגן האָבן אַלאַנגע
צייט ניט געלאָזן די אַרבעטער⸗ציוניסטן אויסצואַרבעטן אַן איינהייטליך פּראָגראַם, צו
שאַפן אַן איינהייטליכע לאַנד⸗אָרגאַניזאַציע און אַרויסצוגעבן פּאַרטיי⸗ליטעראַטור.

גאַנצע דריי יאָר — פונם אָפּשטעלן דעם „אַרבעטער⸗ציוניסט״ (1902) ביזן דער⸗
שיינען פון דער „כראָניקע פון דער ציוניסטיש⸗סאָציאַליסטישער אַרבעטער⸗פּאַרטיי״ (זו⸗
מער 1905) — האָט דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם נישט געהאַט קיין צענטראַל⸗אָרגאַן
פאַר דער גאַנצער באַוועגונג. די אַלץ וואַקסנדיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געשפּייזט
דער עיקר מיט די אַזוי צו זאָגן „קוסטאַרנע״ ליטעראַטור⸗אויסאַרבעטונגען פונם אָרטיקן
היימישן וואַרשטאַט. כמעט יעדע גרעסערע שטאָט האָט זיך געהאַט איר אייגענעם העק⸗
טאָגראַפירטן אָרגאַן. אַזוי האָט ווילנע פון 1902⸗טן יאָר אָן אַרויסגעגעבן אַ העקטאָ⸗
גראַפירטע „כראָניק״, וועלכע איז געווען רעדאַגירט פריער דורך מ. אַראָנאָוויטש, דער⸗
נאָך דורך מיר, שפּעטער דורך שואל גאָרדאָן (געוואָרן אַן אַלגעמיינער ציוניסט).
די „כראָניק״ איז די ערשטע צייט געווען אַ קליין בלעטל פון 4 אָדער אמאָל גאָר 2
זייטן פון אַריין⸗אינפאָרמאַטיוון אינהאַלט. אונטער גאָרדאָנס רעדאַקציע איז דאָס געוואָרן
אַ גרעסערער זשורנאַל מיט פּובליציסטישע אַרטיקלען (פון דער רעכטער ריכטונג).

נאָך דער שפּאַלטונג אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע, בעת די פּאַלעסטיניסטן און
די קעגנער פונם פּאָליטישן קאַמף זיינען אַרויסגעטראָטן (1904), האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין
„די פרייהייט״ אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם וויינשטיין („אברהם אָדעסער״;
איצט אומפּאַרטייאיש) ביי דער מיטאַרבעטערשאַפט פון טאָדרעס דונסקי (דערהרגעט;

נישט לאַנג אין קאַטערינאָסלאַוו דורך די אוקראַינישע אויפשטאַנדיקע), אליה אָשע-ראָוויטש (געוועזן שפּעטער אַבונדיסט) און שאול בראָן.

אַחוץ די לאָקאַלע מאָגערע אָרגאַנען האָבן די „פּועלי-ציון" געזוכט צו באַפרידיקן זייערע גייסטיקע באַדערפעניש מיט די אָרגאַנען פון די באַזונדערע פראַקציעס אינם פּראָלעטאַרישן ציוניזם. יעדע ליטעראַטור איז געווען גוט, אַבי עס איז אין איר געווען כאָטש עפּעס, אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן. מע האָט גערן געלייענט הן די אויסגאַבן פון „מאָלאָדוי איזראַיל", הן דעם „המון" און „השחר", (ביידע אַרויס אין 1903) הן די „וואָזראָזשדעניע" (רוסיש) און איר איבערזעצונג, „די יִדישע פרייהייט" (1904).

אָבער נישט די לאָקאַלע נישט די פראַקציאָנערע ליטעראַטור האָט נישט געקאָנט באַפרידיקן — און די פראַגע וועגן אַ לאַנד-צענטער און אַ לאַנד-אָרגאַן איז געוואָרן אַלץ ברענענדיקער.

ווילנער און וואַרשעווער איניציאַטיוו-צענטרען.

פּרוּוון צו באַשאַפן אַן איינהייטלעכן רוסלענדישן צענטער זיינען געמאַכט געוואָרן פון פאַרשיידענע זייטן.

איינעם אַזאַ פּרוּוו האָט געמאַכט דער ווילנער קאָמיטעט.

זעענדיק, אַז וואַרשע, וואָס האָט ניט לאַנג נאָך דער „וואָזראָזשדעניע"-קאָנפערענץ (די לעצטע האָט קיין אָנפירנדיקן צענטער נישט געשאַפן) גענומען אויף זיך צו אָרגאַניזירן אַ לאַנד-קאָנפערענץ, פירט איר אויפגאַבע ניט אויס, האָט ווילנע באַשלאָסן צו נעמען טאָן זעלבסטשטענדיק. אין אָנהויב 1904 האָט דער ווילנער קאָמיטעט געגרינדעט אַ „ועד מרכזי זמני" (דערווייליקער צענטראַל-קאָמיטעט), וואָס האָט פאַנאַנדערגעשיקט אַ ריי (העקטאָגראַפירטע און ליטאָגראַפירטע) צירקולאַרן צו אַלע אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע עס איז נאָר געווען אַן אַדרעס, מיט הייסע אויפרופן זיך מיט אים צו פאַרבינדן, כּדי צו קאָנען אָרגאַניזירן אַ לאַנד-קאָנפערענץ.

נאָר מיט צירקולאַרן און בריוו אַליין האָט זיך דער „וואַמאַ"ז" (לויט די ראשי-תיבות פון ועד מרכזי זמני; אַזוי האָט ער זיך גערופן אין בריוו צוליב קאָנספּיראַציע) נישט באַנוגנט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוקניפּן מיט די אָרגאַניזאַציעס אויך פּערזענלעכע באַציאונגען.

אין אָנהויב מאַי 1904 בין איך לויטן אויפטראַג פון „וואַמאַ"ז" אַרויסגעפאָרן איבערן יִדישן תחום, כּדי צו באַזוכן אַ ריי שטעט און שפּעטער צו אָרגאַניזירן אַ קאָנפערענץ.

געלט אויף דער נסיעה האָט מען מיר מיטגעגעבן... גאַנצע פינף רובל, מער איז אין קאַסע ניט געווען. איך האָב געמוזט אין יעדער באַזוכטער שטאָט נעמען אויף הוצאות ביז דעם נאָענטסטן פּונקט.

מיין מאַרשרוט איז געווען אויסגערעכנט: מינסק, מאָהילעוו, האָמל, קיעוו און דערנאָך, אַז איך וועל האָבן שוין די פעסטע הבטחה פון די אַלע שטעט צו קומען אויף דער געפּלאַנטער קאָנפערענץ, האָב איך געזאָלט אַריינפאָרן קיין וואַרשע, כּדי מיט דער דאָזיקער וויכטיקסטער אָרגאַניזאַציע זיך צו פאַרשטענדיקן וועגן דער דאַטע, אָרט און טאָג-אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ.

אין מינסק האָב איך געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט לאַפּידעסן, גרינהויז

און יאָסל גאָלדבערג. אין מאָהילעוו מיט אַננאַ קאַרטוזשאַנסקאַ און לייב יאָפּע (איצט אַ „פּאַרייניקטער", אין רוסלאַנד); אין האָמלע מיט דוד לעווין (שפּע־טער אַמיטגליד פון צ. ק. פון ס. ס.) און אַלטער מאַכנאָוויטש; אין קיעוו מיט יודע נאָוואַקאָווסקין (שפּעטער איינער פון די אָנפירער פון די „סיימיסטן" אָדער „י. ס."), בעניע פרידליאַנדן (געשטאָרבן מיט 2 יאָר צוריק), שמואל וויינ־מאַנען (שפּעטער אַמיטגליד פון צ. ק. פון „ס. ס.") און נאָך איינעם; אין טשערקאַס — מיט זלאַטע ליטוואַקאָוואַ (שפּעטער אַמיטגליד פון צ. ק. פון ס. ס.) און שמואל חסידאָוו (געשטאָרבן); אין קרעמענטשוג — מיט יעקב לעשצינסקין.

אָבער נישט די שריפטליכע נישט די מינדליכע ווענדונגען פונם ווילנער „וואמא"ז" האָבן קיין ערפאָלג נישט געהאַט. די רעכטע מערהייט פון מינסקער אָרגאַניזאַציע האָט שוין חושד געווען ווילנע אין „אַפּיקורסות". אַלס נאָנטע שכנים פון ווילנע האָבן זיי שוין געוואוסט, אַז ווילנער אָרגאַניזאַציע האָט אַרעוואָלוציאָנערע מערהייט. מע האָט דעריבער געקוקט אויף איר קרום.

די לינקע מינדערהייט אין מינסק ווידער איז דאַן געווען צו שוואַך, כּדי זיך צו שטעלן אויף די אייגענע פיס; פון אירע לידערס איז ש. ניגער געווען אַוועקגעפאָרן (ער האָט געארבעט פריער אין דווינסק, דערנאָך אין וואַרשע און קיעוו אונטערן נאָמען „אברהמל"); זיין ברודער, ב. וולאַדעק, איז דאַן, זיצנדיק אין טורמע, אַריבער אונטער ק. טעפּערס ווירקונג אין „בונד"; פון די ברידער פּאָדנאָס איז איינער געשטאָרבן, דער אַנדערער איז אַריבער אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי א. אז. וו.

ביי די „לינקע" שטעט ווידער — וואַרשע, האָמלע, קיעוו, טשערקאַס — איז נאָך ווילנע געווען פאַרוויגט אין אַוויגעלע פון „רעכטקייט". זיי האָבן דעריבער צום „וואַמאַז" אויך קיין צוטרוי נישט געהאַט.

ווילנער פּרווון האָט זיך בכן ניט איינגעגעבן.

אָבער די זאַך האָט באַקומען אַגינסטיקן שטויס פון אַן אַנדער זייט.

גלייכצייטיק מיטן ווילנער „וואַמאַז" האָט וואַרשע אויך אָנגעהויבן זעלבסטשטענדיק צו פלאַנעווען אַקאָנפערענץ, אָבער שוין נאָר פון די בפירוש לינקע אָרגאַניזאַציעס. ווילנע, אַלס אַ „מסופקדיקע" שטאָט, איז געלאָזט געוואָרן אָן אַ זייט.

לויט אפאַרשטענדיקונג מיט דווינסק זיינען אַרויסגעפאָרן קיין קיעוו פון איין זייט יוסף לעשצינסקי פון וואַרשע, פון דער אַנדער זייט אַלטער יאָפּע פון דווינסק.

סיי די גרויס פון וואַרשעווער און דווינסקער אָרגאַניזאַציעס, סיי זייער בולט־רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציע, סיי די פּערזענליכע באַקאַנטשאַפט מיט די טוער, וואָס זיינען געשטאַנען ביים שפּיץ פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, — אַלץ האָט מיטגעווירקט, אַז דער וואַרשע־דווינסקער פּרווו זאָל האָבן מער ערפאָלג אין קיעוו איידער דער ווילנער.

נישט נאָר די אייגנטליכע פּועלי־ציוניסטישע קיעווער גרופּע, נאָר אויך די „וואָזראָזשדענצעס" האָבן באַשלאָסן זיך צו באַטייליקן אינם בויען דעם אַלרוסלענדישן פּראָלעטאַריש־ציוניסטישן צענטער.

די וואַרשעווער פאַרקאָנפערענץ.

סוף יולי 1904 איז זיך ענדליך צונויפגעקומען אין וואַרשע אַפאָרקאָנפערענץ פון

די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט: יוסף לעשצינסקי און זלמן מייזנער פון ווארשע, אַראָן סאָקאָלאָווסקי (פּסעוודאָנים „מאַקעדאָניעץ") און שמואל חסידאָוו־צאָדאַקאָוו פון קאַטערינאָסלאַוו, אַלטער יאָפּע פון דווינסק, שלמה זוסמאַן פון מינסק [1] און נאָך אַ פּאָר חברים.

צו דער קאָנפערענץ האָבן געדאַרפט קומען אויך יודע נאָוואַקאָווסקי („ירמיה") פון קיעווער פּ. צ., בעניע פרידלאַנד פון דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע" און זלמן אַבראַמסאָן פון ריגע, נאָר צופעליק האָבן זיי נישט געקאָנט קומען.

די פאָרקאָנפערענץ האָט באַטראַכט די פראַגן וועגן דער באַציאונג צום פּאַלעסטיניזם און טעריטאָריאַליזם, וועגן זעלבסטשוץ און וועגן אַ צוזאַמענפאָר פון אַרבעטער־ציוניסטן אינם גאַנצן לאַנד.

די פאָרקאָנפערענץ האָט זיך באַלד אַוועקגעשטעלט אויף אַ פּרינציפּיעל־טעריטאָריאַליסטישן באָדן. הגם צווישן די פאַרטראָטענע אָרגאַניזאַציעס איז געווען איינע אין איר מערהייט אַ פּאַלעסטינישע — קאַטערינאָסלאַוו, — אָבער די קאַטערינאָסלאַווער ביידע דעלעגאַטן (סאָקאָלאָווסקי און חסידאָוו) זיינען פּערזענליך געווען טעריטאָריאַליסטן.

די פראַגע וועגן פּאָליטישן קאַמף איז אַפילו ניט באַהאַנדלט געוואָרן, ווייל ווי געזאָגט, זיינען אַלע אין דער פאָרקאָנפאָרענץ באַטייליקטע דעלעגאַטן, פונקט ווי די דורך זיי פאַרטראָטענע אָרגאַניזאַציעס, שוין לאַנג געשטאַנען אויפן רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפונקט.

די פאָרקאָנפערענץ האָט אויסגעקליבן אַן אָרגאַניזיר־ביוראָ, אין וועלכן עס זיינען אַריין: יודע נאָוואַקאָווסקי, יעקב לעשצינסקי, יוסף לעשצינסקי, אַלטער יאָפּע, שמואל חסידאָוו־צאָדאַקאָוו און אַלס פאָרשטייער פון „וואָזראָזשדעניע" בעניע פרידלאַנד.

די וואַרשעווער פאָרקאָנפערענץ האָט געהאַט מער מזל ווי אַלע פריערדיקע פּועלי־ציוניסטישע צוזאַמענקומענישן: זי האָט צום ערשטן מאָל געשאַפן אַ לעבן־פעיִקן אָרגאַניזיר־אַפּאַראַט, וואָס איז טאַקע באַלד צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. און דאָס איז נישט געווען קיין צופאַל. מע דאַרף ניט פאַרגעסן אָן דער אַלגעמיין־פּאָליטישער סיטואַציע, וואָס איז געווען צו יענער צייט. די פאָרקאָנפערענץ איז, ווי געזאָגט, פאָרגעקומען סוף יולי 1904, ד. ה. אָקאָרשט נאָך דעם, ווי דער אַלמעכטיקער דיקטאַטאָר, דער אינערן־מיניסטער פאָן־פלעווע, איז אין פּעטערבורג אין מיטן העלן טאָג דערהרגעט געוואָרן דורך סאַזאָנאָווס באָמבע.

עס איז שווער איבערצוגעבן די אומגעהויערע שמחה, וואָס דאָס דאָזיקע געשעעניש האָט אַרויסגערופן אין לאַנד בכלל און ביי דער יידישער באַפעלקערונג בפרט. מענטשן האָבן ממש געטאַנצט אין די גאַסן; מע איז זיך געפאַלן איינער דעם אַנדערן אויפן

1) דאַן האָבן שוין די מינסקער לינקע זיך באַוויזן אָפּצוטיילן פון די רעכטע און צו שאַפן אַ זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע.

האַלץ און געווינט פאַר פרייד... אַ סך טעראָריסטישע אַקטן זיינען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד פ אַ ר דעם און נ אָ ך דעם, נאָר קיינער פון זיי האָט ניט געמאַכט אַזאַ געוואַלטיקן איינדרוק ווי דער דאָזיקער. עס איז שוין געווען עטליכע יאָר, ווי די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. די מלחמה מיט יאַפּאָניע, וואָס האָט זיך שוין דאַן געהאַט געצויגן אַ האַלב יאָר צייט, האָט שוין גענוג געהאַט אַרויסגעוויזן די צעפוילטקייט פונם צאַרישן רעזשים. דער צאַריזם איז געוואָרן אין לאַנד צו שאַנד און צו שפּאָט. סאַזאָנאָווס אַקט האָט דעריבער געשפּילט די ראָל פון אַ שוועבעלע, אַריינגעוואָרפן אין אַ פאַס פולווער...

דאָס גאַנצע לאַנד, אַלע פעלקער און קלאַסן — אַ חוץ אַ קליין הייפעלע עקסטרעכטע פריצים („זוברעס“)—זיינען געקומען אין באַוועגונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער באַוואוסטער פעריאָד פון די פּאָליטישע „באַנקעטן“, אין וועלכע עס האָט זיך באַטייליקט די גאַנצע ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע און טיילווייז אויך די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ. די רעגירונג איז געווען אין גאַנצן צעטומלט. דער נייער אינערן-מיניסטער, דער פירשט ס ו ו י אַ ט אָ פּ אָ ל ק - מ י ר ס ק י, האָט גענומען ריידן וועגן „צוטרוי צו דער געזעלשאַפט“ — בקיצור עס האָט גענומען שמעקן מיט פּאָליטישן פרילינג; די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען זיינען געוואָרן אַלץ פּאָפּולערער; די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען שנעל געוואַקסן.

די אַרבעטער-ציוניסטן האָבן נאָך געהאַט פאַרן ייִדישן פּראָלעטאַרישן און דעמאָקראַטישן עולם אַ באַזונדער חן צוליב זייער ענערגישן אָרגאַניזירן די ייִדישע זעלבסטשוץ קעגן די פּאָגראָמען.

די פּועלי-ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען שנעל געוואַקסן, די שטימונג האָט זיך געהויבן; און סטיכיש איז געוואַקסן דער פאַרלאַנג צו אַ קאָנצענטרירונג, צום באַשאַפן אַן איינהייטליכן לאַנד-אָרגאַניזם.

אָרגאַניזיר-אַרבעט.

דאָס אָרגאַניזיר-ביוראָ האָט זיך באַזעצט אין קיעוו. קיין ליטעראַטור האָט דאָס ביוראָ נישט אַרויסגעגעבן. דערצו זיינען געווען מניעות הן אינעווייניקסטע, הן אויסנווייניקסטע. אינעווייניק זיינען אין אָרגאַניזיר-ביוראָ פאָרגעקומען געוויסע פּרינציפּיעלע רייבונגען. אַ חוץ דעם וואָזראַזשדענישן „שעטנז“, איז אויך נישט געווען קיין איינהייטליכע באַציאונג צו דער פראַגע וועגן טעריטאָריאַליסטישער אַרבעט. די לעשצינסקיס, למשל, האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק מיטצואַרבעטן מיט די בירגערליכע טעריטאָריאַליסטן אין קאַמף קעגן דעם רעאַקציאָנערן ציוני-ציוניזם. די איבעריקע זיינען געווען קעגן. דאָס גאַנצע ביוראָ איז געווען אַ ריין-טעריטאָריאַליסטישעס, אָבער אייניקע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס (ווי קאַטערינאָסלאַוו, למשל) האָבן געהאַט פּאַלעסטינישע סימפּאַטיעס א. אַז. וו.

אויסערליך ווידער האָבן געפעלט די טעכנישע מיטלען אויף אַרויסצוגעבן ליטעראַטור. אין אויסלאַנד זיינען נאָך נישט געווען קיין מענטשן, וואָס דאָס אָרגאַניזיר-ביוראָ ביי זיין פאַרשיידנאַרטיקן צוזאַמענשטעל זאָל זיך קאָנען אויף זיי פאַרלאָזן מיטן רעדאַקטירן ליטעראַטור. אין רוסלאַנד ווידער איז ניט געווען קיין געהעריקע דרוקעריי; עס זיינען אמת געווען אין ווילנע און אין אייניקע אנדערע שטעט אומלעגאַלע דרו-

קערייען, נאָר זיי זיינען געווען צוגעפּאַסט בלויז צום דרוקן פּראָקלאַמאַציעס, אָבער נישט קיין אָרגאַן. 1)

נישט האָבנדיק קיין אייגענע ליטעראַטור, האָבן די אַרבעטער־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס געלייענט, פאַרשפּרייט און אפילו אויך טראַנספּאָרטירט פון אויסלאַנד די וואָזראַזשדעניש אויסגאַבן: דעם באַריכט פון דער „וואָזראָזשדעניע״־קאָנפערענץ (רוסיש), דעם זשורנאַל „וואָזראָזשדעניע״ (רוסיש) און „יידישע פרייהייט״. 2) די דאָזיקע ליטעראַטור איז אָבער שטענדיק באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פרעמדע.

הגם די באַציאונגען צווישן די אַרבעטער־ציוניסטן און דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע״ זיינען בכלל געווען נאָנטע, פריינטליכע; אָבער זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט צוזאַמענגעגאָסן. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין אָרגאַניזיר־ביוראָ און שפּעטער אין אָדעסער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע״, האָט אָבער די גרופּע אַלס אַזעלכע ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירן זעלבסטשטענדיק און פּאַראַלעל (ביז דער סאַמע גרינדונג פון י. ס.). דעם № 1—2 פונם זשורנאַל „וואָזראָזשדעניע״ האָט זי אַרויסגעגעבן, שוין זיצנדיק אין פּועלי־ציוניסטישן אָרגאַניזיר־ביוראָ, אינגאַנצן אויף איר אייגענער אחריות.

די גרינדונגס־קאָנפערענץ.

דאָס אָרגאַניזיר־ביוראָ האָט פריער געפּלאַנט צונויפצורופן גלייך אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע רעוואָלוציאָנערע און טעריטאָריאַליסטישע פּועלי־ציון (אָדער „ציוניסטן־סאָציאַליסטן״, ווי די דאָזיקע פּועלי־ציון האָבן זיך שוין דעמאָלט גערופן). זעענדיק אָבער, אַז אַזאַ מין אָרגאַניזיר־אַרבעט וועלט זיך פאַרצויגן צו לאַנג, האָט דאָס ביוראָ באַשלאָסן זיך צו באַנוגענען מיט אַ קאָנפערענץ פון די גרעסערע און „זיכערערע״ אָרגאַניזאַציעס.

דאָס אָרט און די צייט פון דער קאָנפערענץ זיינען געוואָרן צוגעפּאַסט צו דער קאָנפערענץ וועגן זעלבסטשוץ, וואָס איז גערופן געוואָרן (אויך דורך דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער איניציאַטיוו) אויף דעצעמבער אין אָדעס.

---

1) די ווילנער דרוקעריי פלעגט באַזאָרגן מיט בלעטלעך נישט בלויז ווילנע נאָר אויך די שכנישע שטעט. זלמן אַבראַמסאָן איז זומער 1904 אַרעסטירט געוואָרן אויפן ווילנער וואָקזאַל, בעת ער האָט געפירט פּראָקלאַמאַציעס פון דווינסקער קאָמיטעט, געדרוקט אין ווילנע. אָבער די דרוקעריי גופא איז קיין איין מאָל נישט דורכגעפאַלן. זי האָט זיך געפונען אויף גרויס־פּאָהוליאַנקע אַנטקעגן פּלאַץ אין אַן איזאָלירטער שיינער דירהלע, וועלכע עס האָבן געדונגען שפרה ווייינער (זי איז שפּעטער פאַר האַלטן געווער פאַרשיקט געוואָרן אויף 5 יאָר אין טאָבאָלסקער גובערניע, נאָר זי איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע) און „משה דווינסקער״ (זיין פאַמיליע געדענק איך נישט), וועלכער האָט זיך ספּעציעל צוליב דעם אויסגעלערנט זעצן און דרוקן. די מאַשינקע איז געווען אַזוי צוגעריכט, אַז זי האָט געאַרבעט אין גאַנצן שטיל און ביי אַ צופעליקן אָנקלאַפּן אין טיר האָט מען זי געקאָנט מאָמענטאַל באַהאַלטן צוזאַמען מיט דער קאַסע אותיות אין אַ ספּעציעל געמאַכטן טיש. די 2 חברים פון דרוקעריי זיינען אינגאַנצן געווען אָפּגעשיידט פון דער אָרגאַניזאַציע. די פאַרמיטלער צווישן דרוקעריי און קאָמיטעט זיינען געווען אברהם וויינשטיין („אָדעסער״) און איך. די בלעטלעך פון אונזער דרוקעריי פלעגן אַרויסקומען — ווערדליק ווי פאַר אומלעגאַלע דרוק־אַרבעטן — אויסערגעוויינטליך שיין.

2) חיים מערקין, אַ מיטגליד פון ווילנער קאָמיטעט פון די אַרבעטער־ציוניסטן, איז אַרעסטירט געוואָרן ניט ווייט פון גרענעץ בעתן פירן די וואָזראָזשדעניע־אויסגאַבן און פאַרשיקט געוואָרן אויף 5 יאָר אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע. צוליב דעם איינגענעם דורכפאַל האָט אַ 2־טער חבר, רחמיאל אַוערבוך, געמוזט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. נאָר די טראַנספּאָרט־אַרבעט אין קאָוונער גרענעץ־ראַיאָן האָט זיך צוליב דעם נישט אָפּגעשטעלט. וואָס מערקין מיט אַוערבוכן האָבן אָנגעהויבן, האָב איך פאַרענדיקט.

צו דער קאָנפערענץ פון די ציוניסטיש=סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געקומען דעלעגאַטן: פון אָדעס — לעוו סאָלאָמאָנאָוויטש, אַדוואָקאַט משה עפשטיין (שפעטער געוואָרן אַ בירגערליכער טעריטאָריאַליסט און אַ קאַדעט) און זיין ברודער סטודענט דוד העפשטיין (שפעטער אַריבער אין דער רוסל. ס. ד. אַרב. פאַרטיי); פון קיעוו — יודע נאָוואַקאָווסקי („ירמיה”); פון וואַרשע — יוסף לעשצינסקי און שלמה זוסמאַן; פון מינסק — ש. ניגער; פון האָמלע — דוד לעווין; פון ריגע — ווילהעלם לאַצקי (בערטאָלדי); פון „וואָזראָזשדעניע” — בעניע פרידלאַנד און יוסף ברעגמאַן און אויך שמעון דאָבין („שמעוני”) פון כאַרקאָוו. אַחוץ דעם איז געוועזן יעקב לעשצינסקי.

די דעלעגאַטן פון קאַטערינאָסלאַוו (חסידאָוו) און פון דווינסק (יאפע) האָבן צו דער קאָנפערענץ פאַרשפעטיקט.

די אדעסער קאָנפערענץ — פונקט ווי מיט 4 יאָהר שפעטער די ריגער ס. ס.=ישע באַראַטונג — איז געטיילט געוואָרן אין 3 חלקים: פאַרן אַרעסט, נאָך דער באַפרייאונג און אין טורמע גופא.

אָנגעהויבן האָט זי זיך דעם 23=טן דעצעמבער 1904; אַרעסטירט געוואָרן איז זי אויפן 2=טן טאָג; באַפרייט געוואָרן איז זי אָנהויב פעברואַר 1905.

די קאָנפערענץ האָט באַטראַכט 3 הויפּט פראַגן:

1) וועגן דער רעאַליזירונג פון טעריטאָריאַליזם. צווישן די אָנטיילנעמער איז אַפילו געווען איינער מיט פאַלעסטינישע סימפּאַטיעס (דאָבין), אָבער דאָס האָט ניט געשטערט דער קאָנפערענץ צו פאַרנעמען אַ ריין טעריטאָריאַליסטישע פּאָזיציע: דאָבין האָט ערקלערט, אַז זיינע פאַלעסטינע=סימפּאַטיעס זיינען ריין=אַבסטראַקטע און ער פּרעטענדירט נישט אויף דער פרייהייט צו אַגיטירן פאַר די דאָזיקע מיינונגען זיינע.

אַלס וועג צום טעריטאָריאַליזם האָט די קאָנפערענץ געפונען פאַר מעגליך צו אָנערקענען די דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען מיט רעגירונגען וועגן באַזעצן אַ פרייע טעריטאָריע.

2) וועגן 7=טן ציוניסטן=קאָנגרעס, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין א פאָר חדשים אַרום (פאַקטיש איז ער פאָרגעקומען ערשט אין אויגוסט 1905). עס איז באַשלאָסן געוואָרן זיך אין אים צו באַטייליקן אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע פראַקציע און צו פאָדערן אולטימאַטיוו עס זאָל אָנגענומען ווערן דער ענגלישער פאָרשלאַג וועגן קאָלאָניזירן אוגאַנדע.

3) וועגן זעלבסטשוץ. עס איז באַטראַכט געוואָרן די טאַקטיק פון די ציוניסטן=סאָציאַליסטן אויף דער יידישער זעלבסטשוץ=קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ האָט זיך דערקלערט אלס „גרינדונג=קאָנפערענץ פון דער ציוניסטיש=סאָציאַליסטישער ארבעטער=פאַרטיי” 1) און האָט אויסגעקליבן א צענטראַל=קאָמיטעט,

---

1) דער נאָמען „ציוניסטן=סאָציאַליסטן” איז שפּעטער אין דער פאַרטיי „ס. ס.” גופא שטאַרק קריטיקירט געוואָרן. עס איז מיט רעכט אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די ס. ס. זיינען דאָך אייגנטליך ניט קיין ציוניסטן, נאָר טעריטאָריאַליסטן; און נישט קיין סאָציאַליסטן סתם נאָר סאָציאַל=דעמאָקראַטן. די קאָנפערענץ=מיטגלידער האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז דער נאָמען „ציוניסטן” איז געווען נויטיק ריין=טאַקטיש, כדי צו קריגן אַ צוטריט צום ציוניסטישן קאָנגרעס; און אַז דאָס וואָרט „סאָציאַליסטישע” אָנשטאָט ס. ד.=ישע איז אַריינגענומען געוואָרן טיילווייז צוליב קורצקייט, טיילווייז אונטער דער ווירקונג פון די ס. ר.=יש געשטימטע „וואָזראָזשדענצעס”.

וואוהין עס זיינען אריין: יעקב לעשצינסקי, משה ליטוואקאָוו (ער איז נאָך דאן געוועזן אין אויסלאַנד), אַלטער יאָפּע, ווילהעלם לאַצקי, יודע נאָוואַקאָווסקי, בעניע פרידלאַנד און שמעון דאָבין. באַלד נאָך דער קאָנפערענץ איז קאָאָפּטירט געוואָרן אין צ. ק. נאָך יוסף לעשצינסקי.

דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט זיך געוויס פאַרטראַכטן איבער דעם פאַקט, וואָס די היסטאָרישע דאַטעס פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע, פאַלן צונויף מיט די אָרגאַניזיר-און וואוקס-עטאַפּן פון דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם: ערשט נאָכן 15-טן יולי (פּלעווע'ס טויט) איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער לעבן-פעיקער אָרגאַניזירצענטר פון די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס; ערשט נאכן 9-טן יאַנואַר (די באַרימטע דעמאָנסטראַציע פון'ם פעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט אונטער גאַפּאָנס אָנפירונג) איז ענדגילטיק געגרינדעט געוואָרן די „ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי (ס. ס.)".

מ. גוטמאַן.

וואַרשע, יוני 1921.

פון די ערשטע יארן פון פראלעטארישן ציוניזם.

(לויט אַרכיוו מאַטעריאַלן).

די ציוניסטיש=סאציאליסטישע באַוועגונג אין אַלע איהרע שאטירונגען און שטראמען האט נאך עד היום ניט געפונען איהר היסטאריקער. אויב די יידישע אַרבעטער=באַוועגונג בכלל איז נאך כמעט ניט אויסגעפארשט געווארן, שטעלט פאר די געשיכטע פון דעם שטראם פון דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, וואס האט אין דער אָדער יענער מאָס אָדער פאָרם, זיך אָנגעלעגט אָן דעם ציוניזם, אינגאַנצן נאָך אַ „טאַבולאַ ראַזאַ". אויב איך האב ניט קיין טעות, זיינען אויף דעם געביט פארעפנטליכט געווארן נאר צוויי אַרטיקלען אין די זאמלביכער „סערפ" (ערשיינט 1906 און 1907) — אין דעם ערשטן „סערפ" אונטערן טיטל „צו דער געשיכטע פון דער יידישער סאציאליסטישער ארבעטער=פאַרטיי"; אין דעם צווייטן — „באַריכט פון צענטראַל=קאמיטעט פון דער יידישער סאציאליסטישער אַרבעטער=פאַרטיי, צוגעשטעלט צום אינטערנאציאנאלן קאנגרעס אין שטוטגאַרט"; ווייטער האט א. גאלאנט אין דער „נייער צייט", 1918, נומ. 44 (132) פארעפנטליכט, אויפן סמך פון מאַטאריאל „פון אַרכיוו פון קיעווער אכראַנקע" אַן אַרטיקעלע — „ציוניסטען=טעריטאריאליסטן" (שייך צו די יאָרן 1910—1913), און אין נומ. 54 (391) „נייע צייט", 1919, איז נאך בעניע פרידלאנדס טויט, צו זיין אנדענק, אפגעדרוקט געווארן מיינער אַן ארטיקל „אַ בלעטל געשיכטע" (על פי רוב שייך צו די יאָרן 1903—1906). עפעס מער מאטעריאל איז פאנאנדערגעווארפן אין די ארטיקלען אין זאמלבוך „צום אנדענק פון מ. ב. ראטנער". דאס איז, אַפנים, אַלץ — פיל צו ווייניק פאַר אַ באַוועגונג, וואָס האט אַ רייכע געשיכטע פון כמעט 20 יאר. דערהייפט נאך, ווען אפילו דער שוין פארעפנטליכטער מאַטעריאל, איז אדער צו פיל ענליך צו אַ קאנספעקט (ווי אין „סערפ"), אדער נוגע נאָר איינצלהייטן, און ניט גראַד וויכטיקערע (ווי ביי גאלאנטן). אין מיין אַרטיקל („נ. צ.") און אין די ארטיקלען אין זאמלבוך „צום אנדענק פון מ. ב. ראטנער", זיינען שוין פאַראַן פרובן פון אַ סכעמאטישער סקיצע. אבער זיי זיינען דאך צוגעפאַסט און צונויפגעבונדן דער עיקר מיט דער אַרבעט פון איינציקע פערזאָנען — בעניע פרידלאנד, אדער מ. ב. ראטנער — און זיינען דאָך אין בעסטן פאַל ניט מער ווי אַ צייטונגס=אַרטיקל, אדער קליינע זאמלבוך=ארטיקלען, וועלכע האבן דאך אַ צו קנאפן שייכות צום עצם געשיכטע=מאטעריאל. דער קומענדיקער פארשער פון דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, וועט פון דעם אַלעמען נאך צו ווייניק האבן צו שעפן.

איך וויל דאָ פאַרעפנטליכן אַ ביסל מאַטעריאַל, וואס האט בלי ספק אַ געוויסן אינטערעס און אַ באַדייטונג פאַר אָט דער געשיכטע. דאַס איז דער מאטעריאל, וואס געפינט זיך אין דער „דיעלא" נומ. 61 פון קיעווער אכראנע=אפטיילונג און טראגט דעם טיטל „פועלי ציון". דער מאַטעריאל באַשטייט אין זיין גרעסטן טייל אין באַלייט=בריוו פון פאליציי=דעפאַרטאַמענט צו קיעווער „אכראנקע", צוזאמען מיט קאפיעס פון בריוו, וואס זיינען איבערגעכאפט געווארן פון פאליציי=דעפאַרטאַמענט פאר דעם משך צייט

פון 2. מאי 1904, ביז 8 יוני 1905 און וואס שטאמען פון דעמאלטיקן ארגאניזאציאנס-צענטער פון די פועלי-ציוניסטישע קרייזן, וועלכער איז דעמאלט געווען אין קיעוו, אדער פון פערזאנען, וואס זיינען געשטאנען נאענט צו אים. די בריוו זיינען אדרעסירט אין פארשידענע פונקטען — קיין ווארשע, פאריז, בערלין, בערן, האמעל, הווינסק, כארקאוו און אז. וו. פאלן אבער אלע אריין אין די הענט פון פאליציי-דעפארטאמענט, וואו זיי ווערן פאנאנדערגעשיפרירט, איבערזעצט פון יידיש אויף רוסיש און ווערן אין אפגעשריבענע קאפיעס צוגעשיקט קיין קיעוו, על פי רוב, מיט דעם אויפטראג, צו דערגיין, ווער איז דער אווטאר פון דעם אדער יענעם בריוו.

איידער מיר וועלן איבערגיין צום פאנאנדערקלייבן זיך אין די דאקומענטן, וואס געפינען זיך אין דער „דיעלא", איז נויטיק כאטש איז סאמע קורצע שטריכן אנצומערקן דעם צושטאנד פון די פראלעטאריש-ציוניסטישע ארגאניזאציעס צו יענער צייט (פרילינג 1904), די הויפט-שטרעמונגען און ריכטונגען, וואס האבן שוין צו יענער צייט אנגעהויבן אויסצוקריסטאליזירן זיך.

אונטער דער פאן און נאמען „פועלי ציון" גרופירן זיך צו יענער צייט א גאנצע ריי קלענערע אדער גרעסערע קרייזן יידישע ארבעטער און ניט ווייניקער בעלי מלאכות, וואס, פריער פארכאפט דורך דעם ברויזנדיקן שטראם פון אלגעמיינעם ציוניזם, האבן זיי דאך שפעטער אנגעהויבן זיך ארומזען און אפשר נאך מער אינסטינקטיוו פילן דעם קלאסן-מרחק צווישן זיי און די אלע יידישע בירגערליכע (בעל-הבית'ישע) עלעמענטן, וואס האבן געבילדעט דעם ראש-פנה פון פאליטישן ציוניזם. אין א גאנצער ריי שטעט, סיי אין דער ליטע, סיי אין דרום-מערבדיקן קאנט, הויבן זיך אן, אן יעדער צוזאמענהאנג צווישן אנאנד, אבער דאך אזוי ווי לויט א באשטימטן געזעץ, אפזונדערן פון די אלגעמיינע ציוניסטישע ארגאניזאציעס אט די ארבעטנדיקע שיכטען און אויסבילדן זייערע אייגענע ארגאניזאציעס, וועלכע נעמען אן כמעט אומעטום דעם נאמען „פועלי ציון" — ארבעטער-ציוניסטן. און אפגעריסן איינע פון די אנדערע, זוכט יעדע ארגאניזאציע אויף איר שטייגער ארויסצוגעפינען און אויפצווייזן פאר זיך און פאר דער וועלט די סיבות, וואס האבן זי באוואויגן זיך אפצוזונדערן פון דעם כלל, און צו באגרינדן איר פאליטישע און קלאסן-פאזיציע. ס'גייט דא קודם כל וועגן פאליטישן קאמף מיט דער רוסישער זעלבסטהערשונג.

פון איין זייט, די אור-ציוניסטישע קאנצעפציע, וואס איז געבויט אויף דער צוקונפט אין פאלעסטינע און וויל ניט וויסן פון „געגנווארטס-ארבעט" (בתוכה אויך פאליטישער קאמף) אויף די ערטער. פון דער צווייטער זייט, די ווירקונג (אמת, נאר אין ווייסרוסלאנד) פון די „נעזאוויסימצעס" מיט זייער אנערקענען בלויז דעם עקאנאמישן קאמף און קאטעגאריש אפשליידערן דעם פאליטישן קאמף. פון דער דריטער זייט, דער געזונטער חוש פון די מאסן, וואס טרייבט זיי צום קאמף מיט דער אזוי דריקנדיקער הערשאפט פון זעלבסטהערשונג און קאפיטאל. אויף דעם באדן וואקסן אויס פארשיידענע טעארעטישע קאנצעפציעס. פון איין זייט די פסעוודא-ארטאדאקסאל-מארקסיסטישע אויסארטונגס-טעאריע מיט איר באהויפטונג, אז די יידישע ארבעטער-מאסן אין גלות זיינען פארמשפט ביי אלע באדינגונגען אויף אויסארטונג; אז דער פאליטישער קאמף, אפילו אויב ער זאל זיך ענדיקן מיט א נצחון, קאן אין דעם אייזערנעם געזעץ גארנישט ענדערן. מען מוז אבער פירן דעם קאמף, ווי א פראטעסט קעגן אונטערדריקונג, ניט צונויפגעבונדן אים מיט דעם ענדציל און ניט געשטעלט דערביי קיין נאציאנאלע פאדערונגען; דער פאליטישער קאמף ליגט גאר אין אן אנדער פלאך, און פון דאנען איז ארויסגעדרונגען די טעאריע פון די „צוויי פלאכן", וואס הערשט א היפש ביסל צייט אין די מוחות פון א בעדייטנדיקן טייל פון די „פועלי-ציון"-קרייזן.

דעם אנטקעגן שטייט די „אויפלעבונגס-טעאריע", וועלכע באהויפטעט, אז גראד איז פאליטישן קאמף מיט זיינע דערגרייכונגען

שטעקט דער וועג צום פארווירקליכן דעם טעריטאריאַליסטישן (נאציאנאלן) אידעאל. אין דעם קאַמף זאמלען זיך און וואַקסן די פאלקס־כוחות, שאַפן זיך באדינגונגען פאַר דעם אויפלעבונג פון פאלק און אנטוויקלונג פון זיינע כוחות, וואס דארף ארגאניש פירן צו דעם ענדציל. דערפון איז אויך געדרונגען די פאדערונג פון די ברייטסטע נאציאנאלע רעכט, וועלכע האבן שפעטער שוין געפונען זייער יורידישע פארם אין געשטאלט פון נאציאנאלער אַווטאנאמיע. די קאנצעפציע אפערירט עפטער מיט דעם „נאציאנאלן באַוואוסטזיין“, איז באמת אַ ביסל אַפיקורסיש בנוגע צו דער אפיציעלער, איז יענער צייט הערשנדיקער סאציאל־דעמאקראטישער דאגמע. אירע הויפט־טרעגער זיינען, דערצו נאָך, אונטער אַ באַרעכטיקטן חשד אין ס"ריזם, און דעריבער רופט זי ארויס קעגן זיך אַ סקעפטישן ווידערשטאנד מצד די פועלי־ציוניסטישע גרופעס, וואס שטרעבן צו זיין און צו בלייבן אמת־כשרע מאַרקסיסטן.

אין אַלגעמיינע שטריכן איז די גרופירונג אַזאַ: אין ווייסרוסלאנד — מינסק, ווילנע און א. — האט די איבערהאנט די קאַנצעפציע פון די „נעזאוויסימצעס“, וועלכע לייקנט אפ שטייז און בייז דעם פאליטישן קאַמף. אין פוילן, דרום־קאַנט, אבער אויך אין דווינסק, הערשט די „צוויי־פלאכן“־טעאריע; אין דרום־מערב־קאנט און ספעציעל אין קיעוו הויבט אן לאזן ווארצלען די „אויפלעבונגס־טעאריע“.

אבער צו יענער צייט הויבן זיך אויך אן איינצושטעלן פאַרבינדונגען צווישן די אַלע ארגאניזאציעס און די קעגנזייטיקע ווירקונג פון איינע אויף די אנדערע. ס'זיינען דאך גלידער פון איין משפחה, און ווי אזעלכע קומט ביי זיי פאר די ערשטע באַגעגעניש אויף דעם מינסקער ציוניסטישן צוזאמענפאר אין הארבסט 1902; שפעטער קומען זיי זיך ווידער צונויף אין פרילינג 1903 אויף אַ ספעציעלער באַראַטונג אין ווילנע, און דערנאך אין אקטאבער 1903 אין קיעוו, אויף דער קאנפערענץ „וואזראזשדעניע“. די חלוקי־דעות ווערן ניט אויסגעגלייכט אויף די קאנפערענצן; פארקערט, אויף וויפיל יעדע ריכטונג פארמולירט בולטער איר קאנצעפציע, וואַקסט אפילו דער תהום צווישן זיי, אבער דאך ווערט ניט איבערגעריסן דער פאדים, וואס בינדט זיי צוזאמען, און ביז פרילינג 1905 בלייבט עקסיסטירן דער ארגאניזאציאנעלער צוזאמענבונד פון אט די אַלע גרופעס און ארגאניזאציעס. אבער דאס וואלט שוין געהייסן פארלויפן אין אַ ווייטערער תקופה, ווי די, וואס צו איר געהערט דער אנהויב און אפילו דער סוף פון אונזער „דיעלא“.

אין יאר 1903, נאך דעם זעקסטן ציוניסטישן קאנגרעס, קומט צו נאך אַ שטרייטפונקט — דאס איז טעריטאריאליזם, אדער פאַלעסטיניזם. די פועלי־ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין ליטע און ווייסרוסלאנד זיינען דורכאויס טעריטאריאַליסטיש; אין דרום־מערב און נאך מער אין דרום־קאַנט (באזונדערס, יעקאטערינאסלאוו) — טיילווייז פאלעסטיניש. דאס ווערט אבער אויסגעלעבט אין משך פון די ווייטערע פאר יאר אין פראצעס פון דער אויסבילדונג פון די צוויי פראלעטארישע טעריטאריאַליסטישע פארטייען — ציוניסטיש־סאציאליסטישער און יידישער סאציאליסטישער.

דער פאלעסטיניזם קומט צוריק אריין צו די „פועלי ציון“ אין דעם ווייטערדיקן גלגול, ווען אויף די חורבות, וואס זיינען איבערגעבליבן נאך דער אויסבילדונג פון די צוויי אויבן דערמאנטע פראלעטארישע טעריטאריאַליסטישע פארטייען, הויבט זיך אן אויפבויען די איצטיקע „פועלי ציון“, וואס דער פאלעסטיניזם גיט איר די הויפט־באַרעכטיגונג פאר איר קיום.

און איצט צו דער „דיעלא“ גופא.

ס'הויבט זיך אן דערפון, וואס עס פאלט דורך אַ בריוו, געשיקט פון קיעוו קיין ווארשע, אדרעסירט דער „געזעלשאַפט „כרמל“, פאר אברהמ'ען“. אַזוי ווי דער פאליציי־דעפארטאמענט פלעגט נאר אראפנעמען קאָפיעס פון די בריוו, און די בריוו גופא, פלעגן זארגעוודיק צוגעשטעלט ווערן צו די אדרעסאַטן, האט, ממילא, קיינעם ניט געקענט איינפאלן, אז דער אדרעס איז אַ דורכגעפאלענער, און מען האט נאך אַ היפש ביסל צייט נאכדעם באַנוצט דעם

זעלבן אַדרעס און געגעבן אויף אַזאַ אופן אַליין נייעם מאַטעריאַל פאַר דעם פּאַליציי-דעפּאַרטאַמענט. פון דעם ערשטן דורכגעפאַלענעם בריוו, געשריבן פון קיעוו דעם 18 אַפּריל 1904, איז שוין קלאר, אַז אין קיעוו איז געווען צוליב עפּעס אַן ארגאניזאציאנס-ענין איינער „זלמנזאן" — אין אַ הערה פון פּאליציי-דעפּארטאמענט צו דעם נאמען ווערט געזאגט: „אפשר זלמן", און, ווייזט אויס, מיט רעכט, ווייל דאס איז געוויס שייך אָדער צו זלמן מייזנער פון וואַרשע, אדער צו זלמן דעם דווינסקער, שפּעטער דעם אדעסער. דאס, אגב, באַשטעטיקט אויך דער צווייטער בריוו, וואס ווערט מיט אַ חודש שפּעטער צוגעשיקט פון פּאליציי-דעפּארטאמענט, וואו ס'געפינט זיך אַ קאפּיע פון אַ בריוו אויף דעם שוין פריער אָנגעוויזענעם אַדרעס פון קיעוו, דעם 2 מאי, 1904, אַ בריוו, וואס איז געחתמ'עט „אַייער שוואַרצער" (לויט מיין השערה, דארף עס זיין יוסף לעשצינסקי). אין דעם בריוו איז „שוואַרצער" מודיע זיינע ווארשעווער חברים, אַז ער איז געקומען קיין קיעוו און געפירט ווייטער די פארהאנדלונגען, וואס עס האט פריער אנגעהויבן צו פירן זלמן. ס'ווייזט זיך אבער ארויס, אז די קיעווער לייט און זלמן האבן ניט גאנץ גוט איינער דעם אַנדערן פארשטאנען. ס'רעדט זיך וועגן ארגאניזירן אַ צוזאמענפאר; אין קיעוו אויף די באַראטונגען מיט שוואַרצערן זיינען באהאנדלט געווארן די פראגן, צי מען דארף האבן דעם צוזאמענפאר, וואס פאַר אַן אויפגאבן און ציל דארף ער האבן, און צי מען קאן אים פארווירקלעכן. די באראטונגען אין קיעוו ווערן געפירט מיט דער ארטיקער גרופּע „וואזראזשדענצעס" (דער נאמען ווערט, אמת, אין בריוו ניט דערמאנט), און דערביי פארטרעט שוואַרצער, אפנים, די וואַרשעווער „פּועלי ציון", וועלכע האבן שוין צו יענער צייט, ווי ס'איז קלאר פון דעם בריוו, באַוויזן צו פאַרבינדן און צופרידן זיך מיט די דווינסקער „פּועלי ציון". די באַראַטונגען האבן געבראכט צו דעם אויספיר, אַז צום ארגאניזירן דעם צוזאמענפאר קאן מען צוטרעטן, מיט דעם תנאי אבער, אַז מען זאל עס אנהויבן טון ערשט אין 6 וואכן ארום, ווארום דעמאלט וועט מען קענען צוציען נייע „שותפים" פון אויסלאנד; די אַרבעט אבער דארף געפירט ווערן פון קיעוו, און שווארצער לייגט פאָר צוגעבן אים פולמאַכטן פאָרצושטעלן דא די ווארשעווער, ס'וועט אויך אַרויסגערופן ווערן קיין קיעוו אַ „שותף" פון דווינסק און דעמאלט וועט מען צוטרעטן צו דער אַרבעט.

דער „שותף" פון דווינסק איז אבער געקומען קיין קיעוו ערשט אין אנהויב יולי. דעם 20 יולי שיקט דער פאליציי-דעפארטאמענט איבער קיין קיעוו אונטערן נומ. 8386 קאפיעס פון דריי בריוו, געשריבן דעם 12 יולי פון קיעוו קיין דווינסק, ווארשע און האמעל. אַלע בריוו זיינען געחתמעט אַל. דאָס איז בלי ספק די חתימה פון אַלטער דווינסקער (יפה), וועלכער איז, אפנים, אין הסכם מיט דעם פריער ציטירטן בריוו פון שוואַרצערן געקומען קיין קיעוו. אין זיין בריוו קיין דווינסק שרייבט ער: „מיר האבן דא אפגערעדט, און זיינען געקומען צולעצט צו אַ געוואונשענעם רעזולטאט. דער צוזאמענפאר איז אומבאדינגט נויטיק, אבער ער קאן ניט פארקומען פריער פון סעפטעמבר. מיר האבן אבער באַשלאסן פריער, נאר ניט שפעטער ווי אין צוויי—דריי וואכן ארום, צונויפרופן אין מינסק אַ פארקאנפערענץ, אום אויסצוקלייבן אַן ארגאניזאציאנס-קאמיסיע און אויסצואַרבעטן דעם פלאַן פון צוזאמענפאר. די פארקאנפערענץ איז נויטיק, אום צו סאנקציאנירן די ארגאניזאציאנס-קאמיסיע און צו געבן איר דעם געהעריקן אַוטאריטעט, ווארום ווי מיר ווייסן עס שוין פון פריער, און ווי איך האַב זיך דא נאך מער איבערצייגט, זיינען די כונות צונויפצורופן אַ צוזאמענפאר, ווען מען ווייסט ניט איינער פון צווייטן, זעהר ניט אנשטענדיק. מיר רעכענען, אַז אויף דער קאנפערענץ זאלן זיין פארשטייער פון דווינסק, וואַרשע, יעקאטערינאסלאוו, אדעס און „וואזראזשדעניע". (די קיעווער „אכראנקע" גיט צו ביי דעם ווארט פאל. פירוש: „אויף דעם ציוניסטישן קאנגרעס אין באַזעל איז געווען אַן אפאזיציע, די אפאזיציע

האט אנגעהויבן ארויסצוגעבן „וואזראזשדעניע"— א זשורנאל").

דער פאליציי־דעפארטאמענט שיקט צו קיין קיעוו אט דעם בריוו און נאך צוויי בריוו פון אל.—ן און בעט די קיעווער „אכראנקע" ארויסצוזאגן אירע השערות מכוח דעם, וועגן צוזאמענפאר, פון וואסער רעוואלוציאנערער ארגאניזאציע רעדט זיך אין די בריוו, און אויך געבן די ידיעות וועגן דעם ארגאניזירן אט דעם צוזאמענפאר, אויב מען פארמאגט זיי.

ווי אן ענטפער דערויף, איז ספירידאוויטש, דער באקאנטער זשאנדארם, וואס איז אין יענער צייט געווען נאטשאלניק פון דער קיעווער „אכראנקע", דעם 8 סעפטעמבר, 1904, אונטערן № 2508 מודיע דעם פאליציי־דעפארטאמענט: „אין דער קארעספאנדענץ רעדט זיך, ווי ס'ווייזט אויס, וועגן דעם צוזאמענפאר פון דער ארגאניזאציע „פועלי ציון". לויט די ידיעות פון דער אגענטור, האבן די מיטגלידער פון די קרייזן פון דער ארגאניזאציע אין פארשיידענע שטעט באשלאסן אויסצוארבעטן א געמיינזאמע פראגראם, וועלכע דארף באטראכט ווערן אויף זייער צוזאמענפאר, אבער וואו און ווען דער צוזאמענפאר וועט פארקומען, דאס ווייזט די אגענטור ניט אן. מיט צוגרייטן א פראיעקט פון א פראגראם איז געווען זומערצייט פארנומען איינער א ייד, לויט דער פאמיליע, דוכט זיך, ראזין, וואס זיין פערזענליכקייט ווערט פעסטגעשטעלט".

א וואך שפעטער, דעם 14 סעפטעמבר, איז ספירידאוויטש ווידער אמאל מודיע דעם דעפארטאמענט: „ווי א דערגאנצונג צו מיין מעלדונג פון 8 סעפטעמבר נומ. 2508, בין איך מודיע, אז דער ראזין, וועלכער ס'ווערט דארט דערמאנט, איז א יונגערמאן אן באשטימטע באשעפטיגונגען האט אין די קרייזן פון די „פועלי ציון" א גרויסע פאפולאריטעט און איז מחמת דעם אויסגעקליבן, ווי א דעפוטאט אויף דעם צוזאמענפאר פון די פארשטייער פון „פועלי ציון", וואס דארף פארקומען גאר אין דער נאענטער צייט. דער ארט פון צוזאמענפאר איז אומבאוואוסט, אבער נעמענדיק אין באטראכט, אז ראזין, וואס איז מיט א וואך צוריק ארויסגעפארן אויפן צוזאמענפאר, און אוועקגעפארן קיין פאריז — קאן מען רעכענען אפשר וועט דארט טאקע פארקומען דער צוזאמענפאר. אויף דעם צוזאמענפאר, וואס ווערט איינגעארדענט, וועט מען באטראכטן די פראגראם פון די „פועלי ציון", און ס'וועט געמאכט ווערן דורך די אנפירער פון אט דער ארגאניזאציע א פרוב צו פאראייניגן זיך מיטן „בונד" אין איין אלגעמיינער ארגאניזאציע, בכדי מיט א גרעסערן ערפאלג צו פירן דעם קאמף מיט דעם רוסישן מלוכה־סדר".

צו ראזינ'ס נאמען איז פון אונטן פאראן אן אנמערקונג מיט רויט בליישטיפט:

„אברהם אשעראוו, 25 יאר, זיין שוועסטער — יענטע ראזין".

נאך אין א געוויסער צייט ארום גיט ספירידאוויטש אין זיין אלגעמיינעם באריכט וועגן די רעוואלוציאנערע פארטייען אין קיעוו פאלגנדיקע ידיעות וועגן די אנהענגער פון דער ארגאניזאציע „פועלי ציון": „די אויבן אנגערופענע ארגאניזאציע, ווי אזעלכע, עקסיסטירט ניט, אבער אין שטאט איז פאראן א היפשע צאל אנהענגער פון „פועלי ציון" צווישן דער יידישער יוגנט. צווישן זיי געפינען זיך: דער אינטעליגענט ראזין אברהם; דער סטודענט פון 2־טן קורס פון יורידישן פאקולטעט סיאני פראאימאוו פרידלאנד, א געוויסער נוחים יאנאוו שטיף און מאנדעלשטאם לייב אווסעיעוו — א דאקטאר. (דא איז צונויפגעמישט דער נאמען פון ד"ר מאנדעלבערג, וועלכער האט זיך געפונען אין קרייז פון „וואזראזשדעניע", פיגורירט שפעטער, ווי „דעבאשיר", — מיט דעם פאמיליע־נאמען פון דעם פאפולערן ציוניסטישן, שפעטער טעריטאריאליסטישן פירער, ד"ר מאקס מאנדעלשטאם. — י. ב.).

די טעטיגקייט פון די אויסגערעכנטע פערזאנען און פון זייערע אנהענגער באגרעניצט זיך דורך א מינדליכער פראפאגאנדע צווישן יידישן קיבוץ; א פראפאגאנדע, וועלכע טראגט א כאראקטער פון צופעליקע, היימישע שמועסן, ביי וועלכע די „פועלי ציוניסטן" באמיען זיך

אריבערצוציען איך זייער ויט ציוניסטן און „בונדיסטן". אזא כאראקטער פון דער טעטיגקייט פון די אנהענגער פון די „פועלי ציון" מאכט פאר פריציייטיק לעת עתה די פראגע וועגן זייער ליקווידאציע אין קיעוו, ווארום ארעסטן וואלטן נאר צוגעגעבן דער היגער גרופע „פועלי ציון" א באדייטונג פון א פאליטישער ארגאניזאציע, און ווי אזעלכע, קאן מען זי דערווייל נאך ניט באטראכטן".

דערווייל אבער, ביז וואנען ספירידאוויטש האט זיך געחקירהט וועגן דעם, אז דער צוזאמענפאר וועט אפשר פארקומען אין פאריז, בעת ער האט געקענט ביי זיך גאנץ קלאר הרכליענען, אז דערווייל דארף נאר פארקומען א פארקאנפערענץ אין מינסק, איז די פארקאנפערענץ באמת פארגעקומען. זי איז אבער פארגעקומען ניט אין מינסק, נאר אין ווארשע. אין מיינעם א בריוו קיין פאריז צו דער רעדאקציע פון „וואזראזשדעניע" פון 9 אקטאבער, וואס געפינט זיך אין „דיעלא" און וואס מיר וועט נאך אויסקומען זיך אומצוקערן צו אים, ווערט זי פון מיר אנגערופן די „ווארשעווער קאנפערענץ".

אין א בריוו פון ארג. ביורא צו סירקינען קיין בערלין (ד"ר נחמן סירקין, דער ארויסגעבער פון „המון") פון 24 סענטיאבר 1904 געפינען מיר ווייטערדיקע ידיעות וועגן אט דער פארקאנפערענץ. אט דער בריוו אבער איז גענוג אינטערעסאנט און וויכטיק, כדי מיר זאלן ברענגען דא איך זיין ערשטן טייל, וואו ס'ווערט כאראקטעריזירט די שטימונג אין די ארגאניזאציעס ביז דער פארקאנפערענץ.

„טייערער חבר, ווי איר ווייסט, האט די ארגאניזאציע „פ. צ." שוין לאנג געמאכט פרובן צו פאראייניקן אלע ארגאניזאציעס, וועלכע זיינען פאנאנדערגעווארפן איבער גאנץ רוסלאנד אן וואסער עס איז טעכנישער פארבינדונג און אפילו אן וואסער עס איז ענליכקייט אין זייערע מיינונגען און פרינציפן. אט די אלע פרובן האבן זיך ניט איינגעגעבן איבער צוויי סיבות: ראשית, דער ציוניסטיש-סאציאליסטישער געדאנק איז נאך ניט געווען גענוג קלאר אין אלע ארגאניזאציעס, א סך פראגן זיינען נאך ניט ארויסגעשטעלט געווארן און אין דער שפיץ פון די ארגאניזאציעס זיינען אפט געשטאנען „חשובע" יונגע לייט מיט א רעאקציאנער-ראמאנטישן געדאנקען-גאנג; שנית, אין די אויפגאבע פון פאראייניגונג געווען שלעכט אפגעשטעלט מחמת דעם, וואס מען האט געוואלט דורכפירן, אז אין איין בונד זאלן פאראייניגט ווערן די ראדיקאלע און די רעאקציאנערע פראקציעס פון אונזערע ארגאניזאציעס, וועלכע מען האט בשום אופן ניט געקענט פאראייניגן, — אויסארבעטן א פאראייניגונגס-פראגראם בנוגע צו אלין, וואס איז שייך דער טעאריע און פראקטיק פון אונזערע ארגאניזאציעס. יעדער ארגאניזאציע האט זיך אזוי עקסיסטירט באזונדער, און אירע געדאנקען און פאדערונגען פלעגן זיך באגרעניצן מיט דעם שטח, וואו די אדער יענע ארגאניזאציע האט זיך געפונען. אזוי איז דורך א סך צייט, ביז וואנען יעדע ארגאניזאציע האט זיך געקליגט פאר זיך, אבער ווייטער קאן עס שוין מער אזוי ניט זיין. די ארגאניזאציעס זיינען, אזוי צו זאגן, געווארן צייטיק, און אומעטום הערשט אן אומווידערשטייליך שטרעבן צו מאכן א סוף צו אט דעם כאאס. צוליב דעם צוועק זיינען זיך סוף יולי צונויפגעפארן פארשטייער פון שטעט, וואס די מערהייט פון זיי האבן זיך צונויפגענומען אויף א קאנפערענץ, אויף וועלכער עס זיינען אנגענומען געווארן פאלגענדע רעזאלוציעס:

1) נעמענדיק אין אכט די ניט-ארגאניזירטקייט און די פרינציפיעלע אפגעזונדערטקייט פון ציוניסטישע (? י. ב.) ארגאניזאציעס, זעט די קאנפערענץ איין אירע אויפגאבן אין פאלגנדיקן: א) די ערשטע אוממיטלבארע אויפגאבע איז צונויפצורופן א צוזאמענפאר פון יענע ארגאניזאציעס, וועלכע גייען זיך צום מיינכט צונויף; צוליב דעם דארף די פארקאנפערענץ אויסארבעטן דעם טאג-סדר פון דעם צוזאמענפאר, וועלכער האט צו באטראכטן אלע ברענענדיקע פראגן, וואס רירן אן אונזערע ארגאניזאציעס; ב) ס'זאל שוין תיכף דורך דער פאר-

קאנפערענץ אין דער ניי אויסגעוויילטער ארגאניזאציאנס=קאמיסיע באשאפן ווערן א צייטוויליקע איינגונג צוליב בשותפותדיקער פלאנמעסיגער ארבעט אין פיל פראגן, וואס זיינען ארויפגעשוואומען אין אונזער פארטיי=לעבן.

2) אננעמען דעם פאלגנדיקן טאג=סדר: א) באריכט פון דער ארגאניזאציאנס=קאמיסיע; ב) ציוניזם פון אונזער שטאנד=פונקט; ג) ציוניזם ווי א באוועגונג, ד. ה. וועגן די אופנים אים צו רעאליזירן; ד) דער פאליטישער קאמף אין אונזער פראגראם; ה) דער ציוניזם און דער פראצעס פון עקאנאמישן קאמף; ו) אונזערע באציהונגען צום אלגעמיינעם ציוניזם; ז) אונזערע באציהונגען צום „בונד" און צו אנדערע רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס; ח) ארגאניזאציאנס=פלאן".

דער ארגאניזאציאנס=קאמיטעט איז געווארן געבילדעט. אין דער „דיעלא" געפינען מיר שוין בריוו פון ארגאניזאציאנס=קאמיטעט פון 13 סעפטעמבר. דעם באשטאנד פון ארגאניזאציאנס=קאמיטעט קען מען ניט דירעקט ארויסדרינגען פון די דאקומענטן, הגם אויף איניקע מיטגלידער זיינען פאראן אנווייזונגען. דער פאליציי=דעפארטאמענט שיקט איבער דעם 23 סענטיאבר, אונטערן נומ. 11043 צוויי בריוו פון קיעוו פון 13 סענטיאבר, איינער קיין ווארשע, דער צווייטער קיין כארקאוו צו מאיר אראנסאן פאר שמעונאוויצן, (דאבין — י. ב.). דער ערשטער בריוו איז אונטערגעשריבן — ארג. ק., דער צווייטער — דיין שמואל. דער פאליציי=דעפארטאמענט מאכט אבער אויפמערקזאם, אז לויט דער האנט=שריפט זיינען ביידע בריוו געשריבן פון איין פערזאן. נעבן דער אונטערשריפט — „דיין שמואל" מאכט ספירידאוויטש אן אונטערשריפט — „צי ס'וועט האס ניט זיין צאדאקאוו?". ספירידאוויטש איז דא געווען אויפ'ן ריכטיקן וועג. ביידע בריוו זיינען ווירקליך געשריבן פון דעם מיטגליד פון ארגאניזאציאנס=קאמיטעט, איצט שוין לאנג פארשטארבענעם שמואל חסידאוו, וועלכער איז אין איניקע ערטער געווען באקאנט אויך אונטערן נאמען צאדאקאוו. אן אנדער בריוו, געשריבן קיין פאריז דעם 27 נאיאבר 1904, איז אונטערגעשריבן ירמיה ט. — דער פאליציי=דעפארטאמענט מאכט צו דער אונטערשריפט אין קלאמערן א פירוש — דער נאמען פון איינעם פון דער ארגאניזאציאנס=ביורא; און ווידער אמאל מיט רעכט — ירמיה איז דער קאנספיראטיווער נאמען פון דעם צווייטן מיטגליד פון ארגאניזאציאנס=קאמיטעט — יהודו; נאוואקאווסקי. אויף אנדערע מיטגלידער פון ארגאניזאציאנס=קאמיטעט זיינען ניטא מער קיין דירעקטע אנווייזונגען אין דער „דיעלא". חוץ די צוויי אנגערופענע, זיינען אין ארגאניזאציאנס=קאמיטעט געווען נאך אלטער דער דווינסקער (יפה — איצט אין אמעריקע) און בעניע פרידלאנד, ווי א פארשטייער פון דער „וואזראזשדעניע"=גרופע. וועלכע האט, אדאנק איר קאנפערענץ און דעם שוין צו יענער צייט ארויסגעגאנגענעם ערשטן טאפל=נומער פון זשורנאל „וואזראזשדעניע", אנגעהויבן פארנעמען א באדייטנדיקן ארט אין דעם פראלעטאריש=ציוניסטישן וועלטל. דאס האט אויך געפירט דערצו, אז ביי אלע ווייטערדיקע שריט אויפן וועג צו פאראייניגן די „פועלי ציוניסטישע" ארגאניזאציעס, איז געווארן אוממעגליך אויסצומיידן די „וואזראזשדעניע"=גרופע. אום צו פירן פארהאנדלונגען מיט איר, קומט פון ווארשע קיין קיעוו, וואו ס'געפינט זיך דער צענטער פון דער „וואזראזשדעניע"=גרופע, דער זלמן, וואס מיט זיין נאמען הויבט זיך די „דיעלא". צוליב די פארהאנדלונגען מיט דער זעלבער גרופע, קומט קיין קיעוו דער אויבן שוין ציטירטער „שווארצער". דער זעלבער „שווארצער" שרייבט אין דעם פריער שוין דערמאנטן בריוו וועגן אט די „שותפים": „די „שותפים" האבן בדעה צו נעמען דעם סאמע לעבעדיקן אנטייל אין דער אונטערנעמונג, און פאדערן נאר, מען זאל צום ענין צוטרעטן אין 6 וואכן ארום. זיי האבן א האפענונג צוציען אין משך פון דער צייט נייע „שותפים" פון אויסלאנד. מיר לייגן אייך פאר ארבעטן וועגן דעם ענין צוזאמען מיט זיי... וואס איז שייך צו די „שותפים", זיינען זיי מענשן זיכערע.

בעניטע און אַז זיי וועט, לויט מיין איבערצייגונג, דאס געשעפט ניט גיין, און ווען עס האַלט אַפילו אַוועק, איז ניט אויף לאַנג, בעת ביי זיי וועלן אין מענשן, און מיטלען, איז היסן, ווי צו פירן דעם ענין, קיין מניעות ניט זיין". אונטער דעם אַיינדרוק זאָגט זיך „שוואַרצער" אויס דערפאַר, דער ארגאניזאציאנס־צענטער זאל באַשאַפן ווערן ניט אין דווינסק — „מיר זיינען איבערצייגט, אַז איר, פון דווינסק, וועט ניט זיין בכח אַליין צו ארגאניזירן דעם ענין, ווי געהעריק", נאר מען זאל אַריבערטראגן די אַרבעט קיין קיעוו. שפעטער איז עס, ווי שוין איבערגעגעבן, אויך געשען.

איבער די מאטיוון האט אויך די וואַרשעווער קאנפערענץ באַשלאסן צוצוציען אין ארגאניזאציאנס־קאמיטעט אויך פארשטייער פון דער „וואזראזשדעניע"־גרופע.

דער ארגאניזאציאנס־קאמיטעט איז, ווי מיר האבן שוין געזען, שוין אין סעפטעמבער געווען אין קיעוו און האט געפירט זיין אַרבעט אויף צוצוגרייטן דעם צוזאמענפאר. דעם 18־טן סעפטעמבער 1904 שרייבט דער א. ק. קיין וואַרשע (ביילאגע צום בריוו פון פאליציי־דעפאַרטאַמענט פון 28 סעפטעמבער אונטערן נומ. 11240 צו קיעווער „אכראנקע"): „מיר קאנען אייך מודיע זיין, אַז אלע צוגרייטונגען צום צוזאמענפאר זיינען ביי אונז שוין אנגעמערקט. מיר האבן אויסזיכטען, פול מיט האפענונג; איצט הענגט עס אפ פון אונזער אַלעמענס ענערגיע מכח דער פארווירקליכונג פון אונזערע פלענער. אין גיכן וועלן מיר אייך שיקן אַ מענשן, וועלכער וועט אייך געבן אנווייזונגען וועגן אַלע פאַרשריפטן און אינסטרוקציעס, וואָס קומען אן צו אייך פון אונז. דער פארשלאג וועגן צונויפרופן אַ טעריטאריאַליסטישע קאנפערענץ, איז צוריקגענומען געווארן דורך די איניציאטארן — דורך דער טעריטאריאַליסטישער גרופע. מיר לייגן אייך דעריבער פאר צו אַרבעטן אין דעם גייסט, ווי ס'האט אנגענומען די קאנפערענץ. מיר וועלן שוין זארגן, אַז די אנגענומענע רעזאלוציעס זאלן ענדגילטיק דורכגעפירט ווערן".

די טעריטאריאַליסטישע קאנפערענץ האט אויך אַ געוויסער צייט געמאַכט אַ טומל אין די קרייזן פון די „פועלי ציוניסטישע" טוער. ס'איז געווען אין מאמענט פון דעם שאַרפן קאַמף צווישן די יא־זאגער און ניין־זאגער בנוגע דער אוגאנדע־פראגע, און אויך אין די רייען פון דער יונגער באַוועגונג האט זיך געפונען אַ גרופע, וועלכע האט געוואלט די יא־זאגער־פראבלעם — די טעריטאריאַליסטישע — אַרויסרוקן אין פאדערגרונד און צונויפרופן צוליב דעם אַ בשותפותדיקע קאנפערענץ מיט די בירגערליכע טעריטאריאַליסטישע עלעמענטן. דאָס אָבער איז שוין דעמאָלט פאר אַ סך פון די „פועלי ציון" געווען גאר אפגעפרעגט. אין אַ צווייטן בריוו פון קיעוו קיין אדעס פון 18 סענט. 1904, אינטערגעשריבן „דיין אַלעקס.", אבער לויטן אינהאלט איז ער פון ארג.־קאמיטעט (ביילאגע צום בריוו פון פ.־ד. פון 28 סענט. נומ. 11239), ווערט וועגן דעם געזאגט: „זיי (די טעריטאריאַליסטישע גרופע — י. ב.), האבן גאר אומזיסט אַרויפגעטראגן זייער פארשלאג וועגן דער קאנפערענץ. מיר זיינען דערמיט צופרידן: ס'וואלטן געווען גאר סקאנדאלן, אבער מען וואלט ניט געקומען צו קיין שום רעזולטאט. ס'דאַרף דעריבער קיינער ניט פארן"...

אַ געוויסע באַלייכטונג באַקומט דער אינצידענט אין מיינעם אַ בריוו צו דער „וואזראזשדעניע"־רעדאקציע קיין פאריז — אגב, אום זיך שוין ניט אומצוקערן צו דער פראגע, אַ פאר ווערטער וועגן מיינע בריוו און זייער באַדייטונג. די רעדאקציע פון „וואזראזשדעניע", וועלכע איז צו יענער צייט באַשטאַנען פון בן־אדיר'ן (אַ. ראזין), מ. באזין (זילבערפארב) און וו. דאַלמאַן (פאבריקאנט), האט זיך דעמאלט געפונען אין פאריז. ווי פראקטישע פאליטיקער און אַרגאניזאציאנס־פארטרעטער פון דער „וואזראזשדעניע"־גרופע, זיינען צו יענער פארבליבן אין היסלאנד, אין קיעוו, בעניע פרידלאנד און איך. אַלע איבעריקע מיטגלידער פון דער „וואזראזשדעניע"־גרופע, צווישן זיי אויך דער פאַ שטאַרבענער מ. ב. ראטנער, האבן

געבילדעט די נאָענטערע אָדער װײַטערע פּע־
ריפעריע פון דער גרופּע און האָבן ניט גע־
טראָגן קיין שום אָפיציעלע אחריות פאַר דער
אַרבעט. ווי פאַרטרעטער פון דער קיעווער
גרופּע, ריכטיקער, פון בעניע פרידלאַנד און
מיר, פלעג איך אונטערהאַלטן אַ לעבעדיקע
קאָרעספּאָנדענץ מיט דער רעדאַקציע אין פּאַ־
ריז, און זיך באַראַטן מיט איר וועגן אַלע
אַקטועלע פּאָליטיש־טאַקטישע און פּראַקטישע
פראַגן. אַ היפּש ביסל פון אַט די בריוו מײַנע,
געפינט זיך אין דער „דיעלאָ". דער אָווטאָר
פון די בריוו — אונטער'ן נאָמען „איסאַק",
איז אַ מאַטעריאַל פאַר אַ ספּעציעלן שטודיום
פון פּאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט און דער קיעווער
„אָכראַנקע" („אַטנאַשעניע" פון פּ.־ד. פון 8
דעק. 1904 אונטערן נום. 14284). אויפן גרונט
פון אַ גאַנצער רײ מאַטעריאַלן און מיט דער
הילף פון אַ פּאַנאַנדערגעשפּרײטן פּערזענלעכן
אַדרעס (גאַס און נומער פון הויז), באַפעלט
דער פּ.־ד. די קיעווער „אָכראַנקע" צו ליקווידירן
דעם „איסאַק", וועלכער איז, לויט דער מיינונג
פון פּ.־ד., אַן אַקטיווער טוער פון די „פּועלי
ציון" און נעמט דעם נאָענטסטן אָנטייל אין
אָרגאַניזירן די קאָנפערענץ, וואָס האָט די אויפ־
גאַבע צוצוגרייטן אַ צוזאַמענפאָר פון די טוער
פון דער חברה".

און ניט געקוקט אויף אַזעלכע גענויע
ידיעות און קאַטעגאָרישע פאַרשריפטן פון פּ.־
ד. דערצו נאָך, בעת די פאַמיליע ברעגמאַן איז
ספּירידאָוויטשן, ווי ס'איז ווײַטער צו זען, גע־
ווען באַקאַנט, האָט אַ געראָטענער „אָקאָלאָ־
דאָטשני", וואָס איז אים געגעבן געוואָרן די
שליחות צו דערגיין וועגן אַט דעם „איסאַק",
וואָס וואוינט אויף פּושקינסקע 43, אַזוי
גלענצנד אויסגעפילט זײַן אויפגאַבע, אַז דער
זשאַנדאַרם־הלף, וואָס איז, ווי ס'ווײַזט זיך
אַרויס, שוין געווען דערמאָלט אַזוי נאָענט צו
מײַן האַלז, האָט זיך אונטערוועגס פאַרהאַקט
און געבליבן שטיין בײַ אַן אומגעריכט מיר
צו הילף געקומענער פינלענדער גובערנאַנטין,
וואָס דער נעשיקטער „אָקאָלאָדאָטשני" האָט
אָנשטאָט מיך אויסגעזוכט אין דעם אַנגעוויי־
זענעם הויז.

איך קער זיך אום צו דעם פּראָיעקט פון
דער טעריטאָריאַליסטישער קאָנפערענץ און צו
די רעזולטאַטן פון דער געשיכטע. אין מײַן
בריוו פון 9 אָקטיאַבער 1904 (בײַלאַגע צום
בריוו פון פּ.־ד. פון 5 נאָיאַבר נום. 12803),
געפינט זיך פאָלגנדיקע שטעלע וועגן דעם:
„נאָכדעם ווי דער פּלאַן וועגן אַ טעריטאָריאַלי־
סטישער קאָנפערענץ איז ניט דורכגעגאַנגען
און פון יעקב־יוספן (די צוויי לעשצינסקיס —
י. ב.), האָט זיך באַקומען אַן אָפיציעלער
אָפּזאָג פון מיטאַרבעט, האָט דער אָרג.־קאָמ.
געדאַרפט אָנהייבן דורכפירן די רעזאָלוציעס
פון דער וואַרשעווער קאָנפערענץ... איצט,
ווען ס'האָט זיך באַקומען אַ ידיעה, אַז דער
קאָנגרעס (דער ציוניסטישער קאָנגרעס, אויף
וועלכן ס'האָט געדאַרפט פאָרקומען דער אַנט־
שײדענער קאַמף צווישן די פּאַלעסטינצעס און
טעריטאָריאַליסטן — י. ב.), ווערט אָפּגעלייגט
ביז מאַי, איז יעקב־יוסף באַדײַטנד ווייכער גע־
וואָרן; יעקב איז אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס,
פון וואַנען ער האָט דורך ירמיהון איבערגעגעבן
זײַן הסכּם אויפן צוזאַמענפאָר און ווידער גע־
מאַכט דעם פאָרשלאָג צו פאָרן קיין פּאַריז,
אַרבעטן צוזאַמען מיט לידינען (ד"ר סירקין)
איבער דעם רעפעראַט. יוסף איז געקומען
אַהער און ס'האָבן זיך ווידער אַמאָל אָנגע־
הויבן באַראַטונגען. צום שלום פון די באַראַ־
טונגען, וואָס מיר (די „וואָזראָזשדענצעס" —
י. ב.) האָבן זיך געהאַלטן אין אַ זײַט פון זיי,
האָבן זיי אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו גרינדן אַ
ראַדיקאַל־טעריטאָריאַליסטישן קאָמיטעט פון
יעקב־יוספן, שמואל דעם געלן (דער שוין
דערמאָנטער חסידאָוו — י. ב.), מאַקעדאָנעצן
(אַ. סאָקאָלאָווסקי), און „רעבאַשירן" (ד"ר ל.
מאַנדעלבערג, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון
דער „וואָזראָזשדעניע"־גרופּע), וועלכער זאָל
אָנהייבן זעלבשטענדיק אַרבעטן". אין דעם
המשך פון דעם בריוו האַלט איך זיך אַן
עצה מיט די פּאַריזער חברים, צי מען זאָל
לאָזן אויף דער אַרבעט „רעבאַשירן", וועלכער
האַלט דאָ געדאַרפט ווערן אין אַ געוויסער

מאָס די אָפּיציעלע פּערזאָן. אַפּנים, פּאַריז האָט
זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, און דער פּראָיעקט
איז דעריבער ניט מקוים געוואָרן. אמת, ער
האָט דאָך אַ ווייטערן גלגול. אין בריוו פון
אָרג.-ב. פון 6 נאָיאַבער קיין וואַרשע (ביילאַגע
צו נומ. 13795 פון ד.-פּ. פון 26 נאָיאַבער),
ווערט געשריבן: „יוסף און אהרן פאָרן קיין
וואַרשע. אַריינטרעטנדיק אין טעריט. צענטער,
וועלן זיי נעמען אַנטייל אויך אין אייער אַר-
בעט און וועלן אַריין אין באַשטאַנד פון
וואַרשעווער קאָמיטעט; דעם לעצטן גיבן מיר
פון איצט אָן ראַיאָן-פולמאַכטן". ביי די נע-
מען יוסף און אהרן איז צוגעשריבן מיט ספּי-
רידאָוויטשעס האַנט — נעבן יוסף — „ברעג-
מאַן", נעבן אהרן — „סאָקאָלאָווסקי". — וואָס
איז שייך צו מיר, מוז איך זיך פון דעם
כבוד אָפּזאָגן, ער געהערט פאַקטיש צו יוסף
לעשצינסקי; וואָס איז שייך צו ספּירידאָוויטשעס
השערה וועגן אהרנען, איז זי פולקום ריכטיק.

מיר קערן זיך אום צו דער אַרבעט פון
אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטעט. ס'האַנדלט זיך צום
גרעסטן טייל לויט די דאָקומענטן, וואָס גע-
פינען זיך אין דער „דיעלאָ", וועגן איינטיילן
די רעפעראַטן צום צוזאַמענפאָר. אין בריוו פון
9 אָקטאָבער באַשטעטיקט דער אָרג.-ק., אַז
„מאַיסעי (באַזין) נעמט אויף זיך די באַציאונג
צום „בונד" און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַר-
טייען, וואָלאָדיע (דאַלמאַן-פאַבריקאַנט) איז
מחבר (בן-אדיר-ראָזין) קאָרעספערירן וועגן פּאָ-
ליטישן קאַמף". ס'ווערט אויך פאָרגעלייגט צו
באַטראַכטן די רעקאָמענדירטע קאַנדידאַטור פון
גראָסן, איינעם פון די לידערס פון די גאַלי-
ציאַנער „פּ. צ.", פאַר דעם רעפעראַט —
„ציוניזם, ווי אַ באַוועגונג, וועגן די אופנים אים
צו רעאַליזירן".

צו דעם זעלבן בריוו איז צוגעלייגט אַ
קורץ בריוועלע צו חיים זשיטלאָווסקי. „אונז
האָט מען איבערגעגעבן, אַז איר נעמט אָן
אונזער איינלאַדונג אויף דעם צוזאַמענפאָר פון
די רוסישע „אַרבעטער-ציוניסטן". מיר לייגן אייך
פאָר צו קאָרעספערירן אויפן צוזאַמענפאָר אויף
דער טעמע — „אונזער באַציאונג צום אָפּי-
ציעלן ציוניזם". גרעסערע שוועריקייטן רופט
אַרויס דער רעפעראַט וועגן „ציוניזם פון אונ-
זער שטאַנדפּונקט". דער רעפעראַט איז פאָר-
לייגט געוואָרן צוצושטעלן ד"ר סירקינען
(וועגן דעם זיינען פאַראַן אין „דיעלאָ" צוויי
בריוו צו אים פון אָרג.-קב.: פון דעם 24
סענטיאַבער — טיילווייז שוין ציטירט — און
אַ צווייטער אָן אַ דאַטע). דער זעלבער עניַן
פאַרנעמט אויך מיך און מיין בריוו קיין פּאַ-
ריז, דעם 9 אָקטאָבער. דער איינגערער „וואָז-
ראָזשדעניע"-קרייז האָט געהאַט אַ יסוד צו
באַציען זיך איינגעהאַלטן צו סירקינס קאַנ-
דידאַטור פאַר דעם גרונט-רעפעראַט. דער פאָר-
שלאַג פון אָרג.-קאָמ., וועלכער האָט פאָר-
געלייגט, דער רעפעראַט זאָל צוגעגרייט ווערן
דורך סירקינען, צוזאַמען מיט יעקב לעשצינ-
סקין, וועלכער האָט געזאָלט, ווי מיר האָבן
איבן געזען, צוליב דעם אַרויספאָרן קיין
פּאַריז, איז דערנאָך, ווען ס'האָט זיך אַרויס-
געוויזן, אַז יעקב ל. פאָרט ניט קיין פּאַריז,
געענדערט געוואָרן אין צווייטן בריוו צו סיר-
קינען אין דעם זין, אַז „איר קאָנט, לויט
אייער פאַרלאַנג, צוזוכן מיטאַרבעטער פאַר
דער אַרבעט, ליטוואַקאָוון און אַנדערע, ווע-
מען איר וועט געפינען פאַר נוצליך און טער
ס'האַלט זיך פאַרן שטאַנדפּונקט פון די
„פּ. צ.". דאָס רופט אָבער אַרויס ספקות
ביי אונז (ביי די „וואָזראָזשדענצעס"), און אין
מיין בריוו קיין פּאַריז, ווערן אַרויסגעשטעלט
צו באַטראַכטן פאָלגנדיקע 3 מעגליכקייטן:
1) איגנאָרירן לאָזן אים (סירקינען) צו רו און
ניט איינלאַדן אים אַפילו צו דער „חתונה"; 2) אי-
בערגעבן דעם רעפעראַט אים אין יעקבן (לעש-
צינסקין); 3) איבערגעבן דעם רעפעראַט
שמעונען (ש. דאַבין—שמעוני) און וויל-
העלמען (וו. לאַצקי, אַנטיילנעמער פון דער
„וואָזראָזשדעניע"-קאָנפערענץ, שפּעטער איינער
פון די לידערס פון די „ס. ס.", אין די לעצ-
טע יאָרן איינער פון די לידערס פון פאָלקס-
פּאַרטיי — י. ב.). מעגליך אויך נאָך אַ
פערטער אויסוועג: אפשר וועט ער (סירקין)
צונויף קומען פאַר אַ רעפעראַט „וועגן פּאָלי-

טישן קאַמף"; „איר („וואזראזשדענצעס") וועט קאררעפערירן". די „וואזראזשדעניע"=רעדאַקציע דארף וועגן דעם ארויסזאגן איר מיינונג. „איצט הענגט אפ נאר פון אייך, די זאך זאל אפגעטאן ווערן אַזוי, ווי מיר ווילן עס".

אין דער „דיעלא" איז ניטא קיין ווייטערע אנווייזונג, ווי ס'האט זיך פארענדיקט דער ענין מיט די רעפעראטן, און ס'פעלט דארט איבערהויפט דער ווייטערדיקער מאטעריאל וועגן דער צוגרייטונגס=אַרבעט צו דעם צוזאמענפאר.

דעם 23 נאיאבר ווערט פון קיעוו ארויסגעשיקט קיין כארקאוו אן אַן אונטערשריפט אַ בריוו (ביילאגע צו נ' 8 145 פון ד. פ. פון 13 דעקאַבר 1904), וואו ס'געפינען זיך פאלגנדיקע טעזיסן וועגן פאליטישן קאַמף (אפנים, צוגעגרייט צום צוזאמענפאר און פינאַנדערגעשיקט אין די ארגאניזאציעס צום באַקענען זיך):

„1) דער פאליטישער קאַמף פון דעם יידישן פאלק פאר זיין בירגערליכער גלייכבאַרעכטיגונג האט דענאציאנאליזירנדיקע טענדענצן (אַנטינאציאנאלן כאראקטער), ווי אַ שטרעבונג צו ווערן אַ פעסטערער אינטעגראלער טייל פון דער רוסלענדישער מלוכה און איז, לויט זיין סאציאלן מהות, סותר דעם שטרעבן פון די ציוניסטן=סאציאליסטן צו קאנצענטרירן אויף אַן אַוטאנאמער טעריטאריע דאס יידישע פאלק, וואס טיילט זיך אַרויס פון דעם רוסלענדישן מליכה=ארגאניזם.

2) אַזוי ווי די פארווירקליכונג פון דעם ציוניסטישן אידעאל אין זין פון קאנצענטרירן דעם גרעסערן טייל פון יידישן פאלק אויף אַן אייגענער טעריטאריע, וועט זיין אַ רעזולטאט פון אַ באַמעלאַכדיקער היסטארישער עוואלוציע, רוקט זיך ארויס מיט אַן אייזערנער נויטווענדיגקייט די פראגע וועגן געגנוואַרטס=פראגראם, ד. ה. וועגן פאליאטיווער באפרייונג פון די פאליטישע און עקאנאמישע נויטן פון יידישן פאלק.

3) אנערקענענדיק פאר נויטיק, כדי אויסצומיידן די פולקומע פיזישע און קולטורעלע אויסאַרטונג פון די יידן בכלל און פון דעם יידישן פראלעטאריאט בפרט, אַ פולע דעמאקראַטיזאציע פון דער מלוכה=אָרדענונג פון רוסלאנד, וואס מוז ווערן באַגלייט דורך דער גלייכבאַרעכטיגונג פון די יידן, מיט דער שטאַם=באַפעלקערונג, האַלט די פארטיי „ציוניסטן=סאציאליסטן" פאר דעם סאמע צוועקמעסיקן מיטל, אום צו דערגרייכן דעם אויבן אנגעוויזענעם צושטאנד; די ארגאניזאציע פון פראלעטאריאט, ווי דעם אַוואנגארד פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, צוליבן קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג.

4) זעענדיק דעם ענדציל אין אַ יידישער סאציאליסטישער מלוכה, וואס איר פעסטקייט קאן געזיכערט ווערן נאר ביים נצחון אדער ביי דער פארשטארקונג פון סאציאליזם ביי אַלע פעלקער, האַלט דער יידישער פראלעטאריאט, וואס איז ארגאניזירט אין דער פארטיי „ציוניסטן=סאציאליסטן", פאר זיין חוב מיטצוהעלפן דער אינטערנאציאנאלער סאציאל=דעמאקראטיע אין איר קאַמף קעגן קאַפיטאליסטישן סדר".

דער נאמען „ציוניסטן=סאציאליסטן", וואס ווערט דא בנוגע צו דער פארטיי צום ערשטן מאל אפיציעל אנגערופן, הויבט זיך אן שוין צו דער צייט אַיינצובירגערן,—אַזוי שרייבט ספירידאוויטש דעם 4 דעקאַבר 1904 אונטערן נומ. 3913 אין פאליציי=דעפארטאמענט, אַז ער שיקט זיי דא צו אַ פראקלאמאציע אונטערן טיטל „צו דער יידישער געזעלשאַפט", ארויסגעגעבן פון דער קיעווער ארגאניזאציע פון די „ציוניסטן=סאציאליסטן" (די פראקלאמאציע גופא איז, ליידער, אין דער „דיעלא" ניטא).

צו דער צייט אבער טראגט זיך דער שווערפונקט פון דער אַרבעט פון ארגאניזאציאנס=קאמיטעט, און נאך מער פון דעם אַזוי נאענט צו אים שטייענדיקן קיעווער „וואזראזשדעניע"=צענטער אריבער אויף אַן אנדער געביט. אין אנהויב זומער קומט פאר דער האמעלער פאגראם און אין די ערשטע הארבסט=חדשים באַלד איינער נאך דעם צווייטן קומען פאר די פאגראמען אין אַלעקסאַנדריע און סמי=

לע. ס'איז ניטאָ קיין זיכערקייט, אַז ס'הויבט זיך ניט אויף אויפסניי אַ פּאגראם־כוואַליע, און דער געדאנק פון דער יונגער יידישער רעוואלוציאנערער געזעלשאַפטליכקייט איז קאַנצענטרירט דערויף, ווי אַזוי אַרויסצוווייזן דאָ דעם געהעריקן ווידערשטאנד. ס'מוז אומעטום אָרגאניזירט ווערן זעלבסטשוץ־ארגאניזאציעס. דאס מוז אבער ברייט אַוועקגעשטעלט ווערן, ארגאניזאציאנעל און פינאנציעל געשטיצט ווערן פון איין צענטער. דער צענטער זאל אבער אימפּאָנירן, דאַרפן אַהין צוגעצויגן ווערן ניט נאר די סאציאליסטישע עלמענטן, נאר אויך די ראדיקאַלע אינטעליגענץ. און ס'ווערט געבוירן דער געדאנק וועגן צונויפרופן אַ זעלבסטשוץ־קאנפערענץ, וואס אין איר זאלן נעמען אנטייל פארשטייער פון די „פועלי ציוניסטישע" ארגאניזאציעס און אַ ריי פארשטייער פון דעם ראדיקאַלן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ און בירגערליכע עלמענטן.

פון דער צווייטער זייט, ווערט אַלץ מער קלאר, אַז דער געפּלאנטער פּארטיי־צוזאמענפאר וועט נאך ניט קענען אזוי גיך פארקומען — און ס'איז אוממעגליך ווייטער צו וואַרטן מיט דער פארענטפערונג פון די עלעמענטארסטע פארטיי־באדערפענישן ביז דעם צוזאמענפאר.

דערפון ווערט געבוירן דער פאלגנדיקער ארגאניזאציאנס־פּלאן: ס'ווערט צונויפגערופן די זעלבסטשוץ־קאנפערענץ, און גלייך נאך איר אַ פּארטיי־קאנפערענץ, אויף אַזא אופן, אז די דעלעגאטן פון די „פועלי ציוניסטישע" ארגאניזאציעס, וואס וועלן קומען אויף דער ערשטער קאנפערענץ, זאלן זיך באַטייליקן אין דער צווייטער, און אומגעקערט. נאך מער: כדי אויף דער זעלבסטשוץ־קאנפערענץ, וועלכע דארף לויט איר באַשטאנד טראגן אַ געמישטן כאראקטער, זאלן די „פועלי ציון" בילדן איין פראנט און האבן בייצייטנס אויסגעארבעט פאר איר אַ באַשטימטע ליניע פון אויפפירונג, דארף פאר דער זעלבסטשוץ־קאנפערענץ פארקומען אַ פארקאנפערענץ פון אירע „פועלי ציוניסטישע" אנטיילנעמער.

אין דער „דיעלא" הויבט זיך אן ווייזן דער מאטעריאל, וואס איז דערצו שייך.

דעם 30 אקטיאבר 1904 שרייבט דער א. ק. קיין אדעס צו לעוו סאלאמאנאוויטש לעווין: „מיר איילן זיך אייך מודיע צו זיין, אַז מיר זיינען מסכים צו נעמען אַן אנטייל אין דער קאנפערענץ און גיבן אַייך די פולמאכט צונויפצורופן זי אין נאמען פון די „פּ. צ.". מיר וועלן שיקן 4 אונזערע דעלעגאטן. זייט אַזוי גוט, אונז מודיע צו זיין וועגן דעם גאנג פון דער צוגרייטונגס־ארבעט".

וועגן דערזעלבער קאנפערענץ ווערט אויך לעבהאפט קארעספּאנדירט מיט פאריז. דעם 18 נאיאבר (ביילאגע צו נום. 14284 פון ד. פּ. פון 8 דעצעמבר), בין איך מודיע, פּאַריז, אַז „די קאנפערענץ איז, ווי אַייך איז באַקאנט, אפּגעלייגט אויף צוויי וואכן. צוליב דעם איז בעניא (פרידלאנד) איצט אין אדעס און פון דארט וועט ער פארן קיין ווילנע: מיט איין ווארט, ער, ווי מיר אַלע, הארעוועט ביזן שווייס. מיר האפן, אַז אונז וועט זיך אַיינגעבן אוועקצושטעלן דעם ענין אַ סך ערנסטער און סאלידער, ווי מיר האָבן עס אַליין פון אָנהויב גערעכנט. ס'וועלן נעמען אנטייל די בעסטע און די וויכטיגערע יידישע ראדיקאַלע עלעמענטן".

פון דעם זעלבן טאָג איז וועגן דעם ענין פאַראַן אין „דיעלאָ" מיינער אַ בריוו צו ד"ר מאַנדעלבערג, וועלכער געפינט זיך דעמאָלט אין בערן. מיר האָבן אָנגעמערקט, אַז ער זאָל צוזאַמען מיט מ. ב. ראַטנער שפּילן אויף דער קאָנפערענץ אַ געוויסע אָנפירענדיגע ראָלע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צייט פון מאַנדעלבערגס צוריקקומען קיין רוסלאַנד, שטייט די פראַגע וועגן דעם אָרט פון דער קאָנפערענץ — אָדעס אָדער קיעוו.

דעם זעלבן טאָג גייט אויך אַ בריוו צו אידעלסאָנען (דעם איצטיקן באַקענטן ציוניסט, דעמאָלט אַ שטיקל ראַדיקאַל און בונטאַר) וועגן דעם, אַז די קאָנפערענץ ווערט אַפּגעלייגט ביז 5—6 דעצעמבער. דאס זעלבע ווערט געבעטן איבערצוגעבן ביסקן (מאָסקווער גע-

וועלשאַפּטליכער טוער) און ראָזאָוון (איצטיקער ציוניסט).

דעם 22 נאָוועמבער פרעגט די פּאַריזער גרופּע, געחתמעט מאָיסעי (באַזין), קיעוו (ביילאַגע צו נומ. 13795 פון ד.=פ. פון 26. נאָוועמבער 1904), צי מען דאַרף באַשטעלן אַ סעפּאַראַט=אָפּדרוק פון דעם אַרטיקל וועגן זעלבסט=שוץ (וואָס האָט זיך דעמאָלט געדרוקט אין 4—3 № „וואָזראָזשדעניע"). אין דעם פאַל, אויב דער נומער וועט ניט פאַרטיק ווערן ביזן 20 נאָוועמבער. „קיין אויפרוף=מאַניפעסט וועלן מיר ניט אָנשרייבן (די קיעווער „וואָזראָזשדעניע"=גרופּע האָט פאַרלאַנגט, ס'זאָל איר צוגעשיקט ווערן אַזוינער צוליב דער פאָרשטייענדיקער זעלבסטשוץ=קאָנפערענץ) איבער דעם טעם, וואָס אין אונזער אַרטיקל שרייבן מיר אַלץ, וואָס דאַרף אָנגעשריבן ווערן אין אַן אויפרוף; איר וועט שוין אַליין קאָנען איבעראַרבעטן דעם אַרטיקל אין אַן אויפרוף. אַ פּראָקלאַמאַציע צו די פּויערים וועלן מיר אייך די טעג צושיקן".

דעם 27 נאָוועמבער גייט מיינער אַ בריוו קיין פּאַריז (ביילאַגע צו נומ. 14571 פון 14. דעצעמבער 1909). „ביז איצט איז נאָך ניט אָנגענומען קיין פעסטער באַשלוס, ווען וועט די קאָנפערענץ פאָרקומען; גיכער פון אַלץ וועט זי פאָרקומען דעם 5 (דעצעמבער). אַגב אורחא, קאָן איך אייך מודיע זיין, אַז אויף איר וועט זיין אַחד=העם. (די הערה צו דעם וואָרט פון דעם פאָל. דעפּאַרט. איז אַ גאַנץ לוסטיקע: „אַ העברעאיש וואָרט. אין איבערזעצונג הייסט עס: „איינער פון פאָלק", וואָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן ווי „נאַציאָנאַלער פאַרטרעטער" אָדער „דעלעגאַט" — י. ב.). ס'וואונדערט מיר זעהר, וואָס איהר האָט אַבסאָלוט גאָרניט געשיקט דערפון, וואָס איך האָב אייך געבעטן. אייער פּלאַן וועגן איבעראַרבעטן דעם אַרטיקל וועגן זעלבסטשוץ אין אַ מאַניפעסט, געפעלט מיר אַבסאָלוט ניט, אָבער איצט קאָן מען שוין גאָרנישט טון. אָבער אויב די זאַך וועט ווידער אַמאָל אָפּגעלייגט ווערן, בעטן מיר אייך אָנשרייבן אַלץ, וואָס מיר האָבן געבעטן, ד. ה. דעם מאַניפעסט (איר קענט איבערמאַכן, אויב איר ווילט, דעם אַרטיקל, אָבער מאַכט אַזוי, מיר זאָלן אים קענען פאָרלייגן, ווי אַ מאַניפעסט, שוין פאַרטיקערהייט), אַ רעפעראַט וועגן נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון אונזער שטאַנדפּונקט—פערגעסט ניט, אַז ס'וועלן זיין רעדעס פון אַחד=העמען (אויך איצט שטויסט זיך דער פּ.=ד. ניט אָן, אַז אַחד=העם הייסט ניט פשוט דעלעגאַט), דובנאָוו'ן, אָ. ק. פּ. צ. א. אַז. וו. און מיר, (די „וואָזראָזשדענצעס" — י. ב.), דאַרפען אויך האַלטן אונזער פּראָגראַם=רעדע, וועלכע איר דאַרפט אונז צושיקן (מיר, די פּראַקטיקער, האָבן אויף זיך אַליין ניט געוואָלט און ניט געקאָנט נעמען די אַחריות פאַר אַזאַ אַרויסטרעטונג — י. ב.) און רעזאָלוציעס.

דעם 20 דעצעמבער, אונטער נומ. 14837, שיקט דער פּאָליצײ=דעפּאַרטאַמענט קיין קיעוו אַ מעלדונג מיט דער באַגלייטונג פון אַן איבערגענומענעם בריוו פון קיעוו פון 7 דעצעמבער צו לעווינען, וואָס אויף דעם סמך מעלדעט דער פּאָליצײ=דעפּאַרטאַמענט דער קיעווער אָבראַנקע, אַז די „אַייך באַוואוסטע קאָנפערענץ פון די „פּועלי=ציון" איז באַשטימט אין אָדעס אויף דעם 23 דעצעמבער". אין דעם בריוו גופא (אַגב, דער בריוו איז, ווי אַלע בריוו צו דעם זעלבן לעווינען, געשריבן אין רוסיש און אַפּנים, גאָרניט שיפרירט) הייסט עס „מיט אַייער פּראָיעקט פון דער צייט=אַיינטיילונג בין איך פולקום מסכים, נאָר איך האַלט פאַר נויטיק צו מאַכן איין קליינע איבּבעסערונג: די ערשטע זיצונג פון אונזער פאָרקאָנפערענץ דאַרף זיין דעם דריי=און=צוואַנציקסטן אין דער פרי, וואָרום מיר אַלע וועלן קומען מיטוואָך ביי טאָג, און וויל פרייטאָג אין אָוונט מוזן מיר שוין זיין פריי. איך בעט דערויף מסכים צו זיין און אָנעמען די געהעריקע מיטלען". ווייטער גייען אין בריוו אייניקע סברות וועגן דובנאָוו'ס און קאַלמאַנאָוויטשעס (דער באַקאַנטער סאַראַטאָווער אַדוואָקאַט) קומען אויף דער קאָנפערענץ, און וועגן געלט=ענינים — „ס'מוז תיכף אַרויסגעשיקט ווערן די גאַנצע סומע, ד. ה. 180 רובל. פאַר נויט באַלד אַ העלפט, און די צווייטע העלפט ניט שפּעטער, ווי אין 3—4

טעג אַרום, ווייל איך וועל נאך מוזן פון דאַ־גען שיקן געלט קיין כּאַרקאָוו, און ס'קאָן זיין, אויך קיין האָמעל א. אַז. וו." דער בריוו איז אין יעדן פאַל שייך צו דער קאָנפערענץ פון זעלבסטשוץ (הגם ס'ווערט דערמאָנט נאָר די פּאַרטייאישע פּאָרקאָנפערענץ בנוגע צו דער פראַגע). דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט ווייסט אָבער, אַפּנים, פון דער זעלבסטשוץ־קאָנפערענץ גאָרניט, און הגם פון דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז געווען אין זיינע הענט, איז געווען קלאָר, אַז וועגן אָנטיילנעמען אין דער קאָנפערענץ ווערן געפירט פערהאַנדלונגען מיט אחד־העמען, דובנאָוון, ביסקן, ראָזאָוון, אידעלסאָנען א. א, פונדעסטוועגן איז ער פשוט מודיע, אַז דאָס דאַרף פּאָרקומען די לאַנגגעוואַרטע „פּועלי־ציון"־קאָנפערענץ. פאַר דעם, דעם 8 דעצעמבער 1904, אונטער נומ. 14284,

איבערשיקנדיק אַ גאַנצן פּאַק בריוו, שרייבט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט דער קיעווער אָבראַנקע: „די טעטיגקייט פון די אָרגאַניזאַציעס פון דער יודישער חברה פּועלי־ציון, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן בעדך מיט אַ יאָר צוריק דורך די סאַמע עקסטע ציוניסטן, פּאַרדינט, אַז די אונטערזוכונגס־אָרגאַנען זאָלן זיך צו זיי אויפן שאַרפסטן אופן צוקוקן, ווארום אָט די חברה, וואָס האָט אָפּגעהיט די טרוימערייען פון ציוניזם וועגן בילדן אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה, אָנערקענט אין דער זעלבער צייט די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם און אָנערקענט די נויטווענדיגקייט פון אַקטיווין פּאָליטישן קאַמף, וועלכער זאָל זיין געווענדט אויף צו באַזייטיקן די גרונט־יסודות פון אונזער מלוכה־אָרדענונג. דערמיט, וואָס אָט די נייע באַוועגונג האָט אָפּגעהיט איר פּראָגראַמאַטישן צוזאַמענבונד מיט'ן ציוניזם, האָט זי אַלע שאַנסן אויף אַ ברייטער פאַרשפּרייטונג צווישן אַ באַדייטענדן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג און, ווי ס'זאָגט דער אַווטאָר פון בריוו, וואָס איז צוגעלייגט אין אַ קאָפּיע צו דער „אָטנאָשעניע" אין דעפּאַרטאַמענט פון 7 „די סאַמע געזונטע, סימפּאַטישע... זי אַרבעט איצט, באַנוצענדיג דאָס אַליך, וואָס ס'באַנוצן דער בונדיזם און סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אָבער זי זעט די לייזונג פון דער יידישער פראַגע יולי ה. י. אונטער נומ. 9166, איז די באַוועגונג נאָר אין אַן אייגענער מלוכה. די פּאַרטיי האַלט באמת אויס יעדע קריטיק און וועט אין גיכן פאַרנעמען אַן אויסשליסליכע לאַגע אין דער גאַנצער יידישער וועלט". (ס'איז אַן אויסצוג פון אַ פּריוואַטן בריוו, וואָס געפינט זיך אין דער „דיעלאָ", געשריבן פון איינעם „דיין יוסף" קיין ניעזשין, אויפן אַדרעס פון סאָפיע לעווין, פאַר אַדעל.—י. ב.). אין אָרגאַניזאַציאָנס־פּרט איז נאָך דערווייל די חברה פּועלי־ציון גאַנץ שוואַך, אָבער איצט באַמערקן זיך פון איר זייט ענערגישע פּרובן פעסטער צו באַגרינדן און אויסאַרבעטן איר פּראָגראַם, כדי איינצושטעלן סיסטעמאַטיש פאַרבינדונגען צווישן באַזונדער קרייזן פון דער חברה און אַריינצוטרעטן אין געשעפטליכע פאַרבינדונגען מיט אַנדערע רעוואָלוציאָנער חברות, וואָס אַרבעטן אין דער אימפּעריע. אָט די פּרובן איז, איבער די אָנגערופענע טעמים, געוואונשן איבערצוהאַקן ביי זייער געבוירן ווערן. דעריבער און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דער „אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט פון „פּועלי־ציון" געפינט זיך אין קיעוו, בעט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אייער הויך־וואוילגעבאָרן אָנצונעמען אַלע מיטלען, פעסטצושטעלן די צייט און דעם אָרט פון דער דערמאָנטער קאָנפערענץ, און אין דעם פאַל, אויב זי וועט פּאָרקומען אין קיעוו — צו פאַרהאַלטן אַלע אָנטיילנעמער אירע אויך איינער פון אירע פאַרזאַמלונגען, כדי אַז אין דעם ווייטערן זאָל מען זיך מיט זיי באַגיין, לויט די רעזולטאַטן פון די אונטערזוכונגען.

וועגן דעם ווייטערדיקן בעט דער דעפּאַרטאַמענט אים מודיע זיין. אונטערגעשריבן (ווי כמעט אַלע בריוו פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט) פאַר'ן וויצע־דירעקטאָר מאַקאַראָוו".

מיר קערן זיך אום צו אונזער גרונט־געשיכטע. מיר זיינען געבליבן שטיין ביי דער מעלדונג פון פ"ד פון 20 דעצעמבער וועגן דעם, אַז די קאָנפערענץ פון „פּועלי־ציון" וועט פּאָרקומען דעם 23 דעצעמבער אין אָדעס.

מיט אַ טאָג פריער, ד. ה. דעם 19 דעצעמבער,

באַקומט די קיעווער „אָכראַנקע" פאָלגענדיקע טעלעגראַם פון אָדעס: „צוליב דער קאָנפערענץ פון די אָרגאַניזאַציעס „פועלי-ציון", וואָס איז באַשטימט אין אָדעס דעם דריי און צוואַנציגסטן, בעט איך באַגלייטן און נאָכשפּירן די וואָס קענען אַרויספאָרן צו אונז אויף דעם צוזאַמענפאָר. פּאָדפּאָלקאָווניק באָבראָוו". ספּירידאָוויטש שרייבט צו מיט אַ רויטן בלייַשטיפט אויף דער טעלעגראַם — „מען דאַרף אויך נאָכשפּירן נאָך סאָקאָלאָווסקין".

אויף אַזאַ אופן ווייזט זיך אַרויס, אַז דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט און די אָדעסער „אָכראַנקע" זיינען געווען גענוג גוט אינפאָרמירט וועגן דער קאָנפערענץ.

דעם 30 דעצעמבער האָט דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אונטערן נום. 15279 די מעגליכקייט מודיע צו זיין דעם נאַטשאַלניק פון קיעווער אָכראַנקע: „די קאָנפערענץ פון די טוער פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער חברה „פּועלי-ציון", וואָס וועגן איר איז דערמאָנט אין דער מעלדונג פון 8 דעצעמבער נום. 14284, איז געווען באַשטימט אין אָדעס. דעם 24 דעצעמבער ה. י. ביי טאָג, אויף דער ערשטער זיצונג פון דער קאָנפערענץ אין דער דירה פון'ם סוחר הערש מענדעלעוו. זבאָראָווסקי, זיינען אירע אָנטיילנעמער אין באַשטאַנד פון פערצן פּערזאָן אַרעסטירט געוואָרן, דערביי האָט זיך צווישן זיי געפונען דעלעגאַטן פון קיעוו, כאַרקאָוו, וואַרשע, ריגאַ, האָמעל און מינסק; דער פירער פון דער קאָנפערענץ איז געווען, ווי ס'ווייזט אויס, דער געהילף פון'ם געשוואוירענעם אַדוואָקאַט געפּשטיין. ביי דער אונטערזוכונג ביי די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ זיינען צוגענומען געוואָרן מאַנוסקריפּטן איבער דער פראַגע וועגן אָרגאַניזירן אַ יידישן נאַציאָנאַלן זעלבסטשוץ, אַ באַריכט, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ וועגן דער פראַגע פון זעלבסטשוץ, פּראָגראַם-פּראַגן פאַר דער קאָנפערענץ און שיפרירטע צעטלען".

דעם 17 יאַנואַר 1905 אונטערן נום. 446, שיקט שוין דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט דער קיעווער „אָכראַנקע" אַ קאָפּיע פון אַ בריוו פון אָדעס קיין קיעוו פון 27 דעצעמבער 1904:— „טייערער חבר, דאָ האָט געטראָפן אַ גרויסער אומגליק; דעם 21-טן איז מען איבערגעפאַלן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אונזערע חברים; ס'זיינען אַרעסטירט שמעון, ברוך (?), בעניע, יוסף, ירמיה א. א. אין גאַנצן 14 מענשן. אויף וויפיל דאָס איז געפערליך, ווייס איך נאָך ניט: זאָל מען אַהער ניט שרייבן און ניט טעלעגראַפירן; איך וועל אַליין שרייבן, אויב דאָס וועט זיין נויטיק".

די אַרעסטירטע 14 זיינען געווען: 1) יהודה נאָוואַקאָווסקי (ירמיה), 2) יעקב לעשצינסקי, 3) ווילהעלם לאַצקי (בערטאָלדי) — (ריגע), 4) שמעון דאָבין (שמעוני) — (כאַרקאָוו), 5) מאָיסעי געפּשטיין — (אָדעס), 6) דוד לעווין — ווין — (האָמעל), 8) שלמה זיסמאַן — (וואַרשע), 9) ש. ניגער — (מינסק), 10) בעניע פרידלאַנד — (קיעוו, „וואָזראָזשדעניע"), 11) יוסף ברעגמאַן — קיעוו, „וואָזראָזשדעניע"), 12) לעוו לעווין — (אָדעס), 13) יוסף לעשצינסקי און 14) זלמן מייזנער — (וואַרשע).

ווי מיר האָבן שוין געזען, איז די „אָכראַנקע" ביים אַרעסט געגאַנגען מיט אַ זיכערן וועג. זי האָט שוין לאַנג פאַר דער קאָנפערענץ געוואוסט, וואָס פאַר אַ קאָנפערענץ, וואו און ווען זי וועט פאָרקומען. ביי אַזעלכע באַדינגונגען ווייזט זיך אַרויס אַ ביסל נאַאיוו דער וועג, וואָס מיר אַלע, די אַרעסטירטע, זיינען אַוועק אויף זיך אַרויסצודרייען פון די הענט פון די מלאכי הבלה. מיר זיינען דאָך געווען איבערצייגט, אַז דער אַרעסט איז דאָך געווען אַ צופעליקער, און מיר האָבן געוואָלט זיך פאַרשלייערן פאַר אַ טעריטאָריאַליסטישער קאָנפערענץ. ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, האָט אונז, אַפּנים, דאָך מער געהאָלפן אין זין פון אונזער באַפרייאונג דער נייַנטער יאַנואַר, איידער אונזער נאַאיווער שלייער, וועלכער האָט, פאַרשטייט זיך, ביי די באַדינגונגען ניט געקאָנט קיינעם אָפּנאַרן.

דערווייל אָבער זיינען, ממילא, אַלע פריערדיקע פּלענער, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער געפּלאַנטער קאָנפערענץ, צו נישט

געוואָרן, הגם די זעלבסטשוץ־קאָנפערענץ איז דאָך פאָרגעקומען, ניט געקוקט אויף דעם אַרעסט פון דעם טייל אירן, וואָס האָט זי אייגענטליך אָרגאַניזירט און וואָס האָט געדאַרפט אויך דורכפירן די גאַנצע ווייטערדיקע אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט. די גרופּע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ און פאָרשטייער פון די בירגערליכע עלעמענטן, וואָס זיינען צו דער זעלבסטשוץ־קאָנפערענץ געװ״ן איינגעלאַדן, איין מאָל שוין געקומען אין אָדעס, האָבן געהאַט גענוג בירגערליכן מוט, זיך ניט צו לאָזן איינשרעקן דורך דעם אַרעסט פון זייערע לינקע חברים, און האָבן די קאָנפערענץ אָפּגעהאַלטן. אמת, צו קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן האָט זי — און אפשר טאַקע מחמת דעם באַשטאַנד אירן — ניט געבראַכט, און די אָרגאַניזאַציע, וואָס זי האָט באַשאַפן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר טויט געבאָרן.

דער אַרעסט פון די „פּערצען״ אין אָדעס, האָט, זעלבסטפאַרשטענדליך אָנגעמאַכט אַ טומל אין די „פּועלי־ציוניסטישע״ קרייזן, הגם ער האָט נישט אַרויסגערופן קיין שום פאַרלאָרנקייט. דעם 26 יאַנואַר 1905, אונטערן נומ. 811, שיקט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט צו אַ פריש פּעקל בריוו קיין קיעוו, מיט נייע אָנווייזונגען און פאָדערונגען „פעסטצושטעלן נאָך פּערזאָנען, זייער טואַכץ און פאַרבינדונגען״. דאָס מאָל רעדט זיך וועגן איינעם אַ בראַטשעצקי, וואָס זיין בריוו פון 17 יאַנואַר קיין פּאַריז צו ראָזינען איז צוגעלייגט אין דער „דיעלאָ״, און נאָך מער וועגן „דעבאָשירן״, וועלכער איז, ווי דער פּ.־ד. דרינגט אַרויס פון בראַטשעצקיס (אַגב, אַ גאַנץ מיפּישע פּערזאָן, פּשוט אַן אויסגעטראַכטער פאַמיליען־נאָמען פאַר אַן אונטערשריפט און אַדרעס) בריוו, „צו יענער צייט דער איינציקער אַקטיווער טוער אין קיעוו, אויף צו טראַנספּאָרטירן פאַר דער אָרגאַניזאַציע די נויטיקע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבן... ער איז אויך איינער פון די טוער, וואָס די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע „פּועלי־ציון״ האָט צוגעשיקט אויף צו פאַרשטאַרקן די קיעווער אָרגאַניזאַציע״. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ווער האָט געהאַט

בײַ אונז דעם נאָמען „דעבאָשיר״, און ווער ס'קען די געזעלשאַפטליך־פּאָליטישע טעטיגקייט און ראָלע פון ד״ר מאַנדעלבערג, אַפילו צו יענער צייט, וועט פאַרשטיין, אַז דאָס מאָל זיינען די פאָרשטעלונגען און דרינגענישן פון פּאָל.־דעפּ. אַרויס צו גוזמאדיקע.

אָבער נאָך איינער פון דעם פּעקל בריוו אינטערעסירט דעם פּאָל.־דעפּאַרטאַמענט און איז אויך פאַר אונז באַזונדערס אינטערעסאַנט. דאָס איז אַ בריוו פון פּאַריז קיין קיעוו פון 16 יאַנואַר נ. סט. (ד. ה. אַ טאָג צען נאָך דעם אָדעסער אַרעסט), געחתמעט „סאָטשינעל״ — אויף יידיש, מחבר — (דער צונאָמען פון א. ראָזין (בן־אַדיר): „טייערער חבר, אָקאָרשט האָב איך באַקומען דיין בריוו מיט דער „פּריילעכער״ בשורה און איך איל זיך דיר תיכּף צו ענטפערן. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז זעהר אַ גרויסער אומגליק, אָבער, גאָט באַוואָר, מען דאַרף ניט פאַרלירן דעם מוט, מען דאַרף אַרבעטן מיט נאָך אַ גרעסערן מוט און ענערגיע. ווי נאָר איר וועט באַקומען מער גענויע ידיעות וועגן דעם, וואָס ס'איז געשען, ד. ה., ווען איר וועט זיך איבערצייגן, אַז מען וועט זיי אין גיכן ניט באַפרייען, וועט דעמאָלט וואולף (וואָלאָדיע פּאַבריקאַנט, דאַלמאַן. י. ב.) אָן ווייטערדיקע שהיות אַרויספאָרן קיין קיעוו. נאָך וואולפן וועט באַלד אַרויספאָרן מאָיסעי (זילבערפאַרב. — י. ב.), און אויך איך. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אין אַזאַ „עת מלחמה״ דאַרפן מיר אויף אַ צייט פאַרלאָזן דאָ אונזערע ענינים און דאַרפן פאָרן צו אייך. חוץ דעם, רעכענען מיר נאָך שיקן אייך פון אויסלאַנד עטליכע סטודענטן, פאַרשטאַנדיקע „פּ״צ״, וועלכע וועלן קענען אייך ברענגען גרויס נוצן״... ווייטער קלאָגט זיך ראָזין אויף דער שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע פון דער גרופּע, און פאָדערט, מען זאָל גלייך אַרויסשיקן פון קיעוו „ניט ווייניקער פון הונדערט רובל, אַנדערש וועט וואולף ניט קענען אַרויספאָרן״.

דער פּאָל.־דעפּאַרט. מאַכט גלייך דערפון די נויטיקע אויספירן. ער שרייבט קיין קיעוו: „מען זעט דערפון, אַז די קיעווער אָרגאַניזאַ

ציע „פועלי=ציון" שפייזט זיך תמיד פון כחות. חאַס פליסן אין איר אַריין פון אויסלאַנד, און דעריבער בעט דער פּאָליציי=דעפּאַרטאַמענט אייער הויכוואוילגעבאָרן, באַזונדערס אויפמערקזאַם צו זיין צו די באַציהונגען פון אָט דער אָרגאַניזאַציע מיט דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע פון דער אויבן אָנגערופענער חברה. דערביי דאַרף אָרגאַניזירט ווערן דאָס נאָכשפּירן פון דער אַגענטור אויף דעם ערשייגען אין קיעוו פון די אויבן אָנגערופענע; „וואולף" און די „סטודענטן, פאַרשטענדיקע „פּ"צ".

די פאַריזער „וואָזראָזשדענצעס" האָבן אָבער נאָך ניט באַוויזן צו קומען, און דערוויל האָט זיך אין קיעוו שוין געבילדעט אַ נייער צענטער, איצט אָבער, אַפּנים, מחמת דעם אַרעסט פון פרידלאַנדן, נאָוואַקאָווסקין און מיר, מער פריי פון „וואָזראָזשדענישן" איינפלוס. דעם 2 פעברואַר שרייבט דער צענטער קיין פאַריז אויף דעם נאָמען פון לעאָן באָדין (אַן אַדרעס, אַפּנים, פון דעם מער אָרטאָדאָקסאַלן פליגל — סירקין, ליטוואַקאָוו) פאָלגנדעס: „מיר, די איבערגעבליבענע חברים, האָבן באַשלאָסן אויף אַ ביסל צייט אָפּצושטעלן די אַרבעט פון אָ.=ב. (אָרג.=ביוראָ), כדי קלענער צו מאַכן אונזערע אויפגאַבן און באַזאָרגן די אָרגאַניזאַציעס מיט ליטעראַטור און מענשן. כדי די אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך ניט פאַנאַנדערפאַלן, און די פאַראייניגונג, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך אַזאַ שווערער אַרבעט פון אָ.=ב., וואָס אָן איר קאָן מען ניט צוטרעטן צו קיין אַלגעמיינער אַרבעט, זאָל ניט בטל ווערן, האָט זיך געבילדעט אַ צענטער. אַהין גייען אַריין צוויי מיטגלידער פון אָ.=ב. (אַפּנים, שמואל חסידאָוו און אַלטער דער דווינסקער, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט קיין אָדעס און זיינען אַראַנק דעם גאַנץ געבליבן. — י. ב.) און נאָך איין חבר, וועלכער וועט דורכפירן די גאַנצע אַרבעט. אונטערהאַלטן אָבער די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן ביז איצט, ווען אַלע חברים זיינען געווען אויף דער פרייהייט, געלעבט מיט דער האָפנונג אויף דעם צוזאַמענפאָר און געלעבט דערווייל מיט נסים — קאָן מען נאָר מיט ליטעראַטור. דעריבער האָבן מיר זיך געשטעלט פאַר דער ערשטער אויפגאַבע — טראַנספּאָרטירן די גאַנצע ליטעראַטור, וואָס געפינט זיך אין אויסלאַנד, ווי צום ביישפּיל, דעם „המון", די אַמעריקאַנער אויסגאַבן, דעם דריטן נומער „התחיה" („וואָזראָזשדעניע" — דער פּאָליציי=דעפּאַרטאַמענט זעצט עס דאָס מאָל פּלוצלים איבער „וואָסקרעסעניע") א. אַז. וו. און מיר האָבן געגעבן די אויפגאַבע איינעם אַ חבר אויף דורכפירן דעם ענין. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דערמיט אַליין וועלן מיר די אָרגאַניזאַציעס ניט באַפרידיקן, און ס'איז נויטיק צו באַשאַפן נייע ליטעראַטור; צוליב דעם צוועק האָט דער צענטער באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישן אָרגאַן מיט מיטטיילונגען און קאָרעספּאָנדענצן פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכער זאָל טראָגן מער אַ פּראַקטישן, ווי אַ טעאָרעטישן כאַראַקטער. די אויפגאַבע פון דעם אָרגאַן איז ניט צו געבן קיין ערנסטע און פולע טעאָרעטישע באַגרינדונג פון אונזער פּראָגראַם, נאָר געבן אַן ענטפער אויף יענע פּראַקטישע פראַגן, וועלכע ס'רופט אַרויס דער איצטיקער מאָמענט, סיי אין ציוניזם און סיי אין פּאָליטישן לעבן פון רוסלאַנד. און כדי ער זאָל אַרויסגיין וואָס גיכער, וועלן מיר אָנווענדן אַלע כחות און וועלן אים אַרויסגעבן אין רוסלאַנד. דער אָרגאַן איז איצט דאָס איינציקע מיטעל, אויף אונטערצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציעס, און מיר זיינען זיכער, אַז איר וועט זיך ניט אָפּזאָגן צו נעמען אין אים אַן אַקטיוון אָנטייל. פאַרן ערשטן נומער בעטן מיר דעם חבר סירקין אָנשרייבן אַן אַרטיקל וועגן אונזערע אויפגאַבן צום זיבעטן קאָנגרעס, און דעם חבר ליטוואַקאָוו — וועגן אונזערע אויפגאַבן צו דעם איצטיקן פּאָליטישן מאָמענט אין רוסלאַנד. אין דעם אַרטיקל דאַרף זיך קלאָר אָפּשפּיגלען אונזער שטאַנדפּונקט... איז עטליכע טעג אַרום וועלן מיר אייך צושיקן אַדרעסן אויף איבערצושיקן די אַרטיקלען און 25 רובל פאַר דעם חבר ליטוואַקאָוו, ער זאָל קענען רוהיק זיצן און שרייבן"...

דער פּאָל.=דעפּאַרטאַמענט, וועלכער שיקט צו אָט דעם בריוו קיין קיעוו ערשט דעם 8

מערק, אונטערן נומ. 2803, באַגלייט אים מיט
דעם אויספיר, אַז „דעם געדאַנק וועגן דעם
צוזאַמענפאָר פון די טוער פון דער אויבן אָנ־
געווענער אָרגאַניזאַציע, האָט מען פאַרלאָזן,
אפשר נאָר צייטווייליק, אַז דאָס „אָרגאַניזאַציאָנס־
ביוראָ", וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע
צו אָרגאַניזירן דעם צוזאַמענפאָר, האָט אויפגע־
הערט צו עקזיסטירן, און אַז אַנשטאָט דעם,
איז אין קיעוו באַשאַפן געוואָרן אַ נייער צענ־
טער, וועלכער האָט די אויפגאַבע אונטערצו־
האַלטן די פאַרבינדונגען צווישן די איינצעלנע
אָרגאַניזאַציעס „פּועלי־ציון" דערמיט, וואָס ער
וועט זיי צושטעלן געהעריקע ליטעראַטור און
שיקן צו זיי אַגיטאַטאָרן. דער צענטער באַשטייט
פון דריי מיטגלידער.

פאַראיינס קאָן מען פון אָט דעם בריוו
(אויף באַדינס נאָמען) מאַכן דעם אויספיר, אַז
בנוגע צו די „פּועלי־ציון" פאַרדינט דער אייך
אָנגעטרויטער ראַיאָן די סאַמע ערנסטע אויפ־
מערקזאַמקייט צווישן אַלע יענע ערטער, וואו
סיוויזט זיך אַרויס די טעטיגקייט פון אָט דער
פאַרברעכערישער יידישער גרופּע, וואָס איר
פּראָגראַם איז אַ רעוואָלוציאָנערע סינטעז פון
ציוניזם און בונדיזם.

מחמת אָט דעם אַלעמען, בעט דער דעפּאַר־
טאַמענט אייער הויכוואוילגעבאָרן אָנצונעמען די
נויטיקע מיטלען, אויף קלאָר צו מאַכן דעם
פּערזענליכן באַשטאַנד פון דעם ניי־געשאַפענעם
צענטער פון די „פּועלי־ציון" און וואָס גיכער
איבערהאַקן זיין עקזיסטענץ"...

ביז וואַנען אָבער דער פּאָל.־דעפּאַרטאַ־
מענט האָט זיך דערצו דערטראַכט, זיינען שוין
די אַרעסטירטע „פּערצען" אין אָדעס אין אָנהויב
פעברואַר 1905 באַפרייט געוואָרן. זיי האָבן
אָבער באַשלאָסן זיך ניט פאַנאַנדערצופאָרן
פון אָדעס, איידער זיי וועלן אויספילן די אויפ־
גאַבע, וואָס צוליב איר זיינען זיי אַהער גע־
קומען און וואָס צום טייל האָבן זיי באַוויזן
דורכצופירן זי בעת דעם געמיינזאַמען זיצן אין
דער אָדעסער תפיסה. דרינגענד זיינען אַרויס־
גערופן געוואָרן קיין אָדעס נאָך איניקע חברים,
און שוין אין עטליכע טעג אַרום נאָך דער באַ־
פרייאונג, איז אין אָדער שוין געגאַנגען די
קאָנפערענץ, וואָס אויף איר איז אָפיציעל גע־
גרינדעט געוואָרן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע
אַרבעטער־פּאַרטיי.

צו דער צייט פון דעם לעצטן אויבן־דער־
מאָנטן בריוו פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט
דעריבער שוין עקזיסטירט ניט קיין צייטווייליקער
צענטער, נאָר דער צענטראַלער קאָמיטעט פון
דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַר־
טיי (ס.־ס.), וואָס אין אים האָבן זיך צו דעם
מאָמענט אויך פאַראייניגט אַלע שטרעמונגען
פון דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם. אמת, ניט
אויף לאַנג. מיט צוויי חדשים שפּעטער ווערט
פּובליקירט די דעקלאַראַציע פון דעם צענטראַלן
קאָמיטעט פון דער נייער פּאַרטיי, וואָס אין איר
ווערט פּובליקירט די דעקלאַראַציע פון דעם
צענטראַלן קאָמיטעט פון דער נייער פּאַרטיי,
וואָס אין איר ווערט די „אויסאַרטונגס־קאָנצעפּ־
ציע" בולט אַרויסגערוקט אין פאָדער־גרונט,
און דאָס צווינגט בעניע פרידלאַנדן און אויך
יהודה נאָוואַקאָווסקין, וועלכער איז, ניט זייענ־
דיק אין דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע", געשטאַ־
נען אויף דעם „וואָזראָזשדעניע"־שטאַנדפּונקט,
אַרויסצוטרעטן פון צענטראַל־קאָמיטעט; פאַק־
טיש ווערט דורכדעם איבערגעריסן אָרגאַניזאַציאָ־
נעל די באַציהונג פון דער „וואָזראָזשדעניע"־
גרופּע צו דער ס.־ס.־פּאַרטיי. אין אַ קורצער צייט
אַרום איז פון איבער די זעלבע טעמים אַוועק
אויך שמעון דאָבין. די „וואָזראָזשדעניע"־גרו־
פּע הויבט אָן פון דעם מאָמענט פירן אַ זעלב־
שטענדיק אָרגאַניזאַציאָנעל לעבן, וואָס פירט
שפּעטער דעם צענטראַל־קאָמיטעט צו דער
בילדונג פון דער „יידישער סאָציאַליסטישער
אַרבעטער־פּאַרטיי".

אָבער דאָס גייט שוין אַרויס פון די ראַ־
מען פון אונזער „דיעלאָ", וועלכע האָט זיך פאַר־
ענדיקט ביי דעם אָדעסער דורכפאַל און זיינע
נאָכווייענישן. נאָך איין צופעליקער פּריוואַטער
בריוו און, אָן אַ ביסל לויט דער צייט אָפּגערי־
סענע טעלעגראַמע פון פעטערבורג קיין קיעוו,
פאַרענדיקט אויך פאַקטיש די „דיעלאָ". די טע־
לעגראַמע איז פון 8 יולי 1905 צו דעם נאַ־

טשאַלניק פון קיעווער „אָכראַנקע״; „לויט די פאַראַנענע ידיעות, קומט איצט אין קיעוו פאַר אַ צוזאַמענפאָר פון די „פועלי-ציוניסטן״. נעמט אָן מיטלען אויך צו אַנטדעקן אים. טיילט מיט די רעזולטאַטן. פאַר דעם וויצע-דירעקטאָר מאַקאַראָוו״. דאָס איז אויך דאָס לעצטע וואָרט פון דער „דיעלאָ״.

מיר מוזן זיך נאָך אומקערן צוריק, בכדי צו ברענגען דאָ דעם מאַטעריאַל, וואָס איז שייך צו דעם, ווי דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט האָט זיך פאָרגעשטעלט די באַציהונגען צווישן דער „פועלי-ציוניסטישער״ באַוועגונג און דער בונדישער. ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, איז די פראַגע פון פאַראייניגונג געשטאַנען פאַרן פאַל. דעפּ- שוין אין יענע יאָרן, בעת דער געדאַנק האָט נאָך געוויס זיך ניט געלייגט אויפן מח פון די טוער פון די צוויי פּאָליטישע שטראָמען פון דער יידישער אַרבייטער-באַוועגונג.

דעם 14. סעפּטעמבער 1904 שרייבט ספּירידאָוויטש צום פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט: „אויף דעם צוזאַמענפאָר וועט מען באַטראַכטן די פּראָגראַם פון די „פועלי-ציון״, און ס'וועט געמאַכט ווערן דורך די אָנפירער פון אָט דער אָרגאַניזאַציע אַ פּרוב צו פאַראייניגן זיך מיט'ן „בונד״ אין איין אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע צוליב פירן מיט'ן גרעסטן ערפאָלג דעם קאַמף מיט דעם רוסישן מלוכה-סדר״.

דעם 2. דעצעמבער 1904 שרייבט דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט קיין קיעוו וועגן דער קאָנפערענץ פון די פועלי-ציון, „וואָס אויף איר וועט, ווי אייך איז באַוואוסט, באַטראַכט ווערן די פראַגע וועגן פאַראייניגונג מיט'ן „בונד״.

דעם 26. יאַנואַר 1905 שרייבט דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט: „דער אַדרעס, וואָס אויף אים גייט דער דריטער פון די בייגעלייגטע בריוו (ראָזין, פּאַריז, ס״ט מאַרסעל 13) געהערט צו די אַדרעסן, וואָס זיי באַנוצט איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער פון „בונד״ יאָסל-שליאָמאַ חאַימאָוו מיל, וועלכער איז באַצייכנט אין דעם צירקולאַר פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט פון 19. מערץ 1902, אונטערן נומ. 1907. פון דעם קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז דער פּרוב פון די אָנפירער פון די פועלי-ציון אַריינצוטרעטן אין אַ געשעפטליכן הסכם מיט'ן „בונד״, וועגן דעם, וואָס איר שרייבט אין אייער באַריכט פון 14. סעפּטעמבער פ. י. נומ. 1—2508, האָט איצט שוין געבראַכט צו אַזאַ הסכם... דער דעפּאַרטאַמענט בעט אייך קלאָר צו מאַכן דעריבער די באַציהונגען צווישן דער אָרטיגער אָרגאַניזאַציע „פועלי-ציון״ און דער קיעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד״...

צי ספּיראָדאָוויטש האָט געענטפערט אויף דער אָנפראַגע פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, דערויף זיינען קיין שפּורן אין דער „דיעלאָ״ ניט געבליבן.

דערמיט קאָן מען, בעצם, האַלטן אויסגעשעפּט דעם מאַטעריאַל פון דער „דיעלאָ״, וואָס האָט אַ דירעקטן אינטערעס פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. אַ גאַנצע רייה אַנדער בריוו פון דעם זעלבן אָרגאַניזאַציאָנס-ביוראָ, פון דעם קיעווער צענטער פון „וואָזראָזשדעניע״ און פון איינצעלנע פּערזאָנען, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די צענטרען, פאַרנעמען זיך מיט ריין פּראַקטיש-טעכנישע און אָרגאַניזאַציאָנס-ענינים, ווי, למשל, מיט אַריבערפאָרן פון מענשן פון איין פּונקט אין צווייטן, טראַנספּאָרט פון ליטעראַטור, ספּעציעל פון „וואָזראָזשדעניע״ און פון „יודישע פרייהייט״ — די יידישע אויסגאַבע פון „וואָזראָזשדעניע״ (ערשיינט נאָר איין טאָפּל-נומער) — וכדומה נאָך אַזוינע זאַכן; זיי האָבן אָבער פאַר אונזער ענין קיין היסטאָרישן אינטערעס ניט.

אַ ביסל אַנדערש איז עס מיט איניקע ריין פּריוואַטע בריוו, וועלכע געפינען זיך אין דער „דיעלאָ״, וואָס אייניקע פון זיי גיבן, ניט געקוקט אויף זייער ריין פּריוואַטן כאַראַקטער, דאָך אַ געוויסן מאַטעריאַל אויף צו באַקענען זיך מיט די געזעלשאַפטליך-פּאָליטישע שטימונגען, וואָס האָבן זיך געוועבט אַרום אָט דעם שטראָם פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. איינעם פון אַזעלכע בריוו האָט, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזען, ציטירט לשם כאַראַקטעריזירן די באַוועגונג אַפילו דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. זיי פאַרלירן ניט זייער ווערט דערפ...

וואָס ס'איז כמעט אוממעגליך איצט פעסטצושטעלן, ווער זיינען זייערע אַוטאָרן. בכל אופן איז קלאָר, אַז זיי שטאַמען גיט פון די פּירערס, נאָר פון די אַרבעטער, און ווי אַזעלכע, ווי מאַסן־שטימען, זיינען זיי אפשר נאָך מער אינטערעסאַנט. מיר האַלטן העריבער פּאַר וויכטיק צו ברענגען אַ פּאָר אינטערעסאַנטערע פון אָט די בריוו.

אַ צווייטער פּריוואַטער בריוו איז פון 27. אָקטאָבער 1904 פון קיעוו קיין מאַנטשעסטער צו דעם באַקאַנטן ציוניסט, ד״ר חיים ווייצמאַן. דער בריוו איז אונטערגעשריבן „דיין משה״ — חיים ווייצמאַנס אַ ברודער, וואָס איז פריער געווען נאָנט צו דעם קיעווער „קדימה״־קרייז, וואָס פון אים שטאַמען אַ סך פון די טוער פון דער נייער באַוועגונג, און איז צו דער צייט שוין געווען אַוועק פון אים, פון איין זייט מחמת דעם, וואָס זי האָט אָנגענומען אַ קלאַסן־כאַראַקטער, פון דער צווייטער זייט — איבער דער „פּאַלעסטינע״־פראַגע.

„דו פרעגסט וועגן פּועלי־ציון. דאָס איז באמת דער איינציקער לעבענספעהיקער עלעמענט, אָבער לעת־עתה איז שווער וועגן זיי צו רעדן, ווי וועגן אַ פּאַרטיי, און נאָך מער ווי וועגן אַ ציוניסטישער פּאַרטיי. פּועלי־ציון — דאָס איז אַ שטימונג, אָבער ניט קיין פּראָגראַם. חוץ דעם איז עס לעת־עתה אויך ניט קיין אָרגאַניזאַציע. חלוקי־דעות אָן אַ סוף: איינער איז אַ קעמפער (אָנערקענט פּאָליטישן קאַמף אויף די ערטער. — י. ב.), דער צווייטער ניט, איינער איז אַ פּאַלעסטינעץ, דער צווייטער — אַ טעריטאָריאַליסט. זייער פּראַקטישע אַרבעט אין ציוניסטישן זין איז אַ נול, אָבער דערפאַר טוען זיי אַ וויכטיגע זאַך: זיי אָרגאַניזירן די מאַסע. וואָס איז שייך זייער באַציהונג צום קאָנגרעס, איז, ווי ס'ווייזט זיך אויס, אָרגאַניזירן זיי עפּעס און גרייטן זיך. ס'זיינען געווען אַפילו פּרובן זיך צו פאַראייניגן מיט די וואַרשעווער טעריטאָריאַליסטן. די באַפּולמעכטיקטע (די ציוניסטן־פּאַלעסטינצעס — ניין־זאָגער. — י. ב.), הגם זיי גרייטן זיך ענערגיש, אָבער אַ ביסל לא־יוצלח'דיק: זיי אָרגאַניזירן ניט אַלע פּאַלעסטינצעס. בכלל, מען קען זיך ריכטן אויף אַ שפּאַלטונג. ס'גייען קלאַנגען, אַז די פּועלי־ציון וועלן זיך אָפּשפּאַלטן״.

אַ דריטער בריוו פון 30 אָקטאָבער 1904 פון קיעוו (חתימה אַ. ל.) קיין פּרילוק צו ג. רוסאַקאָווא. אין דעם בריוו געפינט אַ גאַנץ בולט'ן אָפּקלאַנג דער שוין צו יענער צייט אָנגעהויבענער קאַמף אינעווייניג אין די פּועלי־ציון צווישן די צוויי הויפּט־קאָנצעפּציעס אויפלעבונג („וואָזראָזשדעניע״) און אויסאַרטינג־קאָנצעפּציע (ס. ס.).

„אויף אײַער אָנפראַגע: „ווי האַלט עס אין קיעוו מיט'ן ציוניזם, צי ס'זיינען דאָ „פּועלי־ציון״, ווי גייט די אַרבעט און אין וואָס דריקט זי זיך אויס״, וועל איך זען צו ענטפערן אַלץ, וואָס איך ווייס. דער ציוניזם אין קיעוו לעבט איצט איבער, ווי כמעט אומעטום, אַ קריזיס. דער אַלטער בנין פון דעם אָפיציעלן ציוניזם פאַלט זיך און וועט מן־הסתם אין גיכן גאָר איינפאַלן. און מיר, יונגע ציוניסטן, קוקן אויף אָט דעם חורבן־בילד, אויף דעם פולקומען באַנקראָט פון אַלטן ציוניזם מיט צופרידענקייט, הגם ניט אָן טרויער. מיט טרויער דערפאַר, ווייל מיר האָבן זיך דאָך אויסגעהאָדעוועט אויף דעם ציוניזם, און אָט דער זעלבער ציוניזם האָט אונז אָנגעשטויסן אויף דעם אמת'ן וועג, האָט אונז אומגעקערט צום יידישן פאָלק, האָט פאַר אונז אָנגעוויזן און באַלויכטן דעם וועג. איצט אָבער ווייסן מיר שוין דעם וועג, און ניט קיין שמאָל הינטערגעסל, נאָר אַ גלייכן, ברייטן און פרייען. אָט מיט דעם וועג וועלן מיר טאַקע גיין, און דעם זקן־ציוניזם וועלן מיר אַריינגעבן אין אַרכיוו אַריין. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אָנצושליסן צו דער אַלוועלטליכער אָרגאַניזאַציע „פּועלי־ציון״, ניט צו יענער, וועלכע איר האָט ביז איצט געקענט, ביז איצט איז אין יעדער שטאָט, וואו ס'עקזיסטירן נאָר „פּועלי־ציון״, געווען אַן אייגענע פּראָגראַם; מיר אָבער שליסן זיך אָן צו דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אַן אַלגעמיינע אויסגעהאַלטענע פּראָגראַם פון אויפלעבונג. אין קיעוו איז שוין פאַראַן אַזאַ אָרגאַניזאַציע פּ.־צ., וואָס איך אַרבעט

איך אין איר. אויף דעם ערשטן פלאַן שטעלן מיר די שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק און די שטרעבונג צו פאַר-ווירקליכן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. ווי מיט-לען דינען אונז דער עקאָנאָמישער און פּאָלי-טישער קאַמף. קעמפן מיטן קאַפּיטאַליסטישן יאָך און מיט דער זעלבסטהערשונג דאַרפן מיר ניט ווי רוסן, נאָר ווי אַ נאַציע, ווי יידן. אויף אַזאַ אופן נעמען מיר אַריין אין אונזער פּראָ-גראַם דאָס ווערטפולע, וואָס געפינט זיך אין „בונד", און גיבן דערצו צו דאָס שטרעבן צו נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, וואָס ס'פעלט ביי אים (ביים „בונד"). אונזער דעוויז: „זאָל לעבן די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק און זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!" אָט דאָס איז אין אַלגעמיינע און סאַמע קורצע שטריכן אונזער פּראָגראַם".

נאָך איין דאָקומענט פון דער „דיעלאָ" לוינט דאָ צו פאַרעפנטליכן, הגם ער וועט אפשר קענען דינען ווי מאַטעריאַל גאָר פאַר אַן אַנדער געשיכטע (אַן אָנזאָג אויף דעם גלגול פון „פּועלי-ציון" נאָך דעם יאָר 1905, וואָס איז אָנגעוויזן אין אָנהויב פון אַרטיקל).

דאָס איז אַ בריוו פון יעקאַטערינאָסלאַוו פון 4. דעצעמבער 1904, אונטערגעשריבן מ. לעוין (אפנים אַ טעות, און אַזוי ווי דער בריוו איז אויף רוסיש, האָט דער איבערשרייבער דעם מ. געשטעלט אָנשטאָט ש. לעווין — שמריהו לעוין — דער באַקאַנטער ציוניסט. — י. ב.) קיין קיעוו אויף הלל זלאַטאָפּאָלסקי'ס אַדרעס, פאַר באָרוכאָווין.

„טייערער באָרוכאָוו. איך האָב צונויפגערופן אויף דעם 1 יאַנואַר אַ צוזאַמענפאָר אין ווילנע. איך וועל קומען אַהין פון ווין. איר מוזט קומען קיין ווילנע מיט אַ פּאָר טעג פריער און איר וועט זיך ווענדן צו גאָלדבערגן, איר וועט שוין דאָרט טרעפן באַגראַטשעוון. וועגן אָט דעם צוזאַמענפאָר זאָלט איר אַבסאָלוט קיינעם ניט זאָגן און ניט געבן צו וויסן און איר זאָלט תיכף צערייסן אָט דעם בריוו מיינעם. איר מעגט אים נאָר פערזענליך וויזן זלאַטאָפּאָלסקין און מער קיינעם ניט. ביז ווילנע פאַרברענגט די גאַנצע צייט אויסשליסליך אין קיעוו, פאָרט פון דאַנען ניט אַרויס און ווירקט אויף דער בילדונג פון נייע אַקטיווע גרופּעס. אויפן טע-ריטאָריאַליזם טוט אַ שפּיי. ס'לוינט ניט פטרן קיין כחות.

אייער בריוו דורך עליאַשעוו'ן און פּישקינען האָב איך באַקומען. ס'גלויבט זיך עפּעס ניט, אַז דאַבין זאָל אַוועקגיין פון די פּ"צ, אָבער מיר וועלן שוין זען. לייגט אים פאָר אין מיין נאָמען אָנצושרייבן אויף זשאַרגאָן אַ בראָשור וועגן פּאַלעסטיניזם פון שטאַנדפּונקט פון די פּ"צ. איך וועל זי אָפּדרוקן און וועל אים געבן באַצאָלן האָנאָראַר. זאָל ער גלייך צוטרעטן צו דער אַרבעט. נאָר זאָל ער שרייבן צענזור-נע, וואָרום איך וויל אַרויסשטעלן זיין נאָמען אויף דער בראָשור — ער איז זעהר פּאָפּולער. מאָסינזאָן איז איצט אין יעקאַטערינאָסלאַוו. ער פאָרט קיין אָרהיעוו, זשיטאָמיר, קעשענעוו, און פון דאָרט קיין ווילנע, איך ווינש אייך ער-פאָלג. אייער"...

און שוין גאָר צופעליק געפינט זיך אין דער „דיעלאָ" אַ בריוו פון 4 דעצעמבער 1906 יאָר פון קיעוו קיין טשערקאַס פון דעם טשער-קאַסער ראַיאָן-קאָמיטעט פון דער יידישער ס"ד פּאַרטיי „פּועלי-ציון" וועגן דער טאַקטיק ביי די וואַלן אין דער מלוכה-דומע.

מיר האָבן אויף אַזאַ אופן אַרויסגענומען פון דער „דיעלאָ" אַלץ, וואָס האָט אַ באַדייטונג און אינטערעס פאַר דער געשיכטע פון די פרי-יאָרן פון אַ באַדייטענדן שטראָם פון דער ייִדי-שער אַרבעטער-באַוועגונג. געבונדן מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געפונען אין אונ-זערע הענט, האָבן מיר געהאַלטן פאַר נוי-טיק זיך וואָס נענטער צו האַלטן ביי דעם מאַטעריאַל, און נאָר אום קלערער צו מאַכן פאַר-שיידענע פאַקטן אָדער באַציהונגען, אום איינצו-שטעלן, וואו נויטיק, דעם געהעריקן צוזאַמענ-בונד, האָבן מיר געמוזט רופן צו הילף דעם ביסל פערזענליכע זכרונות פון אָט דער צייט, אמת, אין זעהר אַ באַשיידענער מאָס.

י. ברעגמאַן.

ערשטער יִדישער סאציאַליסטישער פֿאראיין

דער ערשטער יִדישער סאָציאַליסטישער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן דעם 20 מאַי 1876 יאָר.

אינם אַרכיוו פון „בונד" אין זשענעוו געפינט זיך דאָס געשריבענע פראָטאָקאָל־בוך פון דעם דאָזיקן פאַראיין, וואָס איז געפירט אין אַ מוסטערהאַפטע אָרדנונג, טייל־ווייז אין יִדיש, טיילווייז אין העברעאיש. די פראָטאָקאָלן פלעגט פירן דער שפּעטער־דיקער רעדאַקטאָר פון דעם ערשטן סאָציאַליסטשן זשורנאַל אין העברעאיש „האמת" און דער באַוואוסטער יִדישער סאָציאַליסט אהרן ליבערמאַן, אַלס סעקרעטאַר פונם פאַראיין.

דאָס פראָטאָקאָלן־בוך הייסט:

פנקס

אגדת הסאציאליסטים העברים בלונדן

נוסדה כ"ו אייר ה' תרל"ו, 20 (8) מאי 1876.

אין דעם דאָזיקן „פנקס" געפינט זיך אויך דער סטאַטוט פונם פאַראיין (די תקנות), אָדער ריכטיקער געזאָגט זיין פראָגראַם, געשריבן אין העברעאיש און אין יִדיש. ווי ס'ווייזט אויס, איז דער העברעאישער טעקסט דער אָריגינאַל און דער יִדי־שער — אַן איבערזעצונג פון העברעאיש.

אינם „פנקס" ווערט דערציילט, אַז „ביום השבת י"ט אייר ה' תרל"ו, 13 (1) מאי 1876 האָבן די יעניגע פערזאָנען, וואָס האָבען בעשלאָסען צו גרינדען די געזעלשאַפט, בעאויפטראַגט דעם בירגער א. ש. ליבערמאַן אויסצואַרבייטען סטאַטוטען פאַר דער גע־זעלשאַפט". דעם פאָלגנדיקן שבת (כ"ו אייר 20 (8) מאי) האָט ליבערמאַן פאָרגעלייגט די סטאַטוטן, וועלכע ער האָט אויסגעאַרבעט, און נאָך אַ לאַנגע דיסקוסיע איז דער פראָעקט אָנגענומען געוואָרן, און דער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן.

די גרינדער פונם פאַראיין זיינען געווען:

א. ש. ליבערמאַן (איש־חמודות)—אַ ליטאָגראַף

ליב (לואיס) ווײנער—אַ טישלער

א. גאָלדשטיין—אַ שניידער אויף אַ מאַשין

י. ראָזענטאַל—אַ שניידער אויף אַ מאַשין

הירש (געאָרג) סאַפער—אַ קעסטל־מאַכער

אייזיק סטאָאון—אַ שניידער אויף אַ מאַשין

אליעזער (לאַצאַרוס) גאָלדבערג—אַ שריפטזעצער

זלמן יעקב (דזשעקאָב)—אַ שניידער, אַ פרעסער

ב. לעווענקינד—אַ שניידער אויף אַ מאַשין

יעקב (דזשעקאָב) אלכסנדר—אַ הוט מאַכער.

מיר ברענגען דאָ דעם סטאַטוט אין העברעאיש און אין יִדיש אין דער אָרטאָגראַפיע און סטיל, ווי אָט דער מערקווירדיקער היסטאָרישער דאָקומענט איז געשריבן: *)

הסטאטוטים
של
אגודת הסציאליסתים העברים
בלונדון.

אחרי אשר הראינו לדעת:

כי הסדרים אשר בכל הארצות כעת, רק עשק וחמס המה; אנשי הבצע, המושלים וכהני הדתות לקחו לנפשם את כל זכיות האדם ואת כל טוב הארץ, ואת בעלי־המלאכה כבשו לעבדים על־פי הכסף המושל כעת על־כל.

כי כל עוד יהי' לאנשים קנין מיוחד, לא יחדל אביון מקרב הארץ; כל אשר יחלקו האנשים לגוים ומשפחות, לא תסוף האיבה מביניהם, וכל אשר ישרו כהני־הדת על דעת העם לא תחדל קנאת־הדת;

כי תשועת עולמים תקום לכל בני האדם רק על ידי תכלית ההיפוך וחשנוי בנמוסי המדינות, בחיי החברה במשטרי האקנמיים וכל דבר אשר בין אדם לחברו, להפוך מן השורש את הקיים כיום ולבנות תחתיו בנין חדש על יסודות הסציאליזמוס, למען התם שוד ואון, להכרית ממשלת הקאפיטאל, לא ישמע עוד בארץ „שלי“ או „שלך“ ולא ימצאו הולכי בטל, כי אם יהיו כל האנשים שוים בזכיותיהם וכל איש יוכל לקנות שלמות הבשר והרוח, ועל פי בחירתן החפשית יוכל להרבות כשרונותיו ולקחת על ידיהם חלק בשלמות הכלל;

כי בהיותנו אנחנו בני ישראל חלק מן כלל האנשים, על כן לא תוכל

סטאַטוטען
פון
דעם אידישען סאָצ. פעראיין
אין לאָנדאָן.

ווייל מיר זענען איבערצייגט:

אַז די האָרדנונג, וואָס הערשט איצט אין אַללע־לענדער איז מעהר ניט ווי גזלה און אונרעכט; דיא קאַפּיטאַליסטען, דיא הערשער און דיא גייסטליכע (דוחאָוונע) האָבען צוגענומען אַללע מענשענרעכטע און אַללעס גוטס פאַר זיך אַליין און דורך דיא הערשאַפט פון דיא געלד האָבען זיי גימאַכט דיא אַרבייטער פיר צו זייערע שקלאַפען (קנעכט);

אַז זאָלאַנג עס וועט זיין פריוואַט־אייגענטהום, וועט ניט אויפהערען דאָס אֶקאָנאָמישע עלענד; זאָלאַנג דיא מענשען וועלען זיין געטיילט אין פעלקער און געשלעכטער, וועט אַלץ זיין צווישען זיי שנאת־חנם, און זאָלאַנג עס וועלען הערשען דיא גייסטליכע איבער די געמיטהער פון דאָס פאָלק, וועט זיין רעליגיאָנס־האַסס;

אַז די ווירקליכע רעטטונג פון אַללע מענשען קאָן ערררייכט ווערען נור דורך אַ גרינדליכע אומוואָלצונג אין די פּאָליטישע, אקאָנאָמישע און געזעלשאַפטליכע פערהאָלטניססע, צו־אויסוואורצלען אַללעס בעשטעהענדע און אויפבויען אַנשטאַט דעם אַ נייעם בנין אויף דיא סאָציאַליסטישע פרינציפען, כדי עס זאָל אונטערגעהן אַללעס אונרעכט און דיא הערשאַפט פון קאַפּיטאל, עס זאָל ניט זיין קיין ליידיגגייער און קיין „מיין“ און „דיין“, אַז אַללע מענשען זאָללען האָבען גלייכע רעכטע, אַז איטלאַכער זאָלל קאָננען זיך קארפּערליך און גייסטיש משלים זיין און נאָך זיין פרייען וויללען זאָל ער קאָננען אָנווענדען זיינע פאָהיגקייטען דעם נוטצען און צוא דער השלמה פון אַללע מענשען;

ווייל מיר אידען זיינען אַ טהייל פון דער מענשהייט דעריבער קען אונז ניט קומען קיין

---

*) ש. ל. ציטראָן אין זיין בוך „דריי ליטעראַרישע דורות“ II. ז. 19 ברענגט דעם סטאַטוט אין אַן אייגענער פרייער יִדישער איבערזעצונג און ווייסט ניט, אַז דער טעקסט איז געשריבן אויך אין יידיש. זע: צ ב י ו ן — „תאלהמצייטונג“. ווילנע 1906 נומערן: 210, 218, 257, 246 און י. ווינטשעווסקי — „צוקונפט“ 1910 ז. 475

לצמות לנו ישועה, רק בהושע לכל מין האדם;

כי גאולת כל מין האדם מעניו, מעבדותו תוכל לבא רק על ידי בעלי-המלאכה עצמם, בהיותם כלם אגודה אחת להשתער במלחמת תנופה על כל עושקיהם כח, להרוס את המשטרים הקיימים ולהקים תחתיו את משטרי העבודה, היושר, החרות ואחות כל האנשים;

וכי כבר התחברו בעלי המלאכה בכל ארצות ערבה ואמריקה לחברות ואגודות, למען השג את המטרה הנעלה הזאת, ודבר הקשר הולך וחזק לקום בשעת הכשר ולכונן בארץ ממלכת סציאליזמות-העבודה —

גמרנו אנחנו ילידי בני ישראל אומר:

להתחבר בברית אחים אל הברית הקדושה אשר כרתו ביניהם בעלי המלאכה;

ולזה יסדנו

„אגודת הסציאליסתים העברים"

ובני האגודה הזאת שמו להם לקו, להיות האמת, היושר והמוסר נר לדרכם גם עם רעיהם וגם עם כל אדם, בלי הבדל הצבע, העם או האמונה, ולקים את הסמנים האלה:

1. האגודה תתאמץ בכל עוז להפיץ דעת הסציאליזמוס בין בני ישראל בכל מקומות מושבותיהם וגם בין אנשים מיתר העמים, לכונן חברות כמוה בכל מקום אשר תגיעה ידה ולאחד את בעלי המלאכה לקום נגד עושקיהם.

2. האגודה תתחבר בברית אחים עם חברות בעלי-המלאכה אשר ליתר העמים.

2. כל פועל יוכל להתקבל אל האגודה על פי שני חברים מבני האגודה.

4. כל החברים שוים. כל אחד

ישועה מעהר ניט וויא דורך די ערלאָזונג פון דער גאַנצער מענשהייט;

אַז די ערלאזונג דער גאַנצער מענשהייט פון עלענד און שקלאַפעריי קען בעווירקט ווערען נור דורך דיא אַרבייטער אַלליין, אַז זיי ווע‌לען זיך פעראייניגען צום שטורמקאַמפף געגען זייערע רויבער, צו צורשטערען די בעשטעהענדע אָרדנונג און אַנשטאַט דעם פעסט צוזעצטען די הערשאַפט פון אַרבייט, גערעכטיגקייט, פרייהייט און ברידערליכקייט פון אַללע מענשען;

און אַז די אַרבייטער פון אויראָפא און אַמעריקא האָבען זיך שוין פעראייניגט אין פערשיעדענע געזעלשאַפטען צו עררייכען דעם ערהאַבענען ציעל און זיי בערייטען זיך צו רעוואָלוציאָן אום צוא גרינדען דיא הערשאַפט פון אַרבייטער-סאָציאַליזמוס —

האָבען מיר יודישע קינדער דעראיבער בעשלאָסען

זיך אָנצושליעססען ברידערליך אָן דעם הייליגען אַרבייטער-בונד

און צו דעם צוועק האָבען מיר געגרינדעט איין

„אידישען סאָציאַל. פעראיין",

וואָס זיינע מיטגלידער ערקענען אָן וואהרהייט, גערעכטיגקייט און זיטליכקייט אַלס גרונדשנור פון זייער פערהאַלטען געגען אייננאַנדער און געגען אַללע מענשען אָהנע אונטערשיעד פון פאַרבע, נאַציאָן אָדער גלויבען, און האָבען אָנגענאָממען פאָלגענדע פונקטע:

1. דער פעראיין בעשטרעבט זיך צו פערברייטען די סאָציאַליסטישע אידעען אומעטום אונטער אידען, ווי אויך אונטער אַנדערע פעלקער, צוא גרינדען אהנליכע געזעלשאַפטען, וואו דער פעראיין וועט קענען און צוא פעראייניגען די אַרבייטער צום קאַמפף געגען זייערע אונטערדריקער.

2. דער פעראיין בעשטרעבט זיך ברידערליך צו פערבינדען מיט אַרבייטער-געזעלשאַפטען פון אַנדערע נאַציאָנען.

3. יעדער אַרבייטער קען אין פעראיין אויפגענומען ווערען אויף פאָרשטעללונג פון 2 מיטגליעדער.

4. אַללע מיטגליעדער זענען גלייך בערעכ-

מהם ישלם לקופת האגודה 2 d לשבוע או 8 d לחדש.

5. בכל מוצאי שבת תהי אספת האגודה. כל אספה תבחר לה את היושב־ראש (President) וכל דברי המועצה יקומו על פי דעת הרבים מהאנספים.

6. המזכיר (Secreter) והנאמן (Cashier) יבחרו על משך ששה חדשים, אבל האגודה תוכל להסירם ממשמרתם בכל עת אשר תחפוץ.

7. האגודה תוציא מתוכה את האיש, אשר לא יתאימו מעשיו עם הסטאַטוטים האלה.

טיגט, יעדער פון זיי צאָהלט אין די פעראיין קאַסע 2 פענס אַ וואָך אָדער 8 פענס אַ חודש.

5. יעדען שבת צו נאַכט איז אַ פערזאַמלונג. יעדע פערזאַמלונג קלויבט אויס איהר פרעזידענט און אַלע בעשליססע ווערען אָנגענומען דורך שטיממען־מערהייט פון דיא פערזאַמלטע.

6. סאקרעטער און קאַססירער ווערען אויף 6 חדשים אויסגעקליבען, אָבער די געזעלשאַפט קען זיי ענטזעצען צו יעדער צייט.

7. דער, וואָס זיינע האַנדלונגען שטיממען ניט מיט דיעזע סטאַטוטען, ווערט אויסגעשלאָסען.

שוין אויף דער ערשטער זיצונג פונם סאָציאַליסטישן פאַראיין האָט זיך באַהאַנדלט די פראַגע וועגן גרינדען אַ פראָפעסיאָנעלן פאַראיין („געווערק געזעלשאַפט").

אויף דער זעלבער זיצונג איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפרופן אַן עפנטליכן מיטינג פאַר די לאָנדאָנער אַרבעטער און רופן די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן אַ פראָפעסיאָנעלן פאַראיין. עס איז אָבער געשטאַנען זעהר אַ האַרבע פראַגע, ווער און וועמענס נאָמען דעם מיטינג צונויפרופן. די פראַגע איז געווען ביז גאָר אַ וויכטיקע. די ברייטע ייִדישע מאַסן האָבן זיך פאַרצויגן מיט גרויס חשד צום סאָציאַליסטישן פאַראיין. דער סאָציאַליזם איז געווען גאָר ווייניק פּאָפּולער ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג. אין יענער צייט האָבן די מיסיאָנערן אַנטוויקלט אַ ברייטע אַרבעט אין לאָנדאָן, פיל פון די ייִדיש רוסישע עמיגראַנטן זיינען אַריינגעפאַלן אין זייער נעץ. און די לאָנדאָנער ייִדישע געמיינדע האָט אויף יעדן איינציקן פריידענקענדיקן ייִדן געקוקט מיט גרויס חשד. און אויך די סאָציאַליסטישע טוער האָט מען אין לאָנדאָן אָנגענומען פאַר מיסיאָנערן, וועלכע ווילן פירן ייִדישע קינדער צום שמד.

דער געוויסער לאָנדאָנער מגיד דיינאָוו האָט ספּעציעל געשיקט אין פאַראיין איינע פון זיינע מקורבים, ער זאָל זיך פאַרשרייבן אַלס מיטגליד און זאָל אים איבערגעבן אַלץ, וואָס טוט זיך דאָרט. דער מגיד אָבער איז מאוס דורכגעפאַלן. דער צוגעשיקטער האָט זיך באמת שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן סאָציאַליזם און איז געוואָרן איינער פון די טרייסטע אָנהענגער פונם פאַראיין.

ענדליך איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפרופן דעם מיטינג דעם 26 אויגוסט, שבת צו נאַכט.

מיט אַ וואָך פריער, שבת דעם 19 אויגוסט, האָבן די מיטגלידער פונם פאַראיין צעטיילט איבער די לאָנדאָנער ייִדישע גאַסן, אַ געדרוקטן אויפרוף אין ייִדיש. פיל האָבן לכתחילה נישט געוואָלט נעמען דעם אויפרוף אין האַנט, מ'האָט געמיינט, אַז עס איז אַ מיסיאָנערן־אויפרוף. עס איז אויסגעקומען יעדן איינציקן דערקלערן די באַדייטונג פונם מיטינג און איינרעדן צו נעמען דעם אויפרוף.

דעם אויפרוף האָט אָנגעשריבן דער מיטגליד פון סאָציאַליסטישן פאַראיין י. ראָזענטאַל און רעדאַקטירט און געדרוקט האָט אים אהרן ליבערמאַן.

מיר ברענגען דאָ דעם אויפרוף אין זיין טעקסט:

„פובליק-מיטינג פיר אידישע אַרבייטער.

עס איז בעקאַנט, אַז די אַרבייטער בעפינדען זיך אומעטום אין איין טרויריגע לאַגע און זייער שווער קומט זיי אָן צוא פערדיענען זייער שטיקעל ברויט. אָבער וויא שווער עס איז אויך דער לעבען פון אַללע אַרבייטער, ווערט דער אידישער אַרבייטער ווייט מעהר פאַרשוואַרצט אלס אַללע איבעריגע, און בפרט נאָך היער אין לאָנדאָן. דער איד מוז מעהר שטונדען אַרבייטען און בעקומט וועניגער געצאָהלט אַלס דער קריסט.

און וואָרום איזט עס זאָ? ווייל דיא אידישע אַרבייטער זיינען ניט אַזוי פער-איינִיגט אונטער זיך וויא אַללע אַנדערע. די קריסטליכע אַרבייטער זיינען פעראייניגט צוא געזעלשאַפטען. היער אין ענגלאַנד איז דאָ דיא טראֶד-יוניאָנס, איין פעראיין פון טויזענדע אַרבייטער געזעלשאַפטען פון פערשיעדענע פראָפעסיאָנען, וואָס זיי האַלטען זיך אַללע פעסט צוזאַממען און לאָזען זיך ניט אונטער דריקקען פון זייערע פאַבריקאַנטען און מייסטערס: אָבער ביי אונזערע אידישע אַרבייטער איז נישטאָ קיין אַחדות, דעריבער קענען דיא מייסטער אונז דריקקען וויא זייא וויללען. פון אונזער אונאייניגקייט ליידען מיר אַלליין און לאַדען נאָך אויף זיך דעם האַסס פון דיא ענגלישע אַרבייטער, וואָס בעשולדיגען אונז, אַז דורך דעם, וואָס מיר אַרבייטען מעהר צייט און פאַר וועניגער לאָהן טהוען מיר זיי אויך איין שאַדען.

דאַרום רופען מיר צוזאַממען איינע אֶפפענטליכע פערזאַמלונג און לאַדען האֶפליכסט דאַצו איין יעדען אידישען האַנד-ווערקס-געזעלל, אום צוזאַמען ראַטה צוא האַלטען וויא צוא פערבעסערען דיא לאַגע פון אונזערע אידישע אַרבייטער און צוא בילדען איין געזעלשאַפט פון אַללערליי האַנדווערקער. מיר האָפפען, אַז יעדער אַרבייטער, וואָס זיין אייגענעס אינטערעססע איז אים טייער, וועט נעהמען אַנטהייל אין דעם מיטינג.

איינִיגע מיטגליעדער פון אונזער פעראיין וועללען האַלטען רעדען איבער דיא אַרבייטער-אינטערעססען און יעדען אַרבייטער וועט שטיין פריי אויסצושפרעכען זיין מיינונג אֶפפענטליך אין דער פערזאַמלונג.

דער מיטינג וועט זיין אור ליום ז׳ אלול ה׳ תרל״ו (26 אַווגוסט 1876) שבת-צוא-נאַכט אום אַכט אוהר, אין זעטלאַנד-האַלל, 15 מאַנסעלל סטריט, גודמאַנ׳ס פיעלדס .E (בייא אל. ווילנער)

אגודת הסציאליסתים העברים״.

דער מיטינג האָט אַרויסגערופען אַ אינטערעס ביי דער יִדישער באַפעלקערונג אין לאָנדאָן און אויך אין די סאָציאַליסטישע קרייזן אין לאָנדאָן.

אויפן מיטינג זיינען געקומען: אַ דעלעגאַט פון לאָנדאָנער טרעד-יוניאָן, אַ קאָמיטעט-מיטגליד פון בוכבינדער-פאַרבאַנד, אייניקע מיטגלידער פונם לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער-בילדונגס-פאַראיין. עס איז אויך געקומען דער באַוואוסטער רוסישער סאָציאַליסטישער דענקער, דער רעדאַקטאָר פונם רוסישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל „וופּע-ריאָד״, פּ. לאַוראָוו מיט אייניקע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע.

דער פּאָרזיצער פונם מיטינג איז געווען א. גאָלדבערג, אַ מיטגליד פונם יִדישן סאָציאַליסטישן פאַראיין.

אהרן ליבערמאַן האָט געהאַלטן א פּאָרטראַג אויף דער טעמע: די לאַגע פון יִדן

אין פאַרשיידענע לענדער. ער האָט באַוויזן, אַז די הויפּט־שולדיקע אין די אַלע רדיפות קעגן יידן איז די יידישע געלט־פּלוטאָקראַטיע. און ווי לאַנג ס'וועט הערשן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, אַלצאיינס צי די רעגירונג איז אַ מאָנאַרכיסטישע אָדער אַ דעמאָקראַטישע, וועלן יידן נישט ווערן קיין פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקטע בירגער. די פולשטענדיק־אומבאַגרענעצטע גלייכהייט קאָנען יידן האָבן נאָר אין דער סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט, וואו ס'וועט איינגעפירט ווערן די גלייכהייט פאַר אַלע מענטשן בכלל.

דער מיטינג איז דורכגעגאַנגען מיט אַ געוויסן ערפאָלג. אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, וועלכן מ'האָט פאָרגעלייגט צו גרינדן, האָבן זיך פאַרשריבן אויפן מיטינג 50 מיטגלידער. מ'האָט אים געגעבן אַ גאַנץ יידישליכן נאָמען: „חברים כל בעלי מלאכה״. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפרופן דעם קומענדיקן שבת אַ צווייטן מיטינג.

עס איז אָבער אויך פאָרגעקומען אַ קליינער צוזאַמענשטויס, וואָס האָט שיער נישט געבראַכט צו אַ סקאַנדאַל.

א. ליבערמאַן האָט אין זיין רעדע אָנגערירט די יידישע רעליגיע און אָנגעגריפן דעם רב־הכולל פון ענגלאַנד, ד״ר אַדלער. די יידישע מייסטערס, וואָס זיינען ביי־געוועזן, האָבן אויפגעהויבן אַ טומל און געפילדער. ס'איז געוואָרן אַן אומאָרדנונג, נאָר די צאָל מייסטערס איז געווען אַ קליינע, האָט זיך איינגעגעבן איינשטעלן צוריק די אָרדנונג.

דערפאַר אָבער האָבן די מייסטערס זיך אָפּגערעכנט מיטן סאָציאַליסטישן פאַר־איין אויפן צווייטן מיטינג, וואָס איז אין גיכן פאָרגעקומען, מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן די שניידער.

כדי אויסצומיידן צוזאַמענשטויסן, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פונם מיטינג נישט אַריינגעלאָזט קיין מייסטערס. די מייסטערס זיינען גלייך אַוועקגעלאָפן צום רב גרין, ד״ר אַדלערס דיין, און אים דערציילט, אַז דער „יידישער סאָציאַליסטישער פאַראיין״ האָט צונויפגעזאַמלט אַרבעטער און רופט זיי צו שמד. דער רב גרין איז גלייך גע־קומען צולויפן און געפאָדערט מ'זאָל אים אַריינלאָזן. די פאַרזאַמלטע האָבן באַשלאָסן אַריינלאָזן דעם רב אויפן מיטינג. צוזאַמען מיטן רב האָבן זיך אויפן מיטינג אַריינגע־ריסן איניקע מייסטערס. ליבערמאַן האָט דאַן געהאַלטן אין מיטן פון זיין רעדע וועגן סאָציאַליזם און וועגן דער אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער. ווי אָבער ער האָט דערזען דעם אַריינגעקומענעם רב, האָט ער איבערגעריסן זיין שמועס און אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער יידישער רעליגיע און וועגן די יידישע רבנים. א. ליבערמאַן האָט פאַרמאָגט זעהר אַ היציקע און ליידנשאַפטליכע נאַטור, ער האָט שטאַרק פיינט געהאַט די רבנים און גלייכגילטיק האָט ער נישט געקאָנט רעדן וועגן זיי. אויך דאָס מאָל איז ער מיט אויפרעגונג און האַס אַרויסגעטראָטן קעגן דער יידישער רעאַקציע. דעם רב האָט לי־בערמאַנס רעדע שטאַרק אויפגעבראַכט און פון זיין אָרט האָט ער אויף יעדן זאַץ לי־בערמאַנס פּראָטעסטירט. דער רב האָט זיך געריסן צו ליבערמאַנען, אָבער דער סעקרע־טאַר פונם מיטינג, ה. סאַפּער, האָט געפּרוּווט אים באַרויקן און איינהאַלטן, אָבער באַלד האָבן זיי שוין ביידע זיך אָנגעהויבן ראַנגלען. ס'איז געוואָרן אַ שרעקליכער טומל. די מייסטערס האָבן אָנגעהויבן שרייען, אַז די סאָציאַליסטן שלאָגן דעם רב. ס'איז געוואָרן אַ געשלעג, ס'איז אָנגעקומען פּאָליציי און געוואָלט פאַנאַנדערטרייבן דעם מיטינג. דער פּאָרזיצער האָט פאַרזיכערט, אַז דער עולם וועט זיך אַליין באַרויקן. ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז בעתן געשלעג האָט מען צעבראָכן דאָס מעבל אין זאַל, פאַר וועלכן דער

פאַראיין האָט באַדאַרפט באַצאָלן 5 פונט שטערלינג, און דער מיטינג איז צו נישט געוואָרן.

אויף אַ זיצונג פונם סאָציאַליסטישן פאַראיין, וואָס איז פאָרגעקומען נאָכן מיטינג, איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ באַשלוס, אַז דער הויפּט־שולדיקער אינם גאַנצן טרויעריקן אינצידענט איז א. ליבערמאַן, און אייניקע מיטגלידער האָבן פאַרלאַנגט, ער זאָל אַרויסטרעטן פונם פאַראיין. אַנדערע פאַרקערט האָבן ליבערמאַנען שטאַרק פאַרטיידיקט. צום סוף האָט ליבערמאַן אַליין באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן פונם פאַראיין און צוגעזאָגט, אַז אַלץ, וואָס ער וועט נאָר קאָנען, וועט ער טאָן פאַרן פאַראיין...

זעהר כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער פאָלגנדיקער צופאַל, וואָס ווערט געבראַכט אינם פּראָטאָקאָל פון דער 10־טער זיצונג פון ב׳ אב תרל״ו. ליבערמאַן האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג: אַזוי ווי די נאָענטסטע זיצונג פון פאַראיין פאַלט אויס אויף תשעה באב, זאָל מען די זיצונג אָפּלייגן. קעגן דעם טרעט אַרויס דער מיטגליד געאָרג סאַפער בזה הלשון:

„אונז סאָציאַליסטען געהט דיזער טאָג גאָר ניט אָן. מיר האָבען אונז פון דער אַלטער טראַדיציאָן אָפּגעזאָגט... מיר ווייסען נור פון אונזער זאַכע, וועלכע איז צוגלייך די זאַכע פון דער גאַנצער מענשהייט״.

אויף דעם אָבער האָט ליבערמאַן געענטפערט:

„פאָרלויפיג האָט תשעה באב פאַר אונז אידישע סאָציאַליסטען די זעלבע בעדייטונג, ווי פיר אַלע אונזערע שטאַמעס־גענאָסען. זאָלאַנג עס וועט ניט ווערען דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, האָט די פּאָליטישע פרייהייט איינע גראָסע וויכטיגקייט פיר יעדעס פאָלק. דיזער טאָג, ט׳ באב, איז דער טאָג, וואָס מיר האָבען פערלאָרען אונזער אַבהענגיגקייט, און אונזער פאָלק טרויערט דראיבער ביז איצט, שוין העכער 18 הונדערט יאָהר״.

דער פאַראיין האָט מסכים געווען מיט ליבערמאַנס מיינונג און האָט אָפּגעלייגט די קומענדיקע זיצונג אויף אַן אַנדער טאָג.

נאָך דעם צווייטן מיטינג, אויף וועלכן ס׳איז געקומען צו אַ געשלעג, האָט דער סאָציאַליסטישער פאַראיין באַשלאָסן צונויפרופן אַ דריטן מיטינג, אינגאַנצן אַ געשלאָסענעם, וואו קיין מייסטערס זאָלן נישט צוגעלאָזט ווערן.

ס׳איז אָנגענומען געוואָרן צוזוטרעטן צו אָרגאַניזירן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אַז מיט דעם אָרגאַניזירן פון פּראָפ. פאַראיינען זאָלן זיך פאַרנעמען נאָר די מיטגלידער פון סאָצ. פאַראיין, וואָס אַרבעטן אַליין אין דעם פאַך און שטייען אין גלייכער פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער פון דעם פאַך. ס׳איז איבערגעגעבן געווען די ח״ח ראָזענטאַל און סטאַון צו אָרגאַניזירן דעם פּראָפ. שניידער־פאַראיין און מיט דער הילף פון די ענגלישע טרעד־יוניאָנס איז גלייך געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער אומאָפּהענגיקער שניידער־פאַראיין, אין וועלכן ס׳האָבן זיך פאַרשריבן 300 מיטגלידער. דער פאַראיין אָבער האָט עקסיסטירט אינגאַנצן 3 חדשים. אין קאַסע פון פאַראיין האָט זיך צונויפגעקליבן 80 פונט (דאַן 800 רובל), דער קאַסירער איז אַנטלאָפן מיטן געלט קיין אַמעריקע און דער פאַראיין איז זיך צעפאַלן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך געגרינדעט אַ נייער שניידער־פאַראיין (מאַנטל־שניידער), וועלכער עקסיסטירט ביז היינטיקן טאָג. עס האָט זיך דאַן אויך געגרינדעט אונטער דער ווירקונג פון סאָציאַליסטישן פאַראיין אַ פּראָפ. פאַראיין פון טופלעס־מאַכער און היטל־מאַכער.

דער יידישער סאַציאַליסטישער פאַראיין האָט שטאַרק אידעאַליזירט די פּראָפ. פאַר־

יינען און עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז ער האָט קיין רעכט נישט צו מישן זיך אין זיין אינערליך לעבן און טעטיקייט. ליבערמאַן האָט אפילו געפונען, אַז דער סאָציאַליסטישער פאַריין האָט נישט דאָס רעכט אויסצואַרבעטן די סטאַטוטן פאַר די יידישע פראָפ. פאַריינען. די אַרבעטער אַליין דאַרפן עס טאָן, עס איז זייערס אַן אייגענע זאַך. און אויף דעם לעצטן געשלאָסענעם אַרבעטער־מיטינג, אויף וועלכן עס האָט זיך ענטגילטיק געגרינדעט דער פראָפ. שניידער־פאַריין, איז ליבערמאַן, דער פאָרזיצער פונם מיטינג, געווען אַזוי באַגייסטערט, אַז ער האָט באַצייכנט דעם טאָג פאַר איינעם פון די ליכטיקסטע טעג אין דער יידישער געשיכטע.

זעהר גיך אָבער האָבן אייניקע מיטגלידער פונם סאָציאַליסטישן פאַריין זיך איבערצייגט, אַז זייער באַגייסטערונג איז געווען איבערגעטריבן און אַז זיי האבן נישט ריכטיק געהאַנדלט בנוגע צו די פראָפ. פאַריינען. שפּעטער האבן זיי געוואלט האבן אַ ווירקונג, זיך מישן אין די פאַריינען, אבער די אַרבעטער זיינען געווען קעגן דעם. זיי האבן געטענהט, אַז דער סאציאַליסטישער פאַריין ברענגט נאר שאדן דער אַרבעטער־זאַך. איבערהויפּט זיינען זיי געווען קעגן ליבערמאַנען און גאָלדבערגן. דער סוף איז געווען, אַז די פּראָפּעסיאָנעלע פאַריינען האָבן „אויפגעגעסן" דעם סאָציאַליסטישן פאַריין. פיל מיטגלידער־אַרבעטער זיינען אַרויסגעטראָטן פונם סאָצ. פאַריין, זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן דער אַרבעט אין דעם פראָפ. שניידער־פאַריין, וואָס האָט געפירט זיין אַרבעט אינגאַנצן זעלבסטשטענדיק, אָפּגעזונדערט פון סאָצ. פאַריין. און פאַרן סאָצ. פאַריין האָט זיך אַוועקגעשטעלט די פראַגע: וואָס וועט ווייטער זיין? וואָס זיינען זיינע אויפגאַבן?

די פראַגע איז געשטאַנען אויפן סדר־היום גאַנצע דריי חדשים. ליבערמאַן האָט דערוויזן, אַז ווען דער פאַריין זאָל מיט זיין עקסיסטענץ באַווייזן, אַז עס עקסיסטירט אין דער וועלט אַ יידישער סאָציאַליסטישער פאַריין, אַלס דער פאָן־טרעגער פון די יידישע סאָציאַליסטן אין אַלע לענדער, איז דאָס שוין אַליין אויך גענוג. אייניקע מיטגלידער האָבן פאָרגעלייגט, אַז דער פאַריין זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בילדונגס־פאַריין. דאָס רוב מיטגלידער זיינען געווען קעגן דעם. דאָך האָט זיך די פראַגע דעבאַטירט אויף יעדער פאַרזאַמלונג.

די לעצטע זיצונג האָט דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַריין אָפּגעהאַלטן דעם 28 דעצעמבער 1876. אויף דער זיצונג זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן פאַרשיידענע פּלענער, ווי צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן דעם פאַריין. די אַלע פאָרשלאַגן האָט מען באַדאַרפט אָפּשטימען אויף דער קינפטיקער זיצונג. זי איז אָבער שוין נישט פאָרגעקומען.

אינגאַנצן האָט דער סאָצ. פאַריין אָפּגעהאַלטן 26 זיצונגען און 3 מיטינגען.

דער הויפּט־טוער פונם ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן פאַריין און זיין באַגייסטערער, אַ. ליבערמאַן, האָט פאַרלאָזט לאָנדאָן און איז אַריבער געפאָרן קיין ווין, וואו ער איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן דעם ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל אין העברעיש „האמת" (דער 1־טער נומער ערשינען אין מאי 1877).

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון יענער צייט און פון די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט דאַן ביי דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ אין לאָנדאָן איז וויכטיק צו ברענגען דאָ נאָך איין דאָקומענט: די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציע, וואָס ליבערמאַן האָט אַרויסגעלאָזט אין לאָנדאָן אין העברעיש און וועלכע איז צעשיקט געוואָרן אין פיל עקזעמפּלאַרן איבער רוסלאַנד און אַנדערע לענדער.

אין לאַווראָווס. זשורנאַל „וופּערייאָד“ („פאָרווערטס“) (אינם נומער 38, פונם 1 אויגוסט 1876 ז. 474—475) איז אָפּגעדרוקט אין רוסיש די פּראָקלאַמאַציע מיט פאָלגענדיקער באַמערקונג פון דער רעדאַקציע: „מיט פאַרגעניגן דרוקן מיר דאָ דעם אויפרוף, וואָס איז אונז איבערגעגעבן געוואָרן אין רוסיש און אין העברעיש דורך איינעם פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פונם פאַריין פון די ייִדישע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן. פונם גאַנצן האַרצן ווינטשן מיר אונזערע חברים ייִדן אין זייער אַרבעט, וועלכע איז נישט אָפּגעטיילט פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-באַוועגונג אין אונזער צייט“. *)

די פּראָקלאַמאַציע הויבט זיך אָן מיט דער ווענדונג: „אל שלומי בחורי ישראל“ (צו דער אינטעליגענטער ייִדישער יוגנט) און איז אונטערגעשריבן „מאת המתנדבים בעם לבית ישראל“ (פון די איבערגעגעבענע צום פאָלק אינם ייִדישן פאָלק). מיר ברענגען דאָ די איבערזעצונג (פון רוסיש) פון דעם אויפרוף:

„צו דער אינטעליגענטער ייִדישער יוגנט!

„דורשטיק נאָך ערליכער און אַלגעמיין-נוצליכער טעטיקייט, גרייטסטו זיך אַריינצוטרעטן אין לעבן, און אַלס מיטל צו דערפילן דיינע פאַרלאַנגען האָסטו אויסגעקליבן די אַלמעכטיקע וויסנשאַפט. דו רעכנסט, אַז דערמיט, וואָס דו פאַרנעמסט אַן אָנגעזעענעם געזעלשאַפטליכן אָרט און דו ווידמעסט די כחות לטובת דער איצטיקער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, וועסטו אויסהיילן דאָס פאָלק פון אַלע זיינע וואונדן, וואָס עסן אים אויף און וועסט אים אַרויספירן אויפן וועג פון פּראָגרעס, אַלגעמיין-מענטשליכער אַנטוויקלונג און וואוילטאָג.

„אָבער אומזיסט! ביי דער איצטיקער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג איז מעגליך נאָר איין פּראָגרעס, דאָס איז דער פּראָגרעס פון די פאָלקס-אומגליקן. ביי די עקסיסטירנדיקע צווישנמענטשליכע באַציונגען איז מעגליך נאָר איין קאַריערע, — דאָס איז די קאַריערע פון דעם פאָלקס-עקספּלואַטאַטאָר.

„דאָס פּריוואַט-אייגנטום האָט מיטגעבראַכט די סתירות צווישן די אינטערעסן פונם יחיד און די אינטערעסן פון די מאַסן. דער אינסטיטוט פון מלוכה, וואָס באַזירט זיך אויפן פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעטן, האָט אַרויסגערופן די אונטערדריקונג פון איין פאָלק דורכן צווייטן, און דער אינסטיטוט פון רעליגיע האָט געשאַפן די הערשאַפט פון שאַרלאַטאַנעס און פּסיכאָפּאַטן איבער דעם געזונטן פאַרשטאַנד פון דער מענטשהייט.

„אַדאַנק די באַדינגונגען פון דער איצטיקער אָרדנונג, פאַרדאַרבט די קאַריערע אויך די אַנשטענדיקע מענטשן. דער איצטיקער געזעלשאַפטליכער טוער מוז זיך אומפאַרמיידליך שטעלן אויף דער זייט פון די פאָלקס-פיינט, און די פאָלקס „בעלי-טובות“ זייגן אויס פונם פאָלק זיין לעצטע לעבנס-זאַפט.

„און דאָס פאָלק הויבט עס שוין אָן אומעטום צו פאַרשטיין. עס הויבט אָן דאָס צו פאַרשטיין אויך דאָס ייִדישע פאָלק. מיט אַ בייזן בליק און מיט האַס און שנאה זאָגט ער דער אינטעליגענץ פון צבועקעס און ספּעקולאַנטן, וואָס האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין האַלז און נאַקן:

„איר זיינט דורכאויס שולדיק קעגן אונז! די השכלה און בילדונג, מיט וועלכער איר שטאָלצירט אַזוי, האָט איר ערוואָרבן דורך אונזער האָרעוואַניע, דורך אונזער

---

*) זע ס. צינבערג — די ערשטע ייִדישע סאָציאַליסטישע אָרגאַנען. „פּערעזשיטאָיע“ 1908 I (רוסיש).

פּין און ליידן, דורך אונזער בלוט. איין דור נאָכן אַנדערן האָט באַדאַרפט אויסגיין אין אָרעמקייט און נויט, אין מאַטערנישן, כדי די אָ־וואַקסנדיקע שיכטן פון די קערפּערס זאָלן, בילדן אָט די הויך, פון וועלכער איר קוקט אַראָפּ אויף אונז מיט פאַראַכטונג.

„פון אונזערע פּלאָג און ליידן האָט איר זיך געשאַפן פאַרגעניגן און וואוילטאָג, און פאַר אונז האָט איר איבערגעלאָזט די שרעקליכע אָרעמקייט, די שווערע אַרבעט וואָס מאַטערט אונז אינגאַנצן אויס.

„נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ! איר האָט זיך באַמיט צו פאַרטונקלען אונזער מח מיטן פּלפּול פון אייערע בטלנישע פּשטלעך. איר האָט אונז געצוואונגען צו קניען און בוקן זיך פאַר אייך, און וואָס מער עס איז געוואַקסן אייער מאָראַלישע צעפּוילטקייט, אַלץ מער האָט איר אונז געצוואונגען צו זינגען אייך לויב־געזאַנגען.

„באַרייכערט און פאַרשטאַרקט דורך דער אַרבעט און אונטערטעניקייט פון די באַזיגטע אייגענע פאָלקס־מאַסן, האָט איר אייער בלוט־דורשטיקייט געווענדעט אויך צו אַנדערע פעלקער.

„און פאַר אַלע אייערע זינד האָבן מיר געמוזט זיך פאַנאַנדערצאָלן. איר האָט אַרויסגערופן אויף אונז איין שטורעם נאָכן צווייטן, איין קלאַפּ נאָכן אַנדערן. אַ דאַנק אייך האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט די ראַסן־און רעליגיע־שנאה, וועלכע האָט זיך קודם כל אויסגעגאָסן אויף אונז. פאַר אייערע זינד האָט מען פאַרניכטעט טויזנטער פון אונזערע ברידער, קינדער פון פאָלק. אַ דאַנק אייך איז דער נאָמען ייִד געוואָרן אומעטום אַ שימף־וואָרט. צוליב אייך האָבן זיך געשאָטן גזרות אויפן גאַנצן ליידנדיקן פאַראָרעמטן ייִדישן פאָלק, וועלכער האָט אַליין מער פון אַלע אַנדערע פעלקער געליטן פון אייער בלוט־דורשטיקייט. *)

„אָט אַזוי קוקט דאָס ייִדישע פאָלק אויף זיין אינטעליגענץ, און אויך די קינדער פון פאָלק. מיר, די פריינט פון אַלע ליידנדיקע מאַ״ן, זאָגן אָפּן פאַר דער גאַנצער וועלט: מיר זאָגן זיך אָפּ און צערייסן מיט די אונטערדריקער פון אַרבעטער־פאָלק.

„מיר זאָגן זיך אָפּ פון אייך, איר ליגנערישע פּרומאַקעס. איר האָט געשמידט דאָס פאָלק אין שווערע קייטן פון קליינליכע מנהגים און פאַרשטיינערטע געזעצן, כדי וואָס לייכטער צו עקספּלואַטירן און פאַרשקלאַפן אים, — איר זיינט נישט אונזערע!

„און איר, וואָס האָט אָנגעטאָן אויף זיך די מאַסקע פון אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע, כדי אויסצוזויגן ביזן סוף דאָס בלוט פונם פאָלק, לויט די אַלע כללים פון דער איצטיקער קולטור, איר אויפגעקלערטע קנעכט פון גאָלד און מאַכט, וואָס פאַרציען נאָך מער די שטריק אויפן האַלז פון פאָלק; איר, אַלוועלטליכע ספּעקולאַנטן, וואָס באַשמוציקן אונזער נאָמען אין בלאָטע, איר זיינט נישט מיט אונז! איר האָט זיך אָפּגעטיילט נישט נאָר פון אונזער פאָלק, נאָר אויך פון דער גאַנצער ליידנדיקער

---

*) ב. באָראָכאָוו אין זיין אַרטיקל „ביים וויגעלע פונם ייִדישן סאָציאַליזם״, איבערגעדרוקט אין „דער סאָציאַלדעמאָקראַט״, קיעוו, אויגוסט 1917 №12, ברענגט פאָלגנדיקן אויסצוג פון דער פּראָקלאַמאַציע אין העבּרעיִשן אָריגינאַל: „אז היו עונותיכם על עצמותינו ומפשעכם נגע לנו. אתם חוללתם על ראשינו סערת סופה ותבריקו עלינו חזיז רעם וברק! באשמותיכם תלהבה מסביב שנאת הלאום ובמעל כפיכם בערה בנו קנאת הדת ותיקד עד להשחית. חרבות מרטות עפפו על פנינו ולפי שאול עצמנו נפזרו, עצמות אחינו בני העם. אתם עוללתם בעפר קרן־העם כלו ומעול רכלתכם היה עם עבר כלו לגדופים. העם הממשך וממרט, העם הנגש והנענה מחמת ידיכם הרבה מאד מכל משפחות אדמה״.

מענטשהייט. און צוגלייך מיט דער גאַנצער מענטשהייט, זאָגט זיך אָפּ פון אייך אויך אונזער פאָלק. אַן אומבּרחמנותדיקן קאַמף דערקלערן אייך די מאַסן, וואָס ווערן דורך אייך עקספּלואַטירט. איר זיינט פאַרמשפּט צום אונטערגיין!

„דיך אָבער, יוגנט, בּיי וועמען עס איז פאַרבּליבּן די ערליכקייט פון שטרעבּן; דיך, וואָס בּאַגערסט דעם אמתן נוצן פונם פאָלק; דיך, יונגע אינטעליגענץ, וועמען די איצטיקע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג און די פאַרקריפּלטע ציוויליזאַציע האָט נאָך נישט בּאַוויזן צו פאַרדאַרבּן — דיך רופן מיר אין אונזערע רייען, אין די רייען פון די קעמפער פאַר דעם גליק פון די פאָלקס=מאַסן, פאַר דעם גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט.

„מיר ציען אויס צו דיר אונזער בּרידערליכע האַנט און רופן מיט אונז די אַלע, וואָס ווילן בּאמת דינען דער לעבּעדיקער מענטשהייט.

„נידער מיט דער קאַריערע! נידער מיטן בּוקן זיך צו דער טראַדיציע! נידער מיטן בּוקן זיך צו גאָלד און מאַכט! וואַרף אָפּ דאָס גאַנצע פאַרגאַנגענע און שטיי צו צום אַרבּעטער=קלאַס און צו זיינע פריינט. אים נאָר געהערט די צוקונפט. אויסער אים— איז חורבן און טויט!

„מיר זאָגן צו דיר: עס פלאַקערט פאַנאַנדער אַ קאַמף צווישן אַלע פעלקער אויף גאָר דער וועלט. די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקן זיך אַראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון קאַפּיטאַל און מלוכה. די ליידנדיקע מענטשהייט בּאַוואָפנט זיך, כּדי אויס=צוקעמפן פאַר זיך פרייהייט און רעכט. די סאָציאַלע רעוואָלוציע גרייט זיך פאַנאַנדער=צעוויקלען איר רויטע פאָן. איר לאָזונג איז: אַלגעמיינע אַרבּעט! אַלגעמיינער אייגנטום! פרייער פאַרבּאַנד פון אַלע אַרבּעטנדיקע אין דער בּרידערליכקייט פון אַלע נאַציעס און פעלקער. טויט דעם מאָנאָפּאָל אין אַלע זיינע פאָרמען! טויט די אַלע, וואָס ווילן שטערן דעם קומען פון דער אַלוועלטליכער גערעכטיקייט!

„עס איז שוין געקומען די צייט, אַז אויך אונזער פּראָלעטאַריאַט זאָל צושטיין צו דער גרויסער בּאַוועגונג. אויך פאַר אים איז שוין געקומען די צייט, ער זאָל אויסגלייכן זיינע פאַרוויטאָקטע גלידער, ער זאָל צוזאַמען מיטן פּראָלעטאַריאַט פון אַנדערע פעלקער דערשלאָגן זיך זיין חלק גליק אין דעם קעניגרייך פון אַלגעמיי=נער אַרבּעט און גערעכטיקייט; דעם חלק, וואָס די עקספּלואַטאַטאָרן האָבּן בּיי אים אָפּגענומען; דעם חלק, וועלכן ס׳האָבּן אים נישט געגעבּן די פאַראַכטונג פון אַלע נאַצי=יעס, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די זעלבּיקע עקספּלואַטאַטאָרן. די צווישנ=פעלקערליכע אחדות פון די אַרבּעטער ווייס נישט פון דעם צעטיילן די מענטשהייט אויף פעלקער און נאַציעס. זי ווייסט נאָר פון נוצליכע האָרעפּאַשניקעס און שעדליכע געזעלשאַפטליכע לײדיק=גייער=טויגניכצן. און אט די ערליכע אַרבּעטער גרייטן זיך צום אַנטשיידנסטיקן קאַמף מיט זייערע בּאַדריקער.

„מיר זאָגן דיר, אַז אויך דער ייִדישער אַרבּעטער וועט צושטיין צו אָט דער גרויסער זאַך, ווייל דער כּוס פון זיינע ליידן איז שוין איבּערפולט.

„קום זשע, יוגנט, צו הילף דעם פּראָלעטאַריאַט. קום צו הילף דעם, וועמען דו האָסט צו פאַרדאַנקען פאַר דיין אַנטוויקלונג. קום צו הילף דעם פאָלק, וואָס האָט דיך געקעכלט און מיט זיין שווייס און בּלוט דערוואָרבּן אַלץ, מיט וואָס דו שטאָל=צירסט.

„גיי אין פאָלק, קום זיך מיט אים צונויף, האָרעווע מיט אים, לייד צוזאַמען מיט אים, וועק אים, מונטער אויף איינע, שטאַרק די אַנדערע און רוף אַלעמען צום גרויסן

קאַמף קעגן די הערשער פון דער וועלט, קעגן די באַדריקער פונם פּראָלעטאַריאַט. קעגן די עקספּלואַטאַטאָרס פונם פאָלק.

„זאָל אונטערגיין די אַלטע וועלט, די וועלט פון שקר און אַרבעטער־אונטערדריקונג אונטער די קלעפּ פון די קעמפער פאַר גערעכטיקייט און פרייהייט. און דאַן, אויף אירע חורבות, אין דעם שטראַלנדיקן שיין פון דער פרייהייט וועט פאַנאַנדערפלאַטערן די רויטע פאָן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע".

נ. מ.

רויטער פנקס

צו דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג
און סאציאליסטישע שטרעמונגען ביי יידן

צווייטעס זאמלבוך

פארלאג „קולטור־ליגע" ווארשע

בוכהאנדלונג

מחברים	אינהאַלט	זייטן
[illegible]	די פאַר״ייניקונגס־קאָנפערענץ [illegible] קאָנפערענץ פון ״בונד״	5 - 21
ד״ר י. [illegible]	13 יאָר געשיכטע פון [illegible]	22 - 48
נ. ניר	13 יאָר געשיכטע פון פּועלי ציוניזם אין פּוילן	49 - 79
א. ליטוואַק	אהרן זונדעלעוויטש	80 - 106
ל. גורעוויטש	דער פּראָצעס פון [illegible] ליבערמאַן, ל. גורעוויטש און [illegible] אין בערלין	107 - 110
ל. גורעוויטש	13 יאָר [illegible] פון [illegible] (זכרונות)	112 - 118
א. ליטוואַק	[illegible] און [illegible] (זכרונות)	119 - 143
הירש אברהמאָוויטש	פון הירש לעקערטס צייט (זכרונות)	144 - 151
פ. ראָזענטאַל	דער ערשטער אָנהויב	152 - 158
אַן אַלטער [illegible]	דער אָנהויב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאָדזש	159 - 164
	מאַטעריאַלן פון [illegible]	165 - 174
ו. מעדעם, ל. [illegible], פּ. [illegible]; י. [illegible] (קאָוונע); ד״ר [illegible] (אַנטוועפּן); [illegible]; יעקב [illegible] (קאָוונע); ד״ר יצחק אייזיק הורוויץ; ד״ר נחמן סירקין	די [illegible]	175 - 187

געדרוקט אין 1500 עקזעמפּלאַרן
געזעצט דרוק. „די וועלט" און פאַרביאַרזש=
גרינבערג. געדרוקט דרוק. „די וועלט" וואַרשע.
קליִשעס צינקאָגראַפיע „גראַפיקאָן" וואַרשע.

ROJTER PINKES. Drugi tom. Wyd. „Kultur-Liga" Warszawa 1924 Składano w druk. „Di Welt" i Farbiarz Grinberg. Odbito w drukarni „Di Welt" Warszawa Nowolipie 7.

די פאַרייניקונגס-פראַגע אויף דער VII קאָנפערענץ פון „בונד"

I

די קאָנפערענץ אין בערן

סוף פעברואַר 1906 האָט דער צ. ק. באַשלאָסן צונויפצורופן די זיבעטע קאָנפערענץ פון „בונד". די VI-טע איז פאָרגעקומען סוף מערץ 1905 אין דווינסק, די V-טע – אויגוסט 1902 אין בערדיטשעוו, די IV-טע – מאַי 1901 אין ביאַליסטאָק (אייגנטלעך איז דאָס געווען דער לעצטער טאָג פון IV-טן צוזאַמענפאָר), די III-טע – מערץ 1900 אין וואַרשע... אַלע פריערדיקע קאָנפערענצן זענען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, אין ראַיאָן פון „בונד", און, חוץ דער פערטער, זענען זיי געווען פשוטע באַראַטונגען ביים צ. ק. פון עטלעכע איינגעלאַדענע חברים. די איצטיקע קאָנפערענץ האָט דער צ. ק. באַשטימט אָרגאַניזירן אויף אַ ברייטן באַזיס, אויף דעמאָקראַטישע יסודות, דורך וואַלן אין אַלע גרעסערע און קלענערע אָרגאַניזאַציעס, אַן ערך איין דעלעגאַט אויף 300 מיטגלידער, און צונויפרופן זי נישט אין רוסלאַנד, נאָר אין אויסלאַנד, וואו מ'זאָל קאָנען אַרבעטן רויִק.

אין סדר-היום פון דער קאָנפערענץ זענען געשטאַנען וויכטיקע פראַקטישע פראַגן. אמת, מיט אַ האַלב יאָר פריער, אין אנהויב אָקטאָבער 1905, איז פאָרגעקומען דער VI-טער צוזאַמענפאָר פון „בונד", און אין געוויינלעכע צייטן וואָלט געווען צו פרי ווידער ברענגען אין באַוועגונג דעם גאַנצן אָרגאַניזם פון „בונד", כדי פעסטצושטעלן זיין מיינונג. זענען אָבער די צייטן געווען עקסטראָרדינער. מען האָט איבערגעלעבט אַ האַלב יאָר פון אַ גרויסער רעוואָלוציע. דער אַלרוסלענדער גענעראַל-שטרייק, דער מאַניפעסט פון 17-טן אָקטאָבער, די פּאָגראָם-כוואַליע, דער פעטערבורגער אַרבעטער-ראַט, די פויערים-אויפשטאַנדן, די צווייטע גרויסע אויפשטאַנדס-כוואַליע אין דעצעמבער, דערנאָך די תקופה פון ווייסן טעראָר... און סוף-כל-סוף איז דעם 10-טן פעברואַר אַרויס דער צאַרישער באַפעל צונויפצורופן אויפן 27-טן אַפּריל די גאָסודאַרסטווענע דומע. בוליגינס דומע האָבן מיר צוזאַמען מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע פאַרטייען באָיקאָטירט, וויטעס וואַל-געזעץ פון 11-טן דעצעמבער האָבן מיר אויך נישט אָנערקענט און צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופעס האָבן מיר באַשלאָסן די וואַלן באָיקאָטירן. איצט וועט קומען די אויסגעקליבענע דומע, און מען דאַרף אויסאַרבעטן אין באַציִונג צו איר אַ טאַקטישע ליניע. נאָך אַ וויכטיקע פראַגע: די רעוואָלוציע האָט געבראַכט נייע „צייטווייליקע תקנות" וועגן פרעסע, פאַרזאַמלונגען, פאַריינען (די תקנות פון 4-טן מערץ), ס'האָט זיך באַקומען אַ מעגלעכקייט צו שאַפן נייע, לעגאַלע, פאַר-

רעגיסטרירטע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען און צו לעגאַליזירן יענע, וואָס זענען נאָך
אָקטאָבער אויסגעוואַקסן, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן. האָט מען געדאַרפט האָבן אַ די-
רעקטיוו, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער ס׳דאַרפן טראָגן די פֿאַריינען — צי דאַרפן זיי זיין
אַלגעמיינע אָדער נאַציאָנאַלע, נייטראַלע אָדער פּאַרטייאישע. ס׳איז אויך געשטאַנען דאָס
פּראָבלעם פון שאַפן אַ נייעם טיפּ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, צוגעפּאַסט צו די נייע באַ-
דינגונגען. ס׳זענען געווען פראַגן וועגן ערשטן מאַי, וועגן יידישע קהלות, וועגן אַר-
בעטסלאָזיקייט און אנד.

אָנהויב מערץ האָט ח׳ אַבראַמאָוויטש, אַלס מיטגליד פֿון צ. ק., מיר פֿאָרגעלייגט
אַרויסצוטרעטן אויף דער קאָנפערענץ מיט אַ רעפעראַט וועגן אַרבעטסלאָזיקייט. פאַר די
לעצטע חדשים האָט זיך אין די אַרבעטער-קרייזן שטאַרק אָנגעהויבן צו פילן אַן עקאָ-
נאָמישער קריזיס. אַ סך אַרבעטער פלעגן פּשוט אויסגיין פון הונגער, איבערהויפּט אין
דרום. מען האָט געדאַרפט זאַמלען סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, פֿאַנאַנדערקלייבן זיך אין
די סיבות, געפינען אַ פּלאַן פון הילף. אין מיין בוך וועגן דער געשיכטע פֿון רעוואָ-
לוציעס אין מערב-אייראָפּע, וואָס דער „בונד“ האָט אַרויסגעלאָזן אין זשענעוו גראָד
פאַר די אָקטאָבער-טעג, איז איין קאַפּיטל ספּעציעל געווידמעט דער אַרבעטס-
לאָזיקייט בשעת אַ רעוואָלוציע. און דערמיט דערקלערט זיך, וואָס איך האָב באַקומען
דעם דערמאָנטן פאָרשלאַג. די אַרבעטסלאָזיקייט איז טאַקע דעמאָלט געווען אַ ספּעציפיש-
„רעוואָלוציאָנערע“. פאַר דעם האָבן די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען צוליב דער
מלחמה געמאַכט גלענצנדיקע געשעפטן און באַקומען גרויסע פּראָפיטן. איך האָב זיך
גענומען צו דער אַרבעט, אָבער אַרויסטרעטן מיט דעם רעפֿעראַט איז מיר נישט אויס-
געקומען. אויף דער קאָנפערענץ גופא האָט מען צוליב מאַנגל אין צייט אַראָפּגענומען
די פראַגע פון טאָג-אָרדענונג.

אויף דער קאָנפערענץ בין איך געפאָרן, אַלס דעלעגאַט פונם בונדישן צענטראַלן
אָרגאַן „פּאָלקס-צייטונג“. אויף דער וואַל-פאַרזאַמלונג פון אַלע מיטאַרבעטער זענען גע-
ווען צוויי קאַנדידאַטן: וולאַדימיר קאָסאָווסקי און איך. אָבער קאָסאָווסקי האָט זיך פריי-
וויליק אָפּגעזאָגט. „פאָרט איר — האָט ער מיר געזאָגט — פאַר אייך וועט די קאָנפערענץ
זיין אינטערעסאַנט, מיר האָבן שוין דערעסן די צוזאַמענפאָרן און קאָנפֿערענצן“. ער
איז געווען גערעכט אין דעם פרט, וואָס נאָך 4 יאָר געצוואונגענער אָפּגעריסנקייט פון
„בונד“, איז פאַר מיר טאַקע געווען זייער וויכטיק באַקאַנט צו ווערן מיט די איצטיקע
אָנגעזעענע טוער פון דער שטאַרק אויסגעוואַקסענער „בונדישער טעריטאָריע“. אָבער...
קאָסאָווסקי איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף פאָרמולירן פּאָליטישע רעזאָלוציעס. לויטן
מוסטער פון „איסקראַ“, איז שוין געוואָרן א שטייגער אָנצונעמען קילאָמעטער-לאַנגע רע-
זאָלוציעס וועגן פּאָליטישן מאָמענט; און ווי וועט מען דאָ אויסקומען אָן וול. קאָסאָוו-
סקי? פאָרן זאַלבענאַנד האָט מען נישט געקאָנט — מען האָט דאָך געדאַרפט אַרויסלאָזן
די צייטונג. און אַן ערך דעם 10-טן מערץ, אויף דער וואַל-פאַרזאַמלונג אין דער רע-
דאַקציע אויף מיליאָנע 3, האָב איך איינשטימיק באַקומען דעם מאַנדאַט. מען האָט נישט
געקאָנט פאַרלירן קיין צייט, און דעם 18-טן מערץ בין איך אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט
מיין פרוי אַננאַ, וועלכע איז איינגעלאַדן געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ מיט באַראַ-
טונגס-רעכט. אויף מאָרגן זענען מיר געווען אין בערלין און האָבן באַקומען פון פראַנצן
אַלע נייטיקע ידיעות. נאָך אַ טאָג זענען מיר שוין אין שווייץ, אין בערן. 4 אַ זייגער
נאָך מיטאָג האָט שוין אויפן וואָקזאַל געוואַרט אויף אונז ח׳ דוד מאַכלין, אַ בערנער
סטודענט, דער איבערגעגעבענער און פלינקער טעכנישער אָרגאַניזאַטאָר פון דער קאָנ-

פערענץ, ער האָט אונז אָנגעוויזן אונזער האָטעל און דעם לאָקאַל, וואו ס׳קלייבן זיך צונויף די דעלעגאַטן. מאָרגן 10 אין דערפרי קומט פאָר די עפענונג פון דער קאָנפערענץ. גלייך פון האטעל זענען מיר געקומען אין לאָקאַל און האָבן שוין געטראָפן דאָרטן אַ פּאָר צענדליק דעלעגאַטן. אויף מאָרגן האָבן מיר געזען כמעט דעם גאַנצן פּלענום.

אַ ריי באַקאַנטע, מיט וועלכע מיר האָבן זיך אָקאָרשט געזען אין ווילנע, אַ סך אַלטע באַקאַנטע, מיט וועלכע מיר האָבן זיך שוין יאָרן נישט געטראָפן, אָבער פיל מער חברים, וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען, און עטלעכע אַזעלכע, פון וועלכע ס׳איז נישט אויסגעקומען צו הערן. דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון צ. ק., וועלכער האָט געעפנט די קאָנפערענץ און פלעגט געבן די נויטיקע דערקלערונגען, איז געווען אַרקאַדי קרעמער, „אַלעקסאַנדער", אין די פּראָטאָקאָלן פון קאָנפערענץ האָט ער זיך פאַרשריבן „וואָלף". די פּראָטאָקאָלן האָט מען זיך געקליבן פאַרעפנטלעכן און צוליב קאָנספּיראַציע האָט מען ביי אַלעמען געפאָדערט שפּאָגל־נייע פּסעוודאָנימען. נאָר עטלעכע חברים האָבן איינגעהאַלטן זייערע אַלטע פּסעוודאָנימען; און איצט, אָן די אויטענטישע פּראָטאָקאָלן, וואָס ליגן נאָך עד היום פאַרפּאַקט אין אויסלענדישן אַרכיוו, איז אוממעגלעך אויפצודעקן אַ גרויסן טייל פון די קאָנפערענץ־נעמען. ביים אויסרעכענען די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ וועל איך זיך האַלטן אַזאַ אָרדענונג: דער צונאָמען, וואָס שטייט אין גענזנפיסלעך נעבן דעם אמתן נאָמען, איז דער געוויינלעכער פּסעוודאָנים פון דעלעגאַט; דער צונאָמען, וואָס שטייט דערביי אין קלאַמערן, איז דער קאָנפערענץ־פּסעוודאָנים.

אויסער אַרקאַדי קרעמער, זענען פון צ. ק. געווען אויף דער קאָנפערענץ: רפאל ריין־„אַבראַמאָוויטש", מיכאל גאָלדמאַן־„ליבער", אהרן וויינשטיין־„רחמיאל" (ראַכמילעוויטש) און פישל קאָיהען־„יונה" (יאַנאָוו). די איבעריקע מיטגלידער פון צ. ק. — פּאָרטנאָי־„נח" און אייזנשטאַט־„וויטאלי"=„יודין" זענען דעמאָלט געזעסן אין טורמע. משה דושקאַן־„מאָיסעי איינבינדער" איז געבליבן אין רוסלאַנד, אין דער צענטראַלער קוואַרטיר, איינצוהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט די ערטער. דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" איז געווען פאָרגעשטעלט דורך וולאַדימיר מעדעם (וויניצקי), מיל־„דזשאָן" און מוטנע־קאָן־„גליעב" („ווילקאָמירסקי"). דער לעגאַלער פאַרלאַג פון „בונד" איז געווען פאַרטראָטן דורך צ. קאָפּעלזאָן־„טימאָפעי" (מיט באַראַטונגס־רעכט); פון דער ספּעציעלער גרופּע ביים צ. ק., וואָס איר עובדא איז געווען צושטעלן געווער און אינסטרוירן די קאַמפּס־גרופּן און זי האָט דערום געטראָגן דעם קאָנספּיראַטיוון נאָמען מים (וואַסער, בלשון סגי־נהור האָט עס געדאַרפט באַטייטן אש־פייער), איז געווען דער חבר בערמאַן־„לייבעטשקע" (לייבענזאָן). פון ווילנע: א. ליטוואַק (ליטווין) און שמואל גאָזשאַנסקי (לנו), פון ביאַליסטאָק—פּייסאַכזאָן (כאנין), פון וואַרשע – בראָניסלאַוו גראָסער־„זעלצער" און יוסף איזביצקי־„ביינוש" (מיכאַלעוויטש. אויף וויפל איך געדענק האָט זיך דער דאָזיקער פּסעוודאָנים דעם ערשטן מאָל באַוויזן אויף דער בערנער קאָנפערענץ); פון לאָדז – שליפער־„רובים" (סעמיאָנאָוו), פון קיעוו דוד זאַסלאַווסקי (באַגראַוו), כאַווקין־„אַלבערט" און זאלאטאַריאָוו (אַלעקסאַנדראָוו); פון מינסק – אייזיק דעווענישסקי־„אַראָן" (דעם נאָמען „ווייטער" האָט ער זיך געגעבן ערשט אין 1907) און מאַקס גאַרבער דער „שבתדיקער בגד"; פון האָמעל – יוסף פרענקעל (אומבאַקאַנט); פון מאָהילעוו – יוסף טיאָמקין־„יוסף דער שיינער" (סאלאמאנאָוו); פון קאָוונע – איזאַקסאָן־„טל־ומטר" (הענין) און יאַראָלאָווסקי „דער גוי"; פון וויטעבסק – קאַדושין־„מאַטוויי" (מאַטווייעוו) און

יצחק מאיר שליאַכטער (באַריסעוויטש); פון דווינסק — אליהו ברוידא (באַריסאָוו); פון בערדיטשעוו „נחמן" (?); פון זשיטאָמיר — שלאָסבערג-„נפתלי" (אומבאַקאַנט) און מ. דאַווין („ירחמיאל"); פון אדעס — דער עלטערער גרינפעלד-„אנדריי" (שיינין); פון קישינעוו — זיין ברודער משה גרינפעלד-„מאָיסיי" (מאָיסייעוו); פון יעקאַטערינאָסלאַוו — קאהאַן, אַ לערער, זיין געוויינלעכן פסעוודאָנים געדענק איך נישט. אין די פּראָטאָקאָלן האָט ער פיגורירט אונטערן צונאָמען „קאָוונער". איך האָב זיך פאַרשריבן „מאַן", אַ פאַרקירצונג פון אַנמאַן. מיט באַראַטונגס-רעכט זענען געווען: סענדער זעלדאָוו-„סערגיי" (ניעמאַנסקי), אברהם ברוין-„סערגיי"-„דימיטרי" (ריגער), דוד ליפעץ-„מאַקס" (גאָלדפאַרב) — די לעצטע 2 פון דער רעדנער-גרופּע ביים צ. ק.; ראָזאַ לעוויט-„פרידע", ש. גינזבורג-„יעווגעני" (גיסער), דוד כץ-„טאַראַס" (וויגדאַראַוויטש), הירש לוריע-„אַלבערט" (הירש), אַנאַ ראָזנטאַל (מאַגאַנסקאַיאַ) און אסתר בערנשטיין פון אָדעס, איר קאָנפערענץ-נאָמען געדענק איך נישט.

ס'זענען דאָ אויסגערעכנט סך-הכל 41 אָנטיילנעמער, דער גאַנצער סכום איז אָבער געווען גרעסער, מיט באַשטימונגס-רעכט 38 און מיט באַראַטונגס-רעכט — 10. פרויען זענען געווען דריי.

אַ גרויסן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער „אייראָפּעישער" כאַראַקטער פון דער קאָנפערענץ. פאַר דעם איז מיר אויסגעקומען צו זיין נאָר אויף העכסט-קאָנספּיראַטיווע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן אין ראַיאָן פון „בונד", אין אַ פאַרוואָרפענעם, באַהאַלטענעם ווינקל, וואו די טעג זענען געוואָרן באַגרענעצט און מען האָט געמוזט פירן די דעבאַטן איילנדיק און קורץ, כדי מען זאָל נישט „דורכפאַלן". די לעצטע בונדישע צוזאַמענפאָרן זענען שוין פאָרגעקומען אין אויסלאַנד, אין ציריך-שווייץ, — דער V-טער אין יוני 1903 און דער VI-טער אין אָקטאָבער 1905. אין אויסלאַנד איז מען שוין דורכגעגאַנגען אַ שול פון פאַרלאַמענטאַריזם, מען האָט זיך אויסגעלערנט בעטן 20 מאָל אַ וואָרט צו געשעפטס-אָרדנונג, צו טאָג-אָרדנונג, צום פאָרשלאַג, קעגן פאָרשלאַג, אַרויסטרעטן מיט דערקלערונגען, פּראָטעסטן, פּערזענלעכע באַמערקונגען, אַריינטראָגן רעזאָלוציעס, קאָנטר-רעזאָלוציעס, אויסבעסערונגען, פאָרשלאַגן א. אַז. וו. ס'האָבן זיך געגאָסן געטאָקטע, געשליפענע פראַזן. די VII-טע קאָנפערענץ האָט געדויערט גאַנצע 3 וואָכן, און זי וואָלט געדויערט נאָך לענגער, אויב מען וואָלט אויסגעשעפּט דעם גאַנצן סדר-היום.

אַזאַ קאָנפערענץ האָט געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלן פאָרזיצער, וואָס זאָל זיין קלאָר אין דעם פאַרלאַמענטאַרישן רעגלאַמענט, אַ מענטשן מיט אַ קלאָרן קאָפּ און אַ פלינקן שכל, וואָס זאָל זיך קאָנען תיכף אָריענטירן אין יעדער סיטואַציע און אַרויסקריכן פון פּלאָנטער; וועלכער פלעגט זיך שאַפן אין ברענענדיקע פראַגן 10 מאָל אַ טאָג. אַזאַ פאָרזיצער איז געווען וולאַדימיר מעדעם, דער בונדישער זינגער (זינגער איז געווען דער פאָרזיצער אויף די צוזאַמענפאָרן פון דער דייטשער ס. ד.). אין פּרעזידיום זענען אויסגעקליבן געוואָרן מעדעם, גאָזשאַנסקי און איך. אָבער די גאַנצע דריי וואָכן האָט מעדעם אַליין געטראָגן דעם שווערן יאָך, און אויסקומען אָן אים האָט מען געקאָנט נאָר אויף אַ קורצע צייט אין די רויקסטע מאָמענטן. מעדעמען, אַלס פאָרזיצער, האָב איך דאָ געזען צום ערשטן מאָל. און נישט פריער, נישט שפּעטער איז מיר נישט אויסגעקומען צו זען אַ פאָרזיצער, וואָס זאָל זיך קאָנען מיט אים פאַרגלייכן.

צום ערשטן מאָל איז מיר דאָ אויסגעקומען צו הערן נייע גלענצנדיקע רעדנער אין בונד — ליפעצן („מאַקס"), אַברהם ברוין-סערגיי, זאָלאָטאַרעוו-אַלעקסאַנדראָוו און גראָסער-זעלצער.

גראָסער איז דעמאָלט געווען גאָר יונג, אַן ערך 22 יאָר. ער איז געווען אַ הויכער, מאָגערער סטודענט, מיט אַן איינגעפאַלענער ברוסט פון אַ שווינדזיכטיקן, אָבער ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ היציקן טעמפּעראַמענט, מיט אַ שאַרפער צונג, מיט ברענענדיקע אויגן; און ווען ער פלעגט ווערן אין כעס אויף זיינע קעגנער, פלעגט ער זיי באַשיטן מיט אַ האָגל בייסנדיקע ווערטער. ער פלעגט אויף מיר מאַכן אַן איינדרוק פון אַ מיטלעלטערלעכן רעליגיעזן פאַנאַטיקער; זיין גלויבן–איז געווען דער „בונד“, זיין הייליקטום—די פאָנע פון „בונד“.

אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק האָט אויף מיר אויך געמאַכט יעווגעני־גיסער פון קיעוו. ער איז געווען דער רעפערענט איבער דער פראַגע וועגן פּראָפעסיאָנעלע פאַרייִנען און האָט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפונקט, אַז די פאַריינען דאַרפן זיין פאַרטייאיש. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ קאָלאָסאַלע ערודיציע און האָט נישט געקאָנט אַריינשפּאַרן דעם גאַנצן מאַטעריאַל אין די 20 מינוט, וואָס דער רעגלאַמענט האָט באַשטימט פאַר זיין רעפעראַט; מען האָט אים צוגעגעבן צייט, דאָס איז אָבער אַלץ געווען פאַר אים ווינציק, אין די לעצטע מינוטן האָט ער גערעדט, ווי אַ פּראָפּעלער פון אַן אַעראָפּלאַן, אַרויסוואַרפנדיק אַ פּאָר הונדערט ווערטער אין אַ מינוט. די גאַנצע קאָנפערענץ האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער, און אים אַליין איז אויך געווען פריילעך, אָבער מען האָט געהאָרכט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, ווייל זיין רעדן איז געווען אומגעוויינלעך רייך מיט אינהאַלט.

אויף דער קאָנפערענץ איז געווען דעווענישסקי – דער שפּעטערדיקער „ווייטער“, אַלס אַ דעלעגאַט פון מינסק, וואוהין ער איז אפגעפאָרן אין דעצעמבער 1905 פון ווילנע. אָבער קיין אייציקער שטריך פון אים איז ביי מיר אין זכרון נישט פאַרבליבן. ער האָט זיך געהאַלטן פרעמד, ווי אַ „ווייטער“; ער איז קיינמאָל נישט אַרויסגעטראָטן און איבגיכן איז ער אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון דער קאָנפערענץ. אפנים, ס׳האָט אים שוין דעמאָלט פאַרכאַפּט דער פּראָצעס פון פּסיכאָלאָגישן איבערברוך.

דער טאָג־אָרדנונג פון קאָנפערענץ איז די אַרטיקע אָרגאַניזאַציעס געמאָלדן געוואָרן באַצייטנס. דעריבער איז כמעט פאַר אַלעמען געווען אַ סיורפּריז, ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער צ. ק. האָט אַריינגעטראָגן אין סדר־היום אַ נייע פראַגע – וועגן פאַראייניקונג מיט דער רוסלענדער פאַרטיי. דער צ. ק. האט דאס געטאָן דערפאַר, ווייל ער האָט אומגעריכט באַקומען פון דער רוסלענדער פאַרטיי אַן איינלאַדונג צו שיקן אַ דעלעגאַציע אויף איר „פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר“, וואו עס האָבן צום ערשטן מאָל, נאָך דער צעשפּאַלטונג פון 1903, זיך געדאַרפט באַגעגענען אויף איין קאָנגרעס די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס, און וואו מ׳האָט אויך געדאַרפט באַטראַכטן די פראַגע וועגן אַריינעמען אין פאַרטיי די פוילישע און ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע*). דאָס וואָס מ׳האָט איינגעלאַדן דעם „בונד“, האָט געזאָלט באַטייטן, אַז אין דער רוסלענדער פאַרטיי איז דאָ אַ נייגונג צו שליסן שלום מיטן „בונד“. אויב אזוי, האָט די קאָנפערענץ געדאַרפט באַטראַכטן, צי מען דאַרף גיין אויפן פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר, און אויף וואָס פאַר אַ תנאים דער „בונד“ וואָלט געקאָנט צוריק אַריין אין דער פאַרטיי. די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אויפן פינפטן אָרט, נאָך די באַריכטן פון צ. ק. און פון די ערטער, נאך דער פראַגע וועגן פּאָליטישן מאמענט און וועגן דער דומע. אויף דער מאָרגנ־

---

*) דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין שטאָקהאָלם. מיר האָבן אין בערן נישט געוואוסט, אין וועלכער שטאָט ער וועט זיין.

ויצונג פון 6-טן טאָג, איז מען צו איר צוגעטראָטן און מען האָט אויף איר געהאָרעוועט אין פּלענום גאַנצע 3 טעג פון דער 11-טער ביז דער 16-טער זיצונג.

פאַר אַ רעפערענט וועגן דער פאַראייניקונגס-פראַגע האָט דער צ. ק. ארויסגעשטעלט אַבראַמאָוויטשן, און ער האָט מיר פאָרגעלייגט אַ קאָררעפעראַט. אַן ערך מיט צוויי חדשים פריער בין איך אַרויסגעטראָטן אין „וועקער“, ווי אַן איניציאַטאָר אין דער פאַראייניקונגס-פראַגע, און מיין שטאַנדפּונקט איז דעמאָלט געווען אַן אַנדערער, ווי ביים צ. ק.; האָב איך איצט געהאַט דעם כבוד צו זיין אַ קאָררעפערענט אין דער דאָזיקער פראַגע.

II

פּעסימיסטן און אָפּטימיסטן, שטיין-האַרטע און פּוטער-ווייכע, „דער איינציקער פאָרשטייער“

אַבראַמאָוויטש האָט אין זיין רעפעראַט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן פּעסימיזם. דער „בונד“ איז גרייט זיך אומצוקערן אין דער פּאַרטיי, אָבער צי איז פאַראַן אַזאַ שטרעבונג ביי די „פּאַרטייער“? געוויס נישט! אמת, מען האָט אונז איינגעלאַדן אויפן צוזאַמענפאָר, אַזוי ווי די פּוילישע און לעטישע ס. ד., אָבער מיט יענע האָט מען געפירט אונטערהאַנדלונגען, מיט אונז נישט. מען האָט אונז, אמת, אין דעצעמבער פאָרגעלייגט צוזאַמען אָרגאַניזירן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע, וואָס זאָל באַטראַכטן די מעגלעכקייט פון אַ פאַראייניקונג; מיר האָבן גלייך אונזער הסכמה געגעבן, אָבער מיט דעם האָט זיך דער ענין פאַרענדיקט. אַלץ באַווייזט, אַז די פּאַרטייער שטייען ווי פריער אויף דעם שטאַנדפּונקט פון שטרענגן אָרגאַניזאַציאָנעלן צענטראַליזם, מיט אויטאָנאָמיע נאָר פאַר טעריטאָריאַלע געגנט-אָרגאַניזאַציעס. דער „בונד“, אַלס אַ נאַציאָנאַלע ס. ד.-אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט לייגט זיך נישט אויס אין דער דאָזיקער סכעמע. אונזער נאַציאָנאַל פּראָגראַם אָנערקענען זיי נישט, און פון אונזערע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן שטייען זיי איצט פּונקט אַזוי ווייט, ווי אויף דעם 2-טן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי אין 1903. מען דאַרף נישט האָבן קיין אילוזיעס, אַז אויפן צוזאַמענפאָר וועט מען קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג.

דאָס הייסט נישט, אַז מיר דאַרפן אויפן צוזאַמענפאָר נישט גיין: אַ פּראָבע צו פאַרשטענדיקן זיך זענען מיר מחויב צו מאַכן. מיר דאַרפן אַפילו גיין אויף געוויסע הנחות. מיר דאַרפן אָבער אַרויסשטעלן מינימאַלע אולטימאַטיווע תנאים, אָן וועלכע דער „בונד“ קאָן נישט עקזיסטירן. דאָס זענען די פּונקטן וועגן דעם, אַז דער „בונד“ איז נישט באַגרענעצט מיט קיינע ראַיאָן-ראַמען און ער מעג פירן זיין אַרבעט אומעטום, וואו עס געפינען זיך יידישע אַרבעטער-מאַסן, וועגן איינהאַלטן אונזער נאַציאָנאַל פּראָגראַם, וועגן פאַרטרעטונג אין די צענטראַלע איינריכטונגען פון דער פּאַרטיי, וועגן אויטאָנאָמיע פון „בונד“ אין אינערלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים און וועגן גאַראַנטיעס, אַז אָן הסכם פון „בונד“ וועלן די אויבנדערמאָנטע פּונקטן נאָך דער פאַראייניקונג נישט געענדערט און נישט אַנולירט ווערן.

צו די פינף פּונקטן האָט מען, לויטן פאָרשלאָג פון ראַכמילעוויטשן, צוגעגעבן נאָך אַ פּונקט וועגן אָנטיילנעמען אין די צוזאַמענפאָרן פון דער פּאַרטיי אויף גלייכע יסודות. די הנחות, אויף וועלכע אַבראַמאָוויטש איז געגאַנגען, זענען באַשטאַנען אין

דעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער פּרינציפּיעלער פאָדערונג, אַז די גאַנצע פּאַרטיי זאָל געבויט ווערן אויף פעדעראַטיווע יסודות, און פון דעם פונקט, וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן אויף דעם 5=טן צוזאַמענפאָר, אַז דער „בונד“ גייט אַריין אין דער רוסלענדער פּאַרטיי, אַלס דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. די הנחות זענען גרויס, און פונדעסטוועגן האָט אַבראַמאָוויטש געהאַלטן, אַז זיי וועלן נישט העלפן, קיין פאַרייניקונג וועט אויף דעם פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר נישט פאָרקומען. איך בין פאַרקערט אַרויסגעטראָטן, אַלס אַן איבערצייגטער אָפּטימיסט, וואָס גלויבט, אַז צו אַ שלום איז נישט שווער צו קומען. איך האָב געהאַלטן, אַז דער זעלביקער פאַקטאָר, די זעלביקע רעוואָלוציע, וואָס רופט ביי אונז אַרויס אַ באַדערפעניש אין פאַרייניקונג, מוז ווירקן אויך אויף די פּאַרטייער; אויב נישט אויף אַלעמען, איז אויף אַ גרויסן טייל פון זיי. די פריערדיקע רייבונגען, די דערעסענע חלוקי-דעות איבער אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן מוזן איצט אפּטרעטן אין הינטערגרונט. ווי די שפּעטערדיקע געשעענישן האָבן באַוויזן, איז דאָס געווען ריכטיק. די שטימונגען אין דער פּאַרטיי האבן זיך טאַקע געביטן. ס'איז אויסגעקומען פּאַראַדאָקסאַל, וואָס מענטשן, וועלכע זענען געווען די לעצטע יאָרן אָפּגעריסן פון לעבן, האָבן ריכטיקער אָפּגעשאַצט די לאַגע, ווי יענע, וואָס האָבן זיך די גאַנצע צייט געקאָכט אינם קעסל פון צווישנפּאַרטייאישן קאַמף. אין דער אמתן איז דאָס געווען גאַנץ נאַטירלעך. גראָד דערפאַר, ווייל מיר זענען געשטאַנען ווייט און מיר האָבן נישט געהאַט קיין צוזאַמענשטויסן מיט פאַרביסענע בונדפרעסער, איז אונז געווען לייכט צו זיין אָביעקטיוו, און אין דער דעמאָלטיקער סיטואַציע זיין אָביעקטיוו האָט געהייסן זיין אָפּטימיסטיש. אָבער די חברים, וואָס האָבן עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד פון טאָג צו טאָג געהאַט צו טאָן מיט די אַסימילאַטאָרן פון „סעווערא-זאַפּאַדני קאָמיטעט“ און פון אויסלענדישער „איסקריסטער“ עמיגראַציע, האָבן געמוזט קוקן דורך שוואַרצע ברילן אויף דער מעגלעכקייט פון אַ פאַרשטענדיקונג.

דער אונטערשייד פון שטימונגען האָט פּאַקטיש געפירט צו פאַרשיידענע פּראַקטישע פאָרשלאַגן. די אָפּטימיסטן האָבן געוואָלט, אַז די צאָל אולטימאַטיווע תנאים זאָל זיין וואָס קלענער: יעדער אולטימאַטום — דאָס איז אַ שפּיל „וואַ-באַנק“; און זיי האָבן געהאַלטן, אַז איינציקע פונקטן טראָגן אַזאַ כאַראַקטער, אַז זיי וועלן סיי-ווי מוזן פאַרווירקלעכט ווערן, הגם די פּאַרטיי וואָלט זיי איצט צוליב עקשנות אָפּגעוואָרפן; און דעריבער טאָר מען צוליב זיי נישט ריזיקירן. איך האָב געהאַלטן, אַז די פאַרייניקונג דאַרף זיך באַזירן נאָר אויף דריי גרונט-יסודות: אויף אָרגאַניזאַציאָנעלער אויטאָנאָמיע פון „בונד“ בנוגע דער פּאַרטיי, אַלס גאַנצע, אויף פעדעראַציע פון אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער און אויף אומבאַגרענעצטקייט פון בונדישן ראַיאָן. די לעצטע פאָדערונג טראָגט מער אַ לאָגישן כאַראַקטער, אָבער זי מוז זיין אולטימאַטיוו, ווייל אויב דאָס זאָל איצט אָפּגעוואָרפן ווערן פון די רוסישע קאָמיטעטן, וועט דאס שפּעטער אפּגעוואָרפן ווערן אויך פון די פּוילישע, לעטישע א. א. וו. אָרגאַניזאַציעס, און דעמאָלט בלייבט פאַרן „בונד“ גאָרנישט קיין אָרט. אַלע איבעריקע פונקטן זענען פאַרן „בונד“ אָן ספק נויטיק און זיי וועלן געוויס ווערן אָנגענומען, נאָר מאַכן זיי אולטימאַטיוו איז איבעריק.

די אָפּטימיסטן זענען געווען בנוגע אולטימאַטומס ווייך, און די פּעסימיסטן האַרט. אין בערן האָבן געזיגט די פּעסימיסטן מיט זייערע פונקטן, אין שטאָקהאָלם האָבן געזיגט די אָפּטימיסטן מיט זייער אָפּטימיזם. און דערביי האָט זיך באַקומען אַזאַ סינטעז, וואָס בעסער האָט כמעט נישט געקאָנט זיין. אַלע 6 אולטימאַטיווע פונקטן פון בערן זענען אָנגענומען געוואָרן אין שטאָקהאָלם.

די „גענעראַלע דעבאַטן" האבן געדויערט דעם גאַנצן טאג. ס'האבן זיך אַרויסגע-זאגט 25 רעדנער, מער ווי אַ העלפט פון דער קאנפערענץ. ליטוואַק, וועלכער איז געווען זייער האַרט געשטימט, האט גלייך פאַרגעלייגט, מען זאל ארויסשטעלן אַ צווייטן קאררעפערענט, וועלכער זאל פאַרטיידיקן דעם אַלטן בונדישן שטאַנדפונקט פון „איינציקן פארשטייער", ווארים צווישן ביידע רעפעראטן איז גאר אַ קליינער אונטערשייד. דאס האָט מען אָפגעווארפן. פון דעם האט די פאַרטיידיקונג פון דער אַלטער פאזיציע גאַר-נישט פאַרלארן. פאַר דער פאַן פון V-טן צוזאַמענפאר זענען אַרויסגעטראטן אַ ריי „האַר-טע": יאנאוו, פייסאַכזאן, גיסער, גראסער, ש. דראַבקין, ליטוואַק, זאַסלאַווסקי, אַנדריי גרינפעלד און אַ סך אַנדערע. פון די דעבאַטן האט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף דער קאנפערענץ זענען פאַראַן 4 גרופן: האַרטע, צענטראַוויקעס, ווייכע און גאר ווייכע. דער גאַנצער צ. ק., אַ חוץ יאנאוון, איז געווען צענטריסטיש; ווייך זענען געווען הירש לוריע, אַנע ראזענטאל, מיכאַלעוויטש, איך און נאך עטלעכע. גאר ווייך איז געווען: טאַראַס, וועלכער האט וועגן זיך אַליין געזאגט, אז ער איז אן אנהענגער פון פאַרייניקונג פאַר יעדן פרייז, אויף אַלע תנאים. אַזעלכע, ווי ער, איז געווען גאר ווייניק, און אויף אים האבן זיך געשאטן סאַרקאזמען פון אַלע זייטן.

די „האַרטע", וואס זענען געשטאַנען אייזן-פעסט פאַרן „איינציקן פאַרשטייער", זענען געווען אין בערן אין אַ גרויסער צאָל, כמעט ווי אַ העלפט. אבער די שאַטירונגען צווישן זיי זענען אויך געווען גרויס. נישט מער, ווי 4 פון זיי, האבן געשטימט פאַר אַלע 6 אולטימאַטיווע פונקטן פון די צענטראַוויקעס, ד. ה. נאר 4 זענען געווען אַזעלכע, וואס האבן נישט געוואלט גיין אויף קיינע הנחות. בראש פון זיי איז געשטאַנען דער יונגער גראַסער. די איבעריקע, האבן זיך שטארק געהאַלטן פאַרן „איינציקן פאַרשטייער", האָבן דערפאַר אפגעלאָזן אין אַנדערע פונקטן. יאָנאָוו, ליטוואַק, דראַבקין האבן מסכים געווען נישט פאָדערן אולטימאַטיוו קיין באַזונדערע פאַרטרעטונג אין די צענטראַלע אינסטיטוציעס פון דער פאַרטיי; זאַסלאַווסקי איז געווען גרייט זיך אָפצוזאגן פון דעם נאַציאנאַלן פראגראַם; גיסער האט אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל מיט זיינע ווערטער, אַז אויב וואס עס איז מקריב זיין, איז ער בעסער גרייט זיך אפזאגן פון דער אומבאַגרענעצטקייט פון ראַיאָן (דערנאך האט ער דאס גענומען צוריק). צום סוף פון די גענעראַלע דעבאַטן האט זיך באַקומען אַ מישענינע. מ'האט נישט געקאָנט פארויסזען, ווער ס'וועט זיגן ביי דער אפשטימונג. אין דער קאמיטע צו פאָרמולירן די פאַרייניקונגס-תנאים האט מען אויסגעקליבן צוויי צענטראַוויקעס — אַבראַמאָוויטש און ראַכמילעוויטש און דעם „האַרטן" יאָנאָוון. מען האט זיי פאַרפליכטעט אויף מארגן צושטעלן אַ פראָיעקט.

III

אין נעץ פון יורידישן פלאָנטער

דערווייל פאַרנעמט מען זיך מיט דער פראַגע וועגן דער דעלעגאַציע, וואס זאל פאָרן אויפן פאַרטיי-צוזאַמענפאר. גלייך שטעלט זיך אַ פראַגע, ווער זאל שיקן די דעלעגאַציע — די קאנפערענץ אדער דער צ. ק. די פראַגע דארף אייגנטלעך גארנישט געשטעלט ווערן. לויט דער בונדישער נישט-געשריבענער קאנסטיטוציע, זענען קאנפערענצן נישט מער, ווי באַראַטונגען ביים צ. ק. אין די הפסקות צווישן צוזאמענפארן. זייערע אנטיילנעמער פלעגן געוויינלעך פשוט איינגעלאַדן ווערן דורך דעם צ. ק., זייערע באַשלוסן זענען נישט אָבליגאטאריש, דער צ. ק. דאַרף זיי ערשט באַשטעטיקן

דער צ. ק. ווערט געקליבן אויף אַ צוזאַמענפאר, נישט אויף אַ קאנפערענץ; ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם קומענדיקן צוזאַמענפאר און קאָן זיך נישט פֿאַרענטפערן מיט דעם, וואס זיין טאַקטישע ליניע האט ער גענומען פון אַ קאנפֿערענץ. אַזוי אַרום האט געדאַרפֿט זיין קלאר, אז די דעלעגאציע, וואס וועט אפשר מוזן דורכפֿירן אַ וויכטיקע אַרבעט, דאַרף זיין אַן אָרגאַן פון צ. ק. און נישט פֿון דער קאנפֿערענץ.

אבער דער אפיציעלער פארשטייער פון צ. ק. האט זיך אפנים נישט אריענטירט, און אויף דער פראַגע, ווער וועט שיקן די דעלעגאַציע, האט ער געגעבן אַ תשובה, וואס איז פון יורידישן שטאַנדפונקט סתירותדיק: פארמעל געהערט דאס רעכט צו שיקן די דעלעגאַציע דעם צ. ק., אבער... די קאנפֿערענץ קאָן די דאזיקע פֿראַגע באַטראַכטן און באַשליסן. פֿרעגט אים אַנע ראזענטאַל, צי וועט דער צ. ק. זיך האַלטן מחויב אויסצופירן דעם באַשלוס פון דער קאנפערענץ; ענטפערט אויף דעם קרעמער, אַז די זעלביקע פראַגע קאָן ווערן געשטעלט בנוגע אַלע באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ. דער פֿאָרזיצער מעדעם האָט אויך די סכנה נישט באַמערקט, און גלייך הויבט זיך אָן אַ פלאָנטער, וועלכער האָט אַוועקגענומען אַ סך צייט.

די צעטיילונגס=ליניע איז דאָ נישט געגאַנגען צווישן „האַרטע“ און „ווייכע“. צווישן די אָנהענגער פֿון צ. ק. זענען געווען סיי האַרטע, סיי ווייכע; דאָסזעלבע צווישן די אָנהענגער פון דער קאָנפערענץ. מען שטימט: 15 פאַר דער קאָנפערענץ, 11 קעגן, 10 האַלטן זיך אָפּ. פאַרן צ. ק. שטימען: האַרטע—פייסאַכזאָן, די ברידער גרינפעלד, זאַסלאַווסקי; ווייכע — לנו, אַנמאַן; פאַר דער קאָנפערענץ — פון איין זייט ליטוואַק, פון דער אַנדערער — זאַלאַטאַרעוו און בערמאַן. אַ טייל האַרטע האָט מורא, אַז דער צ. ק. וועט זיין צו ווייך; אַ טייל ווייכע — אַז דער צ. ק. וועט זיך האַלטן צו האַרט. דער צ. ק. אַליין באַהאַלט נישט זיין אומצופרידנקייט: מען טרויט אים נישט, ער טרויט אָבער דער קאָנפערענץ אויך נישט. אין דער דעלעגאַציע קאָנען אויסגעקליבן ווערן חברים, וואָס וועלן אפשר זיין צו פאַרביסן, אָדער פאַרקערט צו נאָכגיביק. דער קאַמף טראָגט זיך אַריבער אויף אַן אַנדער שטח: ווי גרויס זאָל זיין די דעלעגאַציע. דער צ. ק. איז פאַרינטערעסירט, זי זאָל זיין נישט מער, ווי פון 3. וואָס קלענער — איז וויניקער די סכנה, אַז ס'וועלן אַריינפאַלן אין איר נישט קיין פאַסיקע חברים. אַבראַמאָוויטש מאָטיווירט: „ס'קאָן זיין, אַז אונזער אָנטייל אין צוזאַמענפאָר וועט קיין ערפאָלג נישט ברענגען, איז נישט באַקוועם אַריינפאָרן מיט אַ גרויסער דעלעגאַציע. טאַראַס לייגט=פאָר אַ פשרה — זאָל דער צ. ק. צוגעבן צו דער דעלעגאַציע עטלעכע מענטשן פון זיך. ליבער ענטפערט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. און ראַכמילעוויטש דערפירט דעם סכסוך ביז דער העכסטער מדרגה מיט זיין מעלדונג, אַז די קאָנפערענץ האָט פאַרלאָרן אַלע יורידישע נאָרמען, אַז דער צ. ק. האָט רעכט צו שיקן אַן אייגענע דעלעגאַציע, און דאָס וועט ער מוזן טאָן, ווייל די דעלעגאַציע, וועלכע די קאָנפערענץ וועט שיקן, וועט נישט האָבן קיין רעכט צו פירן אונטערהאַנדלונגען. צוליב דער נערוועזער שטימונג ווערט די זיצונג געשלאָסן.

ביינאַכט האָט דער צ. ק. געהאַט אַ זיצונג און האָט באַשלאָסן, אַז דער באַשלוס פון דער קאָנפערענץ דאַרף רעווידירט ווערן. אויף מאָרגן מעלדעט דער פאָרשטייער פון צ. ק, אַז דער צ. ק. זאָגט זיך אָפּ צוצוגעבן ווער עמען נישט איז צו דער דעלעגאַציע, וואָס די קאָנפערענץ וועט שיקן און בכלל נעמט ער אויף זיך נישט קיין אַחריות פאַר דער אויספירונג פון דער דאָזיקער דעלעגאַציע. ס'קאָן זיך טרעפן, אַז די דעלעגאַציע וועט אַרויסגיין פון די ראַמען, וואָס די קאָנפערענץ וועט פאַר איר באַשטימען, ווי דאָס איז געווען אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי מיט דער בונדישער דעלעגאַציע,

וואָס איז געשיקט געוואָרן דורך דעם V־טן בונדישן צוזאַמענפאָר. אויב אַזאַ זאַך וועט אָפּסאָן אַ דעלעגאַציע פון צ. ק., וועט זי טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן צ. ק, און מיט אים צוזאַמען פאַרן קינפטיקן צוזאַמענפאָר. אָבער פאַר וועמען וועט זיין פאַר־אַנטוואָרטלעך די דעלעגאַציע פון דער קאָנפערענץ? דאס איז געוועזן לאָגיש, אָבער דאָס האָט געדאַרפט געזאָגט ווערן נעכטן. ס׳ווערט ווידער אַ טומל. אין פרעזידיום שיטן זיך צעטלען, ס׳ווערט אַריינגעטראָגן דער געוואונטשענער פאָרשלאַג: ר ע וו י ז י ע! איבער־קוקן דעם נעכטיקן באַשלוס. אַ טייל האַרטע זענען אַנטשלאָסן קעגן. נאָך לאַנגע דעבאַטן און עטלעכע אפשטימונגען, וואָס גיבן נישט דעם געוואונטשענעם רעזולטאַט, קומט־פאַר אַ נאמענטלעכע אָפּשטימונג, וועלכע גיט סוף־כל־סוף דאָס, וואָס מען דאַרף: 15 שטימען פאַר, 13 – קעגן, 9 האַלטן זיך אָפּ. דער נעכטיקער באַשלוס ווערט איבערגעקוקט.

נאָך אַ קורצער דיסקוסיע, שטימט מען אָפּ די פראַגע אין תוך – ווער דאַרף שיקן די דעלעגאַציע – 13 וואָטירן פאַרן צ. ק., 8 פאַר דער קאָנפערענץ און 16 האַלטן זיך אָפּ. אויסער די 5 שטימען פון צ. ק., האָבן זיך אָפּגעהאַלטן 11 דעלעגאַטן, אַ דריטל פון דער קאָנפערענץ, דערין גראָסער, מיכאַלעוויטש, איזאַקסאָן. צווישן די 13, וואָס האָבן געשטימט פאַרן צ. ק., זענען געווען 7 ווייכע, 5 האַרטע און דער 13־טער מע־דעם. צווישן די 8, וואָס האָבן געשטימט פאַר דער קאָנפערענץ, זענען געווען 6 האַר־טע (צווישן זיי ליטוואַק) און 2 ווייכע (איינער פון זיי – בערמאַן). נאָכדעם האָט מען כמעט איינשטימיק (30 קעגן 2) אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די דעלעגאַציע זאָל באַשטיין פון דריי (דער צ. ק. האָט געשיקט אַבראַמאָוויטשן, ליבערן און יאָנאָוון).

IV

די אולטימאַטיוויסטן און זייערע קעגנער

די שפּאַנונג ווערט אַ ביסל אָפּגעשוואַכט, ווען די קאָמיסיע טראָגט אַריין דעם פּראָיעקט פון 6 אולטימאַטיווע פונקטן: אומבאַגרענעצטקייט פון ראַיאָן, פאַרטרעטונג אין די צענטראַלע אינסטיטוציעס, אָנטיילנעמען אויף גלייכע יסודות אין צוזאַמענפאָרן, איינ־האַלטן דאס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, אויטאָנאָמיע פון „בונד" אין אינערלעכע ענינים און גאַראַנטיעס. ס׳הויבט זיך אָן אַ לאַנגדויערנדיקע פּראָצעדור פון דעבאַטירן איבער יעדן פונקט, אָפּשטימען אים פריער אין תוך, דערנאָך ווי אַן אולטימאַטום, און סוף־כל־סוף ווי אַ גרונט־פונקט. מעדעם מאָטיווירט, פאַרוואָס ס׳דאַרף זיין אַזאַ פּראָצעדור: אויב פשוט וואָטירן יעדן פונקט, צי איז ער אַן אולטימאַטיווער, אָדער נישט, און מען וועט אַ פונקט אָפּוואַרפן, וועט די קאָנפערענץ נישט וויסן, צי מען האָט דאָס געטאָן דערפאַר, ווייל דעם פונקט דאַרף מען בכלל נישט, אָדער דערפאַר, ווייל הגם מ׳האַלט אים פאַר נויטיק, אָבער נישט אולטימאַטיוו. און מען דאַרף דערנאָך אָפּשטימען, וועלכע זע־נען גרונט־פונקטן, ווייל ס׳קאָנען זיין פונקטן אולטימאַטיווע נאָר פאַר דעם איצטיקן פאַר־טיי־צוזאַמענפאָר, ביים שליסן דעם אָפּמאַך, און שפּעטער אין אַ געוויינלעכן סדר, אויף אַ געוויינלעכן פאַרטייאישן צוזאַמענפאָר קאָן מען זיי מיט אַ מערהייט שטימען אָפּשאַפן; און ס׳קאָנען זיין אַזעלכע פונקטן, וועלכע קיין צוזאַמענפאָר מיט קיין מערהייט קאָן נישט אָפּשאַפן אָן דעם הסכם פון „בונד". סוף־כל־סוף זענען אַלע 6 פונקטן אָנערקענט געוואָרן פאַר נויטיקע, אולטימאַטיווע און גרונט־פונקטן. די איינציקע זאַך, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָפּגעוואָרפן, איז געווען אולטימאַטיווקייט פון אָנטיילנעמען אין צענטראַלן פּרעסע־אָרגאַן פון דער פאַרטיי. אַלע אָפּשטימונגען זענען געווען נאָמענטלעכע. דער זיבעטער פונקט

וועגן „איינציקן פאָרשטייער“, וואָס עס האָט אַריינגעטראָגן די „מינדערהייט“ פון דער
קאָמיסיע, ד. ה. ח׳ יאָנאָוו, ווערט אָפּגעוואָרפן. דערביי באַקומט זיך אַן אָריגינעלע
צעטיילונג פון שטימען. פאַר 7 אולטימאַטומס האָבן געשטימט, ווי איך האָב שוין פריִ-
ער באַמערקט, נאָר 4 חברים מיט גראָסערן בראָש. פאַר 6 אולטימאַטומס, ד. ה. פאַרן
פּראָיעקט פון דער קאָמיסיע, אינגאַנצן ווי ער איז, האָבן געשטימט 7 חברים, מערסטנ-
טייל דער צ. ק., אויך לנו און זאַלאָטאַרעוו. אַלע איבעריקע 37 אָנטיילנעמער (מיט
באַשטימונגס- און באַראַטונגס-רעכט) האָבן געשטימט געמישט, אין פאַרשיידענע קאָמבי-
נאַציעס. פון די האַרטע האָבן ליטוואַק און זאַסלאַווסקי, למשל, געשטימט קעגן דער
אולטימאַטיווקייט פון אָנטיילנעמען אין די צענטראַלע אינסטיטוציעס און פון דעם נאַ-
ציאָנאַלן פּראָגראַם. פייסאַכזאָן – קעגן צענטראַלע אינסטיטוציעס און צוזאַמענפאָרן און
האָט זיך אָפּגעהאַלטן ביי דעם פונקט פון גאַראַנטיעס. יאָנאָוו – קעגן דער אולטימאַ-
טיווקייט פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם און האָט זיך אָפּגעהאַלטן ביי אנטיילנעמען אין
צענטראַלע אינסטיטוציעס. גיסער — קעגן צוזאַמענפאָרן און זיך אָפּגעהאַלטן ביי צענט-
ראַלע אינסטיטוציעס, מעדעם האָט זיך אָפּגעהאַלטן ביי אנטיילנעמען אין צוזאַמענפאָרן.
פון די ווייכע האָט מיכאַלעוויטש געשטימט קעגן דער אולטימאַטיווקייט פון צוזאַמענ-
פאָרן און האָט זיך אָפּגעהאַלטן ביי צענטראַלע אינסטיטוציעס און גאַראַנטיעס, ליבער-
קעגן צוזאַמענפאָרן, אַנע ראָזענטאַל — קעגן צוזאַמענפאָרן, נאַציאָנאַלן פּראָגראַם און
גאַראַנטיעס און האָט זיך אָפּגעהאַלטן ביי צענטראַלע אינסטיטוציעס, אַלבערט (לוריע) –
קעגן צוזאַמענפאָרן און גאַראַנטיעס און זיך אָפּגעהאַלטן ביי דעם נאַצ. פּראגראַם,
ניעמאַנסקי – קעגן דעם נאַצ. פּראָגראַם און זיך אָפּגעהאַלטן ביי די צענטראַלע אינ-
סטיטוציעס, סערגיי ברוין – קעגן נאַצ. פּראגראם און זיך אָפּגעהאַלטן ביי גאַראנטיעס,
טאַראַס – קעגן צוזאַמענפאָרן און גאראנטיעס און נישט געשטימט ביי צענטראַלע אינ-
סטיטוציעס און נאַציאָנאַלן פּראגראַם. אַנמאַן האָט געשטימט נאָר פאַר אומבאַגרענעצטקייט
פון ראַיאָן און פאַר אויטאָנאָמיע. די דאָזיקע צוויי פונקטן זענען בכלל אָנגענומען גע-
וואָרן איינשטימיק.

XV

„דער איינציקער פאָרשטייער“

די שפּאַנונג אין זאַל דערגרייכט ביז דער העכסטער מדרגה, ווען מען שטעלט
צו אָפּשטימונג דעם פונקט וועגן „איינציקן פאָרשטייער“. דער באַרימטער פונקט פון
V-טן צוזאַמענפאָר איז פאָרמולירט געווען אין דער רעזאָלוציע, אַז דער „בונד“ גייט
אַריין אין דער פאַרטיי, אַלס דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.
דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָבן אַרום אָט דעם פונקט געטאַנצט און געליאַרעמט די פאַרטייער, די
ס. ס., די סיימאָווצעס, די פועלי-ציוניסטן. מען האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן
פון „דעם איינציקן“, פון דעם „בן-יחיד“. און טאַקע דעריבער האָט מען אויפן 6-טן צו-
זאַמענפאָר דעם פונקט פאָרזיכטיק פאַרשוויגן. מען האָט דאָרטן פאָרמולירט אַ רעזאָלו-
ציע, אַז אַ שטאַרקע און לעבנספעיקע ס. ד. פאַרטיי אין רוסלאַנד קאָן באַשאַפן ווערן
אויף די יסודות פון פעדעראַציע, וועלכע דריקט זיך אויס אין דער פאַראייניקונג פון
נאַציאָנאַלע ס.-ד.-אָרגאַניזאַציעס, נישט באַגרענעצט אין זייער אַרבעט מיט ראַיאָן-ראַמען,
און מיט אַ פאָרשטייער אין די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער פאַרטיי. וועגן דעם „איינציקן

ציקן פאָרשטייער" האָט מען דאָרטן נישט דערמאָנט. דער גייסט איז געבליבן, די פאָרמול איז אָפּגעפאַלן.

די VII-טע קאָנפערענץ אין בערן האָט אַזוי אַרום קיין פאַרבּרעך בנוגע דעם לעצטן צוזאַמענפאָר נישט באַגאַנגען, ווען זי האָט דעם פּונקט אויך פאַרשוויגן. אָבער די „האַרטע" האָבן בשום אופן נישט געוואָלט מיט אים זיך שיידן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַליידנשאַפטלעכער קאַמף.

יאָנאָוו, וועלכער האָט אַרויסגעשטעלט דעם פּונקט קעגן דער מערהייט פון דער קאָמיסיע, האָט זיך פאַרינטערעסירט נישט מיט דער פאָרמולירונג, נאָר מיטן תוך. ער האָט געוואָלט, אז אויף די ערטער זאָל דורכגעפירט ווערן אַן אָפּגרענעצונג צווישן דער פאַרטיי מיטן „בונד". דער יידישער פּראָלעטאַריאַט זאָל געהערן דעם „בונד", די פאַרטייער זאָלן אַרבעטן צווישן די רוסישע אַרבעטער. די לאַנגע דיסקוסיע איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם פאָרשלאַג פון ראַכמילעוויטשן — תיכף אָפּשטימען, צי דאַרף מען אַרויסשטעלן דעם פּונקט אַלס אולטימאַטום.

אַ שטאַרקע אויפרעגונג האָט געהערשט אין זאַל. מען איז אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, מיט דער גרעסטער שפּאַנונג האָט מען געציילט די שטימען. די גאַנצע פאַרייניקונגס-פראַגע איז געשטאַנען אין קאָן. אויב די אולטימאַטיווקייט וועט דורכגיין, קאָן קיין האָפנונג נישט זיין אויף פאַרשטענדיקונג; ס'לוינט אפילו נישט צו שיקן אַ דעלעגאַציע. דער סך-הכל: פאַר אולטימאַטום 17, קעגן 19, איינער האָט זיך אָפּגעהאַלטן—דאָס איז געווען מעדעם. דער פּונקט ווערט אָפּגעוואָרפן.

אין זאַל הערן זיך אַפּלאָדיסמענטן. דאָס שיט זאַלץ אויף די וואונדן פון דער מינדערהייט, און ס'ווערט אַ שרעקלעכער טומל. מען מוז איבעררייסן די זיצונג.

און נאָך דער הפסקה האָט מען פריער פאַר אַלץ אַריינגעטראָגן אַ פּראָטעסט קעגן—די אַפּלאָדיסמענטן. ליבער האָט פּרובירט דערקלערן, אַז זיי האָבן באַדייט מער נישט, ווי פרייד, וואָס ס'איז פאַרשוואונדן אַ שטיין אויפן וועג צו פאַרייניקונג. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן. אונטער דעם פּראָטעסט זענען געשטאַנען 24 חתימות, און דער גאַנצער סכום פון אָנטיילנעמער איז דאָס מאָל געווען 46. ד. ה. אז מער ווי אַ העלפט פון דער קאָנפערענץ האָבן פּראָטעסטירט. ס'האָבן פּראָטעסטירט נישט נאָר די, וואָס האָבן געשטימט פאַרן איינציקן פאָרשטייער, און די, וואָס האָבן זיך אָפּגעהאַלטן, נאָר אַפילו 5 חברים פון יענע, וואָס האָבן וואָטירט קעגן דער אולטימאַטיווקייט. דאָס באַווייזט, ווי דין איז געווען דאָס פעדימל, אויף וועלכן ס'האָט זיך געהאַלטן דער גאַנצער באַשלוס.

ביי אַזאַ קרעפטן-פאַרהעלטעניש האָבן די פּראָטעסטאַנטן נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן. גראָסער ווערט דער לידער פון דער אָפּאָזיציע. זיין פּנים ברענט, זיינע אויגן וואַרפן פונקען.

מען שטעלט תיכף די פראַגע וועגן געזעצלעכקייט. צי האָט די קאָנפערענץ דאָס רעכט אָפּצושאפן באַשלוסן פון צוזאַמענפאָרן? מען פאָדערט אַ „רעוויזיע". דערביי פאַרגעסט מען, אַז היינט אינדערפרי האָט מען שוין געענוג אַרומגערעדט די יורידישע קאָמפּעטענץ פון דער קאָנפערענץ. די קאָנפערענץ קאָן באַשליסן וואָס זי וויל—אָן באַשטעטיקונג פון צ. ק. האָבן אירע באַשלוסן קיין קראַפט נישט, דער עיקר ליגט נישט אין דער געזעצלעכקייט, נאָר אין דער באַציונג צו די באַשלוסן מצד דעם צ. ק.; איז ער מסכים — ווערן די באַשלוסן דורכגעפירט; איז ער קעגן—בלייבן זיי אויפן פּאַפּיר; אין איצטיקן פאַל האָט דער גאַנצער צ. ק., אַחוץ יאָנאָוון, געשטימט מיט דער מערהייט קעגן דער

אולטימאַטיווקייט פֿון „איינציקן פאָרשטייער"—הייסט דאָס, ס'איז נישטאָ וועגן וואָס צו אַמפּערן זיך. און דאָך איז מען פון דעם נייען יורידישן פלאָנטער נישט לייכט אַרויס־געקראָכן. גיסער פאַדערט ביים צ. ק. אַ קלאָרע תשובה, צי האָט די קאָנפערענץ דאָס רעכט בייטן די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָרן. אַרקאַדי קרעמער ענטפערט ווידער אומבאַ־שטימט: זאָל די קאָנפערענץ אַליין באַטראַכטן די פראַגע, אויב נישט, וועט זי באַטראַכטן דער צ. ק. ליבער וואַרפט אַרויף די אַחריות אויפן פרעזידיום. אויב—זאָגט ער—דער באַשלוס פון דער קאָנפערענץ וואָלט געווען אַ כתירה צו די פריערדיקע רעזאָלוציעס, וואָלט דאָס ביוראָ קעגן אים פּראָטעסטירט. דאָס ביוראָ האָט דאָס נישט געטאָן—הייסט דאָס, אַלץ איז אין אָרדנונג. דאָ אָבער מישט זיך אַריין דער פאָרזיצער מעדעם. ער האָט גאָרנישט קיין חשק אַרויפצולייגן אויף זיין קאָפּ די אַחריות. עטלעכע חברים—זאָגט ער—מיינען, אַז מען האָט אָקאָרשט אָפּגעטאָן אַן אומגעזעצלעכקייט; דאָס ביוראָ טאָר, פאַר־שטייט זיך, נישט דערלאָזן קיין אומגעזעצלעכע מעשים, אָבער זי האָט קיין רעכט נישט אויסצוטייטשן די באַשלוסן לאַחר המעשה. איצט מוז די קאָנפערענץ אַליין דערליידיקן די פראַגע.

ס'הייסט, אַז פאָרמעל אָפּפטרן די פראַגע קאָן מען נישט. מען מוז ווידער אָנהויבן דעבאַטן וועגן תוך פונם פונקט. אָבער ס'איז שוין שפעט, אַלע זענען צעהיצט, לויט מעדעמס פאָרשלאַג ווערט די זיצונג געשלאָסן און די דיסקוסיע אָפּגעלייגט אויף מאָרגן.

אויף מארגן קומט מען אַביסל אָפּגעקילט. דער פאָרשלאַג צו באַטראַכטן די פראַ־גע וועגן דער געזעצלעכקייט פון נעכטיקן באַשלוס ווערט אָפּגעוואָרפן, און צו־זאַמען מיט דעם פאַלט־אָפּ אויך די פראַגע וועגן רעווידירן דעם באַשלוס. אָבער גראָ־סער וויל, אַז די קאָנפערענץ זאָל קלאָר און דייטלעך מעלדן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז פּרינציפּיעל האָט זי איר פּאָזיציע נישט געביטן. זאָל זיין, אַז די פאָרמולירונג פונם פונקט וועגן איינציקן פאָרשטייער איז נישט זייער געלונגען, ווייל זי האָט געגעבן אונ־זערע קעגנער אַ מעגלעכקייט פאַלש צו אינטערפּרעטירן אונזער שטאַנדפּונקט, אָבער די אומגעלונגענע פאָרמול איז געוואָרן אַ היסטאָרישע, זי איז געוואָרן אונזער פאָן. מעדעם האַלט אים אונטער, אָבער ליבער לאַכט: אויפן VI-טן צוזאַמענפאָר איז אָט די אידע־ישע פאָנע אַרויסגעפאַלן פון אונזערע הענט, און גראָסער מיט מעדעמען האָבן דאָס נישט באַמערקט. ס'ווערט אַ טומל: סטייטש אַרויסגעפאַלן? דעם „איינציקן פאָרשטייער" האט מען אויף דעם VI-טן צוזאַמענפאָר אָפּגעשאַפט? דאָס איז נישט אמת! און גלייך ווערט אין ביוראָ אַריינגעטראָגן אַ פּראָטעסט פון 12 חברים, וואָס זענען אויף דעם דאָזיקן צוזאַ־מענפאָר געווען. זיי מעלדן פייערלעך, אַז קיינער פון זיי האָט נישט פאַרשטאַנען די רעזאָלוציע פון VI־טן צוזאַמענפאָר, ווי אַן אָפּזאָג פון „איינציקן פארשטייער".

די גאַנצע דיסקוסיע האָט באַוויזן, אַז דעם אינהאַלט פון איינציקן פאָרשטייער, פאָרשטייען פאַרשידן נישט נאר די פיינט, נאָר אין „בונד" גופא. גראָסער, יאָנאָוו, „רא־גוויטש" האָבן אינטערפּרעטירט אַזוי: דער פונקט וועגן „איינציקן פאָרשטייער", וואָס מ'האָט אָנגענומען אויפן V-טן צוזאַמענפאָר, האָט געזאָלט באַטייטן, ערשטנס, די אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע אָפּגרענעצונג, ד. ה., אַז צווישן די יידישע אַרבעטער פירט די ס. ד. אַרבעט נאָר דער בונד, נישט די קאָמיטעטן פון דער רוסלענדער פּאַרטיי. צווייטנס: דער בונד איז אין דער פּאַרטיי דער פאָרשטייער פון די אינטערעסן פונם יידישן פּראָ־לעטאַריאַט, אויף וויפל דאָס רופט אַרויס די באַזונדערע לאַגע פון די יידישע אַרבע־טער. יאָנאָוו איז דערביי מודיע, אַז דער VI־טער צוזאַמענפאָר האָט דעם צווייטן טייל פון דער אינטערפּרעטאַציע אָפּגעוואָרפן, אָבער אַבראַמאָוויטש האָט דעם פונקט

דערקלערט אינגאַנצן אַנדערש. אויפן V-טן צוזאַמענפאָר — האָט ער געזאָגט — האָבן מיר דעם פונקט פאַרשטאַנען נישט אין זינען פון פאַרטיידיקן די אינטערעסן פונם יידישן פראָלעטאַריאַט פאַר דער פאַרטיי. מיר האָבן אים פאַרשטאַנען אַזוי: ערשטנס, קאָן זיין אין דער פאַרטיי מער נישט ווי איין „בונד“, און איר קאָן נישט אַריין קיין אַנדער אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אַן אַרבעט צווישן יידישן פראָלעטאַריאַט; צווייטנס: די יידישע אַרבעטער האָבן אַן אָרגאַניזירטע ווירקונג אויף דער פאַרטיי דורכן „בונד“. אין גייסט פון אַבראַמאָוויטשעס דערקלערונג האָט די קאָנפערענץ שפּעטער אָנגענומען אַ דעקלאַראַטיווע רעזאָלוציע וועגן „איינציקן פאָרשטייער“, הגם אין דער קאָמיסיע, וואָס האָט זי אויסגעאַרבעט, איז חוץ אַבראַמאָוויטשן און יאָנאָוון אַריין אויך גראָסער. די רעזאָלוציע האָט דערקלערט, אַז דער „בונד“ בלייבט, ווי פריער, איבערצייגט, אַז נאָרמאַלע באַציונגען צווישן דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג מיט דער רוסלענדער ס. ד. פאַרטיי קאָנען זיך איינשטעלן נאָר דעמאָלט, ווען דער „בונד“ וועט זיין אין דער פאַרטיי דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פראָלעטאַריאַט, ד. ה. די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט צווישן אים די מאַסן-אַרבעט, דורך וועלכע די פאַרטיי פירט אָן דעם קאַמף פון יידישן פראָלעטאַריאַט, און דער יידישער פראָלעטאַריאַט קאָן פאַרווירקלעכן זיין נויטיקן איינפלוס אויף דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון פאַרטיי-ענינים. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן כמעט אָן דעבאַטן, און מיט דעם האָט זיך אויף דער קאָנפערענץ פאַרענדיקט דער הייסער קאַמף.

VI

עפּילאָג. אין שטאָקהאָלם

דעם 7/20-טן אַפּריל האָט זיך די קאָנפערענץ פאַרענדיקט, און מען האָט אָנגעהויבן אָפּפאָרן פון בערן. איך מיט אַנען האָבן נאָך פאַרבראַכט צוויי וואָכן אין דער שווייץ, כדי צו באַקוקן דאָס לאַנד, וואו מיר זענען געווען צום ערשטן מאָל. דעם יום-טוב פון 1-טן מאַי האָבן מיר פאַרבראַכט אין זשענעווע, צוזאַמען מיט דער גאַנצער דאָרטיקער בונדישער קאָלאָניע, און 5 טעג שפּעטער, דעם 23-טן אַפּריל אַלטן סטיל, זענען מיר שוין, צוריקפאָרנדיק, געווען אין בערלין, און גראָד אין דעם טאָג איז געקומען פון שטאָקהאָלם אונזער דעלעגאַציע. פון ליבערן און יאָנאָוון האָבן מיר זיך דערוואוסט, וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען. אַלע אולטימאַטיווע פונקטן פון „בונד“ האָט מען מיט קליינע רעדאַקציאָנעלע פאַרענדערונגען אָנגענומען. די פונקטן וועגן אומבאַגרענעצטקייט פון ראַיאָן, וועגן פאַרטרעטונג אין צ. ק. פון פאַרטיי און אויף צוזאַמענפאָרן זענען אָנגענומען געוואָרן טעקסטועל, בוכשטעבלעך. ס'איז אפילו צוגעגעבן געוואָרן, אַז דער „בונד“ שיקט באַזונדערע פאָרשטייער אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן. דעם פונקט וועגן אויטאָנאָמיע פון „בונד“ האָט מען פאַרברייטערט און אַנטוויקלט אין צוויי פּאַראַגראַפן, אָנשטאָט איינעם. דעם פונקט וועגן דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם האָט מען פאָרמולירט אויף אַזאַ אופן, אַז ער בלייבט אָפן, „ווייל דער פאַראייניקונגס-קאָנגרעס האָט די פראַגע נישט באַטראַכט“, ד. ה. דערווייל האַלט זיך דער „בונד“ ביי זיין פּראָגראַם. דאָס איז געווען אין פּלענום. די קאָמיסיע, וואָס האָט די פונקטן פריער באַטראַכט, איז געווען נאָך ליבעראַלער; איר פאָרמול איז געווען: פאַרן „בונד“ ווערט אָנערקענט דאָס רעכט איינצוהאַלטן זיין נאַציאָנאַל פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף זיין VI-טן צוזאַמענפאָר. דער זעקסטער פונקט פון דער באַר-

נער קאָנפערענץ ווענגן גאַראַנטיעס איז נישט אַריין אין די פּונקטן פון שטאָקהאָלמער קאָנגרעס, אָבער לויטן אָפּמאַך אין דער קאָמיסיע פון קאָנגרעס, איז ער שווייגנדיק אָנגענומען געוואָרן דורך דעם, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט צום סוף פון דער פּלענאַרער זיצונג געמאָלדן, אַז די און די פּונקטן קאָנען נישט ווערן אָפּגעשאַפט אָן הסכם פון „בונד".

דאָס איז געווען אַ סיורפּריז. דער גרעסטער אָפּטימיסט האָט נישט געקאָנט האָפן אויף אַזאַ ערפאָלג. און פונדעסטוועגן, ווען ליבער האָט אונז וועגן דעם דערציילט, איז ער געווען צעמישט, ווי אַ מענטש, וואָס נאָך אַ באַרג פריילעכע ידיעות, האָט ער צו דערציילן וועגן אַ צרה. אַ צרה איז טאַקע געווען. אַ לעפל דזיעגעכץ האָט מען אַ שמאָקה לם צוגעגאָסן צו דעם טעפל האניק. צווישן די 8 פּונקטן, פון וועלכע די רעזאָלוציע פון צוזאַמענפאָר איז באַשטאַנען, איז געווען איינער אַן אייגענער, דער זעקסטער, וועלכן ס'איז באַשערט געווען צו ווערן טרויעריק באַרימט אין „בונד". אין פּונקט 6 איז געשטאַנען, אַז אַלע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען אַריין אין ר. ס. ד. אַרב. פּ., שאַפן אויפן באָדן פון אַלגעמיינע וואַלן פון אַלע פאַרטיי-מיטגלידער אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט איין אָנפירנדיקן שטאָטישן קאָמיטעט, וועלכער באַשליסט אַלע פראַגן, וואָס זענען געמיינזאם פאַר דעם גאַנצן פראָלעטאַריאַט פון שטאָט, און אַלע באַשלוסן ווערן אָנגענומען דורך אַן איינפאַכע מערהייט. אַזוי אַרום שאַפט זיך אויף די ערטער נישט קיין פעדעראַציע פון אָרגאַניזאַציעס, נאָר ביי די עקזיסטירנדיקע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און איבער זיי ווערט אויפגעבויט אַן איינהייטלעכער, צוזאַמענגעגאָסענער קאָמיטעט פון דער גאַנצער פאַרטיי, אין וועלכן ס'קאָנען אַריין בונדאָוועצעס און וואו זיי קאָנען אפילו שאַפן אַ מערהייט, נאָר וואו זיי פיגורירן שוין נישט, ווי בונדאָוועצעס, נאָר ווי מיטגלידער פון דער פאַרטיי.

מיט דער בערנער קאָנפערענץ איז אויסגעקומען, ווי מיט אַ פּעסטונג, וואָס האָט זיך באַוואָרנט פון אַלע זייטן, און פּלוצלינג האָט זי באַקומען אַ קלאַפּ פון אַזאַ זייט, פון וואַנען מען האָט זיך קיינמאָל נישט גערעכט. אויף דער קאָנפערענץ האָט מען גאָרנישט באַוואָרנט דעם טיפּ פון פאַרייניקונג אויף די ערטער. אַבראַמאָוויטש אין זיין רעפעראַט און איך אין מיין קאָרעפעראַט האָבן וועגן דעם יאָ גערעדט און איך אפילו אַ סך מער, ווי אַבראַמאָוויטש. מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט אויף די ערטער אַ פעדעראַציע פון אָרגאַניזאַציעס, אַ פעדעראַטיוון קאָמיטעט איבער די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. איך האָב ספּעציעל אָנגעוויזן אַ נויטיקן תּנאי, אַ גאַראַנטיע פאַר דעם בונדישן טייל פון דעם פעדעראַטיוון קאָמיטעט – דער צ. ק. פון דער פאַרטיי זאָל נישט האָבן קיין רעכט אָפּצורופן, בייטן זיין פערסאָנאַלן באַשטאַנד. מעדעם האָט אויף דעם געענטפערט: אַנמאַן וויל אונז פאַרזיכערן פון דער רוסלענדער פאַרטיי, צו וועלכער מיר האָבן נישט קיין צוטרוי, דורך דעם, וואָס ער גיט איבער די רעכט נישט דעם צ. ק. פון דער פאַרטיי, נאָר די פעדעראַטיווע קאָמיטעטן. אָבער דאָס איז נישט דער וועג. שפּעטער וועט מען אפשר קאָנען איבערגעבן די אויבערמאַכט די פעדעראַטיווע קאָמיטעטן, אָבער נישט איצט... דער האַלב-„הארטער" מעדעם האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי נישט צום צ. ק., נישט צו די אָרטיקע פעדעראַטיווע קאָמיטעטן. דער „האַרטער" אַנדריי גרינפעלד פון אָדעס האָט זיך פאָרגעשטעלט די באַציונגען אַזוי: דער צ. ק. פון דער פאַרטיי האָט נישט קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיט די פעדעראַטיווע קאָמיטעטן, ער גיט איבער זיינע באַשלוסן די נאַציאָנאַלע צ. ק.-ען, וועלכע זענען וועגן דעם מודיע זייערע אָרגאַניזאַציעס. אַ ריינער טיפּ פון פעדעראַציע. דאָס זענען געווען די וויכטיקסטע באַמערקונגען, וואָס

מען האָט אַרויסגעזאָגט אויף דער קאָנפערענץ בנוגע דעם בוי פֿון דער אָרטיקער פאַרייניקונג. אָבער נישט אַבראַמאָוויטש און נישט די קאָמיסיע האָבן נישט פֿאָרגעלייגט וועגן דעם קיין פונקט, נישט אַלס וואונטש, נישט אַלס אולטימאַטום.

און פּלוצלינג, ווי אַ דונער פון העלן הימל, דער 6-ער פונקט! אויב ס׳וואָלט אפילו אָנגענומען געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ דער פונקט וועגן „איינציקן פאָרשטייער" ווי אַז אולטימאַטום, און אויב שטאָקהאָלם וואָלט געווען נאָך מער נאָכגיביק און מען וואָלט דאָרטן דעם דאָזיקן פונקט אויך אָנערקענט. וואָלט דאָס אונז נישט געראַטעוועט פֿון דעם 6-טן פונקט. מען וואָלט זיך פֿאַנאַנדערגעגרענעצט, יידישע, רוסישע, פוילישע אַרבעטער וואָלטן זיך פאַנאַנדערגעטיילט, יעדער אין זיין נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, און דעם אָנפירנדיקן שטאָטישן קאָמיטעט וואָלט מען פֿאָרט געקליבן אויף אַ קאָלעקטיווער פאַרייניקטער פאַרזאַמלונג, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעטן. דער גייסט פון אַזאַ בוי אויף די ערטער וואָלט געווען אין אַ שרייענדיקער סתירה מיט דעם גייסט פון דער פֿאַרייניקונג אינגאַנצן, מיט דעם בוי פון דעם פאַרטיי-צ. ק. און פאַרטיי-צוזאַמענפאָרן, נאָר דיזעלביקע סתירה האָט זיך אויך באַקומען אָן דעם „איינציקן פאָרשטייער".

צו אַזאַ סתירותדיקן פונקט איז שטאָקהאלם געקומען גאָר צופעליק. אין דעם פראָיעקט פון דער קאָמיסיע פֿון צוזאַמענפאָר איז געשטאַנען, אַז דער שטאָטישער קאָמיטעט ווערט געקליבן אויפן פראָפּאָרציאָנעלן פּרינציפּ, ד. ה. דער פונקט האָט געהאַט אין זיך דעם עלעמענט פון פעדעראַציע, וועלכער האָט זיך געלאָזט מיט דער צייט אנטוויקלען ברייטער. אין פּלענום, אָבער, אין טומל און איילעניש, האָבן צוויי אולטראַ-„האַרטע" אַ ר מ ע נ י ש ע דעלעגאַטן פון קאַווקאַז, סאַרקאַרעלאָוו פון באַקו און סורענין פון עריוואַן, פֿאָרגעלייגט אַן „אויסבעסערונג" — אַרויסוואַרפן די ווערטער וועגן פראָפּאָרציאָנעלן פּרינציפּ. מען שטימט. פאַר — 45, קעגן — 39. מען שטימט נאָכאַמאָל: 46 — פאַר, 41 — קעגן. כמעט העלפט אויף העלפט. אַ העלפט פֿון צוזאַמענפאר האָט מסכים געווען אויפן פעדעראַטיוון פּרינציפּ אויף די ערטער. און דאָ טרעט אַרויס וואַרשאַווסקי (וואַרסקי), איינער פון דער פ ו י ל י ש ע ר דעלעגאַציע, וועלכע איז אָקאָרשט אַריין אין דער פאַרטיי, און לייגט פֿאָר: אנשטאט די ארויסגעווארפֿענע, אַריינשטעלן נייע ווערטער: „אויפן גרונט פֿון אַלגעמיינע וואלן, אָן אונטערשייד פֿון נאַציאנאליטעט פון די פאַרטיי-מיטגלידער. פאַר די פּ. ס. ד., אַ טעריטאָריאַלע ארגאַניזאַציע, וואָלט עס געמאַכט לייכטער אבצושוואַכן דעם „בונד" אין פוילן. מען שטימט אָפּ. 50 פאַר, 19 קעגן, 18 האַלטן זיך אפּ. אַבראַמאוויטש פּראטעסטירט אין שאַרפע ווערטער, וואס מען נעמט אן אין אַ טומל אזעלכע פונקטן, וועלכע זענען פאַרן „בונד" נישט אננעמבאַר און וועלכע געפינען זיך אין אַ סתירה צו די פריער אנגענומענע. דאָס רופט אַרויס אַ שטאַרקע אויפרעגונג אין זאַל. ווארסקי פאדערט א דיסקוסיע וועגן זיין אויסבעסערונג. אַבראַמאָוויטש באַקומט דאס ווארט. ער דערקלערט, פאַרוואס די אויסבעסערונג איז נישט אננעמבאַר; אבער די פארזאַמלונג איז פאַרמאַטערט, אויפגערעגט, קיין שטאַרקע אנפירנדיקע האַנט איז אויף דער זיצונג נישטא, אַלע פירער פון דער פאַרטיי, סיי די באלשעוויקעס, סיי די מענשעוויקעס, זענען פאר דער גאַנצער צייט, וואס די פראַגע האָט זיך באַהאַנדלט, קיין איין מאָל נישט אַרויסגעטראטן (ליבער האָט דאס אונטערגעשטראָכן אין זיין צווייטער רעדע) — און ס׳באַקומט זיך אַ מערקווירדיקער עפעקט. נאך אבראמאוויטשעס דערקלערונג שטימען שוין פאַר ווארסקיס אויסבעסערונג 65, קעגן 8

און 8 האַלטן זיך אָפּ! אַ העלפט פֿון די קעגנער און די, וואס האבן זיך פריער אפגעהאַלטן, זענען איבערגעלאָפן צו דער מערהייט.

אויף אַ מאמענט האט זיך אין שטאקהאלם באַוויזן דער שאטן פון די שטימונגען, וואס אויף דעם II-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאר, פֿון פאַרביסענער שנאה און אומצוטרוי צום „בונד“. אבער תּיכּף איז ער פֿאַרשוואונדן. אַלע ווייטערדיקע „אויסבעסערונגען“ מצד די פאַרקאַכטע צענטראַליזאַטארן האט מען שוין ווידער אָפּגעוואָרפן מיט דער פריערדיקער מערהייט. דער פראיעקט אינגאַנצן ווערט אנגענומען מיט 66 שטימען קעגן 32, ביי 8 אפגעהאַלטענע. כמעט דער גאַנצער צוזאַמענפאר האט אנטייל גענומען אין דער אפּשטימונג: 106 פון 111 דעלעגאַטן (אַ חוץ דריי פּוילישע).

דער שלימזלדיקער 6-ער פונקט האט געמאַכט אַ קאָלאסאַלן רושם אין „בונד“. אין „פאלקסצייטונג“ האט זיך געעפנט אַ דיסקוסיע וועגן דער פאַראייניקונגס-פראַגע; און אין משך פון עטלעכע חדשים האבן די האַרטע און די ווייכע טאג-טעגלעך וועגן דעם געפירט אַ הייליקן קאַמף. געזיגט האבן די ווייכע. און אַנדערש האט עס נישט געקאנט זיין, ווייל אפילו מיטן 6-טן פונקט זענען די פאַראייניקונגס-פונקטן פון שטאקהאלם בנוגע דעם „בונד“ געווען אַ גרויסער שריט פאָרויס. דאָס האָט נישט באַטייט, אַז אין דער פאַרטיי איז געוואָרן אַן איבערברוך אין קוק אויף דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע. ס'האָט זיך אָבער ראַדיקאַל געביטן די שטימונג; און די שטימונג האָט זיך געביטן, ווייל מען האָט געלעבט אין דער תקופה פון אַ רעוואָלוציע, ווען דער פיינט, די זעלבסטהערשונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער און געפערלעכער, ווי מען האָט גערעכנט. מעדעם האָט ריכטיק געשריבן אין „נאַשע סלאָוואָ“: „ס'האָט זיך נישט געביטן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער קוק אין תוך, נאָר די אָרגאַניזאַציאָנעלע טאַקטיק“. אין שטאָקהאָלם האָבן אויך געשפילט אַ באַדייטנדיקע ראָליע צופעליקע מאָמענטן. די באָלשעוויקעס, די האַרטסטע פון די האַרטע בונדפרעסער, זענען אין שטאָקהאָלם געווען אין דער מינדערהייט. דער „בונד“ האָט זיך געהאַלטן בנוגע דער דומע ביי דערזעלביקער באָיקאָטיסטישער טאַקטיק, ווי די באָלשעוויקעס, און אין דער בערנער פּאָליטישער רעזאָלוציע האָט זיך גערעדט וועגן דער קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער ראָליע פון דער דומע און וועגן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דאָס האָט געשטויסן לעניגען אָנצושפּאַרן זיך אויפן „בונד“, כדי מיט זיינע שטימען צו באַקומען אין דער צוקונפט די מערהייט אין דער פאַרטיי. אַזוי-אַרום האָט זיך באַשאַפן פון דעם מערסטן טייל פון די באָלשעוויקעס מיט אַ טייל מענשעוויקעס, וואס, אָן די דעלעגאַטן פון די פאַרטייאישע „קרעסן“, זענען בכלל געווען „ווייכער“ — אַ מערהייט, וואָס איז געווען גינסטיק פאַרן „בונד“. אָבער, ווען די פאַראייניקונג איז שפּעטער פאַקטיש דורכגעפירט געוואָרן, האָבן זיך די פאַרהעלטענישן געביטן. אויף דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָר שפּעטער, בעת דער צווייטער דומע, האָבן שוין געהאַט די מערהייט די באָלשעוויקעס, קיין באָיקאָטיסטישע ליניע בנוגע דער דומע האָט מען שוין נישט געפירט; אין „בונד“ האָט זיך שוין לענין נישט געגויטיקט; פאַרקערט, דער „בונד“ האָט שוין אים געשטערט, ווייל ער איז געוואָרן מער מענשעוויסטיש. פונדעסטוועגן האָט מען די פאַראייניקונג נישט אַראָפּגעריסן. זי איז געבליבן אין פולער קראַפט. אין רוסלאַנד איז דער ס. ד. „בונד“ איצט אויך אַן אויטאָנאָמער טייל פון דער רוסלענדער ס. ד. אַרב. פּ.

פּ. אנמאַן

צו דער געשיכטע פֿון דער י. ס. ד. פּ. אין גאַליציע

די דאָזיקע אַרבעט איז געבויט אויף צו ווייניק קוועלן. די באַדינגונגען און די צייט, ווען ס'איז אויסגעקומען די דאָזיקע אַרבעט צו פֿאַרענדיקן, האָבן נישט געלאָזן צוקומען צו די קוועלן, וואָס זענען צעוואָרפֿן איבערן לאַנד און איבער דער גאַנצער וועלט. גענוג צו דערמאָנען, אַז ס'זענען נישטאָ קיין שום אַרכיוון, וואו מ'זאָל קאָנען באַקומען די יאָרגאַנגען פֿון דער ערשטער סאָציאַליסטישער צייטונג אין גאַליציע „אַרבעטער־שטימע". אין דעם אָרט, וואו איך וואוין און אַרבעט, זענען אויך נישטאָ די אָרגאַנען פֿון דער „יידישער פֿאָלקסצייטונג" און דעם „אַרבעטער", וואָס זענען אַמאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿאַר די יידישע אַרבעטער אין גאַליציע, סיי פֿאַר 1897, ווי „דער אַרבעטער", סיי נאָכדעם, ווי די עסטרייכישע פּאַרטיי איז איבערגעבויט געוואָרן אין אַ פֿעדעראַטיווע אָרגאַניזאַציע, צוזאַמענגעשטעלט פֿון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער. איך האָב אויך נישט אונטער דער האַנט די פּראָטאָקאָלן וועגן דער טעטיקייט פֿון די חברות „יד חזקה" און „ברידערליכקייט", וואָס זענען אין זייער צייט אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַרכיוו פֿון פּ. פּ. ס. אין לאָנדאָן. מאַטעריאַלן געפֿינען זיך טיילווייז אין אויסלאַנד, טיילווייז אין לאַנד: אין לעמבערג און וואַרשע; טיילווייז אויך אין זשענעווע. מיר איז געבליבן נאָר אויסצונוצן דעם טייל מאַטעריאַלן, וואָס איז געווען אויפֿן אָרט און אויך די ידיעות, וואָס אינפֿאָרמירטע פּערזאָנען האָבן מיר ליבנסווירדיק געגעבן. פֿאַר דער צייט פֿון יאָר 1901, עווענטועל 1902, איז אויסגעקומען אין אַ באַדייטנדער מאָס אָנצושטרענגען דעם אייגענעם זכרון און געבן אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון באַוועגונג, צייט און מענטשן, אויפֿן סמך פֿון מיין אייגענעם אָנטייל אין דער פּאַרטיי־אַרבעט.

I

די געשיכטע פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער אין גאַליציע

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין גאַליציע הייבט זיך אָן אין די זיבעציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט. די עקאָנאָמישע שטרייקן, וואָס זענען אויסגעבראָכן דאָ און דאָרט, זענען געווען סיגנאַלן פֿאַר דער אויפֿוואַכונג פֿון די אַרבעטער־מאַסן. דאָס זענען אָבער געווען בלויז איינצלנע פֿאַלן. אַ צופֿעליקע ערשיינונג איז אויך געווען די סאָציאַליסטישע קרייזלעך־באַוועגונג צווישן די סטודענטן פֿון אוניווערזיטעט. ווי דאָ אַזוי דאָרטן זענען די איניציאַטאָרן געווען סטודענטן, טיילמאָל אויך אַרבעטער, דערהויפּט עמיגראַנטן, מענטשן, וואָס האָבן געבראַכט זייער וועלט־אָנשויונג פֿון מערב אָדער מזרח,

ווי מ'פּלעגט זיך דעמאָלט אויסדריקן „פון זשענעווע אָדער פון די ברעגעס „פון ניעוואַ". אַ מאַסן־כאַראַקטער האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין גאַליציע אָנגענומען ערשט אין די 90־ער יאָרן. אַ ווענד־פּונקט איז דאָ געווען דער ערשטער מאַי 1890 — אַן איבערברוכס־דאַטע פאַר אַ סך אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, ווען לויט די באַשלוסן פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין פּאַריז איז דער ערשטער מאַי צום ערשטן מאָל געפּייערט געוואָרן ווי אַ פּראָלעטאַרישער יום־טוב.

גאַליציע איז געווען אַן עסטרייכישע פּראָווינץ, איינס פון די קרוין־לענדער, וואָס עסטרייך האָט צוגענומען ביי פּוילן בעת דער ערשטער צעטיילונג (אין 1772). אַ לאַנגע צייט האָט רעגירט איבערן לאַנד די צענטראַליסטישע דייטשע ווינער ביוראָקראַטיע; אין 1867 האָט דאָס לאַנד באַקומען זעלבסטפאַרוואַלטונג. פאַר דער לאָיאַליטעט צו דער האַבסבורגער דינאַסטיע האָט די פּוילישע שליאַכטע, וואָס איז באַשטאַנען דער עיקר פון גרויסע גוטבאַזיצער, באַקומען די ממשלה איבערן לאַנד. שטיצנדיק זיך אויף דער פינסטערקייט פון די פּאַסיווע פּויערים־מאַסן, אויף דער קאָרופּציע פון דעם יידישן קליינבירגערטום און אויף דער אומבאַהאָלפנקייט פון די שטעט, האָט די שליאַכטע געהאַלטן די ממשלה אַזש ביזן ערשטן יאָר־צענדליק פון 20־טן יאָרהונדערט, ווען דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט צום ווינער פּאַרלאַמענט האָט געבראָכן דעם פעאָדאַלן, שלאַכטישן איבערגעוויכט און געשאַפן אַ באָדן פאַר אַ נייער גרופּירונג פון די כּוחות אין דער גאַנצער מלוכה און אויך אין דער איינצלנער פּראָווינץ. לויט דער פאָלקסציילונג פון 1900 האָט גאַליציע געציילט 7,136,000 איינוואוינער (אין 1890 מיט 10,72 פּראָצ. ווייניקער), דערביי האָט מערב־גאַליציע פאַרמאָגט 2,502,000 איינוואוינער, און מזרח־גאַליציע 4,814,000. די דאָרפישע באַפעלקערונג האָט באַטראָפן 79,5 פּראָצ. און אָט דער אַגראַר־כאַראַקטער פון לאַנד האָט ווי אַ שווערע משא געדריקט אויף איר גאַנצער אַנטוויקלונג. אַ חוץ דעם, האָבן צווישן די שטעט געהאַט אַ איבערגעוויכט די קליינע שטעטלעך. ס'וועט גענוג זיין אָנצווייזן, אַז שטעט מיט אַ באַפעלקערונג איבער 20,000 איז געווען 6,4 פּראָצענט, פון 10 ביז 20 — 3,1 פּראָצענט, פון 5 ביז 10 טויזנט — 5 פּראָצענט; פון 2 ביז 5 טויזנט — 20,10 פּראָצ. און געמיינדעס מיט אַ באַפעלקערונג פון 500 ביז 2000 איינוואוינער איז געווען 61 פּראָצ. ביי דער פאָלקסציילונג פון 1900 האָבן אָנערקענט פאַר זייער מוטער־שפּראַך: פּויליש—3,989,000 איינוואוינער; אוקראַיניש (רוטעניש)—3,074,000; דייטש—212,000. מ'דאַרף באַמערקן, אַז די עסטרייכישע סטאַטיסטיק האָט נישט אָנערקענט יידן פאַר אַ נאַציע און האָט זיי גאָר פשוט פאַרשריבן פאַר פּאָליאַקן, וואָס איז צווישן אַנדערן געווען אויסגערעכנט ווי אַ פּאָליטישער מאַנעוור פאַרן ווינער פּאַרלאַמענט און אויך פאַרן גאַליציאַנער סיים. צוליב דעם מוז מען די דאָזיקע „שפּראַך־נאַציאָנאַליטעטן"־סטאַטיסטיק קאָרעגירן מיט אַ רעליגיע־סטאַטיסטיק. לויט דער דאָזיקער סטאַטיסטיק האָבן אין גאַליציע געוואוינט: אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַררעגיסטרירט צום רוימיש־קאַטוילישן גלויבן 3,352,000, גריכיש־קאַטוילישן (פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן) 3,104,000; צום יידישן גלויבן—811,000 ס'הייסט 11 פּראָצ. (אין 1890 איז געווען 770,000, ס'הייסט 11,7 פּראָצ.). צוליב אָריענטאַציע דאַרף מען צוגעבן, אַז דעם רוימיש־קאַטוילישן גלויבן האָט מען געוויינלעך אין גאַליציע אידענטיפיצירט מיט דער פּוילישער נאַציע און דעם גריכיש־קאַטוילישן מיט דער אָנגעהעריקייט צו דער אוקראַינישער (לויט דער פריערדיקער עסטרייכישער טערמינאָלאָגיע צו דער רוטענישער) נאַציע.

די ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור פון לאַנד איז געווען אַ פּרימיטיווע. אין אָנהויב פון די 90־ער יאָרן איז גאַליציע געווען אַ לאַנד, וואו נעבן דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס

איז אָפּט באַשטאַנען נאָר פֿון גרויסע מאַיאָנטקעס און לאַטיפונדיעס און פּיצינקע פּויערישע ליליפּוטלעך באַלעבאַטישקייטן, האָט עקזיסטירט אַ מינימאַל-אַנטוויקלטע אינדוסטריע. פֿאַבריק-קוימענס זענען געווען שיטער צעזייט איבערן לאַנד, דער שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט איז דאָס רוב באַשטאַנען פֿון אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפֿטיקט אין דער באַקליידונג-שפּייז- און בוי-אינדוסטרי. אָט דער כאַראַקטער פֿון דער פּראָדוקציע האָט אויך אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דער אַרבעטער-באַוועגונג אין גאַליציע. אַפילו לגבי דעם איבעריקן עסטרייך איז גאַליציע געווען אַן עקאָנאָמיש-אָפּגעשטאַנענע געגנט. בעת אין די איבעריקע טיילן פֿון דער מלוכה איז העכער אַ פערטל פֿון דער באַפעלקערונג געווען באַשעפֿטיקט אין דער אינדוסטרי, האָט די אינדוסטרי אין גאַליציע באַשעפֿטיקט קוים 1|10 פֿון דער באַפעלקערונג. גאַליציע איז אויך געווען אַ מין קאָלאָניע פֿאַר דער עסטרייכישער גרויס-אינדוסטרי, איר אָפּזאַץ-מאַרק, און ווי דער מזרח-ווינקל פֿון דער מלוכה האָט זי אַדאַנק איר הינטערשטעליקייט געפֿילט בלויז די שעדלעכע רעזולטאַטן פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם און עסטרייך. וועגן די ווירטשאַפטלעכע באַציונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג גיט אַ באַגריף די טאַבעלע וועגן דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פֿון דער באַפעלקערונג.

דער סאָציאַלער באַשטאַנד פֿון די נאַציעס (רעליגיעס)

(פּראָצענטמעסיק לויט בוזעק*)

די סאָציאַלע לאַגע	די באַפעלקערונג: אין אַלגעמיין	פּוילישע	אוקראַאינער	יידישע
אין לאַנדווירטשאַפט				
זעלבשטענדיקע	28.6	27.6	29.4	31.1
אָנגעשטעלטע	0.2	0.4	—	3.1
אַרבעטער	6.1	8.5	4.0	7.2
שוואַרצע אַרבעטער	9.2	11.0	7.5	14.5
געהילפֿס-אַרבעטער	55.9	52.5	59.1	44.1
אין אינדוסטרי				
זעלבשטענדיקע	38.0	37.7	41.7	51.6
אָנגעשטעלטע	2.1	2.0	0.7	2.5
אַרבעטער	48.2	49.5	42.7	30.2
שוואַרצע אַרבעטער	4.8	4.0	7.0	1.4
געהילפֿס-אַרבעטער	6.9	6.8	7.9	14.3
אין האַנדל				
זעלבשטענדיקע	52.1	51.1	37.1	67.5
אָנגעשטעלטע	9.0	9.6	7.6	3,2
אַרבעטער	25.0	25.5	40.2	11,4
שוואַרצע אַרבעטער	1.6	1.4	3.6	1.3
געהילפֿס-אַרבעטער	12.3	12.4	11.5	16.6

בוזעק: „גאַליציע“. לעמבערג.

די סאָציאַלע לאַגע	די באַפעלקערונג			
	אין אַלגעמיין	פּוילישע	אוקראַינער	יידישע
אין דער פּראָדוקטיווער באַפעלקערונג				
זעלבשטענדיקע	29.1	29.0	29.1	47.9
אָנגעשטעלטע	1.7	2.4	0.4	4.7
אַרבעטער	11.1	14.6	5.8	16.9
שוואַרצע אַרבעטער	9.4	11.0	7.7	11.7
געהילפס=אַרבעטער	48.7	43.0	57.0	18.8

לויט אַן אַנדער טאַבעלע פון בוזעקן איז אויף 100 מענטשן אין גאַליציע אויסגעפאַלן אויף לאַנדווירטשאַפט 81.5 פּראָצ.; דערפון אויף 100 פּאָליאַקן—73,7; אוקראַינער—94.4; יידן—17.7. אויף אינדוסטרי 5,7 פּראָצ. דערפון אויף 100 פּאָליאַקן 8.6. אוקראַינער—1.4; יידן—26.4. אויף האַנדל—3 פּראָצ. דערפון אויף 100 פּאָליאַקן—4.6; אוקראַינער—0,4; יידן—29.4. ענלעכע ציפערן ברענגט אויך טענענבוים, וועלכער שטיצט זיך אין אַ געוויסער מאָס אויף וויינפעלדס טאַבעלן*). די דאָזיקע ציפער ווייזן צווישן אַנדערע אויף דעם, אַז די פּראָלעטאַריזאַציע אין מערב-אייראָפּעישן זין איז צווישן יידן געווען אַ קליינע, איבערגעוואויגן האָט דער טיפּ קליינע באַלעבאַטימלעך, פון קליינהענדלער און בעלי=מלאכות, וואָס זענען נישט איינמאָל געווען אין אַ גרעסערער צאָל ווי די אַרבעטער, וואָס זיי האָבן באַשעפטיקט.

מיט דער צייט האָבן זיך די דאָזיקע באַציונגען געענדערט, וואָרים אין דעם באַדייטנדסטן פאַך, וואָס האָט באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער, אין שניידעריי, האָט זיך אַנטוויקלט די אַרבעט פאַרן מאַרק צוזאַמען מיט וואַרשטאַטן, וואָס האָבן שוין באַשעפטיקט צו עטלעכע צענדליק אַרבעטער. די מעגלעכקייטן צו ווערן זעלבשטענדיק האָבן זיך אַלץ מער פאַרקלענערט אויך אין אַנדערע צווייגן פון דער מלאכה. און די אַרבעטער=קאַדרן האָבן אויף אַזאַ אופן געוואונען אַן עלעמענט, וואָס האָט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ מער סאָלידן און דויערהאַפטן יסוד פאַר דער אַרבעטער=באַוועגונג. אין דער ריינער פאַבריק=אינדוסטרי איז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אינגאַנצן נישט געווען רעפּרעזענטירט. אין דער בוי=אינדוסטרי האָבן די יידישע אַרבעטער געאַרבעט נאָר אַלס בלעכער, לאַקירניקעס און מאָלער. להיפוך צו דער טעריטאָריע פונם פריערדיקן פּוילישן קעניגרייך און רוסלאַנד, האָבן יידן אין גאַליציע קיינמאָל נישט געהערט צו דעם פאַך מוליאַרעס אָדער קוימענקערער. זיי האָבן זיך אויך נישט פאַרנומען מיט עפּעטלעכע אַרבעטן פון דעם מין, ווי קערן די גאַסן א. א. וו.

אָט די פיזיאָנאָמיע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג האָט גורם געווען, אַז זי איז פריער געווען נאָר אַן עקאָנאָמישע באַוועגונג און ערשט שפּעטער, ווען זי איז אויסגעוואַקסן אין צאָל און האָט באַקומען אַ דויערהאַפטיקן כאַראַקטער, איז זי געוואָרן אַ קראַפט, וועלכע איז מיט דער צייט אַרויסגעטראָטן אויף דער אַרענע פון פּאָליטישע פאָדערונגען און קאַמף.

אַ שווערע פינסטערניש האָט באַדעקט דאָס לאַנד. ס'האָט געפעלט אַ קולטור-באַוועגונג,

*) טענענבוים: „די ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען פונם יידישן פאָלק". לעמבערג.

ס'איז נישט געווען קיין שום טרייב=קראַפט. ס'האָט געפעלט אַ וואָסערע נישט איז געשלאָסענע, געזונטע אָפּאָזיציע, אַפילו פון אַ בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, קעגן דער הערשנדער רעאַקציע פון דער „שליאַכטע". אין אַזאַ אַטמאָספער האָט זיך אָנגעהויבן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. זי האָט זיך אָנגעהויבן אין די שטעט, און די ערשטע טוער האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון לאַנד, זיי האָבן פאַרשטאַנען די ראָלע פון דער פויערישער באַפעלקערונג, און זיי האָבן געהאָפט, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג וועט זיין די טרייב=קראַפט, וואָס וועט באַוועגן די פויערים, וועלכע האָבן וויניק אָדער גאָרנישט קיין ערד. ווי אומעטום, האָבן ביי אונז אויך אַ גרויסע ראָלע געשפילט די ערשטע פּאָליטישע פּראָצעסן, ווי דער פּראָצעס פון וואָראָנסקין און זיינע חברים, און די ווייטערדיקע פּראָצעסן, אין וועלכע ס'זענען אַרויסגעטרעטן אַלס באַשולדיקטע דאַשינסקי, ווילהעלם פעלדמאַן און אַנדערע. ווי שוין דערמאָנט, איז דער איבערברוך געווען דער ערשטער מאַי 1890, ווען מ'האָט דאָס ערשטע מאָל געפייערט דעם יום=טוב פונם פּראָלעטאַריאַט. אין דערזעלביקער צייט האָט דער סאָציאַליזם אָנגעהויבן זיך פאַרשפּרייטן צווישן די יידישע מאַסן. דאָס אַלגעמיינע בילד איז דאָ געווען אפשר נאָך שוואַרצער. דער קלאַסן=אונטערשיד איז געווען אַ מינימאַלער, דער קלאַסן=באַוואוסטזיין אין סאַמע אָנהויב. ס'האָט געהערשט אַ שטאָק=פינסטערע נאַכט. דער פרייער לוין=אַרבעטער, דער פאַרשטייער פון פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, נישט נאָר וואָס ער שאַפט נישט קיין אָרגאַניזירטע קראַפט, ער ווערט נאָך באַטראַכט פאַר אַ פיגור פון אַ נידעריקערער מדרגה; מיט ביטול באַציט זיך צו אים דער קאַפּיטאַליסט, מיט אַ ביטול באַציט זיך צו אים דער „לערנער", וואָס איז פאַרטיפט אין אַ שטיקל גמרא. צו דעם געטאָ האָבן דערגרייכט די שטראַלן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — און מערקווירדיק — אין דער צייט, ווען אין לאַנד האָט עקזיסטירט אַן איינהייטלעכע טעריטאָריאַלע ס. ד. — האָבן זיי גלייך אין אָנהויב פון דער באַוועגונג אַרויסגערופן צום לעבן די אַזוי גערופענע „יידישע אַרבעטער=פּאַרטיי". מיר האָבן זייער וויניק ידיעות וועגן איר. זי האָט זיך אַפּנים קאָנצענטרירט אין לעמבערגער קאַנט. איר אָרגאַן איז געווען די „אַרבעטער=שטימע". זי איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1892 און איז גיך אונטערגעגאַנגען. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דער אָרגאַן פון אָט דער פּאַרטיי, די „אַרבעטער-שטימע", איז געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז פאַר דער אַנטוויקלונג פונם פּראָלעטאַריאַט פון דער יידישער, פּוילישער און אוקראַאינישער נאַציע, זענען די ראַמען פון איין פּאַרטיי צו שמאָל; ער מיינט, אַז צוליב דער שפּראַכלעך=קולטורעלער באַזונדערקייט, איז פאַר דער מער אינטענסיווער פאַרשפּרייטונג פון דער סאָציאַליסטישער אידעע נויטיק צו שאַפן דריי פּאַרטייען פונם פּראָלעטאַריאַט פון די נאַציעס, וואָס באַוואוינען דאָס לאַנד, און די דאָזיקע דריי פּאַרטייען זאָלן האָבן איין געמיינזאַמען עקזעקוטיוו פאַר די אַלגעמיינע פראַגן פון לאַנד, אַ קאָמיטעט צונויפגעשטעלט פון פאַרשטייער פון אַלע דריי פּאַרטייען.

די דאָזיקע פּאַרטיי איז גיך צעפאַלן געוואָרן. לויט אַ מיינונג, וואָס הערשט אין גאַליציע, איז עס אין אַ געוויסער מאָס געשען אַדאַנק דעם טיילווייז אומגליקלעכן פּערזענלעכן צוזאַמענשטעל פון דער פּאַרטיי. שפּעטער זענען אַנטשטאַנען פאַרשיידענע צענטרן פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין לעמבערג, קראָקע, סטאַניסלוי און דערנאָך אין סטרי און פּשעמישל.

די ערשטע מאַסן=באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער איז געווען דער שטרייק פון די „טליתניקעס" אין קאָלאָמייע אין 1892. ווי אַמאָל דער הונגער=בונט פון די וועבער אין שלעזיען, אַזוי איז דאָ אויך דער אויסברוך פונם שטרייק געווען אַ מאָמענט פון

איבערברוך, דער ערשטער מעלטיקער סיגנאַל, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַריינגעריסן אין דער יידישער געזעלשאַפט, און דער קלאסן-קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. אין דעם דאָזיקן שטרייק האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע מאַקסימיליאַן צעטערבויד*), דעמאָלט אַ סטודענט, וועלכער האָט שפּעטער אין די רייען פון דער פּ. פּ. ס. אַ לענגערע צייט געגאָלטן פאַר אַ באַוואוסטן קענער פון דער יידן-פראַגע און ער האָט צוליב דעם געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויף דער באַציונג פון דער פּ. ס. ד. פּ. צו דער פראַגע וועגן דער אָפּגעזונדערטקייט פון דער י. ס. ד. פּ. אַ באַגריף וועגן שטרייק פון די „טליתניקעס" גיט די קאָרעספּאָנדענץ פונם „נאַפּשוד" אין אויגוסט 1892. צום קאַמף האָבן זיך געשטעלט 400 טליתים-וועבער. די נויט איז געווען אַ שרעקלעכע. דער „נאַפּשוד" שרייבט: „אַן אומפאַרמיידלעכער קלאַסן-קאַמף איז אויסגעבראָכן צווישן יידן. ווער וואָלט געגלויבט, אַז די אביונים, וואָס זענען דעגענערירטע פון שקראָפולן און שווינדזוכט, וועלן אויפשטיין אין אַ שטרייק. די פרומע אָרטאָדאָקסן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין שטרייק קעגן זייערע נישט-וויניקער פרומע עקספּלואַטאַטאָרן, ווייל די נויט פון די שלעזישע וועבער איז אַ שפּילכל אין פאַרגלייך מיט דער נויט פון דאַנען. ביי אַ 15-שעהדיקן אַרבעטסטאָג פאַרדינען זיי 1—3 גולדן אַ וואָך".

דעם 24 יולי האָבן זיך 200 פון די שטרייקער פאַרזאַמלט ביים רב. דער חבר צעטערבויד האָט אין א שעהדיקער רעדע געשילדערט די טרויעריקע לאַגע פון די פאַרזאַמלטע... די ציטערדיקע און אויסגעדאַרטע זקנים האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, זיי האָבן צוגעגעבן, אַז זיי וועלן שלאָגן די יעניקע, וואָס וועלן נישט שטרייקן, ווען זיי זאָלן אַפילו וויסן צו באַקומען דערפאַר לאַנגע יאָרן טורמע. כדי זיך צו פאַרזיכערן, אַז די אַרבעטער פון די קלענערע פאַבריקן זאָלן נישט גיין צו דער אַרבעט אַזוי לאַנג, ווי מ'וועט נישט ערפילן אַלע פאָדערונגען, האָט די פאַרזאַמלונג פאַרלאַנגט אַ שבועה ביי אַ ספר-תורה. דערנאָך האָט מען אויסגעוועלט אַ קאָמיטעט, אויף דורכפירן דעם באַשלוס פון די פאַרזאַמלטע.

דעם 1 אויגוסט 1892 לייענען מיר: „דער גינסטיקער פאַרלויף פון דעם שטרייק איז צו פאַרדאַנקען איבערהויפּט דעם אָרטיקן ראַבינאַט, וועלכער האָט אָפּגענומען ביי אַלע אַר טער אַ שבועה, אַז אונטער דער דראָונג פון א חרם טאָרן זיי נישט גיין צו דער אַרבעט, ביז זייערע פאָדערונגען וועלן נישט באַפרידיקט ווערן".

דעם 1. דעצעמבער 1892 איז דער „נאַפּשוד" מודיע: „דער שטרייק איז געפאַלן. 10 הכידים, מייסטנס פאָטערס פון פאַמיליעס, וואָס האָבן 6—5 קינדער, האָבן געבראָכן די שבועה, וואָס זיי האָבן געגעבן ביי דער תורה, מיט דעם אויסרייד, אַז ביי צוויי גילדן און 50 צענט (קרייצער) זענען זיי פאַרמשפּט אויף הונגער-טויט, און אַז זיי האָבן געמוזט זיך פאַרשולדיקן בשעת די ימים-טובים און, אַז אראנק דעם איינריידן, וואָס העלפער האָט זיי איינגערעדט, זענען זיי געגאַנגען צו דער אַרבעט.

אומזיסט זענען געווען די בקשות, דער קאמף און די דראָונגען פון אנדערע אַרבעטער. פּאָליציאַנטן האָבן געהיט די פאַבריק בייטאָג. ביינאַכט זענען זיי דאָרטן געשלאָפן. די אויפפאָדערונג פונעם רב צו די פרומאַקעס האָט נישט געמאַכט קיין איינדרוק. דריי חדשים פון קאַמף און הונגער האָבן אויסגעשעפּט די כחות פון די אַרבעטער.

*) מ. צעדערבוים האָט אין 1900 פאַרעפנטלעכט אין דער „נייער צייט", לייפּציג, צוויי אַרטיקלען: „די פּראָבלעמע דער יידישן אַרבעטער-באַוועגונג".

העלער האט אין דער גאנצער געשיכטע געוויזן, אז ער טרעט מיט די פיס די דינים פון דער יידישער אמונה, אויב ס׳גייט אים אין אינטערעסן פונם קאפיטאל״.

די ידיעות וועגן דעם קאַמף זענען ברייט צעטראָגן געוואָרן איבער גאַליציע און האבן ארויסגערופן אן אפקלאנג צווישן די יידישע ארבעטער. ווי פריער דערמאָנט, אנטשטייען אין א פאר אנדערע שטעט ארגאניזאציעס פון יידישע ארבעטער. אינטערעסאנט, אז אין א פאר שטעט שיילן זיך די דאזיקע ארגאניזאציעס אויס פון די שוין עקזיסטירנדע אלגעמיינע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאציעס. אזוי באשליסט די געזעלשאפט „פראצא“ אין אויגוסט 1892 צו צעטיילן זיך און שאַפן פאַר די „קריסטלעכע“ אַרבעטער אַ פאַריין „שילאַ“, פאַר די יידישע „יד חזקה“. דער באַשלוס ווערט מאָטיווירט מיט דעם, וואָס די צעטיילונג איז נויטיק פאַר די ספעציעלע אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע רעדן יידיש, נישט פויליש, און דעריבער זענען זיי נישט אימשטאַנד צו געניסן פון די פוילישע רעדעס און רעפעראַטן. אויך אין קראָקע איז אין 1892, אין פאַריין „שילאַ“, פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע אַרבעטער, מיטן ציל צו גרינדן אַן „אונטערשטיצונגס״-פאַריין פון יידישע אַרבעטער. דער איניציאַטאָר איז געווען רובינשטיין (דער אויטאָר פון דער אַרבעט: „דאַס אייגענטום אין געגענוואַרט, פערגאַנגענהייט אונד צוקונפט״), וועלכער האָט מיט צוויי יאָר שפעטער פאַרלאָזן פוילן אויף תמיד. מ׳האָט געגרינדעט די געזעלשאַפט „יד חזקה“, וועלכע מ׳האָט אין 1894 איבערגעביטן אויף „ברידערליכקייט“. צו די ערשטע טוער האָט אין יענער צייט געהערט דער ח׳ י. וויינבערג, דער איצטיקער פאָרזיצער פון „אַרבעטער-רינג“ אין אַמעריקע. אין 1893, אין נאָוועמבער, איז אַרויס די צייטשריפט „דער אַרבעטער“, וועגן וואָס מיר לעזן אין באַריכט פון דער מזרח-גאַליצישער קאָנפערענץ אין לעמבערג, ווייל די דעמאָלט איינהייטלעכע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטיי אין גאַליציע איז געווען צעטיילט אויף צוויי אַגיטאַציאָנס-קרייזן, מזרח- און מערב-גאַליציע. נאָכן יאָר 1894 לייענען מיר וועגן דער אַנטשטייונג פון בילדונגס-פאַריינען פון יידישע אַרבעטער: אין פשעמישל „ברידערליכקייט“, אין קראָקע „וואַרהייט“.

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז דאָס בילדן זיך פון באַזונדערע פאַריינען, וועגן וועלכע דער „נאַפּעוד“ שרייבט שעמעוודיק, אַז זיי אַנטשטייען צוליב באַקוועמלעכקייט פון די מיטגלידער, איז נישט געווען קיין פועל-יוצא פון עפעס אַ צילבאַוואוסטער פראָגראַמאַטישער פראָפאַגאַנדע פון אָפזונדערונג. די דאָזיקע אָפזונדערונג איז געגאַנגען פון אונטן, אַליין פון זיך. — די אַרבעט אין די דאָזיקע געזעלשאַפטן איז פונדעסטוועגן געגאַנגען שוואַך. אויף צוזאַמענפאָרן לייענען מיר געוויינלעך קלאָגערייען, אַז אַ סך עקזעמפלאַרן פון דער צייטשריפט „דער ארבעטער“ און דערנאָך „יידישעס פאָלקסבלאַט“ בלייבן נישט פאַרשפרייט. אין 1894 אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון דער ס. ד. אין גאַליציע, לייענען מיר אין באַריכט, אַז „די באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער איז די שוואַכסטע, ס׳פעלן געהעריקע אַגיטאַטאָרן, און אַ חוץ דעם, איז די נויט צווישן די דאָזיקע אַרבעטער גרעסער, און דעריבער איז די אָרגאַניזירונג פאַרשווערט“. דאָ און דאָרט באַווייזט זיך אַ ידיעה וועגן שטרייקן, ווי צום ביישפיל, אין 1894 ביי די בעקער-אַרבעטער, אין אַנדערע יאָרן אַ באַנייטער שטרייק פון די „טליתניקעס“ און אַנדערע קלענערע לוין-באַוועגונגען. אין דערזעלבער צייט הויבן זיך אויך אָן אָרגאַניזאַציע-פראָבעס פון האַנדלס-אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן געהאַט אַן אַסימילאַטאָרישע ריכטונג, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט שוין אין דעם לאַנגן נאָמען פון אָט דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין לעמבערג סוף 1893. די אָרגאַניזאַציע האָט געטראָגן דעם

נאָמען: „Towarzystwo izraelickich pomocników handlowych dla Galicji i Bukowiny z siedzibą we Lwowie“.

עפֿנטלעכֿע אַרויסטרעטונגען פֿון יידישע אַרבעטער קומען פֿאָר זעלטן. אין 1893
איז פֿאָרגעקומען אַן עפֿנטלעכֿע פֿאַרזאַמלונג אין קראָקע, אין זאַל פֿון דעם שטאָט-ראַט,
אויף וועלכער עס האָבן רעפֿערירט רובינשטיין און דאַסינסקי, אין 1895 אַ צווייטע פֿאַר-
זאַמלונג אין קראָקע אין לאָקאַל פֿון עבער, וועגן קאַמף פֿאַר דער וואַל=רעפֿאָרם, אויף
וועלכער עס האָבן גערעדט רעגער אויף פּויליש און שווייצער אויף דייטש. אין די
שפּעטערדיקע יאָרן אַ פֿאַרזאַמלונג אויף דער טעמע „סאָציאַליזם און ציוניזם“, אויף וועל=
כער מ'האָט אויך נישט גערעדט קיין יידיש. אין אַנדערע שטעט, ווי לעמבערג און
פּשעמישל, פֿאַרבלאָנדזשעט ווען נישט ווען אַן עפֿנטלעכֿע פֿאַרזאַמלונג אין צוזאַמענהאַנג
מיטן קאַמף פֿאַר דער וואַל=רעפֿאָרם. אין פּשעמישל רעפֿערירט אויף די דאָזיקע פֿאַר=
זאַמלונגען פֿון די יידישע אַרבעטער מייסטנס וויטאָלד רעגער אויף פּויליש. אויף די
קאָנגרעסן פֿון דער גאַליציאַנער ס. ד. פֿאַרנעמט די יידן=פֿראַגע זייער אַ באַשיידענעם
אָרט. אויף וויפֿל עס האַנדלט זיך אין דער פֿראַגע פֿון אַגיטאַציע, באַווייזט זיך נאָר
אַ פֿאָרשלאַג אַרויסצוגעבן אויף יידיש די פּאַרטיי=פּראָגראַם, צוגרייטן אַגיטאַטאָרן, שאַפֿן
אַ פּרעסע און בראָשורן אויף יידיש. די פֿאָרשלאגן ענדיקן זיך תּמיד מיט באַשלוסן,
וועלכע בלייבן אָבער אויפֿן פּאַפּיר. די אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, נישט
אַלס הייפֿלעך, נאָר אַלס מאַסע, ווערט פֿאַרנאַכֿלעסיקט. שטענדיק חזרט זיך איבער די
טענה, אַז ס'איז נישטאָ קיין געהעריקע אַגיטאַטאָרן. און דאָס קומט פֿאָר אין דער צייט,
ווען דער גרעסטער טייל אַגיטאַטאָרן פֿון דער גאַליציאַנער ס. ד., פֿון אירע טעאָרעטי=
קער און רעדאַקטאָרן, זענען יידן. זיי שטאַמען אָבער פֿון דער אינטעליגענץ, וועלכ:
איז געקומען אין דער פּאַרטיי מיט אַן אַסימילאַטאָרישער וועלט=אָנשויונג. דאָס רוב פֿון
זיי זענען, פֿאַרן אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי, געווען מיטגלידער אָדער סימפּאַטיקער
פֿון דעם לאַגער „אגודת אחים“, וואָס זיין אָרגאַן איז געווען „Ojczyzna“.

אָבער די „Ojczyzna“ איז אין יאָר 1892 אַנטשוויגן געוואָרן און אין לעצטן
וואָרט האָט זי געשריבן: „מיר אַסימילאַטאָרן טרעטן אָפּ מידע און אויסגעמאַטערטע.
מיר האָבן געמיינט און מיינען נאָך איצט, אַז מאַכן די יידן פֿאַר בירגער קאָן מען
נאָר ביי דער מיטווירקונג פֿון דער איינגעבאָרענער פּוילישער געזעלשאַפֿט. עס האָט
זיך אונז געדאַכט, אַז די פּוילישע געזעלשאַפֿט וועט אונז דערלאַנגען די האַנט צו אָט
דער געמיינזאַמער אַרבעט און צום געמיינזאַמען נוצן. מיר האָבן זיך אָפּגענאַרט“. די
אַסימילאַטאָרן פֿון דער „אָיטשיזנאַ“ האָבן קאַפּיטולירט. די אַסימילאַטאָרן, וועלכע זענען
אַריינגעטראָטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָבן אַריינגעבראַכֿט אַהין די דאָזיקע
באַנקראָטירטע אידעען און האָבן זיך באַמיט צו מאַכן זיי פֿאַר אַ טייל פֿון דער סאָציאַ-
ליסטישער אידעאָלאָגיע בנוגע דער יידן=פֿראַגע.

עס האָט זיך געהאַנדלט נישט אום אַקעגנשטעלן זיך דעם אָביעקטיוון היסטאָרישן
פּראָצעס, נאָר אום דעם, וואָס די אַסימילאַטאָרן אין די רייען פֿון דער פּאַרטיי האָבן
איינגעריסן מיט דער יידישער מאַסע, זיי האָבן אָנגענומען דעם אַפּריאָריסטיש=פּאָלאָני=
זאַטאָרישן שטאַנדפּונקט, נישט באַמיענדיק זיך צו דערשפּירן די אַנטוויקלונגס=טענדענץ
פֿון די יידישע מאַסן. זיי האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט יעטוועדער לעבנס=פֿאָדערונג פֿון
דער באַוועגונג, ביז זיי זענען אין די יאָרן 1899, 1903 און 1905 אַרויס אין אַ גענע=
ראַל=שלאַכֿט קעגן דאָס רעכט פֿונם יידישן אַרבעטער צו האָבן זיין אייגענע זעלב=
שטענדיקע פּאַרטיי, צוגלייך מיט דעם פּראָלעטאַריאַט פֿון אַן אַנדער נאַציע.

ווי שוין דערמאָנט, האָט זיך די אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער אין די ניינציקער יאָרן דאָ און דאָרטן אַרויסגעוויזן אין לוין־באַוועגונגען, זעלטענער אין פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען. אין די דאָזיקע יאָרן האָט זיך דער קאַמף פון דער גאַליציאַנער ס. ד. געפירט הויפּטזעכלעך אונטער צוויי לאָזונגען: קאַמף מיט דער „שלאַכטע" און קאַמף מיט דעם קלעריקאַליזם. דער דאָזיקער קאַמף האָט אָנגערירט דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, ער האָט אָבער נישט געקאָנט אים פּאַרכאַפּן און מיטרייסן. מ׳האָט נישט געקאָנט דערלאַנגען צו דער נשמה פונם יידישן אַרבעטער, נישט געקאָנט דערהיצן אים צום קאַמף קעגן זיין אייגענער בורזשואַזיע, קעגן זיין אייגענעם קלעריקאַליזם. און ווען מ׳האָט זיך אַפילו צו אים אָנגערופן אויף יידיש, ווי אין דער בראָשור „עס טאָגט"*), איז דאָס געווען נישט מער, ווי אַן איבערזעצונג פון בראָשורן, וועלכע זענען באַשטימט געווען פאַר פּוילישע אַרבעטער, ס׳האָט נישט געהאַט דעם היימישן געדאַנק, מ׳האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אָנרירן די סטרונע, וועלכע ס׳האָט געקאָנט וועקן די בונדישע ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו דער פּסיכאָלאָגיע פונם יידישן אַרבעטער. פּרוכטלאָז איז אויך געווען זייער קאַמף מיטן ציוניזם. זיי האָבן נישט געקאָנט זיך אַראָפּלאָזן אויפן באָדן פונם יידישן אַרבעטער־קלאַס, נאָר זיי האָבן באַקעמפט דעם ציוניזם, אַזוי צו זאָגן, פון דרויסן, ווי גראָסמאַן באַמערקט מיט רעכט אין דער שוין איינמאָל ציטירטער בראָשור**). שרייבט ער: „זיי האָבן פאַרוואַנדלט דעם קאַמף מיטן ציוניזם אין אַ קאַמף פונם פּוילישן נאַציאָנאַליזם מיט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם".

באַציענדיק זיך, צום סוף פון די ניינציקער און אין די 90־ער יאָרן, נעגאַטיוו צו דער עקזיסטענץ פון דער יידישער נאַציע, צו דעם רעכט פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט אויף אַן אייגענער פּאַרטיי, האָבן זיי געגעבן דער ציוניסטישער באַוועגונג אַ קאַמף־מאַטעריאַל. זיי האָבן איר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַווייזן, אַז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס קאָן זיך כלומרשט נישט פאַרלאָזן אויף דער היסטאָרישער גערעכטיקייט אין די סאָציאַליסטישע רייען. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ טעות. מ׳קאָן דאָך נישט אידענטיפיצירן דעם סאָציאַליזם מיט דער טאַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין גאַליציע, בעסער געזאָגט, פון דער פּ. ס. ד. פּ., וואָס איר טאַקטיק אין דער יידן־פראַגע איז געווען דורכגעזאַפּט מיט דער אידעאָלאָגיע פונם קליין־בירגער, וועלכע איז געווען אַ רעפלעקס פון די פּרימיטיווע ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַציונגען אין גאַליציע.

די יידישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די רייען פון דער פּ. ס. ד. פּ., דאָבן דאָ געשפּילט אַ טרויעריקע ראָלע. אָנשטאָט צו זיין די פליגלען פון דער באַוועגונג, זענען זיי געוואָרן איר בליי. ווען דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט, אומאָפּהענגיק פון זיי, מיט קרבנותפולער אַרבעט, געשאַפן אין גאַנץ גאַליציע אַ ריי געזונטע, שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס און האָט אָנגעשריבן אויף זיין פאָן די פאָדערונג פון אַ יידישער ס. ד. פּאַרטיי, האָבן זיי, די מענטשן פונם נעכטן, זיך געשטעלט קעגן דער דאָזיקער פאָדערונג. פון דער טראַגעדיע פון זייער אייגענער צעפאַלנקייט האָבן זיי געמאַכט אַ טראַגעדיע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אַריבער איבער זיי. נאָך יאָרן פון אַ שווערן און פאַרדריסלעכן קאַמף האָבן די לעצטע אָרגאַניזאַציעס פון יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געהערט צו דער פּ. ס. ד. פּ., אין

*) ד״ר י. דראָבנער: „עס טאָגט", קראָקע.

(** Henryk Grossman: Der Bundizm in Galizien. Kraków 1908.

1911 אויפן קאָנגרעס אין לעמבערג זיך פאַרייניקט מיט דער י. ס. פּ. אונטער אירע לאָזונגען און איר פאָן.

דער איבערבוי פון דער ס. ד. אין אַ פעדעראַטיווער פאַרטיי אין עסטרייך

דערווייל האָט די נאַציאָנאַלע דיפערענצירונג אין די רייען פון דער ס. ד. פּ. אין עסטרייך זיך אַלץ מער און מער אַנטוויקלט. ביז זי האָט אין 1897 אויפן ווינער קאָנגרעס געפונען איר אויסדרוק אין דעם נייעם אָרגאַניזאַציע=סטאַטוט, וועלכער האָט איבערגעבויט די ביז איצט צענטראַליסטישע עסטרייכישע ס. ד. אין אַ פעדעראַטיוון פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון די נאַציעס, וואָס וואוינען אין עסטרייך. אין הסכּם מיט אָט דער ענדערונג זענען אַנטשטאנען די פוילישע, דייטשע, טשעכישע, איטאַליענישע און דרום=סלאַווישע פאַרטיי. מ׳דאַרף אָבער דערמאנען, אַז דער אָרגאַניזאַציע=סטאַטוט האָט אייגנטלעך קיין נייע זאַך נישט געשאַפן, ער האָט נאָר געגעבן אַ פאָרמעלע סאַנקציע און אַ פאָרמעלן אויסדרוק פאַר אומענדערונגען, וועלכע זענען סיי ווי פאָרגעקומען אין די ניינציקער יאָרן. ס׳וועט גענוג זיין צו זאָגן, אַז די טשעכישע ס. ד. האָט איר צוזאַמענפאָר געהאַט שוין אין 1892. אַלע רעדנער האָבן אויך אונטערגעשטראָכן, אַז די איבערבויונג פון דער פאַרטיי איז נויטיק, כּדי צו שאַפן גינסטיקערע באַדינגונגען פאַר דער אָרגאַניזאַציע און אַגיטאַציע, כּדי צו שאַפן די מעגלעכסט־בעסטע, פּראַקטישע באַדינגונגען גובר צו זיין די שפּראַכלעכע שוועריקייטן. די טשעכישע סאָציאַליסטן, ווי למשל נעמעטץ, האָבן באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז זיי האָבן נישט געהאַט בדעה דאָס צו טאָן צוליב נאַציאָנאַלע מאָטיוון. עס איז געווען אַן אַלגעמיינע איבערצייגונג, אַז אָט די זעלבסטענדיקייט פון יעדער פאַרטיי באַזונדער וועט מיטהעלפן אָפּצורייניקן דעם קלאַסן-קאַמף פון נאַציאָנאַליסטישע פאַרשטויבונגען און וועט געבן אַ גרעסערע מעגלעכקייט פון קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע אין די ראַמען פון דער אייגענער נאַציע. דער עסטרייכישער פאַרטיי=עקזעקוטיוו איז געווען צונויפגעשטעלט פון פאָרשטייער פון די עקזעקוטיוון פון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע פאַרטייען און ווי אַזעלכע איז ער געשטאַנען אויף דער וואַך פון אַן איינהייטלעכער פּאָליטישער ליניע אין דער גאַנצער מלוכה. צוויי יאָר שפּעטער האָט מען אויפן קאָנגרעס אין ברין אָנגענומען דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון דער עסטרייכישער ס. ד.; דאָס איז געווען אַ פּראָגראַם פון איבערבויען עסטרייך אין אַ מלוכה=בונד פון נאַציעס (Nationalitäten-bundesstaat). דעם דאָזיקן פאַקט ווייזן מיר אָן שוין איצט, ווייל, ווי ס׳וועט זיך פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלען אַרויסווייזן, האָט מען אין דער פּאָלעמיק קעגן דער י. ס. ד. פּ. צונויפגעמישט צוויי מאָמענטן: דאָס איבערבויען פון דער פאַרטיי אויף פעדעראַטיווע יסודות אין 1897 מיט דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פאַר דער מלוכה, וואָס מ׳האָט אָנגענומען אין 1899, אין ברין. די דאָזיקע באַשלוסן האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין גאַליציע. ס׳האָבן דאָ עקזיסטירט פאַריינען פון יידישע אַרבעטער, עס איז אָבער נישט געווען קיין באַוועגונג פון יידישע אַרבעטער אין פּאָליטישן זין פון דעם וואָרט, ס׳האָט געפעלט איין געדאַנק, איין פּראָגראַם, איין פאַרבינדונג. און דעריבער האָבן מיר נישט קיין קאָלעקטיווע דעקלאַראַציע פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין יענער צייט. ערשט אויפן קאָנגרעס פון דער גאַליציאַנער ס. ד. אין פּשעמישל האָט דער פּוילישער סאָציאַליסט יאַן קאָזאַקיעוויטש (שפּעטער לעמבערגער דעפּוטאַט, וועלכער האָט, אגב, אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַריבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע) זיך אָנגענומען פאַר דער קריוודע פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט און האָט געמאַכט דעם פאָרשלאַג אָנצוערקענען די י. ס. ד. פּ.

פאַר אַ פעדעראַטיוון טייל פֿון דער עסטרייכישער ס. ד. דער דאָזיקער פאָרשלאַג האָט באַקומען זעקס שטימען און איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן נאָך אַדאַנק דער שטיצע פון די אַסימילירטע הויפּט־טוער.

אַ באַווייז, אַז דער דאָזיקער פערמענט האָט דאָך עקזיסטירט צווישן די יידישע אַרבעטער, איז דאָס, וואָס די פּ. ס. ד. פּ. האָט באַשלאָסן צונויפצורופן דעם 24 און 25 דעצעמבער 1899 די ערשטע קאָנפערענץ פון יידישע אַרבעטער אין לעמבערג. ליי־דער האָבן מיר גאָר ווייניק ידיעות וועגן דער דאָזיקער קאָנפערענץ. דער „נאַפּשוד" איז נאָר לאַקאָניש מודיע, אַז די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ צייטשריפט „יידישעס פאָלקסבלאַט". די פּ. ס. ד. פּ. האָט זיך אַפּנים אַרומגעטראָגן מיט עפעס אויטאָ־נאָמיסטישע כוונות, ווייל אויפן קאָנגרעס 1899 האָט מען באַשלאָסן: דעם פאָרשלאַג וועגן באַנייען די צייטשריפט „יידישעס פאָלקסבלאַט" איבערגעבן דעם אויספיר־קאָמי־טעט, ער זאָל אים שטעלן אויף אַ קאָנפערענץ פון יידישע אַרבעטער. לויט פריוואַטע ידיעות האָט זיך די דאָזיקע קאָנפערענץ פאַרנומען מיט דער וואַל־רעפאָרם פונם „קהל" און מיט דער פראַגע וועגן שאַפן אַן אויטאָנאָמישע י. ס. ד. פּ. אין די ראַמען פון דער פּ. ס. ד. פּ., דערביי האָט די י. ס. ד. פּ. באַדאַרפט באַקומען דאָס רעכט צו נאָ־מינירן קאַנדידאַטן אין געוויסע וואַל־קרייזן. וועגן דער ערשטער פראַגע האָט רעפערירט מענקעס; וועגן דער צווייטער — ד"ר שאָר פון קאָלאָמיי. דער פאָרשלאַג פונם ד"ר שאָר איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, ווי די שפורן ווייזן אָן, נאָך אַ צוגרייטונגס־קאַמף אין די דאַ־מאָלסטיקע אָרגאַניזאַציעס. די אָנהענגער פון צילבאַוואוסטזיניקער אַסימילאַציע מיטן ד"ר דיאַמאַנט בראש האָבן געזיגט. דער געדאַנק וועגן זעלבשטענדיקייט פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס איז באַגראָבן געוואָרן. דער יידישער פראָלעטאַריאַט איז געבליבן אָן אַ לעבנס־אידעע און אָן פירער. ביסלעכווייז זענען זיך צעפאַלן די אָרגאַניזאַציעס פון די יידישע אַרבעטער; זיי זענען צעשאָטן געוואָרן אין אַש, פון וועלכן ס'האָבן ערשט שפּע־טער געדאַרפט אַרויסזעצן פלאַמען פון אַ לעבעדיקער באַוועגונג. די יאָרן 1900—1902 זענען געווען אַ צייט פון אַ שווערן ווירטשאַפטלעכן קריזיס, יאָרן פון אַרבעטסלאָזיקייט און פון אַ פּאָליטישער רעפּרעסיע, וואָס גייט נאָך איר. די דאָזיקע מאָמענטן האָבן אָפּ־געשוואַכט די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע. די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן גע־ליטן נאָך פון די ספּעציפישע כיבות, פון וועלכע מיר האָבן שוין פריער גערעדט.

פּראָפעסיאָנעלע פֿאַריינען!

כדי בעסער צו פֿאַרשטיין די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין גאַליציע, וועלן מיר געבן אין אַ פּאָר ווערטער די געשיכטע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען ביי די יידישע אַרבעטער. אין די 90־ער יאָרן האָבן די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס געטראָגן דעם כאַראַקטער אָדער פון ריין לאָקאַלע פּראָפעסיאָנעלע פֿאַריינען, אָדער פון לאַנד־פֿאַריינען, וואָס זייערע צענטרן זענען דאָס רוב געווען אין לעמבערג. דער טיפּ צענטראַלע פּראָ־פעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס זענען געווען פיליעס פון פאַרבאַנדן, וועלכע האָבן אַרומ־גענומען גאַנץ עסטרייך און געהאַט די צענטראַלע אין ווין, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר־שפּרייטן אין גאַליציע ערשט אין אָנהויב פון די 90־ער יאָרן.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן דאָ אין דער געשיכטע פון דער פאַרטיי גע־שפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָל, איידער ערגעץ אַנדערשוואו. אין גאַליציע האָבן זיך די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען נאָך שטאַרקער ווי אין אַנדערע עסטרייכישע לענדער כמעט אינגאַנצן צונויפגעגאָסן מיט די רייען פון דער פאַרטיי. היגע אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט

געוואוסט פֿון די דיסקוסיעס, וואָס זענען אין מערבֿ־אייראָפּע געפֿירט געוואָרן אויף דער טעמע: „געווערקשאַפֿט און פּאַרטיי“. אפֿילו די פֿינאַנציעלע טעכניק פֿון דער פּאַרטיי איז געווען אַזוי אָרגאַניזירט, אַז גלייכצייטיק מיט די אָפּצאָלן אויפֿן פּראָפֿ. פֿאַריין האָט מען אויך גענומען דעם פּאַרטיי־אָפּצאָל. די פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג איז אין די 90־ער יאָרן בכלל געווען שוואַך. ס׳וועט גענוג זיין צו דערמאנען, אַז לויט דער ערשטער קאָנפֿערענץ פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען פֿון 1899, האָבן אַלע פֿאַריינען צוזאַמען געציילט 3595 מיטגלידער, דערביי זענען אָרגאַניזירט געווען אין אַלגעמיין פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס 1415, און אָרגאַניזאַציעס פֿון באַזונדערע פֿאַכן 1844. די דאָזיקע ציפֿער איז אייגנטלעך געווען נידעריקער, איידער אין 1897, ווען פּראָפֿעסיאָנעל אָרגאַניזירטע אַרבעטער זענען געווען 4199. נאָך אין 1904 האָט די צאָל פּראָפֿעסיאָנעל אָרגאַניזירטע אַרבעטער באַטראָפֿן 5715. די ערשטע יאָרן פֿונם XX יאָרהונדערט געהערן צו די איבערברוכס־יאָרן. די אָרגאַניזאַציעס פֿון יידישע אַרבעטער, וואָס זענען אַנטשטאַנען אַרום 1903–1905 האָבן זיך געשטעלט אויפֿן יסוד פֿון צענטראַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, וואָס זייערע צענטראַלעס זענען געווען אין ווין. די יידישע אַרבעטער, וועלכע זענען געווען ווייניקער קאָנסערוואַטיוו ווי די פּוילישע, האָבן זיך גיך געזעגנט מיט די לאָקאַלע און געגנט־אָרגאַניזאַציעס און זענען אַריבער צו אַ מער מאָדערנער פֿאָרם, זיי זענען געוואָרן פּיאָנערן פֿון דער דאָזיקער פֿאָרם, פֿיל מאָל קעגן דעם קאָנסערוואַטיזם פֿון אַ טייל פּראָפֿעסיאָנאַליסטן צווישן די פּוילישע אַרבעטער. אַזוי לאַנג ווי די יידישע אַרבעטער זענען געווען אין די רייען פֿון דער פּ. ס. ד. פּ., האָט זיך די פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבעט געפֿירט אָן מניעות. מ׳האָט גענומען אין אַכט די אייגנאַרטיקייט פֿון דער סביבה, אין וועלכער די יידישע אַרבעטער האָבן געלעבט, און אין די גרעסערע שטעט האָט מען געשאַפֿן פּאַראַלעלע גרופּן פֿון צענטראַלע פֿאַריינען, ווי ס׳איז געווען אין די אָרגאַניזאַציעס פֿון שניידערס, בעקערס, מאָלערס און אַנדערע. פֿון דעם, וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט, וועגן דעם ענגן צוזאַמענבונד פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג מיט דער פּאָליטישער, איז צו זען, אַז די דאָזיקע גרופּן פֿון די צענטראַלע פֿאַריינען זענען געוואָרן די הויפּטבאַזע פֿאַר די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס ביי די יידישע אַרבעטער, הגם פֿאָרמעל לויטן געזעץ זענען זיי געווען נאָר פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. ווען די יידישע אַרבעטער זענען דעם 1־טן מאַי 1905 אַרויסגעטרעטן פֿון דער פּ. ס. ד. פּ. און האָבן פּראָקלאַמירט אַ גלייכגעשטעלטע י. ס. ד. פּ., זענען מיט זיי אין אַ געוויסער מאָס אויך אַרויס פֿון דער פּ. ס. ד. פּ. די צענטראַלע פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. די פּ. ס. ד. פּ., וועלכע האָט געעפֿנט אַן אָרגאַנישן פֿייער קעגן דער ניי־אַנטשטאַנענער באַוועגונג, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר שוואַכסטן אָרט, אויף די פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז איר געווען לייכטער דערפֿאַר, ווייל זי האָט געהאַט אין איר האַנט די פּראָפֿעסיאָנעלע קאָמיסיע פֿון געגנט, זי האָט געהאַט אין ווין דעפּוטאַטן, וואָס האָבן געקאָנט ביים צענטער מיט געהעריקע מיטלען אויסאַרבעטן אַן אַלגעמיינע מיינונג וועגן דער ניי־אַנטשטאַנענער פּאַרטיי, וועלכע די פּ. ס. ד. פּ. האָט אָנגערופֿן „סעפּאַראַטיסטן“. די פּ. ס. ד. פּ. האָט געקאָנט שאָדן די אָרגאַניזאַציעס, פֿאָרשטעלנדיק זיי ווי נעסטן פֿון פֿינסטערקייט, קלעריקאַליזם און סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן. קיין טויט־קלאַפּ האָט זי זיי נישט געקאָנט געבן, ווייל די אַזוי גערופֿענע „אָרטס־גרופּן“ פֿון די צענטראַלע פֿאַריינען זענען געווען דירעקט אָפּהענגיק פֿון די ווינער צענטראַלעס. דעריבער האָט די פּ. ס. ד. פּ. אינטערווענירט ביי די ווינער צענטראַלעס, אַז מ׳זאָל נישט ערלויבן עפֿענען נייע גרופּן פֿון די צענטראַלע

פֿאַריינען, אויב זיי דארפֿן זיין יידישע, אין וועלכע די ארבעטער פֿון דער י. ס. ד. פּ. וואָלטן געהאט אן אבסאָלוטע מערהייט. דאָס בילדן אזוינע גרופּן, עווענטועל די טענדענצן צו שאפֿן זיי, האט מען באצייכנט אלס סעפּאראטיזם, דאקעגן דאָרטן, וואו דער פּ. ס. ד. פּ. פֿלעגט געלונגען אָפּצורייסן כאטש א קליינעם טייל פון די יידישע אַרבעטער, האָט זי פון זיי געשאַפן באַזונדערע אַדמיניסטראַטיווע קעמערלעך, די אַזוי גערופענע „צאָלשטעלן". דאס דאזיקע פארהאלטן זיך פֿון דער פּ. ס. ד. פּ. האט געהאט אַ קלאָרן ציל.

די יידישע אַרבעטער האָבן פון אַ לענגערער צייט אַריינגעטראָגן אין זייערע פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס מיטגלידס-אָפּצאָל, אַדאַנק וועלכן זיי האָבן באַקומען דאָס רעכט צו געניסן פון אונטערשטיצונג אין פאַל פון רייזע, קראַנקהייט, אָדער אַרבעטסלאָזיקייט. די דאָזיקע אָפּצאָלן האָבן זיי געמוזט אַריינטראָגן אויך ווייטער, כדי נישט צו פאַרלירן די באַקומענע רעכט. נאָכגעבנדיק דער פּ. ס. ד. פּ. און נישט געבנדיק קיין ערלויבניש צו שאַפן באַזונדערע גרופּן, האָט די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע געוואָלט צווינגען די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט אייגענע לאָקאַלן, זיי זאָלן זיך איינציקווייז אָדער אינגאַנצן איבערטראָגן אין די לאָקאַלן, וועלכע זענען געווען אין די הענט פֿון דער פּ. ס. ד. פּ. די דאָזיקע שיקאַנע האָט נישט דערגרייכט איר ציל. די יידישע אַרבעטער זענען מיט דער גרעסטער אָפּפערווילִיקייט און אייזערנעם אויסדויער געשטאַנען ביי דער פֿאָן פון י. ס. ד. פּ. כדי אָפּצושאַצן געהעריק די אידעישע איבערגעגעבנקייט פון די יידישע אַרבעטער דאַרף מען באַטאָנען, אַז די אַרבעטער האָבן זייער אָפט באַטראַכט די דאַמאָלסטיקע אָרגאַניזאַציעס, ווי אַ מין אסעקוראַציע אין פאַל פון קראַנקהייט אָדער אַרבעטסלאָזיקייט, איבערהויפט, אַז די דאָזיקע אונטערשטיצונגען זענען אין פאַרגלייך מיט די מערב-עסטרייכישע פֿאַרהעלטענישן געווען גענוג גרויס. די פֿאַרפֿאָלגונגען, וועלכע די יידישע אַרבעטער זענען אויסגעשטאַנען, האָבן געווירקט ווי אַ שטורם, וואָס רייניקט.

און די אָרגאַניזאַציעס זענען געווען גרויפע לויט די דאַמאָלסטיקע צייטן—גרופּעס, צונויפגעבונדענע נישט מיט דעם מאַטעריעלן אינטערעס, נאָר מיט דער אַבסאָלוטער איבערגעגעבנקייט צו דער אידעע פון עמאַנציפּאַציע פאַרן יידישן אַרבעטער-קלאַס. פֿונדעסטוועגן האָט די פּ. ס. ד. פּ. איר פּאָזיציע נישט אויפגעגעבן. מיט אירע באַמיִונגען האָט זי באַוויזן צו פּועלן אין דער צענטראַלע פֿון די שניידער-אַרבעטער אין ווין, אַז מ'האָט, אונטער אַ פאַלשן אויסרייד, צוגענומען ביי די שניידערישע גרופּן אין גאַליציע דאָס רעכט אויסצוצאָלן אונטערשטיצונגען די אַרבעטסלאָזע; פון דער דאָזיקער פאַראָרדנונג זענען אויסגעשלאָסן געוואָרן נאָר 4 גרופּן, וואָס זענען געגאַנגען מיט דער פּ. ס. ד. פּ. קעגן דעם האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פּראָטעסטן, וועלכע האָבן געבראַכט אַן ערפֿאָלג. די פּ. ס. ד. האָט געפירט דעם קאַמף פאַרביסן. גענוג צו זאָגן, אַז איינער פון די פּראָפֿעסיאָנעלע פונקציאָנאַרן איז אַוועק אַזוי ווייט אין זיין פאַרביסנקייט, אַז ער האָט נישט געוואָלט אויסצאָלן אונטערשטיצונגען די שטרייקנדיקע יידישע שוסטער-אַרבעטער אין לעמבערג אין 1906. די אָרגאַניזאַציעס פון די יידישע ארבעטער האָבן געשיקט איין פּראָטעסט נאָכן צווייטן, איין מעמאָריאַל נאָכן צווייטן אַזוי לאַנג, ביז אין משך פון יאָרן האָבן די מוסטערהאַפטע אָנפירונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע, די לוין-קאַמפן און דער אויסגעצייכנטער קאָלעקטיוו פון די פּראָפֿעסיאָנעלע טוער געשאַפן פאַר די יידישע אַרבעטער נאָרמאַלערע אַרבעטס-באַדינגונגען און אַרויסגערופן אָנערקענונג ביי דער אַלגעמיינער פּראָפֿעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע אין עסטרייך. אין משך פון אָט די אומפאַרטייאישע קאַמפן

האָבן די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס אין גאַליציע אויך געקעמפט פאַר נעמען אין אַכט די רעכט פון דער יידישער שפּראַך, פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער פּרעסע און פּובליקאַציע. שפּעטער, ווען די פאַרהעלטענישן האָבן זיך געבעסערט, זענען די דאָזיקע באַמיונגען אין אַ געוויסער מאָס געקרוינט געוואָרן מיט ערפאָלג. דעם פּוילישן „Robotnik krawiecki" האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ יידישן אָרגאַן „דער שניידער-אַרבעטער", די סטאַטוטן און דעם רעגולאַמין פונם האַנדלס-אָנגעשטעלטן-פאַרבאַנד און דעם געזעץ וועגן האַנדלס-געהילפן האָט מען אַרויסגעגעבן אויף יידיש, אַחוץ דעם איז געלונגען צו באַקומען אַ טייל קלענערע שפּראַך-קאָנצעסיעס. אין זיין אַרטיקל אין יובילייען-נומער פונם „סאָציאַל-דעמאָקראַט", שרייבט מ. פּאַפּיער, וועלכער איז געווען איינער פון די באַדייטנדסטע פּראָפעסיאָנעלע טוער, אַז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון יענער עפּאָכע איז געווען, וואָס נישט קוקנדיק אויף די שלעכטע באַציִונגען מיט די פּראָפעסיאָנעלע טוער, איז דאָך די באַציִונג צו די פּוילישע אַרבעטער, אומעטום, וואו זיי האָבן זיך דירעקט צונויפגעטראָפן מיט די יידישע אַרבעטער, געווען בכלל אַ גוטע; די געמיינזאַמע שטרייקן, וואָס זענען נישט איינמאָל פאָרגעקומען, האָבן געוועקט דעם באַוואוסטזיין פון קלאַסן-סאָלידאַריטעט צווישן דעם פּוילישן און יידישן אַרבעטער, און דערמיט האָבן זיי געלייגט אַ פונדאַמענט פאַר די צוקונפטיקע געמיינזאַמע קאַמפן און זיגן.

די פּוילישע סאָציאַליסטן און די יידן-פראַגע

צוליב דער גאַנצקייט פונם בילד דאַרף מען אונטערשטרייכן די אידעיִשע מעטאַמאָרפאָזן, וועלכע דער פּוילישער סאָציאַליזם אין גאַליציע האָט דורכגעמאַכט בנוגע דער יידן-פראַגע, פון 1890 ביז 1900 יאָרן. אין דער באַלויכטונג פון דעם דאָזיקן ענין וועלן מיר זיך אין אַ גרויסער מאָס פאַררופן אויף די עפנטלעכע דערקלערונגען פון דעם מאָראַלישן און אינטעלעקטועלן פירער פון די פּוילישע סאָציאַליסטן אין גאַליציע, איגנאַצי דאַשינסקין. דאַשינסקי איז אַ סך יאָרן געווען נישט בלויז דער פירער נאָר אויך דער דיקטאַטאָר פון דער באַוועגונג, נישט ער האָט אויסגעדריקט די אָנשויונגען פון דער פּאַרטיי, נאָר די פּאַרטיי איז געווען אַן אָפּקלאַנג פון זיינע אָנשויונגען. אָט דער איבערוועגנדיקער איינפלוס האָט געווירקט אויף אַלע פראַגן, אויך אויף דער יידנפראַגע, הגם בנוגע דער לעצטער פראַגע האָט אין אַ גרויסער מאָס אַנטשידן דער איינפלוס פונם דר. הערמאַן דיאַמאַנט. די יידן-פראַגע איז אַרויפגעשווימען שוין אויפן ערשטן קאָנגרעס פון דער גאַליציאַנער ס. ד., דעם 31 יאַנואַר 1892 אין לעמבערג. אין דעם רעפעראַט וועגן דער אַגיטאַציע און טאַקטיק האָט דאַשינסקי געזאָגט: דער צווייטער ענין, אויף וועלכן מ'שלאָגט זיך אָפט אָן אין לעבן, איז די יידן-פראַגע. עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע טעאָריעס ווי זי צו לעזן. איינע ווילן, אַז יידן זאָלן עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע, אַנדערע וואָלטן זיי געערן אַרויסגעשיקט קיין אַרגענטינע, נאָך אַנדערע ווידער ווילן זיי אַסימילירן מיט די פּאָליאַקן. פאַר די סאָציאַליסטן מוזן די אַלע טעאָריעס, אַלס אַזעלכע, וואָס רירן נישט אָן די יידישע מאַסן, זיין גלייכגילטיק. דאַשינסקי דערמאָנט דעם באַשלוס פונם פאַראַיאָריקן קאָנגרעס אין ברויסל, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז די סאָציאַליסטן דאַרפן נישט זיין קיין אַנטיסעמיטן, נישט קיין פילאָסעמיטן, נאָר זען אין די יידן, ווי אומעטום, צוויי קלאַסן: די אויסנוצערס און אויסגענוצטע. „לאָמיר באַהאַנדלען די יידן ווי יעדע אַנדערע נאַציע. לאָמיר איר געבן דיזעלבע רעכט. די ערשטע אויפגאַבע פונם סאָציאַליזם איז צו וואַרפן דעם פונק פונם קלאַסן-קאַמף צווישן יידן, פאַרייניקנדיק זיך מיט דעם יידישן

פּראָלעטאַריאַט און ברענגענדיק צו זיין באַוואוסטזיין, אַז זיינע אינטערעסן זענען דיזעלבע, װאָס די אינטערעסן פון די פּראָלעטאַריער פון אַנדערע נאַציעס". ווי מיר זעען, איז דאָס די שטעלונג פון אַן אויפריכטיקן אינטערנאַציאָנאַליסט. דאָ האָבן געווירקט די נאָכנישט באַפעלקטע אָנשויונגען, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף דער אידעאָלאָגיע פון לודוויק וואַרונסקין, וואָס זיין געשטאַלט האָט באַצויבערט די דאַמאָלסטיקע טוער; מ'זעט דאָ אויך דעם איינפלוס פון פעליקס דאַשינסקי, וועלכער איז טראַגיש אומגעקומען אין ציריך און וועלכער איז געווען אַן אויפריכטיקער אינטערנאַציאָנאַליסט און אַ מענטש מיט אַ סך וויסנשאַפט. נאָך אין יאָר 1893 איז דאַשינסקי אַרויסגעטראטן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע אַרבעטער אין קראָקע, וואו ער האט געזאגט: „דער אידעאַל פון דער פוילישער „שליאַכטע" איז געווען יענקל פון „פאַן טאַדעוש", יענער געהארכזאַמער יענקל, וועלכן מ'האט געקאָנט באַנוצן צו פאַרשיידענע דינסטן. איצט זענען אַזוינע טיפּן נישטא. דאַקעגן האט מען אנגעהויבן די וואַקכאַנאַליע פון אַסימילאַציע, וועלכע איז אין פאַריקן יאר איינגאָנצן געפאַלן". אויף די נאנטסטע קאנגרעסן פון דער גאַליציאַנער ס. ד. באַווייזן זיך נאך דא און דארט פארשלאַגן, ווי אין 1895, ווען דער קאנגרעס גיט אַ דירעקטיוו דעם מערב-גאַליציאַנער קאמיטעט, ער זאל אנטוויקלען אַן ענערגישע אַגיטאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער פון קראקע, דורך באַקומען אַגיטאַטארן, וואס קענען זשאַרגאן, אַרויסגעבן אויפרופן אויף זשארגאן, צונויפרופן עפנטלעכע יידישע פאַרזאַמלונגען א. אַז. וו. די דאזיקע באַשלוסן זענען כמעט קיינמאל נישט אויסגעפירט געווארן. מיט דער צייט האט זיך אבער געענדערט די פיזיאנאמיע פון דער גאַליציאַנער פאַרטיי (פון 1897 פוילישע ס. ד.). דא האבן געווירקט עטלעכע סבות. גאַליציע, אַ לאַנד פון אַ קליין-בירגערלעכער סטרוקטור, האט געגעבן די אַרבעטער-באַוועגונג די מעגלעכקייט נאר פון א קליינער פאַרשפּרייטונג. דאס דאזיקע לאנד איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון דער פוילישער שליאכטע. דער שטאַטהאַלטער פון גאַליציע און די העכסטע אויטאנאמישע מאַכט זענען געווען אַ פאַרקערפערונג פון דער רעאַקציאנערער פעאדאלער „שליאַכעצקער" פּאליטיק. די פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען און פאַריינען, וואס איז געווען גאַראַנטירט דורך דער קאנסטיטוציע, איז געבראכן געווען דורך די סטאַראסטוועס. דאס לאנד איז געווען א זומפּ. ס'האט זיך פאַרשפּרייט אַן האפנונגסלאזע קארופּציע. ווען די באַוועגונג האט זיך אנגעהויבן, האט מען געהאַט אַנדערע פּערספּעקטיוון. דאַשינסקי האט געשריבן אונטערן פּסעוודאנים זשעגאָטא [1], אַז די טוער האָבן געזען די נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן די דאָרפישע באַפעלקערונג און האָבן געמיינט, אַז די אָרגאַניזאַציע פונם שטאָטישן פּראָלעטאַריאט וועט זיין די קראַפט, וועלכע וועט אַ שטויס טאָן דעם דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע האָפנונגען האָבן פאַרפירט.

נאָך די אַנטי-יידישע עקסצעסן אין יאָר 1898 האָט די רעגירונג פונם שטאטהאַלטער הר. פּינינסקי, אָנשטאָט צו ווענדן זיך קעגן די פּאגראמשטשיקעס, איינגעפירט אויסנאַם-צושטאנד אין די רוזיקע באַצירקן, כדי צו פארניכטן די אַרבעטער-באַוועגונג און די סאָציאַליסטישע פּרעסע. די רעאַקציע האָט זיך מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט געשטעלט קעגן דער אַרבעטער-באַוועגונג. אין יאָר 1899 האָט דאשינסקי אַרויסגעגעבן אַ בראָשור "Szlachetczyzna a odrodzenie Galicji". די דאָזיקע בראָשור איז געווען אַן אָפּרעכענונג מיט די „שליאַכעצקע" רעגירונגען. זי איז אָבער אויך געווען אַן איינלאַדונג צו אַלע געקריוודעטע, זיי זאָלן צושטיין צו דער סאָציאַליסטישער פאָן. דער

---

1) Żegota: „Krótki zarys historji ruchu soc. w Galicji od 1890—1894 roku".

לאָזונג פון דער בראָשור איז שוין נישט דאָס פּראָגראַם פונם 1892 יאָר, דאָס איז שוין אַ קאַמף פֿאַר אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע פּאָזיציעס. דאָס איז געווען דער ערשטער מאָמענט פון לויזער מאַכן די באַהעפטונג פֿון דער סאָציאַליסטישער אידעע. צוזאַמען מיטן פֿאַרברייטערן דעם פּראָנט איז דער שטאַנדפּונקט אין דער יידן־פֿראַגע אויך מער ענלעך געוואָרן צום שטאַנדפּונקט פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. דער צווייטער מאָמענט איז דאָ געווען דער איינפֿלוס פֿון פּ. פּ. ס. אין רוסיש־פּוילן. די דאָזיקע פּאַרטיי איז שוין געשטאַנען אין קאַמף פאַר דער נשמה פונם יידישן אַרבעטער און איר נעגאַטיווע באַציִונג צום „בונד" און זיינע לאָזונגען האָבן אַרויסגערופן אַן אָפּקלאַנג אויפן גאַליציאַנער באָדן. דער אָפּקלאַנג איז געווען נאָך שטאַרקער, ווייל צוליב די קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען האָבן די באַדייטנדסטע טוער פון רוסיש־פּוילן אין אַ משך פון לאַנגע יאָרן נישט איינמאָל זיך אויפֿגעהאַלטן אין גאַליציע בכלל און אין קראָקע בפרט. די פּ. ס. ד. פּ., וואָס איז געווען געבונדן מיט פעדים פון סאָלידאַריטעט מיט דער פּ. פּ. ס., איז ממילא אויך געווען געבונדן מאָראַליש בנוגע די פריינט און קעגנער פון דער פּ. פּ. ס. איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס מיט דער צייט האָט די פּ. ס. ד. פּ. אויפֿן גאַליציאַנער באָדן אויך פאַרשפּרייט די אנשויונג, אַז די פּאָליאַקן זענען די „בעלי בתים פון לאַנד". די דאָזיקע טעאָריע האָט געפונען איר כאַראַקטעריסטישן אויסדרוק אין דער באַרימטער רעזאָלוציע פון דעם פּ. ס. ד. פּ.־קאָנגרעס אין יאָר 1911, אין וועלכער ס'ווערט געזאָגט בנוגע דער י. ס. ד. פּ., אַז די פּ. ס. ד. פּ. באַוואָרנט זיך דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו פירן די לאַנדס־פּאָליטיק אויף דער „טעריטאָריע פון דער פּ. ס. ד. פּ." און ענדלעך איז דער שלעכטער גייסט פון דער פּ. ס. ד. פּ. געווען — אירע הויפּט־טוער, וועלכע האָבן געשטאַמט פון דער יידישער אינטעליגענץ. ווי שוין דערמאָנט, זענען זיי אַרויס פון דער אַסימילאַטאָרישער שול און האָבן פּראָפּאַגאַנדירט נישט בלויז, אַז מ'דאַרף זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דער אַסימילאַציע, ווי אַן אָביעקטיוון היסטאָרישן פּראָצעס, נאָר זיי זענען געווען אנהענגער פון אַקטיווער אַסימילאַציע און האָבן באַקעמפט יעטוועדע אָפּגעזונדערטקייט. זייערע אָנשויונגען האָבן זיך געלייגט ווי אַ משא אויף דער פּאליטיק פון דער פּ. ס. ד. פּ. די דאזיקע פּאליטיק איז אין יאר 1892 אראָפּ פון דעם לאיאלן סאָציאליסטישן שטאנדפּונקט אויף דעם וועג פון אַקטיווער אַסימילאַציע.

ס'איז כאראקטעריסטיש אונטערצושטרייכן, אז די יידישע טוער פון פּ. פּ. ס. האבן געהאַט אן אידעיִשן קאנטאקט מיטן אַסימילירטן טייל פון דער יידישער בורזשואזיע און זיי האָבן געהאַלטן, אז עס איז דערלאזבאר, און עס שטימט מיט זייערע אנשויונגען, צו נעמען אן אקטיוון אנטייל אין אלע אסימילאטארישע צוזאמענפארן, נישט קוקנדיק דערויף, פון וואס־פאר־א עלעמענטן די צוזאמענפארן זענען געווען צונויפגעשטעלט, נישט קוקנדיק דערויף, וואס דארט זענען געווען באדייטנדע בורזשואזיע, אסימילאַטארישע פּאליטיקער, וועלכע זענען נישט איינמאל געווען דער אוואנגארד פון רעאקציע אין לאנד, אבער זיי האבן רעפּרעזענטירט די אזוי גערופענע דעמאקראטיע. אין אנהויב פון די 90־ער יארן האבן אין דער פּ. ס. ד. פּ. געהערשט בפירושע אסימילאטארישע איבערצייגונגען. עס איז גענוג צו דערמאנען, אז דיאמאנט, למשל, האט אויפן אכטן צוזאמענפאר פון דער פּ. ס. ד. פּ., ביי דער באגרינדונג פארוואס מ'דארף ארויסגעבן די „פאלקסצייטונג", געזאגט, אז ער איז נישט קיין אנהענגער פון זשאַרגאן, און ער וואלט געוואלט, אז זיינע יידישע חברים זאלן קאנען לייענען פּוילישע אדער אוקראַינישע צייטונגען, אָבער... ווילענסקי (קוויאַטעק), איינער פון די באדייטנדסטע פּ. פּ. ס.־טוער פון

רוסיש=פוילן, האט געשריבן אין א בראשור*), אַרויסגעגעבן דורך פּ. ס. ד. פּ. אין גאַ-
ליציע, אז דער „זשארגאן“ איז א „שפּראכלעכער מישמאַש, אין וועלכן ס'איז אוממעג=
לעך אויסצודריקן מאָדערנע געדאנקען“.

אין דער ריינסטער פארם זענען די דאזיקע אנשויונגען פֿון פּ. ס. ד. פּ. ארויסגע=
זאגט געווארן אין די רעדעס פֿון דיאמאנט, דאשינסקי און האנקיעוויטש אויף דער
צווייטער קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע ארבעטער אין יאר 1903 אין לעמבערג. דאָרט
האט מען געקעמפֿט קעגן דער אידעע פֿון אַ זעלבשטענדיקער פארטיי פֿונם יידישן פּראָ=
לעטאריאט, מ'האט זיך פֿאררופֿן אויף דעם, וואָס מארקס האט געשריבן, אז די נויט=
ווענדיקייט פֿון דער אנטוויקלונג וועט נאכאנאנד צווינגען צו צערייסן מיטן יידנטום. דער אויס=
גאנגס=פּונקט איז פֿאר אלעמען געווען די נעגאטיווע שטעלונג צו דער יידישער נאציע
און צו דער יידישער שפּראך. ס'האט זיך נישט געהאנדלט וועגן אויספֿארשן די אנט=
וויקלונגס=טענדענצן פֿון דער יידישער געזעלשאפֿט און באַזונדערס פון דעם יידישן אר=
בעטער=קלאס, ס'האט זיך געהאנדלט וועגן צופאסן דאָס לעבן צו א פֿאלשער טעאריע.
די פּוילישע סאציאליסטן האבן גערעדט און געשריבן, אז די געזעלשאפֿטלעכע אנטוויק-
לונג און דער נצחון פֿון סאציאליזם וועלן לעזן די יידן=פֿראגע. אויף דער פֿראגע, וואס
מ'דארף טאָן ביז דער צייט פֿון אט דעם נצחון, וואס פֿאר א קאנסעקווענצן מ'דארף ציען
פֿון דער אנטוויקלונגס-טענדענץ, האבן זיי קיין ענטפֿער נישט געגעבן. דער קאמף קעגן
די לאנגע קאפּאטעס און פּאות, דער קאמף קעגן די רעשטלעך פֿון דער יידישער פארגאנ=
גענהייט, דאס האט דאך קיין ענטפֿער נישט געקאנט זיין. די דאזיקע פּוסטקייט האט זיך
נאך מער געווארפֿן אין די אויגן דורכדעם, ווייל אין יענער צייט האט שוין דער „בונד“
אויף דער טעריטאריע פֿון פּוילן, ליטע און רוסלאנד, געהאט דערקלערט, אז דער אנ=
טייל פֿונם פּראלעטאריאט אין די פּרוכטן פֿונם נצחון וועלן זיין א רעזולטאט פֿונם אנטייל
אין קאמף. דער „בונד“ האט אויך פֿארשפּרייט דעם לאזונג פֿון קאמף וועגן דער אלגע=
מיינער און נאציאנאלער באפֿרייונג פֿונם יידישן ארבעטער און האט פּראקלאמירט דעם
שלאגווארט, אז דער פּיאָנער פֿון אט דעם קאמף דארף זיין דער יידישער ארבעטער,
איז קיין חידוש נישט, וואס די דאזיקע אנשויונג האט מיט שטורם געוואונען די יידישע
ארבעטער=רייען אין גאליציע.

די באַציונג פֿון די אוקראַינישע סאָציאַליסטן צו דער יידישער ארבעטער-באַוועגונג

ווען מ'האט אין 1897 איבערגעבויט די עסטרייכישע ס. ד. אין א פֿעדעראטיווער
פּארטיי, האָט דער דאַמאלסדיקער דעפּוטאט יאראשעוויטש אפּגעגעבן א דעקלאראציע, אז
די רוטענישע ראדיקאלן שטייען אויפֿן סאציאל=דעמאקראטישן באדן. ער האט אבער
נישט גערעדט און נישט געהאַט דאס רעכט צו רעדן פֿאר דער גאנצער פּארטיי, וועלכע
איז דעמאלט אנגעפֿירט געווארן פֿון דעם אוקראינישן דיכטער איוואַן פֿראַנקאָ און פֿונם
דר. ציריל טרילאווסקי. ער האט אין אמתן גערעדט אין נאמען פון א גרופּע, וועלכע
האט דעמאלט נישט געפֿילט בכח צו פּראקלאמירן די אנטשטייונג פֿון דער אוקראיני=
שער ס. ד. און צו געניסן פֿון דעם רעכט, וואס די עסטרייכישע ס. ד. האט איר רעזער=
ווירט, פֿון דעם רעכט צו בויען אַן אייגענע פּארטיי.

ערשט אין יאר 1899 פֿארלאזן סעמען וויטוק, די ברידער נאוואקאווסקי און יאצ-
קאָ אָסטאַפּטשוק די אוקראינישע ראדיקאלע פּארטיי און רופֿן צום לעבן די צייטשריפֿט

*) M. Wileński „Kwestia Żydowska“. Kraków, wyd. P. P. S. D. tłom. Michalson

„וואָליאַ" מיט א סאציאל-דעמאקראטישן כאַראקטער. דער ערשטער קאָנסטיטויִרנדער צוזאמענפֿאר פֿון דער ס. ד, איז פֿארגעקומען דעם 21 — 23 מערץ 1903 אין לעמבערג. די פארטיי האט געהאט פֿאַר זיך געוואלטיק גרויסע מעגלעכקייטן. אן עלעמענט פֿון קראפֿט האט זי געהאט אין די גרויסע מאסן פֿונם מזרח-גאליציאנער דארף-פראלעטאריאט. זי האט אָבער נישט באוויזן ארייַנצובלאזן א סאציאליסטישן גייסט אין די דאזיקע מאסן און האט דערום געשפילט אין דער געשיכטע פֿון דער סאָציאליסטישער באוועגונג אין גאליציע דורכויס א צווייט-ראנגיקע ראָליע. אחוץ דעם זבאראזער קרייז, וואו ס'האט געארבעט יאצקא אסטאפטשוק, האבן די אוקראינישע סאציאליסטן נישט באוויזן צו שאפֿן קיין אייניקע שטארקערע פאזיציע. מ'קאן נישט פֿארשרייבן אויף זייער חשבון די פויערישע באוועגונג אין בוטשאטשער פאוויאט, דארטן האט דעם פֿונדאמענט פֿאר דער פויערישער ארגאניזאציע געלייגט ד"ר אַנזעלם מאזלער, שפעטער א מיטגליד פֿון דער י. ס. ד. פ., איינער פֿון די באדייטנדסטע און צוגלייך מער אריגינעלערע טוער, וואס די סאציאליסטישע באוועגונג אין גאַליציע האט ארויסגעגעבן. אין די שטעט איז די באוועגונג פֿון די אוקראינישע סאציאַליסטן געווען א מינימאלע. זיי האבן געהאט א געוויסן איינפֿלוס אויף די נישט-קוואליפֿיצירטע אוקראינישע ארבעטער אין לעמבערג און סטאניסלוי, דערביי איז דער פולס פֿון דער באוועגוגג אין לעמבערג שטענדיק געווען לעבעדיקער, ווייל אין לעמבערג איז געווען אַן אוניווערזיטעט, און דארטן האט זיך קאנצענטרירט די באַוועגונג פֿון דער אוקראַינישער שטודירנדער יוגנט.

די דאזיקע שוואכקייט פֿון דער אוקראינישער סאציאליסטישער באוועגונג האט גורם געווען, אז אירע פֿירער, ווי מיקאָלאַי האנקיעוויטש, סעמען וויטוק, מאַלעס און א טייל קלענערע טוער האבן געארבעט אין די רייען פֿון דער פוילישער פ. ס. ד. פ., זיי זענען דארטן אפֿילו געווען מיטגלידער פֿון פארטייאישע אינסטאַנציעס און אלס אוקראינישע סאציאליסטן זענען זיי ארויסגעטראטן דארטן, וואו ס'האט זיך געהאנדלט אום א פֿייערלעכע מאניפֿעסטאציע פֿון סאלידאַריטעט צווישן דעם פוילישן און אוקראינישן פראלעטאריאט. דער דאזיקער צושטאנד האט געפֿירט צו א פאליטישן פּאַראדאקס: אנשטאט תיכף צו אנערקענען די שטרעבונגען פֿונם יידישן פראלעטאריאט צו א זעלבשטענדיקער פארטיי, אנשטאט מיטצוהעלפֿן ברעכן דעם באגריף, אז די סאציאליסטן פֿון די שטארקערע נאציעס האבן אויבעררעכט איבער די סאציאליסטן פֿון שוואכערע נאציעס,—האבן די אוקראינישע סאציאליסטן, קעגן דעם פאליטישן שכל, קעגן זייער אייגענעם פארטיי-אינטערעס, ענדלעך קעגן די עלעמענטארע יסודות פֿון גערעכטיקייט, אקצעפטירט דעם שטאנדפונקט פֿון די צענטראלע אינסטאנציעס פֿון דער פ. ס. ד. פ.. אַזוי אַרום האָבן די אוקראַינער סאָציאַליסטן, אין אנהויב פֿון דער עמאַנציפאציע-באוועגונג ביים יידישן אַרבעטער-קלאַס פֿארן יאר 1905, און באלד נאכן 1905, געבראכט שאדן דער דאזיקער באוועגונג. מיט זייערע ארויסטרעטונגען האבן זיי געשאפֿן די פֿיקציע, אז דער אוקראינישער סאציאליסטישער פראלעטאריאט זאל זיך אויך האבן אקעגנגעשטעלט די באפֿרייונגס-שטרעבונגען פֿון דעם יידישן ארבעטער-קלאס. אנטקעגן דער דאזיקער פאזיציע זענען ארויסגעטראטן די יונגע אוקראינישע סאציאליסטן, וועלכע האבן זיך באצויגן מיט סימפאטיע צו דער באפֿרייונגס-באוועגונג פֿון די יידישע ארבעטער. די דאזיקע סימפאטיעס האבן זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס מ. לאַזינסקי האָט אין 1905 אָפּגעדרוקט אין „נאַוּקאָוואָ-ליטעראַטורני וויעסטניק" אין לעמבערג.

אין דער אוקראַינישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז שטענדיק געווען אַ פֿערמענט פֿון יונגע, און פֿאַרן אויסברוך פֿונם וועלט-קריג זענען זיי כמעט געווען די באַלעבאַטים

פון דער אָרגאַניזאַציע. אין דער ריכטונג פון זייער שטאַנדפּונקט איז אַוועק די צוקונפט. דער בולטסטער סימן דערפון איז, וואָס דער אַמאָליקער אָנגעזעענסטער פירער ביי די אוקראַינישע סאָציאַליסטן, מיקאָלאַי האנקעוויטש, איז היינטיקן יאָר אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי צוליב אידעישע סיבות. דער איינפלוס פון די אוקראַינישע סאָציאַליסטן אויפן באַפרייונגס-קאַמף פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט איז געווען אַ מינימאַלער. אבער נישט קוקנדיק אויף שטערונגען, וואָס די אינטעליגענטע פירער פון דער אוקראַינישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבן געלייגט אין וועג אין אָנהויב פון דעם קאַמף פאַר עמאַנציפּאַציע, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַ חוץ איינצלנע אויסנאַמען האָט זיך די אוקראַנישע פּאַרטיי שפּעטער אויך באַצויגן פּאַסיוו צו דעם דאָזיקן קאַמף, איז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אַרויס צום קאַמף פאַר זיין רעכט און ער האָט דאָס דאָזיקע רעכט אויסגעקעמפט.

די באַציונג צום „בונד"

דעם דאָזיקן קאַפּיטל מוז מען אָנהויבן מיט מאַכן אַ סוף צו אַ לעגענדע. פאַראַן אַ לעגענדע, אַז די י. פּ. ס. ד. אין גאַליציע איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַגענטן פון בונד. דער „נאַפּשוד" האָט אין 1905 געשריבן, אַז מ'האָט אַפילו אין גאַליציע געזען דריי אַזעלכע אַגענטן. דאָס איז אַ טעות, הגם ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָט דער בונד געהאַט אַ גרויסן אידעישן איינפלוס אויף דער אַנטשטייונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער אין גאַליציע. ווי גראָסמאַן שרייבט מיט רעכט אין זיין בראָשור: „דער בונדיזם אין גאַליציע" דריקט זיך דער דאָזיקער איינפלוס אויס אין דעם, וואָס ער האָט גיכער געמאַכט די היסטאָרישע נויטווענדיקע אינעווייניקסטע עוואָלוציע פונם דאָזיקן פּראָלעטאַריאַט.

ביז דעם סאמע מאָמענט, ווען די י. פּ. ס. ד. איז אנטשטאנען, איז מיטן „בונד" אלס פּאַרטיי קיין קאנטאקט נישט געווען. די פאַרשפּרייטער פונם בונדיזם זענען געווען צופעליקע עמיגראנטן, וועלכע זענען פון אוקראינע דורך לעמבערג און פון דעם מערב-טייל פון רוסלאנד דורך קראקע, אנטלאָפן פאַר פּאָליטישע רדיפות פונם צאריזם, אָדער זיי האָבן זיך געצויגן צו דער זון פון פרייהייט אין מערב-אייראָפּע. שוין צום סוף פון די ניינציקער יאָרן איז דער יידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער קאָמיטעט אין לעמבערג אַריין אין קאָנטאַקט מיט איינעם פון אַזוינע עמיגראַנטן, ראָזען האָט ער געהייסן, וועלכער האָט דערנאָך געשיקט פון לאָנדאָן דער גרופּע בונדישע בראָשורן. מיטן אויסברוך פונם רוסיש-יאַפּאַנישן קריג איז די עמיגראַציע פון רוסלאַנד געוואָרן שטאַרקער, אָפטער ווי אַנדערע זענען געווען צוויי טיפּן עמיגראַנטן, דער אַרבעטער און דער סטודענט. אייניקע פון זיי זענען דורכגעגאַנגען דורך גאַליציע, אַזוי ווי דורך אַן עמיגראַנטן-עטאַפּ, אַרבעטנדיק דאָ אַ פּאָר חדשים; זיי האָבן געשאַפן אַ קרייזל, געהאַלטן אַ רעפעראַט, אויסגעלערנט רעוואָלוציאָנערע לידער און זענען אַוועק ווייטער מיט די אויסגעטראָטענע וועגן קיין מערב. צווישן די עמיגראַנטן האָט זיך געפונען יאַקאָבי, אַ דרוקער-אַרבעטער, וועלכער איז געקומען קיין קראָקע אין אָנהייב פון 1904. אין רוסלאַנד האָט ער אפנים נישט געהערט צו די באַדייטנדע טוער. ביי אונז אָבער האָט ער פשוט אימפּאָנירט מיט זיין דערפאַרונג און אַנטוויקלונג, וועלכע איז פאַר אַן אַרבעטער געווען גענוג גרויס. דאָס איז געווען אַ מענטש פון נישט-געוויינלעכער אויפריכטיקייט און יושר — אַ כאַראַקטער ווי קרישטאָל. — די קראָקעווער טוער האָבן דורך אים באַקומען צום ערשטן מאָל בונדישע ליטעראַטור דעם יובילײ-נומער

(№ 25) „אַרבעטער=שטימע“ און אַ באַריכט פון פיר קאָנפערענצן פונם „בונד“. יאַקאָבי איז נישט געווען רעדנער, זיינע אָנשויונגען האָט ער פּאָפּולאַריזירט צווישן אַ קליינעם קרייזל. ער האָט אָבער געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דער פּאָליטישער צוגרייטונג פון די דעמאָלטיקע טוער אין דער בונדישער ריכטונג. אין די געשפּרעכן מיט אים האָט זיך געלייטערט און קריסטאַליזירט אונזער בונדישע וועלט=אָנשויונג. אַן אויסגעמאַטערטער דורך די אַרעסטן האָט ער געבענקט נאָך שווייצאַריען, וואו ס'איז דעמאָלט געווען אַ געדיכטע נעץ פון בונדישע קאָלאָניעס. אין יאָר 1904 האָט ער פאַרלאָזט גאַליציע אויף שטענדיק. אין יאָר 1907 האָט מען אים מקבר געווען אויפן בית=עולם אין זשענעווו. אַ צווייטער, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין קראָקע אין דער צייט, וואָס פאַר דער אַנטשטייונג פון דער פאַרטיי, איז געווען בראָניסלאַוו גראָסער. דעמאָלט אַ יונגיטשקער סטודענט פון אוניווערזיטעט. ווי שפּעטער אויף דער הויך פון זיין טעטיקייט, האָט מען אים דאָ תיכף אָפּגעשאַצט ווי אַ מעכטיקע פערזענלעכקייט. ער האָט געהאַט אַ באַצויבערנדיקן פשוט איבערמענטשלעכן איינפלוס אויף זיינע עלטערע חברים.

פאַר דער צייט, וואָס ער איז געווען אין קראָקע, האָט געהאַט אַ ספּעציעל גרויסע באַדייטונג גראָסערס רעפעראַט וועגן דעם „בונד“, וועלכן ער האָט געהאַלטן צום סוף 1904 יאָר. די דיסקוסיע אויף דער פאָרלעזונג איז געווען זייער אינטערעסאַנט, ווייל עס האָבן אין איר אָנטייל גענומען די באַדייטנסטע פון דער דעמאָלטיקער יוגנט און פון די שפּעטערדיקע אידעישע פירער אין פאַרשיידענע ריכטונגען פון דער אַרבעטער=באַוועגונג. מצד דער פּ. פּ. ס. האָט גערעדט האָרוויץ (דעמאָלט אַ פּ. פּ. ס. = ניק), לעאָן וואַסילעווסקי (פלאָכאָצקי) און העקער, אין נאָמען פון ס. ד. ק. פּ. ל. דזיערזשינסקי און ראַדעק, און אין נאָמען פון „חרות“ גאָלדע. די דאָזיקע דיסקוסיע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גלענצענדן טעאָרעטישן און אָראַטאָרישן דערפאָלג פון גראָסערן. ער האָט מיטגעריסן מיט זיך אָנהענגער און האָט צעשמעטערט כמעט אַלע קעגנער מיט דער מאַכט פון זיין וואולקאַנישער רעדנער=קראַפט און אייזערנער לאָגיק. גראָסער, וועלכער האָט מיט אַן אייגנאַרטיקער פּאָלעמישער קראַפט באַנוצט אין די דאָזיקע דיסקוסיעס וועגן דעם „בונד“ אויסדריקן: „יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטיי פון פוילן, ליטע און רוסלאַנד, האָט אויסגעקעמפט מיט די דאָזיקע פאָרלעזונגען פאַר דער בונדישער אידעע בירגער=רעכט אויף אונזער באָדן. אין 1907 און 1911 האָט ער זיך נישט איינמאָל אומגעקערט קיין קראָקע, מיט וועלכער ער איז געווען צונויפגעבונדן מיט אַ סך פעדים און האָט גענומען דאָס וואָרט אין דער פראַגע פון „בונדיזם“ אויף די שפּאַלטן פונם חודש = זשורנאַל „קריטיקאַ“, אויף אַקאַדעמישע, אָדער אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, וועגן קישענעווער פּאָגראָם און וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע. ווען אין 1912 איז געקומען אַהער די שרעקלעכע ידיעה וועגן זיין טויט, האָט זיך צוזאַמען מיטן יידישן פּראָלעטאַריאַט פון פוילן, ליטע און רוסלאַנד, פאַרייניקט אין טרויער אויך דער יידישער אַרבעטער=קלאַס פון גאַליציע.

דער „בונד“, אַלס פּאָליטישע פאַרטיי, האָט קיינמאָל נישט געפירט קיין „קאָלאָניזאַטאָרישע“ פּאָליטיק. ער האָט נישט געגרינדעט קיין פּאָליטישע פאַרטייען, אַלס זיינע קאָלאָניעס, און ווען די י. ס. ד. פּ. אין גאַליציע איז אַנטשטאַנען, איז איר אַנטשטייונג געווען אַ רעזולטאַט פון דער געשיכטלעכער נויטווענדיקייט און צוגלייך נאָך אַ בולטער באַווייז, אַז די פּרינציפּן, אויף וועלכע דער „בונד“ האָט זיך געשטיצט, זענען געווען גערעכט און באַגרינדעט. אַן אויסדרוק פון די דאָזיקע אָנשויונגען געפינען מיר אין אַ בריוו, וועלכן דער צענטראַלער קאָמיטעט פונם בונד האָט געשיקט, אַלס ענטפער אויף

דער איינלאַדונג צו דעם קאָנסטיטויִרנדן צוזאַמענפאָר פון דער י. ס. ד. פּ. אין יאָר 1905. אין דעם בריוו געפינען מיר אַזעלכע שטעלן: „ווי איר ווייסט, האָבן מיר אַלס אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַגרענעצט איר אַרבעט מיט די אינטערעסן פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, תמיד געהאַלטן פאַר אוממעגלעך אויף אַ וואָסער נישט איז אופן זיך אַריינצומישן אין די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן פון דער גאַליציאַנער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע; אייך איז אָבער אויך באַקאַנט, אַז אונזער מיטגעפיל איז אינגאַנצן אויף דער זייט פון דער גערעכטער זאַך, וועמענס פיאָנערן איר זייט. מיר האָבן תמיד געהאַלטן און מיט אונזער גאַנצער טעטיקייט האָבן מיר באַשטעטיקט די אָנשויונג, אַז נאָר אַ יידישע אָרגאַניזאַציע, אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אָרגאַניש אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון קאַמף פון די יידישע אַרבעטער-מאַסן, וועלכע איז מיט אים אייזנפעסט צונויפגעקניפּט און גיסט זיך מיט אים האַרמאָניש צונויף, אַז נאָר אַזאַ אָרגאַניזאַציע קאָן ווערן די אמתע, רעאַלע פירערין פון די מאַסן אין קאַמף פאַר דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער באַפרייונג. מיר שיקן אייך די דאָזיקע האַרציקע באַגריסונג און מיר ווינטשן ערפאָלג אייער ערשטן צוזאַמענפאָר, וועלכער דאַרף לייגן פעסטע פונדאַמענטן אונטער דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער אין גאַליציע“.

נאָכן קאָנסטיטויִרנדיקן צוזאַמענפאָר איז די באַציִונג צום „בונד“ געוואָרן וואָס אַמאָל נעענטער, דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט האַרציקער. דער „בונד“ האָט גאַליציע געשטיצט מיט זיין ליטעראַטור און פּרעסע, און די דאָזיקע ליטעראַטור איז געווען דער יסוד, אויף וועלכן ס'האָט זיך ערצויגן אַ דור סאָציאַליסטישע טוער אין גאַליציע. אין די יאָרן 1906 און 1907 האָט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערע כוואַליע פאַרגאָסן רוסלאַנד, אַ נייע כוואַליע פון עמיגראַנטן איז דורכגעגאַנגען גאַליציע. ווידער האָבן אַרבעטער פון פּוילן און רוסלאַנד אָנגעהויבן זוכן אַרבעט אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אונזערע און נישט איינמאָל זענען זיי צווישן די יידישע אַרבעטער אין גאַליציע געוואָרן אַן אויפלעבנדיקער פערמענט. צווישן די דאָזיקע עמיגראַנטן האָט זיך געפונען וויינשטיין (נירנבערג, טוטיק), וועלכער האָט זייער טיכטיק געאַרבעט אין לעמבערג, צווישן זיי איז אויך געווען א. ווייטער, דעמאָלט אַ בונדיסט. זיי האָבן אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע אַגיטאַטאָרישע טעטיקייט און ווייטער האָט אַ חוץ דעם זייער שטאַרק מיטגעאַרבעט אין דעם אָרגאַן פון דער פּאַרטיי „דער סאָציאַל-דעמאָקראַט“, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שיינעם און האַרציקן אָנדענקען אין די ברייטסטע קרייזן. פאַרשטאַרקט די צייטשריפט מיט זייערע אַרטיקלען האָבן אויך ב. מיכאַלעוויטש און אסתּר פרומקין, וועלכע האָט רעפּרעזענטירט דעם בונד אויפן VI צוזאַמענפאָר פון דער י. ס. ד. פּ. אין קראָקע. מיט אַ ספּעציעלער פריינטלעכקייט און אינטערעס האָט זיך באַצויגן צו דער באַוועגונג אין גאַליציע פראַנץ שמיד, מיטגליד פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד, דעמאָלט אין זשענעווע. אַלץ לעבעדיקער איז געוואָרן דער קעגנזייטיקער מיינונגס-אויסטויש. פאַר דער גרויסער הילף און גייסטיקער אָנפירונג פונם בונד האָבן די גאַליציאַנער חברים אָפּגעדאַנקט מיט טעכנישער הילף, וועלכע איז געווען פאַרבינדן מיט קאָנספּיראַטיווע אַרבעט; זיי האָבן אויך געהאָלפן אָרגאַניזירן געהיימע צוזאַמענפאָרן פונם בונד אויף דער טעריטאָריע פון גאַליציע. די וועלט-מלחמה האָט איבערגעריסן די דאָזיקע באַציִונגען. דערפאַר האָט זיך נאָך אַ מער לעבעדיקער קאָנטאַקט פאַרבונדן נאָכדעם, ווי ס'איז אַנטשטאַנען די נייע פּוילישע מלוכה. די י. ס. ד. פּ. האָט נאָך עקזיסטירט באַזונדער, נאָר איר אַקציע איז געווען אינגאַנצן קאָאָרדינירט מיטן בונד. די פאָרמעלע פאַראייניקונג פון די דאָזיקע ביידע אָרגאַניזאַציעס אונטער דער פאָן פונם בונד

איז פֿאַרגעקומען אויפֿן פֿאַרייניקונגס־צוזאַמענפֿאָר אין אַפּריל 1920.

מען מוז צוגעבן, אַז נאָך גרעסער ווי דער טעאָרעטישער איז געווען דער מאָראַלישער איינפֿלוס פֿונם בונד. אין גאַליציע האָט געלעבט אַ דעגענערירטער דור. אין לאַנד האָט געהערשט פֿינסטערקייט, קאָרופּציע האָט אויפֿגעפֿרעסן דאָס עפּנטלעכע לעבן, דער זומפּ האָט אַריינגעצויגן די נשמות. פֿון דער יידישער גאַס האָט געווייט מיט פּוסטקייט. אין דער דאָזיקער אַטמאָספֿער זענען די ידיעות וועגן די העלדישע קאַמפֿן פֿון די יידישע אַרבעטער אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד, די ידיעות וועגן דעם העלדישן אויפֿטו פֿון הירש לעקערט, די ווידער־קולות פֿון די תּפֿיסות און גאַסן־קאַמפֿן געווען ביי אונז אַ ליכטיקע אַנטפּלעקונג. זיי האָבן אַרויסגערופֿן ענטוזיאַזם און באַוואונדערונג, זיי האָבן אָפּגערייניקט די נשמות, זיי האָבן ציטערן־געמאַכט די שענסטע סטרונעס אין די הערצער פֿון די יידישע מאַסן. דער בונדיזם איז געווען נישט בלויז אַ טעאָרעטישער ענטפֿער אויף די פּראָבלעמען פֿון דער יידן־פֿראַגע, דאָס איז געווען פֿריער פֿאַר אַלץ אַ גרויסע העלדישע באַוועגונג פֿונם יידישן פּראָלעטאַריאַט און די פֿאָן פֿונם בונד איז געוואָרן אויף אַלע צייטן דער סימבאָל פֿון באַפֿרייונגס־קאַמף און מסירת־נפֿש אָן גרענעצן.

אַ קורצער איבערבליק פֿון די געשעענישן נאָכן יאָר 1903

צוזאָגנדיק פֿאַרן נאָענטסטן „רויטן פּנקס" אַ גענויערע באַשרייבונג פֿון דער געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין גאַליציע, וועלן מיר דאָ צוליב גאַנצקייט פֿון בילד געבן אין אַלגעמיינע שטריכן דעם ווייטערדיקן גאַנג פֿון די געשעענישן.

דער פּעריאָד פֿון 1902—1903 איז געווען אַ צייט פֿון אַ באַלעבטער אַרבעטער־באַוועגונג. דערויף זענען געווען צוויי סיבות. פֿון איין זייט די בעסערע ווירטשאַפֿטלעכע קאָניונקטור, פֿון דער אַנדער זייט דער אויפֿגעוועקטער פּאָליטישער באַוואוסטזיין, אויף וועלכן עס האָבן ווי אַן אויפֿלעבנדיקער ווינט געווירקט די ידיעות וועגן דעם קאַמף, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט האָט געפֿירט אין פּוילן און רוסלאַנד. יענע כוואַליעס האָבן זיך אויפֿגעהויבן אַלץ העכער און שטאַרקער, ביז זיי האָבן אַרויסגערופֿן, ווי זייער מעכטיקסטן עכאָ, דעם גענעראַל־שטרייק פֿאַר אַלגעמיינע וואַל־רעכט דעם 28־טן נאָוועמבער 1905.

אויף דער יידישער גאַס איז געוואָרן קאָכעדיק. צו דער אַרבעט שטעלן זיך יונגע כּוחות, די שפּעטערדיקע שעפֿער פֿון דער זעלבשטענדיקער פּאַרטיי, אין יענער צייט נאָך סטודענטן פֿון אוניווערזיטעט. בראש פֿון דער דאָזיקער אַרבעט, אַלס אידעאַלע פֿירער, רוקן זיך אַרויס: איינאָוויגלער אין לעמבערג, בראָס און גראָסמאַן אין קראָקע; זיי בויען אויך אַ ריי אָרגאַניזאַציעס אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון גאַליציע. אין מזרח האָבן זיך נאָך איינגעהאַלטן די לאַנגאָניקע אָרגאַניזאַציעס פֿון יידישע אַרבעטער. איינאָוויגלער, וועלכער איז אַריין אין דער באַוועגונג נאָך אַלס יונגער סטודענט, האָט אָנגעטראָפֿן אויף אַרבעטער מיט אַ טראַדיציע און מיט אָרגאַניזאַטאָרישער דערפֿאַרונג, צווישן זיי זענען געווען די חברים פֿאָך, בלינד, בירנבוים, און דער יונגער איינבינדער־אַרבעטער יהושע נעקער, וועלכער איז שפּעטער געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פֿון דעם אָרגאַן פֿון דער י. פּ. ס. ד. „דער סאָציאַל־דעמאָקראַט" (נעקער איז געשטאָרבן דעם 13־טן נאָוועמבער 1913).

אין מערב־גאַליציע זענען דעמאָלט געווען נאָר חורבות און ערינערונגען וועגן די אַמאָליקע פאַריינען „ברידערלעכקייט" אַ דאַנק דער פיבערהאַפטער, קרבנותפולער אַרבעט פֿון אַ צענדליק יונגע טוער האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן שטאַרקע אָרגאַניזאַציע אין קראָקע, טאַרנאָוו, פשעמישל, אַפילו אין דעם קלעריקאַלן קשאַנאָוו און אין אַנדערע שטעטלעך. אין מזרח־גאַליציע — אין לעמבערג, סטאַניסלאַוואָוו, טאַרנאָפּאָל, קאָלאָמיי, זלאָטשעוו און אין אַ ריי קלענערע שטעט. אין דער אַגיטאַציע־אַרבעט האָבן אין יענער צייט גענומען אַ לעבעדיקן אָנטייל אין קראָקע — די חברים פּאַפיר, שרייבער, פייגער, דעמביצער; אין פשעמישל — מ. פּאַסט, אין טאַרנאָוו — יהושע לאַנדוי, אין טאַרנאָפּאָל — בירפּאַס. די אַרבעט האָט געקאָכט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אין די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, אין די קולטור־פאַריינען. אין מערב־גאַליציע האָט געפירט קראָקע, אין מזרח — לעמבערג. דאָרטן האָט די באַוועגונג אַ סך געהאַט צו פאַרדאַנקען דער אומדערמידלעכער ענערגיע און אומגעוויינלעכן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט פון דעם דעמאָלט נאָך יונגעטשקן קאַרל איינאויגלער. אין די אָרגאַניזאַציעס פֿון די יידישע אַרבעטער האָט אויפגעבליט אַ נייַ לעבן. דעם ערשטן מאָל האָט זיך אין גאַליציע אויפגעהויבן אַ מאַסן־באַוועגונג פון יידישע אַרבעטער מיט אַ בולטער פיזיאָנאָמיע פֿון עמאַנסיפּאַציע. די דאָזיקע באַוועגונג האָט וואָס ווייטער פֿאַרכאַפּט אַלץ ברייטערע אַרבעטער־קרייזן און זי האָט אויך אַריינגעצויגן אין דער ספערע פֿון איר איינפלוס פאַר יענער צייט ברייטע קרייזלעך פון דער יונגער יידישער אינטעליגענץ. מיטן וואוקס פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געוואַקסן דאָס באַדערפעניש אין יידישע אַגיטאַטאָרן, בראָשורן און צענטראַליזאַציע פון דער פּראָפּאַגאַנדע. דאָס לעבן אַליין האָט אַרויסגערוקט נייע פּראַגן, פּראַקטישע און אָרגאַניזאַטאָרישע. עס איז געוואַקסן דאָס באַדערפעניש צו צענטראַליזירן די באַוועגונג. דעם וועג האָט דאָ געוויזן דער סטאַטוט פֿון דער פעדעראַטיוו־אָרגאַניזירטער עסטרייכישער ס.ד. דעם אינהאַלט האָט געגעבן דאָס לעבן, אין אַ באַשטעטיקונג, אַז אונזערע אנשויונגען זענען גערעכטע האָבן מיר געפונען אין דעם היסטאָרישן וועג, וואָס דער בונד האָט שוין דעמאָלט געהאַט דורכגעמאַכט. ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער אינעוויינקסטער לאָגיק פֿון דער באַוועגונג האָט זיך בראש פון די אָרגאַניזאַטאָרישע פּראַגן אַלץ שטאַרקער אַרויסגערוקט דאָס פּראָבלעם פון אַ זעלבשטענדיקער גלייכגעשטעלטער יידישער ס. ד.

דאָס באַדייטנדסטע געשעעניש פֿונם יאָר 1903 איז געווען די קאָנפערענץ פון די יידישע אַרבעטער פון דער פּ.פּ.ס. אין לעמבערג, אויף וועלכער דער פאָרשלאַג צו שאַפן אַ י. ס. ד. פּ. איז דורכגעפאַלן אַ דאַנק די באַמיונגען פון דיאַמאַנט, דאַשינסקי און האַנקיעוויטש. תיכף נאָכן צוזאַמענפאָר האָט זיך אַ גרופּע דעלעגאַטן, צווישן זיי בירנבוים, פּאָך און עקער, צוזאַמענגערעדט און באַשלאָסן צו פאַרשפּרייטן און פּראָפּאַגאַנדירן דעם געדאַנק פון אַ זעלבשטענדיקער יידישער פּאַרטיי. צו דער דאָזיקער גרופּע האָבן אויך געהערט קאַראָל איינאויגלער פון לעמבערג און הענריק גראָסמאַן פון קראָקע, וועלכע זענען קיין דעלעגאַטן אויף דער קאָנפערענץ נישט געווען. די דאָזיקע אַרבעט, געפירט פֿון צוויי צענטרן, קראָקע און לעמבערג, האָט געבראַכט צום סוף צו אַ געהיימער קאָנפערענץ אין אָקטאָבער 1904 אין פשעמיסל, וועלכע האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר אַ ברייטן פונדאַמענט פון אַרבעט פאַר אַ זעלבשטענדיקער פּאַרטיי. די דאָזיקע קאָנפערענץ איז געווען אַ צוגרייטונג צום IX קאָנגרעס פון דער פּ. ס. ד. פּ., וועלכער איז פאָרגעקומען אין קראקע סוף אָקטאָבער 1904. נאָך דער קאָנפערענץ האָט זיך דער שווערפּונקט פון דער אַרבעט און די אָנפירונג אַריבערגעטראָגן קיין קראָקע, וואו בראש

פון דער אָנפירונג האָבן זיך אַרויסגערוקט גראָסמאַן און בראָס. צוזאַמען מיט קאַראָל איינאָויגלער און מאַקסימיליאַן ראָס פון קראָקע האָבן זיי אָנגעפירט מיט דער אַקציע אויפן צוזאַמענפאָר פון דער פּ. ס. ד. פּ. אין קראָקע. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט מען אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג אויסצודריקן אומצוטרוי דעם יידישן אַגיטאַציע-קאָמיטעט און מ׳האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס פאַרורטיילט די שטרעבונגען צו שאַפן אַ יידישע פּאַרטיי, ווי אַ שעדלעכע, סעפּאַראַטיסטישע, וואָס ליגט אין „אינטערעס פון די ציוניסטישע און אַנטיסעמיטישע אויסנוצערס“.

די אָנהענגער פון אַ זעלבשטענדיקער פּאַרטיי האָט מען געגעבן דעם באַליידיקנדיקן צונאָמען „סעפּעראַטיסטן“ און מ׳האָט געלאָזט אין גאַנג דעם אָרגאַניזאַציע-אַפּאַראַט, כדי צו מאַכן זיי אומשעדלעך אין די אָרגאַניזאַציעס. אין אַפּריל 1905 איז אין פּשעמיסל פאָרגעקומען אַ פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן די פּ. ס. ד. פּ. האָט באַשלאָסן צו געבן דעם לעצטן קלאַפּ. דאָרטן האָט מען דורכגעפירט אַ באַשלוס, אַז מ׳לאָזט פאַנאַנדער אַלע אַלגעמיין-פּראָפעסיאָנעלע בילדונגס-פאַריינען, דאָס הייסט די פאַריינען „ברידערלעכקייט“ און „פּאָסטעמפּ“, וועלכע האָבן גרופּירט אַרום זיך אַזעלכע אַרבעטער, וואָס זענען נישט אָנגעשלאָסן געווען אָן קיין שום פּראָפעסיאָנעלער צענטראַלע, און מוער פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָבן נישט געהערט צו קיין שום פּראָפעסיאָנעלער גרופּע. אין די קלענערע שטעט זענען די דאָזיקע פאַריינען געווען כמעט די איינציקע פאָרם, וועלכע האָט צוזאַמענגענומען די יידישע אַרבעטער. דער דאָזיקער באַשלוס האָט באַדאַרפט דורכגעפירט ווערן אין משך פון 1 יאָר. ער האָט צעשלאָגן די אילוזיע פון דער מעגלעכקייט צו שאַפן אַ י. ס. ד. פּ. אין הסכם מיט דער פּ. ס. ד. פּ., וועלכע איז דעמאָלט געווען די איינציקע פאָרשטייערין פונם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט אין גאַליציע.

די פאָרבערייטונגען צו דער אַנטשטייונג פון אַ באַזונדערער פּאַרטיי זענען געגאַנגען מיט אַ געוואַלטיקן אימפּעט אַזוי, אַז אויף די פאַרזאַמלונגען פון די יידישע אַרבעטער, וואָס זענען צונויפגערופן געוואָרן אויפן 1 מאַי 1905, האָט מען פּראָקלאַמירט די אַנטשטייונג פון דער זעלבשטענדיקער י. ס. ד. פּ. דער מאַניפעסט איז געווען דער אויפרוף: „וואָס ווילן מיר?“ *).

די פּראָקלאַמאַציע פון דער נייער פּאַרטיי האָט אַרויסגערופן מצד דער פּ. ס. ד. פּ. אַ הוראַגאַניש פייער. דעם 2-טן מאַי האָט איגנאַצי דאַשינסקי אַרויסגעלאָזן אַן אָפענעם בריוו צו די סעפּאַראַטיסטן, וועלכער איז אויסגעקלעפּט געוואָרן איבער די שטעט אין גאַליציע. דעם 8-טן מאַי האָט די פאַרוואַלטונג פון דער פּ. ס. ד. פּ. איינשטימיק אָנגענומען אַ באַשלוס, וועלכער פאַרורטיילט די אַנטשטייונג פון דער נייער פּאַרטיי. דערביי האָט די פאַרוואַלטונג געפּרווט שאַפן אין איר רעזאָלוציע אַן אילוזיע, אַז מיט דעם, וואָס זיי האָבן פּראָקלאַמירט די אַנטשטייונג פון דער נייער פּאַרטיי, האָבן די יידישע אַרבעטער צעשלאָגן די איינהייט פונם פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז געווען נישט מער ווי אַן אילוזיע, ווייל נישט אויף דער טעריטאָריע פון דער עסטרייכישער מלוכה, נישט אין גאַליציע איז נישט געווען קיין איין צענטראַליזירטע פּאַרטיי, נאָר באַזונדער

---

*) דער אויפרוף „וואָס ווילן מיר“ אין פּוילישער און יידישער שפּראַך, קראָקע 1905.
„ „ „פאַרן קאָנגרעס“ „ קראָקע 1905.
גראָסמאַן ה.: „דער פּראָלעטאַריאַט בנוגע צו דער יידן-פראַגע“, 1905 (אויף דייטש).
ד״ר נ. בירנבוים [אחר מ.]: „דאָס שטיפקינד פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע“.
באַלאַקאַם דוד: „די סאָציאַלדעמאָקראַטיע און דער יידישער פּראָלעטאַריאַט“, בוקאָווינע.

אָרגאַניזירטע פּאַרטייען פֿונם פּוילישן און פֿונם אוקראַינישן פּראָלעטאַריאַט. אַ חוץ דעם זענען אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע געווען אַסימילאַטאָרישע אויספֿירונגען וועגן דער נויטיקייט זיך אַנטקעגנצושטעלן דער יידישער שפּראַך. אין איר זענען אַפֿילו געווען רכילות, וועלכע האָבן באַדאַרפֿט באַפֿלעקן די אָנשוויונגען פֿון דער ניי=אַנטשטאַנענער פּאַרטיי אַלס אַ „דעמאַגאָגישע“.

דעם 13=טן מאַי האָט די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער אַלגעמיינער עסטרייכישער ס. ד. באַשטעטיקט די נעגאַטיווע שטעלונג בנוגע דער אָפּגעזונדערטער פּאַרטיי, און דער שטאַנדפּונקט איז געווען כמעט אינגאַנצן ענלעך צו דעם שטאַנדפּונקט פֿון דער פּ. ס. ד. פּ. דער צעווילדעוועטער שטורם אין דער אייגענער און פֿרעמדער פּרעסע האָט נישט אָפּגעהאַלטן דעם מאַרש פֿון דעם יידישן אַרבעטער=קלאַס. אויפֿן 9=טן און 10=טן יוני האָט דער אָרגאַניזיר=קאָמיטעט צונויפֿגערופֿן אין לעמבערג דעם ערשטן קאָנסטיטויִרנדן קאָנגרעס, אויף וועלכן ס׳זענען געקומען צוזאַמען מיטן אָרגאַניזיר-קאָמיטעט 52 מענטשן, דערפֿון 39 דעלעגאַטן פֿון דער פּראָווינץ. ס׳זענען געווען רעפּרעזענטירט פֿאָלגנדע שטעט: קראָקע, לעמבערג, טאַרנאָפּאָל, בראָד, זלאָטשאָוו, בוטשאַטש, טאָרנע און פּשעמישל. צווישן די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן געמאָלדן זייער אָנשלוס, האָט זיך געפֿונען איינער פֿון די באַדייטנדסטע סאָציאַליסטישע טוער דר. אַנזעלם מאָזלער פֿון באַטשאַטש. דער דאָזיקער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן אָנצונעמען דאָס אַלגעמיינע פּראָגראַם פֿון דער עסטרייכישער ס. ד. פֿון יאָר 1901 און דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פֿון 1899. אין מאַי 1906 איז פֿאָרגעקומען אַ צווייטער צוזאַמענפֿאָר אין לעמבערג, אויף וועלכן די דעלעגאַטן האָבן רעפּרעזענטירט 2,800 אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער, מ׳האָט קאָנסטאַטירט דעם וואוקס פֿון דער פּאַרטיי, ס׳זענען צוגעשטאַנען אָדער געשאַפֿן געוואָרן העכער אַ צענדליק נייע אָרגאַניזאַציעס. דער דאָזיקער צוזאַמענפֿאָר האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע זאָגט זיך אַרויס פֿאַר אַ נאַציאָנאַל=קולטורעלער אויטאָנאָמיע, און אַ רעזאָלוציע, וועלכע באַשטימט די פּאָזיציע פֿון דער פּאַרטיי צו די קהילות. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר איז צום ערשטן מאָל דער בונד געווען רעפּרעזענטירט דורך אַ דעלעגאַט—דעם חבר לנו (גאָזשאַנסקי). אין נאָמען פֿון די יידישע אַרבעטער אין בוקאָווינע האָט דעם צוזאַמענפֿאָר באַגריסט ח׳ טראָפּער, וועלכער האָט געמאָלדן, אַז אין דריי חדשים אַרום וועט אין בוקאָווינע פֿאָרקומען אַ קאָנפֿערענץ, אויף וועלכער ס׳וועט פּראָקלאַמירט ווערן, אַז די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין בוקאָווינע שטייען=צו צו דער י. ס. ד. פּ. אין גאַליציע. דער דריטער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אין דער צייט פֿון פּאָליטישער דעפּרעסיע און האָט נישט געהאַט קיין ספּעציפֿיש אינטערעסאַנטע מאָמענטן. דער פֿערטער צוזאַמענפֿאָר, אין אָקטאָבער 1910, איז פֿאָרגעקומען אונטער דעם צייכן פֿון דער פֿאָרשטייענדיקער פֿאָלקסציילונג. מ׳האָט באַשלאָסן צו אַנטוויקלען אַ מאַסן=אַגיטאַציע פֿאַר רעגיסטרירן אַלס מוטער=שפּראַך יידיש, וועלכע איז אין עסטרייך נישט געווען אָנערקענט, כדי צו באַקומען דערנאָך אַ שטאַרקערן פֿונדאַמענט פֿאַר די נאַציאָנאַל=שפּראַכלעכע פֿאָדערונגען, פֿאַר וועלכע די י. ס. ד. פּ. האָט געפֿירט אַ קאַמף. צו דעם קאָנגרעס האָט דער „בונד“ צוגעשיקט אַ באַגריסונגס-בריוו, אין וועלכן ער שרייבט צווישן אַנדערע: „אויף אייך וואַרט דער זעלבער קאַמף, וואָס אונדז וועגן די רעכט פֿון דער יידישער שפּראַך און קעגן דעם פּראָגרעסיוון אַנטיסעמיטיזם פֿון ניעמאָיעווסקין און פֿון דער מאָשטשענסקאַ“. אויפֿן קאָנגרעס זענען געווען 66 דעלעגאַטן. מ׳האָט באַשלאָסן צו אַנטוויקלען אַן אַקציע פֿאַר די רעכט פֿון דער יידישער שפּראַך אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען. דעם עקזעקוטיוו, האָט מען באַשלאָסן,

ווידער איבערצוטראָגן קיין קראָקע. די פּאַרטיי האָט געציילט דעמאָלט 80 אָרגאַניזאַציעס אין 32 ערטער און אין זיי 4.206 מיטגלידער.

אין אָנהויב 1911 האָבן זיך אָנגעהויבן אינטענסיווע אונטערהאַנדלונגען מיט די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך נאָך אין קליינע רעשטלעך גרופּירט אַרום דער פּ. ס. ד. פּ. די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען האָבן אין יאָר 1911 געבראַכט צו אַ פאַרייניקונגס-קאָנגרעס אין לעמבערג. דערדאָזיקער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען זייער פייערלעך. עס זענען געקומען 123 דעלעגאַטן, 10 מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון י. ס. ד. פּ. און 6 פון דער פאַרוואַלטונג פון דער י. ס. ד. (ווי אַזוי ס'האָבן זיך פאַרקירצט אָנגערופן די יידישע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּ. ס. ד. פּ.). אויף דעם קאָנגרעס זענען געווען אַלס געסט פון דער פּ. ס. ד. פּ., דאַשינסקי און האַוזנער, פון דער אוקראַאינישער ס. ד. וויטוק און לעווינסקי. דאַשינסקי און וויטוק האָבן באַגריסט דעם צוזאַמענפאָר, אויך די עסטרייכישע ס. ד. האָט צום ערשטן מאָל צוגעשיקט אַ באַגריסונג, געווען אויך אַ באַגריסונג פון בונד. מיט גרויס באַגייסטערונג האָט דער קאָנגרעס איינשטימיק באַשלאָסן, אַז אַלע יידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס פון גאַליציע שטעלן זיך אונטער דער פאָן פון דער י. ס. ד. פּ.. פאַר דער י. ס. ד. פּ. איז עס געווען אַ גרויסער נצחון נאָך אַזויפיל יאָרן פון שווערן קאַמף. די אַזוי גערופענע סעקציאָניסטן (די יידישע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּ. ס. ד. פּ.) האָבן צוליב זייער שוואַכקייט נישט מיטגעבראַכט קיין גרעסערע צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אָבער דער נצחון איז געווען אַ מאָראַלישער, ווייל צוזאַמען מיט די סעקציעס זענען אַריין אויך די פריערדיקע פירער פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, ווי ד"ר מאַקס צעדערבוים, ד"ר ביבער און סאַלאַמאַנדער, וועלכע האָבן אין די רייען פון דער פּ. ס. ד. פּ. פאַרנומען אַ חשובן אָרט.

די באַציִונג צו דער פּ. ס. ד. פּ. האָט געדאַרפט רעגולירט ווערן שפּעטער. דערווייל האָט אַ וויי-געטאָן גאָר אַן אַנדער ווינט. ס'האָבן זיך צעוויגט די כוואַליעס פון אַנטיסעמיטיזם און זיין שמוציקער שוים האָט דערגרייכט ביז צו די רייען פון דער פּ. ס. ד. פּ. און איר אַרבעט.

בעת ווען ס'איז געקומען דער קאָנגרעס פון דער פּ. ס. ד. פּ. זענען די באַציונגען צווישן איר מיט דער י. ס. ד. פּ. שוין געווען אָנגעשטרענגטע. די באַדינגונגען, וועלכע מ'האָט געשטעלט דער י. ס. ד. פּ., זענען געווען: אויפגעבן איר זעלבשטענדיקייט אין די פראַגן פון דער לאַנד-פּאָליטיק און איר אויסערלעכע רעפּרעזענטאַנץ אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן.

די פּ. ס. ד. פּ. האָט באַשיינפּערלעך געוואָלט זיך אַרויסדרייען פון דער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין יאָר 1911. און די אחריות פאַר דעם שפּרונג אויף צוריק האָט גענומען אויף זיך דאַשינסקי, דער זעלביקער דאַשינסקי, וועלכער האָט אין 1911 רעפּרעזענטירט זיין פאַרטיי אויפן פאַרייניקונגס-צוזאַמענפאָר און דורך דעם פאַקט אַליין, וואָס ער איז דאָרטן געווען, ווי אויך דורך די ווערטער, וועלכע ער האט דאָרט אַרויסגעזאָגט, האָט ער אַלס פאַרטרעטער פון דער פּ. ס. ד. פּ. בפירוש איבערגענומען אַ מאָראַלישע התחיבות צו רעספּעקטירן די זעלבשטענדיקייט פון דער י. ס. ד. פּ.

אין יאָר 1913 איז פאָרגעקומען דער זעקסטער צוזאַמענפאָר פון דער י. ס. ד. פּ. אויף דעם דאָזיקן צוזאמענפאר איז שוין די פּ. ס. ד. פּ. נישט געווען רעפּרעזענטירט. די אונטערהאַנדלונגען מיט דער עקזעקוטיווו פון דער פּ. ס. ד. פּ. האבן זיך איבערגעהאַקט. צומארגנס נאכן קאָנגרעס האט די פּ. ס. ד. פּ. אנגעהויבן צו אַטאַקירן די

יידישע ס. ד. פּאַרטיי. די דאזיקע אַטאַקעס האבן אבער נישט צעבראָכן און נישט אַפילו אַ טרייסל-געטאן די אייניקייט פון דער פּאַרטיי. אַ פּאר פון די פריערדיקע פירער פון דער „סעקציע" האבן זיך אומגעקערט צו דער פּ. ס. ד. פּ. די אַרבעטער, וועלכע זיי האבן אַריינגעפירט, זענען אבער געבליבן ביי דער פאָן פון דער זעלבשטענדיקער פּארטיי. די פּ. ס. ד. פּ. האָט אפילו נישט געפּרווט מאַכן וואָס פּאַראַ נישט פּראָבעס צו אָרגאַניזירן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. ווי שוין געזאגט, האט אַ בלאָז-געטאָן אַן אנדער ווינט; די נאָכאַנאַנד זיך באַנייענדיקע יידן-פראַגע וואָלט געווען אַ באַלאַסט פאַר דער פּ. ס. ד. פּ.

ווידער האָט זיך פאַר אונז אָנגעהויבן אַ וועג פון איזאָלירטן מאַרש. אונזער טאַקטישע ליניע האָט זיך נישט איבערגעבראָכן; אויף אונזער פאָן איז געבליבן דער אַלטער לאָזונג: מיר ווילן זיך באַהעפטן מיטן פּוילישן פּראלעטעריאט, אָבער ווי גלייכע מיט גלייכע. די באַציִונגען צווישן דעם פּוילישן פּראלעטאריאט מיטן יידישן זענען שוין ערגער נישט געווארן, די געמיינזאַמע צענטראַלע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע און אויך די צוזאַמען-דורכגעמאַכטע פּאָליטישע קאַמפן האָבן געוואָרפן אַ בריק פאַר דער אידעע פון קלאַסן-סאלידאריטעט, די צייט האט פאַר איר געאַרבעט מיט אַן אומפאַרמיידלעכער היסטאָרישער לאָגיק.

די יידישע ארבעטער-באוועגונג איז זיך געגאנגען מיט איר אייגענעם וועג, אונטער אירע אייגענע לאָזונגען, אונטער אַן אייגענער פאָן. די ארבעט האט איבערגעריסן די וועלט-מלחמה, וועלכע האָט געמאַכט גרויסע שפּאַלטן אין דער י. ס. ד. פּ., ארויסרייסנדיק פון אירע רייען הונדערטער אין מיליטער אָפּגעגעבענע חברים, וועלכע האָבן זייער יונג לעבן מקריב געווען אויף די שלאַכט-פעלדער. נאָך דער אַנטשטייונג פון דער פּוילישער מלוכה האָט זיך גלייך געשטעלט אויפן טאָג-אָרדנונג די פראַגע וועגן אָרגאַניזאציאלער אייניקייט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באוועגונג. נאָכן אויסהיילן די וואונדן פון דער מלחמה, איז מען ווידער צוגעטרעטן צו דער פּאָליטישער אַרבעט אין גאַליציע, און אין די סאציאליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָט ווידער אָנגעהויבן בליען אַ ניי לעבן. אין אפּריל 1920 איז פארגעקומען דער זיבעטער צוזאַמענפאָר פון דער י. ס. ד. פּ., וועלכער האָט איינשטימיק באַשלאָסן זיך פאַראייניקן מיטן „בונד". דער דאָזיקער באַשלוס איז דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן אויפן פאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר אין אַפּריל 1920.

די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פון גאַליציע, פאַראייניקט אין דער י. ס. ד. פּ., זענען פריער אויך געווען צוגעבונדן צום בונד מיט פעדים פון אידעישער געמיינשאַפט און ברידערלעכקייט. איצט האָבן זיי זיך אָרגאַניזאַציאָנעל מיט אים פאַראייניקט, בילדנדיק איין פּאַרטיי אונטער די לאָזונגען און פאָן פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער-בונד אין פּוילן".

ד"ר י. בראָס

צו דער געשיכטע פון פועלי־ציוניזם אין פוילן

נאָכן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1903 אין באַזעל, וואו די גאַנצע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך, צוליב דער אוגאַנדא־פּראַגע, צעטיילט אויף ניין־זאָגער און יאָ־זאָגער, איז אין די ציוניסטיש־דעמאָקראַטישע קרייזן אין וואַרשע אויפגעהויבן געוואָרן אַ דיסקוסיע מכּוח פּאַלעסטינע גופא. צו יענער צייט זענען אין וואַרשע געווען אַ פּאָר ציוניסטישע קרייזלעך, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן ביי דעם פּראָגראַם פון דער אַזויגערופענער „דעמאָקראַטישער פראַקציע“ פון פינפטן קאָנגרעס, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך לעאָן מאָצקין, חיים ווייצמאַן און אַבערסאָן. די קרייזלעך אין וואַרשע זענען באַשטאַנען פון פאַרשידענע עלעמענטן: די סטודענטישע „קדימה“, דער פרויען־קרייז „דבורה“, אַרבעטער־קרייז „התחיה“, יוגנט־קרייז „מתתיהו“ און נאָך אנדערע קלענערע. דער יוגנט־קרייז „מתתיהו“ האָט, אייגנטלעך, נישט געשפּילט קיין ראָלע, פון אים זענען אָבער אַרויס א פּאָר שפּעטערדיקע טוער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי יצחק טאַבענקין, פירער פון „אַחדות העבודה“ אין פּאַלעסטינע, און אַנד.

סוף 1903 זענען אויף נאָוואָליפּקי 24 פאָרגעקומען פאַרביסענע דיסקוסיעס צווישן די מיטגלידער פון די דריי ציוניסטיש־דעמאָקראַטישע קרייזן. ווי איך דערמאָן מיך האָבן אין די ויכּוחים אָנטייל גענומען: יצחק גרינבוים, אָלשוואַנגער (ביידע ברידער), האַרטגלאַס, זיידענמאַן און אַנדערע פון „קדימה“, אייניקע מיטגלידער פון „דבורה“, די ברידער לעשטשינסקיס (יעקב, יוסף און, דאַכט זיך, נאָך אַ יוסף), שלמקע זוסמאַן, (דעמאָלט נאָך אַ חסידישער יונגערמאַנטשיק אין א קאַפּאָטקע), שפּרינצאַק פון „התחיה“ (איצט פירער פון הפועל הצעיר אין פּאַלעסטינע) און אַנדערע.

די דיסקוסיעס האָבן זיך געצויגן גענוג לאַנג און צו קיינע רעזולטאַטן נישט געבראַכט. יעדערער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע. די גרופּן אַלס גאַנצע זענען געבליבן פּאַלעסטינישע, נאָר אייניקע מיטגלידער זענען אַוועק און האָבן מיטגעהאָלפן שאַפן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, הגם זיי האָבן זיך נאָך אַ צייט לאַנג גערופן פועלי־ציון, נישט געקוקט אויף זייער טעריטאָריאַליזם.

אין „קדימה“, צו וועלכער איך האָב געהערט, האָט מען זיך אָנגעהויבן פאַרינטערעסירן מיט די פּאַלעסטינער פועלי־ציון. אין וואַרשע גופא זענען נאָך אַזעלכע נישט געווען בנמצא. קיין ליטעראַטור איז אויך נישט געווען, און ווען מיר איז, סוף 1904, אויסגעקומען צו רעפערירן אין „קדימה“ וועגן פועלי־ציון, האָב איך זיך גע מוזט באַגנוגענען נאָר מיט תּורה שבעל פּה.

אין רוסלאַנד האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די עפּאָכע פֿונם אַזויגערופֿענעם פֿרילינג, ווען מיניסטער פֿון אינערן איז געוואָרן סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי. אין אַלע קרייזן איז געשטיגן דער אינטערעס צו דער אַלגעמיין-רוסלענדער פּאָליטיק, און די יאַנואַר-טעג (דער 9-טער יאַנואַר פֿון 1905) האָבן זיך אָפּגערופֿן אין אַלע גרעסערע שטעט מיט אַ ריי סטודענטישע אַרויסטרעטונגען און אַרבעטער-שטרייקן.

מיר, וואַרשעווער סטודענטן, האָבן, פֿאַרשטייט זיך, אויך געשטרייקט נאָך אַ סכאָדקע דעם 15-טן יאַנואַר אין אוניווערזיטעט, אויף וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פֿאָדערן „צוויי קאָנסטיטואַנטעס" — אַ גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג אין פּעטערבורג און אין וואַרשע. דעם אוניווערזיטעט האָט מען פֿאַרמאַכט און די סטודענטן האָבן זיך פֿאַרנומען... נאָך מער מיט פּאָליטיק.

די געזעלשאַפֿטלעכע אויפֿלעבונג פֿון יענע טעג האָט אויך פֿאַרן ציוניזם בולטער גע־מאַכט די נויטווענדיקייט זיך מערער אָפּצוגעבן מיט אָרטיקער פּאָליטיק; יעדנפֿאַלס פֿאַרבינדן מער דעם פּאַלעסטינישן אידעאַל מיט דער „געגנוואַרטס-אַרבעט".

צו יענער צייט האָט מען עפּעס אָנגעהויבן צו רעדן אין אונזערע קרייזן וועגן אַ גרופּע פּועלי-ציון, וואָס איז אַנטשטאַנען אין „התחיה". די גרופּע איז אָבער עפֿנטלעך אַרויס־געטרעטן ערשט אין אַפּריל-מאַי 1905, ווען זי האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן אָפֿיציעל פֿון „התחיה" און אַליין פֿאַר זיך געוועלט אַ דעלעגאַט (בן-ציון ראַסקין) צום 7-טן ציוניסטישן קאָנגרעס. די גרופּע איז באַשטאַנען פֿון אַן ערך 70 מאַן, דורכויס אַרבעטער מיט אַ פּאָר אינטעליגענטן בראש: בן-ציון (ראַסקין), יצחק ט. (טאַבענקין) און אַלטער גאָטליב (דער איצטיקער גאָטליב פֿון ניו-יאָרקער „פֿאָרווערטס").

בן-ציון ראַסקין, דער עלטסטער צווישן זיי, אַ מענטש פֿון אַ יאָר 30, אַ לערער, מיט געוויסע ליטעראַרישע פֿעיקייטן (ער האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן איבערגעזעצט אין יידיש „האיאוואטא" פֿון לאָנגפֿעלאָ) און אַביסל וויסנשאַפֿט. ער פֿלעגט אַמאָל אַרויסזאָגן אַ גאַנץ טיפֿן געדאַנק; דאָס פֿלעגט אָבער פּאַסירן גאַנץ זעלטן — ס'רוב פֿלעגט ער אַרויסווייזן נישט קיין שנעלע אָריענטאַציע. דערצו האָט ער פֿאַרמאָגט אַ פֿאַרביסענע אַמביציע. ווי מיר דאַכט זיך האָט זיין אויטאָריטעט דעמאָלט באַזירט נישט אַזוי אויף זיינע אייגענע מעלות, ווי אויף דעם, וואָס יצחק טאַבענקין האָט אין אים געגלויבט.

יצחק איז געווען אַ יינגל פֿון אַ יאָר 19. ער האָט זיך געקאָנט טיף אַריינגריבלען אין יעדער זאַך. אַ גלענצנדער אַגיטאַטאָר מיט אַ גרויסער איבערצייגונגס-קראַפֿט. די לעצטע איז געלעגן מער אין זיין טיפֿן באַגייסטערטן גלויבן, אין זיין פֿעיקייט צו באַגייסטערן אַנדערע, ווי אין דער לאָגיק פֿון דענקען. מיט זיינע פֿייערדיקע עק־זאַלטירטע אויגן און גליענדיקן טעמפּעראַמענט איז ער געוואָרן דער ליבלינג פֿון אַלע חברים און זייער פֿירער. היינט צו טאָג איז ער איינער פֿון די סימפּאַטישסטע, איבערגעגעבנסטע און באַליבטע פֿירער פֿון דער ארץ-ישראלדיקער „אחדות העבודה". זיין השפּעה האָב איך שטאַרק געפֿילט כמעט אין אַלע פּאַלעסטינער קבוצות, וואו איך בין געווען, און וואו עס האָבן געהערשט שטאַרק אויסגעשפּראָכענע אַנאַרכיסטיש-אינדיווידואַליסטישע שטימונגען.

אָט די צוויי מענטשן זענען עס געשטאַנען בראש פֿון דער פּועלי-ציון-גרופּע, וואָס האָט זיך דעמאָלט אַ נאָמען געגעבן „די יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע „פּועלי-ציון" אין וואַרשע".

די וויכטיקסטע פֿראַגע, וואָס מען האָט געדאַרפֿט באַשליסן אויפֿן 7-טן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז געווען: פּאַלעסטינע אָדער אַ טעריטאָריע בכלל. אוגאַנדאַ, אַ"ש אַזעלכע, איז שוין אַראָפּ פֿון סדר-היום, הגם אויפֿן קאָנגרעס האָט מען נאָך געדאַרפֿט אָ[illegible]הערן דעם באַ[illegible]

ריכט פון דער קאָמיסיע. אָבער די ציוניסטישע אומשולד איז שוין אָנגערירט געוואָרן דורך אוגאַנדא און עס איז אַנטשטאַנען די טעריטאָריאַליסטישע טעאָריע, סיי אין די בירגערלעכע, סיי אין די פּראָלעטאַרישע קרייזן. האָבן זיך בכן, ביידע צדדים, דער פּאַלעסטינישער און דער טעריטאָריאַליסטישער, געגרייט צום לעצטן אַנטשידענעם קאַמף, האָט יעדער צד געזוכט אַריינצוקריגן וואָס מער אָרגאַניזאַציעס און דורך זיי מאַנדאַטן.

אין וואַרשע איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון די פּאַלעסטינצעס, די אַזויגערופענע „ציוני-ציון”. אַלע „ציוני-ציון” זענען זיך צונויפגעקומען אויף אַ פאָרקאָנפערענץ אין פריייבורג (באַדען), וואו איך בין אויך געווען אַלס דעלעגאַט (אין אַפּריל 1905 בין איך אָפּגעפאָרן קיין ציריך, און דער קאָמיטעט „ציוני-ציון” האָט מיר פאַרשאַפט אַ מאַנדאַט פון מאַריאַמפּאָל. דער מאַנדאַט איז געווען אַן אימפּעראַטיווער בנוגע דער פראַגע וועגן פּאַלעסטינע).

עס דערמאָנט זיך מיר, אַז ווען איך בין דעם ערשטן מאָל אַריין אין זאַל פון דער פאָר-קאָנפערענץ אין פריייבורג, איז צו מיר ממש צוגעלאָפן אַ מיידל פון אַ יאָר 20—21, מיטעלן וואוקס, אין פענסנע, רחל גאָלדין—ינאית (איצט אין פּאַלעסטינע אין „אַחדות העבודה”) און מיך אויף רוסיש אַ פרעג געטאָן צי איך בין אַ פּועלי-ציון. צוגעגאַנגען דווקא צו מיר איז זי, וואַרשיינלעך, דערפאַר, וואָס איך בין געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער רוסישער בלוזע.

איך האָב זיך אין דעם מאָמענט געפינען אין אַ פאַרלעגנהייט. עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט צושטיין צו דער פראַקציע פּועלי-ציון; איך האָב אָבער נישט געקאָנט פאַרדייען דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און זיך געהאַלטן פאַר אַן אויסגעשפּראָכענעם אָנהענגער פון דואַ-ליזם. ווי נאָר איך האָב איר געענטפערט, אז איך בין נישט קיין היסטאָרישער מאַטעריאַליסט, איז זי גלייך נעלם געוואָרן.

צווישן די פּועלי-ציון-דעלעגאַטן געדענק איך באָראָכאָוון, וועלכן איך האָב שוין געזען אין וואַרשע אין פרילינג 1904, ווען ער איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ גלענצנדן רעפעראַט, אָבער נישט אַלס פּועלי-ציון (באָראָכאָוו האָט זיך צו יענער צייט דערווייטערט פון די פּועלי-ציון אין דרום-רוסלאַנד צוליב פּרינציפּיעלע טעמים, וועגן וועלכע ער שרייבט אין זיין בראָשור וועגן דער „עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק”), אַחוץ באָראָכאָוון געדענק איך כאַשינען (דעמאָלט באַרוכסאָן), קיווינען, זאַקהיימען, מאַטעס לעווקאָווסקי, דוד ראַפּאָפּאָרטן, סאָפיע גרינבערג, כעלמערן (שוין געשטאָרבן) און אַנדערע.

דער וואַרשעווער דעלעגאַט בן-ציון האָט זיך אויך געהאַלטן פון ווייטן פון דער גרופּע „פּועלי-ציון” צוליב גאָר אַן אַנדער מאָטיוו. אין דער גרופּע האָט געהערשט דער אַזויגערו-פענער „פראַקטישער פּאַלעסטיניזם”: זיי האָבן אָנערקענט פּאַלעסטינע צוליב פראַקטישע טעמים. אין וואַרשע אָבער איז די גרופּע באַשטאַנען פון אַזויגערופענע פּרינציפּיעלע פּאַלעסטינצעס, פאַר וועלכע פּאַלעסטינע האָט געשפּילט אַ ראָל אַ סך מער צוליב ריין-אידעאָ-לאָגישע מאָמענטן, וועלכע זיי האָבן זיך באַמיט צו באַגרינדן ריין מאַרקסיסטיש. דאָס איז געווען די סיבה, פאַרוואָס דעמאָלט בן-ציון און שפּעטער די פּוילישע פּועלי-ציון בכלל האָבן זיך פאַרהאַלטן זייער קאַלט און פאָרזיכטיק צו די רוסישע פּועלי-ציון.

דער אונטערשיד צווישן דעם פראַקטישן און פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם איז באַשטאַנען אין פאָלגנדעס: די רוסישע פּועלי-ציון זענען געווען פּרינציפּיעלע טעריטאָריאַליסטן. אין אַנאַליז פון דער יידישער ווירקלעכקייט זענען זיי דערגאַנגען ביז דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט פון אַ קאָנצענטרירטער עמיגראַציע אויף אַ טעריטאָריע. און פון אַלע אַנדערע טעריטאָריעס האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף פּאַלעסטינע, אלס דאָס פּאַסיקסטע און געאייגנטסטע לאַנד פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע. פּאַלעסטינע איז אין פּראָגראַם פון די פראַקטישע פּאַלע-

סטינצעס נעקומען נישט אַזויפיל פֿון די אינערלעכע באַדינגונגען, פֿון דער אינערלעכער נויטווענדיקייט פֿון יידישן לעבן, וויפל פֿון דער אויסערלעכער מעגלעכקייט — ווייל באַדינגונגען, וואָס ליגן אויסער דעם יידישן לעבן, מאַכן פּאַלעסטינע גינסטיקער. די פּרינציפּיעלע פּאַלעסטינצעס האָבן אַריינגענומען פּאַלעסטינע אַלס אינגרעדיענט פֿון יידישן לעבן, הגם זיי זענען געווען אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטן, נישט ערגער ווי די פּראַקטישע, האָבן זיי דאָך אָנערקענט, אַז דער אידעאָלאָגישער מאָמענט — דער צובינד פֿון פֿאָלק צום לאַנד — קאָן און מוז שפּילן אַ גרויסע ראָל ביי דער קאָלאָניזאַציע. זיי האָבן געטענהט, אַז דער דאָזיקער מאָמענט האָט, אמת, אונטער זיך נישט קיין פּאָזיטיוון עקאָנאָמישן הינטערגרונט אין יידישן לעבן, ער האָט אָבער אַ נעגאַטיוון עקאָנאָמישן יסוד — דאָס נישט-צופּאַסן זיך, דאָס נישט-אַריינדרינגען פֿון אַלע שיכטן פֿון יידישן פֿאָלק אין די געהעריקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פֿון די אַרומיקע פֿעלקער.

אַלס אַ געוויסע פּשרה צווישן דעם פּראַקטישן און פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם איז געקומען דער דעמאָלטיקער, אַזויגערופֿענער „פּראָגנאָסטישער פּאַלעסטיניזם" באָראָכאָווס (אין „אונזער פּלאַטפֿאָרם"), וועלכער האָט זייער נישט באַפֿרידיקט די פּרינציפּיעלע פּאַלעסטינצעס. דער קאַמף צווישן די פֿאַרשידענע באַגרינדונגען פֿון פּאַלעסטיניזם, וואָס האָט לכתּחילה שיער נישט געפֿירט צו אַ שפּאַלטונג, איז געווען פֿאַרשטענדלעך אין אָנהייב ביי די ערשטע טריט פֿון דער באַוועגונג. מיט דער צייט, ווען די באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן סיי אידעאָלאָגיש, סיי פּאַקטיש, האָט דער דאָזיקער קאַמף פֿולשטענדיק פֿאַרלוירן זיינע שאַרפֿע פֿאָרמען, און הגם די אָפֿיציעלע שטעלונג פֿון דער פּאַרטיי איז אַ „פּראָגנאָסטישע", אָבער דאָס שטערט נישט צו זיין אין דער באַוועגונג פֿיל חברים, וואָס טראַכטן וועגן דעם אַנדערש. פּאַלעסטינע איז שוין אַרויס פֿון געביט פֿון טעאָריעס און איז געוואָרן אַ רעאַלער פֿאַקטאָר.

די פֿראַקציע פּועלי-ציון האָט סיי אין פֿרייבורג, סיי אויפֿן קאָנגרעס גופֿא אין באַזעל נישט געשפּילט קיין וויכטיקע ראָל. ווי די חברים האָבן מיר שפּעטער איבערגעגעבן איז נאָכן קאָנגרעס פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון די פּועלי-ציון אין דער שווייץ און באַלד נאָכדעם האָט זיך די פֿירנדיקע גרופּע אָנגעשטעקט מיטן סיימיזם. עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן דער ברודער-קאַמף אין דער פּועלי-ציון-באַוועגונג, ווען אַלטע פּועלי-ציון-אָרגאַניזאַציעס, ווי אין יעקאַטערינאָסלאַוו, וויטעבסק און אַנדערע שטעט, זענען אַריבער צו די סיימיסטן.

די טריי-געבליבענע פּאַלעסטינצעס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פּריוואַטע באַראַטונג אין בערלין (אין אויגוסט 1905). דאָ האָט עס מיך באָראָכאָוו צוגעצויגן צו דער אַרבעט. אונטער זיין השפּעה בין איך אין משך פֿון אַ קורצער צייט געוואָרן אַ „היסטאָרישער מאַטעריאַליסט".

באָראָכאָוו האָט צוגעצויגן אַלעמען מיט זיינע פּערזענלעכע אייגנשאַפֿטן. עס האָט זיך געפֿילט ביי אים די „ליבע צום נאָנטן", וואָס איז אַזוי זעלטן אַפֿילו ביי אַ סך פֿון די, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט דער „ליבע צום וויטן" — צו דער גאַנצער מענטשהייט. באָראָכאָוו פֿלעגט אַריינגיין אין אַלע קליינע ליידן פֿון יעדן פֿון אונז און באַמיען זיך אונז צו העלפֿן מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. ער האָט שוין דעמאָלט געמאַכט אויף מיר אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק מיט זיין ענציקלאָפּעדישער בילדונג און באַהאַוונטקייט אין אַ סך געביטן דערצו האָט ער געווירקט אויף אונז מיט זיין אומערמידלעכער אַרבעטספֿעיקייט. די פּאָר וואָכן אין בערלין זענען מיר אַלע געזעסן לעבן אים אין דער גרויסער, שיינער, קייזערלעכער ביבליאָטעק אין בערלין און יעדער האָט זיך פֿאַרנומען מיט זיין זאַך, און אָוונט פֿלעגט אונז באָראָכאָוו דערציילן זיינע פֿאָלקסטימלעכע מעשׂיות און זינגען יידיש-אוקראַיִנישע לידער.

מען האָט באַשלאָסן, אַלע זאָלן תּיכף צוריקפֿאָרן קיין רוסלאַנד, צוגרייטן דעם ערשטן

פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. איך בין אפּגעפאָרן דער ערשטער קיין וואַרשע, וואו איך האָב געדאַרפט וואַרטן אויף ווייטערדיקע דירעקטיוון. עס איז אַריבער אַ וואָך נאָך אַ וואָך און איך האָב קיין שום ידיעות נישט באַקומען. אין סעפּטעמבער—דעצעמבער 1905 האָט זיך צעפלאַקערט דער קאַמף צווישן די פּועלי־ציון און סיימיסטן אין רוסלאַנד, האָט מען אָן פוילן פאַרגעסן.

איך האָב זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די וואַרשעווער פּועלי־ציון, צו וועלכע איך בין געווען אויך גייסטיק נענטער, הגם שוין אַביסל אָנגעשטעקט מיטן פּראַקטישן פּאַלעסטיניזם.

דער צענטער פון די וואַרשעווער פּועלי־ציון איז דעמאָלט געווען די דירה פון יצחקס מוטער, נאַלעווקיס 27, וואו מיר פלעגן זיך אַלע צונויפקומען. דער קאָמיטעט איז, פאַרשטייט זיך, געווען קאָנספּיראַטיוו. אָבער די נענטערע חברים האָבן געוואוסט, אַז אין קאָמיטעט גייען אַריין יצחק, בן־ציון און שמעון פייגעלע (פּרושיצקי).

אַרום דעם צענטער האָט זיך גרופּירט אַ קרייזל פון אַ 15—20 אַרבעטער, תּמיד באַוואָפנטע, וואָס זענען געווען כסדר גרייט אויסצופירן פאַרשידענע פאַראָרדענונגען און שליחותן פון קאָמיטעט. די באַציונג צווישן דער גרופּע און דעם קאָמיטעט איז געווען אַ ריין חברשע, האַרציקע. מ׳האָב זיך באמת ליב געהאַט ווי ברידער. פון אָט דער גרופּע געדענק איך: שמואל איינבינדער, יצחק זייגערמאַכער (איצט קאָלאָניסט אין מתולה), אברהם שניידער— אַ שוואַרצער בחור מיט פייערדיקע אויגן, יוסף־דוד און זיין שוועסטער־קינד — שמואל דוד, (איצט אין אַרגענטינע), חייקע — אַ טיכטיקע פּראָפּעסיאָנעלע טוערין — אַ מיטגליד פון דער באָיוווקע, מרדכי גאָלדשמיד (אוסאָנאָוויטש — אַרבעט איצט אין „בצלאל" אין ירושלים), אלקנה (אַרבעט איצט אין דער קבוצה „אילת השחר"), יוסף זאַלצמאַן — אַ לעבעדיקער רי־רעוודיקער חסידל אין אַ קאַפּאָטע, — אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער פון גענשע גאַס — געהרגעט פון אַראַבער אין כנרת, און אחרון, אַהרון חביב, דער שטילער, געלאַסענער ליבער „פּעטער לאָזער" (פינקעלשטיין); ער איז געווען עלטער פאַר אונז אַלעמען, און ער פלעגט אונז באַרויקן, ווען מיר פלעגן זיין אויפגערעגט — (ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין בן־שמן און געשטאָרבן אין ירושלים).

יענע צייט געדענקט זיך מיר, ווי דער אָנהויב פון דער אויפבוי פון פּועלי־ציון אין וואַרשע. עס איז געווען באַלד נאָך דעם אָקטאָבער־מאַניפעסט, ווען מען האָט אויף אַ פּאָר טעג פריי אָפּגעאָטעמט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע דעמאָנסטראַציעס. מיר זענען געווען מיט אַ דעמאָנסטראַציע אויף מאַזאָוויעצקע גאַס. אַ קליינע גרופּע אַ מאַן 20 און אינמיטן אַ מיידל מיט עפּעס אַ רויט טיכל במקום אַ פאָן האָט געשריגן: נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! (אויף פּויליש). מיר האָבן זי אַרומגערינגלט און געגאַנגען צו מאַרשאַלקאָווסקע. דער המון איז געוואָרן אַלץ גרעסער. אויף מאַרשאַלקאָווסקע איז אויף אונז אַרויפגעריטן אַ גרופּע קאָזאַקן און האָט אונז פאַרשפּאַרט אין אַ טויער. מיר האָבן זיך אַרויסגעקריגן, און ווידער איז געוואָרן דער המון גרויס. נאָענט ביים ווינער וואָקזאַל האָבן מיר דערזען אַ מחנה רייטער. מיר זענען געגאַנגען פאָרויס, די רייטער האָבן זיך צו אונז דערנענטערט און פאַמעלעך, פאַרזיכטיק אַריין אין אונזערע רייען און קיינעם נישט געטשעפּעט. מיר זענען געווען דערשטוינט. עס איז באַלד באַוואוסט געוואָרן דער אינהאַלט פון מאַניפעסט (דאָס איז געווען דעם 18־טן אָקטאָבער), מיר האָבן דערפילט עפּעס אַ פרייען גייסט, און איבער די גאַסן פון וואַרשע האָט זיך אָנגעהויבן ציען אַ גרויסער המון. די פּאָליציי האָט זיך באַהאַלטן. אַ גרופּע מענטשן האָט געכאַפּט דעם באַרימטן פּריסטאַוו פון אַכטן צירקל, קאָנסטאַנטינאָוו, דאַכט זיך אויף פאַנסקע גאַס, אַריינגעשלעפּט אים אין אַ טויער, גענומען זידלען. מ׳האָט אים אַראָפּגעריסן די שליפּעס. ער האָט זיך פּרובירט אויסטענהן. מ׳האָט אים געוואָלט אַוועקלייגן

אויפן אָרט. מען האָט זיך אָבער באַגניגנט דערמיט, וואָס מען האָט אים אין פּנים אָנגעשפּיגן און מיט אַראָפּגעריסענע שליפעס אָפּגעלאָזן.

איך געדענק נישט, צי איז דאָס געווען פאַר דער דעמאָנסטראַציע אויף מאַרשאַלקאָווסקע, צי נאָך דעם: זענען מיר געווען אַ גרויסער המון אויפן באַנק־פּלאַץ און עפּעס אַ גימנאַזיסט האָט זיך געשטעלט רעדן לעבן דעם לאַמטערן אַקעגן זשאַביע. באַלד האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי, און דער גימנאַזיסט איז אַראָפּגעפאַלן. דעמאָלט איז אויך געהרגעט געוואָרן זייער אַ גוטער באַקאַנטער סטודענט יעלען.

אין אָווגוסט זענען די גאַסן געווען פול. אַ סצענע, וואָס איך קאָן נישט פאַרגעסן: עפּעס אַ פּאָליאַק פון אַ יאָר 40, אַ הויכער, אַ דאַרער, איז געגאַנגען מיט אַ מיידעלע פון אַ יאָר 10 אויף מאַרשאַלקאָווסקע און גערעדט: געדענק דעם טאָג, דו ביסט נאָך קליין, דו פאַרשטייסט נאָך גאָרנישט, אָבער אַז דו וועסט אַ גרויסע ווערן, זאָלסטו געדענקען דעם טאָג, ווען מיר האָבן פריי אָפּגעאָטעמט.

ביי אַלע עקן גאַס זענען געווען אימפּראָוויזירטע מיטינגען: אין איין אָרט איז געשטאַנען אַ גרויסער ענדעקישער עולם און געשריגן: „נידער מיט די יידן". רעדנער האָבן גערעדט, איינער האָט געפייפט; אַ צווייטער האָט זיך פאַרן עולם פאַרענטפערט...

ביינאַכט איז דער המון געווען ביים ראָטהויז אויפן טעאַטער־פּלאַץ און ביים פּאַוויאַק און האָט געפאָדערט באַפרייען די אַרעסטירטע. ביים פּאַוויאַק האָט מען פאַרזיכערט דעם עולם, אז מען וועט אַלעמען באפרייען און דער המון איז זיך צעגאַנגען. אויפן טעאַטער־פּלאַץ האָט זיך אָנגעהויבן די שחיטה.

באַלד אויף מאָרגן האָט מען געשאָסן אין אַלע גאַסן, הונדערטער פאַרוואונדעטע, געהרגעטע.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען שוידערהאַפטע ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אויף דער אינטעליגענץ און דערהויפּט אויף יידן. די יידישע באַפעלקערונג אין וואַרשע האָט אין משך פון עטלעכע וואָכן איבערגעלעבט די סכנה פון אַ פּאָגראָם.

מיר האָבן מיטגעהאָלפן אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ אין די הייזער. אַלע מענער זענען ביינאַכט געווען אויף. צוויי האָבן געהיט אין טויער. אַ חוץ דעם האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ אייגענע זעלבסטשוץ. מיר האָבן געהאַט אַ 50—60 רעוואָלווערן און אָרגאַניזירט אַ זעקס־זיבן גרופּן צו צען מענטשן. אַלע גרופּן זענען געזעסן אין פאַרשידענע טיילן פון יידישן קוואַרטאַל (אויף מילע, דזשיקע, נאַלעווקיס, גענשע א. אַז. וו.)

איין נאַכט זענען מיר געזעסן ביים פעטער לאָזער, עק גענשע און דזשיקע אין דער וואוינונג פון א מעכאַניקער טייטלבוים — אַן ס.ס.־אָוויעץ, וועלכער האָט מיט אונז גאַנץ גוט געלעבט. יעדע צוויי שעה האָבן מיר אַרויסגעשיקט אַ פּאַטרול. ביז איין פּאַטרול איז נישט צוריקגעקומען: מען האָט אים אַרעסטירט.

אין דערזעלבער צייט האָבן מיר אָנגעהויבן אַ גרויסע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די אַרבעטער. מיר האָבן געגרינדעט אַ ריי גרופּן, וואו מ'האָט געלערנט פּאָליטישע עקאָנאָמיע און זיך באַשעפטיקט מיט די פּראָבלעמען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. דער זאַמלפּונקט פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע איז געווען די קאַוויאַרניע ביי הללן אויף גענשע 29, וואו עס פלעגט זיך צונויפקומען אַ 150—200 מאַן. דאָרט האָט מען אויך אָפּגעהאַלטן פאָרלעזונגען אין די צוויי קליינע צימערלעך הינטער דער קאַוויאַרניע.

אויף דערזעלבער גענשע און דזשיקע איז געווען אונזער בערזע, וואו מ'פלעגט דערלידיקן אַלע פּאַרטיי־ענינים. שפּעטער האָט מען די בערזע איבערגעטראָגן אויף נאָוואָליפּקי, צווישן דזשיקע און קאַרמעליצקע אַקעגן דער צווייטער גימנאַזיע. לעצטנס פלעגט די פּאָליציי

זייער אָפּט פֿאַנאַנדעריאָגן די בערזע. ספּעציעל האָט זיך אויסגעצייכנט אין דעם א גראָבער נידעריקער רעווירוואָווע, און עס איז אַפּילו געווען אַ געדאַנק אים „אַוועקצולייגן“.

צו יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן א פּיבערהאַפטע אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. פאַר אונז, פּועלי־ציון, איז עס געווען אַ שווערע אַרבעט. אונז איז אויסגעקומען צו פירן אַ שווערן קאַמף מיטן בונד און די ס. ס., וועלכע זענען שוין דעמאָלט געווען פאַרהעלטניסמעסיק גענוג שטאַרק. דער בונד איז געשטאַנען מיט אַ פעסטן פוס אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, אַלס די עלטסטע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, און ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן די ס. ס. און פּועלי־ציון אַריינכאַפּן זיך אין דער באַוועגונג. דער בונד איז געשטאַנען פאַר פּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. מיר און די ס. ס. זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון אומפּאַרטייאישע.

דער קאַמף פאַר פּאַרטייאישע אדער אומפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָט זיך געפירט אויף דער יידישער גאַס זייער שאַרף; כּלי־זין צום קאַמף האָבן ביידע צדדים געשעפּט פון דייטשן אַרסענאַל. אין דייטשלאַנד איז דער קאַמף געווען שוין אַן אַלטער, און דאָרט איז שוין געווען וועגן דער פראַגע אַ גענוג גרויסע ליטעראַטור. בעבעל, קאַוטסקי און אַנדערע האָבן ארויסגערוקט זייער אויטאָריטעט וואָרט אין דער פראַגע. דעם אמת געזאָגט, איז די פּראַגע ביי אונז געשטאַנען גאָר אויף אן אנדערן שטח. אין דייטשלאַנד האָט זיך געפירט דער קאַמף צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאריינען און די קריסטלעכע. די פּאַרטיידיקער פון די פּאַרטייאישע פאַריינען זענען געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אז די פּאָליטיק פון דער פראָפ. באַוועגונג מוז זיין א סאָציאַל־דעמאָקראַטישע; די פאַרטיידיקער פון די אומפּאַרטייאישע זענען ארויסגעגאַנגען פון דעם, אַז דער פאריין מוז ארומנעמען אַלע אַרבעטער פון געגעבענעם פאַך אָן אונטערשיד פון איבערצייגונג. ביי אונז ווידער איז נישט געווען קיין ספק, צי זאָל די פּאָליטיק פון פאריין זיין א ס.־ד.־שע. דאָ איז דאָך פאָרגעקומען אַ קאמף אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גופא. און עס האָט זיך געהאנדלט וועגן דער ה ע ג ע מ אָ נ י ע פון דער אָדער יענער סאָציאַליסטישער פּ א ר ט יי. דערפאַר האָט מען נישט געקאָנט אריבערטראַגן צו אונז די טענות פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָן ענדערונגען. כאראַקטעריסטיש איז דערביי, אז די פּ. פּ. ס., דעמאָלט די שטאַרקסטע פּאַרטיי צווישן די פּוילישע אַרב. און מיט א גרויסער השפּעה אַפּילו צווישן די יידישע אַרבעטער (יידישע פּ. פּ. ס.), האָט פּאַרטיידיקט אומפּאַרטייאישע פראָפּ. פאַריינען, בשעת די זייער דעמאָלט שוואַכע פּ. ס. ד. איז דווקא געשטאַנען פאַר פּאַרטייאישע פראָפּ. פאַריינען — דורכפירנדיק אַ סטרייק אין א פאַך, האָט די פּ. ס. ד. באַלד דעם גאַנצן פאַך פאַרשריבן פאַר אירע מיטגלידער (זיי האָבן טאַקע געצאָלט פּאַרטיי־שטייער).

אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג ליגט די סיבה פון איר צעשפּליטערונג ביז דער לעצטער צייט.

בשעת אין מערב־אייראָפּע האָט זיך די פּאָליטישע פּאַרטיי אויסגעבילדעט אויפן גרונט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, איז אין פוילן געווען פאַרקערט. די פראָפּ. פאַריינען זענען געשאַפן געוואָרן פון די פּאָליטישע פּאַרטייען; דער קאַמף פאַר השפּעה האָט זיך אין די פאריינען געפירט פון ערשטן טאָג אָן, און דאָס האָט געבראַכט און ברענגט צו צעשפּליטערונג. אין דעם איז אָבער געווען א גוטע זייט אויך. די ארבעטער־באַוועגונג האָט נישט געליטן אזוי שטאַרק, ליידט כמעט איצט אויך נישט (אחוץ די ענפּערישע און כאַדעקישע פאריינען), פון דעם ריינעם עקאָנאָמיזם פון די ענגלישע טריידיוניאָניזם.

צו יענער צייט האָבן מיר שוין געהאט אַ פּאָר דורך אונז אָרגאַניזירטע פאַריינען. דער ערשטער און דער עלטסטער פון זיי איז געווען דער פאריין פון די קעלנערס, ווייטער די

מעלערס (די פירמאנעס פון מעל). די טאנדעט-נייטאָרינס און נאָך א פּאָר קלענערע פּאַריי־נען. עס פארשטייט זיך, אז מיר האָבן געמוזט אָרגאַניזירן קודם־כּל די פאכן, וואָס זענען גאָכנישט געווען אָרגאנעזירט דורכן בונד. מיר האָבן זיי געמוזט „פארכאפן". דער בונד האָט אָבער געהאט קעגן זיי די מעלה, וואָס ער האָט שוין געהאט די דערפארונג און, אגב, דעם נאָמען, די אלטע פירמע פון איינציקן פאָרשטייער. זיינע פּראָפעסיאָנאליסטן זענען געווען געניטער פון אונזערע. דעם אמת געזאָגט, זענען מיר נישט געווען שטארק באהאַוונט אויך אין דער טעאָריע פון דער פּראָפ. באַוועגונג.

אונזער קאָמיטעט האָט מיך אַמאָל געשיקט פאַרטיידיקן דעם שטאַנדפּונקט פון זאָם־טארט־יאישע פאַריינען. איך האָב זיך געוואָלט אָפּזאָגן, ווייל איך האָב באמת ווייניק געוואוסט אין דעם גאַנצן ענין, האָט מען מיר געגעבן אַ פּאָר בראָשורן (איך געדענק בעבעלס און קאַוטסקיס און נאָך עפּעס א צוויי) און מיר געהייסן ביז מאָרגן ווערן אַ דערפאַרענער פּראָפעסיאָנאליסט.

די ערשטע שריט זענען זייער שווער געווען, אָבער אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין די פאַריינען האָבן אונז געלערנט די אַרבעטער, וועלכע האָבן, אָן טעאָריעס, פארשטאַנען דעם ענין בעסער פאַר אונז אינטעליגענטן. דאָס זענען געווען דערהויפּט יצחק זייגערמאַכער, שמואל איינבינדער, חייקע, יששכר פאַסקעמאכער (באנטשיק, אין אמעריקע) און אַנדערע.

די אלע ארבעטן האָבן געפאָדערט פינאנציעלע מיטלען. פון וואנען האָט מען זיי גענומען? א פּאָר חברים זענען שוין געווען פּראָפעסיאָנאַלן און געקריגן צו 3—4 רובל א וואָך. קיין מיטגליד־אָפּצאָלונגען געדענק איך נישט; אבער דערפאר געדענק איך, אז איך פלעג מיט א צוויי ארבעטער ארומגיין איבערן שטאָט צו די בורזשויעס און פארלאנגען קאטעגאָריש די סומע, וואָס דער קאָמיטעט האָט פאר זיי באשטימט.

די בורזשואזיע האָט צו יענער צייט פון איין זייט געהאַט פאַר אונז דרך־ארץ, ווייל זי האָט אין אונז געזען די קעמפער פאַר דער דעמאָקראַטישער פרייהייט, וועלכע האָט אויך איר געשמייכלט, און פון דער אַנדערער זייט האָט זי אַביסל מורא געהאַט פאַר די באַוואָפנטע אַרבעטער. אויף אַזאַ אופן האָט מען געהאַט מיט וואָס צו דעקן די לויפנדיקע הוצאות.

דער קאַמף מיט די סיימיסטן האָט אונז קנאַפּ באַשעפטיקט. מיר האָבן נאָר געהערט וועגן דער שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען דאָרט ווייט, ערגעץ אין ליטע און אין דרום־רוסלאַנד. צו אונז אין די אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי זיך, כ'ווייס נישט פאַרוואָס, נישט גערוקט.

חוץ איין איינצל־פאַל. כ'דערמאָן מיך, אַמאָל האָט מען מיך גערופן אין קאָמיטעט. אינעם הינטערשטן צימער אויף די נאַלעווקעס האָב איך געטראָפן בן־ציונען, יצחקן, שמעונען, יאַניען, יאַשען טראַכטענבערג (א סטודענט אין פּאָליטעכני־קום, איך האָב אים שפּעטער געטראָפן אין רוסלאַנד, אלס אינזשעניער אין דער אַרמיי; ער האָט דאָרטן פאַרנומען אַ וויכטיקן פּאָסטן אין ראַט און זיך געקליבן פאָרן קיין פאַלעסט'נע), דוד בלאָך (אַפרים בלומענפעלד, דער פירער פון „פאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד", אין משך פון לאַנגע יאָרן אין פאַלעסטינע, איצט אין אַחדות העבודה) און לסוף ירמיהון (חיים איינשטיין — אַ פעיקער רעדנער און פּובלי־ציסט, איצט א גוטער סוחר).

ביים טיש איז געזעסן נאָך עמיץ, עפּעס אַן אומבאַקאַנטער בחור פון אַ יאָר 23. אַ קליינער, א דיקער אין ברילן. מ'האָט מיר אים פאָרגעשטעלט אלס חבר גור־אַריה. מיר איז גלייך אויפגעפאַלן דער באַקאַנטער סיימיסטישער נאָמען.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן א שמועס מיטן חבר גור־אריה, פון וואַנען איז ער, וואָס וויל ער ביי אונז? ער האָט זיך עפּעס געשטאַמלט און ס'איז געווען שווער אַרויסקריגן ביי אים

קלאָרע דבורים. מיר האָבן אָבער אין דער זעלבער צייט זיך פאָרגעשטעלט די סכנה, וועלכע דראָט אונז טאַקע מצד אָט דעם בחור; מיר האָבן זיך גענוג אָנגעהערט וועגן די סיימיסטן. ווי זיי רייסן זיך אַריין אין אָרגאַניזאַציעס אלס פּועלי־ציון און מאַכן אַ תל פון זיי, האָבן מיר זיך נישט לאַנג מיישב געווען, גענומען צוויי פון אונזערע גוטע בחורים, זיי זאָלן דעם ח׳ גור־אריה באַגלייטן צום באַן, קויפן אַ בילעט אין טיף־רוסלאַנד, מטריח זיין זיך און אַריינזעצן אים אין וואַגאָן און נישט אָפּטרעטן, ביז דער צוג וועט אַוועקגיין. אַזוי האָבן מיר אַרויסגעפּטרט דעם „סיים" פון פּוילן. מער האָבן מיר שוין קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט די סיימיסטן, אויסער אין פאַל, וועגן וועלכן איך וועל שפּעטער דערציילן.

די אָרגאַניזאַציע האָט זיך שוין געהאַט פאַנאַנדערגעוואַקסן. מיר האָבן געציילט עטלעכע הונדערט מיטגלידער. דער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן קלערן וועגן פאַרבינדן זיך מיט דער פּראָווינץ און באַשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע אויף גאַנץ פּוילן. מיט לאָדזש, וואו עס האָבן געאַרבעט די חברים אריה (וויקטאָר) און מוליע, מיט וולאָצלאַוועק, וואו עס האָט געאַרבעט קינא דער עלטערער (איצט אַ גוטער בורזשוי), און מיט קעלץ, וואו עס האָט געאַרבעט קינא דער יונגערער (פעליקס) — זענען מיר שוין געשטאַנען אין פאַרבינדונג. דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעשיקט אַ פּאָר חברים אין דער פּראָווינץ, צווישן זיי: מיך אין וולאָצלאַוועק, יאַרבלומען אין לובלין און אַנדערע שטעט. אין לובלין איז אַריבער צו אונז איינער פון די וויכטיקסטע אַרבעטער פון „בונד", דער חבר ראָזענטאַל — מאַרקס׳ס איניקל — ווי מען האָט אים דעמאָלט גערופן.

נאָך אַזאַ צוגרייטנדיקער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט איז אויף דעצעמבער צונויפגערופן געוואָרן אין וואַרשע דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון פּוילן. אויף וויפל איך קאָן זיך דערמאָנען זענען געווען פאָרגעשטעלט: וואַרשע (בן־ציון, יצחק, שמעון, איך אלס גאַסט) לאָדזש (מוליע, וויקטאָר), קעלץ (פעליקס), לובלין, וולאָצלאַוועק (קאָוואַלסקי), טשענסטאָכאָוו (רוזשע פּרושיצקאַ), קאַליש (אברהם קאַלישער — א. וויעוויאָרקע), פּלאָנסק (דוד גרין — בן־גריון, אָנגעזעענער פירער פון אַחדות העבודה) און נאָך איניקע שטעט. דאַן איז אָפיציעל געשאַפן געוואָרן „דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד „פּועלי־ציון" אין פּוילן". אין ערשטן פאַרבאַנדס־קאָמיטעט זיינען אַריין בן־ציון, שמעון, אריה (וויקטאָר).

צו יענער צייט איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד אונזער חבר אַלטער גאָטליב, וועלכער האָט באַוויזן אין רוסלאַנד מגולל צו ווערן אין אַ סיימאָוויעץ. אויף אַ פּאָר פאַרזאַמלונגען האָט ער געפּרוּווט אויפקלערן די חברים דעם „נייעם אמת", אָבער אָן ערפאָלג. דאָך האָט גאָטליב געפונען פאַר זיך אַ גינסטיקן באָדן אין דער ריין אָרגאַניזאַציאָנעלער אָפּאָזיציע, וועלכע איז, צו יענער צייט, אַנטשטאַנען אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. דער קאָמיטעט איז דעמאָלט געווען געקליבן בלויז דורך אַ קליינע גרופּע חברים. מיטן וואוקס פון דער אָרגאַניזאַציע האָט מען אויפן קאָמיטעט אָנגעהויבן קוקן, ווי אויף „סאַמאָזוואַנצעס" און איניקע האָבן געוואָרפן דעם לאָזונג „דעמאָקראַטיזאַציע". דער קאָמיטעט זאָל געוויילט ווערן פון דער גאַנצער מאַסע. צוליב איז מען געווען אומצופרידן מיט אַ סך איינצלנע מעשים פון קאָמיטעט. אַ סך חברים האָבן זיך געווענדעט צו מיר, זיכער, אַז איך (אַ סטודענט) בין אַוודאי אין קאָמיטעט. ווען איך האָב באמת נישט געקאָנט ענטפערן, האָט מען מיך חושד געווען, אַז איך שפּיל זיך אין „קאָנספּיראַציע".

די „אָפּאָזיציע" האָט אָנגעפירט ישראל וועשער (וועלכער איז נישט לאַנג אַריבער צו

אונז פון בונד) און אליהו עסטרין. גאָטליב איז צוגעשטאנען צו דער אָפּאָזיציע, מיט דער כוונה זי אויסצונוצן און שפּאַלטן די אָרגאַניזאַציע.

דאָס אַלץ האָט געצוואונגען דעם קאָמיטעט צונויפרופן סוף-כל-סוף אן אַלגעמיינע פאַר-זאַמלונג דעם 5-טן יאַנואַר 1906 אין הלל'ס קאַוויאַרניע. געקומען זענען א 150 חברים.

עס איז שווער צו זאָגן, מיט וואָס דער גאנצער ענין וואָלט זיך אויסגעלאָזן, ווען עס מישט זיך נישט אַריין פּאָליציי. גלייך ביים אָנהייב פון דער פאַרזאַמלונג זענען אַראָפּגעקו-מען אַ 25 וואָלינצעס מיט אַ פּריסטאַוו פון V צירקל בראש.

די זעלנער, בכלל, האָבן זיך באַצויגן צו דער גאנצער באַפעלקערונג זייער שלעכט. די גאַנצע שטאָט איז בײַ זיי באַשטאַנען פון „בונטאָווששטשיקעס“-„אַגיטאַטאָרן“, ווייל סיי די פּאָליאַקן, סיי די יידן זענען געווען „פּרעמדע“. צווישן די זעלנער האָבן זיך בפרט אויסגע-צייכנט די וואָלינצעס (זייערע קאַזאַרמעס זענען געווען אויפן פּשעיאַזד). די האָבן געווילדע-וועט, ווי אמתע רוצחים. אָט די דאָזיקע וואָלינצעס זענען עס אַראָפּגעקומען צו אונז.

מען האָט אַלעמען אָנגעהויבן צו באַזוכן. אַ מיידל לעבן מיר האָט געקריגן היסטעריקע, האָב איך געבעטן אַ זעלנער ער זאָל איר ברענגען וואַסער. ער האָט נישט גע-ענטפערט. ווען איך האָב זיך געווענדעט מיט דער זעלבער בקשה צום פּריסטאַוו, האָט ער דעם זעלנער געהייסן געבן מיר מיטן באַיאָנעט. דערזעענדיק, אז דאָס ווײנט דאָס מיידל. האָט ער געהייסן געבן איר מיטן באַיאָנעט. דער זעלנער האָט צופעליק נישט געפּאָלגט, אָבער אויפן מיידל האָט עס געווירקט בעסער ווי וואַסער: זי איז תיכף אַנטשוויגן געוואָרן.

איינעם אונזער א דווינסקער חבר (איצט רעדאַקטאָר פון „לאָדזשער פאָלקסבלאַט“—ל. קאַהאַן) האָט דער פּריסטאַוו מכבד געווען מיט צוויי פּעטש. ס'איז דערגאַנגען צו מיר: „דו, געלער אַגיטאַטאָר, דיך קען איך שוין פון לאַנג“. איך האָב נאַיוו געענטפערט, דאָס איך זע אים צום ערשטן מאָל, האָט ער מיר שוין דערלאַנגט צוויי פּעטש: „דו וועסט נאָך מיר דאָ דברן“.

מ'האָט אונז אַלעמען באַזוכט און אָפּגעשיקט אין צירקל. מ'האָט ברייט געעפנט דעם טויער און דער פּריסטאַוו האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

„А теперь, братцы, наддайте им немного“

די זעלנער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין טויער פון ביידע זייטן, און האַלטנדיק די ביקסן פאַר די שטיקעס, אָנגעהויבן קלאַפּן דעם עולם, וואָס האָט געמוזט דורכגיין. מרדכי אוסענאָוויטש האָט מען צעלעכערט דעם קאָפּ.

אַריינקומענדיק אינם קליינעם קיילעכדיקן הויף האָט זיך אונזער חברה, וואָס איז שוין, משמעות, געווען באַהאַוונט אין דער טאָפּאָגראַפיע פון צירקל, א לאָז געטאָן צום צימער פון דעזשורני. איך און אַנדערע, וואָס זענען דאָ צום ערשטן מאָל געווען, האָבן נישט געוואוסט, וואו זיך אַהין צו טאָן, די זעלנער פון הינטן שטופּן. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן הויף, איז צו מיר מיטאמאָל צוגעלאָפן אַ זעלנער און צוויי מאָל נאָכאַנאַנד מיר אַ האַק געגעבן איבער די פּלייצעס מיטן באַיאָנעט. איך האָב געשוויגן און ער האָט זיך באַרויקט.

די, וואָס זענען אַריין אינם דעזשורנעם צימער, האָט מען רעגיסטרירט. מיר זענען גע-בליבן אויפן הויף אַרומגערינגלט מיט זעלנער.

אין אַ 10 מינוט אַרום איז אַרויס אין הויף דער פּריסטאַוו מיט אַ טענה: וואו איז דאָ דער געלער אַגיטאַטאָר? איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה: אַרויסגיין אָדער נישט. אויב גיין, וועט ער טענהן, אז איך בין זיך דערמיט אַליין מודה, דאס איך בין עס דער געלער אַגיטאַטאָר. זאָל איך נישט אַרויסגיין, וועט ער מיך שלאָגן דערפאַר, וואָס איך

האָב זיך נישט אָפּגערופן. איך בין אַרויס און געזאָגט, אַז אויב ער זוכט מיך, בין איך דאָ.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אינם דעזשורנעם צימער און געהייסן מיך פאַרשרייבן „אויסער דער ריי". איך האָב זיך פארשריבן נישט אַלס סטודענט, נאָר „ביי די עלטערן" — איז ווידער שלעכט. „אַ ליידיקגייער", האָט געליאַרעמט דער פּריסטאַוו, „טוט גאָרנישט און פאַרנעמט זיך מיט אַגיטאַציע". ער האָט מיר געהייסן בלייבן אין צימער, בשעת אַלעמען האָט מען נאָכן פאַרשרייבן געפירט ערגעץ ווייטער, אַז מען וועט ענדיקן, האָט ער געזאָגט, וועל איך זיך מיט דיר אָפּרעכענען.

צו יענער צייט האָט מען דערציילט, אַז אין די צירקלען ווערן פאַרפאַלן מענטשן. ס'איז געווען די ערגסטע צייט פון דער רעאַקציע, ווען די כוליגאַנעס האָבן זיך נוקם געווען פאַר די פּאָר טעג „פרייהייט". איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיט מיר קאָן זיין נישט גוט. איך בין געזעסן און געוואַרט. דער רעווירנאָווי, וואָס האָט פאַרשריבן, פלעגט אין מיטן דערינען פון העלער הויט וואַרפן צינישע ווערטער. די מיידלעך זענען רויט און בלאַס געוואָרן און דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך הנאה. מ'האָט שוין דערווייל כמעט אַלעמען פאַרשריבן, אין צימער זענען נאָך פאַרבליבן אַ מאַן 5—6. בין איך צוגעגאַנגען צו אַן אַנדערן רעווירנאָווי, נאָכן אויסזען אַ פּאָליאַק, און אויף פויליש געבעטן אים, ער זאָל גיין צום פּריסטאַוו אַליין, נישט צום געהילף, פרעגן, לויט וועמענס פאַראָרדנונג האָט מען מיך דאָ איבערגעלאָזן. צי איז דעם פּאָליאַק געפעלן געוואָרן, וואָס איך רעד מיט אים פויליש (איך האָב אויף דעם אויסגערעכנט), צי צוליב אַן אַנדערע סיבה, אָבער ער איז אַוועק און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז געקומען דער געהילפּט-פּריסטאַוו און האָט מיך אַוועקגעפירט צו אַלע חברים אין צווייטן צימער.

עס האָט געמוזט זיין צווישן אונז אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָרים פון די 150 אַרעסטירטע האָט די פּאָליציי אויסגעקליבן בלויז אַ 40 מאַן, די בעסטע און אַקטיווסטע חברים, און זיי פאַרהאַלטן. די איבעריקע האָט מען פון די צירקלען אויף מאָרגן ארויסגעלאָזן. אונזערע 40 האָט מען אָפּגעפירט אויף מאָרגן אין ראָטהויז. צווישן אונז געדענק איך דעם באַרימטן איצט אין אַמעריקע יונה מאָדזשעוויעצקי — אַ גרויסער געזונטער בחור, אַביסל אַן אומנאָרמאַלער, אָבער אַן איבערגעגעבענער חבר.

אין ראָטהויז איז געווען אויסערגעוויינלעך שמוציק, זענען מיר אָפּגעזעסן אַ נאַכט אויף די פּעקלעך, וועלכע מ'האָט שוין כמעט יעדן צוגעשיקט פון דער היים. די צווייטע נאַכט האָבן מיר זיך אביסל איינגעאָרדנט און געלייגט שלאָפן. מיר האָבן אָבער נאָכנישט באַוויזן צו פאַרמאַכן די אויגן, האָט מען אונז געהייסן זיך אָנטאָן; אַראָפּגעפירט ערגעץ אין אַ קעלער אויף הויף און מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. פון די פענסטער אויבן אונטערן סופיט האָט גערונען און דאָס הויף איז געווען נאַס.

אַ זייגער דריי ביינאַכט האָט מען אונז ווידער אויפגעוועקט און זיך ווידער געהייסן אָנטאָן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען וועט אונז פירן אין ציטאַדעל. אין שטאָט האָט מען שטאַרק גערעדט דערפון (נאָך פאַר אונזער אַרעסט), אַז ביינאַכט, ווען מען פירט די אַרעסטירטע אין ציטאַדעל, שלאָגט מען זיי. מען האָט שוין אַ פּאָר מענטשן געהרגעט. מיר האָבן גענומען רעדן מיטן נאַטשאַלניק פון ראָטהויז — אַ דיקן אָפיציר — קאַלענדאַ — ער איז דעמאָלט געווען באַרימט אין וואַרשע — אַז מיר האָבן מורא, מ'וועט אונז הרגענען אויפן וועג. ער האָט אונז געגעבן זיין ערן-אָפיציר-וואָרט, אַז מען וועט אונז נישט אָנרירן.

מ'האָט אונז אויסגעשטעלט צו פיר אין דער ריי, אַן ערך 100 רייען, און געפירט האָבן אונז ווידער וואַלינצעס. לאָזנדיק זיך אין וועג האָט דער אָפיציר געהאַלטן אַ דרשה

צו די זעלנער און אויפגעפאָדערט, אַז ביים ערשטן סימן פון ווידערשטאַנד, נישט פאָלגן, אָדער נישט גיין אין די רייען, זאָלן זיי שיסן. מ׳האָט זיך געלאָזט אין וועג.

כל-זמן מיר זענען געגאַנגען איבערן שטאָט איז געווען נישקשה. אָבער ווי נאָר מיר זענען אַרויס הינטערן שטאָט, אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן צו הערן געשרייען פון אַלע רייען. איין מאָל האָט זיך דער אָפיציר אויסגעדרייט און געפרעגט, וואָס איז דאָרט? האָט אים דער זעלנער געענטפערט „שיכּור, וואַשע וויסאָקאָראָדיע”. די צאָל פון אַזעלכע „שכּורים” איז כסדר געוואַקסן. די זעלנער האָבן זיך אָנגעהויבן צו טשעפּען, פאַרוואָס מ׳האָט אַ פּעקל, פאַרוואָס מ׳גייט אין ברילן וכדומה. אַ פּיראָוויגיקער אַגיטאַטאָר! האָבן זיי אויף מיר און אנדערע באַברילטע געשריגן און געגעבן קלעפּ מיט דער האַנט איבערן קאָפּ, איבערן פּנים, מיטן ביקס איבער די פּלייצעס, מיטן פוס און קני פון הינטן און נאָך אויף פאַרשידענע אופנים.

אויסגעמאַטערטע, צעהרגעטע, קוים אויף די פיס זענען מיר געקומען אין ציטאַדעל. די גליקלעכע פון אונז זענען געהאָלפן געוואָרן און אַריין אין פאָרט נ׳ 3. דאַכט זיך, אונזער גאַנצע חברה האָט זיך געמוזט שלעפּן נאָך אַ האַלבע שעה ביזן פאָרט נומער 4 און ווידער געקריגן קלעפּ.

ווען מיר זענען אַ זייגער 7 אינדערפרי אַריין אין פאָרט און דערצו נאָך געטראָפן אַ פּאָר חברים, פריער אַרעסטירטע, האָבן מיר זיך געפילט גליקלעך. איך האָב דאָרטן געטראָפן דעם פּעטער לאָזער, דעם מעכאַניק פינקעלשטיין, בנימין פינקעל (איצט אין אַמעריקע) און ירמיהון.

נאָך אַ וואָך אין פעסטונג האָט מען אונז איבערגעפירט קיין מאָדלין (נאָוואָגעאָר-גיעווסק) — צוויי שעה מיטן באַן הינטער וואַרשע. אויפן וואָקזאַל האָבן מיר געזען אַלע אונזערע קרובים און פריינט. מיר זענען אָבער געזעסן אין איין פּחד, ווייל מיר האָבן נאָך גוט געדענקט דעם וועג פון ראָטהויז אין ציטאַדעל. און ווען מ׳האָט אונז אין מאָדלין אויפן באַן ווידער אויסגעשטעלט און אין דער פינסטערניש געפירט דורך אַ וואַלד, זענען מיר געווען זיכער, אַז דאָ וועלן מיר שוין בלייבן. געפירט האָבן אונז אָבער נישט קיין וואָלינצעס און נישט קיין גוואַרדייצעס בכלל, נאָר זעלנער פון דער פעסטונג גופא, זענען מיר אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

מיר זענען געקומען אין די הויכע, ליכטיקע, וואַרעמע קאַמערן פון מאָדלין אויפן ערשטן שטאָק. און ווידער געפונען חברים, וואָס מ׳האָט פריער אַהין אַריבערגעפירט. מ׳האָט אָנגעהויבן אַרויסנעמען די פּעקלעך, וואָס די קרובים האָבן אָנגעגעבן אויפן וואָקזאַל אין וואַרשע, איז ווידער געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן.

אין מאָדלין זענען מיר געבליבן אַלע העכער דריי חדשים. דער גאַנצער קאָמיטעט איז געווען אַרעסטירט: יצחק, בן-ציון, דוד בלאָך, איך, בנימין עפראָן (איצט א פּאָלקיסט), פּעטער לאָזער און אַנדערע, אויך אַלטער גאָטליב איז געווען מיט אונז. געבליבן פריי זענען נאָר שמעון פייגעלע פון קאָמיטעט און די ביידע לידערס פון דער אָפּאָזיציע, ישראל וועשער און אליהו עסטרין. דאָ אין מאָדלין האָבן מיר געהאַט אַ סך צייט זיך אויסצוטענהן. מיר האָבן אָבער איבערגעלאָזן די זאַך ביז דער צייט, ווען מיר וועלן פריי ווערן.

דאָס לעבן אין דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך נישט אָפּגעהאַקט. אַדרבא, די אַרבעט איז נאָך אינטענסיווער אָנגעגאַנגען. שמעון פון איין זייט און די אָפּאָזיציע פון דער אַנדערער זייט האָבן זי פאָרטגעזעצט. נאָר ביידע צדדים האָבן באַשלאָסן אָפּוואַרטן מיטן סכסוך, ביז וואַנען מיר אַלע וועלן ווערן פריי.

דער גאַנצער עולם אונזערער איז אָפּגעזעסן אין פעסטונג א דריי חדשים. פּסח צום

סדר האָט מען זיי באַפרייט, איבערלאָזנדיק 6, צווישן זיי מיך, אויף ווייטער. ס׳האָבן נישט געהאָלפן אונזערע פּראָטעסטן. מיר זענען אָפּגעזעסן נאָך אַ פּאָר וואָכן.

נאָך דער באַפרייונג האָט מען מיר מיטגעטיילט, נאַטירלעך, גאַנץ קאָנספּיראַטיוו, אַז כ׳בין קאָאָפּטירט אין קאָמיטעט. אויף דעם סדר היום פון דער ערשטער זיצונג איז געשטאַנען די פראַגע וועגן דער אָפּאָזיציע, וועלכע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן העזהדיקער און געפערלעכער. איך האָב פאַרגעסן פריִער אָנצווייזן, אַז די אָפּאָזיציע האָט מיט דער צייט אַרויסגערוקט אַ פּרינציפּיעלן מאָטיוו. אויך ישראל וועשער און אליהו עסטרין האָבן זיך לכתחילה געהאַלטן פאַר פּראַקטישע פּאַלעסטינצעס, און אַזוי ווי צו יענער צייט איז שוין אַרויס אין קאָלטאַווע „די יידישע אַרבעטער-כראָניק" מיט באָראָכאָווס „אונזער פּלאַטפאָרם"—, וועלכע האָט פאָרמולירט דעם פּאַלעסטיניזם אַלס „פּראָגנאָסטישן", האָט אונזער אָפּאָזיציע זיך אויך פאַרוואַנדלט אין אַ „פּראָגנאָסטיש-פּאַלעסטינישע". דער פּראָגנאָסטישער פּאַלעסטיניזם איז דעמאָלט, לויט באָראָכאָוון, באַשטאַנען אין דעם אַנאַליז פון די ווירטשאַפטלעכע אייגנשאַפטן פון פּאַלעסטינע, פון איר „אינטערנאַציאָנאַלן האָטעל-כאַראַקטער", אין דעם, וואָס זי איז אַ האַלב-אַגראַר, האַלב-קאַפּיטאַליסטיש לאַנד — דער לעצטער מאָמענט איז נאָך עד היום ביי אונז נישט איבערוואונדן.

צו דער צייט איז שוין געהאַט פאָרגעקומען (אין פעברואַר אין פּאָלטאַווע) דער ערשטער גרינדונגס-צוזאַמענפאָר פון דער יידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער - פּאַרטיי „פּועלי-ציון" אין רוסלאַנד (די קלאַמערן, אין וועלכע עס זענען שפּעטער ארייגעשטעלט געוואָרן די ווערטער „פּועלי-ציון", זענען צוגעגעבן געוואָרן לויטן באַשלוס פון צווייטן צוזאַמענפאָר אין קראָקע, זומער 1907).

אויף דעם צוזאַמענפאָר זענען פון אונזער פּוילישן פאַרבאַנד געפאָרן שמעון און מוליע. זיי האָבן דאָרטן נישט איבערגענומען קיינע התחייבות און האָבן נאָכנישט דערקלערט וועגן דעם אַריינטריט פון פאַרבאַנד אין דער פּאַרטיי, צוליבן פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם. די אָפּאָזיציע האָט אויך אָט דעם מאָמענט געפּרווט אויסנוצן, הגם איר אָפיציעלער באָדן איז אַלץ געבליבן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ.

אין קאָמיטעט האָט געהערשט אַ מיינונג, אַז מען דאַרף פירן דעם קאַמף מיט דער אָפּאָזיציע ווייטער. די דאָזיקע מיינונג האָט, אויב איך האָב נישט קיין טעות, פאַרטיידיקט שמעון, וועלכער איז געווען פאַרביטערט פון קאַמף. אים האָט אונטערגעהאַלטן יצחק. איך האָב פאָרגעשלאָגן מ׳זאָל דורכפירן די „דעמאָקראַטיזירונג" פון דער אָרגאַניזאַציע, און אויף אַזאַ אופן אָפּנעמען דעם אָפיציעלן מאָטיוו פאַר אָפּאָזיציע. בן-ציון איז נוטה געווען צו מיין מיינונג. עס איז נאָר געווען די פראַגע, ווי אַזוי דאָס דורכצופירן, אַז אַלע זאָלן זיין צופרידן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער קאָמיטעט וועט נאָמינירן אַ קאָמיסיע פון 7 חברים: 3 פון דער אָפּאָזיציע, 3 פון דער קאָמיטעט - ריכטונג און איינעם אַ נייטראַלן חבר.

אין דער קאָמיסיע זענען אַריין ישראל וועשער, אליהו עסטרין און יששכר וויינטרויב פון דער אָפּאָזיציע, פּעטער לאָזער, אברהם שניידער און איך -- פון קאָמיטעטס צד און דוד בלאָך אַלס דער נייטראַלער „בורר". אונזער אויפגאַבע איז געווען אויסצואַרבעטן אַן אָרגאַניזאַציאָנס-סטאַטוט פאַר דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. 2 טעג, שבת און זונטיק, זענען מיר געזעסן אָן הפסקות אין דער שול „יהודיה", אויף נאָוואָליפּיע 25, וואו די פאַרוואַלטערין איז געווען מיין שוועסטער (אַ חברטע). דעם סטאַטוט, וואָס מיר האָבן געבראַכט, האָט דער קאָמיטעט כמעט אינגאַנצן באַשטעטיקט.

אויף וויפיל איך דערמאָן זיך, איז דער אינהאַלט פון דעם אָרגאַניזאַציע-סטאַטוט באַ

שטאנען אין פאָלגנדיקן: די אָרגאַניזאַציע באַזירט אויף גרופּן פון 10—15 חברים, וועלכע
ווערן אָרגאַניזירט לויט די פאַכן און אין די פאַכן גופא. יעדע גרופּע האָט אירע פאָרלעזונ-
גען, ספּעציעלע לעקציעס, קלײַבט מיטגלידס-אָפּצאָלונגען און האָט אירן אַ פאָרשטייער אויף
פאַרבינדונגען מיט די העכערע אינסטאַנצן. די פאָרשטייער פון אַלע גרופּעס בילדן די אַזוי גערו-
פענע צ ע נ ט ר א ל ע ס כ אָ ד ק ע, וועלכע איז דער געזעצגעבערישער אָרגאַן פון דער
גאַנצער אָרגאַניזאַציע. די צענטראַלע סכאָדקע קלײַבט זיך צונויף איין מאָל אַ חודש: זי
קלײַבט עס קאָנספּיראַטיוו אויס דעם קאָמיטעט, וועלכע דאַרף באַשטיין פון דריי חברים.
בכדי די רעזולטאַטן פון די וואַלן זאָלן זיין קאָנספּיראַטיוו, קלײַבט די צענטראַלע סכאָדקע
אויס אָפּן נאָר איין מענטש — דאָס איז דער פּאַרמיטלער צווישן דער סכאָדקע מיט דעם
קאָמיטעט. באַקומט זיך, אַז יעדער חבר קען דירעקט נאָר זיין אייגענעם פאָרשטייער, מער
קיינעם נישט. אַלע פאָרשטייער קענען נאָר דעם איינעם פּאַרמיטלער; דער פּאַרמיטלער ציילט
די צעטלען, איז מודיע דעם רעזולטאַט פון די וואַלן נאָר די, וואָס זענען אויסגעקליבן גע-
וואָרן אין קאָמיטעט און נאָר ער קען דעם קאָמיטעט.

דער קאָמיטעט האָט באַשטעטיקט דעם סטאַטוט און זיך דערקלערט פאַר אויפגעלעזט.
די אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָמיסיע פון די 7 חברים האָט געדאַרפט דורכפירן די רעאָרגאַניזאַציע.
אין משך פון איין וואָך האָבן אַלע פאַכן געהאַט זייערע גרופּן (די גרופּן האָבן עקזיסטירט
טיילווייז פון פריער) און די גרופּן האָבן אויסגעקליבן פאָרשטייער. דעם נאָענטסטן שבת,
5 מאי 1906, איז אויף דזיעלנע גאַס נומער 3 פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון דער צענ-
טראַלער סכאָדקע, וועלכע האָט ערליידיקט אַ סך ענינים, פון וועלכע איך געדענק אָבער נאָר
די וואַלן פון קאָמיטעט. די צענטראַלע סכאָדקע איז באַשטאַנען פון 27 חברים. פון דעם איז
געדרונגען, אַז אין מאַי 1906 האָט די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע געציילט 300—400 מיטגלי-
דער. אַלס פּאַרמיטלער איז אויסגעוויילט געוואָרן חיים איינשטיין (ירמיהו). די וואַלן פון קאָ-
מיטעט, ווי איך געדענק, זענען געווען כמעט איינשטימיקע. יצחק און שמעון האָבן זיך אָפּ-
געזאָגט צו אַרבעטן ווייטער אין קאָמיטעט. דעריבער זענען איינשטימיק געוויילט געוואָרן בן-
ציון, דוד בלאָך און איך.

די צענטראַלע סכאָדקע האָט אויסגעקליבן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָמיסיע, וועלכע איז
באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון פאַרשידענע קאָמיסיעס: פינאַנץ-קאָמיסיע, טעכנישע, ליטע-
ראַטור-קאָמיסיע, פּראָפּעסיאָנעלע, שטרייק- און ביבליאָטעק-קאָמיסיע. ביים קאָמיטעט גופא
זענען געווען צוויי קאָמיסיעס: אַ קאָנספּיראַטיווע און אַ פּרינציפּיעלע. די לעצטע האָט אויך
געהייסן ביי אונז די טעאָרעטישע — זי איז באַשטאַנען פון די מער אנטוויקלטע חברים און
האָט באַהאַנדלט אַלע פּרינציפּיעלע און טעאָרעטישע פראַגן, וואָס פלעגן אַרויפשווימען פאַר
דער באַוועגונג. אין איר זענען אַריין, ווי איך געדענק, דער קאָמיטעט, דער פּאַרמיטלער
אַ חוץ זיי נאָך אַביש, איש עברי (ש. י. לאָנדינסקי), עמוס (שלמה קאַלאַ), מנחם, יחזקאל,
סאַבינאַ, צוויי שוועסטער אסטערמאַן, בנימין עפראַן, אברהם פּאַריזער, אליהו עסטרין, ישראל
וועשער און נאָך ווער. מיר פלעגן זיך צונויפקומען יעדע וואָך און תּחילת גאַנץ הייס דיסקו-
טירט די פראַגע בנוגע פּרינציפּיעלן, פּראַקטישן אָדער פּראָגנאָסטישן פּאַלעסטיניזם. ביי דער
געלעגנהייט וויל איך פעסטשטעלן, אַז „אונזער פּלאַטפאָרם" און די „יידישע אַרבעטער-
כראָניק" האָט אין פּוילן דעמאָלט נישט געמאַכט קיין גרויסן רושם, אַ חוץ אויף אַ ענגן קרייז
אינטעליגענטן. די מאַסע האָט אפילו נישט געקענט לייענען דעם רוסישן טעקסט.

צווישן די חברים פון דער „פּרינציפּיעלער" קאָמיסיע זענען געווען גאַנץ אינטערע-
סאַנטע מענטשן. אַביש, אין גאַנצן 18—19 יאָר, איז געווען זייער אַ פּעיקער ייִנגל, אַ גוטער
אַגיטאַטאָר און האָט זיך גאַנץ שנעל אָריענטירט. ער איז שוין פון 12—13 יאָר אָן געשטאַנען

אין דער אַרבעטער-באַוועגונג און באַוויזן צוויי יאָר צו זיין אַ בונדיסט. מען האָט אים אין יענער צייט זייער גוט געקענט אויף דער בונדישער בערזע און מען האָט אים דאָרטן אפילו אַמאָל מבטיח געווען „אונטערהאַקן די פיסלעך". לעצטנס איז ער אַראָפּ פון זינען.

עמוס (שלמה קאָלאָ), אויך אַ יונגער בחור, אַ גימנאַזיסט פון אַ יאָר 18 פון אַן אַסימי-לירט פויליש הויז — אַ וועגעטעריאַנער, ווי זיין גאַנצע משפחה; כל ימיו האָט ער פאַרבראַכט אין לייענען און אָן אַ גוזמא קאָן מען זאָגן, אַז דער בחור האָט געהאַט איבערגעלייענט מער ווי צען עלטערע פאַר אים חברים צוזאַמען. איך געדענק אים נאָך, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר 12 אין אָטוואָצק, איך בין עלטער געווען פאַר אים מיט אַ יאָר 4, און שוין דעמאָלט האָב איך פאַר אים דרך ארץ געהאַט צוליב זיין אָנגעלייענטקייט. ער האָט אָבער געהאַט אַ חסרון. נישט אַלץ האָט ער געקאָנט פאַרדייען און באַארבעטן. געוואוסט האָט ער אַ סך, ער האָט אָבער נישט אלע מאָל געקאָנט מאַכן אַ גוטע אָנווענדונג פון זיין וויסן. נאָך פאַר אונ-זער אַרעסט האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ שילער-קרייז, מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט עמוס, מ. יאַרבלום, אַ גימנאַזיסט שוואַרצמאַן און איך. מיר האָבן אַרויסגעלאָזן איין העקטאָגראַפירטע פראָקלאַמאַציע וועגן די יידישע פאָגראָמען און איין געדרוקטע פראָקלאַמאַציע (ביידע אין פויליש) מיט אונזער גאַנצן פראָגראַם — אין נאָמען פון שילער-קרייז (קאָלאָ אוטשניאָווסקע — פּאַרי וואָס, אַגב, מ'האָט עמוסן געראָפן שלמה קאָלאָ). ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן האָט ער אין די שפּעטערע יאָרן פיל מיטגעאַרבעט אין דער פּאַרטיי, אָבער לעצטנס, אין די יאָרן 1917—1918, איז ער איבערגעגאַנגען צו דער פּ. פּ. ס. (לינקע). איצט פאַרנעמט ער זיך מיט ריין-וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, רעדט נאָר פויליש און האָט זיך אַפילו געטויפט (פריער רובינראָט, איצט — רודניאַנסקי).

מנחם, יחזקאל און איש-עברי (ש. לאָנדינסקי), לערער, געוועזענע ישובה-בחורים. די ערשטע צוויי עלטערע, דער ערשטער א יאָר 25, דער צווייטער אַ יאָר 28, מיט ריין יידישע פּעיקע הקרן-קעפּ. גאַנצע טעג האָט מען געהאַלטן אין איין חקרענען זיך; מנחם האָט אַפילו אַריינ-געגעבן אַן אַרטיקל אין נומער 2 „יידיש אַרבעטער וואָרט" (זע ווייטער), אויף וועלכן איך בין געזעסן נישט איין שעה. ביי אַלע דריי האָט געפעלט די גראַדע לאָגיק, זיי האָבן קיינ-מאָל נישט געקענט טראַכטן גלייך, נאָר אַלעמאָל מיט דער רעכטער האַנט געקראָכן צום לינקן אויער; זיי האָבן ליב געהאַט צו פאַרקריכן אין די „טיפסטע טיפקייטן" און האָבן זיי גאָר געכאַפּט וועמען, וואָס האָט זיך מיט זיי אין חקירות אריינגעלאָזן, פלעגט שוין יענער אַרויסגיין פון זייערע הענט ווי פון אַ באָד. עס איז אָבער געווען אַן אינדיווידועלער אונ-טערשייד צווישן יחזקאלן און מנחמען. מנחם איז געווען מער עגאָיסטיש געשטימט און יחזקאל— אַן אמתע ריינע שיינע נשמה, אַ גוטער געלאַסענער מענטש, וועמען אַלע האָבן ליב געהאַט, נישט קוקנדיק אויף זיינע חקירות. איך מוז זיך מודה זיין, איך האָב שטאַרק ליב געהאַט יחזקאלן, איך האָב אָבער אַלע מאָל מורא געהאַט פאַר אים, ווייל פריער ווי נאָך אַ 3—2 שעה פלעג איך זיך פון זיינע הענט נישט אַרויסקריגן, ווען ער פלעגט מיך כאַפּן אין דער קאַוויאַרניע אָדער אויף דער בערזע. אייביק האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט שאלות און ספקות, וועלכע ער האָט פון מיר געפעדערט איך זאָל זיי אים אויפקלערן. מנחם איז אַוועק-געפאָרן קיין פּאַלעסטינע. וואָס מיט אים איז געוואָרן ווייס איך נישט. אין אונזערע רייען איז ער אַלנפאַלס נישטאָ. יחזקאל איז פאַרשיקט געוואָרן אין וואָלאָגדע אָדער אַרכאַנגעלסק. אַ יאָר צוויי פלעגן מיר זיך נאָך מיט אים איבערשרייבן. איך מוז אָבער זאָגן, אַז פון זיינע אַלע מאָל קאָלאָסאַל-לאַנגע און כאַאָטישע בריוו האָב איך נישט תמיד געקאָנט אַרויסקריכן. ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן איז ער נאָך לאַנגע וואָגלענישן געקומען צוריק אין וואַרשע און אין אַ יאָר צוויי אַרום דאָ געשטאָרבן. זאָלן די פּאָר ווערטער דינען אים פאַר אַ מצבה.

איש-עברי (ש. לאָנדינסקי) איז אויך געווען פאַרשיקט, אַ סך זיך געוואָגלט, אָבער נישט נאָר ביזיש. אין די מלחמה-יאָרן איז ער אַריבער צום בונד, געפירט אַן אַטאַקע קעגן פועלי-ציון. לעצטנס אַרויס פון בונד און געוואָרן אַ פריוואַטער פאַרלעגער.

סאַבינא (איצט ראַפאַלקעס) און ביידע שוועסטער אסטערמאַן זענען געקומען צו אונז פון דעם ציוניסטישן פריינען-קרייז „דבורה" און האָבן אונז אַ סך מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט; זיי האָבן זיך בעת כמעט ווי נישט געקענט קיין יידיש און געווען, ספּעציעל די ערשטע, שולשטענדיק אַסימיליורט: סאַבינא אַ ריינע פּאָלקע, ביידע שוועסטער אסטערמאַן — רוסישע פּאָלקעס. אויסער דער יונגערער אסטערמאַן, וועלכע האָט היינט אַ גרויס געשעפט פון היט, זענען די ערשטע צוויי עד-היום געבליבן אין דער באַוועגונג; אסתר אסטערמאַן איז לאַנגע יאָרן געווען די סעקרעטאַרין פון אונזערע גרופּן אין דער שווייץ. מיט אַ יאָר צוריק איז זי אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד, וואו זי איז אַ לערערין און אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער י. ק. פּ. (פּ. צ.).

בנימין עפראָן, איינער פון אונזערע אַקטיווסטע חברים, איז געווען דער בעסטער פּאַרטיי-„וואַיאַזשער" — ער איז אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ פּוילן און האָט אין אַ סך שטעטלעך אָרגאַניזירט גרופּן און אָרגאַניזאַציעס. ער איז געווען אַ גוטער מאַסן-רעדנער און נישט ווייניק זיך אָנגעזעסן אין די פּוילישע טורמעס. ער האָט אָבער געטראַכט אַביסל צו שווער און זיך שווער אָריענטירט. ביי די וואַלן צום שטאָט-ראַט אין וואַרשע, בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע, האָבן אים די פּאָלקיסטן אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט און ער איז אַוועק פון דער פּאַרטיי. איצט איז ער ראַטמאַן פון די צעירי-ציון אין וולאָצלאַוועק און אַ דירעקטאָר פון דער דאָרטיקער יידישער גימנאַזיע. אברהם פּאַריזער, אַ פּאַריזער סטודענט, אַ מאַסן-אַגיטאַטאָר, אַ גאַנץ פלינקער מוח איז צוזאַמען מיט עפראָנען אַרומגעפאָרן איבער פּוילן. וואו ער איז איצט, ווייס איך נישט. מען האָט וועגן אים שטאַרק געמורמלט, אַז ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּאָליציי. עס איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן דעם פאַקט, ער האָט אָבער אין ערגעץ נישט פּרובירט זיך ריינצוּוואַשן פון דעם חשד.

וועגן בן-ציונען האָב איך שוין געשריבן. דוד בלאָך איז ביז היינט אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, הגם ער האָט שוין לאַנג פאַרלוירן זיינע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס. זייער אַן אַרבעטס-פעיקער מענטש, אַן ענערגישער, אַן איבערגעגעבענער, אָן אַ ברעקל איניציאַטיוו - אַזוי איז ער געבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

חיים איינשטיין — איינער פון אונזערע בעסטע חברים אין יענער צייט, אַ מענטש מיט ליטעראַרישע פעיקייטן, מיט אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, אַ פלאַמענדיקער רעדנער — איז איצט געוואָרן אַ גוטער רייכער סוחר.

אַ חוץ די חברים פון דער „פּרינציפּיעלער" קאָמיסיע זענען געווען נאָך אַקטיוו ישׂשכר היינטרויב — איצט אַ סוחר, ביי די רעכטע פועלי-ציון, יהושיע פּאַסקעמאַכער, צוויי שוועסטער אַלבאַנץ (פּערלע און תמר), פּאָלע גלאַטשטערן און נאָך אַנדערע.

און ווען מען קוקט זיך איצט נאָך 15 יאָר אַרום, וואו זענען זיי אַלע די האַלבע און גאַנצע אינטעליגענטן, נעמט צייטנווייז אָן אַן אימה. „אַנדערע זענען געפאַלן אין קאַמף, אַנדערע האָבן זייער שווערד פאַרקויפט". ס'וואָלט כדאַי געווען אַ מאָל אָפּשטעלן זיך גענויער אויף די סיבות, פאַרוואָס די אינטעליגענץ רוקט זיך אַזוי אָפט אַוועק פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. דאָס איז אָבער אַן ענין פאַר זיך.

צו יענער צייט האָט דער פאַרבאַנדס-קאָמיטעט צונויפגערופן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון פאַרבאַנד. דער צוזאַמענפאָר (אין מאַי 1906) אין וואַרשע האָט, אויסהערנדיק דעם באַ-

ריכט פון די דעלעגאַטן צום אַלרוסישן צוזאַמענפאָר אין פעברואַר אין פּאָלטאַווע, באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער „רוסישער פּאַרטיי” „אויף אויטאָנאָמע יסודות”, איבערלאָזנדיק פאַר זיך דאָס רעכט פון שריפטלעכער און מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע בנוגע דער פּאַלעסטינע־פראַגע: עס האָט זיך געהאַנדלט, פאַרשטייט זיך, וועגן פרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם.

מיט א פּאָר טעג פאַרן צוזאמענפאָר איז צו אונז אין וואַרשע געקומען א מיטגליד פון רוסישן צ. ק. דער חבר באַרוכסאָן (כאַשין, אַלעקסאַנדער). דאָס איז געווען דעם ערשטן מאַי. א'ך געדענק דעם טאָג, ווייל קאָזאַקן זענען אַרומגעפאָרן איבער דער גאַנצער שטאָט און געשלאָגן יעדן דורכגייער, ספּעציעל יידן. איך בין געגאַנגען צו כאַשינען אין האָטעל „ראָסיאַ” (נאָוואָליפּקי 8) און מיין נס איז געווען, וואָס איך האָב דערזען די קאָזאַקן, בעת איך בין שוין געווען נאָנט צום האָטעל. מיר האָבן זיך דעמאָלט דעם ערשטן מאָל דורכגעשמועסט וועגן א סך טעאָרעטישע ענינים און איבערהויפּט מכוח „אונזער פּלאַטפאָרם”.

אין נייעם פאַרבאַנדס־קאָמיטעט זענען אַריין: בן־ציון, אַריה און איך, אָבער אַזוי ווי אַריה איז נישט געזעסן אין וואַרשע און בן־ציון האָט זיך אין אַ חודש אַרום דערווייטערט פון דער אַרבעט און אָפּגעפאָרן, איז מיר יענעם זומער אַליין אויסגעקומען צו פירן די אַרבעטן פון פאַרבאנדס־קאָמיטעט.

בעת מיר זענען נאָך געזעסן אין מאָדלין איז אַרויס דער ערשטער נומער „דאָס יידישע אַרבעטער־וואָרט”, אַרויסגעגעבן דורך מ. יאַרבלומען (מ. סאלאמאן) אַלס אָרגאַן פון ט ש ע נ ס ט אָ כ אָ וו ע ר ראַיאָן־קאָמיטעט. דער ערשטער נומער איז געווען זייער בלאַס — ער איז באַשטאַנען פון איין אַרטיקל מ. י.־ס קעגן בונד, וואָס איז שפּעטער אַרויס אין אַ באַזונדער בראָשור, און פון אַ צוויי קאָרעספּאָנדענצן. געדרוקט איז דער נומער געווען, דאַכט זיך, אין קראָקע און מיר האָבן שוין דעמאָלט, אין סוף אַפּריל, געשיקט שמואל איינבינדער ברענגען אים קיין וואַרשע. דער נייער פאַרבאַנדס־קאָמ. האָט באַשלאָסן פאָרטצוזעצן די אויסגאַבע, אַלס אָרגאַן פון וו אַ ר ש ע וו ע ר קאָמיטעט. בן־ציון, אויף וועלכן מיר האָבן אין דעם פרט געלייגט די גרעסטע האָפענונגען, האָט גאָרנישט געגעבן פאַרן נומער. איך געדענק נאָר, אַז מיטן גאַנצן גרייטן מאַטעריאַל זענען מיר אין דרייען, איינשטיין, בלאָך און איך, געפאָרן צו אים אין וואָלאָמין. אין דעם נומער 2 „דאָס יידישע אַרבעטער־וואָרט” זענען אריין אַרטיקלען פון אונז דרייען, אן אַרטיקל מנחמס. און א „בריוו צו יידישע אַרבעטער” פון חבר זיאמא (אָסטראָווסקי), איבערגעזעצט פון דוד בלאָך (געחתמעט ח'טע רחל), און אַ פּאָר קאָרעספּאָנדענצן, דאָ איז אויך אויבן־אָן געווען אָפּגעדרוקט די מיטטיילונג פון פאַרבאַנד־קאָמיטעט וועגן אַריינטריט אין דער רוסישער פּועלי־ציון־פּאַרטיי.

עד היום ווייס איך נישט, וואו און ווי אַזוי מען האָט געדרוקט דעם נומער. איך ווייס נאָר, אַז מיר האָבן איבערגעגעבן דעם גאַנצן מאַטעריאַל אונזער טעכנישער קאָמיסיע מיט שמואל איינבינדער בראש און חברה האָט אין אַ טאָג־צוויי שפּעטער געבראַכט אַ פאַרטיקן בראָשירטן נומער. דערביי איז אינטערעסאַנט, וואָס די קאָרעקטור איז דעמאָלט געווען אַן אויסגעצייכנטע, נישט צו פאַרגלייכן מיט די איצטיקע פאַרטיי־צייטונגען. שמואל האָט מיר נאָר דערציילט, אז מ'האָט געדרוקט דעם נומער מיט דער הילף פון אונזער באָיוווקע; זי האָט מיט רעוואָלווערן פאַרנומען אַ בירגערלעכע דרוקעריי און געצוואונגען צו דרוקן דער נומער. די זעצער, פאַרשטייט זיך, האָט מען באַצאָלט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צייטונג איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי מיר האָבן באַקומען פינאַנסיעלע מיטלען צו דרוקן די אומלעגאַלע אויסגאַבע. צו יענער צייט האָט זיך ביי אונז געוויזן אויפן פאַרטיי־האָריזאָנט אַ חבר אברהם בורזשוי. אַ קורצער, אַ דיקער, אַביסל אַ זאַיקאַ, שטענדיק מיט מזומן אין קעשענע (די מאַמע שיקט אים פון ערגעץ טיף־רוסלאַנד'

האָט ער געזאָגט). אַ רעוואָלוציאָנער, געקראָכן אין פייער שפּילנדיק זיך, תּמיד מיט אַ רעוואָלווער, אַפילו אין די געפּערלעכסטע טעג. ער האָט כּסדר אויסגעקלערט די ריזיקאַלישסטע פּלענער, נאָר דער קאָמיטעט האָט אים אָפּגעהאַלטן זיי אויסצופירן. אברהם איז עס געוואָרן ביי אונז דער „הויפּט-נאַטשאַלניק" פון דער באָיעווקע. ער האָט אַמאָל פאָרגעלייגט צו הרגענען דעם קליינעם, גראָבן רעווירזאָווי, וואָס איז געשטאַנען עק קאַרמעליצקע און נאָוואָליפּקי. דער רעווירזאָווי האָט זיך אָנגעזעצט אויף אונזער בערזע (אויף נאָוואָליפּקי) און כּמעט יעדן טאָג האָט ער זי פאַנאַנדערגעטריבן. עס האָט אונז געקאָסט, באמת, אַ סך מי און צייט, אום נישט צו דערלאָזן אברהמען הרגענען דעם רעווירזאָווי.

דערצו מוז מען געדענקען, וואָס פאַר אַ צייט דעמאָלט איז געווען. די רעאַקציע האָט געווילדעוועט ווי קיינמאָל נישט. די שטאָט איז געווען פאַרפלייצט מיט מיליטער, וואָס האָט געקוקט אויף וואַרשע, ווי אויף אַן עראָבערטער שטאָט. מ'איז זיך באַגאַנגען מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג, סיי מיט דער פּויליש'ער, סיי מיט דער יידישער, ווי מיט בונטאָווטשיקעס. פּאַטרולן זענען אומגעגאַנגען גאַנצע טעג איבער די גאַסן און באַזוכט יעדן דורכגייער, און קוים האָט מען עפּעס געפונען, האָט מען געשלאָגן מכּות רצח. פאַרביי די קאַזאַרמעס פון וואָלינער פּולק אויפן פשעיאַזד האָט מען נישט געקאָנט אַדורכגיין פונקט אַזוי ווי שפּעטער, אין 1919. דער חילוק איז נאָר, וואָס אין 1906 האָט מען דאָרטן געשלאָגן אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט.

דאַמאָלסט, בערך אין חודש יוני-יולי, איז פאָרגעקומען דער „בלוטיקער מיטוואָך", ווען די פּ. פּ. ס. האָט אין איין טאָג אויסגעהרגעט אין פאַרשידענע שטאָט-טיילן עטלעכע צענדליק סטויקאָוועס מיט זעלנער (יעדער סטויקאָווע פלעגט דעמאָלט שטיין אויפן פּאָסטן צוזאַמען מיט צוויי זעלנער) און געוואָרפן עטלעכע באָמבעס אין פּאַטרולן. יענעם מיטוואָך האָט מען פון 3 אַזייגער בייטאָג אָנגעהויבן צו שיסן סתּם אין אַלע גאַסן. די וואָלינצעס זענען אַרויס פון זייער קאַזאַרמע, זיך אויסגעשטעלט אַנטקעגן נאָוואָליפּיע גאַס און גענומען שיסן לענג-אויס פון דער גאַס (איך האָב געוואוינט אויף נאָוואָליפּיע און דאָס צוגעזען). ביי אונז אין גאַס האָט מען געשאָסן 6 דורכגייער, צווישן זיי אַ מיידל פון אַ יאָר דרייצן, וועלכע האָט אויפגעעפנט דאָס פענסטער אויפן ערשטן שטאָק און זיך אַרויסגעבויגן אַ קוק געבן, וואָס ס'קומט-פאָר אין גאַס. אין דער נישע פון אונזער טויער (דער טויער איז געווען פאַרשפּאַרט) האָט זיך באַהאַלטן אַ מענטש. איידער מען האָט אים געעפנט דעם טויער האָבן די וואָלינצעס, צילנדיק אין דער אַנטקעגנדיקער זייט פון דער נישע, דורך אַ ריקאָשעט אים געהרגעט.

זייגער 5—6 פאַרנאַכט האָט מען אָפּגעשפּאַרט אַלע גאַסן אַרום דער מאַרשאַלקאָווסקע און די דורכגייער נישט געלאָזן גיין אַהיים. די יעניקע, וואָס האָבן געוואוינט אויף איינער פון די זייטיקע גאַסן נעבן מאַרשאַלקאָווסקע, זענען שטעהן-לאַנג געגאַנגען פון איין עק ביזן צווייטן און געבעטן זיך רחמים ביי די אָפיצירן מ'זאָל זיי לאָזן גיין אַהיים. אין יידישן קוואַרטאַל האָט דאַן פון פאַרנאַכט אָן געהערשט אַ טויטע שטילקייט.

שוין פריער איז מען אין אָוונט נאָך ניין אַזייגער ווייניק געגאַנגען אין די גאַסן. פון יענעם מיטוואָך אָן האָט מען פון 8 אַזייגער נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש אויף דער גאַס, אַ חוץ די פּאַטרולן, וועלכע זענען שוין געגאַנגען איבער די גאַסן נישט אין מיטן, נאָר אויף ביידע טראָטואַרן; דערביי איז איין זעלנער געווען אָפּגערוקט פונם צווייטן אויף אַ 5 טריט, מחמת מורא פאַר באָמבעס.

איך דערמאָן זיך פאָלגנדיקן פאַל. איך בין געווען איינגעמאָלדן אין שטאָט, אָבער

אַלע אָוונט אַזייגער 11 בין איך אַרויסגעפאָרן קיין שווידער (אַ זומערוואוינונג הינטער וואַרשע) און דאָרטן גענעכטיקט. דאָס איז געווען נישט קיין איבעריקע פאָרזיכטיקייט צוליב די שטענדיקע הויז־אונטערזוכונגען (דעם זומער זענען זיי געווען ביי מיר 4 מאָל — און בלויז איין מאָל בין איך געווען בשעת מעשה אינדערהיים און דורך אַ צופאַל זיך אַרויסגעדרייט). דעם ערשטן זונטאָג נאָך דעם „בלוטיקן מיטוואָך" אינדערפרי בין איך מיר געגאַנגען פון וואָקזאַל איבער די נאַלעווקעס. נישט ווייט פון עק נאָוואָליפּקי האָב איך באַמערקט, ווי יידן איילן זיך צו פאַרמאַכן די קראָמען און די דורכגייער באַהאַלטן זיך אין די טויערן. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט און בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין די סיבה דערפון. ווען איך בין אָבער פון די נאַלעווקעס אַריין אין די נאָוואָליפּקי האָב איך זיך געטראָפן שנים אל פנים מיט אַ פאַנאַנדערגעוואָרפענעם פאַטרול וואָלינצעס. איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען די סיבה פון דער בהלה. ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט צו אַנטלויפן. מ'דאַרף געדענקען, אַז די פאַטרולן האָבן אַלע יידן ספּעציעל שרעקלעך געשלאָגן. עס קאָן זיין, אַז מיך האָט געראַטעוועט מיין סטודענטן־היטל (פונקט דעמאָלט האָט מען זיך עפּעס בעסער אָנגעהויבן צו באַגיין מיט סטודענטן) און איך האָב אויסגעמיטן קלעפּ. דער אָפיציר האָט אַ מאַך געטאָן מיטן פינגער, מען האָט מיך גאַנץ ענערגיש באַזוכט און אָפּגעלאָזן. איך בין מיט מזל פאַרביי דעם לעצטן זעלנער, ערשט שרייט ער „סטאָי, סטאָי"! כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט. דער זעלנער האָט מיר אָפּגעשפּילעט דעם ראָק, דאָס וועסטל, דאָס העמד און גענומען זוכן אויפן לייב. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס וויל ער פון מיר. ער האָט אַ פּנים געפונען פאַר נויטיק צו ערקלערן זיין אויפפירונג און מיך אַ פרעג געטאָן: „Не клейменый ли?" צי בין איך, הייסט עס, נישט קיין „געשטעמפּלטער". ס'איז גראָד געווען נאָך דער באַרימטער עקספּראָפּריאַציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן (מיעזשדונאַראָדנעם) באַנק אין מאָסקווע דורך מעזענצעוון, וועלכער איז אַנטלאָפן. דער דאָזיקער מעזענצעוו איז געווען געשטעמפּלט אויף דער ברוסט. דער זעלנער האָט מיך חושד געווען, אַז איך בין עס מעזענצעוו... און געזוכט די חתימה...

אָט אין דער צייט האָט זיך ביי אונז אָנגעהויבן די טעטיקייט פון אברהם בורזשוי, דעם נאַטשאַלניק פון דער „באָיעווקע". מיר האָבן זיך געניויטיקט אין פאַפּיר פאַר דער צייטונג, האָבן מיר געשיקט אברהמען מיט נאָך אַ חבר צו אַ פירמע אויף דער גראַניטשנע גאַס, גרוימאַן, מ'זאָל „פאַר דער אָרגאַניזאַציע געבן פאַפּיר". די פירמע האָט קיין פאַפּיר נישט געגעבן און האָט נאָך אויסגעזידלט אברהמען. דאָס איז געווען אַן אונערהערטע באַליידיקונג פאַר דער אָרגאַניזאַציע, און דער קאָמיטעט האָט געמאָלדן דער פירמע, אַז זי מוז זיך אַנטשולדיקן און אַלס שטראָף באַצאָלן 500 רובל, אויב נישט ווערט איר ערקלערט אַ באָיקאָט. תחילת האָט זיך די פירמע אויסגעלאַכט און קיין געלט נישט געוואָלט באַצאָלן. אַז די באָיעווקע האָט אָבער נישט אַריינגעלאָזן קיין סוחרים, אויסגעבראָכן די שויבן פון די שוי־פענסטער וועלכע האָבן געקאָסט מער ווי 500 רובל, האָט די פירמע געזוכט פּראָטעקציע ביי... פרילוצקין, וועלכער האָט געוואָלט שפּילן די ראָלע פונם פּראָטעקטאָר פון פּועלי־ציון. ער האָט, משמעות, צוגעזאָגט גרוימאַנען צו ערליידיקן דעם ענין און מיר צוגעשיקט אַ צעטל מיט מוסר. מיר האָבן פרילוצקין אָנגעוויזן זיין אָרט און געבעטן נישט צו מישן זיך נישט אין זיינע ענינים. פון דעמאָלט אָן איז עס פרילוצקי, אַ סברא, געוואָרן אונזער קעגנער. דער סוף איז אָבער געווען, אַז ג. האָט די 500 רובל יאָ באַצאָלט.

אַן אַנאַלאָגישער פאַל איז פאָרגעקומען מיט דער פירמע אייזענבערג אויפן פשעיאַזד. די פירמע האָט זיך געהאַלטן תקיפער, ווייל די קאַזאַרמעס זענען געווען קעגנאיבער, און דער עיקר, ווייל ס'האָבן זיך אַריינגעמישט די פּ. פּ. ס., וועלכע האָבן אַרויסגעלזט אַ סכּע-

ציעלע פראָקלאַמאַציע, וואו זיי האָבן מיט אַ כיון, צי על פי טעות הבחור הזעצער, אונז גערופן „פּאָדלע-ציון”.

די פראָקלאַמאַציע איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, צוליבן באָיקאָט אויף אייזענבערגס געשעפט, וואָס זיינע אָנגעשטעלטע האָבן געהערט צו די יידישע פּ. ס. און די עצטע האָבן זיך געפונען געטראָפן דערמיט, וואָס מיר האָבן דערקלערט דעם באָיקאָט, נישט אָנפרעגנדיק זיך ביי און נישט רעכנענדיק זיך מיט זיי. זיי האָבן זיך אַריינגעמישט אין סכסוך און עס איז אפילו געקומען איינמאָל צו אַ געשלעג. דער צווייטער טעם איז געווען דער שטרייק פון די קעלנערס ביי גריצהענדלערן אין צוקערניע אויף נאַלעווקעס. דעם שטרייק האָבן מיר געפירט און גריצהענדלער האָט אָנגעשטעלט צוויי פוילישע אַרבעטער. אונזערע חברים האָבן זיי געוואָלט אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט און דאָס האָט אויפגערעגט די פּ. פּ. ס., וועלכע האָבן פאַרטיידיקט די צוויי שטרייק-ברעכערס. עס איז געקומען צו שויבן-ברעכן וכדומה ביי גריצהענדלערן. דעם גאַנצן כעס צו אונז האָבן די פּ. פּ. ס. אויסגעלאָזן אין דער אויבנדערמאָנטער פראָקלאַמאַציע, אויף וועלכער מיר האָבן געענטפערט מיט אַ לאַנגן אויפרוף אונטערן נאָמען „משה רבינוס פערדעלעך” (געשריבן פון חיים-ירמיהו). דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז דער אויפרוף האָט זיך געדרוקט אין דער דרוקעריי אויף אָגראָדאָווע 24, וואו כמעט אַלע פאַרטייען האָבן דעמאָלט געדרוקט זייערע אויסגאַבן. צו דער זעלבער צייט האָט די „רוסישע מיליטערישע רעוואָ-וציאָנערע אָרגאַניזאַציע” געדרוקט דאָרטן דעם באַקאַנטן „וויבאָרגער אויפרוף” פון די דומע-דעפוטאַטן. אַ דאַנק אָבער זייערן אַ פראָוואָקאַטאָר האָט מען פאַרכאַפּט די דרוקעריי בשעתן דרוקן דעם וויבאָרגער אויפרוף. אונזערע חברים איז געלונגען אַרויסצוגנבענען דעם זאַץ פון אונזער אויפרוף קעגן די פּ. פּ. ס., וועלכן מ'האָט דערנאָך אַראָפּגענומען מיט אַ וואַליק. דעריבער איז ער ערשינען עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד צו אַ 30—40 עקזעמפּלאַרן.

אייזענבערגס פירמע האָט סוף כל סוף געמוזט צאָלן.

ביסלעכווייז איז אברהם בורזשוי געקומען צום געדאַנק וועגן עקספּראָפּריאַציעס. די פּ. פּ. ס. האָבן געמאַכט עקספּראָפּריאַציעס אַלע טאָג; אַ גוטע באָיוווקע האָבן מיר געהאַט; קיין געלט איז נישטאָ, די רעגירונג דריקט און שטיקט — פאַרוואָס זאָלן מיר נישט אָנווענדן דעם זעלביקן מעטאָד, ווי די פּ. פּ. ס. נישט אַלע האָבן דעמאָלט פאָרויסגעזען די דעמאָראַליזאַציע, וואָס אַזאַ „אַרבעט” איז עלול אַריינצוברענגען אין אונזערע אייגענע רייען, און אויף איין זיצונג פון קאָמיטעט מיטן אָנטייל פון אברהם ב. איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך מיט דער זאַך פאַרנעמען. די קאָמיסיע האָט געקריגן דעם נאָמען „קאָנספּיראַטיווע קאָמיסיע” און איז צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. אין דער קאָמיסיע זענען אַריין די דריי נאַטשאַלניקעס פון די דריי גרופּן פון דער באָיוווקע, אברהם בורזשוי, יך אַלס מיטגליד פון קאָמיטעט, און דער פאַרמיטלער.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלעמאָל לשם קאָנספּיראַציע צו ענדערן אונזערע נעמען, וואָרים אונז דרייען, דוד בלאָך, מיך און חיים איינשטיין — דעם דעמאָלטיקן קאָמיטעט, האָבן אַלע חברים גערופן ביי די כשרע נעמען און אפילו די פאַמיליען-נעמען האָט מען געוואוסט, אַ חוץ אפשר איינשטיינען.

אין העברעישן „הזמן”, למשל, איז צו יענער צייט געווען אַ נאָטיץ, אַז דער סטודענט ראַפּ. גייט אַרום מיט רעוואָלווערן און פאָדערט געלט ביי דער בורזשואַזיע. מיין קומענדיקע שוויגער האָט אַמאָל אויפן בית-עולם געהערט, ווי צוויי רעסטאָראַטאָרן האָבן גערעדט צווישן זיך, אַז אין אַלע שטרייקן איז שולדיק דער סטודענט ר... און אָנגערופן מיין פערן נאָמען (שיער-שיער איז זיך דעמאָלט דער שידוך מיינער צוליב דעם נישט פאַנאנדער-

געגאַנגען...) צוליב דעם און אַנדערע טעמים האָבן מיר זיך געמוזט פאַרקאָנספּירירן און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז דוד בלאָך הייסט ישעיהו, חיים איינשטיין — ירמיהו און איך — זכריהו, איך מוז אָבער קאָנסטאַטירן, אַז בשעת די ביידע ערשטע נעמען האָבן זיך אָנגענומען, האָט מיך כמעט קיינער אין לעבן נישט גערופן זכריהו. און מיינע ווייטערדיקע פּרוון צו ענדערן מיין נאָמען האָבן נישט געבראַכט צו קיינע בעסערע רעזולטאַטן, ביז איך האָב נישט פאַרלאָזן וואַרשע.

באַטראַכטנדיק פאַרשיידענע פּראָיעקטן פון עקספּראָפּריאַציעס איז מען סוף כל סוף געקומען דערצו, אַז קודם כל זאָל מען עקספּראָפּריאירן די קאַסע פון דער באַן־סטאַציע פּ אַ ל ע נ י צ ע (אַ זומערוואוינונג הינטער וואַרשע). די עקספּראָפּריאַציע איז געלונגען. אויף מאָרגן איז באַלד געווען אַ ידיעה וועגן דעם אין די צייטונגען — און היות ווי מיר האָבן, לויטן ביישפּיל פון די פּ. פּ. ס. איבערגעלאָזן אַ באַשטעטיקונג אין נאָמען פון פּועלי־ציון, האָבן די צייטונגען באַלד געשריבן, אַז פּועלי־ציון האָבן געמאַכט די עקספּראָפּריאַציע.

דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. אברהמען האָט שטאַרק פאַרשמעקט דער ענין (פאַרוואָס — איז אונז קלאָר געוואָרן שפּעטער), האָט ער פאָרגעלייגט מ'זאָל עקספּראָפּריאירן די פּאָסטעק דזיעלנע און דזשיקע אין וואַרשע. ער איז שוין אַהין עטלעכע מאָל געגאַנגען, גוט באַקענט זיך מיט דער טאָפּאָגראַפיע פון דער דירה. בסך־הכל זענען דאָרטן דאָ 5 זעלנער. מיר האָבן בשום אופן נישט געוואָלט געבן אונזער הסכם, ווייל מיר האָבן פאַרשטאַנען. אַז דאָ גייט מען זיכער אויף קרבנות. צוליב ג ע ל ט, האָבן מיר געטענהט, לוינט עס נישט. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו עקספּראָפּריאירן די קאַסע אויף דער באַן־סטאַציע אָ ט וו אָ צ ק (די זעלבע ליניע ווי פּאַלעניצע). די דאָזיקע עקספּראָפּריאַציע איז שוין נישט אַזוי בשלום אַריבער. ערשטנס האָט זיך דאָרטן די גאַנצע באָיוווקע געוואַלגערט צוויי טעג. צופעליק איז אָנגעקומען אַן עשאַלאָן מיט זעלנער, האָט מען די ערשטע נאַכט נישט געקאָנט אַדורכפירן די עקספּראָפּריאַציע. אמת, מען האָט אויסגענוצט דעם טאָג צו עקספּראָפּריאירן די פּאָסט אין אָטוואָצק, צווייטנס האָט איין קאָנדוקטאָר פּרובירט זיך אַקעגנשטעלן און אַרויסכאַפּן ביי איינעם פון אונזערע דעם רעוואָלווער, האָט ער דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן. אַ דאַנק דעם שאָס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי גלאַט אין דער וועלט אַריין און פון אַן אייגענער קויל איז פאַרוואונדעט געוואָרן שמולעק העפּטער (שפּעטער איינער פון די אָנפירער פון השומר אין פּאַלעסטינע און איצט אַן אַקטיווער אַחדותניק). צולעצט האָט דער פאַרוואַלטער פון דער באַן־סטאַציע געטענהט, אַז מ'האָט צוגענומען אויך זיינע פּערזענלעכע געלטער (300 ר.). היות ווי מיר האָבן דערקלערט, אַז מיר „קאָנפיסקירן" נאָר ר ע ג י ר ו נ ג ס ־ געלטער, האָבן מיר געהאַט אַ סך קאָפּ־פאַרדרייעניש, ביז מיר האָבן דעם פאַרוואַלטער אָפּגעגעבן זיין געלט, נאַטירלעך מיטן תנאי, ער זאָל מודיע זיין אין די צייטונגען, אַז ער האָט זיין געלט פון די פּועלי־ציון צוריק באַקומען. די אַלע „פינאַנסיעלע" אָפּעראַציעס האָבן אונז געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן נאָך אַ נומער „דאָס יידישע אַרבעטער־וואָרט" (נ. ט) מיט די זעלביקע מיטאַרבעטער. אין דעם נומער זענען שוין געווען אַ סך קאָרעספּאָנדענציעס, מיט וועלכע עס האָט אונז פאַרזאָרגט בנימין עפראָן, וועלכער איז דעמאָלט אַרומגעפאָרן איבער פוילן.

נאָך דער לעצטער עקספּראָפּריאַציע האָט אברהם בורזשוי זיך אָנגעהויבן רייסן אַהיים, צו זיין מאַמען, ערגעץ אין טיף רוסלאַנד. די מאַמע, האָט ער געטענהט, איז קראַנק און רופט אים. מיר האָבן אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן, הגם מיר איז שוין דאַן פאַרדעכטיק געוואָרן, וואָס ער האָט אַ סך געלט און איז בשעת הדחק אפילו געוואָרן אַ מלוה פון דער אָרגאַניזאַציע. ספּעציעל האָט זיך נישט געגלויבט, אַז אין אַ קאַסע פון אָטוואָצק זאָל נישט האָבן

געווען מער ווי 300 רובל. ווען אברהם איז נישט קוקנדיק אויף אונזער פּאַרבאָט אין איין שיינעם פרימאָרג נעלם געוואָרן, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די מעשה איז נישט גלאַטיק. ביסלעכווייז האָט פאַר אונז אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן די גאַנצע פיזיאָנאָמיע פון דעם בחור. ערשט נאָכדעם ווי ער איז אַפּגעפאָרן, האָט מען אונז אָנגעהויבן דערציילן, אַז ער האָט זיך געוואָרפן מיט געלט, אַז ספּעציעל נאָך די טעג פון עקספּראָפּריאַציעס האָט מען ביי אים געזען אַ סך געלט וכדומה. פאַר אונז איז פולשטענדיק קלאָר געוואָרן, אַז מיר האָבן געהאַט צו טאָן מיט אַ טיפּישן „קאָמבינאַטאָר". אַ קאָמבינאַטאָר האָט דעמאָלט געהייסן אַ מענטש, וואָס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין פשוטער גנב, נאָר האָט לייכטזיניק געמאַכט פאַרשיידענע „קאָמבינאַציעס" מיט פאַרטיי-געלטער. אברהם בורזשוי איז געווען אַ קלוגער קאָמבינאַטאָר. ווי נאָר ער האָט דערפילט, אַז דער באָדן הויבט זיך אָן וואַקלען אונטער זיינע פיס, האָט ער זיך געזאָגט: גענוג! און געמאַכט פליטה. ער האָט נאָך געהאַט אַ העזה צו שרייבן אונז אַ ידידי-בריוול, אַז ער וואָלט גערן געקומען צוריק, נאָר די מוטער...

יענער מיטן זומער איז געווען די בעסטע צייט פאַר אונזער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. איר לעבנס-אימפּעט האָט זיך שטאַרק געפילט, דער דופק האָט געקלאַפּט פיבערהאַפט. אַ סך פון אונזערע אינטעליגענטע מיטלויפער האָבן געוואוינט אויף אַ זומער-וואוינונג אין שווידער און דאָרטן איז געוואָרן אַ צווייטער צענטער פון די פּועלי-ציון. יעדן שבת זענען אַהינגעפאָרן הונדערטער פון אונזערע חברים, דאָרטן זענען פאָרגעקומען יעדן שבת לעקציעס און מיטינגען אין וואַלד. פון די לעקציעס געדענק איך צוויי (יאַרבלומס און מיינע). איין שבת האָבן מיר דאָרטן געמאַכט אַ מיליטערישן „סמאָטר". עס זענען אַראָפּגעקומען אַ 500 חברים, צווישן זיי אויך די גאַנצע באָיוווקע. מיט אַ רויטער פאָן און מיט רעוואָלווערן האָט די מחנה דורכפּאַראַדירט איבער גאַנץ שווידער, און די חברים האָט שטאַרק הנאה געטאָן, זעענדיק, וואָס פאַר אַן אימה ס'האָט באַהערשט די אַלטע בירגערלעכע „לעטניקעס".

אונזערע שילער און אַ פּאָר סטודענטן האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין שווידער אַ באַזונדערן אָרגאַן (העקטאָגראַפירט) „די דאַטשע-כראָניק". עס זענען אַרויס אַ 3—4 נומערן. רעדאַגירט דעם אָרגאַן האָט מיין שוועסטער מרים, גאָרדאָן און שמואל קאַצנעלסאָן. דער אָרגאַן איז שטאַרק אָנגענומען געוואָרן... אין שווידער. איך געדענק נאָר איין עפּיזאָד. די חברטע סאַבינע האָט אָנגעשריבן אַ לייט-אַרטיקל (אין פּויליש) פאַר אַ נומער „דאַטשע-כראָניק" און מיט מיר עס אָפּגעשיקט פאַר דער רעדאַקטאָרין אין שווידער. אינטערוועגס האָב איך אים דורכגעלעזן און ער איז מיר געפעלן געוואָרן. מיר זענען געשטאַנען פאַר דער אויסגאַבע פון דריטן נומער „דאָס יידישע אַרבעטער-וואָרט" און אונז האָט גראָד געפעלט אַ לייט-אַרטיקל. עס איז געווען פונקט נאָכן צעטרייבן די ערשטע דומע אין יוני 1906; אָנשטאָט אין „דאַטשע-כראָניק", האָב איך איבערגעגעבן דעם אַרטיקל דודן (בלאָך). ער האָט אים איבערזעצט, אַביסל געענדערט, עפּעס צוגעגעבן און עס איז אַרויס גאָרנישט קיין שלעכטער אַרטיקל (דער לייט-אַרטיקל פון נ' 3 ייד. אַרב.-וואָרט).

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסגאַבע און רעדאַקציע פון „יידישן אַרבעטער-וואָרט", שטייט מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט כתריאלן (לעאָן כאַזאַנאָוויטש). עפּעס אין אַ שיינעם פרימאָרגן לאָזט זיך צו מיר אַראָפּ אַ הויכער, ברייט-פּלייציקער בחור מיט אַ גרויסן קאָפּ געדיכטע האָר. ער דאַרף די רעדאַקציע פון „ייד. אַרב.-וואָרט". נאָכדעם, ווי כ'האָב זיך איבערצייגט, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַ חבר, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער איז פון לאָדזש און האָט געבראַכט אַן אַרטיקל פאַר דער צייטונג. דערביי נעמט דער בחור אַרויס אַ כתב-יד פון אַן ערך 100 זייטלעך געדיכט געשריבן און וויל זיך זעצן מיט מיר אויפן

שטעל איבערלייענען. איך האָב זיך מיט שווערער מי אָפּגעבעטן, אַז מיר זאָלן לאָזן דעם ענין אויף אַ פּאָר טעג. איך קאָן זיך איצט נישט דערמאָנען דעם תוך פון דעם אַרטיקל. יעדנפאַלס געדענק איך, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן פון דער מענטשלעכער טבע, פון דעם אורשפּרינגלעכן מענטש, ווי ער קעמפט מיט דער נאַטור און אַזוי ווייטער. מיט איין וואָרט אַן אַרטיקל פון אדם הראשונען אָן. איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב זיך ווייט אין דעם אַרטיקל נישט אַריינגעלייענט, ווייל ווען מיר זאָלן אים וועלן דרוקן, וואָלטן מיר בלויז מיט אים אַליין געדאַרפט אָנפילן גאַנצע צוויי נומערן פון אונזער אָרגאַן. און אַזוי ווי בסך-הכל האָבן מיר אַרויסגעגעבן צוויי נומערן אין וואַרשע אין געוואוסט, אַז צום 4-טן וועלן מיר נישט דערלעבן, האָב איך מיר ערלויבט דעם אַרטיקל נישט צו לייענען. דעם צווייטן מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן מיט כתריאלן אויף דער טשעכאָטשינקער קאָנפערענץ און אויפן קראָקעווער 2-טן פּאַרטיי-טאָג, וואו ער איז ביי מיר געבליבן אין זכרון נאָר אַ דאַנק זיינע פּערזענלעכע סכסוכים מיט אַנדערע חברים.

דער 3-טער נומער איז געווען אונזער לעצטע אויסגאַבע אין יענעם זומער. די פּאַרטיי-אַרבעט האָט זיך אַלץ מער און מער פאַנאַנדערגעוואַקסן. מיר האָבן זיך אַלץ מער און מער גענויטיקט אין פינאַנסיעלע מיטלען, די צאָל פּראָפעסיאָנאַלן איז געוואַקסן, און מיר האָבן געמוזט אָפּשטעלן די אויסגאַבע. די פּראָפעסיאָנאַלן האָבן ביי אונז באַקומען נישט קיין גרויסן געהאַלט, למשל יצחק זייגערמאכער, שמואל איינבינדער און חיים האָבן באַקומען צו 3 רובל אַ וואָך, שפּעטער האָט מען זיי געהעכערט ביז 4 רובל אַ וואָך. איין בן-ציון האָט ביי אונז די ערשטע צייט ביז זיין אָפּפאָרן באַקומען אַ „גראַנדיעזן" געהאַלט פון 8 רובל אַ וואָך. די פּאַרטיי-אַרבעט האָט אַלץ געפאָדערט נייע און נייע כחות, ווייל די אָרגאַניזאַציע פלעגט זיך פאַנאַנדערוואַקסן פון טאָג צו טאָג און דערפאַר טאַקע האָט דער קאַמף מיט די אַנדערע פּאַרטייען אָנגענומען אַלץ אַ מער פאַרביטערטן כאַראַקטער.

אויף דער יידישער גאַס האָבן דעמאָלט געקעמפט 5—6 פּאַרטייען: די עלטסטע אָרגאַניזאַציע—דער בונד, נאָכהער די ס. ס., וועלכע זענען צו יענער צייט געווען פאַרהעלטניסמעסיק שטאַרק און געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג, נישט אַזוי אין וואַרשע, ווי אויף דער פּראָווינץ (טשענסטאָכאָוו איז נאָך עד-היום געבליבן זייער איינציקע האָפענונג און טרייסט). די פּ. ס., וועלכע האָבן געהאַט אַ ספּעציעלע יידישע אָפּטיילונג, וואָס האָט אַפילו אַרויסגעגעבן אַביסל אומלעגאַלע ליטעראַטור און פּראָקלאַמאַציעס אין יידיש, מיר, וואָס זענען אָקאָרשט וואָס געקומען אויף דער יידישער גאַס און געפונען כמעט אַלע פּאָזיציעס שוין פאַרכאַפּט. דערצו דאַרף מען נאָך צורעכענען די ס. ד. ק. פּ. ל., וועלכע האָבן דאַן געהאַט אַ קליינע השפעה אויף דער יידישער אַרבעטערשאַפט. ועל כולם איז געווען נאָך איין פּוילישע פּאַרטיי „די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פּראָלעטאַריאַט", וועלכע איז צו יענער צייט באַשטאַנען, ווי מ'האָט געזאָגט, פון אַ פּאָר הונדערט מאַן, אָבער זי האָט געמאַכט אַזאַ גרויסן טאַראַראַם אין שטאָט בכלל און אַפילו צווישן די יידישע אַרבעטער, אַז מען האָט געמיינט, אַז זי איז פיל שטאַרקער, אַ פּאַרטיי מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם טעראָריסטישן כאַראַקטער, אַ מין רוסישע ס. ר.'ן. דאָס איז געווען אַ פּאַרטיי, וואָס האָט פון פּ. פּ. ס. איבערגענומען דעם רעוואָלוציאָניזם און טעראָריזם און פון דער ס. ד. ק. פּ. ל. — איר סאָציאַליסטישן אינהאַלט. די פּאַרטיי האָט זיך אָבער לאַנג נישט געהאַלטן און אַ דאַנק די אויסגעשפּראָכן אַנאַרכיסטישע טענדענצן האָט זי געהאַט אַ סך פּראָוואָקאַטאָרן און „קאָמבינאַטאָרן". אַלס כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל געדענק איך דעם טויט-אורטייל, וואָס די פּאַרטיי האָט אויסגעפירט אויף איינעם פון אירע אָנפירער — מיינעם אַ פּערזענלעכן גוטן באַקאַנטן נאָך פון די גימנאַזיע-צייטן — הודקע גורעוויטש. ער האָט דעמאָלט געוואוינט אויף נאָוואָליפּקי 29 — איך בין

צופעליק געווען ביי בן־ציונען (נאָוואָליפקי 36). דערהערט עטלעכע שאָסן אין מיטן העלן טאָג אַזייגער 2—5, האָב איך זיך אַרויסגעבויגן פון פענסטער און דערזען, ווי 3 מענטשן אַנטלויפן פון טויער 29. איך בין אַראָפּ און האָב זיך דערוואוסט, אז דאָס האָט מען דעם תמיד פריי־לעכן און גוט-געשטימטן דודקע גורעוויטש געהרגעט, לויטן אורטייל פון דער פאַרטיי „פראָלע־טאַריאַט”. די שוועסטער זיינע האָט מיר דערציילט, אַז אינדערפרי האָט אים זיינער אַ גוטער פריינט געשיקט אָנזאָגן ער זאָל פון דער היים נישט אַרויסגיין דעם גאַנצן טאָג. אַזייגער 2 איז געקומען אַ חבר און האָט אים אַרויסגערופן אין טויער, וואו מען האָט אים אויפן אָרט אַנידערגעלייגט מיט דריי קוילן.

געהרגעט האָט מען אים דערפאַר, וואָס ער האָט „דעמאָראַליזירט דעם פליישער־פאַך”, וואָס ער, ווי מ׳האָט געזאָגט, האָט אויסגענוצט די פאַרטיי - סטעמפּלען פאַר זיינע פערזענלעכע צוועקן. ווען פון אויסלאַנד איז געקומען אַ פאָרשטייער צו אָרגאַניזירן דעם משפט, האָט דודקע זיך אָפּגעזאָגט צו גיין און געסטראַשעט, אז אויב מ׳וועט קעגן אים אָננעמען אַגרעסיווע מיטלען, וועט ער איבערגעבן דער פּאָליציי אַלץ, וואָס ער ווייס. אַזוי האָט מען וועגן אים דערציילט. און אַזוי איז ער אומגעקומען.

אַזאַ איז געווען די אַטמאָספער פון יענער צייט. פאַרטייען האָבן שאַרף געקעמפט צווישן זיך אין גאַס, אויף די בערזעס, אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אויף מיטינגען, אין דער אומלעגאַלער פרעסע און אָפט איז עס דערגאַנגען צו פשוטע געשלעגן.

אָבער די באַוועגונג האָט זיך כסדר אַנטוויקלט, די מאַסן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט. נישט בלויז אין וואַרשע איז די אַרבעט געגאַנגען לעבעדיק. צו יענער צייט האָט דער פאַרבאַנד געאַרבעט זייער ענערגיש און אָרגאַניזירט אַ ריי שטעט און שטעטלעך אין גאַנץ פוילן. אַ דאַנק אונזערע אַרומפאָרנדיקע אַגיטאַטאָרן: בנימין עפראָן, יאַרבלום, אַברהם פאַריזער, אַביש און אַנדערע, איז אונז געלונגען צו גרינדן אָרגאַניזאַציעס אין לאָדזשער, וולאָצלאַווקער, וואַרשעווער, קעלצער און אַנדערע ראַיאָנען, האָבן מיר אָנגעהויבן צונויפצורופן ראַיאָן־קאָנפערענצן און ענדלעך אויך דעם III.טן צוזאַמענפאָר פון דעם פ ו י ל י ש ן פ אַ ר־ב אַ נ ד אין אויגוסט מאָנאַט אין טשעכאָטשינעק.

צו דער III-ער קאָנפערענץ זענען געקומען 24 דעלעגאַטן פון 18 אָדער 19 פונקטן. צוליב דער פאַרהעלטניסמעסיק קליינער צאָל איז באַשלאָסן געוואָרן די קאָנפערענץ זאָל זיך דערקלערן פאַר אַ באַראַטונג. די באַשלוסן פון דער באַראַטונג געדענק איך שוין נישט; — אין זכרון זענען מיר געבליבן נאָר אַ פּאָר מאָמענטן.

צו דער באַראַטונג איז געקומען אַ דעלעגאַט פון סאָכאַטשעוו — אַ שוסטער אין די עלטערע יאָרן, אַזוי איבער פערציק, מיט אַ גרויסער באָרד. מיר זענען נאָכנישט געווען גע־וואוינט צו אַזעלכע טיפּן. מיט אים איז אויך געקומען אונזער פּראָפעסיאָנאַל, וואָס האָט אין סאָכאַטשעוו געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע — אַברהם פאַריזער. דעמאָלט האָבן מיר אים נאָך אין קיין זאַך נישט חושד געווען. אָבער צוליב די אומלעגאַלע באַדינגונגען פון דער קאָנפע־רענץ האָב איך, זייענדיק אין דער מאַנדאַט-קאָמיסיע, אים נישט געוואָלט צולאָזן צו דער קאָנפערענץ, ווייל פון סאָכאַטשעוו איז באַשטימט געוואָרן נאָר איין דעלעגאַט. אַברהם פאַריזער האָט זיך ביי מיר געבעטן, צולאָזן אים כאָטש צו דער עפענונג. ער האָט עס נישט געפועלט

אינטערעסאַנט איז דער שפּעטערדיקער גורל פון דעם דאָזיקן מענטש, וואָס הגם ס׳איז נישט באַוויזן געוואָרן איז פונדעסטוועגן דערנאָך די אַלגעמיינע מיינונג געווען, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. לאַנגע יאָרן האָב איך פון אים נישט געהערט, נאָר אין 1923 האָבן מיר די חברים אין פאַריז דערציילט, אַז ער איז נאָך אַ לאַנגן איבעררייס ווידער געקומען קיין פּאַ־ריז — זייער שנעל געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן פאַרמעגן, ווי אַזוי ווייסן זיי נישט; ער האָט זיך

אַפילו געקויפט אַ ווילע הינטער פּאַריז, אַרומגעפאָרן נאָר אין אויטאָס און פּלוצים געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק זיין גאַנצן פאַרמעגן, וואָס מען האָט געשאַצט אין מיליאָנען פראַנקען, זיין ציווילער פרוי, אַ פראַנצויזין.

צו דער באַראַטונג איז צום ערשטן מאָל געקומען דער פאָרשטייער פון רוסלענדער צ. ק. ח׳ כ אַ ש י ן (דעמאָלט באָרוכסאָן), וועלכער האָט אונז שוין באַזוכט אין וואַרשע דעם 1־טן מאַי. די באַציונגען צווישן דעם פאַרבאַנדס־קאָמיטעט מיטן צענטראַל־קאָמיטעט זענען געווען אָנגעצויגענע, אַלץ צוליב דעם טעאָרעטישן סכסוך — צווישן דעם פּרינציפּיעלן און פּראַקטישן פּאַלעסטיניזם. אָבער די חברים פון די שטעטלען זענען זייער באַגייסטערט געווען דערפון, וואָס ס׳איז אָנוועזנד אַ חבר פון רוסלענדער צ. ק. בשעת דער באַראַטונג גופא איז נישט איינמאָל געקומען צו צוזאַמענשטויסן (אמת, אין גאַנץ פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרמען), וועלכע האָבן אָבער קיין פּאַרטייאישע קאָנסעקווענצן נישט געהאַט.

אין דער באַראַטונג האָט גענומען צום ערשטן מאָל אָנטייל אויך דער חבר כ ת ר י א ל (ל. כאַזאַנאָוויטש)—מיט וועלכן מיר איז שוין פריער אויסגעקומען צו שליסן פּאַרטייאישע באַקאַנטשאַפט.

אין די יאָרן 1908 — 1907 איז כתריאל געווען רעדאקטאָר פונם „יידישן אַרבעטער" אין גאַליציען און היינט צו טאָג פאַרנעמט ער א חשובן אָרט אין אונזער זשורנאַליסטיק. דערמאָלט אויף דער באַראַטונג האָט ער אויף אונז געמאכט דעם איינדרוק פון א מענטשן מיט נישט קיין גלייכן שכל, מיט א ספּעציעלער נשמה צו פּלפּול. אָבער אין יאַנואַר־פעברואר 1918 האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין רוסלאנד, וואוהין ער איז געקומען אין נאמען פון פאַרבאַנדס־ביוראָ, כדי צוזאמען מיט אונזער רוסלענדער צ. ק. אונטערצונעמען אן אקציע אין צוזאמענהאנג מיטן בריסקער שלום*), און איך בין איבערראשט געווען צו זען, אז כאַזאנאָוויטש איז אויסגעוואקסן צו א פּאָליטיקער פון ערשטן ראַנג. אין 1920, נאָך דער שפּאַלטונג פון די פּועלי־ציון, איז כאַזאנאָוויטש אָפּיציעל נישט צוגעשטאַנען צו קיין צד, הגם ער האָט לאַנג מיטגעארבעט מיט די רעכטע. משמעות, אז אלס אָנערקענטער פירער האָט ער פאר זיך נישט געפונען קיין אָנערקענטע ארמיי און ער איז ביז היינט ווייט פון דער באַוועגונג.

די באַראַטונג האָט געדויערט צוויי מיט אַ האַלבן טאָג און איז כמעט ווי איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן. מיר זענען געזעסן ערגעץ אויף אַ בוידעם אויף אַ דריטן שטאָק און די לעצטע נאַכט זענען מיר אפילו אַלע געשלאָפן אויפן זעלביקן בוידעם פשוט אויף דער ערד, ווייל בסך הכל זענען דאָרט געווען אַ 3—4 בעטן מיט הוילע שעניקעס. שוין אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר באַמערקט, אַז מען שפּירט אונז נאָך. ס׳איז קיין חידוש נישט: עס איז אפילו געווען סעזאָן־צייט, אָבער מיר אַלע האָבן ווינציק־וואָס אויסגעזען ווי קור־געסט— און די קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון בוידעם, האָבן געמוזט צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון לײדיקגייער, וועלכע זענען ספּעציעל אַ סך צווישן די קור־געסט. האָבן מיר באַשלאָסן די באַראַטונג וואָס גיכער צו ענדיקן — און אויפן דריטן טאָג באַלד אינדערפרי האָבן מיר זי געשלאָסן. אויף וויפיל ס׳געדענקט זיך האָבן מיר איבערגעריסן אַ״ע פּרינציפּיעלע וכוחים און באַהאַנדלט נאָר די אָרגאַניזאַציאָנס־ענינים. צווישן די פּרינציפּיעל־טאַקטישע פראַגן איז דאָרט ביי דער אָפּשאַצונג פון פּאָליטישן מאָמענט באַהאַנדלט געוואָרן אויך די פראַגע וועגן אָנטייל אין דער צווייטער דומע — די שטימונג, הגם נישט קלאָר, איז דאָך געווען אַ באָיקאָטיסטישע, קיין באַשלוס איז אָבער נישט אָנגענומען געוואָרן.

*) זע מיין בראָשור: „רוסלאנד אונטער דער ראַטן־רעגירונג אין יאָר 1918—1917". וואַרשע, 1919.

נישט קוקנדיק אויף דער ענגער אָרגאַניזאַטאָרישער פאַרבינדונג מיטן רוסלענדער צ. ק. האָבן מיר אים אין דער ווייטערדיקער אַרבעט ווייניק געפילט, און די אַרבעט אין פוילן האָט זיך געפירט כּמעט ווי זעלבשטענדיק.—קיין חברים פון רוסלאַנד פלעגן מיר צו דער אַרבעט נישט באַקומען — אויך מיר האָבן אַהין קיינעם נישט געשיקט — די פאַרבינדונג איז געווען מער אַ שריפטלעכע; שפּעטער אַביסל האָט דער רוסלענדער צ. ק. גענומען אונז שפּייזן מיט ליטעראַטור, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין ערשט אין יאַנואַר 1907 אין יידיש אין ווילנע. טרעפן פלעגן מיר זיך ביי צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן.

נאָכדעם ווי דער צ. ק. האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון פּאָלטאַווע נענטער צו די יידישע מאַסן — קיין ווילנע, האָט ער געפונען פאַר נויטיק צונויפצורופן אַ טעאָרעטישע קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער 1906 אין גראָדנע אין דער דירה פון ציוניסטישן דיכטער ל. יפה, ערגעץ אין פאָרשטאָט. צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען חברים נאָר לויט דער איינלאַדונג פון צ. ק. פון פוילן זענען געקומען בן-ציון ראַסקין, יצחק טאַבענקין, נאָך אַ חבר און איך; פון די איבעריקע אָנטיילנעמער געדענק איך די חברים: באָראָכאָוו, מיט וועמען מיר די פוילישע האָבן זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן אויף אַ פּאַרטייאישע קאָנפערענץ, כּאַשין, זרובבל, אבנר, גאָלדע, פאַוועל (פּאַלעסטיניעץ). עס איז אויך געווען אַראָנאָוו (אָרשאַווסקי), דער מחבר פון דער בראָשור „די פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם", וואָס מיר האָבן אין 1917 איבערגעדרוקט אויף רוסיש אין פּעטער-בורג. אַראָנאָוו האָט זיך ווידער באַוויזן אין אונזערע רייען ערשט אין יאָר 1917 אין פּעטער-בורג — ער האָט אָבער דערקלערט, אַז ער אַרבעט ביי דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און איז שוין נישט קיין פּועל-ציון, הגם ער האָט נאָך סימפּאַטיעס פאַר אונז. פאַקטיש האָט ער אַביסל מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט. נענטער איז ער צו אונז געוואָרן אין אוי-גוסט 1917, ווען קיין רוסלאַנד איז געקומען באָראָכאָוו, צו וועלכן ער האָט געהאַט ממש אַ סענטימענטאַלע באַציונג; ערשט נאָ֗ באָראָכאָווס טויט (דעצעמבער 1917) איז ער אָפיציעל אַריין אין אונזערע רייען, אָבער נישט אויף לאַנג. אַ שטימונגס-מענטש מיט אַ שטאַרק-אַנט-וויקלטן עגאָצענטרישן כאַראַקטער איז אים שווער געווען זיך איינצולעבן אין אַ באַוועגונג, און ער האָט זיך פון איר דערווייטערט.

אויף דער קאָנפערענץ אין גראָדנע איז אויך געווען וו. אַדים (פעליקס מענטשי-קאָווסקי), דער מחבר פון דער רוסישער בראָשור: „די יידישע ווירטשאַפט און אירע היסטאָ-רישע פאַקטאָרן", וואָס איז דערנאָך אויך אַרויס אין יידיש. אַ טיפּישער, שטאַרק אַסימילירטער סטודענט, וועלכער האָט קיין יידיש נישט געקענט — אַ מאָלער, און דערפאַר פול מיט שטימונגען — אָבער דערביי שוין צו יענער צייט מיט אַ סך וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך ספּעציעל אַרויסגעוויזן באַלד אין אָנהויב פון דער רוסישער רעוואָלוציע (מערץ 1917), ווען ער איז געקומען אויף דער פּאַרטיי-קאָנפערענץ אין אַפּריל מיט אַ פולשטענדיק-דורכגע-טראַכטן און וויסנשאַפטלעך-היסטאָריש באַגרינדעטן פּאָרטראַג וועגן די קהלות, אַ געגנשטאַנד, וואָס איז פאַר אונז צו יענער צייט נאָך געווען אינגאַנצן נישט באַאַרבעט. היינט איז ער אין פּאַלעסטינע אַ לערער. אין 1917 איז ער געווען דירעקטאָר פון אַ יידישער גימנאַזיע אין אָדעס.

צום לעצטן טאָג פון דער גראָדנער קאָנפערענץ איז אָנגעקומען ראובן (עליאַשעוו, פון וואָראָניעזש) — אַ מענטש מיט אַ שטאַרקער אַמביציע. ווי איך האָב געהערט אין מאָסקווע, אין 1917, איז ער געווען נאָענט צו די צעירי-ציון, אָדער ער האָט געבילדעט אַ נייע גרופּי-רונג אין זייער גייסט.

די לעזער וועלן מיר מוחל זיין, וואָס ביי מיר אין זכרון איז געבליבן נאָר דער רע-

פּעראַט, וועלכן איך אַליין האָב אין גראָדנע געהאַלטן, ווייל דאָס איז געווען אַ פּראַגע, וועלכע ווערט דיסקוטירט אין די רייען פון די רעכטע פּועלי-ציון נאָך עד היום — די פּראַגע וועגן אָנטיילנעמען אין ציוניסטישן קאָנגרעס. צו יענער צייט איז צווישן אונז כמעט נישט געווען קיין איין קעגנער דערפון, הגם אין דער באַגרינדונג איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז אויך גאַנץ גענוי באַהאַנדלט געוואָרן די פּאָליטישע לאַגע אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאָרשטייענדיקע וואַלן צו דער צווייטער דומע. כמעט אַלע חברים האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָנטיילנעמען אין די וואַלן — קעגן באָיקאָט, אַ חוץ די פּוילישע. פון אונז פיר זענען דריי געווען פאַר באָיקאָט. מען האָט באַשלאָסן, אַז פּוילן באַקומט דאָס רעכט נישט צו גיין צו די וואַלן און אונזער שטעלונג צו פיקסירן אין דער פּרעסע אויפן יסוד פון דיסקוסיע — דאָס דאָזיקע רעכט האָבן מיר אויסגענוצט.

די גראָדנער קאָנפערענץ האָט זיך אויך נישט געענדיקט אינגאַנצן בשלום — עפּעס האָט מען אַרעסטירט אַ צוויי-דריי חברים (דאַכט זיך, יצחק טאַבאַטשניקן און נאָך וועמען), נאָר מען האָט זיי אין גיכן באַפרייט. די קאָנפערענץ האָט פאַר אונז געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל מיר זענען פון פאַרשידענע עקן רוסלאַנד דאָס ערשטע מאָל זיך צוזאַמענגעקומען און צונויפגערעדט וועגן די הויפּט-יסודות פון אונזער פּראָגראַם — דאָרטן איז אייגנטלעך אויסגעאַרבעט געוואָרן אין די גרונט-שטריכן דער פּראָגראַם-פּראָיעקט, וואָס איז אינגיכן אַרויס אין רוסיש אין אַ קליין ביכל.

נאָך דער קאָנפערענץ איז דער צ. ק. צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן אין ווילנע דעם ערשטן לעגאַלן אָרגאַן אין יידיש „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק", וועלכער איז נאָכן דריטן נומער פאַרמאַכט געוואָרן. זיין יורש, דער „פּאָרוועטס", האָט געהאַט גענוי דעם זעלבן מזל און פון אים זענען אַרויס בלויז דריי נומערן. פאַר פּוילן האָט אָט די ליטעראַטור געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל ערשטנס זענען דאָרט געווען באָראָכאָווס אַרטיקלען, צווייטנס, ווייל דאָס איז געווען די איינציקע אַגיטאַציע-ליטעראַטור. דער „מאָלאָט" (האַמער), וואָס איז נישט לאַנג פאַר דעם אַרויס אין 3 נומערן אין סימפעראָפּאָל, און וואו ס'איז געווען געדרוקט אַ טייל פון באָראָכאָווס „אונזער פּלאַטפאָרם" — האָט פאַר אונז אין פּוילן נישט געהאַט קיין גרויסן ווערט צוליב זיין רוסישער שפּראַך.

„דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק" האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין יאַנואַר 1907, ווען מען האָט זיך גענומען גרייטן צו דער וואַל-קאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומע. אויב אין גאַנץ רוסלאַנד האָט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געביטן איר באָיקאָטיסטישע שטעלונג און גענומען אָנטייל אין די וואַלן צו דער צווייטער דומע (אויף קאַווקאַז האָבן די ס. ד. גענומען אָנטייל אויך אין די וואַלן צו דער ערשטער דומע) האָט אין פּוילן געהערשט אַ שטאַרקע באָיקאָטיסטישע שטימונג אויך בנוגע צו דער צווייטער דומע. די מערהייט פון אונזער פּוילישן פאַרבאַנדס-קאָמיטעט איז געווען פאַרן באָיקאָט, הגם דער רוסלענדער צ. ק., ווי מיר האָבן געזען פריער, איז געווען פאַר אָנטיילנעמען אין די וואַלן. נאָך אין דעצעמבער 1906 האָב איך פאָרמולירט אונזער שטעלונג צו דער דומע אין אַ גאַנץ לאַנגן אַרטיקל. דער צ. ק. האָט געדרוקט דעם אַרטיקל אין נ' 2 „פּראָלעטאַרישער געדאַנק" (אַרויס דעם 30-טן יאַנואַר) און אין זעלבן נומער אָפּגעדרוקט אַ תשובה פון ח' אַלכסנדר (כאַשין). מיר אין פּוילן האָבן געהאַלטן, אַז די צווייטע דומע ווערט צונויפגערופן דורך דער זעלבסטהערשונג נישט אונטער דעם דרוק פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, נאָר צוליב אייגענע אינטערעסן, כדי צו באַקומען אַ הלואה אין אויסלאַנד. דערפאַר, האָבן מיר געטענהט, שטימט נישט די קאָנסטיטוציע מיט „די רעאַלע פאַרהעלטענישן פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות". דער פּראָלעטאַר-

יאַט איז צו שוואַך און נישט נאָר, וואָס ער וועט נישט קאָנען אונטערהאַלטן זיינע פאָרשטייער אין דומע, ער וועט זיי אפילו נישט קאָנען פאַרטיידיקן, בעת מען וועט זיי פירן אין געפענגעניש. איז דעריבער, ווי נאָר די זעלבסטהערשונג וועט אויספירן איר כונה — דורכפירן די הלואה ז׳ורך דער דומע, — וועט זי די דומע פאַנאַנדערטרייבן, ווי זי האָט עס דעם ערשטן מאָל געטאָן, און די דעפּוטאַטן וועלן סוף כל סוף מוזן „אַרונטערגיין פון דער פאָלקס-טריבונע און אפשר אַריינגיין אין די פאָלקס-מורמעס".

דער דאָזיקער מאָמענט איז אינטערעסאַנט דערפאַר, וואָס די דומע איז אינגיכן פאַנאַנדערגעטריבן געוואָרן און פון דער דומע האָט מען די ס. ד. דעפּוטאַטן אין פאַרמאַכטע קאַרעטעס אָפּגעפירט אין טורמע. מיר האָבן אויך אָנגעוויזן, אַז אויף דעם פויערטום איז נישטאָ וואָס צו רעכענען. דאָס פויערטום וועט זיכער נישט אַרויסטרעטן צו פאַרטיידיקן די דומע, הגם „סוף-כל-סוף וועט פלאַצן דאָס געדולד פון פויערטום, אָבער רעכענענדיק זיך מיט דער פאַסיווקייט און אינערטקייט פון דעם פויערטום — מוז מען קלערן, דאָס עס וועט נאָך אַ סך אויסקומען צו וואַרטן אויף דעם, לכל הפחות ביז דער פינפטער דומע" (צופעליק, כידוע, איז די רעוואָלוציע פון יאָר 1917 טאַקע פאָרגעקומען ערב אַ פינפטער דומע).

מיר האָבן אויך אָנגעוויזן אויף די ספּעציפישע באַדינגונגען פון פוילן, וואו דער רעגירונגס-טעראָר האָט אין יענער צייט געווילדעוועט ביז דער העכסטער מד־נה — די רעגירונג האָט זיך שטאַרק געגרייט צו „אָרגאַניזירן" די וואַלן; דעריבער איז טאַקע דעמאָלט אין פוילן געווען אַ שטאַרקע באָיקאָטיסטישע שטימונג. דער קאַמף איז געגאַנגען צווישן די פּ. פּ. ס., וועלכע זענען געשטאַנען פאַר אַקטיוון באָיקאָט, און די ס. ד. ק. פּ. ל., קעגנער פון באָיקאָט. אָבער אַפילו די לעצטע האָבן פאַרטיידיקט דעם אָנטייל נישט ווייל זיי האָבן געזען אין דער דומע אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג: „די דומע איז נישט קיין נויטיקער עטאַפּ אין דער רוסלענדער רעוואָלוציע, די רעוואָלוציע וועט גיין פאַרביי דער דומע מיט דעם וועג פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד (אין יאָר 1917 האָט זיך עס באַשטעטיקט — נ.), און די דומע וועט נאָר זיין אַ שטערונג אויף דעם דאָזיקן וועג. און וואָס מער ליבעראַלן עס וועלן זיין אין דער דומע אַלץ אַ גרעסערע שטערונג פאַר דער רעוואָלוציע וועט זי זיין" (פאָלקסצייטונג נ. 230, אין אַרטיקל: דער „בונד" און פּ. ס. ד. וועגן וואַל-אָפּמאַכן אין פוילן): „דאָס אָנטיילנעמען אין דער דומע איז נאָר אַן אייגנאַרטיקע פאָרם פון באָיקאָט". דער בונד האָט יאָ געזען אין דער דומע עפּעס ממשותדיקס און אים האָט זיך דוקא געוואָלט, עס זאָל דורכגיין אַן ס. ד. זיי האָבן אַפילו געשריבן ביי וועלכע באַדינגונגען עס קאָן דורכגיין אַן ס. ד. עס איז געווען קלאָר, אַז נאָר אין לאָדזש און אין וואַרשע קאָן זיין אַ רייד פון אַן אַרבעטער-דעפּוטאַט און „נאָר ביי אַן אָפּמאַך אויף דער ערשטער סטאַדיע צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דער וואַרשעווער פּוילישער און יידישער באַפעלקערונג מיט די „פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטן" (פּ. ד.) מיט דעם „יידישן קאָמיטעט" קאָן פון וואַרשע לייכט דורכגיין אין דומע איין ס. ד. און איין בורזשואַזער פּראָגרעסיסט" (פאָלקסצייטונג נ. 230, דער אויבנדערמאָנטער אַרטיקל). דאָס פּראָגראַם האָט זיך באַשטעטיקט ביי די וואַלן פון יאַגעללאָ צו דער 4-טער דומע. דער אונטערשיד אין צוגאַנג צו דער זאַך האָט נישט געשטערט דעמאָלט דער באָלשעוויסטישער ס. ד. ק. פּ. ל. צו גיין צוזאַמען מיטן מענשעוויסטיש-געשטימטן בונד, געזיגט אָבער האָט די שטעלונג פון די ס. ד. ק. פּ. ל., ווייל אויף דער קאָנפערענץ פון בונד מיט די פּ. ס. ד. איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע רעזאָלוציע: „קיינע אָפּמאַכן מיט וועלכע נישט איז אָפּאָזיציאָנעלע בורזשואַזע פּאַרטייען אין וואַרשע טאָרן נישט פאָרקומען". דערמיט איז געשטעלט געוואָרן דער טראָפּ אויף דעם וואַלקאַמף, נישט אויף זיינע רעזולטאַטן. נאָר אַפילו די ר. ס. ד. א. פּ.—באָלשעוויקעס, נעמענדיק

אָנטייל אין די וואַלן, זענען געגאַנגען נישט זיכער („אַזוי ווי מיר זענען זיכער, דאָס די טאַקטיק פון באָיקאָט צו דער ערשטער דומע איז געווען אַ ריכטיקע, זענען מיר נישט זיכער, צי די טאַקטיק פון נישט-באָיקאָט צו דער צווייטער דומע, איצט, איז נישט קיין טעות״ — וויעסטניק זשיזני נ. 13), ביי אַזאַ לאַגע האָבן די שרעקלעכע רעפּרעסיעס ספּעציעל אויף יידישע אַרבעטער געווירקט אויף אונז, אַז מיר זענען כמעט אומעטום אין פּוילן געווען פאַרן באָיקאָט — און מיר האָבן טאַקע נישט גענומען קיין אָנטייל אין די וואַלן.

צו דער צייט האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צום II-טן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, וואָס איז ענדלעך פאָרגעקומען זומער-צייט אין קראָקע (יולי 1907). די וואַלן צום צוזאַמענפאָר זענען געווען דירעקטע: אין אַלע פאַכן-גרופּן דורך ספּעציעלע סעקרעטניקעס, וואָס זענען פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן דורכן וואַרש. קאָמיטעט. איך געדענק גענוי, אַז אין וואַרשע האָט די גרעסטע צאָל שטימען באַקומען יצחק טאַבענקין, ווער איז געווען דער צווייטער געדענק איך נישט, אָבער געוועלט זענען געוואָרן צוויי דעלעגאַטן און צוויי קאַנדידאַטן: יצחק ט. בן-ציון, ישעיהו (אפרים בלומענפעלד) און איך — צוויי פון אונז האָבן באַקומען מאַנדאַטן פון אַנדערע שטעט — זענען מיר אַלע פיר געווען אין ק ר אָ ק ע.

דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען ביי זייער א געהויבענער שטימונג — ווייל די עסטרייכער חברים האָבן אונז אויפגענומען מיט גרויס פּאָמפּע. אויך האָבן מיר זיך געפילט זייער גוט — דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר וועלן דערפירן די אַרבעט ביז צום סוף.

אויפן צוזאַמענפאָר זענען אַרומגערעדט געוואָרן אַ סך טעאָרעטישע פראַגן — צווישן זיי אויך די באַגרינדונג פון פּאַלעסטיניזם. דאָ איז פאָרגעקומען די ענדגילטיקע שלאַכט צווישן די פּרינציפּיעלע און פּראַקטישע פּאַלעסטינצעס, דעם רעפעראַט וועגן פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם האָבן די פּוילישע חברים איבערגעגעבן מיר — נאָך מיר איז אַרויס ב אָ ר אָ כ אָ ו ו און האָט, פאַרשטייט זיך, מיט זיין גרויסער ערודיציע געמאַכט פון אונזער באַגרינדונג אַש און בלאָטע — ער האָט עס אָבער געמאַכט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן שטייגער — און הגם אונז האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, אָבער מיר האָבן געשוויגן. (דאָס האָט, אַגב, נישט געשטערט באָראָכאָוון אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פאַרטיי מיט 10 יאָר שפּעטער, ווען ער איז געקומען פון אַמעריקע (אין אויגוסט 1917 אין קיעוו) צו פאַרטיידיקן דוקא דעם אידעאָלאָגישן מאָמענט אין פּאַלעסטיניזם און כמעט זיך דערנענטערן צו אונזער אַלטער שטעלונג). נאָך באָראָכאָוון איז אַרויסגעטרעטן דער ח׳ כאַשין, וועלכער האָט שוין אָפּערירט מיט אַ סך ווייניקער טעאָרעטישע אַרגומענטן אָבער מיט אַ סך פּאָלעמישן גלאַנץ. און זיין שאַרפער פּאָלעמישער טאָן האָט אונז אַזוי אויפגערעגט, אַז אַלס צייכן פון פּראָטעסט האָבן מיר באַשלאָסן זיך נישט צו באַטייליקן ווייטער אין דער דיסקוסיע.

ס׳איז געווען ערב דעם VIII-טן ציוניסטישן-קאָנגרעס אין האַאַג. מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע. געדאַרפט בלויז אָפּצאָלן פאַר אַ געוויסן סכום שקלים, און לויט דעם חשבון פון די איינגעצאָלטע שקלים געהאַט אַ באַשטימטע צאָל דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. היות ווי דער צ. ק. האָט דעמאָלט אָפּגעצאָלט פאַר 800 שקלים, האָבן מיר געדאַרפט שיקן פיר דעלעגאַטן. אויסגעקליבן זענען געוואָרן: באָראָכאָוו, כאַשין, בערלינרויט (ארסקי) און איך. צום קאָנגרעס איז געפאָרן אַלס גאַסט אויך דער ח׳ י. זאב, מיט וועלכן מיר די פּוילישע האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַקענט אויף אונזער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר. מיר האָבן שוין דעם ח׳ זאב געקענט פון זיינע אַרטיקלען אין „יעוורעיסקאַיאַ זשיזן״, וועלכע האָבן געמאַכט אויף אונז זייער אַ גוטן איינדרוק מיט דער גרויסער ערודיציע און אָפט גאַנץ טיפע געדאַנקען.

ער איז דאַן איינגעלאַדן געוואָרן פון די אַמעריקאַנער חברים צו רעדאַגירן דעם באַ-צייטן „יידישן קעמפער", פון דעמאָלט אָן איז ער געבליבן אין אַמעריקע, וואו ער איז עד היום ביי די רעכטע.

דער VIII-טער ציוניסטן-קאָנגרעס איז אייגנטלעך געווען דער ערשטער, אויף וועלכן די פועלי-ציון פון רוסלאַנד זענען געקומען אָרגאַניזירט אַלס פּאַרטיי, דאָס איז אָבער אויך גע-ווען דער לעצטער קאָנגרעס, אין וועלכן די פועלי-ציון פון רוסלאַנד האָבן אָנטייל גענומען. צום קאָנגרעס זענען אויך געקומען פועלי-ציון פון אַנדערע לענדער. פון פּאַלעסטינע די חברים: אבנר (בן-צבי) און ישראל שוחט — דעמאָלט נאָך גאָר אַ יונגער בחור מיט אַ הייסן רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, וועלכן ער האָט נאָך נישט אינגאַנצן פאַרלאָרן ביז היינט ווען ער איז אין די רייען פון אַחדות-העבודה, וואו ער בילדעט אַ שטילע אָפּאָזיציע. פון אַמעריקע די חברים: ד"ר קאָפּעלאָוויטש, אַפּעלבוים, יאַקאָבסאָן און, דאַכט זיך, נאָך צוויי חברים, — פון עסטרייך: קאַפּלאַנסקי, שוסהיים, (אַנדערע געדענק איך נישט). געווען אויך חברים פון רומעניען—דאַכט זיך ד"ר גאָלדהאַמער, און אויב איך האָב נישט קיין טעות אויך פון בולגאַריען, וואו ס'איז אַביסל שפּעטער רעגלמעסיק אַרויסגעגאַנגען אַ פּ. צ.-אָרגאַן — „פּראַבודאַ".

אונזער ראָלע אויף דעם קאָנגרעס איז געווען באמת אַ קלעגלעכע. אונזערע אומגליקן האָבן זיך אָנגעהויבן דערפון, וואָס מיר האָבן באַקומען די ערגסטע פּלעצער — אין גרויסן לאַנגן זאַל האָבן מיר באַקומען כמעט די לעצטע פּלעצער — מיר האָבן פּאַקטיש גאָרנישט נישט געזען און גאָרנישט נישט געהערט, ווען מען נעמט נאָך אין אַכט, אַז אויף די ערשטע קאָנגרעסן האָט מען זייער פיל גערעדט ענגליש, פראַנצויזיש — וועגן דייטש שוין אָפּגערעדט — (אויף יידיש און העברעיש האָט מען גערעדט גאַנץ זעלטן) און מיר האָבן דוקא די ערשטע צוויי שפּראַכן גאָרנישט נישט געקענט און דייטש ווי אַלע יידן — איז פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן אייגנטלעך נישט געוואוסט אויף וואָסער וועלט מיר זענען. דערצו האָט נאָך באַראָ-כאָוו פון קאָנגרעס-טריבונע דערמאָנט וועגן אונזערע שלעכטע פּלעצער אין אַזאַ אומגעלונגע-נער פאָרם, וואָס האָט אונז געמאַכט לעכערלעך.

והשנית, אַז ס'איז געקומען צום באַריכט פון אַקציאָנס-קאָמיטעט, וועלכן מען האָט צע-טיילט אַלע דעלעגאַטן, האָבן מיר געמוזט אַרויסשטעלן אַ רעדנער, דער גורל איז געפאַלן אויף כאַשינען. דער אומגליק איז אָבער געווען, וואָס אַרבעטנדיק די גאַנצע צייט ביי אומלעגאַלע באַדינגונגען אין רוסלאַנד, זענען מיר אַבסאָלוט נישט געווען געוואוינט צו עפנטלעכע „פּאַר-לאַמענטאַרישע" אַרויסטרעטונגען און דעריבער נישט איינמאָל אַריינגעפאַלן ווי אַ יון אין אַ סוכה. כאַשין האָט זיך געבעטן מען זאָל אים באַפרייען פון דער רעדע, ווייל, האָט ער געטענהט, ער ווייס נישט וואָס צו זאָגן. מיר האָבן זיך אויך אייגנטלעך זייער שוואַך אָריענטירט אין דער טעטיקייט פון אַקציאָנס - קאָמיטעט, און האָבן נאָר אַלס משל אָנגעוויזן כאַשינען, אַז אָט האָט דער אַקציאָנס - קאָמיטעט אויף אַ מצבה פאַרן ד"ר קאָקעש (אַ מיטגליד פון אַקצ-קאָם.) אויסגעגעבן דריי טויזנט פראַנק, בשעת פאַר דער אַרבעט אין פּאַלעסטינע כמעט נאָר די העלפט. כאַשין האָט זיך דערפרייט מיט דעם דאָזיקן מאַטעריאַל, ער האָט אָבער אָט די שטעל אין זיין רעדע געמאַכט גאַנץ אומגעלונגען און ס'איז אויסגעקומען, אַז ער האָט טענות, הלמאי מען האָט געשטעלט אַ מצבה עפּעס אַ קאָקעשן, וועגן וועלכן מיר האָבן באמת גאַנץ ווייניק געוואוסט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ אויפרעגונג אין ציוניסטישן עולם, אַז מען האָט שוין כאַשינען נישט געלאָזן מער רעדן.

אין סך-הכל האָבן מיר כמעט אַלע אָנגעהויבן פילן, אַז מיר זענען דאָ אויף אַ פרעמ-דער חתונה, און ביי יעדן פון אונז האָט אָנגעהויבן גריבלען דער געדאַנק, אַז מיר מוזן

דעווידירן אונזער שטעלונג צום ציוניסטישן קאָנגרעס: מיר האָבן באַשיינפּערלעך זיך איבערצייגט, אַז נישט נאָר צוליב אונזער קליינער צאָל האָבן מיר נישט געהאַט קיין שאַנסן צו האָבן אַן השפעה אויפן קאָנגרעס. פון דער באַציִונג צו אונז האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז מען דאַרף אונז אויפן קאָנגרעס נאָר אַלס דעקאָראַציע, ווייל דער גאַנצער קאָנגרעס איז געווען מער נישט ווי אַ שיינע דעמאָנסטראַציע, אַלץ פלעגט אָפּגעטאָן ווערן הינטער די קוליסן נאָך פאַרן קאָנגרעס, און, פאַרשטייט זיך, אַז צוליב אַזאַ דעקאָראַציע, ווי מיר זענען געווען, וועט דאָס ציוניסטישע בירגערטום קיין סך נישט מקריב זיין. פאָרנדיק צוריק האָבן מיר שוין צווישן זיך גערעדט, אַז אויפן קינפטיקן צוזאַמענפאָר אָדער קאָנפערענץ וועט מען מוזן ענדערן די שטעלונג צום קאָנגרעס (כידוע האָט די רוסלענדער פּאַרטיי אויף דער נאָענטסטער קאָנפערענץ אין קראָקע 1909 טאַקע באַשלאָסן מער נישט צו נעמען קיין אָנטייל אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן).

איין קאָמישער עפּיזאָד איז מיר געבליבן אין זכרון פון קאָנגרעס: אונזערע פּאַלעסטינע־דעלעגאַטן — די חברים בן־צבי און שוחט — זענען געקומען צום קאָנגרעס מיט די לעצטע גראָשנס און נישט געהאַט מיט וואָס אַוועקצופאָרן. מיר האָבן מיט דער הילף פון אונזערע אויסלענדישע חברים געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו געפינען פאַר זיי די נויטיקע מיטלען אָבער ביי זיי ביידן איז אַנטשטאַנען אַ געניאַלער געדאַנק, אַז זיי קאָנען נאָך דערפון מאַכן אַ גוט געשעפט. אָנשטאָט אויסצוגעבן די פּאָר הונדערט פראַנק אויף שיפסקאַרטן און באַנגעלט, וועלן זיי בעסער קויפן צוויי וועלאָסיפּעדן, אויף וועלכע זיי וועלן אַוועקפאָרן מיט דער יבשה דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל און קליין־אַזיען גלייך קיין פּאַלעסטינע. אַזוי אַרום וועלן זיי קומען צוריק אַהיים און דערביי בלייבן ביי די וועלאָסיפּעדן. אונזערע „פּראַקטישע״ חברים איז גאָר אין קאָפּ נישט איינגעפאַלן, אַז פאַר דער צייט פון דער נסיעה וועלן זיי דאַרפן אויפעסן אַ סך מער, ווי די וועלאָסיפּעדן וואָלטן געקאָסט. זיי אָבער האָבן גאַנץ ערנסט פאַרטיידיקט זייער פּלאַן און זענען געווען באַליידיקט אויף אונז, וואָס מיר האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן, הערנדיק זייערע פּלענער.

אויב דער VIII־טער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט נעגאַטיוו געבראַכט דער באַוועגונג אַ גרויסן נוצן דערמיט, וואָס די רוסישע פּאַרטיי האָט פון אים זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין די קאָנגרעסן, האָט דערזעלבער קאָנגרעס אומדירעקט געבראַכט אויך אַ גרויסן פּאָזיטיוון נוצן דער באַוועגונג: דאָרטן אין האַאג זענען זיך צונויפגעקומען די פּועלי־ציון פון אַ סך לענדער און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס דאָרטן איז אין דער צייט פון קאָנגרעס און תיכּף נאָך אים פאָרגעקומען די 1־טע אַלוועלטלעכע קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט דעם פאַרבאַנד און געשאַפן דאָס ערשטע פאַרבאַנדס־ביוראָ אין ווין.

דאָס איז אָבער אַ וויכטיקער ענין פאַר זיך, וועגן וועלכן מען דאַרף שרייבן באַזונדער.

נ י ר

אהרן זונדעלעוויטש*)

I

אהרן זונדעלעוויטש איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע דעם 4-טן יולי (אַלטן סטיל 1852**). די עלטערן זענען געווען פונם באַלעבאַטישן שטאַנד. דער פאָטער איז געווען אַ ייד אַ למדן, שוין אַביסל אָנגעשמעקט מיטן גייסט פון השכלה, אַן אידעאַליסט. ער איז געווען זייער אונטערנעמעריש און פלעגט זיך כאַפּן צו די פאַרשיידנסטע געשעפטן; געווען א ליפעראַנט ביי דער אייזנבאַן, געהאַט אַ ביר-ברויז, אַ לעדער-געשעפט, געפּרוּווט אַפילו עפענען אין ווילנע אַ שוך-פאַבריקל. אָבער זיינע געשעפטן פלעגן זיך לאַנג נישט האַלטן, און ער האָט פון זיי געהאַט ווייניק מזל-ברכה. די שפּייזערקע איז אייגנטלעך געווען די מוטער, וועלכע האָט געהאַלטן א שענק אויף טייטשער גאַס, א קלוגע, פּראַקטישע יידענע, אַן אשת חיל. אהרן האָט געירשנט פונם פאָטער זיין אידעאַליזם און אונטערנעמערישן גייסט; פון דער מוטער — איר געזונטן פּראַקטישן שכל.

אהרן האט באַקומען א טראַדיציאָנעלע דערציונג. ער איז געווען פלייסיק און פעיק, האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ „גוטן יינגל”. ער איז געווען זייער פרום און האָט געחלומט צו ווערן אַ רב. צו בר-מצוה איז ער אַוועקגעפאָרן קיין סמאַרגאָן אין דער ישיבה פונם דאָרטיקן רב, וועלכער איז אַגב געווען זיינער אַ קרוב; אָבער אין דער ישיבה איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט דער השכלה, גענומען לייענען די נייע העברעישע ביכלעך, אָנגעהויבן זיך באַציען סקעפּטיש צו דער אַלטער יידישער טראַדיציע און שטרעבן צו אייראָפּעישער בילדונג. דער לייכטסטער וועג דערצו איז פאַר אים געווען אָנקומען אין ראַבינער-שול. די עלטערן האָבן נישט געשטערט, און דער יונגער אהרן האָט אַליין, אָן דער הילף פון אַ לערער, זיך צוגעגרייט און אין 1868, זעכצן יאָר אַלט, איז ער אנגעקומען אין ערשטן קלאַס אין ראַבינער-שול האָט ער פאַרבראַכט ביז 1873, ווען זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א

*) געשריבן אויפן גרונט פון פאלגנדיקע געדרוקטע ביכער און ארטיקלען:

1) זכרונות פון וול. יאכעלסאן „Далекое прошлое“ אין זשורנאל „Былое“ נר' 13, יולי 1818. 2) ב. פרומקין „Революціонное движеніе в 1870 г. г.“ אין זשורנאל „Еврейская старина“ צווייטער בוך אפריל—יוני 1911. 3) Процес шестнадцати террористов (1880) אונטער דער רעדאקציע פון בורצעוו. פעטערבורג 1906. 4) О. В. Антекман „Земля и Воля 70-х годов“ ראסטאוו-דאן. דער יאר נישט אנגעוויזן. 5) В. А. Богучарскій „Из исторіи политической борьбы в 70-х и 80-х г.г. XIX вѣка“ מאסקווע 1912. 6) פארשיידענע זכרונות אין רוסיש און יידיש פון לעא דייטש. אייניקע ביאגראפישע דאטן און פאקטן האט מיר געגעבן אהרן זונדעלעוויטשעס יונגערער ברודער מיראן (אדוואקאט איןווארשע). א גרויסער דאנק אים דערפאר. פאר דער אלגעמיינער כאראקטעריסטיק פון א. זונדעלעוויטש זענען מיר אויך צוניץ געקומען די פערזענלעכע געשפרעכן, וואס מיר איז אויסגעקומען צו פירן מיט אים אין לאנדאן אין די יארן 1912, 13 און 15.

**) און נישט אין 1854, ווי מ'האט א סך מאל געשריבן. די דאטע, וואס איך ווייז אן, האט מיר געגעבן מיראן זונדעלעוויטש, ביי וועלכן עס געפינט זיך נאך די מעטריקע פון זיין עלטערן ברודער.

לערער-אינסטיטוט. אַזוי ווי צו לערעריי האָט זונדעלעוויטשן נישט געצויגן, האָט ער זיך אָנ-געהויבן גרייטן צום עקזאַמען אין פעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט.

אין ראַבינער-שול האָט זונדעלעוויטש געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף זיינע חברים מיט זיין שכל און אַנטוויקלונג, אויך מיט זיין כאַראַקטער, וואָס איז געווען א געמיש פון שטאַרקייט און צאַרט-קייט. שוין אין צווייטן אָדער דריטן קלאַס ראַבינער-שול אָרגאַניזירט זונדעלעוויטש אַ קרייזל פון זעלבסטאַנטוויקלונג. ווי אין אַלע דעמאָלטיקע קרייזלעך פון דעם מין, האָט מען זיך די ערשטע צייט אָפּגעגעבן מיט אויסאַרבעטן ביי די מיטגלידער אַ נייע פּאָזיטיוויסטישע וועלטאָנשויונג לויט דער ראַדיקאַלער רוסישער ליטעראַטור פון די 1860-ער יאָרן. שפּעטער הויבט מען אָן קריגן אומלעגאַלע ליטעראַטור, געבראַכט פון סטודענטן, וואָס פלעגן קומען פון פעטערבורג אָדער מאָס-קווע אַהיים אויף קאַניקול. זונדעלעוויטש ווערט אַ סאָציאַליסט, אפשר פון די גרינדער, אלנ-פאַלס פון די פירער פונם ווילנער רעוואָלוציאָנערן קרייזל אין דער ערשטער העלפט פון די 70-ער יאָרן.

ווי זונדעלעוויטש שרייבט אין זיין בריוו צו ב. פרומקין, זענען אין יענער צייט קיין פעסט-פאָרמירטע אָרגאַניזאַציעס פון יידישע רעוואָלוציאָנערן נישט געווען. אין אָנהויב פון די 70-ער יאָרן האָבן אין ווילנע „עטלעכע באַקאַנטע, וואָס האָבן צוזאַמען געלייענט אומלע-גאַלע ביכער און פלעגן זיך צונויפקלייבן שמועסן וועגן פלענער, ווי צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידעען פון סאָציאַליזם, — זיך גערופן קרייזל". דער קרייזל איז באַשטאַנען דורכויס פון שטודירנדיקער יוגנט, איבערהויפּט פון געוועזענע ראַבינער-סטן און פון שילער פון לערער-אינסטיטוט; געווען אויך עטלעכע סטודענטן, וואָס פלעגן קומען אהיים אויף קאַניקול. דער קערן פון קרייזל איז באַשטאַנען פון 10—8 מענטשן (אַהרן ליבערמאַן, וו. יאכעלסאָן, בארעל). צו אים זענען צוגעשטאַנען נאָך אַ צענדליק אָנדערטהאַלבן מער אָדער ווייניקער מיטפילער. דער קרייזל פלעגט פאַרשפּרייטן אַומלעגאַלע ליטעראַטור. מיט די פוילישע קרייזלעך האָט ער קיין באַציונג נישט געהאַט. קיין רוסישע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך איז דעמאָלט אין ווילנע נישט געווען.

פאַר זונדעלעוויטשן הויבט זיך שוין דעמאָלט אָן די צייט פון פּראַקטישער אַרבעט ווילנע איז געלעגן נישט ווייט פון דער פּרייסישער גרענעץ, האָט זי געקאָנט ווערן אַ צענטער פאַר דעם טראַנספּאָרט פון אומלעגאַלער ליטעראַטור. קאָוונע איז נאָך נענטער צו דער גרע-נעץ, אָבער דוקא ווייל זי איז שוין צו נאָנט, האָט די זשאַנדאַרמעריע אויף איר שטאַרקער אכטונג געגעבן; און ווילנע איז אַ גרעסערע שטאָט, אַ פאַרדעכטיקער מענטש וואַרפט זיך דאָרטן נישט אַזוי גיך אין די אויגן; עס איז לייכטער צו קריגן אַ מאַלינע אויף באַהאַלטן „טריפע סחורה", אַן אַדרעס אויף איבערשרייבן זיך מיט אויסלאַנד. ביז זונדעלעוויטשן איז דער אומלעגאַלער טראַנספּאָרט געווען אַ צופעליקע זאַך, מע־ער דורך געלעגנהייטן. זונדעלע-וויטש האָט איינגעשטעלט סיסטעמאַטישע באַציונגען מיט די יידישע קאָנטראַבאַנדיסטן, וואָס אין די רוסיש-פּרייסישע גרענעץ-שטעטלעך. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט אויף אַ פעסטן פוס, זיכער און ביליק. אין דער גאַנצער צייט פון די 70-ער יאָרן איז זונדעלע-וויטש געווען דער פּעיקסטער, אפשר דער איינציק פעיקער אָרגאַניזאַטאָר פון רעוואָלוציאָ-נערער קאָנטראַבאַנד אין רוסלאַנד. ווי אַזוי איז ער געקומען דערצו? מעגלעך, אַז ביי דער מאַמען אין שענק איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט בלאַטע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט „לינקע" עסקים מיט וואָלקאָוויסק, קיבארט וכדומה גרענעץ-פונקטן. מיט די טשייקאָווצעס האָט זיך זונדעלעוויטש פאַרבונדן דורך א ווילנער קורסיסטן אנא מיכאילאָוונא עפּשטיין. מעגלעך, אַז די דאָזיקע עפּשטיין האָט געהאַט צופעליקע באַציונגען מיט די קאָנטראַבאַנדיסטן נאָך פון פריער, און דאָס האָט זי אריינגעפירט זונדעלעוויטשן אין דער דאָזיקער אַרבעט. אביסל

שפעטער האָט ער זיך פאַרבונדן מיט די לאַווריסטן. אין זיין בריוו צו ב. פרומקין דערציילט זונדעלעוויטש וועגן דעם אזוי:

„פון א קאָנטראַבאַנדיסט, מיט וועלכן איך האָב געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אריבערפירן מענטשן איבער דער גרענעץ, האָב איך זיך דערוואוסט, אז ביי נישקאָווסקין אין האָטעל וואוינט איינער א געקומענער פון פעטערבורג, וועלכער לייגט אים פאָר דעם ביכער־טראַנספּאָרט. איך האָב אויסגערעדט דעם קאָנטראַבאַנדיסט, פאַרוואָס ער האָט אויסגעפלוידערט א פרעמדן סוד, און אליין בין איך אוועק אין האָטעל, האָב אָפּגעזוכט דעם געקומענעם און נאָך א שמועס פון 15 מינוט האָבן מיר זיך ביידע איבערצייגט, אז מיר זענען פון איין לאַגער, און האָבן פאַרטרוילעך אָנגעהויבן רעדן וועגן אונזערע עסקים. דער דאָזיקער אורח איז געווען יעווגעני סטעפּאַנאָוויטש סעמיאַקאָווסקי, וועלכער איז שפעטער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אויף קאַרא (א קאַטאָרזשנע טורמע אין סיביר—א. ל.) ער איז געווען א טעטיקער מיטגליד פון די לאַווריסטן, האָט מיר געגעבן פאַרבינדונגען מיט אָט דעם קרייזל און כאָ־געלייגט אָרגאַניזירן פאַר זיי דעם אומלעגאַלן טראַנספּאָרט.“

ווילנע איז געוואָרן א צענטער, דורך וועלכן עס זענען געגאַנגען לעבהאַפטע פאַרבינדונגען צווישן פעטערבורג און מאָסקווע מיט אויסלאַנד. מ'האָט טראַנספּאָרטירט נישט בלויז ביכער, נאָר אויך מענטשן: קאָמפּראָמיטירטע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד, מענטשן, וואָס זענען געפאָרן קיין אויסלאַנד אויף אונטערהאַנדלונגען מיט די פירער פון דער פּאָליטישער עמיגראַציע, און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון אויסלאַנד קיין רוסלאַנד פירן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. צוליב דעם טראַנספּאָרט פון ליטעראַטור איז אין יענער צייט זונדעלעוויטשן אויסגעקומען אַ פּאָר מאָל צו פאָרן קיין קעניגסבערג. דער פּאָרשטייער פון לאַנדאָנער און זשענעווער רעוואָלוציאָנערע פאַרלאַגן איז דאָרטן דעמאָלט געווען דער סטודענט־מעדיק א. פינקלשטיין, וועלכער איז מיט צוויי יאָר פריער, איידער דער ווילנער קרייזל איז אנטשטאַנען, אנטלאָפן פון ווילנע, צוליב אן אומלעגאַלער ביבליאָטעק, וואָס מ'האָט געפונען אין אינטערנאַט פון ראַבינער־שול.

אין דער זעלביקער צייט האָבן זונדעלעוויטש מיט זיינע חברים זיך געגרייט צו „גיין אין פאָלק“—טראָגן סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין דאָרף צום רוסישן פויער. אזוי ווי אויף אַן אינטעליגענט האָט דער רוסישער פויער, וואָס איז ערשט נישט לאַנג באַפרייט געוואָרן פון פּאַנשטשיזנע געקוקט, ווי אויף א פריצל און געהאַט צו אים ווייניק צוטרוי, פלעגן די רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט זיך אויסלערנען עפּעס א מלאכה, כדי צו קומען צום פאָלק, ווי אן אַרבעטס־מענטש, אן אייגענער. זומער 1875 האָט זונדעלעוויטש מיט זיין נאָענטן חבר יאָכעלסאָן, א שילער פון רעאַל־גימנאַזיע, געדונגען א הייזל אין וואַלד, אין דער זומער־וואוינונג „זשעליאַזנאַ כאַטקאַ“, און האָבן דאָרטן פאַרלייגט א שוסטער־וואַרשטאַט. זיי האָבן געדונגען א יידישן מייסטער, ער זאָל זיי לערנען שוסטעריי. די באַדינגונגען פאַרן לערער זענען געווען גוטע. די תלמידים האָבן אויף זייער אייגענעם חשבון געקויפט לעדער, און די פאַרטיקע אַרבעט האָבן זיי אים אָפּגעגעבן. געלערנט די מלאכה האָבן זיך פיר מענטשן און אין 3—2 חדשים ארום האָט דער מייסטער שוין אָנגעהויבן פאַרקויפן אויפ'ן מארק די שטיוול, וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט; די אַרבעט איז נאָך דערוויילע געווען נישט איבעריקס שיין און שטאַרק, אָבער די תלמידים האָבן געגעבן גוטע האָפענונגען. דערך אגב האָט זונדעלעוויטש זיך גענומען אַגיטירן זיין לערער, דעם יידישן שוסטער, אָבער דערפון איז, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט אַרויסגעקומען. זונדעלעוויטש איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן: ער האָט זיך דאָך געגרייט גיין אין רוסישן פאָלק.

פרעגט זיך, פאַרוואָס האָבן זונדעלעוויטש און זיינע חברים נישט געוואָלט גיין אין

יידישן פאָלק, וואָס איז דאָך זיי געווען נענטער, און דאָרטן זענען דאָך אויך געווען אַרבעטנדיקע און ליידנדיקע מאַסן. דער אויבנדערמאָנטער וו. יאָכעלסאָן ענטפערט אויף דעם אַזוי:

„מיר האָבן זיך געגרייט צו גיין אין פאָלק און, פאַרשטייט זיך, אין רוסישן פאָלק. מיר האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו דער יידישער רעליגיע, ווי צו יעטוועדער רעליגיע בכלל. דעם זשאַרגאָן האָבן מיר גערעכנט פאַר אַ קינצלעכע שפּראַך און העברעיש פאַר אַ טויטן לשון, וואָס איז אינטערעסאַנט בלויז פאַר געלערנטע. די נאַציאָנאַלע גלויבונגען, טראַדיציעס און שפּראַך האָבן בכלל, פון אַלגעמיין-מענטשלעכן שטאַנדפּונקט, אונז נישט אויסגעזען ווערטפול. אָבער מיר זענען געווען אויפריכטיקע אסימיליאַטאָרן און אין דער רוסישער אויפקלערונג האָבן מיר געזען די ישועה פאַר יידן. פרעגט זיך, פאַרוואָס האָבן מיר געשטרעבט צו אַרבעטן צווישן רוסישן פאָלק און נישט צווישן יידישן? דאָס דערקלערט זיך מיט אונזער פאַרפרעמדקייט פון דער דעמאָלטיקער גייסטיקער קולטור פונם רוסישן יידנטום און מיט דער נעגאַטיווער באַציונג צו זיינע אָרטאָדאָקסאַלע און בורזשואַזע אָנפירער, וואָס פון זייער סביבה זענען מיר, די אדעפּטן פון דער נייער תורה, אַליין אַרויסגעקומען. וואָס איז שייך די האָרעפּאַשנע מאַסן פונם יידנטום, האָבן מיר גערעכנט, אַז די באַפרייונג פונם רוסישן פאָלק פון דער ממשלה פון דעספּאָטיזם און פונם דרוק פון די הערשנדיקע קלאַסן וועט אויך ברענגען צו דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער באַפרייאונג פון אַלע אַנדערע פעלקער פון רוסלאַנד, דערין אויך פונם יידישן פאָלק. און מ'מוז מודה זיין, אַז די רוסישע ליטעראַטור, וועלכע האָט ביי אונז איינגעפּלאַנצט ליבע צו בילדונג און צום רוסישן פאָלק, האָט ביי אונז אין אַ געוויסער מאָס אויך איינגעפּלאַנצט אַ פאַרשטעלונג וועגן יידנטום, נישט ווי וועגן אַ פאָלק, נאָר ווי וועגן אַ פּאַראַזיטישן קלאַס. אַזעלכע מיינונגען האָבן נישט זעלטן אַרויסגעזאָגט אויך די ראַדיקאַלע רוסישע שרייבער, און אין דעם, דאַכט מיר, איז געלעגן איינע פון די סיבות, וואָס דערקלערן אונזער אָפּטריניקייט".

אין זיינע בריוו צו ב. פרומקין (1910) שרייבט אהרן זונדעלעוויטש וועגן דעם אַזוי:

„פאַר אונז אַלעמען איז דאָס יידנטום, אַלס אָרגאַניזם, נישט געווען אַזאַ דערשיינונג, וואָס זאָל פאַרדינען אונטערגעהאַלטן צו ווערן. אונז האָט אויסגעזען, אַז די נאַציאָנאַליטעט פון יידנטום האָט נישט קיין עקזיסטענץ־בארעכטיקונג. דעם הויפּט-צעמענט, וואָס בינדט צונויף די יידן אין איין גאַנצע, די רעליגיע, האָבן מיר געהאַלטן פאַר אַ פאַקטאָר, וואָס איז בפירוש רעגרעסיוו... קיין אייגענע מלוכה־אָרגאַניזאַציע האָבן יידן נישט. בלייבט איבער די שפּראַך. אָבער די העברעישע שפּראַך, רעכענען מיר, געהערט אינגאַנצן צום געביט פון פילאָלאָגיע; און די שטרעבונג מחיה מתים צו זיין דעם דאָזיקן אַרכאַישן לשון, מאַכן אים פאַר אַן אומגאַנג־שפּראַך פון היינטיקע מענטשן—האָט ביי אונז אַרויסגערופן די זעלביקע איינמוטיקע פאַרורטיילונג, וועלכע ס'האָט אַרויסגערופן אין דער רוסישער געזעלשאַפט די פּראָבע פון דמ. טאָלסטאָי איינצופלאַנצן אין רוסלאַנד לאַטיין און גריכיש. וואָס איז שייך דעם זשאַרגאָן, איז אונזער מיינונג געווען, אַז וואָס מער יידן וועלן דערווערבן אייראָפּעישע בילדונג, וועט ער אַלץ מער אָפּטרעטן זיין אָרט איינער פון די מער אויסגעאַרבעטע שפּראַכן פון די גרעסערע קריסטלעכע פעלקער, דער עיקר דער רוסישער שפּראַך. אונז האָט זיך געדאַכט, אַז יידן האָבן נישט קיין אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. פאַראַנען נאָר אַ סך איינע און די זעלביקע אינטערעסן פון די מענטשן, וואָס שטעלן צונויף דאָס יידנטום—אינטערעסן, וואָס באַשטייען אין באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג, עפענען זיך אַ וועג צו אייראָפּעישער בילדונג און אין דער אַרבעט צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע מענטשן, וואָס שטעלן צונויף די באַפעלקערונג פון רוסלאַנד—אין אַרבעט, וואָס איר ציל איז: אומבייטן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, אין דער זייט פון די אַלמענטשלעכע אידעאַלן פון גוטס און גערעכטיקייט".

נעמען מיר צונויף די דערקלערונגען פון יאכעלסאָן און זונדעלעוויטש, באַקומען מיר
פיער פאַר אַלץ: קאָסמאָפּאָליטיזם און אַסימילאַציע. פון אַלגעמיין-מענטשלעכן שטאנדפונקט
האָבן נאַציעס בכלל קיין שום ווערט נישט. יידן זענען נישט קיין נאַציע מיט אַן עקזיסטענץ-
באַרעכטיקונג. דאָס זענען נאָר אַ סך איינצלנע מענטשן, וואָס האָבן גלייכע אינטערעסן
בלויז צוליב זייער רעכטלאָזיקייט. זיי האָבן נישט קיין מלוכה; זייער שפּראַך איז קיין
שפּראַך נישט. יידן זענען א רעליגיעזע גרופּע, אָבער צו דער רעליגיע האָבן זיך די רעוואָ-
לוציאָנערן בכלל באצויגן נעגאטיוו; און צו דער יידישער רעליגיע, מיט וועלכער מ׳איז
געווען ארומגערינגלט און פון אירע טראדיציעס האָט מען אוממיטלבאר געליטן, האָט מען
זיך באצויגן מיט א שארפערער, פולבלוטיקערער נעגאַציע, ווי צו אנדערע רעליגיעס, וואָס
זייערע חסרונות האָט מען געוואוסט נאָר פון לייענען. דער לשון, אויף וועלכן יידן רעדן,
וועט פארשווינדן. צו דער רעכטלאָזיקייט וועט נעמען א סוף, ווען גאנץ רוסלאנד וועט באַ-
פרייט ווערן פון דעספּאָטיזם און קלאַסן-דרוק. וואָס בלייבט איבער פון יידנטום? ציינדלעך
מיט ביינדלעך.

צווייטנס, די אָפּגעריסנקייט פונם גייסטיקן לעבן פון דער יידישער מאַסע. קיין נייע
קולטור אויף איר אייגענער שפּראַך האָט נאָך די יידישע מאַסע דעמאָלט נישט געהאַט. די העברעישע
ליטעראַטור איז געווען ענג און אָפּגעריסן פון פאָלק. אַליין האָט מען באַקימען בילדונג אויף
אַ שפּראַך, אויף וועלכער די יידישע מאַסן האָבן נישט גערעדט; מ׳האָט איינגעזויגן א קולטור,
אין וועלכער ס׳האָבן נישט געפלאָסן די זאַפטן פונם אייגענעם פאָלק. אייראָפּעישע בילדונג
האָט געהייסן רוסישע בילדונג. דאָס איז די פּראַקטישע אַסימילאַציע, וואָס האָט געווירקט
און ווירקט נאָך היינט אַ סך ערגער, ווי די טעאָרעטישע.

„יידן זענען א פּאַראַזיטישער קלאַס" — אָט דאָס איז געווען דער עיקר, די הויפּט-
סיבה, צוליב וועלכער די יידישע רעוואָלוציאָנערן זענען געווען פאַרפרעמדט פון די יידישע
מאַסן. דאָס האָט מען באַגרינדעט סיי טעאָרעטיש פון דער דעמאָלט הערשנדיקער אידעאָלאָ-
גיע, סיי אָביעקטיוו פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, אין וועלכע יידן האָבן זיך דעמאָלט געפו-
נען. לויט דער אידעאָלאָגיע פון כל-המינים נאַראָדניקעס איז אויסגעקומען, אַז דער רוסישער
פויער איז בטבע אַ רעוואָלוציאָנער, אין אים שטעקט די העכסטע מענטשלעכע גערעכטיקייט און
די בעסטע מענטשלעכע טוגענטן. דער פויער טראָגט אין זיך פונקען פון סאָציאַליזם; מ׳דאַרף
זיי נאָר קאָנען אויפבלאָזן. אין דעם קהלישן ערד-אייגנטום פון די רוסישע פויערים האָט מען
געזען נישט קיין פארעלטערטן רעשטל פונם אוראַלטן קאָמוניזם, נאָר א געזונטן קערנדל פון
נייעם סאָציאליזם. די וויכטיקסטע און ערלעכסטע ארבעט איז די פויערשע, וואָס געפינט זיך
שטענדיק אונטער „דער ממשלה פון דער ערד". די שטאָטישע פרנסות זענען גאנץ און האלב
פּאַראזיטישע. אפילו דער שטאָטישער ארבעטער איז שוין נישט דאָס, וואָט דער פויער: ער
איז שוין פארדאָרבן פון קאפּיטאַליזם, אָפּגעריסן פון דער מאמע ערד. דער קאפּיטאליזם ווערט
אין רוסלאַנד איינגעפלאנצט קינסטלעך דורך דער רעגירונג. אָבער ער האָט דאָ נישט קיין
באָדן; קאָן נישט שלאָגן קיין פעסטע וואָרצלען. רוסלאַנד דארף און מוז איבערהיפּן די עפּאָ-
כע פון קאַפּיטאַליזם. זי וועט גלייך פון פעאָדאַליזם אַריבערשפּרינגען אין דער מלוכה פון
סאָציאַליזם. גיין אין פאָלק הייסט גיין אין דאָרף. אויב מ׳האָט געפירט די סאָציאַליסטישע
אַגיטאַציע צווישן שטאָטישע אַרבעטער און מיט אַ סך א גרעסערן דערפאָלג, ווי אין דאָרף,
האָט מען דאָס געהאַלטן בלויז פאַר א דערווייליקע אַרבעט, ביז וואַנען וואָס. אויף די אָגי-
טירטע ארבעטער האָט מען געקוקט, ווי אויף צוקונפטיקע אַגיטאַטאָרן אין דאָרף, וואוהין זיי
וועלן קאָנען לייכט צוקומען, ווייל לויט זייער לעבנס-שטייגער שטייען זיי נאָענט צום פויער,
זענען אפשר אַליין נעכטיקע פויערים. ביי יידן זענען נישטאָ קיין פויערים, איז ביי

זיי נישטאָ קיין אמת „פאָלק”, צו וועמען צו גיין. און דער ווירטשאַפטלעכער מצב פון די יידישע מאַסן האָט אין יענער צייט באמת נישט געגעבן קיין גינסטיקן באָדן פאַר דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פראָפּאַגאַנדע. די יידישע מאַסע איז אין איר גרעסטער מערהייט באַשטאַנען פון לופט־מענטשן און זעלבשטענדיקע בעלי־מלאכות. דער מין לוין־אַרבעטער איז כמעט נישט געווען בנמצא. אויב ביי די רוסן זענען שוין דעמאָלט געווען גרעסערע פאַבריקן, אייזנבאַן־אַרבעטער, קוילן־גרעבער—געווען דער אָנהויב פון שטאָטישן פראָלעטאַריאַט. איז ביי יידן אפילו עטוואָס אַ גרעסערער וואַרשטאַט נאָך דעמאָלט אויך געווען אַ זעלטנקייט. די קליינטשינקע בעלי מלאכות האָבן געאַרבעט מיט אַ פּאָר לערנייגלעך, יעלטן ווען מיט איין געזעלן. נאָך דער חתונה האָט דער נעכטיקער געזעלן גענומען דעם נדן און פאַרלייגט אַ קארליק־וואַרשטאַט; און חתונה געהאַט האָט מען יונג. די זעלבשטענדיקע בעלי־מלאכות זענען דאָס רוב געווען האַלבע שלעפּער און זענען שטענדיק געווען גרייט אונטערצוהאַנדלען. און דער יידישער מאַסן־מענטש, וואָס איז נאָכנישט געקרעפּטיקט און געלייטערט געוואָרן דורך אַרבעט, איז געווען אַ מאַכטלאָזער, אַ נכנע, אַ צעשראָקענער וואָרעם. שווער געווען זיך פאָרצושטעלן אַזאַ איינעם מיט אַ קעמפעריישער פּסיכאָלאָגיע. דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן גיך בייטן מיט אַ יאָר 15 שפּעטער, ווען ביי יידן איז אויסגעוואַקסן די הויז־אינדוסטריע (זאָקנמאַכעריי, קאַמאַשנשטעפּעריי, זעמשעריי וכדומה), וועלכע האָט קאָנצענטרירט אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער ביי איין אונטערנעמער, ווען די שטאָטישע מלאכות האָבן זיך אַנטוויקלט צו גרעסערע וואַרשטאַטן. אין די 70־ער יאָרן האָט דער באַאָבאַכטער געזען ביי יידן בלויז אַ פּאַראַזיטישן טיפּ, וואָס איז נישט מסוגל אויפצונעמען די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, פּסיכאָלאָגיש נישט מסוגל צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף. צווישן אַזאַ מאַסע האָט מען אפשר געקאָנט אַרבעטן קולטורעל, אָבער די רעוואָלוציאָנערן זענען דאָך נישט געווען קיין קולטור־טרעגער. צו טאָן קולטור־אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן האָט זיי געשטערט אויך די אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון אַסימילאַציע. שאַפן אַן אייגענע יידישע קולטור—דאָס האָט דעמאָלט גאָר קיינעם אויפן רעיון נישט געקאָנט אַרויף, ווייל עס האָט געפעלט דער יידישער אַרבעטער, דער הויפּט־פונדאַמענט, אויף וועלכן אַזאַ קולטור קאָן געבויט ווערן. ווייל לויט זייער דעמאָלטיקן מצב זענען די יידישע מאַסן געווען אַ זומפּיקער באָדן, אויף וועלכן עס איז שווער עפּעס צו בויען.

לייענט מען זיך אַריין אין די שורות פון וו. יאָכעלסאָן און א. זונדעלעוויטש, וועלכע איך האָב אויבן געבראַכט, זעט מען, אַז ביי זיי, ווי ביי דאָס רוב יידישע רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט, האָט אַ גרויסע ראָלע געשפּילט די יידישע רעכטלאָזיקייט. זי איז געווען אפשר די וויכטיקסטע ספּרענזשינע, וואָס האָט זיי אומבאַוואוסט געטריבן צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף. אַז יידן זאָלן מיט זייער אייגענעם קאַמף זיך דערווערבן גלייכבאַרעכטיקונג, אָדער אַז זיי זאָלן לפּחות צולייגן אַ האַנט און אַריינטראָגן זייער חלק אין דעם דאָזיקן קאַמף—דערויף האָט מען דעמאָלט נישט געקאָנט האָפן — אַלץ צוליב דעם האַלב־„פּאַראַזיטישן” מצב פון די יידישע מאַסן. די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג, האָט מ׳ן גערעכנט, קאָן קומען נאָר אַלס רעזולטאַט פונם קאַמף און זיג פון די רוסישע מאַסן, אַ רעזולטאַט, וואָס וועט קומען ממילא. הייסט עס, אַז צוליב דער גלייכבאַרעכטיקונג פון זייער אייגענעם פאָלק האָבן די יידישע רעוואָלוציאָנערן אויך געדאַרפט גיין אַגיטירן דעם רוסישן פויער. יידן קאָן מען דערווייל אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, ביז די סאָציאַליסטישע גאולה וועט קומען, און זי וועט זיי שוין איבערמאַכן און באַפרייען.

זונדעלעוויטש שרייבט צו פרומקינען: „אין הסכם מיט דעם, וואָס מ׳האָט דעמאָלט פּראָפּאַגאַנדירט אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, האָט מען ביי אונז (אין די

יידישע קרייזלעך ב. פ.) אויך געהאַט אין זינען צו גיין אין פאָלק. די יידישע ארבעטער
זענען אַריינגעגאַנגען אין דעם אַלגעמיינעם באַגריף פאָלק. אָבער א גרעסערע באַדייטונג האָט
מען צוגעגעבן דעם זוכן אָנהענגער צווישן די רוסישע ארבעטער, ווייל אין זיי, האָט מען
גערעכנט, באַשטייט די אַנטשיידנדע קראַפט". דאָס שרייבט זונדעלעוויטש, וועלכער האָט, ווי
מירן ווייטער זען, געקוקט אויף דעם רוסישן פויער אַנדערש, ווי די נאַראָדניקעס פון יענער
צייט. יענע יידישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען אינגאַנצן געשטאַנען אויפן שטאַנדפונקט פון
די נאַראָדניקעס, זענען בנוגע צו יידן געווען אַ סך שאַרפער. אויף ליבערמאַנס פראָצעס אין
ווין (נאָוועמבער 1878) איז איבערגעלייענט געוואָרן אַ בריוו, וואָס איינער האָט אים געשריבן
פון לייפציג. דער שרייבער פון אָט דעם בריוו, קענטיק אַ געקומענער פון רוסלאַנד, זאָגט
זיך אַרויס קעגן ליבערמאַנס פרווו צו אַגיטירן פאַרן סאָציאַליזם צווישן די רוסישע יידן. ער
שרייבט: „איך בין אליין אַ ייד, אָבער יידישע אַרבעטער האָב איך ווייניק געזען. די רוסישע
יידן זאָרגן נאָר פאַר פראָפיט, און פאַר געלט זענען זיי גרייט צו פאַרקויפן אַלץ, אפילו
זייער כבוד. ס'לוינט נישט אויסברענגען אויף זיי קיין כוחות. אין דייטשלאַנד, למשל, קאָנען
יידן אָנטיילנעמען אין אַ וואַל-קאַמפּאַניע; אָבער אין רוסלאַנד, וואו פאַרנעמען זיך מיט פּאָ-
ליטיק איז אַ זאַך, וואָס פאָדערט קרבנות, וואו ס'קומט אויס איינצושטעלן דעם לעבן—דאָרטן
קאָנען יידן קיין נוצן נישט ברענגען. אפשר פאַר אַ געהיימען טראַנספּאָרט, צו באַקומען פּאַס-
פּאָרטן און געהיימע קוואַרטירן—דערויף קאָנען זיי טויגן, און דאָס, אַז מ'וועט זיי באַצאָלן
מיט מזומנים". אָט די פאַראַכטונג צו יידן אין א בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן בעת
מעשה, איז אפשר מער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט, ווי די אויבן-ציטירטע שורות פון
זונדעלעוויטשן וועגן יידישן אַרבעטער. אין זונדעלעוויטשן האָט ייך אפילו אין די
זיבעציקער יאָרן דער ייד אויך געלאָזט פילן שטאַרקער, ווי ביי אַ סך פון זיינע חברים;
אין די בריוו צו ב. פרומקינען האָט ער דאָך געשריבן מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּע-
טער, בעת אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד און אין גאַליציען איז שוין גע-
ווען אַ יידישער פראָלעטאַריאַט און אַ באַדייטנדיקע יידישע אַרבעטער-באַוועגונג, און די זכרונות
פונם ווייטן נעכטן האָבן אפשר נישט ווילנדיק זיך אַביסל איבערגעבראָכן אין די לעבעדיקע
איינדריקן פון היינט.

געווען צווישן די יידישע רעוואָלוציאָנערן אין יענע יאָרן אויך אַזעלכע, ווי אפטעק-
מאַן. יוסף אַפּטעקמאַן, איינער פון די בעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן צווישן פויערים, וואָס די רו-
סישע באַוועגונג פון די זיבעציקער יאָרן האָט געוואוסט, האָט אין 1875 אָנגענומען דעם פּראַ-
וואָסלאַווונעם גלויבן. געבראַכט דערצו האָבן אַ סך סיבות. אפטעקמאַן איז געווען אַן עקזאַל-
טירטע נאַטור מיט מיסטישע נויגונגען. צוליב פּראָפּאַגאַנדע האָט ער, א סטודענט מעדיק פון
לעצטן קורס, דעמאָלט געאַרבעט, אַלס פעלדשער אין א געמיינדע פון באַרמהאַרציקע שוועס-
טער און אין דער דאָזיקער געמיינדע האָט געהערשט אַ הייסע רעליגיעזע שטימונג, וועל-
כע האָט אים סוגעסטירט. כדי בעסער צו ווירקן אויף די „מענטשן פון פאָלק" האָט ער גע-
פּרווט אויסטייטשן אין גייסט פון סאָציאַליזם — די עוואַנגעליע. פון אָנהויב האָט ער עס
אָנגעווענדט, בלויז ווי א פּעדאַגאָגישן מעטאָד. באַלד אָבער האָט ער אַליין אין דער אמתן אָנגע-
הויבן גלויבן אין דעם, און די קריסטלעכע תורה האָט זיך ביי אים צונויפגעגאָסן מיט זיין
סאָציאַליסטישן אידעאַל. דאָ האָט אויך געווירקט אַ געפיל פון ליבע צו זיינער אַ שילערין
אין סאָציאַליזם, דער באַרמהאַרציקער שוועסטער פּאַראַשע, וועלכע איז געווען טיף רעליגיעז.
אָבער אין דעם נאָך אַ סיבה—אַ יידישע סיבה. אַפּטעקמאַן אַליין שרייבט וועגן דעם אזוי: „מעגלעך,
אַז דאָס איז געווען אַן אינסטינקטיווע שטרעבונג צונויפצוגיסן זיך מיטן פאָלק, מיט
[illegible]עם פאָלק, וועמען איך בין געווען פרעמד לויט בלוט און אמונה, וועלכעס וועט מיך אָבער

אויפנעמען, אויב איך וועל זיין פון איין אמונה מיט אים". און דאָס איז ביי אים געווען נישט בלויז אַ פאָרמעלע צערעמאָניע, אַ מין „פראַוואָזשיטעלסטוואָ", אַריינצודרינגען אין דער פויערישער „ראָסיי". פאַרן טויפן זיך איז ער געווען פאַרזונקען אין געבעט-בוך און אין קאַטעכיזיס און נאָך דעם טויף-אַקט האָט ער אין זיך דערפילט אַ נייע נשמה: „איך האָב זיך דעמאָלט געפילט ווי אַ באַנייטער. איך וועל גיין אין פאָלק — האָב איך געקלערט — שוין נישט, ווי אַ ייד, נאָר אַ קריסט. איך האָב מיך באַהעפט מיטן פאָלק!" אויב „גיין אין פאָלק" האָט כמעט ביי אַלע יידישע רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט געהייסן אַוועק פון יידן, איז עס פאַר אַזעלכע טיף-אויפריכטיקע נאַטורן, ווי אפּטעקמאַן, געווען קנאַפּ. זיי האָט כסדר געפייניקט דער געדאַנק, אַז זיי זענען נאָך אַלץ פרעמד דעם פאָלק, אין וועלכן זיי גייען. צווישן זיי מיט אים שטייען דאָס בלוט און די אמונה. דאָס בלוט בייטן קאָן מען נישט. די רעליגיע מוז מען בייטן. און נישט אויסערלעך, נישט על-פי נויט, נאָר מיט שמחה, פון גאַנצן האַרצן זיך צונויפגיסן מיטן פאָלק אין זיין אמונה.

און דאָך איז אין דעם ווילנער קרייזל געווען איינער, וועמען ס'געהערט די איניציאַטיוו פון סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע צווישן יידן. דאָס איז געווען אַהרן ליבערמאַן, דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון „האמת" און גרינדער פונם ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין לאָנדאָן. וו. יאכעלסאָן שרייבט וועגן אים: „פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געשטאַנען אויף דער פּאָזיציע פון רעליגיעזן נישט-גלויבן. אָבער אין אונזער קרייזל איז ער געווען דער, וואָס האָט אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און קולטורעלע אייגנטימלעכקייטן פונם יידישן פאָלק און וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ סאָציאַליסטישן פאַרלאַג אויף דער ייד. שפּראַך. אָבער די פראַגע: אין וועלכער שפּראַך, אין זשאַרגאָן אָדער העברעיש, האָט ליבערמאַן באַשלאָסן פאַר דער לעצטער, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז פריער פון אַלץ דאַרף מען צוגרייטן אַ קאַדר פּראָפּאַגאַנדיסטן פון דער אינטעליגענטער תּלמודיסטישער יוגנט, און אז איבערגעבן דעם סאָציאַליזם וויסנשאַפטלעך איז מעגלעך נאָר אויף דער שפּראַך, וואָס הגם מען רעדט אויף איר נישט, האָט זי אָבער אַ רייכע ליטעראַטור". די חברים האָבן ליבערמאַנען נישט פאַרשטאַנען: זיי האָבן אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ בעל-חלום, הגם זיי האָבן אים געהאָלפן איינשטעלן פאַרבינדונגען און אָרגאַניזירן דעם טראַנספּאָרט פון „האמת".

דער ערשטער יידישער רעוואָלוציאָנערער קרייזל אין ווילנע האָט זיך נישט לאַנג געהאַלטן. צווישן די שילער פון לערער-אינסטיטוט איז געווען איינער אַ מנוול, וועלכער האָט געמסרט. דעם 30-טן יוני 1875 איז אין אינסטיטוט געווען אַ רעוויזיע. ביי די שילער האָט מען געפונען אומלעגאַלע ליטעראַטור. מ'האָט געפאָדערט, זיי זאָלן זיך מודה זיין, גענומען סטראַשען. איינער ר. האָט זיך דערשראָקן און אָנגעוויזן אויף זיין חבר וו. דער דאָזיקער וו. (וויינער?) האָט זיך אין דער ערשטער מינוט פאַרלאָרן און אָנגעוויזן אויף זונדעלעוויטשן. ער האָט אָבער באַלד חרטה געקראָגן און, נאָך איידער די מעשה איז איבערגעגאַנגען צו דער זשאַנדאַרמעריע, האָט ער מודיע געווען זונדעלעוויטשן וועגן דער געפאַר. (די רעוויזיע האָט אַפּנים געמאַכט די אַדמיניסטראַציע פון אינסטיטוט, וועלכע האָט זיך נישט געאיילט איבערצוגעבן די זאַך דער פּאָליציי אויס מורא, מ'זאָל דערווייל נישט פאַרמאַכן דעם אינסטיטוט). וויינער און זונדעלעוויטש האָבן באַוויזן זיך צו באַהאַלטן. די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ רעוויזיע אין זונדעלעוויטשעס קוואַרטיר, אָבער דאָרטן האָט מען געפונען בלויז שוסטער-געצייג — אַ סימן, אַז דער יונגערמאַן קלייבט זיך גיין אין פאָלק, אָבער ער אַליין איז שוין נעלם געוואָרן. מ'האָט געזוכט דעם רעאַליסט יאָכעלסאָן, וואָס האָט געוואוינט מיט זונדעלעוויטשן צוזאַמען, אָבער ער איז שוין אויך נישט געווען. מ'האָט אַרעסטירט זונדעלעוויטשעס עלטערן און יאַבלאָנסקאָנס מוטער, צום סוף אויך זונדעלעוויטשעס יונגערן ברודער מיראָן, אַ ייִנגל פון 15 יאָר. דאָס

יינגל האָט זיך געהאַלטן גאַנץ מוטיק, ער האָט אָבער דערציילט, אַז זיין ברודער אהרן איז נעווען באַקאַנט מיט ליבערמאַנען, דעם פאַרוואַלטער פון דער ווילנער פאַרזיכערונגס-אַגענטור „נאַדיעזשדאַ“ („דוויגאַטעל“?). ביי ליבערמאַנען אין הויז האָט מען געמאַכט עטלעכע שטרענגע רעוויזיעס, אָבער אים אַליין האָט מען נישט געפונען.

דאָס, וואָס די „שולדיקע“ זענען אַנטרונען געוואָרן, האָט שטאַרק צערייצט די ווילנער פּאָליציי. דער פּאָליציימייסטער האָט פאַררופן צו זיך פאָרשטייער פון די כלי-קודש און דעפוטאַטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און ער האָט מיט זיי גערעדט האַרבע ווערטער: „ביז אַהער האָבן מיר איך, יידן, גערעכנט בלויז פאַר שווינדלער. איצט וועלן מיר אייך רעכענען פאַר בונטמאכער אויך!“ דערביי האָט ער געפאָדערט, די דעפוטאַטן זאָלן ווירקן אויף דער יידישער יוגנט. דער סוף איז געווען, אַז אין אַלע שולן און קלויזן פון ווילנע האָט מען פון בימה איבערגעלייענט אַ כרוז פון ווילנער שטאָט-מגיד, וואו ער האָט געשאָטן שוועבל און פעך אויף די יודישע רעוואָלוציאָנערן און האָט דערוויזן מיט פסוקים, אַז זיי זענען פאַרברעכער, אַפּיקורסים און עוכרי-ישראל. און דערביבער: „ווער עס קאָן איינעם פון די פאַרברעכערישע פאַרשפרייטער פון די דאָזיקע משוגענע און פאַרדאַרבערישע ביכלעך, איז אים מחויב אַרויסצוגעבן... לכן, קלוגע עלטערן, גיט אַכטונג און שפירט גוט נאָך אייערע זין. דערווייטערט פון זיי שטאַרק די דאָזיקע פאַרדאַרבערישע ביכלעך. חזרט זיי כסדר וועגן דער סכנה, וואָס סטראַשעט נישט בלויז די אייגנטימער און לייענער פון אָט די ביכער, נאָר אויך יענע, וואָס הערן זיך צו צו זייערע פאַרברעכערישע רייד, ווייל אין פאַל ווען די רעגירונג וועט אַנטפּלעקן איינעם פון די פאַרברעכער, וועט די אויספאָרשונג אַרויסווייזן די מיטשולדיקייט פון אַנדערע, וואָס זענען געווען אין חברה מיט אָט דעם שענדלעכן מענטשן. דערביבער היט זיך אָנצורירן אָן די דאָזיקע פאַרברעכערישע ביכלעך, ערגער ווי אָן אַ שעדלעכער מגפה“. אַזוי האָט אונזער קלער מיט אַ יאָר 50 צוריק באַגעגנט די ערשטע טריט פון די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערן. און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים ביזן היינטיקן טאָג. אַמאָל איִס מורא פאַר אַ קנעפּל, אַמאָל פון אייגענער איניציאַטיוו, אָבער שטענדיק האָט דער קלער געזוכט צו שעדיקן.

זונדעלעוויטש, יאָכעלסאָן, ליבערמאַן און וויינער האָבן געמוזט אַנטלויפן און ווערן אומלעגאַל. זונדעלעוויטש און יאָכעלסאָן זענען דורך קאָוונע אַוועק קיין אויסלאַנד. אָבער די קרייזל-באַוועגונג אין ווילנע האָט עס נישט געהרגעט. אמת, דער טומל, וואָס די פּאָליציי האָט אויפגעהויבן, האָט דערוועקט אַן אומרו צווישן די עלטערן און זיי האָבן אָנגעהויבן ציטערן אימת מות פאַר די „ביכלעך“. ביי דער יוגנט אָבער האָט דער זעלביקער טומל נאָר פאַרשאַרפט די בייגיריקייט און דעם אינטערעס צו געהיימע קרייזלעך און צו אומלעגאַלער ליטעראַטור, און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, דער באַוועגונג צוניץ געקומען.

II

זונדעלעוויטש האָט פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד, אין קעניגסבערג און בערלין, נאָר עטלעכע וואָכן און ער האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד צו דער אַרבעט. פון דעמאָלט אָן און ביז זיין אַרעסט אין סוף 1879 לעבט ער אומלעגאַל און גיט זיך אינגאַנצן אָפּ דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זיין גרויסער פּראַקטישער שכל און אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלענט רוקן אים באַלד אַרויס אין דער ערשטער שורה. לעאָ דייטש זאָגט עדות, אַז זונדעלעוויטש האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט מיטן פּראַקטישן שניט פון זיין שכל. „אין איינציקע צווייגן פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָט ער נישט געהאַט זיין גלייכן און איז געשטאַנען אויסער

יעדער קאָנקורענץ, דאָס זעלבע דערציילן אונז אַלע, וואָס דערמאָנען זונדעלעוויטשן אין זייערע זכרונות פֿון יענער צייט. ווען עס איז אין 1877 געגרינדעט געוואָרן די באַוואוסטע אָרגאַניזאַציע „זעמליאַ אי וואָליאַ" איז זונדעלעוויטש געווען איינער פֿון די 22 רעוואָלוציאָנערן (פּלעכאַנאָוו, מאַרק נאַטאַנזאָן וכדומה), וואָס האָבן געבילדעט איר גרונט־קרייז. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דעם גרויסן ראַט פֿון „זעמליאַ אי וואָליאַ".

זיין הויפּט־אַרבעט איז געבליבן די זעלביקע, וואָס אין ווילנער פּעריאָד: אָרגאַניזירן דעם אומלעגאַלן טראַנספּאָרט; אָבער איצט האָט די דאָזיקע אַרבעט באַקומען אַ סך אַ גרעסערן פֿאַרנעם. יוסף אַפּטעקמאַן שרייבט: „זונדעלעוויטש איז געווען אַ מין מיניסטער פֿאַר אויסלענדישע ענינים. זיין חוב איז געווען איינשטעלן באַציונגען מיט דער אויסלענדישער וועלט אין די פֿאַרשידנסטע פֿאָרמען: אָרגאַניזירן וועגן אויף צוצושטעלן פֿון אויסלאַנד קיין רוסלאַנד אומלעגאַלע ליטעראַטור, דרוק־מכשירים וכדומה, אַריבערצופֿירן פֿון אויסלאַנד און צוריק רעוואָלוציאָנערן פֿאַר די פֿאַרשיידנסטע אונטערהאַנדלונגען מיט די פּאָליטישע עמיגראַנטן און ד. גל. צווישן דער גרענעץ־וואַך און די קאָנטראַבאַנדיסטן איז ער געווען אַן אייגענער מענטש. צוליב זיין אַרט אַרבעט האָט ער תּמיד געהאַלטן אין אַרומפֿאָרן. ווען אונזערער אַ חבר האָט אַמאָל געפֿרעגט: וואו וואוינט זונדעלעוויטש? איז געווען דער ענטפֿער: אין וואַגאָן פֿון דריטן קלאַס".

לויט ווי וו. יאַכעלסאָן דערציילט, איז דער הויפּט-נעסט פֿון די קאָנטראַבאַנדיסטן דעמאָלט געווען דאָס שטעטל שירווינט, סוואַלקער גובערניע, 40 וויאָרסט צו דרום-זייט פֿון ווערבעלאָווע. כּדי צו קומען אַהין, האָט מען געדאַרפֿט אַראָפּ פֿון צוג מיט אַ סטאַציע אָדער צוויי פֿאַר ווערבעלאָווע און פֿון דאָרטן צופֿאָרן מיט אַ פֿור. ווען מ'האָט געדאַרפֿט פֿאָרן קיין רוסלאַנד, פֿלעגט מען אַראָפּ אין שטאַלופּן, די לעצטע דייטשע סטאַציע פֿאַר אייטקונען, און דאָרטן האָט מען זיך געטראָפֿן מיט די קאָנטראַבאַנדיסטן. דער הויפּט פֿון די קאָנטראַבאַנדיסטן איז געווען איינער זלמן, אַפּנים דער זעלביקער, וועמען סטעפּניאַק פֿירט אַרויס אין זיין ראָמאַן „אַנדריי קאָזשוכאָוו" אונטערן נאָמען „דער געלער שמואל". דאָס איז געווען אַ געלער ייִד, אַ נידעריקער מיט ברייטע פּלייצעס. זיין גאַנצע פֿאַמיליע האָט זיך פֿאַרנומען מיט קאָנטראַבאַנד. איין זון איז צוליב דעם געצוואונגען געווען צו אַנטלויפֿן קיין אַמעריקע. מיט זלמנען האָט געאַרבעט אַ שוואָגער, אַ מענטש, וואָס האָט נישט געוואוסט, וואָס הייסט מורא. איינמאָל, בעת ער האָט אויף אַ שיפֿל אַריבערגעפֿירט איבערן גרענעץ־טייכל פֿאַרבאָטענע זאַכן, איז ער פֿאַרוואונדעט געוואָרן אין רוקן און פֿון דעמאָלט אָן האָט ער געוואוינט אויף יענער זייט גרענעץ, אין פּרייסן. זלמנען האָבן אויך געהאָלפֿן אין דער אַרבעט די נישט־ייִדישע איינוואוינער פֿון שטעטל און די גרענעץ־פֿויערים: ליטווינער, פּאָליאַקן און דייטשן. אין 1881, נאָכדעם ווי מאַראָזאָוו און אסטאפּיעוו, וועלכע ער האָט אַריבערגעפֿירט די גרענעץ פֿון דייטשלאַנד קיין רוסלאַנד, זענען אַרעסטירט געוואָרן, האָט זלמן אַליין אויך געמוזט אַנטלויפֿן קיין אַמעריקע.

די מעטאָדן, ווי אַריבערצופֿירן מענטשן איבער דער גרענעץ, זענען געווען פֿאַרשיידנאַרטיקע. אַמאָל פֿלעגט זיין אַזוי, אַז דער זעלנער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט באַמערקט זלמנען מיט זיין קליענט, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין אַן אַנדערער זייט; אַמאָל פֿלעגט דער באַאַמטער, וואָס שטייט ביים שלאַגבוים פֿון דער יבשה־גרענעץ, דורכלאָזן מיט עפּעס פֿאַרדעכטיקע פּאַפּירלעך. אַמאָל פֿלעגט דער אַרבעטער פֿון מיל, וואָס איז ביים גרענעץ־טייכל, אַריבערטראָגן מענטשן אויפֿן רוקן, ווי זעק מעל. און אַמאָל פֿלעגט זלמן איבערטאָן אַ קריסט פֿאַר אַ ייִדן און אַריבערפֿירן אים איבער דער גרענעץ, ווי זיינעם אַ קרוב, וואָס האָט, ווי אַלע איינוואוינער פֿונם גרענעץ־שטעטל, געהאַט אַ שטענדיקע לעגיטימאַציע אויף

אַריבער אהין און צוריק. אַזוי האָט ער אַריבערגעפירט סטעפּאַנאָוויטשן. ביי די אַלטע מעטאָדן פלעגן אַמאָל ארויסקומען צופעליקע קאָמפּליקאַציעס, פון וועלכע זלמן האָט זיך געקאָנט פלינק ארויספּלאָנטערן. ער האָט געוואוסט, אז פאַרבאָטענע ביכלעך זענען א געפערלעכערע סחורה, ווי געוויינלעכע קאָנטראַבאַנד, און דאָך פלעגט ער זיי אַריבערפירן די גרענעץ און ער האָט זיי נישט איינמאָל אָפּגעפירט קיין ווילנע אָדער דירעקט קיין פּעטערבורג. דורך אים האָט זונדעלעוויטש אַריבערגעפירט פון אויסלאַנד צוויי דרוקערייען און אַפילו דינאַמיט. די מכשירים פאַר דער דרוקעריי פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט זלמן אַליין צוגעשטעלט אין פּעטערבורג.

זונדעלעוויטש פלעגט אָפּט צופאָרן קיין שירווינט. ער פלעגט אויך שיקן די קאָנטראַבאַנדיסטן בריוו און דעפּעשן אין א פאַרשטעלטן אומשולדיקן לשון, וואָס איז צווישן זיי פאָרויס געווען אָפּגעמאַכט. וויכטיקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זייער לאַגע איז געווען באַזונדערס געפערלעך, פלעגט זונדעלעוויטש אליין באַגלייטן איבער דער גרענעץ. אַזעלכע פלעגט ער אויך קומען איבערנעמען, ווען זיי האָבן זיך געדאַרפט אומקערן פון אויסלאַנד צוריק. אז ער אַליין איז געווען דערביי איז דאָס אריבערפירן איינגעאָרדנט געוואָרן זיכערער. אין זיין ראָמאַן „אַנדריי קאָזשוכאָוו" פירט סטעפּניאַק אַרויס זונדעלעוויטשן אונטערן נאָמען דוד סטערן. לויט זיין שילדערונג, איז זונדעלעוויטש געווען זייער קאַרג מיט די קאָנטראַבאַנדיסטן. „אויסגערעכנטקייט אין אויסברענגען רעוואָלוציאָנערע געלט האָט ער געהאלטן פאַר א הייליקן חוב פון א פאַרטיי-מיטגליד". ביז זונדעלעוויטשן האָט מען פאַר אריבערפירן אַ מענטש די גרענעץ בעצאָלט 25 רובל און מערער. זונדעלעוויטש האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם פּרייז ביז 10 רובל פון א מענטשן, און ער האָט פאַרבאָטן צו נעמען ביי די אריבערגעפירטע אויף יענער זייט וועלכע עס איז צוגאָבגעלט, אויסער דער באַשטימטער סומע; און דאָך זענען די קאָנטראַבאַנדיסטן געווען צופרידן, ווייל זונדעלעוויטש האָט זיי צוגעשטעלט צען מאָל מער ארבעט, ווי פריער. זונדעלעוויטש האָט זיך געהאַלטן זייער קאָנספּיראַטיוו און פאָרזיכטיק. די קאָנטראַבאַנדיסטן האָבן אפילו זיין אמתן נאָמען נישט געוואוסט. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אָרעם און זיין גאַנצער אויסזען איז געווען אזוי איינפאַך, אז קיינעם, אפילו די זשאַנדאַרן, מיט וועלכע ער איז געזעסן ביי איין טיש ביי שמואל דעם געלן אין שענק, האָט גאָר אויפן זינען נישט געקאָנט ארויף, אז דאָס איז א פאַרדעכטיקער מענטש. אויף יעדן פאַל האָט ער אפילו געהאַלטן אין זיין טשעמאָדאַן אַ פאָר תפילין, ווי אַ כשרער ייד. די קאָנטראַבאַנדיסטן האָבן נישט געקאָנט באַגרייפן, צוליב וואָס זונדעלעוויטש גיט זיך אָפּ מיט אַזאַ געפערלעכער אַרבעט. „ער מוז מסתמא אַ סך פאַרדינען דערפון"... האָט זלמן אַמאָל געפרעגט יאַכעלסאָנען. דאָך האָבן זיי געפילט צו זונדעלעוויטשן דעם גרעסטן צוטרוי. ער איז ביי זיי געווען א רעטעניש, אָבער אַן אויטאָריטעט.

איינער פון זונדעלעוויטשעס גרעסטע פאַרדינסטן איז געווען די געהיימע דרוקעריי, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט אין פּעטערבורג. סטעפּניאַק שרייבט אין זיין „אונטערערדישער רוסלאַנד" וועגן דעם אַזוי: „דאָס באַדערפעניש אין אַן אָרטיקער אונטערערדישער פּרעסע, וואָס זאָל אויפן שטעל קאָנען ענטפערן אויף אַלע טאָג-פראַגן, איז געוואָרן אַלץ מערער דרינגענדיק. עס האָט אָבער אויסגעזען, פּונקט ווי עפּעס אַ בייזער מזל וואָלט ליגן אויף אַלע פּראָבעס, וואָס זענען אין דעם פּרט געמאַכט געוואָרן: זיי האָבן זיך נישט געהאַלטן. און נאָך אַ סך פּרוּוון, האָבן אַלע אָנערקענט, אַז אָרגאַניזירן א געהיימע דרוקעריי איז נישט בלויז אַ שווערע, נאָר פשוט אַן אוממעגלעכע זאַך, אַ פּוסטער חלום, וואָס פירט נאָר צו צוועקלאָזער פאַרשווענדונג פון געלט און צום אונטערגאַנג פון די בעסטע קרעפטן. דער געדאַנק וועגן אַ געהיימער דרוקעריי איז ענדגילטיק אָפּגעוואָרפן געוואָרן. „ערנסטע׳ מענטשן האָבן פשוט מער

נישט געוואָלט הערן פון דעם. עס האָט זיך פונדעסטוועגן געפונען אַ טרוימער, אַ פאַנטאַזיאָרי וואָס האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָנערקענען די ענדגילטיקייט פון דער אָנגענומענער מיינונג און האָט מיט היץ דערוויזן, אַז מ'קאָן אַוועקשטעלן אַ דרוקעריי אפילו אין סאַמע פעטערבורג, און ער וועט זי אַוועקשטעלן, אויב מ'וועט אים נאָר געבן די נויטיקע מיטלען. דעם דאָזיקן טרוימער האָט מען גערופן אַהרן זונדעלעוויטש... נאָך אַ סך אָנשטרענגונגען האָט זיך זונדעלעוויטשן איינגעגעבן גובר צו זיין די אומצופרידנקייט פון די חברים און באַקומען אויף זיין פאַרקלערטן אויפטו אומגעפער 4000 ר. מיט אָט דעם געלט איז ער אַוועק קיין אויסלאַנד, האָט דאָרטן איינגעקויפט און צוגעשטעלט קיין פעטערבורג אַלץ, וואָס נויטיק, זיך אַליין אויסגעלערנט זעצן און אויסגעלערנט די דאָזיקע ארבעט נאָך 4 פון זיינע חברים און לסוף האָט ער מיט זיי אין 1877 אַוועקגעשטעלט אין פעטערבורג אַ געהיימע דרוקעריי, די ערשטע, וואָס איז ווערט געווען דעם דאָזיקן נאָמען, ווייל זי האָט רעגלמעסיק געאַרבעט און האָט אַרויסגעלאָזן גאַנץ אָנשטענדיקע בראָשורקעס און שפּעטער אויך אַ צייטונג. זונדעלעוויטשעס פּלאַן איז געווען אַזוי פּשוט, נאַטירלעך און קלוג, אַז נישט קוקנדיק אויף אַלע אירע איינגעשפּאַרטסטע אויסשפּירונגען, האָט די פּאָליציי גאַנצע 4 יאָר נישט געקאָנט געפינען די שפּורן פון דער דרוקעריי, און זי איז אַנטדעקט געוואָרן אַ דאַנק אַ נאַרישער צופעליקייט".

אין משך פון 9—1878 זענען פון אָט דער דרוקעריי אַרויס אומגעפער 25 פּראָקלאַמאַציעס און קליינע בראָשורן, 5 נומערן „זעמליאַ אי וואָליאַ", 5 נומערן „בלעטל פון זעמליאַ אי וואָליאַ". די דירה, וואו די דרוקעריי האָט זיך געפונען, איז געווען באַוואוכט נאָר דער אַזוי גערופענער „טיפּאָגראַפישער גרופּע", וועלכע איז באַשטאַנען פון אָלגאַ נאַטאַנזאָן, אבאַליעשעוו און זונדעלעוויטש. „יאָ, שרייבט אפּטעקמאַן, א סך ענערגיע, האָרעוואַניע און אונטערנעמערישן גייסט האָט זונדעלעוויטש אויף דער זאַך אוועקגעלייגט: די דרוקעריי איז אינגאַנצן זיין אַרבעט".

זונדעלעוויטש האָט אָנטייל גענומען אויך אין באַזאָרגן די אָרגאַניזאַציע מיט פינאַנצן. אַזוי איז באַקאַנט דער פאַקט, אַז נאָכדעם ווי די צאַרישע רעגירונג האָט אויפגעהאָנגען דעם זעמליעוואָליעץ דימיטרי ליזאָגוב, וועלכער איז געווען אַ רייכער פּריץ און האָט פאַר זיין לעבן געגעבן אַ סך געלט פאַר דער באַוועגונג, האָט די אָרגאַניזאַציע אָנגענומען מיטלען צו רעאַליזירן זיין ירושה, און זונדעלעוויטש האָט זיך אונטערן נאָמען ווײַנער צוליב דעם געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אייעם דריגאַ, דעם פאַרוואַלטער פון ליזאָגובס מאַיאָנטקעס.

זונדעלעוויטש האָט געהאַט אַ ווירקונג אויך אויף די פּרינציפּן און טאַקטיק פון דער באַוועגונג. אַליין אַ מיטגליד אין די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ", איז ער זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט זיין אָרגאַניזאַציע אין די וויכטיקסטע פונקטן פון איר פּראָגראַם. ער האָט נישט געגלויבט אין דעם ערשטן אני מאמין פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ", אַז דער רוסישער פּויער טראָגט דעם סאָציאַליזם אין זיין נשמה און איז פיקס און פאַרטיק צו מאַכן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. זונדעלעוויטש איז געווען איינער פון די ערשטע און אפשר טאַקע דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס „גיין אין פאָלק" ברענגט צו קיינע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן נישט, אַ חוץ דעם, וואָס מען פטרט דערויף די בעסטע כוחות.

זונדעלעוויטש פלעגט אָפט זיין אין אויסלאַנד, פאַרברענגען צו עטלעכע וואָכן אין דייטשלאַנד, אַמאָל אויך אין דער שווייץ צווישן די פּאָליטישע עמיגראַנטן. ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער דאָרטיקער אַרבעטער-באַוועגונג און זי האָט אים פאַראינטערעסירט; ער האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז דער אייראָפּעישער פּראָלעטאַריאַט איז דער אמתער טרעגער פון סאָציאַליזם. זייענדיק אין בערלין האָט ער ווי איינעקע אַנדערע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן דאָרטן דעמאָלט געוואוינט, געפירט באַקאַנטשאַפט מיט די [illegible] פון דער דייטשער

ס. ד., געגאַנגען אויף זייערע פאַרזאַמלונגען און אפילו געהאָלפן זיי בעת אַ וואַל-קאַמפּאַניע. וו. יאָכעלסאָן דערציילט: „בעת די וואַלן צום רייכסטאַג (פון 1875 אָדער 1876, איך געדענק נישט גענוי) האָבן מיר אויף די גאַסן, וואָס פירן צו די וואַל-לאָקאַלן, געטיילט סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קאַנדידאַטן-צעטלעך. זונדעליעוויטש, וועלכער איז דעמאָלט געקומען קיין בערלין, איז אַרעסטירט געוואָרן דערפאַר, וואָס ער האָט געטיילט די צעטלעך נאָנט נעבן אריינגאַנג אין וואַל-לאָקאַל. און די אָרטיקע ס. ד. איז אויסגעקומען אים צו באַפרייען. ער האָט, נאַטירלעך, נישט געזאָגט, אַז ער איז אַן אויסלענדער. אזעלכע קעגנזייטיקע באַציונגען האָבן אונז נישט געשטערט צו טאַדלען די דייטשן דערפאַר, וואָס זייער טאַקטיק איז נישט קיין רעוואָלוציאָנערע, און דערפאַר, וואָס זייערע פאָרשטייער נעמען אָנטייל אין אַ בורזשואַזן פּאַרלאַמענט". די רוסישע רעוואָלוציאָנערן זענען דעמאָלט געווען באַקוניסטן. זיי זענען געווען קעגן פּאַרלאַמענטאַריזם, האָבן געהאַלטן, אַז אין רוסלאַנד דאַרף מען נישט קעמפן קעגן דעספּאָטיזם פאַר פּאָליטישע פרייהייט, נאָר גלייך פאַרן סאָציאַליזם. וואָס וועט דאָס רוסישע פאָלק געווינען פון אַ בורזשואזע קאָנסטיטוציע? דאָס וועט נאָר העלפן איינשטעלן אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, ווי אין מערב-אייראָפּע, בעת רוסלאַנד געפינט זיך אין אַ מער גליקלעכער לאַגע, קאָן אינגאַנצן איבערשפּרינגען דעם קאַפּיטאַליזם און פון פעאָדאַליזם גלייך אַריבערשפּרינגען אין סאָציאַליזם. זונדעלעוויטש האָט דאָס אַלץ געהאַלטן פאַר אַ חלום, אַ פוסטע פאַנטאַזיע. דעם קאַפּיטאַליזם וועט רוסלאַנד נישט אַריבערשפּרינגען. דער רוסישער פויער שטייט נישט ערב אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. דער סאָציאַליזם וועט קומען אויפן וועג פון עוואָלוציע, דורך אַ לאַנגן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, און כדי צו מאַכן אַ וועג פאַר דער דאָזיקער עוואָלוציע, איז נויטיק אין רוסלאַנד, ווי אין מערב-אייראָפּע, פּאָליטישע פרייהייט, אַ קאָנסטיטוציע. זונדעלעוויטש איז שוין דעמאָלט געווען נישט קיין באַקוניסט, נאָר אַ מעסיקער סאָציאַל-דעמאָקראַט. ער איז דערגאַנגען דערצו נישט דורך טעאָריעס, נאָר מיט זיין געזונטן חוש פאַר דער ווירקלעכקייט און צוקוקנדיק זיך צו די פאַרהעלטענישן אין דייטשלאַנד און אין דער שווייץ. זונדעלעוויטש האָט אָנטיילגענומען אין די לאַנגע און הייסע וכּוחים, וואָס פלעגן דעמאָלט נאָכאַנאַנד פאָרקומען צווישן די רעוואָלוציאָנערן, ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, געזוכט צו איבערצייגן, צו ווירקן.

אַרום 1878 זענען שוין אַ סך אַקטיווע רעוואָלוציאָנערן געקומען צום שלוס, אַז די טאַקטיק פון „גיין אין פאָלק" מוז מען אַוועקוואַרפן און מ'מוז אָנהויבן קעמפן פאַר פּאָליטישע פרייהייט. געבראַכט דערצו האָט זיי די ביטערע דערפאַרונג. אַרויסרופן בונטן ביי די פויערים איז געווען גאָרנישט אַזאַ לייכטע זאַך. דער פויער האָט לחלוטין נישט געהאַט אַזאַ אָפענעם אויער פאַרן סאָציאַליזם, ווי מ'האָט דערוואַרט. און צוקומען צו די פויערים איז געווען אויסערגעוויינלעך שווער. די שפּיר-הינט פונם צאַריזם האָבן געקוקט אויפן דאָרף מיט טויזנט אויגן. פאַר „גיין אין פאָלק" איז אויסגעקומען צו באַצאָלן מיט טורמע, סיביר, קאַטאָרגע און אפילו מיט דער תּליה. אומגעהויערע גרויסע קרבנות און קיינע רעזולטאַטן. האָט מען אָנגעהויבן קומען צו דעם געדאַנק, אַז כדי צו קאָנען פריי פירן די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, איז נויטיק פרייהייט פון וואָרט, נויטיק אַראָפּצוואַרפן די זעלבסטהערשונג און איינפירן אַ קאָנסטיטוציע. נישט אַלע „פּאָליטיקער" האָבן דערביי געהאַט איינע און דיזעלביקע פּערספּעקטיוון. דאָס רוב האָבן געהאַלטן, אַז די קאָנסטיטוציע איז נאָר אַ קורצער מאָמענט פון איבערגאַנג: ווי נאָר די רעוואָלוציאָנערן וועלן באַקומען פרייהייט פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, וועלן זיי באַלד קאָנען אויפהויבן דעם דאָרף, איבערציען די פויערים אויף זייער זייט און עס איז מעגלעך, אַז שוין דער ערשטער זעמסקי סאָבאָר (די רעוואָלוציאָנערן האָבן דעמאָלט אונטער דעם פאַרשטאַנען אַ דעמאָקראַטישע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג) זאָל איינ-

פירן אין רוסלאַנד סאָציאַליזם. עס זענען געווען אייניקע אַזעלכע, און איינער פון זיי איז געווען זונדעלעוויטש, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די קאָנסטיטוציע וועט נאָר עפענען פאַר רוסלאַנד אַן עפּאָכע פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און דערנאָך וועט רוסלאַנד גיין צום סאָציאַליזם אויפן זעלביקן וועג, וואָס דייטשלאַנד.

אָבער ווי דערשלאָגט מען זיך פּאָליטישע פרייהייט? וואו איז דער כּוח, וואָס זאָל אַראָפּוואַרפן דעם צאַרישן דעספּאָטיזם? צו די פויערישע מאַסן האָט מען געהאָפט צו געפינען אַ וועג ערשט נאָכדעם, ווי די פּאָליטישע פרייהייט וועט שוין געוואונען ווערן. דער שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך דעמאָלט אין רוסלאַנד געווען אין די וויקעלעך, נישט קיין כּוח, אויף וועלכן מ׳זאָל קאָנען בויען. אין די איינציקע אַרבעטער-קרייזלעך, וואָס האָבן זיך געפירט מיט אַ סך אַ גרעסערן ערפאָלג, ווי די פּראָפּאַגאַנדע אין דאָרף, האָט נאָך אפילו פּלעכאַנאָוו דעמאָלט נישט געקאָנט פּאָדריסזען די גרויסע ראָלע, וואָס דעם פּראָלעטאַריאַט וועט אויסקומען צו שפּילן. און פּאָליטישע פרייהייט האָט מען געדאַרפט האָבן שוין, מ׳האָט נישט געקאָנט וואַרטן, ביז פון די קערנדלעך וועלן ווערן ביימער. די אינטעליגענטע יוגנט, פון וועלכער עס איז באשטאַנען די גרעסטע מערהייט פון די רעוואָלוציאָנערן, האָט געקאָנט בויען נאָר אויף אירע אייגענע כּוחות. אין דער טעאָריע איז אויפן באָדן פון אַזעלכע אָביעקטיווע באַדינגונגען אויסגעוואַקסן די סוביעקטיוויסטישע אידעאָלאָגיע, אַז די געשיכטע ווערט געשאַפן דורך די „קריטיש דענקענדיקע פּערזענלעכקייטן”, פּשוט גערעדט: דורך דער אינטעליגענץ. אין דער פּראַקטיק האָבן די דאָזיקע באַדינגונגען געמוזט פירן צו טעראָר. די אינטעליגענטע יוגנט, איבערגעלאָזן אויף אירע אייגענע כּוחות, קאָן קיין אויפשטאַנד נישט מאַכן; זי קאָן נעמען אַ רעוואָלווער אָדער אַ באָמבע, אָרגאַניזירן און אויספירן אַטענטאַטן. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון איינצלנע נקמה-אַקטן: מ׳האָט אָפּגערוימט פון וועג עטלעכע צאַרישע סאַטראַפּן, וועלכע האָבן שוין צופיל געווילדעוועט און אַרויסגעוויזן גרויסע אכזריות קעגן פּאָליטישע אַרעסטירטע, געהרגעט אַ פּאָר שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן; מ׳האָט באַפרייט עטלעכע וויכטיקע אַרעסטירטע, וועלכע זענען געשטאַנען פאַר דער סכּנה פון שטריק. און ווען די ערשטע טעראָריסטישע אַקטן האָבן זיך איינגעגעבן און געמאַכט אַ גרויסן רושם, האָט מען זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם געדאַנק צו מאַכן דעם טעראָר פאַר אַ סיסטעם, פאַר דער טאַקטיק פון דער באַוועגונג: דעזאָרגאַניזירן די רעגירונג, האַלטן זי נאָכאַנאַנד אין אימה, סוף כּל סוף טויטן דעם צאַר אַליין און אויף אַזאַ אופן צווינגען די רעאַקציע צו געבן פּאָליטישע פרייהייט.

אַרום 1878 האָט זיך אין דער „זעמליאַ אי וואָליאַ” געפירט אַ שאַרפער אינעווייניקסטער קאַמף צווישן די „פּאָליטיקער” מיט די, וואָס זענען געשטאַנען פאַר דער אַלטער טאַקטיק פון „גיין אין פאָלק”. זונדעלעוויטש איז, פאַרשטייט זיך, געווען מיט די „פּאָליטיקער”. אין אָנהויב 1879 האָבן שוין די פּאָליטיקער-טעראָריסטן געהאַט אין דער „זעמליאַ אי וואָליאַ” אַ באַזונדערע אָרגאַניזירטע גרופּע, וועלכע האָט געאַרבעט אויף איר אייגענער אַחריות, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער אָרגאַניזאַציע, פון וועלכער זיי האָבן זיך נאָך פאָרמעל נישט אָפּגעשפּאָלטן. זיי האָבן געבילדעט אַן אויספירקאָמיטעט (איספּאָלקאָם) פון דער „סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי”, וואָס האָט אָרגאַניזירט טעראָריסטישע אַקטן און אַרויסגעלאָזט אויפרופן וועגן זיי. אין דעם דאָזיקן אויספיר-קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געבילדעט נאָך פאַר דער שפּאַלטונג פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ”, זענען אַריין: אַלעקסאַנדער מיכיילאָוו, מאָראָזאָוו, קוויאַטקאָווסקי, אָלגאַ ליובאַטאָוויטש, טיכאָמיראָוו, זונדעלעוויטש, באַראַניקאָוו, אָלאָווייניקאָוו און סטעפּאַן שיריאַעוו. זונדעלעוויטש האָט אָנטיילגענומען אין אַלע וויכטיקע באַראַטונגען וועגן טעראָריסטישע אַקטן. אַזוי,

אַז איידער סאָלאָוויאָוו האָט פאָרגענומען זיין אטענטאט אויף אלעקסאַנדער דעם צווייטן, (אויסגעפירט דעם 2-טן אַפּריל 1879) איז אין פעטערבורג אין פאַרשיידענע טראַקטירן וועגן דעם פאָרגעקומען אַ ריי באַראַטונגען פון 6 מענטשן. — דריי מיטגלידער פון אויספיר-קאָמיטעט: מיכאַילאָוו, זונדעלעוויטש און קוויאַטקאָווסקי און דריי צוגעפּאָרענע טעראָריסטן: קאָביליאַנסקי, גאָלדענבערג און סאָלאָוויאָוו. די באַראַטונגען זענען פאָרגעקומען אָן דעם וויסן פונם אָפיציעלן צענטער פון „זעמליאַ אי וואָליאַ”, וועלכער איז געווען קעגן דעם אַטענטאַט.

סוף זומער 1879 איז אין וואָראָניעזש געווען אַ צוזאַמענפאָר פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ”, וואָס האָט געדאַרפט ענדגילטיק באַשליסן די פראַגע וועגן דער נייער טאַקטיק. פאַר דעם וואָראָניעזשער צוזאַמענפאָר איז אין ליפעצק, טאַמבאָווער גובערניע, פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר בלויז פון די „פּאָליטיקער” אַליין. אויפן ליפּעצקער צוזאַמענפאָר איז געווען איינגעלאַדן זונדעלעוויטש אויך. ער איז דעמאָלט געווען אין דרום-רוסלאַנד, און גאָלדענבערג האָט געדאַרפט אומישנע פאָרן דורכרעדן זיך מיט אים וועגן דעם. אָבער פאַרנומען מיט וויכטיקע פאַרטיי-ענינים, האָט זונדעלעוויטש אויפן ליפעצקער צוזאַמענפאָר נישט געקאָנט קומען. ווי באַוואוסט, האָט זיך די „זעמליאַ אי וואָליאַ” נאָכן וואָראָניעזשער צוזאַמענפאָר צעשפּאָלטן און אין סעפּטעמבער 1879 האָט זיך געבילדעט די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ” מיט אַן אויספיר-קאָמיטעט פון 28 מענטשן, אין וועלכן עס זענען צווישן אַנדערע אריין פערווסקאַיאַ, זשעליאַבאָוו און אויך זונדעלעוויטש.

זונדעלעוויטש איז געווען זייער באַליבט ביי זיינע חברים, וועלכע האָבן אים צווישן זיך גערופן „מאָישע” אָדער אויך אַמאָל זונד. אפּטעקמאַן שרייבט וועגן אים: „אין יענע קורצע מאָמענטן, ווען ער פלעגט זיין אין פעטערבורג, איז ער נאָכאַנאַנד געווען מיט זיינע חברים. אַ הומאַנער, אַ האַרציקער, אַ מענטש פון גלייכגעוויכט, האָט ער אַריינגעטראָגן אין אונזערע באַציונגען וואַרעמקייט און ברידערשאַפט. דינען אַ חבר מיט וואָס עס איז — איז פאַר מאָישען געווען אַ גרויסע פרייד”. ווי פאַרנומען ער איז נישט געווען מיט וויכטיקע ענינים פון דער באַוועגונג, האָט ער דאָך געפונען צייט צו קויפן עפּעס פאַר אַ חבר, און ער איז געווען אַ גרויסער בריה צו קויפן ביליק און גוט”.

וועגן זונדעלעוויטשן אַלס מענטש, רופט זיך זייער וואַרעם אָפּ אויך לעאָ דייטש און אַנדערע. סטעפּניאַק אין זיין ראָמאַן דערציילט, אַז דוד סטערן „אַ נידעריקער מיט ברייטע פּלייצעס, אַ מענטש פון אַ יאָר 25 מיט אַן אָנגענעמענעם רעגלמעסיקן פנים פון יידישן טיפּ און מיט גרויסע טונקל ברוינע אויגן, וואָס האָבן געקוקט ווייטמוטיק און פריינטלעך”, האָט אַליין געלעבט זייער באַשיידן, א פעניץ ברויט מיט אַ שטיקל קעז, וואָס ער האָט מיטגעפירט מיט זיך אין טשעמאָדאַן, איז זיין עסן געווען. אָבער פאַר די חברים, וואָס ער האָט באַגלייט צו דער גרענעץ, האָט ער צוגעגרייט וואָס אַ בעסערן עסן. „דאָס איז פאַר דודן געווען אַן ערן-פראַגע. גלייכגילטיק צו זיין אייגענעם קאָמפאָרט, פלעגט ער אָפּטמאָל דערגיין ביז קאָמיזם אין זאָרגן פאַר די מענטשן, וואָס מ'האָט אים אָנגעטרויט. ער האָט געזאָרגט נישט בלויז פאַר זייער זיכערקייט, נאָר אויך פאַר דעם, זיי זאָלן האָבן גוט צו עסן און זאָלן זיין צופרידן אין אַלע הינזיכטן”. זונדעלעוויטש איז געווען טאָלעראַנט צו קעגנער. נאָך דער שפּאַלטונג פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ” אויף צוויי זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ” און „טשאָרני פערעדיעל”, איז זונדעלעוויטש, אַליין אַ נאַראָדאָוואָליעץ, געבליבן אין די פריינטלעכסטע באַציונגען מיט די טשארני-פערעדיעלצעס, און ער האָט זיי ווי ווייט מעגלעך, געהאָלפן טעכניש און מיט פראַקטישע עצות.

זונדעלעוויטש האָט זיך געהאַלטן זייער קאָנספּיראַטיוו און פּאָרזיכטיק און אַ דאַנק דעם האָט זיך אים איינגעגעבן העכער 4 יאָר צו אַרבעטן אינטענסיוו און קיין איין מאָל נישט אַרעסטירט ווערן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אומבאַרירלעך פאַר דער פּאָליציי. אָבער דעם 22-טן אָקטאָבער 1879 איז ער אונטערן נאָמען בראַפּמאַן צופעליק פאַרהאַלטן געוואָרן אין דער פּעטערבורגער עפנטלעכער ביבליאָטעק. גראָד האָט מען ביי אים אין קעשענע פון מאַנטל געפונען אַ פּאָר פּראָקלאַמאַציעס פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און מ'האָט אים אָפּגעפירט אין טורמע.

III

בעת זונדעלעוויטש איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט די זשאַנדאַרמעריע נישט געהאַט גענוג מאַטעריאַל אים צו באַשולדיקן. שולד-באַווייזן קעגן זונדעלעוויטשן, ווי קעגן אַ סך אַנדערע רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט, האָט געגעבן דער טעראָריסט גריגאָרי גאָלדענבערג, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 14-טן נאָוועמבער *) 1897.

דאָס איז אַ טרויעריקע, טונקעלע געשיכטע, וועלכע איז נאָך עד-היום נישט אינגאַנצן אויפגעקלערט געוואָרן. גריגאָרי גאָלדענבערג, אַ זון פון יידישע בורזשואַזנע עלטערן (זיין פאָטער, אַ סוחר פון דער צווייטער גילדע, האָט געהאַלטן אין קיעוו אַ שניט-קראָם) איז געבוירן געוואָרן אין 1855. אין אָנהויב פון די 70-ער יאָרן איז צווישן דער שטודירנדער יוגנט געווען פאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז פאַרענדיקן די בילדונג איז אַן איבעריקע זאַך: דאָס פאָלק קאָן נישט וואַרטן און מ'דאַרף זיך איילן וואָס גיכער אים אָפּצאָלן דעם „היסטאָרישן חוב"; יעדער, וואָס פאַרמאָגט דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, דאַרף אים, נישט אָפּלייגנדיק, גלייך טראָגן אין פאָלק. גאָלדענבערג איז אַרויס פונם 4-טן קלאַס קיעוו-פּאָדאָלער קלאַסישער פּראָגימנאַזיע און האָט זיך איבערגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ מענטש נישט גאָר קיין נאָרמאַלער, מיט אַ היסטערישן אימפּעט און אַ קרענקלעכער אייגנליבע. מענטשן, וואָס האָבן אים געקענט, דערציילן אין זייערע מעמואַרן, אַז ער האָט אויף זיי שטענדיק געמאַכט נישט קיין אָנגענעמענעם איינדרוק: עפּעס האָט אינסטינקטיוו אָפּגעשטויסן פון אים. אָבער זיין רעוואָלוציאָנערער ברען איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ'האָט גובר געווען די אינסטינקטיווע אַנטיפּאַטיע און מ'האָט אים צוגעלאָזן צו די פאַראַנטוואָרטלעכסטע אַרבעטן, צו די ריזיקאַלישסטע אונטערנעמונגען.

דעם 9-טן פעברואַר 1879 האָט גאָלדענבערג דערשאָסן דעם כאַרקאָווער גובערנאַטאָר, פירשט קראָפּאָטקין, אַלס נקמה דערפאַר, וואָס צוליב זיין שולד איז מען זיך אין כאַרקאָווער צענטראַלער טורמע באַגאַנגען גרויזאַם מיט די פּאָליטישע אַרעסטירטע, און די קאָזאַקן האָבן געשמיסן די כאַרקאָווער סטודענטן. גאָלדענבערג איז געווען געוואַלדיק אויפגעבראַכט אויף קראָפּאָטקינען; און דאָך איז אים געגאַנגען נישט אַזוי אין דעם, אַז קראָפּאָטקין זאָל דערשאָסן ווערן, ווי אין דעם, אַז ער, גאָלדענבערג, זאָל אים שיסן. אויף קראָפּאָטקינען האָט מען אַ פּאָר וואָכן געטשאַטעוועט, נאָר צוליב פאַרשידענע סיבות האָט מען נישט געקאָנט צוטרעפן דעם געהעריקן מאָמענט און מ'האָט אַלץ געמוזט אָפּלייגן. אין משך פון אָט די פּאָר וואָכן האָט קאַביליאַנסקי, וועלכער האָט צוזאַמען מיט גאָלדענבערגן און זובקאָווסקין געלויערט אויפן גובערנאַטאָר, נישט איינמאָל געבעטן, גאָלדענבערג זאָל אים צולאָזן אויספירן דעם אַקט. אָבער גאָלדענבערג האָט געמאָלדן קאָביליאַנסקין און זובקאָווסקין: נאָר איך דאַרף אים דערהרגענען. יעדן אַנדערן, וואָס וועט עס טאָן, וועל איך לאָזן אַ קויל אין קאָפּ... דעם 9-טן

*) אַלע דאַטעס אין דעם אַרטיקל זענען לויט דעם אַלטן סטיל.

פעברואר אין דערפּ־יי האָט גאָלדענבערג ביי זיך באַשלאָסן: אויב דאָס מאָל וועט זיך נישט איינגעבן, וועל איך באַגיין זעלבסטמאָרד.

נאָך דעם ׳אָזיק, אקט איז גאָלדענבערג נישט ארעסטירט געוואָרן. אים האָט זיך איינגעגעבן אנטרונען צו ווערן פון כאַרקאָוו. פון דעמאָלט אָן איז ער איינגאַנצן באַהערשט פונם געדאַנק צו טויטן דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. און ווידער גייט עס אים שטאַרק אין דעם, אַז ער, גאָלדענבערג, זאָל דעם דאָזיקן אַקט אויספירן. אין מערץ 1879 קומט ער אין פעטערבורג און נעמט דאָרטן אָנטייל אין די באַראַטונגען פון די טעראָריסטן וועגן טויטן דעם צאַר. אַז דער אַקט איז באַשלאָסן געוואָרן און מ׳האָט געדאַרפט באַשטימען דעם אויספירער, האָט גאָלדענבערג דער ערשטער פאָרגעלייגט זיך. די חברים האָבן אָבער געפונען, אַז „ער, ווי אַ ייד, דאַרף אויף זיך אַזאַ זאַך נישט נעמען, ווייל דעמאָלט וועט עס פאַר דער געזעלשאַפט און דער עיקר פאַרן פאָלק נישט האָבן די געהעריקע באַדייטונג״. מ׳האָט אָנערקענט, אַז אויספירן דעם אַקט דאַרף דווקא אַ רוס און נאָר אין דעם פאַל וועט עס באַקומען די געהעריקע באַדייטונג און באַפאַרבונג. דער צווייטער האָט זיך פאָרגעלייגט אויף אויסצופירן דעם אַקט דער אויבנדערמאָנטער קאָביליאַנסקי. און ווידער האָט מען אָנערקענט, אַז ער טויג נישט, ווי אַ פּאָליאַק, כדי מ׳זאָל נישט צוגעבן דער גאַנצער זאַך אַזאַ באַדייטונג, אַז זי איז אָפּגעטאָן געוואָרן צוליב די פּוילישע אינטערעסן. דעמאָלט האָט דער רוס סאָלאָוויאָוו זיך פאָרגעלייגט און זיין פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן. אָבער גאָלדענבערג האָט זיך נישט געקאָנט באַרויקן און ער האָט דערקלערט, אַז עס וואָלט געווען בעסער, עס זאָלן זיין גרייט צוויי אויספירער, און אויב סאָלאָוויאָווס פּרווו וועט זיך נישט איינגעבן, זאָל ער, גאָלדענבערג, אויספירן דעם אַקט. אין אָט דער פאָרם איז זיין פאָרשלאַג לכתחילה אָנגענומען געוואָרן, אָבער מ׳האָט אים שפּעטער נישט אָנגעווענדעט, ווייל סאָלאָוויאָוו האָט פאַרזיכערט, אַז ער קאָן אַליין גוט שיסן. נאָכדעם ווי סאָלאָוויאָווס שאָס האָט דעם צאַר נישט געטראָפן, און די רעוואָלוציאָנערן האָבן באַשלאָסן אויסצופירן די צייט און דעם אָרט, ווען און וואו דער צאַר דאַרף פאָרן איבערן אייזנבאַן, און מיט דינאַמיט אויפרייסן זיין צוג,—נעמט גאָלדענבערג אין נאָוועמבער 1879 אָנטייל אין דריי אַזעלכע אַטענטאַטן: אין אָרגאַניזירן דעם אויפרייס פונם צאַרישן צוג נעבן אַלעקסאַנדראָווסק אין די הכנות אויפצורייסן דעם אייזנבאַן־פּלאַנט הינטער אָדעס און אין דעם פּרווו אויפצורייסן דעם פּלאַנט פון מאָסקווע־קורסקער אייזנבאַן. צוליב דעם לעצטן אַטענטאַט האָט גאָלדענבערג גענומען אויף זיך אַריבערצופירן דינאַמיט פון אָדעס, וואו מ׳האָט עס שוין מער נישט געדאַרפט, אויף דעם פּונקט פון מאָסקווע־קורסקער אייזנבאַן, וואו מ׳האָט אונטערגעגראָבן דעם פּלאַנט; פירנדיק אָט דעם דינאַמיט, איז ער דעם 14־טן נאָוועמבער אין יעליסאַוועטגראַד אויפן וואָקזאַל אַרעסטירט געוואָרן.

פריער האָט גאָלדענבערג נישט געוואוסט פון קיין ספקות. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט געקאָנט פאַרטראַכטן, ווי ביי אים וואָלט געאַרבעט בלויז דער אימפּעט, נישט דער שכל. אָבער זיצנדיק אין טורמע, האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרטראַכטן, איבערשאַצן אַלע ווערטן און ער איז לסוף געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער וועג פון טעראָר און פּאָליטישע מאָרדן איז אַ שעדלעכער און קאָן צו פּאָליטישער פרייהייט נישט פירן: דער רויטער טעראָר פון די רעוואָלוציאָנערן האָט אַרויסגערופן נאָך אַ שטאַרקערן ווייסן טעראָר מצד דער רעגירונג, „און אַ דאַנק דעם האָבן מיר געהאַט דעם אומגליק און די חרפה צו זען ביי זיך 20 תליות״; דער טעראָר האָט פאַרשטאַרקט די רעאַקציע און ער שטערט דער אַנדערער רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיק, די „נאַראָדניקעס״, צו פירן די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע אין דאָרף אַפילו אין דעם פאַרנעם, וואָס איז מעגלעך ביי די איצטיקע באַדינגונגען; די גרויזאַמע מיטלען, מיט וועלכע די רעגירונג

ענטפערט אויף די טעראָריסטישע אַקטן, ווארפן אַ פּחד אויף א טייל פון דער יוגנט און עס געפינען זיך אַזעלכע, וואָס צוליב פּערזענלעכע צילן באַשליסן זיי זיך ארויסצוגעבן זייערע חברים, וואָס מיר האָבן געזען אין א ריי פּראָצעסן אין 1879.

די אַלע מאָטיוון קעגן טעראָר זענען פריער און שפּעטער נישט איינמאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן. אָבער דאָס בייטן די מיינונג וועגן טעראָר דאַרף נאָך אַ מענטשן נישט פירן דערצו, ער זאָל אַרויסגעבן זיינע חברים. גאָלדענבערגן האָט עס דערצו יאָ געבראַכט. „איך האָב — שרייבט ער אין זיין ווידוי צו דער זשאנדאַרמעריע — געקאָנט בלייבן ביי אָט די איבערצייגונגען מיינע, געקאָנט פירן מענטשן צום אונטערגאַנג און אַליין רויק שטאַרבן אויף דער תּליה, ווען איך זאָל וויסן, אַז איך וועל אין דעם פאַל ווערן אַן אויסלייז-קרבן און מיט מיין טויט וועט זיך פאַרענדיקן אָט דער טרויעריקער פּעריאָד פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג”. אָבער ער זעט פאָרויס, אַז ז״י טויט-שטראָפן וועלן זיך מיט אים נישט פאַרענדיקן: די נייע טויט-שטראָפן וועלן אַרויסרופן נייע פּאָליטישע מאָרדן, וועלכע וועלן צווינגען די רעגירונג אָנצונעמען נאָך מער עקסטרעמע מיטלען. די צאָל קרבנות וועט אַלץ ווערן גרעסער און גרעסער, און זיגן אין אָט דעם נישט גלייכן קאַמף וועט פאָרט די רעגירונג, וועלכע וועט נישט נאָכלאָזן, ביז די באַוועגונג וועט אינגאַנצן נישט דערשטיקט ווערן אויף לאַנג. און דעריבער, וועלנדיק מאַכן אַ סוף צו אָט דעם בייז און ראַטעווען אַ סך מענטשן פון טויט-שטראָף, „האָב איך זיך אַנטשלאָסן אויף דאָס שרעקלעכסטע—איך האָב באַשלאָסן צו באנוצן אַזאַ מיטל, וואָס מאַכט דאָס בלוט זיך קלאַפּן אין די אָדערן און אַמאָל אויך אַ הייסע טרער זאָל ארויס אויף די אויגן. איך האָב באַשלאָסן צו דערשטיקן אין זיך יעדעס געפיל פון פאַרביטערונג, פיינטשאַפט (צו דעם רוף איך אויך אַלע מיינע חברים) און צוגעבונדנקייט און אויספירן אַ נייעם אַקט פון זעלבסטאָפּפערונג, צוליב דעם גליק פון דער זעלביקער יוגנט, פון דער זעלביקער געזעלשאַפט און דעם זעלביקן רוסלאַנד, וואָס איז אונז אַלעמען אַזוי טייער. איך האָב באַשלאָסן אויפדעקן די גאַנצע אָרגאַניזאַציע און אלץ, וואָס איך ווייס”. ער טוט עס נישט, כדי צו פאַרלייכטערן זיין אייגענעם גורל: „איך בין שטענדיק געווען ווייט פון פּערזענלעכע אינטערעסן, זייענדיק אויף דער פריי, און איצט בין איך אויך ווייט פון עגאָיסטישע טריבן”. ער איז זיכער, אַז די רעגירונג ווענדט אָן אַזויפיל טויט-שטראָפן נאָר דערפאַר, וואָס זי ווייס נישט די אמתע גרויס פון דער טעראָריסטישער פּראַקציע; די רעגירונג גופא ווענדט אָן די עקסטרעמע רעפּרעסיעס נישט גערן, וואָרים עס איז דאָך אוממעגלעך, זי זאָל נישט פאַרשטיין, אַז מיט טויט-שטראָפן קאָן מען קיין שום פּאָליטישע באַוועגונג נישט דערשטיקן; פאַרקערט, מ׳קאָן זי נאָר פאַרשאַרפן. ווען מ׳זאָל פאָרשטעלן פאַר דער רעגירונג די אמתע גרעניצן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווען מ׳זאָל איר ווייזן, אַז די טעראָריסטישע פּראַקציע איז גאָרנישט אזוי שרעקלעך און כדי זי צו דערשטיקן, פאָדערן זיך גאָרנישט אַזעלכע גרויזאַמע מיטלען, וועט זיך די רעגירונג באַרויקן און זי וועט אָננעמען רויקערע מיטלען קעגן די טעראָריסטן. „אָפּשאַצנדיק מיינע גוטע פאַרלאַנגען, וועט זי זיך באַציען רויק צו די, וואָס זענען געווען מיינע חברים און מיטהעלפער און וועט אָננעמען קעגן זיי צוועקמעסיקערע מיטלען, ווי טויט-שטראָף”.

און פאַרפלאָנטערט אין דעם דאָזיקן לאָגישן שפּינוועבס, האָט גאָלדענבערג אויפגעדעקט אַלץ וועגן זיך און וועגן אַנדערע, וועגן דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע און וועגן פאַרשיידענע אונטערנעמונגען אירע. ער האָט דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געוואוסט, מיט אַלע פּרטים, אָנגערופן די נעמען פון אַלע די, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט, די אַדרעסן פון די דירות, וואו ער איז ווען געווען. אויף אזאַ אופן האָט ער געגעבן דעם צאַריזם אַ מאסע שולד-באַווייזן קעגן א סך גרעסערע און קלענערע רעוואָלוציאָנערן. זיינע באַווייזן

זענען געווען אַ באַזע פאַר אַ ריי פּאָליטישע פּראָצעסן, צווישן אַנדערע אויך פאַר דעם פּראָצעס פון די 16 טעראָריסטן, צו וועלכן מ׳האָט צוגעצויגן זונדעלעוויטשן. קעגן זונדעלעוויטשן גופא האָט ער באַוויזן זיין אָנטייל אין אָרגאַניזירן סאָלאָוויאָווס אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. אַ מערקווירדיקע זאַך: גאָלדענבערג האָט דערציילט אַ סך וויכטיקע און נישט וויכטיקע זאכן, דערציילט, וואָס איז אין דער אמתן געווען און וואָס אים האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז געווען. אין דער זעלביקער צייט האָט ער באַהאַלטן פאַקטן און נעמען, וועלכע ער האָט גוט געוואוסט און די זשאַנדאַרן האָבן געוויס געוואָלט וויסן.

נאָכן פּראָצעס פון די 16 האָט קוויאַטקאָווסקי — איינער פון די צוויי פאַרמשפּטע, איבער וועלכע דער טויט־שטראָף איז אויסגעפירט געוואָרן — געבעטן איבערגעבן אויף דער פריי, אַז מ׳זאָל גאָלדענבערגן נישט רעכענען פאַר אַ בייזוויליקן פאַררעטער: גאָלדענבערג איז געווען נישט נאָרמאַל; די זשאַנדאַרן האָבן אים אָפּגענאַרט, חוץ דעם האָט די פּראָקוראַטור צוגעשריבן גאָלדענבערגן אַזעלכע זאַכן, וועלכע ער האָט אין דער אמתן נישט געזאָגט. — סוף 1879 האָט מען גאָלדענבערגן אַוועקגעזעצט אין איין קאַמער מיט דעם פּראָוואָקאַטאָר קוריצין. מיינענדיק, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ חבר, האָט גאָלדענבערג דערציילט דעם פּראָוואָקאַטאָר אַ סך זאַכן, וואָס זענען געווען וויכטיק פאַר די זשאַנדאַרן; דערנאָך האָט מען אים איינגערעדט, אַז כדי צו געבן דער רעגירונג אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרנעמען מיט רעפאָרמען, איז נויטיק אַ אידעישער קאַמף מיט די טעראָריסטן. שפּעטער האָט מען גאָלדענבערגן איבערגעגעבן די ידיעות, וואָס ער אַליין האָט דערציילט קוריצינען, און מ׳האָט אים געזאָגט, אַז די זשאַנדאַרן האָבן זיי באַקומען פון אַנדערע קוועלן. גאָלדענבערג האָט אָט די ידיעות דערקלערט און אַנטוויקלט; אין אַזאַ פאָרם האָט זיי דער געהילף־פּראָקוראָר דאָבראזשינסקי פאַרשריבן אין אָנהויב מאַי 1880 אַלס גאָלדענבערגס ווידוי.

גאָלדענבערג איז געווען זיכער, אַז מיט זיינע באַווייזן ראַטעוועט ער די חברים פון טויט. אַפּריער האָבן די זשאַנדאַרן מיט אַלע כּוחות אונטערגעהאַלטן ביי אים די דאָזיקע אילוזיע; אָבער בעת זיי האָבן שוין ביי אים אַלץ ארויסבאַקומען, האָבן זיי אים געוויזן זייער אמתן פּנים. ווען גאָלדענבערג האָט דערמאָנט דעם געהילף־פּראָקוראָר: „אָבער געדענקט ביי קיינעם פון די טעראָריסטן טאָר נישט פאַלן קיין האָר פון קאָפּ”, האָט אים יענער געענטפערט: קיין האָר וועט נישט פאַלן; עס וועלן פאַלן קעפּ... גאָלדענבערג האָט זיך געכאַפּט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. ער האָט זיך גענומען פילן שלעכט; זיין געוויסן האָט אים גענומען שרעקלעך פּלאָגן, און ער האָט געבעטן, מ׳זאָל אים לאָזן זיך זען מיט איינעם פון די אַרעסטירטע חברים, מיט זונדעלעוויטשן. די זשאַנדאַרן זענען אויף דעם איינגעגאַנגען. אין יוני איז די „זעונג” פאָרגעקומען. זונדעלעוויטש האָט אויסגעהערט גאָלדענבערגן און ווייך און פאָרזיכטיק, ווי מ׳רעדט מיט אַ קראַנקן, האָט ער אים געגעבן צו פאַרשטיין, אין וואָס פאַר אַ שרעקלעכע נעץ ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט. גאָלדענבערג איז נאָכדעם ביי זיך אין קאַמער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. מעגלעך, אַז די זשאַנדאַרן האָבן לכתחילה געגעבן גאָלדענבערגן די זעונג, ווייל זיי האָבן פאָרויסגעזען דעם ביטערן סוף, און נאָכדעם ווי זיי האָבן פון אים אויסגעצויגן אַלץ, האָט פאַר זיי געלוינט וואָס גיכער און וואָס שטילער פון אים פּטור צו ווערן.

גאָלדענבערג איז קיין בייזוויליקער פאַררעטער נישט געווען. און ער איז נישט געווען דער איינציקער פון דעם מין. די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ווייס פון אַנדערע אומגליקלעכע, וואָס זענען אויך אַזוי פאַרפירט געוואָרן און האָבן ביי ענלעכע באַדינגונגען אָפּגעטאָן ענלעכע מעשׂים, הגם נישט אין אַזאַ גרויסן פאַרנעם, ווי גאָלדענבערג.

און דעם נישט-בייזוויליקן פאַרראַט, וואָס דער ייד גאָלדענבערג איז באַגאַנגען, האָט געקאָנט באַגיין אויך אַ פּאָליאַק, אַ לעט אָדער אַ רוס. אָבער דעם אמת מוז מען זאָגן. אין דעם אופן, ווי גאָלדענבערג האָט עס אָפּגעטאָן, איז געלעגן אַ סך ספּעציפיש-יידישע קרענקלעכע נערוועזיטעט. זיין גאַנצע טעראָריסטישע אַרבעט אויף דער פריי, און זיין שרעקלעכער וודוי אין טורמע זענען באַפאַרבט מיט יענער היסטאָריש-אויסגעוואַקסענער יידישער נערוועזיטעט, וועלכע פאַרשווינדט ביסלעכווייז ביי די יידישע אַרבעטס-מאַסן און איז באַזונדערס שטאַרק ביי אונזערע לופט-און האַנדלס-עלעמענטן און ביי דער אינטעליגענץ, וואָס קומט פון די דאָזיקע עלעמענטן אַרויס.

אויב זונדעלעוויטש האָט אַריינגעטראָגן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג די געזונטע זייטן פון דעם היסטאָריש-אויסגעוואַקסענעם יידישן כאַראַקטער, האָט גר. גאָלדענבערג אַריינגעטראָגן זיינע קראַנקע זייטן.

ווי שוין געזאָגט, האָט מען זונדעלעוויטשן געמשפּט אין דעם באַוואוסטן פּראָצעס פון די 16 טעראָריסטן; צו דעם זעלביקן פּראָצעס האָט מען אויך צוגעבונדן לייזער צוקערמאַן, וועלכן מ'האָט אַרעסטירט אין דער געהיימער דרוקעריי פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“. אַלע 16 זענען איבערגעבן געוואָרן צו אַ קריגס-געריכט. דער משפט איז פאָרגעקומען אין פּעטערבורג דעם 26—30-טן אָקטאָבער 1880. אויף דער פראַגע וועגן זיין רעליגיע, האָט זונדעלעוויטש געענטפערט: קיין שום רעליגיע. צוקערמאַן האָט געענטפערט: פונם יידישן גלויבן. זונדעלעוויטשן האָט מען צוגלייך מיט אַלע 16 באַשולדיקט אין „געהערן צו אַ געהיימער חברה פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וועלכע שטרעבט דורך בונטן און געוואַלט-מעשים אַראָפּצוּוואַרפן דעם מלוכה-רעזשים און די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג און וועלכע האָט אַרויסגעוויזן איר טעטיקייט אין אַ גאַנצער ריי שווערסטע מלוכה-פאַרברעכנס“. ביים אויסרעכענען די ספּעציעלע פאַרברעכנס פון יעדן איינעם און פון באַזונדערע גרופּעס איז זונדעלעוויטש צוזאַמען מיט קוויאַטקאָווסקין און קאָביליאַנסקין באַשולדיקט געוואָרן אין דעם, אַז אין מערץ 1879 האָבן זיי אין פּעטערבורג געהאַט געהיימע באַראַטונגען מיט גאָלדענבערגן און סאָלאָוויאָוון, און אויף יענע באַראַטונגען איז באַהאַנדלט געוואָרן דער פּלאַן פון אַן אַטענטאַט אויפן צאַר, וואָס סאָלאָוויאָוו האָט דערנאָך דעם 2-טן אַפּריל אויסגעפירט. צוזאַמען מיט דאָס רוב געמשפּטע איז זונדעלעוויטש אויך באַשולדיקט געוואָרן אין וואוינען אויף אַ פאַלשן פּאַספּאָרט.

ווען מ'האָט אים געפרעגט, צי אָנערקענט ער זיך פאַר שולדיק אין די פאַרברעכנס, וואָס מען שרייבט אים צו, האָט זונדעלעוויטש געענטפערט — אויפן ערשטן פונקט: „איך אָנערקען זיך פאַר שולדיק אין געהערן צו דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, אָבער נישט צו יענער געזעלשאַפט, וועלכע האָט געשטרעבט אַראָפּצוּוואַרפן די הערשנדיקע אָרדענונג דורך בונט און געוואַלט-מעשים, ווייל לויט אונזער מיינונג קאָן מען אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג נישט אַראָפּוואַרפן אין 24 שעה“; אויפן צווייטן פונקט האָט ער געענטפערט: „איך אָנערקען זיך פאַר שולדיק אין דעם, אַז איך האָב געוואוסט, אַז סאָלאָוויאָוו וויל מאַכן אַן אַטענטאַט, און אויך אין דעם, אַז איך האָב אָנטייל גענומען אין די באַראַטונגען, אויף וועלכע מ'האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן טויטן דעם צאַר, וואָס עס האָט נישט קיין שום איינפלוס אויף דער לייזונג פון דער פאָלקס-זאַך“. (אין ביידע ערטער אונטערגעשטראָכן פון מיר. א. ל.) דערביי פאַרזיכערט זונדעלעוויטש, אַז די פּעטערבורגער באַראַטונגען האָבן געהאַט בלויז אַ טעאָרעטישע באַדייטונג. קיין פּראַקטישע באַדייטונג האָבן זיי נישט געקאָנט האָבן שוין צוליב דעם, וואָס ביי סאָלאָוויאָוון איז לכתחילה געווען אַ פאַרטיקער באַשלוס, וועלכן

ער האָט נישט געוואָלט אומבייטן אַלץ איינס, צי די מערהייט וועט זיין פאַר אָדער קעגן ער, זונדעלעוויטש, האָט נישט געוואוסט, ווען און אויך וואָס פאַר אַן אָרט סאָלאָוויאָוו וועט אויספירן דעם אַטענטאַט. איך גלויב, אַז אַפילו אַ שעה פאַרן אַטענטאַט האָט סאָלאָוויאָוו אַליין דערפון נישט געוואוסט". זונדעלעוויטש רעכנט דערום, אַז אין דעם פונקט קאָן מען אים משפטן בלויז פאַר וויסן און נישט פאַר מסרן.

אין זיין לעצטן וואָרט האָט זונדעלעוויטש וועגן דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי אַזוי געזאָגט: „אויב איר וועט דורכקוקן אַלע מאָטיוון פון אונזער טעטיקייט וועט איר זען, אַז אַלע אונזערע שטרעבונגען זענען געווען געווענדט נאָר אויף צו באַקומען פרייהייט פון וואָרט. מיר האָבן געשטרעבט אומצובייטן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג — אָבער אויפן פרידלעכן וועג, דורך פראָפּאַגאַנדע. אַפילו די פאַקטן פון געוואַלט-מעשים זענען געווענדט געווען נאָר אויף צו דערגרייכן פרייהייט פון וואָרט. אויף אַזאַ אופן האָט אונזער געזעלשאַפט אין איר פּראָגראַם 2 באַזונדערע צילן און 2 באַזונדערע מיטלען: איינער שטרעבט אַראָפּצוּוואַרפן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג—דורך פרידלעכער פּראָפּאַגאַנדע. פון דער אַנדערער זייט, אַלס אַ מיטל צו דערגרייכן פרייהייט פון וואָרט, דערלאָזט אונזער געזעלשאַפט געוואַלט-מעשים". ווי מיר זעען, האָט זונדעלעוויטש אויפן משפט געפונען פאַר נויטיק בפירוש צו באַטאָנען זיינע פרידלעכע עוואָלוציאָניסטישע אָנשויונגען. און ער האָט עס געטאָן נישט כדי צו פאַרלייכטערן זיין גורל. ווי ער אַליין זאָגט אין זיין לעצטן וואָרט, איז ער זיכער, אַז ווי באַלד ער האָט זיך אָנערקענט פאַר שולדיק „אין וויסן און נישט מסרן" וועגן סאָלאָוויאָווס אַטענטאַט, קומט אים לויטן געזעץ סיי ווי טויט-שטראָף. און דאָס וואָס ער זאָגט איז „נישט צו פאַרטיידיקן זיינע אייגענע אינטערעסן, נאָר צוליב אַ מאָראַלישן חוב. „אויסער באַשטימען די שטראָף, מוז דאָס געריכט נאָך נעמען אין אַכט די מאָראַלישע באַדייטונג פון דעם, וואָס אַ מענטש טוט אָפּ". הייסט עס, אַז זונדעלעוויטשן איז געגאַנגען נאָר אום קלאָר צו מאַכן דעם אמת.

און אויפקלערנדיק די ראָלע פון די באַראַטונגען וועגן סאָלאָוויאָווס אַטענטאַט, איז זונדעלעוויטש אויך פריער פאַר אַלץ אויסן געווען דעם אמת, דעם מאָראַלישן חוב. אָבער אין דעם פונקט איז געווען אויך אַן אַנדער מאָטיוו, אַ ספּעציעל יידישער. מיר האָבן שוין געזען, אַז די טעראָריסטן זענען געווען קעגן דעם, אַז גאָלדענבערג זאָל אויספירן דעם אַטענטאַט אויפן צאַר, כדי די געזעלשאַפט אין דער עיקר דאָס פאָלק זאָלן נישט זאָגן, אַז דאָס איז אַ נקמה פאַר די ספּעציעלע יידישע ליידן. דעם אַטענטאַט האָט אויך נישט געדאַרפט אויספירן דער פּאָליאַק קאָביליאַנסקי, כדי מ'זאָל נישט זאָגן, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב די פּוילישע אינטערעסן. דער מאָטיוו איז דאָ די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע. זונדעלעוויטש האָט זיך אָן ספק אויך גערעכנט מיט אָט דעם אַלגעמיינעם מאָטיוו. ביי אים איז אָבער געווען נאָך איין מאָטיוו: דאָס קאָן פאַרגרעסערן די ליידן פון יידן. אויפן משפט האָט ער וועגן דעם געזאָגט: „בעת מ'האָט פאָרגעלייגט גאָלדענבערגן, האָב איך זיך ענערגיש אַנטקעגנגעשטעלט, ווייל ביי דער אַלגעמיינער נייגונג פון דער קריסטלעכער וועלט צוצושרייבן דער גאַנצער יידישער נאַציע יעדן פאַרברעכן, וואָס איינער פון אירע מיטגלידער איז באַגאַנגען, וואָלט די באַשולדיקונג אין דעם פאַל לייכט געקאָנט געווענדט ווערן אויף אַלע יידן". און עס איז גריילעך מעגלעך, אַז צוליב אָט דעם טעם, כדי די באַשולדיקונג אין אַטענטאַט אויפן צאַר זאָל נישט פאַלן אויף אַלע יידן, האָט זיך זונדעלעוויטש געמיט אויפצוקלערן פאַרן געריכט דעם אמת, אַז זיין אייגענע ראָלע אין דעם אַטענטאַט איז געווען בלויז אַ טעאָרעטישע, נישט קיין פּראַקטישע. אין זונדעלעוויטשן איז דער ייד שטענדיק געווען וואַכנדיק.

אין ראָמאַן „אַנדריי קאָזשוכאָוו״ זענען פאַראַן אַ פּאָר געשפּרעכן צווישן אַנדרייען מיט דוד שטערן (זונדעלעוויטש). רעדנדיק וועגן די פּאָליטישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, וואָס וואוינען אין דער שווייץ און לאַנגווייל׳ן זיך דאָרטן, געפינען פאַר זיך קיין אַרבעט נישט, האָט שטערן אויסגעשריגן:

„וואָס פאַר אַן אומזיניק פאָלק אונזערע רעוואָלוציאָנערן זענען! זיי וואוינען אין אַ פרייען לאַנד, צווישן אַ גרויסער סאָציאַלער באַוועגונג און זיי פילן זיך, ווי אַ פיש אויף דער יבשה, נישט שוין איז אויסער רוסלאַנד קיין וועלט נישט?״

„מיט זיין יידישן קאָסמאָפּאָליטיזם האָט ער אָפּט דעבאַטירט מיט זיינע חברים אויף דער דאָזיקער טעמע.

— „דו ביסט גערעכט, האָט אַנדריי געענטפערט: מיר זענען די אַמווייניקסטן קאָסמאָפּאָליטישע נאַציע, הגם א סך פאַרזיכערן, אַז די מעשה איז פאַרקערט. דו ביסט דער איינציקער צווישן אונז, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען וועלט-בירגער:

דערויף האָט דוד געענטפערט: דאָס שמייכלט, עס איז אָבער נישט זייער אָנגענעם.״

און שפּעטער אַביסל, אין א שמועס וועגן די „פּאָליטיקער״ און „אין פאָלק-גייער״, וועגן זשאָרזשס גלויבן אין רוסישן פויער און זונ דעלעוויטשעס בויען אויף די דייטשע אַרבעטער, זאָגט אַנדריי:

„די גאַנצע זאַך איז אין דעם, וואָס מיר האָבן פאַרשיידענע פאָרליבעס: מיר זענען שטאַרק צוגעבונדן צו אונזער פאָלק, און דו נישט״.

דוד האָט נישט גלייך געענטפערט. אַנדרייס ווערטער האָבן אין אים אָנגערירט אַ קראַנקן אָרט.

— יאָ, איך בין נישט צוגעבונדן צו אייער פאָלק, האָט ער ענדלעך געזאָגט מיט אַ לאַנגזאַמער ווייטמוטיקער שטים — און ווי וואָלט איך זיך געקאָנט צו אים צובינדן? מיר, יידן, האָבן ליב אונזער פאָלק. דאָס איז אַלץ, וואָס איז ביי אונז געבליבן אויף דער ערד. צום זייניקסטן, איך האָב עס ליב טיף און הייס. פאַרוואָס זאָל איך ליב האָבן אייערע פויערים, בעת זיי האַסן מיין פאָלק און באַגייען זיך מיט אים באַרבאַריש? מאָרגן וועלן זיי אפשר צעראַבעווען דאָס הויז פון מיין פאָטער — אַן ערלעכן אַרבעטער — ווי זיי האָבן גערױבט זעט טויזנטער אַנדערע יידן, וואָס האָבן געהאָרעוועט אין שווייס פון זייער פּנים. איך קאָן רחמנות האָבן אויף אייערע פויערים פאַר זייערע ליידן, אַלץ איינס ווי איך וואָלט רחמנות געהאַט אויף אַביסינישע אָדער מאַלאַישע קנעכט, בכלל אויף יעדער אונטערדריקטער באַשעפעניש. אָבער זיי זענען נישט נאָענט צו מיין האַרצן, און איך קאָן נישט טיילן אייערע חלומות און דאָס אומזיניקע בוקן זיך פאַרן פאָלק. וואָס איז שייך דער אַזויגערופענער געועלשאַפט, די העכערע קלאַסן — וואָס, אויסער פאַראַכטונג, קאָן מען פילן צו אָט די שרעקעדיקע האָזן, וואָס זיי אַלע זענען? ניין, אין אייער רוסלאַנד איז נישטאָ וואָס טייער צו האַלטן. אָבער איך קען די רעוואָלוציאָנערן און איך האָב זיי ליב אַפילו מער פאַר מיין אייגענעם פאָלק. איך בין צו זיי צוגעשטאַנען, איך האָב זיי ליב, ווי ברידער, און דאָס איז די איינציקע פאַרבינדונג, וואָס פאַרייניקט מיך מיט אייער לאַנד. ווי נאָר מיר וועלן מאַכן אַ סוף מיטן צאַרישן דעספּאָטיזם, וועל איך אויף שטענדיק אַוועקפאָרן און וועל זיך באַזעצן וואו עס איז אין דייטשלאַנד.

— און דו רעכנסט, האָט אַנדריי געזאָגט מיט נישט קיין זיכערן טאָן — אַז דאָרטן וועט זיין בעסער? דו פאַרגעסט די גראָבקייט פונם דייטשן המון, און צי נאָר פון המון אַליין...

— יאָ, האָט געענטפערט דוד מיט אַן אויסדרוק פון ווייטמוט אין זיינע גרויסע שיינע

אויגן. מיר, יידן, זענען פרעמדע צווישן אַלע נאַציעס. די דייטשע אַרבעטער זענען דאָך פונדעסטוועגן ציוויליזירט אין זיי פּראָגרעסירן אויך מאָראַליש. דייטשלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד, וואו מיר פילן זיך נישט אינגאַנצן, ווי פרעמדע...

ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און איז אנטשוויגן געוואָרן.״

אָט די געשפּרעכן באַווייזן אין זונדעלעוויטשן אַ שטאַרקן יידיש-נאַציאָנאַלן געפיל. דאָס איז אָבער א רחמנות-נאַציאָנאַליזם, אַ זאָאָלאָגישער נאַציאָנאַליזם. פּאַר אים עקזיסטירן יידישע ליידן און עס עקזיסטירט נישט קיין יידישע קולטור. קיין יידישע שאַפונג. און דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער פּעסימיזם, וועלכער דערגייט ביז יאוש. דאָס רוב פון יידישע רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט האָבן געגלויבט, אַז ווען רוסלאַנד וועט באַפרייט ווערן, וועט זיך דאָרטן פאַר יידן אויך אָנהויבן א ליכטיק לעבן. אין זיין בריוו צו ב. פרומקין דריקט זונדעלעוויטש אויך אויס דעם זעלביקן גלויבן. אָבער דער דאָזיקער גלויבן איז ביי אים נישט שטאַרק, בפרט אַז ער, דער מענטש מיט אַ טיפן חוש פאַר דער ווירקלעכקייט, קאָן נישט גלויבן אין דער סאָציאַליסטישער טבע פונם רוסישן פויער און ער איז זיכער, אַז רוסלאַנד שטייט נאָך נישט ערב אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג. ביידע, אי דער פּעסימיסטישער, אי דער זאָאָלאָגישער כאַראַקטער פון זיין נאַציאָנאַלן געפיל, נעמען זיך פון די דעמאָלטיקע באַדינגונגען: נישט געווען אין רוסלאַנד דעמאָלט קיין יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס זאָל מוזן שאַפן אַ יידישע מאַסן-קולטור און קעמפן פאַר די רעכט פון דער דאָזיקער קולטור, נישט געווען נאָך אין רוסלאַנד קיין אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט, אויף וועלכן זונדעלעוויטש זאָל קאָנען בויען, ווי ער האָט געבויט אויף די דייטשע אַרבעטער; און נישט געווען נאָך קיין יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס זאָל נישט דאַרפן וואַרטן, אַז ער וועט זיינע רעכט באַקומען ממילא, נאָר ער זאָל צוזאמען מיט די אַרבעטער פון אַנדערע נאַציעס קעמפן פאַר דער אַלגעמיינער און פאַר זיין ספּעציעל יידישער באַפרייונג. דערפון נעמען זיך אויך די פּאַרעמדטע „מיר״ און „איר״, וועלכע רייסן זיך ביי זונדעלעוויטשן אפשר נישט־ווילנדיק ארויס אין די אויבנגעבראַכטע געשפּרעכן.

מ׳וועט זאָגן: „אַנדריי קאָזשוכאָוו״ איז דאָך נישט מער, ווי אַ ראָמאַן. מען מוז אָבער געדענקען, אַז סטעפּניאַק האָט געבויט זיין ראָמאַן אויף אויטאָביאָגראַפישע פאַקטן און אויף פאַקטן פונם לעבן פון זיינע חברים. אין די געשפּרעכן מיט דודן קאָנען זיין אַ פּאָר פּרטים צוגעטראַכטע — אַזוי, למשל, אַז מ׳האָט געראַבעוועט דאָס הויז פון זיין פאָטער, אַן ערלעכן אַרבעטער: אין ווילנע איז נישט געווען קיין פּאָגראָם און זונדעלעוויטשעס פאָטער איז קיין אַרבעטער נישט געווען. אָבער, אין גאַנצן גענומען, האָט סטעפּניאַק געוויס ריכטיק איבערגעגעבן די שטימונג פון זיין חבר. זונדעלעוויטש איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר די פּאָגראָמען פון די 80-ער יאָרן, אָבער ער האָט גוט געוואוסט פון דעם פּאָגראָם אין אָדעס אין 1870. לעאָ דייטש וויל האָבן, אז אין דער אמתן, איז זונדעלעוויטש געווען ווייט פון די יידישע שטימונגען, וואָס ווערן אים צוגעשריבן אין ראָמאַן, און סטעפּניאַק האָט דאָ שטאַרק איבערגעטריבן. אָבער סטעפּניאַק האָט זונדעלעוויטשן גוט געקענט, ער האָט זיך מיט אים באַגעגנט אָפטער און נענטער, ווי דייטש. ער האָט „מאָישען״ שטאַרק ליב געהאַט. פאַרוואָס זאָל ער אים ש׳לדערן נישט ריכטיק? בפרט, אַז זונדעלעוויטש׳עס יידישע שטימונג איז נישט טיפּיש פאַר אַלע יידישע רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט און איז כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר אים אַליין, אַזוי אַז סטעפּניאַק האָט דאָ אויך נישט געקאָנט, ווי עס טרעפט אַמאָל, אומבאַגרינדעט דרינגען פון כלל אויפן פרט, און די אויבנגעבראכטע ווערטער, וואָס זונדעלעוויטש האָט געזאָגט אויפן געריכט אין 1880, באַווייזן אויך, אַז סטעפּניאַק האָט נישט איבערגעטריבן.

שפּעטער וועלן מיר ברענגען נאָך איין פאַקט, וואָס באַווייזט אויך, אַז סטעפּניאַק איז געווען גערעכט אין זיין שילדערונג.

דער קריגס-געריכט האָט געפונען, אַז אַלע געמשפּטע פאַרדינען טויט-שטראָף; אָבער ביי 11 פון זיי זענען פאַראַן פאַרלייכטערנדיקע אומשטענדן. ביי זונדעלעוויטשן — דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנערקענט פאַר שולדיק, און אויך דאָס, וואָס ער האָט נישט גענומען קיין דירעקטן אָנטייל אין אויספירן טעראָריסטישע אַקטן. פון אָט די 11 האָט מען זונדעלעוויטשן פאַרקלענערט די שטראָף אויף איין מדרגה, די איבעריקע 10—אויף 2 מדרגות. זונדעלעוויטש האָט באַקומען קאַטאָרגע אין שאַכטן אָן אַ טערמין. פון די איבעריקע: 6, צווישן זיי צוקערמאַן, קאַטאָרגע אויף פאַרשיידענע טערמינען און 4 פאַרשיקונג אין סיביר. פון די 5, וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, האָט מען געהאַנגען נאָר צוויי: קוויאַטקאָווסקין און פּרעסניאַקאָוון. די איבעריקע 3 האָט דער צאַר פאַרביטן די טויט-שטראָף אויף קאַטאָרגע אָן אַ טערמין.

IV

בעת זונדעלעוויטש איז אַרעסטירט געוואָרן איז אים נישט געווען קיין פולע 28 יאָר. ער איז געווען געזונט און פול מיט כוחות. דער צאַריזם האָט אים באַגראָבן אין טורמע אויף 12 יאָר און האָט אים אַרויסגעריסן פון לעבעדיקן לעבן אויף גאַנצע 26 יאָר. זונדעלעוויטש איז אָפּגעקומען קאַטאָרגע אין דער באַרימטער קאַרא ביים באַיקאַל אין די פינסטערסטע יאָרן פון דער רעאַקציע. אַ סך חברים זענען געשטאָרבן פון טובערקולאָז, אַנדערע זענען פון זינען אַראָפּ; אייניקע זענען באַגאַנגען זעלבסמאָרד צוליב פּראָטעסט. און עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרראַטן, געבעטן מחילה ביים צאַר, געקושט די רוט ביים הענקער. שווערע אומענדלעך פיינפולע יאָרן. זונדעלעוויטש איז אין טורמע געווען פאַר די חברים אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער; ער האָט אומעטום געטראָגן טרייסט און וואַרעמקייט, געדינט מיט וואָס ער האָט געקאָנט. די קאַטאָרגע האָט נישט געבראָכן נישט זיין געזונט, נישט זיין מוט. אָבער וואו האָט ער געזאָלט אַהינטאָן זיין אַקטיווע ענערגיע, זיינע גרויסע פּראַקטישע כוחות? אייניקע חברים האָבן זיך אָפּגעגעבן צום בוך, געלערנט, געשטודירט. זונדעלעוויטש האָט געלייענט, אָבער קיין מענטש פון טעאָריע, פון לאַנגער שולבאַנק איז ער נישט געווען. אַנדערע האָבן אויסגעלאָדן זייער ענערגיע און אומענדלעכע דעבאַטן. זונדעלעוויטש פלעגט אויך אַרויסזאָגן זיין מיינונג, פאַרטיידיקן זי, אָבער פאַרקאָכן זיך אין די אויסזיכטסלאָזע דיסקוסיעס האָט ער נישט געקאָנט. און זיך אויסלאָדן אין צערייצונג און קרענקלעכע פערזענלעכע צאַנקערייען — דאָס איז געוויס געווען נישט פאַר זיין רויִקער געזונטער נאַטור. איז די אַקטיווע ענערגיע אַנטשלאָפן געוואָרן, די גרויסע כוחות פאַראַליזירט געוואָרן. ווער ווייס, וויפיל יסורים דאָס האָט געקאָסט, וויפיל טיפע באַהאַלטענע ליידן...

אויף דער פריי איז זונדעלעוויטש געווען כמעט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. און בעת לעאָ דייטש איז געקומען אויף קאַרא און האָט מיטגעבראַכט די נייע מאַרקסיסטישע אָנשויונג פון פּלעכאַנאָווס גרופּע, האָט ער געהאָפט צו געפינען אין זונדעלעוויטשן אַן אידעישן חבר. דייטש האָט אַ טעות געהאַט. ווי אַלע אַנדערע חברים אויף קאַרא, איז זונדעלעוויטש געווען אַ קעגנער פון מאַרקס פּרינציפּן, אַפילו פון זיין ווערט־טעאָריע. פאַר דייטשלאַנד איז ער געווען אַ ס. ד. פאַר רוסלאַנד אַ נאַראָדניק... שפּעטער אין אָנהויב פון די ביינהונדערטער יאָרן איז זונדעלעוויטש געוואָרן אַן אָנהענגער פון דער ס. ד. פאַר רוסלאַנד אויך. דאָס

לאָזט זיך דערקלערן נאָר דערמיט, וואָס זיצנדיק אין טורמע אָפגעריסן פון לעבן און קאָנצענטירט אַלע געדאַנקען אויפן קאַמף און ליידן פון זיינע חברים. האָט ער, פאַרהייליקנדיק די גרויסע מעשים און די אומענדלעכע ליידן פון די נאַראָדאָוואָלצעס, נישט ווילנדיק געמוזט פאַרהייליקן אויך די אידעען, פאַר וועלכע זיי האָבן געקעמפט און געליטן. דאָס האָט פאַרטונקלט זיין געזונטע אָבער טעאָרעטיש נישט אויסגעבילדעטע לאָגיק.

די רעגירונג האָט אויסגעשלאָסן זונדעלעוויטשן פון 2 מאַניפעסטן, וואָס האָבן געגעבן אַ טיילווייזע אַמנעסטיע. אין 1891 איז ער אַרויס אין דער אַזויגערופענער וואָלנע קאָמאַנדע. דאָס איז געווען אַ באַזונדערער צושטאַנד. ווען די קאַטאָרזשניקעס האָבן נאָך נעדאַרפט גיין אויף דער אַרבעט, זענען נאָך געבליבן אינגאַנצן רעכטלאָז. נאָר געוואוינט האָבן זיי נישט אין טורמע, נאָר אויף דער פריי. דער מאַניפעסט פון 1895 — שוין פאַר ניקאָלאַי דעם 2-טן — איז אָנגעווענדעט געוואָרן אויף זונדעלעוויטשן אויך און די קאַטאָרגע אָן אַ טערמין איז אים פאַרביטן געוואָרן אויף 20-יאָריקע. לויטן געזעץ פלעגט זיך פון יעדן יאָר אין קאַטאָרזשנע טורמע אַ פאָר חדשים אַראָפרעכענען, אַזוי, אַז אַן ערך פון 10 חדשים האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גאַנץ יאָר. אויף אַזאַ אופן האָט זונדעלעוויטש געענדיקט זיין קאַטאָרגע-טערמין מיט צוויי יאָר פריער און אין 1898 האָט ער זיך באַזעצט אַלס „פרייער פאַרשיקטער אָן אַלע רעכט" אין טשיטאַ. דאָרטן האָט ער געאַרבעט ביים בויען די אייזנבאַן אַ צייט ווי אַ פשוטער אַרבעטער און דערנאָך אַלס אַ שרייבער און בוך-פירער. שפעטער אַביסל איז ער געוואָרן אַן אויפזעער איבער אַ לאַגער פון רוי-שטאָפן. דאָרטן האָט ער איינגעפירט אַ גרויסע עקאָנאָמיע און האָט איינגעשפאָרט פאַר דער אייזנבאַן-פאַרוואַלטונג אַן ערך פון אַ האַלבן מיליאָן רובל. פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די העכערע אָנגעשטעלטע האָבן זיך באַלד געפינען בעלנים אויף דעם אָפגעשפאָרטן געלט. זונדעלעוויטש האָט עס נישט געקאָנט דערלאָזן און האָט זיך אָפגעזאָגט פון דער שטעלע. דעמאָלט האָט מען אים איבערגעגעבן צוצישטעלן וואַסער אויף אַ סטאַנציע נעבן טשיטאַ. ער האָט געדונגען פערד, געקויפט פעסער, געאַרבעט אַליין און מיט אַן „אַרטעל". אין שווערער האָרעוואַניע און אָרעמען לעבן האָט ער אָפגעשפאָרט אַביסל געלט, כדי אויף דער עלטער נישט צו פאַלן אויף אַנדערע צו לאַסט. אַזוי האָט ער זיך אַדורכגעשלאָגן ביז אָקטאָבער 1905, ווען ער איז אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן. אין 1906 קערט ער זיך אום אין אייראָפעישן רוסלאַנד. באַזוכט ווילנע, וואוינט 6 חדשים אין וואַרשע ביי זיין ברודער מיראָן. אָבער די רעאַקציע ווערט שטאַרקער און ער וויל אין רוסלאַנד נישט פאַרבלייבן. אינטערעסאַנט, אַז דער צאַריזם האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַן אויג אויף זונדעלעוויטשעס פאַמיליע. אויף זיין ברודער מיראָן אַ דורכויס רייכן מענטשן, האָט מען שטענדיק „השגחה געגעבן", און יעדעס מאָל, ווען מ'פלעגט זיך ריכטן, אַז קיין וואַרשע וועט קומען דער צאַר, פלעגט מען מיראָן זונדעלעוויטשן אַרעסטירן. ווי אַ פאַרדעכטיקן מענטשן. וועמען ס'איז גלייכער אין אַזאַ צייט צו האַלטן אונטער שלאָס. אהרן זונדעלעוויטשן וואָלט מען נאָך אין 1906 אויך נישט לייכט געגעבן אַן אויסלענדישן פאַספאָרט. האָט דער ברודער מיראָן אַרויסגענומען אַן אויסלענדישן פאַס פאַר זיך און אין פאַס איז געווען צוגעשריבן, אַז מיט מיראָנען פאָרט זיין ברודער אהרן. אויף אַזאַ אופן איז זונדעלעוויטש אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד און האָט זיך אויף שטענדיק באַזעצט אין לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן האָט ער געלעבט טיילווייז פון דער קליינער רענטע, וואָס ער האָט אָפגעשפאָרט, דער עיקר אָבער דערפון, וואָס ער האָט געאַרבעט אַלס קאַסיר און בוך-פירער אינם „דייטשן קאָמוניסטישן קלוב" (דער דאָזיקער קלוב האָט גאָרנישט צו טאָן מיטן איצטיקן קאָמוניזם. זיינע מיטגלידער זענען זייער מעסיקע, אָפט שוין צו-מעסיקע סאָציאַליסטן. דער נאָמען פון קלוב שטאַמט נאָך פון מאַרקס צייטן). פאַרשטייט זיך, אַז ביידע קוואַלן האָבן אים

געגעבן נאָר אויף אַן אָרעם לעבן. פונדעסטוועגן האָט זונדעלעוויטש געהאַלטן פאַר זיין חוב צו געבן זיין חלק אין אַלע זאַמלונגען פאַר דער באַוועגונג און ער פלעגט זיך חידושן, אַז מען פלעגט אַמאָל פאַרגעסן זיך ווענדן צו אים. אין לאָנדאָן איז זונדעלעוויטש געשטאַנען נאָנט צו די רוסישע ס. ד. אויף וויפיל איך געדענק, איז ער אפילו געווען אַ מיטגליד פון זייער הילפס-גרופּע (פ. אַקסעלראָד שרייבט, אַז נישט). פאַרקערן פלעגט ער מיט די יידישע סאָציאַליסטן, די מיטגלידער פון דער בונדישער הילפס-גרופּע. אָבער זיינע אַמאָליקע כוחות זענען שוין געווען אַטראָפירט. דער מענטש האָט איצט דערצויגן זיינע לעצטע יאָרן ווי אַ פּריוואַט מענטש, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דער באַוועגונג און העלפט איר, מיט וואָס ער קאָן, און נישט ווי אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער.

אין די ווינטערס פון 1912 און 13 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין לאָנדאָן. דאָרטן פלעג איך זיך טרעפן מיט זונדעלעוויטשן--נאָך מיינע לעקציעס אין אַ קאַפע, ביי מיר אויפן קוואַרטיר, איינמאָל ביי זיין יונגערן ברודער הינטער דער שטאָט און אַ פּאָר מאָל אין לאַנגע שפּאַצירן איבער די געסלעך פון אויטשעפּל, וואו ער האָט מיך געפירט ווייזן דאָס יידישע לעבן און דרך אגב מכבד זיין מיט עכטע יידישע מאכלים פון דער היימישער ווילנע, וועלכע דער אלטער האָט שטארק ליב ג האט. מיר האָבן גערעדט וועגן אלץ אין דער וועלט. איך פלעג ציען דעם שמועס צו די זיבעציקער יאָרן פונם פאָריקן יאָרהונדערט, צו „זיין“ צייט. ער פלעגט זיך נישט לאָזן, האָט געצויגן דוקא צום היינט, צו אַקטועלע פראַגן און לעבעדיקע מענטשן. אין אַלגעמיין-פּאָליטישע פראַגן איז ער געווען א בערענשטייניאַנער. דער סאָציאַליזם איז ביי אים געווען אַ זאַך פון דער פארנעפּלטער ווייט, וואָס וועט אַמאָל קומען נאָך אַ לאַנגער עוואָלוציע, דערווייל איז דער עיקר די רעפאָרם-ארבעט. ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער יידישער ליטעראַטור, געלייענט יידישע ביכער, געגאַנגען אויף יידישע לעקציעס. ער האָט מיר אָנגעוויזן די פעלערן, צוליב וועלכע פינעסעס „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור“ שטעלט אים נישט צופרידן. אָבער כדי איך זאָל קיין טעות נישט האָבן אַז ער איז אינגאַנצן מיט מיר, פלעגט ער אין דער אָדער אין יענער פאָרם מיר געבן צו פאַרשטיין, אַז צו דער צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור באַציט ער זיך סקעפּטיש... ער האָט זיך נישט געקאָנט אינגאַנצן באַפרייען פון זיינע יוגנט-שטימונגען. בפרט אַז ער איז געווען אָפּגעריסן פון די גרויסע יידישע מאַסן אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע און ער האָט געוואוינט אין לאָנדאָן, וואו דער יידישער שאַפונגס-קוואַל שלאָגט שוואַך, ווייל דער יידישער ישוב איז דאָרטן אָרעם מאטעריעל און גייסטיק און טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַן עטאַפּ אויפן וועג קיין אַמעריקע.

דעם לעצטן מאָל האָב איך זיך מיט זונדעלעוויטשן געטראָפן שוין אין דער צייט פונם וועלט-קריג אין יאַנואַר 1915. זונדעלעוויטש האָט געהאַלטן פאַר דער אַנטאַנט און ממילא פאַרן נצחון פון רוסלאַנד. ער האָט אַ סך גערעדט וועגן די דעמאָלטיקע גרושים און רדיפות אויף יידן אין רוסלאַנד און לסוף האָט ער מיר געזאָגט: „איך קלער שוין לאַנג וועגן דעם. פאַר יידן אין רוסלאַנד איז פאַראַן איין אויסוועג — עמיגראַציע...“ איך האָב פאַרחידושט געפרעגט: נו, און רעוואָלוציע, סאָציאַליזם? ער האָט וויימוטיק געענטפערט: „ווען וועט עס נאָך זיין... און אַז עס וועט שוין זיין... רוסלאַנד איז אַזאַ מדינה, וואו 30 יאָר נאָכדעם, ווי עס וועט איינגעפירט ווערן אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג, וועט מען נאָך מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן...“ איך האָב געפרווט אָפּפרעגן דעם פינסטערן פראָגנאָז, כ'האָב אָנגעוויזן, אַז עמיגרירן קאָן נאָר אַ קליינער פּראָצענט — נישט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון רוסלאַנד. ער האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע: איין אויסוועג — עמיגראַציע... די דאָזיקע ווערטער זונדעלעוויטשעס ברענגען אונז ווידער צו דעם אויבנגעבראַכטן שטרייט צווישן לעאָ דייטש מיט

סטעפניאַקן וועגן זונדעלעוויטשעס יידישקייט; זיי ווייזן אונז, אַז סטעפניאַק האָט אַריינגעלייגט דודן אין מויל אַזעלכע ווערטער, וואָס ער האָט באמת געהערט פון זונדעלעוויטשן.

אַ מערקווירדיקע זאַך: די מענטשן פון אונזער דור האָבן געזען מער און מיט אַן ערך גרעסערע פאָגראָמען, ווי די מענטשן פון זונדעלעוויטשעס דור; און דאָך האָבן די פאָגראָמען ביי אונז נישט אַרויסגערופן אַזויפיל יאוש, נישט געשאַפן קיין פאָגראָם-מאַניע, ווי ביי זיי. זונדעלעוויטש איז דאָך נישט איינער. דער זיידע ווינטשעווסקי איז אַ מענטש גאָר פון אַן אַנדער שניט און דאָך ליידט ער אויך פון דער דאָזיקער פאָגראָם-מאַניע, און נישט בלויז בנוגע רוסלאַנד אַליין. זייענדיק אין ניו-יאָרק האָב איך אים נישט איינמאָל געהערט עפנטלעך זאָגן: אין אַמעריקע דאַרף מען האָבן אַ בונד, כדי עס זאָל זיין, ווער ס׳זאָל אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ, בעת דאָ וועלן אויסברעכן פאָגראָמען... דעם ראָמאַנטישן ווינטשעווסקין האָט די דאָזיקע שטימונג דערפירט ביזן שוועל פון ציוניזם. דער לאָגישער זונדעלעוויטש איז דערגאַנגען נאָר ביז עמיגראַציע פון רוסלאַנד, אַלס איינציקער אויסוועג—ביז אַ יידישער מדינה איז ער נישט דערגאַנגען. מיר דאַכט זיך, אַז אונז האָבן די פאָגראָמען נישט אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ יאוש, ווי די אַלטע, ווייל מיר האָבן געזען נישט בלויז פאָגראָמען. מיר האָבן געזען אויך דעם שאַפנדיקן כח, דעם אָרגאַניזירטן רוסישן פראָלעטאַריאַט; מיר האָבן דורכגעמאַכט די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. זיי האָבן אין דער יוגנט דאָס נישט געזען, זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַפילו; און אויף די עלטערע יאָרן איז שוין ביי זיי דער יידישער יאוש געזעסן צו טיף, מ׳זאָל אים קאָנען אינגאַנצן אויסרייסן.

וועגן די לעצטע יאָרן פון זונדעלעוויטשעס לעבן ווייס איך ווייניק. פון ווינטשעווסקיס אַן אַרטיקל אין ניו-יאָרקער „פרייהייט" האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זונדעלעוויטש איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון באָלשעוויזם און ער האָט וועגן דער קאָמוניסטישער מאכט אין רוסלאַנד נישט געקאָנט רעדן רויק. דאָס שטימט מיטן גאַנצן כאַראַקטער פון זיין לעבן און דענקען.

זונדעלעוויטש איז בעווען געזונט און מונטער ביז זיין לעצטער לעבנס-שעה. דעם 29-טן אויגוסט 1923 שפעט אין אָוונט איז ער געווען ביי זיין ברודער, געזעסן און גערעדט. פלוצלונג איז אים נישט גוט געוואָרן און אין 5 מינוט אַרום איז ער געשטאָרבן. דער פלוצלינגער טויט איז געווען אַ פאַסיקע פאַרענדיקונג פון זיין לעבן. עס איז אַזוי שווער געווען זיך פאָרצושטעלן דעם רירעוודיקן זונדעלעוויטשן ווי אַ זקן, אַ חלוש, וואָס גייט נישט אַראָפ פון בעט. זונדעלעוויטשעס קערפער האָט מען פאַרברענט. דאָס אַש ליגט אין קרעמאַטאָריום אין אַן אורנע, אין איין נישע מיט דעם אַש פון אַ באַוואוסטן פירער פון דער ענגלישער לייבור-פאַרטיי. מען קלערט אַריבערצופירן דעם אש קיין ווילנע און ביי בעסערע צייטן אין אַ רעוואָלוציאָנערן פאַנטעאָן פון רוסלאַנד.

זונדעלעוויטש האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן פראַקטישן שכל און אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלענט. ער האָט זיי אָפגעגעבן דער קאָנספיראַטיווער באַוועגונג, וואו זיי האָבן זיך שטאַרק און פרוכטבאַר אַרויסגעוויזן. אינגאַנצן פאַנאַנדערוויקלען וואָלטן זיי זיך געקאָנט נאָר ביי פרייע לעגאַלע באַדינגונגען, וועלכע האָבן אין די יאָרן 1875—79 אינגאַנצן געפעלט. מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר שפעטער, בעת די באַדינגונגען זענען געוואָרן פרייער און פאַר אָרגאַניזאַטאָרישע טאַלענטן האָט זיך געשאַפן וועלכע ס׳איז לעגאַלע אַרענע, זענען שוין זונדעלעוויטשעס כחות געווען פאַראַליזירט. עס האָט זיי אויפגעגעסן די צאַרישע קאַטאָרגע, זייערע רעשטלעך האָט אויסגעזויגן דאָס שלעפן די יאָרן אין אַ פאַרוואָרפענעם העק פון מזרח-סיביר, אָן יעדער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספערע.

א. ליטוואַק

דער פּראָצעס פון א. ליבערמאַן, ג. גורעוויטש און מ. אַראָנסאָן איי בערלין

הגם וועגן דער מעשה האָט מען שוין נישט וויניק געשריבן, אָבער אַזוי ווי מען בעט מיך פאָרט, וויל איך דאָ געבן אַ קורצן דין וחשבון פון דעם פּראָצעס און אגב אויפדעקן זיינע געהיימע טעמים, וועלכע מ׳קאָן איצט שוין פריי דערציילן, ווייל עס עקזיסטירן שוין נישט, נישט די רוסישע אָכראַנקע, נישט די פּאָליטישע פּאָליציי פון דער דייטשער מאָנאַרכיע.

אין פעברואַר 1878 איז אין ווין אַרעסטירט געוואָרן **אהרן ליבערמאַן**, דער רעדאַקטאָר פון דעם העברעישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת״. און מ׳האָט ביי אים געפונען אַ סך פּאַפּירן און בילדער פון סטודענטן, וואָס האָבן געוואוינט אין בערלין. אויסער דעם האָט מען ביי ליבערמאַנען געפינען אַ מאַסע בריוו פון אַלע באַקאַנטע סאָציאַליסטן פון דער וועלט. דורך וואָס פאַר אַ צופאַל ליבערמאַן איז אַרעסטירט געוואָרן, ווייס איך נישט זיכער, אָבער דעמאָלט האָט מען עס דערקלערט דערמיט, וואָס ער האָט נישט געשיקט אין פּאָליציי די נויטיקע צאָל עקזעמפּלאַרן, וואָס עס האָט זיך געפּאָדערט לויטן געזעץ. פאַרשטייט זיך, אַז דאָרטן האָט מען עס באַמערקט און מען האָט אָנגעהויבן זיך צוקוקן, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין בריה, וואָס וויל נישט האָבן קיין מגע ומשא מיט פּאָליציי, האָט מען טאַקע דערזען אַ מאָדנעם מענטשן, ער פלעגט באַקומען זייער פיל בריוו פון דער גאַנצער וועלט און צו אים גיי׳ען אָן אַ שיער מענטשן און אַלץ פאַרדעכטיקע: יידן, סלאַוון, איטאַליענער, דייטשן. גערופן האָט ער זיך **פרימען** און האָט געהאַט אַן ענגלישן פּאַס, אָבער זיין גאַנצע פירונג איז געווען גאָרנישט מעשה ענגלענדער. סוף-כל-סוף האָט מען ביי אים געמאַכט אַ הויז-זוכונג, געפונען אַלץ, וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט, און מען האָט אים אָפּגעפירט אין טורמע. — זומער דעם זעלביקן יאָר האָט נאָבילינג אין בערלין געמאַכט אַן אטענטאַט אויף דעם קייזער ווילהעלם, און דאָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע דייטשע רעגירונג. ס׳טייטש, מ׳שיסט אויף ווילהעלמען דעם „העלדנקייזער״ און דער שיסער, נאָבילינג, האָט זיך אַליין אויך דערשאָסן. ביסמאַרק האָט אויסגענוצט דעם אטענטאַט פאַר אַן אויסרייד איינצופירן אויסנאַם-געזעצן קעגן סאָציאַליסטן און די דייטשע פּאָליציי האָט זיך געלאָזן זוכן, צי ;ועט מען נישט געפינען אַ צוזאַמענהאַנג צווישן נאָבילינגען מיט אַנדערע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. אָט דאָ האָט אַפּנים די עסטרייכישע רעגירונג געהאָלפן דער פּרייסישער און האָט אַרויסגעגעבן פון ווין פּאַפּירן פון ליבערמאַנען, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַ סך בריוו און בילדער פון בערלין. איצט האָט די בערלינער פּאָליציי אָנגעהויבן נאָכצושפּירן די רוסישע סטודענטן און האָט אויסגעזוכט די, וואָס זענען געווען אויף די

בילדער און גרופעס ביי ליבערמאַנען. דאָס זענען געווען אַראָנסאָן און גורעוויטש און האָט זיי אַרעסטירט. צוזאַמען מיט די צוויי האָט מען פאַרכאַפּט נאָך אַ מענטשן 10, אָבער אַז מען האָט זיך צו די לעצטע צוגעקוקט, האָט מען דערזען, אַז זיי זענען נישט פּאַרמישט אין פּאָליטיק און מ׳האָט זיי באַפרייט. געבליבן זיצן זענען נאָר אַראָנסאָן און גורעוויטש. אַרום נאָוועמבער האָט מען געמשפּט ליבערמאַנען אין ווין. אַז מען האָט גענוי דורכשטודירט אַלע זיינע פּאַפּירן און דאָקומענטן, האָט די עסטרייכישע רעגירונג פאַרשטאַנען, אַז ליבערמאַן איז אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער און עסטרייך דאַרף פאַר אים קיין מורא נישט האָבן. מען האָט אים פאַרמשפּט אויף 2—3 חדשים זיצן פאַר זיין פאַלשן ענגלישן פּאַס און מ׳האָט אים געדאַרפט באַפרייען, ד. ה. אַרויסשיקן פון עסטרייך. אָבער די בערלינער רעגירונג האָט געבעטן מ׳זאָל איר אַרויסגעבן ליבערמאַנען. דאָס איז אַפילו געווען נישט לויטן געזעץ, אָבער צווישן נאָנטע רעגירונגען קאָן מען אַזאַ קלייניקייט, ווי דאָס געזעץ, פאַרבויגן, בפרט, אַז עס האַלט שוין אַזוי ווייט, אַז מען שיסט אויף קיסרים. האָט מען טאַקע ליבערמאַנען אַרויסגעגעבן און אַרום ניי-יאָר 1879 האָט מען אים געבראַכט קיין בערלין. איצט איז די בערלינער פּאָליציי געווען רויק, אַז מ׳וועט קאָנען משפּטן אונזער חברה. פריער איז די זאַך געווען נישט זיכער, ווייל ביי אונז אין בערלין האָט מען ביי קיינעם גאָרנישט נישט געפונען און פאַרלייגן דעם געריכט דאָקומענטן, וואָס מ׳האָט געפונען ביי אַ מענטשן, וואָס איז געווען ווייט פון בערלין, און בפרט נאָכדעם, ווי מ׳האָט אין ווין ליבערמאַנען פריי געשפּראָכן, וואָלט געווען אין בערלין נישט גאָר באַקוועם.

דעם 26-טן אַפּריל 1879 איז פאָרגעקומען אונזער פּראָצעס. אין דעם באַשולדיקונגס-אַקט האָט די גרעסטע ראָלע געשפּילט ליבערמאַנס פּראָקלאַמאַציע „אל שלומי בחורי ישראל״, אויף העברעיש און רוסיש; אין איר האָט ליבערמאַן אויפגעשטעלט דעם סאָציאַליסטישן אני מאמין פאַר דער יידישער ישיבה-בחוריש-משכילישער יוגנט. דער אָפּיציעלער איבערזעצער, וואָס האָט אַלע אונזערע דאָקומענטן איבערזעצט פון רוסיש, האָט אָנשטאָט „ק׳יעווריי-סקאַי מאָלאָדאָזשי״ — איבערגעזעצט „ק׳יעוראָפּעיסקאַי מאָלאָדאָזשי״ און דער פּראָקוראָר טעמענדאָרף האָט דערפון געמאַכט אַ קל-וחומר, אַז דאָס איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע חברה, וואָס וויל די גאַנצע וועלט איבערקערן. איך האָב דעם פעלער אויפגעוויזן פאַרן געריכט. אַ גרויסע ראָלע האָבן געשפּי׳ט מיינע בריוו צו ליבערמאַנען, וועלכע ער האָט אַלע געזאַמלט און געהיט. איך האָב אים געשריבן, אַז מיר האָבן צווישן די יידישע סטודענטן אין בערלין געבילדעט אַ סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל און איך בין דער סעקרעטאַר פון דער סעקציע, ווייטער באַרים איך זיך, אַז איך בין באַקאַנט מיט אַלע גרויסע דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פירער: ליבקנעכט, בעבעל, בערנשטיין און אַנדערע.

פון די אַלע בריוו האָט מען געקאָנט זען, אַז מיר האָבן אין בערלין געזאַמלט צווישן זיך געלט און זיך פאַרייניקט, כדי צו אונטערהאַלטן ליבערמאַנס „האמת״. מיין באַרימעריי מיט דער באַקאַנטשאַפט מיט די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָט אַרויסגערופן קעגן אונז אַלעמען אַן אויפרעגונג מצד ליבקנעכט און זיינע נאָנטסטע פריינט, און אין אַ קליינעם זשורנאַל, „די לאַמטערנע״, וואָס איז דעמאָלט אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּאַריז (ווייל אין דייטשלאַנד גופא איז געווען פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן סאָציאַליסטישע זשורנאַלן), אונטער דער רעדאַקציע פון אַ געוויסן הירש, איז געווען געדרוקט, אַז אונזער חברה איז אַ פּאַר-דעכטיקע. אמת, אַלע בערלינער סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אונז געקענט נענטער, האָבן פון ליבקנעכטס חשדים נישט געהאַלטן און האָבן אונז באַוויזן סימפּאַטיע.—

דאָס געריכט האָט אונז פאַרמשפּט—ליבערמאַנען אויף 1 יאָר געפענגעניש, מיך אויף 9 חדשים, און אַראָנסאָנען אויף 6 חדשים. פון די 6 חדשים, וואָס מיר זענען געזעסן אין

אויספאָרשונגס-אַרעסט, האָט מען יעדערן אַראָפּגערעכנט צו 3 חדשים. אויסערדעם האָט דאָס געריכט פאַרמשפּט אַלע דריי אַרויסצושיקן פון גאַנץ פּרייסן, נאָכדעם האָט מען מיך נאָך אַרויסגעשיקט פון דער שטאָט האַמבורג. אין יעדן פּראָצעס און בפרט אין פּאָליטישע פּראָצעסן זענען פאַראַן געוויסע פּונקטן, פאַר וועלכע דער ארעסטירטער האָט באַזונדערס מורא, וואָס זייער אַנטפּלעקונג טוט זייער וויי און וואָס דער אויספאָרשונגס-ריכטער זוכט מיט אַלע מיטלען צו דערגיין און אַרויסצוגעפינען. אין אונזער פּראָצעס איז דאָס געווען מיט די פּערזאָנען, וועלכע זענען געווען אויף דעם גרופּן-בילד, וואָס מ'האָט געפונען ביי ליבערמאַנען. אויף דעם בילד בין איך און מיין כלה סאָלע שור געזעסן אין מיטן און אַרום אונז זיינען געזעסן און געשטאַנען אַ מענטשן 20, אַלע אונזערע פריינט און באַקאַנטע אין בערלין און אַזעלכע, וואָס זענען געקומען פון אַנדערע שטעט קיין בערלין און האָבן מיט אונז איניינעם פאַרהאַנדלט איבער די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידן אין רוסלאַנד. דערביי איז געווען אהרן זונדעלעוויטש (וואָס איז דעמאָלט געווען שוין א וויכטיקער טוער אין פּעטערבורג אין „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ"), ליבערמאַן, מיין קוזין און שפּעטערער שוואָגער ג. ראָם און אנדערע. מיר האָבן געציטערט, אַז עמיצער פון די 10—12, וואָס זענען מיט אונז אַרעסטירט געוואָרן, זאָל נישט דערציילן דעם אויספאָרשונגס-ריכטער, ווער עס איז זונדעלעוויטש און וואו ער געפינט זיך איצטער. דאָס וואָלט געווען געפערלעך פאַר זונדעלעוויטשן און פאַר אונז אַלעמען. באַזונדערס האָב איך געדאַרפט מורא האָבן דערפאַר, ווייל איך האָב מיט זונדעלעוויטש געהאַט עסקים בשעת ער און פינקלשטיין (וואָס איז נישט לאַנג געשטאָרבן אין לאָנדאָן) זענען געווען אין קעניגסבערג. די מעשה איז געווען אַזוי: אין אָקטאָבער 1873, בעת איך בין אַוועקגעפאָרן פון קיעוו קיין ווין, האָב איך גענומען ביי מיין ברודער דוד זיין אויסלענדישן פּאַס, וועלכן ער האָט נישט געדאַרפט, ווייל ער האָט שוין נישט געוואָלט פאָרן קיין אויסלאַנד. בין איך געווען פאַרשריבן אין ווין אין דער פּאָליציי אונטערן נאָמען דוד גורעוויטש. אין יאָר 1875 בין איך אַריבער פון ווין קיין בערלין און האָב מיטגעבראַכט דעם פּאַס אויף דעם נאָמען דוד, אָבער אין בערלין האָט מען ביי מיר קיין פּאַס נישט געפרעגט און אין אוניווערזיטעט בין איך געווען פאַרשריבן אונטער מיין אייגענעם נאָמען. זומער, בעת איך בין ערגעץ אַוועקגעפאָרן פון בערלין און אין מיין וואוינונג איז געבליבן יואל עפראָן, האָט ער געפונען מיין פּאַס אויף דעם נאָמען פון דוד, און אַזוי ווי זונדעלעוויטש האָט געזוכט אַ פּאַס, כדי צו פאַרשרייבן זיך אין קעניגסבערג, וואו מ'האָט אָנגעהויבן צו פרעגן פּעסער ביי רוסישע יידן, האָט אים עפראָן אָפּגעגעבן מיין פּאַס אָן מיין וויסן. אַז איך בין געקומען קיין בערלין צוריק און האָב אָנגעהויבן צו קאָרעספּאָנדירן מיט זונדעלעוויטשן האָב איך דערזען, אַז ער גיט מיר אָן זיין אַדרעס אין קעניגסבערג — דוד גורעוויטש. איך האָב געמיינט, אַז ער האָט ערגעץ באַקומען אַזאַ דאָקומענט, ווייל גורעוויטשס איז פאַראַן אַ סך אין רוסלאַנד, אָבער אין אייניקע חדשים דערהער איך, אַז זונדעלעוויטש און פינקלשטיין האָבן געמוזט אַוועקפאָרן פון קעניגסבערג און טאַקע צוליב נישט קיין אָנגענעמע מעשה. פון זשענעוואַ איז אָנגעקומען אַ פּאָסילקע אויף דעם נאָמען פון דוד גורעוויטש און אין דער פּאָסילקע זענען געלעגן חתימות פון דעם פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק, פון גובערנאַטאָרן און פּאָליצמייסטערס. אָט די שיינע מתנה האָט זונדעלעוויטשן געמאַכט איוואַנטשין-פּיסאַרעוו, אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער, וואָס איז שפּעטער געווען דער סעקרעטאַר פון דעם זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ". עס פאַרשטייט זיך, אַז נישט זונדעלעוויטש, נישט פינקלשטיין, וואָס האָבן געוואוינט איניינעם, האָבן נישט געוואָלט וואַרטן ביז מ'וועט זיי אַרעסטירן פאַר די פאַלשע חתימות און זיי זענען זיך אַוועקגעפאָרן. אַזוי ווי דער פּאַס אויף דעם נאָמען פון דוד איז אַרויסגע-

געבן געוואָרן אין קיעוו און דער פּאָטערס נאָמען איז געווען, ווי בײַ מיר — יעווסעי — האָט די קעניגסבערגער פּאָליציי געזוכט אין בערלין און געפונען מיך. מ׳האָט מיך גערופן צום אויספאָרשונגס-ריכטער און מ׳האָט מיך אויסגעפרעגט אונטער אַ שבועה צי קען איך דוד גורעוויטש אין קעניגסבערג, איך האָב געענטפערט, אַז איך קען נישט, נאָר מײַן ברודער הייסט אויך דוד. מ׳האָט בײַ מיר גענומען מײַן ברודערס פּאָטאָגראַפיע און מ׳האָט געמאַכט אַ רעוויזיע אין קיעוו בײַ מײַן ברודער דוד, וואָס האָט פֿון קיין זאַך נישט געוואוסט און די זאַך איז אַזוי געבליבן. וואָלט עמיצער פֿון אונזערע באַקאַנטע אויסגעפּלוידערט, ווער איז זונדעלעוויטש אָדער אַז ער האָט אים געזען אין קעניגסבערג, וואָלט מיר געווען ביטער. דען אַ דײַטשער געריכט שווייגט נישט, אַז מען גיט אַ פאַלשע שבועה פאַרן געריכט, און איך האָב געשוואָרן, אַז איך ווייס גאָרנישט ווער איז דוד גורעוויטש אין קעניגסבערג, וואָלט מען מיך דערפאַר שווער באַשטראָפט. חוץ דעם האָט גלאַט נישט געלוינט צו געבן דער פּאָליציי די נעמען פון אַלע די יונגעלייט, וואָס זענען אויף דעם בילד, מ׳וואָלט זיי געשלעפּט אין פּאָליציי אין אַלע שטעט, וואו זיי זענען זיך צעפאָרן. באַזונדערס האָבן מיר געדאַרפט מורא האָבן פאַר די פּערזאָנען, וואָס זענען געווען אין רוסלאַנד, ווייל דעמאָלט האָט זיך דאָרטן פאַרשטאַרקט דער שוואַרצער טעראָר און מ׳האָט געהאָנגען יונגעלייט פאַר אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס מ׳האָט בײַ זיי געפונען, אויסערדעם האָט סאָלאָוויאָוו ערשט געשאָסן אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, די רוסישע פּאָליציי און זשאַנדאַרן זענען געווען צערודערט און מ׳האָט זיך געוואָרפן אויף איטלעכן, אויף וועמען מ׳האָט געקאָנט האָבן אַ חשד, אַז ער איז מגע צו דער מעשה. און ווי עס איז איצט שוין היסטאָריש באַקאַנט האָט זונדעלעוויטש געהאַט אַ שטאַרקע באַציונג צו סאָלאָוויאָוון און אַזוי ווי וואָלט געווען צו אונז אַלעמען, אַז מ׳וואָלט אויסגעפּלוידערט ווער און וואו זונדעלעוויטש איז.

נאָך אַ סך יאָרן האָב איך געדאַרפט זיך היטן, די בערלינער פּאָליציי זאָל נישט דערגיין, אַז איך האָב געגעבן אַ פאַלשע שבועה און אַז איך האָב גוט געוואוסט, ווער איז דער דוד גורעוויטש אין קעניגסבערג. — אַרום 1895 האָב איך אָנגעגעבן אַ בקשה צו דעם רייכסקאַנצלער קאַפּריווי, מ׳זאָל מיר אָפיציעל ערלויבן וואוינען אין בערלין. נישט אָפיציעל דורכפאָרן האָב איך געמעגט און איך בין פיל מאָל געווען וועגן געשעפט אין בערלין, געוואוינט אין אַ האָטעל און קיינער האָט מיך נישט באַאומרויקט. איך בין דעמאָלט געווען אין אַנטווערפּן און האָב שוין געהאַט ווייב און קינד און בין געווען באַקענט אין שטאָט מיט חשובע פּערזאָנען, דער שטאָט-פּרעזידענט איז געווען מײַנער אַ פרײַנט און די אָנגעזעענסטע לייט פון דער רוסיש-יידישער קאָ׳אָניע האָבן מיך געקענט, אָבער קאַפּריווי האָט מיר אָפּגעזאָגט, 16 יאָר נאָך דעם פּראָצעס...

אויב עמיצער אין בערלין וואָלט זיך נעמען איצטער אויפזוכן די אַקטן פון אונזער פּראָצעס און מען וואָלט אין ווין אַרויסגעזוכט די אַקטן פון ליבערמאַנס פּראָצעס, וואָלט מען געהאַט אינטערעסאַנטע היסטאָרישע דאָקומענטן איבער ליבערמאַן, זונדעלעוויטש און אַנדערע. איך אַליין האָב נישט די מיטלען און די כוחות דאָס אויסצופירן. אין ניו-יאָרק זענען דאָ פרײַנט פון ליבערמאַנען, אָבער זיי טוען גאָרנישט.

ג. גורעוויטש

נײלי בײַ פּאַריז, מערץ 1922.

רשימה פון די אַרטיקלען איבער דעם פּראָצעס:

1) די צייטונגען און זשורנאַלן, דייטשע און רוסישע, פון אַפּריל 1879. אין אַ דעמאָלסטיקער אויסגאַבע פון מאַיערס קאָנווערזאַציאָנס-לעקסיקאָן איז אונטער דעם וואָרט „ניהיליסטן״ דערמאָנט דער פּראָצעס.

2) „בילאָיע״ אין פּעטערבורג 1907, בוך IX (רוסיש).

3) פרומקין, יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ 1911 ז. 221 (רוסיש).

4) מ. אַראָנסאָן. ניו-יאָרקער פאָלקסצייטונג (אַרום 1900) (דייטש).

5) עד. בערנשטיין. געשיכטע דער בערלינער אַרבעטער - באַוועגונג (דייטש), בערלין 1907, זייט 17 און 34.

6) מ. ק. ניהיליסטים עבריים בשנת השבעים; „השלוח״ כּרך י״ז, 257.

7) ג. גורעוויטש. דער ערשטער פּראָצעס פון יידישע סאָציאַליסטן אין בערלין. „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ״ 1919, ז. 152 (רוסיש).

איבער דעם בערלינער פּראָצעס זענען געווען אַרטיקלען אין אַלע דייטשע און רוסישע צייטונגען, אין איינינקע („Новое Время“) זענען געווען גאַנצע פעליטאָנען. איך געדענק, אַז אין דעם פעליעטאָן פון נאָוואָיע ווערעמיאַ איז געווען געשריבן, אַז איך בין געווען דער באַנקיר פון אָט דער קרימינעלער געזעלשאַפט. אָבער אויך אין דעם בערלינער הומאָריסטישן בלאַט „גלאָדעראַדאַטש״ איז געווען אַ לידל איבער דעם פּראָצעס, איך געדענק עס נישט אינגאַנצן, אָבער דעם גרעסטן טייל ווייס איך, עס פאָלגט אַזוי:

ליבערמאַן און אַראָנסאָן
ביידע ניהיליסטן
אַן דען נאַמען זיהט מאַן שאָן
דאַס עס קיינע קריסטן
און דען גורעוויטש דאַצו
אַלס דריטער אים בונדע,

. . . .

אַוך איין נעטער קינדע!

צו דער ביאָגראַפיע פון ל. צוקערמאַן*)

(זכרונות)

אַקוראַט אַנטקעגן אונזער הויז (אַ מויער האָט מען עס גערופן ביי אונז) אין מאָהילעוו אויף דער פּאָטשטאָווער ג סל איז געווען אַ הויז (אויך אַ מויער) פון ר׳ שמחה לוריע, און אויף דעם אונטערשטן עטאַזש פון דעם שכנס הויז, מיט די פענסטער אַנטקעגן אונזערע פענסטער, האָט געוואוינט אַ פאַמיליע מיט אַ סך בחורים און מיידלעך. די מוטער פון די אַלע יונגעלייט איז געווען אַן עלטערע יידענע, אַ מיאוסע, מיט גראָבע געזיכט־שטריכן און מיט אַ מאָדנעם הויכן קול, וואָס פלעגט אָפט קלינגען, ווי דאָס געשריי פון אַ פאַווע. אַז די מוטער פלעגט זיך פאַנאַנדערשרייען אויף איר קול, פלעגן איר די טעכטער ענטפערן אויך מיט אַזעלכע קולות, און ווען דאָס איז געווען זומער, בעת די פענסטער פלעגן שטיין אָפן, פלעגט דאָס גאַנצע געסל קלינגען פון די געשרייען אָט פון דער דאָזיקער משפחה. אויסער די ווייבער פלעגט מען אָפט זען אריין און אַרויסגיין יונגע בחורים, אָבער זיי זענען געווען שטיל און געלאַסן, זיי האָבן זיך געפירט מיט סטאַטעק, ווי מען פלעגט ביי אונז זאָגן. דעם פאָטער פון דער משפחה האָט מען זעלטן געזען דורכגיין. דאָס איז געווען די פאַמיליע פון לייזער צוקערמאַן. די מוטער איז געווען אַ טאָכטער פון ר׳ שמריה לוריע, וואָס מ׳האָט דעמאָלט געהאלטן פאַר אַ נגיד און אַ יחסן, און ער איז טאַקע געווען אַ נגיד. אָבער ווי דעמאָלט פלעגט אָפט פאָרקומען אין יחוסדיקע פאַמיליעס, איז אָט די די טאָכטער פון אָט דעם שיינעם אלטן ייד געווען האַלב־ווילד און אומוויסנד. דערפאַר איז אָבער דער פאָטער געווען מער אינטערעסאַנט. מ׳האָט אים גערופן יוסף (יאָשע) צוקערמאַן און ער איז געווען אַ ברודער פון ר׳ שמריה צוקערמאַן, אויך אַ נגיד און אַ יחסן, און טאַקע אַ גרעסערער נגיד ווי ר׳ שמריה לוריע. שמערל לוריעס הייזער האָבן זיך געצויגן אויף וועטערניער גאַס פון פּאָטשטאָווער געסל אָן ביז דעם הויז און גאָרטן, וואו ער האָט אליין געוואוינט. אין איינעם פון די הייזער איז געווען אַ בית־מדרש, וואָס האָט זיך גערופן ר׳ ש. לוריעס שול. ר׳ ש. צוקערמאַן האָט געהאַט אַ גאַנצע ריי הייזער, אָנגעהויבן פון קאסטערניא, וואו ער האָט אליין געוואוינט אין פּאַלאַץ, און ווייטער גייענדיק אויף וועטערניער גאַס, אַ ריי קראָמען, וואָס זענען געווען איינגעבויט אין אַ וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט ר׳ ש. צוקערמאַנס שול, אַ

---

*) עס איז נישט מיין אויפגאבע צו דערציילן דא פרטים פון צוקערמאנס רעוואלוציאָנער טעטיקייט. לעוו דייטש (אין „צוקונפט” ניו־יארק), ג. מייזיל („רויטער פנקס”) און אנדערע האבן דעריבער שוין אלץ דערציילט; איך וויל נאר דערציילן איבער צוקערמאנס פאמיליע און אייניקעס, וואס איך האב אליין געזען און געקענט. — ג. ג.



לייזער צוקערמאן

שיינע גרויסע שיל, אין וועלכער ס׳האָבן געקאָנט דאַוונען א פּאָר טויזנט מענטשן אָן גרויס
ענגשאַפט. איז דאָס געווען אַ יחוס־שידוך, ר׳ ש. לוריע האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער
פאַר ר׳ ש. צוקערמאַנס ברודער. אָט די ביידע גבירים, ר׳ שמריה לוריע און ר׳ שמריה
צוקערמאַן, זענען אין יענער צייט געווען פון די שענסטע יידן פון דעם אלטן דור אין מאָ־
הילעוו, מיט זיי האָט געקלונגען די וועלט, ווי מ׳האָט דעמאָלט געזאָגט. אין אַ דייטשן בוך
פון ק. א. פ ר ע נ ק ע ל אונטער דעם טיטעל: „נ א ך י ע ר ו ז אַ ל ע ם“ (ארויסגעגע־
נעבן פון לודוויג פיליפזאָן) איז באַשריבן, ווי דער מחבר, ד״ר פרענקעל, האָט ערגעץ אויף
דעם וועג קיין פאַלעסטינע באַגעגנט די ביידע הייליקע רוסישע יידן, ר׳ ש. לוריע און ר׳
ש. צוקערמאַן, און לויבט שטאַרק זייער פיינקייט און חכמה. דאָס זענען זיי געפאָרן קיין
ארץ ישראל כדי צו דאַנקען דעם רבונו של עולם פאַר דעם, וואָס ער האָט זיי געגעבן צו
פאַרדינען פיל געלט אין דער קרימער מלחמה, אין וועלכער די ביידע שמערלס האָבן גע־
האַט אַ באַזאַוסטע קאָמפּאַניע מיט נאָך עטלעכע קלוגע און טיכטיקע יידישע סוחרים, ווי ר׳
דוד עדעלמאַן, גראַנאַט, גאַלאַנטע און אַנדערע. קורץ, דאָס זענען געווען יידן באַקאַנט אין
דער גאַנצער ליטע און רייסן און אויך אין די אָרטאָדאָקסישע יידישע ספערן פון דייטשלאַנד
און האָלאַנד.

כדי צו באַשרייבן די פיגור פון לייזערס טאַטן, ר׳ יוסף צוקערמאַן, וויל איך נאָר אָנ־
ווייזן, אַז ער איז געווען ענלעך אויף אַ באַרימטן פּאָרטרעט, וואָס געפינט זיך אין קעניגלעכן
מוזיי אין בריסעל, און איז געמאָלט פון דעם גאָונישן פ ר אַ נ ץ ה א ל ז, און שטעלט פאָר
דעם באַקאַנטן שפּאַנישן גענעראַל-הערצאָג אלבאַ, וואָס האָט געפירט מלחמות מיט די נידער־
לענדער און האָט פאַרגאָסן טייכן בלוט פון די פּראָטעסטאַנטן און יידן, און האָט געאַרבעט
צוזאַמען מיט דער אינקוויזיציע. ביי לייזערס פאָטער אין פּנים איז געווען דער אייגענער
האַרטער אויסדרוק פון די אויגן, דער אייגענער שרעקלעכער ערנסט אין די ליפּן, שטערן,
אין דעם גאַנצן קאָפּ, אין דעם אויסגעמאָגערטן טרוקענעם און עקיקן קערפּער. דער חילוק
איז געווען, וואָס הערצאָג אַלבאַ איז געווען אַ פאַנאַטישער קאַטאָליק און האָט געבויט שיי־
טערהויפנס פאַר אַפּיקורסים, און ר׳ יאָשע צוקערמאַן האָט קיין בלוט נישט פאַרגאָסן און קיי־
נעם נישט פאַרברענט, אָבער אַלע אַפּיקורסים און גוים האָט ער פיינט געהאַט ווי שפּינען.
און אויב ער וואָלט געהאַט גבורה, וואָלט ער זיך אַוודאי נישט אָפּגעשטעלט פאַר די האַרט־
סטע שטראָפן קעגן די עוכרי־ישראל און שונאי ד׳, דערווייל האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען
מיט דעם, וואָס ער פלעגט זיינע זין געבן פעטש, ווען זיי פלעגן אריינקוקן ערגעץ אין אַ
טריף־פסול און פלעגט קוקן מיט שרעקלעכע אויגן אויף עמיצן, וואָס איז אים נישט גע־
פעלן. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש זענען געווען די קנייטשן פון זיין שטערן און דער סאַר־
קאַסטישער שמייכל, ווען ער האָט גערעדט מיט אַ קינד אָדער מיט א יונגן מענטשן. שטענ־
דיק, ווען איך האָב אים געזען, איז ער געווען זייער פאַרטראַכט, און מיט א פאַראומערטן
אויסדרוק, קיינמאָל נישט פריילעך אָדער צופרידן, נאָר איינמאָל אין יאָר פלעגט זיך דאָס
בייטן. דאָס איז געווען שמחת־תורה. ער פלעגט זיין שכור (מסתמא פון אַ קליינעם קעלי־
שעקל!) און גיין צו זיינע באַקאַנטע און פריינט אויף כיבוד. איך געדענק, ווי ער פלעגט
אַריין אין שטוב צו אונז מיט אַ פריילעך פּנים און מיט אַ גרויסן געשריי: „גוט יום־טוב,
ר׳ יהושע מעניע“ (מיין פאָטער) „נאָמיר מאַכן לחיים און זינגען אַ פריילעך לידל! שׂשׂו
ושמחו בשמחת תורה, כי הוא לנו עוז ואורה!...“ ער פלעגט זיך לאָזן טאַנצן מיט אַן אויפ־
געהויבענעם קאָפּ און מיט אַן אויסגעלאַסענעם אויסדרוק אין די אויגן... איך פלעג קוקן מיט
פאַרוואונדערונג אויף דעם דאָזיקן האַרטן און ערנסטן יידן, וואָס דעם גאַנצן יאָר פלעגט ער
אַפילו נישט שמייכלען, און היינט זעט ער אויס, ווי אַן אויסגעלאַסענער יונגערמאַן. אַזוי

ווייט איז געווען זיין פרומקייט, אז צוליב שמחת-תורה האָט ער איבערגעבראָכן זיין אייגע-נעם כאַראַקטער.

מיט וואָס האָט זיך באַשעפטיקט לייזערס טאַטע ווייס איך נישט. מיר דאַכט, מיט גאָר-נישט, און זיין רייכער ברודער און דער רייכער שווער פלעגן געבן אויף דער הוצאה; אליין פלעגט ער זיצן ביי דער גמרא. אין שול איז ער געשטאַנען אין מזרח-וואַנט לעבן ר׳ שמריהן אַליין. מיט א פאַרשטיינערטן פנים, קוים זיך שאָקלענדיק, פלעגט ער ארויסזאָגן די ווערטער פון די תפילות פאַמעלעך, דייטלעך און מיטן גאַנצן האַרצן, דערביי פאַרמאַכנדיק די אויגן, פאַרטיפט. מיט לייזערס ברידער און שוועסטער האָב איך וויניק פארבינדונג געהאַט. איין ברודער, זלמן, וואָס איז געווען עפּעס עלטער פון לייזערן, איז געווען א פארשלאָפענער מענטש, וואָס פלעגט גיין אין גאַס און זיך נישט אַרומקוקן, ווי א בטלן, און מיט אים איז געווען שווער זיך צונויפצורעדן. פון די שוועסטער געדענק איך נאָר גרוניע, וואָס איז געווען מער-וויניקער אינטעליגענט און וואָס האָט זיך שפּעטער, בעת לייזער איז געזעסן אין פעטראָפּאַוולאָווסק, און מ׳האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר אויף קאַטאָרגע, זיך אינטערעסירט מיט אים, און פלעגט אים אַמאָל שרייבן בריוו און צושיקן אַ פּאָר רובל.

איך געדענק שוין נישט די ערשטע יאָרן פון אונזער באַקאַנטשאַפט. לייזער איז געווען עלטער פון מיר און ער האָט געהאַט צו טאָן מיט מיינע עלטערע ברידער, צי ער איז אויך געווען אַ חבר אין חברה ש״ס, וואָס איך האָב אָרגאַניזירט אין לוריעס בית-מדרש, וואו אונזערע ביידנס טאַטעס האָבן געדאַוונט, ווייס איך נישט. די גאַנצע חברה האָט נישט לאַנג געלעבט, עפּעס א פּאָר חדשים.

ביי מיר איז פאַראַן אַ גרופּנבילד פון 6 פּערזאָן, אין מיטן זיצט אַ ייד מיט אַ באָרד, מיט לאַנגע האָר, מיט אַ כאַכאָל אויפן שטערן, דאָס איז דער רבי ר׳ יעקב טוב אָדער ווי-שעוויאַנסקי, דער ראַסיינער, ווי מ׳האָט אים גערופן, ווייל ער איז געווען פון ראַסיין, קאָוו-נער גובערניע; רעכטס זיצט מיין ברודער אַלעקסאַנדער, לינקס זיץ איך, אַ 13-יאָריקער ייִנגל, הינטער דעם רבין שטייט מיין ברודער דוד, לינקס איז מרדכי כאַמיצער און רעכטס יעקב האַרקאַווי פון נאָוואָרודאָק. דאָס איז די רעדאַקציע פון אַ געשריבענעם זשורנאַל אין העברעיש און יידיש אונטער דעם נאָמען „הפרחים״. אין דעם זשורנאַל האָט לייזער צוקער-מאַן אויך געשריבן שירים אויף יידיש און לשון קודש. די 6 פּערזאָן זענען געווען משכילים. דער רבי ר׳ יעקב האָט איבערגעזעצט בייראָן אויף לשון קודש, מרדכי כאַמיצער איז געווען אַ שפּראַכנקענער, אַ פילאָלאָג, אַז צו אַ יאָר 18, ווי ער איז אויף דעם גרופּנבילד, האָט ער געקענט גוט רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש, אַראַביש און לשון קודש, און נישט שלעכט פּויליש, וואָס מען האָט אַ סך געהערט אין מאָהילעוו. יעקב האַרקאַווי האָט אויך געקענט שפּראַכן. כאַמיצער איז אינגיכן נאָכדעם אַוועקגעפאָרן קיין בערלין שטודירן פילאָלאָגיע און האָט באַלד זיך אויסגעלערנט די קלאַסישע שפּראַכן—לאַטיין און גריכיש און אין אַ קורצער צייט אַרום — אַלע שפּראַכן פון דער גאַנצער וועלט און ער איז געוואָרן אַן אמתר פּאָלי-גלאָט. ער פלעגט זיין אין לייפּציג דער קאָרעקטאָר פון אַלע שפּראַכן, וואָס פלעגן אָנגיין אין יענעם צענטער פון דרוקערייען פון דער גאַנצער וועלט. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער דרוקעריי אין לייפּציג. אויב ער לעבט נאָך עד היום, ווייס איך נישט. — אויף דעם גרופּנבילד זיצן אַלע אָן היטלען. דאָס איז א סימן פון א שטאַרקער קולטור-אַנטוויקלונג אין יענע יאָרן.

מיט זיין אַנטלויפן פון דער היים קיין זשיטאָמיר הייבט זיך אָן לייזערס לעבנסדראַמע. ער האָט געוואָלט שטודירן, אָבער מ׳האָט אים געכאַפּט און צוריקגעבראַכט. מ׳קאָן זיך פאָר-שטעלן, וואָס ער האָט געהאַט פון טאַטן, איך מיין נישט, אַז ער האָט אים געשלאָגן. מער

וי אַ פּאַטש האָט דער פאָטער נישט געקאָנט געבן, אָבער די ליידנשאַפטלעכע פּיינטשאַפט, וואָס דער פאָטער האָט אַרויסגעוויזן, האָט אויף לייזערן געמוזט שטאַרק ווירקן, דען הגם לייזער האָט געהאַט אנדערע מיינונגען ווי זיין פאָטער, אָבער אַכטונג און ליבע צו דעם קלוגן און טיף-רעליגיעזן עכט-יידישן פאָטער האָט ער געמוזט האָבן.

שפּעטער האָט לייזער חתונה געהאַט. איך בין געווען דעמאָלט אין אויסלאַנד און האָב נישט געזען זיין ווייב און געדענק נאָר, אַז איך האָב אים געזען, ווען ער איז געקומען קיין מאָהילעוו פון פּעטערבורג, וואו ער האָט געוואוינט מיט זיין פרוי, און מיר דאַכט, אַז ער האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו לערנען שריפטזעצעריי אין פּעטערבורג. ווייטער האָב איך אים געזען אין אין ארום 1874, וואו ער איז געווען זעצער און האָט געאַרבעט ביי סמאָלענסקין אין דרוק פון „השחר". אַלס זעצער איז ער א סך ארומגעפאָרן איבער דייטשלאַנד. די זעצער זענען שוין אין יענער צייט געווען אין דייטשלאַנד אויסגעצייכנט אָרגאַניזירט און יעדער מיטגליד פון דעם פאַרבאַנד האָט לייכט געקאָנט קריגן אַרבעט, וואו ער וויל און איפיל ער וויל.

די יאָרן זענען געגאַנגען. און אַרום 1877—1876 טרעף איך לייזערן אין בערלין אין דער קאָמונע אויפן ציאָנס-קירכפּלאַץ, וואו עס האָבן געוואוינט אַלע אונזערע חברים און אַלע, וואָס פלעגן דורכפאָרן דורך בערלין. 4 דאַמען פון אונזער קרייז זענען געווען מער אָדער ווייניקער צייט אין דער קאָמונע אויף ציאָנס-קירכפּלאַץ: 2 פריילינס קאַמינער (נאַדיאַ און אויגוסטינאַ), אַמאַליאַ ראטנער און סאַשאַ (חסיה) שור, אָט די דאַמען האָבן פאַר זיך געפונען פאַ־לעך אין בערלין, און נאַדיאַ קאַמינער איז שפּעטער געוואָרן די פרוי פון פּאַוועל אַקסעלראָד, אַמאַליא ראַטנער — די פרוי פון שמעון לוריע, סאַשאַ שור איז געוואָרן מיין כלה, אויגוסטינא קאַמינער איז געבליבן פריי, און אונז האָט געדאַכט, אז 2 לייזערס האָבן געהאַט פּרעטענזיעס אויף אָט די אויגוסטיגא, וועלכע איז געווען אַ גאַנץ קלוגע און אַ שיינע יונגע מיידל, לייזער לעווענטאַל און לייזער צוקערמאַן. לייזער לעווענטאַל האָט נעבעך באַלד געמאַכט אַ סוף צו זיין יונגן לעבן דורך זעלבסטמאָרד. דאָס איז געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אונזער דור. אָט דער לייזער איז געווען זייער א פּעיקער מענטש ביז גאונות. לייזער צוקערמאָן האָט נעבעך געליטן און געטראָגן זיין גורל מיט שמערצן. — מ׳האָט שוין געשריבן, אז לייזער פלעגט אויף פריילעכע אָוונטן (ליאַמעס), ווערנדיק אַביסל שכור, זיך קלאָגן, אַז ער האָט „סעיאַל זלאָ בעז נאַסלאַזשדעניאַ" (געזייט שלעכטס אָן פאַרגעניגן). ער האָט געמיינט: צעשלאָגן די אַלטע עולם הבא, אָן ליבע, אָן עולם הזה.

אַרום יענער צייט האָט לייזער מיר און אַנדערע חברים דערציילט, אַז ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט ליליענבלומען אין אָדעס.

אָנהויב 1878 בעת זונדעלעוויטש, וואָס פלעגט אָפטערס קומען קיין בערלין, איז געקומען צו אונז, האָט ער אויפגעזוכט לייזערן און איז מיט אים ערגעץ אַוועקגעפאָרן; דאָס איז געווען קאָנספּיראַטיוו. שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז זונדעלעוויטש האָט געקויפט אַ דרוקעריי און, — ווי עס שיינט, האָט אים לייזער געהאָלפן דערין. מ׳האָט זי אַוועקגעפירט קיין פּעטערבורג און מ׳האָט געמאַכט די ערשטע געהיימע דרוקעריי פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וואו לייזער איז געווען איינער פון די זעצער און וואו ער האָט פאַרבראַכט פיל מאָנאַטן אין דער גרעסטער קאָנספּיראַציע. קיינער האָט אים נישט געטאָרט זען און הערן. דאָ הויבט זיך אָן דער טראַגישער שיקזאַל פון דעם העלדישן לייזערן. אָלגאַ לובאַטאָוויטש (דלאַבאַדאַרי?) האָט באַשריבן, ווי לייזער איז געווען דער פריילעכסטער און וויציקסטער פון די קאָנספּיראַטיווע מיטגלידער פון דער געהיימער דרוקעריי. — בעת מ׳האָט די דרוקעריי אַרעסטירט האָט מען פון די רעוואָלוציאָנערן געשאָסן אויף די פּאָליציאַנטן, אייניקע

פון זיי געהרגעט און פאַרוואונדעט, דערביי האָט מען דערשאָסן אָדער עס האָט זיך אַליין דערשאָסן איינער פון די רעוואָלוציאָנערן. אויף דעם פראָצעס 1882 (?) האָט דער פאָרזיצער געפרעגט לייזערן, צי האָט ער געשאָסן בשעת דעם אַרעסט, און לייזער האָט נאַיוו געענטפערט: „איך האָב אין מיין לעבן קיינמאָל קיין פיסטאָלעט אין האַנט נישט געהאַלטן און ווייס נישט ווי מען שיסט", און דאָס איז געווען אמת.

בעתן פראָצעס האָט זיך לייזער געהאַלטן, ווי אַן אמתער רעוואָלוציאָנער. ער האָט ווייניק גערעדט און אַזוי ווי ער איז נישט געווען קיין רעדנער האָט ער צו זיין פאַרטיידיקונג גאָרנישט נישט געזאָגט.

נאָכדעם הויבן זיך אָן די יאָרן פון קאַטאָרגע, פינסטערע ביטערע יאָרן...

ווער עס האָט זיך אינטערעסירט מיט דער ביאָגראַפיע פון די יידישע רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד, ווייס, אַז זיי שטאַמען פון פאַרשיידענע קלאַסן פון דער יידישער געזעלשאַפט. פאַראַן אייניקע פון פראָלעטאַרישער אָפשטאַמונג, ווי אַקסעלראָד, אַייניקע פון מיטעלן שטאַנד, ווי ליבערמאַן, זונדעלעוויטש, גערשוני, אַנ—סקי-ראַפּאָפּאָרט, פון יחסנים און נגידים — גאָץ, פונדאַמינסקי, מענדעלסאָן, ראָם; פון יחסנים נישט קיין נגידים — יואל עפראָן און נאָך אַנדער. לייזער צוקערמאַן האָט געהערט צו דער לעצטער קאַטעגאָריע.

אין 1883 בין איך געקומען פון פאַריז קיין מאָסקווע און האָב דאָרטן געטראָפן לייזער לוריע, אַ לייבלעכן שוועסטערקינד און יוגנטפריינט פון לייזער צוקערמאַן. לייזער לוריע האָט מיר דערציילט פון צוקערמאַנען, האָט מיר באַוויזן אַ העפטל מיט שירים אויף יידיש און געגעבן צוויי קאָפּיעס פון לייזערס פאָרטרעטן. אויף איין פאָרטרעט איז ער, אַלס יונגערמאַן פון מיטלשטאַנד, זיין פנים איז רויק, די אויגן קוקן קלוג פון דעם בילד אַרויס. עס איז אַן אינטעליגענטער יידישער יונגערמאַן. אויפן צווייטן בילד איז לייזער שוין עלטער און אויסגעמאַטערט, די אויגן זענען מיד און קוקן מאָדנע טיף און ערנסט, די באַקנביינער שטעקן אַרויס, די באָרד איז אויסגעוואַקסן, און דער גאַנצער קאָפּ איז פון אַ מאַרטירער, וואָס האָט געליטן שרעקלעכע יסורים. דאָס בילד איז פון קאַטאָרגע.

אַין דעם העפטל האָבן זיך געפונען מערערע לידער, אָבער איך געדענק שוין נישט וועלכע. צו יענער צייט אַרום אָנהויב 1884 בין איך געווען ביי לעוו טאָלסטאָי אין מאָסקווע, און האָב אים געבראַכט מיין אַרטיקל פון „וואָסכאָד"—„זאַפּיסקי אָטשצעפענצאַ" (אין קאָרעקטור-בויגן) און האָב מיט אים געהאַט אַ שמועס וועגן אַ סך ליטעראַרישע און פּאָליטישע פראַגן, דערביי האָב איך אים דערציילט וועגן ליבערמאַנען, לייזער לעווענטאַל און לייזער צוקערמאַן. ער האָט זיך מיט זיי פאַרינטערעסירט. דעם צווייטן מאָל האָב איך אים געבראַכט דאָס העפטל פון לייזער צוקערמאַן און האָב אים פאָרגעלייענט אייניקע לידער. ווערטער, וועלכע איך האָב געמיינט, אַז ער וועט נישט גלייך פאַרשטיין, האָב איך אים איבערזעצט פון יידיש אין דייטש, דורך דעם איז די פערזנמאָס אין אייניקע פערזן צעשטערט געוואָרן. טאָלסטאָי האָט מיט כעס אַ געשריי געטאָן: „עס זענען נישט קיין פערזן, דאָ איז נישטאָ קיין פערזנמאָס!" — איך מוז באַמערקן, אַז טאָלסטאָי איז יענעם אָוונט גלאַט אין כעס געווען, פאַרוואָס איך האָב אין מיינע „זאַפּיסקי אָטשצעפענצאַ" מיך אריינגעלאָזט אין פּאָליטיק און נאָך אין רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק...

אַז איך האָב געענדיקט דעם ערשטן טייל „זאַפּיסקי אָטשצעפענצאַ" האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן דעם צווייטן טייל, וואו איך האָב געוואָלט פעסטשטעלן דעם יידישן רעוואָלוציאָנער אין רוסלאַנד אין פאַרבינדונג מיט דער ערשיינונג פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע, דעם יידישן שמענדעפערניק (אַ מין באַן-בויער, פּאָדריאַטשיק) און אַלס שמענדעפערניק האָב איך געוואָלט באַשרייבן שמואל פּאָליאַקאָוו און מיט אים מיין פאַטער

און מיינע ברידער (אויך שמענדערפערניקעס) און מיין פעטער באָריס גאָלדאָווסקי. אַלס רעוואָלוציאָנער האָב איך געמיינט באַשרייבן לייזער צוקערמאַנען, אַקסעלראָדן און זונדעלעוויטשן. אויף לייזערן האָב איך געוואָלט קאָנצענטרירן מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, נישט ווייל ער זאָל זיין סימפּאַטישער אָדער אינטערעסאַנטער ווי אַקסעלראָד און זונדעלעוויטש, נאָר ווייל זיין פאַמיליע, דערציוּנג, לעבנספירונג איז מיר געווען נענטער באַקאַנט, ווי דאָס לעבן פון די פאַמיליעס פון די 2 אַנדערע פריינט.

איך געדענק, אין מיין פּלאַן איז געווען פאָרצושטעלן אַ כשרע יידישע משפחה, העכסט פרום און ווייט פון מאָדערנער קולטור. נישט חסידים, טאַקע מתנגדים, אָבער יראי שמים, און אין אַזאַ פאַמיליע וואַקסט אויס אַ יונגערמאַן, וואָס קעמפט מיט דער אַלטער יידישער אָנשוּונג, ווערט אַ כופר בעיקר און אַ סאָציאַל-רעוואָלוציאָנער און מיט דעם זעלביקן פייער, מיט דעם זעלביקן מסירת־נפש, אויף וועלכן ער איז געווען דערצויגן אין דער אמונה, גיט ער זיך אָפּ צו דער רעוואָלוציע.

איך בין דעמאָלט געווען אין אָרענבורג ביי מיינעם אַ פעטער, דעם דאָקטאָר קעניגסבערג, און האָב באַאַרבעט אַ היפּש ביסל מאַטעריאַל. אָבער דאָ האָט זיך געטראָפן די געווינלעכע סיבה: מ׳האָט מיך געזוכט צו אַרעסטירן און איך בין אוועקגעפאָרן, און אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ הויז־זוכונג, האָט מיין פעטער אַלע מיינע פּאַפּירן פאַרברענט. אַזוי איז דער גאַנצער פּלאַן דורכגעפאַלן. איך בין געזעסן אין מאָסקווע 16 חדשים און נאָכדעם בין איך אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און האָב שוין נישט געטראַכט וועגן „זאַפּיסקי אָטשצעפּענצאַ“.

אַז לייזער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג פלעגט ער זינגען לידעלעך, וואָס ער האָט געהערט פון אַנדערע, און איך האָב פון אים געלערנט די צוויי פאָלגנדיקע לידעלעך. דאָס צווייטע געדענק איך נישט אינגאַנצן. איך געדענק נאָר, אַז ער האָט געזאָגט, דאָס לעצטע לידל שטאַמט פון אָדעס.

1. אַז מיר וועלן זוכה זיין צו זען דאָס שיינע הויז
וואָס וועט זיין געבויט ווי אַ קלויז,
פאַר דעם רבין דעם פרומען
אַז משיח וועט קומען.
זי וועט זיין געבויט נישט פון קיין שטיינער און נישט פון קיין ציגל,
פון יידישע מאַכלים פון קאַשע און קוגל,
מיט געפילטע פיש וועלן זיין די פאָלן ברוקירט
און ווייַן פון אַלע עקן
מיט פישוויך וועלן זיין די ווענט אויסגעשמירט,
און די חסידים וועלן לעקן.
און די אַפּיקורסים וועלן שטיין פון ווייטן.
און עס וועט זיי שטעכן אין די זייטן,
אָ—אָ—אָ—אָי, ווי דערלעבט מען שוין דאָס

2. וואָס איז דאָס פאַר אַ גערודער,
ווייַנענדיקע לידער
אין די הינטערגאַסן,
ווייבער, מיידלעך,
דרייען קוויטלעך

טייכן טרערן ווערן פאַרגאָסן

— — — — — — —

— — — — — — —

וואָס דאָס באַטייט,
פרעג נאָר לייט,
זיי וועלן דיר אַלץ דערציילן,
די גאנצע וועלט
ווערט פאַר גאָט געשטעלט
קיינער דאַרף נישט פעלן.
אז דאָס איז דאָך אַזאַ טאָג,
וואָס גאָט נעמט שאָל און וואָג
וועמען צו לעבן, וועמען צו שטאַרבן.

— — — — — — —

— — — — — — —

לייזער צוקערמאַן האָט געשריבן שירים און אַרטיקלען אין העברעיש פאר דעם „האמת", אָבער אַזוי ווי ליבערמאַנס זשורנאַל האָט נישט לאַנג געדויערט און זיין גאַנצער רעדאַקציע-פּאָרטפעל איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פּאָליציי, ווייס מען נישט וואָס דאָרטן איז געבליבן.

ג. גורעוויטש

ריז, פעברואַר 1922.

לאַבוזעס, גנבים און קאָמבינאַטאָרן

זייערע באַגעגענישן און צוזאַמענשטויסן מיט דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג

אַ קאַפּיטל זכרונות

I

מיט אַ יאָר 30 — 40 צוריק, ווען מען פלעגט אין ווילנע זאָגן דאָס וואָרט „חברה", האָט עס געהאַט צוויי־ערליי טייטשן. עס האָט געקאָנט הייסן חברה תורה, חברה פועלים, חברה קדישא; און עס האָט אויך געקאָנט הייסן: חברה־פּאַטש. סתם אַ חברה־מאַן האָט געהייסן אַ וואוילער יינג, פון די טרינקער און שלעגער. איז אַ פרומער ייד געוואָרן אַ מיטגליד פון דבורה־אסתּרס „גמילות־חסד" צי פון ר׳ צבי־הירשס „חיי אדם" — האָט מען אויף אים געזאָגט: ער האָט זיך פאַרשריבן אין חברה. אויף אַ וואוילן יינג, וואָס איז געוואָרן א חבר פון יחיאלקען אָדער יחיאל-אייזקען, האָט מען געזאָגט: ער האָט זיך איינגעקויפט אין חברה. אפשר דערפאַר, וואָס ביי יחיאלקען אָדער יחיאל-אייזקען האָט מען נישט געשריבן און נישט געמעקט, נאָר ביים אַריינגיין פלעגט מען דאַרפן שטעלן בראָנפן פאַר חברה.

די חברה פּאַטש איז באַשטאַנען פון פּורמאַנעס, קצבים. שמידן, קוימנקערער — שטאַרקע, ריזיקאַנטן, וואָס קאָנען גוט אַריינגיסן, געבן אַ פּלעם, אַז אויף דעם אָרט זאָל קיין גראָז נישט וואַקסן, און רעכענען זיך ווייניק מיט די אָנגענומענע מנהגים פון דרך-ארץ און סטאַטעק. קיין פּראָפעסיאָנעלע גנבים אָדער פרויען־הענדלער זענען זיי נישט געווען. זיי פלעגן אַפילו קוקן אויף יענע, ווי אויף געפאַלענע, נידעריקע נפשות, ווען אַ וואוילער יינג איז אַרעסטירט געוואָרן דאָס רוב איז געווען אין פּאָליציי פאַר אַ סקאַנדאַל, נישט אין טורמע פאַר אַ גנבה. אָבער אינגאַנצן ריינע הענט האָט אין חברה זעלטן ווער געהאַט. וואו עס האָט זיך געלאָזן פאַרבייגייענדיק עפּעס „צוציען", נעמען אַ „מאָטע" (אַ חלק אינם געגנבעטן) אָדער „פאַרדינען" אַ קערבל ביי טריפה סחורה, האָט מען דערמיט נישט געבראַקירט. בכלל זענען דאָס געווען נישט קיין פאַרברעכער, נאָר פּרימיטיווע מענטשן מיט הייס בלוט, ביי וועמען די ענערגיע ברויזט און רייסט זיך פון די פּענטעס.

די חברה־לייט זענען דאָס רוב געווען יונגע לייט פון אַ יאָר 30—20. אַ פערציקער האָט מען צווישן זיי געקאָנט טרעפן נאָר זעלטן. ווען אַ חברה־מאַן איז געוואָרן עלטער, האָט ער זיך געסטאַרעט צו „ווערן אַ מענטש". חברה־לייט פלעגן זיך שלאָגן מיט די הוילע הענט, מיט שטעקנס, מיט וואָס מ׳האָט געכאַפּט. אייניקע האָבן געהאַט אייזערנע הענטשקעס. ביז מעסערס פלעגט דערגיין זייער זעלטן, און מער ווי אַלץ ביי קצבים, א קיילער — פלעגט מען זאָגן — איז א מערדער, צו אַ „שפּייער" (רעוואָלווער) האָבן נאָך דעמאָלט די יידישע לאַבוזעס געפילט אַן אינערלעכן שרעק.

די חברה איז נישט געווען קיין פעסטע אָרגאַניזאַציע. דאָס איז גיכער געווען אַ לויזער פאַרבאַנד. נעמען זיך צונויף אַ 5—6 מענטשן אַרום יחיאלקען, אַ מענטשן 10 אַרום ראובקע די בלוז; נאָך עטלעכע אַרום משהקע גראַבאַטש, האָבן מיר דריי חברות. יעדע חברה גייט צוזאַמען, טרינקט צוזאַמען, צוזאמען גיט מען אַ קלאַפּ און צוזאַמען כאַפּט מען א קלאַפּ. יעדע חברה האָט זיך איר עלטסטן. קיינער קלויבט אים נישט אויס. ער ווערט פון זיך אַליין דער פירער, ווייל ער איז דער שטאַרקסטער אָדער דער גרעסטער ריזיקאַנט.

חברות שלאָגן זיך מיט אַנאַנדער, מאַכן שלום, גיסן זיך צונויף און שפּאַלטן זיך; איינצלנע וואוילע ייִנגען גייען אָפּט אַרויס פון איין חברה און קויפן זיך איין אין אַן אַנדער חברה. חברה איז אין יענער צייט געווען פּאָפּולער, אַפילו אַרומגערינגלט מיט אַן אייגנאַרטיקן שטראַלן־גלאַנץ; זי האָט געווירקט אויף דער פאַנטאַזיע, אויף דער פוסטער גאווה. לויט דעם מוסטער פון דערוואַקסענע, האָבן זיך געבילדעט חברות פון 15—16־יעריקע בחורימלעך. אַפילו 10—12־יאָריקע חדר־ייִנגלעך פלעגן זיך שפּילן אין חברות און זיי פלעגן דעם שפּיל אָננעמען גאַנץ ערנסט. ביי די חדרים־ייִנגלעך זענען די מער־באַוואוסטערע דערוואַקסענע חברה־לייט געווען איינגעהילט אין לעגענדן. אויף יעדן פון זיי האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט ארום זיך עטלעכע רייפן (קייַלעכדיקע ביינער, וואָס גאַרטלען אַרום דעם גאַנצן גוף און גיבן אים צו אַ באַזונדערן כּוח) און מען האָט געהאַט צו דערציילן א סך מעשיות פון זייער גבורה.

חברה פּאַטש איז געווען איינגעגלידערט אין לעבנס־שטייגער. זי האָט, אַזוי צו זאָגן, אויסגעפילט געוויסע פונקציעס, וואָס קיין אַנדערער האָט אויף זיך נישט געקאָנט נעמען. דאַרף אַ סוחר ברענגען סחורה פון אייזנבאַן אין שטאָט אַריין און האָט מורא, אַז גנבים אָדער די פורמאַנעס אַליין זאָלן אויפן וועג עפּעס נישט אַראָפּנעמען—דינגט ער אַ חברה־מאַן, יענער זאָל מיטגיין מיט די פורן: און ווען אַ ראובקע „די בלוז" וועט מיטגיין, וועט שוין די סחורה זיין גאַנץ, אָפּט איז אַפילו נישט נויטיק, דער חברה־מאַן זאָל מיטגיין; עס איז גענוג מ'זאָל וויסן, אַז ראובקע „די בלוז" אָדער משהקע גראַבאַטש איז אין דעם, אַז ביי די פורמאַנעס זאָל ציטערן די הויט. ווילט איר זיך אָפּרעכענען מיט אַ שונא און איר ווילט נישט, צי איר קאָנט עס נישט טאָן אַליין מיט אייגענע הענט — גיט איר יחיאלקען אַ קוואָרט בראָנפן מיט אַ קערבל און ער וועט אָנפּאַטשן אייער שונא אויפן גאַס, פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַזוי, אַז יענער זאָל האָבן צו געדענקען. האָט אַ מיידל פון דער מאַסע אַוועקגעוואָרפן איר בחור און אָנגעהויבן אַרומגיין מיט אַן אַנדערן — דאַרף דער אַוועקגעוואָרפענער געבן אַבקע קליין־מאַנטיק אין האַלז און אין האַנט אַריין; אַמאָל איז גענוג. איר זאָלט דעם חברה־מאַן גוט בעטן — וועט ער דאָס מיידל מיט בזיונות אַראָפּפירן פון שורס לאווע (אַ טראָטואַר, וואו מיידלעך מיט בחורים פלעגן דעמאָלט שפּאַצירן אין די פאַרנאַכטן און אום שבתים און ימים־טובים). עס זענען געווען יונגע באַלעבאַטישע הולטאַיעס, קינדער פון שיינע טאַטעס, וואָס פלעגן צאָלן דעם אָדער יענעם חברה־מאַן וואָכער־געלט, ער זאָל זיך פאַר זיי „אָננעמען". געווען אַפילו אַזעלכע „וויטישע יאַטעס" (אָנשטענדיקע), וואָס פלעגן זיך אַליין איינקויפן אין חברה — זאָלן לייט וויסן, ווער זיי זענען!...

חברה פּאַטש פלעגט זיך אַמאָל מישן אין קהלשע זאַכן אויך. בעת אַ מחלוקת צוליב אַ חזן אָדער אַ מגיד, פלעגן ביידע צדדים רופן חברה צו הילף, אָדער חברה פלעגט אַליין אַריינשטעקן אַ האַנט. אין וואָלקאָוויסק, גראָדנער גובערניע, איז אין יענע צייטן געווען אַ חברה יושר־שלעגער, וואָס פלעגן אַכטונג געבן אויף גערעכטיקייט אין שטאָט; און טאָמער פלעגט זיך זיי דאַכטן, אַז דער גביר אָדער דער רב האָט עמיצן געטאָן אַן עוולה.

פלעגן זיי מאַכן אַ טומל, נישט „לאָזן לייענען", געבן פּעטש. אָט די וואוילע ייִנגען פלעגן אויך אַכטונג געבן אויף גוטע מידות. זיי פלעגן זיך אָפּרעכענען מיט אן אשת-איש אָדער מיט אַ באַלעבאַטיש מיידל, וואָס פירט זיך אויף נישט לייטיש.

בעת איך בין געווען אַ יונג ייִנגל, איז מיר אויסגעקומען זיך נאָנט צו באַגעגענען מיט אַ סך חברה-לייט. יחיאלקע און אַבקע קליינמאַנטיק האָבן ביי מיין טאַטן געאַרבעט און זיי זענען ביי אונז געווען היימישע מענטשן. צוליב זיי זענען זייערע חברים אויך געווען איינגייער ביי אונז אין שטוב. איך האָב זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן חברה און נישט איינמאָל בין איך אַליין דערביי געווען ביי געשלעגן אויפן גאס נעבן אונזער טיר אָדער אין שענק, וואָס אין דעם זעלביקן הויז. איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף די דריי, וואָס איך האָב שוין עטלעכע מאָל אָנגערופן: יחיאלקע, יחיאל-אייזקע און אַבקע קליינמאַנטיק זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך פון זייערע חברים.

יחיאלקע איז געווען אַ פורמאַן. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער קאָן אַרויפטראָגן אויפן דריטן עטאַזש אַ קאַסטן פון 15—18 פוד. ער האָט געלעבט פון זיין אַרבעט. אים איז קיינמאָל אַפילו נישט איינגעפאַלן צו מאַכן זיין חברה'מאַנשאַפט פאַר אַ שטענדיקער פרנסה, הגם עפעס האָט זי אים יאָ אַריינגעבראַכט. א ניכטערער איז ער געווען, אַ שטילער, אַ ווייכער מענטש, וואָס האָט נישט אָנגערירט אַ פליג אויף דער וואַנט. אָבער א שכורער, איז ער געווען ווילד, ווי אַ חיה און האָט נאָר געזוכט, מיט וועמען זיך צו שלאָגן. יחיאלקע פלעגט זיך שלאָגן מיט די הוילע הענט, אַמאָל פלעגט ער כאַפּן א בענקל, א שווערע ברעט און פלעגט דערמיט פאָכען, ווי מיט אַ שטעקעלע, איך געדענק נישט, ער זאָל וועז נעמען אַ מעסער. פון אַן אייזערנער הענטשקע האָט ער גלאַט נישט געהאַלטן. און אַזוי פלעגט ער ברויען און ווילדעווען, ביז ער איז געפאַלן שלאָפן. אויפגעשטאַנען, איז ער ווידער געוואָרן אַ זייער דענער מענטש און פלעגט זיך שעמען דערמיט, וואָס ער האָט נעכטן אָפּגעטאָן. שכורערהייט האָט ער נישט אויסגערעכנט זיינע כוחות, זיך פאַר קיינעם נישט געשראָקן, געווען גרייט צו גיין איינער קעגן דריי, געפילט אַ באַזונדערע הנאה איינצוטיילן א חלק אַ גאַראַדאָוואָי. ער פלעגט אָפּט נעכטיקן אין צירקל (פאָליציי), ווען די גאָראָדאָוואָיעס פלעגן אים אריינכאַפּן שוין אַ טויט-שכורן, פלעגן זיי אים גוט אָנברעכן די ביינער, און דאָך האָבן זיי צו אים געפילט עפעס אַ מין ווייכקייט געמישט מיט פחד. און אָט דער יחיאלקע, וואָס האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט, פלעגט אפילו א שיכורער האָבן דרך-ארץ פאַר אַן אַלטן ייִד, פאַר אַ ייִדענע. איך געדענק, אַמאָל, בעת ער איז געווען זייער ווילד און האָט מיט אַ שטיין געבראָכן די שויבן ביי אונזערן א שכן, איז אַרויס די שכנה, א באַיאָרטע ייִדענע, און האָט אים געגעבן א פּאַטש. יחיאלקע האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט: „אַזוי גאָר, מומינקע?"... אויפגעהויבן זי אויף די הענט ווי אַ הינדעלע, און אַ שרייענדיקע, אַ צאַפּלדיקע אַריינגעטראָגן צו איר אין שטוב. ווען ער איז ארויס צוריק, איז ער געווען דער זעלביקער בויאַן, ווי מיט פינף מינוט פריער, ווי קיין זאַך וואָלט נישט געשען. יחיאלקע איז שוין לאַנג געשטאָרבן. אויף די עלטערע יאָרן איז ער געווען אַ שוואַכער, אַ צעבראָכענער. ער האָט אין זיין לעבן שווער געאַרבעט, ווייניק געגעסן און פיל געטרונקען. אַ סך קלעפּ געגעבן אַנדערע, אָבער נישט ווייניק קלעפּ אַליין באַקומען און ער האָט אין זיין גוף קיין גאַנצן אָרט נישט געהאַט.

גאָר אַן אַנדערער איז געווען יחיאלקעס נאָנטסטער חבר יחיאל-אייזקע. יחיאל-אייזקע האָט קיין באַשטימטע מלאכה נישט געהאַט. ער פלעגט אמאָל אין אַ יובל אַרבעטן אויך. אָבער בכלל איז די חברה געווען זיין פּראָפעסיע. ער איז געווען להוט נאָך געלט און האָט זיך געמיט „אַרויסשלאָגן" וואָס מער פרנסה. יחיאל אייזקע פלעגט. זיך קיינמאָל נישט אָנ-

הייבן מיט אַ שטאַרקערן. פאַר פּאָליציי האָט ער מורא געהאַט אימת מות. דערפאַר צו אַ שוואַכערן איז ער געווען גרויזאַם. שכּור, צי ניכטער — שטענדיק איז ער געווען אַ בעלן צו שלאָגן, צו פייניקן. יחיאלקע האָט הנאה געהאַט דער עיקר פונם פּראָצעס פון שלאָגן, דערפון, וואָס ער האָט אויסגעגאָסן זיין גבורה; צי עס האָט יענעם וויי געטאָן, צי נישט — וועגן דעם האָט ער זיך נישט געקימערט, ביי יחיאל־אייזקען איז געווען דער גרעסטער פאַרגעניגן צו מאַכן, יענעם זאָל וואָס שטאַרקער ווי טאָן. ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף יענעמס ביילן, אויף יענעמס בלוט. איך געדענק, אַמאָל האָבן די דאָזיקע נאָנטע חברים צוזאַמען געטרונקען אין שענק, וואָס נעבן אונז. יחיאלקע איז שוין געפאַלן טויט שיכּור. יחיאל אייזקע האָט זיך נאָך געהאַלטן אויף די פיס, האָט ער אַרויסגענומען אַ מעסער און אָנגעהויבן שניידן ביי יחיאלקען די הויט אויפן שטערן. אַ נס, וואָס דער שענקערין איז איינגעפאַלן אַ געשריי צו טאָן: „דער אָקאָלאָדאָטשניק גייט!“ האָט זיך יחיאל אייזקע גע־לאָזט לויפן.

איך ווייס נישט, צי יחיאל־אייזקע לעבט נאָך, מיט אַ יאָר 15 צוריק האָב איך גע־הערט, אז ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אמעריקע און דאָרטן האָט ער אַוועקגעוואָרפן די חברהשע געגנג און האָט זיך גענומען צו ארבעט. פאַר יחיאל־אייזקען איז עס גאַנץ נאַטיר־לעך. פאַר דעם היימישן גאָראָדאָוואָי האָט ער אויך מורא געהאַט, אָבער מיט יענעם האָט מען זיך דאָך געקאָנט פילן מעשה גוטער ברודער: מען האָט אָפט צוזאַמען אויסגעטרונקען, מען פלעגט זיך אַמאָל טיילן מיט „כשרע הכנסות“. פאַרן פרעמדן אַמעריקאַנער פּאָליסמאַן האָט אַ יחיאל־אייזקע געמוזט מורא האָבן ווי פאַרן מלאך המות. צום היימישן אַרעסט איז ער געווען צוגעוואוינט און ער פלעגט זיך באַרימען; „פאַר וועמען עס איז אַ תּפיסה, פאַר מיר איז עס אַ היים“. פאַרן פרעמדן אַרעסט־הויז איבע׳ן ים האָט אזא איינער געמוזט פילן אַ פחד, ווי פאַרן גהינום.

אַבקע קליינמאָנטיק, דער יונגערער פון די דריי, איז געווען א נידעריקער, א קיילעכ־דיקער, ווי אַ קירבעס, מיט לאַכענדיקע מילדע אויגן. האָט ליב געהאַט קינדער, געווען צו־געבונדן מיט לייב און לעבן צו זיין פייגען, הגם ער פלעגט איר אַמאָל געבן א קלאַפּ אויך. אין חברה איז ער אַריין נאָך גאָר אַ יונגער, צו אַ יאָר 17. ער האָט ליב געהאַט נישט אַזוי דעם בראָנפן, ווי דאָס שיכּור ווערן. נישט אַזוי דאָס שלאָגן זיך, ווי די ברייטקייט פון חברה, דאָס וואָס מען איז „כוואַטעס“. און מער ווי אַלץ האָט ער ליב געהאַט זיך ארויסצווייזן, מ׳זאָל אים פילן, מ׳זאָל וועגן אים רעדן. ער איז געווען אַנטוויקלטער פאַר זיינע חברים, פלעגט ליב האָבן צו לייענען שמרס „צוויי קעץ אין איין זאַק“ און בלאָשטיינס — „געוואַלט שדוכים“. איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט אַ סך מאָל אין לעבן און איך האָב אים ליב געהאַט. צו 18 יאָר איז ער געווען א פירער פון א „חברה“ אונטערגעוואַקסענע בחורים. צו 25 יאָר איז ער געווען א פורמאַן פאַר זיך. אַ טאַטע פון אַ פּאָר קינדערלעך, האָט ליב גע־האַט זיך צו קהלן און געווען א גבאי אין בעל־עגלהשן קלויז. אין יאָר 1906 איז ער ווידער געווען אַ לוין־אַרבעטער, געפאָרן ביי יענעם און געווען א מיטגליד פון פאַרוואלטונג אין פאריין פון די פורמאַנעס. אין אלע זיינע גלגולים איז אין אים, שטאַרקער ווי אלץ, געווען דער חשק צו גבאות. ער איז שוין געשטאָרבן. וועגן די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן ווייס איך גאָרנישט

II

אין אָנהויב פון דער באַוועגונג זענען אונזערע באַגעגענישן מיט די לאָבוזעס געווען נאָר צופעליקע. אין די זומערדיקע שבתים פלעגן מיר גיין אין וואַלד אונטערן שטאָדט אָפּהאַלטן אַ קרייזל אָדער אַ קליינע פאַרזאַמלונג. די לאָבוזעס פלעגן אין זעלבן וואַלד שפּאַצירן מיט זייערע מיידלעך. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך געסטאַרעט אויסצומיידן זייערע וועגן. מ׳פלעגט זיך אַמאָל דאָך צוזאַמענטרעפן! און נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיר טוען אין וואַלד, פלעגן זיי מאַכן חוזק פון די יאָלדן, אַריינוואַרפן אַ קלאַפּ, אַ שטורך. אונזערע פלעגן מאַכן אַ שווייג און זיך אָפּטראָגן. מיר זענען דאָך געווען נעלמים... אונזערע באַגעגענישן מיט די לאָבוזעס זענען געוואָרן אָפטער און פיינדלעכער, בעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע שטרייקן. די באַלעבאַטים האָבן געפונען פאַר נויטיק צו דינגען שלעגער, זיי זאָלן ווייזן די אַרבעטער, ווער עלטער איז, אָפּשלאָגן דעם חשק צו „שפּילן זיך אין סטאַטשקעלעך“. און זאָל עס דאָ פאַרשריבן ווערן: די יידישע באַלעבאַטים און זייערע פובליציסטן האָבן שפּעטער אַזוי שטאַרק געקלאָגט אויף דעם עקאָנאָמישן טעראָר מצד די אַרבעטער, בעת אין דער אמתן זענען זיי געווען די ערשטע, וואָס האָבן דעם דאָזיקן טעראָר אָנגעהויבן.

די שלעגער פלעגן כאַפּן איינצלנע אַרבעטער אויפן גאַס, זיי פלעגן זיך אַריינרייסן צו אַן אַרבעטער אין דער היים ברעכן די ביינער, „קנייטשן די שויבן“ און „מאַכן אַ רוש ם“. פון אָנהויב האָבן זיי אַפילו געפּרוּווט אָנפאַלן אויף די זאַמל-ערטער פון די אַרבעטער — פריער אויפן שול-הויף, שפּעטער אויף זאַוואַלנע גאַס (ווילנע); זיי האָבן זיך אָבער באַלד ארומגעזען, אַז דאָס איז געפערלעך: בעת די אַרבעטער זענען צוזאַמען איז מיט זיי אַ מורא זיך אָנצוהייבן — זיי גיבן גאַנץ געשמאַק צוריק. דאָס איז דער כוח פון דער מאַסע, וועלכער האָט זיך שוין דעמאָלט געגעבן צו פילן, ווי קליין די מאַסע איז נישט געווען. מיט דער צייט האָבן מיר באַקומען אייגענע שלעגער. ווען די באַוועגונג האָט זיך פאַרברייטערט׳ זענען אין איר אַריינגעצויגן געוואָרן אויך אַזעלכע פאַכן, וואו די אַרבעטער פאַרמאָגן מער פיזישן כוח, ווי אונזערע אויסגעצווייקטע שניידער און זאָקנמאַכערקעס — שמידן, סטאָליאַרעס, קוימענקערע״, אַפילו קצבים. פון די לאָבוזעס גופא זענען איינצלנע אַריינגעצויגן געוואָרן אין אונזערע רייען. ביי אַ שט״ייק האָבן מיר שוין געהאַט אייגענע חברים, וואָס קענען געבן אַ קלאַפּ און זיי פלעגן זיך שטעלן קעגן די געדונגענע לאָבוזעס, וועלכע זענען נישט זעלטן געווען זייערע נעכטיקע חברים. אין לעצטן פאַל זענען די לאָבוזעס געווען באַזונדערס פאַרביסן און זיי האָבן געשלאָגן נישט אַזוי צוליב געצאָלט, ווי אויס באַליידיקונג: געזען אַביסל, אַ נאַש בראַט, נעכטן צוזאַמען געשכורט, און היינט איז ער אַ גאַנצער „יאַ טיעביע דאַם“... שטייט פאַר די „ברידער און שוועסטער“... און אַז איינער פון די געוועזענע לאָבוזעס און היינטיקע חברים פלעגט אַרעסטירט ווערן און מ׳האָט אים געבראַכט אין פּאָליציי-צירקל, פלעגט דער פּריסטאַוו איבער אים זיך הלומעווען: דו אויך אַ סאָציאַליסט? זאָג נאָר, וועלכן אוניווערסיטעט האָסטו געענדיקט?.. דער באַוואוסטער סניטקאָ פון ערש׳ן צירקל אין ווילנע פלעגט מיט אַ געמאַכטן דרך-ארץ-טאָן און מיט אַ זיסינקן שמייכעלע אַ פרעג טאָן: זאָגט, איך בעט אייך, וואו האָט איר אייער דערציונג באַקומען?.. און ווען אַ גרופּע ווילנער קוימענקערער זענען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר פאַר עקאָנאָמישן טעראָר בעת אַ שטרייק, האָט די באַלעבאַטישע וועלט געלאַכט: קוימענקערער און פּאָליטיקע... מסתמא האָבן זיי נישט גוט אויסגעקערט דעם קוימען ביים גובערנאַטאָר, האָט ער זיי דערפאַר פאַרשיקט...

צוזאַמענשטויסן מיט די לאָבוזעס זענען פאָרגעקומען כמעט אומעטום, וואו עס איז געווען אַ יידישע אַרבעטער-באַוועגונג. ערטערווייז זענען עס געווען פאָרמעלע, לאַנג-דויערנדיקע

„מלחמות" מיט אונטערהאנדלונגען און „וואָפן-שטילשטאַנדן". די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן ווער שוואַכער און הערן אינגאַנצן אויף מיטן וואוקס פון דער באַוועגונג. אין פוילן זענען אַזעלכע צוזאַמענשטויסן פאָרגעקומען אַפילו נאָך אין 1905. אַ קינסטלערישע שילדערונג דערפון קען מען געפינען אין ווייסענבערגס „שטעטל". בעת איך בין אין פרילינג 1905 געווען אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד, פלעגן חברים פון דער פוילישער פראָווינץ אָפט קומען זיך קלאָגן, אַז די בעלי-עגלות פון זייערע שטעטלעך מישן זיך אַריין אין שטרייקן, שלאָגן, מסרן. איך געדענק, אַז די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פלעגט אָנגעמען קעגן דעם אַזאַ מיטל: ווען די שלעגער זענען געקומען קיין וואַרשע האָבן זיי באַקומען אַ בריוו מיטן שטעמפּל פון קאָמיטעט. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט מען זיי אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז אויב זיי וועלן אין דער היים איבערחזרן זייערע ווילדע מעשים קעגן די אַרבעטער, זאָלן זיי זיך נישט דערוועגן צו קומען נאָך אַמאָל קיין וואַרשע, עס וועט זיין שלעכט... אין 1905 פלעגט אַזאַ בריוו האָבן די געהעריקע ווירקונג. אין עס זענען געווען פאַלן, ווען מ'האָט ביי אַזעלכע שלעגער צוגענומען אין וואַרשע דעם פערד און וואָגן מיט די סחורה און מ'האָט עס זיי אָפּגעגעבן נאָר נאָכדעם, ווי זיי האָבן צוגעזאָגט צו זיין אין דער היים גוט און פרום...

צווישן די לאָבוזעס, וואָס זענען אַריבער צו דער אַרבעטער-באַוועגונג, זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מיט אַלע כוחות זיך געמיט צו מאַכן פאַרגעסן זייער נאָענטע פאַרגאַנגענהייט. ווען מען פלעגט זיי אַמאָל שיקן שלאָגן אַ באַלעבאָס אַ מסור אָדער אַ פאַרביסענעם שטרייקברעכער, זענען זיי געגאַנגען מיט אַ קרים: אויף קיין אַנדער אַרבעט טויגן מיר שוין נישט, וואָס?.. אַזעלכע האָבן די גראָבקייט און פאַרשייטקייט פון די לאָבוזעס איבערגעלאָזן אין זייער אַלטער חברה; אין דער נייער סביבה האָבן זיי מיטגענומען נאָר זייער מוט און איינשטעלעניש. געווען אָבער אַנדערע, וואָס זענען אין דער באַוועגונג פאַרבליבן די זעלביקע לאָבוזעס מיט אַלע מידות און חפצות פון די חברה-לייט טיפיש איז געווען איינער פון זיי. וועלכער האָט איין צייט געהאַט אַ גרויסן נאָמען צווישן די יידישע אַרבעטער פון ליטע, ווייס-רוסלאַנד און אַפילו פון וואָלין — „יאָשקע דער בויגער". אַ וואַלקער איז ער געווען, אַ פּשישוּוע-בויגער, ווי מ'רופט עס אין פוילן. אַ נידעריקער מיט ברייטע פּלייצעס, אַ קיילעכדיק פּנים מיט קליינע איגעלעך, גרויסע באַק-ביינער און כמעט אָן אַ שטערן. זיין גאַנצער אָנבליק האָט אויסגעדריקט גראָבע, טעמפּע גבורה. אין דער באַוועגונג איז ער געווען פון די, וואָס זוכן שטענדיק אַבסאָלוטע גערעכטיקייט. אויף אַלץ און אויף אַלעמען האָט ער כסדר געפונען פעלערן אויסצוזעצן. עס איז געווען אַ צייט פון אָפּאָזיציעס, און יאָשקע האָט נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין אַריבערגיין פון דער אָרגאַניזאַציע אין דער אָפּאָזיציע און פון דער אָפּאָזיציע צוריק אין דער אָרגאַניזאַציע. אין ערגעץ האָט מען אים נישט געקאָנט צופרידן שטעלן: ס'איז נישט דאָס... נישט אַזוי האָט געדאַרפט צו זיין... וואו איז יושר? הגם אין זיינע אייגענע באַציונגען צו חברים האָט ער זיך וועגן יושר נישט שטאַרק געקימערט.

יאָשקע פלעגט פאָדערן, מ'זאָל אים אַריינגעמען אין העכסטן קרייזל, וואו עס לערנט דער „גרעסטער אינטעליגענט". „אַזאַ מענטש, ווי איך, דאַרף מען אַ סך געבן". אָבער אין דעם קרייזל, וואו ער איז געווען, האָט ער מער געדרעמלט, ווי געהערט. ווען ער האָט זיך אַמאָל צעכראָפּעט אין די רעכטע געדיכט פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און די חברים האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן איבערן טיש: „וואָס הירזשעט איר? אין מיין פּויסט איז פאַראַן מער רעוואָלוציע, ווי אין אַלע אייערע עקאָנאָמיעס"... דערפאַר איז ער געווען שטאַרק אומדערשראָקן און שטענדיק שלאָג-פעיק. אַז מ'האָט געדאַרפט עמיצן געבן אַ קלאַפּ איז יאָשקע שטענדיק געגאַנגען מיט פאַרגעניגן. שלאָגן אַ שפּיאָן, אַ שטרייק-ברעכער אַמאָל,

אַ באַלעבאָס, וואָס איז שוין צופיל געקראָכן די אַרבעטער אין די ביינער, — דאַרויף איז יאָשקע געווען דער גרעסטער בעלן און דער גרעסטער בריה. אָבער עס האָט געטראָפן, אַז אין אַ מינוט פון כעס, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט אויף אַ חבר און ער האָט נישט איינמאָל געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך נאָך דערקלייבן צו די אינטעליגענטן פון קאָמיטעט אויך... מ'האָט אים נישט איינמאָל געזען אַ שכּורן. מ'האָט דערציילט מעשיות, אַז ער איז אויסגעלאַסן, נישט גאָר ריין אין געלט-זאַכן. אַן אַנדערן וואָלט מען שוין לאַנג אויסגעשלאָסן פון דער אָרגאַניזאַציע, בפרט דעמאָלט, ווען אין דער יונגער אַרבעטער-באַוועגונג האָט געהערשט אַ באַזונדערע מאָראַלישע ריינקייט. אָבער יאָשקען האָט מען געדולדיק איבערגעטראָגן, ווייל ער איז געווען אַ נויטיקער מענטש: שוין דער נאָמען „יאָשקע דער בויגער" פלעגט וואַרפן אַ פחד אויף שטרייק-ברעכער און באַלעבאַטים. אז ער האָט אָנטיילגענומען אין אַ געשלעג, האָבן זיך די חברים געפילט מוטיקער.

ביסלעכווייז איז יאָשקע געוואָרן אַ שם-דבר. אין גאַנצן ראַיאָן פון בונד האָט מען דערציילט נסים וועגן זיין גבורה. און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען אין אַ שטאָט פלעגט אויסברעכן אַ גרעסערער שטרייק, האָט מען אויסגעשריבן יאָשקען, טאָמער וועט מען דאַרפן צולייגן אַ האַנט... יאָשקע האָט אָנגעהויבן אַרומפאָרן אויף גאַסטראָלן און ער האָט זיך דערמיט שטאַרק איבערגענומען. קומענדיק אין אַ שטאָט אויף אַ שטיקל אַרבעט, פלעגט ער זיך ברעקלען, לאָזן בעטן, שטעלן פאָדערונגען. מ'דערציילט, אַז מ'האָט אים אַמאָל אויסגעשריבן קיין ביאַליסטאָק. עס איז געווען אַ שטרייק ביי יאַנאָווסקין אויף דער טאַבאַק-פאַבריק און מ'האָט געדאַרפט אָנלערנען אַ מייסטער אַ מנוול, וועלכער האָט זיך געהאַלטן שענדלעך מיט די אַרבעטערקעס, געמסרט די פירער פון שטרייק. יאָשקע איז געזעסן אויף אַ קאָנספּיראַטיווער דירה ערגעץ אויף כאַנאיקעס און ער האָט זיך געדונגען מיטן שטרייק קאָמיטעט: „איר מיינט, איך ווייס נישט? „ביי אייך איז נישטאָ קיין קרייזלעך, נישטאָ קיין דיסקוסיעס, מ'גיט די ארבעטער גאָרנישט"... די אָרטיקע האָבן מיט אים איינגעטענט: עס איז גאָר נישט אַזוי שלעכט, און ס'וועט געוויס ווערן בעסער. זאָל נאָר אַריבער דער שטרייק. יאָשקע האָט זיך געלאָזט איבעררעדן, זיך געטאָן אַ שטעל אויף: איך גיי! אָבער אין דער מינוט איז האַסטיק אַריין אַ חברטע — חייקע די שוואַרצע האָט מען זי גערופן, אַ מיידל אַ גבר. אַ צעפלאַמטע, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט זי אַ זאָג געטאָן: ער מעג שוין זיצן דאָ דער יחסן... מיר האָבן שוין דעם הונט אַליין אָנגעבויקערט... יאָשקע איז געוואָרן אַן אָנגעצונדענער: איר האָט נישט געקאָנט וואַרטן אַ רגע? — „מיר האָבן גענוג געוואַרט... נישט-קשה, ער וועט אונזערע קלעפּ אויך האָבן צוגעדענקען, ווי לאַנג ער לעבט..." יאָשקע איז אַוועק אַ פאַרבייזערטער און אַ באַליידיקטער.

אַרום 1901 איז יאָשקעס לאַגע אין בונד געוואָרן אוממעגלעך: די חברים האָבן מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן זיין ווילדקייט, און אים איז געוואָרן ענג צווישן זיי. ער איז אַוועק צו די אַנאַרכיסטן. אין 1902 אָדער 1903 איז ער אַרעסטירט געוואָרן, געווען דאַכט זיך אין סיביר, געלאָפן, אַריבער קיין אַמעריקע. אויף וויפל איך ווייס, האָט ער אין דער נייער מדינה קיין נאָענטע באַציונגען מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג נישט געהאַט. ער איז דאָרטן געוואָרן אַ דאַך-בלעכער און איז איינמאָל ביי דער אַרבעט אַראָפּגעפאַלן פון אַ דאַך און געהרגעט געוואָרן. יאָשקע איז אַריין אין דער אַרבעטער באַוועגונג אין ווילנע אַרום 1894, נאָך פאַרן בונד. אַרעסטירט געוואָרן איז ער אַרום 1903. פון יענער צייט איז אַ סך וואַסער אַריבערגעלאָפן; אָבער עלטערע אַרבעטער אין ליטע און ווייס-רוסלאַנד געדענקען נאָך דעם נאָמען „יאָשקע דער בויגער" און האָבן פון אים אַ סך צו דערציילן.

III

אויף דער פֿריי האָב איך קיין גנבים נישט געקענט. דעם ערשטן מאָל האָב איך זיך מיט זיי באַגעגנט אין טורמע. פֿאַר אַ שטראָף אָדער צוליב ענגשאַפֿט פֿלעגט מען אונז, פּאָליטישע, אַמאָל אַריינזעצן אין אַן אַלגעמיינעם קאַמער צוזאַמען מיט קרימינעלע. מיר פֿלעגן זיך צוכאַפּן צו אָט דעם נייעם מין מענטשן מיט דער דורשטיקער נייגיריקייט פֿון יוגנט. אין אונזער פֿאַנטאַזיע האָבן מיר זיך זיי פֿאָרגעשטעלט, ווי העלדן, אַוואַנטוריסטן מיט אַן אייזערנעם ווילן און רייכע איבערלעבונגען. מיר פֿלעגן ביי אַזאַ איינעם אויספֿרעגן אַלע איינצעלהייטן פֿון זיין ביאָגראַפֿיע, ווי אַזוי ער איז געקומען צו אַזאַ לעבן. זיי האָבן אונז דערציילט. זיי האָבן בכלל ליב אַ סך צו דערציילן. פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אונז אָנגעפֿלוידערט אַ סך בבא מעשיות, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן. אַזוי איז שוין די נאַטור פֿון זייער פּראָפֿעסיע. און חוץ דעם איז בכלל געווען שווער צו פֿאַרלאַנגען, זיי זאָלן פֿון העלער הויט עפֿענען דאָס האַרץ פֿאַר ווילד-פֿרעמדע. שפּעטער, ווען מיר זענען מיט זיי נענטער באַקאַנט געוואָרן, האָבן מיר זיך אויסגעלערנט אויסצושיילן אין זייערע דערציילונגען דעם אמת פֿון ליגן, דעם פֿאַקט פֿון דער גוזמא. און וואָס מער אַ גנב האָט פֿון די ערשטע ווערטער געפֿילט, אַז ער קאָן דיך נישט נאַרן, אַז דו זעסט אים אויף דורך און דורך, אַלץ ווייניקער ליגן האָט ער דיר געזאָגט. די קרימינעלע פֿון זייער זייט האָבן זיך אויך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט דעם נייעם מין אַרעסטאַנטן און האָבן אונז גענומען אויספֿרעגן: ווער זענען מיר? וואָס ווילן מיר? און כמעט יעדער געשפּרעך פֿלעגט זיך ענדיקן מיט דער פֿראַגע: „אָבער וואָס צאָלן זיי אייך דערפֿאַר? אָט יענע, מיינען מיר, וואָס האָבן אייך געדונגען?...“ אַז מ׳קאָן עפּעס טאָן נישט פֿאַר געצאָלט, נאָר צוליב אַ אידייע, — דאָס האָבן זיי בשום אופֿן נישט געוואָלט גלויבן. „מיר זענען דאָך נישט קיין קינדער, איר׳ט אונז נישט איינרעדן, אַז גלאַט אַזוי פֿון מצוה וועגן זאָלן מענטשן גיין אין טורמע...“

די ערשטע צייט פֿלעגן צווישן אונז מיט זיי אָפֿט אַרויסקומען „מיספֿאַרשטענדענישן“. מיר זענען דאָך געווען יאָלדן אין זיי „בלאַטע“; האָט מען געפּרואווט ביי אונז אַראָפּציען די שטיוול, צעטרענען די קישן און זוכן דאָרטן פֿאַרנייטע געלט, אַמאָל געבן אַ קלאַפּ אויך. אָבער דאָס האָבן געטאָן די קלענערע, מאַרעוויכער; די גרעסערע עלטערע גנבים האָבן זיך באַמיט צו לעבן מיט אונז אין גוטברידערשאַפֿט. מיט גנבים פֿלעגן מיר זיך טרעפֿן אויך אין אונזערע איינצל-קאַמערן. קרימינעלע, וואָס זענען שוין לאַנג געזעסן, געהאַלטן ביים אַרויסגיין, פֿלעגן באַשטימט ווערן פֿאַר קאָרידאָר-באַדינער; זיי פֿלעגן פֿונאַנדערטראָגן ברויט, געקעכץ, וכדומה, אויפֿראַמען, וואַשן די דילן. פֿלעגט זיי אויסקומען צו עפֿענען דאָס קליינע פֿענסטערל פֿון אונזער טיר, כדי עפּעס צו דערלאַנגען, אַמאָל אַריינגיין אינעווייניק אין קאַמער און דאָרטן אַביסל פֿאַרבלייבן. אין אַזעלכע פֿאַלן האָבן מיר זיך געביטן מיט טובות: מיר זיי — אַ פּאַפּיראָס, צוקער, אַמאָל איבעריק ברויט. זיי אונז — איבערגעבן אַ צעטעלע פֿון קאַמער אין קאַמער, איבערשיקן דורך אַ געליבטע, וואָס קומט אויף אַ זעהונג, אַ בריוועלע אויף דער פֿריי. און שטייענדיק נעבן פֿענסטערל אָדער אַריינגייענדיק צו אונז אין קאַמער, פֿלעגט מען רעדן, דערציילן, זיי אונז און מיר זיי. אין אונזער יונגער באַגייסטערונג האָבן מיר אומעטום געזוכט אַן אָביעקט פֿאַר אַגיטאַציע און מיר האָבן די גנבים אויך אָנגעהויבן צו אַגיטירן, אין דער אַלגעמיינער און אין איינצל-קאַמער, אין באָד, וואו מ׳האָט אונז איבער אַ פֿרייטיק געפֿירט צוזאַמען, — אומעטום האָבן מיר זיי אַגיטירט און וואָס מער די באַוועגונג איז געוואַקסן אויף דער פֿריי, אַלץ מער יחסנים זענען מיר געוואָרן אין טורמע, אַלץ אָנזעענדער איז אונזער וואָרט געוואָרן פֿאַר די קרימינעלע אַרעסטאַנטן. מיר האָבן אָנ-

געהויבן אַריין אין דער מאָדע. איצט האָבן די קרימינעלע זיך אויפמערקזאמער צוגעהערט צו אונזער אַגיטאַציע, אָפטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געגעבן גערעכט. אָבער אין 9 פאַל פון 10 איז עס געווען נישט דערפאַר, וואָס אונזער וואָרט האָט זיי באמת דורכגענומען, נאָר ווייל זיי האָבן אונז געוואָלט חנפנען אָדער אַביסעלע פאָזירן. אַמאָל פלעגט אַ גנב מאַכן אַ סודות־פולן פנים און מיט האַלבע ווערטער און אָנצוהערענישן אונז פאַרטרויען, אַז אייגנטלעך איז ער שוין לאַנג אַן אונזעריקער, ער האָט געהאַט באַקאַנטשאַפט מיט יענע לייט, מיט די סאַמע באַהאַלטענע, האָט שוין נישט איין שטיקל אַרבעט אַזעלכע אָפּגעטאָן... אין דער גנבה, פאַר וועלכע ער זיצט, שטעקט אויך אַ שטיק פּאָליטיק. עס איז נאָר פאַר נאַטשאַלסטוואָ אַ גנבה... אין דער אמתן אָבער... אונזערע לייט פאַרשטייען דאָך... דערביי פלעגט ער עס מאַכן אַזוי אומגעלומפּערט, אַז מ'האָט שוין געדאַרפט זיין צו נאַאיוו אים צו גלויבן.

די קרימינעלע, וואָס האָבן געקענט לייענען, פלעגן ביי אונז בעטן ביכער. אָבער אונז איז געווען שווער זיי צופרידן צו שטעלן. אפילו די בעלעטריסטיק, וואָס מיר האָבן זיי געגעבן, איז געווען פאַר זיי „צו נודנע”. „גיט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פאַרכאַפּן”... אַז אין טורמע פלעגט אַמאָל אַריינפאַלן אַ פּראָקלאַמאַציע, פלעגן זי די קרימינעלע לייענען מיט גרויס חשק, נישט אַזוי צוליב דעם אינהאַלט, ווי צוליב דעם טאָן. „אָט אַזוי, אַריינגעלייגט אַ חלק! גוט געגעבן! די נשמה פון זיי!” געווען צווישן די קרימינעלע אויך אַזעלכע, אמת ווייניק, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן באַגער צו קענטעניש, זיי פלעגן ביי אונז נעמען פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכלעך, דערנאָך שטעלן פראַגן, רעדן וועגן דעם איבערגעלייענטן. פאַר מיינע אויגן שטייט בער זלאַטקין — אַ בחור פון אַ יאָר 19, אַ דאַרער, אַ קריינקלעכער. ער איז געוואָרן אַ גנב צו 8 יאָר, געווען פריער אַ מאַרעוויכער, שפּעטער האָט ער זיך אויפגעהויבן צו דער מדרגה פון אַ קאַסע־ברעכער. ער האָט זיך לאַנג געוואַלגערט אין די טורמעס, האָט פאַרמאָגט אַ פלינקן שכל און אַ פעסטן כאַראַקטער. די אַרעסטאַנטן האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן, אפילו די אַדמיניסטראַציע פון טורמע האָט פאַר אים דרך ארץ געהאַט. דער דאָזיקער זלאַטקין, וועלכער האָט נישט געקענט לייענען קיין יידיש און האָט זיך אין די טורמעס אויסגעלערנט גוט לייענען און שרייבן רוסיש, איז געווען אַ פלייסיקער לעזער. אָן אַ בוך, האָט ער געזאָגט, איז אים שווערער אויסצוקומען, ווי אָן אַ פּאַפּיראָס. ער האָט ליב געהאַט צו גריבלען זיך אין די רוסישע קרימינעלע געזעצן; ער האָט אפילו ביי זיך אין קאַמער געהאַט אַן אייגענעם „סוואָד זאַקאָנאָוו” — דאָס האָט ער געזאָגט, מיז אונזערער אַ יינגל וויסן, פאַר זיך און פאַר חברים. „איך, פלעגט ער זאָגן מיט שטאָלץ, קען אפילו אַ פּראָשעניע אַליין פאַר זיך אָנשרייבן”. אין נאָך האָט ער ליב געהאַט, שוין נישט צוליב נוצן, נאָר צוליב דער זאַך גופא, גאַטורוויסנשאַפט. ער פלעגט ביי מיר בעטן ביכלעך וועגן עלעקטריע, וועגן מאַשינען און „בכלל וועגן דער וועלט”. די וועלט, פלעגט ער זאָגן לאַכנדיק, איז דאָך עפּעס די גרעסטע מאַשין... נאָך יעדן ביכל פלעגט ער מיך פאַרשיטן מיט פראַגן. איינמאָל איז ער געשטאַנען ביי אַ שעה צייט נעבן פענסטערל פון מיין טיר — דער אַלטער וועכטער האָט געשוויגן: ער האָט צו זלאַטקינען געפילט עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען געמישט פון ליבע, דרך ארץ און מורא. דעם מאָל האָט זלאַטקין גערעדט נישט וועגן נאַטור־וויסנשאַפט. ר האָט מיך פאַנאַנדערגעפרעגט, פאַר וואָס איך זיץ, וואָס איז סאָציאַליזם און וואָס רעוואָלוציע. אין זיינע פראַגן האָט זיך געפילט אַ טיפער אינטערעס. איך האָב לאַנג גערעדט, אים דערקלערט, וואָס מיר ווילן, מיט שוואַרצע פאַרבן געשילדערט דעם פינצטערן היינט, מיט העלע קאָלירן דעם ליכטיקן מאָרגן — ווי אַ יונגער אַגיטאַטאָר. ער האָט אויפמערקזאַם געהערט, זעלטן ווען מיך איבערגעריסן מיט אַ פראַגע און ווידער געהערט. לסוף האָט ער אַ זאָג געטון: „אַלץ גוט. אָבער, וואָס וועט זיין פאַר אונזערע יינגלעך?”

איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרחדושט. „יאָ, האָט ער איבערגעחזרט, אַלע גליקן, וואָס איר דערציילט, וועלן זיין פאַר אַרבעטער און פאַר פויערים. אָבער פאַר אונזערן אַ יינגל, פאַר אַ גנב, ווי איך, וואָס האָט אייער סאָציאַליזם?" איך האָב זיך באַמיט אים צו דערווייזן, אַז אין דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג וועלן קיין גנבים נישט זיין. — „זעט איר, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, דאָס איז שוין אוממעגליך. כל זמן עס וועלן זיין מענטשן, וועלן זיין גנבים".

פאַרשטייט זיך, אַז פון אונזער אַגיטאַציע צווישן די קרימינעלע איז גאָר ווייניק אַרויסגעקומען. געווען אין טורמע אַזעלכע, וואָס זענען שוין, דאַכט זיך, אינגאַנצן געווען אונזערע. פאַרן אַרויסגיין אויף דער פריי האָבן זיי צוגעזאָגט צו ווערן ערלעכע אַרבעטער, קעמפער האָבן מיטגענומען בריוו צו חברים און באַקאַנטע, וואָס זאָלן זיי באַהילפיק זיין אויף זייער נייעם וועג. דאָס רוב פלעגט אַזאַ איינער צערייסן דעם בריוו, גלייך ווי ער איז אַריבער דעם שוועל פון טורמע. אַנדערע פלעגן אָפּטראָגן די בריוו, אויסנאַרן אַביסל געלט און דערנאָך פאַרשווונדן ווערן. זעלטן ווער עס האָט באמת געפּרוּווט זיך נעמען צו ערלעכער אַרבעט, און דער וואָס האָט עס געטון, האָט זיך אויך נישט לאַנג געהאַלטן אויף זיין נייעם וועג. אין אַ חדשים 3—4 אַרום, ער איז שוין ווידער אין טורמע, איבעראַנייס פאַר אַ גנבה. און נישט ווייל ער האָט נישט געוואָלט, נאָר ווייל ער האָט נישט געקאָנט ווערן אַנדערש. דאָס זענען דאָך דאָס רוב געווען מענטשן אָן ווילן, איינגעוואַקסן אין פאַרברעכערישע געוואוינשאַפטן, און דאָס לעבן פון אַן ערלעכן אַרבעטער איז גאָר נישט אַזוי זיס. גנבים, וואָס זענען באמת געוואָרן אַרבעטער, באמת אונזערע, ווייס איך זייער ווייניק. איך קאָן זיי אָנציילן אויף די פינגער. אַ פּאָר פון זיי האָבן שפּעטער געשפּילט אַ ראָלע אין דער באַוועגונג, געווען אַפילו אין אַ קאָמיטעט.

די קרימינעלע האָבן אויך גענומען אַ געוויסן אָנטייל אין אונזערע צוזאַמענשטויס מיט „נאַטשאַלסטוואָ". ביי אַ הונגער-שטרייק, בעת מ'האָט עמיצן פון די פּאָליטישע מיט געוואַלט געשלעפּט אין קאַרצער און די חברים האָבן געמאַכט אַ טומל, געקלאַפּט אין די טירן, געבראָכן שויבן, זיך געוואָרפן אויף די וועכטער, ביי אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן, זענען געווען קרימינעלע, וואָס האָבן אונז געדינט, געהאָלפן מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט. מיר ווידער האָבן זיך פאַר זיי אויך איינגעשטעלט. מיר פלעגן פּראָטעסטירן, ווען מ'האָט זיי צו שטאַרק באַליידיקט. צוליב דעם זענען מיר אָפּט פאַרוויקלט געוואָרן אין אַ קאַמף מיט נאַטשאַלסטוואָ. אין די יאָרן 1905—1906, בעת די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אָנו זטך אויפגעהויבן הויך און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט אָט וועלן מיר אין גאַנצן זיגן, זענען די גנבים אין טורמע געווען מיט אונז קעגן „נאַטשאַלסטוואָ". ווען דער נאַטשאַלניק פלעגט פּריוון אָנהעצן עמיצן פון זיי צו שלאָגן אַ פּאָליטישן, פלעגט יענער מיט כעס זיך אָפּזאָגן. אין יענע יאָרן פלעגן די קרימינעלע אונטערהאַלטן די פּראָטעסטן פון די פּאָליטישע, און עס זענען געווען מאָמענטן, ווען די גאַנצע טורמע האָט זיך געהאַלטן, ווי איין חברישער קבוץ. די לאַגע האָט זיך געביטן אין 1907, ווען סטאָליפּינס רעזשים האָט צוגעדריקט גאַנץ רוסלאַנד און נאָכמער די באַוואוינער פון טורמע. די פּאָליטישע זענען ווידער געוואָרן הפקר; אויף זיי האָבן זיך געשאָטן רעפּרעסיעס, באַליידיקונגען און אַפילו קלעפּ. דאָס האָט אַראָפּגעוואָרפן אונזער אויטאָריטעט אין די אויגן פון די קרימינעלע. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַציען צו אונז מיט גרינגשעצונג, ווי צו געפאַלענע. אייניקע פון זיי פלעגן שפּיאָנירן און איבערגעבן דער נאַטשאַלסטוואָ, וואָס מיר רעדן און טוען. און נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז די קרימינעלע פלעגן זיך לאָזן אָנרעדן צו שלאָגן די פּאָליטישע, איבערהויפּט בעת הונגער-שטרייקן און אַנדערע צוזאַמענשטויסן מיט דער אַדמיניסטראַציע.

אויף דער פריי, אויסער די ווענט פון טורמע, איז אין די יאָרן 1905 — 1907 אונז אויך אויסגעקומען צו האָבן צוזאַמענשטויסן מיט די גנבים. אין 1905 און 1906 איז אין ווילנע און וואַרשע, למשל, דער בונד געווען אַזוי פּאָפּולער און זיין אויטאָריטעט אַזוי גרויס, אַז די באַפעלקערונג פלעגט קומען צו דער אָרגאַניזאַציע, ווי צום העכסטן משפט, זיך קלאָגן אויף יעדער עולה, אויף יעדער באַליידיקונג, וואָס איז איר געטאָן געוואָרן. אַ יידענע איז געקומען צו די, וואָס זי האָט אָנגענומען פאַרן קאָמיטעט, אָנקלאָגן איר מאַן, אַז ער איז אַ שכור און ער שלאָגט זי; אַ שכן, — אַז דער באַלעבאָס דריקט אים מיט דירה־געלט; אַ מיידל — אַז דער חתן איז זיך מיט איר שלעכט באַגאַנגען און האָט זי אַוועקגעוואָרפן. הכּלל, ווי נאָר אַ בייז הארץ, איז געקומען זוכן הילף ביים בונד. אין יענער צייט פלעגט מען קומען צו אונז אויך אין די ענינים פון גנבה. מ'האָט, למשל, באַגנבעט אַן אַרבעטער, פלעגט דער קאָמיטעט שיקן צום „טאַטע" פון די גנבים און פאָדערן די געגנבעטע זאַכן זאָלן נישט אַנדערש נאָר אָפּגעגעבן ווערן. דאָס האָט נישט איינמאָל געהאָלפן. די „טאַטעס" האָבן נישט געוואָלט איינרייסן מיטן בונד און אויב זיי האָבן נאָר געקאָנט, האָבן זיי זיך געסטאַרעט די גנבה זאָל אומגעקערט ווערן. וואָלט עס געווען גוט, ווען אַזאַ זאַך זאָל געשען נאָר זעלטן. צום אומגליק האָט זיך עס אָ געהויבן מאַכן צו אָפט. יעדער איינער אין שטאָט האָט געהאַט באַקאַנטע צווישן די אַרבעטער און ווען מ'האָט נאָר באַגנבעט, איז ער גלייך געלאָפן זוכן פּראָטעקציע ביי דער אָרגאַניזאַציע. די גנבים האָבן זיך געפילט אָנגערירט אין זייערע בלוטיקע אינטערעסן. — די „ברידער און שוועסטער" לאָזן אונז נישט לעבן! האָבן זיי געשריגן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף. די גנבים פלעגן העלפן פּאָליציי נאָכשפּירן די בונדיסטן, זיי פלעגן באַפאַלן איינצלנע אַרבעטער־טוער און נמיתן זיי. זיי האָבן זיך אַפילו געוואָרפן אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען אין וואַלד. אין ווילנע, וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק זענען אויף דעם באָדן נישט איינמאָל אַרויסגעקומען לאַנגדויערנדיקע צוזאַמענשטויסן צווישן דער אָרגאַניזאַציע מיט די גנבים. אין 1907 איז אין ווילנע צוליב אַזאַ מין קאָנפליקט שווער פאַרוואונדעט געוואָרן מיט אַ מעסער דער סעקרעטאַר פון מעטאַליסטן־פאַריין ת. חנה באַסעוויטש (לאָזער, געשטאָרבן אין פּאַריז אין דער צייט פונם וועלט־קריג).

IV

אין די יאָרן 1902—1905, בעת די רעוואָלוציאָנערע אויפלעבונג איז געווען גרויס און די יידישע אַרבעטער זענען געווען זייער קעמפעריש געשטימט, אין די יאָרן פון קאַמפּס־גרופּעס (ב. אָ.: באָיעוויע אָטריאַדי) אין זעלבסטשוץ, פון גאַסן־צוזאַמענשטויסן און טעראָריסטישע אַקטן — האָבן די געוועזענע לאַבוזעס געפונען מער פּלאַץ אַרויסצוווייזן זייער מוטיקע איינשטעלערישע נאַטור.

אין פרילינג 1901, בעת אין עק נאָוואָגאָ ראָד (אַ פאָרשטאָט פון ווילנע) האָט די יידישע מאַסע צעטראָגן דאָס הויז פון אוריאַדניק און באַפרייט די אַרעסטירטע בונדיסטן (מעש פּאָנבוק), זענען די אָנפירער געווען צוויי יידישע שוסטער, הירשקע און עלטשיק — ביידע געוועזענע לאַבוזעס. דער ערשטער איז דער באַרימטער הירש לעקערט, וועלכער האָט מיט אַ יאָר שפּעטער געשאָסן אין דעם ווילנער גובערנאַטאָר פאָן ווייל, דערפאַר, וואָס יענער האָט געהייסן שמייסן די אַרעסטירטע מאַי־דעמאָנסטראַנטן. לעקערט איז געהאַנגען געוואָרן מיט זיין העלדישן אַקט און מיט זיין מאַרטירער־טויט האָט ער אָפּגעווישט דעם שאַנד־פלעק, וועלכן דער צאַרישער הענקער האָט געוואָלט אַרויפלייגן אויפן יידישן פּראָלעטאַריאַט. דער צווייטער — אליהו רייטשוק, וועלכער האָט דערנאָך יאָרנלאַנג געאַרבעט אין בונד. אין 1912 איז

ער געווען זיך־רעדאַקטאָר פונם בונדישן וואָכנבלאַט „לעבנס פראַגן", נאָך דעם, ווי די „לעבנס־פראַגן" זענען פאַרמאַכט געוואָרן, איז רייטשוק ארעסטירט געוואָרן, מ'האָט, אים געמשפּט, פאַר־משפּט און דערנאָך באַפרייט צוזאַמען מיט מעדעמען. איצט איז ער אַ קאָמוניסט, אַ פאַר־וואַלטער פון אַ שוסטערישן פראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו אין מינסק־רוסלאַנד.

דעם פּראָוואָקאַטאָר אָרנאַטסקי אין פּינסק האָבן געהרגעט געוועזענע לאָבוזעס, איינער אַפילו אַ געוועזענער גנב. אין זעלביקן פּינסק האָט די יידישע מאַסע צעטראָגן אַ פּאָליציי־צירקל און באַפרייט דעם אַרעסטירטן קאָליע טעפּער (דעמאָלט אַ בונדיסט). די איניציאַטאָרן און פירער פונם דאָזיקן אויפטו זענען ווידער אַמאָל געווען געוועזענע לאָבוזעס.

דער בונד, ווי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, איז געווען קעגן טעראָר. די דיסציפּלין אין בונד איז דעמאָלט געווען אַ גאַנץ שטאַרקע. און דאָך זענען אין 1905 אין ראַיאָן פון בונד פאָרגעקומען אַ ריי טעראָריסטישע אַקטן, אויסגעפירט פון בונדיסטן. די מעשה דערפון איז, וואָס עס זענען געווען פאַלן, ווען דער געוויסן פון דער מאַסע האָט געפאָדערט אַ טעראָריסטישן אַקט: נקמה־נעמען פאַר אַזעלכע גרויזאַמקייטן, וואָס זענען אַפילו פאַרן צאַריזם געווען נישט געוואוינלעך, אָפּרוימען פון וועג אַ הענקער, וועלכער איז אַפילו פאַר יענער צייט געווען צו הענקעריש. לעקערט, למשל, איז געווען דער נישט־געשיקטער שליח פון דער גאַנצער יידישער אַרבעטערשאַפט, אַלע זענען געווען איבערצייגט, אַז מ'וועט זיך מיט פאָן ווייל אָפּרעכענען. אַלע זענען געווען זיכער, אַז מ'וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען און ווען נישט לעקערט, וואָלט עס געטאָן אַן אַנדערער, א דריטער. די אָרגאַניזאַציע האָט אין אַזאַ פאַל נישט געקאָנט נאָכגעבן די שטימונג פון דער מאַסע און אַליין אָרגאַניזירן אַ טעראָריסטישן אַקט. זי האָט מורא געהאַט, אַז פון איינצלנע אַקטן וועט דער טעראָר ווערן אַ סיסטעם און דעמאָלט וועט אָפּגעשטויסן ווערן אין הינטערגרונט די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער־מאַסן, ווי דאָס איז פאַקטיש געווען ביי די ס. ר. די באַוועגונג פון די מאַסן וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַוועגונג פון הייפלעך, וועלכע וועט גיך אויסגעשעפּט ווערן. אָבער די מאַסע וויל נישט אַלע מאָל וויסן פון טאַקטיק. אין הייסע מינוטן לאָזט זי זיך פירן מער פון איר שטימונג. און אַז די אָרגאַניזאַציע האָט נישט געקאָנט אויף זיך נעמען אָרגאַניזירן טעראָריסטישע אַקטן, האָבן זיך געבילדעט באַזונדערע קליינע גרופּעס וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די אַקטן אויף זייער אייגענע אַחריות אָן דער סאַנקציע און אַפילו אָן דעם וויסן פון דער אָרגאַניזאַציע. אַמאָל האָבן זיך פאַר אַזעלכע זאַכן גענומען אַפילו איינצלנע מענטשן; געטריבן פון זייער רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, האָבן זיי אויסגעקליבן דעם אָביעקט, אויף וועמען דעם אַקט אויסצופירן דעם מאָמענט ווען און די מיטלען, ווי אים אויסצופירן — לויט זייער אייגענער איינזעעניש. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען זענען צוזאַמען מיט אַזאַ דרינגענדן געבאָט פון דער מאַסע, ווי דער שאָס פון הערש לעקערט, געווען אויך אַקטן פון רעוואָלוציאָנערע מנחם־מענדלס.

אין די טעראָריסטישע אַקטן, וואָס זענען אין יענע יאָרן אויסגעפירט געוואָרן אין ראַיאָן פון בונד, האָבן אָפּט אָנטייל גענומען מענטשן, וועלכע האָבן פאַרבראַכט זייערע פריסטע יאָרן צווישן לאָבוזעס און גאַסן־יונגען. אַזאַ איינער איז געווען ל. ש., אַ יונגער אַרבעטער, אַ בונדיסט, וואָס האָט אין 1905 אין איינער פון די ווייס־רוסישע שטעט געשאָסן אין אַ פּריסטאַוו. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט; די טויט־שטראָף איז פאַרביטן געוואָרן אויף אייביקע קאַטאָרגע. פון קאַטאָרגע איז ער אַנטלאָפן, האָט זיך דערקליבן ביז אַמעריקע, דאָרטן איז ער געווען אַ געשעפטס־מענטש און אין דערזעלביקער צייט אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. אַלס סאָציאַליסט, האָט ער מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן געלט אויף אַלע באַדערפענישן פון דער באַוועגונג. אַלס אונטערנעמער האָט ער זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט, אַבי רייך צו ווערן, און בעת אַ שטרייק האָט ער

גרופן פאָליצײ קעגן זײנע אָנגעשטעלטע. אין אים איז געװען פאַרײניקט אַן איפּריכטיקע
רעװאָלוציאָנערע שטימונג מיט א גרויסער ליבע צו פּאָעזיע, אַ פּיפּיקער געשעפטס־מענטש,
װאָס שטרעבט צו אַ באַלעבאַטישן װאוילטאָג און פּוץ, און אַ העלד, װאָס איז אין אַ היסטע
מינוט פעיק אויף גרויסע מעשים, אַ סענטימענטאַלע האַרציקײט מיט אַ סאַדיסטישער גרוי־
זאַמקײט אינם האַרץ, װאָס שטרענגט זיך אָן אויסצוזען געשליפן. חוץ דעם איז ער געװען
אַן איבערגעאײלטער מענטש, װאָס קאָן נישט און האָט נישט ליב צו טראַכטן. זײנע גע־
שעפטן זענען געשפּרונגען: הײנט איז ער אין די פעדערן, מאָרגן אַן אביון, איבערמאָרגן
גײט ער װידער באַרג־אַרויף. אין פרילינג 1917 האָט ער זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט אין זײנע
געשעפטן, אַז די חברים האָבן געמײנט, אָט־אָט פאַלט ער אַרײן אין קרימינאַל. אָבער נאָכ־
דעם, װי די פאַראײניקטע שטאַטן זענען אַרײן אין װעלט־קריג, איז ער אַרײנגעפאַלן אין
טורמע פאַר אַנטי־מיליטאַריסטישע אַגיטאַציע. אין 1918 איז ער געקומען קײן רוסלאַנד און
באַלד געפונען זײן אָרט אין טשעקאַ. פריער אין גרויס־רוסלאַנד, נאַכהער אין אוקראַינע.
באַגעגענענדיק זײנע געװעזענע חברים, די בונדיסטן—ער האָט זײ געזוכט צו באַגעגענען, כּדי
צו פּאָזירן מיט דער גדולה, צו װעלכער ער האָט דערגרײכט — פלעגט ער פאַרזיכערן, אַז
ער באַמיט זיך מיט אַלע כּוחות אויסצומײדן טויט־שטראָף. דער אמת איז אָבער געװען
פאַרקערט: אין אַ גרויסער שטאָט, אין אוקראַינע, איז די צאָל אויסגעפירטע טויט־אורטײלן
אויסגעװאַקסן אין דרײען נאָכדעם, װי ל. ש. איז דאָרטן געװאָרן פאַרװאַלטער פון טשעקאַ.
אין יענער שטאָט האָט געטראָפן, אַז אַגענטן פון טשעקאַ האָבן בעת אַ הויז־זוכונג צוגענו־
מען בײ אַ יונגן יידישן בעלעטריסט אַ טעקע מיט כּתבים. אין אַ חודש אַרום איז דער
בעלעטריסט געקומען פרעגן, פאַרװאָס מ'גיט אים נישט אָפּ זײנע כּתבים, װעלכע האָבן
גאָרנישט צו טאָן מיט פּאָליטיק. האָט ל. ש. געענטפערט; װאָס קומט אַרויס פון אײער
שרײבן... אָט זעט, װאָס איך שרײב. דאָס װעט ראַטעװען די װעלט... און ער האָט אים
געװיזן אַ רײ אונטערגעשריבענע טויט־שטראָפן... ל. ש. האָט זיך געמיט צו ראַטעװען פון
טויט־שטראָף אַ באַװאוסטן בונדישן פּראָװאָקאַטאָר, װעלכן ער האָט נאָך געקענט פון זײן
געבורטס־שטאָט פון 1905. אין דער זעלבער צײט פלעגט ער פאַר זײנע חברים זיך קלאַפּן
אין האַרצן: אויב ליבער װעט צו אונז אַרײנפאַלן, װיל איך האָבן דעם כּבוד צו שיסן אים
מיט מײן אײגענער האַנט: איר פאַרשטײט, איך בין אַ בונדיסט...

אין די יאָרן 1905 און 1906 איז דער טעראָר אין ערגעץ נישט געװען אַזאַ פאַרשפּרײטע
דערשײנונג, װי אין פּוילן, באַזונדערס אין װאַרשע. אָנפאַלן אויף אַ מאָנאָפּאָלקע (מלוכה־
שע בראָנפן־קראָם) און צונעמען די קאַסע, עקספּראָפּריאירן אַ געלט־פּאָסט, דערשיסן אַ פּריס־
טאװ אָדער אַן אָקאָלאָדאָטשנעם איז געװאָרן אַ געװײנלעכע, כּמעט אַן אַלטעגלעכע דער־
שײנונג. עס זענען געװען גרעסערע אַקטן אויך: אַטענטאַטן אויף די העכערע פאָרשטײער
פון צאַריזם, אָנפאַלן אויף אַ צוג, באַפרײען װיכטיקע אַרעסטירטע פון טורמע וכדומה. דאָס
רוב גרעסערע און קלענערע אַקטן זענען אויסגעפירט געװאָרן דורך די באָיװאָ־
קעס (קאַמפּס־גרופּן) פון די פּ. פּ. ס. די דאָזיקע באָיװוקעס זענען באַשטאַנען
נישט דורכויס פון יידישע רעװאָלוציאָנערן; געװען צװישן זײ אויך נישט װײניק
פּוילישע און יידישע לאָבוזעס (נישט קײן געװעזענע, נאָר טאַקע איצטיקע), װאָס
האָבן געאַרבעט צוליב געלט, אויס ליבע צו אַװאַנטורעס. אָבער פון אָט די לאָבוזעס האָבן
זיך אויך אַרויסגערוקט אײניקע העלדן, װעלכע האָבן אין דער טעראָריסטישער אַרבעט
דערװאָרבן דעם אידעאַליזם און באַװאוסטזײן, װאָס זײ האָבן פריער נישט געהאַט. אַזאַ אײ־
נער איז געװען דער באַװאוסטער ברוך שולמאַן, װעלכער האָט אין 1906 געהרגעט אין
װאַרשע דעם פאַרהאַסטן פּאָליצײ־קאָמיסאַר קאָנסטאַנטינאָװ. ברוך שולמאַן איז נאָך מיט עט־

לעכע חדשים פאַר זיין טויט געווען אַ גאַסן-ייִנג, אפילו אַ קרימינעלער טיפּ, אָבער די באָיוווקע האָט אים געלייטערט. אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָט ער זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ העלד, וואָס זיין טויט און זיין אויפטו האָבן די אַרבעטער-מאַסן באַזונגען אין פאָלקס-לידער. אין דער אָרגאַניזאַציע „פּראָלעטאַריאַט" פון יענע יאָרן (להבדיל פון דעם „פּראָלעטאַריאַט", וואָס אין די 80-ער יאָרן, וועמענס נאָמען עס איז הייליק פאַר יעדן סאָציאַליסט), וועלכע האָט אין וואַרשע אָרגאַניזירט די קצבים און האָט בעת שטרייקן אָנגעווענדט עקאָנאָמישן טעראָר, זענען געווען אַ סך וואוילע יונגע', אויף וועלכע עס איז אָפט געווען שווער צו זאָגן, וואָס זענען זיי, געוועזענע אָדער נאָך אויך איצטיקע לאָבוזעס. שפּעטער, אין דער צייט פון די פּריוואַטע עקספּראָפּריאַציעס און קאָמבינאַציעס, האָבן אָט די „פּראָלעטאַרישע" לאָבוזעס געשפּילט אַ טרויעריקע ראָלע.

אין די זעלבסטשוץ-גרופּעס פון בונד האָבן זיך פאַרשריבן אַ סך לאָבוזעס און זיי האָבן דאָרטן אַרויסגעוויזן גבורה און מסירת-נפש. אַ סך פון די וואוילע יונגען זענען געקומען אין זעלבסטשוץ ערשט אין מאָמענט פון פּאָגראָם, און עס האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז מענטשן זענען אַריין אין זעלבסטשוץ אָן רעוואָלוציאָנערע כוונות, געטריבן בלויז פון נאַציאָנאַלן געפיל; אָבער אין די זעלבסטשוץ-גרופּעס זענען זיי רעוואָלוציאָניזירט געוואָרן און זיי האָבן פון דאָרטן געפונען אַ וועג צום בונד.

און רעד איך וועגן געוועזענע לאָבוזעס, וואָס זענען אַריבער אין דער אַרבעטער-באַוועגונג און האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין טעראָריסטישע אַקטן אין זעלבסטשוץ, קומט מיר אַרויף אויפן זינען לייבע סטאַרדאַל פון האָמעל מיט זיין הויכער פעסטער פיגור, מיט זיין שטענדיק פאַרומערטן און דאָך מילדן פּנים. ער איז געווען אַ בויער פון פאַך; אָבער בעת איך בין מיט אים באַקאַנט געוואָרן, זומער 1905, איז ער שוין לאַנג געווען אַ נעלם, האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן און נישט געקאָנט טאָן קיין בוי-אַרבעט. לייבע האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיין אָנטייל אין זעלבסטשוץ בעתן ערשטן האָמלער פּאָגראָם, אויך מיט דעם נישט-געלונגענעם אַטענטאַט, וואָס ער האָט אויף אייגענער אחריות געמאַכט אויפן האָמלער פּאָליציימייסטער, דעם דעמאָלט באַקאַנטן כליערניקאָוו. אין האָמעל האָט לייבן געקענט אַ קינד אין וויג, אַלע האָבן געוואוסט ווער ער איז און וואָס ער איז. די גאָראָדאָוואָיעס האָבן אויף אים מיט די פינגער געטייטלט, אין דאָך האָט ער נאָכן אַטענטאַט כמעט זיך נישט באַהאַלטן. אין אַ וואָך אַרום איז ער שוין אָפן אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון האָמעל, פּונקט ווי קיין זאַך וואָלט נישט געשען. כדי אים צו פאַרהיטן פון אַ דורכפאַל, האָט אים דער קאָמיטעט געשיקט אַרבעטן אין אַ געהיימער דרוקעריי. פאַר אַזאַ לעבעדיקן באַוועגלעכן מענטשן, ווי לייבע, איז געווען שווער זיך צו פאַרגראָבן אין אַן אונטערערדישער דרוקעריי, אָפּגעריסן פון אַלץ און פון אַלעמען, אים האָט געצויגן אויף דער בערזשע, אויף פאַרזאַמלונגען, צו חברים, און דאָ האָט ער צוליב קאָנספּיראַציע געמוזט טעג און וואָכן זיצן אין שטוב און זיך באַגעגענען נאָר מיטן „פאַרמיטלער", וועלכער האָט געבראַכט געשריבענע פּראָקלאַמאַציעס און פּאַפּיר און האָט זיי אָפּגענומען געדרוקטע. און נאָך אַ זאַך. אַ גרויסער, אַ געזונטער בחור איז ער געווען אָט דער לייבע, ער האָט געדאַרפט אַ סך עסן. דעם נאָמען סטראַדאַל אָדער סטראַדאַליעץ, ווי אַנדערע פלעגן אים רופן, האָט ער אויך געקראָגן צוליב זיין גרויסן אַפּעטיט. ער איז אַמאָל צופעליק אַריינגעפאַלן אין טורמע אויף עטלעכע וואָכן, און אַז ער איז אַרויס האָט מען ביי אים אַ פרעג געטאָן: ווי האָסטו זיך דאָרטן געפילט? האָט ער געענטפערט: איך האָב סטראַדאַיעט: מער ווי דריטהאַלבן פונט ברויט אַ טאָג האָט מען נישט געגעבן, און אָט דער מענטש מיטן גרויסן אַפּעטיט האָט געדאַרפט אַרבעטן אין אַ האָמלער געהיימער דרוקעריי ביי האַלב-הונגעריקע באַדינגונגען. אָבער

צר האָט עס געטאָן, ווייל די חברים האָבן געפונען, אַז יאָס איז נויטיק. דער היציקער לייבע האָט פאַרמאָגט אַ דיסציפּלינירטע נאַטור.

דער קאָפּ איז ביי לייבען געווען נישט שטאַרק אַנטוויקלט. מ'האָט מיר דערציילט, אַז אין אָנהייב זומער 1905, איידער ער איז אַוועק אַרבעטן אין דער דרוקעריי, איז לייבע געווען אויף ליבערס אַ רעפּעראַט וועגן בונד און „איסקראַ". אָפּאָנירט האָט דער באַקאַנטער ברוך סטאָלפּנער, וועלכער האָט גערעדט בייסנדיק, מיט שטעך-ווערטלעך, מיט דעמאַגאָגישע שפּיצלעך. אונזערע, די מערהייט פון דער אוידיטאָריע, זענען געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט פון סטאָלפּנערס טאָן. ליבער איז געזעסן אָנגעבויגן איבער זיין נאָטיץ-ביכל און זיין בלייפעדער איז געפלויגן איבערן פּאַפּיר. גייט לייבע צו צו ליבערן, טוט אים אַ ציי ביים אַרבל און זאָגט אים שטילערהייט: האָרעוועט נישט אַזוי מיטן בלייפעדער, חבר! איך וועל אים געבן איין כמאַל, וועט ער פאַרשטומט ווערן, דער הונט... ליבער האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל: איך בין זיך נוהג צו ענטפערן אַן אָפּאָנענט מיטן מויל, נישט מיט די הענט... לייבע האָט אָפּגעטראָטן נישט אינגאַנצן צופרידן. סוף אויגוסט איז לייבע געקומען צום קאָמיטעט און געבעטן, מ'זאָל אים צונעמען פון דער דרוקעריי. אויב מ'מוז, איז קיין תירוץ נישט, וועל איך בלייבן. אָבער אויב איר האָט מיך מיט וועמען צו פאַרבייטן, גיט מיר אַן אַנדער אַרבעט. דער קאָמיטעט האָט אים צוגענומען פון דער דרוקעריי. מ'האָט אים אָנגעהויבן שיקן אין די נאָענטע שטעט צו אָרגאַניזירן קאַמפּס-גרופּעס (ב. אָ.), איז אין אַ נאָענטער שטאָט געווען אַ פּאָגראָם-געפאַר, האָט מען געשיקט לייבען אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ. ער פלעגט פאָרן אַמאָל אַליין, אַמאָל מיט אַ פּאָר חברים. און די בלויזע ידיעה, אַז לייבע סטראַדאַל איז געקומען, האָט שוין צוגעגעבן מוט די אָרטיקע אַרבעטער.

אין די אָקטאָבער-טעג, אין דער צייט פונם אַלגעמיינעם שטרייק, איז די הויפּט-קוואַרטיר פון בונד אין האָמעל געווען אין דער דירה פון איינעם אַ בורזשואַזן דאָקטאָר, וואָס זיין ווייב איז געווען אונזערע אַ סימפּאַטיקערין. די אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן געפּאָדערט ביים דאָקטאָר אַ גרויסע סומע געלט, האָבן געסטראַשעט אויפצורייסן דאָס הויז צוזאַמען מיט די בונדיסטן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, האָט דער קאָמיטעט אַוועקגעזעצט לייבען היטן אונזער צענטראַלע קוואַרטיר. און אַז לייבע איז דאָרטן געזעסן, האָט זיך קיין אַנאַרכיסט נישט דערוועגט צוגיין נאָענט צום הויז דערפאַר, וואָס די שמירה איז געווען גוט אָרגאַניזירט, און אפשר נאָכמער צוליב דעם גרויסן דרך-ארץ, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן געהאַט צו לייבען.

לייבע איז געפאַלן אַ קרבן פון זעלבסטשוץ אין רעטשיצע נעבן האָמעל. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1906, בעת דער צאַריזם האָט אויף דער רויטער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע געענטפערט מיט אַ שוואַרצער כוואַליע פון פּאָגראָמען. די רעטשיצער סטאַראָווערצעס, פאַרביסענע שוואַרץ-מאהניקעס, האָבן געמאַכט אַ פּראָוואָקאַציע. זיי האָבן דעפּעשירט אין האָמלער קאָמיטעט פון בונד, אַז אין רעטשיצע איז אַ פּאָגראָם, מ'זאָל אַרויסשיקן זעלבסטשוץ. איז פון האָמעל באַלד אָפּגעפאָרן אַ גרופּע חברים מיט לייבע סטראַדאַל בראש. צווישן וואָקזאַל און דער שטאָט ליגט אין רעטשיצע אַ שטיק וועג פון אַ פּאָר וויאָרסט, מיט ווייניק הייזער און אַ סך פּאַרקאַנעס, וואָס פאַרצוימען פויערישע פעלדער און גערטנער. בעת די חברים פון זעלבסטשוץ זענען געגאַנגען פון סטאַציע אין שטאָט אַריין, האָבן די סטאַראָווערצעס גענומען שיסן אויף זיי פון הינטער די פּאַרקאַנעס. צעטומלטע, נישט וויסנדיק פון וואַנען די קוילן קומען, האָבן זיך די חברים געלאָזט לויפן אין אַלע זייטן. דעמאָלט זענען די סטאַראָווערצעס אַרויס פון הינטערן פּאַרקאַן און האָבן זיך געוואָרפן אויף די

חברים מיט מעסערס און אייזנס. די חברים זענען אַלע געפֿאַלן טויטע, באַדנדיק זיך אין זייער אייגענעם בלוט, געבליבן לעבן איז נאָר איין מינע פייגענבערג, וועלכער איז געפֿאַלן אַ פֿאַרחלשטער, די מערדער האָבן געמיינט, אַז ער איז טויט און האָבן אים צורוגעלאָזן. בעת ער איז געקומען צו זיך, זענען שוין די סטאַראָזשעס נישט געווען. האָט ער זיך אויף אַלע פֿיר דערשלעפּט ביז דער סטאַציע, פֿון וואַנען מ׳האָט אים אַוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל. פייגענבערג איז געווען אַזוי צעשעדיקט, אַז מ׳האָט אים געמוזט אַראָפּנעמען ביי־דע פֿיס. פֿון אים ווייסט מען אַלע איינצלהייטן פֿון דער דאָזיקער טרויעריקער געשיכטע. ער האָט דערציילט, אַז אַ צעטומלטער פֿון די פֿלוצלינגע שאָסן, איז לייבע דאָך נישט געלאָפֿן. אַ שווער־פֿאַרוואונדעטער האָט ער זיך מיט זיין אייזערנעם שטעקן געוואָרפֿן אויף די מערדער, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, און זיי האָבן פֿאַר זיין לעבן טייער באַ־צאָלט. לייבע סטראַדאַל האָט געלעבט און איז געשטאָרבן ווי אַ העלד.

V

געווען אַ מאָמענט, ווען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן אויך מיט די אַלפֿאָנסן און סוטעניאַרן, אָדער ווי מ׳רופֿט זיי אין פּוילן די לומפּן. איך רעד וועגן די פּאָגראָמען אויף שאַנד־הייזער, וועלכע זענען אין מאַי 1905 פֿאָרגעקומען אין וואַר־שע, לאָדזש און עטלעכע אַנדערע שטעט פֿון דער פּוילישער פּראָווינץ. כדי די דאָזיקע גע־שיכטע זאָל זיין פֿאַרשטענדלעך, איז נויטיק אַ לאַנגע הקדמה.

אין דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אין וואַרשע איז דעמאָלט געווען אַזאַ עלעמענט, וואָס איז געשטאַנען צווישן דער באַוועגונג און דער אונטערוועלט און איז אי דאָ, אי דאָרטן. אַרבעטער, וואָס פֿלעגן טרינקען און פֿאַרברענגען מיט די אַלפֿאָנסן און סוטעניאַרן און אין דער זעלביקער צייט פֿלעגן זיי גיין אויף דער בערזע און אין אונזערע קאָוויאַרניעס, אָנטייל־נעמען אין עקאָנאָמישן און אַמאָל אויך אין פּאָליטישן קאַמף, לאָמיר זיי רופֿן דער צווישן־שיכט. אַז מין אַרבעטער האָט געלעבט אין צוויי וועלטן און עס איז שווער געווען צו זאָגן, וועלכע וועלט איז אים נעענטער. אָט די צווייאיק־ט איז געלעגן נישט בלויז אין זיין אַרט לעבן, נאָר אויך אין זיין פּסיכאָלאָגיע. ווען אָט ביי דעם מין אַרבעטער פֿלעגן זיך טרעפֿן קריגע־רייען און געשלעגן מיט די אמתע אַלפֿאָנסן, פֿלעגט זיין אַזוי: אויב אונזערע צווישן־מענטשן האָבן געקראָגן קלעפּ פֿון די אַלפֿאָנסן, זענען זיי געקומען צולויפֿן אין דער אָרגאַניזאַציע די אומשולדיקע שעפּעלעך, וואָס זענען באַפֿאַלן געוואָרן פֿון כוליגאַנעס און האָבן געמאַכט קולות: „וואָס שווייגט די אָרגאַניזאַציע? די לומפּן גיסן אַרבעטער־בלוט! איר מוזט עפּעס טאָן קעגן דעם, אַז נישט וועלן מיר גיין צו די ס. ר., מירן גיין צום „פּראָלעטאַריאַט״, יענע ווייסן, ווי צו שטיין פֿאַר די אַרבעטאָרער״... אויב ווידער אונזערע האָבן געגעבן בעסער, זענען די געשלאָגענע לומפּן געלאָפֿן צו זייערע „שטאַרקע״ מיט געוואַלדן: „די ברידער און שוועסטער לאָזן אונז נישט לעבן. מ׳מוז זיי געבן איבער די הענט, די יאָלד!״.

אַזוי ווי דאָס, וואָס איך גיי דערציילן, איז געשען אין וואַרשע, מוז איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם צושטאַנד פֿון אונזער אָרגאַניזאַציע אין יענער צייט. דער בונד איז דע־מאָלט געווען אין וואַרשע אויסערגעוויינלעך שטאַרק, אָבער צוליב די אומלעגאַלע באַדינגונ־גען פֿון זיין אַרבעט, האָט ער נישט געהאַט קיין פֿעסטבאַשטימטע מיטגלידערשאַפֿט. מיר האָבן געוווּסט, אַז אַ טויזנט מעכאַנישע שוסטער גייען נאָכן בונד, זיי אַליין האַלטן, אַז זיי „געהערן צום בונד״, אָבער עס איז דאָך געווען אוממעגלעך צו רעכענען זיי אַלעמען פֿאַר מיטגלידער, אַזוי אומגעפֿער איז געווען אין אַלע איבעריקע פֿאַכן, וועלכע מיר האָבן גערעכנט

פאַר אונזערע. מיר האָבן געהאַט קליינע פעסטע קערן-גרופּעס און אַרום זיי גרויסע לויזע מאַסן. דער צענטראַלער אַפּאַראַט פאַר דער גאַנצער שטאָט איז צו יענער צייט באַשטאַנען אינגאַנצן פון 8—10 מענטשן. און ער איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און האָט נישט געקאָנט אַריינדרינגען אין אַלע שפּעלטעלעך פון דער באַוועגונג, אַרומכאַפּן די גאַנצע אַרבעט. קיין לאָגישע אַרבעטער-פּרעסע איז נישט געווען, מיר האָבן זעלטן ווען געהאַט אַ גענויען באַגריף פון אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט. מיר האָבן געלעבט אין אַ ים פון קלאַנגען און עס פלעגן אונז אָפט טרעפן איבערראַשונגען.

די פּונקטן, וואו מיר פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן, זענען געווען קאַוויאַרניעס און טראַקטירן. אויף גענשע 19, ביי גוש׳נען אין קאַוויאַרניע, פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן אַ פּאָר הונדערט נענטערע מענטשן, אַקטיווע טוער. די מאַסע פלעגט זיך צונויפקומען אין טראַקטירן. ראָג מילע און דזיקע איז געווען דער טראַקטיר פון די שוסטער. אַראָפּ דזיקע און אויף די אַרומיקע גאַסן איז געווען אונזער בערזע. 2 מאָל אַ וואָך, דינסטאָג פאַרנאַכט און שבת ביי-טאָג, פלעגן זיך דאָרטן צוזאַמענקלייבן טויזנטער מענטשן. אויף דזיקע גופא איז געווען די אַלגעמיינע בערזע. אויף מילע, מוראַנאָוו, סטאַווקע וכדומה—בערזעס פון איינצלנע פאַכן. דאָס איז געווען אונזער קלוב אונטערן פרייען הימל. היינט זעט עס מיר אַליין אויס, ווי אַ מעשהלע, אָבער דאָס איז אַ פאַקט; אַ שבת ביי טאָג פלעגן מיר אויף דער בערזע פאַרשפּרייטן 10—12 טויזנט פּראָקלאַמאַציעס און עס איז נאָך געווען קנאַפּ. אָבער די בערזע איז דאָך פאָרגעקומען צוויי מאָל אַ וואָך אין באַשטימטע טעג. האָט מען געדאַרפט צונויפקלייבן די מאַסע נישט אין די באַשטימטע טעג, איז עס אָנגעקומען זייער שווער: מ׳האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע בערזע און — אויב מ׳האָט עס באַצייטן נישט געטאָן, האָט מען געמוזט גיין איבער די פאַבריקן, וואַרשטאַטן און טראַקטירן. איצט נאָך אַלע הקדמות צוריק צו דער מעשה

אַ ייד, וואָס האָט געהאַט אַ הייזל אויף נאָוואָליפּיע ערגעץ אין אַ הויף, האָט מיטיאָרן צוריק גענומען אַ מיידל אַ יתומה פאַר אַ האָדאָוואַנקע, ער האָט געהיט איר צניעות. זי דערצויגן ווי „אַ כשרע יידישע טאָכטער“, און אַז זי איז אַלט געוואָרן 20 יאָר, האָט ער ז׳ חתונה געמאַכט מיט אַן אַרבעטער אַ קופּערשמיד, אַ מאָסאָנזשניק, ווי מ׳זאָגט אין וואַרשע. אָט דער קופּערשמיד איז געווען איינער פון יענע אַרבעטער, וואָס שטייען מיט איין פוס אין דער באַוועגונג, מיט דער אַנדערער אין אונטערוועלט. אויף דער חתונה איז געווען אַ געמישטער עולם. אַלפאָנסן פון דער כלה׳ס צד און אַרבעטער פון חתנ׳ס צד. שפּעט ביי נאַכט, בעת מ׳האָט זיך גוט אָנגעגעסן און נאָכמער אָנגעטרונקען, האָט מען אָנגעהויבן צו וואַרפן דרשה-געשאַנק. אַז אין היטל האָט זיך צונויפגעקליבן ביי אַ הונדערט רובל און אויף מער איז שוין קיין האָפענונג נישט געווען, האָט דער מחותן פון דער כלה׳ס צד צוגענומען די היטל מיטן געלט צו זיך. דער חתן האָט געמאַכט אַ גוואַלט — דער דרשה-געשאַנק געהערט אים. דער מחותן האָט געטענהט, אַז ער האָט דאָס מיידל אויסגעהאָדעוועט, געגעבן נדן און אויסשטייער, איז על פּי יושר דער דרשה-געשאַנק זיינער. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, האָט מען געלאָזן אין דער אַרבעט אַפּריער די הענט, דערנאָך די ליידיקע פלעשער און לסוף אַפילו מעסערס. געווען פאַרוואונדעטע פון ביידע זייטן, דאָך בעסער האָבן געגעבן די אַרבעטער. זיי זענען גראָד געווען מערער. האָבן די אַלפאָנסן אויף מאָרגן צונויפגערופן זייער עולם גיין זיך אָפּרעכענען מיט די „ברידער און שוועסטער“, נישט דוקא מיט די, וואָס האָבן זיי באַליידיקט, נאָר מיט די אַרבעטער בכלל. כ׳ווייס נישט ווי אַזוי, נאָר דערפון האָט זיך דערוואוסט פּאָליציי און זי האָט עס גענומען אויסנוצן אויף איר אופן. עפּעס אַ פאַרנאַכט האָט מען געזען ווי איבער נאָוואָליפּיע, קאַרמעליצקע און נאָוואָליפּקי גייט אַן עולם פון אַ מאַן הונדערט אַלפאָנסן מיט אַ רוסישער נאַציאָנאַלער פענדל. אַ מאַניפעסטאַציע. זיי גייען און שרייען: „לעבן

זאָל דער רוסישער קייזער! נידער מיט די שטרייקער!" קינדער לויפן נאָך. דער עולם ארום לאכט; אַנדערע שפייען אויס. אָבער צום סוף האָט עס אייניקע אַרבעטער פאַרדראָסן. ס'איז געוואָרן אַ געשלעג מיט שטעקנס און מעסערס. ווידער אַמאָל פאַרוואונדעטע און דאָס מאָל שוין מער פון די אַרבעטער. שוין שפעט אין אָוונט זענען די אַרבעטער, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין געשלעג, אַוועק איבער די געסלעך, וואו ס'וואוינט דער יידישער דלות, און האָבן גענומען רופן: „מ'דאַרף גיין זיך אָפּרעכענען מיט די לומפּן..!" אַ גרויסער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די הייזלעך פון דריטן סאָרט, וואָס זענען אין יידישן ראַיאָן. די אַלפאָנסן זענען אַנטלאָפן. געפונען האָט מען די אומגליקלעכע מיידלעך. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער פּאָגראָם. אויף נאָוואָליפּיע, ק־אָכמאַלנע, דזיעלנע א. ד. גל. איז מען באַפאַלן די „הייזלעך", געוואָרפן פאָרטעפּיאַנעס דורך די פענסטער אויפן ברוק, געריסן בעטגעוואַנט און פאַרשאָטן די גאַס מיט פעדערן און פוך. אויף די מיידלעך האָט מען צעריסן די קליידער, געשלאָגן זיי מכות-רצח. כ'ווייס פאלן, ווען מ'האָט אייניקע פשוט דורך די פענסטער אויפן גאַס אַרויסגעוואָרפן. אַזוי איז מען געגאַנגען פון הייזל צו הייזל, און דאָס האָט געדויערט אַ גאַנצן מעת-לעת.

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן שפעט ביינאַכט, און די אָרגאַניזאַציע האָט דערפון נישט געוואוסט. ערשט אַכט אין דערפרי איז מען געקומען אונז אָנזאָגן. כ'גיי אַוועק אויפן ראָג מילע. דער גרויסער טראַקטיר פון די שוסטער איז שוין פול. אייניגע זענען לכתחילה צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען, אַנדערע האָט מען באַוויזן אַרויסצונעמען פון דער אַרבעט. מען שרייט: די אָרגאַניזאַציע זאָל אָפּשטעלן די אַרבעט אין דער גאַנצער שטאָט אין אַלע פאַכן. — צוליב וואָס? — „וואָס הייסט, צוליב וואָס? ס'איז אַ פּראָטעסט. אַרבעטער-בלוט גיסט זיך, און איר שווייגט. ווען מ'וואָלט געהרגעט עמיצן פון אייערע, פון די פירער, וואָלט איר געמאַכט אַן אַלגעמיינעם שטרייק. איר וואָלט אונז גערופן אויפן גאַס אויף אַ דעמאָנסטראַציע. און אַז מ'שלאָגט די מאַסע, שווייגט איר, ווילט איר נישט פּראָטעסטירן?" אונזער לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע. פון איין זייט האָט מען געדאַרפט באַשיצן די אומגליקלעכע מיידלעך, נישט לאָזן פירן דעם פּאָגראָם ווייטער, איבערצייגן די מאַסן, אַז זיי גייען נישט אויפן ריכטיקן וועג. פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר געוואוסט, אַז דאָס שמעקט מיט פּראָוואָקאַציע. פּאָליציי איז אויסן צו מאַכן אַרעסטן, אפשר איינצופירן קריגס-צושטאַנד, און מ'האָט אונז איבערגעגעבן ידיעות, אַז אין אַלט-שטאָט און „מקום" שטייען די אַלפאָנסן שוין באַוואָפנט און מיט דער הילף פון פּאָליציי קאָנען זיי אַ יעדע מינוט אָנפאַלן אויף די אַרבעטער-קוואַרטאַלן. די פּוילישע צייטונגען, די ליבעראַלע ווי די קאָנסערוואַטיווע, זענען יענעם טאָג ארויס מיט דער ידיעה פון פּאָגראָם און מיט אַרטיקלען, וואָס האָבן געלויבט די אַרבעטער. „די אַרבעטער האָבן זיך גענומען אויסראָמען דעם שמוץ און שאַנד פון וואַרשע, געזונט זאָלן זיין זייערע הענט; זיי פאַרדינען דעם גרעסטן לויב". און ווידער האָט דאָס אַלץ געשמעקט מיט אַ פּראָוואָקאַציע.

ווי געזאָגט, איז אונזער צענטראַלער אַפּאַראַט געווען אַ קליינער און דאָ האָט מען געדאַרפט אויך גיך אָננעמען ענערגישע באַשלוסן און טאַקע גלייך זיי דורכצופירן. מיר האָבן איינגערעדט די שרייער, אַז די אַרבעט וואַרפן דאַרף מען נישט. — „אָבער וואָס וועט זיין, אויב די לומפּן וועלן אָנפאַלן אויף אונז! מיר האָבן געזאָגט, אַז נישט אַרבעטן זאָלן נאָר די יונגע, די שטאַרקע, וואָס קאָנען געבן א ווידערשטאַנד. פרויען און אַלטע לייט זאָלן יאָ אַרבעטן. האָט מען דערווידערט: — „וואָס הייסט, מיר וועלן שטיין אויפן גאַס און זיי וועלן אַרבעטן און פאַרדינען? אַז נישט אַרבעטן איז קיינער נישט". קוים וואָס מיר האָבן ביי זיי געפועלט, אַז מ'זאָל די עלטערע און די פרויען פון דער אַרבעט

נישט אַראָפּנעמען. ווייטער האָבן מיר מאָביליזירט אונזערע קאַמפּס-גרופּעס אויפן פּלאַץ, וואָס איז דעמאָלט געווען סוף דזיקע, טאָמער וועלן די לומפּן באמת באַפאַלן די אַרבעטער-קוואַרטאַלן, זאָל זיין גרייט אַ זעלבסטשוץ. אָבער דער עיקר איז געווען מאַכן אַ סוף צום פּאָגראָם, ראַטעווען די קרבנות. די מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן מיטגענומען עטלעכע באַנטע מענטשן און זענען אַוועק צו די הייזלעך. איך גיי אויף דזיעלנע, אַ גרויסער עולם רינגלט אַרום אַ הייזל. אַ צענדליק יונגע בחורים האָבן זיך שוין אַריינגעריסן אינעווייניק און אָנגעהויבן ראַבעווען. די מיידלעך האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די בעטן, אין אַלמערס. מען שלעפּט זיי אַרויס אינצעקוויס און מ׳שלאָגט זיי. זיי שרייען היסטעריש, זידלען זיך, בעטן זיך. אַז איך בין געקומען מיט אַ פּאָר חברים האָבן מיר זיך קוים אַריינגעקריגן אינעווייניק. מ׳האָט גענומען שרייען: „שטילער, די אָרגאַניזאַציע איז דאָ! דער קאָמיטעט וועט רעדן!..״ איך האָב זיך געשטעלט אויף אַ בענקל און אָנגעהויבן רעדן. איך האָב דערוויזן, אַז די מיידלעך זענען נישט קיין שולדיקע, נאָר אומגליקלעכע, קרבנות פון דער איצטיקער אָרדנונג, אַז מיט אַזאַ וועג, וועט מען די פּראָסטיטוציע נישט אויסראָמען. איינער רייסט מיך איבער: „און די מיידלעך דאַרף מען דאָך שלאָגן...״ — פאַרוואָס, חבר? — „ווייל זיי זענען „נקייוועס״... — לאָז מיר, איך וועל דעם קאָמיטעט אַלץ דערקלערן. שרייט אַן אַנדערער: אַז עס וועלן נישט זיין קיין מיידלעך, וועלן די אַלפאָנסן נישט האָבן פון וואַנען צו לעבן און זיי וועלן מוזן ווערן ערלעכע אַרבעטער. דער עולם לאַכט. עס ווערט אַ שטיקל דיסקוסיע. לסוף גיט זיך אונז דאָך איין איבערצוצייגן. מ׳גייט זיך פונאַנדער. אין נאָך אַן אָרט, אויף דערזשעלביקער דזיעלנע, זענען מיר געקומען, צו שפּעט. אין הייזל איז שוין אַלץ געווען צעראַבירט, צעבראָכן. אויף די ווענט האָבן נאָר געהאָנגען בילדלעך און 12-יעריקע יינגלעך האָבן זיי פון דאָרט געריסן און מיט די פיס געטראָטן. פון איין הייזל, איך געדענק נישט אויף וועלכער גאַס, איז זיך דער עולם צעגאַנגען נאָך אונזערע רעדעס, און אַז מיר זענען אין אַ שעה אַרום אַהין ווידער געקומען איז די שטוב איבעראַנייס געווען פול מיט מענטשן, וועלכע האָבן געראַבעוועט, געבראָכן. די מיידלעך זענען שוין נישט געווען. ערגעץ אַנטרונען געוואָרן. אונז איז אויסגעקומען ווידעראַמאָל רעדן, איבערצייגן.

איך בין ווידער אין טראַקטיר אויפן ראָג מילע, צו מיר גייט צו אַן ארבעטער מיט גרויסע הונגעריקע אויגן, איינער פון די אינדערפריעדיקע שרייער. איך פרעג אים: „וואָס שטייט איר דאָ? וואָס גייט איר נישט צום זעלבסטשוץ?״ ענטפערט ער: „כ׳האָב נישט קיין כלי״. כ׳שרייב אויף גיך אויף אַ צעטעלע צו דוד דעם שוסטער, ער זאָל אים געבן אַ רעוואָלווער, ער גייט אַוועק. אַ זייגער 4 פאַרנאַכט האָב איך דעם זעלבן אַרבעטער ווידער געטראָפן און ער האָט מיר דערציילט, גערעדט מיט ענטוזיאַזם: מיר זענען איצט געווען אויף סטאַווקע, איר ווייסט פון גרויסן „הייזל״ ביי גרשון „סמעטענע״. מיר האָבן צעשניטן זיידענע קליידער, סאַמעטענע מאַנטלען, אַסיגנאַציעס געריסן און אין רינשטאָק געוואָרפן. איר זעט, איך בין הונגעריק, איך האָב נאָך היינט אין מיין מויל נישט געהאַט... אָבער איך האָב גאָרנישט גענומען, אַ גראָשן נישט... אַן אָרנטלעכער אַרבעטער, וועט נישט שמוציק מאַכן זיינע הענט מיט אַזעלכע געלט״... און מיט אַמאָל ווערט זיין קול שטילער און עפּעס ווי שעמעוודיק: „חבר, אפשר האָט איר צו אַנטלייען פינף קאָפּיקעס אויף אַ גלאָז קאַווע?״ אָבער דער אמת מוז געזאָגט ווערן, נישט אַלע אָנטיילנעמער זענען פאַרבליבן מיט ריינע הענט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ סך פון די אָנפאַלער האָבן נישט אַלץ געריסן און געבראָכן, נאָר אַ סך מיטגענומען אַהיים. ס׳זענען פאָרגעקומען חבר-געריכטן. אַ ריי מענטשן האָט מען דערווייטערט פון דער באַוועגונג, געהייסן אַוועקפאָרן פון וואַרשע-

דאָס רוב זענען דאָס געווען פון דעם „צווישנשיכט“, וועגן וועלכן איך האָב פריער געשריבן. אָבער באַפּלעקט זייערע הענט האָבן אויך אייניקע אַרבעטער, וואָס זענען געשטאַנען נענטער צו אונז. צו שטאַרק איז געווען דער יצר-הרע! ווי מ׳האָט דעמאָלט איבערגעגעבן האָבן דעם גרעסטן אָנטייל אין פּאָגראָם גענומען די לייט פון „פּראָלעטאַריאַט“, פון שמואל דעם קייטנמאַכערס חברה. פאַרנאַכט זענען שוין די גאַסן געווען פול מיט רייטנדיקע זשאַנדאַרן און פּאָליציי. אין אייניקע ערטער זענען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן די אַלפאָנסן מיט די אַרבעטער. פּאָליציי האָט זיך נישט געמישט, אָדער געהאָלפן די אַלפאָנסן. עס זענען געווען עטלעכע קרבנות, נאָר פון די אַלפאָנסן און פון דעם צווישנשיכט. פאַרנאַכט איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען, אַז דער שפּיל איז פאַרן טייוול. דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. בפרט, אַז דער גענעראַל-גובערנאַטאָר סקאַלאָן האָט דעם זעלבן פאַרנאַכט אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף, אַז אויב די אַרבעטער וועלן זיך נישט באַרויקן, וועט ער איינפירן קריגס-צושטאַנד. אויף מאָרגן האָבן זיך די יידישע אַרבעטער פון וואַרשע געשעמט איינער פאַרן אַנדערן. אַ לאַנגע צייט האָט מען אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דער גאַנצער מעשה. און גראָד אויף מאָרגן נאָך די געשעענישן אין די אָרעמע קוואַרטאַלן האָבן די וואַרשעווער פּוילישע סטודענטן איבערגעחזרט דעם פּאָגראָם אויף די הייזלעך פון דער מאַרשאַלקאָווסקע און נייע וועלט. דאָ האָט פּאָליציי זיך שוין אַריינגעמישט און באַשיצט די הייזלעך מיט זייערע איינוואוינער. אין זעלביקן מאָנאַט האָט זיך די געשיכטע איבערגעחזרט אין לאָדזש און אין אַנדערע קלענערע שטעט. ס׳איז שוין לאַנג נאָכדעם. אַ סך איינצלהייטן האָב איך בעת מעשה אויך נישט געוואוסט. אַנדערע פּרטים זענען שוין פאַר דער צייט פאַרשוואונדן אין מיין זכרון. אָבער דאָס אַלגעמיינע בילד האָב איך, דאַכט זיך, איבערגעגעבן ריכטיק.

VI

אין 1906, אַז די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט אָנגעהויבן אַראָפּצופאַלן, איז אַוועק אַ סדרה עקספּראָפּריאַציעס און קאָמבינאַציעס. דאָס וואָרט קאָמבינאַטאָר האָב איך אין ליטע קיינמאָל נישט געהערט; עס ווערט באַנוצט אין קרוין-פּוילן און מער, ווי אומעטום, אין וואַרשע. קאָמבינאַטאָר הייסט דאָרטן אַ מענטש, וואָס מאַכט אַ לעבן פון שווינדלערישע דריידלעך און פעלשונגען. אין 1905, בעת דער אויטאָריטעט פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס איז געווען גרויס, האָבן אים די קאָמבינאַטאָרן גענומען אויסנוצן פאַר זייערע פּריוואַטע צוועקן. פריער די אַזויגערופענע „פּרעטענזיעס“. אַ באַלעבאָס האָט אָפּגעזאָגט אַ דינסטמיידל, קומט צו איר אַזאַ איינער און זאָגט: ווילסט, וועל איך אים צווינגען געבן דיר 10C רובל; דאָס געלט העלפט אויף העלפט: מיר 50 און דיר 50. אויב דאָס מיידל האָט איינגעוויליקט, איז ער אַוועק צו איר געוועזענעם באַלעבאָס און אין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע האָט ער פון אים געפאָדערט 100 רובל. גאָר נישט געבן האָט דער באַלעבאָס געהאַלטן פאַר אוממעגלעך: מיט דער אָרגאַניזאַציע שפּילט מען זיך נישט... האָט ער זיך געפּרוווט דינגען און מ׳פלעגט טאַקע אַמאָל עפּעס אָפּדינגען אויך. „פּרעטענזיעס“ זענען אויך געווען ביי אָפּגעזאָגטע האַנדלס-אָנגעשטעלטע, ביי קעלנער, כדי אַרויסצופּרעסן מער ווי די נאָרמע, וואָס די אַרבעטער-באַוועגונג האָט איינגעשטעלט. עס האָט געטראָפן, אַז מ׳האָט איינגעמאָנט „פּרעטענזיעס“ פאַר מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן די שטעלעס מיט עטלעכע יאָר צוריק און האָבן שוין לאַנג געהאַט נייע שטעלעס.

אַ גוטע „קאָמבינאַציע“ איז אויך געווען נאָכמאַכן שטעמפּלען פון בונד, פון די ס. ס.,

חתמענען דערמיט זאַמל-ליסטעס און גיין איבער געשעפטן און פּריוואַטע הייזער קלויבן געלט כּלומרשט פאַר דער פּאַרטיי. אויב עמיצער האָט נישט געוואָלט געבן, האָט מען פאַרשריבן זיין נאָמען און אַדרעס. ס'האָט געהייסן: מיר וועלן דאָס איבערגעבן דער אָרגאַניזאַציע און זי וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן... דאָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין פינפטן יאָר; אָבער דעמאָלט זענען עס געווען נאָר איינצלנע פאַלן. די רעוואָלוציאָנערע שטימונג איז געשטאַנען הויך, אויף אַזעלכע מעשים האָבן זיך דעמאָלט געלאָזן נאָר פּראָפעסיאָנעלע קאָמבינאַטאָרן, און די האָבן אויך געציטערט, טאָמער דערוויסט זיך די אָרגאַניזאַציע וועלן זיי שלעכט אָפּשניידן. אין 1906 און 1907 זענען די קאָמבינאַציעס געוואָרן אַן אָפּטע דערשיינונג; און געמאַכט האָבן זיי נישט בלויז פּראָפעסיאָנעלע קאָמבינאַטאָרן, נאָר אויך דעמאָראַליזירטע אַרבעטער און אינטעליגענטן, וואָס זענען נאָך נעכטן געווען הייסע רעוואָלוציאָנערן. בפרט אַז די אַרבעטסלאָזיקייט איז געווען גרויס און עס זענען געווען פאַרהונגערטע מענטשן, וועלכע האָבן נישט איבערגעקליבן וואָס צו טאָן, אַבי עפּעס פאַרדינען. ווען די אָרגאַניזאַציע פלעגט זיך דערוויסן, וואָס מ'טוט אָפּ אין איר נאָמען, פלעגט זי אָננעמען שטרענגע מיטלען קעגן די אַנטפּלעקטע קאָמבינאַטאָרן, אפילו צווינגען זיי אַרויסצופאָרן פון שטאָט. אָבער דעמאָלט איז שוין געווען אַזויפיל קאָמבינאַטאָרן, און אַלעמען כאַפּן און אַרויסשיקן איז געוואָרן אוממעגלעך.

צוזאַמען מיט די קאָמבינאַציעס זענען געוואָרן אַן אָפטע דערשיינונג די „עקסן". די עקספּראָפּריאַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין 1905. אָבער דעמאָלט זענען זיי געמאַכט געוואָרן צוליב דער באַוועגונג: די רעוואָלוציע, האָט מען געזאָגט, דאַרף האָבן געלט, מעג זי נעמען, וואו עס לאָזט זיך... און עקספּראָפּריאירט האָט מען כמעט דורכויס ביי מלוכה-אינסטיטוציעס, נישט ביי פּריוואַטע מענטשן. דער בונד איז בפירוש געווען קעגן די עקספּראָפּריאַציעס. אָבער אייניקע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געהאַלטן „רעוואָלוציאָנערער" פאַרן פּאַרטיי-צענטער און האָבן געקוקט צווישן די פינגער אויף די חברים, וואָס האָבן געמאַכט עקסן אויף זייער אייגענער אחריות, אַמאָל האָט אַזאַ אָרגאַניזאַציע אפילו געגעבן איר שטילע ברכה אויף אַזעלכע מעשים. דער וועג איז געווען אַ גליטשיקער: צוזאַמען מיט רעוואָלוציאָנערע אַוואַנטוריסטן האָט ער מיטגעצויגן אויך פּשוטע אַפּעריסטן און צווישן די יידישע עקסיסטן האָט אויך נישט איינמאָל געטראָפן, אַז נאָך דער ערשטער געלונגענער „שטיק אַרבעט" ווערט אַ מענטש געשטרויכלט און פאַלט אַריין אין נעץ פונם יצר-הרע. בפרט, אַז קאָנטראָלירן איז געווען אוממעגלעך: אַזעלכע זאַכן ווערן דאָך אָפּגעטאָן שטרענג קאָנספּיראַטיוו און אָפיציעל האָט די אָרגאַניזאַציע אפילו נישט געטאָרט וויסן, פון וואַנען דער אָדער יענער חבר האָט גענומען די גרעסערע סומע, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אין איר קאַסע.

פון זומער 1906, בעת די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע איז אַראָפּגעפאַלן, זענען די עקסן געוואָרן אַן אָפטע דערשיינונג, און גענומען דערצו האָבן זיך כמעט דורכויס פּשוטע אַוואַנטוריסטן, נישט צוליב אַן אידעע, נאָר צוליב אַ געשעפט. די דאָזיקע לייט זענען, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען אויפן וועג פון קלענערן ווידערשטאַנד; דעריבער האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן נישט מיט עקספּראָפּריאירן מלוכה-געלט, וואו די ריזיקע איז גרויס, נאָר מיט פּריוואַטע עקסן ביי אָנגעשראָקענע יידישע באַלעבאַטים, וואו ס'איז געווען שווער צו דערוואַרטן אַ ווידערשטאַנד. און ביים אויסקלויבן אַן אָביעקט פאַר דער עקספּראָפּריאַציע האָט מען זיך אָפּגעשטעלט נישט אויפן רייכערן, נאָר אויפן גרעסערן פּחדן. מ'פלעגט שרייבן בריוו צו פאַרמעגלעכע מענטשן און פאָדערן, אַז אין אַ באַשטימטער צייט זאָל אַ געוויסע סומע אַוועקגע-

לייגט ווערן אויף אַ באַשטימטן אָרט אָדער איבערגעגעבן ווערן אַ מענטש, וואָס וועט ספּעציעל נאָך דעם קומען, פאַר דעם, וואָס וועט נישט געבן, אָדער ער וועט זיך דערוועגן ווענדן צו דער מאַכט, איז אָנגעגרייט אַן אויפרייס. אַמאָל פלעגט מען עס טאָן נאָך פּשוטער. עטלעכע מענטשן קומען, ווייזן אַ באָמבע און טוען אַ געשריי: די הענט אַרויף! נישט רירן זיך פון אָרט! זיי נעמען צו אַלץ, וואָס איז פאַראַן, און פאַרן אַוועקגיין זאָגן זיי אָן: אַ פערטל שעה נאָך אונזער אַוועקגיין נישט רירן זיך פון אָרט! ווען נישט... אין איינצלנע פאַלן איז די באָמבע געווען אַ באָמבע און עס האָט געטראָפן, אַז זי האָט טאַקע אויפגעריסן אויך. אָבער דאָס רוב איז געווען גענוג, די אָנפאַלער זאָלן ברענגען מיט זיך אַ טעקטורענע שאַכטעלע און האַלטן עס אַזוי פאָרזיכטיק, אַז דער באַפאַלענער זאָל מיינען, דאָס איז אַ באָמבע. די אָנגעשראָקנקייט איז דעמאָלט געווען אַזוי גרויס, אַז ביי דעם ערשטן הויכן געשריי: די הענט אַרויף! פלעגן מענטשן בלייבן שטיין ווי פאַראַליזירטע.

די עקסן זענען געמאַכט געוואָרן מער ווי אַלץ פון אַזויגערופענע אַנאַרכיסטן. דאָס איז געווען דער שמוציקער רויבערישער „אַנאַרכיזם”, וואָס האָט זיך פון ביאַליסטאָק און אָדעס פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן יידישן תּחום. ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן זענען דעמאָלט געוואַקסן קליינע אַנאַרכיסטישע גרופּעס, וועלכע האָבן געפירט אַ שאַרפן קאַמף — ביז רעוואָלווערן—איינע קעגן די אַנדערע און זיי אַלע קעגן בונד. צוויי-דריי בחורים, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ פּאָר רעוואָלווערן און אַ רעצעפּט, ווי צו מאַכן דינאַמיט, גרינדן אַן אַנאַרכיסטישע גרופּע: „רויטע ברידער”, צי „ברויט אָדער טויט”, ביי וועלכע דער ציל און דער, מיטל איז עקספּראָפּריאַציע. ביי די דאָזיקע אַנאַרכיסטן האָט מען קיינמאָל נישט געקענט אָפּטיילן וואו ענדיקט זיך דער אידעישער מענטש און וואו הויבט זיך אָן דער קרימינעלער טיפּ, און אָפט איז קיין אידעע גאָר נישט געווען—דורכויס קרימינאַל. אויף איין רעוואָלוציאָנערן אַוואַנטוריסט, וואָס האָט געהאַט וועלכע עס איז אידעע, זענען געווען 10 פּשוטע לאָבוזעס און אפילו אַ פּאָר פּראָפעסיאָנעלע גנבים.

אין וואַרשע איז מען אויסגעקומען אפילו אָן דעם וואָרט אַנאַרכיזם. אַ פּאָר קאָמביבינאַטאָרן קלערן אויס אַ נאָמען, פון דער הפטורה, מאַכן אַ שטעמפּל און עס איז פאַרטיק אַן „אָרגאַניזאַציע”, וואָס גייט קלייבן געלט, מאָנט „פּרעטענציעס” א. ד. גל. אויב די קאָמבינאַטאָרן זענען פריער ווען עס איז געווען אין דער באַוועגונג האָבן זיי לכל הפּחות אַביסל געוואוסט דעם שטייגער און דעם נוסח. אויב זיי זענען אין דער באַוועגונג קיינמאָל נישט געווען, פלעגן אַרויסקומען אומגעלומפּערטע טראַגי-קאָמישע פּאַסירונגען. בעת איך בין געזעסן אין דריטן פאָרט פון וואַרשעווער פעסטונג, הערבסט-צייט 1906, האָט מען אַהין געבראַכט דריי פאַרשוינען — דעם קאָמיטעט פון דער אָרגאַניזאַציע „ערלעכע”. די דאָזיקע פאַרשוינען פלעגן גיין איבער געגנטע און די נאַלעווקעס פאָדערן ביי די סוחרים געלט. דערביי האָבן זיי זיך געהאַלטן אַזוי לעקישוואַטע, אַז די סוחרים האָבן באַלד דערקענט מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן און געגעבן צו וויסן דער פּאָליציי. דער גרינדער פון דער חברה איז געווען אַ חסיד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ היטעלע. פריער איז ער געגאַנגען איבער די הויפן האַנדלען מיט אַלטוואַרג, דערנאָך האָט ער פאַרקויפט צייטונגען און צום סוף האָט ער געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע. אין פעסטונג פלעגט ער דריי מאָל אין טאָג דאַווענען און כמעט נאָכאַנאַנד תּהילים זאָגן. פון זיין יעדער באַוועגונג איז געווען קענטיק, אַז די הויט ציטערט אויף אים. דערשלאָגן זיך פון אים אַ וואָרט איז געווען אוממעגלעך. אַז מיר פלעגן צו אים צושטיין: וואָס, ווי און פאַרוואָס, פלעגט ער אָנשטעלן אַ פּנים פון אַן אידיאָט און שווייגן. דערביי האָבן מיר נישט געוואוסט, צי איז

ער טאַקע אַ לעקיש, אָדער דאָס איז אַ מאַסקע, וואָס ער ציט אַרויף אויפן פּנים פון אונזערטוועגן. איין שותּף זײַנער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער גנב, ער האָט זיך אין פעסטונג געפילט נישט שלעכט, געווען רויק: נישקשה, די נאַטשאַלסטווא קען מען... נישט דעם ערשטן מאָל... מ׳ווייסט, איך בין נישט קיין פּאָליטיקער... פאַר וועמען עס איז אָנגעגרייט אַ שטריקל, אונזערן איינעם גיט מען טורמע, די אַרעסטאַנטסקע ראָטע איז ווערט אַ שפּיי...

אומגליקלעכער און קאָמישער איז געווען דער דריטער. אַ קליינשטעטלשער בחור פון אַ יאָר 20. געקומען אין וואַרשע „זיך לערנען און האַלטן עקזאַמען", האָט זיך אים שרעקלעך געוואָלט אַרײַן אין אַן „אָרגאַניזאַציע": ער האָט נאָך אין דער היים דערפון אַ סך געהערט; און אין וואַרשע — וואו מ׳גייט און וואו מען שטייט אָרגאַניזאַציע און אָרגאַניזאַציע. אין שטעטל האָט ער געהערט, אַז כדי אויפגענומען צו ווערן, דאַרף מען דורכמאַכן אַ סודות-פולע צערעמאָניע: זיך לאָזן בלוט, אָפּגעבן אַ שבועה האַלבע נאַכט אויף אַ בוידעם בײַ שוואַרצע ליכט און די אָרגאַניזאַציע שמעקט מיט סיביר און קייטן, אַפילו מיטן טויט. ער האָט מורא געהאַט און עס האָט אים געצויגן. ער פלעגט גיין איבער די יידישע קאָוויאַרניעס נישטערן, ווער איז דאָ די אָרגאַניזאַציע. געווען אויף דער אַרבעטער-בערזע. נאָר ווייל ער האָט צופיל געזוכט און האָט זיך פאַרדעכטיק צוגעקוקט צו אַלץ, האָט מען אים אָנגענומען פאַר אַ שפּיאָן, גוט אָנגעבראָכן די ביינער און אַראָפּגעטריבן פון דער בערזע. לסוף איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט דעם חסידל. בײַ קאָטיקן אין קאָוויאַרניע איז עס געווען. יענער פלעגט אַהין אַמאָל אַרײַנקומען און פון אונטער דער פּאָלע פאַרקויפן אַ קאָנספּיראַטיווע רוסישע צײַטונג, דערבײַ פלעגט ער זיך אַרומקוקן און זאָגן צום קונה בסוד: וואָס דאַרטן טוט זיך... אמתע טריפס... קלער אַליך בײַ זיך, אָט דער ווייס... גיי צו צו אים, גיס פאַר אים אויס דאָס האַרץ, דערצייל מיין באַגער. איך רייד און ער שווייגט.. זע איך דאָך, אַז איך האָב געטראָפן אין פּינטל... ער אַליין איז טאָקי פון יענע. ער הייסט מיר געבן אַ גלאָז קאַווע און זאָגט: טרינקט אויס און מיר וועלן גיין.. פירט ער מיך איבער קרומע גליטשיקע טרעפּ, הויך אַרויף אַזש אויפן 6-טן שטאָק: איך קלעטער און איך טרייסל זיך פאַר פחד און בין גרייט צו גיין טאַנצן פאַר שמחה: דאָס איז דאָס די רעכטע געדיכטע.. אַרײַנגעקראָכן אין אַ האַלב פינסטערן חדרל, מאַכט ער ניט קיינע הקדמות און טוט מיר גלייך אַ זאָג: „יונגערמאַן, איר ווילט אַ שטיקל אַרבעט? נעמט אָט די בריוו און טראָגט זיי מאָרגן פאַנאַנדער איבער די קראָמען אויף נאַלעווקיס. איר האָט דאָ צען שטיק. מ׳וועט געבן געלט—פאַרשרייבט אָט אין דעם פּאַפּירל. מ׳וועט נישט געבן—פאַרצייכנט דעם אַדרעס: די פאַמיליע, וועלכער נומער, וועלכע סחורה. מאַכט עס אַזוי, אַז דער באַלעבאָס זאָל זען, ווי איר פאַרצייכנט. קיין איבעריק וואָרט נישט רעדן; דאָס געלט אינגאַנצן מיר אָפּברענגען, איר הערט? פרעג איך: וואָס איז דאָס פאַר אַ בריוולעך און וואָס שטייט דערין? ענטפערט ער מיר: „דאָס דאַרפט איר נישט וויסן.." זע איך ווידער, אַז איך האָב געטראָפן טאַקע דעם רעכטן מענטשן; נאָר עפּעס געפעלט מיר נישט: „שוין צו פשוט און צו גיך... און וואו איז די שבועה?... זאָג איך אים. זייט אַזוי גוט, חבר, אַ פריער פּראָגראַמירט מיך און אָרגאַניזירט מיך..." פרעגט ער: וואָס טייטש? זאָג איך אים: דערקלערט מיר די פּראָגראַם און נעמט מיך אַרײַן אין דער אָרגאַניזאַציע מיט אַלע צערעמאָניעס זאָגט ער מיר, אַז אַ פריער דאַרף מען מיך אויספּרוּוון: איך מוז צוויי וואָכן צייט טראָגן די בריוולעך און אָפּברענגען דאָס געלט...זע איך, אַז ער איז גערעכט... האָב איך געטראָגן די בריוולעך. איך האָב געחלשט צו כאַפּן אַ קוק אין איינעם אַזאַ בריוול, אָבער איך האָב מיך איינגעהאַלטן. מ׳מוז אויסהאַלטן די פּראָבע... געלט האָב איך פאַר די צוויי וואָכ-

צונויפגעקליבן אַ רובל 30. אַז איך פלעג אַריינקומען אין אַ קראָם, פלעגן זיך די באַלעבאַטים אָנהויבן שושקען, מאַכן אַ קרומע מינע. אין איין קראָם פלעגט מען געבן אַ רובל, אין דריי פלעגט מען זאָגן: איך געב אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע, אין אַ פּאָר ערטער האָט מען מיר גע-סטראַשעט מיט פּאָליציי, אַז מ'זאָגט, בורזשויען... דאָס געלט האָב איך אים אָפּגעטראָגן אינ-גאַנצן: ווי דען? דאָס איז דאָך געלט פון דער אָרגאַניזאַציע. פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער מיר איינמאָל געגעבן אַ רובל און איינמאָל גאַנצע דריי; איך האָב זיך פאַרוואונדערט און האָב גענומען: די באַלעבאָסטע מאָנט פאַרן צימער... אין דער היים האָב איך שוין דעם צווייטן חודש אַ גראָשן נישט באַקומען... צוויי וואָכן האָט געדויערט און גראָד מיטוואָך, בעת איך האָב שוין געדאַרפט פאַרענדיקן די פּראָבע. האָט מען אונז ביידן אַרעסטירט אויף גענ-שע גאַס: אַ ייד האָט אויף אונז אָנגעוויזן... דעם דריטן האָט מען געפונען ביי אים אין שטוב... איך האָב אים פריער נישט געקענט... איצט האָב איך נאָר איין וועג: זיך מודה זיין, דערציילן, איך קאָן זיין מאַמע. זיין שוועסטער.. איך בין נישט מחויב צו גיין אַ יונגער פון דער וועלט צוליב זיי... איך וועל אַלץ דערציילן...״ איך האָב אים געזאָגט, אַז אַרויסגעבן חברים איז אַ פאַרברעך... האָט ער מיר געענטפערט: אָבער איך בין דאָך נאָך נישט געווען אין דער אָרגאַניזאַציע... איך האָב נאָך נישט פאַרענדיקט מיין פּראָבע, קיין שבועה נישט אָפּ-געגעבן... מיר האָבן אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט אויסגעבן, איז ער אויף דער פריי נישט זיכער מיטן לעבן: פאַר אַזעלכע זאַכן שווייגט מען נישט... דאָס האָט אויף אים, דוכט זיך, געווירקט. מיר זענען אָבער נישט געווען זיכער, אויב זיינע שותפים וועלן אויפן געריכט נישט אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד אויף אים, כדי זיך צו ראַטעווען. בעת איך בין אַרויס פון פּאַרס, האָב איך דאָרטן די ערלעכע נאָך געלאָזן און איך ווייס נישט, וואָס איז געוואָרן דער סוף פון זיי. די גאַנצע מעשה קלינגט, ווי אַן אַנעקדאָט. זי איז אָבער אמת, און איך האָב נאָך אַ סך קאָמישע שטריכן דורכגעלאָזן.

אין 1906 און 1907 האָט דער בונד נישט געקאָנט איינהאַמעווען די פאַרשיידענע מינים קאָמבינאַטאָרן, ווייל זיי זענען געווען צופיל און ווייל דער בונד גופא, ווי די גאַנצע אַרבע-טער-באַוועגונג האָט אָנגעהויבן פאַרלירן די כוחות אונטער די קלעפּ פון דער רעאַקציע. די רעאַקציע פון איר זייט האָט דערווייל אויך נישט געקאָנט גובר זיין די אַנאַרכיע, ווייל זי האָט זיך נאָך נישט פאַרפעסטיקט און זי האָט געהאַט צו באַקעמפן גרעסערע שונאים איידער די קליינע ווערים. און אפשר האָט זי גאָר נישט געוואָלט אויף גיך דערשטיקן די קאָמבינאַטאָרן און עקסיסטן, ווייל זיי זענען איר צונוץ געקומען אין קאַמף קעגן דער רעוואָלוציע. זיי האָבן אַראָפּגעריסן דעם מאָראַלישן אויטאָריטעט פון די רעוואָלוציאָנערן ביי די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג; זיי האָבן געוואָרפן אַ פחד אויף דער בורזשואַזיע און האָבן זי געטריבן אין די אָרעמס פון צאַריזם און דער עיקר, זיי האָבן אַריינגעטראָגן אַ דעמאָראַליזאַציע אין דער אַרבעטער-באַוועגונג. אין 1908 איז שוין די קאָנטררעוואָלוציע געזעסן פעסט אין זאָטל. די אַרבעטער-באַוועגונג האָט מען שוין נישט געדאַרפט דעמאָראַליזירן: זי איז אַזוי געווען כמעט אינגאַנצן צוגעשטיקט. די קאַפּיטאַליסטן ווידער זענען שוין געקומען צו זיך פון זייער פחד און זיי האָבן יעדן עקסיסט וכדומה אָן טענות ומענות איבערגעגעבן דער פּאָליציי. דע-מאָלט האָט די צאַרישע רעגירונג זיך גענומען ערנסט באַקעמפן די קאָמבינאַציעס און עקס-פּראָפּריאַציעס. די לעצטע עקסיסטן האָבן אין די רוסישע גובערניעס, איבערהויפּט אין אוראַ-לער געגנט אָנגענומען אַ סך שאַרפערע פאָרמען, ווי אין יידישן תחום. קעגן די עקסיסטן און קאָמבינאַטאָרן האָט מען אָנגעווענדט די האַרבסטע שטראָפן: לאַנגע יאָרן טורמע און קאַטאָרגע, אַפילו טויט-שטראָף, און אַזוי ווי דער אויפברויז אין לאַנד האָט זיך צו יענער

צייט שוין געהאַט איינגעשטילט, האָט זיך דער רעגירונג איינגעגעבן צו מאכן א סוף פון זיי אין משך פון איין יאָר צייט. אין 1906 האָט מען שוין פון עקספּראָפּריאַציעס און קאָמבינאַציעס כמעט מער נישט געהערט.

אין 1908, בעת איך בין געזעסן אויף לוקישקעס אין ווילנע, איז די טורמע געווען פול מיט „מאָנאַרכיסטן" און עקספּראָפּריאַטאָרן מכל המינים. איך האָב זיך מיט זיי באַגעגנט אויפן הויף ביים שפּאַצירן; מיר פלעגן רעדן דורכן פענצטער, זיך איבערקלאַפּן. מיט א פּאָר בין איך אַפילו געזעסן אין איין קאַמער. זיי האָבן אויף מיר געמאַכט אַ פיינלעכן איינדרוק. א וויפל עס איז אידייאישער מענטש איז צווישן זיי געווען אַ זעלטענער אויסנאַם. דערפאר זענען געווען נישט ווייניק האַלבע און גאַנצע גנבים, אַפילו פּראָוואָקאַטאָרן. דאָס רוב זענען עס געווען צעטומלטע מענטשן, וואָס האָבן נישט געוואוסט, אויף וואָסער וועלט זיי זענען. זיי זענען געווען גרייט צו פאַרשיטן חברים, אַפילו אויסקלערן אומגעלומפּערטע מעשיות אויף איינגאַנצן אומשולדיקע מענטשן, אַבי זיך ריין צו וואשן אָדער לכל הפחות אָפּציען אביסל די שטראָף טאָמער וועט דערווייל געשען אַ נס. דאָס איז געווען דער שמוציקער שוים, דער אָפּפאַל פון אַ צעטראָטענער רעוואָלוציע.

א. ליטוואַק

פון הירש לעקערטס צייטן

(זכרונות)

ווילנע איז פון תמיד אָן געווען אַ שול פאַר רעוואָלוציאָנערן. זי האָט געגעבן קאַדרען פון טוער פאַר אַ סך רוסישע שטעט. אומעטום האָט מען געקאָנט געפינען ווילנער, אַלס רעוואָלוציאָנערן פערמענט. די צאַרישע רעגירונג האָט דאָס גוט געוואוסט, און ווען אין 1902 האָט זיך די באַוועגונג אָנגעהויבן פונאנדערוואַקסן אין דער ברייט — האָט מען אין פעטערבורג באַשלאָסן פאַרניכטן דעם נעסט פון רעוואָלוציע. ווי אין זיינער צייט האָט מען אין ווילנע אַראָפּגעשיקט מוראַוויאָוון דעם תליון, כדי צו דערשטיקן די פערמענטן פונם פוילישן אויפשטאנד, — אזוי האָט מען איצט אַראָפּגעשיקט מיט די גרעסטע פולמאַכטן דעם גענעראַל-לייטענאַנט פאָן וואַל מיט אַ באַפעל אויסצוראָטן די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג. נאָך זיין קומען אין ווילנע האָט מען גלייך פארשפרייט קלאַנגען, אַז פאָן וואַל האָט פיינט מחזקות, און ער וועט נעמען אַלץ און אַלעמען אין אייזן. און מיט זיין קומען האָבן זיך טאַקע אָנגעהויבן פאַרשטאַרקטע אַרעסטן, הויזזוכונגען, פאַרשיקונגען א. אַז. וו. ווילנער גובערניע איז דערקלערט געוואָרן אונטער אַ פאַרשטאַרקטער אויפזיכט.

עס איז געקומען דער 1-טער מאי (18-טער אַפּריל אַלטער סטיל). ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע צו פייערן דעם פּראָלעטאַרישן יום-טוב. די לעצטע פּאָר יאָר האָט מען אויסער אַן אַלגעמיינעם שטרייק אויך אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע. און דאָס מאָל איז נאָך געגאַנגען אין דעם צו באַווייזן, אַז מ'האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר דעם פלייסיקן שליח פין צאַר. האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע מיטן לאָזונג „אַלע אויפן גאַס אין טאָג פון ערשטן מאַי”. מ'האָט געמאַכט עטלעכע פאָנען מיט די טראַדיציאָנעלע אויפשריפטן. ביינאַכט פון 17-טן קעגן 18-טן אַפּריל האָט מען צעוואָרפן און אויסגעקלעפּט פּראָקלאַמאַציעס וועגן דעם אַרבעטער-יום-טוב. אין שטאָט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די דעמאָנסטראַנטן, וועלכע מ'וועט פאַרהאַלטן אויפן גאַס, וועט מען שמייסן. קיינער האָט אין דעם נישט געגלויבט, ריכטיקער געזאָגט, נישט געוואָלט גלויבן. צו ווילד האָט דאָס אויסגעזען אפילו פאַר יענע צייטן. אַרויסגיין אויפן גאַס מיט אַ דעמאָנסטראַציע איז דעמאָלט בכלל געווען אַן אמתע העלדנשאַפט, אַ מסירת נפש. מ'האָט געהאַט אַ גרונט צו טראַכטן, אַז אין בעסטן פאַל וועט מען מיט גאַנצע ביינער אַהיים זיך נישט אומקערן. דאָך האָבן זיך אין דער באַשטימטער צייט אָנגעהויבן ציען אויף דייטשע גאַס (דער צענטער פון שטאָט) אַרבעטער און אַרבעטערינס און אַ קליינע צאָל אינטעליגענץ. אין איינער און דער זעלביקער מינוט, ווי לויט אַ סיגנאַל האָבן זיך אין עטלעכע ערטער אויפגעהויבן רויטע פאַנען און מ'האָט אָנגעהויבן צו זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער. פאָן וואַל האָט שוין פריער אָנגעגרייט אין עטלעכע הויפן קאָזאַקן מיט גאָראָדאָוויעס אויף פערד, וועלכע האָבן באַקומען

אַ באַפעל, קיינעם נישט זשאַלעווען און „שניידן״ אויף רעכטס און אויף לינקס. אונטער דער קאָמאַנדע פון פאָליציימייסטער, וועלכער האָט אויסגעשריגן: Бей эту сволочь (שלאָג די געמיינע חברה!) האָבן זיך די קאָזאקן ווי ווילדע חיות געוואָרפן אויף די דעמאָנסטראַנטן מיט נאַהאַיקעס און בלויזע שווערדן. די אומבאַוואָפנטע אַרבעטער האָבן קיין ווידערשטאַנד נישט געקאָנט געבן, און די דעמאָנסטראַציע איז גיך צעטריבן געוואָרן. איינציקע גרופּעס אַרבעטער וואָס זענען געשטאַנען אַרום די פאָנען, זענען אַרומגערינגלט געוואָרן; די פאָנען האָט מען צעריסן אויף שטיקלעך און די אַרבעטער אכזריותדיק געשלאָגן. עס זענען געווען איינציקע פאַרוואונדעטע און צעקאַליעטשעטע. אַ מאַן 30—40 האָט מען אַרעסטירט, אָפּגעפירט אין די קאַמערן פון ארעסט-הויז, וואו די גאָראָדאוויעס האָבן פון דאָס ניי געשלאָגן.

אין אָוונט האָט מען אין שטאָט-טעאַטער געשטעלט זודערמאַנס „היימאט״ (ראָדינאַ). אַ גרופּע אינטעליגענץ מיטן הסכם פון קאָמיטעט פון בונד האָט באַשלאָסן צו פארשפּרייטן אין טעאַטער מאַי-אויפרופן. עס איז געווען אַ בענעפיס פון אַ באַרימטן אַרטיסט און מ׳האָט געוואוסט, אַז פאָן-וואַל וועט זיין אין טעאַטער אין דער גובערנאַטאָר-לאָזשע. דאָס פּובליקום איז באַשטאַנען מער ווי אַלץ פון העכערע מלוכה-באַאַמטע מיט זייערע פרויען. אין זעלבן טאָג האָט מען גענומען קליינע צעטלעך מיט די אויפשריפטן אין רוסיש: דער אַרבעטער-יום טוב פון ערשטן מאַי! אַראָפּ די זעלבסטהערשונג! און מ׳האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין די פּאָסט-קאַסטנס ביי די ווינקלען פון די גאַסן, און אין די בריוו-קעסטלעך ביי די טירן; מ׳האָט זיי אויך צעשיקט אין קאָנווערטן אויף די אַדרעסן פון די העכערע פאָרשטייער פון דער מאַכט. די צעטלעך האָט מען פאַנאַנדערגעשיקט אויך די אויבן-דערמאָנטע גרופּע אינטעליגענץ.

געקומען אין טעאַטער איז די גרופּע (א מאַן 8—10) ארויף אויף דער גאַלעריי און זיך צעזעצט אין פארשיידענע ערטער צווישן חברים. מען האָט אַ פריער באַשלאָסן, אַז אין אָנהויב פון צווייטן אַקט וועט איינער וואַרפן אין זאַל, דער צווייטער אין גובערנאַטאָר-לאָזשע. כך הוה. נאָכן ערשטן אַנטראַקט, ווי נאָר דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן און אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט צו דער סצענע, האָט זיך מיט אַמאָל אַ שאָט געטון איבערן טעאַטער אַ גאַנצער פּעקל שניי-ווייסע צעטעלעך, (גרויס ווי וויזיט-קאַרטן) און פּראָקלאַמאַציעס, איינציקע זענען אריינגעפאַלן צו פאָן-וואַלן אין לאָזשע. אין טעאַטער איז געוואָרן אַ באַוועגונג. די דאַמען און הערן פון פּאַרטער האָבן זיך איינגעבויגן אויפצוהויבן די צעטעלעך, מיינענדיק, אַז דאָס איז באַגריסונגען פאַר די אַרטיסטן. נאָר דערזען דעם שם המפורש „דאָלאָי סאַמאָדערזשאַוויע״, האָט דער עולם גלייך מיט האַס געוואָרפן צוריק די צעטעלעך אויף דער ערד. איינציקע האָבן אָנגעהויבן אייליק צו פארלאָזן דעם טעאַטער. פאָן-וואַל איז אָנגעצונדן געוואָרן. ער האָט גלייך צוגערופן דעם פּאָליציימייסטער און שטילערהייט אָפּגעגעבן אַ פאַראָרדענונג. די וואַרפער זענען דערווייל נעלם געוואָרן. די פּאָליציי האָט זיך אין ערשטן מאָמענט פאַרלוירן און גאָרנישט געטאָן צו אַנטדעקן די „פאַרברעכער״, אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין דער אַרויסגאַנג פון גאַלעריי געווען פאַרצאַמט און ביי דער טיר זענען געשטאַנען גאָראָדאָוויעס מיט אַ פּריסטאַוו. —

די פאָרשטעלונג איז נישט איבערגעריסן געוואָרן, און מיר זענען געזעסן און געוואַרט וואָס וועט זיין, מיר האָבן געקוקט אויף דעם סצענע. אָבער אויף אונז פון הינטן האָט שוין געקוקט נישט איין פּאָר אויגן, און ווען נאָר רוקן אָדער פּראָפיל איז געווען עפּעס פאַרדעכטיקט, דעם האָט דער קאָלאָדאָשנער מיט אַ שטילן קלאַפּ אין פּלייצע אַרויסגערופן אויף די טרעפּ. דאָרטן האָט מען אים באַזוכט און ווען לויטן פּנים און קליידער האָט מען אים געקאָנט אָננעמען פאַר אַ אינטעליגענט, האָט מען אים באַפוילן צו שטעלן זיך אָן אַ זייט, נישט אַריין צוריק אין טעאַטער און נישט אַרויס אויף דער גאַס. ענדלעך איז דערגאַנגען

די ריי צו מיר. „איי דו, גיי ארויס!" האָב איך דערהערט נעבן זיך אַ קול פון אַ פּריסטאַוו. איך בין אויפגעשטאַנען און אין אויפרעגונג געזאָגט: „איך בעט מיך נישט דוצן!" נאָר דאָ האָבן מיר די גאָראָדאָוויעס אַזוי שטאַרק אַ שטויס געטאָן, אַז איך בין געפאַלן. איך האָב אַ געשריי געטאָן: „דערוועגט זיך נישט צו שלאָגן". דאָ איז צו מיר צוגעגאַנגען דער פּריסטאַוו פון 1-טן פּאָליציי-צירקל, דער באַוואוסטער סניטקאָ, וואָס איז געווען באַרימט מיט די קלעפּ, וועלכע ער פלעגט מיט זיינע אייגענע הענט געבן די אַרעסטירטע, איבערהויפּט די אַרבעטער, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר „פּאָליטיק". ער האָט מיר געפרעגט, ווער איך בין. איך האָב געזאָגט, אַז איך בין אַ לערער אין אַ רעגירונגס-שול. דאַרויף האָט ער מיר געענטפערט: איך וועל דיר אָנלערנען!... נאָר מער האָט מען מיך שוין נישט געטשעפּעט. מען האָט מיך נאָר באַזוכט, אויסגעקערט אַלע קעשענעס, באַטאַפּט פון אַלע זייטן און צוגעשטעלט צו דער גרופּע פאַרדעכטיקע. מיר האָבן פּראָטעסטירט, פאַרוואָס מ'פאַרהאַלט אונז, בעת מ'האָט ביי קיינעם קיין זאַך נישט געפינען. פּאָליציי האָט זיך געטאָן דאָס איריקע, מ'האָט פאַרשריבן גענוי אונזערע נעמען, פאַמיליעס און אַדרעסן און דאָ אויפן אָרט האָט מען אָפּגעגעבן אַ באַפעל מאַכן שטרענגע רעוויזיעס אין אונזערע וואוינונגען. די טרעפּ איז געווען פול מיט פּאָליציי. צווישן די, וואָס מ'האָט אָפּגעשטעלט אַן אַ זייט, זענען געווען גאַנץ זייטיקע מענטשן, זיי זענען געשטאַנען בלאַסע, צעשראָקענע. צו איינעם פון זיי האָט זיך סניטקאָ געווענדעט: „ווי ביסטו אַריינגעפאַלן צווישן דער סוואָלאָטש?" יענער האָט אָנגעהויבן וויינען: „סטייטש וואָס האָב איך פאַר אַ שייכות צו דער חברה? דער הער פּריסטאַוו קען דאָך מיך". סטינקאָ האָט זיך מרחם געווען אויף זיין באַקאַנטן און געהייסן אים אָפּלאָזן. פאַר גרויס דאַנקבאַרקייט איז דער באַפרייטער צוגעפאַלן צו קושן ביי סניטקאָן די האַנט. דער פּריסטאַוו האָט מיט עקל אים אָפּגעשטויסן „גיי צום טייוול".

נאָכן דורכזיפן די גאַלעריי האָט מען ענדגילטיק פאַרהאַלטן אַ מענטשן 13—14, דאַרין 3 פרויען. פון אָט די פאַרהאַלטענע האָט אויך כמעט אַ העלפט נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דער גאַנצער זאַך. ווען דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען פון טעאַטער — האָט מען אונז אַראָפּגעפירט אויפן גאַס, וועלכע איז שוין כמעט געווען ליידיק. מיט אַנטבלויזטע שווערדן האָבן אונז די גאָראָדאָוויעס אַליין אַרומגערינגלט און אַוועקגעפירט אין דער פּאָליציי-אַרעסט, וואו עס זענען שוין געזעסן די דעמאָנסטראַנטן. מען האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ קאַמער מיט אַ פאַרשטיקטער לופט. די קאַמער איז שוין געווען פול מיט שכורים, גאַסן-כוליגאַנעס און אָקאָרשט אַרעסטירטע פאַרברעכער, וועלכע מ'האָט נאָך נישט באַוויזן אָפּצופירן אין טורמע. די „חברים", צו וועלכע מ'האָט אונז אַריינגעפירט, האָבן ליידיק געמאַכט פאַר אונז איין באַנק, אָבער דאָ איז אויך נישט געווען קיין אָרט צו זיצן פאַר אַלעמען. כדי אויסצונוצן וואָס בעסער די ליידיקע באַנק, וואָס מ'האָט געשטעלט אין אונזער רשות, האָבן מיר אויסגערעכנט, אַז יעדער פון אונז קען אויף איר שלאָפן 20 מינוט — אַ „דרעמל טאָן" און „גלייך אַראָפּ". ווען עמיצער פלעגט נישט אַזוי גיך אויפשטיין, האָט מען אים פשוט אַראָפּגעשלעפּט פאַר די פיס און געלייגט אַן אַנדערן.

אַזוי איז אַריבער די נאַכט. אַ זייגער 6 אין דער פרי האָט מען אָנגעהויבן אַרויסלאָזן איינציקווייז אויפן הויף אויף באַדערפעניש. דער אויפזייער איבערן אַרעסט-הויז איז געווען אַן עלטערער גאָראָדאָוואָי, אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט מיט מעדאַלן, אַ שלאָגער און פייניקער פון די אַרעסטירטע. פלעגט זיך עמיצער פאַרשפּעטיקן אויפן הויף, האָט ער געכאַפּט אַ שטורך, אַ שטויס. מיר האָבן מיט אים געפּרואווט פאַרפירן אַ שמועס וועגן פאַרלייכטערונגען. דער „דיעדושקאַ" (זיידע), ווי מיר האָבן אים גערופן, האָט זיך פון אָנהייב נישט געלאָזט רעדן. צנדלעך מיט פּאַפּיראָסן און מיט זילבערנע מטבעות האָבן מיר געפונען אַ וועג צו זיין האַרץ,

און ער איז מיט אונז געוואָרן ווייכער, אויפגעהערט צו רופן „זשידעס״ און ד. גל.

אַ זייגער אכט האָבן מיר דורכן פענסטער דערזען, ווי די פייערלעשער האָבן אַריינגעפירט אויפן פּאָליציי-הויף ריטער. מיר זענען פּאַרציטערט געוואָרן. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט אָט דער שוידערליכער וואָגן פאַר דעם דעפּילירט איבער די הויפּט-גאַסן פון שטאָט (אין יידישן קוואַרטאַל), כדי צו וואַרפן אַן אימה אויף דער באַפעלקערונג.— 9 אַ זייגער איז האַסטיק אַריינגעלאָפן אין אונזער קאַמער דער פּריסטאַוו סניטקאָ מיט אַ 4—5 פּאָליציאַנטן און אָנגעהויבן יעדן פּערזענלעך צו באַזוכן. צווישן אונז איז געווען אַ זון פון אַ רייכן טאַבאַק-פאַבריקאַנט ד., וועלכער האָט נישט געהאַט קיין דירעקטע שייכות צום גאַנצן ענין. ער איז געווען בלאַס און האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. דער פּריסטאַוו האָט אים פּערזענלעך געקענט און, ווייזט אויס, געצויגן נישט קיין קליינע יניקה פון זיין פּאָטערס פאַבריק. דער סטודענט האָט אים ציטערנדיק געפרעגט, וואָס וועט זיין מיט אונז. סניטקאָ האָט געענטפערט „אייך גופא וועט מען נישט אָנרירן״. דער סטודענט האָט געבעטן אַ פּאַפּיראָס. סניטקאָ האָט גלייך אויסגעשטרעקט אַ גאַנצן פּאָרטסיגאַר „נעמט!״.

אַז די באַזוכונג האָט זיך געענדיקט, איז מיט אימפּעט אין באַגלייטונג פון העכערע פּאָליציי-באַאַמטע אַריין דער גובערנאַטאָר פאָן וואַל. ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ גראָבער מיט אַ רויטן געזיכט. קענטיק אַז ער פלעגט טרינקען און דאָס מאָל כדי צו זיין אין אַ „געהויבענער שטימונג״, האָט ער שוין אינדערפרי געמאַכט אַ כוס. ער האָט גלייך צו אונז אַ זאָג געטאָן: איך דאַנק אייך פאַר דער באַגריסונג מיטן יום-טוב פון 1-טן מאַי. מיין באַגריסונג וועט באַלד קומען. באַמערקט דעם סטודענט ד. האָט ער אים אַ וואָרף געטאָן: וואו זייט איר אַהער אַריינגעפאַלן? און אַרויסגייענדיק האָט ער אַ ברום געטון: „איר וועט שוין ביי מיר בונטעווען״.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן מיר דערהערט אומצענטשלעכע קולות. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן די עקזעקוציע איבער די דעמאָנסטראַנטן, וועלכע מען האָט פאַרהאַלטן אויפן גאַס. זיי זענען געזעסן אין אַ צווייטן קאָרידאָר. מיר האָבן נישט געקענט זען, וואָס דאָרטן קומט פאָר. אָבער מיר האָבן געהערט. און דאָס בלויז איז אונז פאַרגליווערט געוואָרן. ביזן לעצטן מאָמענט האָבן מיר זיך נישט געקענט גלויבן, אַז דאָס זאָל זיין מעגלעך און איצט איז עס געשען. מאַנכע פון אונז האָבן געבראָכן די הענט, געריסן די האָר פון קאָפּ, געוויינט. איינקע זענען ווי פאַרשטיינערט געוואָרן, מיר האָבן געפילט אונזער אומבאַהאָלפנקייט אין מאַכסלאָזיקייט. ווי מיר האָבן זיך דערנאָך דערוואוסט, איז פאָן וואַל אַליין געווען ביים אָנהויב פון דער עקזעקוציע, דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן אַהיים. אויסגעפירט די עקזעקוציע האָבן די פייערלעשער. מען פלעגט זיך אַריינרייסן אין אַ קאַמער, אַרויסשלעפּן מיט געוואַלט דעם קרבן. איינער פלעגט זיך זעצן אויפן קאָפּ, דער אַנדערער אויף די פיס און דער דריטער פלעגט מיטן גאַנצן כח שמייסן. ווען עמיצער האָט געחלשט, פלעגט מען אים אָפּגיסן מיט וואַסער און די עקזעקוציע פלעגט דויערן ווייטער. איינעם אַ אינטעליגענט, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן אויף דער גאַס האָט מען אַליין נישט געשמיסן, מ׳האָט אים אָבער געצוואונגען צו קוקן אויף דעם, ווי מען שמייסט די חברים; דערביי האָבן פּאָליציאַנטן מיט פּיקעס פון ביידע זייטן אונטערגעהאַלטן דעם קאָפּ פון „צושויער״, ער זאָל אים נישט אַראָפּלאָזן, נישט אָפּווענדן אין אַ זייט... אַלס פאַרשטייער פון מעדיצין איז געווען דער שטאָט-דאָקטאָר מיכאַילאָוו. — די גאַנצע „אַרבעט״ האָט געדויערט אַ גענויע שעה, וועלכע האָט זיך אויסגעדוכט ווי אַן אייביקייט. עס זענען אָפּגעשמיסן געוואָרן אַ מאַן עטלעכע און צוואַנציק, ווי מען האָט דעמאָלסט געזאָגט, אויך איין פרוי. פון אונזער קאַמער האָט מען קיינעם נישט גענומען צו דער עקזעקוציע. געשמיסן האָט מען ביז בלוט, און אַ סך זענען געווען דערנאָך קראַנק.

בליץ-שנעל האָט זיך די דערשיטערנדיקע ידיעה פאַרשפּרייט איבערן שטאָט, און אַ זייגער 10—11 האָבן אָנגעהויבן קומען אויף דעם פּאָליציי-הויף די קרובים פון די אַרעסטירטע מיט פאַרצווייפלטע פּנימער און מיט געוויין. די פּאָליציי האָט זיי באַלד דורכגעטריבן. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען פאַר קליינגעלט צוגעלאָזן צו די פענסטער אונזערע באַקאַנטע, וואָס זענען געקומען זיך דערוויסן, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען. צו זייער פאַרצווייפלונג איז נישט געווען קיין גרענעץ. אייניקע האָבן געפרעגט, וואָס טוט מען, ווי רעאַגירט מען? ווייניקער פון אַלעמען האָבן מיר זיי געקאָנט ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע.

מ'האָט אונז אָנגעהויבן ברענגען עסן. מיר פלעגן אַראָפּלאָזן פון 2-טן שטאָק שטריקלעך, אונטן האָט מען צו זיי צוגעבונדן פעקלעך מיט שפּייז און פּאַפּיראָסן און מיר פלעגן עס אַרויפציען צו זיך. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פיל האָבן אַ גאַנצן מעת-לעת נישט געגעסן, האָבן מיר דעם ערשטן טאָג זיך כמעט נישט צוגערירט צו שפּייז. כדי מ'זאָל אונז נישט שטערן צו רעדן מיט באַזוכער, האָבן מיר דעם גרעסטן טייל פון די געבראַכטע מתנות אָפּגעגעבן אונזערע שומרים לפנים וועגן האט מען געטריבן פון הויף און פון די פענסטער, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום פלעגן שוין ווייטער זיין ביי די פענסטער געשפּרעכן און טראַנספּאָרטן פון „פעקלעך". מ'האט אונז אַריבערגעפירט אין אַ גרעסערע קאַמער, וואו קיין פרעמדע זענען ניט געווען. און דאַן האבן מיר זיך אביסל דערפילט בעסער. אין קאַמער איז געווען פייכט, אָבער מען האָט געבאַרכט געזעגעכץ און אויסגעשאָטן אויף דער פּאָדלאָגע. בלויז די באַרימטע „פאַראשע" האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן און האָט פאַרפעסטעט די לופט. נאָר גאָר גיך האָבן מיר קעגן דער „שיקסע" אויך געפונען אַ מיטל. מיט אונז איז געווען אַ פאַרמאַצעווט, וועלכער האָט אָנגעזאָגט אין זיין אַפּטייק, מען זאָל שיקן גרויסע סכומים קאַלי-היפּערמאַגאַניקום. דאָס האָט מען הויפן-ווייז געשאָטן אין דער „שיקסע" — און פון דעם האָט דער ריח כמעט מאָמענטאַל אויפגעהערט.

אייפן 3-טן טאָג האָט מען צו אונז אַריינגעלאָזן אייניקע פאַרדעכטיקע סוביעקטן, כלומרשט אויך אַרעסטירטע, זיי זאָלן עפּעס דערגיין, אויסשמעקן. מיר האָבן אָבער גלייך פאַרשטאַנען מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן. די פּערזענלעכקייטן האָבן זיך דערפילט נישט היימיש און זיך געבעטן אין אַן אַנדער קאַמער. זייער בקשה איז פאַרשטייט זיך דערפילט געוואָרן. גלייכצייטיק האָבן מיר אָנגענומען מיטלען, אַז די עטלעכע זייטיקע, וואָס זענען אַריינגעפאַלן, ווי מ'זאָגט, מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט, זאָלן זיך האַלטן אָנשטענדיק און ביי אַ פאַרהער נישט רעדן קיין איבעריקס. דאָס האָט זיך איינגעגעבן, הגם אַ פּאָר פון זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו טענהן, אַז „בעסער וואָלט זיי אַ דונער איינגעשלאָגן, איידער זיי זענען געגאַנגען אין דעם פאַרפלוכטן אָוונט אין טעאַטער".

בערך אויפן 4-טן טאָג איז צו אונז אין קאַמער אַריין אַ זשאַנדאַרם-ראָטמייסטער, האָט אונז איבערפלעכלעך באַזוכט און איז אַרויס. אין אַ קורצע צייט אַרום האָט מען אונז אָנגעהויבן איינציקווייז אַרויסרופן צו אים. דורכן לאָך פון טיר האָבן מיר באַמערקט, אַז היפּשע פּאָר אויגן מ'זען זיך אונז צו דערקענען. איבערהויפּט האָט זיך אונז געוואָרפן אין די אויגן אַ קריסטלעכע פרוי, וועלכע איז עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען צום טיר. מיט אָט דער פרוי, וועלכע איז קענטיק אַלס געדונגענע אָדער פרייוויליקע שפּיאָנין געווען אין טעאַטער אויף דער גאַלעריי, בעת מ'האָט פונאַנדערגעוואָרפן די פּראָקלאַמאַציעס, האָט דער ראָטמיסטער אָפּגעשפּילט אַזאַ מין קאָמעדיע. —

דער פאַרהער איז פאָרגעקומען אין דער וואוינונג פון אַ קלענערן פּאָליציי-באַאַמטן אין אַרעסט-הויז גופא. די פרוי זאָל כלומרשט זיין די באַלעבאָסטע פון וואוינונג. ביים אַריינפירן אַן אַרעסטירטן, פלעגט זי אַרויסגיין; דערנאָך אין צייט פון פאַרהער דרייט זי זיך עט-

לעכע מאָל איבערן שטוב, זוכט שליסלען, דאָס, יענץ. דער ראָטמיסטער זאָגט צו איר: „פאַר־צייט אונז, ליבע באַלעבאָסטינקע, מיר שטערן אייך. נו, נישט לאַנג, מיר וועלן אייך באַלד באַפרייען, אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט. דערביי פלעגט די „באַלעבאָסטינקע" דערלאַנגען אַן אומבאַמערקטן וואוּנק, וואָס האָט געזאָלט באַווייזן, צי איז דער אַריינגעפירטער פון די וואַר־פער אָדער נישט און מיט אַ שמייכל ענטפערן „דעם ליבן גאַסט": „נישטקשה, נישט קשה, איר שטערט מיר נישט".

ווען מ'האָט מיך אַריינגעפירט, איז דער ראָטמייסטער אויפגעשטאַנען פון אָרט, האָט זיך העפלעך פאַרנויגט און דערלאַנגט מיר אַ שטול, געפרעגט, ווי איך פיל זיך, אויסגעשטרעקט זיין פּאָרטסיגאַר צו נעמען אַ פּאַפּיראָס.

— „ווי זייט איר ה' א. אַריינגעפאַלן צווישן די חברה און בכלל ווי גייט איר דאָ אויף דער גאַלעריי?" איך האָב געענטפערט, אַז איך בין אַן אָפטער באַזוכער פון טעאַטער און דעם מאָל האָט נאָך געשפּילט דער באַוואוסטער ש. און אַזוי ווי איך פאַרמאָג באַגרע־נעצטע מיטלען, קען איך זיך נישט דערלויבן צו נעמען טייערע פּלעצער און בלית ברירה גיי איך אויף דער גאַלעריי.

דער ראָטמיסטער האָט זיך פאַרכאַפּט: נו, איך מיין אייך נישט חלילה צו באַשולדיקן דערפאַר, אָדער מאַכן אייך אָנווייזונגען, איר זייט דאָך אַ אינטעליגענטער מענטש און ווייסט אַליין, וואָס איר האָט צו טאָן. איך אַליין, זייענדיק אַ סטודענט אין פּעטערבורג, פלעג שטענ־דיק גיין אויף דער גאַלעריי". און דאָ האָט ער מיר אָנגעהויבן צו דערציילן גאַנצע מעשיות וועגן זיינע „גליקליכע יונגע יאָרן". ער האָט געבעטן די „באַלעבאָסטינקע" דערלאַנגען פאַר מיר אויך אַ גלאָז טיי. איך בין געזעסן גאַנץ איינגעהאַלטן צו זיין פריינדלעכקייט, האָב זיך אָפּגעזאָגט פון פּאַפּיראָסן און טיי און געזאָגט, אַז איך וויל, מ'זאָל מיך תיכף באַפרייען, ווייל איך ווייס נישט, צוליב וואָס איך זיץ דאָ.

— „יאָ, ה' א. אפשר ווייסט איר, ווער ס'האָט געוואָרפן אָט די פּאַסקודסטוואָ אין טע־אַטער? (ווייזט מיר דערביי די צעטעלעך מיט די אויפרופן) דאָס איז דאָך אַזאַ נאַרישקייט. נישט שוין זשע וועלן זיי איבערשרעקן די רעגירונג מיט שטיקלעך פּאַפּיר?... איך פאַרשטיי, אַז איר האָט דאָס מסתמא נישט געטאָן, אָבער מיר קאָנען נישט באַפרייען קיינעם, איידער מיר וועלן נישט וויסן, ווער דער שולדיקער איז. דערוויסן מיר זיך דאָס, וועלן מיר באַלד אַלע אומשולדיקע באַפרייען... איך האָב אים געענטפערט, אַז איך ווייס גאָר נישט, האָט ער זיך מיט מיר גאַנץ קאַלט געזעגנט און געהייסן אַריינפירן אַן אַנדערן. —

דער פאַרהער האָט אַזוי אַרום געדויערט אַ פּאָר טעג, אין כּמעט מיט יעדערן זענען פאָרגעקומען ענלעכע געשפּרעכן. עס ווייזט אויס, אַז די שפּיאָנען האָט דאָך אויף דרייען אָנ־געוויזן, אַז זיי זענען פאַרדעכטיק, און אַן ערך אין אַכטן טאָג אַרום האָט מען אונז אַלעמען, אויסער די דריי, באַפרייט. שפּעטער זענען די דריי (אַלפעס, רעכעס מאַן און פרוי) טאַקי פאַרשיקט געוואָרן אויף עטליכע יאָר קיין סיביר. הגם, ווי איך האָב פריער געזאָגט, זיינען די אמתע וואַרפער פאַרשווינדן פון דער גאַלעריי נאָך איידער די פּאָליציי האָט זיך געכאַפּט. פאַר מיר פּערזענלעך האָט די געשיכטע געהאַט נאָך אַ געוויסע פאָרזעצונג. אין דאַמאָלסדיקע צייטן האָט אַ לערער פון אַ רעגירונגס־שול געדאַרפט זיין אויסער דעם קלענסטן פּאָליטישן חשד. וועגן מיין אַרעסט האָט זיך דערוואוסט דער בילדונגס קוראַטאָר און'האָט פאַר־אָרדנט מאַכן וועגן מיר אַ חקירה ודרישה. נאָך מיין באַפרייאונג האָט מיך אַיינגעלאַדן צו זיך דער דירעקטאָר פון די פּאָלקס־שולן. איך בין געקומען אין אַ גרויסן זאַל, וואו עס זענען געזעסן אַלע אינספּעקטאָרן בראש מיטן דירעקטאָר, אַן אַלטן מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און זי־בעציק מיט אַ לאַנגער גרויסער באָרד און אַ פּנים פון אַ פּאַטריאַרך. דער „פּאַטריאַרך" האָט

מיך גענומען אויף אַ פֿאַרהער, ווי אַזוי און ווי און וואָס איז פֿאָרגעקומען אין טעאַטער. איך האָב דערציילט, אַז מען האָט מיר געזאָגט „דו", מ'האָט מיר אַ שטויס געטאָן. דער דירעקטאָר האָט זיך געוואָלט דערקונדיקן באַשיינפּערלעך, ווי האָבן די כּאַקראַמענטאַ צעטעלעך געקאָנט פֿון דער גאַלעריע זיך צעשפּרייטן איבערן גאַנצן טעאַטער. דער זקן האָט גענומען 2 טאַליעס קאָרטן, אַוועקגעשטעלט אַ קלענערן טישל אויף אַ גרויסן און פֿון אויבן אַ שטול, ארויפֿגעקלעטערט בכבודו ובעצמו אויף דעם שטול („3-טער עטאַזש!") און אַ וואָרף געטאָן די קאָרטן פֿון דער הויך. די קאָרטן זענען געפֿאַלן צו די פֿיס פֿון די אינכּצעניִרטע צושויער -- די אינכּפּעקטאָרן. די לעצטע האָבן מסכּים געווען, אַז מען וואַרפֿט פֿון אויבן — פֿאַלט... אונטן. מיין שולד איז אויף דעם פֿאַרהער דאָך נישט דערוויזן געוואָרן. וועגן דעם, אַז מען האָט מיך באַליידיקט, האָט דער דירעקטאָר מיר פֿאָרגעשלאָגן, איך זאָל דאָס אַלץ אָנשרייבן אין אַ ראַפּאָרט און דערלאַנגען אים. פֿון דעם האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן, אויסער דעם, וואָס אין אַ האַלב יאָר ארום האָט מען געפֿונען פֿאַר „צוועקמעסיק פֿאַרן דינסט" מיך ארויסשיקן אין א קליינע קרייז-שטאָט, כּדי צו דערווייטערן פֿון „שעדלעכע ווירקונגען".

איצטער אַ פּאָר ווערטער וועגן די דעמאָלסטיקע שטימונגען נאָך דער עקזעקוציע. די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג איז געווען געוואַלדיק אויפֿגערעגט. הגם אפֿילו די באַלעבאַטים האָבן געהאַלטן, אַז די „באָד-יונגען פֿאַרדינען שמיץ", אָבער אַזוי ווי דער דאָזיקער ברוטאַלער אַקט איז אויסגעפֿירט געוואָרן כּמעט אויסשליסלעך איבער יידישע אַרבעטער — האָבן די באַלעבאַטים אין דעם דערזען אַנטיסעמיטיזם. מען קען דאָך ניט זיין זיכער מיט דער אייגענע פֿעל, זי איז דאָך אַ יידישע- און ווי באַלד, אַז עס איז אַזוי הפֿקר איז דאָך ניט שייך. ביי די מער אָדער ווייניקער דעמאָקראַטיש-געשטימטע עלעמענטן האָט זיך פֿאַרשטאַרקט דער האַס צו דער רעגירונג, פֿיל דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן ניט באַגריסן זיך און ניט געבן די האַנט דעם ד"ר מיכאַילאָוו. באַזונדערע נקמה-געפֿילן האָבן באַהערשטדי ווילנער יידישע אַרבעטערשאַפֿט. אַלע זענען געווען איבערצייגט, אַז דער שרעקלעכער שאַנד-פֿלעק מוז אָפּגעוואַשן ווערן מיט בלוט. דער „בונד" איז שטענדיק געווען קעגן טעראָר, וואָס שוואַכט אָפּ די אַקטיוויטעט פֿון די מאַסן און וואַרפֿט די לאַסט פֿון קאַמף אויף איינצלנע פּערזאָנען. אָבער אין דעם פֿאַל האָט זיך די מאַסע אַבסאָלוט ניט גערעכנט מיט דער מיינונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע און געטראַכט נאָר וועגן איין זאַך, ווי זיך אָפּרעכנען מיט פֿאָן-וואַלן. אַ טעראָריסטישער אַקט האָט געמוזט קומען סטיכיש. פֿיל אַרבעטער איינציקווייז און אין גרופּעס האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווי אויסצופֿירן דעם אַטענטאַט. מען האָט אָנגעהויבן אויסצושפּירן ווען און וואו פֿאָן-וואַל פֿאָרט ארויס. אַנטקעגן גובערנאַטאָרס הויז איז פֿאַראַן אַ סעדל, וואו עס זענען געווען בענק אויף צום זיצן די פּאָליציי האָט באַמערקט אייניקע פּערזאָנען, וועלכע זענען צו לאַנג געזעסן אויף די דאָזיקע בענק. מ'האָט זיי אַרעסטירט. און אין סעדל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ פֿאַרשטאַרקטער פּאָסטן פֿון גאָראָדאָוויעס. עטלעכע בענק זענען אינגאַנצן אַוועקגענומען געוואָרן. — עס איז אַרויפֿגעשוואומען אַ פּלאַן צו מאַכן דעם אַטענטאַט דעם 6-טן מאַי אין קאַטעדראַל, וואו מ'ריכט אָפּ אַ פֿייערלעכע תּפֿלה צוליב דעם נאָמענסטאָג פֿון ניקאָלאַי II און דערביי מוזן זיין אַלע העכערע באַאַמטע מיטן גובערנאַטאָר בראָש. אויף דער תּפֿלה פֿלעגן אויך דאַרפֿן קומען אַלע שילער פֿון די מיטל-שולן. איינער האָט געזאָלט זיך אָנטאָן ווי אַ גימנאַזיסט און אַלס אַזעלכער אומגעשטערט אַריינגיין אין קאַטעדראַל, צוגיין צו פֿאָן-וואַלן און אים דערשיסן. מ'האָט שוין געזוכט קליידער אויף דעם. אָבער צוליב אומבאַקאַנטע סיבות איז דער דאָזיקער פּלאַן ניט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, און דער אַטענטאַט איז פֿאָרגעקומען כּמעט ניט צוגעגרייטערהייט, בעת פֿאָן וואַל איז 11 אַזייגער אין אָוונט אַרויס פֿון צירק. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז עס געווען טאַקי דעם זעלביקן 6-טן מאַי. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער גובערנאַטאָר איז אַרויס פֿון

צירק באַגלייט פון אַשטאַרקער וואַך, האָט דער שוסטער הירש לעקערט צווי מאָל אויסגעשאָסן אין אים און האָט אים לייכט פאַרוואונדעט אין פוס. דער גובערנאַטאָר איז געפאַלן, מען האָט אים גלייך אויפגעהויבן און אָפגעפירט אַהיים. לעקערטן האָט מען אויפן אָרט אַרעסטירט. מ'האָט אים ווילד געשלאָגן און דערנאָך אונטער אַ שטאַרקער שמירה אַוועקגעפירט אין טורמע. — אַ געפיל פון באַפרידיקונג האָט זיך אַרויסגעריסן ביי אַלעמען אין צוגלייך אַן אַני־טוישונג, וואָס דער אַטענטאַט איז געווען נישט קיין געלונגענער. די יודישע בורזשואַזיע האָט גע־טענהט: „הלמאי א ייד?“ בכלל האָט מען אין ווילנע ניט בלויז אין יידישע קרייזן, נאָר אַפילו צווישן דער ביוראָקראַטיע אַזויפיל גערעדט וועגן די אַלע געשעענישן, אַז פאָן־וואַלס פאַרטרעטער דער וויצעגובערנאַטאָר באַליאסני האָט געפונען פאַר נויטיק צו שיקן אין פעטערבורג אַ שטרענג געהיימע דעפעש „ווילנע איז אויפגערעגט“. נאָר פעטערבורג בכלל און דער דאַמאָלסדיקער אינערן־מיניסטער פלעווע בפרט האָבן זיך נישט אָפגעשראָקן פאַר דער אויפרעגונג פון וועלכע עס איז שטעט. און הגם פאָן־וואַלס וואונד איז געווען אַ לייכטע, איז פלעווע באַשטאַנען אויף דעם, אַז לעקערטן זאָל מען משפטן לויט די געזעצן פון קריגס־צייט. ווען די טעלעגראַפן־אַגענ־טור האָט פאַנאַנדערגעשיקט וועגן דעם א קאָמוניקאַט, האָבן שוין אַלע פאַרשטאַנען, אַז דער טויט־אורטייל איז אַ פאַרטיקער, און דער משפט איז נאָר אַ קאָמעדיע. דאָך האָט נאָך געטליעט א האָפנונג. אָבער דאָס געריכט האָט אַרויסגעטראָגן אַ קורצן פסק־דין: טויט־שטראָף דורך הענגען. די אַפעלאַציע איז אָפגעוואָרפן געוואָרן. דעם 19־טן מאַי אין אָוונט האָט די מיליטערישע מאַכט מיטגעטיילט דעם ראַבינער, ער זאָל זיין גרייט אויף ביינאַכט. דער ראַבינער איז קראַנק געוואָרן, נאָר אָפזאָגן זיך פון בייזיין ביים אויספירן די טויט־שטראָף וואָלט אויסגעטייטשט געוואָרן אַלס אַנטי־מלוכהשער אַקט. עס האָט זיך געפונען אַ ייד, וועלכער האָט פאַרביטן דעם ראַבינער. אין דערזעלבער נאַכט זענען צונויפגעצויגן געוואָרן עטלעכע פאָלקן פון היגן גאַרניזאָן אויף די גרויסע מיליטערישע פעלדער אויף שניפּישאָק. דאָרטן איז שוין געווען צוגעגרייט די תליה. לעקערטס טויטן קערפער האָט מען אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב, וואָס איז געווען צוגעגרייט פון פריער*) און פאַרשאָטן מיט זאַמד. דאָס פעלד איז געווען פון אַ זאַמדיקן באָדן. אַפאָר פאָלקן האָבן דורכגעמאַרשירט איבער דעם אָרט, כדי צו פאַרטרעטן יעדן שפור פון קבר.

די מעשה מיט לעקערטס שאָס און זיין טויט האָב איך דערמאָנט בקצור, נאָר דרך אגב, ווייל זי איז שוין אַ סך מאָל באַשריבן געוואָרן. דער רושם פון לעקערטס טויט איז געווען אַ געוואַלטיקער, מענשן האָבן נעכט נישט געשלאָפן. מען דאַרף געדענקען, אַז אין יענער צייט זענען טויט־אורטיילן געווען אַ גרויסע זעלטנקייט. די טעלעגראַפן־אַגענטור האָט פאַנאַנדערגעשיקט אַ קאָמו־ניקאַט, אַז דער טויט־אורטייל איז אויסגעפירט. און אויף אַזאַ אופן האָט זיך וועגן דעם דער־וואוסט גאַנץ רוסלאַנד. כמעט גלייכצייטיק איז געמאָלדן געוואָרן, אַז לויטן באַפעל פון צאַר האָט פאָן־וואַל באַקומען אַן אויסצייכנונג און שפעטער אויך אַ העכערן אַמט. מ'קאָן זאָגן אויף געוויס, אַז די גאַנצע געשיכטע איז געווען פון די דערשיינונגען, וואָס האָבן שטאַרק מיטגע־האָלפן אויפצובלאָזן די שרפה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין 1905.

ווילנע

הירש אַבראַמאָוויטש

*) אין דער קירצער צייט, ווען די ראַטן־מאַכט איז געווען אין ווילנע, זענען געמאַכט געוואָרן פרוון צו געפינען דעם קבר, אָבער דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן.

דער ערשטער אנהויב

I

דער געדאַנק וועגן דער ערשטער יידישער אָוונט־שול אין ווילנע איז אַרויפגעשוואומען אין איינעם אַ יאַנואַר־טאָג 1897 אין כאַ־קאָוו. די זאַך איז אַזוי געווען.

אין יענעם טאָג זענען מיר, אַ קאָמפּאַניע סטודענטן־מעדיקער פון 4־טן קורס, ווי געווינלעך נאָך די לעקציעס, געגאַנגען פון קליניק דורך סומסקע גאַס צום צענטר פון שטאָט. נישט ווייט פון דראַמאַטישן טעאַטער האָב איך מיט מיינע נאָענטע הברים פון דער ליטווישער לאַנדסמאַנשאַפט, באַמערקט פרישע פּלאַקאַטן וועגן אַן אויסשטעלונג פון די כאַרקאָווער זונטאָג־שולן. אַזאַ אויסשטעלונג איז דעמאָלט אָרגאַניזירט געוואָרן צום ערשטן מאָל. מיר האָבן זיך דערמיט פאַרינטערעסירט און זענען אַריין אינעווייניק. צווישן אונז איז געווען איינער, אַ ווילנער, דוד שאַטענשטיין, וועלכער איז מיט $2^1/_2$ יאָר שפּעטער שוין אַלס יונגער דאָקטאָר, אומגעקומען פון פלעק־טיפוס. געווען נאָך אַ ווילנער, חיים גראָדזענסקי, וועלכער לעבט, דאַכט זיך, און אחיעזר.

ביז יענעם מאָמענט זענען די זונטאָג־שולן נישט געלעגן אין קרייז פון אונזערע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. מיר האָבן געוואוסט וועגן זיי זייער ווייניק, אפשר מער נישט ווי דאָס, אַז אין די זעכציקסטער יאָרן האָט די רעגירונג צוגעמאַכט די זונטאָג־שולן, אַלס אַ געפערלעכן נעסט פון פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע, אַז אין כאַרקאָוו עקזיסטירט פונדעסטוועגן אַ זונטאָג־שול, וועלכע בליט און ווערט געדולדעט פון דער מאַכט און אַז בראש פון דער דאָזיקער שול שטייט כריסטינאַ דאַנילאָוונאַ אַלטשעווסקאַיאַ, אַ באַקאַנטע ליבעראַלע טוערין אויפן געביט פון פאָלקס־בילדונג. די אויסשטעלונג, וועלכע מיר האָבן באַזוכט גאַנץ צופעליק און פאַרבייגייענדיק, האָט תיכף צוגעצויגן אונזער אויפמערקזאַמקייט. אין עטלעכע גרויסע צימערן איז געווען אייסגעהאָנגען אַ מאַסע טאַבעלן, פאָטאָגראַפיעס און דיאָגראַמען גאַנץ גוט צונויפגעשטעלט, אַ גאַנצע מחנה פריילינס און דאַמען מיט לעבעדיקע און אינטעליגענטע פנימער האָבן זיך געפרייט, מיט שמחה באַגעגנט יעדן נייעם באַזוכער און מיט היץ און פלייס האָבן זיי דערקלערט די באַדייטונג פון די אויסגעשטעלטע מאַטעריאַלן. אונז האָט אויפגענומען אַ יונגע לערערין פון דער זונטאָג־שול. באַגייסטערט פון אונזער פאַרשטענדניש האָט זי אונז געפירט פון איין טאַבעלע צו דער צווייטער. מיר האָבן גאָר גיך באַנומען די גרונטפּרינציפּן, אויף וועלכע די זונטאָג־שולן ווערן געבויט, זייערע אייגנשאַפטן. מיר האָבן באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן זייער צאָל און וואוקס, וועגן דעם סכום שילער, וועגן דער פאַרטיילונג פון די שילער, וועגן דער פאַרטיילונג פון די שילער לויטן געשלעכט, עלטער־פּראָפעסיעס און דער מדרגה פון אָנפאַנג־בילדונגס־צענז, וועגן פּראָצענט פון באַזוך און די פאַרשריטן, וואָס זיי מאַכן. גלייכצייטיק האָט מען אונז געגעבן אייניקע געדרוקטע מאַטעריאַלן

וועגן די זונטאָג־שולן און מען האָט איינגעלאַדן אַריינצוגיין א זונטאָג אין די כאַרקאָווער שולן, ווייל דער אַריינטריט אַהין איז פריי פאר יעדערן, אַפילו אין דער צייט פון די למודים. מיר האָבן דאָס טאקע געטאָן. מיר זענען געווען אין ביידע זונטאָג־שולן, פאַר מענער און פאר פרויען, און האָבן זיך אָנשוילעך באַקאַנט מיט זייער כאראַקטער און מיט דעם אַרט לערנען. מיר איז זייער געפעלן געוואָרן די אויסגעהאַלטענע לאָגיק אין דעם בוי פון אַ זונטאָג־שול, וואָס איז באַשטימט פאַר דערוואקסענע אַרבעטס־לייט, קריסטן, האלבע און גאַנצע אַנאַלפאבעטן. אַזוי ווי [illegible] דער וואָכן אַרבעטן זיי, מוז פאַר זיי דער לערן-טאָג זיין זונטאָג. אזוי ווי צווישן זיי זענען פאַראַן מענטשן פון פארשיידענעם עלטער, פון יוגנטלעכע ביז אַלטע לייט, און לויט זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג און קענטשאפט אין לייענען און שרייבן, שטייען זיי אויף אויף די פארשיידנסטע מדרגות, קומט זיי אויס איינצעטיילן אין אַ גרויסער צאָל קליינע גרופּעס, כדי צו מאַכן יעדער גרופּע לפחות וויפיל עס איז איינהייטלעך. אָבער צוליב דער גרויסער צאָל גרופּעס, קומט אויס צו האלטן עטלעכע גרופּעס אין איין צימער און דאָס גיט צו דער זונטאָג-שול נאָך א מער אייגנאַרטיקן אויסזען, ווי דער פאַרשיידנאַרטיקער עלטער פון די שילער, א סך גרופּעס — דאַרף מען האָבן אַ סך לערער און לערערינס, אויב א סך לערער — איז דאָך נישט מעגלעך צו צאָלן זיי פאַר דער אַרבעט, בפרט אז ביי די שילער נעמט מען פּרינציפּיעל קיין שכר־למוד נישט. פאַר דעם לאָקאַל צאָלט מען אויך נישט, ווייל דאָס, וואָס די שול איז אַ זונטאָגדיקע, גיט אַ מעגלעכקייט זי איינצואָרדנען אין אַ געוויינלעכער שול, וואָס איז זונטאג פריי פון למודים.

מיר האָבן זיך אויך דערוואוסט, אז אָלטשעווסקאס נאָענטסטע מיטאַרבעטערין, פרוי סאַלטיקאָווא איז איצט פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן אין כאַרקאָוו אַ שבת־שול פאַר יידישע מיידלעך. דאָס איז געווען די ווייטערדיקע אָנווענדונג פון דעם לאָגישן פרינציפּ. מאַכט מען פאַר די קריסטן זונטאָג-שולן, דאַרף מען פאַר יידן עפענען שבת־שולן. אָבער דאָ באַקומט די לאָגישע קייט א נייע ווענדונג. יידן טאָרן אום שבת נישט שרייבן, דעריבער קאָנען די למודים פאָרקומען נאָר שבת צו נאַכטס. די שבת־שול פארוואנדלט זיך אויף אַזאַ אופן אין אַן אָוונט־שול, און אויב אזוי, קאָן זי אויפהערן צו זיין בלויז אַ שבת־שול; כדי צו מאַכן גרעסערע פאָרשריט, קאָן מען פאַרכאפּן אייניקע וואָכעדיקע אָוונטן נאָך דער ארבעט. אין די זונטאָג-שולן אַרבעט מען פאקטיש חוץ זונטאָג נאָך אַ 2—3 מאָל אין מיטן וואָך. דערווייל זענען אונטער דער קלוגער אָנפירונג פון פרוי סאלטיקאָווא געמאכט געוואָרן נאָר צוגרייטונגס־שריט פאר א יידישער שבתדיקער פרויען־שול אין כארקאָוו. מיר זענען געווען אויף א פארזאמלונג פון צוקונפטיקע לערערינס פון דער דאָזיקער שול. דאָרטן זענען געווען א דריי צענדליק פריילינס און דאַמען, איבערהויפּט פון דער כאַרקאָווער יידישער בורזשואַזיע פון שטאָט: די טעכטער און פרויען וואָלאָווניק, רובינשטיין, קאָמפּאַנייצעוו א. א. פון אזא עלעמענט איז שווער געווען צו דערווארטן אַזויפיל איבערגעגעבנקייט צו דער זאך, אז זיי זאָלן סיסטעמאטיש מקריב זיין פאר דער שול זייערע אָוונט-פארווײַלונגען: טעאַטער, בעלער, אויפנאמען. חוץ דעם איז דער אויפטו גופא געווען א היפּש ביסל געקינצלט: אין כארקאָוו, א שטאָט, וואָס ליגט אויסערן תחום, האָט מען נישט געקאָנט אויסרעכענען, אז די יידישע מיידלעך זאָלן געבן א געניגנדן קאָנטינגענט צוהערער. דעריבער האָט מען אויך נישט געקאָנט דערווארטן, אז די שול זאָל בליען און האָבן א ברייטן פאַרנעם. גאָר אנדערע פּערספּעקטיוון, האָבן מיר געטראַכט, מערקן זיך אָן אין אזא שטאָט ווי ווילנע. דאָ איז פאר א שבת-שול, אַדער גיכער פאר אַן אָוונט-שול, א ברייטער פּלאַץ.

אינגיכן נאָך דעם, אינמיטן מערץ, בין איך אוועקגעפאָרן קיין ווילנע אויף די זומער־וואקאַציעס. עטוואָס שפּעטער זענען געקומען גראָדזענסקי און שאַטנשטיין. איך געדענק נישט וועמען פון אונז האָט געהערט די איניציאַטיוו, נאָר מיר האָבן באַשלאָסן ווערן פּיאָנערן אין דער זאַך פון גרינדן אין ווילנע אָוונט־שולן. פאַר יענער צייט איז דאָס געווען א געדאַנק מער ווי א דרייסטער, אָבער מיר דריי האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין וואָגן און ארויפגעלייגט אויף זיך די משא פון צוגרייטן דעם באָדן.

פון וואָס האָט מען געדאַרפט אָנהויבן? קודם כל האָב איך זיך געווענדט צו די קעפּ פון דער „באַוועגונג“, ד. ה. צו די דעמאָלטיקע פירער פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אין נאָענטסטן הערבסט פּראָקלאַמירט אַלס „בונד“. אָן זייער הסכמה וואָלט איך, פאַרשטייט זיך, נישט גענומען זיך פאַר א נייעם אויפטו, וואָס האָט לייכט געקאָנט אָנגענומען ווערן פאַר ליבעראַלע קולטור־טרעגעריי. די „טוערן“ האָבן זיך צו אונזער אידעע באַצויגן אָן א באַזונדערן ענטוזיאַזם, אָבער גינסטיק. אין ווילנע זענען דעמאָלט געווען: אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, גליעב (אברהם מוטניק), פּאַטי (סרעדניצקאַיא), בערטאַ לעווינסאָן א. א. די לעצטע האָט ארויסגעוויזן דעם גרעסטן אינטערעס צו דער זאַך, איז שטענדיק געווען אין קורס פון דער ארבעט, געגעבן עצות, צוגעצויגן סימפּאַטיקער.

פאַרזיכערט מיט דער מאָראַלישער שטיצע פון דער לינקער דעמאָקראַטיע, האָט מען איצט געדאַרפט געפינען אַ וועג צו דער רוסישער ביוראָקראַטיע. די גרעסטע אוטאָפּיע אין אונזער אונטערנעמונג איז געווען די האָפענונג צו באַקומען אַן אָפיציעלע ערלויבניש אויף עפענען די שול. אין כאַרקאָוו וואָלט דאָס געווען לייכטער, א דאַנק די גרויסע פאַרבינדונגען פון פרוי אַלטשעווסקא. אין ווילנע איז דאָס כמעט געווען נישט צום פאַרווירקלעכן. האָפן אויף באַקומען אן ערלויבניש האָט מען געקאָנט נאָר, ווען פאַר דער שתדלנות זאָלן זיך נעמען כשרע מענטשן, וואָס געניסן דעם צוטרוי פון דער מאַכט. מיר האָבן זיך געווענדעט צום פאַרוואַלטער פון דער יידישער אָנפאַנגס־שול אויף זאַוואַלנע גאַס, דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג אברהם צונזער. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אים, ווייל, ערשטנס, האָט ער פאַרנומען עפּעס א שטעל ביי דעם בילדונגס־קוראַטאָריום, האָט דאָרטן געדינט אַלס אַ מין עקספּערט אין יידישע פּעדאַגאָגישע אָנגעלעגנהייטן, און צו זיין מיינונג האָט מען זיך באַצויגן מיט אויפמערקזאַמקייט. צווייטנס, האָט מען אים רעקאָמענדירט אַלס אַ פּראַקטישן מענטשן, וואָס קאָן איינגעשפּאַרט דורכפירן די זאַך, פאַר וועלכער ער נעמט זיך. דריטנס איז ער ביי זיין גאַנצער „קאַזיאָנער“ פיזיאָנאָמיע, דאָך נישט געווען קיין פאַרביסענער אָבסקוראַנט, ווי די אַנדערע „פּערזאָן“ ביים קוראַטאָר, דער „אוטשאָני יעוורעי“ פּייוול געץ. איך מיט גראָדזענסקין זענען געקומען צו צונזערן אין שול, בעת דער גרויסער הפסקה. ער האָט אונז אויפגענומען מיט נייגיריקייט און אויפמערקזאַם אויסגעהערט. מיר האָבן אים דערציילט, וואָס די קריסטין סאַלטיקאָווא טוט פאַר יידישע מיידלעך אין כאַרקאָוו און מיר האָבן ארויסגעזאָגט אונזער מיינונג, אז אין אַזא שטאָט ווי ווילנע וואָלטן די איניציאַטיוו צו שאַפן א יידישע אָוונט־שול געדאַרפט אויף זיך נעמען די געבילדעטע און לאָיאַלע יידישע פּעדאַגאָגן. די אידעע איז אים געפעלן געוואָרן, און באַלד אויפן אָרט האָט ער געבראַכט לטובת דער שול יענע אַרגומענטן, וואָס האָבן פאַרשטייט זיך ווייניקער פון אַלץ אונז געקאָנט ארויף אויפן זינען. די דאָזיקע ארגומענטן האָט צונזער דערנאָך נאָכאַנאַנד געבראַכט אין אַלע זיינע עפנטלעכע און אָפּיציעלע ארויסטרעטונגען זיינע — דאָס וואָס מ׳וועט די יידישע דערוואַקסענע מיידלעך, קינפטיקע מוטערס (דערווייל האָט זיך גערעדט בלויז וועגן אַ מיידל־אָוונט־שול, ווייל זי איז לייכ־

טער צום פאַרו[illegible] לערנען די רוסישע שפּראַך און חשבון וועט מיטווירקן צו רוסיפי-
צירן דעם געגנט. אין דער זעלבער צייט וועט עס פאַרנעמען ביי די מיידלעך זייערע פרייע
שעהן און וועט אויך אַזאַ אופן ציען זייער אויפמערקזאמקייט פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַ-
ניזאציעס, וואָס פאַרשפּרייטן אויף זיי זייער אַנטי-מלוכהשע און אנטי-געזעלשאַפטלעכע אַגי-
טאַציעס. מיר האַבן נישט געהאַלטן פאַר נויטיק אָפּצופרעגן די דאָזיקע אַרגומענטאציע, שוין
דערפאַר, ווייל צונזער אליין, אַ מענטש נישט קיין נאַר, האָט קוים געגלויבט אין אַזאַ
באַדייטונג פון אַן אָוונט-שול. צונזער האָט גלייך אָנגעוויזן, אַז די זאַך וועט זיך לאָזן פאַר-
ווירקלעכן נאָר, ווען דערפאַר וועט זיך נעמען די „צדקה גדולה", אויב זי וועט זיך מיען
וועגן אַן ערלויבעניש אין איר אייגענעם נאָמען, ד. ה. אויב די קינפטיקע שול וועט זיין
אַן אַנשטאַלט ביי דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פון די יידישע שילן און קלויזן. אין אָט דער
ריכטונג האָט ער אונז געראָטן צו ווענדן אונזערע באמיונגען, פון זיין זייט האָט ער
אונז צוגעזאָגט מיטהילף.

נאָך פאַרן וויזיט ביי צונזערן האָב איך אָנגעשריבן צו פרוי סאַלטיקאָוו אין כאַרקאָוו
וועגן אונזערע ווילנער פלענער און פערספּעקטיוון און געבעטן צושיקן אַגיטאַציע-ליטעראַטור
איבער דער פראגע. גאָר אינגיכן, פּונקט און אַזויפיל צייט וויפל די פּאָסט דאַרף גיין קיין
כאַרקאָוו און צוריק, האָבן מיר באַקומען אַ פּעקל מיט געדרוקטע מאַטעריאַלן, דערצו אַ בריוו
וואָס האָט אונז צוגעגעבן מוט. איצט איז דער פּראַקטישער פּלאַן באַשטאַנען אין פאָלגנדיקן:
פּראָפּאַגאַנדירן די אידעע פון אַן אָוונט-שול אין מעגלעכסט ברייטערע קרייזן פון דער יידי-
שע איינפלוסרייכע אינטעליגענץ, צוגרייטן די קאָנקרעטע באַדינגונגען, ד. ה. אָפּזוכן אַ דירה,
אַ פאַרוואַלטער, אַ קוועלע פון מיטלען אויף אויסצוהאַלטן די שול, וואָרום אָן דעם וואָלט
דער אָקר ג (קרייז-קוראַטאָריום) אַפילו נישט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן אונזער בקשה וועגן אַן
ערלויבעניש. מ'האָט באַדאַרפט באַקומען די הסכמה פון די גבאים פון „צדקה גדולה"—ערשטנס
אויף צונויפצורופן אַ גרעסערע פאַרזאַמלונג פון געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס וואָלטן איינגע-
וויליקט צו דעקן די נויטיקע הוצאות אויף צו שאַפן און אויסצוהאַלטן אַ שול. צו די אַלע
האָט מען באַדאַרפן גיין, רעדן, בעטן. דערווייל איז אָנגעקומען דער זומער און די גרעסטע
צאָל אָנגעמערקט פערזאָנען זענען זיך צעפאָרן אויף זומער-וואוינונגען. נאָר מיר זענען נישט
אָפּגעשטאַנען. אַמאָל אין דרייען, אַמאָל אין צווייען זענען מיר געגאַנגען אָדער געפאָרן קיין
בעלמאָנט צו צונזערן, קיין קוטשקורישקי צו פרוי געץ, אין זאַקרעטעס, אין ווערעק. איבער
צייגטע אָנהענגער פון דער שול זענען געוואָרן דער דאָקטאָר יוליוס בלאָך, ביי וועלכן איך
בין יעדן טאָג געווען אויף מאָסטאָוואַ גאַס, ווייל איך האַב געלערנט מיט זיינע קינדער,
די פרוי מאַרקוסאָן, פאַרוואַלטערין פון אַ יידישער פרויען-שול, וואָס האָט איינגעשטימט אָפּ-
צוגעבן דעם לאָקאַל פון איר שול פאַר דער אָוונט-שול און ביי געוויסע באַוואָרענישן אויך
איבערצונעמען זי אונטער איר פאַרוואַלטונג. פרוי שעוועליאָוויטש, אויך אַ פאַרוואַלטערין פון
אַ יידישער מיידל-שול, וועלכע צונזער האָט פאָרגעלייגט, אַלס פאַרוואַלטערין פון דער אָוונט-
שול. אין דער אַגיטאַציע האָבן זיך באַטייליקט אויך אַנדערע סטודענטן: שוסטער, שאַפּיר,
און אויך די שטאָטישע דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ: פלאָרא באַרשטש, שמואל לעווינסאָן א.
אַנד. דער סטודענט גרישאַ פרנס האָט זיך גענומען „באַאַרבעטן" זיין פאָטער, איינעם פון
די גבאים, יעקב פרנס.

די פאַראַנטוואָרטלעכסטע און אַנטשיידנסטע זענען געווען אונזערע וויזיטן ביי די גבאים
און ביים „אוטשאָני יעווריי", פייוול געץ, וועלכן מ'האָט געמוזט באַזוכן, כדי ער זאָל אונז
האָס ווינציקער שאָדן אין קוראַטאָריום. באַלעבאַטים איבער דער „צדקה גדולה" זענען דע-
מאָלט געווען דריי: מוניע סאָלץ, יעקב פרנס און אַברהם סלאָנימסקי. באַזוכן דעם ערשטן איז

געווען איבעריק, ווייל זיין ספּעציאַליטעט איז די ענינים פאַר בית הקברות. די קולטורעלע ענינים האָבן זיך געפונען אין רשות ביי פּרנסן און סלאָנימסקין, און אַ חוץ דעם איז פאַר דער גילטיקייט פון די פּאַפּירן, וואָס די „צדקה גדולה״ האָט אַרויסגעגעבן, געגוג צוויי אונטערשריפטן. אין איין טאָג האָב איך מיט גראָדזענסקין אָפּגעפּטרט צוויי וויזיטן: ביי פּרנסן, ביי סלאָנימסקין און ביי ביי געצן. פּרנס, וואָס איז שוין קענטיק געווען צוגעגרייט און באַקאַנט מיט דעם צוועק פון אונזער באַזוך, האָט אונז אויפגענומען פריינטלעך און מסכים געווען צונויפצורופן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פון דער יידישער אינטעליגענץ אין לאָקאַל פון „צדקה גדולה״, דאָך האָט ער נישט באַהאַלטן זיין פאַרוואונדערונג, וואָס מיר פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ אויסטערלישע זאַך, בעת ס׳וואָלט אַ סך גלייכער געווען צו עפענען נאָך איין געוויינלעכע פאָלקס-שול פאַר מיידלעך. באַלד אויפן אָרט האָט ער אָנגעשריבן אַ פאַראָרדנונג וועגן צונויפרופן די פאַרזאַמלונג און אונטערגעשריבן זיך, לאָזנדיק דערווייל אָפן די פראַגע וועגן טאָג פון דער פאַרזאַמלונג. מיט אָט דעם ווערטפולן פּאַפּיר אין האַנט זענען מיר אַוועק צו סלאָנימסקין. ער האָט אונז אויפגענומען אין זיין גרויסן קאַבינעט (ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט) אויף ברייטער גאַס 25. ער איז שוין אויך געווען צוגעגרייט און ער האָט זיך אונטערגעשריבן אויפן פּאַפּיר, דאָך האָט ער זייער לאַנג געפּראווט אונז איבערצייגן, אַז ס׳איז גלייכער זיך אָפּצוזאָגן פון דעם פּלאַן און עפענען בעסער אַן אָוונט-שול פאַר ישיבה-בחורים אויף צו פאַרטיפערן זייערע קענטעניש אין לשון-קודש. דער „אוטשאָני יעווריי״, געץ, האָט אויך גאָר נישט געהאַט קעגן דער פּראָיעקטירטער אָוונט-שול, ער האָט אויסגעדריקט זיין טיפן באַדויערן, וואָס מיר פאַרנעמען זיך נישט בעסער מיט איינפירן לשון-קודש אין די בייטאָגעדיקע מיידל-שולן.

מיט די אַרויסגעקראָגענע אונטערשריפטן פון די צוויי גבאים זענען מיר אַוועק קיין בעלמאָנט צו צונזערן, און. האָבן צוזאַמען באַטראַכט דעם פּלאַן פון ווייטערדיקער אַרבעט. מיר האָבן אָנגעמערקט דעם צעטל פון די נויטיקסטע מענטשן, וועמען מ׳דאַרף איינלאַדן אויף דער פאַרזאַמלונג. אָנשרייבן איינלאַדונגען האָבן מיר גענומען אויף זיך, פאָרזיצער וועט, פאַרשטייט זיך, זיין יעקב פּרנס, אַלס רעפערענט האָט מסכים געווען אַרויסצוטרעטן צונזער, און ער האָט געבעטן מ׳זאָל אים אָנשרייבן אַ קאָנספּעקט. דאָס האָב איך גענומען אויף זיך. ביי אַ צווייטן וויזיט אין בעלמאָנט, האָבן מיר צונזערן דערציילט וועגן אונזערע ווייטערדיקע טריט און איבערגעגעבן אַ גענויען רעפעראַט. ער האָט איבערגעלייענט און איז געווען גערירט. „איר ווייסט מיינע הערן״, האָט ער געזאָגט, „איך בין פּשוט איבערראַשט, ווי גוט און פונקטלעך דאָס אַלץ ווערט ביי אייך געמאַכט. מיר האָבן באמת געאַרבעט מיט אַן אַלץ וואַקסנדיקן טעמפּ. ס׳איז שוין געווען באַלד סוף זומער, אינקירצן האָבן מיר שוין געדאַרפט אומקערן זיך קיין כאַרקאָוו און דאָ איז נאָך געווען אַזוי פיל ענינים צו ערלעדיקן און אויסער דעם האָבן מיר נאָך געדאַרפט איינאָרדנען אַ קאָנצערט לטובת דער יידישער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע (דעם קינפטיקן „בונד״), אונטער דער פאָן פון רעמע שענקערס, וועלכע האָבן געהאַלטן ביים רואינירט ווערן צוליב דעם בראָנפן-מאָנאָפּאָל, וואָס וויטע האָט איינגעפירט. דער דאָזיקער קאָנצערט, מיטן אָנטייל פון ווינאָגראַדאָוון, צו וועלכן מיר זענען עטלעכע מאָל געפאָרן קיין ווערעק אונטערהאַנדלען, איז ווירקליך אדורך מיט גרויס ערפאָלג.

ענדלעך זענען אַלע הכנות געווען געענדיקט, און די לאַנג-ערוואַרטעטע פייערלעכע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון „צדקה גדולה״. דאָס איז געווען אָנהויב אויגוסט, 3 אַ זייגער ביי טאָג. עס זענען צעשיקט געוואָרן איבער 60 איינלאַדונגען אין כמעט אַלע איינגעלאַדענע זענען געקומען. אויף דער פאַרזאַמלונג זענען געווען אַלע „מנהיגים״ פון שטאָט, כמעט אַלע יידישע פּעדאַגאָגן, וואָלפטער, צונזער, ריוועסמאַן, לאַזאַרעוו, מאַרקוסאָן,

בן-שעוועליאָוויטש, פּאַס-נעמזער, געץ, פּין, נײַשול, בראַמסאָן, פרוי געץ, ד״ר יוליוס בלאָך. עס זענען געווען בונימאָוויטש, זשוק, שעפּטל, קליאַטשקאָ, דער געוועזענער קאַזיאָנער ראַבינער און איצטיקער באַנק-טוער. אַלע אָנטיילנעמער, קאָן איך, פאַרשטייט זיך, נישט געדענקען. דער יוגנט האָט מען מיט אַ כּיוון קיין אײַנלאַדונגען נישט געשיקט. מיר, די דריי באַשיידענע פּיאָנערן, זענען, נאַטירלעך, געווען, נאָר מיר האָבן זיך געדאַלטן אָן אַ זײַט, אַלץ אַזוי ווי מ׳האָט פאָראויסגעזען. פּרנס איז געווען פאָרזיצער, צונזער רעפערענט. עס זענען אָנגעוויזן געוואָרן די צילן פון די אָוונט-שולן, דער קאָנטיגענט שילער, אויף וועלכן די געפּלאַנטע אָוונט-שול רעכנט אויס, עס זענען געבראַכט געוואָרן סטאַטיסטישע ציפערן וועגן דעם אַנאַלפאַבעטיזם צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. ס׳איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די שול ווערט געפּלאַנעוועט ביי דער שול פון פרוי מאַרקוסאָן און אונטער איר פאַרוואַלטונג. מ׳האָט פאָרגעלייגט דער פאַרזאַמלונג זיך אַרויסזאָגן וועגן דער פראַגע און — אויב זי וועט דעם פּראָיעקט אָננעמען, — אויסקלייבן פון זיך אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך משתדל זיין וועגן אַן ערלויבניש, שאַפן מיטלען און מאַכן די ווייטערדיקע שריט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן דעבאַטן. איין רעדנער נאָכן אַנדערן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער צייטמעסיקייט און נויטווענדיקייט פון דעם נייעם בילדונגס-אַנשטאַלט. אַלס באַזונדערע פאַרטיידיקער זענען אַרויסגעטראָטן: נײַשול און ד״ר בלאָך. עמיצער האָט אויסגעדריקט די מורא, אַז די דינסטן וועלן לויפן אין דער אָוונט-שול, און אַזוי אַרום וועלן די בעל-הביתטעס ליידן גרויסע אומאָנגענעמלעכקייטן. מ׳האָט אויך אָנגעוויזן, אַז אַ שול-לאָקאַל וואָס איז פאַרנומען ביי טאָג, טאָר נישט זיין פאַרנומען אין אָוונט, ווייל די שול-צימערן מוזן אויך אָפּרוען און זיך לופטערן, אַז אַזוי ווי די לערערינס וועלן נישט פּינקטלעך באַקומען קיין געהאַלט, וועלן זיי שלעכט ערפילן זייערע פליכטן, און אַז פון פאַרייניקן עטלעכע גרופּן אין איין צימער וועט ווערן אַן אומאָרדנונג. אַ באַזונדער לעבהאַפטן אָנטייל אין די דעבאַטן האָט גענומען קליאַטשקאָ. ער האָט גענומען אַ וואָרט כמעט נאָך יעדן רעדנער און אַז מ׳האָט אים צוליב עפּעס אַרויסגערופן פון זאַל אויף אַ 10 מינוט, האָט ער אַרייַנקומענדיק צוריק, באַלד גענומען אַ וואָרט און אַזוי אָנגעהויבן זיין רעדע: „הגם איך האָב נישט געהערט די ווערטער פון מיין פאָררעדנער, דאָך מוז איך זאָגן א. אַ. וו.

אויף די געמאַכטע אָנווענדונגען האָט מען געענטפערט גאַנץ איבערצייגנדיק. דער עיקר בנוגע דאָס לופטערן די צימערן, האָט ד״ר בלאָך אויפן גרונד פון היגיענע באַוויזן, אַז אויף דעם איז גענוג צו עפענען די פענצטער פון די שול-צימערן אויף אַ האַלבע שעה. די דאָזיקע אָנווענדונג האָט זיך דאָך איבערגעחזרט אין דער רעזאָלוציע פון קוראַטאָריום און געשאַפן גרויסע שוועריקייטן און אָפּשלעפּענישן.

די פאַרזאַמלונג האָט געדויערט אַן ערך דריי שעה און האָט זיך געענדיקט אין פולשטענדיקער אָרדנונג, אָן שום אינצידענטן. מ׳האָט געקליבן א קאָמיסיע מיט צונזערן בראש, אַלע טעזיסן פון רעפעראַט זענען אָנגענומען געוואָרן. איצט איז די פראַגע וועגן דער אָוונט-שול אַריין אין אַ נייער פאַזע — אין דער פאַזע פון מיען זיך צו באַקומען אַן ערלויבניש. אַ סך פון די אָנוועזנדע האָבן געצווייפלט, צי מ׳וועט אַזאַ ערלויבניש אַרויסקריגן. עס זענען אפשר געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן שטילערהייט אַליין אָנגעווענדט מיטלען, מ׳זאָל די בקשה וועגן אַן ערלויבניש אָפּזאָגן. דאָך האָט זיך קיינעם, בוכשטעבלעך קיינעם נישט געקאָנט חלומען, אַז ס׳וועט דאַרפן דויערן גאַנצע פ י נ ף י אָ ר, ביז די דערמאָנטע ערלויבניש וועט אַרויסגעריסן ווערן ביים „אָקרוג״. ערשט אין מאַי 1901 האָט זיך אין ווילנע געעפנט די ערשטע יידישע אָוונט-שול, וואָס עקזיסטירט נאָך ביז היינט אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ. פאַרשיידענע עטאַפּן האָט זי דורכגעמאַכט אין איר אַנטוויקלונ-

ס'האָבן זיך געביטן די דירות, די פּאַרוואַלטער, דער צוזאַמענשטעל פון די לערער און תּלמידים. מען האָט ראַדיקאַל געענדערט די פּראָגראַמען און אין אַ קורצער צייט אַרום איז אויך אָפּגעוואָרפן געוואָרן די רוסישע שפּראַך אַלס אונטעררייכטס-שפּראַך. די שול איז געוואָרן אַ וויכטיקער בילדונגס- און קולטור-פאַקטאָר, און היינט צו טאָג פאַרמאָגט ווילנע דריי יידישע אָוונט-שולן. און הגם, ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם איז זי אַנטשטאַנען ערשט אין 1901, אָבער אירע ערשטע קערנער זענען געוואָרפן געוואָרן אויף דער פאַרזאַמלונג אין אויגוסט 1897.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג, זענען מיר, די דריי פּיאָנערן, אַוועקגעפאָרן קיין כאַרקאָוו. צו שטופּן די זאַך ווייטער האָבן אויף זיך גענומען: אַננאַ געללער (ראָזענטאַל) און פלאָראַ באַרעטש.

פּ. ראָזענטאַל

דער אנהויב פון דער יידישער ארבעטער-באוועגונג אין לאדזש

דאָס איז געווען אין האַרבסט 1897, באַלד נאָכדעם, ווי דער „בונד" איז באַשאַפן געוואָרן.

שוין אַ צייט פריער האָב איך געטראַכט צו פאַרלאָזן וואַרשע און אריבערפעקלען זיך קיין לאָדזש, כדי אויפצוהויבן אַן אַרבעטער-באַוועגונג אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט, וואו ביז אַהער איז נאָך אַפילו קיין סימן פון באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער נישט געווען.

מיט די באַדינגונגען פון דער אַרבעט אין לאָדזש האָב איך מיך באַקענט נאָך פריער, אין מיטן זומער, ווען, געיאָגט פון שפּיאָנען אין וואַרשע, האָב איך אויף אַ צייט „אָפּגעצויגן" קיין לאָדזש און דאָרטן זיך אויפגעהאַלטן ביי אונדזערן אַ סימפּאַטיקער, ליפּע נאָוואָגרודסקי, וואָס האָט געפירט אַ משכיליש-אַפּיקורסישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַ גרופּע בית-מדרש-בחורים. דורך אָט די בחורים האָב איך מיך באַקענט מיט אַ גרופּע וועבער און שערער, אויך געוועזענע בית-מדרש-בחורים.

איך האָב באַלד איינגעזען, אַז לאָדזש איז דאָס פּאַסנדסטע אָרט אויסצופּרואוון מיין נייע טאַקטיק: אָרגאַניזירן אַ מאַסן-באַוועגונג דורך דירעקטע מאַסן-אַגיטאַציע: דורך גרעסערע פּאַך-פאַרזאַמלונגען וועגן לוין-פראַגן ווי אויך דורך פאַרשפּרייטן פלוג-ליטעראַטור; נישט לויט דער אַלטער טאַקטיק, וועלכע האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַשאַפן פריער „פּראָפּאַגאַנדע-קרייזלעך" פון געקליבענע בעסערע אַרבעטער און דערנאָך ערשט, לאַנגזאַם, בהדרגה, זיך פאַרבינדן מיט דער מאַסע גופא.

איצט איז מיין באַשלוס געוואָרן אַ פעסטער, און דער „קאָמיטעט" האָט אים אויך אָנגענומען. אין אַ שיינעם פרימאָרגן, באַגלייט מיט דער ברכה פון „פאָרשטייער" פון קאָמיטעט דזשאָן (יוסף מילל) בין איך אַוועק צום וואָקזאַל. איך בין אָראָפּגעקומען אין לאָדזש מיט אַ פּאָר רובל אין קעשענע, מיט אַ טשעמאָדאַן „ליטעראַטור" אין האַנט, מיט דער טיפער איבערצייגונג, אַז ביי דער נייער טאַקטיק וועט מיר געלונגען אין עטלעכע חדשים אויפצוטאָן דאָס, אויף וואָס מ'האָט פריער געדאַרפט יאָרן.

* *

*

א חוץ די אויבנדערמאָנטע פּאָר וועבער, וואָס האָבן, ווי אַ רעוואָלוציאָנערער מאַטעריאַל, קיין ווערט נישט געהאַט, האָט זיך צו יענער צייט געפינען אין לאָדזש אַ ביאַליסטאָקער וועבער, אייזיק, -- זיין פאַמיליע-נאָמען האָב איך ליידער פאַרגעסן, — וואָס איז שוין

געווען א „חבר“, אָדער „אַן אָרגאַניזירטער“. באַלד נאָך מיין קומען האָב איך אים אויסגעזוכט, דערקלערט מיין פּלאַן „אויפצורודערן“ די מאַסע דורך פלוגבלעטער און אַגיטאַציע-בראָשורן, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט, און וועלכע מיר וועלן אונטערוואַרפן אין די יידישע קוואַרטאַלן. דער פּלאַן איז אים געפעלן געוואָרן און מיר זענען טאַקע גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

לויט די היינטיקע השגות קומט אויס אַביסל קאָמיש אָנצורופן „רעוואָלוציאָנערע אַרבעט“ דאָס אונטערוואַרפן ביכלעך און בלעטלעך, וואו עס האָט זיך דערהויפּט גערעדט וועגן דער נויטיקייט פון אַ קורצן אַרבעטס-טאָג, העכערן לוין וכדומה, — מיט קיין פּאָליטישער אַגיטאַציע זענען מיר אין אָנהויב נישט אַרויסגעטראָטן. אין דער אמתן איז דאָס דעמאָלט געווען אַ שטיק ערנסטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט, דערהויפּט אין *לאָדזש*, מיט אירע ספּעציפישע באַדינגונגען.

לאָדזש האָט דעמאָלט זיך געפינען אין גאַנצן גלאַנץ פון איר אויפבליונג. דער אונטערנעמונגס-גייסט פון דעם דייטשישן פאַבריקאַנט און די רירעוודיקייט פון דעם יידישן סוחר האָבן געבראַכט דערצו, אַז לאָדזש איז געוואָרן אַ געפערלעכער קאָנקורענט פון די רוסישע טעקסטיל-צענטרן. זי איז געוואָרן אַ גרויסע פאַבריק-און האַנדל-שטאָט, וואָס איר גלייכן איז נישט געווען אין פוילן. אַ מוראדיקער האַרמידער פון ספּעציעל געבויטע פורגאָנען אויף פונאַנדערצופירן פון איין פאַבריק אין די צווייטע האַלב-פאַבריקאַטן, אַ שרעקלעך געווימל אין צענטער פון מענטשן פון פאַרשידענע טיפּן און ראַסן אַפילו, און איבער דעם אַלעמען אַ וואַלד קוימענס און אַ וואָלקן רויך.

אָט דאָס דאָזיקע *לאָדזש* האָט דעמאָלט צו זיך געצויגן אַ מעכטיקן שטראָם יידן, וואָס האָבן געזוכט צו מאַכן דאָרטן אַ לעבן, ווייל „קרעדיט“ האָט אין לאָדזש זיך געוואַלגערט פשוט אין די גאַסן: נישט בלויז פאַר סחורה האָט מען געצאָלט מיט וועקסלען, נאָר אפילו פאַר דירה, פאַר קוילן און אפילו אין קרעמל פאַר קלייניקייטן. און איז איינעם געלונגען זיך אַריינצוכאַפּן אין דער סוחרישער וועלט און עטלעכע מאָל אָנצוזעצן—האָט ער געקאָנט זיכער זיין, אַז זיין מעמד איז אַ פעסטער.

אָבער צוזאמען מיט די פעקל-כאַפּער, גליק-זוכער און לופט-מענטשן האָט זיך קיין לאָדזש געצויגן אויך אַ גרויסער שטראָם אָרימע לייט, דערהויפּט יונגוואַרג, פון דער אַרומיקער פּיעטריקאָוו-קאַלישער סביבה, וואָס האָט געזוכט אין לאָדזש אַרבעט און נאָר אַרבעט, ווייל דאָס פוילישע שטעטל אויף דער רעכטער זייט ווייסל איז שוין דעמאָלט שטאַרק פאַראָרימט געוואָרן און דער וועג קיין אַמעריקע איז נאָך גאָר שוואַך באַקאַנט געווען, — האָט זיך אַלץ געוואָרפן קיין לאָדזש.

די קאָנסטרוקציע פון דער לאָדזשער טעקסטיל-אינדוסטריע איז געווען זייער אַן אייגנאַרטיקע. אַזוי ווי אין אַ וואַלד וואַקסן אונטער הונדערט-יעריקע ריזן-בוימער — קליינע בוימעלעך און קשאַקעס, אַזוי האָבן זיך צו די הויכע קוימענס פון די ריזן-פאַבריקן צוגעטוליעט אַ גרויסע צאָל קליינע פאַבריקלעך, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט איין געמיינזאַמען מאָטאָר, אָדער מיט דעם אַלטפרענקישער האַנט-שטול אָנשטאָט אַ מעכאַנישן. און עס האָט זיך אפילו געטראָפן, אַז אָנשטאָט דער פאַבריק איז געווען בלויז אַ מאַגאַזין פון גאַרן, וואָס פלעגט פאַרטיילט ווערן צווישן עטלעכע „לוין-וועבער“, וואָס האָבן געאַרבעט יעדערער ביי זיך אין דערהיים אויף עטלעכע אָדער אַפילו אויף איין שטול.

אַז דער יידישער אַרבעטער האָט אין גרעסערע מאַסן גענומען זוכן באַשעפטיקונג אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע, האָט ער געפונען די גרעסערע מעכאַנישע פאַבריקן: שפּי-

נערייען, וועבערייען און אַפּרעטורן שוין באַזעצט פון קריסטלעכן פּויליש-דייטשישן אַרבעטער. דער שבת איז אים אויך געשטאַנען אין וועג. האָט זיך די גרויסע מאַסע יידישע וועבער באַזעצט אין די לעכער פון ב אַ ל ו ט ביי די האַנט-שטולן און געאַרבעט עבודת-פּרך פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט פאַר אַ קלאָגעדיקן לוין ביי דעם פאַרמיטלער-לוין-וועבער, וואָס זיין לאַגע איז עפּטערס געווען נישט פיל בעסער, ווי פון זיין געזעלן.

אָט דעם דאָזיקן עלעמענט האָבן מיר, איך מיט אייזיקן, זיך געשטעלט פאַר אַ ציל „אויפצוהויבן" נישט ביסלעכווייז, נאָר טאַקע מיט א יי ן מאָ ל.

די אויפגאַבע איז געווען אַ געוואַגטע. די גרויסע מאַסע וועבער איז באַשטאַנען פון אַ פאַרגרעבטן קליינשטעטלדיקן עלעמענט, וואָס האָט קוים עפּעס געקאָנט לייענען, צעזייט איבער טויזנטער וועבער-ווערקשטעלן, מערסטנטייל האָבן זיי געוואוינט ביי דעם מייסטער, דעם לוין-וועבער גופא. דערביי איז דער מער-אינטעליגענטער טייל — די קעטן-מאַכער, די שערער, — באַשטאַנען לויטער פון בית-מדרש עלעמענטן, וואָס בלויז יחידים פון זיי זענען געווען זייער אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר סאָציאַליסטישער פּ ר אָ פּ אַ ג אַ נ ד ע, דאָס רוב אָבער איז געווען דורך און דורך קאָנסערוואַטיוו, האָט זיך געפירט חסידיש, געקלעפּט צום „שטיבל" און געקוקט אויף די וועבער פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף אַזעלכע, מיט וועמען ס'איז אַ פּחיתת הכבוד צו האָבן אַ מגע-ומשא.

דערצו נאָך—דער אומבאַשרייבלעכער פּחד פאַר „פּאָליטיק", וואָס האָט זיך טיף איינגעפּקבערט אין דער פּסיכיק פון אַלע טיילן פונם פּוילישן יידנטום אָן אויסנאַם. וועגן „ציציליסטן" פלעגט מען אין דער מאַסע דערציילן די ווילדסטע מעשיות, ווי אין די קאַזעמאַטן דרעשט מען זייערע לייבער אויף אַן אכזריותדיקן אופן און מ'שינדט פון זיי שטיקער לעבעדיקערהייט. און האָט מען אַמאָל געהערט, אַז אַ „סטודענט" (ס ט ו ד ע נ ט און ס אָ צ י אַ ל י ס ט זענען ביי דער ברייטער מאַסע שטענדיק געווען אידענטיש) איז „אַריינבעפאַלן", האָט מען סודותדיק און מיטן גרעסטן יאוש זיך געזעגנט מיט אים, ווי מיט „הלך לעולמו".

דאָס האָט אונז דאָך נישט אָפּגעהאַלטן. מיר זענען געווען זיכער, אַז די אויסגעהונגערטע יידישע וועבער-מאַסע וועט זיך אָפּרופן אויף אונזער רוף און — „דורך עקאָנאָמיע צו פּאָליטיק" — האָבן מיר אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן בלעטלעך און בראָשורן וועגן לוין און אַרבעטס-טאָג.

טאָג בייטאָג, ווען עס פלעגט ווערן פינסטערלעך, פלעגן מיר זיך אַוועקלאָזן אויף ב אַ ל ו ט און אין די שכנישע גאַסן און אונטערלייגן ערגעץ אויף אַן אָרט, אַז מ'זאָל עס באַלד געפינען, דאָ אַ בלעטל, דאָרטן אַ בראָשורל; און אין גיכן האָט אין שטאָט אָנגעהויבן צו קאָכן. מ'האָט אונזער ליטעראַטור געלייענט. געציטערט — און דאָך געלייענט. געציטערט— און איבערגעגעבן ווייטער. און גאָר אינגיכן האָט זיך באַשאַפן ביי דער ברייטער יידישער אַרבעטער-מאַסע אַ שאַרפע שטרייק-שטימונג. מער האָבן מ'ר דערווייל נישט געדאַרפט.

צוזאַמען מיטן אונטערוואַרפן „ליטעראַטור" האָבן מ'ר געפירט די אַרבעט אויך אין אַ צווייטער ריכטונג. דורך די פּאָר בחורים פון נ אָ וו אָ ג ר ו ד ס ק י ס חדר האָבן מיר באַקומען אַ צוטריט צו אַ טייל וועבער, וואָס זייער גייסטיק לעבן האָט אָנגענומען אַ ווענדונג פון „גאָטזוכעניש" און זיי זענען גאָר אינגיכן געוואָרן בני-בית ביי דער יעוואַנגעליסטישער סעקטע „באַפּטיסטן" און נישט איינער פון זיי האָט שוין געהאַלטן גאָר נאָענט פון שמד.

אויף דער דאָזיקער מערקווירדיקער דערשיינונג לוינט זיך נענטער אָפּצושטעלן. די פּוילישע פּראָווינץ האָט קיינמאָל נישט איבערגעלעבט די השכלה-עפּאָכע, ווי דאָס איז געווען אין ליטע און אוקראַינע. דער תלמודיזם צוזאַמען מיטן צדיקיזם האָבן דאָס גאַנצע יידישע

לעבן אין דעם פּוילישן שטעטל געהאַלטן אין הינערפּלעט ביז גאָר דער לעצטער צייט, האָבן עס אַרומגעצוימט מיט טויזנטער גדרים, אין וועלכע עס איז געווען אוממעגלעך זיך עפּעס פרייער אַ באַוועג צו טאָן. איז אָבער די יוגנט, זוכנדיק אַרבעט, אַריינגעפאַלן אין תהום פון דער גרויסער פאַבריק-און האַנדל-שטאָט, מיט איר אויסערלעכן גלאַנץ, פאַרשייטקייט און טויזנטער סתירות — האָט דאָס באַלד ביי איר געמוזט אַרויסרופן אַ שטאַרקן גייסטיקן קריזיס. אַ טייל איז אַריינגעפאַלן אין הפקרות; ביי אַן אַנדער טייל אָבער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן דער קריטישער געדאַנק אין דער פאָרם פון זוכן נייע יסודות פאַר דעם רעליגיעזן און עטישן לעבן.

צו יענער צייט האָט די סעקטע באַפּטיסטן געפירט אין לאָדזש אַן אינטענסיווע פּראָפּאַגאַנדע. די פּראָפּאַגאַנדע איז, פאַרשטייט זיך, געפירט געוואָרן דורכויס אין דער דייטשישער יעוואַנגעלישער סביבה, אָבער על-פּי צופאַל זענען אין איר אַריינגעצויגן געוואָרן אויך אַ געוויסע צאָל יידישע גאָט-זוכער, אויף וועלכע די באַפּטיסטישע לערע מיט איר פרייער קריטיק פון דער ביבל, מיט אירע עטישע עקרים און דאָס אחדות, וואָס האָט געהערשט צווישן די באַפּטיסטן, האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. יידישע יונגעלייט, און אַפילו עלטערע, עסלעכע און דרייסיק יעריקע אויך, זענען געוואָרן גאָר אָפטע אַיינגייער אין די באַפּטיסטישע טעמפּלען, און נישט איינער פון זיי האָט שוין געהאַלטן גאָר נאָענט זיך צו באַהעפטן אָן יעזוסן און צו ווערן אַריינגענומען אַלס גלייכער אין דער משפחה פון די „אויסדערוויילטע" (די באַפּטיסטן האַלטן זיך פאַר שטאַרקע אתה בחרתנוקעס):

אָט די דאָזיקע גאָט-זוכער האָבן מיר באַשלאָסן צו נעמען אין אונזערע הענט אַריין, ווי אַ דענקנדיקן און אינטעליגענטן עלעמענט. און די זאַך איז אונז געלונגען. נאָך אַ פּאָר היציקע דיסקוסיעס, וואו סאָציאַליזם איז געוואָרן אויסגעמישט מיט תורת-משה, עטיק מיט דער פאָרם פון דער קריסטלעכער טויפע, תלמוד און תנ"ך — מיט דער פראַגע פון אַרבעטסלוין און אַרבעטס-טאָג, — זענען די בחורים שוין געווען אינגאַנצן אונזערע און עטלעכע פון זיי, ווי דער „באַפּטיסט" (זיין נאָמען האָב איך לײדער פאַרגעסן, אָבער דאָס צונעמעניש „באַפּטיסט" איז אים פאַרבליבן ביז צום סוף), משה לייב לעווקאָוויטש (באַגאַנגען זעלבסטמאָרד איבער פערזענלעכע סיבות אין ביאַליסטאָק אין דריטן אָדער פערטן יאָר) זענען שפּעטער געוואָרן אָנגעזעענע טוער אין „בונד".

אַזוי אַרום האָבן מיר פון איין זייט אויפגערודערט די מאַסע דורך פלוג-ליטעראַטור און פון דער צווייטער זייט האָבן מיר אַלץ פאַרגרעסערט די צאָל באַזוכער פון אונזערע פּראָפּאַגאַנדע-שטיבלעך, וואו צוזאַמען מיט תורת מאַרקס האָט מען אויך פלייס'יק געקנעלט מיט די נייע תלמידים תורת קאָנכפּיראַציע. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אַ חוץ אייזיקן האָט קיינער פון די נייע אַ לענגערע צייט נישט געוואוסט נישט מיין אמתן נאָמען און נישט מיין אַדרעס. אַזוי האָט זיך געצויגן אַ צוויי דריי חדשים.

און אַז דער צ. ק. (אין יענער צייט פאַר אַ יונגען חבר עפּעס אַ מיסטעריעז, נישט באַקערפּערטע באַשעפעניש, מיט אַ זיק-פלאַץ כמעט אין די וואָלקנס) האָט זיך דערוואוסט פון אונזער דערפאָלג אין לאָדזש, האָט ער אָנגעהויבן אַראָפּצושיקן „הילף".

פריער איז אַראָפּגעקומען ראָזאַ גרינבלאַט, אַ וויטעבסקערין, אַן עקזאַלטירט מיידל פון דעם דעמאָלטבאַרימטן אַמסטערדאַמס חדר, אַ אינטעליגענטקע מיט אַ קאָמפּליצירט רייך גייסטיק לעבן (שפּעטער חתונה געהאַט מיט דעם באַוואוסטן ציוניסטישן פירער אַבערסאָן און געוואָרן אַ פאַרביסענע ציוניסטקע) צו איר איז דערנאָך אַראָפּגעקומען אירע אַ פריינדין, די ווילנער שניידערין שיינע רייזל סעגאַל (באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין פּאַריז) און נאָך איינע אַ נופעריקע פון ביאַליסטאָק. שפּעטער איז גאָך

צוגעקומען „ג ל י ע ב" (אַבראַם מוטניקאָוויטש, (אַוועק פון דער באַוועגונג, לעצטנס אַ פּאַרלעגער אין בערלין) און באָריס פרומקין פון מינסק (איצט אַ קאָמוניסט אין מאָסקווע).

די משפחה, הייסט עס, האָט זיך פאַרגרעסערט, און אָנשטאָט דער פריערדיקער לויזער „גרופּע" איז באַשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון „בונד".

אַזוי איז אַדורך דער ווינטער. מיר האָבן שוין געהאַט ברייט פאַרצווייגטע באַציונגען מיט דער „מאַסע" נישט בלויז וועבער, נאָר אויך פון אַנדערע פאַכן. די מורא פאַר „טריפה" ביכלעך איז ביסלעכווייז פאַרשוואונדן, און די מער אַנטוויקלטע אַרבעטער האָבן ממש געשלונגען די נייע תורה. די יידישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור איז נאָך אָבער דעמאָלט געווען גאָר יונג און אָרים, די לעגאַלע פּובליציסטיק איז געווען אפשר נאָך אָרימער, און תורה שבעל-פה האָט געמוזט זייער אָפט פאַרטרעטן דאָס געדרוקטע וואָרט. אַחוץ דעם האָבן מיר אָנגעהויבן איינצואָרדנען „מאַסואווקעס", פאַרזאַמלונגען ביז עטלעכע און דרייסיק מאַן, וואו מ'פלעגט שוין אַרויסטרעטן מיט רעדעס. פאַרשטייט זיך, אַז די קאָנספּיראַציע פלעגט ווערן דערביי גאַנץ שטרענג אָפּגעהיט: פּיקעטן אויף דער גאַס פלעגן אומבאַמערקט פאַרזייטיקע אָנווייזן די ריכטונג, וואו צו גיין, און די גאַנצע צייט פון דער מאַסואווקע פלעגן אויף דער גאַס זיך אַרומדרייען „פּאַטרולן" אויפן פאַל, טאָמער קומט אָן פּאָליציי.

אָט די מאַסואווקעס איז געוואָרן מעגלעך איינצואָרדנען נאָר אין סביבה פון פּאַסיווער און אַקטיווער סימפּאַטיע צו דער נייער באַוועגונג; ווייל פאַר די שכנים פון די קליינע הייזלעך אויף באַלוט, וואו די מאַסואווקעס פלעגן געוויינלעך פאָרקומען, איז פאַרשטייט זיך, געווען אוממעגלעך זיך אויסצובאַהאַלטן; אָבער די געפאַר פון אַ דירעקטער מסירה איז געווען אויסגעשלאָסן.

שווערער איז געווען צו קריגן פּאַסנדיקע דירות פאַר די דאָזיקע „מאַסואווקעס", ווייל דער אייגנטימער האָט גוט געוואוסט, אַז ביי אַ דורכפאַל ריזיקירט ער מיט יאָרן טורמע און אפילו סיביר. אָבער אויך די מניעה איז אין אַ געוויסער מאָס באַזייטיקט געוואָרן, ווייל, נישט געקוקט אויף דער סכנה, האָבן עטלעכע פון די סימפּאַטיקער געהאַלטן פאַר אַן אמתער מצוה אונדז אין דעם פּרט צו דינען. און די סימפּאַטיקער זענען דאָך רוב באַשטאַנען נישט פון אַרבעטער גופא, נאָר פון דעם מין „קליינע מענטשעלעך", וואָס בילדן די פּראָלעטאַרישע פּעריפעריע: גאַסן-הענדלער, פורמאַנעס וכדומה. איינער פון זיי איז מיר געבליבן אין זכרון ביז היינטיקן טאָג. אַליין אַ מלמד פון עפּעס אַ מיידלשן חדר-מתוקן ערגעץ אויף באַלוט, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, טראַדיציאָנעל יידיש געקליידט, פלעגט ער אויף די „מאַסואווקעס" זיך אויסטיילן מיט זיין עקזאַלטאַציע און מיט זיין פייערדיקן בליק. דאָס איז געווען אַ אידעאַליסט אין שענסטן זין פון וואָרט, וואָס אין סאָציאַליזם האָט אים צום ווינציקסטן אינטערעסירט די מאַטעריעלע זייט, נאָר די נייע עטיק און פילאָזאָפיע. זייענדיק אַן אמת- און גאָט-זוכער איז ער דאָך צו די באַפּטיסטן נישט אַריינגעפאַלן, נאָר זיך פאַרטיפט אין שטודירן דעם תנ"ך און געבליבן אַן אָפּגעהיטענער פרומער ייד. שפּעטער, אַז ער איז געוואָרן אַרעסטירט און צוזאַמען מיט אונדז אַלעמען אַריבערגעשיקט געוואָרן אין מאָסקווער טורמע, האָט ער די גאַנצע צייט, העכער אַ יאָר, קיין טרפות נישט געוואָלט עסן און געלעבט פון טרוקן ברויט מיט טיי. אַז ער איז פון אַזאַ אַרט עסן קראַנק געוואָרן, האָט די טורמע-אַדמיניסטראַציע זיך געווענדט צום מאָסקווער רב, מ'זאָל אים באַזאָרגן מיט כשרע מיטאָגן. ער איז זיך אָבער דערפון אָפּגעזאָגט און נאָר צוגענומען אַ קליינע שטיצע, „ווייל — האָט ער געזאָגט — אַז מ'גיט מיר נישט די מעגלעכקייט צו אַרבעטן און פאַרדינען, קומט מיר נאָר אַזוי פיל צו דערהאַלטן דעם גוף, אָבער לוקסוס קומט מיר נישט". שפּעטער איז ער אין טורמע אַריינגעפאַלן אין נביאישע האַלוצינאַציעס און מ'האָט אים באַפרייט.

און אַז עס איז אָנגעקומען דער ליבער פרילינג האָבן מיר די „מאַסוּאוּוקעס" אַריבערגעטראָגן אין די אַרומיקע וועלדער, דערהויפּט אין קאָנסטאַנטינער וואַלד, דאָרטן, וואו איצט גייט דורך די קאַלישער באַן. צווישן די בוימער, באַוואַכט פון דערווייטנס דורך אונזערע „פּאַטרולן" און „פּיקעטן", האָבן געקלונגען באַגייסטערטע טענער פון יונגע נביאים, וואָס האָבן גערופן צו אַ נייעם לעבן און געלערנט די אַלטע תורה פון ואהבת לרעך כמוך אויף אַ נייעם אופן. און יעדערער באַזונדער האָט געפילט, אַז דאָ, צווישן בוימער, גרעזער און בלומען, שפּילט זיך אָפּ דער גרויסער סוד פון געבורט, דאָס געבורט פון אַ נייעם גייסטיק-פרייען ייד...;

אָבער מאָסקווע איז נישט געשלאָפן. דער באַרימטער זובאַטאָוו האָט אויסגעשפּרייט זיין נעץ, אַזש ביז לאָדזש. פון איינעם צום צווייטן זענען שטילערהייט, ווי שאָטנס, שפּיאָנען נאָכגעקראָכן די טוער און סוף יולי, נאָך אַ גרויסער מאַסן-פאַרזאמלונג אין קאָנסטאַנטינער וואַלד, זענען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט כמעט אַלע אַראָפּגעצויגן געוואָרן פון די בעטן און פאַרשלאָסן געוואָרן אין שטיינערנע שטייגלעך אויף יאָרן...

אָבער די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג איז זיך ווייטער געגאַנגען איר וועג און לאָדזש איז געוואָרן אַ פעסטונג פון „בונד".

אַן אַלטער באַקאַנטער

מאטעריאלן און דאקומענטן

אל שלמי בחורי ישראל.

בושר נבב חנט כעת לפני החיים. למען תוכלו לשאת גם אתם בבֻנְיַן להעלות הכל! בשים ישראל. יהי עזוז הסרע בלי־חפץ בידיכם. לְפָנוֹת לפניכם הדרך אשר תלכו בו. נַפְשָׁם לנכנס תִדְמֶה. כי כאשר תגיעו לגבת זמזרים אבתכם תקריבו את כחותיכם על־מזבח המשטרים אשר נִתְּנוּ בארץ — תַרְפּוּ לעם את חפץ מַנְתּוֹ ותנבלטו צורה סַפְרוֹנִים קְדִימָה קְדִימָה. להגדיל צַלְמוֹהו יְקָרוֹ.

לכנס אך בבל תיגעו! כל עוד יעמדו כָבֵן המשטרים הקיימים רק פְּרוֹעֲרִים אשר בוקף להבל ארצנו כיה — התרבות לרית העם. כל אשר לא יֵאָה האנשים לב התקידם בבל דבר אשר בין־אדם לאחרו. רק מַעֲרָב אחת תְּמֻלָּא לכם. היא־מְעָרָה עִקְבֵי־העם. המגדילים את עצובו ויעגו.

הקנין במיוחד (פריוואט־אייגנטהום) הוליד את התנגדות תועלת היחיד לתועלת הכלל; יחד הממשלה, הנשען על עמודי הלאום, יַגְרֶה עם אחר לדכאות תחת רגלי עמים אחרים. והאמונה הרכיבה אז במרמה יחד הגעגוע לדיונים גדלים בשכל הישר אשר לארכ

. בתגרת־יד חֻקֵּי דרך־ארץ כאלה הכביד כל מְקָרֶה את אכשב גם על ישראל־ הלבב ללכת בדרכי חֹשֶׁךְ. העובד לעת כזאת בעבודת הכלל, יתילב רק בין אויבי העם, ומְחָבְרֵי העם — הם הם הראשונים לנוץ את אקוי עלמותיו.

אבל העמים הנה החלו להכיר את אמתית הדבר הזה, וישראל גם הוא כמעט יבין את זאת.

נערים מְזֹרֹות איבה ובחמת רומו יקרא ישראל לתנהליו ישכרו תבועים כשלטים אל־כל סביבותם:

„מעיכם כספר נגולו לעינינו! השלמית אשר בה תתגלו כיה פתיר עלבון ידינו, מחיר נהרות־נחלי דמינו. מרום שבתכם אשר מעניו תשפילו לראות בנו. הוא גל־עלמות אחינו. אשר כרע מעלליכם כלו כֻלָם דור־אחרי־דור מעֹר רעה ויגון.

„מאז כעם תשבעו עוד ויון אקוי עלמותינו תְמלו לכם את־תַּעֲנֻגוֹת בשים. ולנו הותרתם רק בָּכָן, רק עֹנִי ועבודת פרך, מַרְבָּה להכיל.

„ותסי המעט, ותוסיפו ספות חטאה. כי התאמצתם בכל עוז לחסוך גם רוח עועים ברוב כספיכם, ותחת למדנו להועיל, תדריכונו בתהו לא־דרך. תשיקו לנו ללחך עפר רגליכם ולעטרכם הוד והדר. וכל אשר בלעתם דרך מרמותיכם, כן הרביתם לשאול ממנו קטורה אל אפכם

„וכי כאשר הרביתם לכם הון ויגיע כפינו אשר אכלתם שמנתם לף נכיגם; ותרצו כי בדומיה והשקט נו שכמנו לשאת סבל משאכם — וירם לבבכם בעצמת ידיכם, ותסערו גם על הגוים מסביב. ותגישון צַבְעַת חמם.

„אז כיי עוטתיכם על עלמותינו ומפשעכם נגע לנו. אתם חוללתם על ראשינו סערת סופה והבריקו עלינו חזיז רעם וברק! באשמותיכם תלהטם מסביב גחלת חלחום יִמְעַל כפיכם בערה בנו קנאת הדת וַתִּיקַד עד להשחית! חרמות מְרֻטוֹת עופפו על פנינו ולפי אשר עֲלָמֵינוּ נפארו, עלמות אלפי אדם. בני העם. אתם עוללתם בעפר קרן העם כלו וְחֻלְּלָה דִּבָּתְכֶם היא עם־עבר כל לגדופים, העם המֻמְשָׁךְ ומורט, העם הֻכָּה והנענה מפשע ידיכם יתר הרבה מאד מכל משפחות האדמה".

כן דבר ישראל מפשע את הליו, ולנחנו, אוהבי עמנו: אחינו, אוהבי כל־המון העמים, נביעה לכם בשני כל־יושבי תבל: הנה שוע אלנו מן אויבי עמנו אלה.

לא לנו אתם הלבושים, אשר אסרתם את־העם בכבלי המונתם ותחרבות הבלי אמונת־עולם. למען יקל לכם לכבוש את העם כלו לעבדים ולאכול שאר מעל עלמותיו. לא לנו אתם, לא לנו! וקמוני תעד אלו מכם עם העם כלו.

וגם אתם, אשר תשימו מסוה על פניכם, את מסוה ההשכלה, למען כלות לכם אחרית כחו: אתם „הנאורים", עבדי הזהב והממשלה, אשר עוד תוסיפו תהדק את מוסרות הממשלה על צוארי העם; אתם כנעני ארץ, אשר תחללו שם ישראל בעשק ידיכם — לא לנו אתם, לא לנו! ובאשר נבדלתם מתוך בני־עמכם, כמו כן עבדלתם גם מכל האנשים. לכן גם בני עמנו יבדילו אתכם מתוכם, יחד עם כל־האדם. במלחמת השמד יעלו עליכם המון העשוקים אשר בלעתם. כליון חרוץ מות כופכם!

ואתם בני הנעורים, אשר מחשבותכם עודנה צרופה ורק עוד בלבבכם תדרשו; אתם המבקשים באמת את אֹצֶר העם; אתם, בחורים משכילים, אשר עוד לא התגאלתם בטֻמְאַת הליכות העולם והשכלתם הסיבה עד בלי התרעה; הננו קוראים לכם עתה להתחבר אלינו, אל־עדת הנלחמים בעד אֹצֶר המון העם, בעד אֹשֶׁר כל־מין האדם!

ידידים כננו נותנים לכם ולנחנו קוראים לבוא אתנו את־כל אלה, אשר יאבו באהבה לעבוד את עבודת האנשים הֲמוּנִים.

סורו לכם מן המשרה! הסירו כל־אולת נושנה! אל תכרעו לזהב ולממשלה! אחרי כן תשליכו את־כל העבר ותתחברו אל־עם עובד ואל אוהביו! רק לו לבדו העתיד למורשה. וחולה לו — רק הריסות עולם ואבדון!

כי הנה אנחנו אומרים לכם: לְקָרֵב יקרבו עתה כל־משפחות האדמה. הַחֲבֵרִים (פראָלעטאַריער) מכל אפסי ארץ יחדיו יתלכדו להסיר עבדות הבלע ולהדוף מלכים מכסאותם. מין־האנוש בֻּנְגַּשׂ והנענה יֵצֵא מוֹלך כלו לקחת ביד חזקה את חרותו וזכיותיו. בני הליכות העולם (פּראָלעטאַריע רעוואָלוציאָן) ירים את נס־דגלו האדום ויאמרו כפיהו: אחוה העבודה! אחוה כל הקמים! ברית חפשי בין העמים במלאכה בנרים אחים לכל עמי הארץ! כליון חרוץ לכל דבר־אחזקה ובליון מאין לכל אשר יתילב לשטן על דרך היושר אשר לכל הארץ!

ועתם העת באה הפת, כי גם חֲבֵרֵי עמנו יִלָּוּו אל המפעל הגדול הזה. הנה עת, כי גם המה יחלצו את עלמותיהם הבולבים ולקנות את חלק אשרם גם הם בממלכת העבודה והיושר יחד עם חֲבֵרִים אשר לכל הצמים; את חלקם בהוה, אשר גזלו מהם עושקיהם מבני עמם; את חלקם ההוה, אשר לא נתנה להם שאת כל העמים מסביב, באשמת אנשי הרשעה בהם. אֲחָוַת כל־האנשים לא תדע פלגות האנשים לגוים ומשפחות. היא תדע רק פועלים טובים ואנשי־חמס מחבלים, והפועלים המועילים ההם יְחַלְּלוּ לדבר את עושקיהם בשער.

והנה אנחנו אומרים לכם: גם חֲבֵרֵי עמנו יתנו יד לדבר הגדול הזה. כי גם פאת עניים מלאה על־כל גדותיה.

על־כן קומו נא לעזרת החֲבֵרִים, בני־הנעורים! לעזרת האנשים אשר בזיעת אפם קנו את עלמות נפשיכם. לעזרת העם, אשר טפח אתכם ורבה, ובדמי־לבו קנה את־כל אשר בו תתגאו.

באו בעם, התחברו אליו, עִבְדוּ אתו, גלרתו לכם יָקָר, הסירו אותו, שכבו רוחם על אלה ומחקו ידי אלה — והעירו אותם למלחמת חובה את מושלי הארץ, את בוֹזְזֵי הַחֲבֵרִים, את אושי העם.

לא יהרס עולם השקר ולחץ העובדים בזרועותיו אלה בנלחמים מלחמת האמת החרות, ועל מְשֵׁי ספלתו יֵאָרֵם בגלה אור הדרור גם שבוי כל־מעבידי הארץ.

והתנדבים בעם לבית ישראל.

דאָס איז דער העברעישער טעקסט פונם ערשטן סאָציאַליסטישן אויפרוף צו יידן, וואָס אהרן ליבערמאַן האָט אַרויסגעלאָזן אין 1876. דער אויפרוף איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אין

לאָנדאָן, וואו ליבערמאַן האָט דעמאָלט געוואוינט און פון דאָרטן האָט מען אים אין א סך עקזעמפּליאַרן צעשיקט איבער רוסלאַנד און אַנדערע לענדער. דער דאָזיקער אויפרוף איז איצט אַ יקר המציאות. אונז האָט זיך איינגעגעבן צו קריגן איין עקזעמפּליאַר און פון אים האָבן מיר געמאַכט דעם אויבן־אָפּגעדרוקטן אָפּצוג.

דער אויפרוף איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אין העברעיש, אָבער אין דעם זעלביקן יאָר, אין אויגוסט 1876, איז אין לאַווראָווס סאָציאַליסטישן זשורנאַל „וופּעריאָד" געווען אָפּגע־דרוקט אַ רוסישע איבערזעצונג פון אים, מתתמא געמאַכט פון א. ליבערמאַנען גופא, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אין דער זעלביקער שטאָט, וואו דער „וופּעריאָד" האָט זיך אַרויס־געגעבן (לאָנדאָן), איז געשטאַנען נאָענט צו דעם דאָזיקן זשורנאַל און האָט אין אים מיט־געאַרבעט. אַ יידישע איבערזעצונג, נישט פונם העברעישן אָריגינאַל נאָר פון דער רוסישער איבערזעצונג, וואָס צינבערג האָט געבראַכט אין זיין אַרטיקל וועגן ליבערמאַנען אין „האמת", אינם ערשטן באַנד „פּערעזשיטאָע" (1909) וועט דער לעזער געפינען אינם ערשטן באַנד „רויטער בוך" זייטן 204—203 אינם אַרטיקל „ערשטער יידישער סאָציאַליסטישער פאַריין" פון נ. מ.

ר ע ד.

(סוף פון זייט 169)

Вашему Превосходительству, ибо только въ рукахъ Вашего Превосходительства — распространить права Господина Инспектора на наши мастерскія. Если Ваше Превосходительства сдѣлаете по этому поводу соотвѣтствующее распоряженіе, то онъ, Господинъ Инспекторъ, не прекратитъ своихъ преслѣдованій противъ хозяина, пока не добьется точнаго исполненія закона 1879 года.
Мы обращаемся, поэтому, къ Вашему Превосходительству съ покорнѣйшей просьбой о помощи. Только во власти Вашего Превосходительства — прекратить безжалостный произволъ хозяина, только въ Вашихъ рукахъ — облегчить наше тяжелое и несчастное положеніе. Не откажите же, Ваше Превосходительство, въ нашей мольбѣ, удѣлите и намъ малую часть своихъ безконечныхъ благодѣяній; дайте, наконецъ, и намъ возможность почувствовать всю облегчающую силу закона 1879 года.

Тевье Копустъ.

26 Сентября 1892 года.

1248 29 Сентября 1892

Его Превосходительству
Господину Виленскому Губернатору

К докладу

Подмастерья-портного, Тевво Копута, жительствующего на Немецкой ул. в доме Канцукина.

Прошение

[illegible]

По Высочайшему повелению законом 1879 года рабочий день въ ремесленныхъ заведеніяхъ ограниченъ 12ью часами. Прошло такимъ образомъ уже 13 лѣтъ и ни я, ни товарищи мои, другіе рабочіе ни разу не испытали на себѣ всю благотворную для нашей жизни силу этого закона. Какъ прежде, такъ и теперь работа въ мастерской продолжается отъ 7 часовъ утра до 11-12 часовъ ночи, и въ дни, предшествующіе праздникамъ, хозяинъ заставляетъ насъ просиживать за работой и цѣлыя ночи. На просьбы наши и заявленія о необходимости исполнить требованія, выраженныя въ законѣ 1879 года хозяинъ отвѣчаетъ смѣхомъ; онъ заявляетъ намъ при каждомъ удобномъ случаѣ, что предпринять противъ него рабочіе ничего не могутъ, протоколовъ онъ не боится, а если и придется разъ-другой заплатить 15 рублей штрафу, то это для него ровно никакого значенія не имѣетъ. Поставленные въ столь тяжелое и безпомощное положеніе, я и товарищи мои обратились къ Господину Фабричному Инспектору съ просьбой заступиться за наши интересы, столь беззаконно нарушаемые хозяиномъ. Господинъ Инспекторъ выразилъ живѣйшее участіе къ нашему положенію и заявилъ, что онъ готовъ былъ бы все сдѣлать для облегченія нашей участи, но права и обязанности его не простираются на ремесленныя заведенія и потому онъ совѣтуетъ намъ обратиться къ

דער דאָזיקער דאָקומענט — געפינען זזין ווילנער געוועזענעם צאַרישן מלוכה-אַרכיוו, געהערט צו דער צייט, ווען די יידישע אַרבעטער אין ליטע און ווייס-רוסלאַנד האָבן אָנגעהויבן קעמפן קעגן דעם אומבאַגרענעצט-לאַנגן אַרבעטס-טאָג, וואָס האָט עקזיסטירט אין די יידישע מלוכה-וואַרשטאַטן. ווי באַוואוסט, האָבן זיי אין זייער קאַמף פאַר אַ 12-שעהדיקן אַרבעטסטאָג געפינען אַ לעגאַלן שטיץ-פונקט אין אַן אלטן געזעץ, לויט וועלכן דער אַרבעטס-טאָג פאַר בעל-מלאכות טאָר נישט געדויערן מער ווי 12 שעה — פון 8 ביז 8.

איבערזעצונג:

29-טן סעפטעמבער 1892

זיין עקסעלענץ, דעם הערן ווילנער גובערנאַטאָר.

פונם שניידער-געזעלן טוביה קאַפּוסט, וואוינט
אויף דייטשער גאַס אין קינקולקינס הויז

אַ בקשה

לויטן אַלערהעכטן באַפעל דורך אַ געזעץ פון 1879-טן יאָר איז דער אַרבעטס-טאָג אין האַנטווערקער-וואַרשטאַטן באַגרענעצט מיט 12 שעה. אויף אַזאַ אופן איז שוין אַריבער 13 יאָר, און נישט איך, נישט מיינע חברים, די אנדערע אַרבעטער, האָבן קיינמאָל נישט געפילט אויף זיך דעם גאַנצן וואוילטועוודיקן כוח פון דעם דאָזיקן געזעץ פאַר אונזער לעבן. ווי פריער אַזוי אויך איצטער געדויערט די אַרבעט אין וואַרשטאַט פון 7 אַ זייגער אין דער פרי ביז 11—12 ביי נאַכט, און אין די טעג, וואָס פאַר יום-טוב, צווינגט אונז דער באַלעבאָס אָפּצוזיצן ביי דער אַרבעט אַפילו גאַנצע נעכט. אויף אונזערע בקשות און מעלדונגען, אַז עס איז נויטיק אָפּצוהיטן די פאָדערונגען, וואָס זענען אויסגעדריקט אינם געזעץ פון 1879-טן יאָר, ענטפערט דער באַלעבאָס מיט אַ געלעכטער; ביי יעדער גינסטיקער געלעגנהייט דערקלערט ער אונז, אַז די אַרבעטער קאָנען קעגן אים גאָר נישט אונטערנעמען, פאַר פּראָטאָקאָלן האָט ער קיין מורא נישט און אַז עס וועט אַמאָל צי צוויי אויסקומען צו באַצאָלן 15 רובל שטראָף, האָט עס פאַר אים קיין שום באַדייטונג נישט. אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ שווערע און הילפלאָזע לאַגע, האָב איך און מיינע חברים זיך געווענדט צום הערן פאַבריק-אינספּעקטאָר מיט אַ בקשה, ער זאָל זיך איינשטעלן פאַר אונזערע אינטערעסן, וועלכע ווערן אַזוי אומגעזעצלעך געבראָכן פון באַלעבאָס. דער הער אינספּעקטאָר האָט אויסגעדריקט אַ לעבהאַפטן מיטגעפיל צו אונזער לאַגע און ער האָט דערקלערט, אַז ער וואָלט געוועזן גרייט טאָן אַלץ, כדי צו פאַרגרינגערן אונזער גורל, אָבער זיינע רעכט און פליכטן פאַרשפּרייטן זיך נישט אויף האַנדווערקער-וואַרשטאַטן, און דעריבער עצהט ער אונז זיך צו ווענדן צו אייער עקסעלענץ. וואָרום נאָר אייער עקסעלענץ איז בכוח צו פאַרשפּרייטן די רעכט פונם הערן פאַבריק-אינספּעקטאָר אויף אונזערע וואַרשטאַטן. אויב אייער עקסעלענץ וועט וועגן דעם מאַכן די געהעריקע פאַראָרדנונג, וועט ער, דער הער אינספּעקטאָר, נישט אָפּשטעלן זיינע פאַרפאָלגונגען קעגן באַלעבאָס, ביז וואַנען ער וועט זיך נישט דערשלאָגן, אַז דער געזעץ פון 1879-טן יאָר זאָל פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן.

מיר ווענדן זיך דעריבער צו אייער עקסעלענץ מיט אַ הכנעהדיקער בקשה וועגן הילף. בלויז אין דער מאַכט פון אייער עקסעלענץ איז איינצושטילן דעם אוממענטשלעכן ווילד־ווילן פונם באַלעבאָס; נאָר אין אייערע הענט ליגט צו פאַרגרינגערן אונזער שווערע און אומגליק־לעכע לאַגע. זאָל־זשע אייער עקסעלענץ נישט אָפּזאָגן אונזער געבעט; טיילט אונז אויך איין אַ קליינעם טייל פון אייער אומענדלעכע וואוילטאַטן, גיט אונז ענדלעך אויך אַ מעגלעכקייט צו דערפילן דעם גאַנצן פאַרלייכטערדיקן כוח פונם געזעץ פון 1879־טן יאָר.

טוביה קאַפּוסט

26 סעפּטעמבער 1892־טן יאָר.

די בקשה איז געשריבען נישט מיט דער אייגענער האַנטשריפט, וואָס דער אונ־טערשריפט.

אונטער דעם טיטל־וואָרט: „בקשה" איז געשריבן מיט טינט, (קאָנטיק אין קאַנצעלאַריע פון גובערנאַטאָר) אַזוי: צי איז די שניידער־מלאכה אָנגערופן צווישן די, אויף וועלכע עס פאַרשפרייט זיך דער כוח פון די געזעצן וועגן דער אַרבעטס־צייט.

אונטער דעם איז מיט אַ רויטן בלייפעדער אָנגעשריבן און אונטערגעשטראָכן: נישט אָנגערופן.

אויף דעם טעקסט פון דער בקשה זענען נאָך פאַראַן פאַרשידענע ציפער און צייכנס מיט שוואַרצן טינט, מיט אַ רויטן און אַ בלויען בליישטיפט: סימנים פון די פאַרשידענע אינסטאַנצן, דורך וועלכע די בקשה איז דורכגעגאַנגען.

צוויי בריוו פון אהרן זונדעלעוויטש

געשריבן אין יידיש. דער ערשטער—דעם 8-טן פעברואַר 1922, דער צווייטער דעם 25-טן מערץ דעם זעלביקן יאָר. ביידע זענען געשריבן צו דעם מיט-פאַרוואַלטער פון פאַרלאַג „קולטור-ליגע" ח' נחמן מייזיל. די יידישע ווערטער, וואָס זענען אַריינגעשטעלט אין קלאַמערן, זענען צוגעשריבן פון דער רעדאַקציע; דאָס זענען ווערטער, וואָס זונדעלעוויטש האָט, קאָנטיק, דורכגעלאָזן אָדער אויסבעסערונגען צו ווערטער, וואָס ער האָט נישט ריכטיק אָנגעווענדט אָדער אָנגעשריבן. זונדעלעוויטש האָט געשריבן מיט דער גאָר אַלטער אָרטאָגראַפיע נאָך פון די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, בעת קיין פעסטגעשטעלטע יידישע אָרטאָגראַפיע איז נאָך בכלל נישט געווען. מיר דרוקן דאָ איבער זיינע בריוו מיט דער נייער אָרטאָגראַפיע.

די לייענצייכנס זענען דאָ אויך אריינגעשטעלט פון דער רעדאַקציע, ווייל זונדעלעוויטש אַליין האָט אויף דעם ווייניק אַכט געלייגט.

די רעד.

8/2 1922

28 Great College str.
London N. W. I

זייער געערטער הער מייזיל!

עס פאַרדריסט מיר, וואָס איך בין נישט אימשטאַנד אייך צוצוזאָגן אַן אַרטיקל מיט מיינע זכרונות. איך געדענק צו ווייניק און איך בין אינגאַנצן גאָר קיין שרייבער נישט. וואָס איך האָב געקאָנט זיך דערמאָנען, האָב איך געשריבן 15 יאָר צוריק פרומקינען. איצט וואָלט (איך) אַזוי פיל אויך נישט געקאָנט אָנשרייבן, ווייל איך האָב נאָך מער פאַרגעסן.

עס וואונדערט מיך, דאָס איר האָט מיר נישט געשיקט דעם רויטן פנקס. איך וואָלט זייער וועלן זען דעם אַרטיקל וועגן לייזער צוקערמאַן. איך מיין, אַז איר זענט דער מחבר. האָט איר פערזענלעך געקענט צוקערמאַנען?

גורעוויטש האָט מיר געשריבן, אַז איר וואָלט מיר קאָנען געבן די אַגענטור פון אייערע ביכער פאַר ענגלאַנד. איך וואָלט גערן די אַגענטור אָננעמען. זייט אַזוי גוט און שרייבט מיר די באַדינגונגען.

מיט אַכטונג

אהרן זונדעלעוויטש

25/3 1922

28 Great College str.
London N. W. I

זייער געערטער הער מייזיל!

איך דאַנק אייך פאַר אייער בריוו פון 21/2 אונד דעם רויטן פנקס. איך האָב אים געלעזן מיט גרויס אינטערעס. דער אַרטיקל איבער לייזער צוקערמאַן איז אינטערעסאַנט און אין אים איז פיל, וואָס איך האָב נישט געוואוסט. איך האָב געפונען נאָר איין קליינעם פעלער: זיין משפט איז געווען נישט אין פרילינג 80, נאָר אין הערבסט (ענדע אָקטאָבער 1880. דאָס איז נאַטירלעך אַ קלייניקייט. אַן אינטערעסאַנטן שטריך אין צוקערמאַנס לעבן האָט דייטש דורכגעלאָזן און אויך איר: דאָס איז, אַז אין די 7 חדשים, וואָס צוקערמאַן איז געזעסן אין פעטראָפּאַוולאָווסקן פעסטונג, אַז (אַלס) אַ קאַטאָרזשנער, איז ער געוואָרן אומנאָרמאַל. ער איז געווען זיכער, אַז מ'האָט אים דאָרטן געפּיטעוועט (пытать). די פאַקטן וואָס ער פלעגט דערציילן, זענען געווען קלייניקייטן, למשל אַזעלכע זאַכן אַז (כדי) צו מאַטערן (מאטערן) אים, פלעגט (מען) אים ברענגען עסן מיט אַ לעכערדיקן לעפל און דערגלייכן לעכערלעכע זאַכן. מיר האָבן געוואוסט, אַז ער האָט געמאַכט סקאַנדאַלן אין פעסטונג און אַז מ'האָט אים געשלעפּט אין קאַרצער. אין קאָרידאָר פלעגט ער שרייען צו די וועכטער: „кровопійцы, мучители“. מיר האָבן נישט געוואוסט די אורזאַך דערפון. אָבער אַז ער האָט אונז אין דער וועג דערציילט, אַז ער פלעגט מאַכן סקאַנדאַלן וועגן די לעפן (לעפל) מיט אַ לאָך, האָבן מיר געזען, אַז עס (איז) נישט ריכטיק מיט אים. אַז מיט (מיר) פלעגן אים זאָגן, אַז די אַלע קלייניקייטן האָבן פּאַסירט מיט אַלעמען פון אונז און דאָס איז נישט ווערט געווען צו ריידן וועגן דעם, פלעגט ער זאָגן, אַז מיר פאַרשטייען נישט די זאַך, אַז דאָס זענען געווען ריכטיקע פּייטקעס. אויף דעם וועג קיין סיביר איז ער גיך געוואָרן דער פריערדיקער פריילעכער לייזער און אַזוי איז ער פאַרבליבן די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קאַראַ (кара). נאָר אין באַצוג אויף די פּייטקעס אין פעסטונג האָט ער זיין מיינונג נישט געענדערט און פלעגט אַלעמאָל זאָגן, אַז מיר פאַרשטייען די זאַך נישט און אַז עס (איז) נישט ווערט אונז צו דערציילן. איך בין גענייגט צו דענקען, אַז דיזער קליינער רעסט פון אומנאָרמאַלקייט האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אין די איינזאַמקייט פון לעבן אין אַ יאַקוטער אולוס (улус) אין אַ עכטער מרה־שחורה און אין דעם קאָן מען געפינען דעם שליסל צו דערקלערן זיין זעלבסטמאָרד: מ'דאַרף נישט מיינען, אַז עס איז געווען אַ באַזונדערע שוואכקייט פון גייסט ביי צוקערמאַנען, דאָס די עטלעכע חדשים קאַטאָרגע אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג האָבן אַזוי געווירקט אויף זיין גייסטעס צושטאַנד: אין דעם אמתן איז די לאַגע געווען אַ זייער שלעכטע: פולע איינצלהאַפט, אָן ביכער, אָן וואָס עס איז פאַר אַ באַשעפטיקונג, שלעכטע שפּייז, שלעכטע לופט; איינמאָל אין צוויי טעג צען מינוטן אויפן קליינעם הויפל אַרומדרייען זיך אַרום די באָד. אַז מ'האָט אונז צוזאַמען געבראַכט נאָך 7 חדשים אין וואַגאָן צו גיין נאָך סיביר, זענען פון אונז 6 פּערזאָנען פון איין פּראָצעס—3 געווען גייסטיק נישט נאָרמאַל, איינער איז געווען אַזוי קראַנק מיט סקאָרבוט, אַז מ'האָט אים געמוזט טראָגן אויף די הענט. מער נישט צוויי זענען געווען פאַרהעלטנישמעסיק נאָרמאַל זיין געזונט: ניקאָליי בוך און איך.

איך שיק אייך 4 פאָטאָגראַפיעס. איך ווייס נישט, צי זיי האָבן פאַר אייך אַ ווערט. איר וועט מיר זיי צוריקשיקן, ווען איר וועט זיי ניט דאַרפן. די נעמען פון די פאָטאָגראַפירטע פּערזאָנען זענען אָנגעשריבן. פילע פון די נעמען זענען פאַר אייך אומבאַקאַנט

די בלאסע פאָטאָגראַפיע איז פון יאָר 1876. דאָס איז געווען אין בערלין, זאַק און אַראָנ-
זאָן זענען געווען מיטגלידער פון בערלינער קרייזל, צו וועלכע לייזער צוקערמאַן האָט
אויך געהערט. גר. גורעוויטש קאָן אייך געבן צו וויסן ווער זאַק (דָקְטָר) איז געווען און
ווי זיין לעבן איז פאַרגאַנגען. איך ווייס פון אים ווייניק. די פאָטאָגראַפיע האָט מיר גע-
געבן א. פינקלשטיין אַ פאָר יאָר פאַר זיין טויט. זי איז ביי אים געלעגן איבער 40 יאָר.

יאָכעלסאָן איז פון אונזער ערשטן ווילנער קרייזל. ער האָט עמיגרירט פון ווילנע
צוזאַמען מיט ליבערמאַנען אונד מיר. שפּעטער איז ער צוריקגעקומען נאָך רוסלאַנד. האָט
געהאָלפן די נאַראָדנאַ וואָליאַ אין די גרענעץ-אַפּערן און איז געווען אַ מיטגליד פון די
נאַראָדנע וואָליאַ. ער איז געווען פאַרשיקט אַדמיניסטראַטיוו אויף 10 יאָרן קיין קאָלימסק.
דאָרטן האָט ער זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט עטנאָגראַפיע, שפּעטער איז ער געווען
דער אָנפירער פון עטלעכע עטנאָגראַפישע עקספּעדיציעס אין די פּאָליאַרנע געגנטן פון
סיביר, האָט געשריבן וויכטיקע ווערק אין ענגליש איבער די עטנאָגראַפיע פון צפון-סיביר,
האָט געלעבט די גאַנצע צייט פון די באָלשעוויקס אין סאָוויעט-רוסלאַנד. איך האָב גע-
הערט, דאָס נישט לאַנג צוריק איז ער מיט די ערלויבניש פון די באָלשעוויקעס אַוועקגע-
פאָרן קיין אַמעריקע. זיין ווייב איז, ווי עס פירט זיך ביי די באָלשעוויקעס, געבליבן אַ
משכון אין פּעטראָגראַד. אויף דער גרופּע פון קאַראַ זענען 4 יידן, די אַלע איבעריקע
זענען רוסישע חברים, וואָס האָבן געענדיקט די ערשטע צייט קאַטאָרגע און האָבן געלעבט
אין „וואָלנע קאָמאַנדע”. איך מיין נישט, אַז די פאָטאָגראַפיעס פאַסטן פאַר אייער פנקס.

איך קאָן אייך אַבסאָלוט נישט צוזאָגן צו שרייבן זכרונות. דאָס איז אַן אַלטע קראַנ-
קע פראַגע מיט מיר. איך האָב שוין פיל מאָל זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. פילע האָבן
מיר געבעטן. איך בין נישט אימשטאַנד צו שרייבן, און איך מוז זיך אויך דעם מאָל אנט-
שולדיקן. איך דאַנקע זייער ליטוואַקן פאַר זיין פריינטלעכן גרוס. איך האָב נישט געוואוסט,
דאָס ער איז מיט אייך. איך האָב געמיינט, דאָס ער איז אין סאָוויעט-רוסלאַנד. איך גריס
אים זייער פריינטלעך.

מיט בעסטן גרוס

א. זונדעלעוויטש

פון דער רעדאַקציע:

צום באדויערן קאנען מיר דאס מאל געבן זייער ווייניק מאטעריאלן. מיר בעטן די אלע, וואס האבן
וועלכע עס איז מאטעריאלן און דאקומענטן צו דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער-באוועגונג און דער
אנטוויקלונג פונם סאציאליסטישן געדאנק ביי יידן, זיי זאלן עס אונז שיקן אין אריגינאל אדער אין פאטאגרא-
פירטע קאפיעס. די אריגינאלן, אויב מ'וועט פארלאנגען, וועלן מיר נאכן אויסניצן אפשיקן צוריק.

די וויכטיקייט פון אזעלכע מאטעריאלן און דאקומענטן איז איבעריק צו באשרייבן.

די, וואָס זענען אוועק

פאַר דער צייט, וואָס פֿונם ערשטן באַנד „רויטער פנקס“ ביזן צווייטן זענען געשטאָרבן פאָלגנדע פירער און כוּער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן גאָר זייערע כוחות אָדער האָבן געהאַט אַ געוויסן שייכות צו דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג:*)

וולאַדימיר מעדעם

געבוירן דעם 30-טן יולי 1879 אין ליבוי, קורלאַנד. געשטאָרבן דעם 9-טן יאַנואַר 1923 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. אַ גלענצנדער פּובליציסט און רעדנער. פאַרן וועלט-קריג איינער פון די חשובסטע פירער פונם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד דער באַגרינדער פון זיין נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. אין 1916—20 דער אָנערקענטער פירער פונם בונד אין פוילן, דער גרינדער און רעדאַקטאָר פון זיין צענטראַל-אָרגאַן „לעבנס-פראַגן“, איינער פון די איינציקע, וואָס האָבן אין יענע יאָרן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער יידישער וועלטלעכער שול אין פוילן. די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין ניו-יאָרק, אַמעריקע, וואו ער איז געווען דער פאָרשטייער פונם פוילישן בונד. ער איז דאָרטן אויך געווען דער פאָרשטייער פון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַני-זאַציע אין פוילן, אַ פאָרשטייער מיט ברייטע פולמאַכטן, און אַלס אַזעלכער האָט ער געמאַכט אַ ברייטע ווירקזאַמע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם יידיש-וועלטלעכן שול-וועזן און האָט אַ סך געטאָן צו פאַרפעסטיקן זיין פינאַנציעלן מצב. ער האָט אויך געשריבן אין ניו-יאָרקער „פאָר-ווערטס“, וואו ער האָט אין 1921 געדרוקט זיינע זכרונות.

מעדעם איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע, אפשר די פּאָפּולערסטע פיגור אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. זיין נאָמען איז געווען גרויס אויך אין דער ברייטער ניישט-סאָציאַליסטישער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. זיין נאָמען איז געוואָרן אַ מין לעגענדע-צו שפינען די דאָזיקע לעגענדע האָט אַ סך מיטגעהאָלפן דער פאַקט, וואָס גלייך ווי מעדעם

*) דאס זענען נישט קיין אפשאצונגען, נאר פארצייכענישן; איבער אזעלכע פארשטארבענע, ווי מעדעם און מארטאוו, ווען וועלכע עס איז א סך געשריבן געווארן און זיי אליין האבן איבערגעלאזן ברייטע אויטאביא-גראפיעס, זענען אונזערע פארצייכענישן קורץ. לפיערך מער אויספירלעכע נאטיצן האבן מיר געגעבן וועגן אזעלכע פארשטארבענע, ווי זעלדאוו וכדומה, וועלכע זענען איז די ברייטע קרייזן געווען קנאפ באקאנט און מ'האט וועג זיי ווייניק געשריבן.

איז געבוירן געוואָרן, האָט אים זיין פאָטער, אַן אַסימילירטער יידישער מיליטער-דאָקטאָר, גילאָזט טויפן אין פּראַוואָסלאַוון גלויבן. אויף דער עלטער, נאָכדעם, ווי אַלע זייערע זין און טעכטער זענען שוין פון לאַנג געווען קריסטן, האָבן זיך די עלטערן אַליין אויך געטויפט. דער פאָטער—אַ היכער מיליטערישער „טשין״, אַ מין גענעראַל, וואָס פאַרמאָגט זין און איידימס אָפיצירן, און דער זון—אַן אַרבעטער-פירער. אַ פּראַוואָסלאַווער קריסט פון די וויקעלעך—אַ פירער פון בונד. אַ מענטש, וואָס האָט ביז די מיטעלע־יאָרן גערעדט און געשריבן נאָר רוסיש, הויבט מיט אַמאָל אָן רעדן און שרייבן אַ ריינעם עלעגאַנטן יידיש. דערצו דער פאַמיליע-נאָמען מעדעם, וואָס דערמאָנט אָן די באַראָנען מעדעם, הויכע יוצר-מערתים פון צאַריזם. דאָס אַלץ האָט געמוזט ווירקן אויף דער פאַנטאַזיע צו שאַפן אַ בילד פון אַ מאָדערנעם גר-צדק. און מעדעמס פיגור — זיין שאַרפער פינקלדיקער שכל, זיין הויך־טאַלענטירטע, פילזייטיקע האַרמאָנישע פערזענלעכקייט, וועלכע האָט פאַרוואונדערט אוי צוגעצויגן, זיין גאַנצע באַנעמונג, וועלכע איז געווען דעם יידישן אַרבעטער-עולם נאָענט און אייגן און דאָך ווייט און פרעמד — די דאָזיקע פיגור איז געווען דורכאויס צוגעפּאַסט צו דער לעגענדע, וואָס האָט זיך אַרום איר געוועבט.

פון מעדעמס ווערק זענען באַקאַנט די בראָשורן: „די נאַציאָנאַלע פראַגע און די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע״ (באַגרינדונג פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע), אַרויס אין רוסיש און יידיש אין פאַרלאַג „די וועלט״, ווילנע 1906, „זכרונות און אַרטיקלען״ (טו־מע-זכרונות פון 1913—15) און „פון מיין נאָטיץ־בוך״—וואַרשע 1920 און 1921, פאַרלאַג ביטלין, 2 גרויסע בענדער „פון מיין לעבן״ (אויטאָביאָגראַפיע, די אויבנדערמאָנטע זכרונות, וואָס זענען פריער געדרוקט געווען אין ניו-יאָרקער „פאָרווערטס״ און איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשעווער „אונזער פאָלקסצייטונג״) ניו־יאָרק, 1923. אַ חוץ דעם אַ סך גרעסערע אַרטיקלען אין רוסישע און יידישע צייטש־יפטן פון „בונד״, אינם גרויסן רוסישן זאַמלבוך „די נאַציאָנאַלע פראַגע״ (אַרויס אין 1908 אָדער 1909) און אויך אינם באַקאַנטן רוסישן זשורנאַל „וויעסטניק יעווראָפּי״. אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע מעדעמס קאָן מען געפינען אין „אַרבעטער-לוח״ 5-טער יאָרגאַנג, וואַרשע 1924, זייטן 141—117.

ל. מאַרטאָוו (יולי צעדערבוים)

געבוירן אין נאָוועמבער 1873, געשטאָרבן דעם 4-טן אַפּריל 1923. אַ טיפער טאַלאַנט-פולער פּובליציסט, אַ פּאָליטיקער פון גרויסן פאַרנעם, אַ קריסטאַל־ריינע אידעאַליסטישע פערזענלעכקייט. איינער פון די פּיאָנערן פון דער ס. ד. אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד, דער אָנערקענטער קאָפּ און פירער פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (מענשעוויקעס), האָט פאַרנומען אַן אָרט אין דער ערשטער שורה צווישן די פירער פונם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און מיט זיין מיינונג האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט אין די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון גאָר דער וועלט.

אין זיין יוגנט האָט אים דער צאַריזם פאַרשיקט קיין ווילנע, וואו ער האָט געלעבט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט צוויי יאָר צייט 95—1893. דאָרטן האָט מאַרטאָוו אָנטייל גענומען אין דער יידישער קרייזל-באַוועגונג; פון מאַרטאָווס קרייזלעך זענען אַרויס אַ ריי אַרבעטער, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן אָנגעזעענע אַגיטאַטאָרן, טוער און אייניקע אַפילו פירער אין בונד און אין דער רוסישער ס. ד. מאַרטאָוו האָט אַ גרויסן אָנטייל גענומען אין אויסאַרבעטן די נייע טאַקטיק פון יענער צייט (איבערגאַנג פון קרייזלעך־פּראָפּאַגאַנדע צו בריי־טער מאַסן ־ אַגיטאַציע) און ער האָט רעדאַגירט וו. אַלעקסאַנדערס (א. קרעמער) באַוואוסטע

פראָשור „וועגן אַגיטאַציע". געבוירן און ערצויגן אין אַ אַסימילירטער משפחה (הגם זיין זיידע איז געווען דער באַוואוסטער אַלעקסאַנדער צעדערבוים רעדאַקטאָר פון „המליץ") איז מאַרטאָוו אַליין געווען דורכויס אַסימילירט, פרעמד דער יידישער סביבה און קולטור, זיינע קרייזלעך מיט יידישע אַרבעטער האָט ער געפירט אין רוסיש. דאָך האָט ער אין יענע יאָרן, ווען ער האָט געפירט פראָפּאַגאַנדע צווישן יידישע אַרבעטער, טיף דורכגעדרונגען דעם מהות פון דער ערשט-געבוירענער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג און אין 1895 האָט ער צום ערשטן מאָל קלאָר און בולט פאָרמולירט דעם געדאַנק, אַז דער יידישער אַרבעטער-קלאַס נויטיקט זיך אין אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע און קאָן זיך נישט אינגאַנצן צונויפגיסן מיט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע פונם לאַנד („דער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג", אַ רעדע געהאַלטן דעם ערשטן מאַי 1895, שפּעטער אָפּגעדרוקט אין רוסיש און יידיש). שפּעטער ווען ער איז אַוועק פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג און האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער רוסישער אַרבעט, האָט זיך אין אים ווידער אינגאַנצן אויפגעכאַפּט זיין אַסימילאַטאָרישער מהות און ער איז נישט געווען צופרידן מיט דער דאָזיקער רעדע זיינער, האָט אויף איר געקוקט, ווי אויף אַ פרוכט פון נישט צייטיקער יוגנט. אין דער צייט פון „איסקראַ" איז מאַרטאָוו געווען אַ שאַרפער קעגנער פון בונד, האָט נישט געוואָלט אָנערקענען זיין עקזיסטענץ. נאָך דעם, ווי דער בונד איז אין 1906 ווידער אַריין אין דער רוסלענדער ס. ד. פאַרטיי, ווערט מאַרטאָוו נענטער צום בונד. שפּעטער האָט ער מיטגעהאָלפן, אַז די רוסלענדער ס. ד. זאָל אַריינגעמען אין איר פּראָגראַם די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע. און ביי אַלעם דעם און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מאַרטאָוו האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געאַרבעט אין דער נאָנטסטער נאָנטקייט מיט די פירער פונם בונד אין רוסלאַנד, איז ער דאָך געבליבן אינגאַנצן פרעמד דעם געדאַנק וועגן אַ יידישער קולטור און אין זיינע זכרונות לאָזן זיך שטאַרק פילן אַסימילאַטאָרישע טענדענצן און אַ געוויסע גרינגשעצונג צו דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

אין 1922 איז אין בערלין אַרויס אין רוסיש דער ערשטער באַנד פון זיין אויטאָביאָגראַפיע („זכרונות פון אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט" פאַרלאַג גזשעבין), וועלכע גיט אַ סך אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד. אינם דאָזיקן באַנד פאַרנעמען אַ גרויסן אָרט די זכרונות וועגן דעם ווילנער פעריאָד פון מאַרטאָווס לעבן 1893—95, וועגן דער סאָציאַלער סביבה אין וועלכער עס זענען אויפגעגאַנגען די ערשטע שפּראָצונגען פון דער ייד. אַרבעטער-באַוועגונג; מאַרטאָוו גיט קורצע גלענצנדע כאַראַקטעריסטיקעס פון די פּיאָנערן פון בונד, פון די ערשטע טוער, זיינע חברים אין דער דעמאָלטיקער אַרבעט, אויך פון די אַרבעטער, די תלמידים פון זיינע קרייזלעך. ער גיט אויך אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער דעמאָלטיקער אַרבעט. און הגם וועגן יענער עפּאָכע איז אַ היפּש ביסל געשריבן געוואָרן, און הגם אין מאַרטאָווס זכרונות לאָזן זיך שטאַרק פילן זיינע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, זענען דאָך די קאַפּיטלעך פון זיין בוך, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם ווילנער פעריאָד, זייער אינטערעסאַנט, און יעדערער, וואָס וויל האָבן אַ גענויען באַגריף וועגן דער ערשטער עפּאָכע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, מוז זי לייענען. העכער אַ העלפט פונם ערשטן באַנד „זכרונות פון אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט" אין פאַראַן אין יידיש (1923 פאַרלאַג „וואָסטאָק" בערלין).

פישל קאַיגען

(„יונה“ „יאַנאָוו“)

געבוירן אַרום 1870 אין סטאַראָקאָנסטאַנטינאָוו-וואָלין ביי פרומע פאַנאַטישע עלטערן, באַקומען אַ שטרענג-חסידישע דערציונג. צו 15 יאָר געוואָרן אַ משכּיל, צעריסן מיט דער רעליגיע זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגן. גאָר גיך איז ער פון השכּלה איבער צו טאָלסטאָיזם און פון אים צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“. 1888 אַנטלויפט ער קיין אָדעס. וואו ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין אָרגאַניזירן קרייזלעך פאַר זעלבסטבילדונג פון נאַראָדאָוואָלישן טיפ. אין 1889 טרעט ער אַריין אין דער אָרגאַניזאַציע פון „אַלטע נאַראָדאָוואָלצעס“, אונטערן איינפלוס פון פּלעכאַנאָווס בראָשורן און מאַרקס „קאַפּיטאַל“ ווערט ער סוף 1893 אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט. אויף דער דאָזיקער איבערקערעניש אין זיין וועלט-אָנשויאונג האָט אויפגעווירקט די פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט אייניקע תּלמידים פון גאָלדענדאַך-ריאַזאַנאָוו — זיעם ערשטן סאָציאַל-דעמאָקראַט אין אָדעס. אין 1894 האָט יונה מיט אַנדערע חברים אָרגאַניזירט אַ ס. ד. קרייזל, און ווען עס איז אין דעם זעלביקן יאָר אַרעסטירט געוואָרן די ערשטע ס. ד. גרופּע פון נעכאַמקעס-סטעקלאָוו, איז דער ניי-געשאַפענער קרייזל געוואָרן איר יורש. דער קרייזל האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַריבערצוגיין פון שמאָלע קרייזלעך-אַרבעט מיט אַן אויפקלערונגס-כאַראַקטער צו אַ ברייטער אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער, וואָס זאָל צוגרייטן מאַסן-אַרויסטרעטונגען. מ'האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַלערליי עקאָנאָמישע קאַסעס, וועלכע האָבן אין אַ געוויסער מאָס צוגעגרייט אַ גאַנצע סעריע עקאָנאָמישע שטרייקן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אָדעס אין 1896; אָבער נאָך איידער אָט די שטרייקן זענען אויסגעבראָכן, סוף 1895 האָט מען יונהן אַרעסטירט. ער איז אָפּגעזעסן 2 יאָר אין טורמע און האָט פאַרבראַכט 4 יאָר אין מזרח-סיביר, אין יאַקוטער געגנט.

אין סיביר איז יונה געוואָרן אַ בונדיסט, און אומקערנדיק זיך אין 1901 אין יידישן תּחום, גיט ער זיך איינגאַנצן אָפּ דער בונדישער אַרבעט. פון 1904 ביז סוף 1910 איז יונה אַ מיטגליד אין צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד, נעמט אָנטייל אין אַלע זיינע צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן און וויכטיקע באַראַטונגען. פון 1904 ביז 1907 איז ער דער פאָרשטייער פון צ. ק. אין דרום-רוסלאַנד, פירט אָן מיט דעם געגנט-קאָמיטעט און מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס. די זעקסטע קאָנפערענץ פון בונד (1906) דעלעגירט אים צוזאַמען מיט ליבערן און אַבראַמאָוויטשן אויף דעם פאַרייניקונגס-צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי אין שטאָקהאָלם, וואו עס זענען אָנגענומען געוואָרן די באַדינגונגען פון פאַרייניקונג מיטן בונד. אין 1907, נאָך דעם ווי דער בונד איז שוין אַריין אין דער פּאַרטיי, איז דער חבר יונה צוזאַמען מיטן חבר אַלעקסאַנדער איין צייט געווען דער פאָרשטייער פונם בונד אין דעם אַלגעמיין פּאַרטייאישן צענטראַל-קאָמיטעט. דער חבר יונה איז בטבע געווען אַ פּראַקטיקער, אַן אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט געהאַט מער צו טאָן מיט די קאָמיטעטן און קאָלעקטיוון פון בונד איידער מיט די ברייטע מאַסן. אין אַלע חילוקי-דעות, וואָס זענען פון צייט צו צייט אַנטשטאַנען אין בונד, איז ח' יונה געווען אין צענטער, אַ רודף-שלום, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אין פּראַקטישער אַרבעט קאָנען זיך אויסגלייכן אַלע עקסטרעמען.

סוף 1910 איז יונה קראַנק געוואָרן און די דאָזיקע קרייבקהייט האָט אים אָפּגעהאַלטן יאָרן לאַנג אין אויסלאַנד ווייט פון אַקטיווער אַרבעט. ער האָט דורכגעמאַכט עטלעכע שווערע אָפּעראַציעס. צווישן די אָפּעראַציעס האָט ער נאָך באַוויזן צו זיין דעלעגאַט פון צ. ק. פון בונד אויף דעם צוזאַמענפאָר פון דער לעטישער ס. ד. פּאַרטיי אין בריסעל. אין יאַנואַר 1914. זומער דעם זעלבן יאָר, ערב דעם וועלט-קריג, האָט ער אָנטיילגענומען אין דער

פאַ ייניקונגס-קאָנפערענץ, וואָס דאָס צענטראַל-ביוראָ פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט צונויפּגערופן אי"נם זעלביקן בריסעל, כדי צו פאַרייניקן די צעשפּאָלטענע פראַקציעס פון דער רוסלענדער ס. ד.

אין דער צייט פונם וועלט-קריג איז יונה געווען אַ רעכטער צימערוואַלדיסט. נאָך דער רוסישער פעווראַל-רעוואָלוציע איז ער געווען קעגן קערענסקיס קאָאַליציע-פּאָליטיק, פאַר דעם לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די ראַטן". אָבער נאָך דער איבערקערעניש פון אָקטאָבער האָט ער נישט געקאָנט טיילן אַלע לאָזונגען פון דעם באָלשעוויזם און ער איז געשטאַנען פאַר אַ קאָאַליציע-רעגירונג פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען. פון דער דייטשער רעוואָלוציע אָן (נאָוועמבער 1918) רעכנט ער זיך פאַר אַ קאָמוניסט. דאָך פאָרמעל גייט ער נישט אַריין אין דער קאָמ. פאַרטיי, דער עיקר צוליב דעם, ווייל ער וויל נישט רייסן מיטן בונד. ערשט אין 1921 נאָכדעם, ווי דער בונד האָט זיך צעשפּאָלטן, און דער קאָמ-בונד האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער קאָמ. פאַרטיי, איז יונה פאָרמעל אַריין אין דער פאַרטיי. ער קערט זיך אום אין ראַטן-רוסלאַנד, וואו ער פירט די קאָמוניסטישע פאַרטיי-אַרבעט אויף אוראַל. אין 1923 האָט זיך זיין קראַנקהייט פאַרשאַרפט. ער איז געצוואונגען געווען ווידער צו פאָרן קיין אויסלאַנד, וואו ער האָט אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין אַ סאַנאַטאָריום הינטער בערלין. דערנאָך איז ער אָפּגעפאָרן קיין מעראַן. אויף מאָרגן נאָך זיין אָנקומען אַהין דעם 22-טן אָקטאָבער 1923 איז ער געשטאָרבן.

אהרן זונדעלעוויטש

געבוירן אין ווילנע 1852, געשטאָרבן אין לאָנדאָן 1923. זע דעם אַרטיקל „אהרן זונדעלעוויטש" פון א. ליטוואַק זייט 84.

י. אויפּריכטיק (קאָנגלאָ)

מיר האָבן נישט קיין גענויע דאַטן פון זיין לעבן און טויט. אָבער דאָס איז געווען איינער פון די בעסטע זין פונם יידישן פראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד. געבוירן אין האָמלער ראָי אינם נעסט פון דעם טיפסטן יידישן דלות און דאָס האָט געלייגט אַ שטעמפּל אויף זיין גוף און נשמה; פיזיש איז ער געווען שוואַך, תמיד אויסגעדאַרט, הויט און ביינער; דערפאַר: האָט זיין נשמה שטענדיק געברענט מיט פּראָטעסט קעגן דער אָרדנונג פון דרוק און ליידן; געברענט מיט ליבע צו די יידישע מאַסן. ער האָט פאַרמאָגט אַ קלאָרן פּראַקטישן שכל און אַ זעלטענעם אידעאַליזם און זעלבסט-אָפּפערונג. בכלל אַ שווייגער, אָבער ווען ער האָט זיך אָנגעצונדן, האָט ער געקאָנט רעדן הייס און טיף איבערצייגנד. ער איז געווען אַ יידישער זעצער; געקניפּט און געבונדן מיט דער יידישער אַרבעטער-מאַסע, וועלכע האָט אים ליב געהאַט, ווי איר אייגן פלייש און בלוט. ער איז פרי אַריין אין די רייען פון די ערשטע פּועלי-ציון און ז"ערנאָך איז ער צוגעשטאַנען צו די ס. ס., וועלכע האָבן זיך פון זיי אויסגעשיילט. אין 1905 איז ער געווען אַ מיטגליד פון דעם האָמלער געגנט-קאָמיטעט פון די ס. ס. אין יענעם יאָר האָט ער אַוועקגעשטעלט אין האָמעל אַן אומלעגאַלע דרוקעריי פאַר זיין פאַרטיי. ער איז עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן, פאַרבראַכט אַ שפּאָר ביסל יאָרן אין טורמעס און אין סיביר. אין 1917 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אין צ. ק. פון די פאַרייניקטע (ס. ס. און י. ס.). נאָכדעם, ווי די פאַרייניקטע האָבן זיך געשפּאָלטן און די מערהייט איז געוואָרן קאָמוניסטיש, איז י. אויפּריכטיק געבליבן ביי זיינע ס. ד.-פרינציפּן, מיט דער גרופּע, וועלכער האָט אין יענער צייט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן ס. ד. בונד וועגן

פּאַרייניקונג און אויף די ערטער, איבערהויפּט אין מינסק און האָמעל שוין פּאַקטיש געאַרבעט אין פולן קאָנטאַקט מיט די אָרגאַניזאַציעס פון בונד. אין 1921 האָט ח׳ אויפּריכטיק אָנטיילגענומען אין אַ פּאָר-באַראַטונג פון צ. ק. פונם בונד ס. ד. מיט דעם צ. ב. פון די פּאַרייניקטע. אין האָמעל בעת די וואַלן אין אָרטיקן ראַט איז ער געשטאַנען אויף איין קאַנדידאַטן-צעטל צוזאַמען מיט די בונדיסטן און מענשעוויקעס. אין גאַנצן פון טעריטאָריאַליזם איז ער דעמאָלט אויך נישט אַוועק, אָבער דער טעריטאָריאַליזם האָט זיך ביי אים אָפּגערוקט ווייט אין הינטערגרונט.

ח׳ אויפּריכטיק איז געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן די יידישע אַרבעטער אין האָמעל. זיין איינפלוס איז געווען גרויס, איז קיין חדוש נישט, וואָס די טשעקאַ האָט אויף אים געווענדעט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. ער איז עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן. סוף-כּל-סוף איז ער געצוואונגען געווען צו אַנטלויפן פון האָמעל, ווערן אומלעגאַל. ער וואַלגערט זיך אַ צייט לאַנג איבער רוסלאַנד, ליידט הונגער, ווערט אויסגעצערט און סוף-כּל-סוף שטאַרבט ער ערגעץ אויף קאַווקאַז אין 1923. די יידישע אַרבעטער אין האָמלער געגנט וועלן לאַנג נישט פאַרגעסן זייער ח׳ אויפּריכטיק.

ד״ר פּ. ראָזענטאַל (אַנמאַן)

דעם 24-טן פעברואַר 1924 איז אין ווילנע געשטאָרבן אונזער מיטאַרבעטער דער באַוואוסטער פּראָלעטאַרישער שרייבער און טוער ד״ר פּ. ראָזנטאַל-אַנמאַן.

דער פאַרשטאָרבענער איז געווען פון די פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג — ער האָט געאַרבעט אין דער יידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער קרייזלעך-באַוועגונג, פון וועלכע ס׳איז אַרויס דער בונד — פון די פּיאָנערן פון דער לעגאַלער יידישער ליטעראַטור פאַר אַרבעטער — ער האָט גענומען אַן אקטיוון, אפשר דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין די אַזוי גערופענע „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן״ — פון די ערשטע פירער פון בונד — אַלס מיטגליד פון צ. ק. האָט ער גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין צוגרייטן און אַדורכפירן דעם ביאַליסטאָקער צוזאַמענפאָר, (1902), אויף וועלכן עס איז אָנגענומען געוואָרן די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון בונד. אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין ווייטן סיביר, האָט ער אין 1904 אָנטיילגענומען אין דעם באַוואוסטן אָקטאָבער פּראָטעסט פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע און איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 5 יאָר קאַטאָרגע. באַפרייט דורך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע פון 1905, האָט ער זיך אומגעקערט קיין ווילנע, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער רעדאַקציע פון די ערשטע לעגאַלע בונדישע טאָג-בלעטער „וועקער״ און „פאָלקס-צייטונג״. פון דעמאָלט אָן גיט ער זיך מער ווי אַלץ אָפּ דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. אונטער די פּסעוודאָנימען אנמאן, פּ. ראָל דאָרן און אַנדערע, אויך אונטער זיין אמתן נאָמען ראָזנטאַל האָט ער אָפּגעדרוקט אַ ריי בראָשורן און ביכער אין יידיש און רוסיש, אויך אַ סך גרעסערע און קלענערע אַרטיקלען אין פאַרשידענע אויסגאַבן (אויך אין ביידע בענדער „רויטער פּנקס״). אין דער צייט פון קריג איז ער געווען אַ מאָביליזירטער מיליטער-דאָקטאָר אויף פאַרשידענע פראָנטן, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. אַלס אינטערנאַציאָנאַליסט ווערט ער אין דעצעמבער 1917 אויפן אַכטן צוזאַמענפאָר פון בונד אויסגעקליבן אין צ. ק. פון יוני 1919 ביז מערץ 1920 איז ער געווען אין קיעוו אַ פאַרוואַלטער פון דער אינפאָרמאַציע-אָפּטיילונג און הילפס-קאָמיטעט פאַר די פּאָגראָם-קרבנות ביים רויטן קרייץ און אַלס אַזעלכער האָט ער אַ סך געטאָן צו זאַמלען און סיסטעמאַטיזירן די מאַטעריאַלן וועגן די פּאָגראָמען. בעת דער בונד אין רוסלאַנד האָט זיך געשפּאָלטן, איז ח׳ ראָזנטאַל געבליבן מיטן בונד ס. ד. פון סעפּטעמבער 1921 ביז זיין טויט

האָט; ער געפֿאָרן...

נאָך דעם גרויסן אַרעסט פֿון פֿרילינג 1898, בעת עס איז דורכגעפֿאַלן די דרוקעריי פֿון דער „אַרבעטער־שטימע“ איז דער גאַנצער צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפֿן ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד אין הערבסט 1897, רוקט זיך סערגיי אַרויס אין דער פֿאָדערשטער ליניע. ער איז געווען אַ דעלעגאַט אויפֿן צווייטן, דריטן און פֿערטן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד און איז אויף אַלע דריי צוזאַמענפֿאָרן אויסגעקליבן געוואָרן אין צ. ק. אין 1900 האָט ער זיך באַזעצט אין פּעטערבורג, און געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם אָרטיקן רוסישן ס. ד. פּאַרטיי־קאָמיטעט, האָט אָנטיילגענומען אין דעם אָרגאַן „ראַבאָטשאַיאַ מיסל“ די „ראַב. מיסל“, ווי אַנדערע אויסגאַבן פֿון פּעטערבורגער קאָמיטעט, האָט זיך דעמאָלט געדרוקט אין אַ רוסישער געהיימער דרוקעריי, וואָס דער צ. ק. פֿון בונד האָט אין 1900 ספּעציעל צוליב דעם אָרגאַניזירט אין וואַרשע. דער פֿאַרמיטלער צווישן דער וואַרשעווער דרוקעריי מיטן פּעטערבורגער קאָמיטעט איז געווען סערגיי. ער פֿלעגט אַריבערפֿירן קיין וואַרשע די מאַנוסקריפּטן און אין זייִנע הענט פֿלעגט אַריינפֿאַלן דער טראַנספּאָרט פֿאַרטיקע ליטעראַטור פֿון וואַרשע. אין מערץ 1902 איז סערגיי געווען אַ דעלעגאַט פֿון פּעטערבורגער קאָמיטעט אויף דער ביאַליסטאָקער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ, וואָס איר ציל איז געווען — צונויפֿבינדן די רוסלענדער ס. ד. פּאַרטיי, וועלכע איז צוליב אַרעסטן צעשאָטן געוואָרן כמעט גלייך נאָכדעם, זווי זי איז געגרינדעט געוואָרן אויפֿן ערשטן צוזאַמענפֿאָר אין יאַנואַר 1898 אין מינסק. ווי באַוואוסט, זענען אַלע דעלעגאַטן אַרעסטירט געוואָרן גלייך נאָכדעם, ווי די קאָנפֿערענץ האָט זיך געענדיקט, אויסער צוויי דעלעגאַטן פֿון בונד, די חברים נח און אַלעקסאַנדער. סערגיי איז אויך געקומען פֿון דער קאָנפֿערענץ בשלום קיין פּעטערבורג, האָט נאָך באַוויזן אָפּצוגעבן אַ באַריכט און ערשט אין א פּאָר וואָכן שפּעטער איז ער אַרעסטירט געוואָרן אויף דער גאַס. מ׳האָט אים פֿאַרשיקט אין יענעסייער גובערניע און סוף 1903 איז ער פֿון דאָרטן אַנטלאָפֿן קיין אויסלאַנד.

פֿון סוף 1903 ביז יוני 1905 האָט סערגיי געוואוינט אין בערן־שווייץ, וואו ער איז געווען דער פֿירער פֿון דער „פֿאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע פֿון די הילפֿס־גרופּן פֿון בונד אין אויסלאַנד“, און האָט אָנטייל גענומען אין דער דעמאָלט זייער אינטענסיווער ליטעראַרישער אַרבעט פֿונם אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון בונד. ער האָט איבערגעזעצט אין יידיש אַ סך וויכטיקע בראָשורן פֿון רוסיש און דייטש — דאָרטן האָט ער אַרויסגעלאָזן זיין וויכטיקסטע אַרבעט „די געשיכטע פֿון דער פּאַריזער קאָמונע“, וועלכע איז שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן לעגאַל אין ווילנע. אין יוני 1902 באַזעצט ער זיך אין ווילנע און ביז 1908 איז ער רעדאַקטאָר פֿון די אויסגאַבן פֿון דעם דעמאָלט שטאַרק פּרוכטבאַרן פֿאַרלאַג די „וועלט“. אין יענע יאָרן האָט ער צווישן אַנדערע אָנגעשריבן זיין בראָשור „די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען“. אין 1908 באַזעצט ער זיך אין פּעטערבורג, וואו ער וואוינט כמעט אָן איבעררייס, ביז זיין טויט. אין דער צייט פֿון וועלט־קריג האָט ער אָנטייל גענומען אין דער הילפֿס־אַרבעט, געווען אַ באַפֿולמעכטיקטער פֿון יעקאָפּאָ. ביז 1917 האָט ער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג קיין אַקטיוון אָנטייל נישט גענומען. נאָך דער פֿעברואַר־רעוואָלוציע ווערט ער ווידער אַקטיוו, אַרבעט מיט אין דער באַנייטער „אַרבעטער שטימע“, שרייבט בראָשורן, ווערט א מיט־רעדאַקטאָר אין דעם פּראָפֿעסיאָנעלן אָרגאַן פֿון בונד. נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט ער זיך צוריקגעצויגן פֿון אַקטיווער פּאָליטישער אַרבעט. די לעצטע יאָרן איז ער געווען אויף אַ רעגירונגס־שטעלע אין פּעטערבורג און האָט געפֿירט זייער אַ שווער לעבן. זייִנע ס. ד. בונדישע פּרינציפּן איז ער געבליבן טריי ביזן טויט.

יַעקב ראָמבּראָ (פּיליפּ קראַנץ).

אַ פּיאָנער פון דער יידישער אַרבּעטער-פּרעסע אין ענגלאַנד און אַמעריקע. אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פון סאָציאַליזם און אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר פון וויסנשאַפט פאַר יידישע אַרבּעטער.

געבּוירן אין רוסלאַנד אין שטעטל כאַדאָקי פּאָדאָליער גובּערניע. זיין פאָטער איז געווען אַ משׂכּיל, אַן אַקציזניק, וואָס האָט זיך געמיט צו געבּן די קינדער אַ מאָדערנע דערציונג. נאָך די פּאָגראָמען פון 1881, בעת פון רוסלאַנד האָט זיך אַ לאָז-געטאָן דער ערשטער שטראָם יידישע עמיגראַציע, האָט דער יינגער ראַמבּראָ עמיגרירט קיין פּאַריז, וואו ער האָט געהערט לעקציעס אין סאָרבּאָנאַ. אין דער ערשטער העלפט פון די אַכציקער יאָרן האָט ער געדרוקט אַרטיקלען אין די רוסיש-יידישע צייטשריפטן, צווישן אַנדערע אין „ראַזסוויעט" אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג איבּער שפּינאָזאַס פילאָזאָפיע און אין „וואָסכאָד" בּריוו וועגן די וואַנדערונגען פון די יידישע עמיגראַנטן און וועגן די נייע ישובים, וואָס זיי האָבּן געבּילדעט אין די גרויסע צענטרן פון מערבֿ-אייראָפּע. סוף 1884 האָט ער זיך אַריבּערגעקליבּן קיין לאָנדאָן. דאָרטן האָט אין יענעם יאָר אָנגעהויבּן אַרויסגיין די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטונג אין יידיש „דער פּוילישער יידל", געגרינדעט און אָנגעפירט פון מאָריס ווינטשעווסקי. אונטער ווינטשעווסקיס איינפלוס הויבּט ראָמבּראָ אָן שרייבּן יידיש פאַרן „פּוילישן יידל". אין 1885 האָט אין לאָנדאָן אָנגעהויבּן אַרויסצוגיין דער מאָנאַטלעכער זשורנאַל „אַרבּעטער פריינט". (שפּעטער אַ וואָכנבּלאַט.) און ראַמבּראָ איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר. די גרופּע, וואָס האָט דעם „אַרבּעטער-פריינט" אַרויסגעגעבּן איז געווען אַ געמישטע, זי איז באַשטאַנען פון סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און גלאַט צעשוואומענע אידעאַליסטן אַרבּעטער-פריינט. די מערהייט זענען געווען אַנאַרכיסטן און ראָמבּראָ איז שוין דעמאָלט געווען אַ בּפירושער סאָציאַל-דעמאָקראַט. אַזוי שוואַך איז נאָך דעמאָלט געווען די פּאַרטיי-דיפערענצירונג אין לאָנדאָן און אַזוי שטאַרק האָט מען זיך דעמאָלט גענויטיקט אין אינטעליגענטע כּוחות.

אין 1889 פאָרט ראַמבּראָ אַריבּער קיין ניו-יאָרק, וואו ער ווערט הויפּט-רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער אַרבּעטער-צייטונג אין אַמעריקע „די אַרבּעטער-צייטונג", אין וועלכער עס האָבּן אָנגעהויבּן זייער ליטעראַרישע אַרבּעט אַבּ. קאַהאַן, מאָריס הילקוויט, לואי מילער און אַנדערע. אין דער „אַרבּעטער-צייטונג" האָט ראָמבּראָ אָנגעהויבּן שרייבּן אונטערן פּסעוודאָנים פּיליפּ קראַנץ. אין יענער צייט איז קראַנץ געווען אַ לינקער, אַ הייסער חסיד פון דעם באַוואוסטן דע ליאָן (אַ מין אַמעריקאַנער לענין). צוליבּ שאַרפע חלוקי דעות מיט די קעגנער פון די דעליאָניסטן (אַמעריקאַנער באָלשעוויקעס) ווינטשעווסקי, קאַהאַן, זאַמעיטקין און אַנדערע איז קראַנץ שפּעטער אַרויס פון דער „אַרבּעטער-צייטונג". אין 1895 איז ער געוואָרן רעדאַקטאָר פון דעם „אָוונט-בּלאַט"—טאָג-בּלאַט פון די דעליאָניסטן. אָבּער מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווערט ער אַ מיטאַרבּעטער פון „פאָרווערטס", וואָס איז געווען קעגן די דעליאָניסטן. בּכלל איז קראַנץ געווען נישט קיין שטאַרקער עקשן אין פּרט פון ריכטונגען. שפּעטער איז ער אַוועק פון „פאָרווערטס" און בּלייבּנדיק אַ סאָציאַליסט האָט ער אַ לענגערע צייט געאַרבּעט אין דעם אָרטאָדאָקסישן „מאָרגן-זשורנאַל". דאָס איז כאַראַקטעריסטיש נישט פאַר קראַנצן אַליין, נאָר מער אָדער ווייניקער פאַר די מידות פון אַמעריקע בּכלל. פּרנסה און פּרינציפּן קענען זיך איינע מיט די אַנדערע נישט אָן... אין 1906 איז קראַנץ אויף אַ קורצע צייט געקומען קיין רוסלאַנד, וואו ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דעם פּ. פּ. ס.-ישן יידישן זשורנאַל „די פּראָלעטאַרישע וועלט". ער איז געווען איינער פון די גרינדער און איין צייט אויך רעדאַקטאָר פון דעם באַקאַנטן סאָציאַליסטישן חודש-זשורנאַל „צוקונפט". אין דער צייט פון וועלט-

קריג האָט קראַנץ ווידער געגומען אַרבעטן אין „פאָרווערטס“ און ער איז שוין דאָרטן גע־בליבן ביז זיינע לעצטע טעג. די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר האָט קראַנץ קיין דירעקטן אָנ־טייל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג נישט גענומען. ער האָט זיך אַ שטאַרקן רוק געטאָן אויף רעכטס, זיין סאָציאַליזם איז געוואָרן באַלעבאַטיש.

קראַנץ האָט אַ יאָר פערציק געשריבן יידיש, דאָך איז ער געבליבן אַן אַסימיליאַטאָר און ער האָט געקוקט אויף דער גאַנצער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור נאָר ווי אויף אַ דערווייליקן אומפאַרמיידלעכן מיטל... ביז די יידישע מאַסע וועט זיך אויסלערנען ענגליש. בולטער ווי אומעטום האָט ער עס אַרויסגעוויזן אין זיינע בראָשורן „וואָס איז אַזוינס נאַציאָן? צי זענען יידן אַ נאַציאָן?“ און „קלאָרע דבורים“. פיליפ קראַנץ האָט איבערגעלאָזן אַ ריי גרעסערע ווערק. צווישן זיי: „קולטור־געשיכטע“ (3 גרויסע בענדער) „די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן“ „אַמעריקע פאַר קאָלאָמבוס“, א ריי ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן (אַריסטאָטעל, שפּינאָזאַ, שבתי צבי, מחמד, מענדעלסאָן, די פאַמיליע ראָטשילד וכדומה) ער האָט אויך געשריבן פּאָפּולערע אַרטיקלען איבער נאַטור־וויסנשאַפט. אויף זיינע ביכער און אַרטיקלען האָבן זיך געלערנט און לערנען זיך נאָך היינט די יידישע אַרבעטער פון אַמע־ריקע און אייראָפּע. זיין גרויסער אַרטיקל „גאָט, מאָראַל און רעליגיאָן“, אויסגעשניטן פון עפּעס אַ צייטשריפט האָט אין אָנהויב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע און פּוילן געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר פּראָפּאַגאַנדע אין די קרייזלעך.

פיליפ קראַנץ איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 29־טן נאָוועמבער 1922

ד״ר יצחק אייזיק הורוויטש

(יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי)

סאָציאַל־עקאָנאָם, טעאָרעטיקער און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון מאַרקסיזם, טאַלענטפולער פּובליציסט, חשובער טוער פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

געבוירן אין ווילנע, אין 1860. אַלס יונגער סטודענט פון פּעטערבורגער אוניווערזיטעט אָנטייל גענומען אין סטודענטישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן. אין 1879 אַרעסטירט און אַרויס־געשיקט געוואָרן אַדמיניסטראַטיוו קיין סיביר. דאָרטן האָט ער זיך פאַרנומען מיט עקאָנאָמישע פאָרשונגען, האָט צענויפגעזאַמלט אַ סך מאַטעריאַל וועגן דער איבערוואַנדערונגס־באַוועגונג צווישן די רוסישע פּויערים פון אייראָפּעישן רוסלאַנד קיין סיביר. וועגן אָט דער איבער־וואַנדערונגס־באַוועגונג האָט ער אין 1888 אַרויסגעגעבן אויף רוסיש אַ בוך.

אין 1887 האָט ער אין דימידאָווער ליציי אין יאַראָסלאַוו אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף יוריסט און האָט זיך באַזעצט אין מינסק, וואו ער גרינדעט פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך צווישן יידישע אַרבעטער. אין 1890 ווערט ער צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין צוזאַמענהאַנג מיט די באָמבעס, וואָס מ'האָט דעמאָלט געפונען אין פּאַריז (צוגעגרייט דורכן אַגענט־פּראָוואָ־קאַטאָר העקעלמאַן־לאַנדאַייזן) און ער איז געצוואונגען צו עמיגרירן קיין אַמעריקע. אין 1893 האָט ער אַרויסגעגעבן אין ענגליש זיין דיסערטאַציע „די עקאָנאָמישע לאַגע פון דעם רוסישן דאָרף“ אין 1896 איז דאָס דאָזיקע בוך אַרויס אין רוסיש.

אין די לעצטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען צווישן די יונגע רוסישע מאַרק־סיסטן און די נאַראָדניקעס האָט זיך געפירט אַ העפטיקער אידעישער קאַמף איבער דער היסטאָרישער ראָל פונם רוסישן דאָרף, איז הורוויטשס בוך געווען אַ געווער אין די הענט פון די מאַרקסיסטן און איז דעריבער אַ סך געלייענט און ציטירט געוואָרן. אין 4—1893

איז הורוויטש געווען אַ פּריוואַט־דאָצענט פון סטאַטיסטיק אין טשיקאַגאָער אוניווערזיטעט. דערנאָך האָט ער ביז 1900 זיך פאַרנומען אין ניו־יאָרק מיט אַדוואָקאַטור. פון 1900 האָט ער אַ לאַנגע צייט פאַרנומען אַ מלוכה־שטעל אין וואַשינגטאָן אין דעפּאַרטאַמענט פון סטאַטיסטיק.

ביז 1897 האָט הורוויטש געשריבן נאָר ענגליש און רוסיש (אין די ראַדיקאַל־רוסישע זשורנאַלן). אין 1891—3 האָט ער אַפּריער אין ניו־יאָרק און דערנאָך אין טשיקאַגאָ אַליין רעדאגירט אַ רוסישע צייטונג „פּראָגרעס”. פון 1897 הויבט ער אָן שרייבן יידיש אין „פאָרווערטס”, „צוקונפט”, „פרייע אַרבעטער־שטימע”, און אַנדערע. הורוויטש איז געווען קעגן דעם אַזוי גערופענעם ליטעראַרישן יידיש; ער האָט געהאַלטן, אז דאָס איז געקינצלט, מ'דאַרף שרייבן ווי מ'רעדט. און בעת ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש האָט ער אויף דעם געקוקט בלויז ווי אויף אַ מיטל פון אַגיטאַציע, ווי אויף אַ דערווייליקע זאַך אויף וועלכער עס לוינט נישט אָפּצוגעבן צופיל כּוחות. האָט ער אַ סך יאָרן געשריבן פּאָלאָווינאַ רייסיש, נישט געשליפן און זיין שפּראַך האָט טאַקע אָפּט געהאַט דעם אויסזען פון אַ קאָמישן זשאַרגאָן. די לעצטע יאָרן איז זיין יידיש געוואָרן אַ סך ריינער און געשליפענער. עס האָט נאָר איינגעהאַלטן די פּשטות און דעם נאַיווען שאַרפזין פונם פאָלקס־מויל.

הורוויטש איז געווען אַ סאָציאַליסט־רעפאָרמיסט, אַ בערנשטייניאַנער און פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז ער צוגעגאַנגען צו אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן. אַזוי האָט ער אַלעמאָל געשטריטן קעגן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע, וועלכע איז ביז דאָ נישט לאַנג געווען אַ פּרינציפּיעלע קעגנערין פון וואַל־אָפּמאַכן מיט ראַדיקאַל־בורזשואַזע פּאַרטייען. ווען ער האָט אין 1906 אויף אַ קורצע צייט זיך אומגעקערט אין רוסלאַנד, איז ער אין מינסק געווען אַ קאַנדידאַט פון די יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען צו דער צווייטע דומע. אין 1912 איז ער אין אַמעריקע „געלאָפן” אַלס קאַנדידאַט פון רוזוועלטס אַזוי גערופענער „פּראָגרעסיווער” פּאַרטיי. בכלל האָט ער זיך נישט געקאָנט איינפּאַסן אין די ראַמען פון אַ פּאַרטיי. אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע איז ער אַ פּאָר מאָל אַריין און אַרויס. און מערקווירדיק: זייענדיק אין דער פּאַרטיי, האָט אים געצויגן פון איר אויף רעכטס, און זייענדיק אויסער דער פּאַרטיי האָט אים געצויגן צוריק צו איר. דאָס פּלעגט זיך שטאַרק אַרויסווייזן אין זיינע אַרטיקלען. דערפאַר אין פראַגן פון דער פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, איז ער געווען אַ בפירושער קעגנער פון גאָמפּערסן און פון די יידישע יוניאָן־פירער, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו גאָמפּערסנס אָפּאָרטוניסטישע טאַקטיק. דאָס האָט זיך שאַרפער ווי אַלץ אַרויסגעוויזן אין זיין טעטיקייט אין קאַמף אין דעם גרויסן שניידער־פּאַריין (קלאָוק מייקער). ביז דעם וועלט־קריג איז הורוויטש געווען אַן אַסימיליאַטאָר. אין דער צייט פון וועלט־קריג איז ער געוואָרן נאַציאָנאַל, האָט גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער באַוועגונג פאַר אַ יידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע. האָט אַפילו געקראָגן סימפּאַטיעס פאַר פּאַלעסטינע, הגם ביזן פּועלי־ציוניזם איז ער נישט דערגאַנגען. אין יענע יאָרן איז ער געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון ניו־יאָרקער „טאָג”. די לעצטע צייט פאַר זיין טויט איז ער ווידער געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס”. אין 1922 איז ער אויף אַ קורצער צייט געקומען קיין רוסלאַנד. צוריקקומענדיק, האָט ער אַפּריער אין „טאָג” און דערנאָך אין „פאָרווערטס” געשריבן אַ ריי האַרבע אַרטיקלען קעגן דעם באָלשעוויזם און די אָרדנונגען אין ראַטן־רוסלאַנד. הורוויטשעס געקליבענע יידישע שריפטן זענען אַרויס אין ניו־יאָרק (ליטעראַרישער פאַרלאַג), אין 4 גרויסע בענדער: I אימיגראַציע, II און III סאָציאַליזם, IV — יידישע פראַגן. איינע פון די וויכטיקסטע אַרבעטן זיינע איז דאָס בוך וועגן עמיגראַציע (אַרויסגעגעבן פריער אין ענגליש און דערנאָך אויך אין יידיש) וואו ער דערווייזט מיט אַ סך מאַטעריאַלן, אַז עס איז נישט ריכטיק די מיינונג פון די קעגנער פון עמיגראַציע, אַז די עמי־

גראַנטן האָבן אַראָפּגעדריקט דעם לוין און פאַרערגערט די לאגע פון די אַרבעטער-מאַסן אין אַמעריקע. די לעצטע יאָרן פאַר זיין טויט האָט ער געשריבן זיינע זכרונות. אַ טייל פון זיי איז אָפּגעדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער-שטימע". געשטאָרבן איז ער אין ניו-יאָרק דעם 9-טן יולי 1924.

דאָקטאָר נחמן סירקין

פובליציסט, פּיאָנער פון יידישן נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם, אידעאָלאָג אפריער פון די ס. ס. און דערנאָך פון די רעכטע פועלי-ציון. געבוירן אין מאָהילעוו דניעפּר. אין דער קינדהייט באַקומען אַ יידישע דערציאונג, געענדיקט גימנאַזיע אין מינסק, שטודירט אין דייטשלאַנד און אין דער שווייץ. נאָך אַלס יונגער סטודענט איז ער צוגעשטאַנען צו חובבי-ציון און פון ערשטן קאָנגרעס אָן צו הערצלס פּאָליטישן ציוניזם. אָבער ער איז געשטאַנען אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פון משה העס „רוים אין ירושלים" (אין 1916 אין אַמעריקע האָט ער דאָס דאָזיקע בוך איבערגעזעצט אין יידיש און אָנגעשריבן אַ גרויסע הקדמה צו אים). ער איז געווען געשטימט סאָציאַליסטיש און אים האָט אויפגערעגט הערצלס דיפּלאָמאַטיע מיטן שיקן באַגריסונגען צום טערקישן סולטאַן, זוכן אוידיענצן ביי פּלעווען און ביים קייזער ווילהעלם. ער האָט געהאַלטן, אַז דער יידישער המון דאַרף זיך אָרגאַניזירן און פירן אַ קאַמף קעגן דער אַלוועלטלעכער יידישער גרויס-בורזשואַזער פילאַנטראָפּיע. ער איז געווען איינער פון די ערשטע ראַדיקאַלן און סאָציאַליסטן אין ציוניזם. אין 1903 האָט ער געגרינדעט די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע גרופּע „חרות", וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אין יידיש דעם זשורנאַל „המון". און אין העברעאישן דעם „השחר" אין לעצטן האָט ער געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים „בן אליעזר". ביידע זשורנאַלן האָט ער כמעט אָנגעפילט מיט זיינע אייגענע אַרטיקלען, וועלכע האָבן אין יענער צייט געווירקט צו מאַכן סאָציאַליסטיש אַ סך יונגע ציוניסטן. אין 1903 אויפן 6-טן ציוניסטישן קאָנגרעס איז סירקין געווען פאַר אוגאַנדע און ווען אין 1905 אויפן 7-טן קאָנגרעס האָט מען זיך צוריק אינגאַנצן אומגעקערט צו פּאַלעסטינע, איז סירקין געווען פון די, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט און געבילדעט די טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. אין יענעם יאָר איז ער געווען איינער פון די גרינדער פון דער פּאַרטיי ציוניסטן-סאָציאַליסטן (ס. ס.) די ערשטע צייט איר אידעאָלאָג. אין 1908 איז אַריבערגעפאָרן קיין ניו-יאָרק, וואו ער האָט רעדאַגירט דעם אָרגאַן פון די סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן (אַמעריקאַנער ס. ס.) אָבער ערב דעם וועלט-קריג איז ער אַריבער צו די פועלי-ציון. אין גרונט גענומען איז ער קיינמאָל פון ציוניזם נישט אַוועק. ער איז געוואָרן אַ טעריטאָריאַליסט. ווייל ער האָט זיך מיאש געווען אין אַ טשאַרטער אויף פּאַלעסטינע. אָבער ווען דער טעריטאָריאַליזם האָט קיין שום ממשותדיקס נישט באַוויזן אויפצוטאָן, ווען אַנשטאַט, אַ טעריטאָריע האָט ער געגעבן אַ טעאָריע און אין פּאַלעסטינע האָט זיך דאָך גערירט אַן אַרבעט, האָט סירקין זיך אומגעקערט צום ציוניזם:

אין דער צייט פון וועלט-קריג איז ער געוואָרן אַ חסיד פון דער אַנטאַנט און להיפּך צו דער גרעסטער מערהייט פון די רוסישע און גאַליציאַנער יידן אין אַמעריקע, וועלכע זענען געשטאַנען פאַר דייטשלאַנד, איז ער געווען פאַר רוסלאַנד. בעת די פאַראייניקטע שטאַטן זענען אַריין אין קריג, איז ער געוואָרן אַ פאַרברענטער סאָציאַל-פּאַטריאָט.

ביזן טויט איז ער געבליבן אַ יידישער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסט, דערביי איז ביי אים דער נאַציאָנאַליזם געווען אַ סך שטאַרקער ווי דער סאָציאַליזם, הגם אין די לעצטע יאָרן

האָט ער מיט זיין נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם פאַרבונדן אויך אייניקע קאָמוניסטישע סימפּאַטיעס.
ער האָט געשריבן אַ סך יאָרן יידיש און דאָך איז ער געווען אַ העברעאיסט, א פאַרברענ-
טער שונא פון דער יידישער שפּראַך, וועלכע ער האָט שאַרף אַטאַקירט אין זיינע אַרטיקלען
סירקין איז געווען אַ טיף אויפריכטיקע אידעאַליסטישע נאַטור. ער האָט שטענדיק גע-
ברענט און פאַר זיינע מיינונגען האָט ער געקעמפט מיט דעם גרעסטן פאַנאַטיזם
געשטאָרבן איז ער אין ניו-יאָרק אין סעפטעמבער 1924.

LIBRARY
SEP 20 1978
UNIVERSITY OF TORONTO
Brief
HD
0013459

PURCHASED FOR THE

University of Toronto Library

FROM THE

Joseph and Gertie Schwartz
Memorial Library Fund

FOR THE SUPPORT OF

Jewish Studies

3 1761 06570317 5